STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04221

ARTAPANUS KUMT TSURIK AHEYM

M. Tsanin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די מרידה פֿון מעזשיבאָזש

*

אַרטאַפּאַנוס
קומט צוריק אַהיים

מ. צאַנין

אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים

ייִדישער ראָמאַן

* * * * * *

מ. צאַנין

די מרידה פון מעזשיבאָזש

פאַרלאַג "המנורה", תל-אביב

THE INSURRECTION OF MEZHIBOZH

✶

ARTAPANOS COMES HOME

by **M. TSANIN**

אַלע רעכט געהערן דעם מחבר
כל הזכויות שמורות למחבר
Copyright by M. Tsanin

פאַרלאַג "המנורה", תל־אביב

נדפס במדינת ישראל
Printed in Israel

1976 — תשל"ז

סידור: משה חמיאל הדפסה: "חבצלת", הרצליה

די מרידה פון מעזשיבאָזש

די מרידה פון מעזשיבאָזש

ס'איז געווען אַ מיטן־זומערדיקער נאָכמיטאָג. די זון האָט זיך גענויגט אין דער זייט פּוסטן וואַלד און אָנגעצונדן זיין גרינקייט. די קאַרטאָפּל־פעלדער צו־פוסנס דעם וואַלד האָבן איינגעזאַפּט די וואַרעמקייט פון דער זון און געאָטעמט מיט טערפּקער פייכטקייט. פון אַ זייט, פון הינטער די פאַרבויונגען, איז אָנגעלאָפן אַ גאָלדפעליקע שקאַפּע מיט ווייסע פלעקן און נאָך איר איז נאָכגעלאָפן אַ לאָשיקל, גאָלדפעליק און מיט ווייסע פלעקן ווי די מוטער. מוטער און קליינס זענען אַריינגעלאָפן צווישן די קאַרטאָפּל־בייטן און זיך אַרומגעקוקט. קיינער האָט זייער שטיפערישקייט נישט באַוואונדערט. האָבן ביידע, מאַמע און קליינס, זיך גע־לאָזט צום וואַלד, ווי צוויי שטיקער לעבעדיק גאָלד.

זעלדע, פונעם גאַניק פון איר הויז, האָט געקוקט דורך פאַרזשמורעטע אויגן אויפן גרינס, אויפן גאָלד און אויף די ווייסע וואָלקנדלעך נידעריק איבערן וואַלד, און זיך געצויגן צו דער זון. כאָטש אויך זי איז איינגעגלייבט, אַז פון וואַרעמען זיך אויף דער זון אַפילו אין מיטן זומער ווערט מען קראַנק אויף קדחת, האָט זי זיך זשעדנע געצויגן צו דער וואַרעמקייט. זייט נעכטן אין אָוונט האָט אַ פלעדער־מויז געטאַפּט מיט אירע האַרטע פליגל אַרום דעם פענצטער פון אַלקער און זעלדע האָט זיך נישט געקענט אָפּיאָגן פון איר. פילט זי אַ קעלט אין די גלידער. פון אַמאָל־אַמאָל האָט זיך איר אָפּגערופן דאָס שטעכן אין די שפּיץ פינגער. אומעטום איז זי דאָ, די פלעדערמויז. זי זוכט די האָר פון אַ ווייב, אין זיי זיך איינצופּלאָנ־טערן און אין זיי איבערלאָזן דעם כישוף, וואָס עמעצער האָט זי באַשווירן מיט אים. אַפילו מען טרייבט זי פון זיך, יאָגט זי אַריין אינעם לייַב פון אַ ווייַב דעם פראָסט פון שרעק. ציט זיך זעלדע צו דער זון, צו פאַרטרייבן די קעלט פון אירע ביינער; זי פאַרמאַכט די אויגן פון אַ רגע תענוג, און אַז זי עפנט זיי צוריק, שטייט פאַר איר די יונגע ציגייַנערין פלאָראַ מאַריאַ.

זי האָט זיך צוגעשאַרט פונעם טראַקט שטיל און פלינק, ווי אַ קאַץ.

פלאָראַ מאַריאַ האָט מיט איר גאַמבע זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער גאַניק־בעלקע און זי לאָקט זעלדען מיט אירע ליכטיקע ציין און הייסע קאַרע אויגן, ווי זי וואָלט קעגן אַ מאַנצביל געשטאַנען און זי וויל ער זאָל זי פּירהאָבן. ווי פלינק זי האָט זיך צום גאַניק צוגעשאַרט, אַזוי שטייט זי שוין אויפן גאַניק, נאָענט צו זעלדען און זי בעט מיט אַ נידעריקער, גלוסטיקער שטים:

„אייַער שיינע האַנט, פּאַניטשקאַ... איך וועל טרעפן וואָס איז געווען אַמאָל און פירזאָגן וואָס עס וועט זיין... די חלומות פון בייַנאַכט, פּאַניטשקאַ... די מחשבות בייַטאָג... די בענקשאַפט וואָס דאָ אין האַרץ, פּאַניטשקאַ" — האָט זי מיט ביידע

הענט אַרומגענומען אירע אייגענע בריסטן און זיי געלאַשטשעט מיט גלוסטיקע פינגער.

ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל ווי די יונגע ציגײַנערין פאַרהאַלט זיך נעבן גאַניק און לאָקט זעלדען זי זאָל איר דערלאַנגען די האַנט פירצוזאָגן. זייט זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט, אין הויף פון דעם גראַף לעשעק פּאָטאָצקי, האָבן די לייט געוואָרנט דעם דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס און זײַן ווייב זעלדע, אַז אין דער געגנט לאַגערן ציגײַנערס, וואָס זענען פלינק אויף גניבות און כּישוף.

דער גראַף האָט געגעבן די ציגיינערס רשות צו לאַגערן אינעם אָקעגן־איבער־דיקן וואַלד פון וועגן זייער פריילעכקייט און רייציקער שיינקייט פון זייערע ווייבער. אָפט פלעגט פּאָטאָצקי אַרויסרײַטן אין וואַלד אַפילו אָן אַ הונט באַגלייט. אַנדייטנ־דיקע אויגן האָבן געזאָגט — מיילער האָבן מורא געהאַט זיך צו עפענען! — אַז ער רייט אַרויס אויף צו באַשלאָפן אַ ציגיינערישע מויד און שפּעטער וועט זי מיט אַ בייטשל קרעלן, זיין מתּנה, אויף איר האַלדז קומען צום הויף, וואַרטן אויפן גראַף. נאָר ער לאָזט זיי נישט אין הויף אַריין. ער טרייבט זיי פריציש־לצנותדיק, פּייפט פאַר זייערע בריסטן מיט דעם רייטריטל און זיי גלוסטן צו אים מיט ווייסע ציין און בלאָע אויגן־ווייסלען. איז ביי די ציגיינערישע מיידן געבליבן די חזקה צוצו־קומען נאָענט צום הויף, פירלייגן כּישוף־פאַרטלען און פירזאָגן וואָס עס וועט געשען.

דאָס הויז, וואָס דער גראַף האָט געשענקט דעם דאָקטאָר אליעזר אַרטאַפּאַנוס, שטייט נאָענט צום טראַקט און איז ווי מיט דער האַנט צו דערגרייכן פאַר יעדן פאַרבייגייער. פאַרהאַלט זיך דאָ אויך פלאַראַ מאַריאַ ווען נאָר זי גייט פאַרביי און זעלדע זיצט אויפן גאַניק. „אײַער שיינע האַנט, פּאַניטשקאַ...” זעלדע ענטפערט נישט. כאָטש אַ ווייב איז זי, האָט זי מורא פאַר דער כּישוף־שיינקייט פון דעם מיידל, וואָס אירע קאַרע אויגן זענען הייסער פון דער זון. נאָר גערן האָט זי צו קוקן אויף איר, אויף דעם ווילדן רויט פון אירע ליפּן און אַפילו אויף דעם ציטער פון די זילבעררינגען אין אירע אויערן, ווי אויך אין די רינגען וואָלט געריזלט איר בלוט.

דאָס מאָל האָט זעלדע געפרעגט:

„ווייסטו דעם סימן פון פלעדערמייז, וואָס קלאַפּן מיט זייערע האַרטע פליגלען אין פענצטער?”

„אַלץ ווייסט פלאַראַ מאַריאַ” — האָט דאָס מיידל געזאָגט וועגן זיך און אויס־געצויגן אירע שמאַלע הענט, ווי זי וואָלט געבעטלט. זעלדע האָט איר דערלאַנגט די רעכטע האַנט. דאָס מיידל האָט זיך אַראָפּגעזעצט צו אירע קני און זיך איינגע־קוקט אין די פאַרפלאָנטערטע וועגן און שטעגלעך אין דער הויט פון איר האַנטפלאַך.

„אָ, פּאַניטשקאַ, וואָס מיינע אויגן זעען!” — האָט דאָס מיידל אויסגערופן מיט אייפער און באַלד אַראָפּגענידערט איר שטים: „וויטער פון זיבן מיילן אין דער ברייט און זיבעציק מיילן אין דער לענג, הינטער די וועלדער ווו ווילקאָלאַקעס פירן מלחמה מיט קאַשעצן און שרעטעלעך זויגן אויס דעם האָניק פון די ווילדע בינענס בייכער, פליסט אַ גרינער טייך. אויפן טייך שווימען דריי פּראָמען, צוויי

גרויסע און איינער אַ קלייגער און אויף יעדן איז אָנגעלאָדן אַן אוצר... אָט, זע איך דאָ, פּאַניטשקאַ, אַ פרעמדע האַנט. זי האָט גענומען די שליטה איבער די פּראַמען און זיי קענען נישט פליסן, נישט טייך־אַרויף און נישט טייך־אַראָפּ. דער שטראָם טייך־אַראָפּ רייסט זיי מיט זיך, נאָר די פישוף־פעלדזן, וואָס אין טייך, שלעפּן זיי צוריק מיט זייערע אוצרות. און דאָ...״ — פלאָראַ מאַריאַ האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און מיט זיי אַריינגעקוקט אין דער פאַרנעפּלטער בלאָקייט פון זעלדעס אויגן, צו געפינען אַן אחיזה פאַר אירע ווערטער. און אַז זי האָט גאָרנישט געפונען האָט זי אַ טרייסל געטאָן מיט די זילבעררינגען אין אירע אויערן און צוריק אַראָפּ־געלאָזט איר פּנים צו דער קליינער ווייכער האַנטפלאַך. זי האָט מיטן ווייַזפינגער פון דער לינקער האַנט געזוכט צווישן די וועגן און שטעגלעך אויף זעלדעס האַנט־פלאַך און פון זיי פירגעלייענט: „ווי דו טראַכטסט וועגן זיי, אַזוי טראַכטן זיי וועגן דיר, פּאַניטשקאַ... די אוצרות אויף די פּראַמען... זיי ווילן שווימען קעגן שטראָם... אָט דאָ ראַנגלען זיי זיך, די פּראַמען. נאָר די פרעמדע האַנט איז אַ שטאַרקע האַנט... דו וועסט, פּאַניטשקאַ, לעבן לאַנג און דיינע וועגן צום גרינעם טייך וועלן זיך אַ מאָל דערנענטערן און אַ מאָל דערווייטערן... אָט זע איך דעם ברעג...״

זעלדע האָט אַ ציטער געטאָן:

„דו פלאַפּלסט און פלאַפּלסט, ווי אַ באַנומענע. דיינע ליפּן ווייסן אַליין נישט וואָס זיי ברענגען אַראָפּ פון דער צונג...״

די ציגיינערין האָט זיך געוועדט און נישט אַרויסגעלאָזט זעלדעס האַנט פון אירע:

„ניין, פּאַניטשקאַ, מיינע ליפּן זאָגן, וואָס מיינע אויגן לייענען אַרויס פון צווישן די צייכנס פון דיין אַדעליקער האַנט... אָט דאָ לויפן זיך צונויף צוויי וועגן אין אַ קנופּ און איך זע דעם איבערבלייב פון אַ שׂריפה פון ליבשאַפט. זי איז נישט פאַרלאָשן געוואָרן פון איין מאַן... דו האָסט זיך געוועדט, פּאַניטשקאַ, און געזוכט דעם וואָס איז דיר באַשערט געוועזן פון הימל... דערנאָך...״

„דערנאָך פאַרמאַך דאָס מויל! — האָט זעלדע אַרויסגעריסן איר האַנט פון דער ציגיינערינס האַנט און געקוקט אויף די זייטן, צי אַ פרעמדער האָט זיך צוגע־הערט — איך האָב דיר געפרעגט, צי דו ווייסט דעם סימן פון די פלעדערמייז און דו ענטפערסט מיר האַצעפּלאַץ״. אַ צעטראָגענע האָט זי געבלאָנדזשעט מיט די פינגער צווישן די פאַלדן פון איר קלייד, אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ טונקעלע מטבע און זי אַריינגעשטופּט אין דער האַנט פון דער ציגיינערין מיט אַ באַוועגונג אויף פּטור צו ווערן פון איר.

פלאָראַ מאַריאַ האָט אויף דער האַנטפלאַך באַקוקט די מטבע, געפּרוווט זי מיט די ציין און געזאָגט, ווי זי וואָלט אַרויסגעלייענט פון דעם שטיקל מעטאַל:

„אויף דעם אמת קוואַפּען זיך אַלע, נאָר ליב האָבן האָט מען אים נישט״.

„אַשאַ, אַשאַ״ — האָט זעלדע זי געטריבן, פאָכענדיק מיטן פאַרטוך אַרום אירע לענדן, ווי מען טרייבט הינער.

די ציגיינערין האָט זיך ווייך אַ הוידל געטאָן אין די לענדן, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אָפּצוטרייסלען די אַראָפּגעפֿאַלענע האָר פֿון פֿאַר די אויגן און איז אַראָפּ פֿון די גאַניק־טרעפּלעך. זי האָט זיך דערווייטערט ווי זי וואָלט אָוועקגעשווומען רודערנ־דיק מיט די שענקלען. זעלדע האָט זי נאָכגעקוקט מיט ווייבלעכער קינאה פֿון וועגן דער גלוסטעניש, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון דעם מיידלס גוף.

„שיין און ווי אַ שלאַנג" — האָט זי געפֿליסטערט.

פֿלאָרא מאַריאַ, ווי זי וואָלט זעלדעס פֿליסטער דערפֿילט אויף איר נאַקן, האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אויסגערופֿן מיט אַ געשטייגערט קול:

„אַלץ וואָס איך האָב פֿירגעזאָגט איז אמת!"

„געפֿערלעך ווי אַ שלאַנג" — האָט זעלדע איבערגעחזרט.

ערשט איצט האָט זעלדע געפֿילט ווי שטאַרק עס קלאַפּט איר האַרץ. כאָטש זי האָט נישט געהאַט וואָס אויסצובאַהאַלטן, האָט זי דאָך נישט אָפּגעריסן דעם בליק פֿון דעם ציגיינער־מיידל, ווי זי וואָלט מיט זיך אַוועקגעטראָגן אירס אַ סוד. זי האָט גערעדט צו זיך אַליין: „אין גאָט גלייבן זיי נישט, זיינע מיצוות היטן זיי נישט און דאָך האָט דער אין הימל זיי געגעבן דעם כּוח פֿון כּישוף. שטראָף מיך נישט, גאָט, פֿאַר מיינע אייטעלע רייד. דו ביסט גערעכט און דיינע מעשׂים זענען גערעכט. נאָר ווער פֿאַרשטייט זיי?"

פֿלאָרא מאַריאַ איז אַריין צווישן דעם קאַרטאָפֿל־גרינס. אויפֿן ראַנד פֿונעם וואַלד איז אַרויסגעקומען די גאָלדפֿעליקע שקאַפֿע מיט איר קליינס. דאָס מיידל האָט צעשפּרייט אירע אָרעמס און געגאַנגען אין דער ריכטונג פֿון דער שקאַפֿע. דאָס לאָשיקל האָט זיך דערשראָקן און אַוועקגעשפּרונגען אָן אַ זייט. די מוטער איז געשטאַנען און געוואַרט. זעלדען האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן נאָך שטאַר־קער. איצט וועט די שקאַפֿע דורס זיין דאָס מיידל. זי איז הפקרדיק, די ציגיינערין! און אָט איז זי נעבן דער שקאַפֿע. זי הייבט אויף אירע הענט צום פּערדס האַלדז און פּרוּווט אים אַרומנעמען. זי גיסט זיך צוזאַמען מיט דעם לעבעדיקן גאָלד פֿון דער חיה. דאָס קליינס דערנענטערט זיך מיט שרעק און אומזיכער, מיט אַן אויס־געשטרעקטן קאָפּ. פֿלאָרא לאַקט עס מיט אַן אויסגעצויגענעם אָרעם. זעלדע האָט דאָס געפֿיל ווי די זון וואָלט איצט געלויכטן נאָר אויף די דריי, וואָס ביים ראַנד פֿונעם וואַלד. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי דער ברוסט. דער שאַרפֿער פֿלעק פֿון דער זון אויף די דריי האָט אין איר אויפֿגעוועקט אַ שאַרפֿע בענקשאַפֿט אַהיים, אַ בענקשאַפֿט פֿון בהלה און פֿאַרלוירנקייט. אין דער בענקשאַפֿט שווימט אַרויס איר מוטער, וואָס מיט אַ טוך דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער האָט זי געטריבן אַ פֿלעדער־מויז. די פֿלעדערמויז האָט זיך אָנגעקלאַפּט מיט די ביינערנע פֿליגלען דאָ אין דער בעלקע פֿון דעם אויבערשטידל, דאָ אין דעם לאָדן פֿון פֿענצטער און די מוטער האָט געפֿאָכעט מיט דער טוך און גערופֿן אין טונקעלן צימער אַריין:

„זעלדע, טו אָן אַ טיכל אויפֿן קאָפּ. די פֿלעדערמויז זוכט צו פֿאַרפּלאָנטערן זיך אין דיינע האָר!"

זעלדע האָט אי מורא געהאַט פאַר דער פלעדערמויז, אי אַ נייגער האָט זי גע־האַלטן, זי זאָל פון דעם פלאַץ נישט אַוועקגיין. וועט די פלעדערמויז טרעפן אין דער פענצטער־עפענונג ? וועט זי טרעפן ?..

פון דער גאַנצער שטאָט בראָד, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז פאַרנעפלט אין איר דמיון, ווי עס ווערט אַ מאָל פאַרנעפלט דער וואַלד אַנטקעגן איר הויז אין פרי־האַרבסטיקע פאַרנאַכטן, האָט גאָלדע געזען בלויז דאָס פענצטער פון דעם הויז, אין וועלכן זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען אליעזר אַרטאַפּאַנוסן.

בעת אליעזר האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט בראָד, איז זעלדע שוין פון יאָרן געווען דאָס ווייב פון וועלוול בעלזוער. אליעזר האָט דעמאָלט געלעבט אַן אָפּגעזונדערט לעבן, ווי אַ פּרוש אַ בעל־שם, וואָס גיט זיך נישט אויס. ער האָט זיך אַפילו נישט אויסגעגעבן, אַז ער איז געניט אין חכמת הרפואה. ער איז געווען נאָך עפּעס אַ שווער איבערלעבעניש, וואָס ער האָט עס קובר געווען אין זיך, און זיך אַליין פאַרבאָרגן אין אַ דירה אין אַ הויז אויפן רינגפּלאַץ. אַפילו זיין באַזעצן זיך אין דער סוחרישער שטאָט איז געווען ווי כדי פאַרפאַלן צו ווערן, קיינער זאָל אים נישט פרעגן פון וואַנען און וואָס. און אפשר אויך דערפאַר איז ער אָנגעקומען אין בראָד ערב דעם יאַריד, ווען עס פאָרן זיך צונויף סוחרים און אורחים פון אַלע פיר עקן וועלט.

ווי וויל אליעזר האָט אויסגעמיטן מענטשן, האָבן אים דעם שכנס פענצטער פון אַנטקעגן־איבער דעם רינגפּלאַץ אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען דערווייטערט אויף אַ מרחק רב. אָפט פלעגט ער אין זייערע שויבן זען געשייערט גאָלד, פון וועגן זייער אָפּשפּיגלען די נאַכמיטאָגזון, און אָפט זענען די שויבן געווען קאַלט און פאַרכמורעט, ווי זיי וואָלטן אָפּגעשפּיגלט אַ געוויטער. נאָר וואָס עס טוט זיך פון יענער זייט שויבן האָט אים נישט געקימערט.

איין מאָל, ס'איז געווען אין אַ הייסן זומער־פאַרנאַכט, האָט אליעזר דערהערט דעם קלאַנג פון דינע זילבער־גלעקלעך ווי זיי קלינגען אויף די העלדזער פון הייסע פערד, און איין גלעקעלע קלינגט נאָך אַ פאַרשפּעטיקטס. ס'איז געווען דאָס גע־לעכטער פון אַ ווייב. איז ער צוגעגאַנגען צו זיין אָפענעם פענצטער און אַריבער־געקוקט צו די פענצטער אַנטקעגן־איבער אָן דעם מינדסטן ספק, אַז דאָס גלעקל־דיקע געלעכטער קומט פון דאָרט. ער האָט געוואָרט דאָס געלעכטער פון זילבער־גלעקעלעך זאָל זיך איבערחזרן און ער האָט זיך נישט דערוואָרט. האָט ער גע־טראַכט : וואָס פאַר אַ לייט וווינען דאָרט, וואָס אַ ווייבספּאַרשוין אין זייער הויז לאַכט אַזוי פריי און אומגעצוימט, ווי אָרום וואָלטן גאָרנישט געווען קיין מאַנצ־בילן ? איז „קול באשה" נישט חל אויף בראָד ? אפשר זענען אויך זיי נאָר וואָס געקומען ערב דעם יאַריד ? פרעמדע, צי גאָר גויִישע סוחרים ? שפּעטער האָט עס אים אַ צי געטאָן צו פאַרמאַכן דאָס פענצטער, און ווען ער איז געשטאַנען אין דער פענצטעררואַם מיט אויפגעהויבענע הענט, האָט ער אַנטקעגן־איבער דערזען דאָס געשטאַלט פון אַ יונג ווייב אין אַ ווייסן הויב. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס געלעכ־

טער, וואָס ער האָט פריִער געהערט, איז געווען איר געלעכטער. ער איז געבליבן שטיין מיט די הענט אין דער הייך. אויך דאָס יונגע ווייב איז געבליבן שטיין ווי זי איז געשטאַנען. איר פּנים האָט אַרויסגעלויכטן פון אונטער דעם ווייסן הויב, ווי דאָס פּנים פון אַ געמעל. צום סוף האָט ער צוגעלענט זיין פענצטער און דורך דער מאַטלעכער שויב נאָך לאַנג געקוקט אויף דעם געשטאַלט און נישט געוואָלט אַוועקגיין פונעם פענצטער דער ערשטער. אויך זי האָט אויף עפּעס געוואַרט. נישט באַוועגט זיך אַפילו. נאָך אַ שטיקל צייט האָט ער אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט אין דער מאַטלעכער שויב און דאָס ווײַבגעשטאַלט מער נישט געזען. ער האָט נישט באַמערקט ווען זי איז נעלם געוואָרן.

דערנאָך איז אליעזר אַוועקגעפאָרן אינעם הויף נישט ווייט פון בראָד, וווּ דער גראַף האָט געלעבט דעם זומער. ער איז זייט יאָרן געווען דער רופא פון די פּאַטאָצקיס, וואָס צו זיי האָט געהערט די שטאָט בראָד. ער האָט געהיילט דעם גראַף. צווישן די וואַסערלעך און זאַלבן, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר אים, האָט ער אויך אַריינגעטאָן ליבע־מעשׂהלעך פון דער ביבל. לעשעק פּאַטאָצקי איז געווען אַ פרומער קאַטויל און ער האָט געלייענט די ביבל אין לאַטיין. נאָר באַוווּנדערט האָט ער דעם ייִדישן רופא, וואָס די מעשׂות פון דער ביבל ציִען זיך ביי אים לענגער ווי זיי זענען באַשריבן אין הייליקן ספר און נאָך שענער און ער דערציילט וועגן זיי שעהען לאַנג. עס טרעטן אָפּ די ווייטיקן, ווען ער דערציילט ווי אַזוי רות איז געקומען צו בועזן אין שייער און זיך געלייגט ביי זיין צופוסנס און האָט אָנגעצונדן זיין בלוט מיט אַזאַ העליש פייער, אַז פון זיין דיך זענען מלכים געבוירן געוואָרן... און שולמית האָט פאַרברענט די נעכט פון שלמה המלך און זי, די פּשוטע מויד פון ירושלים, האָט אים מיט איר רייץ אונטערטעניק געמאַכט, ווי ז י וואָלט געווען אַ קעניגין און ע ר — איר שטאַליונג. דער גראַף האָט אין רות און אין שולמית געזען די ציגיינער־מיידן, וואָס ער געפאַנגט זיי אויף די וואַלדשטעגלעך פון זיינע גיטער, ווי יונגע אינדיינס, און ס׳איז אים גוט געווען. און אַז ער האָט שפּעטער געמאָנט ביים רופא, ער זאָל אים דערציילן ווי עס האָבן אויסגעזען רות, רחל און שולמית — האָבן אַלע געטראָגן ווייסע הויבן און זייערע פּנימער האָבן אַרויסגעלויכטן פון אונטער די הויבן ווי די פּנימער פון געמעלן.

ערב סוכּות האָט אליעזר אַרטאַפּאַנוס געאײַלט צוריק קיין בראָד. איינער אַליין איז ער געווען. ווער בויט אַ סוכּה פאַר איין איינציקן מענטש, וואָס קומט אָן אין שטאָט ווען דער הייליקער יום־טוב איז גרייט? איז דער שטייגער פון בראָד, ווי עס איז דער שטייגער פון ייִדן אין מלכות פּוילן, צו נעמען אורחים אויף שבת און יום־טוב, כּדי אַ ייִד זאָל נישט בלייבן אין עצבות ווען אַנדערע זענען אין זייער שׂימחה. האָט דער און יענער פון די שכנים אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אליעזרן: אַזוי און אַזוי, געזען איר זענט פאַרפאָרן שפּעט פון ווייטע מרחקים, וועט איר מקיים זיין די מיצווה פון סוכּה אין מיין סוכּה. אַזוי האָט אויך אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר וועלוול בעלזער:

„געזען האָב איך געזען דורכן פענצטער, אַז איילִיק זענט איר אָנגעקומען, געפעדערט זיך צו דער מיצווה און נישט באַוויזן — האָט אים וועלוול דערלאַנגט

אַ שלום־עליכם — און כאָטש כּוונה איז כּמעשׂה, וועט איר אַוודאי מיר נישט אָפּזאָגן צו זיין מיין גאַסט אין דער סוכּה. ס׳איז מיר באַשערט פון הימל״.

איז אליעזרן געפעלן ווי אַזוי זיין שכן האָט אים פאַרבעטן און ער האָט געענטפערט אין גלייכן:

„ווער בין איך עס, וואָס זאָל פאַרמיידן פון אַ ייִד וואָס אים איז באַשערט פון הימל?״

זענען ביידע, וועלוול בעלזער און אליעזר, אַוועק אין קלויז דאַוונען מעריב און צוריקגעקומען אין דער סוכּה, וואָס האָט געשמעקט מיט סכך, מיט ווייניקע עפּל און מיט פייכטע קאַשטאַנבלעטער. געשמועסט האָבן די צוויי וועגן דעם און וועגן יענעם, ווי צוויי אַלטע פריינד, וואָס נאָך יאָרן טרעפן זיי זיך ווידער און האָבן זיך אויסצודערציילן אַ וועלט. דערנאָך איז אין דער סוכּה אַריינגעקומען אַ יונג ווייב, וואָס כאָטש טונקל איז געווען אין דער סוכּה פון דעם איינציקן קנויטל וואָס האָט געברענט אינעם הענגלייכטער, האָט אליעזר געזען, אַז זי איז אָנגעטאָן אין אַ העל־גרין זיַידן קלייד און מיט אַ ווייסן קרוינהויב אויפן קאָפּ. אָן אַ ברעקל צירונג האָט דאָס יונגע ווייב געשטראַלט, ווי זי וואָלט אין גאַנצן געווען געשלייערט אין איידלשטיינער.

„גוט־יום־טוב, מיין מאַן, גוט־יום־טוב אונדזער ליבער גאַסט. דאָס דאָברע מזל זאָל אונדז אַלע שײַנען״ — האָט דאָס ווייב געזאָגט מיט אַ געצערטלטער שטים און אַ נאָכקלאַנג פון אַ זילבערן גלעקעלע האָט נאָכגעקלונגען אין איר קול.

אליעזר האָט זיך פאַרנויגט:

„גוט־יום־טוב, גוט־יום־טוב, ס׳איז מיר ליב צו זיין אײַער גאַסט״.

„הערסט, זעלדעלע, אונדזער שכן, ר׳ אליעזר, איז אַ דאָקטאָר, דעם גראַפס רופא. אַבי לייטן האָבן געמיינט אַ גרויסער סוחר פון ליטע, צי פון בעמען״.

„וואָס אַלץ לייטן מיינען״ — האָט זעלדע אין דער האַלב־טונקלקייט קוים אַ קוק געטאָן אויפן גאַסט.

אַ מויד האָט אַריינגעבראַכט אַ קינדל, וואָס זעלדע האָט דערמיט אָנגעצונדן די ליכט אין די צינערנע לייכטערס אויפן טיש, און מיט ביידע הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים. איר פליסטערן די ברכה איבער די יום־טוב־ליכט האָט מען נישט געהערט, אָבער אליעזרן האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט ווי צווישן אירע שמאָלע און לאַנגע פינגער איבער איר פּנים גייט אויף אַ העל ליכט, וואָס איז נאָך ליכטיקער פון די ליכטפלעמלעך — אַ ליכטיקייט ווי פון דער זון.

דאָס מאָל איז זעלדעס תּחינה איבער די ליכט געווען אַ לענגערע און אָן ווערטער. דורך די שפּעלטלעך פון צווישן אירע פינגער האָט זי געקוקט אויף דעם גאַסט, וואָס פון זיין געשטאַלט האָט זיך געטראָגן גבורה און דער ריח פון דעמבענער קאָרע נאָך אַ רעגן. זי האָט געקוקט דורך די שפּעלטלעך פון צווישן אירע פינגער, ווי דעמאָלט ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען אַנטקעגן־איבער, פון איר פענצטער, און פון דעם פּלאַץ נישט געקענט זיך אָפּרייסן. וועלוול האָט געקוקט אויף די הענט פון זיין ווייב מיט צער, וואָרעם ווער נאָך ווי ער האָט

געוווסט וואָס עס איז איר באַגער אין אַלע תחינות ביי די בענטשליכט פון אַ גאַנץ יאָר און אויך דאָס מאָל.

וועלוולס קול ביים מאַכן קידוש האָט געקלונגען פייערלעך נאָר אויך מיט האַרבסטיקן אומעט. און ווען נאָכן קידוש איז זעלדע אַוועק און ביידע מאַנצבילן זענען געבליבן אַליין, האָט וועלוול געזאָגט אַזוי ווי ער וואָלט געענטפערט אויף אַ קשיא פון דעם אורח:

„גאָט האָט מיר נישט מזכה געווען מיט קינדער...״

אליעזר, ווי אויך ער וואָלט ממשיך געווען אַ שמועס פון פריִער, האָט געזאָגט מיט התלהבות:

„אַ מאַן אין אײַער עלטער טאָר נישט זאָגן ,גאָט האָט מיר נישט מזכה געווען׳ נאָר ,נאָך נישט מזכה געווען׳!״

„פיר, אין פינפטן יאָר נאָך דער חתונה — האָט וועלוול אַ וויש געטאָן איבערן שטערן און מיט דער צוויטער האַנט איינגעטונקען אַ כזית חלה אין זאַלץ — איך בין שוין אַן אַלטער מאַן. דער פראָסט, ווי איר זעט, האָט זיך שוין אַריינגע־כאַפּט אין מיין באָרד״.

„גאָט וועט אייך העלפן — האָט אליעזר ווייטער געזאָגט האַפּעדיק — אַ מאַן דאַרף זיך נוהג זיין, ווי אונדזערע אָבות האָבן זיך נוהג געווען, זיי האָבן זיך נישט מייאש געווען און געבראַכט קינדער אין טיפן עלטער״.

„זיי זענען געווען צדיקים״ — האָט וועלוול אים אָפּגעשלאָגן.

„אַוודאי זענען זיי געווען צדיקים, נאָר אַ צדיק איז מען נישט פון סמיכות ווי אַ רב, צי אַ דיין, נאָר אַ צדיק ווערט נתגלה! — האָט אליעזר געזאָגט מיט היץ — אַלץ וואָס אַ מענטש באַגערט, דאַרף ער באַגערן גאָר שטאַרק, ווי עס וואָלט אין גאַנצן געווען תלוי פון אים. דער מענטש, שכן־קרוין, איז באַשאַפן אין צלם אלוקים, דאַרף אויך זיין רצון זיין אין צלם אלוקים. דער אין־סוף האָט נישט קיין אָנהייב און זיין דויער איז גאָרנישט משיג צו זיין. האָט אויך גאָט זיך געקענט מייאש זיין בנוגע דעם קומענדיקן יש מאַין־סוף. דאָך אין זיין מאַכטיקן באַגער האָט ער די וועלט בלויז אין זעקס טעג באַשאַפן. ווער קען דערגיין ווי לאַנג עס האָבן געדויערט די ספקות פון דעם באַשאַפער?״

וועלוול בעלזער איז אויפגערודערט געוואָרן. די ווערטער פונעם גאַסט האָבן אים דערהויבן.

„שטאַמט איר פון די מקומות?״ — האָט ער געפרעגט, כדי צו פאַרדעקן זיין אויפרודערונג.

„נאָר וואָס האָבן מיר גערעדט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און זי איז אין גאַנצן איין מקום, פון וועלכן עס שטאַמען אַלע יידן און איך בתוכם״ — האָט אליעזר צוגעגלעט זיין געפוצטע באָרד.

וועלוול האָט אַראָפּגעשלונגען דעם אויסמײַדנדיקן ענטפער. פון אונטער די ברעמען האָט ער געקוקט אויף זיין אורח און זיך דערמאָנט אין די אושפּיזין. ווער איז דער מאַן, וואָס זיצט ביי זיין זייט? פאַר וואָס זענען זיינע ווערטער גורם אַזאַ

אויפֿרודערונג? דאָס לשון פֿון דעם מאַן איז נישט אַזאַ ווי מען רעדט אין בראָד; עס פּאַסט זיך מער פֿאַרן לשון ווי עס רעדן ייִדן ביים טייך וויעפּזש, צי גאָר אויבן, ביי דער ווײַסל.

„זיין אַ דאָקטאָר איז אַ גוט אומנות, — האָט וועלוול געזאָגט — ער קען אַריינקוקן אין מענטש און זען דאָס געטלעכע אין אים".

אליעזר האָט אויפֿגעהויבן די אויגן:

„דאָס געטלעכע? דעם סוד האָט גאָט באַהאַלטן פֿאַר זיך. צו קיין ילוד־אשה האָט ער דעם כּוח נישט געגעבן".

„און די בעלי־שם?" — האָט וועלוול געפֿרעגט.

זעלדע איז אַריינגעקומען אין דער סוכּה מיט פֿאַרענדיקע שיסלען און פֿאַנען. אַן אויסגעצוואָגענע מויד, די זעלבע וואָס האָט פֿריִער אַריינגעבראַכט דאָס קינדל אַנצוצינדן די בענטשליכט, האָט אויף אַ גרויסער טאַץ נאָכגעטראָגן ערדענע פּול־מיסעס. אין דער סוכּה איז געוואָרן יום־טובדיקער, ווי די פֿייערלעכקייט וואָלט פֿאַרטיק געוואָרן אין די שיסלען און פֿאַנען. זעלדע איז געווען אויפֿגעלייגט און אַ סך פֿריַיער ווי זי איז געווען פֿריִער, ווען זי האָט געבענטשט איבער די ליכט. אַז זי האָט אַוועקגעשטעלט אַ פֿולן טעלער פֿאַר אליעזרן, האָט זיך איר האַנט אין דער ווייסער קריזע אַרום דעם געפּאַסטן אַרבל פֿון דעם קלייד צוריקגעצויגן ווי פֿון אַן איידעלן אַנדריק אויפֿן קלאַוויש פֿון אַ קלאַוויר. „אַ ייִדישע פּרינצעסין", האָט אליעזר געטראַכט און באַהאַלטן געקוקט אויף אירע שמאָלע צאַרטע פֿינגער, וואָס האָבן זיך פֿאַמעלעך דערווייטערט פֿון אים.

„קענסט גיין" — האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער מויד, דאָך מיט אַ שנעלער באַוועגונג זי פֿאַרהאַלטן ביים אָרעם און אויף דער ליידיקער טאַץ אַרויפֿ־געלייגט אַ פֿענעץ חלה און זי אַוועקגעשיקט.

„די מויד ציטערט פֿאַר איר אייגענעם שאָטן, ווי אַלע שדים פֿון דער גאַנצער וועלט וואָלטן געקלעפּט צו איר — האָט וועלוול געזאָגט אויפֿגעלייגט — זי האָט מורא מיט ליידיקן צוריקצוגיין, אינעם ליידיקן זאָלן זיך דערוויל נישט פֿאַרקנייען שדים".

אליעזר האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון זיין טעלער און געקוקט צו ביידע, דאָ צו וועלוול בעלזער און דאָ צו זעלדען:

„וואָס ווייניקער אַ מענטש ווייסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט צווישן מענטשן, אַלץ מער מיינט ער, אַז ער ווייסט וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט פֿון שדים און רוחות".

„זעסט, זעלדעשי? מיינע ווערטער!" — האָט וועלוול אויסגערופֿן.

„ווי איך זע זענט איר זיי אין גאַנצן מבטל" — האָט אליעזר געזאָגט אויפֿגע־הייטערט.

„איך בין זיי מבטל אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿל; אויב איך וועל גלייבן אין אַלע נאַרישקייטן, מיט וואָס וועל איך זיך אונטערשיידן פֿון די נאַראָנים?" — האָט וועלוול געקוקט צו זיין ווייב.

אליעזר האָט איבערגעריסן דאָס עסן און זיך האַרציק צעלאַכט. זעלדע האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פונעם טעלער, נאָר די צעשטראַלטקייט אויף איר פּנים האָט געוויזן, אַז זי וואָלט געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן דעם וואָס די מאַנצבילן רעדן, נאָר אויס צניעות, ווען עס זיצט אַ פרעמדער מאַנצביל, דאַרף אַ ווייב נישט צו פיל לאָזן הערן איר קול.

זייט אליעזר איז געווען צו גאַסט אין דער סוכּה פון וועלוול בעלזער זענען זיך ביידע מאַנצבילן געוואָרן פריינד. ביידע האָבן געזוכט פריינד.

ביי וועלוולען אין הויז איז נישט געווען די פרייד, וואָס אליעזרן האָט זיך פון אָנהייב געדאַכט, אַז זי איז פאַראַן. ער האָט, וואָס אַן אמת, פאַרמאָגט אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, כּדי צו קענען לויבן גאָט מיט אַ פול האַרץ: אַ יונג צאַרט ווייב, אַ שיין הויז און עשירות אין הויז. אַליין איז ער געווען עלטער פון זעלדען מיט העכער צוויי צענדליק יאָר און זעלדע איז געווען אין זיין הויז אַ צירונג פון לייַב און בלוט. נאָר באַלד איז אליעזרן קלאָר געוואָרן, אַז דאָס הויז פון זיין נייעם פריינד איז פאַרקלעמט פון פאַרבאָרגענעם צער.

דערמיט וואָס וועלוול האָט אים אין דער סוכּה פאַרטרויט, אַז שוין אין פינפטן יאָר נאָך דער חתונה מיט זעלדען און זי האָט אים נישט געבוירן קיין קינדער, האָט ער פאַר אים אָפּגעדעקט בלויז אַ שמאָלן ברעג פון זיין צער. זעלדע איז ביי אים געווען די דריטע. מיט זיין ערשט ווייב האָט ער אָפּגעלעבט צען יאָר און זי האָט אים קיין קינדער נישט געגעבן. און כאָטש זי איז אים געווען איינגעבאַקן אין האַרץ, האָט ער איר געגעבן אַ גט, זי זאָל חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן און נישט בלייבן קיין ליידיקע. אַ יאָר נאָך דעם ווי זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן, מיט אַן אלמן מיט קינדער, איז זי באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ בן־זכר.

צוליב זיינע מיסחרים מיט בשׂמים פלעגט וועלוול אָפט פאָרן קיין אויסלאַנד, קיין ווענעדיג און גענאָא, און פיינטלעכע מיילער האָבן געזאָגט, אַז ס׳איז אַ ספק, צי ער נעמט מיט אויף זיינע נסיעות דעם טלית און תּפילין. זיי האָבן געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז דאָס אַרומפאָרן אין דער גוייִשער וועלט האָט לויז געמאַכט זיין ייִדישקייט, וואָרום זיין התנהגות איז ווי פון אַ גוייִשן שׂררה. נאָר געוווסט האָט מען נישט, אַז אין די יאָרן נאָך זיין חתונה מיטן ערשטן ווייב, איז וועלוול בעלזער דרייַ מאָל געפאָרן צום בעל־שם־טוב קיין טלוסט. דער בעל־מופת רבי ישׂראל האָט אים יעדעס מאָל אויסגעהערט, אָפּגעשפּראָכן און אים געגעבן קמיעות אויף בנים. ביים דריטן מאָל זיין ביים בעל־מופת האָט וועלוול געפרעגט:

„רבי ישׂראל, אפשר האָט הקדוש־ברוך־הוא געשטראָפט מיין דיך מיט עקרות און מיין מיִען זיך האָט נישט קיין פּעולה?"

האָט רבי ישׂראל געענטפערט:

„אַ ייִד טאָר נישט ספקן אין דער גוטהאַרציקייט פון הקדוש־ברוך־הוא צו איינעם פון זיין סטאַדע".

האָט וועלוול בעלזער געזאָגט:

„רבי, איך ספק נישט" — און ער איז אַהיימגעפֿאָרן מיט בטחון. נאָר דער בטחון, ווי דאָס אָפּשפּרעכעניש, האָט נישט געהאָלפֿן, ער איז געבליבן ליידיק, ווי אַ בוים וואָס גיט נישט קיין פּירות.

אַ האַלב יאָר נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגט דאָס ערשטע ווייב, האָט זיך וועלוול געפֿעדערט און חתונה געהאַט מיט דער יינגסטער טאָכטער פֿון אַ קרעמע־ניצער פּרנס. אירע עלטערע שוועסטערס און די ברידער זענען שוין אַלע געווען אויסגעגעבן און אַלע האָבן זיי געהאַט קינדער, ווער אַ יאָר נאָך אַ יאָר און ווער אַ ביסל שפּעטער, וואָס איז געווען אַ סגולה, אַז אויך זי, זיין צווייט ווייב, שיינדל האָט זי געהייסן, וועט זיין פֿאַר אים אַן אַרבעספּעלד. זי איז געווען יינגער פֿון אים מיט צען יאָר און זי האָט אין אים אַנגעצונדן אַ העליש פֿייער, וואָס האָט געפֿלאַקערט אין אים אַזוי ביי־טאָג ווי ביי־נאַכט. ער איז געווען ביי מיר ווי אין כּישוף און ס׳גלוסטעניש צו איר האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט זי באַשאָנקען מיט צירונג, וואָס זיין ערשט ווייב האָט וועגן אַזאַ נישט געוווסט. ער האָט זי מיטגענומען אויף זיינע נסיעות קיין אויסלאַנד, וואָרום אָן איר האָט ער נישט גע־קענט זיין קיין טאָג און קיין נאַכט, ווי אַ מענטש קען נישט זיין קיין רגע אָן זיין נשמה.

נאָר אַז ס׳זענען פֿאַרביי צוויי יאָר און שיינדל, די טאָכטער פֿון דעם קרעמע־ניצער פּרנס, האָט אים קיין קינד נישט געגעבן, און אַפֿילו קיין סימן האָט זיך נישט באַוויזן, אַז זי גרייט זיך אים געבן אַ קדיש, איז וועלוול ווידער געפֿאָרן צו רבי ישׂראל. וואָרום דעמאָלט איז שוין דער נאָמען פֿון דעם בעל־שם־טוב געווען דערהויבן בכל ארבע פּינות העולם און לייטן האָבן געזאָגט, אַז ווען דער בעל־שם ווערט פֿאַרפֿאַלן אויף אַ טאָג אין וואַלד, אָדער צווישן די תּבואה־פֿעלדער, רעדט ער מיט הקדוש־ברוך־הוא נענטער ווי משה רבנו האָט גערעדט צום כּביכול אויפֿן הר סיני — ווי אַ זון רעדט צו אַ פֿאָטער, און ער פּועלט ביי אים מתּנות טובות פֿאַר יידן.

רבי ישׂראל האָט אים דערקענט, ווי מען דערקענט אַ ברודער, וואָס מען האָט אים נישט געזען אַ פּאָר יאָר, און אים געפֿרעגט:

„איז וואָס־זשע ווילסטו פֿון מיר, וועלוול בעלזער? אַלע ווילן פֿון מיר און איך בין אַ פּראָסטער ייִד, וואָס קען קוים געבן אַ ייִד אַ נדבה".

האָט וועלוול בעלזער געזאָגט אַזוי:

„קיין נדבה, רבי ישׂראל, דאַרף איך נישט, חלילה. הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן מיין פֿאַרמעגלעכקייט קיין עין־הרע. נאָר וואָס איך דאַרף און צו וואָס איך בעט, איז אַ הילף פֿון הימל, איך זאָל חלילה נישט אַוועקגיין פֿון דער וועלט ווי אַן אָפּגעדאַרטער וואָרצל פֿון אַ קרייטעכץ אין פֿעלד".

דער בעל־שם־טוב האָט אויסגעהערט אַלץ וואָס וועלוול האָט געהאַט אים צו דערציילן, סיי פֿון דעם ערשטן ווייב, וואָס ער האָט זי לסוף געגט, זי זאָל קיין ליידיקע נישט בלייבן, און סיי וועגן זיין צווייט ווייב, שיינדל בת שׂרה. ער לעבט מיט איר שוין צוויי יאָר, זענען אַ זיווג מן השמים, ווי זיי וואָלטן אָדם און חוה

געוועזן, נאָר ליידיק איז ווייטער זיין הויז, בעת זיין האַרץ גייט אויס נאָך אַ קדיש.

האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט:

„צוויי יאָר! זע, וועלוול בעלזער: ווי לאַנג איז זייט דער רבון־עולם האָט באַשאַפן די וועלט?"

„אַזוי פינף טויזנט פינף הונדערט יאָר" — האָט וועלוול געענטפערט.

„זעסט שוין! הקדוש־ברוך־הוא איז אייביק אין אֵין־סוף, אין אֵין־סוף, אין אֵין־סוף. איז לאָשמיך, אַז ער האָט געוואַרט פון נצח אין עבר מילי־מיליאָסן, מילי־מיליאָסן שנים ביז ער איז מצמצם געוועזן די ספירות און באַשאַפן די וועלט. ערשט מיט אַ פינף טויזנט פינף הונדערט יאָר צוריק, איז וואָס־זשע אײַלסטו זיך מיט דיינע צוויי יאָר, וועלוול בעלזער?!"

„איך פורכט" — האָט וועלוול געזאָגט.

„אַ ייִד דאַרף נישט פורכטן! אַ ייִד דאַרף לעבן מיט שׂימחה און בטחון. הקדוש־ברוך־הוא איז אַ פאָטער און נישט קיין רוצח אין וואַלד, מען זאָל פורכטן פאַר אים".

איז וועלוול בעלזער אַהיימגעפאָרן מיט שׂימחה און בטחון. דעם זעלבן יאָר איז אָבער געשען אַ גרויס אומגליק: וועלוולס שווער, דער קרעמעניצער פּרנס, איז שלאָף געוואָרן און ער האָט געלאָזט וויסן, אַז ער וויל זען ביי זיין בעט זיין יינגסטע טאָכטער שיינדל. ווארום שוואַך און שלאָף איז ער און עס קען גאָר זיין דער־אין־הימל וועט אים רופן צו זיך און ער וועט קענען זיין אַ מליץ פאַר איר, שיינדלען, זי זאָל געהאָלפן ווערן מיט אַ בן־זכר.

וועלוול בעלזער האָט זיין יונג ווייב אויסגעפּראַוועט צו דער נסיעה קיין קרעמעניץ מיט אַלעם גוטן און זי אַוועקגעשיקט צו איר פאָטער. זי איז אָבער קיין קרעמעניץ נישט דערפאָרן. ביי נאַכט, ווען די פערד האָבן גערוט אין מיטן וועג, זענען רוצחים באַפאַלן די קרעטשמע, באַרויבט די פּאַסאַזשירן און אַוועקגעשלעפּט שיינדלען. אַנטלאָפן זענען די רוצחים מיט די פערד פון דער בויד. מיט וואָכן שפּעטער האָבן וואַלדהעקערס געפונען דעם גוף פון שיינדלען צווישן דעם ווילד־געוויקס פון אַ וואַלד צען מייל פון דער קרעטשמע. וועלוול האָט אַהיימגעבראַכט דעם גוף פון זיין יונג ווייב, זי קובר געוועזן לעבן קבר פון זיין אייגענער מאַמען, אויפן בראָדער בית־הקברות, און אַליין זיך אָפּגעטאָן פון דער וועלט.

אין דער שטאָט האָט מען אַפילו געשמועסט, אַז וועלוול בעלזער איז פון צער אַראָפּ פון זינען און ער רעדט דיבורים, וואָס אַ ייִד טאָר זיי גאָרנישט ברענגען פאַר זיינע ליפּן. ער זאָל האָבן געזאָגט, אַז די גויים — רחמנא ליצלן — זאָלן האָבן מער געזאָרגט פאַר דעם מענטש אין צער און אין ייאוש, ווי ייִדן. וואָרום זיי האָבן צוגעטראַכט אַ קלויסטער, אַז טאָמער וויל אַ מענטש אין צער זיך אָפּ־שליסן פון דער וועלט און דאָך נישט זיין איינער אַליין ווי אַ שטיין אין פעלד, זאָל ער האָבן וווּ צו גיין. בראָדער ייִדן האָבן געהאַט תּרעומות אויף אַזעלכע רייד, וואָרום ערשטנס טאָר אַ ייִד זיך נישט דערברענגען צו אַזאַ צער און ייאוש, ער זאָל וועלן אַנטלויפן פון דער וועלט. אַפילו איוב, וואָס צו זיין פּיין איז גאָר קיין

גלייכן נישט געווען, האָט זיך געקלאָמערט אין דער אמונה אין גאָט ברוך־הוא און נישט געזאָגט קיין גוט וואָרט אויף עכו"ם, אויף די געצנדינערס.

נאָך דרײַ חדשים אבלות, פאַרשלאָסן אין זיין הויז, האָט זיך וועלוול ווידער באַוויזן אין קלויז. ער איז געווען אויסגעצערט און בלייך, ווי ער וואָלט אויפגעשטאַנען פון אַ לאַנגער שלאַפקייט. האָט אים דער בראָדער רב גערופן צו זיך, אים מקרב געווען און אים דערמאָנט, אַז זיין דרך איז נישט דער יִדישער דרך. אַ ייִד, האָט ער געזאָגט, טאָר נישט מגזים זיין נישט אַהין און נישט אַהער: ער טאָר נישט אַרויס פון די כּלים אין שׂימחה און ער טאָר נישט אויף זיך נעמען אַלע ווייטיקן פון צער אין אבלות. דער מענטש האָט נישט די בחירה החופשית, נאָר דער באַשאַפער פון דער וועלט איז דער מלך און שופט, און ווי ער הערשט און ווי ער פסקנט, אַזוי דאַרף דער מענטש אָננעמען אַלץ ווי ער באַשטימט פון הימל.

אויף דעם האָט וועלוול געזאָגט אין ביטערניש:

„וואָס אַזעלכס האָט מיין שיינדל עליה השלום געטאָן שלעכטס וואָס איר איז געקומען אַזאַ גזר־דין? און וואָס אַזעלכס האָב איך געטאָן, גאָט זאָל מיך אַזוי האַרב שטראָפן? צי האָב איך חלילה געטראַציקט אין זיין תּורה? צי האָב איך נישט חלילה געגעבן קיין צדקה? צי האָט חלילה מיין שיינדל עליה השלום נישט אָפּגעהיטן כּבוד־אב, ווען זי האָט געאײַלט צו איר שלאָפן פאָטער קיין קרעמעניץ?"

האָט דער רב איבערגעריסן זיינע טענות:

„ביסט טאַקע אַן אָפּגעהיטענער ייִד, וועלוול, נאָר ווי אַזוי קענסטו ביי זיך פועלן צו רעדן אַזעלכע דיבורים?"

אויף דעם האָט וועלוול ווידער געזאָגט:

„איר האָט, בראָדער רב, נאָר וואָס געזאָגט, אַז דער מענטש האָט נישט די בחירה החופשית. זענען מיינע ווערטער נישט מתּוך בחירה החופשית, נאָר..."

האָט דער רב אים איבערגעריסן די רייד און אים באַפוילן, ער זאָל זיך צוריק נעמען צו זיינע מיסחרים און טאַקע מאַכן אַ ווייטע נסיעה, ער זאָל זיך קענען אַרומזען וועגן אַ תּכלית...

וועלוול בעלזער האָט אויסגעהערט וואָס עס האָט געעצהט דער בראָדער רב. ער האָט געמאַכט אַ ווייטע נסיעה, קיין גענואַ, פון וואַנען ער פלעגט באַקומען זיינע טראַנספּאָרטן בשׂמים. נאָך עטלעכע חדשים איז ער צוריקגעקומען קיין בראָד אַן אויפגעלעבטער און ווידער פול מיט בטחון. די אויגן האָבן אים געפינקלט ווי אין זיינע גוטע צייטן און זיינע באַוועגונגען זענען געווען אימפּעטיקע, ווי ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן. און דעמאָלט האָט ער זיך געלאָזט רעדן אַ שידוך מיט דער יונגער זעלדען.

זעלדע איז געווען אַ טאָכטער פון בראָדער ייחוס. איר זיידע, יצחק הירש, איז געווען פאַרשריבן אין פינקס פון דער קהילה קדושה ווי איינער פון יענע בראָדער סוחרים, וואָס דער אונסטיקער אַלטער גראַף פּאָטאָצקי האָט זיי געהאַט געהייסן רופן צו זיך און זיי באַפוילן צו מאַכן פון זיין שטאָט בראָד ירושלים

דפוילן. ער האָט פאַר די ייִדישע סוחרים אַוועקגעשטעלט טונדלעך מיט אַ מיליאָן גילדן אין ריינעם גאָלד און געזאָגט צו זיי אַזוי:

„אָט דאָ האָט איר פון מיר אַ מיליאָן גילדן און טוט מיט אים וואָס איר ווילט. נאָר ירושלים זאָל איך דאָ האָבן אין בראָד אַז די גאַנצע וועלט זאָל רעדן דערוועגן וואָס פאַר אַ האַנדלמערק דאָ שטעלן זיך און וואָס פאַר מיסחר עס בליט אין מיין שטאָט. נישט פון וועגן דעם געלט וועל איך פאָדערן פון אייך אַ חשבון, נאָר איך וועל פאָדערן פון אייך אַ חשבון וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען".

האָבן די בראָדער לייט זיך געפעדערט אַ יאָר און צוויי און די שטאָט איז אויפגעריכט געוואָרן, איר נאָמען האָט אָפּגעהילכט אין אַלע עקן וועלט — פון קיִעוו ביז ווילנע, פון גענאָאַ ביז ווענעדיג און פון קעניגסבערג ביז לייפּציג. יצחק הירש האָט פאַר זיך אויסגעדונגען דעם מאָנאָפּאָל אויף זאַלץ און די ברויערײ, און הינטערן רינגפּלאַץ אויפגעבויט אַן איינפאָרהויז. ווי רייך ער איז געווען פון פריִער, אַזוי איז ער געוואָרן צען מאָל רייכער שפּעטער. די מיידלעך אין זיין הויז האָבן אין די וואָכעדיקע טעג זיך אָנגעקליידט אין זיַידענע קליידער און צום טיש האָט מען געגרייט גאָלדענע לעפלען און טעלערס פון דייטשן פאָרצעליי, ווי ביים גראַף פּאָטאָצקי אין פּאַלאַץ. יצחק הירש האָט געהאַט אַן איינציקן זון. זיין נאָמען איז געווען פּנחס. ווי אַ בן־יחיד איז פּנחס געווען אַן אויסגעצערטלטער און ווייכער, נאָר מיט אַ פייערדיקן קאָפּ. ווי וויל בראָד אַליין איז דעמאָלט געווען אַ שטאָט פון תורה, האָט יצחק הירש אַראָפּגעבראַכט פון בריסק דעם ראש־ישיבה, ער זאָל צוויי יאָר לערנען מיט זיין בן־יחיד און מאַכן ער זאָל זיין צו גאָט און צו לייט. מיט תורה האָט זיך פּנחס אָנגעפילט, ווי אַ מילגרוים פילט זיך אָן מיט קערנדלעך און זאַפטן, נאָר געבליבן איז ער אַ ווייכער און אויסגעצערטלטער — נישט אויסגעטויגט זיך אין מיסחר און אין די אַלע געשעפטן, וואָס יצחק הירש איז מיט זיי געוואָרן אַרומגעוואַקסן.

יצחק הירש האָט פאַר זיין בן־יחיד אויסגעווילט אַ ייִדישע טאָכטער, וואָס איר שיינקייט און צניעות זענען נישט געווען שוואַכער פון איר ייחוס. לאה האָט זי געהייסן און זי איז געווען די טאָכטער פון דעם טיקטינער רב, וואָס געזאָגט האָט מען וועגן אים, אַז ער איז אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט תורה אַז פון שלאָף זאָגט ער אַ שיעור. פּנחס האָט מיט דער טאָכטער פון דעם טיקטינער רב אויפגעשטעלט אַ נייעם דור — בלויז טעכטער, וואָס די עלטסטע האָט געהייסן זעלדע.

אין הויז פון פּנחסן האָט זיך געפירט דער זעלבער רייכער שטאָט ווי אין הויז פון זיין פאָטער. נאָר אַז יצחק הירש איז נסתלק געוואָרן, האָט די ירושה אָנגעהויבן טייען, ווי עס טייעט דער שניי אין דער אָדליגע ערב פּסח. פּנחס איז געוואָרן אַ יורד, און אַז מען ווערט אַ יורד שטייט נישט ביי אַפילו דער שענסטער ייחוס. פון דער פאַרטיילטער ירושה איז פּנחסן אַפילו נישט געבליבן קיין נדן פאַר די טעכטער.

זעלדע איז געווען שיין און ליכטיק, ווי איר מוטער לאה. אין איר פּנים, ווי עס וואָלט געווען באַהעלט מיט אַן איניק ליכט, האָבן געלויכטן צוויי בלאָע אויגן

און צוויי שורות ווייסע ציין. דאָס קול פון איר לשון איז געווען, ווי דער קלאַנג פון זילבערנע גלעקעלעך אויף העלדזער פון הייסע פריצישע פערד. איר שיינקייט האָט געשראָקן די מוטער, וואָרום די עלטסטע טאָכטער איז זי געווען ביי איר. ווען זי איז געשלאָפן פלעגט לאה זי אָפּבלאָזן, ווי אַ סגולה קעגן אַ עין־הרע, און ווען זי איז געווען וואַך פלעגט זי פון דער קאַם, מיט וועלכער זעלדע האָט זיך געקעמט, אַראָפּנעמען די האָר און זיך געפּעדערט צו פאַרברענען זיי, זיי זאָלן זיך חלילה נישט אַריינבאַקומען אין די הענט פון די, וואָס טוען אָפּ כישוף. נאָר געוווּסט האָט סיי פּנחס און סיי לאה, אַז דאָס וואָס זייער עלטסטע טאָכטער איז אַריבער די צוואַנציק און קיין שידוך האָט זיך פאַר איר נישט געפונען, איז נישט מחמת עמעצער זאָל איר האָבן אָפּגעטאָן כישוף, נאָר דאָס מזל האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיי און זעלדע פאַרשטעלט אירע צוויי יינגערע שוועסטערס.

וועלוול בעלזער איז געווען כּמעט אין איין עלטער מיט פּנחס יצחק־הערשס. ווען ער איז געקומען רעדן מיט פּנחסן, ער זאָל אים געבן פאַר אַ ווייב זיין עלטסטע טאָכטער, וואָלט עס מער געפּאַסט דיביידע מאַנצבילן זאָלן צווישן זיך רעדן וועגן משדך זיין זיך מיט זייערע ביידנס קינדער. האָט וועלוול געזאָגט צו אים אַזוי:

„איך דאַרף דיר גאָרנישט דערציילן, וואָרום דו ווייסט אַלץ, און וואָס איך וועל מוסיף זיין וועט עס נישט דיר און נישט מיר עפּעס געבן. איינס זאָלסטו וויסן, פּנחס־לעבן: אויב דו וועסט מיר געבן דיין עלטסטע טאָכטער פאַר אַ ווייב, וועל איך פאַר איר אַראָפּציִען דאָס טעלערל פון הימל און עס אַוועקשטעלן פאַר אירע פיס. אַלץ וואָס איז אין מיין פאַרמעג וועט זיין איר פאַרמעג. וואָרום פאַר וועמען איז מיין גאַנצע האָרעוואַניע, אויב נישט פאַר ווייב און... קינדער?‟

זעלדע איז געוואָרן דאָס ווייב פון וועלוול בעלזער. ער האָט זי באַשאָנקען מיט ליבשאַפט און עשירות. זיין עשירות האָט געהאַט אַ גרענעץ — „אַלץ, זעלדעלע, וואָס איך פאַרמאָג איז דיי‌נס‟ — נאָר זיין ליבשאַפט פאַר איר האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. אין זיין אייגן הויז האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז צו ווייט פון איר, איז ער מיט איר אַוועקגעפאָרן ווייט, קיין ווענעדיג, ווו גאָרנישט האָט אים געשטערט, ער זאָל זיין נאָענט צו איר, און אויך דאָרט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז ווייט פון איר. זיין ליבשאַפט צו איר איז געווען אַ פאַרשייטע, אַזאַ וואָס מען טאָר גאָר נישט ביי ייִדן. פון אָנהייב איז אויך זי געווען פאַרשיכּורט פון זיינע צערטלעכקייטן און האָט געלעבט אין אַ תּענוגדיקן הינערפלעט. זיין רייפע מענער־רישקייט האָט אין איר ליי‌ב אויפגעוועקט פּילונגען, וואָס זי האָט נישט געאַנט, אַז אַזעלכע זענען פאַראַן. זי האָט פאַרגעסן, ווי זי האָט פון אָנהייב געטראַכט, אַז ער איז אין איין עלטער מיט איר פאָטער. זיין ליבשאַפט און די שיינקייט פון דער שטאָט ווענעדיג, וואָס איז אַזוי ווייט־ווייט פון בראָד, האָט פאַר איר געשאַפן אַ נייע, אומבאַקאַנטע וועלט, ווו אַלץ איז אַנדערש און אין דער אַנדערשקייט איז אויך

איר מאַן אַנדערש, ווי עס זענען מאַנצבילן, ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט אין דער היים. נאָר אַז זיי האָבן צוריקגעקערט קיין בראָד און זעלדע האָט זיך אָנגעהויבן אויסגעפינען אין די ווינקלען פון וועלוולס היים, האָבן איר אָנגעהויבן באַפאַלן פחדים. אין די צייטן ווען ער איז געווען אין דער היים האָט זי די פחדים אויסבאַ־האַלטן, נאָר אַז זי איז געבליבן אַליין האָט זי געוויינט און פון וויינען איז איר לייכטער געוואָרן.

פאַר איר מוטער האָט זעלדע נישט געהאַט קיין סודות. האָט זי איר דערציילט וועגן איר מאַן־ווייב־צוזאַמענלעבן, נישט אַדורכגעלאָזט די מינדסטע פּרטים, און אויך וועגן דעם, אַז פון צייט צו צייט ווערט זי באַפאַלן פון פחדים. לאה האָט עס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן — ס׳איז אַוודאי אַ סימן פון שוואַנגערשאַפט. אָבער אַז זעלדע האָט איר שפּעטער דערציילט, אַז זי האָט ווידער איר ווייבלעכן שטייגער, האָט לאה אויסגעפונען, אַז דאָס איז אַן אַנדער סימן און מען דאַרף נאָכקוקן די מזוזות אויף די ביישטידלעך פון די טירן. אַלע מזוזות זענען געווען כּשרע.

איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען זעלדע איז געווען אַליין אין הויז און אין דער פינצטער געוואַרט אויף איר מאַן, ער זאָל צוריקקומען פון קלויז, האָט זי געזען ווי אַ פלעדערמויז קרייזט אַרום איר פענצטער, זוכט די עפענונג און קלאַפּט זיך אָן מיט די פליגלען, דאָ אין דער אויבערשטער און דאָ אין אַ זייטיקער בעלקע. דאָס פענצטער איז אָפן, נאָר די פלעדערמויז איז בלינד. מיט שרעק האָט זעלדע פאַרמאַכט דאָס פענצטער און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי גייט שטאַרבן פון פחד. אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט ביז זי איז איבערגעקומען איר צייט.

פאַר איר מאַן האָט זעלדע נישט דערציילט וואָס איר קלעמט. זי האָט אויס־באַהאַלטן פאַר אים, נאָר אין די נעכט האָט וועלוול זיין יונג ווייב נישט דערקענט. אויף זיינע צערטלעכקייטן האָט זי אים נישט געענטפערט, ווי זי פלעגט אים אַנטקעגנקומען פריִער אין זייער צוזאַמענלעבן. מיט די מחשבות איז זי געווען דער־ווייטערט פון אים. זי האָט געטראַכט וועגן איר פּחד, זי האָט געטראַכט וועגן דעם נישט גוטן סימן, וואָס די פלעדערמויז האָט געקרייזט אַרום אָפענעם פענצטער און די עפענונג נישט געקענט געפינען, אָבער וועגן אים, איר מאַן, וואָס האָט זי פירגעהאַט האָט זי נישט געטראַכט. אַז איר קאַלטקייט האָט אָנגעהאַלטן, האָט וועלוול בעלזער אָנגענומען אַז דאָס קומט מחמת דעם וואָס זעלדע ווערט נישט שוואַנגער. אַ ווייב וויל שוואַנגער ווערן מער ווי אַ מאַן באַגערט זי שוואַנגער צו מאַכן, כאָטש ער, וועלוול, האָט אין פירהאָבן זי געפיבערט מיט זיין גאַנצן לײַב, אַז דאָס מאָל זאָל עס זיין אין אַ געבענטשטער מינוט.

ס׳איז נישט געשען. זי באַזונדער אין אירע פחדים און קאַלטקייט, און ער באַזונדער אין זיין פיבער פון בענקשאַפט, האָבן געוואַרט אַ יאָר און זעלדע איז נישט שוואַנגער געוואָרן. האָט זיך וועלוול אויפגעהויבן און אַוועקגעפאָרן קיין מעזשיבאָזש, ווו עס האָט זיך דעמאָלט געהאַט איבערגעקליבן דער רבי ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב.

מעזשיבאָזש האָט אין יענער צייט אויסגעזען ווי אין דעם שטעטל וואָלט זיך

געשטעלט אַ יאַריד, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און האָט נישט קיין סוף. פון אַלע עקן וועלט האָבן געצויגן אַהער ייִדן, ווייבער און יונגע־לייט. זיי זענען געקומען אויף וועגענער, אין בוידן און אין קאָטשן, און גאַר אַ סך זענען געקומען צו פוס פון ווייטע מרחקים. נישט אַלע האָבן געוווּסט צוליב וואָס זיי קומען קיין מעזשי־באָזש, נאָר די וועלכע האָבן געצויגן אַהער האָבן געפילט, אַז זיי דאַרפן זען דעם הייליקן בעל־שם־טוב. וואָרום אַ שמועה איז זיך צעגאַנגען איבער דער וועלט, אַז פאַר רבי ר׳ ישׂראל איז גאָרנישט פאַרהוילן. אַלץ זעט ער און אַלץ ווייסט ער. יעדע נאַכט שוועבט ער אַרויף צום הימל, צום סאַמע כּסא־הכּבוד און פירט מיט זיך דאָס זעקל מיט ייִדישע צרות. ווי נאָר ער קומט אַרויף מאַכט ער נישט קיין שהיות נאָר שיט אויס פאַר הקדוש־ברוך־הוא די צרות פון דעם זעקל, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך פון דער ערד. און ער טוט זאָגן אַזוי:

„זעסט, גאָטעניו, נתן בן פייגע איז נעבעך זייער שטאַרק שלאַף. טאָמער חלילה נעמסטו אים צו זיך, בלייבן זיבן נפשות מיט אַן אלמנה מיט ליידיקע הענט און אָן אַ כּזית ברויט. ביסט דאָך אַ רחום וחנון, טאָ מאַך ער זאָל געזונט ווערן און דיין לויב וועט ווערן נאָך גרעסער. און דאָ, פאָטער, איז ווידער שפרה בת חנה. שוין דרײַ טעג ווי זי גייט צו קינד און זי קען נישט האָבן. שדים און נישט־גוטע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם בעט פון דער געווינערין און לאָזן נישט דעם ולד אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן פון דײַן וועלט. איך בעט דיך, פאָטער, העלף זי, וואָרום פול מיט חסדים ביסטו״.

און כאָטש דאָס הויז פון רבי ר׳ ישׂראל איז געווען פול מיט מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זיין וואָרט צוויי און אַפילו דרײַ טעג, האָט ער פון דעסטוועגן געהייסן אַריינרופן וועלוול בעלזער, וואָס איז געקומען פון בראָד מיט אַן עקסטרע קאָטש און דער שמש פון רבין האָט געקרעכצט, אַז ס׳איז סכּנות־נפשות.

ווי אַלע מאָל איז דער רבי געווען אָנגעטאָן אין אַ טיזליק, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גאַרטל, וואָס איז געווען נישט ווײַס און נישט שוואַרץ און אין גרויסע פאַר־בלאָטיקטע שטיוול פון דער ליימיקער ערד אין די וועלדער, ווו ער וואַנדערט אַרום אין די קאַיאָרן. ער האָט צו וועלוול בעלזער אויסגעשטרעקט אַ קליינע און קאַלטע האַנט:

„גאָט־העלף, ר׳ וועלוול, וואָס איז דער מער פונעם אײַלעניש? גוטע בשׂורות?״

„ניין, רבי ישׂראל — האָט וועלוול געענטפערט — כ׳האָב נישט קיין גוטע בשׂורות. איך בין געקומען איר זאָלט מיר העלפן״. און ער האָט אים דערציילט וואָס דער בעל־שם־טוב האָט נישט געוווּסט. דער בעל־מופת האָט באַקוקט זיינע אייגענע נעגל, ווי ביי אַ הבדלה־ליכט, און נישט אויפהייבנדיק די אויגן געזאָגט אַזוי:

„צוויי מינים ביימער האָט הקדוש־ברוך־הוא באַשאַפן. איין מין וואָס גיט פּירות און אַ צווייטן מין וואָס גיט נישט קיין פּירות, נאָר שאָטן גיט ער. דאָס וואָס ער האָט באַשאַפן בששת ימי בראשית קען קיין ילוד־אישה נישט איבער־מאַכן. אין זיינע הענט איז אַלץ, וואָס ער האָט באַשאַפן. נאָר עס מאַכט זיך אַ בוים וואָס גיט יאָ פּירות, נאָר אַ צייט גיט ער נישט קיין פּירות מחמת צחיחות. דאַרף

מען האָבן אין הימל דעם זכות וואָס דער צדיק חנא המעגל האָט געהאַט, אַז דער קדוש־ברוך־הוא זאָל אַראָפּשיקן אַ רעגן און געבן ברכה צו דער ערד, דער בוים זאָל זיך אָנטרינקען און אַרויסגעבן פּירות. נאָר אַזוי ווי יעדער דור האָט זיין צדיק און דער זכות פון יעדן צדיק איז דער זעלבער פאַרן באַשאַפער פון דער וועלט, דאַרפסטו העלפן אָרעמע לייט זיי זאָלן טאָן בעטן פאַר דיר, וואָרום עס קען זיין, אַז צווישן זיי געפינט זיך דער צדיק פון דעם דור״.

געזאָגט די ווערטער, האָט דער בעל־שם־טוב אויפגעהויבן די אויגן און מיט זיי אַריינגעקוקט אין וועלוולס אויגן מיט דער מילדקייט פון אַ קינד, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז מער פון דעם האָט ער גאָרנישט פאַר אים און דעם גזר־דין פון הימל קען ער, רבי ישראל, נישט ענדערן.

„איז מיט וואָס זשע פאַר איך אַוועק, בעל־שם־טוב?״ — האָט וועלוול בעלזער געפרעגט.

„איך וועל דיר מיטגעבן אַ קמע און זאָל דיין ווייב זי נישט אַראָפּלאָזן פון איר האַלדז״ — האָט רבי ישראל געזאָגט און באַלד נאָך דעם צוגעמורמלט: „זאָלסט נישט פאָרן אַליין אין דער קאָטש, מיט וועלכער דו ביסט געקומען, נאָר אַז דו וועסט אויפן ראַנד פון טראַקט באַגעגענען אָרעמע־לייַט, נעם זיי אויף און פיר זיי מיט דיין וועג, כּדי דו זאָלסט נישט זיין קיין יוצא מן הכלל ביַי אים אין הימל. אַ מענטש וואָס טיילט זיך אַליין אויס, טיילט אים אויך אויס דער שאַפער פון הימל און נישט תּמיד לטובה״ — האָט דער בעל־שם צוגעגעבן מיט אַ העכערער שטים.

באַלד ווי וועלוול האָט באַקומען די קמע — אַ לעדערן בייטעלע מיט צעמישטע נעמען פון טייכן און וועלדער אויף אַ פּאַרמעטן בלעטל — האָט ער זיך גענומען אין וועג אַריַין צוריק קיין בראָד. און ווי דער בעל־שם־טוב האָט געזאָגט, אַזוי איז געווען: ווי די קאָטש איז אַרויף אויפן טראַקט, אַזוי האָבן געוואַרט דריַי מדינה־גייערס — דריַי קאַליקעס, צעהויקערטע און לאָמע, וואָס גאָט דער אייבּ־ציקער ווייסט ווי אַזוי זיי זענען געקומען אויפן טראַקט. זיי זענען געווען באַהאָנגען מיט טאָרבעס און קלומיקעס. האָט וועלוול געהייסן אָפּשטעלן די פערד און ער האָט די קאַליקעס אויפגענומען. זיי זענען אַריין אין דער קאָטש מיט געשרייען און קללות און מיט אַ שטופעניש, ווי די דריַי וואָלטן געווען צען און יעדער איינער באַזונדער האָט מורא איבערצובלייבן אויפן טראַקט. האָט וועלוול געפּרוווט זיי באַרויִקן, זיי זאָלן זיך נישט שטופּן, וואָרום פאַר דריַי איז פאַראַן גענוג אָרט אין דער קאָטש און אַפילו עס זאָל זיין אַ פערטער וואָלט ער אים אויך אויפגענומען. זענען די מדינה־גייערס אַרויס מיט לשון, אַז די גבירים איז גוט צו זאָגן, „זיך נישט שטופּן״, זיי דאַרפן זיך נישט שטופּן, גאָט האָט זיי אָנגעשטאָפּט מיט אַל דאָס גוטס און דאָס איבעריקע האָבן זיי אָנגערויבט, פרעסן אין מיטן דער וואָך חלה מיט פּוטער און טרינקען מעד ווי וואַסער.

„דערפאַר קרענקען די גבירים ווי די פּריצים נאָך דער ניטלנאַכט!״ — האָט איינער אויסגעשריגן מיט אַ הירזשענדיק געלעכטער און אָנגעשטעלט אויף וועל־

וולען אַן אַרויסגעשטופּט בעלמע־אויג, ווי אַן אויג פון אַ טויטן קאַלב. די אַנדערע צוויי האָבן נאָכגעלאַכט און געשריגן:

„ווי די פּריצים נאָך דער ניטלנאַכט! פּלאַצן ווי די פּענכערס!"

וועלוול האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דעם טויטן בליק פון דעם בעלמע־אויג. האָט ער זיך אַריינגעטוליעט אין אַ ווינקל פון דער קאַטש און אַרויסגעקוקט צום טראַקט. פון די גרינע פעלדער האָט געבלאָזן אַ שמעקעדיקע פייכטקייט און איבער די פעלדער האָט זיך געצויגן אויף צוריק אַ פאַרכמאַרעטער הימל מיט שטורעם־וואָלקנס אויפן האָריזאָנט. די שטילקייט פון דעם זומערדיקן ערב שטורעם־דרויסן האָט געמילדערט דאָס גערעדעריי און די געלעכטערס פון די מדינה־גייערס אין דער קאַטש. דער ריטמישער געלאַף פון די פערד האָט וועלוולען איינגעוויגט, נאָר די גריבער אויפן טראַקט האָבן פון מאָל צו מאָל אַ טרייסל געטאָן די קאַטש און אים צוריק וואַך געמאַכט. פּלוצעם האָט וועלוול אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער קאַטש און גערופן צום פיאַקער ער זאָל זיך אָפּשטעלן. אויפן וועג איז גע־שטאַנען אַ פאַרפאַלק, מדינה־גייערס מיט טאָרבעס פון פאָרנט און פון הינטן, און פאַר דער ברוסט האָט דאָס ווייב געהאַט צוגעבונדן אַ פּיצלס.

„ייִדן, נעמט אונדז מיט! — האָבן די אָרעמע־לייט אויפגעהויבן אַ וויינענדיק געשריי — איר'ט אונדז נישט לאָזן מיט אַ פּיצל קינד אין מיטן וועג. עס גייט אַנטקעגן אַ כליאַפּע!"

דערפאַר און ווייל דער אַנזאָג פון דעם בעל־שם־טוב האָט געהילכט אין אים, האָט וועלוול אָפּגעשטעלט די קאַטש. נאָר אַזוי שנעל ווי ער האָט געעפנט די טיר, האָבן זיך די דרײַ אין דער קאַטש אַ וואָרף געטאָן מיט געשרייען און קללות:

„וואָס איז דאָ, אַ הקדש?! נישטאָ קיין אָרט! מיר וועלן דאָ דערשטיקט ווערן! קוים מיר האָבן אַליין ווו די קראַנקע פיס צו האַלטן! זאָגט אַ וואָרט, גביר! איר זעט נישט אַז ס'איז נישטאָ קיין אָרט?"

די דרײַ האָבן זיך אַריבערגעשריגן איבער די קעפּ, אַזוי ווי הינט וואָס בילן זיך איבער נאָר פּירכטן צו בייסן. וועלוול האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן און געפּרוווט זיי איבערשרייען:

„ייִדן, עס וועט זיין אָרט פאַר אַלע. מיט אַ פּיצל קינד אויף דער האַנט אין אַזאַ צייט!... דאָס קינד!... איר זעט די כמאַרעס?"

„כמאַרעס־פּאַרעס — האָט דער מיט דעם טויטן בעלמע־אויג געשפּאַט — מען זעט באַלד, אַז איר עסט יעדן טאָג חלה מיט פּוטער, האָט איר אַ ווייך הערצעלע, גביר!"

„אַ ווייך הערצעלע, אַ ווייך הערצעלע! — האָבן די אַנדערע אַרויסגעבילט דורך דער אָפענער טיר צו די לייט אויפן טראַקט — נישטאָ מער קיין אָרט!"

„איינער פון אייך וועט זיך זעצן אויף די קאָזלעס, וועט זיין אָרט פאַר די צוויי לייט" — האָט וועלוול געפּרוווט באַרויִקן די מדינה־גייערס אין דער קאַטש. זענען די געשרייען געוואָרן נאָך העכער און אין די געשרייען האָבן זיך געקייקלט

קללות, ווי שטיינער וואָס פאַלן אַראָפּ מיט אַ געבראַזג, ווען אַ פעלדז רײַסט זיך אָפּ פון אַ הויכן באַרג:

„גיין אויף די קאָזלעס, זאָלן זיי גיין אויף קוליעס; זאָלן זיי אײַנגיין מען זאָל זיי מער נישט זען; זאָל זיי אַריינגיין אַ ווייטיק דורכן מויל און זאָל ער זיך דרייען אין זייערע געדערעם; זאָל זיי גיין ווי דעם אָרעמאַן אויף דער וועלט און ווי דעם גביר אויף יענער וועלט. גייט אַליין אויף די קאָזלעס!"

וועלוול איז אַרויס פון דער קאַטש און געהייסן דאָס פּאַרפּאַלק מיט דעם פּיצלס זאָלן פאַרנעמען זיין אָרט. ערשט איצט האָט איינער פון די דרײַ מדינה־גייערס זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער שוועל פון דער קאַטש און פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג. דער פּיאַקער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די קאָזלעס און מיט דער האַרטער זייט פון דער בייטש אָנגעהויבן קלאַפּן איבער די קעפּ פון די, וועלכע זענען געזעסן אין דער בויד. די דרײַ האָבן זיך דערשראָקן און זיך אַריינגע־קוועטשט טיף אין דער קאַטש. דאָס פּאַרפּאַלק מיט דעם פּיצלס זענען אַריין אינעווייניק און וועלוול האָט זיך צוזאַמען מיטן פּיאַקער געזעצט אויף די קאָזלעס.

גראָד דאָס וואָס איז געשען האָט פון וועלוולען פאַרטריבן דעם אומעט, מיט וועלכן ער איז אַוועק פון דעם בעל־שם־טוב. פון די הויכע קאָזלעס איז דער דרויסן אַ ברייטערער, די פעלדער ציִען זיך אין אֵין־סוף, דער ריח פון די פערד פילט אָן די נאָזלעכער מיט ווילד לעבן. די פערד מיט זייער גלאַנציקער פעל פון געזונט־קייט רייסן נאָך זיך די קאַטש ווי אַ שפּילצייג, וואָס האָפּסלט מיט די רעדער איבער די לעכער פון דעם טראַקט.

אַנטקעגן האָבן זיך אָנגעקנוילט די שטורעם־כמאַרעס, ווי זיי וואָלטן זיך פּלוצעם געדאַרפט עפענען און אַדורכלאָזן די גאַלאָפּירנדיקע פערד מיט דער קאַטש. נאָר אינעווייניק, אין דער קאַטש, איז געווען קריגעריש־הייס. די צוזאַמענגעקוועטשטע מדינה־גייערס מיט זייערע טאַרבעס און קלומיקעס האָבן נישט געקענט שלום מאַכן צווישן זיך. מיט יעדער האָפּסל פון דעם געשפּאַן האָבן די ערשטע דרײַ אַ דריק געטאָן די צוויי פּונעם פּאַרפּאַלק און בכיוון זיי אַ קלאַפּ געטאָן דאָ מיט אַ בייניקן עלנבויגן, דאָ אָפּגעטראָטן אַ פוס כלומרשט צוליב ענגשאַפט. דאָס פּיצלס האָט זיך איבערגעוועקט און זיך צעשריגן ווי עס וואָלט זיך געכאַפּט, אַז צווישן די מדינה־גייערס דאַרף עס לאָזן הערן געשרייען, ווי אַלע שרײַען. די מוטער האָט צעפּראַלט איר שמאַטעקלייד און פון בוזעם אַרויסגעהויבן אַ גרויסע און פולע ווײַסלײַביקע ברוסט מיט אַ גרויסן קאַשטאַן־ברוינעם וואַרצל, און דאָס קליינס האָט מיט די הענטלעך אָנגעכאַפּט די ברוסט מיט הונגער און זיך אין איר אײַנגעביסן. איינער פון די דרײַ מדינה־גייערס, אַ צעהויקערטער, מיט אַן אָקסיש פּנים, האָט אָנגע־שטעלט זיינע זייטיקע אויגן אויף דער ברוסט און געזאָגט צום ווייב:

„גיב מיר די צווייטע ציצקע, כל'מאַכן ,שהכל נהיה בדברו'".

איר מאַן האָט זיך אָנגעצונדן, אָבער איידער ער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט דער מיט דעם טויטן בעלמע־אויג אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פויסט צווישן די אויגן און די דרײַ האָבן זיך צעלאַכט.

פלוצעם איז פינצטער געוואָרן אין דרויסן. אַ צעאָדערטער בליץ, ווי אַן אויפ־געשפרונגענע ווידמונג פון פייערדיקע שלאַנגען, האָט פאַרבייגעבליצט, פאַרשוווּנדן, און אַ דונער־קול האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דער ערד. די פערד האָבן זיך דער־שראָקן און יעדעס באַזונדער האָט אָנגעהויבן ציִען אויף די זייטן, ווי אויף צו צעררייסן דעם געשפּאַן. דער פיאַקער האָט איינגעצויגן די לייצעס און די פערד האָבן זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס. ס'האָט ווידער אַ קלאַפּ געטאָן אַ דונער, וואָס האָט ווי מיט אַ בייטש אַ יאָג געטאָן די פערד פאָרויס, און זיי האָבן זיך אַוועקגע־טראָגן מיט אַ ווילדן אימפּעט. וועלוול האָט זיך אָנגעכאַפּט אָנעם פיאַקער, וואָס האָט פאַרלוירן די שליטה איבער די פערד. אַ ים האָט מיט איין מאָל אַראָפּגעפּלייצט פון הימל און אָפּגעקילט די פערד אין זייער געלאַף, נאָר דער ים האָט פאַר־שווענקט וועלוולען און דעם פיאַקער. אַרום איז געוואָרן פינצטער, עק וועלט, און דער וואַסערפלייץ איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער און שטאַרקער. פון דעם טראַקט און פון די פעלדער איז מיט איין מאָל געוואָרן אַ ים, און דער ים פון הימל האָט צוגעדעקט דעם ים אויף דער ערד, און אין דער מיט איז די קאָטש מיט געליימטע פערד, וואָס אין וואַסער האָבן זיי פאַרלוירן די כּוחות און געבליבן שטיין.

„טרײַב די פערד! — האָט וועלוול געשריגן צום פיאַקער — טרײַב זיי, מיר וועלן אומקומען!" נאָר אויך דער פיאַקער איז געווען געליימט פון שרעק, קיין צייכן פון טראַקט איז נישט געבליבן און ער האָט פאַרלוירן די ריכטונג. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די פערד מיט דער קאָטש שווימען. האָט ער געצויגן די לייצעס און די פערד האָבן אַפילו נישט אויפגעהויבן די קעפּ.

„ר' וועלוול בעלזער, איך בין אַ טאַטע פון זעקס קינדער!" — האָט דער פיאַקער געשריגן אין דעם רויש פון מבול. ער האָט וועלוולען דערלאַנגט די לייצעס און אַליין האָט ער זיך אַראָפּגעשאַרט פון די קאָזלעס און מיט זיין גאַנצן כּוח זיך אַריינגעשפּאַרט אינעווייניק אין דער קאָטש. מיט זיין גוף און מיט זיינע נאַסע מלבושים האָט ער פאַרגאָסן די מדינה־גייערס, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט אים אַ גראַנגל אַזש די קאָטש האָט זיך געהוידעט אויף די זייטן. צו וועלוולס אויערן זענען דערגאַנגען קולות, קולות אָן ווערטער. וועלוול, האַלטנדיק די לייצעס, האָט זיך איינגעשרומפּן מיט דעם קאָפּ צו די קני, דער רעגן זאָל נישט פאַרגיסן זיין פּנים, וואָרום פון דעם וואַסערפלייץ איז אים שווער געוואָרן דאָס אָטעמען. ער האָט נישט געפילט אין זיך דאָס לעבן.

דער וואָלקנברוך האָט זיך פלוצעם אָפּגעשטעלט, ווי ער איז פלוצעם אויס־געבראָכן. צווישן די שוואַרצע וואָלקנס האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטיק זון און אַ רעגן־בויגן האָט זיך אַריבערגעצויגן פון איין עק האָריזאָנט צום צווייטן. פון די פערדישע גופים האָט געזעצט אַ פּאַרע. פון צווישן דעם ים איבערן טראַקט און פעלדער האָבן זיך ביסלעכווייז באַוויזן קליינע און גרעסערע אינדזלעלעך יבשה. וועלוול האָט זיך אויפגעזעצט, מיט ציטערניש געקוקט אויף די דערווייטערטע שוואַרצע כמאַרעס, און די פערד האָבן אַליין אָנגעהויבן שלעפּן די קאָטש.

„מיר פאָרן, מיר פאָרן!" — האָבן די מדינה־גייערס געשריגן.

װעלװל האָט דערפֿילט אַ שטאַרקע קעלט אין די ביינער. ער האָט זיך איַינ־
געטוליעט אין דעם פּיטש־נאַסן בגד און אונטערגעטריבן די פֿערד. זיי זענען געװען
צעשראָקן און געגאַנגען פּאַמעלעך אין די קאַלוזשעס װאַסער. דער פּיאַקער האָט
זיך אַרויסגעריטשט פֿון דער בויד, געגאַנגען ביי דער זייט פֿון דער קאָטש ביז
ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט די קאָזלעס און אַ פֿאַרשולדיקטער געזאָגט אויבנ־
אַרויף, צו װעלװלען:
„ר׳ װעלװל, איך זע, מיר דערנענטערן זיך צו אַ קרעטשמע”.

דער גאַסט מיט טרייסט

דאָס וואָס איז געשען אין הויז פון בעל־שם־טוב אין מעזשיבאָזש, די ווערטער פון בעל־מופת און וואָס איז געשען אויפן וועג מיט די מדינה־גייערס, איז נישט געווען קיין גוטער סימן פאַר וועלוולען. ער איז נישט געווען צו פיל איַינגעגלויבט אין די נסים און אין די מופתים פון בעלי־שם, נאָר אויס ענגשאַפט האָט ער אַלע מאָל זיך אָנגעכאַפּט אין גלויבענישן, ווי אַ מענטש וואָס שטרויכלט זיך כאַפּט זיך אָן אין דער לופט. דורך די אַלע יאָרן האָט ער געהאַט געענוג נסיון צו וויסן, אַז גאָרנישט פון די זאַכן האָט אַ האַפט — האָט אָבער וועלוול די שלעכטע סימנים יאָ אָנגענומען פאַר ריכטיקע סימנים. אייגנטלעך האָט אים דאָך דער בעל־שם־טוב אָפן געזאָגט, אַז ער איז אַ בוים, וואָס גיט בלויז שאָטן און נישט קיין פּירות. און וואָס שייך דער צחיחות, וואָס דער בעל־מופת האָט דערוועגן גערעדט, איז דאָך זעלדע שוין זיין דריט ווייב. אויך זי ווערט נישט פון אים שוואַנגער. ער בלייבט אָן אַ קדיש, אָן אַ נאָכקום. דעם רחמנות אויף זיך האָט ער איבערגעטראָגן אויף זעלדען, וואָרום ער האָט זי ליבערשט געהאַט פון זיך אַליין, ווי זי וואָלט אים נישט נאָר אַ ווייב געווען, נאָר אָן אייניציקע טאָכטער. איצט ווייסט ער שוין, אַז ער איז אַ געשטראָפטער. אָבער פאַר וואָס קומט א י ר געשטראָפט צו ווערן דורך אים? צי איז אַזאַ דער צדק פון גאָט, אַז די שטראָף פאַר זינד פון עמעצן טראָגט ער איבער אויך אויף גערעכטע?

אויך זעלדע האָט זיך געפילט שולדיק אי פאַר זיך און אי פאַר וועלוולען. כאָטש זי האָט ווייל געוווסט, אַז פאַר איר האָט וועלוול געהאַט צוויי ווייבער און ביידע האָבן אים נישט געגעבן קיין קינדער, האָט זי געוויינט אויף א י ר שלעכט מזל, אַז גאָט האָט ז י געשטראָפט מיט ליידיקייט. ווי צווישן דער מאַמע לאה און זעלדען זענען נישט געווען קיין סודות, אַזוי האָט זעלדע געטאָן אַלץ וואָס די מאַמע האָט איר געהייסן כּדי זי זאָל געהאָלפן ווערן. מיטן וויסן פון זעלדען האָט די מאַמע געדונגען אַן אֶביון, וואָס האָט געהאַט צען קינדער, ער זאָל וואַרטן ביי דער מיקווה, ווען זעלדע איז נאָך איר שטייגער געגאַנגען זיך טובל זיין. ווי זי איז אַרויס פון דער מיקווה אַזוי איז זי אָן שרעק צוגעגאַנגען צום אָפּוואַרטנדיקן אֶביון, מיט דער רעכטער האַנט אים אָנגערירט די פּלייצע און בלחש געזאָגט דעם שפּרוך: „דאָס דאָבּרע מזל פון דיין דיך אין מיינע געדערעם אַריין". לאה האָט אונטערן קישן פון איר טאָכטערס בעט אַנגעשאָטן מאָן און מיט אירע אייגענע הענט האָט זי מיט מאָך פאַרשטאָפּט די שפּאַרעס צווישן דער טיר פון זעלדעס אַלקער, דער ווינט זאָל נישט פּיַיפן, וואָרום מיטן פּיַיפנדיקן ווינט רייסן זיך אַריין נישט־גוטע און זיי טוען אָפּ זייערע תחבולות ווען דאָס פּאָרפּאָלק קומט צו זיך.

קיין פעולה האָט דאָס אַלץ נישט געהאַט. אין צער האָט זעלדע געטראַכט, אַז מסתּמא וועלן זיך אַלע אירע יאָרן אויסברענען אין דעם פייער מיט איר וועלוולען, אָבער קינדער וועט זי אים נישט געבן. אַזוי האָט זי געטראַכט, נאָר פאַרן מויל האָט זי אירע מחשבות נישט אַרויסגעבראַכט. און אויך אים, וועלוולען, האָט געגעסן דער צער. ביסלעכוויז, ווי עס קומט אָן דער פאַרנאַכט און עס ווערט וואָס אַ מאָל טונקעלער ביז עס פאַלט צו די נאַכט, אַזוי איז אויסגעגאַנגען די פרייד אין וועלוול בעלזערס הויז און ס׳איז געוואָרן אומעטיק שטיל — וואָס אַ מאָל אומעטיקער און וואָס אַ מאָל שטילער. אין די יאָרן זייט זייער חתונה איז צווישן זיי קיין שאַרף וואָרט נישט געפאַלן און איינער צום צווייטן האָט קיין תּרעומות נישט געהאַט, נאָר אין שטוב איז געווען אַזוי ווי נאָך אַ צאַנקעריי.

די פריינדשאַפט מיט דעם דאָקטער אליעזר האָט איבערגעבראָכן דעם צער סײַ פון וועלוולען און סיי פון זעלדען. ער איז געווען אין זייער הויז ווי אַ גוטע בשׂורה. אייגנטלעך האָבן זיי נישט געוווּסט, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט, אויסער אַז ער איז דער רופא אין פּאַלאַץ פון די פּאָטאָצקיס, הינטער בראָד. דער נאָמען זײַנער איז אַ זעלטענער — אליעזר אַרטאַפּאַנוס. וועלוול, וואָס איז שוין געהאַט אויסגעפּאָרן אַ וועלט, האָט אַרויסגעזאָגט די סברה, אַז זיין אָפּשטאַם מוז זיין פון די אנוסים פון פּאָרטוגאַל, צי ספּרד. זיין לשון איז נישט פון די מקומות, נאָר ווי נעבן דער ווײַסל, צי ערגעץ ווו. צום יאַריד קומען פון פּוילן ייִדן וואָס רעדן אַזוי ווי דער רופא אליעזר רעדט.

ביידע, וועלוול און זעלדע, האָבן יעדער באַזונדער געוואָרט אליעזר זאָל קומען צו זיי צו גאַסט. אין דער ערשטער צייט פון דער פריינדשאַפט איז עס געווען גאָר אָפט. וועלוול פלעגט באַצייטנס אויסשטעלן די ביינערנע שאַכפיגורן אויפן ברעטל און אונטערזינגען שטיקלעך פון ניגונים. דערוויל פלעגט ער מאַכן אַ פּאָר געגנג אי פאַר זיך און אי פאַר דעם גאַסט, וואָס איז נאָך נישט געווען, און גערעדט צו אים אויף אַ שטייגער, ווי ער וואָלט געווען דערבײַ: „נו, נו, כ׳וויל עס זען... דאָ וועט איר, דאָקטער־לעבן, באַלד אָפּשעכטן דעם טורעם... נאָכן חורבן בית־המיקדש זענען בטול געוואָרן קרבנות, נאָר דאָס פויערל וועט איר שוין געבן אַ קרבן...” זעלדע פלעגט דעמאָלט באַהאַלטענערהייט אַריינקוקן אין שפּיגל, צו רעכט מאַכן איר הויב און טראַכטן וועגן דעם און יענעם איינגעמאַכטס, וואָס זי וועט דערלאַנגען צום טיש מיט מעד.

ווי דער שטייגער צווישן מאַנצבילן, האָט וועלוול געהאַט דעם גאַסט אין גאַנצן פאַר זיך, נעבן דעם שאַכברעט. גאַלדע האָט זיך באַגנוגנט מיט הערן אַ שבח פאַר דעם גוטן כּיבוד, וואָס זי דערלאַנגט. צווישן איין גאַנג און צווייטן פלעגט וועלוול דערציילן וועגן זיינע נסיונות אין די ווייטע אויסלענדישע שטעט; ווי אין גענוא, למשל, פלעגן אים סוחרים דערציילן וואָס זיי האָבן געזען אין דעם ווייטן לאַנד אַמעריקע וואָס פון יענער זייט אָקעאַן; מיט גן־עדן־פּירות, וואָס מענטשן האָבן וועגן אַזעלכע נישט געוווּסט; מיט אוצרות וואָס וואַלגערן זיך אויף דער ערד און מען דאַרף נאָר קענען זיי אויפהייבן. פון מאָל צו מאָל פלעגט וועלוול אויסשטרעקן

צום גאַסט זיין האָרן־שקעטעלע מיט שמעקטאַביק און אליעזרן צורעדן מיט ייִנגלשער קונדסישקייט:

„נו, נו, דאָקטער־לעבן, נעמט אַ שמעק טאַביק. דאָס איז פון דאָרט, פון יענער זייט אָקעאַן".

מיט אַן אַרײַנגנאַרעריש שמייכעלע האָט ער געוואַרט דער פאַרטראָגענער אין דער שפּיל זאָל מיט צוויי פינגער אָננעמען אַ ביסעלע טאַביק און עס אַרײַנציִען אין דער נאָז און דערנאָך אַרויסשיסן מיט אַ פריילעך־צעטראָגענער ניסעריי.

„זעלדעניו, דו הערסט וואָס דאָ טוט זיך?!" — פלעגט וועלוול רופן זיגעריש.

זעלדע האָט דעמאָלט געהאַט אַ גוטן אויסרייד אַרײַנצוקומען צו די מאַנצבילן און זיך אַ ווייל אונטערהאַלטן מיט זיי. זי האָט דעמאָלט געלאַכט מיט איר זילבער־גלעקלדיק געלעכטער ווי אַזוי איר גאַסט אליעזר פאַרטראָגט זיך אין ניסן, נישט צו קענען זיך באַהערשן.

„צום געזונט! צום געזונט!" — האָט זי געווונטשן און צוגעלייגט איין האַנט צו דער צווייטער, ווי אַ צייכן פון אויפריכטיקן ווונטש.

„שטעלט איר זיך פאָר ווי דאָס דאָזיקע לאַנד זעט אויס? — האָט וועלוול אויפגעהויבן אַ פיגור פון דעם שאַכברעטל — איין טייל מענטשן גייט אַרום און ניסט און דער צווייטער טייל גייט נאָך און לאַכט, אָט אַזוי ווי מײַן זעלדעלע".

„ווער זשע הייבט אויף די אוצרות, וואָס וואַלגערן זיך דאָרט אויף דער ערד?!" — האָט אליעזר געפרעגט און געקוקט וואָס פאַר אַ פיגור וועלוול האָט אויפגעהויבן.

„די אוצרות ווייס איך נישט. נאָר דערווייל היט די ביינער, איך זאָל אייך נישט אויפהייבן די מלכה". וועלוול לאַכט מיט אַ טיף מענעריש געלעכטער און זעלדעס זילבערגלעקלדיק געלעכטער קלינגט נאָך.

אליעזר איז נישט געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין שפּילן ווי וועלוול בעלזער איז געווען זיכער, אַז ער איז עס. עס האָט אים געצויגן צו דעם הויז מער ווי דאָס שאַכברעטל און מער ווי די דערציילונגען וועגן דעם ווייטן לאַנד וואָס פון יענער זייט אָקעאַן. ער האָט פון דעם שמעקטאַביק מער און הילכיקער גענאָסן ווי עס האָט זיך אים פאַרדרייט אין דער נאָז. ער האָט געוווּסט אַז באַלד נאָך דעם וועט קומען זעלדעס געלעכטער און איר ווינטשעריי: „צום געזונט! צום געזונט!" זעלדע האָט אים אויסגעזען ווי אַ צירונג, אין וועלכן גאָט האָט אַרײַנגעהויכט דאָס לעבן און דעם איידעלען מעטאַלקלאַנג פון איר געלעכטער. איר געשטאַלט, איז ער געווען זיכער, איז באַאָטעמט מיט אומעט נישט צוליב דעם צער, וואָס אין איר האַרץ, נאָר צוליב איר אייגענער שיינקייט. אין איר מאַט־גלאַטן פּנים זענען אײַנ־געפּאַסט צוויי שורות ווייסע ציין, וואָס זייער העלקייט ווערט צו ביסלעך געלאָשן פון דעם בלוי פון אירע אויגן, און בעתן רעדן שוועבט איבער איר פּנים אַ שטיק זון.

פון זייערע נישט אָפט צוזאַמענגעטראָפענע בליקן איז זעלדע געווען זיכער, אַז אליעזר טראַכט וועגן איר. זיינע בליקן זענען שנעלע, אָבער טיפע. פון דעם ברי

פון זיינע אויגן פילט זי אַ זיסן ציטער, און ער, ער ווערט אומעטיק. אַזוי דאַכט זיך איר. ער טראַכט וועגן איר... זי האָט מורא פאַר אָט דער מחשבה, נאָר זי פאַרטרייבט זי נישט פון זיך. זי האָט זיך בלויז געהיט פון דעם חשד, צי וועלוול, אָדער גאָר נעכע די מויד, וואָס אומעטום האָט זי אויגן, באַמערקן נישט אין איר עפּעס אַן ענדערונג אין דער צייט ווען דאָקטאָר אליעזר געפינט זיך אין איר הויז. זי האָט זיך דעריבער געצוימט נישט אַריינצוגיין צו אָפט צו די מאַנצבילן, נאָר ליבערשט אַריינגערופן צו זיך אין דער קאַמער די מויד, זי זאָל אַריינגיין פרעגן דעם האַר, צי ער דאַרף עפּעס. נאָר באַלד איז זי נאָכגעקומען, פאַרביי־געגאַנגען, ווי אומבאַמערקט, אין איר ווייסן הויב מיט די הענט פאַרלייגט פון פאָרנט, און אַ טרייסל געטאָן די ליימענע פלאַש אויפן טיש, צי אין איר איז נאָך פאַראַן גענוג מעד און צי אין דער קרוג איז פאַרבליבן פיאַלון, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז נישט איר מאַן און נישט דער גאַסט זענען גרויסע טרינקערס.

„ווער ווער טרינקען דעם יין־המשומר ווען משיח וועט קומען?" — האָט זי זיך איין מאָל אָפּגערופן מיט אַ געלעכטער, ווען די מענער האָבן נישט טועם געווען פון די פולע ליאַמפּקעס.

„דיין מאַן און ר' אליעזר וועלן טרינקען ביז שיכּרות" — האָט זיך אָפּגערופן וועלוול בעלזער.

„רעדסט, מיין מאַן, אין נאָמען פון אונדזער גאַסט?" — האָט זעלדע געפרעגט, כּדי צו בלייבן לענגער אין דער קאַמער.

אליעזר, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַזאַ רגע, האָט זיך מיטן גאַנצן גוף אויסגעדרייט אין דער ריכטונג צו זעלדען און געזאָגט אין אַ קונדסישן טאָן:

„ווייב פון ר' וועלוולען, יידן טרינקען נישט איצט צו פיל און אויך אונדזערע ליאַמפּקעס בלייבן פולע, ווייל יידן זענען מאמינים און זיי ווייסן, אַז דאָס וואָס משיח זוימט זיך, איז דערפאַר וואָס אויפן וועג שניאַשקעט ער פון דעם ווײַן־המשומר און ער וועט נישט קומען צו אונדז פריִער ביז די פאָס וועט זיין אין גאַנצן ליידיק. איר הערט? דעמאָלט וועלן מיר טרינקען, וואָס מיר שפּאָרן היינט".

„דער בראָדער רב האָט געדאַרפט הערן די דיבורים!" — האָט וועלוול געריבן די הענט.

„פאַר אַ פלאַש מעד וואָלט ער מיך נישט געשטראָפט" — האָט אליעזר געזאָגט אין דעם זעלבן קונדסישן טאָן און וועלוול האָט מיטגעשפּילט, זאָגנדיק צו זעלדען:

„מיר האָבן גאָרנישט געהערט, מיין ווייב. און דו? וואָס קוקסטו ווי אַ הון פאַרן לייגן אַ אייער?" האָט ער זיך געווענדעט צו נעכען דער מויד, וואָס האָט זיך צוגעהערט מיט אַן אָפן, דורשטיקן מויל.

זעלדע האָט אָנגעוויזן דער מויד דעם וועג צו דער קיך און אויך זי אַליין איז אַוועק פון די מאַנצבילן. זי איז שוין צו לאַנג געווען מיט זיי, כאָטש זי האָט געגאַרט צו בלייבן וואָס לענגער.

ווי זעלדע האָט זיך געצוימט אויף דער וואָר, אַזוי איז זי געווען אומגעצוימט אין אירע חלומות. אפשר דערפאַר ווייל אין חלום איז וועלוול געווען אויסער דער

היים, אויף ווייטע נסיעות און זי איז אַלע מאָל געווען שלאַף. האָט זי געשיקט די מויד צום דאָקטאָר און ער איז געקומען און געזוכט דעם ווייטיק אין איר לײַב. נאָר ווי שלאַף זי איז געווען אַזוי איז יעדער זיין באַריר געווען אַ רפואה, וואָס האָט איר געבראַכט געזונג. זי איז אין אירע חלומות געווען אַזוי אומגעצוימט, אַז איין מאָל, ווען ער האָט באַרירט אירע אָנגעווייטיקטע בריסטן, האָט זי אים אָנגעכאַפּט בײַ די הענט און אים צוגעצויגן צו זיך און געפליסטערט: ‚קום צו מיר, וואָרום קראַנק בין איך, אַלע מיינע געדערעם טוען מיר ווי פון לײדיקייט; מאַך מיך פול איך זאָל האָבן אַ קינד, וואָרום דו האָסט געזען, אַז פון אים בלײַב איך ליידיק’. האָט אליעזר איר געענטפערט, אויך אין פליסטער: ‚איך ווייס אַז דו ביסט אויסגעבענקט נאָך אַ קינד, נאָר קומען צו דיר וועל איך נישט, וואָרום אַן אשת־איש ביסטו און מיין קומען צו דיר וואָלט געווען אַ גרויסע זינד פאַר דיר אויף דורות, נאָך מער ווי פאַר מיר’. האָט זי זיך נאָך מער געצויגן צו אים, געטוליעט זיך אין זיינע אָרעמס און געפרעגט: ‚איז ליבשאַפט אַ זינד? ליבשאַפט איז אַ שׂרפה, טאָ פאַרברען מיך אין איר’. און ער האָט זי פירגעהאַט. ער האָט נישט געקענט איר זאָגן, אַז ליבשאַפט איז אַ זינד.

אין די פריערדיקע חלומות, איידער ער האָט זי פירגעהאַט, פלעגט זיך זעלדע אויפכאַפּן באַגינען אַ שיכּורע און אין שיכּרות — אַ גליקלעכע. אויך אין אירע מיידלשע יאָרן פלעגט זי האָבן ענלעכע חלומות, וואָס זענען געווען זיס אין זייער זיין, האָבן אָבער איבערגעלאָזט אַן אומעט. איצט, אין די חלומות מיט אליעזר דעם דאָקטער, איז נאָך די זיסע חלומות נאָכגעקומען אַ פרייד. נאָר נאָך דעם חלום ווי ער האָט זי פירגעהאַט, האָט זיך זעלדע אויפגעכאַפּט מיט האַרץ־קלאַפּעניש און אַ צעטומלטע. זי וואָלט געלאָפן צו איר מוטער איר דערציילן, ווי זי דערציילט איר אַלץ וואָס מיט איר געשעט, אָבער זי האָט מורא. עס איז אַזאַ גרויסער סוד. דאָס האָט ער, אליעזר דער דאָקטער, איר פאַרטרויט זיין סוד. זאָל זי אים אַנטפּלעקן פאַר איר מוטער? און אפשר גאָר איז זי שוואַנגער פון דעם וואָס ער איז צו איר געקומען אין חלום? זי האָט אים געפילט ווי עס וואָלט גאָר קיין חלום נישט געווען, נאָר ווי וואָר וואָלט עס געווען. די מוטער מוז וויסן וועגן אַזעלכע מיני זאַכן. נײן, ס׳איז אַ סוד! זי וועט נישט דערציילן. קיינעם נישט. טאָמער וועט זי האָבן אַ קינד וועט עס זיין איר סוד, נאָר איר סוד. און די זינד?

אַמאָל האָט זי געהערט די מעשׂה מיט דעם ווייב פון סעמפּאָל, וואָס איר מאַן דער מילנער איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ יאַריד. איז בײנאַכט צו איר געקומען אַ נישט־גוטער און זי באַשלאָפן און זי האָט פון אים געבוירן אַ צווילינג, צוויי יִינגלעך. זענען די יִינגלעך געווען ווי אַלע יִינגלעך אין סעמפּאָל, נאָר ממזרים זענען זיי געווען. האָט מען דאָס ווייב פאַרטריבן מיט די צוויי ממזרים און זיי האָבן געוואַנדערט איבער פוילן, ליטע און זאַמוט און אַ בת־קול איז זיי נאָכגעגאַנגען און גערופן: ‚אַז אשת־איש איז זי און ממזרים זענען אירע קינדער. זאָל קהל זיי דערווייטערן ביז צום סוף פון אַלע דורות’.

דאָס דערמאָנען זיך די מעשׂה מיט דעם ווייב פון סעמפּאָל האָט נאָך מער

צעקלעמט דאָס האַרץ פון זעלדען. זי טאָר אַפילו קיינעם נישט דערציילן. אויך נישט איר מוטער. זי מוז דעם חלום פאַרקלעמען אין זיך. פעלט איר דען כּוח צו פאַרקלעמען אין זיך דעם סוד? צי איז זי סיי ווי נישט פאַרקלעמט אין אַלע די יאָרן?

נעכע די מויד, וואָס אירע אויגן גרייכן אין אַלע ווינקעלעך, האָט באַלד באַגינען געזען, אַז זעלדעס פּנים איז גרין־און־געל און אירע אויגן זענען באַטריבט. האָט זי געטראַכט, אַז מסתּמא איז די האַרינטע אויף־ס׳איריקע. נאָר באַלד האָט זי זיך באַזינען, אַז ערשט מיט אַ וואָך, צי צען טעג צוריק האָט זי זעלדען באַגלייט צו דער מיקווה און געוואַרט אויף איר, זי זאָל זיך נישט דערשרעקן אין דער נאַכט־פינצטערניש. האָט נעכע פון באַזינונג אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און אויסגע־רופן קוויטשיק:

„אוי, ווינד און וויי איז מיר".

פון דעם פּלוצעמדיקן קוויטש האָט זיך זעלדען צעצאַפּלט דאָס האַרץ:

„וואָס איז דיר צו שטאַנד געקומען, די מילך איז דיר אויסגעלאָפן?"

„נאָך ערגער — האָט נעכע געשריגן — די נישט־גוטע האָבן מיך אַראָפּגע־פירט פון זינען".

זעלדע האָט מיט די הענט פאַרשטעלט די אויגן. ס׳איר באַפאַלן אַ קאַפּווייטיק.

„די נישט־גוטע זענען דיך נישט באַפאַלן; דו ביסט אַליין אַ נישט־גוטע" — האָט זי געזאָגט צאָרנדיק.

זושעס קמעות

זעלדע האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די פּחדים, וואָס זענען אין איר אויפגעגאַנגען פון דעם חלום מיט דעם דאָקטער אליעזר. פון דעם וואָס זי דערציילט נישט איר מוטער האָט זי געפילט, אַז זי פלאָנטערט זיך אַריין אין עפּעס, אויף וואָס זי וועט קיין שליטה נישט האָבן און עס וועט געשען אַן אומגליק. דערנאָך האָט זי געטראַכט, אַז דאָס וואָס איז געשען מיטן ווייב פון סעמפּאָל וועט מיט איר נישט געשען. אויב זי וועט פון דעם חלום שוואַנגער ווערן וועט נאָר זי אַליין וויסן פון וועמען. וואָרום וועלוול איז דאָך אין בראָד און וויפל עמעצער זאָל שפּעטער חשבונען וועט ער נישט קענען זאָגן, אַז איר מאַן איז דעמאָלט אין בראָד נישט געווען. נאָר וואָס זי דאַרף טאָן, כּדי אַזאַ חלום זאָל זיך נישט איבערחזרן, איז גיין צו אַ בעל־שם, ער זאָל איר געבן אַ קמע זי זאָל קיין זינדיקע חלומות נישט האָבן.

אויך דאָס גיין צום בעל־שם איז איר אָנגעקומען נישט גרינג. עטלעכע מאָל האָט זי זיך געפּעדערט, געזאָגט נעכען, אַז זי גייט זען איר מוטער און פונעם וועג צום בעל־שם האָט זי אָפּגעווייכט און אַוועק צו דער מוטער. זי האָט באַגערט די חלומות און געוואָלט די קמע. אירע נעכט זענען געוואָרן אומרויִקע. אירע חלומות — אַזעלכע וואָס זי האָט ביז דעמאָלט נישט געהאַט. אָט קלעטערט זי אויף אַ הויכער וואַנט, זי ווייסט נישט צוליב וואָס, נאָר דאָס וואָס זי ווייסט נישט איז אײַליק און וויכטיק. ווען זי דערגרייכט הויך, הויך, גליטשט זי זיך אויס און פאַלט אַראָפּ אין אַ תּהום. זי כאַפּט זיך אויף אין שווייס און דאָס האַרץ צאַפּלט אין איר, ווי אַ פויגל, וואָס אַ מענטש האָט געפאַנגען און האַלט אים אין ביידע הענט. לסוף האָט זי זיך נישט געקענט מער פּײַניקן און איז אַוועק צו זושע דעם בעל־שם.

זושע האָט געוווינט הינטער דער שטאָט, דאָרט ווו עס האָבן אַמאָל געוווינט די טאָטערן. אַז די טאָטערן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון בראָד זענען די הייזער געבליבן האַלבע חורבות. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז קיינער וווינט נישט אין די הייזער, נאָר טאָמער איז מען פאַרבייגעגאַנגען, זענען פון די חרובע הייף אַרויס־געלאָפן בייזע אויסגעדאַרטע הינט. די הינט זענען אַרויס מיט אַ בילעריי און גע־שטשירעט די ציין אויף אָנצופאַלן און אויף צו צערייסן, נאָר טאָמער האָט מען זיך אײַנגעבויגן צו נעמען אַ שטיין אויף צו פאַריאָגן זיי, זענען זיי אַנטלאָפן מיט אַ געאײַל, ווי מען וואָלט זיי געשלאָגן צום טויט. אויך דאָס הויז ווו זושע בעל־שם האָט געוווינט איז געווען אין דער העלפט אײַנגעזונקען אין דער ערד, מיט קליינע

נידעריקע פענצטערלעך, וואָס האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער דעם שטראָמען פאַרמאַכיקטן שטרויענעם דאַך, ווי אויגן קוקן אַרויס פון אונטער אַ קוטשמע.

זושע האָט אויפן פלאַץ, הינטערן הויז, אָנגעהאַקט האָלץ אויף צו הייצן ווינטער־צייט. מיט אַ לאַנגער האַק האָט ער געשפּאָלטן שטשאַפּעס און יעדן אַראָפּלאָז פון דער האַק אין האָלץ האָט ער באַגלייט מיט אַ שאַרפן „האַ!" נעבן אים, אויף אַ סטערטע שטשאַפּעס, האָט אַן אויסגעמאָגערטע ציג עקשנותדיק געריסן פייכטע שטיקער קאָרע און זיי געקייַט מיט פאַרזשמורעטע אויגן צו דער לעבלעכער זון. די ציג איז מיט אַ נישט־דערשלונגענעם שטיק קאָרע אַראָפּ פון געלענדער און אַנטקעגנגעגאַנגען זעלדען.

„מייַנע שׂונאים" — האָט זעלדע געזאָגט אויף דעם נישט פריינדלעכן קוקן אויף איר פון דער ציג.

זושע האָט אַראָפּגעלאָזט די האַק אין האָלץ אָן אַ „האַ!" און די שאַרף פון דער האַק איז געבליבן שטעקן אין האָלץ. דערנאָך האָט ער מיט דער אויסערלעכער זייט פון דעם גראָבן פינגער אַ ויש געטאָן אונטער דער נאָז, מיט אַ צווייטער ענלעכער באַוועגונג אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, געלאָזן זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

„גאָט־העלף, אישה".

„גאָט העלף, ר' זושע" — האָט זעלדע געענטפערט.

זושע האָט אַרויפגעצויגן די פלודערן אונטערן טוזליק און געפרעגט:

„צו מיר?"

„צו אייך, ר' זושע" — האָט זעלדע ווידער געענטפערט.

אָן ווייטער צו פרעגן האָט דער בעל־שם זיך פאַרנומען צו זיין הויז. ער איז געגאַנגען מיט שווערע געלאַסענע טריט, נישט אומקוקנדיק זיך, צי די אישה גייט אים נאָך. זעלדע איז אים נאָכגעגאַנגען.

ווי זיי זענען אַריבער די שוועל פון דעם פירהויז, אַזוי איז אַ העלפּט פון דעם טאָגליכט געבליבן אין דרויסן. און ווי זיי זענען אַריין אין דער קאַמער פון דעם פירהויז, איז דאָ געווען טונקל, ווי אין אַ שפּעטן בין־השמשות. צוויי גרויסע ווייַסע קעץ, מיט שוואַרצע לאַטעס, זענען אַראָפּגעשפּרונגען פונעם טיש און מיט אויפגע־שפּיזטע ווידלען מקבל־פּנים געווען דעם בעל־שם. זעלדע איז געבליבן שטיין בייַ דער טיר און אַרומגעקוקט זיך, אויסצוגעפינען ווו זי איז. די קעץ האָבן מיט בורטשעניש זיך געדרייט אַרום זושעס באַשטיוולטע פיס און אויך ער האָט עפּעס וואָס געבורטשעט, וואָס בלויז די קעץ האָבן פאַרשטאַנען דעם מיין.

נעבן אַ קליין מאַט פענצטערל, דורך וועלכן ס'איז אַריינגערונען אַ ביסל גרוילעך ליכט, האָט זיך זושע איינגעבויגן, מיטן אַרבל פון דעם טוזליק אָפּגעווישט אַ זעסל און געזאָגט:

„זאָל זיך די אישה זעצן דאָ".

אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלאָץ, וואָס איז געשטאַנען נעבן טיש, און געוואַרט ביז דאָס ווייב וועט זיך אַוועקזעצן. דער ריח פון מייַזנמיסט און

זויערן טייג האָט זעלדען פאַרהאַלטן ביי דער טיר. דאָס מילדע פּנים פון דעם בעל־שם און זיין רויִקייט האָט איינגעשטילט איר אומרו, און ווען ער האָט איבער־געחזרט: „זאָל זיך די אישה זעצן דאָ", אָנווייזנדיק מיט דער גאַנצער האַנט אויפן זעסל, האָט זי זיך דערנענטערט צו אים און זיך אַוועקגעזעצט. זושע האָט צוגערוקט צו זיך דאָס ספר, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, אַריינגעשטעקט די האַנט צווישן די בלעטער און געפרעגט:

„וואָס איז דער מער און וואָס ברענגט אייך צו מיר?"

זעלדע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אים נישט באַלד געענטפערט. זי האָט געטראַכט, צי זאָל זי אים אַלץ דערציילן, אָדער פאַרהוילן זאָל זי פון אים וואָס איר פּייַניקט. צום סוף האָט זי געזאָגט:

„איך וויל איר זאָלט מיר געבן אַ קמע עס זאָלן זיך מיר נישט חלומען קיין שלעכטע חלומות. קענט איר מיר געבן אַזאַ קמע, ר' זושע?"

די בורטשענדיקע קעץ האָבן זיך געדרייט אַרום זיינע פיס און מיט די אויפ־געשפּיזטע ווידלען אויך פאַרטשעפּעט אין זעלדעס קלייד. האָט זיך דער בעל־שם אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום פּיעקאַליק. פון אַ טאָפּ האָט ער אין אַ שיסל אַריינגעגאָסן אַ געדיכט טייגעכץ. די קעץ האָבן זיך מיט די פאָדערשטע פיס אָנגע־שפּאַרט אָן זיינע פיס. פון אונטער דעם פּיעקאַליק האָט ער געזאָגט:

„איך וועל אייך אָפּשפּרעכן די שלעכטע חלומות. אַ קמע אויף נישט צו האָבן חלומות שרייב איך נישט. אַ קמע נעמט צו די שלעכטע חלומות ווי די גוטע חלומות. דאָס איז אָסור. אַ מענטש חלומט — חלומט ער אַ מאָל גוטע חלומות און אַ מאָל חלומט ער שלעכטע חלומות. פון די גוטע חלומות איז דער מענטש נהנה בשעת־מעשׂה און אויך אויף דער וואָר, זיי גיבן חיות און זענען משׂמח ס'נפש. אָלאַ ס'פאַלט אַ מאָל אַ שלעכטער חלום, לאָזט מען זיך מיטיב חלום זיין פון דריַי אירע, וואָס האָבן האָלד און דאָס איז ווידער משׂמח ס'נפש".

„כ'האָב זינדיקע חלומות, בעל־שם!" — האָט זיך ביי זעלדען אַרויסגעריסן און זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום פענצטער, טאָמער וועט זי אויף אַ שיַיבל געפינען אַ ביסל פייכטקייט פאַר אירע פינגער, צו דערמאָנען גאָטס נאָמען.

„זינדיקע חלומות? — האָט זושע איבערגעפרעגט מיט זיין באַרויִקנדיקער שטים — זינדיקע חלומות? איז וואָס איז עס אַ באַוויַיז? אַ חוטא איז חוטא אויף דער וואָר, האָט ער נישט קיין זינדיקע חלומות; צו אַן אָפּגעהיטענעם מענטש קומען זיי ביינאַכט. דער יצר־הרע האָט נישט קיין שליטה אויפן בן־אָדם ביי־טאָג, בענדיקט ער אים ביינאַכט, אין חלום, גיט אים דעם טעם פון זינד. טאָמער וועט אים אָנשמעקן וועט ער די זינד אָפּטאָן אויך אויף דער וואָר און ער וועט אים, רחמנא־ליצלן אַריינשלעפּן אין גיהנום אַריין. דער יצר־הרע, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, פּרוּווט אַלע וועגן און פאַרטלען, די גלייכע ווי די קרומע, ווי די טאָטערן אויפן מאַרק, בכדי לסוף אָפּצונאַרן און אַריינגאַרן. וועל איך פאַר דער אישה

צוריכטן אַ גוטע קמע, וואָרום אַ שיין געשטאַלט האָט זי און אַ ווייב פון אַ שיין געשטאַלט איז פאַרן יצר־הרע, ווי אַ בלימל פאַר אַ בין; זי וועט עס נישט אָפּלאָזן ביז זי וועט פון דעם נישט אויסזויגן אַלע זאַפטן. די קמע דאַרף זי האַלטן אונטערן קישן אין די נעכט, ווען זי איז אָפּגעשיידט פון איר מאַן, דער יצר־הרע זאָל אויף איר קיין שליטה נישט האָבן און אויך נישט קיין קליפּה״.

„און די חלומות?״ — האָט זעלדע געפרעגט.

„זיך לאָזן מיטיב חלום זיין און געבן צדקה״.

„די זינדיקע חלומות?״ — האָט זעלדע נישט אָפּגעלאָזט.

איינע פון די קעץ איז אַרויפגעשפּרונגען אויף זושעס שויס. ער האָט זי גע־גלעט און זי האָט זיך געטוליעט צו אים און געבורטשעט פון הנאה. דער בעל־שם האָט צוגעלענט די אויגן און געזאָגט ווי ער וואָלט נישט גערעדט צו זעלדען:

„די זינדיקע חלומות? זאָל זי אים משדל זיין, ער זאָל זי פירהאָבן אין איר ריינער צייט אַזוי פיל מאָל ביז זי וועט נישט האָבן קיין גלוסטעניש בייטאָג; וועט זי נישט האָבן קיין זינדיקע חלומות ביינאַכט״.

דערנאָך האָט זושע געפרעגט זעלדען ווי איר מוטער הייסט און ווי איר מאַן הייסט און ער האָט מיט אַ קריידל פאַרשריבן אויף דער ברעט פון טיש ,זעלדע בת לאה אשת ר׳ וועלוול הנקרא בעלזער דריי מאָל אָפּשפּרעכן׳.

„דער אין הימל וועט העלפן!״ — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און זעלדע האָט אויפן טיש אַוועקגעלייגט אַ קופּערנע מטבע.

זייט יענעם מאָל איז זעלדע געקומען צום בעל־שם עפּטער. וואָרום די זינדיקע חלומות האָבן זיך פון איר נישט אָפּגעטאָן, נאָר געמאַטערט האָבן זיי זי אַפילו אויף דער וואָר; געמאַטערט מיט זינדיקייט און מיט תענוג. זי האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך צו דערציילן זושען אירע מחשבות בייטאָג, וואָס פירן צו די חלומות אין די נעכט. נאָר דערציילט האָט זי אים יאָ, אַז שוין יאָרן ווי זי לעבט מיט איר מאַן און קיין קינדער האָט זי אים נישט געבראַכט אויף דער וועלט, און איר האַרץ גייט אויס פון בענקעניש נאָך אַ קינד.

„ר׳ זושע — האָט זי געזאָגט — איך דערצייל אייך וואָס איך דערצייל נישט מיין אייגענעם פאָטער: די געדערעם טוען מיר ווי פון בענקעניש נאָך אַ קינד. יעדעס מאָל דאַכט זיך מיר: היינט וועט עס געשען און עס געשעט נישט. אויף דער צייט וואָס איך גיי צו אייך האָט זיך איי־ער ציג אָפּגעציקלט מיט דריי קליינע. אַ ווילד באַשעפעניש, וואָס טוט נישט קיין מיצוות און לויבט נישט דעם אין הימל. גאָרנישט. און מיר און מיין מאַן העלפט נישט דער הימל. נישט גע־שטראָפט ווערן זאָל איך פאַר מיינע רייד. מיין מאַן דאַווענט דריי מאָל אַ טאָג, טוט צדקה, לויבט דעם אין הימל און אַזוי אויך איך ביי יעדער ברכה. און ער הערט נישט מיינע תחינות. נאָר זינדיקע חלומות שיקט ער אָן אויף מיר אַז איך קען זיך נישט אַן עצה געבן מיט זיי ביינאַכט און זיי צערייסן מיך דערנאָך אין די טעג״.

„ש־ש־ש, ש־ש־ש, אישה, מען טאָר אַזוי נישט רעדן! — האָט דער בעל־שם צוגעלייגט אַ פֿינגער צום מויל — ער איז אַן אב רחום וחנום. די מאַמע שׂרה איז געווען אַ צדיקות, פֿון דעסטוועגן האָט הקדוש־ברוך־הוא זי געלאָזט וואַרטן. זי האָט שוין נישט געהאַט דעם שטייגער פֿון נשים און איז געוואָרן אַלט און איז געווען באַטאָגט ווי די אישה איז איצט, און דאָך האָט זי גאָט געהאָלפֿן, ווען אברהם און שׂרה זענען געווען אַלטע לייט".

„הלוואי מיין מאַן זאָל זיין ווי אברהם אָבינו" — האָט זעלדע געבעטן.

„ס׳שטייט אין דער הייליקער תּורה, אַז שׂרה האָט געלאַכט און נישט געגלייבט לאמר אַזוי צו זאָגן: ,נאָך די ביַיטיאָרן זאָל איך נאָך אַ מאָל יונג ווערן און דערצו נאָך איז מיין האַר אַלט?' האָט הקדוש־ברוך־הוא געגרימט און געהאַט טענות צו אברהמען: פֿאַר וואָס האָט שׂרה געלאַכט? ווי דער טייטש: פֿאַר וואָס איז זי אין ספֿקות? צי איז אַ זאַך פֿאַרמיטן פֿון הקדוש־ברוך־הוא? אין דער באַשטימטער צייט וועל איך ווידערקערן צו דיר ווי איצט און שׂרה וועט האָבן אַ זון. און גאָט האָט זי געהאָלפֿן און זי האָט געהאַט יצחקן. אַזוי וועט אויך די אישה געהאָלפֿן ווערן פֿון אים אין הימל".

זעלדע האָט פֿרום פֿאַרלייגט די הענט און געזאָגט שטיל, ווי אַ תּפֿילה:

„איַיערע ווערטער, ר׳ זושע, זאָלן דערגרייכן דעם הימל אין זכות פֿון אונדזערע צדיקים".

„כ׳ל טאָן אַלץ וואָס אין מיינע כּוחות" — האָט ר׳ זושע געזאָגט און געגלעט די קאַץ, וואָס האָט זיך געלאַשטשעט צו זיין פֿוס. פּלוצעם האָט ער זיך אויפֿגע־שטעלט, צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און אַ וויש געטאָן די פֿינגער איבער אַ שיַיבל נאָך אַ ביסל פֿייכטקייט. צוריקגעקערט צום טיש, האָט ער געעפֿנט דאָס פֿאַרגעלטע „ספֿר החסידים" און זייטיק צוגענענט דעם קאָפּ צו די דריבנע אותיותלעך. ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט פֿון ספֿר, האָט ער געזאָגט מיט אַ מאַט קול: „כּל מיני דיבוקים זענען פֿאַראַן, וואָרום פֿון קליפּות, קאַשעצן און ווילקאַליקעס קומען זיי אַרויס די דיבוקים. אַ קליפּה־דיבוק אין אַ מאַן איז קריעת־ים־סוף אַרויסצוטרייבן, דען אַ ווייבס־דיבוק אין אַ מאַן איז עס; אַזוי איז אַ ווילקאַליק־דיבוק אין אַ ווייב דאָס זעלבע שווער, דען אַ מאַן־דיבוק אין אַ ווייב איז עס רחמנא־ליצלן. זיי, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, אַז זיי זענען זיך מדבק מיט אַ ילוד־אישה, איז סכּנות־נפֿשות וואָס זיי צעטוען. איז טאָמער וועסטו האָבן אַ חלום היינט, צי מאָרגן, זאָלסטו, אישה, געדענקען און מיר דערציילן ווער ס׳איז אין חלום. טאָמער דערקענט מען אים און מען קען אים אָנרופֿן ביים נאָמען, איז אַמאָל מיגלעך אים צו פֿאַרטרייבן מיט השבֿעות און מיט שפּרוכן".

זעלדע האָט צוזאַמענגעדריקט די פֿינגער פֿון די הענט צו באַהערשן זיך און נישט דערציילן דעם בעל־שם, אַז זי ווייסט ווער עס איז אין אירע חלומות און ווי ער הייסט. דאָס קען זי אים נישט זאָגן.

זושע האָט אָנגעקוקט זעלדען מיט זיינע רויטלעכע אויגן מיט אויסגעצופּטע וויִעס, ווי ביי זיין ציג, און געוואַרט. ער האָט זיין בליק פֿון איר נישט אַראָפּגעלאָזט,

געוואָלט זי זאָל געבן לשון. זעלדע האָט געפּילט זיין בליק אין איר גאַנץ לייַב, ווי אַ ברי, וואָס אָט שטעכט ער אין פּנים און אָט שטעכט ער אין די בריסטן, און אָט בריט ער די שפּיץ פינגער. לסוף האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן צו אים און געזאָגט מיט אומרו:

„מאַטערט מיך נישט".

זושע איז געשטאַנען גאָר נאָענט צו איר, אַזוי נאָענט אַז זי האָט געפּילט זיין אָטעם אויף איר שטערן און דעם שוויס־ריח פון זיין טיזליק. זי האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט ווען ער האָט געפּרוווט מיט די הענט אַרומנעמען איר קאָפּ, און מיט די פּלייצעס זיך אָנגעלענט אָן דער וואַנט.

די נישט פּירגעבראַכטע דין־תורה

די השבעות און אָפּשפּרעכענישן פון זושע דעם בעל־שם האָבן קיין פּעולה נישט געהאַט. זעלדע איז מער געווען ביי איר מוטער ווי ביי זיך אין שטוב. ס׳האָט זי אַרויסגעטריבן פון איר אייגן הויז. לאה, די מוטער, האָט נישט געקענט צוזען דעם צער פון איר טאָכטער און איר איין מאָל געזאָגט וואָס אַ ייִדיש קינד טאָר פאַרן מויל נישט ברענגען. זי האָט איר געזאָגט, אַז נויט ברעכט אײַזן. אויב זי, זעלדע, האָט געטאָן אַלץ און זי ווערט נישט שוואַנגער, דאַרף זי אָווקנעמען די האַנט פון האַרצן און גיין צו אַ טאַטער, צי צו אַ ציגיינער, ער זאָל אָפּטאָן דעם כּישוף פון אירע געדערעם. ווערדליך דעם ווי זעלדע העשעט פון צער וואָלטן אַפילו קינדער אין די וויגן דערקענט, אַז עמעצער האָט איר אָפּגעטאָן אַ כּישוף, זי זאָל קיין קינדער נישט האָבן. נאָר איינער פון די לייט קען אויסגעפינען דאָס אָרט, וווּ עס זענען באַהאַלטן די כּישוף־האָר, אָדער אַ שטיקל פון דעם זוים פון איר קלייד.

אַלע יאָרן האָט לאה אָפּגעהיט ווי מען היט דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג צו פאַרברענען די האָר, וואָס בלײַבן אויף דער קאַם ווען די מיידלעך פאַרקעמען די האָר. וואָרום ס׳איז געגוג דרײַ האָר, כּדי אָפּצוטאָן כּישוף. אַזוי אויך פלעגט זי אַלע מאָל נאָכקוקן די זוימען פון די מיידלעכס קליידער, צי עס פעלט נישט אַ ברעקל. נאָר אַז זעלדע האָט חתונה געהאַט און אַוועק אויף אייגן באַלעבאַטישקייט, האָט לאה מער קיין אויג נישט געהאַט אויף אירע האָר, וואָס בלייבן אויף דער קאַם און אויך נישט אָפּגעהיט די זוימען פון אירע קליידער. כּדי צו זיין זיכער האָט לאה איין מאָל דורכגעקוקט אַלע קליידער אין זעלדעס קופער און נישט גע־פונען עס זאָל פעלן אַפילו אַ פאָדעם פון אַ זוים. נאָר וועגן די האָר איז זי געווען זיכער, אַז זעלדע איז נישט געווען געגוג אויסגעהיט, וואָרום ווען זי האָט דאָס לעצטע מאָל באַקוקט איר קאַם האָט זי אויף איר געפונען אַ בינטל האָר.

זעלדע האָט נישט געוואָלט הערן איר מוטער פון וועגן גיין צו אַ טאַטער. די זינדיקע חלומות מיט דעם רופא אליעזר זענען געקומען צו איר אַזוי אָפּט, אַז זי האָט שוין מער נישט געוווּסט, צי זי חלומט זיי ביינאַכט, אָדער אויך אויף דער וואָר. פון בענקשאַפט און קלעמעניש איז איר לײַב אײַנגעגאַנגען. איר פּנים איז געוואָרן בלייך, נאָר מיט צוויי פלאַמלעך אויף די שפּיץ באַקן, ווי ביי שלאָפע אויף אײַנדאַרעניש. און זי האָט געוויינט ווי אַ קינד.

איין מאָל, אַהיימקומענדיק פון גאַס, האָט וועלוול בעלזער געפונען זעלדען אַ וויינענדיקע. זי האָט אירע טרערן מער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן פון אים. ער האָט נישט געדאַרפט פרעגן פאַר וואָס זי וויינט. ער האָט געוווּסט. אָפט פלעגט

אים איר שלוכצן אויפוועקן ביינאַכט פון שלאָף, נאָר ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער שלאָפט ווייטער. אויך דאָס מאָל האָט ער געלאָזט זי זאָל זיך אויסוויינען און דערנאָך געזאָגט צו איר אַזוי:

„זעלדעניו, מיר דאַרפסטו גאָרנישט זאָגן. איך ווייס אַלץ. נישט פון היינט און נישט פון נעכטן ווייס איך. איך הער נישט אויף צו טראַכטן דערוועגן, אַז אַפילו איך וואָלט געווען אין דיין עלטער, וואָלט עס געווען פאַר מיר אַ זינד איך זאָל דיך נויטן צו זיין צו מיר אַ ווייב נאָך אַזוי פיל יאָרן, אויב גאָט האָט אונדז נישט געבענטשט מיט קינדער. בפרט איך בין שוין אַן אַלטער מאַן. דער בוים וואָס צײַטיקט נישט קיין פּירות בין איך. אַזוי האָט מיר געזאָגט נאָך מיט יאָרן צוריק רבי ישׂראל פון מעזשיבאָזש. זיינע ווערטער זענען ריכטיקע. ער איז אַ צדיק און ער קען די כּוונות פון הימל. דערום זאָג מיר דיין וואָרט, זעלדעניו, איך זאָל דיך פריי לאָזן, און איך וועל דיך פריי לאָזן, דו זאָלסט מיט אַ צווייטן מאַן חתונה האָבן און גאָט זאָל דיך בענטשן מיט קינדער, ווי אַלע ייִדישע טעכטער. איך וועל צו דיר קיין תּרעומות נישט האָבן. דו ביסט צו מיר אַ ווייב, וואָס דער מאַן גלוסט צו איר פון פרימאָרגן ביז אין דער נאַכט, נאָר דער הימל, זעט אויס, וויל נישט אונדזער זיווג".

ווערטער, וואָס זי האָט לאַנג געלעכצט צו הערן זיי, האָבן נאָך מער צעריסן איר האַרץ, ווען זיי זענען געזאָגט געוואָרן.

„פאַר וואָס, פאַר וואָס, מוז עס אַזוי זיין? — האָט זי געוויינט — צי איז נישט יעדער זיווג פון גאָט, אָדער שפּעט אויך ער פון לייט?"

„חלילה דיר, זעלדעניו. גאָט שפּעט נישט פון לייט. נאָר זיינע וועגן זענען פאַרבאָרגענע, און די סימנים וואָס ער גיט צום מענטש, זענען נישט אַלע מאָל צום באַנעמען מיטן מענטשלעכן שׂכל. טוט דער מענטש נישט לויט דעם רצון פון אים אין הימל, נאָר ער טוט ווי ער אַליין פאַרשטייט. דער מענטש געפינט זיך נישט אויס. ער בלאָנדזשעט. און איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, זעלדעניו... איצט ווייס איך עס אויף זיכער. איז אויב דו וועסט אויסקלייבן אַוועקצוגיין צוריק צו דיינע עלטערן — ניחא. איך וועל דיך חלילה נישט אַוועקלאָזן ליידיק, ווי דו ביסט געקומען צו מיר. איך האָב דיך אָראָפּגענומען פון בוים אַ בליִענדיקע און דו ביסט אין מיין הויז פאַראומערט געוואָרן. שאָקל נישט מיטן קאָפּ אויף ניין, זעלדעניו, איך ווייס עס גוט. אַ מאַנצביל רעדט נישט, וויינט נישט, נאָר דאָס האַרץ ווערט אים צעקלעמט. זאָג מיר דיין וואָרט און עס וועט זיין ווי דו וועסט וועלן. איך וועל דיר מיטגעבן די אַלע זאַכן וואָס דו האָסט זיך צוגעבונדן צו זיי דאָ אין הויז, דו זאָלסט קענען טאָן אַ גלייכן שידוך. נאָר טאָמער וועסטו נישט וועלן צוריקגיין צו דיינע עלטערן, איז אָסור אויב איך וועל דיך אַרויסטרייבן פון מיין הויז. דו ביסט מיר דערויף צו פיל אײַנגעבאַקן אין האַרצן. דו וועסט בלייבן אין מיין הויז ביז דו וועסט טאָן אַ שידוך. אויף דער צייט וועל איך אַוועקפאָרן. גאָרנישט האַלט מיך דאָ אין דער שטאָט. און דו וועסט אויף דיין ריכטיקן זיווג לאַנג נישט וואַרטן. ער איז אָנגעצייכנט פאַר דיר אין הימל".

איצט האָט זיך זעלדע מצער געווען פון וועלוולסליידן. ווי ער האָט גערעדט צו איר די ווערטער וואָס ער האָט גערעדט, האָט זי געפילט, אַז ער איז איר דער נאָענסטער מענטש אויף דער וועלט. נענטער פון איר מוטער און פון איר פאָטער. ווי קען זי אַזאַ נאָענטן מענטשן פאַרלירן? האָט זי געוויינט און געזאָגט דורך טרערן:

„ווען דו זאָלסט מיך שניידן מיט אַ מעסער, וואָלט עס מיר ווייניקער ווי געטאָן ווי עס טוען מיר ווי דיינע ווערטער. דיינע ווערטער טוען מיר נאָך מער ווי, ווייל ריכטיקע זענען זיי. איך האָב דיר נישט דערציילט, מיין מאַן, ווי שטאַרק איך גאַר צו האָבן אַ קינד. איך וויל נישט בלייבן קיין ליידיקע. איך שעם זיך פאַר יעדן ליכטיקן טאָג און פאַר יעדן מענטש, וואָס קומט מיר אַנטקעגן אין גאַס, אַז באַשאַפן בין איך אַ ווייב צו געבערן און ליידיק זענען מיינע געדערעם. נאָר איצט לאָז מיר, איך זאָל דורכטראַכטן אַלע דיינע ווערטער, זיי האָבן מיך צעטומלט. אפשר זאָל איך איבעררעדן מיט מיין פאָטער? ער איז אַ קלוגער מאַן. ווען איך טראַכט אַליין, קען איך עפּעס נישט דערטראַכטן ביזן סוף, נאָר ווען איך רעד פאַר עמעצן, איז ווי איך וואָלט געטראַכט אויפן קול".

„זעלדעניו, דער דאָקטאָר אליעזר איז אַ קלוגער מאַן. ער איז אונדזערס אַ גוטער פריינד. ער האָט דיך געהערט, נישט ווייניקער ווי ער האָט מיך געהערט. אפשר זאָלן מיר פאַר אים האָבן אַ דין־תורה?" — האָט וועלוול אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זעלדען און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן.

זעלדע האָט אירע אויגן צוגעלענט. זי האָט נישט געקענט אויסהאַלטן זיינע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט צער.

„איך וועל אים נישט קענען דערציילן וואָס עס טוט זיך אין מיר. ער איז אַ פרעמדער מאַן פאַר מיר. שטייט עס אָן אַ ווייב זאָל אויסגיסן איר האַרץ פאַר אַ פרעמדן מאַן?" — האָט זעלדע געפרעגט.

„איך וועל אים אַלץ דערציילן, זעלדעניו. און דו וועסט הערן. איך וועל רעדן צו אים פאַר מיינעטוועגן און פאַר דיינעטוועגן. אויב ער איז אין שטוב וועל איך אים פאַרבעטן נאָך אויף היינט אָוונט".

„פאַר וואָס אַזוי אײַליק?" — האָט זעלדע געפרעגט און חרטה געהאַט אויף דער שאלה.

ווי דאָס געמיט וואָלט זיך אים אויסגעלייטערט, האָט וועלוול געזאָגט וויקלענ־דיק איין האַנט אין דער צווייטער:

„אַ ייִד לייגט גאָרנישט אָפּ. קומט די צייט פון מינחה, טאָר ער נישט אָפּלייגן, אַז ער וועט זי דאַווענען נאָכן מעריב. אַז ס'קומט די צייט פון קריאת־שמע, טאָר ער נישט אָפּלייגן אויף אין דער פרי, נאָר ער זאָגט זי פאַרן שלאָפן גיין. נעכע!" — האָט ער פּלוצעם אויסגערופן.

די מויד איז אַריינגעלאָפן מיט אַ האַסט, ווי וועלוול בעלזער וואָלט זי געכאַפּט ביים אונטערהערן און ער וויל זי שטראָפן. באַצייטנס האָט נעכע געהאַלטן אַ שפּיץ

פון איר פאַרטוך פאַר דער נאָז גרייט אָפּצווווישן די טרערן, אויב זי וועט דאַרפן וויינען.

„גיי אַראָפּ אין קעלער און ברענג אַרויף אַ גרויסע פלאַש מעד, נאָר גיב אַכטונג זאָלסט נישט צעברעכן צוויי" — האָט וועלוול באַפוילן.

„מיינע שונאים זאָלן צעברעכן רוקן־און־לענד!" — האָט נעכע אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ פון פּלוצימדיקן כעס.

„פּראַווע זיך מיט דיינע שונאים אין הקדש און שעלט זיי נישט ביי מיר אין הויז! — האָט וועלוול זי געשטראָפט — וואָס האָב איך דיר געהייסן אַרויפברענגען פון קעלער?"

„אַ גרויסע פלאַש מעד!" — האָט נעכע געענטפערט אונטערטעניק.

„און וואָס נאָך האָב איך געזאָגט, געדענקסט?"

„כ'געדענק, האַר־לעבן. איך זאָל נישט צעברעכן צוויי פלאַשן מעד".

„אַזוי איז גוט — האָט וועלוול מיט אַ האַנט־באַוועגונג אָוועקגעשיקט די מויד — אַז דו וועסט הערן וואָס עס זאָגן גוטע לייט וועסטו באַקומען אַ גוטן מאַן".

נעכע האָט שוין אויף די ליפּן געהאַט אַ קללה, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם האַרס שטראָפּוווערטער און איז אַוועק אָן אויסצוגיסן איר האַרץ.

אין אָוונט איז אין הויז פון וועלוול בעלזער געווען חול־המועדיק. אַלע הענגלייכטערס אין דער סאַליע האָבן געברענט און די פלעמלעך האָבן פונאַנדערגעטראָגן אַ זיסלעכן ריח פון בוימל. אויפן טיש איז אויף אַ גרויסער צינערנער טאַץ געשטאַנען אַ רויטלעכע ליימפלאַש, ליאַמפּקעס און אַ געפלאַכטן קערבל מיט ניס — צוגעגרייטער כיבוד. פון ערגעץ ווו האָט דערגרייכט דער גערוך פון מילכיקן קוכן. ביים שאַכטישל זענען וועלוול און דער דאָקטאָר אליעזר געזעסן ווי פאַרטיפטע אין ספרים. נאָר ווי אליעזר איז געווען אַריינגעטאָן אין ראַטעווען אַ טורעם, וואָס וועלוול האָט אים באַדראָעט מיט אַ שפּרינגער, אַזוי האָט וועלוול געלויערט אויף אַ לייכטן נצחון. אויף אַ ווייל האָט ער אין גאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס ער האָט אויף דעם אָוונט פאַרבעטן זיין שכן. ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט זיין בליק פון אליעזרס פינגער, וואָס האָבן לייכט געציטערט פון צעגערניש פאַר דעם גורלדיקן צוג. דער שפּרינגער איז אָנגערייצט אַ שפּרונג צו טאָן, ווי אַ שטיראַקס, און חורב מאַכן דעם טורעם. דער טורעם איז פאַרלוירן. די שלאַכט גייט זיין אַ פאַרשפּילטע. וועלוול זינגט אונטער דער נאָז אַן אָפּגעריסענעם ניגון. ער גייט ווערן אַ בעל־נצחון.

ווי אַ פאַרלויפער אויפן מלחמה־פעלד, וואָס מיט זיין גבורה דאַרף ער ציִען נאָך זיך די אַרמיי אין קאַמף, שרייט אויס אליעזר:

„דער שפּרינגער איז פאַרלוירן!" און מיט צוויי פינגער הייבט ער אויף זיין טורעם און שטעלט אים איבער אויף צוויי פעלדער. די פּאָזיציע איז באַדראָעט פון וועלוולס אַ פויער, אָבער דער אויסגעשריי האָט אים צעטומלט און וועלוול ציט צוריק זיין שפּרינגער. אליעזר נעמט אַראָפּ וועלוולס פויער מיט זיינעם אַ פויער, אַן אומזיסטן קרבן.

„וואָס איז דאָ געשען?‟ — האָט וועלוול געריבן דעם שטערן.

„וואָס איז אַ נפקא־מינה, וואָס איז געשען? אַ מאָל ראַטעוועט מען זיך מיט כוח און אַ מאָל ראַטעוועט מען זיך מיט שׂכל‟ — האָט אליעזר געזאָגט אַ היפּש ביסל אין פאַרלעגנהייט.

דאָס געשעענע האָט צוריקגעבראַכט וועלוולען צו דערווירקלעכקייט. „שׂכל... כּוח...‛ — האָט ער געלופּטערט די האַנט אין דער הייך — „וואָס אַלץ דער מענטש האָט אויסגעטראַכט‟. ער האָט געמאַכט אַ צוג און ווייטער געטראַכט אויפן קול אָן דער ביטערניש וואָס אין די ווערטער:

„וויפל כּוח האָט דער שׂכל און וויפל שׂכל האָט דער כּוח? אייגנטלעך, ר' אליעזר, האָב איך היינט געוואָלט רעדן מיט אייך וועגן דער חולשות פון מענטשן‟.

אליעזר האָט אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ פון דעם שאָכברעט. ער האָט אין די אויגן פון זיין פריינד דערזען צעטומלעניש און ער האָט פּלוצעם פאַרשטאַנען פאַר וואָס וועלוול האָט אים איַיליק פאַרבעטן דעם זעלבן נאָכמיטאָג. ער האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַר דער שפּיל און זי צו נישט געמאַכט מיט אַ קורצער האַנט־באַוועגונג.

„עפּעס זענט איר מיר היינט קהלתדיק, ר' וועלוול. 'שׂכל', 'כּוח', 'חולשות'. דער בעל־בטחון האָט פאַרלוירן דעם בטחון?‟

„חלילה... טאַקע ווייל איך בין אַ בעל־בטחון זעען מיר אויס די אויסטראַכטע־נישן פון מענטשן אייטל. וואָס פאַר אַ זין האָט כּוח, אויב עס איז פאַראַן אַ נאָך גרעסערער כּוח. און וואָס פאַר אַ זין האָט שׂכל, אויב עס איז פאַראַן אַ נאָך חריפער שׂכל? — האָט וועלוול אויפגעהויבן די ברעמען צו דער סטעליע — דער כּוח־העילאי און דער שׂכל־העילאי, זיי, מיין פריינד, זענען די לעצטע פּוסקים‟.

אליעזר האָט צעפּירט די הענט אין אוממאַכט:

„אַנטקעגן זיי, ר' וועלוול, זענען מיר אוממאַכטיק, ווי קליינע קינדער. האָט איר אַמאָל געזען דאָס געהילץ פון אַ צעריסענער שיף אויף די וועלן פון ים? איך האָב עס געזען: אָט קלעטערט עס איבער די כוואַליעבערג פון דעם געוויטער און אָט ווערט עס דערטרונקען אין די טיפענישן פון ים. און באַלד ווידער באַוויזט זיך עס און איז ווידער איבער די כוואַליעס. איר פאַרשטייט נישט דעם זין פון אָט דער שפּיל...‟

„דאָקטער! — האָט וועלוול בעלזער אָנגעכאַפּט אליעזרס אָרעם — דאָס בין איך. איך ווער געטראָגן איבער די כוואַליעבערג פון ים־געוויסער און איך ווער דערטרונקען אין זיינע טיפענישן און ווידער אַרויסגעוואָרפן. איך פאַרשטיי נישט, פאַר וואָס שפּילט ער זיך מיט מיר? וואָס וויל ער פון מיר? וואָס איז דער זין פון דעם אַלעם?‟

וועלוול האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום טיש און פון דער ליימענער פלאַש אָנגעגאָסן מעד. דער בורשטין־פאַרביקער געטראַנק האָט אויפגעכאַפּט דאָס ליכט פון אַן אַנטקעגנאיבערדיקן קאַנדעלאַבער און עס צוריקגעשלאָגן מיט יום־

טובדיקייט. וועלוול האָט איין ליאַמפּקע דערלאַנגט דעם גאַסט און די צווייטע גענו־מען פאַר זיך:

„האָט נישט פאַראיבל, דאָקטער, איך האָב זיך אויף אַ רגע פאַרלוירן און גערעדט ווי אַן אישה".

„דורך דער אישה באַשאַפט גאָט דעם מענטש!" — האָט אליעזר אויפגעהויבן די ליאַמפּקע פאַר זיינע אויגן, ווי ער וואָלט אַריינגערעדט אין דער בורשטין־פליסיקייט.

„איר זענט אַ פּיקח, דאָקטער. האָב איך היינט געוואָלט רעדן מיט אייך, ס'הייסט הערן אייַער אַן עצה, וואָס איז נוגע מיך און מיין זעלדעניו".

„איך האָב עס געוווּסט נאָך איידער איר האָט געשיקט צו מיר די מויד" — האָט אליעזר נאָך אַלץ געהאַלטן די ליאַמפּקע מיט מעד פאַר זיינע אויגן.

„ווי אַזוי?" — האָט וועלוול אויפגעהויבן די ברעמען.

„ס'איז פאַראַן אַ לשון צווישן מענטשן אַן ווערטער און אויף מרחקים, אויב צווישן די מענטשן איז פאַראַן אַ קשר פון מחשבה. איך וואָלט זיך געוווּנדערט, ווען די מויד זאָל נישט האָבן געקומען צו מיר דעם נאָכמיטאָג. ווען איך האָב צוגעכאַפּט ביי אייך דעם שפּרינגער דורך אחיזת־עינים, האָב איך עס געטאָן, כדי אייך אַרויסצושלאָגן פון דעם וואָס אייך העמט".

„זענט איר גאָר אַ בעל־שם? אַ צדיק?" — די ליאַמפּקע מיט מעד האָט געציטערט אין וועלוולס האַנט.

„לחיים! — האָט אליעזר אויסגערופן — אַ שאָד דער מעד זאָל ליגן אין דער ליאַמפּקע אָן אַ תּיקון".

„לחיים!" — האָט וועלוול נאָכגעזאָגט און נישט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק פון זיין גאַסט.

„גוטער מעד. אַלטער, הע? — האָט אליעזר זיך פאַסמאַקעוועט — נו, איך בין נישט קיין בעל־שם און נישט קיין צדיק, נאָר אַ בעל־נסיון בין איך יאָ. זענען פאַראַן זאַכן וואָס איך הער זיי פון דער ווייטנס, ווייל איך פיל זיי פון דער ווייטנס..."

„ווייסט איר אַלץ וועגן מיר און מיין זעלדעניו?" — האָט וועלוול זיך צוריק־געזעצט נעבן דעם שאַכטישל.

„נישט אַלץ. נאָר איך ווייס, אַז דאָס וואָס זי האָט אייך נישט געגעבן קיין קינדער פאַראומערט אייך און איר דאָס לעבן. איר פילט זיך שולדיק פאַר איר, פאַר אירע עלטערן, פאַר לייטן... כ'ווייס עס נאָך פון דעמאָלט ווען איך בין געווען אייַער אורח צום ערשטן מאָל אין דער סוכּה".

„יאָ, דאָקטער. איר ווייסט אַלץ. איך וויל איר געבן אַ גט און זאָל איר גאָט העלפן מיט דעם, וואָס איז איר אויף אַן אמת באַשערט".

אליעזר האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאָסן אין זיין ליאַמפּקע מעד און אים אויסגעטרונקען מיט איין מאָל:

„מעג איך פרעגן, ר' וועלוול, צי איר האָט מיט אייַער ווייַב גערעדט דערוועגן?"

„זי ווייסט אַפּילו, אַז איך האָב געשיקט צו אייך די מויד, איר זאָלט אַרויפֿ־קומען צו מיר, מיר זאָלן דערוועגן רעדן — האָט וועלוול געזאָגט שטיל — זאָל איך זי אַריינרופֿן?"

„ניין — האָט אליעזר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איך בין נישט קיין רבֿ, קיין בעל־שם, קיין צדיק. מיר רעדן ווי פֿריינד, נאָר די מסקנא דאַרפֿט איר אַליין מאַכן צווישן זיך, איר און אײַער ווײַב. וואָס איר באַנעמט מיטן שׂכל, באַנעמט זי מיטן האַרץ. ס'איז אַלץ איינס. אויב מען רעדט וועגן דער זעלבער זאַך אויף צוויי לשונות, רעדט מען וועגן דער זעלבער זאַך..."

„איך וואָלט געוואָלט זי זאָל הערן אײַער וואָרט, דאָקטער" — האָט וועלוול געבעטן.

„איך בין אַ רופֿא פֿון לײַב און נישט פֿון נפֿש — האָט זיך אליעזר געווערט — צו וואָס פֿאַר אַ מסקנא איר זאָלט נישט קומען, מוז עס זיין נאָר אײַער אייגענע, איר זאָלט שפּעטער קיין תּרעומות נישט האָבן צו קיינעם. וואָס איך וויל אייך זאָגן, און דאָס בלויז פֿאַר אײַער וויסן, ר' וועלוול, איז דאָס, אַז אויב איר האָט מיט דרײַ ווײַבער קיין קינד נישט געהאַט, איז די סיבה נישט געווען אין די ווײַבער. אַ רופֿא קען דאָ גאָרנישט העלפֿן, און אויב דער הימל האָט ביז איצט נישט געהאָלפֿן, זע איך נישט אַז די צייט זאָל עפּעס ענדערן צום גוטן".

וועלוול בעלזער האָט שפּילנדיק זיך מיט די שאַכפֿיגורן זיי אַלע אומגעלייגט, אויסגעמישט, און געזאָגט ווי צו זיך אַליין: „איר זאָגט, אַז איר זענט אַ רופֿא פֿון לײַב און נישט פֿון נפֿש. קען מען דען אָפּטיילן דעם נפֿש פֿון לײַב, דאָס לײַב זאָל בלייבן לעבן? אין דער אמתן זענט איר אויך אַ רופֿא פֿון נפֿש. זאָגט נישט ניין, דאָקטער אליעזר" — און זאָגנדיק אַזוי האָט זיך וועלוול אויסגעדרייט, געעפֿנט די טיר צו זעלדעס אַלקער און גערופֿן:

„זעלדעניו, זײַ אַזוי גוט און זאָג די מויד, זי זאָל אונדז דערלאַנגען טעפּלעך הייסן לאַקרעץ".

„באַלד, וועלוולשי" — האָט זיך געהערט זעלדעס ווייטלעכע שטים.

אַזוי שנעל ווי זיי האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך וועגן אַ גט, האָט זיך זעלדע מצער געווען אויף די ליידן פֿון איר וועלוולען. ער איז איר געוואָרן נענטער ווי נעכטן און אייערנעכטן. זי האָט מורא באַקומען פֿאַר דעם טאָג ווען ער וועט איר געבן אַ גט. אָט אין יענע טעג זענען פֿון איר שלאָף אַרויס אַלע זינדיקע חלומות. זי האָט בכלל נישט געחלומט, נאָר דער שלאָף איז געווען אַ קנויל פֿון פּיין. זי האָט זיך אויפֿגעוועקט אין שווייס און אין אַנגסטן. צי וועט זי עס איבערלעבן? טאָמער איז איר געקומען אויפֿן רעיון דער דאָקטער אליעזר, האָט זי דעם רעיון געפּרוווט פֿאַרטרייבן און פֿון אַנשטרענגונג האָט זיך איר לײַב באַדעקט מיט שווייס. אין אַזעלכע רגעס האָט זי זיך אַרומגעקוקט, צי זי איז אַליין; צי די מויד קוקט

נישט אויף איר. װעלװל, װידער, האָט זיך מאַנצביליש אָפּגעשלאָסן אין זיך. נישט געװען אױף אים צו דערקענען די מינדסטע ענדערונג. אין הויז האָט זיך אויסער־לעך געביטן נאָר דאָס, װאָס פֿון דעם בוידעם זענען אַראָפּגעבראַכט געװאָרן די שװערע לעדערנע טשעמאָדאַנעס, װי אַן אָנזאָג, אַז ער גרייט זיך אויף אַ װייטער נסיעה.

אין די טעג האָט װעלװל עפּעס פֿאַרבעטן צו זיך דעם דאָקטאָר אליעזר. „אַ פּאַרטיע שאַך — האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט — װערט נישט פֿאַררעכנט פֿאַר ביטול־זמן״. נאָר פֿון דער פֿריִערדיקער לוסטיקייט ביים שאַכטישל איז גאָרנישט געבליבן. װעלװל האָט לענגער געזוכט אַ װעג פֿאַר זיינע פֿיגורן, װי ער װאָלט גע־בלאָנדזשעט אויף װעגן, װאָס ער קען זיי נישט. אַפֿילו װען ער האָט דעם דאָקטער מכבד געװען מיט אַ שמעק טאַביק, האָט אליעזר דעם טאַביק גענומען מיט צװיי פֿינגער, פֿאָרזיכטיק געשמעקט צו אים, כּדי נישט צו דאַרפֿן טאָן אַ שאַרפֿן נאָס. זעלדע האָט זיך זעלטן װען באַװיזן. דעם כּיבוד האָט עפּעס אַריינגעבראַכט נעכע, די מויד, און זי האָט קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן צוצוגעבן, אַז די האַרינטע האָט איבערגעבעטן, זי האָט קאָפּװייטיק...

אין טאָג פֿונעם גטן זיך האָט זיך װעלװל אויפֿגעהויבן אַ סך פֿריִער װי אַלע מאָל. אין דרויסן איז נאָך געװען פֿינצטער. ער, װי זעלדע, זענען די נאַכט נישט געשלאָפֿן. כאָטש ביידע האָבן געװוּסט פֿון זיך, אַז זיי שלאָפֿן נישט, האָבן זיי צװישן זיך קיין װאָרט נישט אויסגערעדט. ביידע האָבן מורא געהאַט פֿאַר אַ פּתחון־פּה, װי דאָס ערשטע װאָרט, װאָס איינער װעט אויסרעדן, װעט זיין װי דאָס עפֿענען אַ פֿאַרצוימונג פֿון אַן אָנגעטראָגענעם טייך — די װערטער װעלן זיי ביידע פֿאַר־שװענקען. איז װי נאָר די הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען אויף טאָג, אַזוי איז װעלװל אַראָפּ פֿון געלעגער, אָפּגעגאָסן די נעגל און זיך אָנגעטאָן אין אײַלעניש. ערשט אַז ער איז שוין געשטאַנען מיטן טלית־און־תּפֿילין אונטערן אָרעם, האָט ער געזאָגט טרוקן, װי צו קיינעם נישט, װיסנדיק אַז זעלדע הערט אים:

„װעסט קומען צום רב װי אָפּגערעדט; איך װעל אַהין קומען פֿון קלויז. מען דאַרף נישט אָנפֿילן לייטנס מיילער״.

„װעסטו נישט קומען פֿריִער נעמען אַ גלאָז װאַרעמס נאָכן דאַװענען?״ — האָט זעלדע געפֿרעגט.

„ייִדן האָבן אויך יחידישע תּעניתים״ — איז געװען זיין ענטפֿער און ער איז אַװעק.

װי נאָר װעלװל האָט פֿאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, איז זעלדע אַראָפּ פֿון בעט און אין דער פֿינצטער געגאַנגען אין דער גרויסער קאַמער, װוּ עס זענען געשטאַנען פֿאַרפּאַקט די טשעמאָדאַנעס. זי האָט זיי באַרירט מיט די פֿיס, װי אָרונס. אין די פֿענצטער האָט זיך אַריינגעבראָכן דער טאָג. די שויבן זענען געװען פֿאַרלאָפֿן. מיט די שפּיצן פֿינגער האָט זי אַ װיש געטאָן די פֿײַכטקייט און זיך פֿאַרהאַלטן אין דער מיט פֿון דער באַװעגונג, װי זי װאָלט מורא באַקומען, אַז פֿון די אַנטקעגנ־איבערדיקע פֿענצטער װעט זי עמעצער דערזען.

די אָפּגעווישטע טויפּאָסן אויף דער שויב האָבן אָנגעהויבן רינען, אין די שויבן איז געוואָרן העלער. די נאַכט ווייכט, וואָס זי גייט אַוועק — איז זעלדען איינגעפאַלן — אַלץ אויף דער וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן, ליידט און פריידט זיך. אויך די נאַכט און דער טאָג. מיט דער גאַנצער האַנט האָט זי צעווישט די פייכטקייט אויף דער שויב און זיך צוריקגעצויגן אין דער קאַמער. זי האָט געפילט קעלט אין די גלידער און זיך אַליין אַרומגענומען מיט אירע אָרעמס. זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ צו איר אייגן לײַב אַריינצואָטעמען די וואַרעמקייט פון איר בוזעם.

אַ שטאַרקער קלאַפּ מיט דער טיר האָט זי אַרויסגעשלאָגן פון דער רגע געמיט־שטילקייט. ס'איז געווען די דינסטמויד נעכע, וואָס האָט זיך אַריינגעטראָגן אין הויז מיט צוויי שווערע קוישן אָנגעהאָנגען אויףביידע אָרעמס. ווי די קוישן וואָלטן געווען אָנגעפילט מיט ווערטער, האָט נעכע, גלייך ווי זי האָט דערזען זעלדען, אָנגעהויבן אויסשיטן אַ פלייץ פון לשון געמישט מיט קללות און מיט אַ קנאַקן מיט דער צונג:

„אָדער ער וועט מעך נעמען, אָדער די ניכפּה וועט עם נעמען. וואָס זשע מיינט ער, כ'על זאַן ממזר טראָגן אונטערן פאַרטעך? טראָגן וועט מען עם אויפן גוטן אָרט איידער עכ'ל טראָגן פון עם...״

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די קוישן, פון איינעם אַרויסגעכאַפּט אַ לאַבן ברויט און אים געוויזן זעלדען, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר־ראָם און זיך מיט ביידע הענט פאַרשטעלט די אויערן.

„נעמען זאָל מיינע שׂונאים ס'קדחת וואָס פאַר אַ ברויט זיי האָבן היינט אויסגעבאַקן. פון בעסערן ליים קנעט מען ציגל פאַר פּאָטאָצקיס פּאַלאַץ. ווער וועט נעמען אין מונד אַזאַן אומגליק!?״

„שששששש, שוויג, שוויג!״ — האָט זעלדע געבעטן און זיך נאָך אַלץ מיט די הענט פאַרשטעלט די אויערן נישט צו הערן אירע קללות.

מיט אַ שעה אָנדערטהאַלבן שפּעטער האָט זעלדע אַריבערגעשפּאַנט דעם רינג־פּלאַץ, זיך אַריינגעלאָזט אין די הינטערגעסלעך, אויסגעמיטן מענטשלעכע אויגן — זי איז געגאַנגען ווי אָן אַ ציל. דער ציל איז געווען אַ סך נענטער ווי זי איז געגאַנגען, נאָר זי האָט געמאַכט אַן אומוועג, לייטישע אויגן זאָלן נישט זען, אַז זי מיינט דאָס הויז פונעם רב אויף דער שולגאַס. זי האָט מורא געהאַט פאַר דעם וואָס דאַרף געשען, כאָטש איר האַרץ האָט געצאַפּלט, עס זאָל געשען וואָס שנעלער, זי זאָל „עס״ איבערגעקומען.

אין הויז פונעם רב איז זי אַריינגעפאַלן צווישן אַ מנין ייִדן, געשפּאַנטע, מיט האַסט קוקנדיקע אויגן, און איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלע האַלטן צוליב עפּעס אויפגעהויבן די הענט. אין אַ זייט איז געשטאַנען איר וועלוול, מיט אַ בלייך פאַר־ווירט פּנים. זעלדע האָט זיך דערנענטערט צו אים. זי האָט מורא געהאַט פאַר די

פרעמדע ייִדן, פֿאַר זייערע הענט, גרייטע צו עפּעס וואָס זי ווייסט נישט וואָס און זי האָט געמיינט אין וועלוולען צו געפֿינען שוץ. נאָר שוין זענען צוויי ייִדן געשטאַנען צווישן זיי און פֿאַרשטעלט פֿון איר דעם וועג צו דעם וואָס איז נאָך געווען איר מאַן. זי האָט זיך צוריקגעצויגן הינטערוויילעכץ, זיך אָנגעקלאַפּט מיטן רוקן אין דער וואַנט און זיך דערשראָקן.

„זאָל די אשה גיין פֿון יענער זייט טיש" — האָט איינער געזאָגט מיט אַ פֿאַרוואָלקנט קול און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער הויך. זעלדע האָט נישט געוווּסט ווו צו גיין און נאָך אַלץ געקוקט אויף וועלוולען, וואָס זיינע אויגן זענען געווען פֿאַרווירט, ווי עס זענען געווען אירע. זי האָט אַפֿילו נישט געוווּסט ווי אַזוי זי איז געקומען צו דער צווייטער זייט טיש און וואָס אַרום איר געשעט. נאָר ווען וועלוול האָט אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט מיט דעם פֿאַרמעטענעם כּתב פֿון גט און דער רב האָט איר מסביר געווען, אַז פֿון דער רגע אָן, ווי זי האָט אָנגענומען דעם גט מיט אירע הענט, איז זי אַ פרעמדע צו דעם, וואָס איז געווען איר מאַן, האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען די ווערטער. זי איז צוריקגעלאָפֿן און אַרויפֿגעפֿאַלן אויף וועלוולס ברוסט מיט אַ געיאָמער: „הלוואַי וואָלט איך בעסער געשטאָרבן!"

דער רב איז אויפֿגעשפּרונגען; די לייט מיט די האָסטיקע אויגן האָבן מיט אויפֿגעהויבענע אָרעמס זיך פֿאַרשטעלט די אויגן, ווי אַ גרויסע סכּנה וואָלט אויף זיי אַראָפּגענידערט.

„וועלוול בעלזער! די וועלט איז נישט הפקר!" — האָט דער רב אויסגעשריגן און די בלייכע שטיקלעך פּנים פֿון צווישן זיין באָרד זענען רויט געוואָרן.

וועלוול, אַ טויט־בלאַסער, אַ פֿאַרלוירענער, ווי אַן אומבאַהאָלפֿן קינד, האָט שטאַר אַריבערגעקוקט איבער זעלדעס קאָפּ, וואָס איז געלעגן אויף זיין ברוסט, און זיך נישט גערירט פֿון אָרט. זיינע אַראָפּגעלאָזטע הענט האָבן מיט ציטערנדיקע פֿינגער־באַוועגונגען געזוכט אַ שטיץ און נישט געפֿונען. פּלוצים האָבן אים פֿאַרלאָזט די כּוחות. אַ מוראדיקער זעץ אין טיש האָט אים צוריקגעבראַכט צו די קלאָרע רעיונות:

„פֿראַוועסט פּריצות ביי מיר אין הויז, וועלוול בעלזער!" — האָט דער רב אויסגעשריגן אַ צווייט מאָל, אין דער מיט פֿון דעם געשריי האָט ער זיך פֿאַרהאַקט, פֿאַרענדיקט מיט אַ קריי און הייזעריק געוואָרן. ער האָט מער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען פֿון מויל.

וועלוול האָט אַראָפּגענומען זעלדעס הענט פֿון זיינע אַקסלען און זי אָפּגעשטופּט פֿון זיך. ווי ער האָט זי אָפּגעשטופּט, האָט ער אַליין זיך צוריקגעצויגן הינטער־וויילעכץ און מיט די הענגען־געבליבענע הענט זיך געשיצט פֿון איר. ער האָט פֿאַרלאָזט דעם רבס הויז ווי אַ פֿאַרטריבענער. זעלדע האָט אים נאָכגעאיילט, כּמעט געלאָפֿן, כּדי זיך אויסצוגלייכן מיט אים. אָבער אין זיינע אויערן האָט נאָך גע־הויערט דעם רבס אויסגעשריי און ער איז אַוועק מיט שנעלע און לאַנגע שפּרייזן. ערשט ווען ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן, כּדי זיך פֿונאַנדערצוקלייבן אין דער ריכטונג, וואָס ער האָט אין צעטומלעניש פֿאַרלוירן, האָט זי זיך אויסגעגלייכט מיט אים.

ער האָט פֿאַרשטשעמעט די ליפּן. אַ ווייטיק פֿון רחמנות צו זעלדען האָט אים פֿאַר־קלעמט דאָס האַרץ. אין יענער רגע איז זי געווען אַ סך נידעריקער, ווי זי איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. אַ קינד איז געשטאַנען נעבן אים, אַ קינד מיט גרויסע פֿאַרלאָפֿענע אויגן און זי פֿרעגט מיט אַ פֿאַרשטיקט קול:

„וועסטו איצט אַרויפֿגיין אין שטוב נעמען עפּעס וואַרעמס?"

ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ קנויל אין האַלדז און געענטפֿערט שטיל:

„האָסט געהערט דעם רבס געשריי? מען טאָר נישט".

„וועלוולשי, דו זאָלסט אַזוי רעדן? דו? — האָט זי איבערגעפֿרעגט — די מויד איז אין שטוב; מיר וועלן נישט זיין אַליין".

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און אָנגעהויבן גיין און זי האָט נאָכגעאײַלט מיט אַ פֿאַרשנעלערטן טריט און זיך מיט דער ברוסט אָנגעשלאָגן אין זיין אָרעם. פֿון דער באַרירונג האָבן זיך ביידע דערפֿילט אַזוי נאָענט צו אייננאַנדער, אַז ער האָט זיך מיט דער האַנט אָנגעכאַפּט ביים שטערן, געבליבן שטיין און געפֿרעגט:

„וואָס טוט זיך מיט מיר? זעלדע, איך דערקען זיך נישט. איך בין אַלט געוואָרן".

זי האָט ביידע אירע פֿאַרפּויסטע הענט צוגעדריקט צו איר ברוסט און געבעטן ביי אים:

„שטאַרק זיך, וועלוול, ביידע דאַרפֿן מיר זיין שטאַרק. קום אַהיים. האָסט נאָך היינט קיין ביסל וואַסער אין דיין מויל נישט געהאַט".

„וועלוול בעלזער איז אַלט געוואָרן — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין — וועלוול בעלזער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר ז י י ".

„קום אַהיים. דאָס אַלץ אויפֿן ניכטערן האַרץ. דאַרפֿסט היטן דיין געזונט פֿאַר דער נסיעה".

ער איז געגאַנגען פֿאָרויס און זי האָט זיך בכּיוון געהאַלטן הינטער אים, נישט אַרויסצורופֿן אין אים קיין ווידערשטאַנד. אַזוי שנעל ווי זי איז געווען זיכער, אַז ער גייט אין דער ריכטונג אַהיים, האָט זי זיך נאָך מער אָפּגעהאַלטן, אירע טריט זענען געוואָרן געלאַסענע, פֿאַרזיכטיקע, ביז זי האָט געזען אַז ער איז אַריין אין הויז. איז זי אים נאָכגעלאָפֿן און אים דעריאָגט ביי דער טיר. די מויד האָט געעפֿנט די טיר און דערזעענדיק די פּנימער פֿון וועלוולען און זעלדען, האָט זי מיט די נעגל זיך איינגעגעסן אין די באַקן און אויסגעשריגן:

„אוי, ווינד און ווי איז צו מיינע יאָר וואָס איך האָב דאָס דערלעבט. כ'האָב געדאַרפֿט בעסער אויסרינען פֿון מיין מאַמעס בויך, איידער מיינע אויגן זאָלן דאָס צוזען!"

„באַוויין אונדז נישט! — האָט זעלדע אויסגערופֿן — ס'איז נישט קיין רחמנות אויף אונדז!"

וועלוול האָט געשוויגן. ער האָט אויסגעמיטן די מויד און איז אַריין אין דער גרויסער קאַמער, ווו אויפֿן דיל זענען געשטאַנען די טשעמאָדאַנעס, ווי אָרונס. זעלדע האָט אַוועקגעשטופּט די מויד און געאײַלט אין דער קיך:

„האָסט נישט אויפגעבריט די מילך?!" — האָט זי געפרעגט מיט אַ קלאָר קול, די מויד זאָל זיך נישט באָרען אין איר געמיט.

אַליין האָט זי צוגעגרייט דעם אָנבייסן און אים אַריינגעטראָגן אין דער קאָמער צו וועלוולען. ער איז געזעסן אָן דער זייט פון דעם שאַכטישל. דער שוואַרצער מלך איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. מיט צוויי פינגער האָט ער אָן צו טראַכטן אַפילו איבערגעטראָגן אַ לויפער, דערנאָך אַ פויער און מיט די צוויי פיגורן זיך אַליין געגעבן מאַט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. פון דעם גאַנצן אָנבייסן האָט ער אויסגעטרונקען נאָר די מילך און געזאָגט אייליק:

„כ'וועל צוגיין זען וואָס איז מיט דער בויד קיין יעראָסלאַוו, דער באַלעגאָלע זאָל מיר אַראָפּנעמען די טשעמאָדאַנעס".

„געדענק אָן זיך, וועלוול" — האָט זי געזאָגט און פאַרבראָכן די הענט.

ער איז איר פאַרבייגעגאַנגען און אַוועק.

פון זעלדעס אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. די טרערן האָבן זיך אַראָפּגע־קייקלט צו די מוילווינקלען און זי האָט זיי נישט אָפּגעווישט. זי האָט געוויינט שטיל די מויד זאָל איר געוויין נישט דערהערן, זי זאָל נישט רחמנות האָבן אויף איר.

נעכע די מויד רופט דעם דאָקטער

נעכע די מויד האָט נאָכגעשנאָרקעט דאָס צוזאַמענלעבן פון אירע האָרן און עס אָנגעפּאַסט אויף איר אייגענער דאָליע. אַז זעלדע פלעגט איר אַוועקשענקען אַן אַלט קליידל, צי אַ יופּקע, האָט זי זיך אָנגעטאָן אין דעם, זיך געשפּיגלט און שטיל זיך געווונטשן: „נאָר מיט אַ בעסער מזל".

כאָטש נעכע האָט זיך געיִחוסט דערמיט וואָס זי דינט ביי ר' וועלוול בעלזער, האָט זי פון דעסטוועגן געטראָגן אויף איר האַר אַ שווער האַרץ, הלמאַי זעלדע האָט נישט קיין קינדער. אין דער פרי, ביים פאַרבעטן די געלעגערס, האָט זי געקוקט דאָ אויף דעם ליילעך פון זעלדעס בעט און דאָ אויף דעם ליילעך פון לייבלס בעט און מיט ביטערניש געשאָקלט מיטן קאָפּ: „נ'ווי און ווינד". אַלץ וואָס זי האָט געטראַכט וועגן דעם אַלעמען האָט זי אויסגעלאָזט צום קאָפּ פון איר יונג, סנדר יתום. זאָל זי אים נאָר מערטשעם אַרונטערבאַקומען אונטער דער חופּה און זי וועט אים שוין אָנלערנען פאַר אַלע צייטן...

סנדר יתום איז סיי ווי געווען אַן אָנגעשראָקענער. אין הויז פון וועלוול בעלזער, צו דער מויד, פלעגט ער זיך אַריינשאַרן ווי אַ שאָטן. נעכע פלעגט, ווי אַ חיה, דערפילן זיין אָנקומען און באַצייטנס עפענען די טיר, טשאַטעווען אויף אים, און ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן, האָט זי אים אַריינגעשטופּט אין דער קיך. פון פריִער האָט זי שוין געהאַט פאַר אים אָנגעגרייט רעשטלעך פון די מאכלים וואָס עס האָבן געגעסן די האָרן. זי האָט די רעשטלעך פון די מאַכלים אויסבאַהאַלטן אין די פאַנען אויף די ווענט, אין די טיפע טאָרבע־קעשענעס פון איר אונטערקלייד און ווו נאָר זי האָט געקענט פאַרשטעקן, די שטוביקע מייז זאָלן זיך צו דעם נישט צובאַקומען.

פון אָנגעשראָקנקייט פלעגט סנדר מאַכן אַ ברכה איבער יעדן כּזית פלייש, וואָס נעכע האָט אים אונטערגערוקט איינס נאָכן אַנדערן, איבער יעדן שטיקל ברויט, און אים צוגעאײַלט ער זאָל אַראָפּשלינגען שנעל, איידער די האָרינטע קומט אַריין. תּמיד, ווען זעלדע פלעגט אַריינקומען אין דער קיך און אויב נאָר זי האָט געטראָפן סנדרן, איז ער געשטאַנען אַ צעשראָקענער מיט אַ פּאָר פרומע שאָפּענע אויגן, די שיטערע בלאָנדע גאָמבע־האָר, וואָס האָבן געדאַרפט זיין און נישט געקענט צוליב עפּעס ווערן אַ באָרד, האָבן געציטערט פון פורכט. זעלדע האָט רחמנות געהאַט אויף אים און באַלד געזאָגט צו נעכען:

„אַזוי זאָרגסטו פֿאַר דיין חתן; לאָזט אים אַ הונגעריקן? וואָס וועט זיין נאָך דער חתונה?"

האָט נעכע זיך באַלד תּמימותדיק פֿאַרענטפֿערט:

„ס'איז דען עפּעס מיינס, איך זאָל אים דערלאַנגען".

האָט איר זעלדע געגעבן רשות אָפּצופּרעגלען אַ פֿיינקוכן פֿון צוויי אייער און אויב ער איז נישט פֿליישיק, אָפּקאָכן פֿאַר אים אַ מילכיקע גריץ. נעכע האָט געטאָן וואָס די האַרינטע האָט באַפֿוילן און שפּעטער פֿלעגט זי אים פֿרעגן:

„דו זעסט כאָטש אין וואָס פֿאַר אַ שמאַלצגרוב דו ביסט אַריינגעפֿאַלן מיט מיר?"

כאָטש שוין דאָס צווייטע יאָר ווי סנדר קומט אַרויף צו איר, זעט זי אין אים, די מויד, צוויי, און זי ווייסט נישט וועלכער פֿון די צוויי איז דער ריכטיקער. אָט איז ער אַ צעשראָקענער, ער שטראָפֿט זי, אַז דערפֿאַר וואָס זי נאַרט אָפּ איר האַרינטע וועט מען זי ברענען און בראָטן אין גיהנום, און אָט, ווען זיי בלייבן אַליין אין דער קיך, לויפֿט ער צו צו איר מיט אַן אָנגעצונדן פּנים און ער טוט איר אַ קניפּ דאָ אין הינטן און דאָ אין דער אָנגעקוואָלענער ברוסט. איר איז ליב דער ברי פֿונעם קניפּ, אָבער זי קלאַפּט אים איבער די הענט:

„זאַכטשאַנקעס פֿאַר דער חתונה? וועסט דאָך פֿון גיהנום נישט אַרויס דערפֿאַר".

צווישן דעם ביסל בלאָנדע האָר וואָס דאַרף זיין אַ באָרד, ווערט אים די גאָמבע רויט און ער כאַפּט זי אַרום און קנעט איר טייגיק לייַב און שמעקט צו איר בוזעם, ווי אַ הונט. זי רייסט זיך פֿון זיינע אָרעמס, שטופּט אים פֿון זיך מיט אַ סאָפּעניש:

„אַלץ נאָך דער חתונה".

סנדר איז געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום ווען ער איז נאָך געווען אַ חדר־ייִנגל. ער איז געווען אַן איינציק אויסגעווינט קינד ביי זיינע עלטערן און דער פֿאָטער פֿלעגט אים יעדן טאָג אָוועקטראָגן אין חדר אַריין, אַפֿילו דעמאָלט ווען ער האָט שוין געלערנט חומש מיט רש"י. ווי אַ קינד איז ער געווען אַ וויינער. ער האָט געוויינט פֿאַר וואָס די פֿייגל בלייבן נעכטיקן אין דרויסן און ער האָט געוויינט, ווען ער האָט אין סידור אָנגעטראָפֿן אַ למד מיט אַן אָפּגעהאַקט קעפּל. ווען זיינע עלטערן זענען געשטאָרבן אין אַ מגיפֿה, ביידע אַ טאָג נאָך אַ טאָג, האָט קהל געזאָרגט פֿאַר אים, אַריינגעגעבן אים אין אַ תּלמוד־תּורה און ער האָט געלערנט מיט התמדה פֿאַר די נשמות פֿון זיין טאַטע־מאַמע.

נאָר ווי ער האָט אָנגעהויבן לערנען גמרא, האָט זיך די התמדה אָפּגעטאָן פֿון אים און דער דרויסן האָט אים אַרויסגעפּישופּט צו זיך. פֿון הינטער די ווענט פֿלעגט ער אויפֿהייבן נאַקעטע שוועלבעלעך, וואָס זענען אַרויסגעפֿאַלן פֿון די נעסטן, זיי אָנקאָרמען מיט דעם שפּייעכץ פֿון זיין מויל און זיי צוריק אַריינלייגן אין די נעסטן. מיט הונגעריקע הינט פֿלעגט ער זיך טיילן מיט זיין אייגענעם אָרעמען ביסן. האָט בערל דער רימער אויס רחמנות אים אַריינגענומען צו זיך,

זוי אַ לערנייִנגל, ער זאָל זיך אויסלערנען דאָס אומנות, ער זאָל נישט אַוועק אויף קרומע וועגן.

נאָר אויך צו לערענען דאָס אומנות האָט סנדר נישט געהאַט קיין חשק. ביי בערלען אין דער רימערײַ האָט ער נישט פֿאַרטראָגן די שאַרפֿע ריחות פֿון די פעטע שטיקער לעדער און דעם ניבול־פּה פֿון די געזעלן ביים נייען זאַטלען און כאָמאָנטן. פֿון זייער ניבול־פּה האָט ער געפֿילט דעם זעלבן שאַרפֿן טראָן־ריח וואָס פֿונעם לעדער. פֿלעגט ער נעלם ווערן און זיך אויסבאַהאַלטן אין שכנותדיקן קלויז. דאָ, אין קלויז, האָט ער זיך צוגעהערט צום לערענען און פֿשטלען זיך פֿון די יונגע־לייט ביים לערנען און צו זייערע שיינע מעשׂיות, ווי אַזוי דער באַשעפֿער פֿון הימל פֿירט זיין וועלט.

אַזוי שנעל ווי בערל דער רימער האָט דערווישט ווּהין דער יונג ווערט נעלם, אַזוי האָט ער אים צוריקגעבראַכט פֿאַר אַן אויער אין דער רימערײַ און אים געשמיסן אויפֿן הוילן לײַב מיט אַ ווייכער שלייע. ווי וויל מען טאָר נישט שלאָגן קיין יתום, האָט בערל אים מקיים פּסק געווען פֿאַר זיין טובה וועגן, ער זאָל אויסוואַקסן אַ מענטש. אַזוי האָט סנדר זיך געלערנט דאָס אומנות בעל־כּרחו. פֿון דעסטוועגן פֿלעגט זיך סנדר אויפֿהייבן פֿאַרטאָג און גיין אין קלויז אַריינקוקן אין אַ ספֿר פֿון די ספֿרים, פֿון וועלכע יונגע־לייט האָבן געלערנט די שיינע מעשׂיות. און אַזוי, פֿון אַריינקוקן אין די ספֿרים אין די באַגינענס, האָט ער אָנגעהויבן לערנען „זהר", און עס איז אים ליכטיק געוואָרן אין מוח, ווען ער האָט אויסגע־פֿונען, אַז אויסער דער וועלט און יענער וועלט, זענען פֿאַראַן נאָך אַנדערע וועלטן, ספֿירות איינע איבער דער אַנדערער, איינע איבער דער אַנדערער. דער תּענוג, וואָס האָט געפֿלאָסן צו אים פֿון יענע וועלטן, האָט אים געשיצט פֿון די שלעכטע ריחות אין בערלס רימערײַ און פֿון דעם ניבול־פּה פֿון די געזעלן. פֿאַרקערט, ער האָט זיך דווקא אָנגעהויבן גוט איינהערן אין דעם ניבול־פּה, וואָס ער האָט געזען אין אים די זינדיקייט און דאָס טועניש פֿון דער סטרא־אחרא אויף דער וועלט, וואָס איז פּונקט דאָס פֿאַרקערטע פֿון יענע ריינע ספֿירות, וואָס זענען אין גאַנצן קדושה.

אַ מאָל פֿלעגט אים באַפֿאַלן אַ חשק מיטצוהאַלטן מיט די געזעלן, כּדי זיי שפּעטער צו דערציילן וועגן יענע וועלטן, וואָס זיי וויסן אַפֿילו נישט דערוועגן זיי. נאָר די ניבול־פּה־ווערטער האָט ער גופֿא נישט געקענט אַרויסברענגען פֿונעם מויל, נאָר טראַכטן וועגן זיי האָט ער יאָ געקענט. און ער האָט אַפֿילו אָנגעהויבן חלומען מיט ניבול־פּה און זינדיקייט.

איין מאָל האָט אים בערל געשיקט ער זאָל אָפּטראָגן צו ר' וועלוול בעלזער אַ פֿאַרריכטן לעדערנעם טשעמאָדאַן, און זעלדע האָט אים פֿאַרהאַלטן ער זאָל עסן אַ הייסע גריץ. וואָרום ווינטער איז עס געווען און אַ פֿראָסט האָט געברענט אין דרויסן, און סנדר איז געווען גרין פֿון געפֿרוירנקייט. האָט זעלדע אים אַריינגע־פֿירט אין דער קיך און געזאָגט צו נעכען, זי זאָל אים דערלאַנגען צום טיש אַ שיסל הייסע גריץ. און ווי ער האָט געגעסן, אַזוי האָט נעכע געטראַכט, אַז דער

אייבערשטער אַליין האָט דעם יונג געשיקט צו איר און זי דאַרף אים בענדיקן. קיין נדן פאַרמאָגט זי נישט, חתונה האָבן וויל זי און דער יונג ביים טיש געפעלט איר — וועט זי אים מער נישט אָפּלאָזן.

ביים עסן האָט סנדר נישט פאַרפעלט צו קוקן אויף נעכען באַהאַלטענערהייט. פון אָנהייב האָט זי אים אויסגעזען אַ ביסל פון דעם ניבול־פה, וואָס ער הערט אין דער רימעריי: זי איז פעט און אויסגערונדיקט, ווי זי וואָלט געווען אויסגעבעט מיט אַ סך בריסטן, מיט דיקע ווייכע ליפּן און גלאַנציק־צעיאָכמערטע אויגן. נאָר באַלד האָט ער געזען, אַז זי האָט איידעלע חן־גריבעלעך איןביידע באַקן און זי רעדט צו אים פאַרצויגן, ווי עס רעדן מיוחסדיקע מיידן. אַפילו שפּעטער, ווען זיי זענען געוואָרן היימישער, ער פלעגט אַרויפקומען צו איר און זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו אים אויף איר שטייגער — האַסטיק און מיט קללות און בשעת־מעשׂה איז איר פּנים געוואָרן צעפלאַמט ווי פון אַ פראָסט — האָט ער זי פאַר זיך פאַר־ענטפערט, אַז אַן אישה דאַרף זיין אַזאַ, זי זאָל אָנרייצן, צו וועלן זי באַשלאָפן. און ער איז געווען כסדר געררייצט צו איר. אין די מחשבות האָט ער זי אויסגעטאָן נאַקעט און זיך געקנאָטן אין איר לײַב און זי פּירגעהאַט. שפּעטער, ווען ער פלעגט אַרויפקומען צו איר, איז זי געווען פאַר אים בלויז גלוסטונג און רק ער האָט זי געוואָלט קנייפּן.

קורץ נאָכן גט און נאָך וועלוולס אַוועקפאָרן פון בראָד איז זעלדע איינגעפאַלן. לייטן האָבן געזאָגט: אַ פערד פאַלט נישט אין שפּאַן מיט דער משׂא, נאָר ערשט ווען מען שפּאַנט אים אויס פון דער משׂא. זעלדע האָט די אַלע יאָרן געדריקט אין זיך דערום וואָס דאָס רייכקייט איז איר נישט באַקומען. און לייטן, וואָס ווייסן תּמיד בעסער וואָס עס טוט זיך ביי יענעם אין אַלקער, האָבן אַפילו געוווסט צו דערציילן, אַז דאָס וואָס זעלדע איז דעם לעצטן יאָר אַרומגעגאַנגען אַן אויסגע־לאָשענע, איז געשען דערפאַר וואָס דער מאַן איז צו איר נישט געקומען. און דערמאָנט האָט מען זיך, אַז אויך זיין ערשט ווייב איז לאַנג אַרומגעגאַנגען אַן אויסגעלאָשענע און זי האָט איינגעטריקנט. אַזוי ווי זעלדע.

אַז סנדר איז פאַרנאַכט געקומען צו נעכען, האָט זי אים דערציילט, אַז איר האַרינטע איז פאַרביי און אַז לייטן זאָגן, אַז דאָס איז פון דעם וואָס איר לײַב וויל האָבן קינדער, נאָר איר געוועזענער מאַן, וועלוול בעליזער, איז געווען אַן עקר און דערצו נאָך האָט ער אויסגעמיטן איר בעט. אַז נעכע האָט אים דערציילט ווי אַזוי זי פלעגט ביים צורעכטמאַכן די געלעגערס אין דער פרי קוקן אויף די ליילעכער און קיין מאָל האָט זי נישט געזען קיין צייכן, אַז ער האָט זי פּירגעהאַט, האָט זיך ביי סנדרן אַרויסגעכאַפּט, אַז טאָמער וואָלט זי אים צוגעלאָזט, וואָלט זי פון אים געהאַט אַ זכר. פון זיינע ווערטער האָבן זיך נעכען איבערגעדרייט די געדערעם אין לײַב, אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט און זי האָט אים געוווּנטשן, אַז זיין טאַטע־מאַמע זאָלן קומען צו אים ביינאַכט אים דערוואַרגן און אים מיטנעמען מיט

זיך אין קבר אַריין. דאָס האָט זי געזאָגט אויף אַ קול, אָבער אין זיך האָט זי געטראַכט: „זאָל ער נאָר דערגיין מיט מיר ביז אונטער דער חופּה. שפּעטער וועט ער — מיינע שׂונאים — שפּייען ביי מיר מיט בלוט״.

נעכע האָט דער האַרינטע געוווּנטשן דאָס אייביקע לעבן דערפאַר וואָס כאָטש זי איז געבליבן איינע אַליין אין וועלוול בעלזערס הויז, האָט זי זי נישט אַוועקגעשיקט. אַז זעלדע איז געפאַלן צו בעט איז נעכע געוואָרן די באַלעבאָסטע אין הויז, אַלץ גענומען אונטער איר פאַרטעך און אָפן געקענט צוגרייטן פאַרן יונג געשמאַקע מאכלים. דאָס עסן איז סנדרן געווען גוט צום גומען און ער האָט מער נישט פאַרמיטן קיין אָוונט אַרויפצוקומען. זעלדע האָט פון איר בעט אין אַלקער פאַרנומען די ריחות פון די געקעכטסער און פונעם פרישן געבעקס און זי האָט קיין טענה צו דער מויד נישט געהאַט פאַר פאַשען דעם יונג. מיט עפּעס איז איר הויז נאָך פול. פון די פלוצימע געלעכטערלעך און קללות פון נעכען האָט זי פאַרנומען שטיקער רוי, תאווהדיק לעבן, וואָס זי, זעלדע, האָט נישט געהאַט.

דאָך זעלדעס שלאַפקייט האָט דער מויד אָנגעפילט מיט זאָרג. איר לייַב איז געוואָרן שוואַכער פון טאָג צו טאָג און פון דעם דערלאַנגטן עסן צום בעט האָט זי קוים טועם געווען. זי האָט רק געוואָלט בלייבן אַליין אין שטילקייט. ווען אירע עלטערן פלעגן אַריינפאַלן אין הויז מיט רעשיקער זאָרג און מיט עצות צו רופן אַ בעל־שם, אָדער ברענגען פון ערגעץ אַ טאַטער, האָט זי מיט דרך־ארץ געבעטן, זיי זאָלן זי לאָזן צו רו. גאָט אַליין וועט איר העלפן; ער איז דער היילִיקער בעל־שם און נאָר ער שיקט יעדן זיין רפואה. נעכע האָט אין אַזעלכע ווערטער געזען אַ שלעכטן סימן. ס׳קען חלילה געשען מיט איר עפּעס אויסטערלישס און דאָס הויז וועט חרוב ווערן. ווו וועט זי דעמאָלט גיין? ווער וועט זיך אומקוקן אויף אַן אָרעמע יתומה?

נעכע האָט אירע פּחדים אויסדערציילט פאַר סנדרן און אים באַפוילן, אַז ווען ער דאַוונט זאָל ער בעטן פאַר דער האַרינטעס געזונט. אַליין, האָט זי געזאָגט, וועט זי נישט פרעגן ביי קיינעם און אָן דעם וויסן פון דער קראַנקער וועט זי גיין צו זושע בעל־שם, ער זאָל אָפּשפּרעכן ס׳חולאת. און ווי זי האָט די ווערטער געזאָגט פאַר סנדרן, האָט זי זיך פלוצים דערמאָנט אָן דעם שכן דעם דאָקטער, וואָס אין די גוטע צייטן פלעגט ער אָפט אַרויפקומען צו שפּילן אַ שאַך און טרינקען אַ ליאַמפּקע מעד. אַזוי פלוצים ווי דער דאָקטער איז געוואָרן אַן אָפטער גאַסט, אַזוי איז ער פלוצים פאַרשוווּנדן, און כאָטש ער וווינט אין אַנטקעגן־איבערדיקן הויז, האָט זי אים פון דעמאָלט אָן מער נישט געזען.

ווען איר דערמאָנען זיך אָנעם דאָקטער האָט זי אַפילו נישט אויסגעזאָגט פאַר סנדרן. דאָס וואָס טוט אַ קלאַפּ אין האַרץ — האָט זי געוווּסט — טאָר מען נישט אויסזאָגן, וואָרום טאָמער איז עס אַ גוטע זאַך, גייט דאָס גוטע אַוועק מיט די ווערטער, נאָר טאָמער איז עס אַ שלעכטע זאַך, פאַלט דאָס שלעכטע אַראָפּ צוזאַמען מיט די ווערטער. נעכע האָט נישט געקענט וויסן, אַז אין יענער רגע, ווען זי האָט זיך פלוצים דערמאָנט אָנעם דאָקטער, האָט זעלדע אין אירע מחשבות

געהאַט טענות צו אליעזרן הלמאי ער האָט ביז איצט קיין סימן פון זיך נישט געגעבן. ער פלעגט טאַקע אַרויפקומען צו וועלוולען, אָבער צי האָט ער נישט געפילט מיט וויפל האַרץ זי האָט אים דערלאַנגט כּיבוד? נו און אַז וועלוול איז אַוועקגעפאָרן, קומט ער אַפילו נישט אַרויף פרעגן וואָס זי מאַכט? ער ווייסט אַפילו נישט, אַז זי איז שלאַף. זעלדע האָט געבעטן עס זאָל געשען אַ נס, ער זאָל זיך דערמאָנען אין איר און אַרויפקומען און איר געבן אַ געזונט.

ווען אירע עלטערן פלעגן דערמאָנען צו רופן אַ בעל־שם, אָדער אַ טאַטער, האָט זעלדע צוליב עפּעס אַ כּוונה פאַרשוויגן דעם דאָקטער אַנטקעגן. זי האָט אים פאַרשוויגן נישט בלויז פון דערוועגן וואָס אַ דאָקטער רופט מען בלויז צו קראַנקע וואָס זענען פאַרביי און בעת אַלע קמעס און אָפּשפּרעכענישן האָבן נישט געהאָלפן. אין איר שווער האַרץ איז אויך געווען די באַשווערונג פון אים, אליעזרן, וואָס האָט פלוצים אָנגעהויבן אויסמיידן איר הויז. וועט זי אים איצט נישט רופן, אַפילו זי זאָל אויסגיין אין איר שלאַפקייט.

נאָר די מויד, וואָס האָט דאָס דערמאָנען זיך אָן דעם דאָקטער אויסבאַהאַלטן, ווי זי וואָלט געשווירן אויף איר אייגן לעבן, איז אָן דעם רשות פון דער האַרינטע אַוועק אַנטקעגן־איבער צו אליעזרן. זי וועט אים זאָגן, אַז די האַרינטע איז מסוכן שלאַף און אפשר קען ער געבן פאַר איר אַן אויסבריונג. זי האָט דאָך געהערט, אַז ער היילט דעם גראַף פּאָטאָצקי, וועט ער מסתמא אויך קענען העלפן איר האַרינטע. און אַזוי האָט זי געטאָן. ווי נאָר זי האָט געעפנט די טיר פון זיין הויז און דערזען פאַר זיך דעם דאָקטער, איז זי אַרויס מיט אַ פּלייץ פון לשון:

„די האַרינטע וועט חלילה אַוועק פון דער וועלט... סנדר זאָגט תהילים פאַר איר געזונט און קיין טאַטער לאָזט זי נישט רופן... זינט איך געדענק איז זי קיין מאָל נישט געווען קראַנק און דאָ, ווי נאָר ר׳ וועלוול איז אַוועקגעפאָרן איז זי אַוועקגעפאַלן כאָטש האַק און בראָק..."

„ש־ש־ש־ש — האָט אַרטאַפּאַנוס צוגעלייגט אַ פינגער צו זיינע ליפּן — רעדט געלאַסענער, וויניקער און קלאָרער".

נעכע האָט פאַרלוירן דאָס לשון און אַ צעטומלטע געקוקט אויפן דאָקטער.

„איך וועל דיר העלפן רעדן — האָט ער ווידער געזאָגט — נאָר רעד פּאַמעלעך".

„אַ כּישוף האָט איר עמעצער אָפּגעטאָן" — האָט זי קוים אַרויסבאַקומען פון זיך.

„אַ כּישוף? — האָט אַרטאַפּאַנוס איבערגעפרעגט — ווער האָט דיך געשיקט צו מיר? צי בין איך אַ בעל־שם?"

„די האַרינטע ווייסט נישט, אַז איך בין געגאַנגען צו אייך" — האָט נעכע געזאָגט און אַריינגענומען די פינגער אין מויל.

„זאָג זשע וויטער גאָרנישט און גיי אַהיים".

געוואַרט זי זאָל גיין די ערשטע האָט ער נישט. ער האָט געאײַלט פאַרויס. נעכע איז אים נאָכגעלאָפן אַ פאַרשולדיקטע, ווי זי וואָלט אָפּגעטאָן אַ זינד, פאַר

ווען דער דאָקטער איז אַרויף אויף די טרעפּ.

אין דעם האַלב טונקעלן אַריינגאַנג צווישן דער קיך און דער קאַמער האָט אליעזר גערופן ווי ער וואָלט געגאַנגען אין אַ וואַלד: „חושך מצרים דאָ!"

זעלדע האָט דערהערט זיין קול, נאָר אין דער ערשטער רגע האָט זי געמיינט, אַז עס דאַכט זיך איר זי הערט זיין קול, וואָס זי האָט די אַלע טעג געבענקט צו הערן. האָט זי זיך מיט אירע הענט געקלאַמערט אין איר אייגן לייַב און געבליבן ליגן אַ געשפּאַנטע.

„וואָלט די מויד אָנגעצונדן..."

ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון זעלדעס אַלקער. מיט זיין קרעפּטיקן און אויסגעגלייכטן גוף האָט ער אויסגעפּילט די גאַנצע טיר־ראַם. דאָס העלע ליכט וואָס איז געפאַלן הינטער אים פון דער גרויסער קאַמער, האָט זיין גוף געמאַכט נאָך מאַסיווער. נאָר זיין פּנים האָט זי נישט געזען, וואָרום אין אַלקער איז געווען פינצטער, אָן אַ צייכן פון אַ פענצטער. אַ רגע איז ער געשטאַנען, כּדי זיינע אויגן זאָלן זיך צוגעוווינען צו דער פינצטערקייט.

„דאָקטער אליעזר?" האָט זי זיך אָפּגערופן.

„אָ, איך האָב געמיינט איר שלאָפט, האָב איך אייך נישט אויפגעוועקט?" — האָט ער געמאַכט אַ טריט טיפער אין אַלקער אַריין.

„איך שלאָף נישט. דער שלאָף איז מיר שוין לאַנג אַוועק פון די אויגן" — האָט זי געענטפערט מיט אַ שוואַכער שטים.

„לאַנג שלאָף?.. מה..." — האָט ער נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו ווענדן צו איר, וואָרום אַמאָל פלעגט ער זיך ווענדן צו איר מיט „ר' וועלוולס ווייב".

„זאָל זיך דער הימל דערבאַרעמען" — איז איר קול געוואָרן נאָך שוואַכער.

„ער מוז זיך דערבאַרעמען, און אויב ער וועט מיך נייטיק האָבן דערצו וועל איך אים צוהעלפן — האָט ער זיך דערנענטערט צו איר בעט און געבליבן שטיין איבער איר — וואָס טוט אייך ווי?"

ער האָט נישט געוואַרט אויף איר ענטפער. ער האָט אָנגענומען אירע הענט און אויסגעטאַפּט די האַסטיקייט פון דופק. נאָך דעם האָט ער זיינע פינגער איבער־געפירט הינטער אירע אויערן און זיך אין עפּעס לאַנג איינגעהערט.

„וואָס טוט אייך ווי?" — האָט ער איבערגעפרעגט.

„גאָרנישט טוט מיר ווי, ליבער פריינד, נאָר איך בין אַליין אין גאַנצן בלויז וויטיק. גאָט האָט אויסגעהערט מיין תּפילה און איר זענט געקומען".

ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון איר בעט:

„כּדי צו רופן אַ דאָקטער דאַרף מען נישט מטריח זיין גאָט אין הימל דורך תּפילות. ס'איז דאָ אַ נענטערער וועג דערצו".

„רופן אייך? — האָט זי איבערגעפרעגט — געמיינט אַ קלייניקייט. צוליב אַ קלייניקייט רופן אַ דאָקטער?"

„און וואָס האָט געזאָגט דער בעל־שם? געווען דאָ דער בעל־שם? דאָקטוירים זענען נאָר פּאָר שׂררות, גראַפּן און דוכסן, הע?״ — האָט ער געפרעגט מיט חוזק.

זעלדע האָט פאַרשוויגן אַן ענטפער. עס איז איר גוט געווען וואָס ער זיצט אויפן ראַנד פון איר בעט און ער האַלט איר האַנט אין זיינער. ער האָט אַ שטאַרקע וואַרעמע האַנט און זי פילט ווי זיין וואַרעמקייט דרינגט אַריין אין איר. ער איז צוגעשטאַנען זי זאָל אים זאָגן וואָס איר איז און וואָס זי האָט געטאָן צו דער שלאָפקייט. זי האָט נישט געוווּסט וואָס אים צו זאָגן אויסער דאָס, אַז זי האָט נישט געוואָלט מען זאָל רופן צו איר דעם בעל־שם און נישט קיין טאָטער. צי האָט זי אים געקענט זאָגן, אַז אין די אַלע טעג האָט זי געקוקט צו דעם ליכטיקן פלעק אין דער טיר־ראַם און זי האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט איר בליק זאָל דערגייען צום פענצטער, דערגרייכן פון יענער זייט צו זיין פענצטער? איצט איז די וואַרעמקייט פון זיין קרעפטיקער האַנט אַ זאַלבונג. איצט טראַכט ער אין גאַנצן וועגן איר.

„אויב איר ווילט מיר נישט זאָגן וואָס אייך איז, מוז מען פרעגן אײַער לײַב — האָט ער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און צוגעלייגט אַן אויער צו איר ברוסט — עטעמען ווי געווײנטלעך, נישט אָנשטרענגען זיך... פּאַמעלעך... פּאַמעלעך...״

כאָטש זיין אויער איז געווען קיל, האָט זי אים אויף איר לײַב אָפּגעפילט מיט אַזאַ צערטלעכער וואַרעמקייט, אַז זי האָט צוגעלעגט די אויגן, ווי דאָס טוט אַ מענטש, וואָס נאָך אַ לאַנגן ווינטער שטרעקט ער אויס דאָס פּנים צו דער ערשטער וואַרעמער זון און ציט אַריין אין זיך איר פרילינגדיקן ריח.

„איך בין קראַנק״ — האָט זי זיך געקלאָגט.

אליעזר האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַרלייגט די הענט אויף הינטן:

„אַוודאי זענט איר קראַנק. אַלץ וואָס איז צו פיל אינעם מענטש, אָדער צו ווייניק אין אים, צעטרייסלט זיין גלייכגעוויכט און דאָס איז אַ שלאָפקייט. האָט איר געהערט וועגן הייפיבער? האָט איר זיך אַמאָל באַגעגנט מיט מענטשן וואָס דער זיסער ריח פון אַקאַציע איז זיי גורם קאַפּווייטיק, אָדער זיי שלאָפן אײַן פון לובין? מיין חשד איז, איר זענט קראַנק אויף נעכטן־פיבער... זיכער נישט געהערט דער־וועגן אַזאַ שלאָפקייט. אין די ספרים פון חכמת הרפואה איז די שלאָפקייט נישטאָ. די צרה איז וואָס שלאָפקייטן לערנען נישט וואָס עס שטייט אין די ספרים, נאָר זיי לויערן אַרום דעם מענטש און באַפאַלן אים ווען ער איז נישט געשיצט״.

ער האָט זיך צוריקגעזעצט אויפן ראַנד פון איר בעט, גענומען איר האַנט אין זיינער און געזאָגט ווייטער מיט אַ טאָן ווי מען רעדט צו אַ דערוואַקסן קינד:

„איך בין נישט אין גאַנצן זיכער, אָבער איך נעם אָן, אַז דער זכרון וועגן נעכטן האָט אייך פאַרטריבן אין בעט אַריין. איר לעבט אין דעם זעלבן הויז ווו איר האָט געוווינט נעכטן, איר שלאָפט אין דעם זעלבן בעט, אין וועלכן איר זענט געשלאָפן נעכטן. אַלץ וואָס רינגלט אייך אַרום איז נעכטן, נעכטן און נאָך אַ מאָל נעכטן. איר האָט זיך געוואָלט פון דעם נעכטן אַרויסרייסן און איר זענט אין אים געבליבן שטעקן, ווי אַ מענטש פרווט זיך ראַטעווען פון אַ זומפּ: ער שלעפּט אַרויס איין פוס און, כדי אַרויסצושלעפּן דעם צווייטן מוז ער ווידער פאַרזינקען

דעם ערשטן, ביז ביידע פּיס ווערן אים מיד און ער בלייבט מיט ביידע פּיס שטעקן אין זומפּ און ער ווערט שלאַף. פֿאַרשטאַנען?"

איר האַנט אין זיינער האָט געזוכט אַ רעטונג. האָט זי זיך איינגעביסן מיט די נעגל אין זיין לייַב און זיך שטיל צעוויינט. האָט ער אויך מיט דער צווייטער האַנט צוגעדעקט איר האַנט, ווי ער וואָלט צווישן זיינע האַנטפלאַכן געהאַלטן אַ נאַקעט שוועלבעלע, און געלאָזט איר וויינען. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„איצט וויל זיך דער דאָקטער לערנען אויפן קראַנקן און זען צי איז זיין חשד אַ ריכטיקער, אָדער בלאָנדזשעט ער אין זיינע אייגענע דמיונות. איר וועט אויפשטיין פון בעט און טאָקע באַלד. פון דעם נעכטן מוז מען אַנטלויפן מיט די פּיס און נישט מיט די מחשבות. איצט וועט איר אַרויס פון בעט אַפילו ווען דער קאָפּ זאָל זיך אייך פאַרדרייען און ס'וועט אייך שווינדלען פאַר די אויגן".

ער איז אַריין אין דער גרויסער קאַמער, ווו ער פלעגט פאַרברענגען מיט וועלוול בעלזער ביים שאַכשפּיל. נעכע די מויד האָט נישט דרייסט און פאַרשול־דיקט נאָכגעקוקט דעם דאָקטער. זי האָט געלעכצט אויסצובעטלען אַ וואָרט. פון דעם וואָס זי האָט אונטערגעהערט, האָט איר דמיון זיך אָנגעצונדן מיט פּחד. דער „נעכטן" האָט זיך אַוודאי פאַרוואָרפן אין אַ קאַשעץ, דער קאַשעץ איז אַריין אין דער האַרינטע און זי קראַנק געמאַכט. פאַר וואָס האָט דער דאָקטער באַפוילן, זי זאָל אין דער אותו־רגע אויפשטיין פון בעט? צי וועט ער זיך באַלד דאָ נעמען אַרויסצוטרייבן פון איר דעם קאַשעץ, ווי אַ בעל־שם טרייבט אַרויס אַ דיבוק?

„וואָס גלאָצסטו אַזוי אויף מיר? — האָט ער אויסגערופן און נאָך מער איבער־געשראָקן די מויד — אַמער גיי און העלף דיין האַרינטע זיך אָנטאָן!"

די מויד איז נעלם געוואָרן אין בהלה.

נישט לאַנג דערנאָך האָט זי אַריינגעפירט זעלדען אין דער גרויסער קאַמער. זעלדע האָט געשטעלט שוואַכע, פאַרזיכטיקע טריט.

„דער קאָפּ דרייט זיך מיר און פינצטער איז מיר פאַר די אויגן" — האָט זי זיך געקלאָגט, בעת איר האַרץ האָט געפלאַטערט פון פרייד, וואָס איר באַגער איז מקוים געוואָרן.

„פונעם לאַנגן ליגן אין בעט" — האָט אליעזר געזאָגט און אָנגעוויזן איר אויף דער גרויסער פאַטערשול אין ווינקל — „אויף היינט איז עס אַ גענוגער שפּאַציר".

נעכע איז פאַרשוווּנדן פון דער קאַמער. אונטערהערנדיק פון יענער זייט וואַנט, האָט זי זיך געקנייפּט אין די באַקן פון נייגער צו הערן ווי דער דאָקטער נעמט זיך אַרויסטרייבן דעם קאַשעץ פון זעלדען. נאָר דער דאָקטער האָט איר נישט געגעבן קיין מנוחה. באַלד האָט ער זי גערופן און באַפוילן זי זאָל אײַליק אָנצינדן דעם ענגליכטער און די קאַנדעלאַבערס. זי איז געוועזן זיכער, אַז אויך דאָס איז אַ צוגרייטונג צו פאַרטרייבן דעם קאַשעץ. האָט זי אַלץ געטאָן לויפנדיק, מיט האַסט. ווי זי האָט אירס אָפּגעטאָן איז זי שוין ווידער געווען פון יענער זייט וואַנט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. נעכע האָט זיך נישט דערוואַרט. ביידע, זעלדע און אליעזר, זענען געזעסן אַנטקעגן איינאַנדער און ער האָט דערציילט פריילעכע מעשׂיות פון

זיין נסיון. די פלעמלעך פון דעם אייל אין די קאַנדעלאַבערס האָבן געקנאַקט און דער ריח פון דער לופט איז געוואָרן זיסלעך. צום סוף האָט זיך אליעזר אויפגע־שטעלט און געזאָגט:

„איצט איז מיין צייט צו גיין אַהיים און אײַער צייט איז צוריקצוגיין אין בעט אַריין. אם־ירצה־השם מאָרגן אין דער פרי וועל איך דאָ זיין. מיר וועלן רעדן וועגן דעם מאָרגנדיקן טאָג און נישט וועגן נעכטיקע טעג".

ניי לעבן

אַן אויסטערלישע צייט האָט זיך דעמאָלט געשטעלט אין בראָד, ווי אין אַנדערע יידישע קהילות. פון וועגן די אַ סך זינד, וואָס לייטן האָבן געזינדיקט, האָבן זיך געמערט די מינים פון אַזאַ און פון אַ צווייטער כּת, וואָס מען האָט גאָר מורא געהאַט זיי צו דערמאָנען ביים נאָמען. אין דעם שיינעם און רייכן בראָד האָט זיך די סטרא־אחרא פאַרלייגט גאָר ברייט, וואָרום ווען עס פאָרן זיך אָן לייטן פון אַלע עקן וועלט צו די יאָר־ירידים, ווער איז ביכולת צו אונטערשיידן צווישן אַן אמתן סוחר פון דער פרעמד און דער סטרא־אחרא, וואָס פאַרוואַרפט זיך אין אַ סוחר?

שמועות זענען אַרומגעגאַנגען, אַז איין כּת טוט אָפּ מעשׂים תּעתּועים: זכרים מיט נקבות, רחמנא־ליצלן, פּראַווען זנות בפרהסיא און פון זיי ווערן געבוירן ווילקאָלאַקעס און שרעטעלעך־שדים. אַ צווייטע כּת פּראַוועט ווילדע העוויות, שרייט מיט קולי־קולות, בעתן דאַווענען מאַכן די לייט קאָזשלקעס און שטעלן זיך אויף די הענט, ווי די לצים אויף די ירידים. סיי די ערשטע און סיי די צווייטע האָט דערווייל זעלטן ווער געזען, וואָרום געזאָגט האָט מען, אַז די לייט באַהאַלטן זיך אויס. נאָר ווי קען מען זיך אין גאַנצן אויסבאַהאַלטן מיט אַזוינע מיני זאַכן?

אַז די זאַך איז נישט גלאַטיק האָבן בראָדער יידן געזען אויך פון דעם וואָס די שיינע זעלדע, די גרושה פון וועלוול בעלזער, האָט גענומען און געשטעלט אַ חופּה מיט דעם דאָקטער אליעזר סך־הכּל אַ פּאָר חדשים נאָכן גט. אַ צניעותדיקע גרושה דאַרף אויסוואַרטן אַ שטיקל צייט, אַפילו ווען זי האָט יאָרן אָפּגעלעבט מיט אַ מאַן און קיין קינדער נישט געהאַט. און אפשר האָבן לייטישע מיילער גערעדט אויס קינאה, באשר די גרושה האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָקטער? אַזוי צי אַזוי האָבן בראָדער ווייבער זיך אָנדערציילט מעשׂיות, אַז דער זיווג איז גאָרנישט מן השמים, נאָר — נישט דאָ געדאַכט און פאַר קיין שום יידישע קינדער נישט געדאַכט — דער דאָקטער אליעזר האָט אָפּגעטאָן כּישוף דעם וועלוול בעלזער, זיין זעלדע זאָל מיט אים קיין קינדער נישט האָבן אַזוי לאַנג, ביז דאָס פאָרפאָלק האָט זיך אָפּגעגט; וועלוול נעבעך איז געוואָרן נע ונד און ער, דער דאָקטער, האָט גענומען און אַליין חתונה געהאַט מיט דער שיינער גרושה. אַזאַ זאַך איז אין בראָד נאָך נישט געשען זייט די שטאָט איז אַ שטאָט.

כּאָטש אַזאַ לאַנגע צייט איז פאַרביי זייט אליעזר האָט זיך באַזעצט אין בראָד, האָבן זיך לייטן פּלוצים דערמאָנט, אַז אייגנטלעך ווייסט נישט קיין ילוד־אישה פון וואַנען ער האָט זיך אַהער גענומען. מ׳האָט אַפילו וועגן זיין אומנות געהערט ערשט שפּעטער. ער האָט זיך נישט אויסגעגעבן, אַז ער קען זיך אויס אין חכמת

הרפואה און ער האָט געלעבט אַן אָפּגעזונדערט לעבן. לייטן האָבן בלויז געוווסט, אַז אָפּט פלעגט מען אים זען פאָרן צום גראַף אין הויף אַריין. און אַפילו ווען דער גראַף איז פון די חסידי־אומות־העולם — איז וואָס איז עס פאַר אַ ראיה? צי זענען אויף די ביישטידלעך פון דעם גראַפס פּאַלאַץ אָנגעקלאַפּט מזוזות? ווער האָט דען נאָכגעפאָרשט וואָס דאָרט אינעווייניק פאַרלויפט זיך? דערצו נאָך פלעגט ער, דער דאָקטער, פאַרפאַלן ווערן אויף וואָכן לאַנג, ווי אין וואַסער אַריין.

פון דערוועגן דעם וואָס די בראָדער ווייבער האָבן געוואָרפן אַן אומחן אויף דעם זיווג פון דער שיינער זעלדען דער גרושה מיט דעם דאָקטער אליעזר אַרטאַ־פּאַנוס אין דער אויסטערלישער צייט, האָבן ערשט די מאַנצבילן אויף אַ רעכט אָנגעהויבן נאָכקוקן דעם שטייגער פון דעם רופא. פון דעם וואָס זיי האָבן געהערט און פון דעם וואָס זייערע אייגענע אויגן האָבן געזען, זענען זיי דערגאַנגען, אַז דער־אָ דאָקטער דאַוונט אין די מערסטע טעג פונעם יאָר אין דער היים, ביחידות, און נאָר אין די ימים־נוראים און אין די יום־טובים קומט ער אין דער קלויז, וואָס הינטער דעם רינגפּלאַץ. רעדן האָט ער מיט קיינעם נישט גערעדט, נאָר זיך מתידד געווען מיט וועלוול בעלזער און צום סוף איז פון דער ידידות געשען וואָס עס איז געשען: וועלוול האָט אָפּגעגט זיין ווייב און ער, דער דאָקטער, האָט מיט איר חתונה געהאַט.

דאָס אַלץ און אויך דאָס וואָס באַלד נאָך דער חתונה מיט זעלדען איז דער דאָקטער אַוועק פון זיין הויז אויפן רינגפּלאַץ און זיך איבערגעקליבן אין אַ פּריציש הויז הינטער דער שטאָט, ווייט פון יידן, האָט ביי קהל אַרויסגערופן חשדים, וואָס זייער מיין האָט מען מורא געהאַט צו ברענגען פאַר די לעפצן. וואָרום אויף איינער פון די צוויי כּתות מינים איז שוין געלעגן אַ חרם... און מען האָט איר נאָמען נישט געטאָרט דערמאַנען, באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן.

האָט קהל באַפוילן צו צוויי אירע, זיי זאָלן חוקר־ודורש זיין דעם שטייגער פונעם דאָקטער, זיי זאָלן דערגיין וואָס דער מער איז פון זיין איבערקלייבן זיך אין אַ הויז ווייט פון יידן, און אַלץ וואָס וועט זיי אויסזען חשדימדיק זאָלן זיי אין דער אותו רגע איבערגעבן דעם רב. האָבן די צוויי קהל־לייט נאָכגעקוקט און נאָכ־געפאָרשט אַזוי בייטאָג ווי ביינאַכט און וואָס זיי זענען דערגאַנגען איז נישט געווען פון דעם פאַר וואָס מען האָט מורא געהאַט:

פּריצים אַרום בראָד קומען צום דאָקטער, ער זאָל זיי אויסהיילן פון זייערע חולאתן; דריַי מאָל אין דער וואָך פאָרט ער צום גראַף אין הויף און זוימט זיך דאָרט נישט. אויב דער דאָקטער איז זיך נישט מתעסק אין זיין אומנות, זיצט ער אין דער היים איבער אַ ספר. יעדן באַגינען זעט מען אים ביים פענצטער פון זיין הויז אין טלית און תפילין און ער דאַוונט, ווי אַלע אָפּגעהיטענע יידן. פון זיין התנהגות איז צו זען, אַז דאָס וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט זעלדען דער גרושה איז געווען פון הימל. די אישה איז שוין טראַגעדיק. פון דעסטוועגן האָט קהל אויך ווייטער געהאַלטן אַן אויג אויפן הויז פונעם דאָקטער: אַז מען קוקט אויף אַ פונק, איז ער נישט גורם קיין שׂרפה. און ער, אליעזר אַרטאַפּאַנוס, איז אַ פונק, ווי אַלע

געלערנטע אין גויִישע אומנותן זענען פונקען: צום ערשט גליִען זיי אַליין, זשאַרען זיך אויף מיט כּפירה און דערנאָך צינדן זיי אָן אַנדערע. איז די מיצווה גרויס און דער חלק עולם־הבא ווערט אײַן־לשער פּאַר זוכן און נישטערן און אויסקאַרנייען יעדן ניצוץ פון כּפירה.

און טאָקע צוליב די חשדים פון קהל אויף יעדן איינציקן ייִד באַזונדער אין דער דאָזיקער אויסטערלישער צײַט, האָט זיך אליעזר פאַרקליבן אין אַ הויז הינטער דער שטאָט. כּל־זמן ער האָט געלעבט אַליין, ווי אַ פּרוש, האָט אים נישט געקי־מערט די מרה־שחורה, וואָס קהל וואַרפט אָן אויף אַלע: אַ ייִד טאָר נישט לאַכן צו הויך; אַ ייִד דאַרף הערן און פאָלגן אַלץ, וואָס די קהל־פּרנסים געבאָטן; אין שול און אין די קלויזן קוקן נאָך די געדונגענע פון קהל פון וואָס פאַר אַ סידור מען דאַוונט און צי עמעצער איז נישט עוסק אין קבלה. וואָרום טאָמער דאַוונט עמעצער אין אר״י הקדושס סידור, אָדער ער איז מעין אין „זהר״, צי אין אַן אַנדער קבלה־ספר, אַזוי איז דער חשש, אַז דער בעל־דבר איז געבענדיקט פון דער סטרא־אחרא, די מינים פון יעקב פראַנק ימח־שמו, אָדער ער איז אַרײַנגע־כאַפּט אין דער נעץ פון די לצים, וואָס וואַרפן זיך און געוואַלטעווען ביים דאַווענען.

ווייטער פון דער שטאָט, אין אַן אָפּגעזונדערט הויז, נעבן אַ גרויסן פּרוכטן־סאַד, און ווייט פון מענטשלעכע אויגן, האָבן זעלדע און אליעזר זיך באַשאָנקען מיט אַ ליבשאַפט, ווי גאָט ברוך־הוא וואָלט בעת מעשׂה בראשית אָנגעצייכנט זייער זיווג, און זייט יענע אַמאָליקע טעג האָבן זיי זיך אַרומגעזוכט אין אַלע עקן וועלט ביז זיי האָבן זיך געפונען אין דער הייליקער קהילה בראָד.

די טעג און די נעכט זענען פאַר זיי געווען צו קורץ אויף אויסצופרייען זייער גאַנצע פרייד פון אָפּגעפינען זיך. אליעזר האָט געזאָגט צו זיך אַליין: „ליבשאַפט איז השתּפכות הנפש, און דאָס איז מעגלעך נאָר ווען פרעמדע אויגן קוקן נישט אויף דיר און דו ביסט פריי, ווי פריי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אָן עמעצער זאָל אים זען אין דער היץ פון יצירה, און ערשט שפּעטער, ווען אַלץ אַנדערע איז שוין געווען, האָט ער באַשאַפן דעם בן־אָדם״.

זעלדע האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד ווען אליעזר האָט זי אַרויסגענומען פון הויז פון וועלוול בעלזער, זי אַוועקגענומען פון רינגפלאַץ. אין שטאָט, אויפן רינג־פלאַץ, האָבן איר נאָכגעקוקט אַזוי פיל אויגן! אַלע אויגן האָבן געגליט מיט קינאה און זי האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע.

פאַר וואָס איז עס אַזוי, אַז ווען אַ מענטש איז אין צער, שענקט מען אים אַ קרעכץ און אַ מאָל אויך אַ טרער, אָבער ווען דער מענטש ווערט באַגליקט, זענען צוואַנציק אַנדערע גרייט מיט זייער קינאה און שׂינאה צו פאַרלעשן זיין פרייד.

זייט זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן אינעם הויז הינטער דער שטאָט, האָט זעלדע די שוועל נישט אַריבערגעטראָטן אָן אַ פאַרטעך אַרום אירע לענדן — אַזוי בייטאָג און אַזוי ביינאַכט. וואָרום ווי דאָס הויז איז פון מזוזות און קמעס געשיצט, שדים און נישט־גוטע זאָלן אויף דעם קיין שליטה נישט האָבן, אַזוי לויערן זיי איבער יענער זייט שוועל פון יעדן ווינקל, פון אונטער יעדן בוים און

קוסט. מיט דעם פּאַרטעך אַרום די לענדן איז געווען געשיצט דער געשאַנק, וואָס גאָט האָט געשענקט צו איר לײַב און נאָך וועלכן זי האָט די אַלע יאָרן אויסגעווײנט אירע אויגן אין די נעכט.

גראָד זענען אירע הויכע חדשים אויסגעפאַלן אין מיטן זומער, ווען די רויטע קאַרשן גלײַען אַראָפּ פון די ביימער, די געלע באַרן באַדעקן זיך מיט ראָזלעכער שעמעוודיקייט און די עפּל שמעקן מיט בענקשאַפט נאָך דעם וואָס איז געווען און איז פאַרלאָפן. אין דער הייסער, פּיכטלעכער לופט צווישן די ביימער אין סאָד האָבן אַרומגעזשומעט פעטע בינען, ווי זיי וואָלטן אויסגעזשומעט אַ געזאַנג צו די רייפנדיקע פּירות. זעלדע האָט ליב געהאַט צו שטיין ביים אָפענעם פענצטער און אײַנזאַפּן די ריחות פון די פּרוכטן און פון דעם גרינס. אַנטקעגן די באַלאַדענע ביימער האָט זי זיך אַליין געזען ווי אַ בוים, וואָס האָט זיך ענדלעך צעבליט און אָט־אָט רײַפט ער מיט גוטע פּרוכט. אין אירע אײַנגעווײדן האָט זי פון צײַט צו צײַט געפילט די באַוועגונג פון איר ערשטלינג. האָט זי אירע הענטפלאַכן מיט צעשפּרייטע פינגער אַרויפגעלייגט אויפן בויך און מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך אײַנגעהערט. הערן אויך די ביימער דאָס רייפן פון זייערע פּרוכטן? קלאַפּן אויך די הערצער פון די ביימער ווי איר האַרץ? אויף די נאָענטע ביימער רייפן עפּל־צווילינגס; רעכטס זענען די קאַרשן אין בינטלעך צו פיר און פינף און גלאַנציקע ווי זיי וואָלטן געווען פון גלאָז. וועט אויך זי האָבן אַ צווילינג?

„עלי! עלי!" — האָט זי געוואָרפן אין סאָד אַרײַן.

די שטים פון אליעזר איז געקומען פון די אינערלעכע קאַמערן:

„אַן אויגנבליק!"

ער איז אַרײַנגעקומען אַ צעכראַסטעטעטער, אין ברייטע קורצע פלודערן אונטער־געבונדן אונטער די קני און מיט אַן אָפּן העמד פון שווערן פּויערישן לײַוונט און אין דער האַנט אַ פאַרביק מיצל.

„וואָס אַזעלכס?" — האָט ער געפרעגט און געקוקט אויף זעלדעס אויסגע־גלייכטן רוקן.

זעלדע האָט נישט געענטפערט. זי האָט נישט געוואָלט זיך רירן פון איר פּלאַץ, כּדי גאָרנישט זאָל זיך ענדערן. צום סוף האָט זי הינטנאַרום אויסגעשטרעקט אירע הענט און ער האָט אירע הענט אָנגענומען. געלאָזן האָט זי אים צוגעצויגן צו זיך, זײַנע הענט אַרויפגעלייגט אויף איר בויך און נאָך אַ ווײַלע געפרעגט שטיל:

„פילסטו די פּויסטלעך פון אונדזער קינד?"

אליעזר האָט זיך אײַנגעהערט, איבערגערוקט זײַן האַנט נענטער צו איר ברוסט און געזאָגט מיט אַ זייער ערנסטן טאָן:

„די פּויסטלעך זײַנע פּיל איך נישט, נאָר דעם האַמער, מיט וועלכן ער קלאַפּט, פּיל איך זייער גוט".

„דו חוזקסט פון מיר. איך וועל האָבן אַ צווילינג. זעסט — האָט זי אויסגע־שטרעקט אַ האַנט אין גאָרטן אַרײַן — צו צווייִ, צו דריי און דאָ אַפילו זעקס קאַרשן! און דאָ די באַרן! קוק וואָס פּאַר אַ גרויסער צווילינג!"

אליעזר וואָס איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון זעלדען און מיט זיין גוף האָט ער זי פאַרשטעלט ווי אַ וואַנט, האָט אַוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף איר אַקסל, ווי אַ יִנגל, און געזאָגט:

„נאַרעלע, אַזוינע זאַכן ווייסט מען נישט פאָרויס. וויפל גאָט גיט, אַזוי פיל נעמט מען און מען דאַנקט אים".

„און איך ווייס יאָ! — האָט זי שטאַרקער צוגעדריקט זיין האַנט צו איר בויך — איך פיל דעם צווילינג, ווי איך זע אָט די צוויי צווילינג־עפּל. דו זעסט זיי?"

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט דורך דעם פענצטער אויף צו ווייזן דעם עפּל־צווילינג אויף דעם נאָענטסטן בוים.

„הלוואַי" — האָט אליעזר איר אַריינגעפּליסטערט אין אויער.

ווי זעלדע האָט געחלומט ביים פענצטער אַזוי איז געשען: נאָך איידער מען האָט נאָך סוכּות אַראָפּגענומען די לעצטע באַרן, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען זאַפטיק־פולע און שווערע פון די איבערגעלאָדענע צווייַגן, האָבן זיך איבער די קאַמערן פון דעם הויז געטראָגן די געוואַלדן פון אַ צווילינג. אַלע קאַמערן זענען פול געוואָרן מיט דעם געשריי פון דעם פּלוצימדיקן לעבן, וואָס האָט אַריינגעשפּאַרט כּהרף־עין. נעבעך די מויד האָט זיך פאַרשטעלט מיט די הענט די אויערן נישט צו הערן דאָס דאָפּלטע געשריי, דאָס איבעררופן זיך אין קייַכן, ווי די קולי־קולות וואָלטן געקומען, כּדי מיט איין מאָל צו פאַרטרייבן די ביז־איצטיקע שטילקייט אין דעם הויז.

אליעזר אַליין האָט אָפּגענומען דעם צווילינג.

זעלדע האָט קיין חבלי־לידה נישט געהאַט. זי האָט אים דעם צווילינג אָפּגעגעבן, ווי זי וואָלט אַ קוואַטער געווען און נישט קיין געווינערין. ביים ערשטן האָט זי איין העפטיקן געשריי געטאָן, ווי אַ געשריי פון אומגעריכטקייט און אליעזר האָט אין זיינע הענט געהאַלטן דאָס רויטלעכע עופעלע פון איר בכור. „אַ זון! — האָט ער אויסגערופן און איבערגעשניטן דעם נאָפּל — אַ זון האָסטו מיר געגעבן!" זעלדע האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַ זייט, ווי עס וואָלט פּלוצים אויף איר אָנגעפאַלן אַ שלאָף. אָבער נאָך איידער אליעזר האָט זיך אָפּגעווענדט, דאָס עופעלע אַריינצולייגן אין מולטער מיט וואַרעם וואַסער, האָט ער געזען ווי זעלדעס פּנים פּליסט אָן מיט בלוט און כּוח, אירע בריסטן שטופּן זיך אין דער הויך און אַ ספּאַזם גייט דורך איר בויך.

„עטעם טיפער! שרייַ!" — האָט ער באַפוילן.

ביי דער זייט, איבער צוויי מולטערס וואַסער אויף דער ערד, איז געשטאַנען נעבעך אַ צעטומלטע, אַ פאַרווירטע, מיט אַן אָפן מויל.

„שטיי נישט ווי אַ גולם! זעסט נישט וואָס דאָ געשעט?!" — האָט ער גערופן.

פון שרעק צוליב זיין געשריי איז נעבעך געקומען צו די געדאַנקען. ער האָט דאָס עופעלע אַ טרייסל געטאָן און מיט אַ שנעלער באַוועגונג אַריינגעלייגט עס אין מולטער. דאָס געשריי פון לעבן האָט זיך דערהערט. נאָר איידער אליעזר האָט דאָס עופעלע איבערגעטראָגן אין צווייטן מולטער, האָט נעבעך אַ געשריי געטאָן:

„אוי, עס גייט!"

„גיב דעם ליילעך!" — האָט ער באַפוילן צו נעכען און נישט וואַרטנדיק זי זאָל דאָס טאָן, האָט ער דאָס אויסגעבאָדענע עופעלע אַוועקגעלייגט צו פוסנס פון זעלדען און זיך געוואָנדן צו דער געווינערין:

„שטרענג זיך אָן, שטרענג זיך אָן, שטאַרקער, ביסט אַ בריה!" — האָט ער זי געמוטיקט און מיט ביידע הענט צוזאַמענגעפרעסט דאָס קליינע קערפּערל און געהאָלפן עס אָפּטיילן זיך פון דער מוטער.

„אַ מויד, אַ מויד! — האָט ער מיט שׂימחה אויסגערופן — אַזוי האָט גאָט די וועלט באַשאַפן — אָדם און חוה!"

נעכע די מויד, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעפונען און איינגעדעקט דעם ערשט געבוירענעם און זיך צוגעקוקט ווי פלינק דער דאָקטער נעמט אָפּ זיין טאָכטער, האָט אַרויסגעפּראַלט:

„מערטשעם ביי מיר און ביי אַלע ייִדישע טעכטער אַזאַ לייכט האָבן".

„שפּייַ אָפּ דרייַ מאָל!" — האָט אליעזר באַפוילן און אָפּגעטובלט זיין טאָכטער אין דעם הייסן מולטער.

איצט האָבן געשריגן ביידע, איינער נאָך דער אַנדערער, עס זאָל קיין רגע דאָס געשריי נישט אויפהערן. אליעזר האָט ביידע עופעלעך איבערגעטראָגן צו דער רעכטער זייט פון דער מוטער, נאָכגעקוקט די פאַרבונדענע נאָפּלען און זיי איינגעדעקט.

„זיי וועלן באַלד אויפהערן שרייען" — האָט ער געטרייסט זעלדען.

אויף זעלדעס פּנים האָט זיך אויסגעשפּרייט שטילקייט און מידקייט:

„זאָלן זיי שרייען" — האָט זי געשעפּטשעט.

מיט אַ ברעג פון דעם ליילעך האָט ער אָפּגעווישט דעם שוויס פון איר שטערן און דאָס ריטשקעלע שוויס צווישן אירע בריסטן און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פונעם בעט:

„ביסט גוט צו מיר. אַ צווילינג האָסטו מיר געגעבן".

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן אין האַלדז. נעכע האָט געוויינט.

„איצט טראָג אַרויס די מולטערס" — האָט ער באַפוילן.

נעכע האָט מיטן פאַרטעך אָפּגעווישט די טרערן פון די באַקן און אַרויסגע־טראָגן די מולטערס פון דער געווינערינס קאַמער.

צום ברית און צום פּדיון־הבן האָט אליעזר פאַרבעטן אין זיין הויז דעם בראָדער רב מיט די פּרנסים און זייערע פאַמיליאַס. זיי זענען אַלע געקומען. ס'איז געווען פאַר זיי פון גרויס נייגער צו זען דאָס פּריצישע הויז פונעם ייִדישן דאָקטער. סוף־כּל־סוף איז אליעזר אַרטאָפּאַנוס אַ דאָקטער, אַן אומנות פון גרויס חשיבות, און ער איז אויפגעטראָגן מיטן גראַף. די לייט האָבן ווי פאַרגעסן זייערע חשדים

פון נעכטן און דעם דאָקטער דערלאַנגט פרומע און ווייכע שלום־עליכמס. מיט פאַרקנייטשטע שטערנס פון אייגענער וויכטיקייט האָט יעדער אויף זיין שטייגער געווונטשן אים, ער זאָל זיינע קינדער דערציִען צו תורה און צו מעשׂים־טובים.

יאָסל, דעם רבס שמש, האָט זיך באַלד פון אָנהייב געפּעדערט מיט אַ פולער קעשענע „שיר המעלותן" און אַ טעפּל מעלפּאַפּ, און אַזוי שנעל ווי ער איז אַריין אין הויז איז ער אָן צו פרעגן געגאַנגען פון טיר צו טיר און פון פענצטער צו פענצטער און אָנגעקלעפּט אויף די ביישטידלעך „שיר המעלותן".

נעכע האָט דעם שמש אַריינגעשלעפּט אויך אין דער קיכקאַמער, אַריינגעלייגט אין זיין גרויסער טאָרבע־קעשענע אַ שטיק ווייסע חלה און אים געזאָגט:

„קלעפּט מיר אויף אַ „שיר המעלות", דאָ אויף דער טיר פון מיין קאַמער, פאַר אַ סגולה".

יאָסל, וואָס האָט אויסנווייניק געדענקט אַלע חתונות אין שטאָט, האָט אַ קוק געטאָן אויף נעכען און געטרייסלט מיטן קאָפּ:

„וואָסי? ווען האָסטו עס חתונה געהאַט?"

„איך וועל מערטשעם חתונה האָבן! דער האַר האָט מיר צוגעזאָגט, אַז באַלד נאָך דער האַרינטעס געלעגן ווערן וועט ער מיר מאַכן אַ חתונה מיט מיין סנדר" — האָט נעכע אים אָנגעטרויט איר סוד.

יאָסל דער שמש האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, מיט אַ פינגער אויפגעשמירט אַ ביסל מעלפּאַפּ אויפן ביישטידל פון נעכעס קאַמער און צוגעקלעפּט אַ „שיר המעלות".

„זאָלסט אין גיכן געהאָלפן ווערן" — האָט איר יאָסל געווונטשן און מיט דער האַנט בודק געווען די טאָרבע־קעשענע, צי דאָס שטיק געבעקס ליגט נאָך דאָרט.

אויפן וועג צום הויז פונעם דאָקטער האָט דער בראָדער רב, ר' יונתן, אַפילו געהאַט פירגעבראַכט פאַר זיין מויל, אַז דער רופא ר' אליעזר איז אַ בעל־גאווה, דערמיט, וואָס ער ברענגט נישט זיין בן־זכר אין שול אַריין, כּדי אים מל צו זיין אויף כּסא אליהו הנביא. נאָר ער איז מטריח דעם מוהל צו זיך אַהיים, פאַרוואָרפן אין עק וועלט, ווייט פון דער יִדישער שטאָט.

„ר' ישׂראל דאַרף זיך מטריח זיין צו כּלל־ישׂראל און נישט כּלל־ישׂראל צו ר' ישׂראל, סיידן אַ צדיק — האָט ר' יונתן געהאַלטן — און דערווייל איז נאָך די צדקות פון דעם רופא נישט נתגלה געוואָרן".

דער רב האָט זיך אָנגענומען די עוולה נישט אַזוי פון דעם מוהל ר' גרשום, וואָס איז אַן אַלטער ייִד און ער דאַרף זיך שלעפּן אַ מהלך רב הינטער דער שטאָט, נאָר עס איז אים געגאַנגען אין זיין אייגענעם כּבוד. דער רופא איז נישט געקומען אַליין אים פאַרבעטן צום ברית, ער זאָל זיין סנדק, נאָר אליעזר האָט געשיקט נעכען צו יאָסל דעם שמש אים איבערגעבן אַ בריוו פאַרן בראָדער רב, ער, דער רב ר' יונתן, זאָל אים אָנטאָן דעם כּבוד און קומען צו אים אַהיים אויפן ברית פון זיין בן־זכר און צו זיין דער סנדק. דער רב האָט אין דעם בריוו פון דעם רופא אויך געזוכט די שבחים און דעם כּבוד, וואָס ער איז געווינט געווען צו הערן

וועגן זיך, אַז ער איז אַ תּלמיד־חכם, אַ רוזן פון תּורה און אַ פירשט פון חכמה, ווי ייִדן שרייבן געוויינטלעך צו אַזעלכע, וואָס זיי ווילן זיי אָפּגעבן כּבוד. נאָר אַז צום רבֿ איז דערגאַנגען, אַז אין שטאָט רעדט מען אַ סך וועגן דעם יצחק הירשס אייניקל, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען דאָס ווייב פון וועלוול בעלזער און קיין קינדער נישט געהאַט און אַז איצט איז זי געהאָלפן געוואָרן פון דעם דאָקטער אליעזר מיט אַ צווילינג — האָט ער געשיקט אָנזאָגן דעם דאָקטער, אַז ער וועט אם־ירצה־השם קומען און זיין דער סנדק. דער רבֿ איז געקומען, כאָטש אַ טעם פון ביטערניש אין האַרץ אויף דעם דאָקטער איז אים געבליבן. ער וועט דאַרפן געפינען אַ געלעגנהייט דעם־אַ דאָקטער אָנצוווײַזן זיין אָרט אין קהל.

ביים ברית האָט דער בן־זכר באַקומען דעם נאָמען יצחק נאָכן עלטער־זיידן, וואָס איז געווען פון די פּני פון בראָד, און אליעזר האָט מבֿשׂר געווען, אַז די טאָכטער האָט באַקומען דעם נאָמען בתיה, וואָס איז דער טייטש די טאָכטער פון גאָט.

די סעודה־טישן זענען געווען באַשטעלט מיט מעדני מלכים, וואָס אַפילו די גבֿירישע שטאָט בראָד האָט זעלטן פון אַזעלכע טועם געווען: אויף גרויסע צינערנע טעלערס זענען געלעגן שטיקער פון ברוין־געבראָטענע הינער און קאַטשקעס, געדעמפּטע העלדזלעך געפילטע מיט פליש, צימעסן פון פלוימען און געפּרעגלטע מייערן, פיש פון אַלע טייך־מינים, געקאָכטע, געפילטע און געפּרעגלטע אין מעל מיט בוימל. די ברוינע שמעקעדיקע קוילײַטשן, באַשיטע מיט מאָן און באַשמירטע מיט ווייסל פון אַן איי, האָבן אַרויסגעקוקט פון די קוישן און געמאַכט נאָגן דאָס האַרץ. אויף אַ באַזונדער שווערן דעמבענעם טיש איז געלעגן אַ פעסל מעד אונ־טערגעשפּאַרט מיט קלינעס, און סנדר דער יתום איז געשטאַנען גרייט מיט אַ צינערנער קוואָרט אונטערן צאַפּן, אָנצוגיסן די ליאַמפּקעס אויף די טישן.

אַז יאָסל דער שמש האָט פאַרן רבֿ ר׳ יונתן דערלאַנגט דעם בעקן צו וואַשן די הענט און ווי נאָר ר׳ יונתן האָט געמאַכט די ברכה איבערן ערשטן כּזית, איז דער עולם אַריין מיט די הענט אין די טעלערס און פולמיסקעס, און גענומען וויפל די הענט האָבן געקענט פאַרנעמען און וואָס די הערצער האָבן געגלוסט. פון גרויס נחת פון דעם געשמאַקן עסן האָט מען אין דער גרויסער קאַמער געהערט בלויז אַ מין קרעכצן, סאָפּען און כראָמטשען. יואלטשע פּרנס, אַ ייִד אַ גבֿיר, האָט אויסגעשטרעקט אַ פעטע גלאַנציקע האַנט צו סנדר יתום, בעת מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטיק פון אַ געבראָטענער קאַטשקע, און מיט אַ פול מויל געררופן:

„זאָג נאָר דאָרט, דו, דער מעד איז צו טרינקען, אָדער צו בלייבן אין פעסל?״

פּנחס, זעלדעס פאָטער, האָט מעשׂה באַלעבאָס אַרויסגענומען פון סנדרס הענט די צינערנע קוואָרט מיט מעד און געגאָסן אין די ליאַמפּקעס אויפן טיש.

„לחיים, לחיים!״ — האָט ער געווונטשן.

איצט האָט סנדר איבערגענומען די קוואָרט און צוגעזען, אַז די ליאַמפּקעס זאָלן נישט בלייבן ליידיק.

דער רב האָט אין מיטן דער סעודה און נאָך אַ פּאָר ליאַמפּקעס מעד נישט געקאַרגט קיין שבחים פאַר דעם רופא אליעזר און געזאָגט, אַז ס'איז אַ גרויסער כבוד פאַר דער הייליקער קהילה בראָד, וואָס אין אירע טויערן זיצט אַ ייִדישער דאָקטער. וואָרום דאָקטאָריע איז דאָך אַ ייִדיש אומנות. איין ייִדישער דאָקטער איז געווען גרעסער פונעם צווייטן, אַ שטייגער ווי רבי נתניאל. און ער ערשט דער נשר הגדול רבנו משה זכרונו לברכה, וואָס האָט געהיילט מלכים און פּרינצן פון אַלע עקן וועלט! וואָס פאַר אַ שלאָפקייט מען האָט געבראַכט פאַר זיינע אויגן, אַזוי האָט ער זיך איינגעפונען אין דעם און עס אָפּגעווישט ווי מיט דער האַנט.

פאַרן בענטשן האָט שוין ר' יונתן געפילט אַ שטיקל וואָלקן אין מוח און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן אַ מעשה ווי אַזוי צום ייִדישן דאָקטער אימרם בן צדקה איז אַ מאָל געקומען אַן אַראַבישער מלך אויף אַ פערד און מיט אַ קיילעכדיקער שווערד. האָט דער מלך געזאָגט צו אימרם בן צדקה, ער זאָל אים אויסהיילן פון די קרעץ, וואָס בייסן אים סכנת־נפשות און ער שלאָפט נישט דערוועגן זיי גאַנצע נעכט. באָם ער וועט אים אויסהיילן פון די קרעץ, וועט ער אים שענקען אַ פּאַלאַץ און אים געבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. און אויב ער וועט אים נישט אויסהיילן, אַזוי וועט ער אים רחמנא־ליצלן אָפּהאַקן דעם קאָפּ. ר' יונתן האָט גענומען נאָך אַ שלוק מעד און באַלד פאַרגעסן, אַז דער מלך איז אַן אַראַבישער. און אימרם בן צדקה האָט געזאָגט צום מלך אויף פּויליש לשון: „כוואַליעבני קרולו ז'באָזשעי לאַסקי — לויבווירדיקער מלך פון גאָטס גענאָד — ווי איך קען דיר נישט אויס־היילן פון דיינע קרעץ מיט איין מאָל, אַזוי קען איך נישט נעמען דיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, וואָרום עברי אנכי, אַ ייִד בין איך". האָט דער מלך געזאָגט: „אַזאַש, וועל איך דיר מאַכן פאַר אַ שלאַכטשיץ און דיך שיקן אין סיים". און אַזוי איז געשען: דער ייִדישער דאָקטער האָט אין דער אותו רגע אַוועקגענומען די קרעץ פון דעם מלך און ער איז אין אַ קאַרעטע געפאָרן קיין וואַרשע אין סיים, ווו ער האָט זיך משתדל געווען פאַר ייִדן און זיי געטאָן גרויסע טובות. אַזוי אויך זאָל אונדזער אייגענער ייִדישער דאָקטער, ר' אליעזר, זוכה זיין צו אצילות און ער זאָל אויספּועלן פאַר ייִדן ישועות ונחמות, אָמן".

יואלטשע פּרנס האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט צום אויער, פאַרקוועטשט די אויגן און מיט דבקות געזאָגט:

„אוי־וואַ, וואָס אַלץ אונדזער רב זאָל לעבן ווייסט צו דערציילן. ס'איז דאָך נישטאָ קיין זאַך אין דער וועלט ער זאָל נישט וויסן".

אויך אליעזר איז געווען אונטערן רויש פון עטלעכע ליאַמפּקעס מעד און זיין האַרץ איז געווען איבערפולט מיט פרייד. דאָס פאַרקוועטשטע פּנים פון יואלטשע פּרנס און זיינע חניפה־רייד פאַרן רב האָבן אים אַ ברי געטאָן און עס האָט אַרויס־געשפּאַרט פון אים אַן אומגעצוימט געלעכטער. ער האָט דאָס געלעכטער נישט געקענט באַהערשן און אַלע ביים טיש, זאַטע און מעד־באַרוישטע, האָבן מיטגע־לאַכט. ס'האָט געלאַכט דער רב, ס'האָבן געלאַכט די געסט, די ליאַמפּקעס אין די הענט האָבן זיך געטרייסלט און מיטגעלאַכט. סנדר האָט צוגעהאַלטן דאָס פּעסל

מעד און געלאַכט מיט אַן אָפן מויל אַ הילכיק געלעכטער, ווי ער וואָלט אַרויס־געלאַכט פּראָפּנס פון מויל. אויף די שטערנס פון די לייט האָט אַרויסגעזעצט שווייס און אין דער מיט פון פרייכנדיקן געלעכטער האָבן זיי דעם קיצלדיקן שווייס אָפּגעווישט מיט די אַרבל, מיט די הענטפלאַכן. פּלוצים האָט אליעזר אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פויסט אין טיש און דאָס געלעכטער האָט געפּלאַצט ווי אַ בינטל סטרונעס פון אַ מוזיק־כלי, וואָס האָט אין אירע אינגעווייִדן אויסגעשטורעמט געלעכטער.

די פויסט, מיט וועלכער אליעזר האָט אַ קלאַפּ געטאָן, איז געבליבן אויפן טיש און ער האָט זיך אין איר אָנגעשפּאַרט. זיין פּנים איז געווען פאַרגאָסן מיט שווייס און שווייס־ריטשקעלעך זענען אַראָפּגערונען אין זיין לאַנגער באָרד. מיט הייסע שיכורלעכע אויגן האָט ער אַריבערגעקוקט צו דער צווייטער זייט טיש און געזאָגט מיט אַ קול, וואָס די רעשטלעך פון געלעכטער זענען נאָך געווען דערין:

„ריכטיק האָט געזאָגט ר׳ יואלטשע פּרנס: „אונדזער רב, דער מרא דאתרא דק״ק בראָד, איז אַ תּלמיד־חכם און ער ווייסט אַלץ. דער אַראַבישער מלך אַפּיף איבן אַכמעד ז׳באַזשעי לאַסקי האָט געשיקט אין פּוילישן סיים אין וואַרשע דעם יידישן דאָקטער אימרם בן צדקה, ער זאָל זיך משתדל זיין פאַר יידן. אַ יישר־כּוח אונדזער רב פאַר זיין ווינטשן מיר, איך זאָל זוכה זיין צו אצילות און איך זאָל אויספּועלן פאַר יידן ישועות ונחמות. ווייס איך נישט צי איך וועל זוכה זיין, ס׳איז נישט תּלוי פון מיר. נאָר דאָס וואָס איך וויל אויספּועלן איידער איך וועל זוכה זיין צו אצילות ביי גויים, איז דאָס אַז אונדזערע פּרנסים זאָלן לאָזן אַ ביסעלע פרייד פאַר די פּשוטע יידן אין זייער אָרעם לעבן, געמיינע לייט זאָלן נישט אַרומגיין איינגעבויגענע צווישן אייגענע ברידער, וואָס זענען אַזוי אויך גענוג געשטראָפט מיט גלות, מיט צינש, מיט דחקות״.

„גענוג! — האָט אויסגערופן דער רב ר׳ יונתן און זיך אויפגעשטעלט — קהל איז נישט געקומען צו דער שימחה אויסצוהערן מוסר־רייד. קהל טוט וואָס ער טוט, יידן זאָלן מקיים זיין די מיצוות פון דער תּורה און קיינער דאַרף אונדז דאָ נישט לערנען. רבותי, מיר וועלן בענטשן! ברוך הוא וברוך שמו...״

דער עולם האָט צעטומלט אונטערגעכאַפּט, געזשומעט דורך די נעז און שטיל באַוויגן מיט די ליפּן. אינעם זשומען האָבן אויגן זיך איבערגעקוקט — אויגן פרעגנדיקע, אַנדערע — כּעסיקע, מיט בליציקע רמזים אין דער זייט צום דאָקטער. ער, אליעזר אַליין, האָט געקוקט פאַר־זיך, אויפן טיש, און געבענטשט צוזאַמען מיט אַלע. ער איז געווען שיכּורלעך.

ליבע און שדים

ווי דאָקטער אליעזר האָט זיך געגעבן אַ נדר אם־ירצה־השם חתונה צו מאַכן נעבעך די מויד מיט סנדר יתום, אַזוי האָט ער דעם נדר מקיים געווען אין דער צייט. ווי נאָר זעלדע איז צוריקגעקומען צו די כּוחות נאָכן קימפּעט, אַזוי האָט זי פון איר קופערט אַרויסגענומען אירס אַ זיידן יום־טובדיק קלייד פון דער צייט ווען זי איז געווען דאָס ווייב פון וועלוול בעלזער, און איינעם פון די מלבושים פון איר מאַן, געהייסן רופן אַ נייטאָרין און אַ שניידער, זיי זאָלן די מלבושים איבער־מאַכן פאַר דער כּלה מיטן חתן. נעבעך האָט געטאַנצט פון שימחה. דעמאָלט ווען זעלדע האָט דאָס זיידענע קלייד געטראָגן, האָט נעבעך וועגן אַזאַ געחלומט און אין חלום געבעטן צו גאָט, זי זאָל כאָטש איין מאָל אין איר לעבן, שבת אויפן שפּאַציר, אויפן רינגפּלאַץ, גיין אָנגעטאָן אין אַזאַ קלייד. איצט איז איר חלום מקוים געוואָרן. זי וועט גיין אָנגעטאָן אין דעם קלייד אַלע שבת און יעדן יום־טוב. צו סנדרן האָט זי געזאָגט:

„איצט זעסטו אין וואָס פאַר אַ הויז איך האָב דיך אַריינגענומען? האָסט זיך אַ מאָל געריכט צו טראָגן אַ דאָקטאָרסקן מלבוש? אַפילו דיין באַלעבאָס בערל רימער זאָל זיך שטעלן אויפן קאָפּ און קריגן די ניכפּה וועט ער אַזעלכע נישט האָבן".

סנדר האָט גאָרנישט געזאָגט. אַפילו צום אָנמעסטן די מלבושים ביים שניידער איז ער געגאַנגען מער פאַר דער מיצווה וועגן צוגרייטן זיך צו דער חתונה, ווי פון דעם די קליידער זאָלן אים פאַרשאַפן פאַרגעניגן. מער האָט אים געפריידט די קאַמער נעבן דער קיך אין הויז פון דעם דאָקטער, וווּ ער וועט וווינען. נעבן נעבכן אין דער קיך, ביי די פולע טעפּ, האָט ער זיך געפילט זיכער, ווי עס פילט זיך זיכער אַ מענטש, וואָס געפינט זיך אין אַ וואַרעם הויז ווען אין דרויסן שטורעמט אַ געוויטער. נעבן נעבכעס פולע בריסטן, פעטע היפּטן און פולע טעפּ מיט געקעכטס האָט ער זיך באַפרייט פון אַלע פּחדים, וואָס האָבן אים געמאַטערט צווישן די געזעלן ביי בערל דעם רימער און אַפילו אין דער קלויז ביי אַ ספר.

די חופּה איז געשטעלט געוואָרן ביי דער שול. אליעזר איז געווען סנדרס אונטערפירער. מיט דעם דאָקטער אויפן זעלבן וואָגן איז דאָס יונגע פּאָרפאָלק געפאָרן אַהיים. נעבעך האָט זיך אַרומגעקוקט, צי די גאַנצע שטאָט זעט וואָס עס געשעט מיט איר. און די גאַנצע שטאָט האָט געזען איר אויפגעריכטקייט. דער הימל פאַרלאָזט נישט די יתומים! די עלטערן פון נעבכן און פון סנדרן אויף יענער וועלט האָבן אַוודאי איַינגעלייגט וועלטן פאַר זייערע קינדער און אָט זענען זיי געהאָלפן געוואָרן.

איצט, אַז נעכע האָט שוין געהאַט סנדרן אין שטוב, און אַלע ספקות, צי ער וועט בלייבן ביי איר, זענען נעלם געוואָרן, האָט זי געהאַט אַ פרייען קאָפּ צום הויז. אַז זעלדע איז געווען פאַרנומען מיטן צווילינג — דער צווילינג איז געווען זוי געקאָכט אין פייער און ער האָט צעטראָגן די הענגוויגן מיט געשרייען — האָט נעכע אַריינגענומען דאָס באַלעבאַטישקייט אין אירע הענט.

נאָך דער חתונה האָט איר דאָס געפיל פון דאָברע מזל געגעבן כּוח צו קוקן אויף איר האָר און האַרינטע, ווי אויף איר אייגנס. און נישט אַזוי אויף אים ווי אויף איר. נעכע האָט אויף אַ רגע נישט פאַרגעסן דעם פּחד, וואָס זי האָט איבער־געלעבט דעמאָלט, ווען זי איז געשטאַנען הינטער דעם דאָקטערס טיר און מיט אַ פינגער אָנגעקוועטשט אויף דעם קליאַמקע־בלעטל, עמעצער זאָל זיך פון אינע־ווייניק אָפּרופן. דאָס איז זי געווען די געשיקטע פון אַ מלאך, דער דאָקטער זאָל די האַרינטע געזונט מאַכן און מיט איר חתונה האָבן. ווען נישט זי, נעכע, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געוואָרן פון דער ווייסטער גרושה, וואָס איז געלעגן אָן איינגעפאַלענע אין דעם פינצטערן אַלקער און קיין מענטש פאַר די אויגן נישט געלאָזט.

דאָס אַלץ וואָס נעכע האָט געפילט, האָט זי פאַר קיינעם נישט פירגעבראַכט אַחוץ פאַר סנדרן און אויך ערשט נאָך דעם ווי ער איז שוין געווען איר מאַן. נאָר אין בליק האָט זי עס געהאַט, און ווער נאָר עס קען לייענען פון יענעמס אויגן, וואָלט עס געקענט אַרויסלייענען: זי, נעכע די מויד, האָט דאָס אַלץ צוזאַמענגע־פירט. זעלדע דאַרף איר דערפאַר ווינטשן דאָס אייביקע לעבן. און אַז דער דאָקטער האָט איר צוגעזאָגט חתונה צו מאַכן מיט סנדרן, האָט ער געוווּסט פאַר וואָס ער טוט עס.

דאָס נעמען אויף זיך דעם עול פונעם הויז האָט פון נעכען אַרויסגעיאָגט ס׳חיות. זי האָט נישט געוווּסט וואָס פריִער צו טאָן, צי זאָל זי דער האַרינטע דערלאַנגען באַגינען אין בעט אַריין דעם איבערבייס, אָדער זאָל זי פון אַ גאַנצער נאַכט איבערוויקלען דעם צווילינג און די קוויטשערס דערלאַנגען זעלדען צו דער ברוסט. וועט זי טאָן דאָס ערשטע פריִער — וועט דער צווילינג אַרויסשטויסן די וועגט מיט זיינע געשרייען, ווי מען וואָלט זיי ביידע געקוילעט, נישט דאָ געדאַכט; וועט זי טאָן דאָס צווייטע פריִער — וועט דער צווילינג אַרויסציִען דעם קליי פון דער האַרינטעס בריסטן פון וועגן זייגן די בריסטן, ווען זעלדע איז אויפן ניכטערן האַרץ. איז נעכע אויפגעשטאַנען אַ שטיק פאַרטאָג, אויפגעבלאָזן דאָס פייער, צוגע־גרייט דעם איבערבייס און באַוויזן צו טאָן אַלץ צוזאַמען. אַזוי האָט נעכע אויך נישט געוווּסט וואָס פריִער צו טאָן אין אָוונט: צי זאָל זי גיין אין בעט אַריין ווי נאָר זי פראַוועט זיך אָפּ מיטן באַלעבאַטישקייט, אָדער זאָל זי בלייבן זיצן אין דער קיך ביז שפּעט און שטריקן פאַר דעם צווילינג און טראַכטן ווי ווויל עס איז איר.

אַפילו זי גייט שפּעט אין בעט אַריין, נעמט זי סנדר אויף מיט אַ ברענעניש, ווי ער וואָלט זי וועלן צערייסן אויף שטיקער. פאַר אירעטוועגן שלאָפט ער קיין מאָל נישט, אַפילו ווען ער לייגט זיך מיט די הינער צו גלייך. נעכע איז אַפילו געווען

צופרידן וואָס זי גייט שפּעט אין בעט אַריין — זי פאַרשלאָפט נישט דאָס לעבן און פאַרשפּעטיקט גאָרנישט. זי פלעגט זיך דערמאָנען ווי איר פאָטער עליו־השלום האָט געקרעכצט, אַז דאָס לעבן פון דעם מענטשן איז אַ שטראָף פון הימל. פאַר וואָס האָט ער עס געזאָגט? ער איז געווען אַ מאַנצביל און דאָך אַזוי געקרעכצט אַלע יאָרן ווי זי האָט אים געדענקט. און זי, נעכע, אַ ווייב, דאַנקט דעם הימל פאַרן לעבן און זי וויל נישט מאַכן נאַכט אום צו קענען טראַכטן, ווי ווויל עס איז איר: אין דער קאַמער דאָ, נעבן איר, שלאָפט איר סנדר; דאָרט, אין די ווייטערדיקע קאַמערן, שלאָפן זיי, אירע האָרן און זייער צווילינג. אַלץ דאָ איז אירס!

סע טרעפט, ווען נעכע זיצט אַזוי שפּעט אין דער נאַכט און דרימלט איַין פון נחת מיט דעם שטריקעכץ אין די הענט, שאַרט זיך סנדר אַריין אויף די שפּיץ פינגער אַ באָרוועסער און וועקט זי איבער מיט אַ קנייפּל אין דער ברוסט:

„נעכטשע, קום אין בעט אַריין, שוין האַלבע נאַכט".

נעכען איז ווויל זיין באַריר, ווי עס וואָלט געווען אין חלום, און זי זאָגט צו אים:

„גיי, סנדרל, רו זיך אויס. איך האָב נאָך אַ גאַנצן פאַרטעך מיט אַרבעט".

„בין איך נישט בילכער פון דעם שטריקעכץ צי עפּעס אַנדערש? איך וואַרט און וואַרט אויף דיר און דו פאַרזוימסט".

„שבת, סנדרל" — פּרוּווט זי אים רייצן.

קוקט ער איר אין פּנים אַריין און נעמט אַרונטער די הענט אונטער די פאַכוועס:

„נעכטשע, ס'איז מיר היינט גאָר קאַלט אין בעט".

נעכע לייגט אַוועק דאָס שטריקעכץ און נעמט זיך אָפּבינדן דעם פאַרטעך:

„אוי, דו הולטיי, וואָס וועסטו טאָן שבת?" נעכען איז גוט. ס'איר מאַן, איר סנדר.

נעכע האָט זיך געווונטשן, אַז איר צוזאַמענלעבן מיט סנדרן זאָל זיין אַזאַ ווי עס איז דאָס צוזאַמענלעבן פון אירע האָרן און אויך זי זאָל באַגליקט ווערן מיט אַ צווילינג. אין דעם גערוימען הויז, אין דעם פּרוכטנסאַד, וואָלט זיך איר צווילינג געהאָדעוועט צוזאַמען מיט די קינדער פון די האָרן. זאָל זי נאָר מיט סנדרן האָבן אַ בעסער מזל, ווי זעלדע האָט געהאַט מיט איר ערשטן מאַן, וועלוול בעלזער. ווי אַ סגולה איר מזל זאָל זיין אַ בעסערס, האָט זי, ווען סנדר האָט זי פירגעהאַט, נישט פאַרגעסן צו טראַכטן, ס'זאָל זיין נישט פאַרפעלט' און מיטביידע הענט האָט זי געמאַכט פייגן, אַז טאָמער טראַכט עמעצער אָפּצוטאָן איר אַן עין־הרע, זאָל עס אויסגיין צו זיין קאָפּ און צו זיין לייַב און לעבן...

אַרום אַ האַלב יאָר און אפשר עפּעס מער נאָך זייער חתונה, איז סנדר איין מאָל אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט און דערציילט נעכען, אַז דער מייסטער, בערל רימער, שיקט אים אַוועק מיט נאָך אַ געזעלן צו אַ פּריץ אין הויף אַריין צו פאַרריכטן שלייעס און זאָטלען. ער וועט זיך אין הויף זוימען ביז ערב שבת און צוריקקומען אויף שבת אַהיים. נעכען האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ, ווי סנדר

וואָלט איר אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשׂורה. נאָר באַלד האָט זי זיך דערמאָנט, אַז עס געשעט ביי איר, ווי זי האָט זיך געהאַט געווונטשן, אַז איר צוזאַמענלעבן מיט איר סנדרן זאָל זיין ווי דאָס צוזאַמענלעבן פון אירע האַרן. און איצט זעט זי, אַז דער הימל האָט אויסגעהערט וואָס זי וויל. אויך דער דאָקטער גייט אָפּט אַ מאָל אַוועק צום גראַף אין הויף, זוימט זיך אַ פּאָר טעג און קומט צוריק מיט אַ וואָגן מתּנות אַז אַ האַלבע שטאָט וואָלט געקאָנט עסן דערפון אַ גאַנצע וואָך. וועט איצט אויך איר סנדר זיין אין הויף ביי אַ פּריץ ביז ערב שבת! און אַזוי איז געווען. נעכע האָט פאַר אים אויסגעטריקנט איבערן פלאַם גרויסע פענעצן קאָרנברויט און דאָס געטריקנטע ברויט האָט זי אַריינגעלייגט אין טלית־און תּפילין־זעקל, אַז גלייך נאָכן דאַווענען אין דער פרעמד זאָל ער האָבן מיט וואָס זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ.

דאָך נאָך פאַר סנדרס צוריקקער אַהיים האָט נעכעס האַרץ איר געזאָגט, אַז מער דאַרף זי אים נישט לאָזן ער זאָל זיין ווייט פון איר דורך דער גאַנצער וואָך. אויפן קול האָט זי מיט אַלע קללות וואָס זי האָט געדענקט געשאָלטן דעם מייסטער דערפאַר וואָס ער האָט אויסגעקליבן איר סנדרן צו גיין אין אַ פּריצישן הויף לאַדעווען שלייעס. אין די טעג ווען ער איז נישט געווען אין דער היים איז איר אַלץ געפאַלן פון די הענט און גאָרנישט איז איר באַקומען. ווי נאָר עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, אַזוי האָט עס איר געצויגן צום בעט, ווי זי וואָלט געווען קראַנק. נאָר שלאָפן האָט זי נישט געקענט. זי האָט געטראַכט ווי אַזוי עס שלאָפט איצט ערגעץ איר סנדר. צי שלאָפט ער טאַקע אַליין, ווי זי דאָ, אין דער קאַמער? אין די פּריצישע הייף זענען פאַראַן אַ סך כאַמישע מיידן, וואָס גייען אויס נאָך אַ יונג. און איר סנדר איז אַ הייסער. ווען מען זעט אים פון דער ווייטנס איז ער אַ שעמעוו־דיקער, קען קוים זאָגן וואָס ער וויל, נאָר טאָמער איז ער נאָענט צו אַ מויד, זענען זיינע הענט ווי פון פעך, רק זיי וואָלטן זיך געקלעפּט. ער, בערל רימער, שטייט אָן אויף איר לעבן...

סנדר איז צוריקגעקומען אַ זון־אָפּגעברענטער. אין די פּאָר טעג איז אויף זיין פּנים נישט געבליבן קיין צייכן פון דער בלייכקייט, מיט וועלכער ער עסט זיך אָן צווישן די פעטע שטיקער לעדער ביי בערלען אין דער רימעריי. זיין בלאָנד שיטער קוים־בערדל איז געוואָרן שטייפער, לעבעדיקער, און ער האָט רק געוואָלט דערציילן וואָס זיינע אויגן האָבן געזען. נאָר ס׳לשון איז אים נישט בייגעשטאַנען.

„האָסט געבענקט אַהיים?״ — האָט נעכע געוואָלט וויסן — „אַוודאי האָב איך געבענקט. איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, דאָרט איז אַלץ אַנדערש״.

וואָס איז אַנדערש?

ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער פאַר די נסים־ונפלאות, וואָס ער האָט געזען אויף די פּריצישע פעלדער. פאַרנאַכט פליסטערט דער קאָרן און די שוואַלבן רעדן זיך מיט אים איבער. ער וואָלט געשווירן אויף זיין אייגן לעבן, אַז דער גערשטן האָט זיין אייגן לשון, נאָר דער מענטש פאַרשטייט נישט דאָס לשון. אָט וויל ער אַליין זאָגן אַזוי פיל און נעכע פאַרשטייט נישט וואָס ער וויל זאָגן. נעכע האָט באמת גאָרנישט פאַרשטאַנען פון זיין שטאַמלען. נאָר דאָס האַרץ האָט איר

געזאָגט, אַז ס'איז נישט גוט. זי וועט לויפן צו בערל רימער און אים אָפּגיסן מיט אוקראָפּ פון קאָפּ ביז די פיס... נײַן, זי וועט אים בעטן, ער זאָל מער נישט שיקן איר סנדרן, וואָרום זי איז אַ יתומה און ס'איז אַזוי קורץ נאָך איר חתונה, און אויך ער, סנדר, איז אַ יתום. זאָל בערל רחמנות האָבן.

נעכע איז נישט געגאַנגען צום מייסטער. דאָס הויז האָט זי געהאַלטן ביים פּאַרטעך. און מיט אַ וואָך שפּעטער האָט ער סנדרן ווידער געשיקט צום זעלבן פּריץ. ווען סנדר האָט איר אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז מאָרגן באַגינען גייט ער אַוועק, האָבן זיך איר איבערגעדרייט די געדערעם אין בויך און מיט גרימעניש האָט זי אים געזאָגט, אַז נאָר איבער איר טויטן גוף וועט ער גיין, און אויב ער וועט גיין איבער איר טויטן גוף, מעג ער מער נישט צוריקקומען. נאָר פריִער זאָל ער איר איבערלאָזן אַ גט, זי זאָל נישט בלייבן אַן עגונה.

סנדרס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער האָט געקוקט אויף איר פון אונטערן שטערן מיט שלעכט געוואָרענע אויגן.

סנדר איז געגאַנגען און געקומען און ווידער געגאַנגען און נעכע האָט זיך צוגעוווינט, אַז איר סנדר קומט אַהיים ערב שבת, און מאָנטיק באַגינען נעמט ער זיך ווידער אין וועג אַריין. נאָר אין איינעם אַן ערב שבת איז סנדר צוריקגעקומען נישט דער זעלבער ווי אַלע מאָל. זיין לשון איז געוואָרן קלאָרער, כאָטש דאָס וואָס ער האָט געזאָגט האָט נעכע נישט פאַרשטאַנען. און דערציילט האָט ער, אַז צווישן לייטן גייט אַרום אַ שמועה, אַז עס דערנענטערן זיך משיחס צייטן. לייטן זאָגן אַפילו, אַז משיח איז שוין געקומען, נאָר ער האָט זיך נאָך נישט אויסגעגעבן, וואָרום עס שטייט געשריבן, אַז דער דערלייזער וועט קומען אַן אָרעמער און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. און אַזוי ווי אין דער צייט ווערן די אָרעמע־לייט גערודפט און אין די הייליקע ספרים שטייט געשריבן„ עני חשוב כמת״ — אַן אֶביון איז געגליכן צו אַלע טויטע און קיינער הערט אים נישט, אַזוי וועט משיח לעבן צווישן די זייניקע ביז ער וועט קענען זיך אָנקליידן אין אַ רייכן טראַכט, זיך אַרומרינגלען מיט משרתים און דינסטן און דעמאָלט וועט ער אויף אַ פערד מיט אַ גאָלדענעם זאָטל אַרויסשיקן איבער דער וועלט אַ מבשׂר און אָנזאָגן צו אַלע ייִדן די בשׂורה, אַז ער איז דאָ!

נעכע האָט פון סנדרן קיין מאָל פריִער נישט געהערט אַזוי פיל און אַזעלכע אויסטערלישע ווערטער. בעת ער האָט וועגן דעם אַלעמען דערציילט האָט זיין פּנים געפלאַמט פון היץ. זי האָט פון הערעניש איינגעביסן די פינגער־נעגל אין די באַקן, געקוקט אויף איר מאַן אַ מאָל אויסגעבויגן דעם קאָפּ אויף רעכטס און אַ מאָל אויסגעבויגן דעם קאָפּ אויף לינקס, ווי זי וואָלט געהאַט אַ חשד, אַז ער איז נישט — חלילה־וחס — איר מאַן, סנדר.

וואָרום נעכע האָט געוווסט, אַז עס זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן ווי עס קענען זיך טרעפן אַזעלכע זאַכן: עס געשעט אַ מאָל, אַ מאַן לאָזט זיך אַוועק אונטער־וועגנס, ווען ס'וויב איז אויף איר צייט, פאַרוואַרפט זיך אַ קאָשעץ אין זיין גע־שטאַלט, מאַכט נאָך זיין לשון און זיינע סיגעס, גנבעט זיך אַריין אין איר הויז

און מיט זיסע ריידעלעך נעמט ער זי אײַן און שפּעטער קומט ער צו איר. ווען די העגער קרייען אויף טאָג, מאַכט זיך אַרויס דער קאַשעץ דורך אַ שפּאַרע אין לאָדן און ערשט דעמאָלט זעט דאָס ווייב וואָס פאַר אַ וויסטע בראָך איר איז געשען: דער וואָס האָט זי פֿירגעהאַט איז נישטאָ, ער איז פֿאַרשוווּנדן ווי עס פֿאַרשווינדן אַלע שדים און נישט-גוטע ווען די העגער קרייען אויף טאָג.

זייט זי האָט סנדרן דערקענט און זייט נאָך דער חתונה, ווען ער איז געוואָרן אין גאַנצן פֿריי צו איר, האָט זי נישט געהערט פֿון אים אַזעלכע ווערטער, ווי דעמאָלט ווען ער איז צוריקגעקומען פֿון זיין וועג. זי האָט נישט געהאַט קיין ספק, אַז ער איז טאַקע ער און נישט קיין פֿאַרוואָרפֿענער. זי האָט אַ סימן: ביים רעדן שפּרינגט אים אונטער אַן אָדערל אונטערן רעכטן אויג, ווי שטענדיק, און אין זיין גאָרגלקנאָפּ קאַכט זיך עפּעס. בפֿרט זי איז נישט אויף איר צייט און די קאַשעצעס און שדים האָבן נישט קיין שליטה אויף איר. נאָר די ווערטער, די ווערטער — זיי זענען נישט זיינע פֿון אַלע מאָל.

נעכע האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס לעצטע מאָל האָט זי פֿאַר זיין אַוועקגיין צום פֿריץ אין הויף אים צוגענייט אַ קלעצלקנאָפּ צו די פּלודערן. זי האָט דעם קנאָפּ אַראָפּגענומען פֿון אַן אַלט פּעלצל, וואָס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין הויז, און זעלדע האָט געהייסן עס אַרויסוואַרפֿן. נעכע האָט דאָס פּעלצל נישט אַרויסגע-וואָרפֿן, נאָר באַהאַלטן עס אונטער איר קישן, טאָמער וועט עס צו נוץ קומען. אויפֿן פּעלצל איז געבליבן נאָך אַזאַ קלעצלקנאָפּ. אין אָוונט, אַז זי און סנדר זענען געגאַנגען צו בעט, און ער האָט אָנגעהויבן מיט זיינע זיסע ריידעלעך, האָט נעכע געפֿונען אַן אויסרייד, אַז זי האָט אין דער קיכקאַמער איבערגעלאָזט דאָס ברענענ-דיקע קנייטל נעבן זאַלצבערעטל און עס קען חלילה זיין אַ שׂריפֿה. איז זי אַראָפּ פֿון געלעגער, אין דער פֿינצטער מיטגעשלעפּט סנדרס פּלודערן און דאָרט, אין דער קיכקאַמער, האָט זי אָפּגעפֿונען דעם קלעצלקנאָפּ אַזוי ווי זי האָט אים צוגענייט. דער שטיין איז איר אַראָפּגעפֿאַלן פֿון האַרצן. זי שלאָפֿט טאַקע מיט איר סנדר.

„איז וואָס זאָגסטו, סנדרל, משיח האַלט טאַקע ביים אָנקומען קיין בראָד?" — האָט נעכע געפֿרעגט צוריקקומענדיק אין בעט אַריין.

„מיט גאָטס הילף, נעכטשע; מע דאַרף זיך גרייטן בשׂימחה..." — און זיינע הענט האָבן זיך געפֿרייט מיט איר לײַב.

„וואָס וועלן האָבן די אָרעמע-לייט דערפֿון?" — האָט נעכע געוואָלט וויסן.

„אַלע וועלן ווערן אויס אָרעמע-לייט און אַלע וועלן זיין אויסגעגלײַכט" — האָט ער געענטפֿערט.

„ס'עט זיין צו גוט" — האָט נעכע געספּקט.

„דערפֿאַר וועלן דאָך עס זיין משיחס צייטן!" — האָט סנדר געזאָגט.

„פֿון דיין מויל אין גאָטס אויערן אַריין" — האָט נעכע געווונטשן.

אין דעם באַגינען פֿון דער-אָ נאַכט האָט זיך נעכע געפֿעדערט און צוגעגרייט פֿאַר איר מאַן אַ פֿעטע גריץ, אַז ווי נאָר ער וועט אויפֿשטיין און ער וועט אָפּדאַווע-נען, וועט זי אים דערקוויקן דאָס האַרץ נאָך פֿריִער ווי זי וועט דערלאַנגען דער

האָרינטע אַ גלאָז מילך מיט האָניק אין בעט אַריין. און ווי סנדר איז אויפגעשטאַנען, אָפּגעגאָסן די נעגל און זיך געקליבן דאַווענען, אַזוי איז פון זיין טליתזעקל נולד געוואָרן דאָס אומגליק.

ווי סנדר האָט אַרויסגענומען פונעם זעקל דעם טלית, אַזוי האָט ער מיטגעשלעפּט אַ ספר אין לעדערנע טאָוולען. נעכע האָט דאָס ספר אויפגעהויבן און עס אַ קוש געטאָן. אַ ספר מיט אַזעלכע לעדערנע טאָוולען האָט זי אַמאָל געזען נאָר אין הויז פון וועלוול בעלזער. ער האָט עס אַמאָל געהאַט געבראַכט פון אויסלאַנד, פון זייער אַ וויַיט לאַנד און ער האָט עס געהאַלטן ווי אַ צירונג. איצט האָט איר מאַן, סנדר, אַ ספר מיט לעדערנע טאָוולען. עס זאָל איר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן.

„סנדר־לעבן, ס׳איז דיין אייגנס ?״ — האָט נעכע געגלעט דאָס ספר.

„נאָך נישט מיין אייגנס — האָט ער געענטפערט — איך וועל אויסצאָלן וואָס עס קאָסט וועט עס זיין מיין אייגנס״.

„ס׳איז דאָך אַן אוצר״.

„כ׳וועל עס מערטשעם אויסצאָלן״.

„וואָס שטייט אין דעם ספר ?״ — האָט נעכע געוואָלט וויסן.

„דאָס זענען תּפילות פון אַלע טאָג און אַ תּפילה, אַז משיח זאָל אונדז אויסלייזן וואָס שנעלער״.

„הלוואַי״ — האָט נעכע דאָס ספר נאָך אַ מאָל אַ קוש געטאָן. זי איז געווען גליקלעך. סנדרס גיין צום פּריץ אין הויף אַריין איז מיט מזל און ברכה. ער פאַרדינט אויף אויסצוצאָלן אַזאַ אוצר. און אַז דאָס ספר וועט זיין זיינס און אירס, וועט ער, איר סנדר, זיין צו גלייך מיט אַלע באַלעבאַטים אין בראָד.

נאָכן דערלאַנגען צום טיש דעם מאָרגן־אָנבייס פאַרן האַר, האָט נעכע אַריינגעבראַכט דאָס ספר, דער דאָקטער זאָל עס זען און זאָל ער וויסן וואָס פאַר אַ מאַן זי האָט. סנדר איז טאַקע אַ רימער־געזעלן, אַרבעט ביי בערלען, אָבער ער איז נישט דאָס וואָס מען מיינט, אַז ער איז. אליעזר האָט דאָס ספר גענומען צווישן די פינגער ווי אַן איידעלן אתרוג, אַ ביסל דערוווּנדערט פון די אויגן האָט ער עס באַקוקט פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט און אַ בלעטער געטאָן:

„זאָטלמאַכערס האָבן שוין אויך אייגענע סידורים ?״ — האָט ער געפרעגט און זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן ביי אַ תּפילה. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו נעכען און איר אַריינגעקוקט אין די אויגן:

„פון דעם סידור דאַוונט דיין מאַן ?״ — האָט ער געוואָלט וויסן.

„יאָ, האַר־לעבן, מיין מאַן ! ער צאָלט עס אויס״.

„ער צאָלט עס אויס — האָט אליעזר איבערגעחזרט — ווען צאָלט ער עס אויס ? די לייט פון סניאַטין, אָדער ער ווייסט סתּם נישט וואָס ער דאַוונט ?״

נעכע האָט אים נישט געקענט ענטפערן, נאָר זי איז געווען זיכער, אַז איר סנדר איז אַ וויכטיקער מענטש. זי האָט דאָס ספר גענומען צו זיך, געדריקט עס

צום בוזעם און צוריק אַוועק אין איר קאַמער. זאָל איר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן ס'דאַבורע מזל.

נאָכן אָנבייסן האָט אליעזר אַרויסגעזאָגט פאַר זעלדען זיין אומרו, אַז די מעשׂה מיט דעם סידור געפעלט אים נישט. ס'איז אַ סידור פון אר״י הקודש, וואָס פון אים דאַווענען מקובלים, די לייט פון בעל־שם־טוב און די סניאַטינער *. דער סנדר איז אַ פראָסטער חי־וקיים. אויף איינעם פון די לייט פון בעל־שם־טוב זעט ער נישט אויס. קען זיין, אַז די סניאַטינער האָבן געוואָרפן אויף אים אַן אויג און זיי בינדן אים צו צו זיך מיט אַ סידור פון תּפילות, ער זאָל זיך פילן מעשׂה באַלעבאָס.

זעלדע האָט וויניק פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס אליעזר האָט געזאָגט, כאָטש וועגן די מינים האָט זי נישט לאַנג צוריק געהערט רעדן און עס האָט זי געשראָקן.

„גלויבסטו, אַז ער האָט צו טאָן מיט יעקב פראַנקס לייט?״ — האָט זעלדע אָפּן אַרויסגעזאָגט דעם נאָמען.

„נעם עס נישט צום האַרצן און רעד נישט דערוועגן״ — האָט אליעזר אָפּגע־האַקט, נאָר געטראַכט האָט ער צו נעמען דעם יונג אויף אַ חקירה, כּדי ער זאָל נישט ברענגען אויף זיין הויז אַן אומגליק. דאָס אומגליק, וואָס אליעזר האָט גע־וואָלט פאַרמיידן, האָט די מויד געבראַכט אויף זיך אַליין.

דאָס ספר מיט די לעדערנע טאָוולען האָט נעכען נישט געלאָזט רוען. זי געדענקט נישט צי ביי עמעצן פון אירע וויניקע קרובים איז פאַראַן אַ ספר אין שטוב. מוזן אירע קרובים וויסן וואָס פאַר אַ שידוך זי האָט געטאָן! איר סנדר איז נישט אַ געזעלן ווי אַלע געזעלן. ער איז אַן אַנדערער! ער האָט אַן אייגענעם ספר! פון לעדער!

אין איינעם פון די טעג פון דער וואָך, ווען זעלדע האָט זי געשיקט אין שטאָט אַריין איינצוקויפן, האָט נעכע אַריינגעלייגט דעם סידור אין איר קויבערל און זי האָט געאײַלט צו אירס אַ קרוב, ער זאָל זען וואָס פאַר אַ מאַן זי האָט. זי האָט געאײַלט ווי מיט אַ גוטער בשורה. געלאָפן געשווינד, געוויזן עס דאָ און דאָרט און באַלד ווייטער געלאָפן:

„איר זעט ווער מיין מאַן איז? דער דאָקטער אליעזר האָט זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן!״

אַפילו דעם קרעמער אינעם קצבים־געסל, ביי וועלכן זי פלעגט איינקויפן געווירצן, האָט נעכע געוויזן דעם סידור און עמעצער, וואָס איז געשטאַנען דערביי האָט אַ קוק געטאָן אויף די אותיות, דעם סידור גענומען אין די הענט אַריין און אויסגעשריגן, ווי עס וואָלט אויסגעבראָכן אַ שׂריפה: „געוואַלד, ייִדן, ס'איז פון דער כּת ימח־שמו!״

פון וועגן דעם אויסגעשריי האָט נעכע זיך דערשראָקן, ווי זי וואָלט געהאַט אָפּגעטאָן אַ גאָר גרויסע זינד. זי האָט געכאַפּט דאָס ספר, אַריינגעלייגט עס צוריק

---

* סניאַטינער — אָנהענגער פון יעקב פראַנקס כּת.

אין קויבערל און אַנטלאָפן אַהיים. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז עס גייט געשען אַן אומגליק. און געשען איז עס דעם זעלבן טאָג, ערב מינחה:

פון דער שטאָט זענען אָנגעקומען אַ צוויי מנינים ייִדן. דאָס געזעמל האָט געאײַלט צונויפגעדרענגט איינער צום צווייטן, ווי אַלע וואָלטן געווען גלידער פון אַ ריזיקן גוף מיט אַ סך פיס און מיט אַ סך הענט און אַ סך מײַלער שרײַען:

„בענדיקן דעם מין! אויסרויכערן ס'אומגליק!"

נעבן הויז פון דעם דאָקטער האָט זיך דאָס געזעמל פאַרהאַלטן. יואלטשע פרנס, וואָס איז געגאַנגען דער ערשטער, האָט געעצהט מען זאָל נישט שרײַען, נאָר מיט גוטן זאָל מען פּרוּוון. זאָל די מויד אַרויסקומען, און דער עדות, וואָס איז געווען אין דער קראָם און געזען דעם סידור, וועט דאַרפן זאָגן, צי דאָס איז טאַקע די מויד. און אויב יאָ, וועט מען זען וואָס ווײַטער און ווער עס איז דער שולדיקער. כאָטש יואלטשע פרנס האָט געעצהט נישט צו שרײַען, איז דער אימפּעט, מיט וועלכן דאָס געזעמל ייִדן איז אָנגעקומען, געווען ווי אַ געשריי און אל־יעזר איז אַרויס פאַרן הויז.

„וואָס אַזעלכס איז געשען וואָס אַן עדה ייִדן?.." — האָט ער געפרעגט און אַראָפּגעגנידערט פון אַ שטיגל.

„געשען, געשען!" — האָבן עטלעכע ייִדן מיט אַ מאָל איבערגעריסן זײַנע ווערטער.

אליעזר איז אַראָפּ צום געזעמל און גייענדיק ווידער געפרעגט:

„וואָס אַזעלכס איז געשען? צי קען עמעצער פון אײַך מיר ענטפערן?"

יואלטשע פרנס האָט זיך אָפּגעריסן פונעם געזעמל־גוף און זיך אײַנגעבויגן פאַרן דאָקטער:

„אײַער מויד האָט זיך באַרימט, אַז איר מאַן דאַוונט פון אר"י הקודשס סידור. ס'זענען דאָ עדות דערויף. איר מאַן איז אַ מין!"

אליעזר האָט אַ ציטער געטאָן. דאָ אַנומלט, ווען די מויד האָט אים געוויזן דאָס ספר, האָט ער דערפילט דעם ריח פון סכנה און איצט שטייט די סכנה פאַר זײַן הויז. ער האָט אויסבאַהאַלטן זײַן אומרו און געזאָגט צו יואלטשע פרנס אַזוי, אַז דאָס גאַנצע געזעמל ייִדן זאָל הערן:

„ביי מיר אין הויז זענען נישטאָ קיין מינים. עמעצער פון קהל האָט געקענט קומען צו מיר, אויספרעגן די מויד, חוקר זײַן און זען וואָס איז בלויזער חשש און וואָס איז ספק..."

„נישטאָ קיין חשש! — האָט אויסגעשריגן אַ ייִד פון דער מיט געזעמל — מײַנע אויגן האָבן אַליין געזען דעם סידור. איך וועל שווערן ביי אַ הייליקייט, אַז דער מין סידור מיט די זעלבע אותיות איז ביי די מינים ימח־שמם־וזכרם!"

„וועלכער ייִד אײַלט זיך עס צו שווערן? קען איך אים זען?!" — האָט דער דאָקטער געפרעגט.

ס'איז אַרויסגעטראָטן אַ ייִד אָנגעטאָן אין אַ טיזליק, אַרומגעבונדן מיט אַ דיקן שטריק, און מיט אַ קאַלטון־באָרד וואָס האָט פאַרדעקט זײַן פּנים:

„איך האָב דעם סידור געזען ביי דער מויד, מיט מיינע אייגענע אויגן האָב איך אים געזען — האָט דעם ייִדס שטים געציטערט פון אויפּרעגעניש — ווערליק דעם חרם דאַרף מען זי פּאַרטרייבן פון דער שטאָט מיט איר מאַן אין איינעם״.

ווי דער עדות האָט אַרויסגעזאָגט זיינע ווערטער, אַזוי איז נעבע די מויד אַרויסגעקומען. דער עדות האָט זי דערזען און ער האָט אויסגערופן:

„אָט איז זי! זאָל מען זי גלייך שלעפּן צו קהל!״

דאָס געזעמל, ווי אַ ריזיקער גוף, האָט זיך אַ רוק געטאָן פאָרויס. אליעזר האָט זיך הינטערווייליקן דערנענטערט צו די שטיגלעך און מיט זיינע פּליִיצעס פאַרשטעלט דעם אַרויפגאַנג:

„קיינער וועט זיך מיר נישט דאָ דערנענטערן צו מיין הויז! — האָט ער אויסגערופן דראָענדיק — קהל האָט אַ רב מיט אַ בית־דין און קיין הפקרות איז אין בראָד נישטאָ!״

„זאָל איר מאַן דער פּושע עוכר גיין מיט אונדז צו קהל! זאָל קהל חוקר־ודורש זיין! — האָט דאָס געזעמל געשריגן פון אָנהייב צוריקגעהאַלטן און אין איבערחזרן די געשרייען געוואָרן צודרינגלעכער — זאָל ער גיין מיט אונדז צו קהל, דער פּושע עוכר בישׂראל!״

„זי איז אין חרם!״ — האָט אַן איינציקע שטים אויסגערופן.

„איך בעט אייך אַהיימגיין און צו רו לאָזן מיין הויז — האָט אליעזר געזאָגט איינגעהאַלטן, כּדי נישט צו צערייצן דאָס געזעמל ייִדן, וואָס איז געשטאַנען אויסגעבויגן אויף פאָרויס, ווי אויף אַ שפּרונג צו טאָן אויף זיין הויז — איר מאַן וועט אַהיימקומען פון דער אַרבעט אַזוי וועל איך אים שיקן צום רב, ער זאָל אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון וואַנען ער האָט דעם סידור. קיינער וועט אויף קיין ייִדיש קינד נישט זאָגן, אַז ער איז אין חרם אָן אַ גזר־דין פון קהל! ייִדן זענט איר!״

יואַלטשע פּרנס איז נישט געווען צופרידן וואָס דער עולם שמועסט זיך דורך מיטן דאָקטער און ער גופא איז געבליבן אָן אַ זייט. ווי ער וואָלט נישט געגאַנגען אַהער דער ערשטער. האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום געזעמל און געזאָגט מעשׂה באַפעלער:

„דאָקטער אליעזר רעדט דברי צדק. קיינער וועט דאָ נישט אַרויסטראָגן קיין גזר־דין אָן דעם בית־דין. דערווייל איז דאָ אויף קיינעם נישט חל דער חרם קעגן די מינים. אויב דער דאָקטער אליעזר זאָגט, אַז דער בעל־דבר איז נישטאָ אין דער היים און ער וועט אים שיקן צום רב אַזוי שנעל ווי ער וועט אָנקומען — איז ניחא. ווען מיר גיין אין שטאָט אַריין און וואַרטן״.

ווי יואַלטשע פּרנס האָט גערעדט צו די ייִדן, אָפּצוהאַלטן זיי פון לאָזן זיך צום הויז אויף אַוועקצושלעפּן די מויד, אַזוי איז דאָס געזעמל כּהרף־עין אַרומגענומען געוואָרן פון אַן אינערלעך פייער. ווי אַלע וואָלטן געהאַט איין פּאָר אויגן און די איינציקע פּאָר אויגן האָבן דערזען פון דער ווייטנס סנדרן, האָבן אַלע צוזאַמען אַ דונער געטאָן:

„ייִדן, ער איז דאָ!״

סנדר האָט זיך דערנענטערט פון דער ווייטנס מיט אַ טאָרבע־זעקל אויף די פּלייצעס, שיקנדיק דעם אויבערשטן טייל פון גוף פאָרויס, ווי עס איז דער שטייגער ביי שוסטערס און רימערס. ערשט איצט האָט אים אויך נעכע דערזען. נעכע, אַ צעטומלטע פון סכנה, האָט אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך און געוואָלט אים וואָרענען. אָבער ווי זי האָט געעפנט דאָס מויל אַזוי איז איר דאָס קול אָפּגענומען געוואָרן. ווי אַ פיש אויף דער יבשה שלינגט די לופט מיט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט געשלונגען וואַסער, אַזוי האָט נעכע געמאַכט מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט געשריגן, נאָר איר מויל איז געווען ליידיק פון געשריי. און עס איז געשען אין איין רגע: דאָס געזעמל יידן האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן, צו סנדרן. סנדר, וואָס האָט אין דער לעצטער רגע דערפילט, אַז צו אים דערנענטערט זיך סכנה, האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס טאָרבע־זעקל און אָנגעהויבן לויפן צוריק. נאָר דאָס געזעמל האָט אים פאַרגאָסן מיט מלחמה־געשריי און ער איז נעלם געוואָרן אינעם געשלעג. אַלע האָבן זיך געראַנגלט מיט אַלע, הענט האָבן זיך אויסגעמישט מיט פיס. ס'האָט אויסגעזען, אַז נישט אַלע שלאָגן איינעם, נאָר איינער שלאָגט דעם צווייטן.

נעכע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון די שטיגלעך. אליעזר האָט זי געפּרוווט פאַר־האַלטן מיט אַ געשריי, אָבער זי האָט נישט געהערט זיינע ווערטער און דורכגע־ריסן זיינע שטאַרקע אָרעמס. זי איז געלאָפן אַהין, וווּ דער גרויסער גוף האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין און ער שלינגט דאָרט איין איר סנדרן.

זעלדע איז אַרויסגעקומען אַ צעשראָקענע.

„זיי וועלן אים צערייסן! — האָט זי פאַרבראָכן די הענט — קענסט אים נישט העלפן?"

„גיי נישט אַראָפּ פון די שטיגלעך!" — האָט אליעזר איר באַפוילן און אַליין געאײַלט צום געזעמל.

„עלי, עלי! זיי געהיט!" — האָט זעלדע אויסגעשטרעקט איר אָרעם צו דעם לויפנדיקן.

אליעזר איז דערלאָפן צו שפּעט. סנדר האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון דעם גע־ראַנגל מיט אייגאַנדער און אָנגעהויבן לויפן. קיינער פון דעם צעטומלטן געזעמל האָט אים נישט באַמערקט. ערשט ווען ער האָט זיך שוין געהאַט דערווייטערט אויף אַ פּאָר צענדליק טריט, האָט עמעצער אויסגעשריגן, אַז דער מין איז נעלם געוואָרן. דער מענטשנקנויל האָט זיך פּלוצים אויפגעלייזט, צעפאַלן געוואָרן אויף פּיצלעך, און די פּיצלעך האָבן מיט פאַרמאַטערטע שפּרייזן אָנגעהויבן נאָכיאָגן דעם אַנטלויפנדיקן. דעמאָלט איז שוין סנדר געווען ווייט, ווייט און אויסער סכנה. די מחנה איז אָפּגעשטאַנען, פאַרלוירן דעם אימפּעט איינציקווייז. דערווייל איז אין דרויסן געוואָרן טונקל. די נאָכיאָגנדיקע האָבן געהאַט ברייט זיך צעוואָרפן איבער די פעלדער. די טונקלקייט און דאָס גרינס אויף די פעלדער האָט סנדרן איינגע־שלונגען.

נעכע איז געלעגן אויף דער ערד, ווי דאָס געזעמל וואָלט זי צעשלאָגן. מיט איר געוויין האָט זי צוריקבאַקומען דאָס קול און זי האָט זיך אַליין באַלייגט מיט

וויסטע קללות פאַר וואָס זי האָט דאָס דערלעבט; בעסער וואָלט געווען, די ערד זאָל זי האָבן אײַנגעשלונגען, אָדער ווען זי זאָל האָבן אויסגערונען פון איר מאַמעס בויך. אליעזר האָט זיך אַראָפּגעזעצט און געפּרוווט זי אײַננעמען מיט גוטע ווערטער. זיינע ווערטער האָבן נישט געהאָלפן. זי האָט פון צער געריסן מיט די פינגער די ערד.

אין דער טונקלקייט האָבן זיך נאָך אַלץ שאָטנס באַוויגן איבער די פעלדער אָן אַ סדר און אָן אַ ציל. טייל זענען אָפּגעשטאַנען פון מידקייט און פאַרווירטע געבלאָנקעט אַהין און אַהער. די שטאַרקערע זענען פאַרשווונדן. יואלטשע פרנס האָט פון איבערנעמען זיך מיט דער מיצווה צו פאַנגען אַ מין פאַרגעסן, אַז ער איז געבריכט אויף ביידע זייטן. איז אים אין לויפעניש באַפאַלן אַ ווייטיק אין דיך און ער איז געפאַלן אין מיטן פעלד מיט אַ געשריי צום הימל. קיינער האָט נישט געהערט זיין געשריי. האָט ער אָפּגעשריגן און געבליבן ליגן אין ווייטיק. ער האָט מורא געהאַט זיך אויפצושטעלן, טאָמער וועט אים דאָס געבריך אָנכאַפּן אויף ס׳ניי אין די קראַמפּן.

ווי אַ האָז איז סנדר אַריינגעלאָפן אין אַ תבואה־פעלד און געבליבן ליגן אָן אָטעם. דאָ און דאָרט האָט ער געהערט אַ לויפעניש, אַ טראַטעווועניש, אַ גערעדעריי און קללות. פון שרעק האָט ער מורא געהאַט אַפילו צו עטעמען און מיטן פנים זיך געלייגט צו דער ערד.

ווען עס האָט זיך געשטעלט דער אָוונט, ס׳איז אין גאַנצן טונקל געוואָרן, האָט דער צוריקגייענדיקער עולם געפונען יואלטשען אַ קרעכצנדיקן און פאַרקלעמטן אין זיינע ווייען. ער האָט געבעטן רחמים, מען זאָל אים אַהיימטראָגן, נישט לאָזן אים אַליין אין פעלד. די צוריקגעקומענע האָבן קוים געהאַט כּוח צו שטיין אויף זייערע פיס, נאָר דאָס וואָס דער געבריכטער איז יואלטשע פרנס און מען קען נישט אַ פרנס און אַ גביר איבערלאָזן אין זיינע צרות אין דער מיט פעלד ביינאַכט, האָט די לייט געגעבן כּוחות צו נעמען אים אויף זייערע אַקסלען און אים אַהיימטראָגן. זיי האָבן אים געטראָגן ווי אַ בר־מינן. פון מאָל צו מאָל האָבן זיך ייִדן אָפּגעביטן, אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע און יואלטשע האָט געקרעכצט:

„שוין, באַלד זענען מיר אין שטאָט... שוין... איר קויפט זיך עולם־הבא... אוי ווי, דער דיך...״

אַז דאָס געזעמל מידע ייִדן האָט פאַרבייגעטראָגן יואלטשען נאָענט צום הויז פון דעם דאָקטער, האָט עס אויסגעזען ווי עס וואָלט געגאַנגען אַ פאַרשפּעטיקטע לוויה. נעכען איז, נישט וויסנדיק פאַרוואָס, איינגעפאַלן, אַז די לייט האָבן געבענדיקט איר סנדרן, אים צעמזיקט און אַ צעמזיקטן טראָגן זיי אים אַוועק אין שטאָט אַריין צום בית־דין. איז ווי זי איז געשטאַנען ביי די שטיגלעך פון הויז און דערזען אין דער אָוונט־טונקלקייט וואָס עס געשעט, האָט זי זיך צעיללהט ווי נאָך אַ טויטן:

„אוי, ווינד און ווי איז צו מיינע יונגע יאָרן! הלוואי וואָלט איך אַזאַ שעה נישט דערלעבט!״

די ייִדן האָבן נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען עס האָט זיך דאָ גענומען אַ ווייב, וואָס באַווײַנט יואלטשע פּרנסה, ווי ער וואָלט חלילה געווען אַ בר־מינן, און זיי האָבן זי געטריבן מיט די הענט הינטער זיך, נישט צו זען ווער עס איז דאָס ווייב:

„אשה־אשה. געזען אַזאַ זאַך? באַקלאָגן זאָל מען די מינים ימח־שמם!"

עמעצער האָט נעכען אַ שטופּ געטאָן אין אַ זייט און איר אַרײַנגעשריגן אין פּנים:

„אָט האָסטו אַ קליפּה רחמנא ליצלן! גיי באַקלאָגן דעם פּושע עוכר בישׂראל!"

נעכע האָט פּלוצים אויפגעהערט קלאָגן. זי איז געבליבן שטיין מיט פאַר־בליפטע אויסגעווײַנטע אויגן און אין קאָפּ האָט זיך איר געמישט. דאָס וואָס דאָס געזעמל מיט אַ מענטש אויף די אַקסלען האָט זיך דערווייטערט, האָט זי געפילט אַזוי ווי די לוויה וואָלט געשטאַנען אויף אַן אָרט, נאָר אונטער איר רוקט זיך די ערד צוריק און טראָגט זי אַוועק הינטערווײַלעכץ.

„ווו איז מיין סנדר? — האָט זי שטאַמלענדיק געפרעגט זיך אַליין — וואָס האָבן זיי געטאָן מיט מיין מאַן?" זי האָט געזוכט אין וואָס זיך אַנצולענען, כּדי נישט אומצופאַלן פון דעם וואָס די ערד אונטער איר ציט זי הינטערווײַלעכץ צוריק, און פון נישט געפינען קיין אָנשפּאַר האָט זי זיך געוואַקלט, געוואַקלט, נאָר נישט געפאַלן.

דאָס געשעענע האָט אין הויז פון דעם דאָקטער אַרײַנגעבראַכט עפּעס פון אבלות. נעכע האָט זיך אַרײַנגעשאַרט שטילערהייט, פאַרשולדיקט, און אָנטרעפנ־דיק זיך אויף איר האַר האָט זי אויסגערופן:

„פינצטער און ביטער איז מיין וועלט!"

„וואָס אַזעלכס איז דאָ אַלץ צו שטאַנד געקומען?" — האָט אליעזר געפרעגט אָן תּרעומות, נאָר צו נעכעס אויערן איז די שאלה דערגאַנגען ווי אַ דונער: „צי איז דיין מאַן פון די לייט פון יעקב פראַנק, אָדער פון בעל־שם־טובס לייט איז ער?"

נעכע האָט געשטאַמלט. זי האָט נישט געוווּסט, נישט וועגן די און נישט וועגן יענע, נאָר געהאַט געהערט האָט זי וועגן עפּעס אַ חרם און אַז מען טאָר נישט שטיין נעבן די לייט וואָס זענען אין חרם. נאָר ווער עס זענען די לייט האָט זי נישט געוווּסט און זיי נישט געזען. אליעזר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס נעכע האָט אין דעם געזען אַ שלעכטן סימן. האָט זי געוואַרט ביז זעלדע איז אַרײַן אין דער קיכקאַמער און זיך פאַר איר צעגאָסן אין אַ געוויין. די גאַנצע זיכערקייט, וואָס נעכע האָט געהאַט אָנגעקליבן, אַז אויף אירע פּלייצעס איז דאָס גאַנצע הויז און אַז זי זאָגט דאָ די דעה, איז אָפּגעמעקט געוואָרן, ווי אַ קרייד־חשבון אויף אַ טיש. געוועזן און נישטאָ מער. זי האָט זיך איינגעשרומפּן און מיט די פויסטן געקלאַפּט זיך אין קאָפּ:

„זאָלן אַלע בערג איינפאַלן אויף מיר; זאָלן אַלע טייכן זיך אויסגיסן אויף מיר, אויב איך האָב אָנגעהויבן וויסן פון עפּעס. פאַר וואָס קומט עס מיר? ווען האָב איך שלעכטס געטאָן און ווען האָט מיין סנדר שלעכטס געטאָן? לייט האָבן מיר געגעבן אַ גוט־אויג!"

זעלדע האָט רחמנות באַקומען אויף דער מויד, געוואָלט זי טרייסטן, נאָר די שרעק, וואָס זי האָט איבערגעלעבט מיטן אָנקומען פונעם געזעמל ייִדן, האָט איר געשטויסן צו זאָגן, וואָס זי האָט פריִער געטראַכט איר צו זאָגן:

„מענטשן זענען צו איינעם, ווי גאָט איז צו אים".

ווי אַ דערשראָקענע קאַץ האָט זיך נעכע אויסגעבויגן און מיט אַ פּחד־פּייערל אין די אויגן אָנגעקוקט זעלדען:

„אויך גאָט יאָגט מיין סנדרן נעבעך?"

„אויב ער איז אַוועק אויף קרומע וועגן" — האָט זעלדע געענטפערט. דאָך האָט זי איר נישט געזאָגט גאָרנישט פון דעם וואָס אליעזר האָט פאַר איר אַראָפּ־געבראַכט פון די ליפּן, אַז אויב דער יונג איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דער כּת פון יעקב פראַנק, וועט אויך זי, די מויד, מוזן נעמען איר פּעקל און אַוועקגיין פון זיין הויז.

נעכע האָט די נאַכט אויסגעוויינט אַלע אירע טרערן, נאָר אויפן האַרצן איז איר גאָרנישט לייכטער געוואָרן. זי האָט אַפילו נישט געקענט צומאַכן די אויגן אויף איינדרימלען. די נאַכט איז געווען אַ העלע. אַ סך גרינע שטערן האָבן אַריינגע־בלישטשעט דורך דעם אָפענעם פענצטער פון סאָד. די גרויסע שטערן האָבן גע־ציטערט מיט זייער גלאַנציק ליכט, בעת די קליינע האָבן אין הימל געשטעקט ווי גרינע ליכטיקע שפּילקעס. נעכע האָט געפּרוווט ציילן די גרויסע שטערן און באַלד נאָך דער צאָל צוואַנציק האָט זיך איר דאָס ציילן צעמישט. זי האָט אַפילו געהאַט זיך אויסגעלערנט ציילן ביז פופציק, נאָר אַז דאָס האַרץ קלעמט איר צו, ווי קען זי געדענקען דאָס ציילן?

ווי זי איז געלעגן און געציילט די שטערן ווידער און אָבער, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי הערט הינטערן פענצטער אַ גערויש. אפשר זענען די קעץ אַרויפגעשפּרונגען אויפן האַלץ, וואָס איז הינטער דער וואַנט אָנגעגרייט אויף צו ברענען אונטער דער קאַפּע? נעכע האָט אָנגעשפּיצט איר געהער און בפירוש פאַרנומען אַ פּליסטער. פּלוצים האָט אַ שאָטן פאַרבייגעשוועבט די פענצטער־ראַם. נעכען איז אָפּגענומען געוואָרן דער אָטעם. זי האָט איינגעקורטשעט די פיס און אַראָפּגעצויגן דאָס קלייד אויף אונטן. דאָס האַרץ האָט איר געהאַמערט, ווי די קלעפּ וואָלטן געקומען פון אונטערן קישן. דער גערויש אויף דער האָלץ־סטערטע האָט זיך איבערגעחזרט און אַזוי אויך דער פּליסטער. דאָס מאָל האָט זי געהערט אַרויסזאָגן בלחש איר נאָמען צוויי מאָל: „נעכע? נעכע?" האָט זי נאָך שטאַרקער אַראָפּגעצויגן דאָס קלייד איבער די פיס און געענטפערט פונקט אַזוי שטיל ווי זי האָט געהערט: „דאָס ביסטו סנדרל, אָדער חלילה?.."

אין דער שעה, אין דער נאַכטיקער פינצטערניש און אַליין אין בעט, האָט זי מורא געהאַט צו דערמאָנען יענע לייט, וואָס קריכן אַרויס פון קנייעס און לעכער נאָך האַלבער נאַכט און לאָזן זיך אַוועק איבער דער וועלט אָפּטאָן אַלע מיאוסע טועכצער. נישט אַוועקנעמענדיק דעם בליק פון פענצטער, האָט נעכע מיט די הענט געזוכט ווי אַזוי אָפּערצוציִען פון אונטער זיך די פּערענע און זיך איינדעקן,

אַז טאָמער לויערט הינטערן פענצטער אַ נישט־גוטער, זאָל ער נישט קענען זי פירהאָבן. אין אַזאַ צייט, ווען בראָדער קהל האָט פון איר פאַרטריבן איר ביישלע־פער, קען ער אויך אויף איר אָנשיקן אַ ווילקאָליק, צי אַ קאָשעץ, ער זאָל זי באַשלאָפן און זי זאָל שפּעטער געלעגן ווערן מיט אַ קאָלטון. נעכע האָט נאָר באַוויזן זיך איבערצודרייען אויף דער צווייטער זייט, עס זאָל איר לייכטער זיין אָפּערצו־ציִען די פּערענע, ווי זי האָט דערפילט אויף זיך צוויי הענט. זי האָט געוואָלט שרייען, נאָר אַ שווערער גוף האָט פאַרדעקט איר קאָפּ און בּרוסט און דאָס לשון איז איר אָפּגענומען געוואָרן. דער פרעמדער גוף האָט זי אַרומגענומען מיט שטאַרקע הענט, און מיט אַ סאָפּעניש איר אַריינגעפליסטערט אין אויער: „נעעעכע, נעעעכע". זי וואָלט אין יענער רגע געשווירן, אַז דאָס סאָפּען איז פון איר סנדרן, ווען זי זאָל נישט האָבן געוווּסט, אַז די ווילקאָליקעס און קאָשעצן קענען זיך פאַרוואַרפן אין געשטאַלט פון מענטשן און נאָכמאַכן זייער קול. האָט נעכע זיך נישט גערירט פון אָרט. נאָר איר גוף האָט פון זיך אַליין נאָך מער געציטערט, בעת דער פרעמדער האָט געפליסטערט אין איר אויער דערוועגן זאַכן וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען. און דאָ טאָר זי נישט שרייען, דער נישט־גוטער, וואָס קנעט זיך אין אירע בריסטן און אין איר בויך זאָל זי נישט דערשטיקן. האָט זי פאַרקוועטשט די אויגן, צוזאַ־מענגעצויגן זיך און געשוויגן. זי האָט פירכטלעך געטראַכט, אַז מסתּמא איז שוין נישט ווייט צו טאָג. וועט זי זיך נישט רירן ביז די יענער וועלן אָנהייבן קרייען, דעמאָלט מוזן אַלע נישט־גוטע נעלם ווערן צוזאַמען מיט דער נאַכט. אין דער שרעק פאַר דעם וואָס עס געשעט, האָט זי פאַרגעסן דעם שפּרוך, וואָס מען דאַרף זאָגן אין אַזאַ צייט. זי איז געווען אין זיין רשות.

דאָס קול וואָס האָט אַריינגעפליסטערט אין נעכעס אויער און די הענט וואָס האָבן זיך וואָס אַ מאָל הייסער איינגעקנעטן אין איר גוף, האָט איר וואָס אַ מאָל מער דערמאָנט דאָס קול און די הענט פון איר סנדרן. נאָר עטלעכע מאָל האָט ער דערמאָנט אין זיין פליסטערן די אויסלייזונג פון משיחן, פון וואָס נעכע האָט נישט געהאַט מער קיין ספק וואָס פאַר אַ ס׳גאַל פאַרשוין עס קלאַמערט זיך צו איר גוף. איצט טאָר זי אים נישט דעררגזענען. זי איז אין גאַנצן אין זיין רשות און ער קען זי דערוואַרגן מיט אירע אייגענע האָר. איז באַלד נאָך דעם ווי דער פאַרשוין פון יענע לייט האָט זיך אויסגעסאָפּעט און אויסגעפליסטערט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגערוט פון לויפעניש פון יענער עק וועלט, האָט ער מיט איין האַנט אָפּגעזוכט איר בּרוסט און זי געצערטלט. דער באַריר פון זיינע פינגער האָט זי ווייל געבריט, ווי דער באַריר פון אַ מאַנצביל. האָט זי געוואָרט דאָס צערטלען זאָל זיך מערן און ער האָט זי געצערטלט און איר איז גוט געווען. נאָר ווען ער איז זייער היציק געוואָרן און מיט די הענט געזוכט אַרום איר האַלדז אום אויפצוקנעפּלען דאָס קלייד פון די קליידער אין וועלכע זי איז געלעגן, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז איצט גייט ער זי דערוואַרגן... האָט זי אים אַ גלעט געטאָן איבער דער האַנט, זי צוגע־נומען פון נעבן איר האַלדז און כּדי אים צו פאַררעדן געזאָגט פליסטערנדיק:

„איך וועל אַליין אַראָפּציִען מיינע קליידער און טו מיר קיין בייז נישט". און

אַזוי האָט זי געטאָן און עס איז איר גוט געווען פון זיינע לאַשטשענישן, ווי ער וואָלט געווען אַ חתן אין דער נאַכט פון דער חופּה און זי איז זיין באַגערטע כּלה. ער האָט זי אַזוי געבענדיקט אין זיינע תּענוגים, אַז אין דער זיסקייט פון זייער שיכּרות האָט זי פאַרגעסן אין אַלע סכּנות. זאָל ער טאָן מיט איר וואָס ער וויל, און זאָל ער אַפילו זי פאַרלענדן אונטער דער לאַסט פון זיין גוף. און ער האָט זי פירגעהאַט נישט־דאָ־וועלטיש, ווי ער וואָלט געווען אַ ווילדס אין וואַלד. און ווי זי איז געווען זיכער, אַז זי איז שוין סיי ווי אַ פאַרפאַלענע, האָט זי אים נישט אָפּגעלאָזט, נייערט געקלאַמערט זיך צו אים סכּנות־נפשות.

שפּעטער איז דער פאַרשוין פון יענע לייט איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף פון אַ מענטש און זי איז געלעגן אַ באַרוישטע, מיט אָפּגעטעמפּטע חושים, ווי אין אַ נאַכט פון אַ זומערדיקער חמימה. מיט אָפענע אויגן האָט זי געוואַרט די העגער זאָלן קרייען אויף טאָג. געקוקט פון אַ זייט, האָט זיך איר אַפילו אויסגעדאַכט אַז דער שלאָפנדיקער איז סנדר, נאָר אין גאַנצן אויסדרייען דעם קאָפּ און פּרווון זען אין דער פינצטער ווער דאָס איז אויף אַן אמת, האָט זי נאָך אַלץ מורא געהאַט. בעסער נישט קוקן.

די נאַכט האָט זיך געצויגן נישט ווי עס וואָלט געווען זומערלעבּ, נאָר ווי אין טיפן ווינטער. און ווי זי איז געלעגן און געוואַרט און נישט געקענט זיך דער־וואַרטן אויפן טאָג, אַזוי האָט זי געגלוסט עס זאָל נאָך געשען פון דעם וואָס עס איז געשען, אום זי זאָל נישט פילן די שרעק. האָט זי מיט דעם עלנבויגן געפּרוווט וועקן דעם פאַרשוין פון יענע לייט, נאָר ער האָט זיך נישט געוועקט. בלויז זיין שווערער אָטעם איז לייכטער געוואָרן און ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט.

נעכע האָט זיך קוים דערוואַרט אויפן קרייען פון די העגער. דער ערשטער האָט געקרייט אַ יונגער האָן, מיט אַ שאַרפן שפּיציקן קריי, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דער נאַכט אַריין. דערנאָך האָבן געקרייט צווי העגער צוזאַמען, וואָס איינער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן דעם צווייטן אין אויפהערן, ביז ביידע זענען פאַרקרייט געוואָרן פון אַנדערע העגער פון אַלע עקן וועלט. דער פאַרשוין נעבן איר האָט זיך נישט גערירט. נעכע האָט זיך געמאַכט, אַז זי שלאָפט און פון אַ דין אויגנשפּעלטל געקוקט אויפן שלאָפנדיקן נעבן איר. אַזוי קוקנדיק איז זי אַריינגעפאַלן אין שלאָף אפשר אויף אַ רגע, נאָר אין דער איינציקער רגע איז געוואָרן טאָג און אַ גאָלדענער שטרייף פונעם הימל האָט אַריינגעליכטיקט אין אָפענעם פענצטער אַריין. דער פאַרשוין איז נאָך געווען נעבן איר. ווערליק די האָר אויף זיין קאָפּ און דעם קאַפּטאַן, וואָס ער האָט געטראָגן, איז דער שלאָפנדיקער געווען סנדר. האָט זי זיך אָנגענומען מיט כּוח, זיך אויפגעזעצט און נישט קוקנדיק אויף אים האָט זי אים אַ טרייסל געטאָן, צוריקכאַפּנדיק די האַנט פון זיין פּלייצע:

„גיי אין דיין רו אַריין!"

דער שלאָפנדיקער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן פּנים און ער האָט שווער געעפנט די אויגן. ער האָט געקוקט צו איר פון אונטער אָנגעשוואָלענע

לעדלעך, און ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, האָבן די לעדלעך זיך צוגעמאַכט און געעפֿנט, צוגעמאַכט און געעפֿנט.

„ביסט סנדר?" — האָט זי זיך געוווּנדערט און באַרירט זיין אַקסל.

„באַלד" — האָט ער געקרעכצט.

„וואָס באַלד, ווען באַלד?!" — האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן צו זיין פּנים — נעם מיר נישט אַרויס דאָס האַרץ און ענטפֿער מיר. ביסט סנדר?"

„היק! — האָט ער אַ שלוקערץ געטאָן — דו רעדסט פֿון שלאָף. קיינער יאָגט מיך נישט מער".

„מיינע שונאים זאָלן רעדן פֿון שלאָף. איך פֿרעג צי דו ביסט סנדר" — האָט זי אים געטרייסלט דרייסטער און איר שרעק איז אויסגערונען.

ער האָט זיך אונטערגעהויבן און אָנגעלענט דעם קאָפּ אין איר ברוסט. זי האָט געפֿילט זיינע ווערטער דורך איר גוף:

„כ'האָב געמיינט, אַז זיי טשאַטען אויף מיר ביים הויז, האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין היי ביז שפּעט אין דער נאַכט. ביסט נישט בייז אויף מיר, נעכטשע?"

„דער האַר איז אַוודאי בייז" — האָט נעכע אים אַרומגענומען און מיט די פֿינגער געפּרוווט קעמען זיינע האָר — איך ווייס אַז דו האָסט גאָרנישט געטאָן, לייט זאָלן דיר ווען שלעכטס טאָן. האָסטו געטאָן?"

„זיי זענען רשעים, ווילן שלעכטס טאָן אַלע אָרנטלעכע לייט" — האָט ער אַריינגערעדט אין דער וואַרעמער ווייכקייט פֿון איר לייַב.

„הלוואי וואָלט נאָך נאַכט געווען, יואלטשע דער רשע זאָל אויף אונדז קיין שליטה נישט האָבן — האָט זי זיך געטוליעט צו אים — זאָג מיר, סנדר־לעבן, וואָס האָבן די לייט צו דיר און וואָס אַזעלכס האָסטו געטאָן צו זיי?"

„זיי טוען שלעכטס אָרנטלעכע און גלייכע לייט" — האָט ער איבערגעחזרט מאַרקאָטנע.

יאָר־יאַריד אין בראָד

דער יאָר־יאַריד אין בראָד האָט זיך געשטעלט אין אַ צייט געבענטשט פון גאָט און פון לייט. פון גאָט זענען אַלע די טעג געווען זוניקע, מיט אַ בלויען הימל, ווי אַ חופּה איבער דעם פייערדיקן קאָפּ פון דער זון; פון לייט — פון לייט זענען פול געווען די טראַקטירן און אײַנפאָרהייזער און ס׳האָט זיך געטאָן ווי זעלטן ווען אין עלכעס יאָר.

אַזוי האָבן צום יאַריד אָנגעצויגן סוחרישע בוידן, פּריצישע קאַרעטן און דיליזשאַנסן מיט פרומע לייט. די געשפּאַנען מיט הייסע פערד האָבן אויפן טראַקט פון דרום אויסגעמיטן קאַראַוואַנען ציגײַנער מיט צעשריגענע ווײַבער, צעפּיל־דערטע קינדער און דרעסירטע בערן. די ציגײַנערשע ווײַבער האָבן אויסגעשטרעקט זייערע אָרעמס צו די פאַרבײַיאַילנדיקע קאַרעטן און דיליזשאַנסן, זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן און לאָזן פּירזאָגן וואָס עס איז געווען, וואָס עס וועט זײַן און וואָס זיי דערוואַרט אין דער שײנער שטאָט בראָד. ווי פון דרום האָבן געצויגן ציגײַנער, אַזוי האָבן פון צפון און פון מערב געצויגן קאַראַוואַנען מדינה־גייערס פון פּוילן און פון ליטע. זיי האָבן זיך געצויגן געזינדלעכווײַז, זיך געהאַלטן ביי די הענט, ביי די אַקסלען, ביי גאַרטלען, ווי איינער וואָלט געשלעפּט דעם צווייטן. די גייענ־דיקע פאָרויס האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין האַלב־חרובע וועגענער מיט אויסגעקרומטע אַקסן, אויסגעריבענע סקריפּענדיקע בוקסן, געשפּאַנט מיט אויסגעמאָגערטע קליאַ־טשעס. ס׳האָט געקענט אויך הייסן, אַז די, וועלכע האַלטן זיך אָן אין די וועגענער און שלעפּן נאָך זיך די מחנה, שטופּן גאָר פאָרויס די וועגענער, כּדי די אויסגע־הונגערטע פערד זאָלן נישט פאַלן איידער זיי דערגרייכן דעם שלאָגבוים פון בראָד.

די פאַרבײַפאָרנדיקע בוידן און דיליזשאַנסן הייבן אויף געדיכטע טומאַנען שטויב, וואָס פאַרדעקן די געזינדלעך מיט די וועגענער און קליאַטשעס, און די מדינה־גייערס ליאַרעמען און בלעקעצן, ווי דאָס טוען בעלי־חיים אין דער צייט פון ליקוי־חמה, ווען דער הימל ווערט פאַרטונקלט און מאַרקאָטנע.

אַן אָוונט פאָרן שטעלן זיך פונעם יאַריד זענען די טראַקטירן און אײַנפאָר־הייזער פול מיט סוחרים פון דער ווײַטער וועלט און פון אַלע עקן פּוילן. די לאַנגע הייף זענען אָנגעשטעלט מיט וועגענער מיט אויפגעהויבענע האָלאָבליעס און פון די שטעלער זעצט אַרויס אַ פאַרנדיקע היץ מיט ריחות פון פערדישן שווייס, מיסט און שטויב פון טראַקטן. די פּלעמלעך פון לאַמטערנס בלינצלען צווישן די וועגע־נער און קולות פון דאָ און דאָרט צווישן שטרוי און בינטלעך היי שרײַען זיך איבער און קיינער דערהערט זיי נישט.

ווי דער יאַריד וואָלט זיך געשטעלט בלויז פֿאַר אֶביונים, האָבן זיך די געזינדלעך מדינה־גייערס אַרויסגעלאָזט באַלד אין דעם פֿריִען פֿרימאָרגן. הונגעריקע פֿייגל־טשאַטעס פֿון הימל. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַהער צוזאַמען מיטן טאָג. די טירן פֿון די טראַקטירן און האַרבעריקס זענען האַלב־צוגעלענט פֿון דער נאַכט און עס טראָגן זיך פֿון זיי ריחות פֿון פֿריש געבעקס און פֿליישיקע געקעכטסער. צו זיי ציִען די אויסגעהונגערטע מדינה־גייערס, וואָס זייערע פּנימער און בערד זענען פֿון דעם זעלבן שטויבקאָליר, וואָס זייערע קרוע־בלוע־קליידער. די געזינדלעך שלעפּן זיך צונויפֿגעקייטלטע, איינעמס האַנט אויפֿן צווייטנס אַקסל; אַ צווייטנס האַנט ביי אַ דריטנס פּאָלע; אַ בלינדער לענדט זיך אָן אין איינעמס הויקער און אַ צווייטער בלינדער האָט אַריינגעשטעקט זיין שטעקנהענטל אין דער הויקערס שטריק אַרום די לענדן. דער ערשטער פֿון אַ געזינדל איז באַהאָנגען מיט געלאַטעטע טאָרבעס, אָנגעשוואָלענע פֿון אָרעמקייט, ווי אייטערס פֿון אויסגעהונגערטע ציגן, און ער זוכט דעם וועג מיט אַ שטעקן, וואָס דינט אים אויך אַריינצושטעקן אין אַ טיר, מען זאָל זי אים נישט פֿאַרקלאַפּן אונטער דער נאָז.

אין די האַלב־אָפֿענע טירן קענען נישט די ווייבער זיך אָפּיאָגן פֿון די אֶביונים און מדינה־גייערס. „איר וועט קומען מאָרגן!" „דאָ גיט מען נאָר ערב שבת!" „דער באַלעבאָס איז נאָך נישט צוריקגעקומען פֿון דאַוונען און איר שנאָרעט שוין!?" — שרייען זיי. דער אויסגעשטרעקטער שטעקן איז שוין פֿון יענער זייט טיר און עטלעכע פֿיס אַרומגעבונדן מיט שמאַטעס זענען שוין איבער דער שוועל און איינער טוט אַ שפּאַר אויף דער טיר, פֿאַלט אַריין אין ליידיקן חלל און בלייבט ליגן אַן אויסגעצויגענער. ער איז פֿאַרביי. באַלד הייבט ער זיך אָן טרייסלען. איינער פֿון די אביונים שרייט אַריבער: „ייִדן בני רחמנים, גיט אים אַ שטיק אייזן אין דער האַנט; ס'פּאַליקע". לויפֿט די צעשראָקענע באַלעבאָסטע זוכן אַ שטיק אייזן און לאָזט די טיר אויף הפקר. איז שוין דער ניכפּהניק אויף די פֿיס, כאַפּט אַ שטיק פֿלייש פֿון זאַלצברעטל, צי פֿון אַ טאָפּ, אַ צווייטער שלעפּט אַראָפּ אַ קויליטש, כאַפּט אַ ציגערנע קוואָרט, צי אַ טעפּל וואָס שטייט אויף דער קיך, און אַלץ ווערט נעלם אין די אַראָפּהענגענדיקע טאָרבעס.

אין די טראַקטירן לאָזט מען נישט אַריין די מדינה־גייערס. די סוחרים האָבן נישט ליב ווען זייטיקע שטערן זיי אין די חשבונות און אין משא־ומתן. יעדער איינער ברענגט מיט זיך זיינע משוגעתן: די מאָסקאָוויטן, הויכע פֿאַרשוינען מיט ייִדישע בערד, מיט לאַנגע בעקעשעס און פֿוטערנע קוטשמעס, האָבן ליב לאַנג זיך צו דינגען און אין דינגעניש זיך פּאַטשן קעגנזייטיק אין די הענטפֿלאַכן, אַוועקפּאַטשן אַ שעה־אָנדערטהאַלבן און צום סוף צופּאַטשן. די ליאַכן צינדן זיך שנעל אָן און לעשן זיך שנעל אויס; וואָס עס איז זיי געפֿעלן — געפֿעלט זיי שוין נישט און אָט געפֿעלט עס זיי ווידער, נאָר זיי דאַרפֿן האָבן אַ ייִשוב־הדעת. די טערקן מיט די טורבאַנען אויף די קעפּ און מיט זייערע ברייטע געלטגאַרטלען אַרום די לענדן רעדן האַרט, שנעל און מיט האַסט, ווי זיי וואָלטן פֿון זייערע מיילער אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן טיש האַרטע שפּילביינדלעך. פֿאַר זייערע געווירצן און געוועגדער

באַטן זיי דריי מאָל מער ווי ס׳איז זייער ווערט, נאָר אויף דעם וואָס זיי ווילן קויפן קוקן זיי מיט ביטול, ווי דער סוחר וואָלט זיי געוואָלט פאַרקויפן טויטע קעץ. די ווענעציאַנער מיט די פאַרביקע קאַפּעליושן זינגען אונטער אין זייער לשון און באַוועגן אַ סך מיט זייערע הענט, נישט ווי זיי וואָלטן גערעדט וועגן מיסחר נאָר ווי פאַר פאַרוויילונג־וועגן.

יעדער איינער רעדט דאָ מיט זיין אייגן לשון, וואָס די בראָדער יידישע מעקלערס כאַפּן אויף קונציק אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט און פאַרטייטשן עס צווישן זיך ביז מען פאַרשטייט וואָס דער פרעמדער וויל זאָגן. אייגנטלעך איז די בראָדער מעקלערס נישט געלעגן דעריין, דער טערק זאָל פאַרשטיין דעם מאָסקאָוויט, אָדער דער מאָסקאָוויט זאָל וויסן וואָס עס זינגט אויס דער ווענעציאַנער. דער יאַריד איז אין בראָד און די היגע סוחרים קויפן וואָס יעדער האָט צו פאַרקויפן, און זיי פאַרקויפן זייערע סחורות צו די וואָס זיי דאַרפן זיי. נישט ווייניקער ווי די בראָ־דער סוחרים טויגן זיך אויס אין די כל־מיני סחורות, אַזוי קענען זיי זיך אויס אין די מענטשלעכע שטייגערס און יעדעס פאָלק האָט זיך זיין אייגענעם דרך און מען טאָר עס נישט באַדן אין פרעמדע וואַסערן. די אַלע לייט קומען פון אַלע עקן וועלט קיין בראָד, וואָרום די היגע סוחרים זענען באַרימט אין דער וועלט, אַז מען קען זיי טרויען אויפן וואָרט, און אויב מען האָט איינגעפּאַטשט אַ פּרייז, איז ווי מען וואָלט אונטערגעשריבן אַ וועקסל.

דאָך די בראָדער מעקלערס צעקייען יעדנס לשון, זיי העלפן אַרויס אַ מאָסקאָ־וויט זיך צו קריגן מיט אַ טערק, די לייט זאָלן ווערן היימיש, נאָר ווען עס קומט צו ניבול־פּה און קללות וועט אַ בראָדער נישט מבזה זיין זיין מויל און נישט איבער־זעצן די נבלה אין דעם צווייטנס לשון. אַ בראָדער היט דעם כבוד פון זיין שטאָט.

די געשעפטן פּאַטשט מען נישט צו אין די טראַקטירן און דאָ קומט זעלטן אויס צו פּרוּוון מיט די ציין די האַרטקייט פון די גאָלדענע רענדלעך, דוקאַטן און טאַלערס. די מיסחרים ווערן אָפּגעשלאָסן אין די געשעפטן מיט גרויסע סקלאַדעס אויפן רינגפּלאַץ. דאָ זענען אויף גרויסע דעמבענע טישן אָנגעהויפנט סחורות און יעדער סוחר געפינט וואָס זיין האַרץ זוכט. לייטן אײַלן זיך נישט, דער יאַריד אַנטלויפט נישט. אַ בראָדער סוחר לאָזט יעדן איבער צו זיין אייגענעם יישוב־הדעת. מיט אַ מאָסקאָוויט דאַרף מען אַ סך שוויגן, צוזאַמען מיט אים זיך אָנשמעקן מיט שטאַרקן טאַביק, זיך געשמאַק אויסניסן, זיך אַריינוווינטשן צום געזונט און וואַרטן ביז יענער וועט אָנהייבן געבן לשון. אַז מען איז נושא־חן אין זיינע אויגן, טאַפּט ער נישט די סחורה, נאָר נעמט דיין האַנט אין זיינער און ער הייבט אָן איינפּאַטשן דעם פּרייז איין מאָל און אַ צענט מאָל, ביז ער וועט זיך איבערלייגן און נעמען גאָט צו הילף. דעם טערק, דערקעגן, דאַרף מען לאָזן רעדן אי פאַר זיך אַליין און אי פאַרן סוחר און בעת ער האַלט אין רעדן קען מען אַפילו דאַוונען מינחה און שפּעטער אים זאָגן אַ שבח, אַז ער איז דער בעסטער סוחר אין דער גאַנצער וועלט. כדי צו רייצן אַ סוחר, ער זאָל אים פאַרקויפן די סחורה צו אַ ביליקן פּרייז, כאַפּט אַרויס אַ טערק אַ גאָלדענע מטבע און ער בייסט זי מיט די ציין, ווי האַרטן

באָקסער, כּדי צו ווייזן איר פולע ווערטיקייט. אָבער די בראָדער סוחרים ווערן נישט נתפּעל פון דער האַרטקייט פון גאָלדענע מטבעות.

זייט גראַף פּאָטאָצקי האָט אַ מאָל געהאַט אַריינגערופן די בראָדער יידישע סוחרים און פאַר זיי אַוועקגעשטעלט אָפענע טונדלעך מיט אַ מיליאָן גילדן אין ריין גאָלד, די יידן זאָלן פון זיין שטאָט מאַכן ירושלים — זייט דעמאָלט ווערן בראָדער סוחרים נישט פאַרבלענדט פון אַ גילדערנער מטבע. פון דעם גוטן נאָמען אין דער וועלט זענען בראָדער סוחרים נתעשר געוואָרן און דעם גוטן נאָמען היטן זיי.

ווי דער שטייגער מיט יאַרידים אין גרויסע יידישע שטעט, האָבן קיין בראָד אָנגעצויגן אויך סוחרים, וואָס זייערע טייערע סחורות זענען נאָר פאַר יידישע קונים און פרעמדע ווייסן נישט פון זייער טעם. אַזוי זענען געקומען מגידים פון ליטע, בדחנים פון פוילן און בעל־שמס פון טיף פּאָדאָליע, וואָס הינטער די וואַלדיקע בערג און רוישיקע טייכלעך. אָט די לייט זעט מען נישט — נישט אויפן רינגפּלאַץ אין די קראָמען, ווו עס שמעקט מיט צימרינג, מיט יוכטן און מיט צייג; אויך נישט אויפן מאַרק, ווו ציגיינער יאָגן זיך מיט פערד און זייערע אויסדרעסירטע בערן טאַנצן אויף צוויי. די פּאַרכטיקע לייט האָבן זיך איינגעטיילט מיט דער שטאָט:

די מגידים — מיט די קלויזן און בתי־מדרשים, ווו צווישן מינחה און מעריב מאַכן זיי באַטריבט יידישע הערצער. זיי האָבן פון ליטע געבראַכט מיט זיך פלאַמענדיקטע גיהנומס מיט פעסער סמאָלע און רושטן מיט גליענדיקע קוילן. די גיהנומס זענען אָנגעשטאָפּט מיט רשעים און מלאכי חבלים, וואָס רייסן די זינדיקע מיט אייזערנע קאַמען און צוואַנגען. פאַר די בראָדער יידן האָבן די ליטווישע מגידים נישט געדאַרפט דערציילן, אַז רשעים ווערן געברענט און געבראָטן אין גיהנום. דאָס ווייסן זיי פון אַלע מאָל. אָבער אַז די מגידים דערציילן אונטערזינגענדיק, מיט אַ ווייַנענדיק קול, ווי אַזוי די רשעים ווערן מיט אייזערנע גאָפּלען אַרויפגעוואָרפן אויף גליענדיקע קוילן און אייבציקוויז, איינציקווייז ווערן זיי מיט די קעפּ־אַראָפּ אַריינגעשטעקט אין פעסער הייסן פּעך און הייבן אָן ברענען ווי וואַקסענע ליכט — הייבן אָן קליינע הייסע אַרבעסלעך זיך קייקלען איבער די רוקנס פון די צוהערערס. עס ווערט זיי קאַלט פון היץ. דער גאַנצער הו־האַ, דער יאַריד, דער האַנדל מיט די טערקן און מאַסקאַוויטן און דאָס גאַנצע טועכץ פון די טעג און נעכט פאַרלירט יעדן ווערט און זין. דערצו נאָך איז דאָס לשון פון די ליטווישע מגידים שפּיציק, זייערע ווערטער וואַרפן זיך איבער, פאַרפלאָנטערן זיך און אָפּט פאַרהאַקט זיך איינס אינעם צווייטן און די אויסגעמאָלענע שרעקעוודיקייטן ווערן נאָך שרעקלעכערע צוליבן נישט קלאָרן פאַרשטיין זיי.

גאָר אַנדערש ווי די מגידים, זענען די בדחנים פון פוילן. זיי קומען צו די יאַרידים ווי צו צייטיק אויבס. בעת דעם יאַריד ווערן געשלאָסן שידוכים און מיטן

אָפּרעדן דעם זמן חתונה דינגט מען אַ בדחן. מאַכן די בדחנים פריילעך אין די טראַקטירן, ווייזן פאַר מבֿינים ווי זיס זיי באַזינגען אַ כּלה, וואָס פאַר אַ שבֿחים און וועלכע פּסוקים פון דער הייליקער תּורה זיי קענען צופּאַסן פאַר די מחותּנים פון דעם קלענסטן ביזן גרעסטן ייִחוס. די בדחנים זענען אַלע ווי געגאָסן פון איין פורעם: פריילעכע און זשוואָווע ייִדן, לצים וואָס רעדן מיט גראַמען און וואָס קיין מאָל קען מען נישט וויסן, צי דאָס וואָס זיי זאָגן מיינען זיי, אָדער זיי טרייבן קאַטאָוועס. עס טרעפט און צוויי בדחנים פאַלן אַריין אין איין טראַקטיר, דעמאָלט קומט צו אַ פאַרהער צווישןביידע, צו ווייזן דעם עולם וואָס זיי קענען. אין אַזוינע פאַלן קומען ייִדן פון דער גאַנצער שטאָט, בעל־מלאָכות וואָס האָבן געלייגט די אַרבעט און געגאַנגען דאַווענען מעריבֿ — פאַרהאַלטן זיי זיך אויף צוריקוועגס הינטער די פענצטער פון אַ טראַקטיר און פאַרגעסן אין דער מלאָכה; דינסטמיידן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעמאַכט פון די רייכע היימען פון זייערע באַלעבאַטים, און די באַלעגאַלעס און טרעגערס, וואָס נאָך מינחה־מעריבֿ האָבן זיי מער נישט וואָס צו טאָן, און ייִדן וואָס זיי איז נימאס געוואָרן דאָס קרעכצן אין די פינצטערע היימען און זוכן אין די טראַקטירן דעם נעכטיקן טאָג.

פאַרן פאַרהערן זיך נעמען די בדחנים אַ פּאָר גוטע ליאַמפּקעס מעד און ווי זיי ווערן צעוואַרעמט, די נעז הייבן אָן שוויצן און די שטערנס — צו גלאַנצן, אַזוי ווערן זייערע צינגער גלאַטיק ווי אַ שליטוועגס, די גראַמען פליִען פון זייערע מיילער ווי טייבעלעך פון אַ כּישוף־מיצל און פון הלצות פאַלן זיי אַריין אין ניבול־פּה. רופט איינער אויס: „ברענגט מיר אַריין די כּלה" — ענטפערט דער צווייטער: „וועט זי דער חתן צעפּלעכטן ווי אַ חלה". פאַרציט זיך דער ערשטער: „מאַכט אַ וואַרע פאַרן חתן!" — לאַכט דער צווייטער: „וואָס פאַר אַ חתן, אַז ער קען נישט דאָסן". מאַכט דער ערשטער דעם אַנשטעל, אַז ער בייזערט זיך: „טאָ זאָל זיך צו איר נעמען דער מחותּן!" — פאַרקרימט זיך דער צווייטער אין יאוש און שרייט אויס: „אויך ער האָט פאַרגעסן דעם קטן!" דער עולם הינטער די פענצטער שרייט פון פרייד: „נאָך, נאָך, נאָך!" אָבער די בדחנים פאַרגעסן נישט, אַז זיי זענען געקומען מכּוח פּרנסה און אַז זייער ניבול־פּה קען דערגיין צו די מחותּנים. פאַלן זיי אַריין אין אַ זמרל און זינגען מיט פאַרמאַכטע אויגן צו דער סטעליע:

לאָמיר נעמען אַ ליאַמפּקע ווײַן,
צו ווערן פריילעך שיכּור;
אַ שייטל תּורה און אַ ליאַמפּקע ווײַן
דאָס איז בײַ ייִדן דער עיקר.
אַ פּסוק איך און אַ פּסוק דו
מיט אַ פּירוש רש״י —
אַז ייִדן טרינקען זיך מיט תּורה אָן
פרעגן זיי נישט קיין קשיא.

זאָג זשע, געצל, ברודער דו,
וואָס איז די בעסטע סחורה?
— איך וועל דיר ענטפערן, שלמהניו,
אָן פּחד און אָן מורא:
זי איז די כּלה־תּורהשי,
אַ נחת פאַר די גלידער,
דאָס איז די בעסטע סחורה מיר,
שלמהניו, מיין ברודער.

ייִדן קנאַקן מיט די צינגער פון זיסקייט פון די ווערטער און פון דער האַרציקייט פון דעם ניגון. דינסטמיידן ווינטשן זיך שטיל „מערטשעם ביי מיר" און די טרעגערס שעלטן די בדחנים פון באַוווּנדערונג: „אַז טרענען זאָל מען זיי די בעבעכעס". און כּאָטש די קילקייט פון אָוונט דערמאָנט אַלעמען, אַז די נאַכט ווערט טיפער און אַז מען דאַרף אויפשטיין מיטן טאָג צו גליך — גלוסט זיך זיי נישט אַוועקגיין פון הינטער די פענצטער. ווען אַנדערש קען אַ ייִד אויף אַ לייכטער שעה פאַרגעסן, אַז דאָס בית־המיקדש איז חרוב געוואָרן?

די בעל־שמס קומען אָן צום יאַריד אומבאַמערקט. קיינער זעט נישט און קיינער הערט נישט זייער אָנקומען. אַנדערע גלויבן, אַז נישט זיי קומען אָן מיט אַ געשפּאַן און נישט זיי קומען אָן צו פוס, נאָר צו חצות שוועבן זיי אַריין קיין בראָד אויף פלאַטערנדיקע הייליקע שמעס, איידער ס׳געזינדל פון שדים, נישט־גוטע און קאָשעצעס לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער שטאָט. קאַיאָר, ווען אַ שמש עפנט די טיר פון אַ קלויז, געפינט ער אין דער עזרת־נשים ווי איינער אַזאַ שלאָפט אויפן דיל אין אַ ווינקל, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אין אַ טאָרבע־זעקל. דער שמש דאַרף אַזאַ איינעם נישט פרעגן ווער ער איז, וואָרום ווערדליק זיין הלבשה זעט מען, אַז ער איז אַ בעל־שם און דער שמש שטעלט אַוועק נעבן דעם שלאָפנדיקן אַ שערבל וואַסער אָפּצוגיסן די נעגל.

און כאָטש אַלע גייען זיי קרוע־בלוע, אין אויסגעדריוולטע טיזליקעס פון קאַמיי און אין דרילכענע פלודערן, און אַלע האָבן זיי פּנימער צעשמיסענע פון ווינט און רעגן, און זייערע בערד־און־פּאות זענען ווי פון אָפּגעבליאַקעוועטן פלאַקס, איז איינער פון צווישן די אַלע גאָר אַן אַנדערער. דאָס איז בונעם טול־טשינער: די הויט פון זיין פּנים איז אַזאַ גלאַטע און בלייכע, ווי דער ווינט און רעגן וואָלטן אויף איר קיין שליטה נישט געהאַט. זיינע גרויסע בלויע אויגן זענען ווי די אויגן פון אַ קינד, נאָר זיי קענען אויך זיין ווי שטיקער הימל, וואָס ענדערט די פאַרב ווערדליק דעם געוויטער: זיי קענען ווערן פאַרטונקלט און פאַרוואָלקנט, ווי זיי קענען זיך צעשייַנען מיט אַ פרייד, וואָס קומט פון טיפער ווי עס איז די טיפקייט פון דער מענטשלעכער נשמה.

פון כמה וכמה יאָרן האָט בונעם טולטשינער די חזקה אויף דער עזרת־נשים פון דער בראָדער שול. ער באַווייזט זיך אין בראָד ערב דעם שבת פון דעם יאַר־יאַריד און ווערט נעלם אין קאַיאַר זונטיק נאָך דעם יאַריד. ער איז אַ שווייגער, וואָס עס דאַכט זיך, אַז ווען ער רעדט איז זיין קול דין. נאָר אין די צייטן פון מעמד, ווען ער דאַרף העלפן יידישע קינדער און מוז דערום לאָזן הערן זיין קול — קומט עס פון אַ טיפעניש, פון וועלכן עס קומט דער וואַלדגעבערום.

אין דעם טאָרבע־זעקל, וואָס בונעם ברענגט אויף זיינע פּלייצעס קיין בראָד, האָט ער פּאַרטיקע קמעות און שפּרוכן אויפגעשריבענע אויף פּאַרמעט, אויף קאָרע פון בערעזענע ביימער און אויף קיניקע סענקען.

אין די לאַנגע ווינטער־חדשים זיצט ער אין זיין הילצערנעם איינזאַמען הויז צופוסנס פון אַ וואַלדיקן באַרג, אַ שעה גאַנג פון טולטשין, און גרייט צו נחמה־קמעות און טרייסטשפּרוכן און אָפּשפּרעכעניש פון אַלע מיחושן, מיט וועלכע אַ בן־אָדם קען חלילה געפּרוווט ווערן. ער טראַכט דעמאָלט וועגן ווייבער, וואָס גייען צו קינד און אַרום זייער בראָכשטול לויערן נישט־גוטע; ער טראַכט וועגן יידישע כּלות, וואָס אין זייער צעטראָגעניש גייען זיי ביינאַכט אַרויס אין דרויסן אָן אַ פּאַרטעך און שדים זענען זיי מזנה. דאַרף מען די נישט־גוטע און די שדים אַריינפירן צווישן טייכן און זיי צעטומלען, זיי זאָלן נישט וויסן ווו אַיין און ווו אויס. דרייט דער בעל־שם דעם טייך חדקל אויף כּל ארבע פּינות העולם — אויף לקדח און דקלח און קדחל און דקחל און קלדח און פּאַרפּלאָנטערט און פּאַרפּלעכט אים מיט דעם טייך פּרת, וואָס ווערט תּרפּ און רפּת און רתפּ און פּתר, און אַזוי פּאַרדרייט בונעם טולטשינער אַלע טייכן און טייכלעך, ביז איבער דעם לאַנד פון די טערקן און ביז די לענדערייען פון אֶדום. און אַזוי טראַכט אויך בונעם וועגן די יונגע יידישע טעכטער, וואָס זענען געגליכן צו עפּל. ווי נאָר זיי רייפן און הייבן אָן אַרויסגעבן די איידעלע גערוכן פון זייער לייַב און דער מענטשלעכער גומען לעכצט צו זיי, צו די עפּל, אַזוי ווערן זיי באַפאַלן פון ווערעמלעך און פליגעלעך און אַנדערע ווידמונגען, וואָס הייבן אָן טאַטשען דאָס שמעקעדיקע לייַב פון זיי, פון די עפּל, און פּאַרדאַרבן זיי. אַזוי טוען שדים און דיבוקים לויערן אויף דעם לייַב פון בתולות און רק זיי ווילן אַריין אין זיי און זיי חלילה פּאַר־דאַרבן, די בתולות. שניצט בונעם טענען־סענקעלעך ווי קמעות. וואָרום די טענען־סענקעלעך האָבן אָדערלעך, וואָס צעגייען זיך אין אַלע זייטן און נאָך מער. און די אָדערלעך ווערן איבערגעשניטן פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס, ווי עס איז דער שטייגער מיט טענען־סענקעלעך. און אַזוי ווי טענען־סענקעלעך האָבן אָדערלעך און שפּעלטעלעך, וואָס צעגייען זיך אין דער סאַמע מיט, אַזוי ווערט די בתולה געשיצט פון דער סאַמע מיט און די שדים און דיבוקים ווערן פּאַרלוירן אין דער נעץ, וואָס אַרום דער בתולה אין דער סאַמע מיט.

איז אַז בונעם טולטשינער קומט צום יאַר־יאַריד אין בראָד, האָט ער שוין פון לאַנג גרייט ישועות און נחמות פאַר די געפּרוווטע. ער דאַרף נאָר יעדן מאַן און יעדע אישה, וואָס קומט צו אים, אַריינקוקן אין די אויגן און זען דעם מער

וואָס מיט אים אָדער איר, און שוין ווייסט ער וואָס ער און וואָס זי דאַרף האָבן, כּדי געהאָלפן צו ווערן. הערט קיינער נישט זיין קול, נאָר זעט זיינע אויגן, וואָס זענען גרויסע און בלאָע, ווי אויגן פון אַ קינד, נאָר זיי קענען ווערן ווי דער הימל, וואָס ענדערט די פאַרב ווענדליק דעם געוויטער.

בונעם טולטשינער איז אַ שוויַיגער און ביים אַריינקוקן אין די אויגן פון עמעצן באַוועגט ער מיט די ליפּן און רעדט אַריין אין זיך בלחש, מיט דעם דין־סיקעדיקן קול פון אַ גאַנער. גאָר אַן אַנדערער ווערט ער ווען מען ברענגט צו אים אַ בתולה, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַן אַ קמע און אָן אַן אָפּשפּרעכעניש און אין איר איז אַריין אַ דיבוק. דעמאָלט פאַרשווינדט די בלויקייט פון זיינע אויגן און זיי ווערן גראָ. בונעם ווערט אַ שטורעמדיקער וואָלקן. פון זיינע טיפענישן ברומט אַרויס אַ קול, ווי פון אַ באַס:

„ווי לאַנג איז ווי די קליפּה האָט זיך צוגעטשעפּעט? — האַלט ער פאַר זיין די הענט פאַרפויסטע, ווי זיי וואָלטן געווען נאַס — פון ערב שבועות? וואָס שרייט ער אַרויס? וואָס וויל ער פון איר, דער בעל־דבר?” ער עפנט די פויסטן, נעמט אַריין אין זיינע פינגער די אָרעמס פון דער בתולה און טוט מיט איר אַ טרייסל: „ווייסטו וואָס איך רעד צו דיר? אַ גולם ביסטו רחמנא־ליצלן?”

צי די בתולה ענטפערט אויף זיינע שאלות, צי נישט, איז זיך בונעם טולטשינער נוהג אויפן זעלבן שטייגער: פאַר דער טיר פון דער עזרת־נשים פאַרלייגט ער אַ פייער, צעלאָזט אין אַ שאַרבן האַניקוואַקס און ציט פון אים דריַי דיקע ליכט. דערנאָך הייסט ער בינדן אויף הינטן די הענט פון דער בתולה, זי זאָל נישט קענען פאַרשטעלן אירע אויגן. און ווי זי שטייט אַ געבונדענע מיט דעם רוקן אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, צינדט ער אָן די דריַי וואַקסענע ליכט און הייבט אָן ברומען מיט זיין קול פון אַלע טיפענישן:

„איך בין גוזר אויף דיר, מזיק, מיט אַלע גזירות, וואָס דער הימל האָט געגעבן אין מיין רשות, אַז ווי ער האָט באַשאַפן אין דיר נקבים נקבים חלולים חלולים, אַזוי זאָלן זיי דיר אין דער אותו רגע לויז ווערן, אַז דער דיבוק וואָס איז אין דיר אַריין אָן דיין וויסן, אַזוי זאָל ער אַרויס פון דיר אָן דיין וויסן ווייל דורך יעדן נקב און יעדן חלול, וואָס אים איז געפעלט אַרויסצוגיין פון דיר. דיך, דיבוק, טו איך באַפעלן און באַשווערן מיט אַלע חרמות און השבעות, זאָלסט אַרויס פונעם גוף פון דער בתולה און זיך נישט ווענדן — נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס און נישט אויף הינטערוויילעכץ, נאָר פאַר זיך זאָלסטו נעלם ווערן, דו זאָלסט קיין ילידת־אישה נישט אָנקוקן און זיך מיט איר נישט באַהעפטן, נאָר אַריין זאָלסטו צווישן די טייכן פּישון און גיחון און ווי דו וועסט אַריין אַזוי זאָלן דיך די טייכן נושיפ און נוחיג אַרומנעמען, אַרומוויקלען און אַרומפּלאָנטערן, דו זאָלסט נישט וויסן וווּ אײַן און וווּ אויס. אָמן סלה”. און ווי בונעם טולטשינער ברומט אויס די ווערטער מיט די חרמות און השבעות, אַזוי נעגט ער אַ ברענענדיק ליכט צו די אויגן פון דער באַזעסענער און שרייט אויס: „נישט זיין זאָלסטו אינעם גוף פון דער בתולה!”

און אויב די באַזעסענע שרייט פון שרעק און דרייט אַוועק דעם קאָפּ פון וועגן מורא פאַר דעם פייער, שרייט בונעם טולטשינער נאָך העכער און שווינדלט מיט די וואַקסענע ליכט פאַר אירע אויגן, ווי ער וואָלט מיט דעם פייער וועלן אַריינקומען אין איר אינעווייניקייט:

„איך מאַכטיק איבער דיר! איך וועל דיר נישט געבן קיין רו, נישט איצט, נישט ביי טאָג און נישט ביינאַכט אַזוי לאַנג ביז דו וועסט אַרויס פונעם גוף פון דער בתולה!”

אַזוי שטייט בונעם איבער דער באַזעסענער און ער ווייסט נישט פון קיין רו, ביז די בתולה פאַלט אין אוממאַכט, אָדער ביז די ליכט שמעלצן זיך אויס און פאַרלעשן זיך. אויב די בתולה פאַלט אין אוממאַכט, הייסט ער זי נישט וועקן ביז אויף צו מאָרגנס, נאָר טאָמער שמעלצן זיך אויס די וואַקסענע ליכט און זי האַלט זיך נאָך אַלץ אויף די פיס, אַזוי איז עס אַ סימן, אַז צו דער עקשנות פון דעם דיבוק נעמט נישט קיין סוף. פאַרלייגט ער ווידער אַ פייער, צעלאָזט אין אַ שאַרבן האָניקוואַקס, ציט נאָך אַ מאָל דריי ליכט און חזרט איבער אַלץ פון דאָס ניי.

טרעפט אַ מאָל אַז אַ באַזעסענע מויד איז גאָר שטאַרק באַהאַפטן מיטן דיבוק און ער לאָזט זי נישט פאַלן פון די כוחות, אַזוי לאָזט זי בונעם איבער אין דער עזרת־נשים און אַליין ווערט ער נעלם. לייטן ווייסן, אַז ער גייט צום טייך זיך אָפּטובלען און צווישן די געוויקסן און גראָזן אויף די פעלדער גייט ער אַריין אין דער כוונה. ער קערט צוריק אין דער עזרת־נשים אין שפּעטן בין־השמשות, ווען ס'איז שוין נישט טאָג און ס'איז נאָך נישט נאַכט. אָן אָנגעגורטער מיט כוונה שטעלט ער אַוועק די באַזעסענע צווישן טיר און פענצטער, ביידע זאָלן זיין אָפענע, און אַ פרייער שטח זאָל זיין אַרום איר. דערנאָך נעמט ער אַרויס פון זיין זאַק אַ שופר געמאַכט פון אַ האָרן פון אַ פעלדזנבאָק, צינדט אָן צוויי וואַקסענע ליכט און בלאָזט די תקיעות פון סליחות. נאָר אויב אויך די סגולה העלפט נישט, לאָזט ער די באַזעסענע רוען ביז חצות, ווען די הענער הייבן אָן קרייען אויף האַלבער נאַכט. ווי נאָר עס דערהערט זיך דער ערשטער קריי פון אַ האָן, פירט ער אַרויס די באַזעסענע פון דער שול, הייסט ברענגען צוויי עמערס וואַסער נאָר וואָס געשעפּטע, און ווי די בתולה שטייט הינטער דער שולוואַנט, טוט דער בעל־שם אַ גאָס אויף איר איין עמער וואַסער, דערנאָך אַ צווייטן עמער וואַסער און מאַכט די ברכה „אשר יצר את האָדם בחכמה”...

אויסטערלישע פּאַרלויפּעניש

ווי בונעם טולטשינער האָט אַ חזקה אויף דער עזרת־נשים פון דער שול, אַזוי האָט יעדער בעל־שם אַ חזקה אויף אַ קלויז. וואָרום די לייט זענען זייער אָנגעזען ביים בראָדער עולם.

זייט פון דער שטאָט זענען פאַרטריבן געוואָרן די טאַטערישע סוחרים ווי די טאַטערישע רופאים, אַזוי פאָרן ייִדן מיט זייערע מיחושן צו בעל־שמס. נאָר ס׳איז אַוודאי בעסער ווען די בעל־שמס קומען אין שטאָט אריין. ווערדליק מען האָט שוין געזען ווי עס האָלט, האָט זיך יעדער בעל־שם אַן אַנדער כּוח. אַזוי ווי בונעם טולטשינער טרייבט אַרויס דיבוקים, היילט אַן אַנדער בעל־שם קאַלטונס, צי גאָר ריפּקוכנס, און נאָך אַן אַנדערער פאַרטרייבט פון אַ מענטש ס׳משוגעת, צי אַן אַנדער קליפּה. קומען זיי, די בעל־שמס, ערב די יאָר־יאַרידים, יעדער צו זיין חזקה־פּלאַץ, אַזוי ווי בושלס קומען יעדעס יאָר אין דער זעלבער צייט צו די נעסטן, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט ערב די פאַרלאָפּענע ימים־נוראים. און נאָך איידער די בעל־שמס קומען, וואַרטן שוין אויף זיי ווייבער פון די אַרומיקע ישובים, ווי מען וואַרט אויף משיחן.

אַזעלכע און נאָך אַנדערע זענען די פאַרקומענישן בעת די יאַרידים אין בראָד, יאָר־איין יאָר־אויס. אַ מאָל געשעט אויך, אַז די רבנים און פּרנסים פון אַלע עקן פּוילן פאָרן זיך צוזאַמען אַהער אויף אַן אסיפה פון דעם ועד ארבע ארצות פון וועגן די גזירות, וואָס ס׳מלכות איז גוזר אויף ישׂראל, צי גאָר — ווי עס איז געשען אנומלט — דער לעמבערגער רב און הייליקער מאַן, חיים ראַפּאָפּאָרט, האָט אַהערגערופן די רבנים און עס איז אויסגערופן געוואָרן דער חרם קעגן די לייט פון יעקב פראַנקס כּת ימח־שמו. כאָטש ס׳פאַרלויפּעניש איז געווען אין חודש סיוון, אין דער סאַמע מיט פון אַ ליכטיקן זומער, איז די צייט פון דעם חרם געווען ווי אין די ימים־נוראים און ס׳האָט רק געציטערט און געשטורעמט.

בעת דער הייליקער מאַן איז געגאַנגען אויסרופן דעם חרם, האָט ער און די אַנדערע דרייצן רבנים, וואָס האָבן אונטערגעחתמעט דעם חרם־כּתב, זיך אָנגעטאָן אין טליתים, ביים אָרון־קודש און אויפן בעלעמער פון דער גרויסער שול זענען אויסגעלאָשן געוואָרן די ליכט און דער בעל־תּוקע האָט געבלאָזן שופר. און אַז דער לעמבערגער רב האָט מיט זיין געבראָכן קול אַרויסגעלייענט דעם חרם דיהושע בן־נון, אַז די לייט זאָלן זיין אָפּגעשיידט פון דער ייִדישער עדה, אַז זייערע ווייבער און טעכטער זאָלן גערעכנט ווערן ווי זונות און זייערע קינדער זאָלן געציילט ווערן ווי ממזרים, און אַז די לייט זאָלן פאַרטריבן ווערן פון גבול ישׂראל — איז געוואָרן אַ גאָר גרויס געוויין נאָך מער ווי תּישע־באָב.

נאָכן אויסרופן דעם חרם האָבן אָפּגעהיטע לייט אויף ס׳ניי באַהאַלטן פון זייערע קינדער דעם ספר „זהר״, וואָרום אַן אַלטע תקנה איז באַנייט געוואָרן, אַז איידער אַ מאַנצביל ווערט אַלט דרײַסיק יאָר, טאָר ער נישט מעיין זיין אין דעם הייליקן ספר. דערנאָך האָט קהל אַרויסגעשיקט לייט, זיי זאָלן אין אַלע בתי־מדרשים און קלויזן נאָכזוכן די ספרים און באַם זיי וועלן געפינען דעם ספר „זהר״ און אויך אַנדערע קבלה־קונטרסים, אַזוי זאָלן זיי די אַלע זאַכן איבערגעבן אין די הענט פון די גבאים מיט אַ בפירושער הזהרה, אַז די תקנה זאָל אָפּגעהיט ווערן מיט אַלע חומרות, כּדי ייִדישע קינדער זאָלן חלילה נישט ניכשל ווערן.

דאָס מאָל, אין דער מיט פון דעם יאַריד, בעת ייִדן זענען געווען פאַרטאָן מיט זייערע מיסחרים און עוסק געווען אין אַנדערע מיני פּרנסות, איז איבער דער שטאָט בראָד אַריבער אַ שמועה, אַז צווישן די לייט, וועלכע זענען געקומען קיין בראָד פון דער פרעמד, געפינען זיך לייט פון דער כּת. קיינער האָט פון אָנהייב נישט געוווּסט, צי מיינט מען די כּת פון דעם בעל־שם־טוב אָדער פון יאַנקעלעס חברה. פון וואַנען די שמועה איז געקומען און ווער עס האָט זי פונאַנדערגעטראָגן, האָט קיינער נישט געקענט עדות זאָגן. נאָר סימנים זענען געווען, אַז זי איז אמת. און אין די סימנים האָט מען אַריינגעוואָרפן דעם נאָמען אלישע שור פון ראָהאַטין. מען זאָל אים האָבן געזען מיט אַ געזעמל מדינה־גייערס און ער האָט זיך נישט אויסגעטיילט פון זיי — נישט מיט דער הלבשה און אויך נישט מיט דער טאָרבע איבערן אַקסל. און ער, אלישע פון ראָהאַטין, איז דאָך די רעכטע האַנט פון דעם ימח־שמוניק. די שמועה האָט אויך געזאָגט, אַז אין דעם געזעמל האָט מען געזען שמעון חלפנס איידעם, בער דעם מקובל, וואָס אַנומלט האָט ער איבערגעלאָזט ווייב און קינדער, אַנטלאָפן צו דער כּת און זיך אָפּגעשמדט. אויך האָט מען געזען אפרים דעם גאַרבערס זון, וואָס איז מיט אַ צוויי יאָר צוריק נעלם געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין, און שפּעטער האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ער האָט דערזען דאָס אמתע ליכט און ער גייט נאָך דעם ריכטיקן האַר. און צו דעם האָט נאָך די שמועה געזאָגט, אַז אין דעם געזעמל מדינה־גייערס האָט מען אויך געזען דעם יתום, סנדר זאָטלמאַכער, וואָס האָט געהאַט חתונה געהאַט מיט נעכען, דער מויד ביי דעם רופא אליעזר אַרטאַפּאַנוס.

די אַלע — האָט די שמועה געזאָגט — זענען פאַרוואָרפן אין בלינדע און אין קרומע און ביים באַקומען נדבות ענטפערן די לייט מיט דעם שפּרוך: „משיח אונדזער האַר וועט אייך דערפאַר העלפן, איר זאָלט אויסגעלייזט ווערן במהרה ובימינו״.

פון וועגן דער שמועה זענען די פּרנסים פון בראָדער קהל געוואָרן שטאַרק דערשראָקן, וואָרום אויסער וואָס די לייט פון דער כּת זענען געווען אין חרם, פאַרשטויסן פון דער ייִדישער עדה, און מען טאָר אין זייערע ד׳ אמות נישט שטיין, איז ווער ווייסט וואָס פאַר אַ כּוונות רעות זיי האָבן מיט זייער אָנקומען קיין בראָד דווקא אין דער צייט פונעם יאָר־יאַריד? די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז זיי זענען מלשינים און מוסרים. האָבן די פּרנסים אַרויסגעשיקט זייערע מענטשן, זיי

זאָלן זיך פּעדערן און דורכזוכן אין די עזרת־נשימס, דעם הקדש, און אַלע אַנדערע מקומות, ווו עס האַלטן זיך אויף די מדינה־גייערס, און אויך דורכגיין אַלע טראָק־טירן, האַרבעריקס און קרעטשמעס, אַפילו אַזעלכע וואָס זענען דערווייטערט פון דער שטאָט בראַד אויף צוויי תּחומס שבת און חוקר־ודורש זיין מיט קפידות, ווי ביים מבער־חמץ־זיין. און באַם זיי וועלן אָנטרעפן אויף אַ סימן פון יענע לייט — זאָלן זיי אין דער אותו רגע געבן לשון און קהל וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען.

האָבן די מענטשן פון קהל געזוכט און גענישטערט ווו נאָר אַן אָרט און אַפילו צווישן די מצבות אויפן בית־עלמין, און קיין צייכן פון די מינים נישט געפונען. האָט קהל ווידער באַפוילן, אַז אין הקדש פון דער גרויסער שול זאָל מען צווישן די מדינה־גייערס נאָכזען, צי די בלינדע זענען טאַקע בלינדע און צי די קרומע זענען טאַקע קרומע, אָדער זיי זענען פּאַרוואָרפענע אין קאַליקעס.

גלייך ווי די זון האָט זיך געזעצט און די מדינה־גייערס זענען אין זייערע געזעמלעך צוריקגעקומען אין הקדש, האָבן זיך אַהין אַראָפּגעלאָזט די לייט פון קהל מיט די שטאַרקע מאַנצבילן פון צווישן די שמידן און גאַרבערס. איינער פון זיי האָט צווישן די מדינה־גייערס אויסגערופן, אַז די פּאַרוואָרפענע זאָלן אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, וואָרום טאָמער וועט זיך עמעצער פון די פאַלשע קאַליקעס גלייך נישט מודה זיין, אַז ער איז אַ פּאַרוואָרפענער, מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ בלינדן צי פון אַ לאָמען, אַזוי וועט ער באַקומען מלקות, אַז ער וועט אויף אַן אמת ווערן אַ קאַליקע. מען וועט אים אויסדרייען אַ פוס, אָנהאַקן אַ הויקער צי אים אויס־האַקן די שליפיעס.

די מדינה־גייערס, וואָס האָבן נישט געוווּסט, אַז די קהל־לייט זוכן פּאַרוואָר־פענע מינים, זענען געווען זיכער, אַז דאָס גייען אַנדערע מדינה־גייערס אויף זייער פּרנסה, און ווי נאָר זיי האָבן דערהערט דאָס וואָרט „מלקות", אַזוי האָבן זיך אויפ־געהויבן אין דער לופטן קוליעס, שטעקנס, הילצערנע פיס און עס איז געוואָרן אַ גאָר גרויסע מהומה. אין דער מיט פון די קלעפּ האָבן ווייבער געיללהט, קינדער האָבן געשריגן און מאַנצבילן האָבן געברומט פון אַראָפּלאָזן די קלעפּ און פון באַקומען קלעפּ. אַזוי ווי די ווייבער יללהווען, ווי זיי וואָלטן באַוויינט בר־מינֿנס, איז געשען עפּעס גאָר אויסטערלישס: ווי יעדער פון די מאַנצבילן וואָלט זיך דער־שראָקן, אַז דאָס באַקלאָגט מען אים און ער איז שוין אַ טויטער ווי אַלע טויטע, נאָר ער ווייסט נאָך נישט דערפון — האָט זיך יעדער באַזונדער געראַטעוועט פונעם הקדש. אַזוי איז איינער נאָכן אַנדערן אַרויס אין דרויסן. בלינדע זענען געוואָרן זעעוודיק, לאָמע זענען געלאָפן ווי גלייכע, איינגעהויקערטע און צעבראָ־כענע האָבן פאַרלוירן די הויקערס און די ברוכן, נאָר צעבלוטיקטע קאַליקעס זענען געווען פון די קהל־לייט, וואָס האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו שלאָגן, בעת די מדינה־גייערס האָבן זיי געדרעשעט מיט קוליעס, מיט הילצערנע פיס און מיט שטעקנס.

האָט זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט אַ שמועה, אַז די מעשה מיט די מינים איז אמת און אַז מען האָט זיי אַלע געבענדיקט אין הקדש פון דער גרויסער שול.

זענען ייִדן געלאָפֿן פֿון די קלויזן צום הקדש כּדי לשם מיצווה צו העלפֿן עוקר־מן־השורש צו זיין די לייט, וואָס בעת זיי זענען מיט אַ חרם פֿאַרשטויסן פֿון דער עדה, זענען זיי געקומען אין אַ ייִדישער שטאָט מכשיל צו זיין ייִדישע קינדער און ברענגען חלילה אַ גרויס אומגליק אויף ישׂראל. האָבן זיך ייִדן אַראָפּגעלאָזט אין הקדש מיט שטריק און גאַרטלען און געבונדן קינד און קייט, מאַן און ווייב פֿון צווישן די מדינה־גייערס, און זיי געשלעפּט צום הויז פֿון קהל, ווי מען שלעפּט קעלבער און לעמער צום שעכטהויז. און ווי מען האָט זיי געבונדן ווי קעלבער און לעמער אַזוי האָבן זיי אויפֿן וועג געשריגן און גערעוועט, ווי מען וואָלט זיי חלילה געפֿירט צו דער שחיטה.

נאָר געפֿירט האָט מען זיי אין קהל־הויז. איינציקווייז האָט מען זיי אויפֿגעבונדן פֿון די שטריק און יעדן באַזונדער אַריינגעפֿירט אין דער קאַמער פֿון די דיינים. אויס מורא, טאָמער געפֿינען זיך צווישן די געפֿאַנגענע „יענע לייט", וואָס מען קען חלילה צוליב זיי ניכשל ווערן און עובר זיין אויפֿן חרם, נישט צו שטיין אין זייערע ד' אמות, איז דער מיט פֿון דער קאַמער אָפּגעצוימט געוואָרן מיט טישן. האָט עס געהייסן, אַז די קאַמער זענען צוויי קאַמערן. פֿון איין זייט צוים זענען געשטאַנען דער דיין ר' נחמן הכּהן און די פּרנסים יואלטשע און זימל. אַלע דרײַ זענען געווען צעגליט, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען ביים טויער פֿון גיהנום. ר' נחמן איז געווען אַ הויכער און ברייטער ייִד, פֿאַרוואָקסן מיט רויטע האָר ביז אונטער די אויגן, מיט גרויסע אומגעלומפּערטע הענט און פֿיס, און אין גאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי אַ קאַשטאַנבוים אין האַרבסט, וואָס זיינע בלעטער זענען שוין רויט, נאָר נאָך נישט אַראָפּגעפֿאַלן. אַנטקעגן אים האָבן זיך די צוויי פּרנסים אָנגעזען נאָר צוליב דעם וואָס זיי זענען געווען באַוועגלעך, געלאָפֿן פֿון איין עק פֿאַרצוימונג צו דער צווייטער און צוריק און געשריגן.

יאָסל דער שמש האָט יעדן איינציקן פֿון די געבענדיקטע אַריינגעשטופּט אין דער קאַמער און באַלד זיך אָפּגעווישט די הענט אין דער פּאָלע.

שטייט איינער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ מידער אָקס, און קוקט אַריבער איבער די טישן מיט אַן אונטערבליק.

„פֿון וואַנען ביסטו און ווי הייסטו?" — קומט אַרויס ר' נחמנס קול פֿון דעם רויטן האָרקנויל.

„פֿון צויזמער בין איך. צויזמער, צויזמער. משה יתום בין איך. פּערל דער אלמנהס" — ענטפֿערט דער געפֿרעגטער.

זימל פּרנס טשאָטעט פֿון אַ זייט אויף דעם געפֿרעגטן. ער קוקט אויף זיינע ליפּן, ווי אַזוי יענער ענטפֿערט און גיט אַ שפּרונג אונטער:

„ווי הייסט דער צויזמער רב, הע? נו, זאָג, ווי הייסט דער צויזמער רב!"

דער געפֿרעגטער לאָזט נאָך מער אַראָפּ דעם קאָפּ, הייבט אַן אַקסל און ווייסט נישט וואָס צו ענטפֿערן. פֿון דער צווייטער זייט לויפֿט אָן יואלטשע פּרנס:

„פֿאַר וואָס ענטפֿערסטו נישט? וועלכער ייִד ווייסט עס נישט ווי עס הייסט דער רב אין זיין קהילה?"

„איך ווייס נישט, איך ווייס נישט. שוין לאַנג נישט געווען אין צויזמער״ — פֿאַרענטפֿערט זיך דער געפּרעגטער.

„און איך וועל דיר זאָגן, אַז דו ביסט אַ פּושע עוכר בישׂראל און די כּת האָט דיך אַהערגעשיקט זאָלסט מכשיל זיין ייִדן!״ — האָט ר׳ נחמן הכּהן נישט געקענט זיך איינהאַלטן.

„אָסור, אָסור, אָסור!״ — ווערט זיך דער געפּרעגטער און באַלד וואַרפֿט זיך אויף אים זימל:

„אויב דו ביסט פֿון צויזמער, טאָ זאָג זשע מיר: איז אין צויזמער דאָ אַ טייך, אָדער נישטאָ?״

ר׳ נחמן און יואַלטשע שטעלן אַן אויגן און בערד. דער געפּאַרשטער טוט אַ באַדזשע מיטן קאָפּ אין דער לופֿט, ווי ער וואָלט אַ שטויס געטאָן אַן אומגעצוועגע זאַך, און ענטפֿערט:

„אַוודאי איז אין צויזמער דאָ אַ טייך. די ווייסל״.

ר׳ נחמן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

„ר׳איז נישט״.

אַז ר׳ נחמן האָט געפּסקנט „ר׳איז נישט״, איז זימל פּרנס אַפּערגעגאַנגען פֿון הינטער די טישן, צוגעגאַנגען גאַר נאָענט צום געפּאַרשטן און אים אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין:

„זאָלסט וויסן זיין, אַז טאָמער ביסטו דאָ משקר געווען, וועט דיך קהלס האַנט אומעטום דערגרייכן און דיך מעניש זיין!״

אַזוי האָט קהל געפּאַרשט און גאַרנישט דערגאַנגען. און אַז קהל איז געבליבן ביי ליידיקע טישן, האָט יואַלטשע פּרנס, וואָס האָט געטראָגן אַ שווער האַרץ אויף דעם דאָקטער אַרטאַפּאַנוס, זיך אויפגעקאָכט נאָך מער ווי פֿריִער ביים פֿאַרשן. אַרויפּקוקנדיק צום דיין ר׳ נחמן, האָט ער געזאָגט מיט אַ ניגון, ווי ער וואָלט געזאָגט אַ פּשטל:

„אויב די שמועה איז נישט סתּם קיין שמועה, נאָר מ׳האָט אָנגערופֿן נעמען און צווישן זיי דעם ימח־שמוניק סנדר זאָטלמאַכער, איז דער דאָקטערוק אליעזר דעריין. וואָרום די מויד, דעם ימח־שמוניקס אישה, האָט ער נישט פֿאַרטריבן פֿון זיין הויז. זי דינט ביי אים ווייטער, ווי עס וואָלט גאַרנישט געשען. דרינגט דאָך פֿון דעם, אַז די זאַך איז נישט פּשוט. פֿון איר מונד האָט מען גאַרנישט געקענט אַרויסקריגן. מאַכט זיך פֿאַר אַן עגונה און שווייגט. אויב די מויד שווייגט און אויך דער דאָקטערוק שווייגט, געפֿעלט מיר נישט די מעשׂה. איר הערט, ייִדן? די מעשׂה געפֿעלט מיר נישט! דעם דאָקטערוק דאַרף מען חוקר־ודורש זיין און זאָל ער געבן לשון!״

זימל פּרנס האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער מחשבה:

„ר׳ נחמן מיט ריינע מעשׂטעס דאַרף מען נישט אַריינקריכן אין אַ בלאָטע. דער דאָקטער איז אַ שמעלקע מיט די פּאַטאַצקיס און לייטן האַלטן פֿון זיין אומנות. כּל־זמן דו ווייסט גאַרנישט מיט עדות און באַווייזן, טאָר מען נישט אָנהייבן מיט

אים, וואָרום אויך די געמיינע לייט אין שטאָט וועלן זיך פרייען, אַז בראָדער חשובים רייסן זיך צווישן זיך".

דער דיין האָט דווקא געהאַלטן מיט יואַלטשען. אויף זימלס טענות האָט ער מיט ביטול אויסגעקרימט דאָס פּנים און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זימלען געוואָלט אָפּטרייבן פון זיך צוזאַמען מיט זיינע ווערטער:

„עפּעס רעדסטו מיר דאָ, זימל־קרוין, ווי אַן אישה. וואָס הייסט: ,מען טאָר זיך נישט אָנהייבן מיטן דאָקטערוק׳? ווער זאָגט עס, אַז מען הייבט זיך אָן. קהל האָט ס׳רשות חוקר־ודורש צו זיין יעדן איינעם ייִד אין שטאָט. אויב אין דער שול ברענט, חלילה־וחס, אויס אַ שׂרפה, וועסטו מיר גיין זאָגן, אַז מען טאָר נישט פאַרגיסן דעם שולחן צי דעם עמוד מיט וואַסער באשר זיי זענען אין שול און זיי לאָזן ברענען? אין שטאָט ברענט אַ שׂרפה. מען דאַרף לעשן און מיר ווייסן נישט אין וועלכן אָרט עס ברענט. קומט יואַלטשע און זאָגט: ,עס קען גאָר זיין, אַז עס ברענט פון דאָקטערוקס הויז׳. לייגט זיך עס אויפן שׂכל. ער איז מיר אַן אָנגעקוועטשט עפּעלע נישט פון היינט און נישט פון נעכטן. איז בעסער אים חוקר צו זיין, איידער שפּעטער צו האָבן תּרעומות צו זיך אַליין — כ׳האָב געזען עס ברענט און די שׂרפה נישט געלאָשן".

אויף דעם האָט זימל געזאָגט אַזוי:

„אויב אין דער שטאָט ברענט ערגעץ איין שׂרפה און מיר ווייסן נישט ווו, צו וואָס זאָלן מיר אָנצינדן אַ צווייטע שׂרפה, מיטן דאָקטער".

איז יואַלטשע אונטערגעשפּרונגען:

„וואָס איז דאָ ס׳געררעד? אויב איך בין מוכן צו גיין אויף קידוש־השם און פאַר השם־יתברך שפּרינגען אין פייער, פאַר וואָס זאָל איך דאָ מורא האָבן פאַר דעם אַפּיקורס דעם דאָקטערוק?"

אַזוי האָבן אַלע דריַי געטענהט וואָס זיי האָבן געטענהט און ס׳איז געבליבן מען זאָל דאָס אַלץ ברענגען פאַרן רב ר׳ יונתן און דעמאָלט וועט מען זען ווי די זאַך וועט פאַלן. זענען אַלע דריַי אײַליק אַוועק צום רב.

ר׳ יונתן, דער רב, האָט נאָך מעריב זיך געלאָזט וווילגיין און הנאה געהאַט פון אַ ליולקע־ציבוך. אין דעם גרויסן קאַנדעלאַבער אין זיין קאַמער האָבן געברענט אַלע קנויטלעך און ליכטיק געמאַכט מיט אַ זאַפטיק רויטלעך ליכט. ר׳ יונתן איז געזעסן אין אַ קאַמער־ווינקל, טיף אין אַן אויסגעבעט זעסל מיט אַ הויכן־הויכן אָנלען און געקוקט אויף דעם פאַרצעלייען טעפּעלע פון דעם ליולקע־ציבוך. דורך דעם זילבערנעם געלעכערטן שטערצעלע האָט זיך דאָ אַרויסגעלאָזט אַ קנוילעכל רויך און דאָ איז דאָס קנוילעכל רויך גאָר אַרויס פון צווישן ר׳ יונתנס לעפצן. דער רב האָט זיך געשפּילט מיט די רויך־וואָלקנדלעך. אָט גיט ער אַ בלאָז אַרויס אַ קנוילעכל רויך און לאָזט עס צו די ברענענדיקע קנויטלעך אונטערן באַלקן. פונעם רויך מאַכן זיך רינגעלעך, איינס און נאָך איינס, זיי בייגן זיך, ציִען

זיך אויס און ווערן אויס. פלא פלאים! וואָס אַלץ דער אין הימל האָט עס באַשאַפן אויף דער וועלט און ווי דאָס אַלץ האָט לעבן! אַפילו אַ ביסל רויך פון אַ ליולקע־ציבוך.

דעם ליולקע־ציבוך האָט אים געהאַט געבראַכט ווי אַ מתּנה וועלוול בעלזער, נאָך מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז געקומען פון אַ ווייטער נסיעה. מיט זיין שיינעם דערציילן האָט דעמאָלט וועלוול אַנגעצונדן ר׳ יונתנס דמיון, אים אַוועקגעטראָגן אין אַ ווייטער וועלט, וואָס מען רופט אַמעריקע און וואָס ליגט פון יענער זייט אוקיאַנוס.

אין יענעם וויטן לאַנד, מעבר לאוקיאַנוס און פון יענער זייט געוויסערן אָן אַ סוף און אָן אַן עק, וואַקסן אַזעלכע מיני געוויקסן, וואָס אַז מען טריקנט זיי אויס און מען רויכערט פון זיי, ווערט די מחשבה וואַך, ווי נאָך אַ גוטער ליאַמפּקע אָקעוויט. אַזוי גייען שיפן מיט שקלאַוון קיין אַמעריקע און צוריק ברענגען די שיפן שמעקעוודיקע גאָלדענע טאַבאַקבלעטער. אין גענוא צעשניידט מען די טאַבאַקבלעטער אויף דינע לאָקשעלעך און מען פילט מיט זיי אָן ליולקע־ציבוכס, וואָס זייער רויך איז אַ סגולה נישט צו לאָזן איינשלאָפן די מחשבה.

אַזוי דערציילנדיק, האָט וועלוול בעלזער דעמאָלט אַנגעהויבן אַרויסציִען פון הינטערן אויבער־בגד רערעלעך און פּיַיפּאַלס, וואָס ער האָט זיי קונציק צוזאַמענגעשטעקט, איינס אינעם אַנדערן, און צום סוף אַרויפגעזעצט אַ פּאָרצעלייען טעפּעלע מיט אַ זילבערן שטערצעלע. אַז דער ליולקע־ציבוך איז געווען צוזאַמענגעשטעלט און ר׳ יונתן האָט אים געמומען אין דער האַנט אַריין, האָט ער געקוקט אויף אים, ווי מען קוקט אויף אַ שיינעם לולב, און זיך געפרייט ווי אַ קינד:

„וואַ, וואַ, וואָס מענטשן טראַכטן אַלץ אויס, כּדי נהנה צו זיין פון רבונו־של־עולמס חסדים אויף דער וועלט! ס׳איז דאָך גאָרנישט משׂיג צו זיין!"

„דער יצר־הרע זאָל נישט קענען זאָגן, אַז ער זיצט ליידיק" — האָט זיך וועלוול דערלויבט אויף אַ הלצה.

„וואָס פאַר אַ טענות האָסטו צום יצר־הרע? — האָט ר׳ יונתן געפרעגט אין גוטן געמיט — קען דען זיין אַ בעסער פאַרגעניגן ווי ביישטיין דעם יצר־הרע? הע, האָסט עס אַ מאָל געפּרוּווט?"

„בעסער מיט אים נישט אָנצוהייבן, ער האָט אַ גויִישע גבורה" — האָט וועלוול דעמאָלט געזאָגט, אַרויסגענומען פון בוזעם אַ געפּאַלצט לעדערן זעקעלע מיט פּרענדזעלעך פון אונטן, פון דאָרט אַרויסגענומען אַ ביסל גאָלדיקן טאַביק און אָנגעפּילט דאָס פּאָרצעלייענע טעפּעלע פונעם ליולקע־ציבוך. וועלוול האָט געהייסן דעם רב נעמען צווישן די ליפּן דאָס מונדשטיקל, אַרויפגעלייגט אויפן טאַביק אַ הייסע קויל און געזאָגט צום רב: „ציט!" און ווי דער רב האָט געצויגן דעם רויך פונעם אָנגעצונדענעם טאַביק, אַזוי האָט ער זיך צעהוסט און צעקייכט, ווי ער וואָלט חלילה געגאַנגען דערשטיקט ווערן. טרערן זענען אים אָנגעפּלאָסן אין די אויגן, דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, ער איז געווען אויס מענטש. אָבער דעם ליולקע־ציבוך פון די הענט האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט, ווי ער וואָלט געהאַלטן

אַ רוצח, וואָס ער מוז אים בייקומען. ער איז אים בייגעקומען. נאָכן אויסהוסטן זיך האָט ער זיך געשמאַק אויסגענאָסן איין מאָל און אַ פינפט מאָל און געווען מלא־שׂימחה פון זיין נצחון:

„ס'איז דאָך ווי איך וואָלט אויסגעטרונקען אַ ליאַמפּקע פּיאַלון. גאָרנישט קיין קלייניקייט! וואָ, וואָ".

אַזוי האָט זיך ר' יונתן צוגעווּוינט, דערשנאָפּט דעם טעם און דעם אונטערטעם פון דעם טאַביקרויך, ביז ער איז אויף דעם ליולקע־ציבוך דערגאַנגען, אַז „ווען די וועלט זאָגט עפּעס, דאַרף מען זיך צוהערן; עס קען דערין שטעקן אַ וויכטיקער ענין". דאָס ווייסע פּאָרצעלייענע טעפּעלע אונטן און די וואָלקנדלעך רויך, וואָס ער לאָזט אַרויס פון זיינע ליפּצן, דערוואָרעמען זיין דמיון פון וועגן דער גרויסקייט און אומדערפּאָרשטקייט פון גאָטס וועלט. אַז דער זאָפּט פון דעם רויך צעגייט זיך אין זיינע אברים, וואָלט ער רק געוואָלט שמועסן, וואָרום ער ווערט פול מיט סברות, ווי אַ מילגרוים איז פול מיט קערנדלעך.

אָט אין אַזאַ רגע זענען צו ר' יונתן אַריינגעפאַלן די דריי חוקרים: דער דיין ר' נחמן הכהן און די פּרנסים יואלטשע און זימל. זיי זענען אַריינגעפאַלן צום רב מיט דעם זעלבן אימפּעט, מיט וועלכן זיי האָבן זיך פריִער מתווכח געווען. ביידע צדדים האָבן פאַר ר' יונתן מיט איין מאָל געוואָלט אַרויסלייגן וואָס יעדער מיינט דערוועגן רופן און חוקר־ודורש זיין דעם דאָקטער אליעזר.

נישט אַרויסלאָזנדיק דאָס פּיפּקעביינדל פון מויל, האָט ר' יונתן געזאָגט מיט רויך־איבעררייסן:

„נב־שאַ... פון קלאַפּן דאָס וואַסער ווערט די מיקווה נישט הייסער... ננב־באשר אַ שמועה... פון דער חקירה זענט איר גאָרנישט דערגאַנגען... איז אפשר סתּם אַ שמועה? זאָגן דאָך קלוגע לייט, אַז אויב ס'איז באַשערט פון הימל, איז מיר שוין ליבער אַ שמועה רעה, איידער חלילה אַ בשׂורה רעה... ננב־דאָס וואָס איר טענהט: לאָזן רופן דעם דאָקטער אליעזר... נישט קיין קרומע זאַך. ווי דער גאַנג דערנענטערט צו אַ ייִשוב, אַזוי דערנענטערט אַ שמועס צו אַ ייִשוב־הדעת... אין דער הייליקער תּורה שטייט דאָך געשריבן: ,וידבר ד' אל משה'; נישט דער בורא דעלמא האָט אים אַרויפגערופן אויפן הר און אים געגעבן די תּורה... ננב־נאַ און גיב זי איבער צו עם־ישׂראל, נאָר ער האָט צום ערשט גערעדט צו אים... ננב־זיך דורכגעשמועסט און דערנאָך געזאָגט: ,ואתנה לך את לוחות האבן והתורה והמצוה אשר כתבתי להורותם'... ננב־מע דאַרף זיך דורכשמועסן".

ר' יונתן האָט געהייסן אַריינרופן יאָסל דעם שמש, ער זאָל אים צוגרייטן די כּלים. האָט ער אָוועקגעשטעלט דעם ליולקע־ציבוך אין אַ ווינקל און זיך אַוועק־געזעצט אָנשרייבן אַ בריוו צום דאָקטער אליעזר. און כאָטש ער האָט געהאַלטן אליעזרן פאַר אַ קל און אַנומלט געהאַט מיט אים טועכצער, האָט ער געטראַכט וועגן אים ווי וועגן אַ תּלמיד־חכם און קלוגן ייִד. איצט, אַז זיין מחשבה איז קלאָר און דער מוח איז פול מיט כּל־מיני רעיונות, וועט ער זיך פונאַנדערשמועסן מיט דעם דאָקטער נישט בלויז וועגן עניני דיומא. אַז יאָסל דער שמש האָט צוגעגרייט

די שרײַב־כּלים, האָט אים ר׳ יונתן געזאָגט, ער זאָל אויך אַוועקשטעלן אויפן טיש אַ פלאַש וויין — טאַקע די אָפענע פלאַש, פון וועלכער ער האָט מוצאי שבת אָנגעגאָסן אויף צו מאַכן הבדלה.

ר׳ יונתן האָט מיט אַ נאָגל געפּוצט דעם שפּיץ פון דער גענדזענער פּענע און געטראַכט ווי אַזוי אָנצורופן דעם דאָקטער אליעזר. פון זיין רבין אין דער ישיבה האָט ער אַ מאָל געהערט די מימרא, און זי האָט זיך אים איינגעקריצט אין זכּרון אויף אַ גאַנץ לעבן, אַז אַ קינד נעמט מען איַין מיט אַ שפּילכל, אַ דריידעלע, און אַ דערוואַקסענעם נעמט מען איַין מיט שבחים. מיט שבחים לייגט מען אַוועק אַ גיבור, בעת מיט רייצעניש מאַכט מען פון אַ חלוש אַ גיבור. אַזוי האָט ר׳ יונתן אַ בלאָז געטאָן אויפן פּאַפּיר, געמאַכט אַ ברייטע רונדיקע באַוועגונג, אַראָפּגעלאָזט די פּענע אויפן פּאַפּיר און אָנגערופן אַרטאַפּאַנוסן „תּלמיד חכם, רוזן המשׂכּילים ונסיך אצילות הקצין הדאָקטער המפורסם בכל העולם״ און געבעטן האָט ער אים בכּל לשון של בקשה, ער זאָל זיך מטריח זיין צו אים, באשר עס גייט אין סכּנת־נפשות פֿאַר כּל־ישׂראל. די שעה איז טאַקע אַ שפּעטע און דער וועג איז טאַקע אַ ווייטער, אָבער ער, דאָקטער אליעזר, ווי אַ רופא נפלא בעזרת השמים, זאָגט זיך דאָך נישט אָפּ צו גיין ווערסטן אַפילו אין אַ פינצטערע נאַכט, כּדי מציל צו זיין אַ נפש, בפרט אַז אין דער רגע איז דער וועג אויף מקדש צו זיין דעם שם...

יאָסל דער שמש האָט דעם בריוו אַריינגעלייגט אין אַ פּאַטשיילע און די פּאַטשיילע באַהאַלטן הינטערן טיזליק. מיט קרעכצעניש האָט ער אָנגעצונדן דאָס קנייטל אין זיין לאַמטערן, גענומען זיין שטעקן און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין מיט אַ שווער האַרץ, ווי דער דאָקטער וואָלט געוווינט אויף אַ מרחק פון אַ נאַכט גאַנג.

יאָסל האָט געוווּסט, אַז ער גייט אין אַ שליחות־מיצווה און דערמיט וואָס ער וועט דעם דאָקטער איבערגעבן דעם כּתב פונעם רב וועט ער גאָר היפּש פֿאַר־גרעסערן זיין חלק עולם־הבא. פון דעסטוועגן האָט אים דאָס האַרץ געצאַפּלט פון שרעק. אין שטאָט גופא איז ער אין זיין אייגן לאַנד, בלויז צווישן אחינו בני־ישׂראל. קען ער אַרומגיין אַ גאַנצע נאַכט באַוואָפנט מיט זיין כּלי־זיין — די לאַמטערן און דעם שטעקן — און אָנקלאַפּן אין וועמעס לאָדן ער וויל און רופן צו עבודת הבורא. יעדער לאָדן איז אַ יידישער לאָדן. אַפילו אין די הינטערגעסלעך, ווו ביינאַכט לויפן זיך אָן די הינט אויף צו זוכן ס׳זייעריקע, גייט ער אַרום אָן פּחד. אָבער ווי נאָר עס ענדיקן זיך די יידישע געסלעך און עס הייבן זיך אָן די פּרעמדע הייזער, אָן מזוזות רחמנא־ליצלן, איז די וועלט הפקר. דאָ ווייסט מען נישט וואָס און ווער. דאָ קענען באַפאַלן הינט, אָדער וועלף, צי גאָר — נישט געדאַכט זאָל עס ווערן — שדים און נישט־גוטע, וואָס מען קען גאָר נישט אונטערשיידן איינס פון דאָס צווייטע. אַ שד קען זיך דאָך פאַרוואַרפן אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט ער וויל — אין אַ הונט, אין אַן אישה, אין וואָס נאָר עס פאַרגלוסט זיך אים. אָט הערסטו פון אַ שטאָל: ס׳פאַרסקעט אַ פערד. מיינסטו דאָך: יאָ? צום סוף איז עס גאָר אַ שד, אַ ווילקאָליק, וואָס ווי נאָר דו קוקסט זיך אום, שטעקט ער דיר אַרויס

אַ פּייערדיקע צונג. אַפילו אַ קאַץ, וואָס שאַרט זיך צו אויפן וועג און לאַשטשעט זיך דיר צו די פיס מיטן ווידל — ווייסטו נאָך נישט מיט וואָס דו האָסט דאָ צו טאָן. און עס געשעט אויך, אַז אַ שד פאַרוואַרפט זיך אין געשטאַלט פון אַן אישה, וואָס — די שעה זאָל נישט זיין — זי האָט דעם כוח צו פאַרכישופן אַ מאַנצביל און אים ברענגען צו זינדיקע מעשים ווו נאָר עס פאַלט איר איַין, אין די גראָזן אויפן פעלד, אין וואַלד, צי גאָר אויף דעם פלאַץ ווו זי בענדיקט אים... אוי, ווי ווייט אַ ייִד האָט זיך אָוועקגעצויגן הינטער דער שטאָט, ווי עס וואָלט אים נישט אָנגעשטאָנען צו ווינען צווישן אַלע ייִדן.

די אַלע אויסגערעכנטע פּחדים האָבן יאָסלען פאַרפּלאָנטערט און אים פאַר־קלעמט דאָס האַרץ, ווי עמעצער וואָלט עס אַריינגענומען צווישן שמידישע צוואַנ־גען, כאָטש ס׳איז נאָך געווען גאָר ווייט צו האַלבער נאַכט, ווען ס׳שדים־פאָלק לאָזט זיך אַרויס איבער דער וועלט.

דער וועג האָט זיך אים פאַרצויגן אָן אַ סוף און אָן אַן עק. ווי ער האָט געפּייטלט מיט די פיס צו גיין פאַר זיך, אַזוי האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער וועג אַנטלויפט פון אים. איי, וואָס פאַר אַ וועלט עס האָט זיך געשטעלט! נישט גע־שטראָפט זאָל מען ווערן פאַר די רייד: ס׳איז דאָך שוין באַלד ווי עס זאָגן, טפו, די מינים, אַז ס׳איז ערב די צייטן פון גאולה. ער, יאָסל, איז שמש שוין פאַרן צווייטן רב אין בראָד. ער האָט שוין געזען אַזוי שלעכטע ווי גוטע צייטן, נאָר אַזעלכע ווי אין די יאָרן זענען מסתמא נישט געווען זינט דעם חורבן בית־המיקדש. ס׳שטייט דאָך געשריבן. אוי ווי איז מיר... ווו שטייט עס געשריבן?.. וואָס איז דאָס ווונדער? אין אַזעלכע צייטן ווערט אַפילו קאַליע דער זכרון אויך. רחמנא־ליצלן.

יאָסל האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דעם רויטלעכן ליכט פון אַ שטערן, וואָס האָט אים אויסגעזען ווי פון אַ צווילינג פון דעם פלעמל אין זיין לאַמטערן. געשעט שוין דאָס אויך? אויף אַן אויגנבליק האָט זיך אים אַ מיש געטאָן אין קאָפּ. פון וואַנען קומט דאָס פלעמל פון זיין לאַמטערן אויפן הימל? ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין לינקער האַנט און דער־זעענדיק דעם לייכטנדיקן לאַמטערן האָט ער אויסגעשפּיגן:

„נישט געדאַכט זאָל עס ווערן!..״

מער מיט זיינע פּחדים און מיט זיין אָכצן, ווי מיט זיינע שווערע פיס, האָט זיך יאָסל שמש דערשלעפּט צום הויז פון דעם דאָקטער אליעזר. ער האָט אָנגע־קלאַפּט מיטן שטעקן דריי מאָל, ווי ער קלאַפּט געוויינטלעך אין די לאָדנס, ייִדן זאָלן אויפשטיין צו עבודת הבורא. נעכע די דינסטמויד האָט געעפנט די טיר. ער איז אַריינגעפאַלן אָן כוחות:

„אָוונט־טוב!״ — האָט ער שווער געדעכעט. דאָס פּנים האָט אים געגלאַנצט פון שוויס, אין רוקן האָט אים געשטאָכן און פון מידקייט האָט ער אַפילו נישט געדענקט אויף וועמען צו פרעגן. דערזעענדיק אים האָט זיך נעכעס פּנים אָנגע־צונדן מיט כעס. זייט דעמאָלט, ווען קהל האָט זיך געיאָגט נאָך איר סנדרן, זעט זי אין יעדן איינעם, וואָס האָט אַ שייכות צו קהל, איר שונא. אויפן „אָוונט־טוב״

האָט זי אַפּילו נישט געענטפערט. זי האָט דעם שמש אַפּילו נישט אַריינגעבעטן, נאָר געלאָזט אים שטיין אויף זיינע מידע פיס און געגאַנגען אָנזאָגן איר האַר. און געזאָגט האָט זי אַזוי:

„די שלעפערס האָבן שוין ווינציק דעם טאָג, קריכן זיי אַהער אויך אין אָוונט. ער שטייט דאָרט ביי דער טיר, אַז שטיין זאָל פאַר אים...״ אָפּגעזאָגט אירס און נישט דערזאָגט, איז זי אַוועק אין דער קיכקאַמער און געסאָפּעט מיט דער נאָז אַ קללה.

אליעזר איז אַרויסגעקומען אין אַ לייכטן בגד, ווי ער וואָלט זיך שוין געהאַט געגרייט צו גיין שלאָפן. ער האָט יאָסלען אַריינגעבעטן אין דער פאָדערקאַמער און אָנגעוויזן אים אַ זעסל. דער שמש איז אים דאַנקבאַר געווען דערפאַר:

„אָוונט־טוב, דאָקטער־לעבן. זאָל אייך דער הימל געבן הצלחה און געזונט. כ׳וועל נאָר אָפּדעכען אַ רגע. קיין הרע, יידן פאַרקלייבן זיך אַזוי ווייט! ווילן פאַרגרעסערן דעם יידישן תחום, אַ געזונט אין זייערע ביינער. וואָס דען? שטענ־דיק זאָלן יידן וווינען אויפן רינגפּלאַץ נאָר? אַ יידישע שטאָט דאַרף זיך פאַר־גרעסערן און פאַרגרעסערן. ווער זאָל עס טאָן, אויב נישט אַזאַ יידישער שׂררה ווי איר, דאָקטערשי? איז וואָס זשע? דער רב ר׳ יונתן האָט אייך געלאָזט שיקן אַ בריוו. עפּעס גאָר אַן אייליקער ענין״.

יאָסל האָט געקרעכצט, נאָר דעם בריוו נישט דערלאַנגט. ער איז געווען פאַר־מאַטערט. ער האָט אַפּילו נישט געהאַט קיין כוח די לאַמטערן אַוועקצושטעלן אויפן דיל און צו געפינען אַן אָרט פאַר זיין שטעקן. זענען אים די הענט געווען פאַר־נומען. נאָר אַז אליעזר האָט אים דערמאָנט, אַז ער וויל זען דעם בריוו, האָט ער אים דערלאַנגט סיי די לאַמטערן און סיי דעם שטעקן און אַליין זיך גענומען צו זיין טײַזליק. ער האָט פון דאָרט אַרויסגעצויגן די פּאַטשיילע, אַרויסגעוויקלט דעם בריוו און אים דערלאַנגט אליעזרן. האָט דער דאָקטער צוריקגעגעבן דעם שמש דעם משכון, דעם שטעקן מיט דער לאַמטערן, און זיך גענומען לייענען דעם בריוו, אַרויסזאָגנדיק אויפן קול איינציקע ווערטער.

„וואָס פאַר אַ סכנות פאַרן יידישן פאָלק?״ — האָט ער געפרעגט מער זיך אַליין ווי דעם שמש און צוריק צוזאַמענגעלייגט דעם בריוו.

„אוי, ווי איז מיר — האָט דער שמש אַרויסגעקרעכצט — זייט דער בית־המיקדש איז חרוב געוואָרן איז יעדע סכנה — סכנת־נפשות פאַר עם־ישׂראל״.

פון דעם ענטפער האָט אליעזר פאַרשטאַנען, אַז דערווייל דאַרף מען דעם שמש אונטערלענען דאָס האַרץ און ער האָט אים אַריינגעפירט אין דער קיכקאַמער.

„נעכע, דער שמש וועקט יידן צו עבודת הבורא, טאָ פעדער זיך און זיי אים מהנה מיט פליישיקס״ — האָט ער געזאָגט באַפעלעריש.

נעכע האָט זיך אָנגעפילט מיט צאָרן און דעם צאָרן אַראָפּגעשלונגען. זי האָט פאַרקלעמט די ליפּן אויס מורא טאָמער וועט זיך אָן איר ווילן אַרויסרייסן אַ וואָרט פון דעם אַלעם וואָס איז איר נאָר וואָס אָנגעלאָפן אין קאָפּ אַריין. דערפאַר האָט זי זיך נישט געהיטן מיט אירע שאַרפע באַוועגונגען, מיט וועלכע זי האָט אַוועק־

געשטעלט אויפן טיש צוויי ערדענע שיסלען און אַרויפגעלייגט אַ גרויס ברויט מיט אַ מעסער. פון קעלער האָט זי אַרויפגעבראַכט אַ טעפּל מיט שמעקעדיק געגדזנשמאַלץ. אַלץ וואָס זי האָט געטאָן האָט זי געטאָן מיט כּעס און אונטערגע־סאַפּעט מיט דער נאָז.

יאָסל האָט זיך געוואַשן די הענט און זיי אָפּגעווישט אין די פּלודערן, אָפּגע־שניטן אַ גרויסן פּענעץ ברויט און מיט אַ פולער נאָז געמאַכט די ברכה „המוציא לחם מן הארץ". נאָך איידער ער האָט די ברכה פאַרענדיקט, האָט ער שוין געהאַט אַ פול מויל מיט ברויט און געפרעגט:

„זאָג מיר נאַר, דו, וואָס פאַר אַ יום־טוב איז היינט? וויל צו די גבירים. אַ וואָכעדיקער מיטוואָך איז אויך ביי זיי אַ יום־טוב".

נעכע האָט נישט אויסגעהאַלטן:

„טאָ איז וואָס אַז ס'איז אַ יום־טוב? געפעלט אייך נישט?"

„געפעלט מיר גאַר פיין — האָט יאָסל אונטערגעפּאַנפּעט עסנדיק — אַז משיח וועט קומען וועלן ביי אַלע יידן אַלע מיטוואָכס זיין יום־טוב".

„זאָלן אייך אָנגעזאָגט ווערן גוטע בשורות" — האָט נעכע געזאָגט מיט שפּאָט און זיך פּלוצים אויסגעדרייט צום אָפענעם פענצטער.

צו אירע אויערן איז דערגאַנגען אַ שאַרך, ווי עמעצער וואָלט גערירט די סטערטעס האָלץ אָנגעגרייטע אויפן ווינטער. יעדעס מאָל ווען סנדר קומט צו איר ביינאַכט הערט זי דעם זעלבן שאַרך. דורך דעם אָנגעלייגטן האָלץ דערגרייכט ער לייכט צום פענצטער. איז ער היינט געקומען? — האָט זי געטראַכט און צוגעלייגט די פינגער צו איר מויל.

שוין חדשים ווי ער איז נישט געווען ביי איר. לייט רעדן וועגן איר ווי וועגן אַן עגונה און איר דאַכט זיך, אַז זי איז טאַקע אַן עגונה. ער איז נעלם געוואָרן.

זעלדע איז פּלוצים אַריינגעקומען אין דער קיך. נעכע האָט אָפּגעשאָקלט דעם פאַרטעך און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי דאַרף עפּעס טאָן, נאָר זי האָט פאַרגעסן וואָס. זעלדע האָט מיט איין בליק אַרומגענומען אַלץ:

„האָסט נישט אָנגעוואַרעמט דאָס עסן? — האָט זי געקוקט אויף נעכען — וואָס פלאַמט דיר אַזוי דאָס פּנים? צוליבן גאַסט?"

„צוליב אַ גאַסט פלאַמט דאָס פּנים איידער ער קומט" — האָט נעכע אויסגע־בעסערט דעם סימן פון רויטקייט אויף איר פּנים. זי האָט געדענקט וואָס איר האַרינטע האָט געפרעגט וועגן דעם עסן און אַנשטאָט צו ענטפערן איר האָט זי זיך אָנגעבויגן צום שמש און אים געפרעגט, ווי ער וואָלט געווען אַ טויבער:

„צי אַז משיח וועט קומען וועלן יידן עסן וואַרעמס?"

יאָסל האָט צו איר אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געקוקט אויף איר מיט צעליכטיקטע אויגן פון הנאה וואָס מען רעדט דאָ וועגן געבן נאָך עסן.

„פון וואַנען זאָל איך וויסן אַזוינע זאַכן? אַ גוט ביסעלע געגדזנשמאַלץ וועט מסתמא נישט פעלן. עס צעגייט אין מויל".

זעלדע האָט אַריינגעלאַכט אין זיך פון דעם געהערטן שמועס און דערמוטיקט דעם שמש:

„עסט, עסט, זאָל איך ווויל באַקומען. וואָס איז געשען וואָס דער רב רופט מיין מאַן אין אַזאַ שפּעטער שעה?"

יאָסל האָט געהויבן מיט די פּלייצעס און אַרויפגעקוקט צו זעלדען, אַראָפּ־שלינגענדיק אַ האַרטן ביס:

„ס'איז מסתּמא דערוועגן די שמועות, אַז די מינים ימח־שמם האָבן זיך אַריינ־געגנבעט אין שטאָט".

„וואָס מינים, ווער מינים?" — האָט זעלדע נישט פאַרשטאַנען.

ביי דער קיך האָט נעבעך אָנגעשפּיצט די אויערן סיי צום אָפענעם פענצטער און סיי צו דעם וואָס זעלדע רעדט מיט דעם שמש. יאָסל האָט איבערגעריסן דאָס עסן, מיט דער צונג געריניקט די אינעווייניקסטע זייט פון דער באַק, און אונטער־געפּאַנפּעט:

„זאָגן זאָגט מען, אַז דער ימח־שמו אַליין האָט אַהערגעשיקט זיינע לייט אויף אַרויסצורופן אַ צעטומלעניש צווישן ייִדן. ס'איז זיי גרויס אין די אויגן, וואָס ייִדן האָבן ברוך־השם פּרנסה. גייען זיי מסרן, די שמדניקעס, די פּושעי עוכרי בישׂראל... דער דאָקטער וועט זיי שוין אם־ירצה־השם אָנלערנען למען ידעו!"

כאָטש יאָסל האָט גערעדט געגנוג הויך, האָט נעבעך נאָך אַ מאָל פאַרנומען אַ שאַרך. דאָס מאָל ווי דעם שאַרך פון מענטשלעכע טריט אין גראָז. זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי זוכט עפּעס און שוין איז זי געווען נעבן פענצטער. זי האָט אַריינגעקוקט אין דער פינצטערניש און אויסגעשמעקט דעם דרויסן. די ווערטער, וואָס עס האָט געזאָגט דער שמש האָט זי פאַרבונדן מיט דעם, וואָס זי האָט געהערט. ס'איז זיכער איר סנדר. דער שמש און איצט אויך זעלדע אין דער קיכקאַמער שטערן אים, ער זאָל זי רופן, אָדער גאָר אַריבערכאַפּן זיך צו איר דורכן פענצטער אין איר דערנעבנדיקער קאַמער. און באַלד איז אַריין אין דער קיך אויך אליעזר:

„נו, שמש, איך בין גרייט אין וועג אַריין — האָט ער געזאָגט אַזוי ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ ווייטער נסיעה — וועט איר מיך באַגלייטן צום רב?"

„אַוודאי, ווי דען? — האָט זיך יאָסל שווער אויפגעהויבן און געוואָרפן אַ קוק צו דער קאַפּע אַז ער גייט דאָ פאַרלירן אַ ביסל וואַרעמס, וואָס וואָלט אים גאָר שטאַרק צו ניץ געקומען — די ימח־שמוניקעס זאָלן אַזוי וויסן פון זייער לעבן ווי איך האָב כּוח צו שלעפּן זיך אין דער נאַכט".

„ווען דאַרפסטו עס אָנלערנען, וואָס איך האָב געהערט דערוועגן פון דעם שמש?" — האָט זעלדע אָנגעקוקט איר מאַן.

„איך? — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיך מיט אַ פינגער, ווי דאָס טוען קינדער — נישט איך לערן און נישט איך לערן אָן. אַז דער רב פון ק"ק בראָד שרייבט, אַז ס'איז סכּנת־נפשות פאַר כּלל־ישׂראל, דאַרף זיך ר' ישׂראל אָנמעלדן ווי אַ זעלנער".

„אין אַזאַ שעה? פֿאַרזוּמים זיך נישט. איך וועל וואַרטן אויף דיר" — האָבן די צאַרטע גלעקעלעך אין זעלדעס שטים זיך צעקלונגען.

„מלחמה! די פֿרייסן האַלטן מלחמה, די מאָסקאָוויטן האַלטן מלחמה און איך מיר!" האָט אליעזר אויסגערופֿן אין שפּאַס און געהאַט אַ שטאַרקן באַגער אַרומצונעמען זעלדען. ער האָט זיך דערפֿון אָפּגעהאַלטן, כּדי נישט צו ערגערן יאָסל דעם שמש.

זיי זענען אַוועק אין שטאָט אַריין.

איצט, באַפֿרייט פֿון פּחדים, איז יאָסל דער שמש געלאָפֿן פֿאַרויס. די פּיס האָבן אים געטראָגן און ער איז געווען אָנגעפֿילט מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז ווען אַ הונט זאָל אים קומען אין וועג, וואָלט ער אים מיטן שטעקן געגעבן איבערן קאָפּ. פּלוצים האָט ער אַ זאַפּטיקן קרעכץ געטאָן: „אוי, ווי איז מיר". אַן אויפֿגעלייגטער האָט אים אליעזר געפֿרעגט וואָס ער קרעכצט און יאָסל האָט געענטפֿערט מיט חדווה:

„אַזאַ שיינע וועלט! אַהער גייענדיק צו אייך, דאָקטער־לעבן, האָט זיך מיר געדאַכט: די וועלט גייט אונטער. איצט זע איך גאָר דאָס פֿאַרקערטע. איר זענט אַ מבֿין ווי עס שמעקט?"

„ווייסט איר כאָטש וואָס עס שמעקט?" — האָט אליעזר געפֿרעגט מיט דעם זעלבן טאָן, מיט וועלכן דער שמש האָט געפֿרעגט.

„פֿאַר וואָס זאָל איך נישט וויסן? גאָטס וועלט שמעקט!" — האָט יאָסל געענטפֿערט.

„און וועמעס וועלט, האָט זיך אייך געדאַכט, האַלט ביים אונטערגיין, ווען איר זענט געגאַנגען צו מיר?"

יאָסל האָט געשוויגן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער דאָקטער האָט פֿאַרוואָרפֿן אַ נעץ אים צו פֿאַנגען, אויספּרוּוון אים. איין וואָרט און ער, יאָסל, וועט אַריינפֿאַלן אין דער נעץ אַ געשטרויכלטער. אליעזר האָט געזאָגט:

„אַלץ איז גאָטס וועלט! כּל הארץ מלא כּבֿודו. מיר גייען צום רבֿ און דער באַשאַפֿער פֿון דער וועלט קוקט אונדז נאָך דורך אַ שפּאַרע פֿון דער לבֿנה. איר זעט?!"

יאָסל דער שמש האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל צו זען די „שפּאַרע פֿון דער לבֿנה". אַ גאָלדענער ראָגל האָט אַראָפּגעליכטיקט צו אים און ער האָט ווידער אַ קרעכץ געטאָן:

„איי, איי, ס'איז טאַקע כּל הארץ מלא כּבֿודו".

שאַרפע קעפּ אויף קרומע וועגן

בעת דאָס אַלץ האָט זיך פאַרלאָפן, האָבן זיך נישט ווייט פון דעם הקדש אויסבאַהאַלטן צוויי אירע פון די לייט, וואָס די שמועה האָט געזאָגט, אַז זיי געפינען זיך אין דער שטאָט, און אַ דריטער איז ערגעץ־ווו נעלם געוואָרן. די צוויי וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן זענען געווען בערל דער מקובל און אפרים דעם גאַרבערס זון. און דער וואָס איז נעלם געוואָרן איז געווען סנדר יתום, נעכעס מאַן. פאַרוואָרפן אין אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע מדינה־ג׳יערס זענען זיי געקומען קיין בראָד צורעדן וואַנדערנדיקע ישיבה־בחורים זיי זאָלן מיט דער כת אַנטקעגנג׳ין משיחן און העלפן ברענגען די גאולה. דאָס האָבן אויך זיי געשלאָגן די קהל־לייט מיט הילצערנע פּיס און קוליעס און זיך אַרויסגעמאַכט פון דער סכנה. נאָר סנדר יתום איז ערגעץ־ווו נעלם געוואָרן און איבערגעלאָזט די אַנדערע צוויי אין קלעמעניש. די דריַי זענען געהאַט געקומען באַלד ווי ס׳האָט זיך געשטעלט דער יאָר־יאַריד.

אַמאָליקע יאָרן האָבן זיך אַ סך שיינע ייִדן אין בראָד געקוואָפּעט אויף בערל דעם מקובל, ער זאָל ווערן זייער איידעם. וואָרום אַ צירונג איז ער געווען. אויסער אַ ווויל־לערנער, איז ער אויך געווען פון אַזאַ שיין געשטאַלט, אַז מאַמעס פון כלה־מיידלעך האָבן זיך געווונטשן דער הימל זאָל זיי צושיקן אַזאַ אָבן־טוב — פאַר אַן איידעם, אָדער ווי אַ בן־זקונים. און טאָמער פלעגט געשען, אַ שוואַנגערוויַיב האָט זיך דערשראָקן פאַר אַ פאַרביילויפנדיקע מויז, אָדער פאַר אַ פּלוצימען פלאַם און זי האָט געפּורכטעט, אַז זי וועט געבוירן אַ קינד מיט אַ רויטן פלעק אויפן לייַב, האָט מען איר געעצהט, זי זאָל זיך אַוועקשטעלן נעבן קלויז, ווו עס לערנט בערל דער מקובל און אַז ער וועט אַרויסקומען אַזוי זאָל זי זיך פאַרקוקן אויף אים. אינעם פאַרקוקן זיך אין בערלס געשטאַלט איז געווען אַ סגולה קעגן דעם שרעקנפלעק און אי אַ סגולה אַז דאָס קינד, וואָס וועט מיט דעם אייבערשטנס הילף געבוירן ווערן, וועט לייכטן ווי די זון אין הימל, ווי עס לייכט בערלס פּנים.

נאָר דעם מקובלס התנהגות איז נישט געווען כּדרך־הטבע. ווען אַנדערע יונגע־לייט אין זיין עלטער זענען שוין לאַנג געווען טאַטעס פון חדר־ייִנגלעך, האָט ער נישט געוואָלט הערן פון חתונה האָבן. טעג ווי נעכט איז ער געזעסן אין קלויז, תּמיד אויף דער זעלבער באַנק און אויף דעם זעלבן אָרט און עוסק געווען אין תּורה און אין קבלה: אין תּורה — ווען פרעמדע אויגן פלעגן קוקן וואָס פאַר אַ ספר עס ליגט פאַר אים און אין קבלה — ווען ער פלעגט בלייבן אַליין, בעיקר אין די נעכט. און אַז עס פלעגט געשען בייַנאַכט, די ליכטלעך האָבן זיך אויס־

געברענט, אָדער אַ צוגווינט האָט זיי פֿאַרלאָשן — פֿלעגט ער מיט אַ באַהאַרצטן ניגון לערנען אויסנווייניק דעם הייליקן „זוהר“. אַפֿילו ווען עמעצער וואָלט דעמאָלט פֿאַרבייגעגאַנגען און געהערט דאָס זיסע לערנען וואָלט ער נישט געאַנט, אַז בערל איז עוסק אין קבלה. וואָרום אַ זיסער פֿלאַם האָט זיך דעמאָלט געטראָגן פֿון זיין מויל און זיין קול איז געווען ווי דער לעצטער אָפּקלאַנג פֿון אַ ווידער־קול. די תּורה איז געוואָרן געגליכן צו אַ גלוסטיקער אישה, וואָס איר רייץ שטראַלט אַדורך די דיקע ווענט פֿון דער אומבאַקאַנטקייט, אין וועלכער זי איז פֿאַרבאָרגן. און אַז איר חתן און פֿריינד שטרעקט אויס צו איר זיינע אָרעמס און דורך זיינע שפּיץ פֿינגער דערפֿילט ער אויף זיין לייַב איר רייץ, אַזוי עפֿנט די אישה אַ פּתחא זעירה בהוא היכלא און ביידע באַהעפֿטן זיך, און פֿון די נצוצות פֿון דער באַהעפֿטונג ווערן געבוירן נייע עולמות און די שכינה נעמט זיי אַרום מיט ליב־שאַפֿט, ווי זיי וואָלטן געוואָרן איין גוף.

אַזוי פֿלעגט בערל דער מקובל לערנען און אויספֿלאַמען די תּורה אין די נעכט, סיי ווען עס איז געווען ליכטיק, ביי אַ וואַקסן ליכטל, און סיי ווען דאָס ליכטל האָט זיך פֿאַרלאָשן, ווייל ס׳האָט מער קיין כּוח נישט געהאַט אים צוצו־לייכטן, אָדער אַ צוגווינט האָט מעשׂה־שׂטן געוואָלט אים שטרויכלען. און אַז ס׳האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, איז ער אַוועק אין דער מיקווה און געטובלט זיין צעהיצטן גוף אינעם אייז־קאַלטן וואַסער. און אויב זומערלעב איז עס געווען, איז ער פֿון דער מיקווה נישט אַוועק אַהיים שלאָפֿן, נאָר אין פֿעלד איז ער געגאַנ־גען, צווישן דעם גראָזוואַרג און קרייטעכצער, און ער האָט זיך באַהאָפֿטן מיט דער לעבעדיקער שטומקייט.

האָט לסוף שמעון דער חלפֿן געוואָרפֿן אַן אויג אויף אים, אַז דער הימל אַליין האָט באַשערט, אַז ער, בערל, זאָל זיין זיין איידעם — אַ זיווג פֿאַר זיין בת־יחידה וואָס איז ערב שבועות געוואָרן פֿופֿצן יאָר. פֿלעגט שמעון קומען אין קלויז און אַריינרעדן אין אויער פֿון בערלען:

„שיין איז מיין דבורהלע, נאָך שענער פֿון אסתּר המלכּה; נישט גרין איז איר געשטאַלט, נאָר ווי צייטיקע פּערסיקעס זענען אירע באַקן און ווי שוואַרצע קאַרשן זענען אירע אויגן. איר קול איז זיס ווי האָניק און איר חכמה איז ווי די חכמה פֿון אַ ברוריה. איז דאָך די וועלט געשטעלט אַ מענטש זאָל אויף דער וועלט נישט זיין אַליין, ווי אַ דאָרן אין דער מידבר. שטייט דען נישט געשריבן אין הייליקן זוהר „כּלא אתקיים בדכר ונוקבא?“ ווייסטו דאָס נישט, בערלשי? אַן אישה דאַרפֿסטו האָבן און מיין דבורהלע וועט דיר זיין אַן אישה און זי וועט דיר אויפֿ־שטעלן אַ דור פֿון מד צדיקים.

האָט זיך בערל געלאָזט איבעררעדן און גענומען שמעון חלפֿנס טאָכטער פֿאַר אַ ווייב. און ווי יונג זי איז געווען אין יאָרן, אַזוי יונג און העליש איז זי געווען אין איר פֿייער און זי האָט אים אין איר פֿייער פֿאַרברענט. אַז בערל האָט זיך אויס־געברענט איז ער צוריקגעגאַנגען צו זיין שטייגער. אַפֿילו ווען דבורהלע האָט אים געגעבן צוויי זכרים, פֿלעגט ער נאָך אַלץ אין די וואָכנטעג בלייבן אין קלויז,

פֿאַרשווינדן צווישן פֿעלדער, זיך מתבודד זײַן, אַז אָפֿט פֿלעגט מען אַפֿילו נישט וויסן ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען.

איז געשען, אַז נאָכן אויסרופֿן דעם חרם אויף דער כּת, האָט די אַסיפֿה פֿון די רבנים באַנײַט די אַלטע תּקנה, אַז ייִנגערע פֿון דרײַסיק יאָר טאָרן נישט לערנען דעם זוהר און אַז ייִנגערע פֿון פֿערציק יאָר טאָרן נישט עוסק זײַן אין קבלה. דאָס דער שמש פֿון קלויז אין אַ פֿאַרטאָגס דערווישט וואָס זײַנע אויגן האָבן קוים גע־גלויבט: בערל האָט מוֹרד געווען אין דער תּקנה. האָט דער בראָדער רב גערופֿן אים צו זיך און מזהיר געווען אים, אַז אויב ער וועט לערנען דעם זוהר אַפֿילו אויסנווייניק, און אויב עס וועט דערגיין צו אים, אַז ער איז ווײַטער עוסק אין קבלה, וועט ער באַשטראָפֿט ווערן אַזוי האַרב, ווי קהל קען באַשטראָפֿן.

האָט אַ מלשין צוגעטראָגן דעם רב, אַז ווען ער איז אין איינער אַ נאַכט אַרײַן אין קלויז צו נעמען אַן אַלטע הושענה פֿון אָרון־קודש אַראָפּ פֿאַר אַ סגולה, האָט ער אַליין געהערט ווי בערל דער מקובל האָט אויף אַ קול איינגעחזרט, אַז די דרײַ ספֿירות חכמה, בינה און כּתר זענען אַ דרײַ־אייניקייט און צוזאַמען זענען זיי דער בורא דעלמא. האָט דער בית־דין געפּסקנט און גוזר געווען איינצושליסן בערלען אין דער קונע אויף אַ גאַנצן מעת־לעת און דערנאָך אים שלאָגן מלקות. אַ געשלאָגענעם האָט מען בערלען געלאָזט ליגן אויפֿן דיל אין דער קלויז. איז ער אין יענער נאַכט נעלם געוואָרן ווי אין וואַסער אַרײַן. דבורה שמעון חלפֿנס איז געבליבן אַ וויסטע עגונה. און דערציילט האָט מען, אַז בערל איז אַנטלאָפֿן צו דער כּת און אַז ער האָט זיך אַפֿילו געשמדט.

גאָר אַנדערש איז געווען דער דרך פֿון אפֿרימען. אברהם משה דער גאַרבער האָט רק געוואָלט זײַן זון זאָל ווערן רבֿ, וואָרום אַ פֿייערדיקן קאָפּ האָט ער געהאַט. און ווי ער האָט געהאַט אַ פֿייערדיקן קאָפּ צו לערנען, אַזוי האָבן אים צעשפּאַרט זײַנע כּוחות. ער האָט נישט געררוט, ווי דער סמבטיון. ווען ס'שלעכטע בלוט איז אים באַפֿאַלן האָט ער געשלאָגן וועמען ער האָט נאָר דערשנאַפּט. זומערלעב פֿלעגט ער פֿאַרשווינדן אויף לאַנגע טעג און דערנאָך צוריקקומען אַ זון־פֿאַרברענטער און אויסגעמאַטערטער ווי ער וואָלט געקומען פֿון אַ מלחמה. האָט דער פֿאָטער אים אַוועקגעפֿירט אין דער קרעמעניצער ישיבה און אים איבערגעגעבן אין די אײַזערנע הענט פֿון דעם ראש־ישיבה. אָבער אויך דאָרט האָט ער נישט געקענט אײַנזיצן. אָפּגעלערנט אַ האַלבן זמן איז אפֿרים צוריקגעקומען קיין בראָד. האָט אים דער פֿאָטער צוריקגעפֿירט קיין קרעמעניץ און אים איבערגעלאָזט אַן אַ פּרוטה, ער זאָל נישט האָבן אויף הוצאות־הדרך. און כאָטש דער פֿאָטער האָט געפֿועלט בײַם ראש־ישיבה ער זאָל האַלטן אַן אויג אויף זײַן תּכשיט, וואָרום אַ טײַערע כּלי איז ער און די כּלי דאַרף מען אָנפֿילן מיט תּורה, איז אפֿרים ווידער אַ מאָל נעלם געוואָרן. ער איז פֿאַרשוווּנדן פֿון געלעגער אַראָפּ אין דער מיט נאַכט.

האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ שמועה, אַז ער איז אַוועק צוריק קיין בראָד. דערוועגן האָט דער ראש־ישיבה אַוועקגעשיקט אַ כּתב מיט אַן עקסטרע פּאָסט צו אברהם משה. האָט דער פֿאָטער געוואַרט אויף זײַן זון און זיך נישט דערוואַרט. ער איז

קיין בראָד נישט אָנגעקומען. האָט דער פּאַטער גענומען טלית־און־תּפילין, אַ האַלב לעבל ברויט, אַ ציבעלע, אַ שטשיפּטע זאַלץ אין אַ בײטעלע, אַלץ אײַנגעבונדן אין אַ טיכל, און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צו פוס פון בראָד קיין קרעמעניץ זוכן דעם זון. אַזוי איז ער געגאַנגען ווי אַ משולח ווו נאָר אַ ישוב און זיך נאָכגעפרעגט ביי קינד און קייט:

„ווידעלי ווי סינאַ ספּייסאַמי? זוואַל סע אפרים".

האָבן לייט געהויבן מיט די פּלייצעס:

„נע ווידאַל!"

אַזוי איז אברהם משה איין מאָל אָנגעקומען צו אַן אַרענדאַר אין אַ דאָרף נישט ווייט פון זאַסלאַוו, ווי דער אייבערשטער וואָלט אים אַליין געפירט אַהין. ווי דער שטייגער ביי אַ ייִדישן אַרענדאַר, אײנער אַליין אין אַ דאָרף, האָט ער דעם ווייב געהייסן דערלאַנגען דעם גאַסט עפּעס וואַרעמס און אַליין האָט ער זיך צוגעזעצט נעבן אורח, פרעגן וואָס און ווען און הערן וואָס עס טוט זיך ביי ייִדן אויף דער וועלט. האָט דער בראָדער גאַרבער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ: אַזוי און אַזוי, איך האָב אַ זון אַ טײַערע כּלי, נאָר די כּלי דאַרף מען אָנפילן מיט תּורה און דאָ איז ער אַ מזיק, אַ ווינט אין פעלד. זיין נאָמען איז אפרים. ווי דער אַרענ־דאַר האָט עס דערהערט האָט ער אַ צי געטאָן מיט אַ האַרטע געלע האַנט איבער זיין שוואַרצע באָרד און אויסגעשריגן:

„דער תּכשיט איז דאָך ביי מיר!"

„ווי, וואָס, ווי קומט ער צו אייך?" — איז אברהם משה נבהל געוואָרן.

„וואָס הייסט ווי ער קומט צו מיר? — האָט דער אַרענדאַר איבערגעפרעגט — מאָלט זיך אַז איך האָב איי־ער זון אָפּגעראַטעוועט און אים געבראַכט צו מיר ער זאָל זיין אַ מלמד צו מיינע קינדער. ווען נישט איך וואָלט ער חלילה..." דער אַרענדאַר האָט אַ פּיפּקע געטאָן: „ס'איז אַ פלאַם־פייער!"

„איז ווו איז ער דאָ? — האָט דער גאַרבער מער קיין אָרט נישט געקענט געפינען — גיט מיר אים און איך וועל אים אויספּאַטשן די פּיסקעס".

דער אַרענדאַר האָט אַרויפגערוקט זיין מיצל אויף דער פּאַטילניצע און אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:

„הערט אַ מעשה, אין דעם גייט עס אַז ער איז נישטאָ!"

„איר האָט דאָך אין דער אותו רגע געזאָגט, אַז איר האָט אים געבראַכט, איז וואָס זשע זאָגט איר ,ער איז נישטאָ'?" — איז דער גאַרבער געוואָרן נאָך מער צעטומלט.

דער אַרענדאַר האָט פאַרלוירן דאָס סבלנות און מיט ביידע הענט זיך אָנגע־כאַפּט ביים קאָפּ:

„אַז איר פאַרלויפט מיר דעם וועג, ווי קען איך אייך דערציילן!"

„דערציילט זשע. מען קען דאָך אַראָפּ פון זינען, מיינע שונאים!" — האָט אברהם משה אים איבערגעשריגן.

און דער אַרענדאַר האָט דערציילט:

„דאָ אַנומלט בין איך געקומען אין הויף פון מיין יאַשני פּאַן. ערשט איך זע: אַ ייִדישער יונגערמאַן, מיט די פּאות פאַרלייגט הינטער די אויערן, גייט מיט אַ גראַבליע פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, ווי אַ כאַם. און רעדן רעדט ער מיט דעם יאַשני פּאַנס טאָכטער, ווי איך רעד דאָ מיט אייך. פרעג איך אים: ,מה שמך?׳ — ענטפערט ער: ,אפרים פון בראָד׳. פרעג איך אים: ,מה מעשיך?׳ — ענטפערט ער מיר: ,ויעבוד יעקב ברחל שבע שנים׳. האָב איך אַ קוק געטאָן אויפן יאַשני פּאַנס טאָכטער און ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן! מיינט ער טאַקע דאָס שיינע געשטאַלט פון דער מויד — איז דאָך וויי און וויינד! אָדער אפשר חוזקט ער גאָר פון מיר? היינטיקע יונגעלייט. ס׳איז דאָך גאָרנישט צו דערקענען די וועלט! נאָר אַז איך האָב געזען ווי די מויד חנדלט זיך צו אים קאַטשקעלעך גדולות, איז מיר איינגעפאַלן, אַז דער יונג מיינט עס אויף אַן אמת. האָב איך געזאָגט צו אים: ,ווייסט וואָס? אַזוי ווי עס איז היינט דאַנערשטיק איבער דער וועלט, וויל איך דו זאָלסט ביי מיר האַלטן שבת׳. איז אים די מעשׂה געפעלן און ער איז געפאָרן מיט מיר אַהיים. אַזוי איז ער געוואָרן אַ מלמד צו מיינע קינדער. ערשט זונטיק אין דער פרי — ער איז נישטאָ. הייב איך אָן פרעגן: ווו איז ער, דער מלמד? ענטפערן מיר די קינדער: ,אין מיטן לערנען האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט, ער גייט העלפן די כאַמעס אָנהאַקן האָלץ אין וואַלד׳. האָט מיר באַלד געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרץ. ס׳איז זונטיק, די כלאָפּעס אַרבעטן נישט, איז וואָס פאַר אַ האָלץ איז ער געגאַנגען האַקן? האָב איך איינגעשפּאַנט דעם וואָגן און אַוועק אין הויף פון מיין יאַשני פּאַן. איך זע: דער הויף איז ליידיק, קיין ילוד־אישה נישט צו זען, ס׳איז תּיפלה־צייט. ערשט וואָס זעען מיינע אויגן? איך זע צוויי הינער לויפן אַרויס פון אַ שייער מיט אַ געקוואָקעריי, ווי שדים וואָלטן זיי איבערגעשראָקן. טראַכט איך זיך: אַ קשיא אויף אַ מעשׂה, מען דאַרף זען וועלכער שד ס׳האָט די עופות איבערגעשראָקן. גיי איך זיך אַזוי, און גיי זיך, און שטעק אַריין דעם קאָפּ אין שייער און ס׳ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן. איי־ער זון מיט דעם פּריצס טאָכטער אין שטרוי אין אַ מעמד, וואָס מיינע אויגן האָבן נאָך אַזעלכס נישט געזען. אַ נס, איך האָב זיך איינגעהאַלטן פון שרייען און בין זיך געלאָזן אַוועקגעגאַנגען, זיך אַריינגעזעצט אין מיין וואָגן און בין זיך צוריק אַוועק אַהיים. ערשט נאָך האַלבן טאָג: דער תּכשיט איז דאָ. פרעג איך אים: ,ווי לאָזט עס איבער אַ מלמד די קינדער אין מיטן לערנען און גייט אַוועק?׳ זאָגט ער מיר: ,איך בין געגאַנגען אין וואַלד אַריין העלפן די כאַמעס אָנהאַקן אַ ביסל האָלץ׳. האָב איך אים געפרעגט צי ס׳איז געפאַלן אַ סך שפּענער, האָט ער מיר געענטפערט, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען: ,אוודאי, אַז מען האַקט האָלץ פאַלן שפּענער׳. כ׳האָב דעם תּכשיט גלייך געוואָלט מסלק זיין פון מיין הויז, נאָר די קינדער האָבן זיך איינגעליאַפּעט אין אים, שיינע מעשׂיות דערציילט ער זיי און אַ מלמד דאַרפן זיי. האָב איך געטראַכט: ס׳וועט אַריבערגיין. נאָר עס גייט נישט אַריבער. יעדן צווייטן טאָג ווערט מיר איי־ער זון נעלם און וועדליק דעם ווי עס גייט, וועט ער דעם פּריץ אויסהאַקן דעם גאַנצן וואַלד...״

אברהם משה האָט אַ פֿאַרלוירענער געקוקט אויפֿן אַרענדאַר, געקנעטן זײַנע אייגענע פֿינגער און געפּרעפּלט צו זיך אַליין: „אַזאַ זאַך, אַזאַ זאַך אָפּטאָן דעם טאַטן״. דערנאָך, אַז ער האָט זיך מישב געווען האָט ער געזאָגט צום אַרענדאַר:

„איר זענט דאָך אַליין אַ טאַטע פֿון קינדער, וועל איך אײַך בעטן איר זאָלט מיר געבן תּקיעת־כּף, אַז איר וועט קיינעם די מעשׂה נישט דערציילן. ווי נאָר מײַן זון וועט אַרײַנקומען, שלעפּ איך אים אַוועק מיט זיך און אין בראָד וועל איך געבן פּעטש, ער זאָל פֿאַרגעסן אין פּרצוף שיקסעס״.

און אַזוי איז געשען. אברהם משה האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער ווייסט פֿון גאָרנישט און באַגעגנט דעם זון, ווי ער וואָלט אים נאָר וואָס געזען. ער האָט דעם זון צוריקגעפֿירט קיין בראָד, נאָר אפֿרים האָט מער נישט געהאַט דעם קאָפּ צום לערנען. האָט דער גאַרבער געזען, אַז ס'איז נישט גוט, אויסער חרפּות און בושות וועט ער פֿון אים נישט האָבן, האָט ער אָנגעהויבן זוכן פֿאַר אים אַ שידוך. קיין רב וועט אפֿרים סײַ ווי נישט ווערן, זאָל ער כאָטש בלײַבן אַן אָרנטלעכער ייִד, מיט אַ ווײַב און קינדער, ווי עס איז דער שטייגער. האָט זיך געמאַכט אַ שידוך פֿון פּרעמישלאָוו; אַ שידוך צו גאָט און צו לײַט: אי יחוס און אי עשירות. האָט אברהם משה געגעבן דעם מחותּן אַן עק פֿון אַ פּאַטשיילע, ווי עס פּירט זיך ביי ייִדן. נאָר אַז ער איז געפֿאָרן מיט אפֿרימען קיין פּרעמישלאָוו, דער תּכשיט זאָל זען וואָס פֿאַר אַ בתולה ער האָט אים פֿאַרקנסט, האָט דער חתן געזאָגט, אַז זי געפֿעלט אים זייער. אויף צוריקוועגס אַהיים, אַז דער וואָגן האָט זיך אָפּגע־שטעלט נעבן אַ קרעטשמע אָנצופּויען די פֿערד, איז דער חתן־בחור אַוועק טאָן דאָס זײַניקע און פֿון דעמאָלט אָן איז ער נעלם געוואָרן, ווי די ערד וואָלט אים אײַנגעשלונגען.

מיט חדשים שפּעטער האָט אַ בראָדער פּעל־סוחר דערציילט, אַז ווען ער איז געווען וועגן זײַנע מיסחרים אין ראָהאַטין, האָט ער דאָרט געהערט אַ שמועה, אַז אפֿרים דעם גאַרבערס פֿון בראָד איז געוואָרן אַ תּלמיד פֿון אלישע שור און ער האַלט זיך אויף מיט דער חברותא פֿון דער כּת אין אַ פּריצישן הויף.

פֿון דער מלחמה אין הקדש זענען אַלע דרײַ, בערל, אפֿרים און סנדר, אַרויס צעשראָקענע, נאָר אין טומל איז סנדר יתום געווען זיכער, אַז די לײַט פֿון קהל האָבן געבענדיקט בערלען און אפֿרימען און זיי וועלן קיין געזונטע פֿון זייערע הענט נישט אַרויס. האָט ער אין דער נאַכט־פֿינצטערניש עוקר געווען פֿון בראָד אָנצוזאָגן דער חברותא פֿון דער כּת וואָס איז געשען. די צוויי, ווידער, האָבן מורא געהאַט, אַז טאָמער וועלן זיי אַוועק פֿון בראָד, וועלן זיי סנדרן איבערלאָזן אין אַ סכּנה. און געוווּסט האָבן זיי, אַז ביים דאָקטער אליעזר דינט סנדרס ווײַב. האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט אין פֿעלד אַרום הויז, געגנישטערט אין דער פֿינצטער אין סאָד, אַפֿילו אַרײַנגעקוקט אין די פֿענצטער, טאָמער וועלן זיי דערזען אַ סימן פֿון סנדרן, אָדער אפֿשר גאָר וועט אויך ער קומען צו דעם פּלאַץ.

אין דעם, אַז יאָסל דער שמש איז מיט זיין לאָמטערן און שטעקן געגאַנגען צום דאָקטער אין אַזאַ שפּעטער אָונטיקער שעה האָבן זיי געזען אַ סימן, אַז זיי זענען אויפן גלייכן וועג. וואָרום וועגן וואָס דען וועט דער שמש גיין אַזאַ וויטן וועג הינטער דער שטאָט אין אַזאַ צייט? האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין סאָד און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיך אויסשפּילן. אפשר וועלן זיי אויך דאָ דאַרפן פירן מלחמה, דאָס מאָל פאַר זייער חבר. הינטערן פענצטער איז אָנגעסטערטעט האַלץ אויפן ווינטער. האָבן זיך ביידע לייט באַוואָפנט מיט שטיקער האָלץ, וואָרום די קוליעס און הילצערנע פיס האָבן זיי מער נישט געהאַט, פאַרלוירן אין הקדש.

ווי נאָר אליעזר איז אַוועק מיט יאָסל דעם שמש, איז נעכע אַריין צו זיך אין דער קאַמער און זיך אַרויסגעבויגן פון פענצטער אין סאָד אַריין. איר שאַרפער בליק האָט נישט געקענט אַדורכדרינגען דעם צווייגן־געפלעכט פון די ביימער, אָבער איר פאַרשפּיצט געהער האָט זי נישט פאַרפירט. די גערוישן אין סאָד זענען פון אַ מענטש. און ווער קען עס דען זיין אין אַזאַ שפּעטער שעה, אויב נישט איר סנדר?

האָט נעכע שטיל אַריינגערעדט אין סאָד אַריין:

„סנדרל, סנדרל, אַ לעבן אויף דיר... איצט איז שוין קיינער נישטאָ. קענסט אַריינקומען. דו הערסט?.. סנדרל, איך גיי אויס פון בענקעניש נאָך דיר... כ׳האָב שוין פאַרגעסן דיין צורה און ווען דו ביסט געווען ביי מיר. דער האַר איז אַוועק מיטן שמש אין שטאָט אַריין, צום רב... הערסט מיך?..״

זי האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער, אויסגעשמעקט דעם פינצטערן פייכטלעכן דרויסן, געזוכט אונטן, אויפן האָלץ הינטער דער וואַנט. זי האָט גאָרנישט פאַרנומען און גאָרנישט געזען. ער איז נישטאָ. נישט געקומען. מיט ביידע הענט האָט זי זיך געקניפּט די באַקן, צו פאַרשאַפן זיך אַליין ווייטיק, און געפּליסטערט מיט צאָרן: „האָסט ליבערשט געדאַרפט אויסרייסן פון דער מאַמעס בויך. אַז מען האָט נישט קיין מזל ווערט מען נישט געבוירן״. זי האָט זיך געגייט צו וויינען און אַפילו אַ טרער נישט געקענט אַרויסבאַקומען פון אירע אויגן. זי האָט זיך געזעצט אויף איר בעט און זיך געשאָקלט. אַנדערע מיידן האָבן חתונה און ס׳איז זיי ווויל און גוט, וויסן פון אַ לעבן, און זי ווערט אויסגעריסן. איצט ווייסט זי אַפילו נישט וואָס זי איז. נישט ער קומט צו איר און נישט זי וועט קענען חתונה האָבן אַ צווייט מאָל. געמאַכט פון איר אַן עגונה. מסתמא וועט זי דאַרפן אָפּפינצטערן אַ לעבן אַליין. די האַרינטע טראָגט שוין ווידער. נאָר זי אַליין — גאָרנישט. פרעמדע קינדער וועט זי כאָוועון און קיין אייגנס וועט זי נישט האָבן. ווען ער קומט היינט, וואָלט זי אים נישט אָפּגעלאָזט. ביז אין באַגינען וואָלט זי אים נישט אָפּגעלאָזט. זי מוז האָבן איר אייגנס. אפשר וואָלט עס געווען אַ צווילינג? זי וואָלט אים נישט אָפּגעלאָזט.

זי האָט פאַרבראָכן די פינגער און זיך נאָך מער געשאָקלט. פון איר אייגענער טראַכטעניש זענען אירע גלידער צעוואָרעמט געוואָרן מיט בענקשאַפט. פּלוצים האָט איר אויער פאַרנומען שנעלע טריט. זי איז שוין ווידער געווען ביים פענצטער:

„סנדרל, ביסט דאָ? סנדרל! איך האָב געהערט דײַנע טריט. זײַ נישט אַזוי צעשראָקן. קום אַרײַן".

מיט דעם גאַנצן פּנים אין דרויסן אַרויס האָט זי געהערט און געוואָרט סנדר זאָל זיך אָפּרופן. ווידער איז קיין ענטפער נישט געקומען.

„זאָלסט הײַנטיקע נאַכט אײַננעמען אַ מיתה־משונה, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל זיך צוזאַמענלויפן!" — האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ קללה, צוריקגעגאַנגען און זיך אַוועקגעוואָרפן אויפן בעט.

פּלוצים איז צו איר אויער דערגאַנגען דער רוף פון זעלדען:

„נעכע, דו שלאָפסט שוין וואָס דו הערסט נישט ווי עמעצער קלאַפּט אין דער טיר?"

נעכע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. אין דער קיכקאָמער האָט זי זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט זעלדען; זעלדע איז געווען אין שלאָפהעמד און מיט דעם שלאָפהויב אויפן קאָפּ.

„אויב דו שלאָפסט נאָך נישט, פאַר וואָס גייסטו נישט עפענען די טיר? — האָט זעלדע געפרעגט מיט תּרעומות — אין אַלקער האָב איך געהערט, אַז מען קלאַפּט און דו האָסט נישט געהערט? אויב עמעצער צום דאָקטער, זאָג, אַז הײַנט וועט ער שוין נישט זײַן. זאָל מען קומען מאָרגן".

כאָטש אויפגערודערט און צעטומלט, האָט נעכע נישט געקענט נישט זען זעלדעס אַרויסשטאַרצנדיקן בויך. דאָס שלאָפהעמד איז איר אָפּגעשטאַנען ווי זי וואָלט זיך שוין געדאַרפט אַ צווייט מאָל לייגן אין קימפּעט. נעכען האָבן זיך די געדערעם אַ טרייסל געטאָן פון קינאה. צום ערשטן מאָל זייט די אַלע יאָרן מיט זעלדען האָט די מויד געטראַכט: „ווי דאָס האָט זיך ליב", אויפן קול האָט זי געזאָגט: „האַרינטע, אַפילו ווען איך בין שוין טויב, אַז טויב זאָלן זײַן מײַנע שונאים, איז עס אויך צוליב מײַנע צרות".

„וועסט זיך קלאָגן מאָרגן" — האָט זעלדע געזאָגט און אַוועק מיט אײַליקע טריט צו זיך אין אַלקער.

נעכע האָט פון כּעס פאַרשנירלט די ליפּן און געגאַנגען עפענען די טיר. ס'האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט בערל דער מקובל און אפרים.

„סנדרס ווײַב?" — האָט אפרים געפרעגט.

„יאָ, אַ בראָך אין מײַן לײַב" — האָט נעכע געענטפערט. און ווי זי וואָלט זיך פּלוצים דערמאָנט, האָט זי אויסגערופן צו בערלען: „אוי, איך קען דאָך אײַך. ווײ איז מיר!"

בערל דער מקובל האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן אויף אַ צייכן נעכע זאָל נישט רעדן צו הויך.

„און איר זענט דאָך אפרים דעם גאַרבערס! — האָט זי זיך נישט גערעכנט מיט בערלס באַוועגונג און געשעפּטשעט — איז וואָס זשע שטייט איר דאָ? קומט אַרײַן אין מײַנע גיטער".

די צוויי יונגעלייט זענען איר נאָכגעגאַנגען אין דער קיכקאַמער אַריין אַרומ־קוקנדיק זיך, צי פון ערגעץ ווו לויערט נישט אַ סכנה.

„ווו איז מיין מאַן, מיין גן־עדן־פירער?" — האָט זי געפרעגט נאָך איידער די צוויי האָבן זיך אָוועקגעזעצט — אפשר ווייסט איר פון זיין געביין. אוי, דאַכט זיך, אַז עס גייט אייך בלוט פון דער נאָז" — האָט זי אָנגעוויזן אויף אפרימען. ער האָט אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט און אַראָפּגענומען פון אונטער דער נאָז טרוקן בלוט.

„ס'איז גאָרנישט, עס טרעפט זיך" — האָט ער געזאָגט.

נישט זאָגנדיק אַ וואָרט האָט נעכע איינגענעצט אַן עק פון איר פאַרטעך און אַרויפלייגנדיק איין האַנט אויף אפרימס קאָפּ, האָט זי מיט דער אַנדערער האַנט אָפּגעווישט אים פון אונטער דער נאָז דעם פלעק פון פאַרטריקנטן בלוט. נעכעס נאַענטקייט און איר אַרויסשטייענדיקער בוזעם האָבן אים פאַרגאָסן מיט דעם ריח פון איר ווייבלעכקייט און דאָס בלוט האָט אים פּלוצים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. נעכע, האַלטנדיק איין האַנט אויף זיין קאָפּ, האָט דערפילט, אַז זי מאַכט אים שיכּור מיט דער נאַענטקייט פון איר קוואַליקן בוזעם. זי האָט געהאַט הנאה דערפון און זיך נישט געאײַלט צו ענדיקן דאָס אַרומווישן אים אַרום דער נאָז.

„איז וואָס קענט איר מיר זאָגן וועגן מיין סנדרן? וואָס איז געשען מיט אים?" — האָט זי געפרעגט.

„ס'איז גאָרנישט געשען מיט אים. וואָס האָט געזאָלט געשען? — האָט בערל זיך אָנגערופן — ס'איז אַפילו מעגלעך, אַז ער זאָל באַלד קומען אַהער".

נעכע איז אָפּגעשפּרונגען פון אפרימען.

„האָט איר אים געזען? איז ער דאָ? ווי איז צו מיר! ער האָט דאָך מיך איבער־געלאָזט אַ ווינטע עגונה".

„ש־ש־ש, נישט אַזוי הויך. מען קען חלילה עמעצן אויפוועקן — האָט בערל זי איינגעשטילט — ס'קען זיין, אַז ער גייט אַפילו אַהער און ער קען אַ ליאַדע רגע אָנקומען".

„ס'קען זיין — האָט נעכע איבערגעחזרט — איך האָב געהערט זיינע טריט אין סאַד, אַט דאָ" — האָט זי אָנגעוויזן אויפן אָפענעם פענצטער, אָפּגעצויגן דעם פאַרטעך פון די לענדן און פאַרריכט איר טיכל אויפן קאָפּ. זי האָט זיך צוזאַמענ־געטראָפן מיט אפרימס בליק. זיינע אויגן האָבן געברענט און זיין בליק איז איר געוועזן הנאהדיק.

„איך האָב נישט מיט וואָס אייך מכבד צו זיין" — האָט זי געזאָגט מעשׂה באַלעבאָסטע און מיט זעלבסטזיכערקייט.

„מיר זענען נאָך נאַכטמאָל, נאָר אַ טרונק וואַסער וואָלט איך גערן געבומען" — האָט זיך אָפּגערופן אפרים.

נעכע האָט אים דערלאַנגט אַ פולע שעפּ וואַסער און אפרים האָט אָנגענומען איר האַנט צוזאַמען מיט דעם אויער פון דער צינענער שעפּ. זי האָט אַוועקגעכאַפּט

איר האַנט פון זיינע, ווי עס וואָלט איר אַ ברי געטאָן און פון דער קוואָרט האָט זיך פאַרגאָסן אַ ביסל וואַסער אויף זיינע קליידער.

„דאַרף דער דאָקטער אליעזר באַלד קומען?" — האָט אפרים געפרעגט נישט אָוועקנעמענדיק די שעפּ פון מויל.

„יאָסל דער שמש האָט אים געבראַכט אַ בריוו פונעם רב. מסתּמא וועט ער זיך נישט זוימען. פאַר וואָס זאָל ער זיך זוימען?"

אָפּגערוט זיך, זענען ביידע לייט געוואָרן אומרויק. זיי האָבן גערעדט מיט רמזים און אָפּגעהאַקטע ווערטער, אַז מסתּמא וועלן זיי זיך נישט דערוואַרטן אויף סנדרן. זייער אומרו האָט זיך איבערגעטראָגן אויף נעכצן. איר פּנים האָט געשוויצט. אירע אויגן האָבן געפלאַמט. די צוויי לייט האָבן אין איר קאַמער אויף אַ רגע בלויז אַריינגעבראַכט אַזעלכע גוטע און ווייטע בשׂורות. און שוין איי־לן זיי זיך אַוועקצו־גיין. צו וואָס זשע זענען זיי געקומען? וואָס ווילן זיי און פאַר וואָס זאָגן זיי נישט וואָס זיי ווילן?

„באַלד, גייט נאָך נישט" — האָט זי פּלוצים געזאָגט און אַוועק אין דער צוויי־טער קאַמער. באַלד איז זי צוריקגעקומען מיט אַ פלאַש מעד איינגעוויקלט אין אַ שמאַטע און אָנגעגאָסן פאַר די געסט די גאָלדענע פליסיקייט אין צוויי ערדענע טעפלעך. „טרינקט, טרינקט און זאָל אייך ווויל באַקומען".

די לייט האָבן געטרונקען איי־ליק, ווי דורשטיקע טרינקען וואַסער. נאָר אפרים האָט געזאָגט „לחיים". פון זיין „לחיים" צו איר איז איר געוואָרן נאָך הייסער, ווי עס איז איר געווען און זי האָט באַלד געטראַכט, אַז אַ מאַן זעט אַ קליידל, נעמט אים די ניכפּה. האָט זי נאָך מער געצויגן דאָס פאַרטעך און אַרויסגעשטופּט איר אַזוי אויך קוואַליקן בוזעם. די געסט האָבן געטרונקען צו נאָך טעפלעך מעד און נעכע האָט אין זיך געשאָלטן סנדרן פאַר וואָס ער קומט נישט אין דער אותו־רגע. ער וואָלט געזען ווי אַזוי זי נעמט אויף געסט. ער וואָלט ערשט רעכט געוווסט וואָס פאַר אַ ווייב ער האָט. אַפילו דעם גאַרבערס זון גלוסט צו איר. די אויגן ברענען אים און ער לאָזט נישט אַראָפּ זיין בליק פון איר בוזעם. און סנדר? ווו איז ער?

צום סוף האָבן זיך ביידע, בערל און אפרים, דורכגעשמועסט מיט די בליקן און געקומען צו דער מסקנה, אַז ס'איז סכּנהדיק ווייטער צו וואַרטן. דער דאָקטער קען אַמאָל פּלוצים אָנקומען און זיי וועלן דאַרפן שפּרינגען דורכן פענצטער אין סאָד אַריין.

„מיר'לן שוין גיין — האָט זיך בערל אויפגעשטעלט — זעט אויס, סנדר האָט זיך פאַרזאַמט און ער וועט היינט נישט קומען".

„זיצט נאָך, זיצט נאָך — האָט נעכע אויסגעשטרעקט די הענט פאַר זיך — וואָס האָט איר זיך צו איי־לן אין אַזאַ אָוונט־שעה?"

אויך אפרים האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אויסגעזען ווי פון די צוויי טעפלעך מעד וואָלט ער שיכּור געוואָרן און ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך.

„מיר גייען?" — האָט ער געפרעגט.

„מיר גייען" — האָט בערל געענטפערט.

„איז וואָס זשע זאָל איך זאָגן מיין סנדרך, אויב ער וועט קומען?״ — האָט נעכע געוואָלט וויסן.

„זאָגט אים גאָרנישט, אָדער זאָגט אים, אַז מיר זענען דאָ געוועזן און מיר ווילן זיך זען מיט אים״.

נעכע האָט מיט בענקעניש באַגלייט די צוויי לייט צו דער טיר, די טיר שטיל געעפנט און געוויזן די געסט זיי זאָלן נישט מאַכן קיין טומל. די האַרינטע שלאָפט. זי שוואַנגערט שוין ווידער.

הייסע נעכט

פון דעם אַלץ וואָס איז דעם אָוונט געשען, האָט נעכע נישט געקענט אײַנשלאָפן. לאָ־די וואָס די שאַרכענישן הינטערן פענצטער האָבן אין איר צעוועקט די בענקשאַפטן צו סנדרן, האָט נאָך דעם גאַרבערס זון מיט זײַן גלאָצן אויף איר אָנגעצונדן אין איר אַ העליש פײַער. דאָס פײַער האָט זיך אויפן געלעגער נישט געוואָלט אײַנשטילן. זי האָט געפילט אַ צאַפּלעניש אין לײַב, ווי זי וואָלט געהאַט פיבער, און מיט אָפענע אויגן געזען אין פענצטער דאָס געשטאַלט פון סנדרן. אָט קומט ער אַרויס פון דער פענצטער־ראָם צו איר, נאָר דערנענטערן דערנענטערט ער זיך נישט. אויף אַ רגע ווערט ער נעלם און באַווייזט זיך ווידער אין דער פענצטער־ראָם, ווי פריִער. זי האָט זיך אַ קניפּ געטאָן אין די באַקן צו פילן, צי דאָס וואָס זי זעט איז אַ חלום, אָדער וואָר איז עס. ס׳איז נישט געווען קיין חלום. אויך אירע בריסטן זענען הייס און די בריסטן־וואָרצלען בריִען איר ביים באַריר מיט אירע אייגענע פינגער. זי האָט דערהערט אַ גערויש הינטערן פענצטער און אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. דער גערויש איז געווען ווי אונטער פאַרזיכטיקע טריט וואָלטן זיך געבראָכן טרוקענע צווייגעלעך. פון מאָל צו מאָל האָט דאָס האַלץ הינטערן פענצטער ווי געקרעכצט אונטער עמעצנס לאַסט. עס ווערט ווידער שטיל. צי איז דער האַר שוין צוריקגעקומען פון דער שטאָט? — האָט נעכע געטראַכט. זי ליגט אַזוי לאַנג אין בעט און זי האָט נישט געהערט די טיר זאָל זיך עפענען. איז אפשר איז דאָס אַלץ אַזאַ חלום אין דער הייסער זומערנאַכט? נעכע איז אַראָפּ פון בעט און צוגעגאַנגען צום פענצטער. זי האָט שטיל אַרײַנגערופן אין דער פינצטערניש אַרײַן: „סנדרל? סנדרל? איך וואַרט אויף דיר!" קיין ענטפער איז נישט געקומען. ס׳איז געווען נאַכטיק שטיל, אַזוי שטיל, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען טויט. מיט ביידע הענט אויף אירע בריסטן איז זי צוריקגעגאַנגען צו איר בעט. זי איז געגאַנגען ווי פאַרשיכּורט פון זיך אַליין, פון אירע חלומות, צי גאָר פון דער פוסטער וואָר.

פּלוצים האָט זיך אין דער פענצטער־ראָם באַוויזן דער סילועט פון אַ מענטשלעכן קאָפּ, פון אַ האַלבן גוף. דער קאָפּ פאַרשווינדט און אין פענצטער נייגט זיך אַרײַן אַ פלעק.

נעכע האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די עלנבויגנס און געפּליסטערט צום פענצטער אי מיט שרעק און אי מיט תאווה:

„סנדרל, ביסט דאָ? כ׳האָב געוווּסט דו וועסט קומען".

אַ רגע האָט דער שאָטן אויסגעפילט דאָס גאַנצע פענצטער. נעכע האָט אים

גערופן און ער איז געגאַנגען צו איר. אין דער פינצטער האָט ער זיך געשטרויכלט אָן איר בעט און ער איז געפאַלן. ער איז געפאַלן אין אירע אויסגעשטרעקטע אָרעמס. זי האָט געפליסטערט צו אים: „סנדרל, איך בין שיער נישט געשטאָרבן פון גלוסטעניש" — און ער האָט אַריינגעענטפערט מיט צערטלעניש אין איר צעגליט לײַב.

פון זײַנע שיכּורע צערטלענישן איז זי געווען זיכער, אויך ער האָט אַזוי גע־בענקט צו איר, ווי זי האָט געבענקט צו אים און איצט איז אים יעדע רגע טײַער און דערום טענהט ער נישט מיט איר. „איך ווייס, איך ווייס, סנדרל, דו האָסט געבענקט. היינט וועסטו פון מיר נישט אַוועק ביז איך וועל אַ מאַמע ווערן מיט אַלע צו גלייך..." אירע ווערטער האָבן אין איר אַליין אויפגעבלאָזן אַ העליש פייער און איר לײַב האָט זיך געפרייט אין דעם פייער פאַרברענט צו ווערן.

אינעם פענצטער איז געשטאַנען אַ צעגליטער שטערן, אַ ליכטיקער, ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער צו לייכטן אויפן נאַכטיקן הימל און ער לייכט אַריין צו איר אין דער קאַמער. אין דעם העלישן פייער, וואָס האָט געברענט אין דער פינצטער האָט נעכע אַ מאָל געזען דעם שטערן און אַ מאָל איז ער נעלם געוואָרן. נאָר זי האָט אים געוואָלט כּסדר זען, ער זאָל באַלייכטן איר מזל. און זי האָט זיך געקלאַמערט צו דעם, וואָס האָט זי פאַרברענט און זי האָט דעם שטערן כּסדר געזען. „אַ גוטער סימן, סנדרל, אַ מזלדיקער סימן" — האָט זי אים מיט היץ, ווי פון לויפן, אַריינגערעדט אין אויער.

שפּעטער, אַז דאָס פייער פון ביידע לײַבער האָט זיך פאַרלאָשן, האָט נעכע אים אַריינגעשושקעט אין אויער: „ביסט מסתמא דורך דער צייט אויסגעהונגערט געוואָרן, ווײַ איז מיר נעבעך", און זי האָט אים אָנגעהויבן דערציילן וואָס פאַר אַ מאכלים מען עסט אין הויז דורך דער וואָך. איין טאָג איז נישט ענלעך צום צווייטן: אַ מאָל געבראָטנס און אַ מאָל געדעמפּטס; אַ מאָל געפּרעגלטס און אַ מאָל געבאַקנס. דער קצב ברענגט יעדן טאָג עפּעס אַנדערש: דאָ אַ ריפּל און דאָ אַ שטיקל ברוסט, צי גאָר דאָס בעסטע שטיקל שפּאָנדער — זעלדע זאָל זיך אויסקלייבן, וואָס איר האַרץ גלוסט. וואָרום זי שוואַנגערט און זי האָט פאַר־ווילעכצער, וואָס אַז עס שמעקט איר אָן איז עק וועלט. דער האַר איז אַזוי גוט צו איר, אַז זי זאָל אַרויסזאָגן, ס'טעלערל פון הימל' אַזוי וועט עס באַלד ליגן צו אירע פיס. „סנדרל, וועסטו צו מיר אויך זיין אַזוי גוט?" — האָט זי פּלוצים גע־פרעגט און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט זי זיך געגעבן אַ זעץ־אויף — „אוי, כ'ל דיר געבן עפּעס עסן. ס'איז דאָ קאַלט געבראָטנס און אַ געפילט מעגעלע זאַפּראַוועט מיט קנאָבל". נעכע איז שוין נישט געווען אין בעט. זי איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש, זיך געזוימט אַ רעכט ביסל און באַלד צוריקגעקומען, טאַפּנ־דיק מיט די באָרוועסע פיס אין דיל, זי זאָל נישט פאַלן מיט דער באַלאָדעניש. זי האָט מיט איין מאָל געבראַכט אַלץ צוזאַמען.

דאָס פּאָר איז האַלב געלעגן און האַלב געזעסן אין בעט, אָנגעשפּאַרט מיט די קעפּ אינעם הויכן בעטגעוואַנט און אין דער פינצטער האָט זייער עסן מיט הונגער־

אַפּעטיט אָפּגעקלאַפּט נישט ווי זיי וואָלטן געגעסן, נאָר ווי צוויי רודערס פון אַ שיפל וואָלטן געפּלעסקעט אין וואַסער.

„נאַ־דאַ, פּאַרטרינק מיט אַ ביסעלע מעד" — האָט זי אים געשטופּט צום מויל דאָס ערדענע פלעשל מיטן קורצן העלדזל. ער האָט אָנגענומען דאָס פלעשל צוזאַמען מיט איר האַנט און זויגנדיק פון פלעשל, איר האַנט נישט אָפּגעלאָזט. „אוי, ביסטו אַ הייסער. נעבעך אויסגעהונגערט" — האָט זי געזאָגט קייענדיק, און געלאָזט איר האַנט אין זיינער. נעכען איז פאַרביי אַ מחשבה, אַז עס וואָלט גוט געווען, ווען דאָ, איצט, ווען זיי עסן, זאָל צווישן זיי ביידע ליגן אַ קינד און ער זאָל אַזוי צערטלען איר האַנט. זי וואָלט געוווסט פון אַ לעבן און פאַרשפּאַרט זיך צו עסן טאָג און נאַכט. און ווי זי האָט אויסגעטראַכט די מחשבה, אַזוי האָט זי צוגענומען דאָס פלעשל צוזאַמען מיט דער שיסל און אַראָפּ פון בעט. אַז זי איז באַלד צוריק־געקומען האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים און עס איז איר היימיש־וווויל־געווען, וואָס ער שמעקט מיט קנאָבל־געבראָטנס און מיט מעד און זי האָט געמאַכט ער זאָל גלוסטן צו איר און זאָל זי פאַרברענען.

ערשט פאַר טאָג איז נעכע אַוועקגעפאַלן ווי אַ שטיין, ווי אַלץ וואָס זי האָט אין איר גאַנץ לעבן געגלוסט איז איר ענדלעך געגונגט געטאָן. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין די זון געשטאַנען הויך און דאָס צוויטשערן פון שוואַלבן צווישן דעםביימער־געצווייג אין סאָד האָט זיך אויסגעמישט מיטן רופן פון די קינדער. נעבן איר איז דאָס געלעגער געווען ליידיק. פון אַלץ וואָס אין דער נאַכט זענען אויפן געלעגער געבליבן ברעקלעך פונעם געפּילטן מעגעלע און אַ ביינדל פונעם געבראָטנס. נעכען האָט געגאָגט אַ בענקשאַפט.

⁝

דעמאָלט ווען אין דער קיכקאַמער מיט נעכען זענען געזעסן די צוויי לייט, בער דער בעל־מקובל און אפרים, האָט ר' יונתן געפירט אַ הייסן וויכוח מיט דעם דאָקטער אליעזר. די דערבייַיִקע, דער דיין ר' נחמן הכהן און די פּרנסים יואלטשע און זימל, האָבן נישט געקענט נאָכהאַלטן די פלינקייט, מיט וועלכע דער רב און דער דאָקטער האָבן זיך איבערגעפּאָטשטעוועט מיט זייערע מחשבות. פון אָנהייב האָט טאַקע ר' נחמן הכהן אַרויסגעלייגט דעם גאַנצן ענין אויפן טיש. ער האָט עס געטאָן מיט אַ סך מסירות און מיט היץ. לאַ־די וואָס די מינים אין חרם קומען אין גבול פון יידן און זענען גורם זינדיקייט, ווייסן דאָך אַלע, אַז אַזוינע זאַכן קענען גורם זיין אַ מגיפה אין שטאָט, אָדער אַנדערע פּורעניות — ישמרינו השם־יתברך. אַז דער דאָקטער האָט געפרעגט וואָס האָט עס צו טאָן מיט אים, איז זימל פּרנס אויפגעשפּרונגען, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף דער שאלה און ער דאַרף עס געבן די ריכטיקע תשובה. האָט ר' נחמן הכהן געגעבן אויף אים אַ קוק מיט זיין רויטער באָרד און רויט־פאַרלאָפענע אויגן און זימל האָט זיך אַוועקגעזעצט.

„איר ווילט וויסן וואָס עס האָט צו טאָן מיט אייך, ר' אליעזר?" — האָט ר' נחמן געפרעגט מיט סכּנותדיקער רויִקייט — „די נגע האָט זיך אַריינגעכאַפּט

צו אײַך אין שטוב און איר האָט נישט פֿאַרטריבן די מויד, וואָס איר מאַן איז אַוועק צו די מינים".

„דאָס איז אמת — האָט אליעזר געזאָגט — לכתחילה האָב איך בײַ זיך אָפּגע־מאַכט די מויד צו פֿאַרטרײַבן. נאָר אַז איך האָב אין דער זאַך אַרײַנגעטראַכט, בין איך געקומען צו דער מסקנה, אַז מײַן ערשטע מחשבה איז געווען אַן איבעראײַלטע און איך האָב בײַ זיך געפֿרעגט, ווי אונדזער נביא ירמיהו האָט געפֿרעגט: ‚אָבות אכלו בוסר ושיני בנים תּקהינה?' זאָל איך צו איר אומגליק פֿון עגונהשאַפֿט איר צולייגן פֿון מײַן זײַט עלנט און דחקות? און צווייטנס, פֿון וואַנען בין איך זיכער, אַז דער יונג איז אַוועק צו די מינים? אפֿשר זיצט ער גאָר אין מעזריטש?"

„אַ ווייך האַרץ! — האָט אויסגערופֿן יואלטשע — אויך מעזריטש איז כּפֿירה".

„מײַנע אָבות האָבן נישט געלויערט אין די וועלדער צו רוצחענען מענטשן!" — האָט אליעזר געזאָגט.

ר' יונתן האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און געפֿרעגט:

„טרעט ער נישט אַריבער די שוועל פֿון אײַער הויז?"

„נישט ער קומט און נישט איך זע אים" — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפֿערט.

„וועט איר אָפּגעבן אַ שבועה דערויף?" — איז זימל פּרנס ווידער אויפֿגע־שפּרונגען.

„איר זענט נישט מײַן שופֿט און נישט מײַן מלווה, איך זאָל פֿאַר אײַך דאַרפֿן אָפּגעבן אַ שבועה" — האָט אים אַרטאַפּאַנוס מבטל געמאַכט.

„וואָס זענען עס פֿאַר אַ דיבורים?!" — האָט זיך זימל אויפֿגעקאָכט.

קיינער האָט נישט געענטפֿערט. ס'איז געוואָרן שטיל. דערנאָך האָט ר' יונתן גענומען דעם ליולקע־ציבוך, מיט אַ העלצל אַרויסגעשאַרט דעם אַש פֿונעם פֿאַרצע־לייענעם טעפּעלע, פֿאַררויכערט, עטלעכע מאָל אַ פּיפּקע געטאָן, אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקנדל רויך מיט ווייכע רעדעלעך און געזאָגט ווי דרך־אגב:

„פֿון דעסטוועגן דאַרף מען עפּעס טאָן. די כּת ימח שמה איז אַ גרויסע סכּנה. זי ברענגט אומגליק און קלערט אויס עלילת־דם אויף ייִדן".

„דברי אמת, בראָדער רב — האָט אַרטאַפּאַנוס אַרויפֿגעלייגט ביידע הענט אויפֿן טיש, ווי ער וואָלט זיך געגרייט לאַנג צו רעדן — יעקבֿס כּת איז אַ גרויסע סכּנה. אויב ס'האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט דער עלילת־דם פֿון די גלחים, טוען איצט אלישע פֿון ראַהאַטין און לייב קריסאַ פֿון נאַדוואָרנע זייער מלאכה..."

„ימח שמם וזכרם!" — האָבן אַלע אויסגערופֿן.

„ימח שמם וזכרם — האָט אליעזר נאָכגעזאָגט — איז די סכּנה גרויס. נאָר כּדי אחדות זאָל הערשן פֿאַר דער מלחמה מיט די מינים, מוז מען שלום מאַכן מיט די לײַט פֿון בעל־שם־טובֿ און דעם מעזריטשער מגיד..."

„איר הערט, בראָדער רב?!" — האָט ר' נחמן הכּהן זיך אויפֿגעשטעלט פֿון זעסל מיט אַן אימפּעט, ווי עמעצער וואָלט אים פּלוצים באַפֿאַלן.

„איך הער, איך הער" — האָט ר' יונתן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, דער דײַן זאָל זיך צוריקזעצן.

„אין די צוויי מלחמות מיט איין מאָל, סיי קעגן די מינים פון יעקבן און סיי קעגן די חסידים פון בעל...״

„אויך מינים!״ — איז זימל אַריינגעפאַלן אין אליעזרס רייד.

„דאָס איז שקר! — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן — די חסידים פון בעל־שם־טוב זענען נישט קיין מינים; וואָרעמע, האַרציקע ייִדן זענען זיי, און שומרי־מצוות זענען זיי. פון די צוויי מלחמות, סיי קעגן זיי און סיי קעגן יעקבס כת, וועלן געשטאַרקט ווערן די מינים, זיי וועלן אײַנזאַמלען אַרום זיך אַלע גערודפטע. אין דעם איז די סכּנה״.

„וואָס פאַר אַ באַווייזן האָט איר, ר׳ אליעזר, אַז די דרכים פון דעם בעל־שם־טובס לייט פירן נישט צו כפירה? — האָט ר׳ יונתן אַריינגעקוקט אַרטאַפּאַנוסן אין די אויגן און דאָרט עפּעס געזוכט — ס׳איז עכו״ם וואָס זיי טענהן, אַז כּלומרשט אין אַ גרעזל, אין אַ טשאַטשקע, צי ווייס איך וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן, איז כּלומרשט פאַראַן... אוי, ס׳איז אַפילו אַ חילול־השם צו דערמאָנען עס... און אַז מען קען גאָר מתפּלל זיין צום בורא עולם מיט דברי הבל, וואָס יעדער עם־האָרץ פּרעפּלט אויס ווי אַ נאַרישע ייִדענע... געהערט אַ מעשׂה? עבודת כּוכבים ומזלות, זאָג איך! ס׳איז מעשׂה מידבר! טאָמער וועט מען עס נישט אויסברענען און אויס־קאָרנייען, וועט מען אין קלויז קיין מנין נישט קענען צוזאַמענעמען... אויס תּפי־לות... הפקר אַ וועלט...״

„רב פון בראָד, מיין טענה איז: ס׳איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר זיי — האָט אליעזר געציילט און געהיטן זיינע ווערטער מיט אַ פאַרזיכט, ווי ער וואָלט באַרוועס געגאַנגען אויף שפּיציקע שטיינער — דער בעל־שם־טוב איז דערגאַנגען דעם סוד פון כּל הארץ מלא כּבודו״.

„דאָס איז נישט קיין סוד — האָט ר׳ יונתן דערווידערט — יעדער זעט עס און פילט עס בכל חושיו און דאָס עם־האָרצות פון דעם בעל־שם־טוב און זיין חברותא איז טאַקע אין דעם וואָס זיי זענען זיכער אין זיך, אַז דאָס האָט ער אויסגעפונען, וואָס יעדעס חדר־ייִנגל ווייסט עס מיטן ערשטן אות פון דער תּורה״.

„דאָס איז אמת, יעדעס חדר־ייִנגל ווייסט עס, אָבער ר׳ ישׂראל האָט געמאַכט, אַז דאָס וויסן זאָל מען אויך פילן, יעדער ייִד זאָל עס קענען אָנטאַפּן מיט די פינגער — האָט אליעזר ווייטער געזאָגט נאָכשפּירנדיק דעם טעם פון יעדעס וואָרט — וויסן אַליין איז ווינציק. וואָס פון דעם, למשל, אויב עמעצער ווייסט, אַז אַ צווייטער ליידט דחקות? ווייסט ער. און יענער ליידט ווייטער דחקות. אָבער ווען עמעצער פילט, אַז אַ צווייטער ליידט דחקות, ער האָט יענעמס הונגער אין זיין האַרץ — וועט ער אים העלפן. און דער וואָס פילט דעם סוד פון מלא כל הארץ כּבודו, זעט אין יעדן גרעזל און אין יעדער טשאַטשקע זיין כּבוד. ער זעט אין יעדן דומם און אין יעדן באַשעפעניש זיין גרויסקייט. וואָרום אויף אַלץ, וואָס ער האָט באַשאַפן ליגט זיין צייכן״.

„איז וואָס זשע ווילט איר דערמיט באַווייזן אין שייכות צו זיי?״ האָט ר׳

יונתן אויפגעהויבן זיינע געדיכטע ברעמען, ווי ער וואָלט געוואָלט זען ווי אַזוי דער דאָקטער דערנענטערט זיך צום אָפּגרונד.

„איך וויל באַווייזן, בראָדער רב, אַז געזעצט איז דער זוהר. זי, די אצילה פון כּתר, חכמה און בינה, איז נישט אויף צו פונאַנדערטיילן און נישט אָפּצוטיילן פון דעם אֵין־סוף און זי לאָזט זיך דערקענען נאָר אינעם צימצום, וואָס באַשטראַלט יעדעס גרעזל און יעדע טשאַטשקע, יעדן מענטש און יעדעס באַשעפעניש. אומע־טום קען מען זי געפינען און אומעטום איז זי פאַראַן. האָט געלערנט דער בעל־שם־טוב, אַז תּפילה איז אויך נגינה, תּפילה איז אויך אין דער באַוווּנדערונג פון אַ גרעזל, פון אַ בוים, וואָרום וואָס איז די תּפילה פון אונדזערע תּפילות אויב נישט די באַוווּנדערונג פאַר איר? די כּוונה!"

„גרעזל־שמעזל! — האָט מיט אומגעדולד אויסגערופן ר׳ יונתן — איר זענט שוין רחמנא־ליצלן, ר׳ אליעזר, אַריינגעכאַפּט אין דער בלאָטע! דאָס איז דאָך מעשׂה עובדי כּוכבים ומזלות. נאָך אַ טריט און דער מעזריטשער און זיינע תּלמידים וועלן אָנהייבן אויסקנעטן יויזלעך".

אין אליעזרן האָט זיך אָנגעצונדן צאָרן. ער האָט זיך איינגעהאַלטן נישט אַ קלאַפּ צו טאָן אין טיש און אַ סוף מאַכן צום וויכּוח. עפּעס אין אים האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אויב ער וועט עס איצט טאָן, וועט ער גורם זיין אויף זיך רדיפות ווי איינער פון די מינים. האָט ער זיך באַהערשט און געזאָגט:

„בראָדער רב, איר ווייסט דאָך עס בעסער פון מיר, אַז ווי צום בעל־שם־טוב זענען געפאָרן נישט בלויז נשים נאָך קמעס און אָפּשפּרעכענישן, אָדער אַרויסצו־טרייבן דיבוקים פון באַזעסענע, נאָר אויך רבנים און תּלמידי חכמים זענען גע־פאָרן צו אים, אַזוי איז מעזריטש געוואָרן אַ מרכּז עולם פון תּלמידי חכמים. וועט איר מיר זאָגן, אַז דער פריערדיקער בראָדער רב און למדן ר׳ גרשון קיטעווער זכרון צדיק לברכה האָט אין דעם בעל־שם־טוב געזען, וואָס איר זאָגט, אַז ער איז? האָט ער אים דאָך לאַנגע יאָרן מזלזל געווען און געטריבן פון פאַר זיך, דעם ,בעל־מום׳, ווי ער האָט אים גערופן. אים איז נישט אָנגעשטאַנען וואָס דער בעל־שם־טוב איז זיין שוואָגער און צום סוף איז ער אַליין געוואָרן זיין הייסער חסיד".

„ער האָט נאָך נישט געוווּסט, וואָס עס שטעקט דערין" — האָט ר׳ יונתן דערווידערט.

„היינט, נאָך מער ווי דעמאָלט, מערן זיך די חסידים, ווי די שטערן אין הימל! — האָט אליעזר אויסגערופן — מעזריטש איז היינט דער מקום וווּהין עס ציִען תּלמידי־חכמים פון גאַנץ מלכות פוילן און ליטע זיך אָפּצופרישן אין דעם לויטערן קוואַל".

„דאָס באַווייזט מיר נאָך גאָ־אָ־אָ־אָרנישט — האָט ר׳ יונתן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — אויך די כּת פון יעקבן ימח שמו האָט געפאַנגען אין איר נעץ תּלמידי־חכמים: אלישע שור מיט זיינעביידע זין, וואָלף בן שלום, דעם רב פון בוסק ר׳ נחמן און נאָך אַזעלכענע, און פון אונדזער שטאָט האָט ער אַרויסגעריסן אַזאַ טייערע כּלי, ווי בער דעם בעל־מקובל ימח שמם. אַז די סטרא־אחרא פאַרלייגט זיך,

זוכט זי אויסביים מענטש אַפילו דעם קלענסטן נקוב, וואָס קיין ילוד־אשה פּאַלט גאָר נישט איַין, דרינגט אַריין אין אים און פירט אים אַראָפּ פון גלייכן וועג רחמנא־ליצלן. די סטרא־אחרא קען זיך נאָך מאַכן קלענער פון אַ דיבוק און אַריינ־דרינגען אין נקוב פון אַ מאַנסביל, ער זאָל אַפילו נישט פילן, אַז ער האָט זיך באַזעצט אין אים. אַזוי ווי די מעשׂה מיט אַ דיבוק זעט מען באַלד, וואָרום ער שרייט אַרויס פון דער באַזעסענער רחמנא־ליצלן, אַזוי זעצט זיך אָן די סטרא־אחרא אויף דער מחשבה. אַליין רעדט זי נישט, די סטרא־אחרא, גיט זיך נישט אויס, נאָר אַז דער בעל־דבר טראַכט וועגן מזרח, דרייט באַלד אויס די סטרא־אחרא אויף מערב. צו וואָס איז עס געגליכן? ס׳איז געגליכן צו אַ געשפּאַן. דו זעצסט זיך אַרויף אויף אַ געשפּאַן צו פאָרן קיין דובנע און דער בעל־עגלה פירט אַרויף דאָס פערד אויפן ריכטיקן טראַקט. אַז דאָס פערד פירט שוין אויפן ריכטיקן טראַקט, לאָזט שוין נאָך דער בעל־עגלה די לייצעס, וואָרום אַ פערד פירט געוויינט־לעך מיטן גלייכן וועג. אָלא וואָס דען? סע קומט אַנטקעגן אַ קאַשעץ, זעצט זיך אָן אויף דער גזשיווע פונעם פערד און טוט עס אַ פיר אַראָפּ פון גלייכן וועג אויף אַ זייטיקן טראַקט. מיינסטו דאָך, אַז דו פאָרסט קיין דובנע, צום סוף, אַז דו קומסט אָן, זעסטו: דו ביסט פאַרפירט געוואָרן קיין ראַכמאַנאָוו. די אַלע, וואָס פאָרן קיין מעזריטש, האָבן טאַקע געמיינט, אַז זיי פאָרן צו ליכט, וואָרום בעוונותינו הרבים זענען מיר אין גלות געקלעמט און עס וואָלט צייט געווען משיח זאָל קומען און אונדז אויסלייזן. אָלא וואָס דען? די סטרא־אחרא איז געווען דערין. זענען געפאָרן צו ליכט און אויסגעקערעוועט צו חושך מצרים. זענען זיי דאָרט פאַרבליבן״.

„גאָלד גיסט זיך פון דעם בראָדער רבס מונד!״ — האָט אַ געשריי געטאָן דער דיין.

דער דאָקטער האָט צעפּירט די הענט, ווי עס טוט אַ מענטש אין אומבאַהאָלפנ־קייט. די אויגן פון דעם דיין און פון די פּרנסים זענען געווען אָנגעשטעלט אויף אים, ווי ער וואָלט אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַ ווינקל, פון וועלכן ער קען זיך מער נישט אַרויסראַטעווען. נאָך אַ לענגערער ווייל פון מחשבה האָט אליעזר גענומען זיין באָרד אין ביידע הענט, איינע אונטן און איינע פון אויבן, און זי אַ גלעט געטאָן. ער האָט געזאָגט:

„בראָדער רב, אויב שוין פאַרגלייכן דעם מעזריטשער צו אַ פערד, וואָס אַ קאַשעץ האָט זיך געזעצט אויף זיין גזשיווע און דערפאַר האָט ער פאַרקערעוועט אויף אַ זייטיקן וועג, איז עס דערפאַר, וואָס דער הויפּט־טראַקט איז אַזוי פאַרזומ־פּיקט געוואָרן, אַז מען קען אין אים איַינזינקען, ווי פּרעהס חיילות זענען איינגע־זונקען געוואָרן אין ים. מיט דעם זייטיקן וועג וועט ער אם־ירצה־השם אַרויספירן דעם ייִדישן געשפּאַן אויף ברייטע און ליכטיקע שליאַכן, אויף וועלכע ייִדן וועלן לויבן דעם האַר אין הימל מיט שׂמחה און געזאַנג״.

„נישט געהערט געוואָרן!״ — האָט זימל אויסגעשריגן.

„כּפירה און חוצפּה אין הויז פון בראָדער רב!״ — האָט יואלטשע אים צוגע־האָלפן.

„בראָדער רב, פאַר וואָס שוויגט איר?!״ — האָט אויך ר׳ נחמן הכהן געגעבן לשון.

ר׳ יונתן האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די געדיכטע ברעמען, וואָס זענען געוואָרן צו אַ דיקן האָריקן שוואַרצן שטריך אין דער העלפט פון זיין פּנים, און געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקע שטים:

„ווען אַ מענטש טרינקט זיך, דאַרף מען נישט שרייען, אום נישט צו צעטומלען אים, נאָר מען דאַרף אים ראַטעווען. מיט ר׳ אליעזר איז ווי עס שטייט געשריבן ,באו מים עד נפש׳ און מען דאַרף אים העלפן זיך ראַטעווען. אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז ר׳ אליעזרס התנהגות איז גאווה, ווייל ער איז אַ קל. האָב איך אים מוחל געווען. איצט זע איך, אַז די סטרא־אחרא האָט זיך שוין צו פיל אײַנגע־קאָרנייעט אין אונדזער הייליקער קהילה. און זען זע איך אויך, אַז גערעכט זענען די רבנים, וואָס האָבן שוין לאַנג געזאָגט, אַז אויך די לייט פון דעם מעזריטשער און זיין חבורה דאַרף מען מחרים זיין בכל חומרות החרם זיי זאָלן נישט קענען אויפהייבן די קעפּ״.

דאָקטער אליעזר האָט דערפילט, אַז ר׳ יונתן דערקלערט אים מלחמה. האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך פאַרנויגט פאַרן רב. דער רב האָט אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז, ווי ער וואָלט יאָ און ווי ער וואָלט נישט געענטפערט. אליעזר איז אַוועק.

אין דרויסן האָט געבלאָזן די קילקייט פון פאַרטאָג. דער דאָקטער האָט זיך אַרומגעקוקט, דאָ אויף רעכטס און דאָ אויף לינקס פון דער שלאָפנדיקער שטאָט. צו זיינע אויערן איז דערגאַנגען אַ ווייטער קלאַפּ. ערגעץ ווו האָט געקרייט אַ יונגער האָן. דער קלאַפּ האָט זיך איבערגעחזרט. איז ער אַריבער די גאָס און געהערט נענטער דאָס קלאַפּן מיט דעם שטילן, פאַרשלאָפן־זינגענדיקן אַלטן ניגון:
„יידן, שטייט אויף צו עבודת הבורא!״

פרייד און צער

גרויסע און וויכטיקע זאַכן זענען זיך פאַרלאָפן אין הויז פון דאָקטער אליעזר אַרטאַפּאַנוס. ווי עס איז אָנגעצייכנט געוואָרן פון הימל בעת מעשׂה בראשית, אַז דאָס לעבן פונעם מענטש זאָל זיין דורכגעפלאָכטן מיט פרייד און מיט צער, אַזוי איז עס אויך געווען אין הויז פון אליעזר אַרטאַפּאַנוס. נאָך איידער די ערשט־געבוירענע, דער צווילינג יצחק און בתיה, האָבן זיך געשטעלט אויף די פיסלעך און אָנגעהויבן פלאַפּלען, האָט זעלדען אַרומגענומען אַ פּחד, אַז זי וועט מער קיין קינדער נישט האָבן. זי האָט נישט געקענט זאָגן פון וואַנען עס נעמט זיך צו איר דער פּחד. אפשר פון דעם וואָס ווי נאָר זי האָט געקענט פאַרשוואַנגערן האָט זי נישט פאַרשוואַנגערט. און אפשר האָט זיך די מחשבה פון איר עקרהשאַפט אַמאָל, מיט וועלוול בעלזער, איינגעגעסן אין איר האַרץ און זי קראַנק געמאַכט? דער צווילינג האָט אָנגעפילט דאָס הויז מיט קינדערישער שטיפערישקייט אַפילו דע־מאָלט, ווען די קינדער האָבן געוויינט פון פלוצימער הונגער־נאַגעניש, אַפילו דעמאָלט ווען זיי האָבן נאַס געמאַכט אין די הענגקוישעלעך. דאָך דער פּחד, אַז זי וועט מער קיין קינדער נישט האָבן, האָט פון איר פאַרמיטן די פרייד פון די צעשטיפטע קינדער.

אליעזר האָט געפּרוווט אַרויסשלאָגן פון איר די פּחדים:

„דו האָסט מיר צוגעזאָגט און דו וועסט מיר אָנשיטן אַ פול הויז מיט קינדער אַז זיי וועלן אונדז דאָביידע פאַרטויבן מיט זייערע שטיפערייען, און אַזוי וועט אויך זיין!״ — האָט ער גערעדט צו איר מיט אַ זיכערקייט, ווי עמעצער וואָלט עס אים פאַרשווירן. ווי אירע אויערן זענען נישט געווען גענוג אָפן פאַר דעם שוואַלבן־צעשטיפטן טומל פון די קינדער, אַזוי זענען זיי געווען אין גאַנצן געשלאָסן פאַר די בטחון־ווערטער פון איר מאַן. און ווידער האָט זעלדע אָנגעהויבן גיין צו זושע דעם בעל־שם ער זאָל איר געבן אַ סגולה אויף צו האָבן נאָך קינדער.

ווי עס געשעט אָפט ביי ווייבספאַרשוינגען נאָכן קימפּעט, האָט זיך זעלדעס ווייבלעכקייט צעבליט מיט אַ שפע, אַז אַנדערע ווייבער האָבן זי מקנא געווען און איר שיינקייט האָט אין מאַנצבילן אויף דער גאַס אויפגעברויזט די בלוטן און זיי קיין רו נישט געגעבן אויך שפּעטער. באַלד ביים ערשטן מאָל ווי זי האָט ווידער אָנגעהויבן גיין צו זושען האָט זי אויך אין דעם בעל־שם אויפגערייצט גלוסטעניש. האָט ער געזאָגט צו איר, אַז דאָס מאָל דאַרף זי קומען צו אים עפּטער און זיין דערביי ווי ער שרייבט די קמע, כּדי די כּוונה זאָל זיין צווישן אים און איר. איז זי געגאַנגען צו אים אַ טאָג איבער אַ טאָג און ער איז אין דער כּוונה נישט אַריין. האָט ער איר געהייסן קומען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל.

„אַ שׂטן מקטרג איז דערביי און ער איז עס דער שולדיקער, וואָס דו קענסט מער נישט שוואַנגערן — האָט זושע געזאָגט און מיט פאַרוואָלקנטע אויגן געגלוסט צו איר, — דאַרף מען דעם שׂטן מקטרג אָפּנאַרן, און ווי אַזוי קען מען אים אָפּנאַרן ?"
— האָט ער געפרעגט זיך אַליין און ער האָט צוגעזאָגט צו זוכן דעם ענטפער.

איין מאָל, ווען זעלדע איז געקומען צו אים, איז דער בעל־שם אין גאַנצן געווען ווי אַ שווערער וואָלקן. ער האָט קוים געענטפערט אויף איר „גאָט־העלף" און מיט דער האַנט אָנגעוויזן זי זאָל זיך זעצן. נאָר ווען זי האָט זיך אָנגעבויגן אָוועקצוזעצן, האָט ער זי אַרומגעכאַפּט און פאַרגאָסן איר פּנים מיט היציקע ווערטער:

„וועסט שלאָפן מיט מיר און דו וועסט שוואַנגער ווערן, וואָרום צווישן דיר און דיין מאַן שטייט דער שׂטן מקטרג. וועלן מיר אים אָפּנאַרן, דעם שׂטן, און דו וועסט געהאָלפן ווערן ווי דו ווילסט".

ער האָט זי אויף אַ רגע אָפּגעלאָזט כּדי צו פאַרקייטלען די טיר. האָט זיך זעלדע אַריינגעקוועטשט אין אַ ווינקל פון דער קאַמער און געזאָגט דראָענדיק:

„עפן די טיר און לאָז מיך פריי, וואָרום איך וועל שרייען. און אַז עמעצער וועט דערהערן מיין געשריי וועסטו קיין לעבעדיקער פון דעם אַלעמען נישט אַרויס".

זושע האָט אירע ווערטער אַפילו נישט געהערט. ער האָט זיך דערנענטערט צו איר ציטערנדיק פון תּאווה, מיט אַ טשאַד איבער זיינע אויגן; ער האָט זיך דערנענטערט צו איר מיט שווער אַראָפּגעלאָזטע אָרעמס, ווי מיט נאַסע פליגל פון אַ גרויסן רויבפויגל.

„עסט זעך לייגן מיט מיר און וועסט געהאָלפן ווערן. אַז דו וועסט טומלען וועט זיין ערגער" — האָט ער געברומט און זי אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס. זעלדע איז אים מיט אירע נעגל אַריין אין די אויגן. ער האָט פאַרלוירן די גלייַך־געוויכט, זיך אַ וואַקל געטאָן און פאַלנדיק נאָכגעשלעפּט זעלדען נאָך זיך. זי האָט זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס, אָבער פּרוּוונדיק זיך אויפשטעלן, האָט ער אָנגע־כאַפּט ביי דער זוים פון איר קלייד און זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך. זי, זיך וואַקלענ־דיק אויף הינטערווייַלעכץ און כּדי נישט צו פאַלן, האָט אים צופעליק מיטן פוס אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין שליף. ער איז געבליבן אומבאַוועגלעך. אַן אויגנבליק האָט זי געוואַרט וואָס עס גייט געשען און עס איז גאָרנישט געשען. זושע בעל־שם האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון לעבן. זיינע קעץ זענען געשטאַנען אויפן טיש מיט אויפגעהויבענע רוקנס פון שרעק און סכּנה. האָט זעלדע אַ דערשראָקענע אויפגעקייטלט די טיר און, נישט צורעכטמאַכנדיק אַפילו אירע קליידער און דעם הויב אויפן קאָפּ איז זי אַנטלאָפן. זי איז געווען זיכער, אַז זושע איז פּלוצים געשטאָרבן. איז זי אין מיטן לויפן געליימט געוואָרן פון פּחד און יִיאוש און שטיין געבליבן. זי האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק און געזען ווי זושע גייט אַרויס פון אונטער דעם שטרויענעם דאַך פון זיין הויז. זי איז אַנטלאָפן און אין לויפן צורעכטגעמאַכט אירע קליידער. „זאָל נאָר קיינער נישט זען מיך אין אַזאַ מעמד, זאָל נאָר קיינער נישט זען מיך אין אַזאַ מעמד..." — האָט זי איבערגעחזרט.

קינער האָט זי נישט געזען אין איר מעמד און זי האָט געאײַלט אַהיים מיט דער מחשבה צוצוטראַכטן אַ תּירוץ פֿאַר איר צעטומלטקייט און האַרץ־קלאַפּעניש.

זי האָט פֿאַר קיינעם נישט געדאַרפֿט צוטראַכטן קיין תּירוץ. אליעזר איז אין דער היים נישט געווען און די מויד, נעכע, האָט גאָרנישט באַמערקט. די קינדער האָבן זיך דערפֿרייט מיט איר, ווי זי וואָלט טעג לאַנג נישט געווען אין דער היים. האָט זי די קינדער גענומען אויף דער שויס, געצערטלט זיי, ווי זי האָט עס שוין וואָכן נישט געטאָן און איר האַרץ האָט זיך איבערגעגאָסן מיט טרערן. זי האָט העשענדיק געוויינט. דער קליינער יצחק האָט באַמערקט די טרערן אין אירע אויגן און ער האָט מיט די פֿינגערלעך זיך געריסן צו איר פּנים אַנצונעמען די טרערן. זי האָט זיינע פֿינגערלעך געקושט און געזאָגט צו אים ווי צו אַ דערוואַקסענעם:

„כ׳וויין נישט, ס׳איז גאָרנישט. מסתּמא אַ זאַמדעלע אַריינגעוויעט אין אויג״.

דעמאָלט ווען דאָס אַלץ איז געשען איז זעלדע שוין געווען אין שוואַנגערשאַפֿט, נאָר זי האָט דערפֿון נישט געוווּסט. צוליב דער פֿריִער שוואַנגערשאַפֿט זענען אירע אומרויִקייטן און ספֿקות נאָך שווערערע ווי זיי זענען געווען אַמאָל. אַזוי גיך ווי עס האָט זיך צו איר צוריקגעקערט די רו, האָט זי זיך געוווּנדערט פֿאַר וואָס זי איז געווען אַזוי נאַריש און פֿאַר וואָס האָט עס איר געטריבן צום בעל־שם, וואָס זיינע קמעות האָבן איר קיין מאָל נישט געהאָלפֿן.

אַלע טעג זענען ווידער געוואָרן שיינע. שפּעטן לאַנג איז זעלדע געזעסן און זיך איינגעהערט אין דעם אַלץ וואָס עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט וואָס עס געשעט אין איר. איין מאָל האָט זי געזאָגט צו איר מאַן:

„אין באַשאַפֿן די וועלט האָט גאָט געמוזט פֿילן אַ גאַר גרויסע פֿרייד, אויב מיין שׂמחה איז אַזוי גרויס ווען אונטער מיין האַרץ קומט אויף איין באַשעפֿעניש״.

ער האָט געענטפֿערט:

„פֿון וואַנען ווייסטו אַז איין באַשעפֿעניש? איך וויל עס זאָלן זיין צוויי. האָסט דערויף אַ חזקה. צווייטנס האָסטו עס אַזוי שיין געזאָגט, אַז בלויז פֿאַר דעם אַליין דאַרפֿסטו מיר געבוירן אַ צווילינג. צי וועסטו מיר אויך דאָס מאָל געבן צוויי בלאָנדע סלאָוון ווי עס זענען יצחק און באַשקע?״

דאָס מאָל איז די שוואַנגערשאַפֿט געווען אַ לייכטע און זעלדע האָט עס אָנגע־נומען ווי אַ סימן, אַז זי וועט געבוירן אַ צווילינג — אַ באַלוינונג פֿאַר איר שרעק אין אָנהייב. זי האָט אַפֿילו אַליין אַראָפּגענומען די ווינשל און די ערשטע שמעקע־דיקע עפּל אין סאַד, ווען זי איז שוין געווען אין די הויכע חדשים. זי האָט זיך געשפּיגלט אין די צווילינג־פּרוכטן, געשמעקט צו זיי, איינגעזאַפּט אין זיך זייערע ריחות און אין די יונגע עפּל האָט זי געפֿילט דעם ריח פֿון קינדעריש לײַב. און ווי זי האָט געהאַט אַ גרינגע שוואַנגערשאַפֿט, אַזוי האָט זי דעם צווייטן זון שיער נישט פֿאַרלוירן.

ביים טיש צום מאָלצייט האָט זי דערפֿילט ווי דער וולד וואָלט מיט זיינע פֿויסטלעך געקלאַפּט אין איר בויך, אַז ער איז גרייט פֿאַר אַן אייגן לעבן. אַ צע־טומלטע האָט זי אָנגעכאַפּט אליעזרן ביים אָרעם און אויסגערופֿן:

„דאַכט זיך!..״

זי האָט זיך אויפגעשטעלט כּדי צו גיין צום געלעגער, ווי די פּיס האָבן זיך אונטער איר איינגעבראָכן. צום געלעגער האָט אליעזר דערפירט צוויי — זעלדען און זיין צווייטן זון. איז די שׂמחה געווען גרויס און די סעודה נאָכן ברית איז געווען רייכער און האָט געדויערט לענגער, ווי אַנומלט, ביים ברית פונעם בכור. און געשען איז עס אַזוי, אַז עטלעכע שבתים נאָכן ברית זענען אין הויז פון אליעזרן געפּראַוועט געוואָרן סעודות מיט פאַרבעטענע אורחים פון קלויז און אָרעמע בחורים, זין פון ישובניקעס, וואָס האָבן געלערנט תּורה אין בראָד. געשען איז עס אַזוי ווייל אין דער נאַכט פונעם ברית האָט זעלדע געחלומט אַ חלום, אַז אין איר הויז קומען פאַר אַ סך בריתן. די קוואַטערשטול רוט נישט. איין סנדק הייבט זיך אויף און אַ צווייטער זעצט זיך. מדינה־גייערס הינטער די פענצטער שטופן זייערע אויסגעשטרעקטע הענט צו כאַפּן כּיבוד. נעכע טרייבט די לייט פון הינטערן פענצטער, ווי מען טרייבט אַוועק הינער — „אַשאַ! אַשאַ!״ — און זי וואַרפט שטיקער קוילעטשן איבער זייערע קעפּ.

אַ קימפּעטאָרין מוז זיך לאָזן פּותר חולם זיין פון די חלומות, וואָס זי חלומט. האָט זעלדע דערציילט וועגן דעם חלום צו איר מאַמען. לאה האָט זיך דערשראָקן פאַר די סימנים פון דעם חלום. זי האָט זיך שוין אַזוי פיל אָנגעהערט אין איר לעבן וואָס אַלץ עס מיינען חלומות פון קימפּעטאָרינס, אַז ווי די טאָכטער האָט איר דערציילט ווי אַזוי נעכע וואַרפט שטיקער קוילעטשן איבער די קעפּ פון די מדינה־גייערס — האָט זי געוווּסט דעם מיין און וואָס מען דאַרף טאָן, כּדי עס זאָל חלילה נישט שאַטן זעלדען: נעכע איז אַ וויסטע עגונה. איר גן־עדן־פּירער, סנדר יתום, איז נעלם געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין. איז די מויד געבליבן אָן אַ מאַן און אָן אַ קינד. זענען איר זעלדעס בריתן גרויס אין די אויגן, זי ווערט פאַרברענט פון קינאה. נאָר אַ דינסטמויד ווייזט נישט אַרויס וואָס אין איר האַרץ טוט זיך. דאָך דאָס וואָס אין איר טוט זיך גייט איבער אין די מחשבות פון דער קימפּעטאָרין, וואָס — באַהיט זאָל מען ווערן — אין דער צייט ווען זי איז צו בעט, איז זי אָפּגעדעקט צו אַלע סכּנות פון שדים און נישט־גוטע, פון שלאַפקייטן און כּישופים און אויך פון די סכּנות פון פרעמדע לייט, וואָס טראַכטן וועגן איר צום שלעכטן און בייזן, טפו!

לאה, וואָס האָט געוווּסט, אַז איר איידעם, דער דאָקטער אליעזר, איז אַן עקשן און איז אַלץ מבטל, האָט גענומען צו הילף איר מאַן, פּנחסן, און ביידע האָבן איבערגערעדט מיט אים, אַז מען דאַרף צעמישן די כּוונות פון דעם וואָס קען געבן אַ „גוט אויג״. און כּדי צו צעמישן די וועגן פון די נישט־גוטע, וואָס זענען אין דער גאַנצער זאַך, דאַרף מען פאַר אַ סגולה־וועגן פּראַוועון סעודות עטלעכע שבתים נאָכן ברית. די סגולה איז, אַז אויב מען פּראַוועט אַזעלכע סעודות אין הויז פון דער קימפּעטאָרין, מיינען די נישט־גוטע, אַז יעדע וואָך קומט פאַר אַ ברית. ווערן זיי צעטומלט און קענען גאָרנישט טאָן. און וואָס שייך דער מויד, דאַרף זעלדע — ווען נעכע קומט צו צו איר בעט — מאַכן פון די פינגער פון

אירעביידע הענט „פייגן״ און טראַכטן: ,פּעפּער אין דער נאָז, זאַלץ אין די אויגן און שטעכעניש אין האַרץ״ און איר קינאה וועט נישט האָבן קיין האַפּט.

נעכע איז נישט געווען שולדיק וואָס זי איז אַריין אין זעלדעס חלום. דער ברית פון אלכסנדרן איז איר נישט געווען גרויס אין די אויגן. שטילערהייט האָט זי זיך געוווּנטשן: „מערטשעם ביי מיר״. זי אַליין, נעכע, איז געווען שוואַנגער און דעם סוד מורא געהאַט זיך אַליין אויסצוזאָגן אין ווערטער. זי האָט דעם סוד געטראָגן אין זיך מיט אומרו פאַר דעם ווייטן אומבאַקאַנטן.

אין הויז פונעם דאָקטאָר איז זי שוין פון לאַנג געווען אַן עגונה און אויפן קול סנדרס נאָמען נישט דערמאָנט...

זייט יענער נאַכט, ווען דער דאָקטאָר איז אַוועק צום רב ר׳ יונתן, זענען נעכעס נעכט געוואָרן פולע. זי האָט אָפּגעוואַרט דעם געראויש הינטער איר פענצטער מיט האַרץ־קלאַפּעניש, ווי נישט איר מאַן וואָלט געדאַרפט אַריבערקומען פון יענער זייט, נאָר ווי זי וואָלט אירע אייגענע נעכט געגנבעט ביי פרעמדע. ער איז געקומען כמעט יעדע נאַכט אין דער זעלבער צייט מיט אַ ברענעניש און צאַפּלדיקייט, ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל געקומען צו איר. ער איז גאָרנישט געווען דער זעלבער, ווי זי האָט אים געקענט נאָך פאַר דער חתונה, און אַוודאי אים נישט דערקענט ווי נאָך דער חתונה. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס ער רעדט נישט צו איר אויס קיין וואָרט און ענטפערט אַפילו נישט אויף אירע שאלות, איז אויס מורא טאָמער וועט מען אין הויז דערהערן ביינאַכט דאָס קול פון אַ מאַן. נאָר נישט פאַרשטאַנען האָט זי וואָס אַזעלכס צינדט אים אָן אין די טעג, אויב ער קומט צו איר ביינאַכט מיט אַזאַ שׂרפה, וואָס פאַרברענט אויך זי ביז די לעצטע כּוחות.

אַלץ וואָס זי האָט געטאָן אין די טעג איז געווען אויסגעמישט מיט דער מחשבה וועגן זיין קומען ביינאַכט. אַז זי האָט געזען די קינדער, האָט זי געטראַכט, אַז זי דאַרף זיי לייגן פרי שלאָפן; אַז דער קצב האָט געבראַכט פלייש, האָט זי באַלד געטראַכט וועלכן טייל פון דעם פלייש זי וועט באַהאַלטן, כּדי צו דערקוויקן אים ביינאַכט. פריִער פלעגט זי וואַרטן, די האַרינטע זאָל איר זאָגן וואָס צו קאָכן און וואָס צו פּרעגלען און וואָס אונטער דער יויך; איצט האָט זי רק געוואָלט יעדן טאָג זאָל מען מאַכן שבתדיקע מאכלים: געהאַקט פלייש געוויקלט אין טייג, לעבער מיט ציבעלעס און מיט געגנדזענע גריוון, שוועמלעך געדעמפּטע אין הינערשע פּלוסטערן, און זיס געבעקס. פון דעם אַלעם האָט זיך זעלדע געלאָזט צורעדן צו איין שבתדיק מאַכל אין אַ וואָכעדיקן טאָג. און פון דעם מאכל האָט נעכע באַהאַלטן פאַר אים אויף דער נאַכט. פון יעדן מאַלצייט האָט זי אָפּגעשפּאַרט וואָס און וויפל זי האָט נאָר געקענט און עס באַהאַלטן אונטער איר בעט. אין די נעכט, ווען ער האָט געגעסן און זי האָט געהערט ווי הונגעריק ער עסט און ער פאַרציקט יעדעס ברעקעלע, וואָס זי שלעפּט אַפּער פון אונטערן בעט, האָט זי נאָר געטראַכט, אַז אין די טעג פאַסט ער מסתּמא תּעניתים און זאָל עס אים נאָר נישט פאַרשאַטן וויפל ער צעעסט מיט איין מאָל.

נאָר נעכע האָט אין די אַלע נעכט אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן, וואָס זי האָט זיך אַ נדר געטאָן, אַז זי מוז ווערן אַ מאַמע מיט אַלע ווייבער צו גלייך. אַ מאַן אָן אַ קינד — איז ווי אַ ווינט. און איר לעבן איז פאַרשאָלטן געוואָרן. אין די טעג וואָגלט אַרום סנדר דער הימל ווייסט ווו. אַז זי וועט האָבן אַ קינד פון אים וועט זי אים האָבן צוגעבונדן צו זיך און אפשר וועט גאָט אויך איר העלפן און ער וועט זי אָוועקנעמען פון דאַנען, זי זאָל זיין אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך. באשר זי איז אַ יתומה מוז זי נישט אָפּפינצטערן אַ לעבן צווישן פרעמדע טעפּ און ביי פרעמדע ווינדעלעך.

אַז ס'איז געקומען די צייט פון איר אומריינקייט האָט זי מיט קלאַפּעניש אין האַרץ געוואַרט נאָך אַ פּאָר טעג און שטיל געבעטן צום הימל ס'זאָל זיין דאָס, וואָס זי האָט באַגערט. נאָר כדי צו זיין זיכער, אַז זי איז אין אַ מזלדיקע שעה טראָגעדיק געוואָרן, האָט זי צוגעטראַכט אַ תירוץ, אַז זי האָט יאָרצייט נאָך איר מאַמען און זעלדע האָט איר געלאָזט פריי אויף אַ פּאָר שעה, זי זאָל גיין אויפן קבר זיך אויס־וויינען. כאָטש זי האָט דעמאָלט נישט געהאַט יאָרצייט, איז נעכע אָוועק אויפן גוטן אָרט און זיך אויסגעוויינט און געבעטן ביי איר מוטער, זי זאָל זיך מיִען ווו מען דאַרף, אַז דאָס וואָס זי טראַכט אַז עס איז — זאָל טאַקע זיין. נעכע האָט גאָר־נישט געדאַרפט טראַכטן וואָס זי האָט אַריינצורעדן אין קבר. פון זיך אַליין האָבן זיך איר געשאָטן די ווערטער, וואָס אין אַן אַנדער צייט וואָלט זי גאָר אַזעלכע נישט געפונען. פאַכענדיק מיט ביידע הענט, ווי צו ליכט בענטשן, האָט זי גערעדט מיט טרערן: „אויב נישט דו, מאַמע, ווער וועט זיך פאַר מיר איינשטעלן? האָסט דאָך מיך איבערגעלאָזט אַליין ווי אַ שטיין אין פעלד. סנדרל איז זייער גוט צו מיר, צוואַר ווי אַ מלאך פון הימל, נאָר לייטן האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים און ווו ער טאָגט נעכטיקט ער נישט. קלאַפּ זשע אָן, מאַמע טייערע, ווו מען דאַרף, עס זאָל נישט זיין פאַרפעלט, אויך איך זאָל געהאָלפן ווערן, ווי עס ווערן געהאָלפן אַלע יִדישע טעכטער. זאָלסט נישט פאַרזוימען קיין רגע און זיך גוט נאָכפרעגן צו ווּעמען מען דאַרף און זאָלסט נישט אַוועקגיין ביז מען וועט דיר צוזאָגן, אַז איך בין געהאָלפן געוואָרן. ווײסט געדענקען אַלץ וואָס איז זאָג דיר?" נעכע האָט זיך נאָך גוט אויסגעוויינט, איר מוטער אין קבר זאָל פאַרנעמען אַלע אירע טרערן, און געגאַנגען זוכן דעם קבר פון איר פאָטער, צו בעטן אים דאָס זעלבע. נאָר דעם קבר האָט זי נישט געפונען. דאָס פעלד איז געווען פאַרוואַקסן. די שטיינער זענען באַדעקט געווען מיט מאָך און איינער האָט זיך אונטערשיידט פון צווייטן בלויז מיט דעם, וואָס איינער איז אויסגעבויגן אַהער און אַ צווייטער לענט זיך אָן אויף אַ דריטן און אַלע שווייגן אַראָפּ צו דער ערד. האָט זי זיך אַרומגעדרייט צווישן די קברים, ווי אויך זי וואָלט זיך פאַרלוירן, און אָוועק צוריק אַהיים.

צו דעם וואַרטן אויף די נעכט איז נעכען צוגעקומען צו וואַרטן אין די טעג אויף איבלעניש, צו וויסן אויף זיכער, אַז זי איז טראָגעדיק געוואָרן. די איבלענישן האָבן זיך פאַרזוימט, גאָרנישט האָט איר פאַרשמעקט. אַלץ, אויף וואָס זעלדע פלעגט זיך קלאָגן אין אָנהייב שוואַנגערשאַפט, איז פון איר פאַרפעלט געוואָרן.

ערשט אויף דער דריטער וואָך האָט נעכע פּלוצים דערפילט קאָפּשווינדלעניש און זי האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס. ס׳איז איר געוואָרן זייער שלעכט, און צודריקנ־דיק די האַנט צום שטערן האָט זי אין זיך איבערגעחזרט: „געלויבט דער הימל, געלויבט דער הימל״. און כאָטש זי איז שוין געווען זיכער, האָט זי פון דעסטוועגן צוגעוואַרט אויף איר צייט אום צו זיין אין גאַנצן זיכער.

אין איינער אַ נאַכט נאָך דער צייט, ווען זי האָט פון אונטערן בעט אַפּערגע־נומען די טעפּ וויל צו טאָן דעם הונגער פון איר מאַן, האָט זי זיצנדיק אויפן ראַנד פון געלעגער געזאָגט שטיל, ווי אַ סוד:

„איך טראָג שוין פון דיר. הלוואי זאָל עס זיין אַ זון״.

זי האָט געוואַרט אויף אַ וואָרט און ס׳וואָרט איז נישט געקומען. זי האָט גע־הערט זיין געשמאַק קייען, אַ צעטראָגן זופּן מיט דער נאָז און ווידער אַ געשמאַק פּלאַטשקען מיט די ליפּן פון עסן מיט שטאַרקן הונגער. האָט זי ווידער געזאָגט:

„שוין זעקס וואָכן. כ׳האָב די בשורה אָנגעזאָגט מיין מאַמען, זי זאָל זיך מיַען״.

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך און מיט זיינע פעטע ליפּן איינגעשטילט אירע ווערטער און אַליין אויך גאָרנישט געזאָגט.

נעכעס שוואַנגערשאַפט

דאָס איז געווען די לעצטע נאַכט פון די נעכט, וואָס צו זיי האָט נעכע גע־לעכצט. די נאָכקומענדיקע נאַכט האָט זי געוואַרט מיט זיך און מיט די טעפּ געקעכטסן אונטער איר בעט און ער איז נישט געקומען. זי האָט יענע נאַכט אַפילו די אויגן נישט צוגעלענט, וואָרום זי האָט געפורכט, אַז טאָמער קומט ער פּלוצים און זי וועט האָבן איינגעדרימלט, קען זי זיך דערשרעקן. און שרעק איז אַ בייזע סכּנה פאַר טראָגעדיקע. איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט צום פענצטער. אין דעם פּירקאַנטיקן פלעק פונעם אָפענעם פענצטער האָבן געפינקלט שטערן. די שטערן האָבן איר געשטאָכן אין האַרץ מיט זייער קאַלטקייט און געמאַכט זי טרויע־ריק. זי וואָלט אַפילו אַראָפּ פון בעט און דאָס פענצטער פאַרמאַכט, פון די שטערן זאָל נישט גיין אַזאַ קעלט. האָט זי מורא געהאַט דאָס צו טאָן. ס׳איז טיף אין דער נאַכט, ווען שדים און אַלע נישט־גוטע שוואַרמען אַרום איבער דער וועלט, און זי איז טראָגעדיק און נאַקעט. האָט זי נאָך מער זיך איינגעדעקט און מיטביידע הענט פאַרשטעלט איר בויך. אַזוי איז זי געלעגן ביז אַלע הענער פון דער נאָענט און פון דער ווייט האָבן אויסגעקרייט די נאַכט און ס׳איז געוואָרן טאָג.

ווי ער איז די נאַכט נישט געקומען, אַזוי האָט ער אויך די ווייטערדיקע נעכט פאַרפעלט. אין איר אומרו האָט זיך נעכע געטרייסט, אַז מסתמא גאַרט ער צו קומען צו איר און צו דעם וואָס זי טראָגט איצט פון אים אין איר לייַב, נאָר עפּעס האַלט אים אָפּ אין וועג. איז דאָך סנדר אויך פריִער נישט געקומען צו איר חדשים לאַנג. זי איז אַ ווייב און דערצו נאָך אַ דינסטמויד, וואָס זשע קען זי וויסן דערוועגן די פאַרלויפענישן פון איר מאַן? אַז די צוויי יונגעלייט, וואָס זענען אַנומלט געווען ביי איר אין דער קיך, האָבן געזאָגט, אַז זיי קענען איר סנדרן, איז עס אַ סימן, אַז עפּעס גאָר נישט געוויינלעכס קומט צו שטאַנד מיט אים. און אויף דעם האָט זי אויך געהאַט סימנים אין די אַלע נעכט, וואָס ער האָט נישט פאַרפעלט צו קומען צו איר. ווי ער איז אַלע מאָל געווען נישט קיין באַרעדעוודיקער, אַזוי איז ער געוואָרן אין גאַנצן אַ שווייגער. צו מאָל קיין איינציק וואָרט צו איר נישט אויס־גערעדט דורך די אַלע נעכט, ווי דאָס לשון וואָלט אים חלילה אָפּגענומען געוואָרן. ווען נישט זיין שריפּהדיקע נאָענטקייט, וואָס אַ מענטש קען גאָר מיט קיין ווערטער נישט אַרויסברענגען, וואָלט זי געמיינט, אַז ער איז צוליב עפּעס ברוגז אויף איר און דערפאַר רעדט ער נישט.

איז נעכע אַרומגעגאַנגען ווי ערב אַ שטורעם: אַלץ האָט איר דערצאַרנט און אויפגערייצט און רק זי וואָלט זיך אַוועקגעלייגט אויף איר געלעגער זיך אויסצו־

וויינען. דאָ האָט זי צעבראָכן אַ טאָפּ און דאָ האָט זי זיך צעשניטן אַ פינגער. זי האָט אֶביונים איבער דער שוועל נישט אַריבערגעלאָזט און פאַרקלאַפּט פאַר זיי די טיר. „קראַנק צו ווערן אויסגעריסן, ווי איך ווער אויסגעריסן צו האָבן אַ שטיקל ברויט!" — האָט זי נאָכגעשריגן די בעטלערס. אין מיטן האָט זי זיך דערמאָנט און אויסגעמורמלט: „אַ לויב צום הימל. מסתּמא איז עס דאָס". זי האָט אַ טאָפּ געטאָן איר בויך און אויף אַ רגע איז איר ליכטיקער געוואָרן. איצט וועט ער שוין קומען. ער מוז קומען. זי איז געווען אין גאַנצן זיכער דערין.

דערווייל איז זעלדע געלעגן געוואָרן און נעכע האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן וועגן סנדרן. דאָס גאַנצע הויז איז געווען אויף אירע אַקסלען. יצחקן און בתיהן האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט פון דער קיכקאַמער, זיי זאָלן נישט שטערן דער קימפּעטאָרין. פון גרויס אחריות, וואָס אַלץ איז געפאַלן אויף איר, האָט זי נישט אויפגעהערט צו קאָכן און צו באַקן, ווי יעדן טאָג וואָלט געווען ערב שבת, צי ערב יום־טוב.

זעלדעס מוטער, לאה, איז טאַקע געקומען אַ גרייטע צו פירן ס׳באַלעבאַטיש־קייט אויף דער צייט ווי איר טאָכטער ליגט אין קימפּעט, אָבער נעכע האָט מיט אירע שאַרפע באַוועגונגען און מיט איר ענטפערן העפלעך נאָר מיט אַ האַלב מויל געגעבן אָנצוהערן, אַז די טעפּלעך אונטער דער קאַפּע און דער אויוון זענען צוגע־ווינט צו איר און זיי וועלן אַ פרעמדער נישט פאָלגן.

באַלד דעם ערשטן טאָג האָבן זיי טאַקע נישט געפאָלגט: אַ האָניק־קוכן פאַר די אייניקלעך איז אין אויוון פאַרקוילט געוואָרן און די זעלבע יויך איז צוויי מאָל אויסגעלאָפן אַז ס׳איז נישט געווען וואָס צו דערלאַנגען צום טיש. כּדי מען זאָל אויך זען וואָס עס איז געשען, האָט נעכע געלאָזט שטיין די פאַרברענטע בלעך פונעם קוכן און עטלעכע מאָל געפרעגט זעלדעס מוטער:

„ווי אַזוי קען מען דערדרייבן אַזאַ גלאָווניע? אַ טאַטערס כּוח דאַרף מען האָבן דערצו".

וואָס לענגער אין דער שוואַנגערשאַפט, האָט דאָס האַרץ פון נעכען זיך אָנגע־פילט מיט אַנגסטן, און ווי מען פאַרטרייבט אַ זלידנע פליג פון פאַרן פּנים, אַזוי האָט זי געטריבן פון זיך די אומרויִקע מחשבות. „אַ לויב צום הימל. דאָס איז דאָס". רייכע, אויסגעצערטלטע ווייבער האָבן אין דער שוואַנגערשאַפט איבלענישן און פאַרגלוסטעניש; זיי קענען זיך גיסן גאָלד אין האַלדז אַריין און האָבן פאַר וועמען זיך צו צערטלען. זי, נעכע, האָט דאָס אַלץ נישט. זענען די אַנגסטן אירע איבלע־נישן און פאַרגלוסטענישן. פון די אַנגסטן באַגיסט זי זיך מיט שוויס און עס ווערט איר שוואַרץ פאַר די אויגן. זי בינדט אונטער דעם פאַרטעך העכער, קיינער זאָל נישט זען, אַז איר בויך וואַקסט. וואָס וועט זי ענטפערן איר האַרין ווי נאָר זי וועט דערזען, אַז זי איז טראָגעדיק? דער דאָקטאָר וועט זי אַ רגע נישט איבערלאָזן אין זיין הויז; ער וועט זי מסתּמא פאַרטרייבן. אַלע ווייסן, אַז זי איז אַן עגונה. קהל האָט פאַרטריבן איר מאַן און ער איז נעלם געוואָרן, אויסגערונען. איז וועמענס קינד טראָגט זי? וועט אויך קהל זי פאַרטרייבן? וווהין וועט זי גיין? וואָלט זיך

כאַטש סנדר באַוויזן, וואָלט זי גערעדט צו אים. דאָס מאָל וואָלט ער שוין נישט געקענט אַזוי שווייגן ווי ער האָט געשוויגן אין יענע נעכט. ער וואָלט זי געמוזט מיטנעמען מיט זיך, ער זאָל זיין אַ טאַטע צו זיין קינד, ווי אַלע טאַטעס.

ס'איז געשען וואָס נעכע האָט געוואָלט פאַרטרייבן, עס זאָל נישט געשען. כאָטש זעלדע איז געווען פאַרנומען מיט די קינדער און פאַרזאָרגט וואָס זי האָט נישט געגנוג מילך פאַר אַלכסנדרן, און ער פלעגט ביים ציִען די האַלב־ליידיקע ברוסט פאַרשרייען דאָס הויז פון הונגער — האָט נעכע נישט געקענט אויסבאַהאַלטן פאַר איר די שוואַנגערשאַפט. ווי פאַרבייגייענדיק האָט זעלדע באַמערקט:

„דאַכט זיך מיר, נעכע, דו ביסט אַ ביסל גראָב געוואָרן".

נעכע האָט זיך באַגאָסן מיט שוויס און נישט קוקנדיק אין איר זייט געענטפערט צעטומלט:

„כ'אַרבעט ווי אַ פערד, דינט מיר דער אַפּעטיט".

„דער אַפּעטיט דינט דיך. דאָס זע איך". — מער האָט זעלדע דאָס מאָל נישט געזאָגט.

זעלדעס קורצע ווערטער האָבן אין נעכען אויפגעריסן אַלע דערשטיקטע שרעקן. זי האָט זיך דערפילט ווי פאַר איר וואָלט זיך געעפנט אַ תּהום, וואָס צוריקגיין פון פאַר זיין אָפּגרונד קען זי נישט. דאָס מאָל האָט זי אַפילו פון זעלדען נישט געבעטן קיין רשות. אין העלן טאָג איז זי נעלם געוואָרן. זי איז געלאָפן אין שטאָט אַריין. זי האָט נאָך נישט געוווּסט צו וועמען זי לויפט, זי האָט אָבער וואָס שנעלער געוואָלט זיין צווישן פרעמדע, קיינער זאָל איר נישט פרעגן, קיינער זאָל זיך אויף איר נישט אַרומקוקן. פון דעסטוועגן האָט זי אין לויפן זיך דערמאָנט אירע קרובים, דאָ דעם און דאָ יענעם, און צו די געשטאַלטן פון די קרובים באַלד אַרויסגעזאָגט מיטן ניגון פון אַ תּחינה: „וואַרף מיך, גאָט באַרמהאַרציקער, ווו דו ווילסט, אָבי צווישן אייגענע".

אָנקומענדיק אין דער שטאָט איז זי שוין נישט געווען אַזוי זיכער מיט די קרובים. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך קומט איר גאַנץ אומגליק פון אירע קרובים. צו איר שוועסטערקינד האָט זי אַנומלט געבראַכט ווייזן דעם סידור, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון סנדרס טלית־זעקל, און זייט ער האָט גענומען דאָס הייליקע ספרל אין דער האַנט אַריין איז איר לעבן אויס לעבן. ניין, זי האַסט די קרובים. און באַלד ווידער מיטן ניגון פון אַ תּחינה: „אוי, פאָטער אין הימל, צען פרעמדע קענען דיר נישט אָנטאָן אַזעלכע שמאַרצן ווי איין אייגענער".

אַז נעכע איז אָנגעקומען אויפן רינגפּלאַץ, זענען אירע אויגן געפאַלן אויף די פענצטער פון וועלוול בעלזערס הויז, און נישט איבערלייגנדיק זיך האָבן איר די פיס אַליין געטראָגן איבער די שטיגן. די טיר איז געווען געשלאָסן. זי האָט עטלעכע מאָל געפּרוּווט דאָס בלעטל פון דעם טירריגל, אָנגעקלאַפּט אַ מאָל לייכטער און אַ מאָל שטאַרקער. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. זי איז צוריק אַראָפּ אויף

דער גאַס און געפרעגט ביי אַ נאָענטן שכן, צי ר׳ וועלוול בעלזער וווינט נאָך אין זיין הויז. „ווו דען זאָל ער וווינען?״ — האָט דער שכן געענטפערט מיט אַ קשיא. נעכע איז שוין געווען צוריק אויף די טרעפּ. זי האָט זיך אָװעקגעזעצט ביי דער טיר, אויפן פּאָל, און אָנגעלענט דעם קאָפּ אין ביישטידל. ס׳איז איר געווען הייס און קאַלט צוזאַמען. די שלייפן האָבן איר געקלאַפּט און דאָס האַרץ האָט זי נישט געפילט. אפשר גיין אויף דער מאַמעס קבר? — האָט זי געטראַכט מיט בהלה. אַנומלט האָט זי ביי דער מאַמען אויסגעפּועלט. די מאַמע האָט זיך געמיט און זי האָט נישט פאַרפעלט, זי איז טראַגעדיק געוואָרן. האָט זי דאָרט, די מאַמע, אַ גוטן אײַנגיי. דאַרף זי אויך איצט הערן איר קוועלעניש און איר געבן אַן עצה וואָס צו טאָן. אַן עצה? ווי קען די מאַמע איר געבן אַן עצה? די מאַמע קען דאָרט אַנקלאַפּן ווו מען דאַרף, דאָרט קען זי רעדן און וויינען, אָבער געבן אַן עצה? דאָס קען זי נישט. פון קבר וועט זי נישט אַרויסשרייען. און זי, נעכע, דאַרף מען זאָל איר זאָגן וואָס זי האָט צו טאָן, צי זאָל זי זיך אָנטאָן אַ מעשה?

אויף די טרעפּ האָבן זיך ענדלעך דערהערט שווערע אָפּגעריסענע טריט. ס׳זענען געווען די טריט פון וועלוול בעלזער. ער האָט זיך אַפילו נישט געוווּנדערט וואָס ביי זיין טיר זיצט נעכע. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגערוקט דאָס פאַרטעך פון פאָרנט און דאָס קליידל פון הינטן און געזאָגט מיט אומעטיקער פרייד:

„דער האַר איז צוריקגעקומען!״

„האָסט נישט אַ מאָל פאַרבלאָנדזשעט? — האָט ער געפרעגט — אָדער דו ביסט, ווי אַ פערד, געקומען אין דער אַלטער שטאַל? דו ביסט דאָך נעכע, אויב איך האָב נישט קיין טעות?״

„האַר־לעבן, ס׳איז מיר נישט גוט״ — האָט זי געענטפערט אומדרייסט און געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

„ווען דו וואָלסט געווען אַ קלוגע מויד וואָלסטו געוווּסט, אַז ס׳איז קיינעם נישט גוט״.

„מיר איז ווינד און ווי, האַר־לעבן!״ — האָט נעכע אויסגערופן.

„און וואָס זאָגט דערצו דיין דאָקטער? ר׳ אליעזר איז אַ גאַר קלוגער מאַן״. וועלוול האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט, אַריינגעשטעקט דעם שליסל אין דער טיר און צוגעגעבן: „דער דאָקטער קען היילן נישט נאָר מכּות אויפן גוף, נאָר אויך מכּות אין האַרץ״.

„האַר־לעבן, איך וועל זיך אָנטאָן אַ מעשׂה!״ — האָט נעכע געמיינט מיט דעם צו פאַרענטפערן זיין שאלה.

וועלוול בעלזער האָט געעפנט די טיר און שוין זייענדיק איבער דער שוועל געזאָגט מיט דער זעלבער רויִקייט:

„הייסט עס, אַז דו ביסט געקומען צו מיר מיט סטראַשונקעס? ,זיך אָנטאָן אַ מעשׂה׳? דיין האַרינטע וועט בלייבן אַן אַ דינסטמויד און קהל וועט זיך זעצן וויינען. אַפילו אין הויז פונעם דאָקטער ביסטו קליגער נישט געוואָרן. קום אַריין

און דערציייל מיר וואָס דו האָסט בדעה צו טאָן, צי זיך אַריינוואַרפן אין טייך, אָדער זיך אַראָפּוואַרפן פונעם דאַך פון פּאָטאָצקעס פּאַלאַץ".

נעכע איז אים נאָכגעגאַנגען. זי האָט אַ קוק געטאָן אין דער זייט פון דער קיכקאַמער, דערפילט דעם ריח פון הויז און, כאָטש פרעמדלעך האָט איר אַלץ דאָ אויסגעזען, האָט זי זיך דערפילט זיכערער.

„קום, קום" — האָט וועלוול זי גערופן, נישט אומקוקנדיק זיך, נאָר ווי ער וואָלט געוווּסט, אַז עס ציט זי צו דער קיך.

אין דער גרויסער קאַמער האָט נעכע אים געהאָלפן אַראָפּציִען דעם אויבער־בגד. געגאַנגען איז אים אויפהענגען אין אַלקער, ווי זי פלעגט עס טאָן אַמאָל, און ווען זי איז צוריקגעקומען איז שוין וועלוול געזעסן טיף אין דער הויכער שטול, אַ גרייטער צו הערן. ווי נאָר זי האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון דער קאַמער האָט ער געזאָגט:

„אויך דו, זע איך, גייסט ווערן אַ מאַמע".

מיטביידע הענט האָט נעכע נאָך מער אַראָפּגעצויגן דעם פאַרטעך.

„דאָס איז מיין אומגליק" — האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט.

„זעסט ווי איך האָב ריכטיק געזאָגט: ,ס'איז קיינעם נישט גוט'. איינעם איז נישט גוט דערמיט וואָס אַ צווייטן וואָלט יאָ גוט געווען. וואָס איז דיין אומגליק? לאָמיר הערן. נאָר מאַך עס אַזוי גיך ווי ס'איז מעגלעך".

„האַר־לעבן, האַר־לעבן..." — האָט נעכע נישט געוווּסט מיט וואָס אָנצוהייבן און זי איז אַרויס מיט אַ געוויין און אין געוויין אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן איינציקע ווערטער פון ווייטיק, וועגן סנדרן, וועגן קהל, וועגן דעם וואָס זי האָט געטאָן אויף איר מאַמעס קבר און אַז זי האָט מורא זעלדע זאָל זי נישט אַרויסוואַרפן.

„דאָס אַלץ?!" — האָט וועלוול בעלזער געפרעגט נאָך דעם גאַנצן געפּלאָנטער פון ווערטער און טרערן.

נעכע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זיין שאלה, ווי עס וואָלטן קיין שום האַרב־קייטן נישט געווען אין דעם, וואָס זי האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך, האָט זי באַ־רויִקט. איר פנים, רויט און נאַס פון טרערן, איז געוואָרן מילדער און רויִקער, ווי דאָס פנים פון אַ קינד, וואָס וויינט זיך אויס לאַנג און גוט. וועלוול האָט זיך אויפגעשטעלט, אויפן ווינקלטיש אָנגעגאָסן וויַין אין אַ ליאַמפּקע און צוריקגע־קערט צו זיין פּלאַץ מיט דער ליאַמפּקע אין דער האַנט.

„פון דעם וואָס דו האָסט מיר דאָ אָנגעוויינט — האָט ער געזאָגט אַריינקוקנ־דיק אינעם וויַין — האָב איך קיין סך נישט פאַרשטאַנען, נאָר פונעם ביסל, וואָס איך האָב יאָ באַנומען, שטויס איך זיך אָן, אַז דו ביסט גוט באַקליידט. זיַין ביסטו אַן עגונה נאָך אַ שעבס און טראָגן טראָגסטו אַ ממזר פון אַ מלאך..."

„ניין, ניין — איז נעכע אים אַריינגעפאַלן מיט אַ געשריי אין די רייד — איך טראָג פון מיין סנדרן".

וועלוול האָט פאַרזשמורעט די אויגן, אַפּערגעקוקט צו איר פון אונטער די ברעמען און אַריינגעבורטשעט אין די וואָנסעס:

„אַ נייער רוח־הקודש. וווינט נישט מיט דיר און דו טראַגסט פון אים״.

„האַר־לעבן — האָט נעכע פאַרבראָכן די פינגער — ער איז יאָ געקומען צו מיר. אַלע נאַכט איז ער געקומען... דורכן פענצטער״.

„געקומען פראַווען אשמורות... נאָך חצות... ווי אַלע שדים און נישט־גוטע, הע? — האָט וועלוול נישט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק פון איר — וועסט עס דערציילן דעם רבֿ ר׳ יונתן? פאַר וואָס זאָגסטו עס נישט דיין... ווי הייסט ער דאָרט, הע?״

„סנדר הייסט ער״ — האָט אים נעכע געהאָלפן.

„גוט, סנדר, דווקא אַ שיינער יידישער נאָמען — האָט וועלוול אָנגעהויבן רעדן שנעל — פאַר וואָס רעדסטו נישט מיט דיין סנדר דערוועגן? וואָס ווילסטו פון מיר, אויב דו האָסט אַ מאַן? זאָל ער דיר געבן אַן עצה, נעמען דיך מיט זיך. ער איז צו דיר געקראָכן דורכן פענצטער, גיי דו צו אים דורך דער טיר!״

„ער קומט נישט מער צו מיר״ — האָט נעכע אַרויסגעפּראַלט.

וועלוול האָט טועם געווען פונעם בעכער, באַלעקט די ליפּן און אַריינגעשמעקט אין דער ליאַמפּקע, ווי ער וואָלט געוואָלט מיטן חוש־הריח דערפילן דעם זעלבן טעם, וואָס ער האָט געפילט אויף די ליפּן. ער איז געוואָרן אין גאַנצן אַריינגעטאָן אינעם וויין און ווי פאַרגעסן אין נעכען. נאָך אַ לאַנגן, לאַנגן איבעררייס האָט ער געזאָגט שטיל:

„טאָמער וואָלט איך פאַרשטאַנען אַזוי פיל וויפל איך האָב דאָ נישט פאַר־שטאַנען, וואָלט איך דיר געגעבן אַן עצה. פון דעם וואָס דו האָסט מיר דאָ אָנגע־בריַיעט פעלט מיר דער אָנהייב און דער סוף. גיי און מאַך מיט צוויי פינגער אַ פייג. ס׳הייסט, ער האָט אָפּגעטאָן די מיצווה און איז אַוועק אין די וואַרעמע לענדער. אַ שיינעם תּכשיט האָסטו זיך אויסגעקליבן פאַר אַ גן־עדן־פּירער! ווי אַזוי קען מען אים דאָ בענדיקן?״ — פּלוצים, ווי ער וואָלט פון זיינע אייגענע ווערטער באַגריפן צוליב וואָס זי איז געקומען צו אים, האָט ער אַ פרעג געטאָן: „זאָג מיר נאַר, דו, דעם אמת, צי טראָגסטו פון דיין מאַן, אָדער עמעצער אַנדערש איז געקראָכן צו דיר דורכן פענצטער?״

נעכעס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. וועלוולס ווערטער זענען געפאַלן אויף איר ווי קלעפּ און זי איז געוואָרן צעטומלט:

„האַר־לעבן, וואָס אַזעלכס זאָגט איר? ווײַ איז מיין לעבן! מיין סנדר איז געקומען צו מיר״.

וועלוולס ספקות האָבן זי נאָך מער דערשלאָגן. מטושטשע אַנונגען האָבן אַרויס־געטריבן אויף איר ליַיב הייסע אַנגסטן. ווייסט דער האַר זאַכן, וואָס זי ווייסט נישט? פאַר וואָס האָט ער געפרעגט וואָס ער האָט געפרעגט? פיר פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט זי אַריינגעכאַפּט צווישן די ציין און בלענד געקוקט דאָ אַהער און דאָ אַהין, ווי זי וואָלט געזוכט אַ באַשייד פאַר די אַנונגען. באַלד האָט זי געזאָגט:

„איך וועל שווערן ביי אַ ספר־תּורה, אַז נאַר מיין סנדר איז געקומען צו מיר״.

„מאַך אַ ברכה איבער אַ צימעס פון פּאַסטערנאַק וועט מען דיר אויך גלויבן״ — האָט וועלוול געזאָגט מיט חוזק.

נעכע האָט זיך צעוויינט. ער האָט אויסגעליידיקט די ליאַמפּע און מבטל געמאַכט אירע טרערן:

„וועסט מיר דאָ אָנגיסן אַ פול הויז מיט טרערן, אַז לייטן זאָלן מיינען ב״י וועלוול בעלזער רינט דער דאַך? מ'עט זיך איבערשמועסן די זאַך און דו גיי אַהיים און צעטראָג נישט דיין אומגליק איבער דער שטאָט״.

„האַר־לעבן, איך וועל זיך אָנטאָן אַ מעשׂה!״ — האָט זי אויסגערופן.

„פאַר דעם ברענט מען אויף יענער־וועלט אין פּעסער סמאָלע און מען שטייט נישט אויף תּחית־המתים״ — האָט ער זי אָנגעשראָקן.

נעכע איז צוריקגעלאָפן אַהיים מיט אַ פול האַרץ. דאָס וואָס זי קען זיך נישט אָנטאָן אַ מעשׂה, דערוועגן די שרעק וואָס וועלוול בעלזער האָט אויף איר אָנגעוואָרפן, האָט זי אויסגעלאָזט מיט וויסטע קללות אויף סנדרן. זי האָט אים אָנגערופן מערדער און רוצח, וואָס האָט אויסגעפרעסן פון די טעפּ אין די אַלע נעכט און איצט האָט ער זי איבערגעלאָזט איינע אַליין מיט אַ בויך. הלוואי זאָל ער נאָך איין מאָל אַריינפאַלן אין אירע הענט און זי וועט אים אָפּגרילן מיט אַ טאָפּ אוקראָפּ. ער וועט קיין לעבעדיקער פון אירע הענט נישט אַרויס. דאָס וואָס קהל האָט אַמאָל געוואָלט מיט אים מאַכן, וועט זי מיט אים מאַכן און נאָך מער.

פון די קללות איז זי אַ ביסל געקומען צו זיך; דאָס ערשטע מאָל זייט טעג האָט זי געכאַפּט אַ טיפן אָטעם. אַז זי איז אַריין אין הויז און זעלדע האָט איר געפרעגט ווו זי איז געווען און פאַר וואָס זי האָט אַזוי לאַנג זיך געזוימט, האָט נעכע געענטפערט:

„כ'אָ זעך פלעצעם דערמאָנט, אַז היינט פאַלט אויס מיין טאַטנס יאָרצייט, אַ לעכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, בין איך געלאָפן אויף זיין קבר״.

„וואָס פאַר אַ טאָג איז היינט אין חודש, אויב דו האָסט זיך פּלוצים דערמאָנט אין דיין טאַטנס יאָרצייט?״ — האָט זעלדע געוואָלט וויסן.

נעכע האָט געהאַט אַן ענטפער:

„ס'האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרץ, אַז היינט איז עס. פון וואַנען דען זאָל איך וויסן, האַרינטע? אַלע יאָרן אַזוי״.

זעלדע האָט איר קיין איין וואָרט נישט געגלויבט. זי האָט געגנבֿי געוווּסט, אַז איר בעלם ווערן איז געשען דערוועגן איר שוואַנגערשאַפט. זי האָט דאָך איר אַליין אָנגעדייט דערויף. צוליב איר ווייבלעכן נייגיר, צו וויסן ווו נעכע איז געווען, האָט זעלדע אַפילו נישט געשריגן אויף איר. מיט איר מילדקייט און שווייגן וועט זי נעכען מאַכן באַרעדעוודיק. זי האָט געמאַכט אַ טעות. נעכע איז געווען פאַרשלאָסן און אָנגעכמורעט, ווי אַ געשלאָגענער הונט, וואָס ווייס, אַז ער האָט די קלעפּ פאַרדינט.

אין אָוונט, אויפן געלעגער, האָט זעלדע דערציילט אליעזרן, אַז ווערדליק זי האָט געזען איז נעכע טראָגעדיק. ער האָט געחוזקט:

„ווייבער האָבן ליב צו שדכענען שידוכים און צו מאַכן אַנדערע ווייבער טראַגעדיק. פון רוח־הקודש איז זי טראַגעדיק געוואָרן?"

„איך האָב זיך דערוועגן געבראַכן דעם קאָפּ — האָט זעלדע געזאָגט — זי גייט נישט אַרויס פון שטוב און זייט אירער איז פאַרטריבן געוואָרן, האָט דאָ זיין געביין נישט אַריינגעשמעקט".

„אפשר איז עס איר געקומען פון אַ צוקילונג? — האָט אליעזר געפרעגט מיט אַן אָנשטעל פון טיפער זאָרג — היינטיקע צייטן געשעען אַזעלכע אויסטער־לישע זאַכן, אַז אויך אַזאַ זאַך איז מעגלעך".

„שפּאָט, שפּאָט פון דיין ווייב. הלוואי זאָל זיך עס ענדיקן מיט שפּאָט. ס'פּעלט מיר נאָר די מויד זאָל אין מיין הויז אויסזייגן אַ ממזר" — האָט זעלדע געזאָגט מיט פולן ערנסט.

אליעזרן האָט נישט אָפּגעלאָזט די הלצהדיקייט:

„מיר דאַרפן באַצייטנס פּאַקן די פּעקלעך. אויב בראָדער קהל וועט אונדז נישט פאַרטרייבן פון דער שטאָט, ווייל איך האַלט פון דעם מעזריטשער מגיד, וועט ער אונדז פאַרטרייבן פון וועגן דער מויד וואָס וועט ביי אונדז אין הויז האָדעווען אַ ממזר".

„שפּיַי אויס! — האָט זעלדע אויסגערופן — די שעה זאָל נישט זיין!"

אליעזר האָט זי אַרומגענומען מיט אַ צערטלעכן אָרעם:

„זיַי נישט אַזוי איבערשראָקן. מיט קהל וועל איך זיך אַן עצה געבן".

„קהל קען זיין אַ קליפּה... חרם... די קונע... איך דערמאָן זיך ווי איך האָב אַ מאָל געזען ווי מען האָט געשמיסן דעם וואַסער־טרעגער, וואָס האָט געטראָגן וואַסער אין אונדזער שטוב... עמעצער האָט אים געמסרט, אַז ער האָט פּסח גע־טראָגן וואַסער אין די זעלבע עמערס וואָס אַ גאַנץ יאָר... איך האָב געזען ווי מען האָט אים געשלעפּט איבער די געסלעך, קינדער זענען נאָכגעלאָפן, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביי דער טיר פון קלויז. וואָס פאַר אַ כוח דער מענטש האָט געהאַט! קיינער האָט אים נישט געקענט אָפּרייסן פון דער טיר. האָבן די לייט פון קהל אַראָפּגעריסן די קליידער און אים געשמיסן מיט לעדערנע רימענס... מיינע אויגן זאָלן עס מער נישט זען..."

זעלדע האָט געציטערט, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָט מען זי געשמיסן.

אליעזר האָט געזאָגט:

„ער האָט זיך פאַרזינדיקט".

„נישט אמת! — האָט זעלדע דערווידערט — נישט אמת. ער איז געווען אַן ערלעכער ייִד. ס'האָט אים ווי געטאָן פאַר וואָס מען איז אים חושד אין אַזאַ עבירה און ער האָט נישט געוואָלט ענטפערן".

„פאַר אַזעלכע און אַנדערע זאַכן זענען דעם בעל־שם־טובס לייט מורד אין קהל. אי פון די פּריצים און אי פון קהל ווילן זיי נישט ליידן" — האָט אליעזר

געזאָגט ווי צו זיך אַליין און מיט זיינע ווערטער פּלוצים דערוועקט אין זעלדען אַ שאלה:

„פאַר וואָס האַלטסטו מיט דעם בעל־שם־טובס לייט? זיי זענען דאָך אַלע אָרעמע לייט. ווי קומסטו צו זיי?"

אליעזר האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ זייט, מיטן פּנים צו זעלדען, און דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף זיין אָרעם. ער האָט געזאָגט, ווי ער וואָלט זי געלערנט:

„איך וואָלט וועלן דו זאָלסט עס פאַרשטיין. נאָר דיר וועט עס שווער זיין. דער שקלאַף ליידט צרות פון זיין האַר, פון דעסטוועגן וויל ער אים אין אַלץ נאָכמאַכן. דערפאַר געשעט, אַז כאָטש ייִדן ליידן פון קריסטן, נעמען זיי אַליין איבער אַ טייל חפצות פון די קריסטן. זיי פילן עס אַפילו נישט ווי זיי מאַכן נאָך. קריסטן האָבן זייער גאָט אַריינגעשטופּט צווישן די טונקעלע ווענט פון דער קירך און זיי פאַררויכערן אים מיט קטורת. זיי קומען צו אים אין דער תּפילה, זענען פרום ווען זיי קניִען פאַר אים און זיי זענען אָרנטלעך ווען זיי קניִען פאַר אים, וואָרום זיי האָבן מורא פאַר אים. נאָר ווען זיי גייען אַרויס פון דער תּפילה, זענען זיי זיכער, אַז גאָט גייט זיי נישט נאָך און זיי זענען פריי אַלץ צו טאָן. די רבנים און די שטאָט־פּרנסים מאַכן זיי נאָך. זיי האָבן אונדזער גאָט אַריינגעשטופּט אין די קלויזן און בתי־מדרשים און אַליין פירן זיי זיך אויף, ווי זיי וואָלטן געווען פריי אַלץ צו טאָן מיט די אָרעמע ייִדן, ווי אונדזער גאָט וואָלט עס נישט געזען. ווי די פּריצים קוועלן די כאַמעס, אַזוי קוועלן די רבנים און די פּרנסים די געמיינע לייט. זיי האָבן גאָט אין קלויז, צווישן די טאָוולען פון די ספרים. איז געקומען דער בעל־שם־טוב און געזאָגט, אַז גאָט איז אומעטום, ער איז מיטן וואַסער אין טייך, ער איז אינעם וואַקסנדיקן גראָז, אין דעם געברויש פון ביימער. פאַרשטייסט? אומעטום איז ער דאָ און ער איז אויך אינעם מענטש, אינעם טראַכטן פונעם מענטש. ער איז אַ גאָט פון גוטסקייט און ער פאַרשטייט די פייגל אונטערן הימל און אין די נעסטן, ווי ער פאַרשטייט דעם מענטש ווו נאָר ער געפינט זיך. זאָגן די חסידים נאָכן בעל־שם־טוב, אַז אום צו דינען גאָט דאַרף מען נישט באַגינען לויפן אין קלויז, ווען מען איז נאָך פאַרשלאָפן און מען פּילט נישט די תּפילות. מען קען דינען גאָט אויך אין מאַרק, אין פעלד, אין וואַלד. גאָט וויל די כּוונה פונעם מענטש און נישט די ווערטער פון די תּפילות. פאַרשטייסטו וואָס איך רעד צו דיר, אָדער איך האָב דיך אייַנגעשלעפערט מיט מייַנע ווערטער?"

„רעד, רעד — האָט זיך זעלדע צוגעטוליעט צו אים — ס'איז מיר גוט צו הערן די ווערטער. זאָגסט עס אַזוי זיס, אַז מען דאַרף עס גאָרנישט פאַרשטיין. עס גיסט זיך אַליין אַריין אין האַרץ".

„דאָס איז חסידות — האָט אליעזר געפליסטערט — דערפאַר איילן אַזוי פיל אומגליקלעכע ייִדן קיין מעזעריטש צום מגיד. דאָרט זענען זיי פריי צו דינען גאָט ווי זיי ווילן, מיט געזאַנג, מיט טענץ, דורך אויסהערן די מעשׂיות נפלאות, וואָס דער מגיד דערציילט נאָך פון ר' ישׂראל דעם בעל־שם־טוב. און די רבנים און פּרנסים האָבן דערפאַר מורא, ווי די פּריצים האָבן מורא, אַז די כאַמעס זאָלן זיך

נישט צעלויפן פון זייערע מאַיאָנטקעס. דערפאַר רודפן די רבנים די חסידים אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען די לייט פון יעקב פראַנק, וואָס אַנטלויפן אין די פריצישע שײַערן ווי די מײַז".

„קען אַ ווייב זיין פון די חסידים?" — האָט זעלדע פלוצים געפרעגט.

אליעזר האָט זי אַ קוש געטאָן:

„ווייסטו נישט, אַז ס'איז דער שטייגער אַ ווייב זאָל זיין וואָס דער מאַן איז?"

„און דו ביסט אַ חסיד?" — האָט זי ווייטער געפרעגט.

אליעזר האָט אַ רגע נאָכגעטראַכט און געזאָגט:

„איך בין, נאָר איך טרייסל זיך נישט ביי די תפילות און איך פאָר נישט קיין מעזריטש... פון דעסטוועגן וועל איך אַ מאָל פאָרן אַהין... ס'איז מיר צום האַרצן זייער שטייגער, נאָך דעם אַלעמען".

וועלוול בעלזערס נסיעות

נאָך אַ לאַנגן נע־ונד האָט וועלוול בעלזער געהאַט צוריקגעקערט קיין בראָד. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ געפּיל, וואָס עס האָט אַ מענטש, וועלכער איז לאַנג קראַנק געווען, נאָר אויפן ראַנד פון יענער זייט לעבן איז ער על־פּי נס גענעזן געוואָרן און ס׳חיות האָט זיך צעזונגען אין זיינע גלידער.

פון אָנהייב, ווען ער האָט פאַרלאָזט בראָד, האָט ער אַפילו נישט געטראַכט, אַז ער וועט ווען עס איז צוריקקומען. גאָרנישט מער האָט אים געבונדן, נישט מיט זיין היים און נישט אַפילו מיט זיין מאָרגן. ווען ער זאָל דעמאָלט נישט האָבן באַ־שטעלט דעם פיאַקער פון דער בויד קיין יעראָסלאַוו, וואָלט ער באַלד נאָכן גט מיט זעלדען געקענט איבערלאָזן זיינע טשעמאָדאַנעס, זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ וואָגן אין אַלע פיר עקן וועלט, אָדער גאָר אַוועקשפּאַנען צו פוס. ס׳איז אים דעמאָלט געוואָרן קלאָר, אַז אייגנטלעך האָט דער הימל אַלע מאָל געשפּילט מיט אים אַ חוזק: נישט געגעבן אים קיין נאָכקום און אים יאָ געגעבן עשירות, ער זאָל דערפון קיין נחת נישט האָבן. איבער די פּוילישע מדינות וואַנדערן ישיבה־בחורים, מגידים, פּרושים, בדחנים און מדינה־גייערס. זיי פאַרמאָגן נישט קיין קופּערנעם גראָשן, און עס איז זיי אַלע נישט ערגער פון אים, דעם בראָדער גביר, וועלוול בעלזער. איז די עשירות נישט מער ווי אַ שטיין צוגעקאָוועט צו די פיס.

אַזוי האָט וועלוול געטראַכט פאַרנדיק אין דער בויד קיין יעראָסלאַוו. נאָר אַז ער איז אָנגעקומען אין דער פרעמדער שטאָט און דער בעל־אכסניה האָט, דער־קענענדיק דעם בראָדער גביר, אים אָפּגעגעבן אַ בכּבודיקן שלום־עליכם, אַלע אַרום זאָלן הערן, איז וועלוול דעם אָוונט איינגעשלאָפן מיט חלומות, אַז ער עסט אַ פעטע סעודה, וואָס ענדיקט זיך נישט און אַלע אַרום, וואָס ער האָט אַפילו זייערע פּנימער נישט געקענט, האָבן אויפן קול געריימט זיינע מידות טובות. אַפילו קינדער, וואָס זענען געזעסן צווישן די אומבאַקאַנטע פּנימער, האָבן מיט גלעקלדיקע שטימעלעך צעקלונגען אַרום די טישן, אַז דער פעטער וועלוול איז אַ גרויסער בעל־צדקה, ער גיט אויך חנוכּה־געלט ביד־רחבה און צו פּורים־צייט שיקט ער פונאַנדער שלח־מנות צו קינדער, וואָס הייבן אָן לערנען חומש מיט רש״י. וועלוולען זענען דער־ווידער געוואָרן אַזוי פיל שבחים און ער האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן, נישט צו הערן. נאָר די קינדער האָבן געליאַרעמט נאָך העכער און דער ליאַרעם האָט אים אויפגעוועקט.

ס׳איז שוין געווען טיפער טאָג. דורך דעם אָפענעם פענצטער האָבן אַריינגע־שייַנט אַ שטיפעריש געלעכטער פון קינדער און אַ ליכטיקע זון. איז וועלוול אַראָפּ

פון געלעגער, נאָך מער צעעפּנט דאָס פענצטער און דערזען אין דרויסן פיר צעשטיפטע ייִנגעלעך, וואָס גראָד האָבן זיי זיך געשפּילט אין אַריבערפּישן בויגנס — איינער איבערן צווייטנס בויגן. וועלוולס אויג האָט אויפגעכאַפּט אַ זונפונק, וואָס האָט זיך צעשפּריצט אין איינעם אַ בויגן און אַ ליכטיקע פרייד האָט אים אַנגעפילט דאָס האַרץ; אַ פּלוצימער פלייץ פון פרייד. די זון האָט אַריינגעלאַכט אין דער שטיפערישקייט פון די קינדער און וועלוול בעלזער האָט מיט ביידע הענט אויף דער נאַקעטער ברוסט מיטגעלאַכט. און אין דער פרייד האָט ער זיך דערמאָנט אין דער עצבות, וואָס האָט אים געהאַט פאַרגאַסן, ווען ער איז געפאָרן אַהער און געהאַט צו זיך טענות, הלמאי דער הימל טרייבט מיט אים קאַטאָוועס. ווי קען עס אַ ייִדן איינפאַלן אַזאַ מחשבה? אַז יעדער מענטש ווערט געבוירן, כדי אויף דער־וועלט עפּעס מתקן צו זיין — ווי האָט אים געקענט איינפאַלן, אַז גאָט חוזקט פון אים?

ביי תּפילת שחרית זענען אים מער נישט געווען געגנוג די תּפילות, וואָס ער חזרט איבער יעדן טאָג. נאָר מיט זיין אייגן לשון האָט ער געלויבט אים אין הימל, וואָס פּרוּווט דעם מענטש מיט שטורעמס פון ייִאוש און מיט וויוגעס פון צער, נאָר באַלד לייטערט ער אים ווידער אויס מיט דעם ליכט פון דער זון און מיט מענטשלעכער פרייד און מיט אַזאַ תּענוגדיק געלעכטער ווי פון די קינדער, וואָס האָבן אים אויפגעוועקט פון זיינע חלומות.

ווי ער האָט אַזוי געלויבט דעם אין הימל מיט זיין אייגן לשון, האָט ער אַנגע־רירט זיין געלטגאַרטל און עס איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס וואָס ער האָט גע־טראַכט צו זיין איינער פון די נע־ונדנדיקעס, די פּרושים, די וואַנדערנדיקע ישיבה־בחורים, בדחנים און מדינה־גייערס, איז אַ גרויסע זינד. איצט, אויב גאָרנישט בינדט אים, וועלן אים די גילדענע רענדלעך צוהעלפן אין זיין פרייקייט. און ווי אַ תשובה דערפאַר וואָס ער האָט געטראַכט זינדיקע מחשבות וועגן דעם באַשעפער פון דער וועלט, וועט ער שטעלן בראָנפן מיט ציבל־פּלעצלעך פאַר די משניות־לערנערס אין קלויז. וועלוול בעלזער האָט זיך פון דעם טאָג אָן געמאַכט אַ מינהג, אַז אין וועלכער שטאָט ער קומט, דאַוונט ער מיטן צווייטן מנין און שטעלט בראָנפן מיט געזאַלצן געבעקס פאַר די, וועלכע בלייבן אין קלויז לערנען.

נאָר איין מאָל איז געשען: אין קיטעוו האָט וועלוול געשטעלט משקה מיט מעלעס־קיכלעך. געטרונקען מיט אים האָבן בלויז צוויי וויל־לערנערס, וואָס זענען נאָכן דאַוונען געבליבן אין קלויז. די אַנדערע פון דעם מנין זענען אַוועק, קוקנדיק אויף וועלוולען ווי ער וואָלט זיי געווען אַ חשוד. עפּעס אַ ווילד פרעמדער ציט אַרויס פון טלית־זאַק אַ פלאַש משקה און אַ טאַרבע מעלעס־קיכלעך, און אין אַ וואָכעדיקן טאָג גייט ער מאַכן אַ קידוש. אין קיטעוו איז אַזאַ זאַך נאָך נישט גע־הערט געוואָרן, סיידן אַ ברית. נאָר די צוויי געבליבענע האָבן געטרונקען מיט אים און אַזוי ווי זיי זענען געווען זאַלבעדריט און די פלאַש איז געווען אַ גרויסע, איז וועלוול שפּעטער אַרויס פונעם קלויז מיט אַ פאַרנעפּלטן מוח און מיט אַ שטייפער צונג. אויפן מאַרק איז געשטאַנען אַ געשפּאַנטע בויד, און כאָטש קיין פּאַסאַזשירן

האָט מען נישט געזען, האָט דער בעל־עגלה געקלאַפּט מיט דער בייטש ווי די בויד וואָלט געדאַרפט רירן. האָט וועלוול געפרעגט:

„ווּהין פאָרט די בויד?"

האָט דער בעל־עגלה געענטפערט:

„די בויד פאָרט קיין באַכניע".

„ווען פאָרט די בויד קיין באַכניע?" — האָט וועלוול ווייטער געפרעגט.

„ווען איר זענט גרייט, קענען מיר שוין פאָרן" — האָט דער בעל־עגלה געענטפערט.

„ווייסט איר וואָס? קומט מיט דער בויד צו מיין האַרבעריק, נעמט מיינע טשעמאָדאַנעס און איך פאָר קיין באַכניע" — האָט וועלוול געזאָגט. און איידער וואָס־ווען האָט זיך די בויד געטראָגן צווישן פעלדער און וועלדער, דער בעל־עגלה האָט געקנאַקט מיט דער בייטש און וועלוולס מחשבות זענען געווען פאַר־וואָלקנט. דערנאָך איז אַראָפּ אַ שלאַקסרעגן, מיט דונערן וואָס האָבן די פערד ווילד געמאַכט, און בליצן, וואָס האָבן אַראָפּגעשאָסן מיט זון־בלענדיקע פייערקוילן אונטערביימערשטאַמען. וועלוול בעלזער האָט זיך אויסגעניכטערט און זיך דערזען איינער אַליין אין דער בויד. אַלץ איז אים אויסגעקומען אויסטערליש. ער האָט מורא געהאַט צו פרעגן דעם בעל־עגלה וווּהין מען פאָרט, און צוליבן געטראַסק פון די דונערן וואָלט דער בעל־עגלה אויך נישט געהערט וואָס ער פרעגט אים. האָבן זיך די פערד געטראָגן צווישן שרעק און געדונער, די וועגן זענען געוואָרן טייכן און דער הימל — אַן איבערגעקערטער ים, וואָס גיסט אויס אַלע זיינע וואַסערן, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט זייט ששת ימי בראשית פון אַלע טייכן אויף דער וועלט.

כאָטש אין באַכניער קלויז האָט וועלוול געבענטשט גומל, וואָרום ער האָט נישט באַגריפן ווי אַזוי אים איז פּלוצים איינגעפאַלן צו פאָרן קיין באַכניע און וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין וועג, איז אים דאָס האַרץ געוואָרן נאָך שווערער. נאָר אויך דאָ האָט ער נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זיין נייעם מינהג, נאָכן דאַווענען צו שטעלן בראָנפן מיט געזאַלצן געבעקס. אפשר וועט אים דערפון ווערן לייכטער אויפן האַרץ. ער האָט דאָך געדענקט מיט וואָס פאַר אַ שווער געמיט ער איז געהאַט אָנגעקומען קיין יעראָסלאַוו און וואָס פאַר אַ פרייד ער האָט באַלד דערנאָך געהאַט. אַזוי שנעל ווי ער האָט פאַרענדיקט דאָס דאַווענען, איז ער אַרויס אויפן באַכניער מאַרק אין שענקהויז צו קויפן אַ פלאַש בראָנפן מיט קיכלעך און צוריקקערן אין קלויז. ער איז אַריין אין שענקהויז און געזאָגט:

„אַ פלאַש יי"ש". פרעגט דער קרעמער: „אַ שמחה? איז אפשר צוויי? איך האָב אין גאַנצן צוויי פלעשער".

אַז די צוויי פלעשער זענען שוין געשטאַנען אויפן טאָמבאַנק האָט זיך אַריינ־געשטעלט אַ לאָמער ייִד און אויסגערופן האָפערדיק:

„ר' מעכל, אַ פלאַש!"

„איך האָב נישט — האָט דער קרעמער געזאָגט — אָט האָט דער ייִד געקויפט די לעצטע צוויי פלעשער".

האָט דער לאָמער ייִד זיך געוואָנדן צו וועלוולען:

„אפשר, ר' ייִד, וועט איר מיר אָפּטרעטן איין פלאַש?"

האָט וועלוול געזאָגט: „איך האַנדל נישט מיט יי"ש, נאָר טאָמער ווילט איר טרינקען אַ גלעזל, קומט מיט מיר אין קלויז. איך האָב מיר מיין מינהג, אַז ווען איך קום אין אַ פרעמדער שטאָט שטעל איך דעם ערשטן טאָג נאָכן דאַווענען משקה פאַר די, וועלכע בלייבן אין קלויז לערנען".

„פון וואַנען קומט אַ ייִד?" האָט דער לאָמער געפרעגט.

האָט אים וועלוול דערציילט, אַז איזן איז ער אַ בראָדער, נאָר איצט איז ער פון אַ סך שטעט, ווו עס לעבן ייִדן.

צוריקגעקומען אין קלויז — איז קיינער נישט געווען, און וועלוול האָט גע־טראַכט, אַז גוט וואָס דער הימל האָט אים צוגעשיקט דעם לאָמען ייִד, וועט ער טרינקען מיט אים. און אַזוי האָט ער געטאָן. נאָר וועלוולען איז נישט געווען גוט אויפן האַרצן. אין מיטן טרינקען האָט דער לאָמער פלוצים געפרעגט:

„איר זענט אַוודאי געקומען צום רבין. דאָס זע איך וועדליק איַיער גאַנצן שטייגער".

„צום רבין? — האָט וועלוול געפרעגט — ווער איז דער באָכניער רבי?"

דער לאָמער האָט געבעטן רשות צו טרינקען נאָך אַ גלעזל משקה און נאָכן אויסטרינקען האָט ער געזאָגט:

„מיך דאַרפט איר עס נישט פרעגן. איר ווייסט עס אַליין. אויב איר ווילט קען איך אייך אונטערפירן צום רבין און אויב נישט — קענט איר געזונטערהייט גיין אַליין. איר וועט טרעפן דעם וועג".

וועלוול בעלזער האָט קיין מאָל נישט געקענט משיג זיין ווי אַזוי ס'איז געשען וואָס ער האָט זיך געלאָזט פירן פון דעם לאָמען ייִד. ער איז אַפילו נישט געווען שיכור. סך־הכל האָט ער אויסגעטרונקען צוויי ליאַמפּקעס. נאָר אפשר, ווייל ער האָט געטרונקען אויפן ניכטערן מאָגן, איז ער געוואָרן בגילופין און דער ווילן איז אַוועק פון אים. ער האָט אַפילו נישט געדענקט, אַז דער לאָמער האָט אים געפירט נאָך זיך. עס האָט געקענט זיין, אַז ער האָט געמאַכט אַ קפיצת־הדרך: אָט איז ער נאָר וואָס געזעסן אין קלויז און איצט זיצט ער שוין אין אַ גרויסער קאַמער, ביי אַ טיש פאַרלייגט מיט ספרים, אַנטקעגן אַ מאַן, וואָס איז געווען אַ סך ייִנגער פון אים, נאָך כּמעט אַ יונגערמאַן, נאָר מיט אַ הדרת־פּנים, אַ לומדישן שטערן מיט אַ קנויל גאָלדיק־בלאָנדע לאָקן, ווו מען לייגט דעם של־ראש, און מיט אַ לאַנגער געקעמטער בלאָנדער באָרד:

„איר זענט אַ בראָדער, האָב איך געהערט זאָגן" — האָט דער מאַן פאַרריכט דאָס מיצל אויפן שפּיץ קאָפּ.

„פון בראָד" — האָט וועלוול באַשטעטיקט און אַ טראַכט געטאָן: ‚פון וואַנען ווייסט ער, אַז איך בין פון בראָד?'.

„וואָס ברענגט איך צו מיר? אײַערע בראָדער זענען דאָך גרייט מיך דורסן!"
— האָט דער מאַן געזאָגט האָפּערדיק.

וועלוול האָט זיך געוווּנדערט:

„וואָס מיך ברענגט צו אײַך? איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת, איך פאַרשטיי נישט ווי אַזוי איך געפֿין זיך דאָ און איך ווייס אַפּילו נישט ווער איר זענט".

דער מאַן האָט זיך אויפגעשטעלט און בײדע דיקע פֿינגער אַרײַנגעשטעקט אינעם גאַרטל, וואָס ער האָט געהאַט אַרומגעגאַרטלט אונטערן בויך:

„איך בין אלישע שור, פֿון ראַהאַטין. האָט איר געהערט פֿון אלישע שור?"

אין איין אויגנבליק איז וועלוול בעלזער געוואָרן אויסגעניכטערט. דער מאַן האָט עס באַמערקט און ער האָט אים באַרויִקט:

„דאָ, אין באַכניע, דאַרפֿט איר נישט מורא האָבן צו שטיין אין מײַנע ד' אמות. מיר האָבן דאָ אַ פּאָר מנינים פֿון אונדזערע ברידער און די האַנט פֿון די רבנים איז דאָ אַ קורצע".

„איך... איך האָב נישט מורא... מורא?" — האָט זיך וועלוול געוווּנדערט.

„נאָר דעם חרם מיינט איר. דאָס איז עס?" — האָט געפֿרעגט אלישע.

צוליב דעם טאַקע האָט זיך וועלוול אויסגעניכטערט. ער האָט געהערט דעם נאָמען אלישע שור פֿון ראַהאַטין נאָך דעמאָלט, ווען די לייט פֿון יעקב פֿראַנק זענען אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין חרם. נאָר באַלד איז ער געווען פֿאַרוווּנדערט פֿון דעם וואָס פּאַר אים שטייט אַ הדרת־פּנימדיקער ייִד, וואָס ווען ער אַליין זאָל אים נישט זאָגן ווער ער איז, וואָלט אים נישט אײַנגעפֿאַלן חושד צו זײַן, אַז ער איז פֿון די לייט פֿון יעקב פֿראַנקס כּת. דאָך אַנטלאָפֿן איז ער נישט, וועלוול. דער גוף איז אים געווען ווי צוגעשמידט צום זעסל. און אַז ער האָט געפּרוּווט צונויפֿנעמען די מחשבות וועגן דעם וואָס איז געשען אין דעם פֿרימאָרגן און וואָס עס געשעט מיט אים אין דער רגע, האָט ער געהערט איבער זיך דאָס טיף ברוסטיקע קול פֿון אלישע:

„דער לעמבערגער רב האָט געמיינט, אַז ער וועט אונדז אומברענגען מיט זײַן חרם. אויך ער, ווי אַלע רבנים אין פּוילן, האָט פֿאַרגעסן, אַז ייִדן זענען נישט קיין וואַסער, וואָס אַז מען גיסט עס אַרײַן אין אַ פֿאַס און מען פֿאַרשפּונטעוועט זי ווערט דאָס וואַסער שטייענדיק און פֿאַרשטונקען; ייִדן זענען ווי ווײַן. אַז מען פֿאַרשפּונטעוועט זיי אין אַ פֿאַס יוירן זיי, ווערן שאַרפֿער און קליגער. און זיי רײַסן אויף! מיר וועלן זיי אויפֿרײַסן, די רבנים! מיר וועלן פֿאַרענדיקן דעם גלות בײַ די רבנים! זייער חרם שטאַרקט אונדז און איר..."

„אײַערע לייט שמדן זיך אויס" — האָט וועלוול געפּרוּווט איבעררײַסן דעם ווערטערשטראָם פֿון אלישע.

אלישע האָט זיך דערנענטערט צו אים, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך פּלוצים אויפֿשטעלן און אַנטלויפֿן, און געזאָגט מיט אַ נאָך געשטייגטער שטים:

„שמדן זיך!? אונדזער רבי ר' יעקב איז גערעכט ווען ער זאָגט, אַז כּדי צו

דערגרייכן די גאולה דאַרף מען אַלץ טאָן, וואָרום אויף צו מאָרגנס פון באחרית הימים וועט אַלץ זיך ענדערן און אויסגלייכן. מיר מוזן מיט כּוח זיך אָפּרייסן פון די רבנים, וואָס האַלטן אויף דעם קץ מיט זייער גייציקייט, מיט זייער עבֿודות, מיט וועלכער זיי האָבן פאַרשקלאַפט דעם געמיינעם מאַן. ווי אַזוי קען אַ ייִד אַרויסגיין פון דער שליטה פון די רבנים, אויב ער שמד זיך נישט?.. מה שמך?״ — האָט אלישע פּלוצים איבערגעריסן און אויסגעשטרעקט אַ פינגער צו וועלוולען.

„וועלוול, וועלוול בעלזער רוף איך זיך״ — האָט ער געזאָגט און אלישע האָט ווידער אויף אים אָנגעוויזן מיטן פינגער:

„ר׳ וועלוול בעלזער, מיט וועמען וועלן מיר אַנטקעגנגיין משיח בן־דוד, אויב די קאָזאַקן און די מאָסקאָוויטן וועלן אונדז אויסהרגענען און די פּאָליאַקן וועלן אונדז מאַכן וועלקן פון דעם ווזכער? אַפילו קיין שתדלנים וועלן נישט בלייבן. און מיר ווילן אַ המון־עם זאָל אַנטקעגנגיין משיחן! אַז מיר וועלן זיין אין גאַנצן פריי, וועלן מיר ווידער זיין ייִדן. אַלע וועלן זיין ייִדן! און אַלץ וועלן מיר דעמאָלט ענדערן. גלייך מיט אַלע מענטשן וועלן מיר זיין, אַז אַ גוי זאָל נישט קענען אָנווייזן: זעסט, דער רעדט אַן אַנדער לשון און ער איז אָנגעטאָן אין אַן אַנדער לבוש — אַ ייִד איז ער. האָבן נישט ייִדן אין ספרד לפּנים אָנגענומען די אמונה פון די קריסטן, כּדי צו זיין פריי? צי איז דאָס ביסל וואַסער, וואָס דער גלח האָט אַרויפגעשפּריצט אויף מיין קאָפּ אַנדערש פון דעם ביסל וואַסער, וואָס אַ ייִד שפּריצט אַרויף אויף זיינע פינגער אויף צו מאַכן אַן ,אשר יצר׳? מיט דעם שפּריץ וואַסער אויף זייערע קעפּ האָבן זיך די ייִדן אין ספרד באַפרייט פון רדיפות. שפּעטער זענען זיי צוריק געוואָרן ייִדן. מיר איז נישט קיין נפקא־מינה ווער עס רודפט מיך — דער רבֿ, דער פּרנס, דער וואָיעוואָדע, צי דער פּריץ. איך וויל נישט זיין גערודפט, נישט פון דעם און נישט פון יענעם. דער לעמבערגער רבֿ, אברהם הכּהן ראַפּאַפּאָרט, דער וואָס האָט אונדז מחרים געווען און שרעקט אונדז מיט מסירות — ער ווינט אויף דער ייִדנגאַס; אונדזער רבי ר׳ יעקבֿ זיצט ביים טיש פונעם מלך אין זיין פּאַלאַץ אין וואַרשע. ביי דער זייט פון פירשט ראַדזשיוויל״.

אלישע האָט זיך פריציש און הילכיק צעהירזשעט אין געלעכטער, ווי אַ יונג פערד, און אינעם איבעררייס אין פלייץ פון לשון, ווי פון דעם ראַהאַטינער וואָלט אַרויסגעזעצט אַ זודיקער קוואַל, האָט וועלוול באַוויזן צו זאָגן וואָס ער טראַכט און ער האָט געזאָגט:

„אַלץ איז פאַר מיר אויסטערליש. איך הער אייך און איך באַגרייף נישט. אפשר ווייל איך באַגרייף זיך אַליין נישט. איך ווייס אַפילו נישט פאַר וואָס איך זיץ דאָ ביי אייך. אפשר ווייל גאָט האָט מיך אַזוי האַרב געשטראָפט, אַז איצט האָט ער צוגעשאָטן נאָך אַ ביסל, איך זאָל נישט פאַרגעסן, אַז איך בין וועלוול בעלזער. נאָר ווייל איך בין וועלוול בעלזער, זאָג איך אייך: מרידה פאַרשטיי איך, נאָר מרידה קעגן מענטשן און נישט קעגן גאָט. די צדיקים, פריער ר׳ ישׂראל בעל־שם־טובֿ פון מעזשיבאָזש עליו־השלום און איצט דער רבי דבֿ בעריש פון מעזע־ריטש, האָבן מורד געווען אין די רבנים, דעריבער פאַנגען זיי ייִדישע הערצער,

סיי פונעם געמיינעם פאָלק און סיי פון תּלמידי־חכמים, וואָס אַלע זוכן זיי אַן אַנטרינונג פון דער רבנישער חמימה. אָבער מורד זיין אין גאָט פון ישׂראל!? אַ ייִד איז באַהאַפטן מיט יהדות, ווי אַ האַנט איז באַהאַפטן מיטן גוף; שנײַדט מען אָפּ די האַנט, אַזוי שטאַרבט זי אָפּ און מען קען זי צוריק צום גוף נישט באַהעפטן".

אלישע שור האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, און ווי אַ כוואַליע פאַרגיסט אַ שיפל, אַזוי האָט ער מיט אַ באַנייטן זודיקן שטראָם פאַרגאָסן וועלוולס ווערטער:

„אַז משיח וועט קומען וועט יעדער משל פאַסן צו יעדן נמשל. מיר שניידן זיך נישט אָפּ פון יהדות, נאָר מיר מאַכן לויז אונדזערע הענט און פיס פון די שטריק, וואָס די רבנים און פרנסים האָבן אונדז געפּענטעט מיט זיי. מיר זאָלן קענען אַנטקעגנגיין די גאולה. מיר זענען געגליכן צו שבוים, וואָס באַפרייען זיך מיט אייגענע כּוחות. נאָר וואָס שייך דעם שמד, זאָלט איר וויסן, אַז מיר טוען עס מיט באַוואָרענישן און די גלחים ווייסן דערוועגן, און זיי קוקן אויף אונדז מיט חשד. זיי טרויען אונדז נישט. און זיי ווייסן פאַר וואָס זיי טרויען אונדז נישט" — האָט אלישע שור זיך אַראָפּגעבויגן און געזאָגט די לעצטע ווערטער ווי אַ סוד.

„דער רבי דב בעריש באַפרייט מיט אמונה און מיט שׂמחה! — האָט וועלוול ווידער אַ מאָל געזאָגט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר דער השפּעה פון אלישעס ווערטער — מערן זיך זיינע חסידים ווי די שטערן אין הימל. זיי וועלן אַנטקעגנגיין משיחן מיט שׂמחה".

„זיי וועלן נישט אויסהאַלטן! — איז אים אלישע אַריינגעפאַלן אין די רייד — שוין מערן זיך די סימנים, אַז די רבנים וועלן אויך זיי אַריינלייגן אין חרם, ווי זיי האָבן אונדז אַריינגעלייגט אין חרם. אויף יעדן מטיף, וואָס עס שיקט אַרויס דער מעזעריטשער מגיד, שיקן אַרויס די ליטוואַקעס צוויי מלשינים קעגן זיי. און זיי וועלן אַפילו נישט האָבן וואָר עס זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי".

„הקדוש־ברוך־הוא וועט זיך אָננעמען פאַר זיי! — האָט וועלוול געזאָגט מיט אמונה — וואָר עס האַלט זיך ביים שומר־ישׂראל, דעם שיצט דער שומר. מען דאַרף זיך נאָר אָנגורטן מיט סבלנות און פאַרשטיין די רמזים, מיט וועלכע דער הימל רעדט צום מענטש. ווי לאַנג האָט עס געדויערט משׂיג צו זיין דעם רמז, אַז די וועלט גרונטפעסטיקט זיך אויף צדיקים?"

„דער אמתער צדיק איז רבי יעקב!" — האָט דער ראַהאַטינער אויפגע־לאַכט, ווי ער וואָלט ענדלעך וועלוולען מנצח געווען.

ער האָט אים נישט מנצח געווען; ער האָט נאָר אויפגעטרייסלט יעדעס פעדעמל אין זיין נשמה. אין זיין וואַגלען האָט וועלוול זיך אַנגעטראָפן אין די שטעט און שטעטלעך אויף די חסידים פון בעל־שם־טוב, וואָס זיין תורה האָט מסביר געווען דער מעזעריטשער מגיד. די וועלכע ער האָט אַנגעטראָפן אין די קלויזן, זענען אַלע מאָל געקומען צום צוויטן מנין, אָדער אין מיטן דאַוונען. זיי האָבן זיך אין די תפילות פאַרברענט, זיך געטרייסלט, ווי זיי וואָלטן צעריסן געוואָרן פון נישט געזעענע שטורעמווינטן, און אונטערגעשפּרונגען ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז בעת די תפילות וואַקסן זיי אַן פליגל און זיי הייבן זיך אויף צום כּסא־הכבוד.

ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט בעת די תּפילות אַריין אין דער זעלבער כּוונה, וואָס די חסידים, און ער האָט נישט געקענט. ער האָט קיין ברעקל התרוממות נישט געפילט. איז ער מקנא געווען זייער מעמד און טיף אין האַרצן האָט ער געהאָפט, אַז דורך זיין מינהג פון משקה מיט קיכלעך נאָכן דאַווענען, וועט ער סוף־כּל־סוף דערגרייכן די מדרגה. אפשר. איז ער, הערנדיק די טענות פון אלישע שור, געווען אַ געשיצטער. אָבער דער כּוח, מיט וועלכן אלישע האָט גערעדט, האָט אים צעטרייסלט. ער האָט אַריינגעדונערט אין אים, געפּישופּט אים מיט די חסידים, וואָס די כּת איז מזכּה. פּאָר איר, פּאָר דער כּת, האָבן זיך געעפנט די פּאַלאַצן און שלעסער פון דער שליאַכטע. ענדלעך האָט די שליאַכטע דערזען, אַז ייִדן זענען נישט קיין ווילדע באַשעפענישן, נאָר תּלמידי־חכמים און פּאַטריאָטן פון פּוילן זענען זיי. רבי יעקב וועט אויך אויפשטעלן ייִדישע אולאַנער, כּדי צו ווייזן דער שליאַכטע, אַז ייִדן קענען האַלטן אַ שווערד אין דער האַנט. ייִדן וועלן פירן מלחמה, ווי אַלע פעלקער פירן מלחמה, און בלוט וועט זיי נישט אָפּשרעקן. זיי וועלן שלאָגן ווי אַלע גויים שלאָגן. צום סוף, ווען אלישע האָט אים געזאָגט, אַז יעקב פראַנק וויל אויך, אַז יעדער פון דער כּת זאָל ווערן אַן עושר, ווייל ער טענהט, אַז אַן אָרעמאַן איז אָרעם אין אַלץ און אַז דאָס רייכע לעבן מאַכט אַלץ רייך און גרויסמוטיק, האָט זיך וועלוול בעלזער ענדלעך אויפגעשטעלט אַ באַ־פרייטער פון אַלע נעפּלען, און אַריינשטעקנדיק די הענט אין די אַרבל פון זיין בגד האָט ער געזאָגט מיט אַ געלויטערטער רויִקייט:

„איר זעט, ר׳ אלישע, אַלע אין בראָד קענען מיך ווי אַן עושר. אַ קליינִקייט: וועלוול בעלזער! נאָר פון דער גאַנצער עשירות בין איך אומגליקלעך אָרעם. דאָס וואָס מיך אונטערשיידט פון אַ מדינה־גייער איז נאָר דאָס, וואָס איך שלאָף נישט אין אַ הקדש און איך גיי נישט צו פוס פון שטאָט צו שטאָט. און דאָס וואָס איר זאָגט מיר, אַז פּאָר איַיערע לייט האָבן זיך געעפנט די שלעסער פון דער שליאַכטע און אַז אין זייערע אויגן האָט איר אויפגעהערט צו זיין ווילדע באַשע־פענישן, ווונדערט מיר אויף אייך, איר זאָלט דאָס זאָגן. אין בראָד גייט אַרום אַ שמועה, אַז איר, אלישע שור, זענט אַ תּלמיד־חכם, אַ בקי אין תּורת הניגלה ווי אין תּורת הניסתּר, אָשר הציץ ונפגע. זאָל אייך קימערן וואָס דער שליאַכטשיץ טראַכט, צי ייִדן זענען יאָ, אָדער נישט ווילדע באַשעפענישן? וואָרום טאָמער איז דער שליאַכטשיץ אַ לייט, ווייסט ער, אַז ווען מיר זענען געשטאַנען ביים הר־סיני און אָנגענומען די תּורה, האָט ער נאָך געבולן אויף דער לבנה. און טאָמער ווייסט ער דאָס נישט — ווייסט ער גאָרנישט און איך וואָרט נישט ער זאָל מיר זאָגן ווער איך בין און וואָס איך בין. און וואָס שייך נעמען אַ שווערד אין דער האַנט אַריין און פירן מלחמה ווי אַלע גויים — איז וואָס איז דאָ די מציאה? צי די מציאה וואָס אַלע, אָדער די מציאה איז הרגענען מענטשן? ס׳רוב מענטשן זענען אָרעמעלייט — דאַרף איך אויך זיין אַן אָרעמאַן? איז מסתּמא האָט איר אין זיבען דאָס זיין ווי אַלע, ווען די אַלע זענען בעסערע. אָבער איך זע די אַלע פעלקער ווי ערגערע, ווייל דער וואָס איז עובר אויף דעם צוו „לא תרצח״ איז לכל־הדעות

ערגער פון דעם וואָס איז מקיים דעם צוו, און שפיכת־דמים פאַררעכנט ער צום חטא הקדמון. וואָס איז די מציאה צו ווערן אַ קין? נו, אַז אײַער יעקב און לייב קריסא זענען שוין געוואָרן ווי אַלע, צי זענען זיי געוואָרן בעסער, אָדער זיי זענען אַראָפּגעפאַלן אין תּהום פון יענע לייט, וואָס האָבן אונדז אַלע מאָל געברענט און אָנגעטאָן צרות צרורות".

„איר טראַכט אויס אַ בילבול אויף זיי!" — האָט אלישע צוריקגעשלאָגן.

ווי וועלוול בעלזער איז פריִער געווען ווי אין אַ היגערפלעט, אַזוי האָט ער מיטן רעדן וואָס אַ מאָל מער אויפגעוואַכט און ער האָט זיך מער נישט געלאָזט איבערשלאָגן די רייד:

„אַ בילבול, זאָגט איר? דער קאָמענעצער דיספּוט איז געווען מוקצה!"

„דאָס האָבן די רבנים גורם געווען" — האָט אלישע אַריינגעוואָרפן.

„דער תּלין פון דעם קאָמענעצער בישאָף זאָל פאַרברענען הייליקע ספרים, יאָ? דאָס האָבן די רבנים געוואָלט?" — האָט וועלוול צוזאַמענגעדריקט די פויסטן.

„די רבנים האָבן געברענט די ספרים פון רמב"ם; אַלץ וואָס זיי זענען נישט משׂיג ברענען זיי" — האָט אלישע געפרוווט לעשן וועלוולס רוגזה.

וועלוול האָט זיך אָפּגעטרייסלט, ווי ער וואָלט אָפּגעטריבן פון זיך אַ זלידנע בין, און מיט דעם זעלבן אימפּעט, וואָס פריִער, געזאָגט:

„איך בין שוין אַן אַלטער מאַן, מיט אַ סך נסיון, און צו מיר דאַרפט איר נישט רעדן ווי צו אַ פּראָסטאַק אַן עם־הארץ. קענט איר פאַרגלייכן די מלחמות צווישן ייִדן אָפּצוהיטן די תּורה און זייער קיום מיט דעם וואָס דער קאָמענעצער תּלין האָט נאָך אײַער מסירה אויף ייִדן צוגעבונדן צום ווידל פון אַ פערד אַ זאַק מיט גמרות, ער זאָל מיט שאַנד שלעפּן די הייליקע ספרים צום עשאַפאָט צו פאַר־ברענען? קענט איר דאָס פאַרגלייכן?" — האָט אים וועלוול אַריינגעקוקט אין די אויגן.

אלישע האָט אַרויפגערוקט העכער דאָס מיצל, דער קנופּ בלאָנדע לאָקן אויף זיין שטערן האָט געציטערט. ער האָט אויסגעהאַלטן וועלוולס בליק:

„אין די טעג פון ביאת־המשיח קומען פאָר און עס וועלן נאָך ווייטער פאָר־קומען אַלע מיני אויסטערלישע זאַכן" — האָט ער געזאָגט מיט אַן אויסערגעוויינט־לעכער רויִקייט.

„בעוונותינו הרבים האָבן מיר נאָך נישט זוכה געווען צו ביאת־המשיח, נאָר אויסטערליש איז יאָ וואָס איר און יעקב פראַנק און אַלע פון אײַער כּת, וועלכע ווייסן יאָ ווי אָפּגעהיט עס זענען ייִדן בנוגע בלוט, דאָך האָט איר אויסגעטראַכט די ווילדסטע בילבולים אויף ייִדן און אין דעם וויכּוח מיט די רבנים האָט איר געזאָגט, אַז ייִדן נוצן בלוט אויף מצות. נוצן ייִדן בלוט אויף מצות?!" — האָט וועלוול אויסגעצויגן די הענט פאַר זיך, ווי אַ תּפילה.

„אַוודאי נוצן זיי נישט! אָבער מיר פירן מיט די רבנים מלחמה און אין מלחמה קלייבט מען נישט איבער אין געווער. וואָס דאָס געווער טויט מער, אַלץ בעסער איז עס. מיר וועלן ווערן אַ פאָלק פון מלחמה, מיר וועלן פאַרניכטן בעסער

און מער ווי אַנדערע פעלקער פירן מלחמה, פאַרניכטן און טויטן — האָט אלישע פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און אַרויסגעשטופּט דעם בויך — פאַר דעם חרם וועלן מיר שלאָגן ווו נאָר מיר וועלן קענען".

וועלוול בעלזער האָט מיט ביידע הענט פאַרשטעלט זיך די אויערן און איינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך געשיצט פון קלעפּ. ער האָט קוים געפונען די טיר און איז אַנטלאָפן. ער איז געווען פאַרווונדעט פון אלישעס ווערטער.

כאָטש באַכניע איז געווען אַ קליין שטעטל און צום האַרבעריק, ווו ער איז איינגעשטאַנען, האָט געפירט אַ גלייכער וועג, האָט וועלוול קוים געטראָפן אַהין, און אַפילו ווען ער איז שוין דאָרט אַהין אָנגעקומען, האָט ער זיך גוט אַרומגעקוקט, צי די סטרא־אחרא האָט אים ווידער נישט פאַרטראָגן אין שאול תחתיה, וואָס פון אַזאַ איז ער נאָר וואָס אַנטלאָפן. ער האָט דערקענט דעם קרעטשמער, וואָס ביים אָנקומען האָט ער אַרויסגעשלעפּט די טשעמאָדאַנעס פון דער בויד. ער האָט אַפילו געהאַט אַ סימן, וואָס ער האָט אים דערזען ווען ער איז אָנגעקומען — דער קרעטשמער האָט אויף דער רעכטער זייט פון שטערן אַ בּיַע, ווי אַ ריב וואָלט אים געווען צוגעוואַקסן. אָבער ווער קען וויסן? אלישע שור האָט אַ הדרת־פּנים פון אַ גוטן ייִד, מיט אַ הויכן לומדישן שטערן און מיט אַ לאַנגער צעקעמטער באָרד און ער איז אויך, זאָגט מען, אַ תלמיד־חכם, פון דעסטוועגן האָט ער גערעדט דיבורים פון אַן אשמדאי. און ווי אַזוי ער, וועלוול, איז אַריינגעקומען אין אלישעס הויז, וואָלט ער נישט געקענט אויפקלערן. איז ער שוין איצט מקפּיד מיטן קרעטשמער און כּדי צו זיין זיכער, אַז דאָס איז דער האַרבעריק ווו ער שטייט איַין, האָט ער געפרעגט:

„וויפל דאַרף איך אייך באַצאָלן פאַרן נאַכטלעגער און פאַרן נאַכטמאָל וואָס איך האָב געגעסן?"

האָט דער קרעטשמער געפרעגט:

„וואָס, איר פאָרט שוין אַוועק? אָדער ס'האָבן זיך צו מיר אַריינבאַקומען וואַנצן און זיי האָבן אייך די נאַכט געביסן?"

„יאָ געביסן, נישט געביסן, אַ ייִד דאַרף לעבן מיט חשבון און איך וויל פון אייך אַ חשבון וויפל איך דאַרף אייך באַצאָלן" — האָט וועלוול געזאָגט.

„צי זאָל איך אייך שוין אַרויסברענגען אייַערע טשעמאָדאַנעס?" — האָט דער קרעטשמער געפרעגט, און וועלוול האָט אים געהייסן צוּוואַרטן.

דער קרעטשמער איז געווען דער קרעטשמער פון זיין האַרבעריק.

„איך ווער אַלט — האָט וועלוול געטראַכט — אויסטערלישע זאַכן זענען געשען אין מיין לעבן, נאָר וואָס עס איז איצט געשען, האָב איך נאָך נישט געהאַט. אפשר איז עס אַ צייכן פון הימל, אַז עס דערנענטערט זיך מיין סוף אויף דער וועלט? זענען עס די ערשטע פאַרבלענדענישן פון זיקנה?"

וועלוול האָט אויפגעהויבן די אויגן צום באַלקן און אַ רגע זיך איינגעהערט

ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפער. פּלוצים האָט ער געפרעגט דעם קרעטשמער:

„איז איצט די מיקווה אָפן?"

„די מיקווה איז אָנגעהייצט דאָנערשטיק פאַר נשים און פרייטיק פאַר מאַנצבילן" — האָט דער קרעטשמער געענטפערט.

וועלוול האָט מיט אומגעדולד אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

„איך פרעג אייך נישט צי זי איז אָנגעהייצט, איך פרעג אייך, צי זי איז אָפן".

„אָפן, אָפן — האָט געענטפערט דער קרעטשמער — די מיקווה ביי אונדז איז אַלע מאָל אָפן. טאָמער אַ בעל־תשובה וויל אַ קאַלטע טבילה און טאָמער ביינאַכט... די שדים מיט די נישט־גוטע... כ'מיין, וואָס מישטיינס געזאָגט קען מען דאָרט צוגנבענען, דאָס וואַסער?"

וועלוול האָט געקוקט אויף דעם קרעטשמער מיט חשד און ער האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז ריכטיק. ער ווערט אַלט, און ווי דער שטייגער איז אַ זקן מחשיד אַפילו זיך אַליין.

וועלוול בעלזער האָט געהאַט בדעה צו גיין אין דער מיקווה זיך אָפּטובלען אין קאַלטן וואַסער און דערמיט אָראָפּשווענקען דעם חטא פון שטיין אין די ד' אמות פון אַ מוחרם און אַלץ וואָס צו אים האָט זיך צוגעקלעפּט אין די לעצטע טעג. אָבער די חשדים האָבן אים אָפּגעהאַלטן. איז ער אַוועק פון באַכניע אַ געמאַטערטער. ער וואָלט געדאַרפט אַ מענטש, פאַר וועלכן ער זאָל קענען אויסגיסן זיין האַרץ. אַמאָל, אַמאָל, ווען זיין האַרץ איז געוואָרן שווער צוליב דער לערקייט פון זיין דיך, איז ער געפאָרן צו ר' ישראל בעל־שם־טוב. אָבער דער צדיק איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת. ר' ישראל האָט געהאַט אַזאַ צאַרט געמיט, אַז אַפילו ווען ער האָט נישט געהאָלפן אין דער מחלה, האָט ער דעם ווייטיק איינגעוויגט און איינגע־שלעפערט און מען איז אַוועק פון אים אַ געגעזענער. וועגן דעם רבי ר' דב בעריש זאָגט מען, אַז אין ניגלה דערגרייכט ער מיטן קאָפּ ביז צום הימל, אָבער אין ניסתּר דערגרייכט ער נישט אַהין, ווו עס האָט דערגרייכט דער רבי ר' ישראל. פאַרן צו אים תּלמידי־חכמים פון אַלע עקן וועלט, אַפילו פון ליטע, צו הערן פון אים תּורה, בעת ער, וועלוול, דאַרף איצט אַ נאָענט האַרץ. דאָס וואָס געשעט מיט אים אין די אַלע יאָרן איז נישט בדרך־הטבע. איצט, אין זיין נע־ונדקייט פילט ער עס קלאָר. עס געשעען מיט אים זאַכן, וואָס ער איז נישט משׂיג מיטן שׂכל, כאָטש דער שׂכל האָט אים אין די אַלע יאָרן אַזוי זעלטן פאַרפירט. ס'איז אים אַפילו איינגעפאַלן, אַז נאָך דעם אַלץ וואָס איז געשען, וואָלט ער אפשר געדאַרפט צוריק־קערן קיין בראָד און פאַרטרויען זיין געמיט צו דעם רופא אליעזר אַראַטאַפּאַנוס. נאָר די מחשבה וועגן אליעזרן האָט אין אים באַלד אויפגעוועקט די בענקשאַפט צו זעלדען, אַ בענקשאַפט וואָס צעטומלט אים. און אויך די צעטומלעניש האָט אים אויסגעזען צו זיין נישט בדרך־הטבע.

פון אָנהייב, נאָך דעם גט, האָט ער אויף דער וואָר און אין די חלומות גע־בענקט צו זעלדעס לײַב, צו איר שטים, וואָס האָט אָפּגעקלונגען מיט שליטן־

גלעקעלעך. ער וואָלט פריִער נישט געווען געגלויבט, אַז אין זיין עלטער קען אַ מאַן אַזוי גלוסטן צו אַ ווייב, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר אַ שטיק לעבן. דערנאָך האָט זיך פון דער בענקשאַפט ביי דערמאָנען זיך אָן זעלדען דערווייטערט איר געשטאַלט, ווי זי וואָלט נישט געלעבט. נאָר אַ ווייטיק אין האַרץ האָט די בענקשאַפט אויפגעוועקט. און נאָך שפּעטער האָט זיך אויך דער ווייטיק אויסגע־היילט, נאָר אַ צעטומלעניש האָט אים אַרומגענומען ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין הויז און אָן זעלדען. אפשר איז עס דאָס צעטומלעניש פון אַ מענטש, וואָס איז עמעצן געבליבן אַ בעל־חוב? האָט וועלוול געזוכט אין זיך אַ פאַרענטפערונג. וועלוול האָט אָפּגעשטופּט פון זיך די מחשבה. ער איז נישט קיין אָנזעצער. ער איז מער ענלעך צו אַ נישׂרף, וואָס אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט איז פאַרברענט געוואָרן און ער איז געבליבן איינער אַליין און נע־ונד. נאָר די פאַרענטפערונג האָט גאָר־נישט פאַרענטפערט. דאָס צעטומלעניש, וואָס איז אים אויפגעקומען ביים דער־מאָנען זיך אָן זעלדען, איז מיט דער צייט נישט שוואַכער געוואָרן. איז אַזוי לאַנג ווי דאָס וועט אָנהאַלטן און ער וועט זיך פילן ווי אַ נישׂרף, וועט ער נישט צוריק־קערן קיין בראָד.

נאָר טאָמער איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וואָלט אפשר געדאַרפט צופאָרן קיין בראָד און פאַרטרויען זיין געמיט צו דעם רופא אליעזר, האָט אים די מחשבה מער נישט צו רו געלאָזט, און כּדי בייצוקומען די מחשבה האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ בויד און איז אַוועק קיין מעזעריטש, וואָס אין וואָלין, צום רבי ר׳ דב בעריש. אויב עס פאָרן צו אים תּלמידי־חכמים און רבנים פון אַלע עקן וועלט, באַווייזט עס, אַז זיי אַלע געפינען אין אים וואָס זיי זוכן. איז פאַר וואָס זאָל ער, וועלוול, נישט פאָרן צו אים? אפשר האָט ער אויך פאַר אים אַ רפואה אויף דעם אַלעמען, וואָס פּייניקט אים?

אין מעזעריטש גייען אויף רויכן מיט שי״נען

דער וועג ביים אַריינפאָרן קיין מעזעריטש איז פוןביידע זייטן אויסגעזעצט מיט אַלטע צעוואָקסענע לינדביימער. אינעם שאָטן פון די לינדביימער האָבן זיך די בלאָטעס אַפילו זומערצייט נישט אויסגעטריקנט. דאָס מאָל איז דער רעגן געפאַלן דריי טעג נאָך אַנאַנד און פון די פיל וועגענער און בוידן, וואָס זענען געפאָרן אין שטאָט אַריין, זענען פון די בלאָטעס געוואָרן טיפע זומפּן. די רעדער פון די געשפּאַנען האָבן געזונקען ביז איבער די אַקסן און די באַלעגאָלעס האָבן מיט די בייטשן געשונדן די פערד, זיי זאָלן אַרויסשלעפּן די צעשראָקענע ווייבער און די אומגעדולדיקע מאַנצבילן פון דער בלאָטיקער סכּנה. איינער אַ ייִד, וואָס האָט זיך געפּעדערט און אויפן וואָגן אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ ווייסן כאַלאַט, מעשׂה חסיד, איז דווקא געווען אויפגעלייגט און בעת די באַלעגאָלעס זענען אַראָפּ אין די בלאָטעס אַריין, מיט די אַקסלען אונטערצושטופּן די געשפּאַנען, האָט דער ייִד אונטערגעהיצט די אַנדערע פּאַסאַזשירן:

„וואָס עפּעס עצבות, ייִדן? ס׳איז חבלי דרך צום רבין ר׳ בעריש! מיר זעמיר אין מעזעריטש זעמיר!״

די פערד האָבן געריסן די שלייעס און אַ שוימיקער שווייס האָט זיי אַרויס־געזעצט אויף די זאַדעס. די באַלעגאָלעס האָבן געקרעכצט:

„ייִדן, מען דאַרף אַ פּלייצע! אַ מבול האָט געפּלייצט אין מעזעריטש״.

די געשפּאַנען האָבן זיך געלייגט אויף אַ זייט. נאָך אַ רגע און זיי וועלן אויסשיטן די פּאַסאַזשירן אין זומפּ אַריין און זיי צודעקן מיט די רעדער אַרויף. זענען די לייט געווען פאַרעצבותטע און זיך נישט צוגעהערט וואָס דער ייִד אין ווייסן כאַלאַט וויל פון זיי.

„ייִדן האָבן פאַרלוירן ס׳קול נגינה?״ — האָט דער ייִד נישט אָפּגעלאָזט.

„איר וואָלט בעסער צוגעהאָלפן אונטערשטופּן דעם וואָגן!״ — האָט וועלוול בעלזער, וואָס איז געזעסן אויפן ערשטן געזעס, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום ייִד.

נאָך איידער ס׳איז פאַרקלונגען וואָס וועלוול האָט געזאָגט איז שוין דער ייִד מיט דעם ווייסן כאַלאַט געווען אין דער בלאָטע און אַ פריילעכן געשריי געטאָן:

„נו, סוסים, וויאָ! וויאָ!״

איז באַלד פונעם וואָגן אַראָפּגעשפּרונגען אַ צווייטער און אַ דריטער, דער גע־שפּאַן האָט זיך ווי אויפגעהויבן איבערן זומפּ און די פערד האָבן געריסן פאָרויס אויסגעלייזטע.

„איר זעט, איר זעט, איידער מען קומט צום רבין זענען ייִדעלעך פערד; אַז

זיי וועלן דערפֿאָרן צום רבין וועלן זיי ווערן מענטשן". דאָס האָט געזאָגט דער ייִד, וואָס איז פֿריִער געווען אין אַ ווייסן כאַלאַט, נאָר פֿון דער בלאָטע האָט ער אויסגעזען ווי אַ גרויס עוף, וואָס איז לאַנג געשטאַנען אונטערן רעגן, און פֿון די ווייסע און גראָ־געלבלעכע פעדערן איז געוואָרן אַ ליימיקער געמיש. צעהיצטע און פֿאַרשוויצטע האָבן די ייִדן געשלעפּט די פֿיס פֿון דער בלאָטע און פֿון דעם ווי די פֿערד האָבן פֿלייסיק געצויגן דעם וואָגן איז זיי געוואָרן גוט אויף די הערצער, און איינער האָט אויף דער הלצה געענטפֿערט:

„נישט אַלע ווערן מענטשן ווען זיי פֿאָרן צום רבין. פֿאַראַן אַזעלכע וואָס בלייבן אייביק פֿערד".

דאָס אַלץ איז געווען אַ סימן, אַז דער געשפּאַן איז אַרויס פֿון סכנה פֿאַרזונקען צו ווערן אין דער בלאָטע. די אונטערשטופּערס זענען מער אויפֿן וואָגן נישט אַרויף. ס'האָבן זיך געזען די ערשטע הייזער מיט די שאַרף משופּעדיקע דעכער פֿון מעזעריטש, מיט די רויכן פֿון די קוימענס, וואָס לייטן האָבן געזאָגט, אַז זיי, די רויכן, צייכענען שי"נען אויפֿן הימל. כאָטש ס'איז געווען מיט־זומער האָט די פֿייכטע פֿרישקייט אין דער גלעטנדיקער זון געשמעקט מיט דעם ריח פֿון פֿריש־געבאַקענע מצות. זענען ייִדן אַרויס מיט געזאַנג. זיי האָבן געפֿילט די האַרטע ערד אונטער זייערע פֿיס. גאָטס זיכערע ערד. אין זייער געזאַנג האָבן זיי געלויבט דעם האַר, וואָס האָט געקעניגט נאָך איידער וועלכס באַשעפֿעניש איז געהאַט באַשאַפֿן געוואָרן און וועדליק זיין באַגער האָט ער אַלץ געמאַכט צו דער צייט און דאָס אַלץ וואָס אין „אדון עולם", וואָס יעדער ייִד זאָגט אין זיין מאָרגנדיקער תּפֿילה. גייענדיק נאָכן וואָגן מיט געזאַנג, האָבן ייִדן, מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן צוליב דער זון, געזוכט אין די קוימענרויכן די שי"ן־צייכענישן, וואָס אַז מען דערזעט זיי זענען זיי אַ סגולה צו מזל און אריכת־ימים.

וועלוול איז פֿון וואָגן נישט אַראָפּ. ער האָט נישט אָן קינאה געקוקט אויף די וואָס שפּרייזן נעבן וואָגן און זינגען „אדון עולם" מיט התלהבות, און די וועמעס פֿיס ביז איבער די קני זענען באַקלעפּט מיט זומפּ, קימערן זיך נישט מיט זייער פֿאַרקויטיקטקייט. ס'איז געווען די קינאה פֿון אַ מאַן, וואָס די זיקנה איז אים באַפֿאַלן און זיינע כּוחות האָבן זיך איר אונטערגעגעבן.

אויף די פֿעלדער פֿון ביידע זייטן טראָקט האָבן פּויערים געשניטן היי און תּבֿואה. דאָ און דאָרט האָבן קליינע סטאַדעס פֿי זיך געפּאַשעט אויף די נאָכשניט־פֿליינען. אפֿשר דערוועגן דער שפּע זאַפֿטיקן גראָז האָט אַ קו מיט בענקענדיקן באַגער דערפֿילט איר באַשערטקייט און זי איז מיט די פֿאָדערשטע פֿיס אַרויף אויף אַ צווייטער קו און אין גלוסטעניש פֿאַרריסן דעם קאָפּ צו דער זון. פֿון הינטער אַ סטערטע היי זענען אַפּערגעלאָפֿן צווי לאָשיקלעך, וואָס האָבן שטיפֿעריש, מיט אויפֿגעהויבענע וויידלען, זיך געיאָגט איבערן אָפּגעשניטענעם פֿעלדפֿליין, ווי מענטשישע קינדער. אַ פֿערדעכע האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון דער פּאַשעערד און נאָכגעקוקט, צי דאָס קליינוואַרג פֿאַרשפּילט זיך נישט צו ווייט פֿון איר. אין וועלוול בעלזער איז איבערגעגאַנגען דאָס האַרץ פֿון דעם געזעענעם ניגון, וואָס

האָט אַזוי גוט זיך צוזאַמענגעמישט מיט דעם „אדון עולם", וואָס די ייִדן ביים וואָגן און אויפֿן וואָגן האָבן אויסגעזונגען. נאָר צו די אַנדערע לייט איז דאָס געזעענע געזאַנג נישט דערגאַנגען. זיי זענען געווען אין דערוואַרטונג פֿון עפּעס, צו וואָס זיי האָבן פֿון לאַנג געגאַרט און עס נישט געאַנט. די שי"נען וואָס זיי האָבן געזוכט אין די רויכן פֿון די מעזעריטשער קוימענס זענען געווען בלויז אַ כזית־טייל פֿון דעם צוליב וואָס זיי האָבן זיך געפּעדערט אַהער.

„ייִדן, איר זעט?! אָט דאָ, אויף דער לינקער זייט. אַפילו מיט תּגים" — האָט איינער אויסגעצויגן דעם אָרעם ווי ווייט נאָר ער האָט געקענט, ווי ער וואָלט מיט די שפּיץ פֿינגער געוואָלט דערגרייכן דעם שי"ן פֿונעם רויך.

„אויף נאמנות!" — האָט אַ צווייטער געקוקט צום רויך פֿון אונטער דער האַנט, מיט וועלכער ער האָט פֿאַרדעכלט זיינע אויגן.

„ייִדן, וואָס פֿאַר אַ ברכה מאַכט מען?!" — האָט פּלוצים אויסגערופֿן איינער מיט אַ ווייבעריש קול.

„ט'האָסטו אַ שאלה!" — האָט עמעצער די שאלה מבטל געמאַכט מיט אַ חוזקדיקן טאָן, אָבער די לייט אַרום האָבן דעם חוזק נישט אונטערגעהאַלטן. צווישן דעם געזעמל אויפֿן וואָגן האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכּוח, צי מען דאַרף איבער דעם שי"ן פֿון רויך מאַכן אַ „שהחיינו", אָדער מאַכן די ברכה „הטוב והמיטיב", וואָס מען מאַכט ביים הערן אַ גוטע בשׂורה.

וועלוול בעלזער, וואָס דער וויכּוח האָט אים אויפֿגעהייטערט, האָט געזאָגט אויף אַ קול:

„וואָס דאַרפֿט איר זיך מתווכּח זיין, ייִדן? מ'דאַרף מאַכן די ברכה „בורא פּרי הקוימען".

עמעצער האָט אויפֿגעלאַכט און מיט איין מאָל אָפּגעהאַקט. די לייט האָבן צעטומלטע אויסגעדרייט די קעפּ צו וועלוולען, נישט געוווּסט צי דאָס וואָס זיי האָבן געהערט איז אַ הלצה פֿון זייערסגאָל, אָדער ס'איז אַן אפּיקורסות. ס'איז אויפֿן וואָגן געוואָרן אַזוי שטיל, ווי די מענטשן וואָלטן געווען טויב־שטומע. איצט האָט וועלוול זיי אָנגעקוקט און אונטערגעהוסטלט מעשׂה בר־סמכה.

אַזוי ווי מעזעריטש וואָלט זיך פּלוצים אַראָפּגעלאָזט פֿון הימל און אָנגעלאָפֿן אַנטקעגן די וועגענער, אַזוי האָבן זיך די פֿערד אָפּגעשטעלט אין מיטן פֿונעם מאַרק נעבן דעם ברונעם מיט דער וואַסער־קאַרעטע. אויף די ייִדן אויפֿן מאַרק, מיט פֿאַרפֿלאָנטערטע בערד און אָנגעטאָן אין טיזליקעס, מדינה־גייערס מיט טאָר־בעס און די ווייסע ציצן, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך פּלוצים אַראָפּגעלאָזט פֿון אויבן, כּדי מקבל פּנים צו זיין די אָנגעפּאַרענע געסט. וואָרום אַלע און אַלץ האָבן אויפֿגעלעבט מיט טומל, מיט אַ גערעדעריי און מעקעריי. בעל־אכסניות האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די וועגן, צו כאַפּן די טשעמאָדאַנעס און קוישן, די גע־קומענע זאָלן מיטגיין מיט זיי אין זייערע האַרבעריקס. מדינה־גייערס האָבן אויס־געשטרעקט די הענט, נישט צו פֿאַרשפּעטיקן די ערשטע נדבות.

„ייִדן, גיטס עפּעס, דער רבי הייסט געבן צדקה" — האָבן זיי געמאַנט.

ווייבער מיט טיכער אַראָפּגערוקט ביז טיף איבער די אויגן האָבן זיך אַרייַנ־געשטופּט מיט ליימענע מולטערלעך געבאַקענע רעטשענע פּאַמפּעכעס:

„עסט, ייִדן, זיי צעגייען אין מויל. פּאַרעווע, פּאַרעווע, פּאַר די וואָס זענען פליישיק און פּאַר די וואָס זענען נאָך מילכיקס".

די ווייבער דעקן אָפּ די מולטערלעך און דער רייץ־ריח פון געבאַקענער רעטשענער קאַשע מיט אייל ברענגט אַרויף די סלינע, ביים לעפּעלע נאָגט און ייִדן דערמאָנען זיך, אַז זייט באַגינען, ווי זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון דער וועג־קרעטשמע, האָבן זיי אין זייערע מיילער קיין כּזית ברויט נישט געהאַט. לאָזן זיך די געקומענע פירן פון די בעל־אכסניות, וואָס שנעלער צו וואַשן זיך די הענט און נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

ביי וועלוולס טשעמאָדאַנעס האָבן זיך צוויי בעל־אכסניות פון ביידע זייטן וואָגן אויפגעקאָכט איינער אויפן צווייטן. איינער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף ביידע טשעמאָדאַנעס ווען אַ צווייטער האָט שוין געהאַלטן ביים אַראָפּשלעפּן איינעם. דער בעל־אכסניה האָט געשריגן:

„איך בין אַן אוחז ביד און איך האָב די חזקה!"

האָט דער צווייטער אונטערגעשפּרונגען און אים אַנטקעגנגעשריגן: „חזוקה־שמוקע, אויף ייִדן האָט קיינער נישט קיין חזקה סיידן דער רבונו־של־עולם".

האָט זיך וועלוול בעלזער אַריינגעמישט און געפרעגט:

„איבער מיינע טשעמאָדאַנעס האָב איך שוין נישט וואָס צו זאָגן? אַזאַ איז דער שטייגער אין מעזעריטש?"

צום סוף איז וועלוול געגאַנגען אין דער אכסניה פון דעם אוחז ביד און פון דעם צווייטן בעל־אכסניה האָט ער זיך אויסגעקויפט מיט אַ קופּערנעם גראָשן.

מעזעריטש איז אין יענע טעג געווען חול־המועדיק נישט בלויז צוליב די שיינע זומערדיקע טעג, וואָס האָבן געשמעקט מיט צייטיקע עפּל און האָניק. דאָס האָבן די אָנגעפאָרענע פון אַלע עקן פּאָדאָליע און פוילן געמאַכט חול־המועד אין מעזעריטש. וואָרום אַ שמועה האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן, אַז צום רבין ר' בעריש אין מעזעריטש זענען זיך צונויפגעפאָרן צוויי מנינים גדולי התורה און תלמידי־חכמים פון דער תורה פון דעם רבי ר' ישׂראל בעל־שם־טוב זכרון צדיק לברכה פון וועגן די גזירות גראַד פון ייִדן אויף ייִדן רחמנא־ליצלן. ווי יעדע שמועה האָט אויך די געהאַט גרויסע פליגל און איז אַרומגעפלויגן אַלע מדינות פון מלכות פוילן, סיידן די תלמידי־חכמים פון בערדיטשעוו, פון טשערנאָביל און ליזענסק זענען שקול צוויי מנינים. די תלמידי־חכמים זענען שוין דעם דריטן טאָג געווען אָפּגעשלאָסן מיטן מגיד אין זיין קאַמער טאַקע פון וועגן די גזירות, וואָס דער ווילנער גאון האָט גוזר געווען אויף די חסידים פון דער תורה פון דעם רבין ר' ישׂראל בעל־שם־טוב זכרון צדיק לברכה. האָבן ייִדן אויף דער שמועה געאײַלט קיין מעזעריטש אָנצוקומען צו די הייליקע לייט און בעטן ביי זיי, זיי זאָלן אין הימל אויספּועלן פאַר יעדן זיין באַדערפעניש. ווער עס האָט געדאַרפט אַ רפואה־שלימה, ווער עס איז געווען געקוועלט אין נאָכקומעניש יאָרן נאָך דער חתונה, און וועמען

עס איז נישט געגאַנגען מיט שידוכים פאַר קינדער. אין די טעג איז יעדער געקומען מיט זיין ווײַ.

שוין דאָס אָנקומען קיין מעזעריטש אין אַזעלכע טעג, וואָס האָבן געשמעקט מיט רייפע עפּל און מיט האָניק, איז געווען ליב ווי זאַלב אויף ברענענדיקע ווונדן. דאָ, אין דער נאָענט צום רבין ר׳ בעריש, איז די לאַסט פון צרות געווען לייכטער, וואָרום מען דאַרף נאָר דעם באַריר פון זיינע פינגער און אַ וואָרט צום הימל, און די לאַסט וועט נישט ווערן. געהאָלפענע יידן פון דער ווייט האָבן זיך איבערדערציילט וועגן די וווּנדער וואָס עס טוט אויף דער מיראַפּאָלער ר׳ פּנחסל און אַז אויך דער רבי ר׳ מאירל קען אַוועקנעמען אַ שווער חולאת מיט איין איינ־ציקן קרעכץ. אָבער מעזעריטש איז פון דעסטוועגן מעזעריטש! אַפילו קינדער אין די וויג־קוישעלעך זעען, אַז דאָ איז דער הימל נענטער צו דער ערד ווי ערגעץ־אַנדערש און אַז נאָר אין מעזעריטש פורעמען די רויכן פון די קוימענס שי״נען אויפן הימל, וואָס אַז מען זעט זיי ווערט לייכט אויפן האַרץ, ווי שווערע שטיינער וואַלטן זיך אַראָפּגעקייקלט, אויסער וואָס זיי זענען אַ סגולה צו מזל און אריכת־ימים.

ווי די געקומענע האָבן אָפּגעלייגט די קויבערס און טשעמאַדאַנעס און גענומען עפּעס אין מויל אַריין, מער כדי צו מאַכן אַ ברכה און לויבן דעם בורא־עולם פאַרן בשלומדיקן אָנקומען קיין מעזעריטש, ווי נהנה צו זיין פון מזונות און צו שטילן דעם הונגער, האָבן זיי זיך געפעדערט אין מגידס קלויז זיך אַרומצוקוקן ווי עס איז דער שטייגער.

אייגנטלעך האָבן אַלע געקומענע געוווּסט ווי עס איז דער שטייגער ביים רבין אין קלויז, וואָרום די וועלכע זענען דאָ געווען, האָבן די פּלאַים פונאַנדער־געטראָגן איבער די מדינות און שטעט. און אַזוי האָט מען דערציילט, אַז מעזעריטש ווייסט נישט פון אָרעם און רייך, אַלע דוצן זיך. אַפילו ייִנגלעך זאָגן צו זקנים דו און די שמשים באַציִען זיך צו אַלעמען גלייך. האָט דאָך דער רבי ר׳ ישׂראל אַלע מאָל געזאָגט, אַז פאַרן בורא־עולם זענען אַלע גלייך, לומדות איז נישט קיין ייִחוס און עשירות איז נישט קיין ייִחוס, דען וואָס ווייסט דער מענטש וועגן די פאַר־באָרגענישן פון דעם עולם ומלואו און וואָס איז דעם מענטשנס עשירות קעגן דעם זיו פון דער שכינה? האָבן זיך די געקומענע געפעדערט, כדי צו פילן בחוש דאָס וועגן וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט פריִער.

כאָטש ס׳איז נאָך געווען ווייט צו מינחה, איז די קלויז געווען פול מיט יידן. דער רוב פון זיי זענען געווען אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע לייט, וואָס האָבן געזוכט אַ ייִד אַן עושר צו קענען אים פרעגן שאלות מיט אַ דו:

„זאָג מיר, דו, ווען שטעלט זיך דער ערשטער מנין דאַווענען מנחה״.

„דו ווייסט מסתמא ווען עס פאַלט אויס דער מולד, ווייסטו?״

נאָר עשירים האָט מען דאָ סיי ווי געזען ווייניק, און ווי ווייניק זיי זענען געווען האָבן זיי אויך זייער עשירות נישט געלאָזט דערקענען אויף זייערע מלבושים,

וואָרום מעזעריטש האָט עס נישט ליב. האָבן זיך די אָרעמעלייט איינער דעם צווייטן געדוצט, עס זאָל זיי זיין היימלעכער.

אויך וועלוול בעלזער, אַז ער האָט זיך געגרייט גיין אין קלויז, האָט ער בלויז אָפּגעשטויבט פון זיינע מלבושים דעם שטויב פון וועג און נישט איבערגעטאָן קיין אַנדערע, ער זאָל נישט זיין אויסגעזונדערט פון די אַלע מיט וועלכע ער איז געקומען. אַזוי פלעגט ער זיך אויך נוהג זיין ווען ער איז געפאָרן אַמאָל־אַמאָל צום בעל־שם־טוב, וואָס אַפילו ווען עשירים אדירים זענען געפאָרן צו אים, ער זאָל פאַר זיי אויספּועלן אין הימל אַ רפואה שלימה, צי אַ הילף פאַר קינדער, איז ער געווען אָנגעטאָן ווי אַ האַלצהעקער, מיט אַ טיזליק, אונטערגעגאַרטלט מיט אַ פלאַקסענעם גאַרטל.

וועלוול האָט שוין אין קלויז נישט געקענט אַריין פון וועגן דער פולקייט מיט ייִדן, קיין עין־הרע. פאַרן קלויז האָט עס אויסגעזען ווי אַן אויסטערלישער יאַרמאַרק, אויף וועלכן מען פאַרקויפט גאָרנישט און מען האַנדלט גאָרנישט אײַן, נאָר אַלע זענען פאַרטאָן און פאַרהאַוועט — יעדער פאַר זיך אַליין. ביי דער אויסער־לעכער מזרח־וואַנט פון דער קלויז האָבן יונגעלייט געמאַכט קאָזשלקעס, געשטעלט זיך אויף די הענט און געקוקט אויפן הימל קאָפּויער־שטייענדיק, פון אונטן אַרויף. אַנדערע האָבן געקלעפּט צו דער וואַנט, ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַ הינערפלעט, נאָר פלוצים האָבן זיי זיך אָנגעהויבן וואַרפן אויף רעכטס און אויף לינקס, זיך געדרוקט הינטערוויילעכץ, ווי אַ כהן נאָכן דוכענען, זיך געטרייסלט און געשאָקלט. אַנדערע האָבן פון שאָקלען זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אַראָפּ און זיך איבערגעדרייט אין קאָזשלקעס און צוריק זיך געשטעלט אויף די פיס. די מתפללים האָבן די ווערטער פון די מנחה־תּפילות אַרויסגעוואָרפן איינציקווייז, ווי אַרויסגעשאָסן. און כאָטש יעדער איינער איז געווען פאַרטאָן אין זיך, האָט זיך געדאַכט, אַז זיי רופן זיך איבער: אוי, טאַטע זיסער! פאָטער זיסער! אתּה גבור!.. אוי, אוי, אוי, אדוני! רב!.. להושיע!.. די ווערטער זענען געקומען דאָ פון הינטן און דאָ פון רעכטס, פון ווייט, איבער די קעפּ און זענען געוואָרן לעבעדיקע גופים, ווי די גופים וואָס האָבן זיך געטרייסלט, זיך געשטעלט אויף די הענט און זיך איבערגעקערט קאָזשלקעס. נאָר די ווערטער־גופים האָט מען נישט געזען, זיי זענען אַרומגעלאָפן ווי מבשׂרים, וואָס טראָגן פונאַנדער בשׂורות וואָס מען הערט זיי צום ערשטן מאָל: „מכלכּל חיים בחסד!" — „מלך ממית ומחיה!" — „מצמיח ישועה־ה־ה־ה!" — „אתּה קדוש, קדוש, קדוש!" — „אב הרחמים, טאַטע־פאָטער אין הימל!"

וועלוול האָט געמורמלט די מנחה־תּפילות און מיט די פינגער אָנגערירט זיינע אייגענע ליפּן, צו זיין זיכער, אַז דאָס וואָס ער הערט און זעט איז אויף דער וואָר און נישט אין חלום. עס זענען די זעלבע ייִדן וואָס אין בראָד, אין קרעמעניץ, אין טולטשין, אין יעדער שטאָט פון מלכות פוילן, נאָר דאָ, אין מעזעריטש, זענען זיי באַנומענע מיט העוויות און די העוויות טראָגן זיך איבער אויף זייערע תּפילות, אויף די שטיינער ביי זייערע פיס, אויף די שינדלען פון די דעכער, אויף די פייגל

אין דער לופטן, און אַלץ באַוועגט זיך, אַלץ דרייט זיך קאָזשלקעס און געפינט נישט קיין אָפּשטעל. אים אַליין, וועלוולען, ציטערן די אברים ווי ער וואָלט געהאַט פיבער.

די פּאַרנאַכטיקע זון האָט זיך אַוועקגעלייגט איבער די שאַרפן פון די שטאַרק משופּעדיקע דעכער, געדעקטע מיט שטרוי און מיט שינדלען, און די דעכער ביז־לעכווייז אָנגעצונדן מיט גאָלדיקע קאַלטע פלאַמען. צעטשוויטשערטע שוואַלבן האָבן זיך ווינטיק געיאָגט אין אַ לופטקרייז, זיך אַרויסגעבראָכן פון דעם לופטקרייז, אַראָפּגענידערט צו די מתפּללים מיט אַ צוויטש־צוויטש און קונדייסיש צוריק אַריין אין קרייז, ווי אין אַ ווירבלדיקן טאַנץ. אַ ריח פון פרישע הושענות האָט זיך פאַרבייגעטראָגן. וועלוול בעלזער האָט גענענט צו דער וואַנט פון דער קלויז און זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר מיט די הענט. ער האָט צוגעלענט די אויגן און דורך אַריינקוקן אין זיין אייגענער טיפעניש האָט ער געוואָלט דערגיין, צי האָט ער פיבער, אָדער ס׳איז ריכטיק וואָס לייט זאָגן, אַז אין מעזעריטש טוען זיך אָפּ פונעם מענטש די קליפּות און עס נידערט אַראָפּ אויף אים די שכינה. דאָס זעלבע האָט ער געהערט זאָגן וועגן מעזשיבאָזש, ווען דאָרט איז געזעסן רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, דעמאָלט ווען ער, וועלוול, איז געפאָרן צו אים פון וועגן אַ סגולה קעגן עקרות. נאָר דעמאָלט האָט ער נישט געפילט דאָס וואָס ער פילט אין מעזעריטש — אַ מין שלאַבעריקייט אין די גלידער, ווי פון פיבער צי פון שיכּרות. און אפשר פילט ער עס איצט ווייל ער איז אויסגעטאָן פון אַלץ, גאָרנישט טרייבט אים, גאָרנישט רופט אים, און אויך די אַלע ייִדן אַרום זענען, ווי ער, באַפרייט פון עול פון גשמיות ביז נישט צו וויסן וואָס צו טאָן מיט זייערע צעפיבערטע גופים.

דער בין־השמשות האָט לאַנג געשפּילט מיט אַלע מיני רויטע און בלויע פאַרבן, זיי געוואָרפן ווי דורכזיכטיקע געוועבדער איבער די דעכער און איבער די קעפּ פון די מתפּללים און געפאָכעט ווינטיק אין דער הויך, אַזש איבער דעם קרייזיקן געשוועב פון די שוואַלבן און זיי געיאָגט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און די פייגל האָבן זיך פריילעך געפּלאָנטערט און אַרויסגעפּלאָנטערט פון צווישן די פאַרבן. פון דער קלויז איז אַרויסגעקומען אַ געזאַנג־נישט־געזאַנג, פון אָנהייב ווי אַ ברומען. די ייִדן אין דרויסן האָבן אויף אַ רגע איבערגעריסן זייער באַוועגלעכקייט, זיך איינגעהערט אין דעם אָפּהילך פון דעם געזאַנג־נישט־געזאַנג און אים אונטערגעכאַפּט. פון אָנהייב שטיל, כּדי אַריינצופאַלן אין דעם זעלבן טאָן, און באַלד מיט מער זיכערקייט, און פון דעם כּמו־ברומעניש איז געבוירן געוואָרן אַ שטילער ניגון, אַן אויסגעצויגענער, ווי דער בין־השמשות, און אויך מיט אַזוינע מיני רויטע און בלויע דורכזיכטיקע פאַרבן, וואָס האָבן זיך, ווי די פאַרבן אין דער לופטן, וואָס אַ מאָל מער ווינטיק צעפּאָכעט און זיך דורכגעוואָרפן מיט די פון אויבן. די שוואַלבן זענען נעלם געוואָרן. אַ לעצטער איז בהלהדיק אַנטלאָפן, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן, אַז ער וועט בלייבן איינער אַליין אויף ביינאַכט אין דעם פינצטערן דרויסן. און אַזוי אויך האָבן זיך די פאַרבן פון אונטערן הימל און די פאַרבן פון דעם ניגון זיך אויסגעצויגן און אויסגעדריוולט אין דער אָנקו־

מענדיקער נאַכט, וואָס האָט זיך לסוף געשטעלט מיט אַ גינגאָלדענעם לבנה־ראָגל פונקט אַנטקעגן די פינצטערע אָונטיקע שייבלעך פון דער קלויז.

צוריק פון קלויז אין זיין האַרבעריק איז וועלוול געגאַנגען מיט אַ ייִד, וואָס ער האָט אים באַקענט בעתן דאַווענען מעריב. דער פרעמדער האָט בעתן דאַווענען אַרויסגעזאָגט די קמצן און מלופינס אויף אַן אופן וואָס וועלוול האָט געהערט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. נאָך דעם האָט ער געהערט, אַז אויך אין רעדן איז ביי דעם פרעמדן אַן איבערגעדרייטע וועלט, ווו ייִדן זאָגן או איז ביי אים אָ און ווו ביי ייִדן איז אי איז ביי אים או. פון די שאַרפע קמצן און מלופינס האָט זיך וועלוול לסוף דערוווסט, אַז דער ייִד קומט פון דעם מלכות ווו עס הערשט דער גאון — ווילנע. דער אָפשטאָם פונעם ייִד האָט אים נאָך מער געוווּנדערט ווי זיין רעדן. וואָרום פון ווילנער גאון קומען אין די קהילות די רדיפות קעגן די לייט פון דעם הייליקן בעל־שם־טוב און פון ווילנע שפרייט זיך אויס איבער אַלע מדינות די שינאה עד חורמה קעגן מעזעריטש. נאָר נישט ווי קיין מרגל אויף שלעכטס צו טאָן ייִדן איז דער ווילנער, וואָס זלמן איז געווען זיין נאָמען, געקומען קיין מעזעריטש; ער איז געקומען צום רבי בעריש נאָך אַ מופת, זיין נעלם געוואָרן ווייב זאָל זיך צו אים צוריקקערן.

כאָטש אין ווילנע האָט מען די לייט פון בעל־שם־טוב און די וואָס זענען געפאָרן קיין מעזעריטש גערופן שעבסן, כופרים, נואפים, ממזרים בני הנידה און נאָך אַזעלכע צונעמען, האָבן לייטן דערציילט איינער דעם אַנדערן בסוד־סודות, אַז די תלמידים פון דעם בעל־שם־טוב האָבן פון זייער רבין איבערגענומען דעם כוח צו באַווייזן מופתים און צו טאָן נסים. אין הימל זענען זיי ווי ביי זיך אין דער היים, און וואָס זיי בעטן ביים באַשעפער פון דער וועלט דאָס פועלן זיי ביי אים. דעריבער פאָרן קיין מעזעריטש די אַלע ייִדן, וואָס דאַרפן אַ הילף פון הימל, נאָר זיי קענען נישט פועלן מיט זייערע אייגענע תפילות. האָט זיך זלמן, דער ווילנער, אַרויסגעמאַכט פון זיין שטאָט, נעלם געוואָרן, ווי זיין ווייב איז נעלם געוואָרן אין דער נאַכט נאָך דער חופה, און געקומען קיין מעזעריטש נאָך אַ מופת.

ווי דער ייִד האָט דערציילט איז די מעשה געווען אַזוי:

איין מאָל איז קיין ווילנע אין דער ישיבה געקומען אברהם חיים, דער מילנער פון טראָק, בעטן ביים ראש־ישיבה ער זאָל צורעדן אַ ישיבה־בחור צו פאָרן קיין טראָק לערנען מיט זיינע קינדער תורה. וואָרום אין שכנות פון דעם מילנערס הויז לעבן קראַימער חכמים וואָס זענען באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט און זיי קוואַפען זיך צו לערנען ייִדישע קינדער. די קינדער ציִען צו די קראַימער וואָס קענען די תורה אויסנווייניק, און קיין גוטער מלמד פאַר ייִדישע קינדער איז אין טראָק נישטאָ. האָט דער ווילנער ראש־ישיבה גוזר געווען אויף דעם ישיבה־בחור זלמן ער זאָל מיטפאָרן מיט דעם מילנער און לערנען מיט זיינע קינדער תורה, זיי זאָלן אָפגעהיט ווערן פון די קראַימער. האָט זיך זלמן אויפגעהויבן און געפאָרן און זיך געזעצט לערנען תורה מיט ייִדישע קינדער. נאָר באַלד האָט זלמן געזען, אַז אין שטוב פון דעם מילנער טוען זיך אָפ זאַכן פון די זאַכן, וואָס מען

דאַרף זיי וואָס וויניקער דערמאָנען. אברהם חיים דער מילנער האָט געהאַט אַ בת־יחידה, ברוריה האָט זי געהייסן. און צו די אויערן פון זלמנען איז דערגאַנגען, אַז ברוריה פלעגט אַריינקומען אין הויז פון דער משפחה פון דעם קראַימישן חכם זרח בן נתן הזקן. דער מילנער האָט זיין בת־יחידה געהיט, ווי מען היט אַן אויג אין קאָפּ, אָבער די מויד איז געגאַנגען אין דעם קראַימישן הויז וואָס אַ מאָל מער און מער. אינעם קראַימישן הויז איז געווען אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען אהרן, וואָס איז געווען שיין אין געשטאַלט ווי אַ בן־מלך, און אויך די מויד פון דעם מילנער איז געווען שיין ווי די זון אין הימל. האָט דער מילנער גאָר שטאַרק מורא געהאַט עס זאָל נישט געשען וואָס עס קען געשען. און אַזוי ווי דער מילנער האָט אויך געדאַרפט האָבן אַ מלמד צו לערנען זיינע קינדער תורה, איז ער געקומען קיין ווילנע אין דער ישיבה, דער ראש־ישיבה זאָל פאַר אים אויסקלייבן אַ ישיבה־בחור.

ווי צו זלמנס אויערן איז דערגאַנגען וואָס עס געשעט און ער האָט גאָר שטאַרק רחמנות באַקומען אויף דעם מילנער און זיין איינציקע טאָכטער, אַזוי האָט באַלד דער מילנער אַריינגערופן דעם ישיבה־בחור און געזאָגט צו אים אַזוי:

„ווי דו לערנסט מיט מיינע יינגלעך תורה, אַזוי וויל איך דו זאָלסט ביי מיר בלייבן אויף אַלע מאָל. דו ביסט שוין אַ בחור אין די יאָרן און דו דאַרפסט האָבן אַ ווייב. וועל איך דיר געבן מיין ברוריה פאַר אַ ווייב און דו וועסט בלייבן אין מיין הויז אויף אַלעם גרייטן און פאַר אַלע צייטן. עס וועט דיר ווויל זיין אין מיין הויז. עס וועט דיר נישט פעלן פון פויגלמילך, דו דאַרפסט נאָר זאָגן יאָ".

האָט זלמן געזאָגט יאָ מיט אַ תנאי, אַז ער וועט פאָרן צו זיין מוטער אין ווילנע, אַן אלמנה, און ער וועט איר דערציילן וועגן אַלעמען ביז די מוטער וועט באַוויליקן, וואָרום כּיבוד אם, ווען די מוטער איז אַן אלמנה, איז פון די גרעסטע מצוות. איז ער געפאָרן, צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז די מוטער האָט באַוויליקט אויפן שידוך.

האָט אברהם חיים דער מילנער געמאַכט אַ חתונה וואָס אַזאַ איז אין טראָק נאָך נישט געווען זייט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. צו דער חתונה איז געקומען דער ראש־ישיבה פון ווילנע מיט אַ געזעמל ישיבה־בחורים. פון גראָדנע איז געקומען דער בדחן און פון ווילנע האָט דער מילנער אַראָפּגעבראַכט אַ קאַפּעליע מיט אַ צימבל, און פון גאַנץ ליטע האָבן קיין טראָק אָנגעצויגן די מדינה־גייערס, ווי עקסטרע רייטערס וואָלטן איבער דער מדינה מבשׂר געווען, אַז עס גרייט זיך די חתונה פון זלמן דעם ישיבה־בחור מיט ברוריהן, דער בת־יחידה פון דעם טראָקער מילנער.

אין טאָג פון דער חופּה האָט די כּלה זיך אַפילו באַקלאָגט, אַז זי איז שלאַף, עס פיבערט איר אין די גלידער, ווי זי וואָלט געגאַנגען שטאַרבן, און זי האָט געוויינט אָפּצולייגן די חתונה. אברהם חיים דער מחותּן האָט געפרעגט ביים ווילנער ראש־ישיבה אַ שאלה און דער ראש־ישיבה האָט געפסקנט, אַז די שלאַפֿקייט נעמט זיך מסתּמא פון תּענית און אַז ס'קען געשען, אַז פון שרעק פאַר דער חתונה זאָל אַ בתולה, חלילה, קראַנק ווערן. דעריבער דאַרף די חתונה זיין ווי עס

איז מיט דער עצה פון הימל אָפּגעמאַכט געוואָרן. און אַזוי איז געשען. די חתונה איז געווען. גאַנץ טראָק האָט ביז חצות געטאַנצט פון שׂמחה. עס איז געווען אַ נאַכט פון אַ פולער לבנה, און טראָק איז געווען ליכטיק ווי אין אַ באַגינען. צום לייגנספירן איז אַפילו מיטגעגאַנגען דער ווילנער ראש־ישיבה און ביי דער טיר האָט ער געווונטשן זלמנען, ער זאָל אויפשטעלן דורות תּלמידי־חכמים.

זלמן האָט געפילט אַז זיין יונג ווייב, ברוריה, איז מיט אים. ער האָט געהערט איר אָטעם און געזען איר אויסטוען זיך אין דעם פּאַס פון לבנה־ליכט, וואָס האָט אַריינגעלויכטן דורך די אויסשניטן פון די לאָדנס. ער האָט זי פּירגעהאַט אין שווייגעניש און זי האָט געוויינט. האָט ער זי איינגעשטילט זי זאָל נישט וויינען. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז עס וועט איר גוט זיין מיט אים, און אַז אַזאַ איז דער דרך. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי האָט אויפגעהערט וויינען און אַז זי איז אַפילו איינגעשלאָפן. וואָרום ער האָט געהערט ווי איר אָטעם ווערט שווערער און שווערער. נאָר אין דער אותו־רגע איז אויך אים באַפאַלן אַ שלאָף, אַ נישט קיין געוויינטלעכער שלאָף, ווי אַ וואָלקן וואָלט פאַרוואָלקנט זיין מוח, און ווי אַ וואָלקן גייט אַוועק, אַזוי איז אויך דער שלאָף באַלד אַוועק פון אים און ער האָט נעבן זיך מער נישט געטראָפן זיין ווייב. זי איז נישט געווען. ער האָט זי אין דעם פּאַס לבנה־ליכט דורך די אויסשניטן פון די לאָדנס געזוכט אויפן געלעגער און אונטערן געלעגער, אין אַלע ווינקלען פון דער קאַמער, ווו ס'איז מער נישט געווען ווי דאָס געלעגער, און ער האָט זי נישט געפונען. פון הינטער די לאָדנס האָט ער געהערט דאָס שפּילן פון דער קאַפּעליע צו די טענץ אויפן הויף און אַ בושה איז אים באַפאַלן צו עפענען טיר און פענצטער און אַרויסצושרייען, אַז פון זיין חופּה־בעט איז אים נעלם געוואָרן ברוריה זיין ווייב. האָט ער געוואַרט ביז אין דער פרי און מבשׂר געווען צו אברהם חיים די שלעכטע בשׂורה, אַז זיין טאָכטער איז נעלם געוואָרן. אברהם חיים איז אין דער אותו־רגע ווילד געוואָרן און אָנגעהויבן שרייען נישט מיט זיין קול:

„געוואַלד, ווי אַזוי איז מיין ברוריה נעלם געוואָרן?!"

די לאָדנס זענען געווען פאַרמאַכט ווי אַלע מאָל; די טיר פון דער קאַמער איז געווען פאַרריגלט און דריַי ווייבער האָבן ווערליק דעם שטייגער געוואַכט ביי דער טיר. קיין לאָך אין דער וואַנט, צי אין באַלקן, צי אין דיל, האָט מען נישט געפונען, און אַפילו קיין שפּאַרע אין די שפּאַלן פון די ווענט איז נישט געווען צו זען. נאָר עס זענען שוין געווען אַזוינע זאַכן, און לויט האָבן געוווּסט נאָך פון אַלטע צייטן, אַז יונגע ווייבלעך נאָך דער חופּה קענען נעלם ווערן פון דעם חופּה־בעט פון וועגן אַ פּסולער מזוזה אויפן ביישטידל פון דער קאַמער פון לייגנספירן, אָדער אַפילו וועגן אַ ציצי פון די ציצי־כּנפות פונעם חתן אין פּסול אין דער נאַכט פון דער חופּה. האָבן לייט בודק געווען די מזוזה אויפן ביישטידל און קיין פּגם נישט גע־פונען, נאָר אין די ציצי־כּנפות זענען די ערשטע קנופּן פון צוויי ציציות געווען אויפגעעפנט און אַ סימן איז געווען, אַז אַ האַנט האָט זיי אויפגעקנופּט אין דער נאַכט. האָט מען געוווּסט, אַז די האַנט פון אַ כּישוף איז דערביי, אָדער די סטרא־

אחרא האָט זיך אַריינגעמישט. און אַ שלעכטער סימן איז אויך געווען אין דעם וואָס דער קראַ‏ּמער יונגערמאַן אהרן, פון דער משפחה פון דעם חכם זרח בן נתן הזקן, צו וועלכער ברוריה פלעגט אַריינקומען אין די אַלע יאָרן, איז ווייטער געווען אין טראַק און אַלע פון דער משפחה קראַ‏ּמער האָבן געשוויגן, ווי דאָס נעלם ווערן פון דעם מילנערס בת־יחידה וואָלט געווען פון די זאַכן, וואָס פאַרלויפן זיך אַלע טעג פונעם יאָר.

אַ שעה פאַרן פון טראַק האָבן געלאַגערט ציגיינערס, וואָס ווען זיי איז אַרומ־געגאַנגען אַ שמועה אַזש ביז ווילנע, אַז ווי בייטאָג זענען זיי ציגיינערס, אַזוי פאַר־וואַרפן זיי זיך ביינאַכט אין שדים, און אַז זיי ווילן אָפּטאָן פון זייערע אָפּטוענישן, קען זיי קיינער נישט אָפּהאַלטן. זיי זענען רק אַריינגעטאָן אין כּישוף: אָדער זיי טוען אָפּ כּישוף, אָדער זיי שפּרעכן אָפּ כּישוף. ווי ווייט עס דערגרייכט די שמועה דערוועגן זיי, אַזוי ווייכט מען פון זיי. קיינער טוט זיי נישט קיין בייזס און נישט קיין גוטס פון וועגן זייער כּוח צו טאָן מיט עמעצן וואָס זייער האַרץ גלוסט. נאָר ווען עס טרעפט אַן אומגליק, פון וועגן אָפּטאָן אַ כּישוף, אַזוי מוז ער קומען אין לאַגער פון די ציגיינערס און פאַר זיי אויסלייגן די זאַך. איז אברהם חיים דער מילנער אַוועק אין זייער לאַגער און זיך נאָכגעפרעגט צי עמעצער פון די אַלע אין וואַלד ווייסט עפּעס וועגן זיין ברוריה, וואָס אין דער חופּה־נאַכט איז זי נעלם געוואָרן פון דעם בעט, אין וועלכן איר מאַן האָט זי פּירגעהאַט. איז אַן אַלטע ציגיינערין אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ און געזאָגט צום מילנער, אַז אין די רויכן פון קאַרפּינע וועט זי פרוּוון אַרויסשמעקן וואָס מיט ברוריהן איז געשען. איז די ציגיינערין אַוועק צום וואַרצלהאָלץ פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים, אַראָפּגעטעסעט שטיקער קאַרפּינע און פאַרלייגט פון זיי אַ פייער. דער קיניקער רויך האָט גע־שמעקט מיט זשיוויצע און ער האָט זיך גרוילעך־זילבערדיק געקרייזלט אין דער לופטן. די אַלטע ציגיינערין האָט זיך אָנגעשמעקט מיטן רויך און דערנאָך געפרעגט דעם מילנער:

„צי האָט דיין טאָכטער ליב געהאַט אַ מאַן, איידער זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם וואָס פון זיין בעט איז זי נעלם געוואָרן אין דער חופּה־נאַכט?"

האָט דער מילנער נישט געוווּסט וואָס די ציגיינערין פרעגט אים און ער האָט געפרעגט:

„וואָס פאַרשטייסטו פון ,ליב געהאַט אַ מאַן איידער זי האָט חתונה געהאַט'? ווו איז אַזאַ זאַך געהערט געוואָרן און וואָס איז דאָס אַזעלכס? ייִדישע טעכטער ווייסן נישט פון אַזוינע אויסטערלישע זאַכן וואָס דיין מויל ברענגט אַרויס".

האָט די ציגיינערין געזאָגט:

„ייִדישע טעכטער, פּריצישע טעכטער, צי ציגיינערישע טעכטער — אַלע טעכטער האָבן הייס בלוט און זייערע הערצער לעכצן צו מאַנצבילן. און ווען זיי באַגערן צו אַ מאַן קענען זיי ווערן דין, ווי רויך, און דורכזיכטיק, ווי אַ ווינט, און זיך אַרויסמאַכן אַפילו פון צווישן דער שמאָלסטער שפּאַרע צווישן דער טיר און דער פּוטרינע אויף צו דערגרייכן דעם וואָס זיי האָבן ליב".

האָט אברהם חיים געזאָגט:

„וואָס האָב איך דאָ מיט דיר צו שמועסן אַז דו הייבסט נישט אָן צו פֿאַרשטיין וואָס דיין אייגן מויל רעדט אַלץ אויס אויף מיין כּשרע ברוריה. נישט אַנדערש, דו ביסט נישט קיין ציגיינערין, נאָר סתם אַ מרשעת, וואָס צו מיינע ווונדן וואָס ברענען אַזוי אויך שיטסטו נאָך צו אַ זשמעניע זאַלץ״.

האָט די ציגיינערין געזאָגט:

„כאָטש דו באַהאַלטסט אויס פֿון מיר פֿון וועגן דעם שטייגער פֿון דיין טאָכטער, וועל איך צווישן די טרוקענע וואָרצלען פֿון אַלטע דעמבעס אויסגעפֿינען דעם וועג מיט וועלכן זי איז נעלם געוואָרן. נאָר פֿריִער מוז איך זיין אין דיין הויז און זען דאָס בעט פֿון וועלכן זי איז נעלם געוואָרן, און אָנקוקן דאָס קלייד, אין וועלכן זי איז געווען אָנגעטאָן צו דער חתונה״.

איז די ציגיינערין געקומען צו אברהם חיימען אַהיים און באַקוקט דאָס לערע בעט, נאָר דאָס קלייד האָט זי נישט געקענט זען. דער מילנער און זיין ווייב פּעסיע זענען געשטאַנען פֿאַר דער ציגיינערין פֿאַרלוירענע און אברהם חיים האָט געקענט בלויז אַרויסברענגען פֿון זיין מויל, אַז אויך דאָס קלייד און אַלץ אין וואָס ברוריה איז געווען אָנגעטאָן צו דער חתונה איז פֿאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט איר. האָט די ציגיינערין געהייסן מען זאָל איר אַריינברענגען אַן עמער פֿול מיט וואַסער און אַש פֿון דער הרובע, אין וועלכער די מילנערקע האָט געבאַקן דאָס געבעקס צו דער חתונה פֿון איר טאָכטער. האָט דער מילנער געבראַכט אַן עמער פֿול מיט וואַסער און פּעסיע האָט אין פֿאַרטעך געבראַכט אַ פּאָר הויפֿנס אַש. די ציגיינערין האָט דעם אַש אַרויפֿגעשיט אויפֿן וואַסער אין עמער און דערנאָך זיך איינגעקוקט אין די שטעגעלעך און וועגעלעך וואָס צווישן די אַש־פֿליטערלעך און געזאָגט:

„איך זע אַז איַיער טאָכטער איז אַוועק זייער וויַיט. זי בלאָנדזשעט אויף וועגן און אומוועגן, אָבער קיין מעשׂה האָט זי זיך נישט אָנגעטאָן. אָטאָ דאָ זע איך, אַז זי האָט ליב דעם וואָס זי האָט ליב געהאַט און זי זוכט אים אויף די וועגן און אומוועגן. אויב ער וועט איר נישט אַנטקעגנגיין וועט זי צוריקקערן״.

„זאָג איר אַז מיר וועלן דערוועגן איר גיין אין קבר אַריין!״ — האָט זיך ביי דער מאַמע פּעסיע אַרויסגעריסן.

די ציגיינערין האָט נישט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון איבער דעם עמער און געזאָגט:

„רעדן צו איַיער טאָכטער קען איך נישט, נאָר איך זע ווי זי בלאָנדזשעט אַרום אָט דאָ״ — האָט זי אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף אַ בערגעלע אַש.

די ציגיינערין איז פֿונעם מילנער אַוועק מיט אַ טאָפּ וויַיצנמעל, אָבער ברוריה איז נישט צוריקגעקומען.

זלמן האָט זיך אַ יאָר צייט אַרומגעדרייט אין טראַק אַ פֿאַראומערטער. ער האָט שטילערהייט געהאַט תּרעומות צו זיין שווער און שוויגער פֿאַר וואָס זיי זענען געגאַנגען צו ציגיינערס פֿון וועגן דער נעלם געוואָרענער. ציגיינערס זענען עוסק אין כּישוף, וואָס איז ביי ייִדן מוקצה.

אין יענע צייטן איז שוין קיין טראַק געהאַט דערגאַנגען די שמועה וועגן די תּלמידים פון דעם מעזשיבאָזשער בעל־שם־טוב, אַז זיי באַווייזן מופתים און מאַכן אַז אומגליקלעכע און קראַנקע זאָלן געהאָלפן ווערן. ייִדן פון די מדינות פּוילן און פּאָדאָליע פאָרן קיין מעזעריטש צום מגיד ר׳ דב בעריש אויף געהאָלפן צו ווערן. נאָר רעדן דערוועגן אין טראַק האָט מען נישט געטאָרט. דער גאון פון ווילנע האָט די אַלע לייט גערודפט. ער האָט אַרויסגעשיקט משולחים איבער אַלע הייליקע קהילות פון די אַרומיקע מדינות צו וואָרענען, אַז גוטע און פרומע לייט זאָלן זיך דערווייטערן פון די וואָס דאַווענען פון אר״י הקדוש סידור, גייען אָנגעטאָן אין ווייסן און דרייען זיך אָדער שאָקלען זיך אָדער מאַכן קאָזשלקעס ביים דאַווענען. די שמועה האָט זיך איינגעבאַקן אין האַרצן פון זלמנען, וואָס ברוריה איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן אַזוי ווי ער האָט זי געזען ווי זי האָט אויסגעטאָן די מלבושים דעמאָלט, אין דער קאַמער, ביי דעם פּאַס לבנה־ליכט וואָס האָט אַריינגעשיינט דורך די אויסשניטלעך אין די לאָדנס.

אַז דער ווייטיק אין האַרצן פון זלמנען האָט זיך נישט געשטילט, האָט ער איין מאָל געזאָגט צו זיין שווער, אַז ס׳האָט זיך אים שטאַרק פאַרבענקט צו דער ישיבה אין ווילנע און ער מוז פאָרן אַהין צו לערנען די מסכתא ברכות, וואָרום ער פּילט, אַז דאָס וועט זיין אַ סגולה ברוריה זאָל אם־ירצה־השם צוריקקערן. אַזוי האָט זלמן געזאָגט, האָט גענומען אַ טאָרבע אויפן אַקסל און אַ שטעקן אין האַנט און אַוועק. נאָר שטאָט צו נעמען זיך אויף ווילנע, האָט ער זיך גענומען אויף דרום־מזרח, כּדי אָנצוקומען קיין מעזעריטש. די נסיעה — מיט אַקס און צו פוס — האָט גענומען אַ חודש צייט. ער איז אַרויס פון טראַק אינעם טאָג פונעם מולד און דערגאַנגען קיין מעזעריטש אינעם אָוונט פונעם צווייטן מולד. און אַזוי זיצט ער שוין אין מעזעריטש זיבן שבתים און דריַי טעג.

זלמן האָט זיך באַלד אין די ערשטע טעג דערבעטן צום רבין ר׳ דב בעריש און דער רבי האָט אים אויסגעהערט ווי אַ פאָטער הערט אויס זיין בן־יחיד. ער האָט אים אויסדערציילט אַלץ ווי עס איז זיך פאַרלאָפן מיט זיין ווייב און אַפילו נאָך מער, וואָרום אויך די מחשבות, וואָס ער האָט געטראַכט דעמאָלט און נאָך דעם און אויף דעם גאַנצן וועג, וואָס ער איז געגאַנגען קיין מעזעריטש. האָט דער רבי ר׳ דב בעריש אויסגעהערט און געזאָגט אַזוי:

„דו דאַרפסט כּסדר תּפילה טאָן, די אישה זאָל בעזרת־השם צוריקקערן צו דיר, נאָר וואָס שייך אַ מופת בין איך מסופק, וואָרום איך זע דאָ נישט קיין זאַך וואָס זאָל זיין נישט כּדרך־הטבע. דאַרפסט וויסן, אַז די כּת קראים זענען מסוכּנער פון די נוצרים, מחמת זייער דבקות צום פשט פון דער תּורה שבכתב. פון דעם גאַנצן פּרדס מיט זיינע ביימער, צווייגן, געבלעטער און בליִעכצער, האָבן זיי אַרויסגענומען רק די שמעקעדיקע פּרי, די פּ. פאַר נישט באַווארנטע אין נסיון קען די שמעקעדיקע פּרי זיין כּנחש ערום מכּל חית השדה, ווי עס שטייט געשריבן אין דער תּורה: ותרא האשה כי טוב העץ למאכל ותיקח מפריו״.

„איז וואָס איז דער רמז, מעזעריטשער מגיד?״ — האָט זלמן געפרעגט.

„אויב דו פרעגסט שוין אויפן רמז ביסטו שוין אויפן וועג צום דרש און פאַר אונדזביידע וועט בלייבן נאָר דער סוד״ — האָט דער רבי ר׳ דב בעריש געזאָגט און נישט מפרש געווען.

נאָך די דאָזיקע ווערטער איז זלמן צוגעפאַלן צום מעזעריטשער מגיד ווי אַ דורשטיקער פאַלט צו צו אַ פרישן קוואַל, און אויך דער רבי ר׳ דב בער האָט מקרב געווען דעם טראָקער איידעם און אים אָנגעזאָגט ער זאָל זיין ביי זיין שבת־טיש. זיצט זלמן אין מעזעריטש, און הגם ווערליק דעם רמז פון דעם צדיק האָט ער געדאַרפט צוריקאײַלן קיין טראָק און נאָכשפּירן די כת קראים, קען ער זיך פון דאַנען נישט רירן, ווי אַלע טעג וואָלטן געווען שבת און ער האָט מורא צו גיין, כדי נישט עובר צו זיין אויף אַ תחום שבת...

„ביסטו, מיינט עס, אויך געוואָרן אַ תלמיד פון דעם מעזעריטשער מגיד?״ — האָט וועלוול געוואָלט דערגיין.

„צו אַזאַ מדרגה בין איך נאָך נישט זוכה געווען — האָט זלמן געענטפערט — וואָרום געקומען קיין מעזעריטש בין איך נישט לשמו. נאָר פאַר מופת, מיין אישה זאָל זיך צו מיר צוריקקערן״.

„דיר איז גוט״ — האָט וועלוול געזאָגט מער צו זיך ווי צו דעם טראָקער איידעם.

אַ פייערל פון קינאה האָט אויפגעטליִעט אין וועלוולען. צו וואָס אַלץ דער יונגער מענטש גאַרט נאָך זוכה צו זיין. ווייטע, אָפענע וועגן האָט מעזעריטש פאַר אים אויסגעשפּרייט.

דער רבי דב בעריש

כאַטש װעלװל איז מיד געװען פֿון װעג און פֿון דעם אַלץ װאָס ער האָט אַרײַנגעאָטעמט אין זיך זינט ער איז אָנגעקומען קײן מעזעריטש, האָט אים די נאַכט דער שלאָף נישט גענומען. די פֿינצטערניש אין דער קאַמער פֿונעם האַרבעריק איז געװען אַ ליכטיקע און אין דער ליכטיקייט האָבן זיך פֿאַרלאָפֿן אַ סך געשעענישן. ער האָט אױף די געשעענישן געקוקט װי אױף אַזעלכע, װאָס פֿאַרלױפֿן זיך אָט דאָ נעבן זײַן געלעגער. און ער האָט באַגריפֿן אױך אַזעלכע געשעענישן, װאָס זענען זיך פֿאַרלאָפֿן פֿון לאַנג און זענען פֿאַר אים געװען דאָס זעלבע װאָס חלום. פֿון זײַן אײגענער אױפֿגערודערטקייט און פֿון דער אױפֿגערודערטקייט פֿון זלמן, דעם אײדעם פֿון טראָק, האָט ער באַגריפֿן װאָס ער האָט נישט באַגריפֿן דעמאָלט װען ער איז געפֿאָרן צום בעל־שם־טוב. דעמאָלט האָט ער בײַ ר׳ ישׂראל געזוכט אַ מופֿת אױף קינדער. איצט, אַז דער טראָקער אײדעם האָט אים דערצײלט די מעשׂה מיט זײַן נעלם געװאָרן װײַב, איז כאָטש דער מגיד דב בעריש האָט אים נישט צוגעזאָגט קײן מופֿת — איז ער געבליבן אין מעזעריטש און ער קלעפּט צום רבי. איז עס נישט דער מופֿת, נאָר עס איז דאָס זוכעניש פֿון אַן אָנלען אין יִיאוש. איצט געדענקט ער, אַז יעדעס מאָל װען ער איז געפֿאָרן צו ר׳ ישׂראל, איז עס געװען אין אַ שעה װען דער יִיאוש איז אים באַפֿאַלן, װי אַ גזלן אין װאַלד. דער טראָקער אײדעם, כאָטש ער קומט פֿון דעם גאונס שטאָט, װאָס רודפֿט די לײַט פֿון דער כּת, האָט אין מעזעריטש געפֿונען אַן אָנלען פֿאַר זײַן יִיאוש און ער קלאַמערט זיך אין דעם אָנלען. און װער זענען די אַלע לײַט פֿון דער כּת? צום מײנסטן זענען זײ פֿונעם געמײנעם פֿאָלק, אֶביונים, חולאים און בעלי־צרות, װאָס געפֿינען זיך נישט אױס אין די װעגן צום הימל נאָך הילף. פֿריִער דער בעל־שם־טוב און איצט דער מגיד דב בעריש זענען זײער אָנלען. בפֿרט איצט װען ר׳ ישׂראל איז אױפֿן עולם־האמת און ער קען זיך אײנשטעלן בײַם כּביכול, ער זאָל נישט קװעלן דעם געמײנעם מאַן.

װעלװל בעלזער האָט אין דער ליכטיקייט פֿון דער פֿינצטערער קאַמער געזוכט זיך און זיך אָפּגעפֿונען צװישן די אַלע לײַט, װאָס קלעפּן צו דער כּת. אױך ער איז צװישן די, װאָס דער יִיאוש האָט זײ גערודפֿט. ער איז נישט װי דער געמײנער מאַן, װאָס דער רב פֿון שטאָט און די אַלע קהל־לײַט קװעלן אים און ער קען נישט בײַשטײן זײער כּוח, אָבער געקװעלט איז אױך ער, און ער האָט נישט געקענט בײַשטײן דאָס קװעלעניש ביז ער איז געװאָרן אַלט. דאַרף ער אַן אָנלען. דאָרט, אין בראָד, איז זײַן אָנלען דאָס פֿאַרמעגן און די חשיבֿות פֿון פֿאַרמעגלעכ־

קייט, דאָך איז דער אָנלען אייטל, ווי אַ זאַך פֿון פֿאַרבלענדעניש, וואָס זען זעסטו זי, נאָר ווען דו לענסט זיך אָן, איז זי ווי שפּינוועבעכץ. איז ער, ווי דער טראָקער אײדעם, אין דעם זעלבן האַרבעריק אין מעזעריטש, אין דער שטאָט פֿון דעם רבין ר׳ דב בעריש. דאָ איז ער אָרעם ווי אַלע און רייך ווי אַלע. הייבט ער שוין אָן פֿאַרשטיין דעם טעם פֿאַר וואָס אין מעזעריטש, אין קלויז פֿון דעם רבין ר׳ דב בעריש, זאָגן זיך אַלע דו — יונגע צו אַלטע און אַזעלכע, וואָס זענען אָנגעטאָן אין טיזליקעס אַרומגעגאַרטלט מיט פּאַקולענע גאַרטלען, צו אַזעלכע וואָס זענען אָנגעטאָן אין לאַנגע מלבושים מיט פּעלענע יאַרמלקעס. איצט ווערט אים אַלץ קלאָר. און אויך דערפֿאַר ווייל ער האָט אָנגעהויבן באַנעמען וואָס איז געווען פֿאַר אים פֿאַרבאָרגן, און דאָס האַרץ האָט זיך אים איבערפֿולט מיט דער פֿרייד פֿון תּופֿס זיין, האָט אים דער שלאָף נישט גענומען ביז פֿון צווישן די לאָדן־שפּאַרעס האָט זיך אָנגעהויבן אַריי־נזייען דאָס ליכט פֿון דעם נייעם טאָג.

איז ווע‏לוול בעלזער אויפֿגעשטאַנען און זיך געפֿעדערט צו זיין צווישן די ערשטע אין דער קאַלטער מיקווה. ער איז נישט געווען דער ערשטער. אַנדערע האָבן זיך געפֿעדערט פֿאַר אים. וואָרום אין מעזעריטש איז די צייט נישט צו שלאָפֿן. טייל פֿאַרברענגט אַ גאַנצע נאַכט אין מגידס קלויז, ווו שלמה זרח פֿון מעזשיבאָזש דערציילט מעשׂיות וועגן ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב און זיינע מופֿתים.

שלמה זרח איז אַ זקן מופֿלג. ער געדענקט ווי דער בעל־שם־טוב פֿלעגט פֿירן ליים, כּדי זיך מפֿרנס צו זיין און ווי ער פֿלעגט אין מעזשיבאָזש אויפֿן מאַרק דערציילן מעשׂיות נפֿלאות וועגן זאַכן וואָס זענען זיך פֿאַרלאָפֿן מיט מלכים אין די אַלטע צייטן. ער, שלמה זרח, האָט די מעשׂיות אַליין געהערט פֿון ר׳ ישׂראל דעם צדיקס מונד. כאָטש יעדעס מאָל ווען ער דערציילט איבער די מעשׂיות קומען זיי אַרויס אַ ביסל אַנדערש; דאָ דערציילט זיך וועגן אַ מלך און דעם בן־מלך און דאָ דערציילט זיך וועגן דעם מלך און דער בת־מלכּה; דאָ דערציילט זיך וועגן דעם זעלבן מלך אין זיין פּאַלאַץ און באַלד זאָגט שלמה זרח, אַז די מעשׂה פֿאַר־לויפֿט זיך אין אַ געדיכטן וואַלד, ווו דעם מלכס לייט האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט. די וועלכע הערן זיך צו ווי דער אַלטיטשקער שלמה זרח דערציילט, אַרט נישט וואָס יעדעס מאָל איז די זעלבע מעשׂה אַ ביסל אַנדערש, וואָרום געשען איז עס מיט ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב און די אַנדערשקייט וואָס קומט אַרויס פֿון שלמה זרחס מויל איז גוט צו זייערע אויערן. ביים אויסהערן די מעשׂיות נפֿלאות פֿאַרלויפֿט די נאַכט אַזוי שנעל, ווי שנעל עס נעמט ווען אַ מענטש פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן ווען ער טוט תּפֿילה און ער דעקט אָפּ די אויגן ביים סוף פֿון דער תּפֿילה. איז ווי נאָר עס הייבט אָן שאַריען אויף טאָג לויפֿן טייל לייט אין דער קאַלטער מיקווה, כּדי מיט פֿרייד צוריקצוקומען אין קלויז צו שחרית. אַנדערע, ווידער, פֿאַסטן תּעניתים, כּדי זוכה צו זיין צו עולם־הבא, כאָטש אַזוי ווי ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב, לערנט אויך דער רבי ר׳ דב בעריש, אַז דעם אין הימל דאַרף מען דינען בשׂמחה ובֿרינה. דער רבון־עולם האָט נישט ליב, אַז ייִדן זענען זיך מצער. דאָך נישט אַלע קענען זיך אָפּגעווינען פֿון סיגופֿים, אַפֿילו ווען זיי קומען קיין

מעזעריטש, פאַסטן זיי אויך דאָ תּעניתים און שלאָפן אויף דער האַרטער ערד. שטייען זיי אויף צו גלייך מיטן טאָג און לויפן אין דער קאַלטער מיקווה זיך אָפּטובלען.

איז ווען וועלוול בעלזער איז געקומען אין דער מיקווה מיט קאַיאַר, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ס'איז ערב שבת נאָך האַלבן טאָג און די מיקווה איז אַ הייסע, און ייִדן זענען געקומען אַהער לכּבוד שבת. קיין גרויסן טעות האָט וועלוול נישט געמאַכט, וואָרום דאָ, אין מעזעריטש, זענען די וואָכעדיקע טעג געווען נישט מער ווי אַ פּרוזדור צום שבת, און אַלע מעשׂים, וואָס טוען געטאָן ווערן אַ גאַנצע וואָך, זענען נאָר לכּבוד דעם אָנקומענדיקן שבת. אַפילו ווען וועלוול האָט זיך אויף צו מאָרגנס נאָכן קומען קיין מעזעריטש משתּדל געווען צו רעדן מיט דעם רבי ר' דב בעריש און אין קוויטל, וואָס ער האָט אים דערלאַנגט האָט ער מרמז געווען, אַז ער איז פון די חשובֿי דק"ק בראָד, האָט אים דער רבי געלאָזט וויסן, אַז ער וועט מתּוך שׂמחה שמועסן מיט אים בעת די שלש־סעודות, סיידן ער איז אין איַילעניש און ער קען נישט בלייבן לענגער אין מעזעריטש.

ווי די הכנות צו שבת האָבן דאָ געגומען אַ גאַנצע וואָך, אַזוי זענען זיי פון דאַנערשטיק באַגינען געוואָרן איַיליקע. ייִדן האָבן זיך געאיַילט איַינקויפן וואָס זיי דאַרפן איַינקויפן, און ווייבער האָבן זיך געאיַילט איַינצוהייצן די אויוונס באַצייטנס, צו באַקן און קאָכן אויף שבת. האָבן זיך אויך די האָלצהעקערס גע־איַילט, וואָרום צו הייצן דאַרף מען האָלץ, און די וואַסער־טרעגערס האָבן זיך געאיַילט, וואָרום צו קאָכן און באַקן אויף שבת דאַרף מען וואַסער. האָט די שטאָט זייט דאָנערשטיק קאַיאַר ביז פרייטיק נאָך האַלבן טאָג געשמעקט מיט פריש געבעקס, מיט מאכלים וואָס וועקן דעם אַפּעטיט און מיט דעם רויך פון די קוימענס. דאָס איַילעניש פון די ייִדן האָט זיך אויך איבערגעטראָגן אויף די גוייִם און אויך זיי האָבן זיך געאיַילט, ווי אויך זיי, להבדיל, וואָלטן זיך געאיַילט מקדש צו זיין דעם שבת. אַז עס האָט זיך געמאַכט, אַ גוי איז מיט אַ וואָגן פאַרבייגעפאָרן די שטאָט פרייטיק נאָך האַלבן טאָג, איז ער פאַרבייגעפאָרן אין אַזאַ איַילעניש, ווי ער וואָלט זיך געשעמט, אַז ער וועט פאַרשפּעטיקן צו קבלת־שבת.

קיין מעזעריטש איז דער שבת אָנגעקומען, ווי עס קומט אָן אַ מלך, וואָס די שטאָט וואַרט אויף אים ער זאָל אָנקומען. דער הימל האָט זיך געפּעדערט און געוואָרן אַ חופּה, און די חופּה, דער שבתדיקער הימל, גיסט זיך אָן מיט אַלע פאַרבן — מיט תּכלת און ליכטיקן גינגאָלד, מיט שאַרלעך און צעהעלטן פּערל־מוטער, און דער דרויסן צעשמעקט זיך מיט דעם ריח פון פריש געשניטענעם היי און פון באַבריטן רומיאַנעק. פון אונטער די משופּעדיקע און נידעריקע דעכער, ווי פון אונטער קוטשמעס, איַילן אַפּער ייִדן אין ווייסע בגדים אָנגעטאָן, מיט פּעלצנע הויבן און שטריימלעך אויף די קעפּ. ווי די שוואַלבן זענען מבשׂר דעם אָנקום פון זומער, אַזוי זענען די ייִדן אין די ווייסע בגדים מבשׂר דעם אָנקום פון דער מלכּה שבת. די ייִדן אין די ווייסע בגדים איַילן צום הויז פון דעם רבי ר' דב בעריש, וואָרום אַלע וויסן, אַז דאָס מאָל וועט דער רבי קומען צו קבלת־שבת

מיט אַ פּמליא פֿון זײַנע תּלמידים, די גדולי־התּורה, וואָס זענען די וואָך געקומען קיין מעזעריטש וועגן די מעשׂים פֿון דעם ווילנער גאון, וואָס רודפֿט די כּת חסידים פֿון ר׳ ישׂראל בעל־שם־טובֿס תּורה.

נאָך אײדער די זון האָט זיך געזעצט איז די קלויז געווען פֿול מיט ייִדן און אויך אַרום דער קלויז איז געווען אַן ענגשאַפֿט אַז מען האָט נישט געקענט צוקומען צו דער פֿאָדערשטער וואַנט, וואָס איז די מיזרח־וואַנט פֿון אינעווייניק. פּלוצים האָט עמעצער מבשׂר געווען מיט אַ יונג קלינגעדיק קול, אַז דער רבי ר׳ דבֿ בעריש גייט. די ענגשאַפֿט האָט זיך אַ שטופּ געטאָן פֿאָרויס, צום אײַנגאַנג, זיך אַ וויג געטאָן אויף צוריק און אַ שפּאַלער איז געוואָרן. דער רבי ר׳ דבֿ בעריש, אָנגעטאָן אין ווײַסן גלאַנציקן אַטלאַס מיט אַ סויבלנעם שטרײַמל אויפֿן קאָפּ, איז אָנגעקומען ווי פֿון ערגעץ נישט, אַזוי ווי ער וואָלט די גאַנצע צײַט געווען צווישן עולם אָן אינו נראה און איצט האָט ער זיך פּלוצים אַנטפּלעקט. ער האָט ווי געשוועבט, אָדער ווי די ערד אונטער זײַנע פֿיס וואָלט זיך באַוועגן אויף צוריק, כּדי ער זאָל זיך נישט דאַרפֿן מטריח זײַן צו שטעלן טריט. פֿון זײַן רעכטער זײַט איז געגאַנגען זײַן תּלמיד, דער יונגער רבֿ לוי יצחק, פֿון זײַן לינקער זײַט דער גדול־התּורה אלימלך פֿון ליזענסק און פֿון הינטן דער יונגער תּלמיד־חכם פֿון טשערנאָביל ר׳ נחום. אין וווּקס זענען די דרײַ תּלמידים געווען העכער פֿון דעם רבין, מיט שוואַרצע געדיכטע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעכוואַליעט פֿון אונטער זייערע שטרײַמ־לעך, נאָר אין זײַן ווײַסער גלאַנציקער הלבשה האָט זיך דער רבי אַרויסגעהויבן איבער זײַנע תּלמידים מיט אַ צוויי קעפּ העכער פֿון זיי און אין זײַן זילבערדיקער באָרד האָבן די פֿאַרביקע זונשטראַלן זיך געמיניעט מיט פּערלמוטער־שופּן. מיט דעם שפּאַלער איז דער רבי פֿאַרשוווּנדן אין קלויז אַרײַן און מיט אים — זײַן פּמליא.

די זון האָט זיך אַראָפּגעזעצט. דער אָוונט האָט זיך צוגעאײַלט. איבער דער קלויז האָבן זיך צעבליט ליכטיקע שטערן, אַ סך שטערן, און אין דער לופֿט האָבן דורכגעבליצט גליווערעמלעך, אָדער צעשפּריצטע שטערנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער מעזעריטש, כּדי ליכטיק צו מאַכן דעם שבתדיקן אָוונט. ווי אַ מילדער טוי האָט זיך די שכינה אַראָפּגעלאָזט און מיט אירע פֿליגל זאַנפֿטיק אויסגעשפּרייט איבער דער עדה ייִדן.

וועלוול בעלזער, מיטגעריסן מיטן שטראָם חסידים נאָך זייער רבין, איז אַרײַנגעשטויסן געוואָרן אין דער ענגשאַפֿט פֿון דער קלויז. כאָטש ער איז געווען אָנגעטאָן אין זײַן שבתדיקן בגד פֿון שוואַרצן אַטלאַס, האָבן די לײַט, זעט אויס, אים אָנגענומען פֿאַר אײנעם פֿון דער פּמליא און אים אַוועקגעטראָגן צו דער מיזרח־וואַנט, ביי דער זײַט פֿונעם רבין און זײַנע תּלמידים. אַ שלווה, וואָס וועלוול האָט שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן נישט געוווּסט פֿון אַזעלכער, האָט זיך אויסגע־שפּרייט אויף אים. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האַלט זיך אין דער לופֿטן, זײַנע פֿיס באַטרעטן נישט דעם דיל, און נאָר דאָס וואָס די סטעליע איז נידעריק איבער אים, הייבט ער זיך נישט אויף אין דער הייך און שוועבט נישט אַוועק אינעם שבתדיקן הימל. אַלץ איז אין דער רגע געווען אויסטערליש אַנדערש. אין

קלויז איז אַן ענגשאַפט, די פלעמלעך פון די אייל־לאָמפּן צאַנקען מיט רויטלעך דערשטיקט ליכט און אויך די וועקסענע ליכט אין די רערן פונעם עמוד שמעלצן זיך אונטער רויטע, דערשטיקטע פלעמלעך. דאָך וועלוול פילט אַרום זיך פרייע מרחקים, אין וועלכע דער גוף איז לייכט, ווי פונעם גוף וואָלט געוואָרן זעל. דער רבי הייבט אויף זיינע הענט אין דער הייך, רירט אָן מיט די פינגער די וואַנט און הייבט זיי העכער און העכער, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנרירן מיט די שפּיץ פינגער די סטעליע. זיין גאַנצער גוף הייבט זיך אויף, די ברייטע ווייסע אַרבל פון זיין הלבשה פאַלן אַראָפּ און דעקן אָפּ זיינע נאַקעטע אָרעמס. זיינע פינגער ווילן זיך איינקנעטן אין דער וואַנט, און טרייסלענדיק מיטן קאָפּ אויף ביידע זייטן, רופט ער אויס מיט אַ פאַרקייכט קול: „ברכו, ברכו את ד׳ המברך!” אַן איינגע־דעקטער דונער קאָלערט זיך דורך איבער דער קלויז: „ברוך ד׳ המברך לעולם ועד!”

פון איצט אָן איז שוין מער נישטאָ קיין ענגשאַפט אין קלויז. די ווענט האָבן זיך צעשפּרייט, די צונויפגעדרענגטע ייִדן האָבן זיך צעשאָקלט און צעטרייסלט און מיט זייערע באַוועגונגען איז דער אַרום געוואָרן פריי און די תּפילה האָט געהויערט איבער די קעפּ פון די מתפּללים. דער רבי האָט נאָך אַלץ געוואָלט דערגרייכן מיט זיינע פינגער צו דער סטעליע און זיין תּלמיד לוי יצחק האָט געפּאַטשט מיט די הענט האַלטנדיק זיי אין דער הייך, און וועלוול האָט געפילט, אַז די סטעליע הייבט זיך אויף, די ווענט פון דער קלויז צערוקן זיך נאָך מער און איבער די קעפּ שפּרייט זיך אויס דער הימל, וואָס לכּבוד שבת און דער מעריב־תּפילה איז ער באַזייט מיט אַזוי פיל שטערנס — מער שטערנס ווי הימל. די תּפילה גייט אַדורך דאָ ווי אַ רוישנדיקער ווינט, דאָ ווי אַ געלאָשענער דונער און דאָ ווערט מיט אַ מאָל שטיל, שטיל ווי נאָך אַ פאַרנעדיקן טאָג ווען אַ רעגנ־ברוך דאַרף די שטילקייט צערייסן.

נאָך דער מעריב־תּפילה זענען די מתפּללים אין דער קלויז און אַרום איר געווען שיכּור. און ווי שיכּורע האַלטן זיך, כּדי נישט צו פאַלן, האָבן די מתפּללים אַרויפגעלייגט די אָרעמס אויף די אַקסלען פון איינאַנדער און אין געזעמלעך זיך געוואָקלט איבערן מאַרק און געזונגען „לכה דודי”. און כאָטש אויך די קולות זענען געווען שיכּורלעכע און יעדעס געאָרעמט געזעמל האָט געזונגען פאַר זיך, איז דער ניגון געפלאָסן מיט אַ זיסקייט, וואָס איז אַריין אין די אֵברים און זיי אָנגעפילט מיט שׂמחה:

„אוי, לכה דודי לקראת כלה, פני שבת נקבלה.
אוי, שמור וזכור בדבור אחד, השמיענו אל המיוחד,
אוי, ד׳ אחד ושמו אחד, לשם ולתפארת ולתהלה...”

וועלוול בעלזער איז געווען אַריינגענומען אין דער מיט פון אַ געזעמל. ער האָט אַפילו נישט געוווּסט אויף וועמעס אַקסלען ער האַלט זיינע אָרעמס און וועמעס אָרעמס פון ביידע זייטן עס ליגן אויף זיינע אַקסלען, נאָר ער האָט געוווּסט, אַז ווי ער איז שיכּור און זיין האַרץ איז איבערגעגאָסן מיט שׂמחה,

אַזוי זענען זיינע חברים שיכּור און זייערע הערצער זענען איבערגעגאָסן מיט שׂמחה. און צו זייער געזאַנג טאַנצן־מיט און פינקלען־מיט צום טאַקט די מיליאָסן ליכטיקע שטערנס אין שבתדיקן הימל.

אויף צו מאַרגנס צו שלש סעודות האָט זיך וועלוול דערשלאָגן צום רבינס טיש. ער איז געקומען פון די ערשטע. אויך דאָ האָט זיין עלטער און די שוואַרצע אַטלאַסענע הלבשה אַרויסגערופן דרך־ארץ, ווי ער וואָלט געווען פון רבינס פמליא. אָבער ביי אהרעלע, דעם רבינס שמש, איז ער געוואָרן אָנגעזען ערשט ווען ער האָט אַרויפגעלייגט אַ ווייכע האַנט אויף זיין פּלייצע און מיט דער צווייטער האַנט אָנגעוויזן אויף זיין צעדריוולטן גאַרטל:

„אפשר דאַרפסטו אַ גאַרטל? איך האָב איינעם איבעריק".

אהרעלע, אַ קליינטשיקער, כּמעט בלויז גוף, מיט זייער נידעריקע פּיס, האָט אַרויפגעקוקט צו וועלוולען, צי ער זאָגט וואָס ער זאָגט אין ליצנות, און געזאָגט:

„אַוודאי, ווי דען?"

וועלוול האָט פון אונטערן מלבוש אַפּערגעבונדן אַ גלאַנציקן געפלאָכטענעם גאַרטל און אים דערלאַנגט אהרעלען. דער שמש האָט דעם גאַרטל איינגעלייגט אין פירן און ווי מיט אַ קאַנטשיק אָנגעהויבן טרייבן די אַרומיקע לייט:

„שטופּט זיך נישט, שטופּט זיך נישט. דער רבי וויל היינט ענטפערן..."

„וועלוול, וועלוול איז מיין נאָמען" — האָט וועלוול פאַרשטאַנען און אים אונטערגעזאָגט.

איז וועלוול בעלזער געזעסן אויף אַן אָנגעזעען אָרט.

דער רבי ר' דב בעריש איז אַרויסגעקומען פון זיין חדר אין דעם זעלבן ווייסן כּאַלאַט וואָס צו קבלת־שבת. ער האָט עפּעס אין דער שטיל געזאָגט צו זיינע דריי תּלמידים, וואָס זענען געזעסן האַרט נעבן אים און דערנאָך מיט צווויי ליכטיקע און אויסגעשלאָפענע אויגן אָנגעקוקט אין פּנים פון יעדן איינעם, וואָס ביים טיש. מיט די פינגער פוןביידע הענט האָט ער שלווהדיק צעקעמט זיין לאַנגע באָרד און געקוקט דאָ אויף דעם און דאָ אויף יענעם. איינעם געפרעגט: „וואָס מאַכן די קינדער?.. וויל?.. געליבט השם־יתברך". אַ צווייטן געפרעגט: „האָסט מורא געהאַט מ'עט דיר אויסדינגען די פּאַכט און צום סוף ביסטו געבליבן אויף איבער שבת?.. מ'עט נישט אויסדינגען!.." זיינע אויגן האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף וועלוולס פּנים: „עפּעס אַ באַקאַנטער ייִד" — האָט ער פאַרקנייטשט דעם שטערן. „צום ערשטן מאָל אין מעזעריטש" — האָט וועלוול געענטפערט. „פון וואַנען?" „פון בראָד, וועלוול איז מיין נאָמען הנקרא בעלזער, וועלוול בעלזער..." „פון בראָד?" — האָט דער רבי איבערגעפרעגט און געקוקט אויף זיין ציכטיקן אַטלאַסענעם מלבוש — „וואָס זוכט אַ ייִד פון בראָד אין מעזעריטש?.." „דעם סוד פון ר' ישׂראל בעל־שם־טובס תּורה" — האָט וועלוול געזאָגט, ווי ער וואָלט פון פריִער געווען צוגעגרייט דערצו.

דער רבי ר' דב בעריש האָט, מיט ביידע אָרעמס אָנגעלענט אָן ראַנד פונעם

לאַנגן טיש, זיך אויסגעגלייכט אויפן זעסל און דער שטערן איז אים געוואָרן העכער און רונדיקער ווי פריִער און ער האָט געזאָגט:

„בטרם אתקינו סעודתא דמנהיגותא וועל איך דיר ענטפערן, וועלוול, אַז אין דער תּורה פון ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב זכר צדיק לברכה איז נישטאָ קיין סוד. די גאַנצע תּורה איז: אהבת הד׳ און אהבת ישׂראל. און אין דער סמיכות פון אהבה איז אַלץ: דער אָנהייב אין א׳ און דער סוף אין ת׳ און דער הד׳ אין ה׳ און ברא דאָס באַשאַף אין ב׳. איז אהבה אַלץ, אַלץ! אין אהבה איז יצירה, וואָרום דער בורא־עולם האָט די וועלט באַשאַפן אין אהבה און ער האָט זי איבערגעגעבן צום מענטש, די אהבה, ווו נאָר ער וועט זיך קערן און ווענדן, אַז זיינע מצוות זאָל ער טאָן באהבה און זיינע כּוונות זאָלן זיין באהבה. דעריבער האָט רבי ישׂראל בעל־שם־טוב זכר צדיק לברכה געזאָגט, אַז מיט עצבות און מיט סיגופים קען מען נישט דינען צום בורא־עולם, נאָר מיט ליבשאַפט און מיט געזאַנג דינט מען צו אים. און דאָס איז אָנגעלייגט ביי אים ווי תּפילה בכּוונה. בעוונותינו הרבים זענען יידן געגוג געקוועלט און געדריקט אויך פון אייגענע, פון די תּקיפים אין די קהילות און פון די, וואָס נעמען צו דעם כּזית ברויט פון יתומים און אלמנות רחמנא־ליצלן; ווערן געקוועלט פון די רבנים און פרנסים, וועלכע האָבן זיך אויך אָנגעזעצט אויף אנשי שלומינו און רודפן זיי, להבדיל, ווי עס רודפן זיי די גויִים. למה? פאַר וואָס? דען זיי האָבן איבערגענומען די מידה פון די גויִים, די שׂינאה, די עצבות און נישט די מידה פון אים אין הימל, די ליבשאַפט, אהבה, וואָס איז כּולל אין זיך אַלץ, אַלץ פון אָנהייב ביזן סוף...״

דער רבי דב בער האָט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף וועלוולען און צוגעלעגט די אויגן. זיינע ברעמען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, ווי צוויי ריגלען, און זיין פּנים איז געוואָרן שטיל. און ווי זיין פּנים, אַזוי איז געווען שטיל אַרום דעם טיש. נאָר זיינע ליפּן צווישן באָרד און וואָנסעס האָבן לייכט, לייכט געציטערט, ווי אַ ווידערקול ציטערט נאָך אַ שאַרפן רוף...

דער שווערער נסיון

כאָטש ס׳איז נישט געווען קיין סוד, אַז וועלוול בעלזער איז צוריקגעקומען, האָט אליעזר אויסבאַהאַלטן די זאַך פון זעלדען. זי איז דעמאָלט געווען נאָכן צווייטן קימפּעט און אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין זיך. גאַרנישט האָט איר געקימערט, אָבער דער מינדסטער שאָרך אין דרויסן, דער קלאַפּ פון אַ ווינט אין פענצטער, צי דער קראַ פון אַ קראָ האָט זי געמאַכט אויפציטערן, ווי די וועלט וואָלט איינגעפאַלן. האָט אליעזר זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער איר שטוב איבערחזרן, אַז וועלוול בעלזער איז צוריקגעקומען. ער האָט נישט איבערגעחזרט. נאָר אַליין, אַזוי שנעל ווי עס האָט זיך דערטראָגן צו אים, אַז וועלוול איז ווידער אין בראָד, האָט ער איבערגעבראָכן אין זיך אַ ווייטיקלעכע פאַרלעגנהייט און אַוועק אים געבן שלום־עליכם. ס׳איז אים געווען איבער דער טבע און ער האָט זיך געצוווּנגען צו גיין. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין, אַז אויב ער וועט עס באַלד נישט טאָן, וועט ער אומזיסט האָבן תּרעומות צו זיין געוועזענעם פריינד און צווישןביידע וועט אַנוואַקסן שׂינאה. און דאָס וועט זיין שׂינאת־חינם מתּוך אַ געפיל פון אייגענער שולד.

אַז וועלוול האָט געעפנט די טיר און די ביידע מאַנצבילן האָבן זיך דערזען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן, האָבן זיי זיך אויף אַן אויגנבליק פאַרלוירן און אין פאַרלוירנקייט אויסגעצויגן צו איינאַנדער די הענט, ווי זיי וואָלטן זיך קעגנזייטיק געוואָלט שטאַרקן. און אַזוי, האַלטנדיק זיך ביי די הענט, זענען זיי אַריין אין דער סאַליע, וווּ אין די אַלטע צייטן פלעגן ביידע פאַרברענגען ביי דער שאַכברעט און מיט אַ ליאַמפּקע מעד.

וועלוול איז געוואָרן באַרעדעוודיק נישט נאָר פון דעם וואָס איז נאָר וואָס געשען. ער איז לאַנג נישט געווען אין דער היים און ער האָט געגאַרט דאָס פריִער געוועזענע זאָל ווידער זיין. אליעזר איז דאָ און אַ פלאַש מעד אויפן טיש איז ווידער דאָ, און פאַר אליעזרן האָט ער אַזוי פיל צו דערציילן. אין די פאַר יאָר האָט ער געזען מער ווי אַנדערע מענטשן זעען אין זייער גאַנצן לעבן. און אויך דאָ, אין בראָד, ווייסט ער שוין וואָס ס׳איז געשען און ער האָט נישט קיין תּרעומות, חלילה, צום דאָקטער.

דאָס אויער און אויג פון אליעזרן האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן. אויסערלעך איז וועלוול גאָר שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן. זיין באָרד איז געוואָרן אין גאַנצן זילבער־גראָ. די קנייטשן אויפן לומדישן שטערן זענען טיפער געוואָרן. אליעזר האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ערגעץ ווו געהערט אַ מאָל אַ מימרה, אַז ביי אַ

יונגן מענטשן קלייבן זיך זיינע סודות אין האַרצן; ביי אַ זקן באַהאַלטן זיי זיך אין די קנייטשן פון זיין לייב. אין ווועלוולס פּנים האָט ער עס געזען; אין די קנייטשן פון זיין פּנים זענען געווען טיף איינגעשניטן ענדערונגען פון אַ סך ציַיטן.

אין זיין באַרעדעוודיקייט האָט ווועלוול אַפילו מיט קיין רמז נישט אויסגעגעבן זיך, אַז ער ווייסט אַלץ וואָס עס איז געשען מיט אליעזרן און זעלדען, און אַז זעלדע איז דורך דער ציַיט געוואָרן אַ מאַמע צו דריַי קינדער. אויך אליעזר האָט פאַרמיטן דערוועגן צו רעדן. אין זייער שמועס, אַ שמועס צווישן צוויי אַלטע גוטע פריינד, איז זעלדע געווען די גאַנצע ציַיט אין די מחשבות פון ביידע, נאָר קיין ציַיכן נישט פון איר אין זייערע ווערטער.

אַז אליעזר האָט אים צום סוף פאַרבעטן ער זאָל קומען צו אים אויף אַ ליאַמפּקע מעד, האָט ווועלוול מיט גבירישער ברייטקייט אויף זיין אַלטן שטייגער אַריינגעשטעקט די פינגער פון ביידע הענט אין זיין גאַרטל און געזאָגט הויך אויף אַ קול:

„אוודאי, דאָקטער, וועל איך זיין איַיער גאַסט. ווי דען? מסתּמא האָט איר אויך אַ שאַבברעט, שוין אַזוי לאַנג נישט געפּילט די מלכּה אין מיינע הענט".

„כ'האָב גוטן מעד און אַ גרויסע טערקישע שאַכברעט, וואָס אויף איר פאַר־שפּילט זיך געשמאַק און נאָך געשמאַקער איז אויף איר צו געווינען. וואַרט איך אויף אייך, איר זאָלט מיר מודיע זיין ווען איר קענט זיין מיין גאַסט" — אליעזר האָט אָנגענומען די האַנט פון ווועלוולען.

ווועלוול האָט זיך נישט געאיַילט:

„כ'וועל. נאָר צום ערשט מוז איך זיך אַרומזען און זיך אָפּטובלען אין די בראָדער מיסחרים און אין דער בראָדער מיקווה. כ'האָב זיך דאָך אין גאַנצן אויס־געבראָדערט דורך דער ציַיט".

דאָס „אָפּטובלען" זיך האָט געגומען וואָכן. ווועלוולען האָט געפעלט דער כּוח פון זיין פריינד אליעזר איבערצובערעכן מיט איין מאָל אַ שווערע פאַרלעגנהייט. ווי וועט ער אַריינקומען אין אליעזרס הויז און זיך באַגעגענען פּנים־אל־פּנים מיט זעלדען? ווי וועט זי קוקן אויף אים? ער איז אַן אַלטער מאַן. אַפילו ווען ער פילט זיך נישט מיד פון דעם לאַנגן, לאַנגן אַרומפאָרן, האָט זיך די נסיעה אָוועקגעלייגט אויף זיינע אַקסלען און זיי אים אַראָפּגעבויגן. נאָר וואָס, דאַכט זיך ערשט נעכטן, איז ער געווען איר מאַן און דאָ וועט ער שטיין פאַר אַ יונגע מוטער, ווי איר זיידע. האָט ער זיך נישט געאיַילט צו וויסן טאָן אליעזרן ווען ער וועט זיין זיין גאַסט.

אליעזר איז אייגנטלעך געווען צופרידן וואָס ווועלוול איז נישט באַלד געקומען צו אים. ער דאַרף פריִער צוגרייטן זעלדען; נישט דערציילן איר מיט איין מאָל וואָס און ווען. און ווען ער וועט איר יאָ דערציילן וועגן דעם, אַז איר געוועזענער מאַן איז צוריקגעקומען קיין בראָד און אַז ער וועט זיין זייער גאַסט, דאַרף זי האָבן ציַיט דאָס אַלץ איבערצולעבן אַליין און אַליין זיך אַן עצה געבן ווי אַזוי אים צו באַגעגענען.

דערנאָך, אַז די זאַך האָט זיך פאַרצויגן, האָט אליעזר געטראַכט, אַז דערין איז זיין שולד. מסתמא האָט זיך וועלוול דערוווסט, אַז ער, אליעזר, האָט חתונה געהאַט מיט זעלדען און געהאַט מיט איר קינדער. ער האָט געמאַכט אַ סוד דערפון און אים נישט דערציילט. ווי אַ פריינד האָט ער אים געדאַרפט דערציילן. פריינדשאַפט אָן אויפריכטיקייט איז נישט קיין פריינדשאַפט. און דאָס שולדגעפיל האָט צוריקגעקערט. אים איז אַפילו איינגעפאַלן, אַז וועלוול האַלט אים פאַר דעם שולדיקן, הלמאי ער האָט זיך געגעט מיט זעלדען. אַ פעלדז קען זיך האַלטן אויפן שיפּוע פון אַ באַרג אויף משקלות אָן אייביקייט. נאָר עס איז גענוג דער מינדסטער שטויס און דער פעלדז קייקלט זיך אַראָפּ אין אָפּגרונט. און צוריקגעשמועסט, יעדער איינציקער מענטש, ווען ער ווערט געבוירן, הייבט זיך אָן קייקלען ווי אַ פעלדז אויף דעם שיפּוע פון זיין אייגן לעבן סיי מיט זיין אייגענעם אימפּעט און סיי ווערליק די שטרויכלונגען, וואָס ער טרעפט אָן אין קייקלען זיך. דאָס איז דער גורל. פאַרשטייט עס נישט אַזאַ קלוגער מאַן ווי וועלוול בעלזער?

אליעזר האָט זיך שוין געהאַט מייאש געווען און מיט דעם שלום געמאַכט. ער קען דאָך נישט גיין נאָך אַ מאָל צו וועלוולען און אים פאַרבעטן. דערום איז אים אויך געווען לייכטער זיך אָנצוגורטן און דערציילן זעלדען, אַז וועלוול איז צוריקגעקומען קיין בראַד. זעלדע האָט אויפגעהויבן איר שיינעם קאָפּ און אים ליכטיק אַריינגעקוקט אין די אויגן:

„און איך האָב געמיינט, אַז דו ווייסט נישט דערוועגן. אויסטערליש, איך בין שיִער נישט דערשטיקט געוואָרן מיט דעם סוד, געוואָלט דיר עטלעכע מאָל מגלה זיין און זיך אָפּגעביסן די ליפּן. ערשט דו ווייסט!"

אליעזר האָט זיך ווי פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ער האָט שוין געדאַרפט וויסן, אַז זעלדע ווייסט מער און פילט מער, ווי ער מיינט, און כסדר טראַכט ער וועגן איר, אַז איר וועלט איז אָן איינגעשרומפּענע אַרום איר גופא.

„ווייסטו שוין לאַנג דערוועגן אַז ער איז צוריקגעקומען?" — האָט ער געוואָלט וויסן.

„אַזוי לאַנג ווי ער איז צוריקגעקומען" — האָט זי געענטפערט.

ער האָט מיט דער פויסט זיך אַליין אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן. זי האָט פאַרשטאַנען:

„אַלע מאַנצבילן טראַכטן, אַז ווייבער זענען נאַרישער פון זיי. אַזוי צו טראַכטן דאַרף מען זיין אַ נאַר".

„בין איך?" — האָט ער געפרעגט.

„ניין — האָט זי דערנענטערט איר פּנים צו זיינעם — פון דעסטוועגן דאַרף מען אים פאַרבעטן. ער איז אַ זעלטענער, אַ גוטער מענטש, נאָר אָן אומגליקלעכער".

„איך האָב אים פאַרבעטן נאָך מיט וואָכן צוריק — האָט ער מודה געווען — זעט אויס, אַז ער איז פאַר עפּעס אין פאַרלעגנהייט, צי וואָס".

„פאַר ,עפּעס'? — האָט זי איבערגעפרעגט — ס'איז פאַראַן אָן ,עפּעס', נאָר ער איז נישט אין פאַרלעגנהייט. ער וועט זיך צוגעווינען און ער וועט קומען".

זעלדע איז געווען גערעכט. אַ פּאָר טעג נאָך דעם האָט וועלוול געלאָזט וויסן, אַז אם־ירצה־השם דינסטיק נאָך שבת וועט ער מקיים זיין דעם צוזאָג צו קומען אויף אַ גלעזל משקה. דינסטיק איז אַ מזלדיקער טאָג און אַלץ וואָס איז וויכטיק הייבט זיך אָן דינסטיק.

זעלדע איז צעפּלאָמט געוואָרן פון דערוואַרטונג. מיט אַ מאָל האָבן זיך אָנגע־באַרגט אַלע שוועריקייטן. ווי וועט זי זיך באַגעגענען מיט אים? ווי אַזוי וועט זי רעדן מיט אים? וואָס פאַר אַ געבעקס זאָל זי באַקן? זיסע, אָדער אפשר גאָר געזאַלצענע? צי זאָל זי אים ווייזן די קינדער? ניין, די קינדער דאַרף ער נישט זען. אַן עין־הרע פון קינאה קען מען אַ מאָל נישט קענען אָפּשפּרעכן. איר עשירות קען ער זען! ער איז אַליין רייך און דערום קען ער נישט געבן אַן עין־הרע אויף עשירות, אָבער די קינדער דאַרף זי באַהאַלטן. און באַלד צוריק: אייגנטלעך, זענען די קינדער באַוואָרנט קעגן אַן עין־הרע. זייט זיי זענען געבוירן געוואָרן האָט זי מער פון אַלץ אָפּגעהיטן זיי זאָלן תּמיד האָבן אויף די הענטלעך רויטע בענדעלעך. אַפילו ביים באָדן די קינדער האָט זי די בענדעלעך נישט אַראָפּגענומען. ווי נאָר די קליינע האָבן זיך געשטעלט אויף די פיסלעך האָט זי איינגעהאַנדלט גוטע קמעס — לעדערנע הערצל־בייטעלעך אָנגעפּילט מיט אַ לעק זאַלץ, אַ שמעק פעפער און אַ שאַרף הילצערן נעדעלע, אַז דער וואָס קוקט אויף דעם קינד זאָל האָבן זאַלץ אין די אויגן, פעפער אין דער נאָז און שטעכעניש אין האַרץ. די בייטעלעך זענען אַרומגענייט מיט געטריקנטע שעפּסענע אָדערן, ווי מען נייט אַרום די בתּים פון תּפילין. אַפילו ווען זעלדע כאַפּט זיך אויף אין דער מיט נאַכט, גייט זי אַראָפּ פון געלעגער צו זען, צי די קמעס הענגען אויף די קינדערס העלדזעלעך. יאָ, אָבער וועלוול האָט אַ שאַרפן בליק, און עס זענען אירע קינדער מיט אליעזרן, בעת מיט אים האָט זי קיין קינדער נישט געקענט האָבן. זי וועט די קינדער אָפּהיטן פון זיין בליק!

דאָך ווען דעם דינסטיק נאָך שבת האָט וועלוול בעלזער אַריבערגעטראָטן די שוועל פון איר הויז און געזאָגט אַ ברייטן „אָוונט־טוב!“, האָט זי ענטפערנדיק אים, אונטערן פאַרטעך געמאַכט צוויי פייַגן און זיך באַגאָסן מיט אַנגסטן. זי האָט זיך צעטומלט ווי אַ כּלה־מיידל און מער ווי דעם ענטפער „אָוונט־טוב, אַן אָנגע־לייגטער גאַסט“ האָט זי פון מויל נישט געקענט אַרויסברענגען און די פייַגן הינטערן פאַרטעך האָט זי נישט געקענט אויפפלעכטן. אַלץ וואָס זי האָט זיך פיר־גענומען, אַז זי וועט טראַכטן ווען ער וועט אַריינקומען, איז פאַרפלויגן פון איר זכּרון און זי האָט געפּלאָמט. ער, ווידער, האָט יאָ און נישט קוקנדיק אויף איר, פאַטערלעך געשמייכלט און נישט געוווסט ווי אַזוי זיך צו באַנעמען, צי זאָל ער איר זאָגן „דו“, אָדער זאָל ער זי אירצן, אָדער גאָר, ווי עס איז דער שטייגער מיט יאָ און נישט אייגענע — „זאָל זי“, „וואָלט זי“, צי גאָר „ר׳ אליעזרס ווייב“. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו זיין פריינד, ווי ער וואָלט אים שטום געבעטן ער זאָל אים קומען צו הילף. אליעזר איז אים געקומען צו הילף און אויך אַרויס־געהאָלפן זעלדען:

„איז וואָס זשע שטייען מיר ביי דער טיר? איז דען היינט פורים וואָס מיר וואַרטן די פאַרשטעלטע זאָלן נישט אָנטראָגן בלאָטע אין שטוב אַריין?"

זעלדע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. נאָר אַז אליעזר האָט אָנגעוויזן וועלוולען דעם וועג צו דער סאַליע, האָט זי נאָך שאַרפער געדריקט די פּייַגן אונטערן פאַרטעך און אין דער מחשבה געשאָקלט מיטן קאָפּ און איינגעחזרט: „באַהיט מיין הויז פון אַ שלעכט אויג און באַשיץ, אליהו הנביא, מיין הויזגעזינד פון אַל דעם בייז".

איינווייַ̇שנדיק אין האַנט אין דער צווייטער איז וועלוול אַריבערגעטראָטן די הויכע שוועל צו דער סאַליע. זיין נאָז האָט פאַרנומען דעם ריח פון אַ רייך און באַלעבאַטיש הויז; ס'האָט געשמעקט מיט פריש פּוטער־געבעקס און זיסן ווייַן. אין אַ גרויסן צינערנעם בעקן אויפן לאַנגן דעמבענעם טיש איז געווען פול מיט פּירות, וואָס זייער פרישקייט האָט דערציילט, אַז נישט לאַנג צוריק זענען זיי אַראָפּגענומען געוואָרן פון די ביימער. עס זענען געווען די רייפע עפּל און באַרן, וואָס זעלדע אַליין האָט אַראָפּגענומען פון די ביימער אינעם סאָד.

„איז וואָס זשע?" — האָט וועלוול געפרעגט נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעם — „מע רעדט און מע רעדט און מען האָט זיך נאָך אַלץ נישט דעררעדט מכּוח דעם וואָס עס הערט זיך אויף אַן אמת".

„געלויבט דעם אין הימל — האָט זעלדע שנעל געענטפערט — אַז ער שענקט נאָר ס'געזונט און ס'לעבן וועט ער שוין אַלץ ס'איבעריקע געבן".

פון דעם ווי זעלדע האָט שנעל געענטפערט אויף זיין קשיא, איז וועלוולען קלאָר געוואָרן, אַז ביי זיין פריינד דעם דאָקטער איז דער שטייגער אַן אַנדערער ווי ער איז געווען ביי אים. דאָ איז זעלדע זיכערער ווי זי איז געווען ביי אים און זי האָט נישט פאַרן דאָקטער דעם דרך־ארץ, וואָס ווייבער האָבן פאַר זייערע מענער. „אַז אַ יונג ווייב האָט קינדער מיינט זי, אַז נאָר זי באַווייזט אַזאַ וווּנדער" — האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם וואָס לייטן זאָגן.

„איז אונדזער גאַסט נאָך פליישיקס?" — האָט זעלדע געפרעגט, איצט שוין אַ מער רויִקע און מיט געווינטלעכער העפלעכקייט.

וועלוול האָט זיך גביריש אַוועקגעזעצט נעבן טיש אויפן זעסל, וואָס אליעזר האָט אים אָנגעוויזן. ער האָט אויפגעהויבן די הענט העכער, כּדי די אַרבל פון זיין ברייטן מלבוש זאָלן אָפּדעקן וואָס מער זיינע הענט און אָנלענענדיק זיך מיט די עלנבויגנס האָט ער געזאָגט ווי דער שמועס וואָלט זיך שוין לאַנג געצויגן:

„וואָס שייך פליישיק בין עך שוין נישט אַנדערטהאַלבן יאָר. אין מיין מויל קומט נישט קיין כּזית פלייש". ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אליעזרן, וואָס האָט זיך געזעצט נעבן אים און צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ האָט ער ממשיך געווען מיט דעם זעלבן טאָן: „אין דער וועלט איז עס ביי די חסידי אומות העולם אַ גאָר וואַזשנע זאַך... אַלץ צוזאַמען רופן זיי עס ‚ליבעראַליזם'... מען קען נישט לייקענען. אויב מען וויל, אַז מענטשן זאָלן אַמאָל אויפהערן עסן מענטשן, מוזן זיי צום ערשט אויפהערן צו עסן קעלבער און אַנדערע בעלי־חי".

„אין גאַנצן אָן פלייש?" — האָט זעלדע געוואָלט וויסן.

„אין גאַנצן״ — האָט ער געענטפערט נישט אויפהייבנדיק די אויגן צו איר.

„און די כּוחות ווערן נישט אָפּגעשוואַכט אָן פליישׂ?״ — איז אליעזר געווען נייגעריק.

איך וואָלט פאַרשטאַנען ווען די לעבעדיקע כּוחות פון די רינדער און קעלבער וואָלטן איבערגעגאַנגען צום מענטש. אַז מען עסט זיי טויטע, מיט וואָס קענען זיי שטאַרקן? און אַז מען עסט זיי נישט, מיט וואָס קענען זיי אָפּשוואַכן די כּוחות?

— האָט וועלוול געקוקט אויף זיינע נעגל — איבעריקנס, זייט איך בין זיך נוהג נישט צו עסן פליישׂ פיל איך זיך וואָס אַ מאָל יינגער... נאָך אַ ביסל און איך וועל אָנהייבן שטיין אין שידוכים״.

ער האָט זיך אַליין צעלאַכט פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט און דאָס געלעכ־טער אָפּגעהאַקט. ער האָט קענטיק געוואָלט נאָך עפּעס צוגעבן, נאָר זעלדעס אָנוועזנהייט האָט אים געצוימט. זעלדע איז אַוועק ברענגען כּיבוד. זי האָט ענדלעך אויפגעלייזט די פּייַגן פון אירע פינגער און זיך געפילט לייכט צוליב דעם וואָס דער ערשטער צוזאַמענטרעף מיט וועלוולען איז אַדורך בשלום. אַלע מאָל שטעלט מען זיך פאָר: ס׳וועט זיין ערגער. אליהו הנביא העלפט דאָך אומעטום. אליעזר האָט אָנגעגאָסן מעד אין רויטלעכע ליימענע טעפּלעך, וואָס זייער קאָליר האָט נאָך מער געשטאַרקט דעם האָניק־ריח פונעם געטראַנק.

„לחיים און פאַרן גוטן געזונט אייַערן״ — האָט אליעזר אויפגעהויבן זיין מעדטעפּל.

„לחיים, ר׳ אליעזר — האָט וועלוול געענטפערט — אין נחת זאָלן מיר לעבן און ישועות ונחמות זאָלן קומען אויף עם ישׂראל און אויף דער גאַנצער וועלט״. מבינותדיק האָט ער טועם געווען פונעם געטראַנק, באַלעקט די אויבערשטע ליפּ און באַלד דערנאָך אַ לענגערן טרונק געטאָן: „משקה טעם גן־עדן״.

„פון מאַיאָוון האָניק, האָט מען מיר פאַרזיכערט. כ׳האַלט אים אין קעלער, ער זאָל נישט וואַרעם און נישט קאַלט ווערן״ — האָט אליעזר נאָך אַ מאָל טועם געווען.

„איר זעט, ר׳ אליעזר. דאָס איז ס׳איינציקע וואָס קען נישט אָפּנאַרן אויף אַט דער וועלט אונדזערער. משקה איז דער יוצא מן הכלל פון אַלץ דאָס שקרישע אויף דער וועלט! נעמסט זי אויפן גומען, אַזוי זאָגט זי דיר אויס אַלע אירע סודות. אַגב, אונדזער רב, לאַנג לעבן זאָל ער, איז שוין אַזוי פיל יאָרן רב אין בראָד און האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט דערלאַנגען צום טיש אַ גוט ביסל משקה; נישט מעד, נישט אָקעוויט און נישט וויין״.

„ער דערלאַנגט צום טיש וואָס עס בלייבט אים פון קידוש מאַכן״ — האָט אים אליעזר אונטערגעהאַלטן.

„דאָס וואָס איך האָב געטראַכט — האָט וועלוול מסכּים געווען — אויב איך בין זיך נישט טועה איז צווישן אייך און דעם רב דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ. איך בין געווען ביי אים דעם לעצטן שבת אויף קידוש, האָב איך עס אַרויסגעפילט פון זיינע ווערטער. מאַך איך אַ טעות?״

וועלוול האָט אָנגעשטעלט אויף אליעזרן זיינע געדיכטע ברעמען. אליעזר האָט מיט ביטול אַ מאַך אַוועק געטאָן מיט דער האַנט:

„ר׳ וועלוול, הערט מיך אויס. דאָס וואָס ייִדן רעדן זיך אַליין איַין, אַז זיי טיילן זיך אויס פון אַנדערע פעלקער לטובה — אתּה בחרתּנו, סבלנות, יושר, בעלי־רחמנות וכדומה אַזעלכע גילדענע קרוינען, האַלט איך נישט, אַז ס׳איז ריכטיק. די איַינרעדענישן זענען ווי די ל״ג־בעומר־שווערדלעך, וואָס מאַכן די קינדער פילן, אַז זיי זענען גיבורים. איַינרעדענישן פון שוואַכע. מילא, ס׳געמיינע פאָלק דאַרף עס האָבן, ווי אַ מענטש אין צרות דאַרף האָבן אַ טרייסט. וואָס אָבער אונדז טיילט יאָ אויס איז די חכמה; די חכמה פון נסיון און פון לערנען. אַ קלייניקייט אונדזערע נסיונות און אונדזער לערנען! איז עס ביי גויִם אפשר בדרך־הטבע, אַז זייערס אַ קעניג זאָל זיין אַ מלך טיפּש. אָבער אַ מרא דאתרא פון אַזאַ בכּבודיקער ייִדישער שטאָט ווי בראָד זאָל זיין אַ טיפּש!״

וועלוול האָט צוגעקוועטשט די אויגן:

„זייט גבירישע תּקיפים קויפן פאַר זייערע זין און איידעמס כּסא־רבנות, ווילט איר אַלע רבנים זאָלן זיין חכמים? און לערנען קענען זיי? נאָר וואָס שייך אונדזער רב, האַלט איך נישט, אַז ער איז אַ טיפּש. אָלא וואָס? ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן וואַיעוואָדע און עס פאַרדריסט אים, הלמאי ער קען נישט שמייסן די אַלע, וואָס ער וואָלט געוואָלט זיי שמייסן״.

„ער שמייסט, ר׳ וועלוול!״ — האָט אליעזר אויפגעהויבן די שטים.

„איך מיין, נישט אייך״ — האָט זיך וועלוול צעלאַכט.

„מיך קען ער נאָר אַריינלייגן אין חרם, אויב עס וועט זיך אים איינגעבן צו פאַרטיפּשן גאַנץ קהל״.

זעלדע האָט אַריינגעבראַכט כּיבוד. פון טראָגן די שווערע צינערנע טאַץ איז איר פּנים געווען פאַררויטלט און ליכטיק, ווי עס וואָלט געווען באַלויכטן פון אינעווייניק. ביים אַריבערבייגן זיך, אַוועקצושטעלן דעם כּיבוד אויפן טיש, האָט וועלוול באַמערקט איר ליכטיקע פרישקייט. „זי איז יונג געוואָרן״ האָט ער גע־טראַכט און כּדי צו פאַרבאָרגן די מחשבה האָט ער אָנגעבונדן צום איבערגע־ריסענעם שמועס:

„מסתּמא איז געווען אַ סיבה וואָס דער רב איז אָנגעצויגן אויף אייך״.

„קען זיין וועגן דער מויד און איר מאַן״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט.

„אונדזער גאַסט ווייסט זיכער נישט אין וואָס עס גייט״ — האָט זיך זעלדע אַריינגעמישט און אַוועקגעשטעלט נעבן וועלוולען אַ טעלער מיט שמעקעדיק געבעקס.

„נאָכן חרם אויף דער כּת איז אַפילו אַ שפּריץ בלאָטע פון אַ פאַרביילויפנדיק פערד־און־וואָגן מחשיד אַן אומשולדיקן — האָט וועלוול געוואָלט ווייזן, אַז ער ווייסט אין וואָס עס גייט און געזאָגט שטיל — אַגב, די מויד האָט מיר אַנומלט אָנגעווינט אַ פולן קאָפּ. זי איז נעבעך באַגאָבט און ציטערט אימת־מוות נישט צו בלייבן אין מיטן פעלד״.

אליעזר און זעלדע האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן. פון אַ זייטיקער קאַמער האָט זיך דערהערט אַ פּלוצים געוויין פון אַ קינד. ווי זעלדע וואָלט געכאַפּט געוואָרן ביי אַן עבירה, האָט זי אַ קוק געטאָן דאָ אויפן גאַסט און דאָ אויף איר מאַן און אַוועק, דריקנדיק אַ פויסט צו איר ברוסט.

„אַ מאַמע קען זיך נישט צוגעוווינען צום שטייגער, אַז אַ קינדס לשון איז זיין געוויין. באַלד דערשרעקט זי זיך ווי אַן אויסטערליש געשעעניש וואָלט געשען".

„קיין עין־הרע אַ מאַמע געוואָרן. געלויבט השם־יתברך וואָס זי איז געהאָלפן געוואָרן" — האָט וועלוול געזאָגט שטיל און מיט וואַרעמקייט אין די ווערטער.

„געלויבט השם־יתברך, צוויי זין און אַ טאָכטער" — האָט אליעזר פאַרפלאָכטן די פינגער פון זיינע הענט.

וועלוול האָט אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך און עפּעס געמורמלט.

דערוויל האָט נעכע די מויד אַריינגעבראַכט אַ צינערנעם בעקן מיט אויבס צו דעם וואָס איז שוין פון פריִער געשטאַנען אויפן טיש. די פרוכטן זענען געווען אויפגעלייגט אין אַזאַ הויכן שטויס, אַז נעכע האָט דעם בעקן געטראָגן מיט ציטערניש, ווי ביי דער מינדסטער שטרויכלונג קען זי דאָ גורם זיין אַ גרויס אומגליק. צו דער ציטערניש איז צוגעקומען וועלוול בעלזערס „ברוך־הבא":

„האַ־האָ! דאָס ביסטו, נעכע! זעסט דאָך אויס ווי גראַף פּאָטאָצקיס טאָכטער, כ'לעבן! ס'פּאַליוביעט דיר דעם דאָקטערס קעסט".

נעכעס פּנים, וואָס איז שוין אַזוי אויך געווען פאַרלאָפן מיט הייסער רויטקייט, האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס, און ווי נאָר זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם בעקן מיט אויבס אויפן טיש, האָט זי זיך צעוויינט מיט אַ ביטער געוויין. זי האָט געכאַפּט דעם פאַרטוך צו דער נאָז און דער אַרויסשטאַרטשענדיקער בויך איז געוואָרן נאָך העכער.

„וואָס וויינסטו, נאַרישע מויד" — האָט וועלוול זי געוואָלט באַרויִקן.

„מיין סנדר" — האָט נעכע אַרויסגעכליפּעט נאָך העכער.

„קינד־און־קייט ווייסן עס. איז וואָס מאַכסטו מיר דאָ נאָס דעם דיל? קען דיר עמעצער העלפן?" — האָט אליעזר געזאָגט שטרענג און זי אַרויסגעשיקט. דערנאָך האָט ער געזאָגט: „ס'איז מיר אַ רחמנות אויף דער מויד. זי שוואַנגערט פון אים און ער איז דאָרט מיט די לייט פון דער כּת. וואָלט איך אים געהאַט אונטער דער האַנט, וואָלט איך אַרויסגעשמיסן פון אים דאָס פראַנקישע דולעניש. נאָר גיי כאַפּ אַ ווינט אין פעלד. זי טראָגעדיק געמאַכט, שדים ווייסן ווען, און נעלם געוואָרן".

„די מויד איז געווען ביי מיר — האָט וועלוול געזאָגט שטיל — זי האָט מורא, איר זאָלט זי נישט פאַרטרייבן נאָך דעם ווי זי וועט געלעגן ווערן".

„פאַרטרייבן וועל איך זי נישט, כאָטש קיין כּבוד וועט זי מיר דאָ נישט פאַרשאַפן מיט איר געלעגן ווערן" — האָט זיך אליעזר געקלאָגט.

„די גאַנצע זאַך איז דערגאַנגען צום רב" — האָט וועלוול באַמערקט.

„דערפֿאַר איז ער אַנגעבלאָזן אויף מיר, הלמאי איך האַלט אין מיין הויז דאָס ווייב פֿון איינעם פֿון יעקבס לייט. צו אירע אייגענע צרות דאַרף זי נאָך ליידן פֿון איר מאַנס צרות אָן אים". — אליעזר האָט געריבן אין האַנט אָן דער צווייטער און געזאָגט ווי צו זיך אַליין: „דאָס ערגסטע, עס קען גאָר זיין, אַז ער האָט אַוועק־געצויגן אויף מערב קיין טשענסטאָכאָוו, ווי אַלע די לייט ציִען אַהין, און גיי זוך אַ ווינט אין פֿעלד".

„זי וועט בלייבן אַן עגונה מיט אַ קינד — האָט צוגעגעבן וועלוול — וואָס אַלץ עס טוט זיך אָפּ היינטיקע צייטן!"

„ר' וועלוול — האָט זיך אליעזר אויסגעצויגן אויף זיין זעסל — גלויבט מיר, ס'האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעטאָן. יעדן זעגען טאַקע אַ קליינע עדה אויף דער וועלט, נאָר טאָן טוט זיך אַלע מאָל ביי זיי, ווי זיי וואָלטן געווען די גאַנצע וועלט. זאָל מיך גאָט נישט שטראָפֿן פֿאַר מיינע רייד. וואָס שייך יעקב פֿראַנקס כּת האָבן זיך אונדזערע הייסגעבאָדענע רבנים צוגעאײַלט מיט זייער חרם. זיי האָבן פֿאַרגעסן, אַז אויך די כּופֿרים פֿון דעם עם קשי־עורף זענען קשי־עורף און אויף דעם חרם פֿון די רבנים האָבן זיי געענטפֿערט מיט שמד. ווי מען קען נישט אויפֿשטעלן אַ וואַנט אויף צו פֿאַרהאַלטן דעם גאַנצן ווינט און אַ דאַך אויף צו פֿאַרשטעלן דעם גאַנצן רעגן, אַזוי איז אויך נישטאָ קיין גאַנצער פֿאַרהאַלט פֿאַר די שטאַרקע ווינטן, וואָס בלאָזן אין דער היינטיקער גוייִשער וועלט. ווען נישט דער חרם וואָלט די כּת דאָ אָפּגעריסן אַ בלעטל, דאָ אָפּגעבראָכן אַ צווייג און אפֿשר אויך אויסגעריסן אַ בוים. דער חרם האָט די לייט געגעבן פּירסום, אַז אַפֿילו עם־הארצים מיינען מי־יודע וואָס דער טערק באַהאַלט אין זיין בוזעם. די רבנים האָבן זיי נישט גע־לאָזט אָפּדאָרן פֿון זיך אַליין".

„זיי מיינען אַוודאי, אַז אַ שׂריפֿה דאַרף מען לעשן באַלד פֿון אָנהייב" — האָט וועלוול געפּרוּווט פֿאַרהאַלטן אליעזרס היציקע ווערטער און ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט פֿון אַ זייט.

אליעזר האָט זיך אויפֿגעשטעלט ווי צום קאַמף:

„איר דאַרפֿט זיי נישט שיצן, ר' וועלוול. די רבנים לאָזן נישט עטעמען. פֿרעגט די געמיינע לייט, וואָס ציטערן אימת־מוות פֿאַר דעם רב און פֿאַר די פּרנסים, און זיי וועלן אייך עפּעס דערציילן. דאָס גאַנצע לעבן האָבן זיי גענומען אין דער אַרענדע און זיי מיינען, אַז זיי האָבן אויך גאָט אין הימל אין דער אַרענדע. יעדן מענטש, אויב מען וויל ער זאָל זיין אַ מענטש, דאַרף מען אים לאָזן אַ טראָפּעלע אייגענע מחשבה. פֿון אייגענער מחשבה האָט זיך נאָך קיינער נישט געשמדט. איר ווייסט, ר' וועלוול, טאָמער פֿילט אַ מענטש אַז ער שטיקט זיך, עס פֿעלט אים לופֿט צו עטעמען און מען לאָזט אים נישט אָפּשפּאַרן דאָס פֿענצטער, וועט ער אויסשלאָגן די שויבן. וואָס דאַרף איך זוכן ווייט? איך ווייס עס פֿון זיך. אין מיינע מחשבות און מעשׂים בין איך תּמיד געווען פֿריי ביז צו די סייגים, וואָס נאָר איך אַליין האָב זיי פֿאַר זיך אַוועקגעשטעלט און איך האָב זיך חלילה נישט געשמדט, כאָטש איך קום אַזוי אָפּט אין גראַפֿס הויף אַריין און איך שמועס מיט די דאָרטיקע

לייט. כ׳האָב דעם שטייגער פון פרייער מחשבה נישט איבערגענומען פון דער קריסטלעכער וועלט. פרייע מחשבה איז גראָד דער שטייגער פון דער יידישער וועלט. ראשית, ווען דער באַשעפער פון דער וועלט וואָלט נישט וועלן מיין מחשבה זאָל זיין פריי, וואָלט ער מיר קיין מחשבה נישט געגעבן. והשנית, האָב איך נישט וואָס זיך צו פאַרקוקן אויף דער קריסטלעכער וועלט, וואָרום עס וואָלט געהייסן נאָכמאַכן די, וואָס האָבן אונדז נאָכגעמאַכט. און די רבנים טוען עס: די גלחים וואַרפן אָן אַן אימה אויף די כאַמעס; די רבנים טוען דאָס גלייכן מיט אונדזערע אייגענע געמיינע לייט. די גלחים שרעקן מיט חרם און דאָס גלייכן די רבנים. די גלחים האַלטן די מענטשלעכע מחשבה אין אַ קונע, דאָס זעלבע די רבנים״.

„דער בראָדער רב וואָלט געדאַרפט הערן די דיבורים״ — האָט וועלוול געזאָגט מיט הנאה.

„איך האָב אייך שוין געזאָגט וואָס איך טראַכט וועגן אים. פאַר אים איז דאָך דער בעל־שם־טוב געווען אַן עם־הארץ און דער מעזעריטשער מגיד איז אַ כופר־בעיקר, און ביידע מישט ער אויס מיט דער כת פון יעקב פראַנק. נאָר פאַר יעקבס לייט האָט ער שוין אַ פאַרטיקן חרם און מיט די לייט פון דעם מעזעריטשער ווייסט ער נאָך נישט וואָס צו טאָן״.

„מען שמועסט גאָר שטאַרק, אַז דער גאון פון ווילנע וועט די לייט פון ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב אויך אַריינלייגן אין חרם. ער רודפט זיי עד־חורמה — האָט וועלוול געזאָגט — איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, אַז אין מעזעריטש גייט אַ גאָר גרויסער יידישער ענין!״

„איר זענט געווען אין מעזעריטש?״ — האָט אליעזר געפרעגט ווי ער וואָלט געהערט וועגן אַ וווּנדער.

„געווען, ר׳ אליעזר, און גערעדט מיט דעם רבי ר׳ דב בעריש, ווי איך רעד דאָ מיט אייך. אַ יראה־שמים, אַ גרויסער ייד. די שכינה רוט אויף אים און גאַנץ מעזעריטש איז רוחניות שברוחניות. מען דאַרף עס פילן״.

„אַ חסיד, ר׳ וועלוול?״ — האָט אליעזר געקוקט אויף זיין פריינד מיט אַ פאַרשנדיקן קלוגן בליק.

„ס׳טייטש אַ חסיד? אויף די הענט וועל איך זיך נישט שטעלן און קאַטשן זיך אין קאָזשלקעס ביים דאַווענען וועל איך אויך נישט. צו אַלט, ר׳ אליעזר. דאָס איז אַן ענין פאַר יונגוואַרג. נאָר דער דרך איז מיר דווקא צוגעפאַלן צום האַרצן. אין מעזעריטש זענען זיך אַלע יידן קרובים, אָרעם און רייך זענען גלייך... ביין, אין מעזעריטש זענען נישטאָ קיין אָרעמע. אַלע ווערן דאָרט גבירים...״

„דער מעזעריטשער מגיד טיילט גאָלדענע רענדלעך?״ — האָט אליעזר געפרעגט הלצהדיק.

„ער טיילט עפּעס טייערערס פון גאָלדענע רענדלעך. ער טיילט בטחון און אהבה, וואָס, נישט שטראָפן זאָל מיך דער אין הימל פאַר די רייד, זענען געשמאַקער פון די שטיקער לויתן און פון דעם יין־המשומר פון באחרית־הימים, ווייל זיי זענען מיר נייטיקער, ר׳ אליעזר״.

„עפּעס קומען דאָ פּאָר פּאָר אונדזערע אויגן זאַכן, וואָס מיטן שׂכל־הישר איז שווער זיי משׂיג צו זיין. אויב דער מעזעריטשער מגיד נעמט צו איין טייל פון דער יידישער עדה און יעקב פראַנק נעמט צו אַ צווייטן טייל פון דער יידישער עדה, וואָס זשע וועט בלייבן פאַר די שטאָט־רבנים? סיידן דער מס אויף זאַלץ, אויף ליכט און אויף פלייש" — האָט אליעזר צעעפנט די האַנטפלאַכן אויף צו ווייזן ווי ליידיק די רבנים וועלן בלייבן.

ביי וועלוולען האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט פאַרביטערונג:

„מער דאַרפן זיי נישט. און וואָס שייך דעם פראַנקס כּת, וועט זי אָפּדאַרן! זי גייט נישט אין יידישן שטייגער. און וואָס סע איז נישט אין יידישן שטייגער ביי יידן דאַרט אָפּ ווי אַ קראַנקער אָבר. די קראַזמער, די שעבסן".

וועלוול האָט זיך דורכן פענצטער פאַרקוקט אין סאָד. די נידעריקע זון האָט אַריבערגעוואָרפן פלעקן ליכט דורך די צווייגן און בלעטער און זיי אָוועקגעלייגט אויפן פענצטער. רייפע עפל האָבן אַרויסגעשיינט צווישן די טונקל־גרינע בלעטער און דערמאָנט אין זייער גוטן ריח. ער האָט געפילט זייער ריח פול מיט בענקשאַפט צו עפּעס וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ. „סוף זומער — האָט וועלוול געטראַכט — די עפל זענען רייף אַראָפּצופאַלן, די טונקל־גרינע בלעטער זענען פאַר געל ווערן, די בין וועט זיך באַהאַלטן אין שטאָק..."

„נו, געלויבט השם־יתברך וואָס זעלדע איז געהאָלפן געוואָרן" — איז וועלוול פּלוצים איבערגעשפרונגען צו דעם וואָס דערוועגן האָט ער פריער געשמועסט — גאָר ווויל, גאָר ווויל. דאָס איז דער עיקר. איר הערט, ר' אליעזר, דאָס איז דער עיקר־שבעיקרים! אַ הויז, קינדערלעך, אַן עפּלסאָד הינטערן פענצטער. בעצם דאַרף דער מענטש זייער ווייניק. ווי די בין. איר זעט? קרייזט אַרום די רייפע עפל, שמעקט זיך אָן מיט זייער ריח, דאָ אַ שמעק, דאָ אַ לעק, ווערליק איר באַדערפעניש. זי טראַכט גאָרנישט ווער עס וועט נהנה זיין פון איר האָניק און ווער זי וועט ווי טאָן מיט איר ביס. איר טראַכט שוין אַוודאי אין וועלכן חדר אַריינצוגעבן אייערע זין" — האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו אליעזרן און אויף אים אָנגעהאָנגען אַ פּאָר גוטע אויגן.

„איר האָט נישט געזאָגט קיין גוזמא, ר' וועלוול, יידישע קינדער דאַרף מען באַוואָפענען זייער יונג פאַר די שפּעטערדיקע מלחמות. אונדזער געווער איז אין אונדזער תורה: דער אלף איז אַ שוצשילד, דער בית אַ שיסנעסט, דער גימל אַ שטאַרקער שטיוול בייציקומען אַלע זומפּן, דער דלת איז אַ האָק..." — האָט אליעזר אויסגערעכנט פאַרבייגנדיק די פינגער און וועלוול האָט אונטערגעכאַפּט:

„און די וו איז אַ שווערד, און די לאַנגע נון איז אַ ביקס. ס'איז אַ גאַנצער אַרסענאַל די יידישע תורה".

„זי איז! — האָט אליעזר אויסגערופן — אגב, וואָס הערט זיך מיט אַ פּאַרטיע שאַך; אויב שוין פירן מלחמה?"

„איצט איז שוין נישט די צייט. מיר וועלן זיך דערקלערן מלחמה אַ צווייט

מאָל און לאָזן די מלכים מיט די מלכּות מיט די אַלע טורעמס און לויפערס, זיי זאָלן ווייזן ווער ס׳איז שטאַרקער״.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן. וועלוול האָט זיך געקליבן צו גיין און גע־פרעגט אויף זעלדען, צו זאָגן איר אַ „גוטן תּמיד״. אליעזר האָט זי אַריינגערופן און זי האָט דעם גאַסט איבערגעבעטן, הלמאַי זי האָט זיך נישט פאַרנומען מיט אים, נאָר מיט די קינדער. עפּעס פילן זיך די קינדער, ווי עס וואָלט געהאַלטן פאַר אַ רעגן און זיי בייסן זיך און רייסן זיך. קינדער, קיין הרע. אָט וויינען זיי און אָט לאַכן זיי. זי האָט אים געוואָלט זאָגן, ער זאָל פון איצט אָן נישט זיין קיין זעלטענער גאַסט. זי האָט אָבער ווידער נישט געוווּסט ווי אַזוי זי זאָל זיך ווענדן צו אים, מיט „איר״, צי מיט „דו״, און זי האָט מוותּר געווען. זי האָט געזאָגט: „אַ גוטן תּמיד!״

אליעזר איז געגאַנגען באַגלייטן זיין פריינד. ער האָט געמיינט צופירן אים צום טראַקט צו דער שטאָט און צוריקגיין. אָבער אויפן וועג האָבן ביידע מאַנצבילן אַזוי טיף געשוויגן, אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט צעשיידן. זענען ביידע געגאַנגען ביז אין שטאָט אַריין. זיי זענען אַריבער דעם טראַקט און אַריין אין דעם פאַר־שטאָטישן געסל, ווו עס וווינט ס׳בראָדער אָרעמקייט שבּאָרעמקייט. פייגל האָבן אָן אַ טשוויטשער אַרומגעקרייזט איבער די דעכער. פון די הייזער האָבן זיך געטראָגן די ריחות פון מעליקע פאַררייסטע געקעכטסער, וואָס עסן אָרעמעלייט און וואָס קינדער פון רייכע גלוסטן צו זיי. דאָ און דאָרט זענען איינציקע קי מיט פולע אייטערס געגאַנגען אין דער מיט פון אַ געסל און געזוכט די שטאַל. נעבן אַ הויז האָבן קינדער געלערנט אַ הינטל צו שטיין אויף די הינטערשטע פּיסלעך און אַנטקעגן האָט אַ פאַרבלאָנדזשעטער חזיר זיך געקראַצט אין אָן אַרויסשטאַר־טשענדיקער בעלקע פון אַ הויז. הינטערן רינגפלאָץ, אויף דער גאַס פון די איינפאַרהייזער, זענען אַנטקעגן זיי אָנגעקומען שיכּורים, וואָס מען האָט אַרויס־געוואָרפן פון אַ שענק, איידער עס ווערט גוט אָוונט און די מענער דאַרפן גיין דאַווענען מעריב. די שיכּורים האָבן זיך געהאַלטן אין אַ כאַפּטע, אַרומגעאָרעמט, כּדי נישט צו פאַלן, און אויסגעשיכּורט שטיקער ניגונים אָן אַ ניגון. אליעזר האָט גענומען וועלוולען אונטערן אָרעם, אויסצומיידן די שיכּורים, און זיי זענען אַריבער אויף דער צווייטער זייט.

איבער בראָד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער אָוונט. ביידע פריינד זענען גע־בליבן שטיין פּנים אל פּנים ביים אַריינגאַנג צו דער שול. זיי האָבן אין דעם וועג אויסגעשוויגן אַזוי פיל, אַז זיי האָבן דעם אָוונט נישט געהאַט וואָס מער זיך צו זאָגן.

געטריבן פון שטורעם

ס'האָט זיך געשטעלט אַ שווערער ווינטער. בראָדער אַלטע לייט האָבן וועגן אים געזאָגט: לושמיך, אַז דער האַר אין הימל וועט חלילה נישט ברעכן זיין שבועה, נישט צו פאַרגיסן נאָך אַ מאָל די וועלט מיט געוויטער. וועט ער זי דרום פאַרשיטן מיט שניי און פאַרקאָוועןן אין פראָסט. דען די זינד פון דעם מין מענטש זענען אָין־לשער. ס'איז נאָך ערגער ווי עס איז געווען פאַרן מבול. און קיין צדיק זעט מען נישט פאַר די אויגן. דער געמיינער מאַן ווערט געקוועלט פון אַלע זייטן, ווי דער אין הימל וואָלט אָן אים פאַרגעסן. אויב ס'האָט זיך יאָ עפּעס באַוויזן, דאַרף מען האָבן גרויס רחמים. וואָרום ווערליק קהל קומט גאָר אויס, אַז סמא״ל האָט זיך צוזאַמענגעשמעקט מיט אַלע פאַרוואָגלטע נשמות פון רשעים, וואָס האָבן נישט קיין תּיקון, און זיי האָבן זיך פאַרוואָרפן ווער אין די נייע חסידים פון דעם מעזעריטשער מגיד און ווער אין חסידים פון דעם ימח־שמוניק יעקב פראַנק, טפו, טפו, און זיי גרייטן צו ס'גיהנום, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן. טפו, טפו, טפו!

אויף צו ווייזן דעם סימן, האָט דער הימל באַלד נאָך די ימים נוראים צעעפנט די טויערן פון הימל, און אַזוי טאָג ווי נאַכט אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד טומאַנען שניי. די נאַקעטע וועלדער האָבן אַרויסגעבלאָזן אַלע זייערע ווינטן, וואָס האָבן מיט אַ פּייַפּערייַ און ווילסטן געיאָמער זיך אַריינגעדרייט אין די שניי־טומאַנען און זיי געטריבן דאָ אַהער און דאָ אַהין, דאָ אין אַ געווירבל און דאָ אין אַ צעשטויבעניש. צום ערשט האָבן די ווינטן אָנגעטריבן שנייבערג אָן אַ צורה און אָן אַ געשטאַלט, אָפּגעשניטן וועגן און שליאַכן, אַז מען האָט אַפילו דעם וועג צו אַ ברונעם נישט געקענט געפינען. שפּעטער, אין ווינטער אַריין, האָבן אומגעזעענע הענט אין די שנייבערג געשניטן גלייכע ווענט, זיי אויסגעגלאַטיקט און באַשאָטן מיט דימענטן. אַז ייִדן האָבן זיך אין די באַגינענס געפּעדערט צו עבודת הבורא, האָבן זיי נישט געוווסט ווו זיי געפינען זיך. נישט אַנדערש נאָר ביינאַכט האָבן די נישט־גוטע איבערגעטראָגן זייערע שטיבער אין אַן אַנדער וועלט, צווישן ווייסע שדים־פּאַלאַצן און קנייעס פון קאָשעצן.

אַ מאָל פלעגט געשען, אַז אָן אַ זייט פון דעם צינערנעם הימל האָט זיך געעפנט אַ בלייך זוניק אויג, וואָס האָט שטאַר און אומהיימלעך געקוקט אויף דער ווייסער וועלט, און אומגעזען באַשיט די געבויען פון שניי מיט מילי־מיליאָסן דימענטן און פאַרביקע שופּן. שפּעטער איז דאָס אויג געוואָרן רויט, זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און אָנגעוואָרפן אָן אימה. דען געוווסט האָבן לייט פון אַלע צייטן,

אַז ווען די ווינטערדיקע זון פֿאַרגייט אין רויט, זאָגט זי אַזוי אַרום פֿאַרויס מלחמות, צי גאָר גזירות אויף ייִדן.

אין יענעם ווינטער איז טאַקע געשען אַ מעשׂה נורא: ס׳איז געשטאָרבן אַ קימפּעטאָרין ביים האָבן. איז דער קברן געגאַנגען גראָבן אַ קבר. האָט ער דעם בית־עלמין נישט געפֿונען, דען דער שניי האָט פֿאַרדעקט די מצבות און אַפֿילו דעם פּלאַנקן. און שניי־געבויען האָבן זיך אָנגעשטעלט דאָ און דאָרטן. האָט קהל אַרויסגעשיקט אַ מנין ייִדן, זיי זאָלן אָפּגעפֿינען דעם שטח פֿון בית־עלמין און אויס־גראָבן דאָס קבר ביים פּלאַנקן, ווי עס איז דער דין צו אַ קימפּעטאָרין, וואָס שטאַרבט ביים האָבן, זי קובר צו זיין ביים פּאַרקן. האָט דער מנין ייִדן געגראָבן מיט לאָפּאַטעס דאָ און דאָרט און אויסגעפֿונען דעם בית־עלמין און אָנגעצייכנט אַ קרקע הינטערן פּאַרקן. אַלע האָבן עדות געזאָגט, אַז מיט זייערע אייגענע הענט האָבן זיי אָנגעטאַפּט דאָס געהילץ פֿון פּאַרקן און צוויי אַרשין פֿונעם געהילץ האָבן זיי אָנגעצייכנט די קרקע, און דאָ איז געגראָבן געוואָרן ס׳קבר. דערוועגן דעם וואָס איז געשען איז די לוויה אַרויס פֿון דער שטאָט ביינאַכט. און כאָטש מיט לאַמטערנס זענען געגאַנגען די מלווים, האָט זיך דער וועג פֿאַרדרייט און מען האָט נישט געקענט געפֿינען דעם ריכטיקן צום גוטן אָרט. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ שלעכטער סימן, און ווער פֿון די מלווים עס האָט געקענט אויסנווייניק, האָט געזאָגט תהילים און די אַנדערע האָבן געבעטן רחמים. צום סוף האָט מען געפֿונען ס׳קבר און די קימפּעטאָרין איז געקומען צו קבר־ישׂראל. ערב פּסח, ווען די שנייען האָבן אָנגעהויבן טייען און די שטיינער האָבן זיך אָפּגעדעקט, האָט דער קברן געזוכט דאָס קבר פֿון דער קימפּעטאָרין און עס ביים פּאַרקן נישט געפֿונען. האָט ער געזוכט און געזוכט די סימנים און לסוף זיי געפֿונען האַרט ביים קבר פֿון פֿישל דעם דיין זכרון צדיק לברכה. האָט מען גוזר געווען אַ תּענית און געבעטן מחילה ביי פֿישל דעם דיין, הלמאי מען האָט נעבן אים געלייגט אַ קימפּעטאָרין, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן.

אַזוי איז דער ווינטער נישט געווען כּדרך הטבע און אויסטערליש מיט זיינע סימנים. ביינאַכט זענען סטאַדעס וועלף געקומען נאָענט צו דער שטאָט און געוואָיעט פֿון הונגער מיט אַזאַ קלאָגעניש, ווי אויך זיי וואָלטן געקלאָגט אויפֿן חורבן בית־המיקדש. מיט די נעגל האָבן זיי געריסן דאָס געהילץ פֿון די פֿערד־שטאַלן און פֿון די ציגן־שטעלעכלעך. באַלעגאָלעס האָבן מיט דרענגער פֿאַרטריבן די סטאַדעס וועלף, זיי זאָלן זיך נישט אונטערגראָבן צו פֿאַרצוקן די פֿערד, צי די ציגן.

זייט עס האָבן זיך געשטעלט די שניי־ווינטערן און די וועלט איז געוואָרן אויס וועלט, האָט קהל געגעבן רשות צו יאָסל דעם שמש, ער זאָל נישט אויפֿשטיין אין מיטן דער נאַכט און נישט גיין וועקן ייִדן צו עבֿודת הבורא. נאָר יאָסל האָט געזאָגט, אַז די שדים טאָר מען נישט נאָכגעבן די שמד און אויב ער וועט נישט וועקן ייִדן צו גיין אין שול אַריין, וועלן, חלילה, די גזירות ווערן גרעסער. ער קען דעריבער חלילה פֿאַרלירן עולם־הבא.

אין איינער פון די נעכט, ווען די וועלף זענען הונגעריקע צוגעקומען נאָענט צו דער שטאָט און מיט זייער געוואָיעריי אַנגעיאָגט אַ פּחד, איז יאָסל דער שמש, ווי זיין שטייגער, אַרויס אויף דער וועלט און געזונגען אין דער פּראָסטיקער נאַכט אַריין: „ייִדן, שטייט אויף צו עבודת הבורא!״ נו, איז ער פאַרבייגעגאַנגען אַ הויז, וואָס איז שוין לאַנג נישט געווען באַוווינט און על־פּי־טעות האָט ער אָנגעקלאַפּט אין לאָדן און גערופן אין שול אַריין. ווי ער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן צו געבן די צווייטע דריַי קלעפּ, אַזוי איז אים דער שטעקן אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. און ווי ער האָט זיך איינגעבויגן אים אויפצוהייבן, אַזוי האָט זיך זיין לאַמטערן פאַרלאָשן. יאָסלען איז אַנטלאָפן דאָס האַרץ פון דעם וואָס זיינע אויגן האָבן דערזען: פון הינטער דעם ליידיקן הויז איז אויף דעם שטאָטישן באַק אַרויסגעריטן אַ ריז און מיט זיין שפּיציקן מיץ דערגרייכט אויף אַ האַלבן גאָרן און אפשר העכער. דער שטאָטישער באַק איז זיך געגאַנגען בנעימות, ווי דער ריז אויף זיין רוקן וואָלט גאָרנישט געווויגן, און הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען אַ סטאַדע וועלף, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט קיין וועלף געווען נאָר לעמעלעך. יאָסלס אויגן האָבן געזען ווי די גאַנצע כאַליאַסטרע גייט גלייך אויף די הייזער, עלעהיי די הייזער וואָלטן געווען פון נעפּל און נישט פון געהילץ. און כאָטש אַ שמאָלע גאַס איז עס געווען וווּ דאָס אַלץ איז געשען, האָט יאָסל געזען ווי די כאַליאַסטרע מיט דעם שטאָטישן באַק און מיט דעם רייטנדיקן ריז, מיט דער סטאַדע וועלף נאָך זיי, דערוווייטערט זיך דורך די שטיבער פון איין גאַס איבער נאָך אַ גאַס און איבער נאָך אַ גאַס און אַלץ גייט אַוועק אַהין, אויפן וועג צום גוטן אָרט. נון, אַז יאָסל האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אויפגעהויבן דעם שטעקן פונעם שניי, אַזוי איז שוין קיין סימן פון יענע לייט נישט געווען.

אַזוי שנעל ווי עס האָט אָנגעהויבן טאָגן איז יאָסל דער שמש אַוועק צו דעם הויז און ער האָט דערוויסט, אַז דאָס איז דאָס הויז ווו קיין ילידאישה וווינט שוין דאָרט לאַנג נישט. האָט ער אויפן בייסטידל געזוכט אַ מזוזה און קיין צייכן, אַז ס׳איז געווען אַמאָל אַ מזוזה האָט ער נישט געפונען. האָט ער געוווסט, אַז אַלץ וואָס זיינע אויגן האָבן געזען איז געווען אמת ויציב.

אין איינעם אַ טאָג פון אָט אַזעלכע טעג און נעכט איז מיט דעם אויסגעשני־טענעם שליטנוועג פון שטאָט פאַזע דעם הויז פון אליעזר דעם דאָקטער געגאַנגען אַ מאַן מיט אַ שווערן ווינטערדיקן טראָט. ער איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גאַרטל פון שטרוי און אויפן קאָפּ — אַ פוטערנע קוטשמע אַראָפּגערוקט ביז איבער די אויגן און אויערן. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פון אונטער דער קוטשמע זיך אַרומגעקוקט אין דער געגנט, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַ פרעמדער. אויך דאָ, אין דער געגנט פון אליעזר אַרטאָפּאַנוסעס הויז, האָבן די אויסגעגלאַטיקטע שנייבערג פאַרענדערט וואָס איז געווען דאָ פריִער. דער שליטנטראָקט איז נישט געווען דער וועג פון אַלע מאָל. פּלוצים האָט זיך דער פרעמדער פאַרהאַלטן. אַ רגע האָט ער מיט די אויגן געזוכט דאָ און דאָרט און באַלד איז ער אַראָפּ פון טראָקט און זיך פאַרנומען אויף דעם גלאַטיקן שניי.

דער שניי איז געווען טיף, פאַרזונקען צו ווערן. ער האָט אין אים שווער אַראָפּגע־לאָזט די פיס און שווער זיי צוריק אויפגעהויבן, לאָזנדיק נאָך זיך טיפע לעכער. איצט איז געווען צו זען, אַז דער פרעמדער פאַרנעמט זיך צום הויז פון דאָקטער אַרטאַפּאַנוס, צו וועלכן עס פירט נישט קיין וועג און קיין שטעג, נאָר איז אַרומ־געדעקט מיט שניי. אַרויפּרוקנדיק די קוטשמע אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט דער מאַן זיך פאַרנומען אַן אַ זייט, אויסגעמיטן דעם פראָנט פונעם הויז און אַוועק אויף הינטן צום נאָקעטן סאָד. פון צווישן די ביימער מיט שניי־פאַרלייגטע צווייגן האָט ער אַרויפגעקוקט צו די פענצטער און נאָך אַ קורצן יישוב־הדעת האָט ער אַרויפגע־קלעטערט אויפן פאַרשנייטן האָלץ־געלענדער און אָנגעקלאַפּט אין דעם קיכ־פענצטער. ער האָט אָנגעקלאַפּט איין מאָל און אַ צווייט מאָל און געוואַרט. דערנאָך האָט ער נאָך אַ מאָל אָנגעקלאַפּט און ווידער געוואַרט. פּלוצים האָט זיך אין דער מיט פון אַן אײַז־באַלייגט שײַבל באַוויזן אַ העלקייט און פון דער העלקייט האָט זיך אויסגעווישט אַ האַנט. די האַנט האָט געווישט די פראָסטיקע פאַרלאָפנקייט און זיך אָפּגעביטן אין אַ נאָז מיט אַ פּאָר אויגן. עס זענען געווען נעכעס אויגן. די אויגן האָבן אויפגעבליצט און נעלם געוואָרן. נאָך איידער דער מאַן האָט זיך צוריק אַראָפּבאַקומען פון דעם האָלץ־געלענדער, איז נעכע אָנגעלאָפן אַן איינגע־טוליעטע אין אַ פּאַטשיילע און געשריגן מיט אַ קול פון בהלה:

„סנדרל מיין קרוין, ווינד איז מיר, אין אַזאַ צייט?" — און זי איז אַרויפגע־פאַלן אויף אים מיט אַ גרויס קלאָגעניש: „אוי ווי איז מיר. איך האָב געוווסט ועסט קומען. אַזוי זאָל איך נאָך האָבן נחת ווי איך האָב געוווסט. זע נאָר ווי דו זעסט אויס!" — האָט זי איין וואָרט געזאָגט וויינענדיק און באַלד דאָס צווייטע ווי זי וואָלט זיך געקריגט מיט אים.

„איך האָב זיך געקליבן צו דיר און נישט אויסגעקליבן — האָט ער געזאָגט פראָסטיק און געלאָזט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל — כ׳האָב געוואָלט מיט דיר רעדן..."

נעכע האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן; זי האָט אים אַריינגעכליפּעט אין האַלדז:

„ווי אויף משיחן האָב איך געוואַרט אויף דיר... אוי, ווינד איז מיר! מײַן מאַמעס מיעניש..."

פּלוצים האָט זי זיך אָפּגערוקט פון אים, צעעפנט די פּאַטשיילע און קוקנדיק אים אין די אויגן געזאָגט מיט אומגעריכטער פרייד:

„זעסט, סנדרל, זעסט, איך ריכט זיך אין קימפעט אַריין".

סנדר האָט נאָך העכער אַרויפגערוקט די קוטשמע און געפרעגט מיט אַ טרוקן קול:

„דו ריכטסט זיך אין קימפעט אַריין?"

„אַזוי זאָלן מיר ביידע לעבן אין נחת און אין פריידן!" — האָט זי זיך צוריק איינגעטוליעט אין דער פּאַטשיילע.

סנדר האָט זיך אַ רגע געקרעקט מיט אַ הוסט, וואָס האָט נישט געוואָלט אַרויסקומען, באַוויגן מיט די ליפּן און צום סוף אַרויסגעגרימט:

„נישט געווען ביי דיר אפשר מער ווי אַ יאָר און דו שוואַנגערסט צו געלעגן ווערן?"

„מיינע שונאים! — האָט אים נעכע אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און זיך מיט די פינגער איינגעביסן אין דעם דיקן אָרבל פון זיין בגד — ס'איז דאָך פון דיר, סנדרל, געדענקסט נישט יענע נעכט ווען דו ביסט געקומען צו מיר?"

„דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט — האָט ער געוואָלט באַפרייען זיין אָרעם און זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט — מער ווי אַ יאָר נישט געזען דיך... נישט געקענט רוען דיך איבערצולאָזן אָן אַ גט..."

ווי זיינע ווערטער וואָלטן צו איר נישט דערגאַנגען האָט נעכע אים אַריינגעקוקט אין פּנים און געזאָגט מיט זאָרג:

„וואָס שטייען מיר דאָ?.. ביסט געגאַנגען אין אַזאַ ביטערע קעלט נעבעך... קום אַריין אין הויז. דו וועסט זיך כאָטש דערוואַרעמען..."

סנדרן איז געווען הייס, כאָטש די פיס זענען אים געווען געפרוירן. קיין בראָד איז ער אָנגעקומען מיט אַ שליטן פון יעראָסלאַוו. אין שטאָט אַריין האָט ער מורא געהאַט אַריינצופאָרן, טאָמער וועלן אים לייט דערקענען און אים איבערגעבן צו קהל. איז ער אַראָפּ פון שליטן אַ מהלך רב הינטער דער שטאָט און געגאַנגען צו פוס. אויך דער הונגער האָט אים געקלעמט. זייט ער איז פאַר טאָג אַרויסגעפאָרן פון יעראָסלאַוו האָט ער קיין ביסן אין מויל נישט געהאַט. נאָר איצט האָט אַ פּלוצימער פּחד פאַרשלאָגן דעם הונגער. פאַר וואָס איז נעכע אַזוי ווייך צו אים כאָטש ער האָט דערמאָנט וועגן אַ גט? איצט וויל זי אַפילו ער זאָל אַריינגיין אין הויז. ווי קען ער אַריינגיין אין הויז און זיך אָנטרעפן אויג אויף אויג מיט דעם דאָקטער? זי איז דאָך נישט טויב, נעכע. זי האָט געהערט יעדעס וואָרט וואָס ער האָט דאָ געזאָגט.

„דיין האַר וועט מיך נישט אַריבערלאָזן איבער דער שוועל" — האָט ער געזאָגט ווי אַ געשלאָגענער.

נעכע האָט אים דערמוטיקט:

„וואָס האָט צו דיר דער האַר? האָסט אים דעם דאָך פון בוידעם אַראָפּגענומען?" — און איינבויגנדיק זיך האָט זי אים געזאָגט ווי אַ זיסן סוד: „אין דער צייט זענען ביידע אונטער דער פּערענע, ווי ביי די גויים, דער האַר און די האַרינטע" — האָט זי אים אָפּגענאַרט.

נעכע האָט זיך געוואָנדן צו גיין און נישט אַראָפּגעלאָזט סנדרן פון אויג.

„קום, קום" — האָט זי אים געמונטערט. ער איז איר נאָכגעגאַנגען מיט פּחדימדיק־פאַרזיכטיקע טריט און זי האָט אים געלאָקט: „קום, קום. אַזאַ ביטערע קעלט. נאָך אַזאַ ווינטער נישט געווען זייט די וועלט שטייט. וועסט זיך דערוואַרעמען די פיס און נעמען עפּעס אין מויל אַריין. היינט איז געווען הויזנבלאָזן אונטער דער יויך".

ביי דער טיר איז סנדר נאָך נישט געווען אין גאַנצן זיכער, צי ער דאַרף אַריינגיין אין הויז פון דעם דאָקטער. נאָר נעכע האָט אים שוין געהאַט פאַרשטעלט דעם צוריקוועג און מיט אַן עלנבויגן פון הינטער דער פּאַטשיילע האָט זי אים צוגעשטופּט צו דער טיר. ער איז אַריין אינעווייניק. זי האָט אים אַפילו נישט געזאָגט, ער זאָל אָפּקלאַפּן די שטיוול פונעם שניי.

באַלד ווי זי האָט אים געהאַט אינעווייניק האָט זי מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּאַטשיילע און באַפעלעריש אים אַנגעוויזן אין דער זייט פון דער קיכקאַמער.

„גיי נאָר דאָרט אַריין, די פיס זענען דיר אָפּגענומען געוואָרן, צי וואָס?...
ס'איז נישט זיינס, זאָגט ער... דעם קאָסעוווער רבס איז עס?...”

נעכע האָט שוין געהאַט אַנגעפּויסט אירע הענט און געקוקט אויף אים פון אונטערן שטערן. און ער, ווי ער וואָלט פּלוצים באַגריפן, אַז ער איז אַ געפאַנגענער, האָט אַריבערגעקוקט איבער איר אַקסל צו דער טיר און פון דעסטוועגן זיך געשאַרט הינטערווייליעכץ צו דער קיכקאַמער. פון זיין פאַרלוירנקייט איז אין נעכען געוואַקסן איר כּעס. זי האָט אָנגעהויבן סיטשען צווישן די ציין, ווי אַ צערייצטע קאַץ, געוואָלט אויף דער הייסער רגע אַרויסבאַקומען פון זיך קללות, נאָר אַלע קללות האָבן זיך צוזאַמענגעשטופּט מיט איין מאָל אין מויל אַריין און זי האָט קיין איינע פון זיי נישט געקענט אַרויסבאַקומען.

אין דער קיכקאַמער האָט סנדר זיך צוגעשטופּט מיט די פּלייצעס צו אַ וואַנט. פון דער וואַרעמקייט אין הויז האָט אויף אים אַרויסגעזעצט אַ שוויס. דאָס לייב האָט אים געביסן, אין די פינגער פון די פיס האָבן אים נעדעלעך געשטאָכן. אַ פאַרלוירענער און אוממאַכטיקער האָט ער זיך צוגעקוקט ווי נעכע נעמט אַראָפּ פון דעם שענקל אין דער וואַנטנישע אַ האַקמעסער. זי טוט מיט דעם אייזן אַ פאָכע אין דער לופטן:

„אין דר'ערד וועסטו ביי מיר ליגן און אויפן קאָפּ וועסטו ביי מיר זיך שטעלן! פאַר די הונגעריקע וועלף וועל איך דיר צעפּערטלען! כ'וועל דיך... אָפּגעטאָן ס'דייניקע און איצט ביסטו געקומען מיט אַ גט? די חברה קדישא וועט נאָך דיר קומען און זי וועט נישט האָבן וואָס צו נעמען!”

סנדר האָט זיך איינגעשרומפּן מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען און מיט דער קוטשמע, וואָס קלייבט זיך אַראָפּפאַלן פון זיין קאָפּ. ער האָט פּלוצים אַ קוק געטאָן איבער נעכען און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט עמעצן דערזען. ס'איז געווען זעלדע. זי האָט אין אַלקער דערפילט, אַז עפּעס געשעט ביי איר אין הויז און זי האָט געאײַלט צו זען וואָס עס געשעט.

„אוי, האַרינטע! — האָט זיך נעכע צעכליפּעט האַלטנדיק דאָס האַקמעסער ביי איר פולן אַרויסשטייענדיקן בוזעם — איך וועל אים דערהרגענען, איך וועל אים אַראָפּשלעפּן אין קעלער, אָדער זיך אַנטאָן אַ מעשה”.

„וואָס טוט ער דאָ?! פון וואַנען האָט ער זיך גענומען צו דיר?” — האָט זעלדע קוים באַגריפן וואָס עס געשעט. זי איז אַריין טיפער אין דער קיכקאַמער,

פון נעבעס הענט אַרויסגענומען דאָס האַקמעסער און זיך געוואַנדן צו סנדרן:
„וואָס פאַר אַ בייז אין מײַן הויז?"

סנדר האָט זיך נאָך מער אײַנגעשרומפּן. דער שווייס פון שטערן האָט זיך אים אַראָפּגעגאָסן אויף די ברעמען, אַרײַנגעדרונגען אין די אויגן. פון גרויס צרות האָט ער אַראָפּגענומען די קוטשמע פון צווישן זײַן קאָפּ און דער וואַנט, און וועלכער ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט און די קוטשמע געקנאָדערט מיט די פינגער. פון זײַן נעבעכדיקייט איז זעלדע געוואָרן זיכער ביי זיך. גראָד דאָס מאָל איז אליעזר נישט אין דער היים. גלייך נאָכן אָנבייסן איז ער אַוועק צו אַ קראַנקן ערגעץ ווו אויסער דער שטאָט און ער זוימט זיך. און דאָ זענען צוויי ווילדע מענטשן. אַוועק־לייגנדיק צוריק דאָס האַקמעסער אויפן שענקל אין דער וואַנטנישע האָט זעלדע געזאָגט מיט אַ קול, וואָס האָט געציטערט:

„איז עס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך ביי ייִדן? ער לאָזט איבער דאָס ווייב, שוועבט זיך אַרום איבער דער וועלט און זי הייבט אויף אויף אים אַ האַקמעסער. מײַנע שׂונאים!"

„ס'איז נישט זײַן קינד, זאָגט ער! — האָט נעבעכע אָנגעוויזן אויף איר בויך — פון הימל איז עס מיר אַראָפּגעפאַלן, אַז פאַלן זאָל ער און זיך נישט קענען אויפהייבן!"

„איז עס ריכטיק וואָס זי זאָגט? לייקנסטו אַז דײַן ווייב טראָגט פון דיר?" — האָט זעלדע אָנגעקוקט סנדרן און די הענט אָנגעשפּאַרט אין אירע לענדן.

ער האָט געשוויגן, זײַנע פינגער האָבן נאָך העפטיקער געקנאָדערט די פעלענע קוטשמע און די אויגן זענען אים געוועזן פאַרלאָפן מיט פייכטע היץ. זעלדע האָט אויף אים באַקומען רחמנות, ווי מען באַקומט רחמנות אויף אַ געשלאָגענער חיה, און זי האָט געזאָגט באַרויִקנדיק:

„ס'איז דײַן מאַן, גיב אים עפּעס עסן. ער זעט אויס ווי דו וואָלסט אים פון קבר אַרויסגעשלעפּט".

„הלוואי וואָלט איך אים דאָרט געהאַט!" — איז נעבעכע איר אַרײַנגעפאַלן אין די רייד און זיך באַלד אָנגעהויבן פּאַרען אונטער דער קיכקאַפּע.

„זעץ זיך צום טיש! — האָט זעלדע אָנגעוויזן אויף דער באַנק פון דער צווייטער זייט טיש און געווען זיכער, אַז דאָס ערגסטע איז אַריבער — זעץ זיך צום טיש. וועסט זאַט ווערן וועסטו זיך דערמאָנען, אַז דײַן ווייב טראָגט פון דיר. זי וועט עס דיר דערמאָנען".

„אַז איך וועל אים דערמאָנען וועט אים פינצטער ווערן אין די אויגן" — האָט נעבעכע געסיטשעט פון איבערן פייער.

„שעלט אים נישט! אַן אייגענעם מאַן שעלט מען נישט" — האָט זעלדע געזאָגט שטראָפּעריש.

איצט האָט נעבעכע מיט האַסטיקע באַוועגונגען אָנגעהויבן גרייטן צום טיש. זי האָט אַרויפגעלייגט אַ קוים אָנגעהויבענעם לאַבן ברויט, אַרויפגעשטעלט אַן ערדענעם טאָפּ מיט מילך און אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש אַ מעסער, וואָס האָט

זיך געגליטשט איבערן טישבערעט און זיך פֿאַרהאַלטן נעבן לאַבן ברויט. אָבער סנדר האָט זיך נישט געזעצט צום טיש אַזוי לאַנג ווי זעלדע איז געווען אין דער קיכקאַמער. ער האָט געקוקט אויף איר באַהאַלטן און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זי שטייט דאָ נאָך פֿון דעמאָלט, ווען זי איז געווען ווערלוול בעלזערס ווייב, דאָרט, אינעם הויז אויפֿן רינגפּלאַץ, אויפֿן גאָרן, און ער געפֿינט זיך אין דער קיך אַן אַריינגעגנבעטער צו נעבען. ער איז געווען אויסגעליידיקט, אין גאַנצן אויסגעליידיקט. זעלדע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיט איר זיין דערביי מאַכט זי אים אוממעכטיק און זי האָט די צוויי איבערגעלאָזט אַליין.

איצט, אַז זעלדע איז שוין נישט געווען דערביי, האָט ער באַקומען אַ ביסל מוט פֿון דעם וואָס די האַריגטע האָט אים פֿריִער פֿאַרבעטן ער זאָל זיך זעצן צום טיש. מיט אַ שנעלער באַוועגונג האָט ער געכאַפּט דעם לאַבן ברויט, אים צוגע־דריקט צום בוזעם און אָפּגעשניטן אַ דיקן און גאַנצן רייפֿט. ער האָט זיך אינעם ברויט איינגעגעסן אַן אויסגעהונגערטער און אָנגעפּילט ביידע באַקן. קוקנדיק אויף דעם טאָפּ מילך האָט ער מיט דער קני אָפּגעשטופּט די באַנק און זיך אַוועק־געזעצט נעבן טיש. ס׳האָט אים שוין מער נישט געאַרט וואָס נעכע האָט קריגעריש, מיט אַ קלאַפּ, אַוועקגעשטעלט נעבן אים אַ טעפּל, ער זאָל אָנגיסן מילך.

„אוי, אַ בראָך איז צו דיר! דו עסט אין בלויזן קאָפּ?״ — האָט זי אויסגע־שריגן, דערלאַנגט אַ שפּיַי אָן אַ זיַיט און אַוועק צו די טעפּ.

נישט אַרויסלאָזנדיק פֿון איין האַנט דאָס שטיק ברויט, האָט ער מיט דער צווייטער אָנגעטאָן די קוטשמע.

פֿון דעם קורצן בליק וואָס זי האָט געכאַפּט אויף אים ביים עסן אין בלויזן קאָפּ, האָט איר אַ צופּ געטאָן אונטערן לעפֿעלע. זייט זי האָט אים געזען דאָס לעצטע מאָל איז זיין פּנים געוואָרן אויסגעאיידלט. זיינע צעשויבערטע העלע האָר און זיין זייט דעמאָלט צעוואַקסענע בלאָנדע באָרד האָבן אין איר דערוועקט דאָס ציטערניש נעבן אַ מאַנצביל אין בעט. זי האָט האַסטיק אונטערגעלייגט נאָך אַ שטיקל האָלץ צום פֿייער, דער גריץ־טאָפּ זאָל זיך וואָרעמען גיכער.

„אַנדערע לייט לאָזן איבער זייערע ווייבער עגונות — האָט ער פּלוצים געזאָגט פֿאַנפֿענדיק אונטער דער נאָז ווי אַ יינגל וואָס האָט לאַנג געווײנט — און איך בין געפֿאָרן צו דיר אַ מהלך רב צו פֿרעגן וואָס דו ווילסט... ס׳האַרץ האָט מיר נישט געלאָזט...״

נעכע האָט נישט געענטפֿערט. זי איז געווען פֿול מיט אומבאַהאָלפֿנקייט. נאָר וואָס האָט זי געטראַכט, אַז אפֿשר דאַרף זי פֿון אונטער דעם דרייפֿוס אָפּערנעמען אַ ברענענדיק שטיק האָלץ און אים דערמיט אַ קלאַפּ טאָן איבערן קאָפּ ער זאָל פֿאַרברענט ווערן. אָדער אפֿשר אים אָפּבריִען מיט דעם טאָפּ גריץ וואָס הייבט שוין אָן צו זידן, אָדער אפֿשר אים בינדן און אַ געבונדענעם לאָזן ליגן ביז דער האַר וועט אַהיימקומען און איר העלפֿן. נאָר דאָס אַלץ איז איר באַלד געוואָרן וויַיטלעך. אין טראַכטן איז איר אַריינגעפֿאַלן דאָס בעט אין אַלקער. דער מערדער

טוט אויף איר אַפּילו נישט קיין קוק. זי האָט אַ צי געטאָן דאָס פֿאַרטעך איבערן בויך און פֿאַרריכט די האָר אויף די שלייפֿן.

„פֿון אַלע מיינע צרות האָב איך נאָך היינט נישט צו רעכט געמאַכט מיין בעט... אַז איך ווייס דען פֿון אַ לעבן? וואָס האָב איך פֿון מיין בעט? נאָך אַ קישן האָט מיר די האַרנטע געגעבן... אַ בעט ווי פֿאַר פּריציטעס".

דאָס אַלץ האָט זי געזאָגט ווי צו זיך אַליין, נאָר גענוג הויך, די ווערטער זאָלן דערגיין צו אים ביים טיש. פּלוצים האָט זי געפֿרעגט:

„האָסט ליב אַ הייסע גריץ!?"

זי האָט נישט געוואַרט אויף זיין ענטפֿער. שטעלנדיק זיך האַרט נעבן אים האָט זי אין אַ טיפֿע שיסל אַנגעגאָסן פֿאַרענדיקע גריץ און ווי נישט ווילנדיק האָט זי מיט איר עלנבויגן באַרירט זיין שלייף. די גריץ האָט זיך איבערגעגאָסן איבער די ראַנדן פֿון דער שיסל, אויפֿן טיש אַרויס. זי וואָלט אים אַליין פֿאַרגאָסן מיט דער גריץ, אַבי ער זאָל זיך אויפֿשטעלן, ווען זי שטייט האַרט נעבן אים. אָבער זיינע אויגן זענען אין דער שיסל.

„שטעל זיך אויף! — האָט זי באַפֿוילן — די גריץ וועט דיר אַראָפּרינען אויף די הויזן".

איצט האָט ער נישט געהאַט קיין ברירה. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און זיך אַנגעטראָפֿן מיט איר פֿולן בוזעם. זי האָט זיך נישט אָפּגערוקט פֿון אים, נאָר דעם טאָפּ אַנגעשפּאַרט אָן ראַנד פֿון טיש:

„וואָלסט כאָטש געזען די פּאָר צינערנע לייכטער, וואָס איך האָב געקויפֿט אויף בענטשן ליכט... ביי מיר אין אַלקער... — האָט זי געזאָגט שטיל אים אין פּנים אַריין — די האַרינטע איז נישטאָ און דער האָר וועט זיך היינט פֿאַרזוימען. ער פֿאַרזוימט זיך אַלע מאָל".

ער האָט אויסגעדרייט זיין פּנים פֿון דער שיסל צו איר און מיטן פּנים זיך אַנגעשלאָגן אין איר ווייכן בוזעם.ביידע האָבן אויפֿגעפֿלאַמט. די וואַרעמע טונקל־קייט אין דער קיכקאַמער איז נאָך טונקעלער געוואָרן. זי האָט אַ ריטש געטאָן דעם גריץ־טאָפּ אויפֿן טיש, אַנגעכאַפּט זיין אָרעם און אים געצויגן נאָך זיך אין איר אַלקער. זי איז געפֿאַלן אויף איר בעט און אים מיטגעצויגן מיט זיך. איר קרעכץ פֿון אויסגעבענקטקייט האָט אים אַנגעצונדן אין פֿלאַמען און ביידע האָבן זיך פֿאַרברענט אין אַ רוישנדיקער שטילקייט. דערנאָך האָט די שטילקייט אָנגע־הויבן קלינגען, ווי זומער פֿון אַ ווייטן גריל, און ביידע זענען געלעגן פֿאַרלאָשענע ווי שיכּורים פֿאַלן אָוועק מיט פֿאַרטעמפּטע חושים. דאָך נעכע האָט אַפּילו אין איר פֿאַרטעמפּטקייט געהערט, זי האָט געהערט דעם שאָרך פֿון אַ מייזל אין דער קיכ־קאַמער, זי האָט געהערט דעם קלאַפּ פֿון אַ סענק אינעם ברענענדיקן האָלץ אונטער דער קאַפּע, זי האָט געהערט דעם קראַ־קראַ פֿון אַ פֿאַראיינצלטער קראָ הינטערן פֿענצטער אינעם נאַקעטן סאָד און ערגעץ טיף אין איר געדעכעניש איז אויפֿגעגאַנגען אַ ווייט, ווייט קלינגען פֿון שליטן־גלעקעלעך.

„שטיי אויף!‟ — האָט זי זיך אַ ריס געטאָן אויפצושטיין און אים מיטגע־שלעפּט.

ערשט ווען סנדר איז שוין צוריק געזעסן ביים טיש און מיט אַ הילצערנעם לעפל געוווען אַריינגעטאָן אין דער קילבלעכער גריץ, איז העל אויפגעגאַנגען דאָס קלינגען פון שליטן־גלעקעלעך, זיך צעשריגן און צעטומלט וואָס אַ מאָל העכער און פאַרשטילט געוואָרן מיט איין מאָל. נעכע איז געלאָפן צו דער טיר. דאָרט איז שוין געשטאַנען זעלדע. אליעזר האָט געבראַכט מיט זיך דעם ריח פון דעם ווינטערדיקן דרויסן. אין דרויסן איז געפאַלן אַ שטילער שניי און די אַקסלען פון אליעזרן זענען געווען באַפליטערט מיט שניי־פליטערלעך. פוןביידע, פון זעלדען און פון נעכען, האָט ער געזען, אַז אין הויז איז עפּעס געשען. ער האָט צעעפנט דעם פּעלץ, אָפּגעשאָקלט די פליטערלעך און געזאָגט:

„קודם אָוונט־טוב און צווייטנס...‟

„אָוונט־טוב‟ — האָט זעלדע שנעל געענטפערט און באַלד מוסיף געווען: „איר גן־עדן־פירער איז צו אונדז אַראָפּגעפאַלן מיטן שניי‟.

לכתחילה האָט ער נישט באַגריפן וואָס אַזעלכס זעלדע האָט אים מבשׂר געווען, נאָר פון דעם ווי נעכע האָט אָנגעהויבן ברעכן אירע פינגער, האָט ער אַלץ פאַר־שטאַנען און זיך געוואָנדן צו זעלדען:

„ווילסט מיר זאָגן, אַז די חרם־צרה איז אַראָפּגעפאַלן צו אונדז אין הויז דורכן קוימען?‟

„דורך דער טיר‟ — האָט זעלדע פאַרצויגן דעם אָטעם און געהאָלפן איר מאַן אויסטאָן דעם פּעלץ. נעכע האָט דעם פּעלץ צוגענומען פון אירע הענט און איז אַוועק אין דער קיכקאַמער. אליעזר האָט אויסגעצויגן די אָרעמס, געמאַכט אַ פּאָר באַוועגונגען מיטן גאַנצן גוף, צו באַפרייען זיך פון דער קעלט־שטייפקייט און ניגונדיק, ווי עס רעדט דאָס געמיינע פאָלק אין בראָד, האָט ער אַריינגערעדט אין פּנים פון זעלדען:

„הייסט עס אַזוי: איין צרה ברענגט די צווייטע און זיי ווערן מיר זיך דאָ מערן ווי דער שניי אין דרויסן‟.

„דיר איז גוט אויפן האַרצן. זאָל דיר ווויל באַקומען. איך האָב זיך שוין דאָ אָנגעגעסן‟ — האָט זעלדע געזאָגט און אים געגעבן אַ צייכן ער זאָל מיטגיין מיט איר.

אינעם אַלקער האָבן זיך די קליינע, יצחק און בתיה, דערפרייט מיטן פאָטער און ביידע האָבן זיך געקלאַמערט אַרום זיינע פיס, ווי אַרום צוויי זיילן.

„איר וועט זיך צוקילן — האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו די קינדער און זיי גענומען צו זיך — איך בין דורכגעקעלטערט, בררר... בררר...‟ די קינדער איז געפעלן דעם פאָטערס שפּילן זיך מיט זיי און ביידע האָבן אים אַרומגעהאַלדזט.

„דער באַרישער יונג האָט נאָך נישט קיין שׂכל דערצו‟ — האָט זעלדע אָנגע־וויזן אויף איר צווייטן זון אין הענגקוישל.

„ער שמעקט מיט פיש, ווי אַ פיש" — האָט אליעזר מיט ליבשאַפט איַינגעטוליעט זיין פּנים אין דעם זונס גופל.

„און דו האָסט מסתּמא געטרונקען אַ סך שטאַרקן מעד, וואָס די צרה אין הויז רופט ביי דיר גאָר אַרויס הייטערקייט און אַז אַ פיש פישט" — האָט זעלדע זיך אויפגעהויבן צו אים, כּדי צו דערפילן, צי ער האָט געטרונקען שאַרפע משקה.

ער האָט צו איר אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ:

„ראשית האָב איך אַ ברירה צו נעמען די צרה ביים קאָלנער און זי אַרויסוואַרפן, שנית האָב איך נישט געזאָגט, אַז אַ פיש פישט, נאָר געזאָגט האָב איך, אַז מיין בכור שמעקט מיט פיש ווי אַ פיש. און דאָס איז אמת. און שלישית, אין אַזאַ קעלט און נישט אין בעט מיט אַ הייס ווייב, מוז מען זיך ראַטעווען מיט שטאַרקן מעד, און וואָס די ליאַמפּקע איז גרעסער, אַלץ בעסער".

„ביסט אויך אַן אמת שיכּור, שיכּור! — האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו אים — איצט מוזסטו מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט העלפן דער מויד. זי איז אויף גרויסע צרות. הערסט? ער איז געקומען איר זאָגן, אַז זי טראָגט נישט פון אים".

„דאָס איז אַ באַקאַנטע זאַך! — האָט ער אויסגערופן — פרעג דיין זון און אויך ער וועט דיר זאָגן, אַז זי איז טראָגעדיק געוואָרן פון דעם מלאך הגואל".

„מאַך נישט קיין ליצנות — האָט זעלדע געבעטן — זי איז אַ ווייב. פאַר אַ ווייב איז עס אַ דונער פון הימל: אַ ממזר!"

„ריכטיק, עס געשעען אַזעלכע זאַכן, אַז פון אַ דונער פון הימל ווערט געבוירן אַ ממזר. דונערדיקע ממזרים זענען ביי ייִדן דערגאַנגען צו גדלות" — האָט אים די הלצהדיקייט נישט אָפּגעלאָזט.

„ביסט נישט בעסער פון דיין זון" — האָט זעלדע געזאָגט, זיך צערטלענדיק.

„אויך ריכטיק — האָט אליעזר מסכּים געווען מיט איר — דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פונעם ביימעלע".

ער האָטביידע קינדערלעך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט און די קינדערלעך האָבן זיך פריילעך צעשריגן. דאָס קליינע אין הענגקוישל האָט אַ ציטער געטאָן פון דעם פּלוצימען געשריי. איז דער פאָטער צוגעגאַנגען צום קוישל און ביטולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „דאָס ווייסט נאָך גאָרנישט. שלאָפט און דאַסט".

„באַליידיק נישט דיין זון!" — האָט זעלדע אויסגערופן.

„זאָל ער מיך קלאָגן צום בראָדער בית־דין — האָט ער נאָך אַ מאָל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איצט דאַרף מען זען פּטור ווערן פון דער חרם־צרה. מער פעלט מיר נישט נאָר דער רב זאָל אַריינבאַקומען אין די הענט אַ שטעקן אויף מיר".

„זע די מויד זאָל דערפון נישט ליידן. ס'איז גאָטס רחמנות אויף איר" — האָט זעלדע געבעטן.

„זאָל איך נעמען אויף זיך די שוואַנגערשאַפט?" — האָט ער געפרעגט מיט געמאַכטער ערנסטקייט. ער האָט נישט געוואַרט אויף אַ תשובה און איז אַוועק אין דער קיכקאַמער.

פון זײַן באַװײַזן זיך איז סנדר אױפגעשפּרונגען פון דער באַנק און װי אַ דערשלאָגן פֿויערל האָט ער אַראָפּגעכאַפּט די קוטשמע פון קאָפּ. נעבעך האָט אױס־געקרעכצט: „האַר־לעבן" און איר פּנים האָט זיך אױסגעקרומט צו װײנען. װי ער װאָלט אַרײַנגעקומען אין אַ פרעמדער שטוב צו אַ קראַנקן, האָט ער זיך אַרומ־געקוקט אין די װינקלען און געריבן אײן האַנט אָן דער צװײטער. צום סוף האָט ער געזאָגט, אָנװײַזנדיק מיט אַ פינגער אױף נעכען:

„דיך דאַרף איך דאָ איצט נישט האָבן. אַז איך װעל דיך דאַרפן װעל איך דיך רופן. און דו — האָט ער דעם װײַזפינגער איבערגעפירט צו סנדרן — ביסט אײן אַ ייִדישער שטוב און דו שטײסט אין בלױזן קאָפּ פאַר מיר, סײַדן דו ביסט שױן אַריבערגעשפּרונגען אױף יענער זײַט פלױט. ביסטו?!"

סנדר האָט אַרױפגעכאַפּט די פעלענע קוטשמע אױפן שפּיץ קאָפּ. נעבעך איז נעלם געװאָרן. צולענענדיק די טיר הינטער איר, האָט אליעזר אָװעקגעשטעלט אײן פוס אױף דער באַנק, אױף װעלכער סנדר איז פריִער געזעסן, און ער האָט געזאָגט התראהדיק:

„װען איך זאָל דיך איצט איבערגעבן אין די הענט פון קהל, װאָלטן זײ דיך צעקאַטעװעט אױף קרעפּלפלײש און דו װאָלסט אַ װאָך צײַט באַשפּיגן געװאָרן בײַ דער קונע. װעל איך נאָך טראַכטן װאָס צו טאָן מיט דיר. נאָר פאַר דעם אַלעם זאָג מיר: איך האָב געהערט, אַז דו לײַקנסט, אַז דײַן װײַב איז טראָגעדיק פון דיר. אַ כאַם ביסטו, װאָס פירט דעם פאַנס שטרױ און װאַרפט אַראָפּ דאָ אײן בינטל און דאָ אַ צװײט בינטל? פריִער האָסטו אַראָפּגעװאָרפן דעם עול פון ייִדישקײט און איצט װאַרפסטו אַראָפּ אַז דו ביסט דער פאָטער פון דעם קינד, װאָס דײַן װײַב טראָגט דיר אױס? דאָס האָט דיר יעקב פראַנק אַזױ געלערנט צו טאָן, אָדער אלישע שור? קענסט מיר דערױף ענטפערן?"

„איך..." — האָט סנדר אָנגעהױבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אליעזר האָט אים איבערגעריסן:

„װען דו רעדסט צו אַ מענטש, קוק אים אין די אױגן. אַזיסטן װעל איך װיסן, אַז דאָס געװיסן איז דיר נישט רײן".

אַ צעטומלטער האָט סנדר אױפגעהױבן דעם קאָפּ און װי אַ געשלאָגענער הונט, דאָ יאָ און דאָ נישט געקוקט דעם דאָקטער אין די אױגן. ער האָט געזאָגט:

„מער װי אַ יאָר בין איך נישט געװען בײַ איר. אַ יאָר צײַט בין איך בײַם האַר אין טשענסטאָכאָװ".

„בײַ װעלכן האַר און בײַ װעלכן נאַר?" — האָט אליעזר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער פאַרשטײט נישט. סנדר האָט זיך פאַרהאַקט. ער האָט נישט געװאָלט דער־מאָנען דעם נאָמען פון יעקב פראַנק. צום סוף האָט ער געזאָגט שטאַמלענדיק:

„בײַם רבי יעקב".

אליעזר האָט ביטולדיק זיך אָפּגעטרײסלט:

„רעד צו דער זאַך. אַ יאָר צײַט ביסטו נישט געװען, זאָגסטו, מיט דײַן װײַב...

הער... ווי הייסטו?... יאָ, גוט. גוט וואָס דו הייסט נאָך אַ ייִדישן נאָמען און נישט זביגניעוו צי קאַצפּער. הער, סנדר, ביי ייִדן געשעען נישט אַזעלכע נסים, אַז אַ ווייב זאָל ווערן טראָגעדיק אָן אַ מאַן. אַז דיין ווייב טראָגט, און זי טראָגט אַ שווער פּעקל, טראָגט זי אָדער פון דיר אָדער פון אַ טאַטער. נאָר אַזוי ווי די טאַטערן זענען שוין לאַנג פאַרטריבן פון בראָד, טראָגט זי נאָר פון דיר!"

סנדר האָט באַוועגט מיט די אַקסלען.

„וואָס קוועטשסטו מיט די אַקסלען? — האָט אליעזר אויפגעהויבן דאָס קול — ווערסט גאָרנישט אויסקוועטשן. ס'איז דער שטייגער פון אַזעלכע לייט ווי דו, צו באַפרייען זיך פון אַלץ. דיין „רבי", ווי ער הייסט דאָרט, האָט אויסגעטראַכט בלבולים אויף ייִדן, אַז זיי נוצן בלוט פון קריסטלעכע קינדער אין די מצות אויף פּסח און דו טראַכסט אויס, אַז דיין ווייב טראָגט אַ ממזר. איך וואָרן דיך, אַז אײדער איך זאָל דיך איבערגעבן אין די הענט פון יואַלטשע פּרנס, ער זאָל פון דיר אַרויסבאַקומען דעם אמת, איז בעסער דו זאָלסט מיר דאָ גלייך זאָגן דעם גאַנצן אמת. ווערסט זיך איינבערענגען אַ האַלבן הינטן. יואַלטשע וועט פון דיר שינדן די פּעל און זימל פּרנס וועט דיך האַלטן אין דער קונע ערגער פון אַ הונט. מיט וואָס און צוליב וואָס ביסטו געקומען אַהער, אויב דו ביסט שוין העכער אַ יאָר נישט געוועזן ביי דיין ווייב?"

„ס'האַרץ האָט מיר נישט געלאָזט זי איבערלאָזן אָן עגונה. ווי עס טוען אַנדערע" — האָט סנדר מיט אַ פולער האַנט אָפּגעווישט דעם שוויס פון פּנים.

אליעזר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פוס פון דער באַנק און זיך אויסגעגלייכט:

„זייער שיין פון דיין זייט. אויב דו האָסט אַ האַרץ, פאַר וואָס טראַכטסטו אויס אַ בלבול אויף דיין ווייב, אַז זי טראָגט נישט פון דיר?"

„איך האָב גאָרנישט געוווּסט דערוועגן. פון וואַנען זאָל איך וויסן? געקומען פון אַ מהלך רב איר פרעגן, צי זי וויל אַ גט" — איז סנדר געוואָרן דרייסטער.

„געוואָלט אַראָפּוואַרפן נאָך איין בינטל שטרוי פון וואָגן? אַז דער וואָגן איז ליידיק פאָרט זיך בעסער, וואָס? — האָט אליעזר געוואָלט וויסן — גוט. עס פאָרט זיך בעסער. זאָג מיר נאָר, אויב אַזוי, מיט וויפל פרעמדע ווייבער ביסטו שוין געשלאָפן אין דעם יאָר? דאָס איז דאָך דער שטייגער פון אײַערע לייט און פון דעם ציט דאָך דיין ,רבי' זיין פאַסטעך־חיונה!"

„איך נישט — האָט זיך סנדר געוועדט — נאָר אַזעלכע ווי אפרים".

„ווער ווידער איז דער אפרים?" — האָט ער געוואָלט וויסן.

„אברהם משה דעם גאָרבערס זון — האָט סנדר געזאָגט — ער האָט זיך געגרויסט, אַז ווען ער איז געווען דאָ אין שטאָט מיט חדשים צוריק איז ער גע־שלאָפן מיט עטלעכע בראָדער ווייבער".

„אור־אָ! — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן — אַזאַ פלאַקן־שיסער! מיט עטלעכע ווייבער מיט איין מאָל! קענסט זיך אויך באַרימען. ביי דיין ,רבי' איז עס דער גאַנצער יחוס. איז אפשר דאַרף מען פרעגן דיין ווייב, צי זי איז געווען פון די עטלעכע פון דעם... ווי הייסט ער דאָרט?..."

„אפרים דעם גאַרבערס" — האָט סנדר אים צוגעהאָלפֿן.

אליעזר האָט זיין אייגענע שאלה נישט גענומען ערנסט, נאָר פון דעסטוועגן האָבן זיך סנדרס ווערטער פאַרהעקלט אין אים.

„ווּעסטו שווערן ?... — האָט ער אָנגעהויבן און אָפּגעהאַקט — אַזאַ ווי דו ביסט סיי ווי נישט באַגלייבט... פּראַנקס לייט און אַ שבועה... אייגנטלעך, זאָג מיר, וואָס אַזעלכס האָט אַזאַ יונג ווי דיך געצויגן צו די לייט ? האָסטו די ווערטער מיר צו ענטפערן דערויף ?"

ער האָט אַוועקגעקוקט אָן אַ זייט, דער יונג זאָל זיין פריי צוזאַמענצונעמען זיך, און געוואַרט. ס'האָט געדויערט אַ לענגערע ווײַלע ווי סנדר האָט אַרויסגעשטאַמלט :

„גאָט".

„גאָט ?" — האָט אליעזר איבערגעפרעגט און נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום יונג.

„אין אַ דאָרף, ביים פאַרריכטן זאָטלען, איז דאָרט געוועזן אַ מנין פון די ברידער... ס'איז געווען יאָרצייט נאָך מיין טאַטן עליו־השלום, בין איך צום מנין געגאַנגען זאָגן קדיש... כ'האָב געזען ס'איז נישט אַזאַ מנין און געוואָלט אַוועקגיין. האָט מיך איינער פאַרהאַלטן און געזאָגט, אַז ער וועט מיר אויסטייטשן אַ תּפילה. האָט ער מיר געזאָגט, און זיי האָבן געדאַוונט... ס'האָט מיך גענומען ביים האַרץ, דער טייטש... אַזעלכע ווערטער צום האַרץ... צום ערשטן מאָל אַזעלכע ווערטער ביים זאָגן קדיש נאָך מיין טאַטן... זיי האָבן אַלע געוויינט... איך אויך... כ'האָב געזען גאָט..."

ער איז שטיל געבליבן. אליעזר האָט געוואַרט ווייטער צו הערן. סנדר האָט געשוויגן.

„האָסט געזען גאָט, זאָגסטו ? — האָט ער געקוקט צו אים פון אונטערן שטערן — ווי האָט ער אויסגעזען ?"

ווידער האָט סנדר געשוויגן און דערנאָך געזאָגט נישט דרייסט :

„איך ווייס נישט... אין האַרץ..."

„און אויך איך ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט דיר — האָט אליעזר געזאָגט געלאַסן — וואָס מיינסטו דאַרף איך טאָן מיט דיר און וואָס האָסטו בדעה צו טאָן מיט דיין ווייב ? זי איז דיין ווייב !"

ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. ער איז אַרויס פון דער קיכקאַמער. נעכע האָט געוואַכט הינטער דער טיר, זיצנדיק אויפן דיל ווי אין אבלות. ער איז שיִער אויף איר אַרויפגעטראָטן.

„אויף וועמען וואַרטסטו דאָ ווידער, אויף משיחן ? צינד אָן די לאָמפּן. מען זעט נישט ווו אַ פוס צו שטעלן דאָ ביי מיר אין שטוב".

נעכע האָט זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט :

„האַר־לעבן ?..."

„האַר־לעבן — האָט ער געפרווט נאָכמאַכן איר שטים — דו וועסט מיר ליבער איילן צו ר' וועלוול בעלזער, אין מיין נאָמען, אַז איך בעט אים ער זאָל נישט

פאַרזוימען מטריח צו זיין זיך צו מיר. שוין. באַלד. ער האָט מיר צוגעהאָלפן פאַרקאָכן די גריץ, אַזוי וועט ער מיר העלפן זי אויפעסן".

„אין אַזאַ צייט וועט זי גיין אין שטאָט אַריין?" — האָט זעלדע געפרעגט פון דער ווייטנס.

„איצט! — איז ער באַשטאַנען — ס'וועט איר גאָרנישט פאַרשאַדטן. די שדים קריכן אַרויס פון די לעכער ערשט צו האַלבער נאַכט און איצט איז נאָך גענוג ליכטיק אין דרויסן".

דער טעם פון תשובה

װעלװל בעלזער איז פֿאַרפֿאָרן אין אַ גרויסן שליטן מיט פּלאָזעס װי קלעצער. דער בראָדער באַלעגאָלע האָט געהוקעט אויף די פֿערד, װי זיי װאָלטן אַריין אין אַ זומפּ און זיי פֿוילן זיך אַרויסצוציִען דעם געשפּאַן. „פּררר, פּרנסה־געבער! פּרעסן מיר אָפּ די ביינער, װי איידעמס אויף קעסט, נאָר אַז עס קומט צו אַ קורס איז כאַטש שפּאַן זיך אַליין איַין אין שליטן!״ — האָט ער געשריגן צו זיי. סך־הכּל האָבן די פֿערד געטראָגן דעם שליטן װי קאָשעצן. כּהרף־עין דורכגעלאָפֿן דעם װעג פֿונעם רינגפּלאַץ צום הויז פֿונעם דאָקטער. מסתּמא האָבן זיי זיך פֿאַרנומען צו יאָגן אויף װײַטע מײלן אויסערן שטאָט. האָבן זיי נישט געװאָלט איינשטיין נעבן דאָקטערס הויז, געריסן דעם שניי. װעלװל בעלזער, אַן אויפֿגעלייגטער פֿון דעם אומגעריכטן שפּאַציר אונטער די דינע און שטילע שניי־פֿליטערלעך, װאָס האָבן נישט אויפֿגעהערט פֿאַלן פֿון הימל, האָט געזאָגט צום באַלעגאָלע, אַז ער האָט נישט קיין טענות, הלמאי ער האָט זיינע פֿערד נישט אָנגעטאָן די גלעקעלעך, װאָרום די מויד האָט אים אויפֿן װעג אָנגעקלונגען מיט איר געװיין פֿולע אויערן. דער באַלעגאָלע האָט זיך געגרייט איינדעקן די פֿערד און װאַרטן אויף ר׳ װעלװלען, נאָר װעלװל האָט אים אָפּגעשיקט אַהיים, ער זאָל קומען אים נעמען נאָך מעריב.

אין הויז פֿונעם דאָקטער איז װעלװל אַריין אַ ברייטער, אַ פֿריצישער, און נאָך איידער ער האָט אויסגעטאָן דעם גרויסן סוחרישן שאָפּנפּעלץ, האָט ער דער־ציילט אַ מעשׂה:

„איידער דער בן־אָדם קומט אויף דער װעלט, גיט אים דער רבונו־של־עולם מיט אַ צידה־לדרך: זעקלעך און קויבערלעך, עס זאָל אים סטייען אויף אַ גאַנץ לעבן. אַזוי גיט ער פֿון זיין שפּייכלער מכּל המינים און מיט אַ ברייטער האַנט: פּעקלעך צרות, קויבערס שׂמחות, קאַרבן אַנשיקענישן, אויסטערלישקייטן, װי דער שטייגער װאָס אַלץ ער קען געבן. ער קוקט נישט װאָס איינעם עס פּאַסט, נישט געשטראָפֿט זאָל איך װערן פֿאַר די רייד. גיט ער איינעם אַ קויבער עם־הארצות און אַ זעקעלע עשירות; אַ צװייטן — פֿאַרקערט, אַ קאַרב חכמה, אַ פּעקעלע דעת און אַ פּאַס דחקות. האַלט זיך דערמיט און קיי שטרוי. אַז ס׳איז געקומען צו װעלװל הנקרא בעלזער, האָט ער אים צו אַלע קויבערס און קאַרבן מיטגעגעבן אַ װאַזשנע מתּנה: צער גדול בנים, נאָר בעוונותינו הרבים האָט ער די מתּנה געגעבן נאָר אין דער העלפֿט — דעם צער גדול האָט ער אים געגעבן, נאָר די בנים אַליין האָט ער פֿאַרפֿעלט צו געבן... איז װאָס זשע דאָ װייטער מיט דער מויד, װאָס בלויז צער האָב איך פֿון איר?״

ערשט איצט האָט ער אויסגעטאָן דעם שאָפּנפּעלץ און געריבן איין האַנט אָן דער צווייטער:

„אַ הייס גלעזל לאַקרעץ וואָלט מיר פון דעסטוועגן צוגעגעבן חיות" — האָט ער געזאָגט נישט קוקנדיק אויף זעלדען.

נאָך מעריב האָט וועלוול געמוזט נאָך אַ מאָל צוריקשיקן דעם באַלעגאָלע מיט דעם שליטן אין שטאָט אַריין. די חקירה פון סנדרן און נעכטן איז אַריין אין אַ פּלאָנטער. סנדר יתום האָט געשווירן ביי זיינע טויטע טאַטע־מאַמע, אַז העכער אַ יאָר צייט האָט ער נישט געזען זיין ווייב, נאָר צוויי מאָל איז ער יאָ געקומען צו איר — אין חלום. אויך נעכע האָט געשווירן ביי אירע טויטע טאַטע־מאַמע, אַז סנדר איז יאָ געקומען צו איר. נישט אין חלום, נאָר אויף דער וואָר איז ער געקומען צו איר. זי האָט אָפּגעמשלט ווי אַזוי ער פלעגט צו איר קלעטערן דורכן פענצטער דורך דער האָלץ־סטערטע, כּדי נישט צו וועקן די האַרן, און איידער די הענער האָבן געקרייט אויף טאָג, פלעגט ער נעלם ווערן. דערום האָט זי אַפילו זיין פּרצוף נישט געזען — נישט ווען ער איז געקומען צו איר און נישט ווען ער איז אַוועק פון איר.

אין אירע ווערטער האָט זיך אָנגעכאַפּט אליעזר. דאָס וואָס סנדר האָט אין דער פריערדיקער חקירה דערמאָנט דעם נאָמען פון אפרים דעם גאַרבערס, האָט ביי אליעזרן אַרויסגערופן אַ חשד.

„צי האָסטו גערעדט מיט דיין מאַן ווען ער פלעגט קומען צו דיר?" — האָט ער געוואָלט וויסן.

„כ'קען נישט געדענקען — האָט נעכע געזאָגט אַ צעפּלאָמטע — ס'איז געווען מער ווי מיט אַ האַלב יאָר צוריק.

„וועגן וואָס רעדט זיך דאָ?" — האָט וועלוול אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויפן דאָקטער.

אליעזר האָט זיין פריינד אַוועקגערופן אָן אַ זייט און אים דערציילט זיין חשד. פלוצים האָט זעלדע אויסגערופן:

„עפּעס פּלאָנטערט מיר זיך אין קאָפּ. ווי פון אַ חלום דערמאָנט זיך מיר. באַלד... אַ מאָל, עס קען זיין אַ האַלב יאָר צוריק און עס קען זיין מער, זענען אין אַן אָוונט געקומען צוויי יונגע מאַנצבילן. זיי האָבן דערמאָנט סנדרן... איך וואָלט געשווירן..."

„שווער נישט אַזוי לאַנג ווי דו ווייסט נישט אויף זיכער" — האָט אליעזר איבערגעריסן אירע ווערטער.

„צעמיש מיך נישט, מיין מאַן — האָט זעלדע געזאָגט מיט היץ — דו ביסט גראָד דעמאָלט, ס'איז זיכער געווען אין אָוונט, נישט געווען אין דער היים. און דו געדענקסט גאָרנישט?!" — האָט זי זיך פלוצים געווענדט צו נעכען.

„האַרינטע, איך דערמאָן זיך! — האָט די מויד אויסגערופן אַ פאַרפּלאָנטע — צוויי זענען זיי געווען. ווי איצט געדענק איך... איידער זיי זענען געקומען האָט עמעצער אַוועקגערופן דעם האַר אין שטאָט אַריין".

„דאַכט זיך מיר, מיר זענען אויף אַ דרך" — האָט אליעזר געזאָגט מיט יוגנטלעכער פרייִלעכקייט און מיט דער האַנט אַנגעוויזן אויף סנדרן און אויף נעכען: „אייך דאַרף איך איצט נישט דאָ. אַז איך וועל אייך דאַרפן, וועל איך אייך אַריינרופן".

אַז די צוויי האָבן זיך אַרויסגעשאַרט האָט אליעזר געזאָגט:

„זעט מיר אויס, אַז אויסער צער גדול בנים איז אויך פאַראַן אַזאַ זאַך ווי צער גדול שפחות. ס'קען אַוודאי זיין, אַז די מויד איז נכשל געוואָרן. עמעצער אַנדערש איז דעמאָלט געקראָכן צו איר דורכן פענצטער און זי האָט געמיינט, אַז דאָס קומט צו איר איר מאַן. ער זאָגט דעם אמת. טאָמער וואָלט ער געווען אַ פאַרדאָרבענער, וואָלט ער אין אַזעלכע שנייען און פרעסט נישט געקומען פון טשענסטאָכאָוו פרעגן, צי זי וויל אַ גט. דאָס האַרץ האָט אים נישט געלאָזט זי איבערצולאָזן אַן עגונה. קיינער וואָלט אים אַהער נישט געבראַכט מיט כּוח, טאָמער וואָלט ער אַליין נישט געקומען".

„ווי האָט איר געזאָגט, ר' אליעזר? איר האָט געזאָגט, אַז אייך דאַכט זיך, אַז מיר זענען אויף אַ דרך. און מיר דאַכט זיך, אַז מיר קריכן אַריין אין אַ זומפּ. צי מאָלט איר זיך וואָס דאָ טוט זיך? אויב מיר נעמען אָן, אַז דער תּכשיט איז דאָ נישט געווען מער ווי אַ יאָר, צי אַ יאָר, צי ווייס איך וויפל, טראָגט די מויד פון אַ פרעמדן און דעמאָלט טראָגט זי אַ ממזר. טראָגן אַ ממזר און זיין אַ ווייב פון איינעם פון יעקב פראַנקס כּת איז אַן אומגליק, וואָס קלעפּט זיך אויף צו אונדז, מיין פריינד. דער באַלעגאָלע האָט דעם תּכשיט דאָ געזען און אַ באַלעגאָלע האָט אַן אָפן מויל נישט נאָר צו זיינע פערד. טאָמער וועט ער פאַר עמעצן אויספּלאַפּלען און אָנפּלאַפּלען, וועלן מיר זיך אַפילו אין דער שוויצבאָד נישט אָפּוואַשן פון דעם אַלעמען".

„איך וועל עס פאַרמיידן!" — האָט אליעזר אַ קלאַפּ געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט.

„זי זאָל נישט אויסטראָגן אַ ממזר, אָדער ער זאָל נישט זיין אין דער כּת, אָדער ביידע זאַכן אין איינעם?" — האָט וועלוול געוואָלט וויסן.

„דער עיקר איז דאָ, ער זאָל ווערן אַ בעל־תּשובה און זיך דערווייטערן פון דער כּת" — האָט אליעזר אויפגעהויבן אַ פינגער ווי אַ באַווייז ווי וויכטיק דאָס איז.

„און וואָס וועט זיין מיט דעם ממזר?" — האָט זעלדע פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט.

„אָט דאָס איז דער עיקר!" — האָט וועלוול צוגעגעבן.

„ער מוז גלויבן, אַז זי שוואַנגערט פון אים! — האָט אליעזר ווייטער גע־קלאַפּט מיט אַ פויסט פון איין האַנט אין דער האַנטפלאַך פון דער צווייטער האַנט — אויב נישט, וועט זי זאָגן, אַז אַ גוי האָט זי מאנס געווען. זי וועט נישט זאָגן ליגנט. אַ מומר איז אויך אַ גוי".

„און וואָס איז מיט דעם פּסוק ,יהודי אף על פי שחטא'?" — האָט וועלוול

בעליזער געזאָגט אין אַן אָטעם ממשיך צו זיין ווייטער און זיין פריינד האָט אים פאַרהאַלטן:

„די פסוקים פירן מער צום גיהנום ווי צום גן־עדן. לאָזט איבער די פסוקים פאַר די רבנים. זיי זענען זייער פרנסה. עס גייט אין מענטשלעכע לעבנס! ר׳ וועלוול, איר ווייסט וואָס עס מיינט פאַר אַ ייִדיש ווייב געבוירן אַ ממזר? האָדעוועון אַ ממזר? וויסן פון פאָרויס אַז ער געהערט נישט צו קיין שום עדה, פאַרשטויסן פון דער ייִדישער עדה און געהערט נישט אויך צו דער קריסטלעכער וועלט?״

„ר׳ אליעזר, ווייסט איר וואָס פאַר אַ משׂא כבדה איר נעמט אויף זיך?״ — האָט וועלוול באַוווּנדערט די פעסטקייט, מיט וועלכער זיין פריינד רעדט.

„אָדער איך וועל זיי העלפן, אָדער איך וועל זיי ביידע אַרויסטרייבן פון מיין הויז ווי מצורעים!״ — האָט אליעזר געזאָגט מיטן זעלבן אימפעט וואָס פריִער. מיטגעריסן מיט דעם אימפעט האָט זיך וועלוול אָפּגערופן אין דער ריכטונג פון זעלדען:

„אַ דאָקטער האָט פאַר יעדנס חולאת אַ וואַסערל. און גיי זאָג אים, אַז עס וועט נישט העלפן״.

„ס׳העלפט! — האָט אליעזר אויסגערופן — דער קראַנקער דאַרף נאָר העלפן דעם דאָקטער און אויסהאַלטן״.

ער האָט אַריינגערופן סנדרן און אים געזאָגט מיט דער שטרענגקייט ווי ער וואָלט געווען אַ שופט:

„ענטפער מיר דאָ גלייך, צי ביסטו נאָך אַ ייִד? צי ביסטו גרייט צו נעמען אויף זיך די שטראָף וואָס דיר קומט און ווערן אַ חוזר בתשובה? אָדער זאָל איך דיך איבערגעבן אין די הענט פון קהל? האָסטו אַלץ פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געפרעגט, אָדער איך זאָל דיר דאָ אַלץ איבערחזרן, ס׳זאָל דיר אַריין אין מוח?״

נעכע איז געשטאַנען אויף דער שוועל צווישן דער קיכקאַמער און דער סאַליע און זיך געקניפּט די באַקן. ס׳איז געוואָרן שטיל, אַ געדיכטע שטילקייט אין אַ גוט אָנגעהייצטער שטוב. סנדר איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט דער האַנט געווישט דאָס פּנים. וועלוול האָט פאַרשטאַנען וואָס דעם יונג מאַטערט און ער האָט געזאָגט שטיל:

„פון אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ געהערט פון דיר און פון דיין ווייב און פון דעם וואָס מיר דאָ אַלע ווייסן, דרינגט אַרויס, אַז איר ביידע זענט אַ כשר פאַרפאַלק. אַפילו ווען דו טענהסט, אַז דו ביסט צו איר נישט געקומען מער פון אַ יאָר — איז דיין טענה פּסול. לויט דער תורה מוז אַ מאַן קומען צו זיין ווייב אין איר צייט, ווי ער וואָלט איר שולדיק געווען אַ חוב. אַז דו וועסט ווערן אַ גוטער ייִד, אַ חוזר בתשובה און לעבן מיט דיין ווייב, וועט דיר גוט זיין. זי וועט דיר געבוירן אַ סך קינדער. און מיר וועלן זיך איינשטעלן פאַר דיר ביי קהל די שטראָף זאָל זיין אַ קליינע״.

סנדר איז אָפּגעגאַנגען אין שוויס. ער האָט אַרויפגערוקט די קוטשמע אויפן שפּיץ קאָפּ און זי איז אים צוריק אַראָפּגעפאַלן צו די אויגן. דער שוויס אויפן

האַלדז האָט אים געקיצלט און ער האָט זיך געשעמט צו קראַצן. האָט ער גערדייט מיטן קאָפּ דאָ אַהין און דאָ אַהער און קיין עצה נישט געפונען. ער האָט געשוויגן.

זעלדע האָט אים געוואָלט העלפן:

„אַ מענטש טוט אָפּ נאַרישקייטן. ליגט ער אין די נאַרישקייטן ווי אַ וואָרעם ליגט אין רעטעך. ווילן גוטע לייט דיר העלפן און דו הערסט נישט זייערע עצות".

סנדר האָט אויפגעהויבן די אויגן צו זעלדען. און ווי אירע שטילע ווערטער וואָלטן דורכגעהאַקט זיין טעמפּקייט, האָט ער זיך אָפּגערופן:

„איך וויל תשובה טאָן".

„מזל־טוב! מזל־טוב! — האָט וועלוול בעלזער אויסגערופן און אויסגעצויגן די הענט פאַר זיך, ווי ער וואָלט זיך געגרייט טאָן עפּעס גאָר וויכטיקס — כל המציל נפש אחת בישראל כאילו הציל עולם מלא!"

✶

דעם דאָנערשטיק פון דער צווייטער וואָך, ווי דאָס אַלץ איז געשען, איז אין דער אַלטער קלויז אין בראָד צו שטאַנד געקומען דער פּסק פון מלקות פון דעם עונש, וואָס דער רב ר׳ יונתן האָט געפּסקנט אויף סנדר בן שׂרה לאה, הנקרא דער זאָטלמאַכער הנקרא דער יתום. און דער עונש איז: איין מאָל זאָל ער באַקומען מלקות בפרהסיא, במשך פון אַ האַלב יאָר זאָל ער פאַסטן תעניתים אין די מאָנטיקס און דאָנערשטיקס, יעדן טאָג זאָל ער זאָגן דריי ימים תהילים און אין די טעג פון זיינע תעניתים זאָל ער אָנטראָגן וואַסער אין די פעסער פון די קלויזן און אין דער האָנטפאַס פון דער שול.

באַלד באַגינען פון דעם דאָנערשטיק, צום ערשטן מנין, איז אָנגעלאָפן אין קלויז דער דיין ר׳ נחמן הכהן, אַ רויטער, אַ צעקאָכטער, ווי עס וואָלט געהאַלטן ער זאָל עפּעס גאָר וויכטיקס פאַרשפּעטיקן. איינגעקוועטשט אין אַ ווינקל אויפן דיל איז געזעסן סנדר יתום. ער איז געווען נאָך אַ וואַכנאַכט, אויסגעבלייכט און אַ צעשראָקענער. דער דיין, מיט זיינע גרויסע אומגעלומפּערטע הענט און פיס, האָט געאײַלט צו סנדרן מיט אַ האַסט, ווי ער וואָלט שוין געגאַנגען געבן אים די מלקות. פאָנפעדיק האָט ער אים געוואָרנט:

„נהיינט נאיז נדיין נתענית. נזאָלסט נמיר נקיין נטראָפּן נוואַסער נישט נעמען אין נמויל נאַריין!"

מיט אימפּעט האָט זיך געעפנט די טיר און איינער נאָכן אַנדערן זענען אַריין די פרנסים יואלטשע און זימל. יואלטשע האָט געגישטערט מיט זיינע לויפנדיקע אויגן, געזוכט דעם, וואָס אָט באַלד וועט מען אים שמייסן און ער דאַרף זען, צי ער האָט זיך שוין צוגעגרייט, דער בעל־דבר. זימל פרנס האָט מיט גרויס כבוד פאַר זיך אַליין געהאַלטן די הענט אויף זיין באַלעם־בויך און פאַרריסן דעם קאָפּ צו דער סטעליע. ער איז געווען זיכער, אַז דער בעל־דבר וועט נישט אַוועקקומען. פון די הענט פון בראָדער קהל, איז ער זיכער, קומט מען נישט אַוועק. אויסער דעם

האָט ער אין בוזעם, הינטער דעם שווערן בגד, געהאַלטן די צוויי ראַפּניקעס געפּלאַכטענע פון שמאָלע פּאַסן און אַן זיי וועט דאָ גאָרנישט זיין.

„ער איז דאָ?!" — האָט יואלטשע געפרעגט מיט אַ הויך קול.

„ר'איז דאָ, ר'איז דאָ!" — האָט ר' נחמן הכהן געענטפערט און געלאָפן צו דער האַנטפאַס אָפּצוגיסן די נעגל.

כאָטש אין קלויז זענען געווען מער פון דרײַ מנינים יידן, וואָס געוויינטלעך זענען אַזוי פיל נישטאָ ביים ערשטן מנין, האָט זיך יואלטשע געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער צו ציילן: „נישט-איינס, נישט-צוויי, נישט-דרײַ", כדי צו זיין אין גאַנצן זיכער, צי מען קען זיך שוין נעמען צו די מלקות בפני אַ מנין יידן, ס'זאָל די שטראָף זיין בפרהסיא, וועדליק דעם פּסק פונעם רב ר' יונתן.

„נו, נו!" — האָט ער אונטערגעאײַלט.

„קודם שחרית" — האָט זימל געזאָגט און יואלטשע האָט אַ שפּרונג געטאָן פון כּעס.

דער דיין ר' נחמן הכהן וואָלט דעם זימלען צעריסן ווי אַ פיש. וואָס עמעצער זאָגט יאָ, זאָגט ער — נישט. סך-הכּל איז ער אַן עם-הארץ און ער איז פּרנס פון וועגן דער חזקה וואָס ער האָט נאָך זיין שווער דעם גביר, וואָס איז געשטאָרבן פון אַן אַפּאָפּלעקסיע ביים אויסדינגען די ברויערײַ פון דעם טולטשינער פּריץ. כדי זימל זאָל נישט זען ווי ער איז אויפגעבראַכט אויף אים, איז ר' נחמן צוגעלאָפן צום עמוד, אַ קלאַפּ געטאָן און אָנגעהויבן תפילת שחרית.

זימל מיטן באַלעם-בויך האָט זיך געהויבן פון רוגזה און אָנווייזנדיק אין דער ריכטונג פונעם בעל-תפילה ביים עמוד, געפרעגט נאָך העכער:

„נו, מה, הע, ווו שטעלט זיך אַ יאַריד?"

„ר' זימל, מען דאַרף מקיים פּסק זיין!" — האָט ר' נחמן געגרימט.

„עבודת הבורא איז קודמער פון אַלץ!" — האָט זימל אַנטקעגנגעשריגן און פאַרבעסערט די רצועה פון „של יד" אויף די פינגער. פאַר אים זענען אויפן שולחן געלעגן די צוויי ראַפּניקעס, ווי שוואַרצע איינגעדרעמלטע שלאַנגען. זימל האָט פון זיי הנאה געהאַט. ער וועט זיי אַרויסלאָזן פון זיינע הענט ווען ער וועט וועלן. זאָל דער רויטער כּהן לויפן און אַרויסיאָגן פון זיך ס'חיות. ער, זימל, וועט מקיים פּסק זיין ווען ער וועט האַלטן פאַר נייטיק.

יואלטשע האָט דאַווענענדיק נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון סנדר יתום. אַ נעבעכדיקער איז סנדר געשטאַנען ביים פענצטער און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי דער „של ראש" וואָלט אים שווער געווען. פון די פענצטערלעך פון דער עזרת-נשים האָבן אַרייַנגעקוקט נישטערנדיקע אויגן, איין פאַר אויגן איבער דער צווייטער און איין פאַר אויגן אונטער דער צווייטער.

ר' נחמן הכהן האָט אַפילו נישט געוואַרט אַ יתום זאָל אָפּזאָגן קדיש. ער האָט באַצייטנס אַראָפּגענומען די תפילין און זעענדיק דאָס האָט יואלטשע אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן: „ששא, יידן!"

יאָסל דער שמש, אַ געפּרווירענער, אַן איינגעבויגענער איז אַריין אין קלויז

מיט אַ קרעכץ, ווי ער וואָלט פאַרשפּעטיקט אַ גרויסע מצווה. שלעפּנדיק זיינע פּיס האָט ער מיטגעשלעפּט אַ באַנק וואָס איז געשטאַנען נעבן שולחן, די באַנק האָט זיך איבערגעדרייט און אַרויפגעפאַלן אויף יואַלטשעס פּיס. „ווער אויסגעריסן!" — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון יואַלטשעס מויל און דער שמש האָט זיך איינגעשרומפּן ווי דעם ווייטיק וואָלט ער געפילט און נישט יואַלטשע. יאָסל האָט אויפגעהויבן די באַנק און זי אָוועקגעשטעלט ווייטער אין מיטן פון קלויז און צו איר צוגערוקט נאָך אַ באַנק. מיט די אַלטע אויגן האָט ער זיך אַרומגעקוקט, געזוכט סנדרן און אים נישט געזען.

„ווו איז ער, דער־דאָס, דער סנדר יתום?"

„ז'דאָ, ז'דאָ! — האָבן עטלעכע לייט אים געהאָלפן — דאָרט, ביים פענצטער".

סנדר האָט שוין געהאַט איינגעוויקלט די תּפילין און ער האָט געוואָרט עמעצער זאָל אים רופן. יאָסל דער שמש האָט אים אויסגעלייזט פון וואַרטעניש. די ווייבער־שע אויגן האָבן נאָכגעקוקט פון די פענצטערלעך ווי יאָסל פירט דעם יתום ביים אָרבל און פירט אים צו צו די צוויי צונויפגערוקטע בענק. פון דער צווייטער זייט פון די בענק איז געשטאַנען דער דיין ר' נחמן הכהן און ער האָט מכריז געווען אַזוי:

„סנדר בן שׂרה לאה, לאָז נאָך דעם גאַרטל, פאַרקאַטשע דעם טיזליק און לאָז אַראָפּ די פּלודערן! ווייסט פאַר וואָס דו באַקומסט מלקות?"

סנדר האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער ווייסט, און איידער וואָס־ווען האָט אים יואַלטשע אַ שטופּ געטאָן און ער איז געפאַלן אויף די צוזאַמענגערוקטע בענק. יואַלטשע האָט נישט געהאַט קיין צייט. ער האָט אָנגעהויבן רייסן פונעם יונג די פּלודערן. זימל האָט געהאַלטן אין בײדע הענט די ראַפּניקעס און אַ נישט־געזעענע האַנט האָט געפּרוווט אַרויסרייסן איינעם. יאָסל דער שמש האָט געזען וואָס עס גייט ווערן, האָט ער אויסגעשריגן ווי הויך די כּוחות האָבן אים נאָר געלאָזט:

„די מצווה איז מיינע!"

„וואָס איז ס'כאַפּעניש?!" — האָט זימל געפרעגט קאַלטבלוטיק, ווי אַלץ וואָס עס געשעט וואָלט אים נישט אָנגערירט. ער האָט נאָר אַ שאַרפן קוק געטאָן צו דעם, וואָס האָט געוואָלט כאַפּן אַ ראַפּניק און יענער האָט זיך איינגעשרומפּן.

„ר' זימל, ר' זימל, איך האָב אַ חזקה" — האָט יאָסל געבעטן ביים פּרנס און זיך צוגעשטופּט נעענטער, נישט אַראָפּלאָזנדיק די מידע אויגן פון די לעדער־פּלעכטן.

יואַלטשע איז שוין געהאַט פאַרטיק געוואָרן מיט סנדרס פּלודערן און אַ צעהיצטער, מיט צערייצטע אויגן פון אַ צעיושעטן אָקס האָט ער אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו זימלען:

„גיט מיר! דערלאַנגט מיר!" — האָט ער פון איבערנעמערישקייט געזאָגט מיט אַ הייזעריק קול.

זימל איז נישט נתפּעל געוואָרן פון יואַלטשעס צעקאָכעניש. אַראָפּלאָזנדיק

אין האַנט מיט אַ ראַפּניק, ווי אַ צייכן, אַז דער געהערט אים, האָט ער די צווייטע האַנט מיט אַ ראַפּניק אויסגעשטרעקט צו יאָסל שמש:

„ער האָט אַ חזקה".

יאָסל האָט געכאַפּט דעם ראַפּניק, פּונקט אַזוי ווי ער כאַפּט סוכות־צייט דעם קהלשן לולב און זיך אויסגעדרייט צו די בענק. יואלטשע האָט מתּוך כּעס נאָך מער אָפּגעדעקט סנדרס לײַב. דאָס לײַב איז געווען בלייך ווי פון אַ טויטן.

„אויף וואָס וואַרט איר?!" — האָט אויסגערופן דער דיין ר' נחמן.

זימל האָט זיך מכין געווען און אויפהייבנדיק די האַנט, האָט ער זי אַראָפּגע־לאָזן מיט דעם ראַפּניק מיט אַ נאָכקרעכץ, ווי ער וואָלט מיט אַ האַק אַריינגעהאַקט אין האָלץ. דעם צווייטן שמיץ האָט געגעבן יאָסל דער שמש מיט אַ נאָכקרעכץ, ווי די כּוחות וואָלטן אים פאַרלאָזן. סנדר האָט געשוויגן. נחמן הכּהן האָט געציילט: „איינס... צוויי... דרײַ... פיר..." נאָכן פערטן שמיץ האָט סנדרס גוף אָנגעהויבן אונטערשפּרינגען פון ווייטיק. זימלס שמיץ זענען געווען שניידיקע, טיפע. יואלטשע איז אים מקנא געווען, ווי ער, זימל, וואָלט געטאָן אַ הייליקע עבודה. דערפאַר האָט ער מיט דעם זעלבן הייזעריקן קול, ווי פריִער, אויסגערופן צום שמש:

„יאָסל, דאָ איז נישט קיין מרחץ! ס'זענען מלקות!"

אָבער יאָסל האָט נישט געהאַט די כּוחות פון זימלען, ער זאָל זיך אַריינהאַקן אין סנדרס לײַב און ס'האַרץ האָט אים אויך נישט געלאָזט. אַ מצווה דאַרף מען מקיים זיין בכוונה, אָבער אָוועקהרגענען טאָר מען זיך נישט. האָט יואלטשען געפּלאַצט ס'געדולד און מיט כּוח האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם ראַפּניק פון יאָסלס הענט און מיט אַ באַוועגונג וואָס עס מאַכט אַ באַלעגאָלע מיט דער בייטש אום אַרויסצובאַקומען אַ פײַף, האָט ער אַ שניט געטאָן אין סנדרס לײַב. אַ רויטע בייטש איז געבליבן ליגן צווישן די שוואַכערע צייכנס אויפן לײַב. אַ צווייטער שניט און סנדר האָט אַ געשריי געטאָן נישט מיט זיין קול: „מאַמע!" די אויגן פון דער עזרת־נשים זענען געוואָרן מער און מער צעשראָקענע, פאַרלוירענע. יואלטשע האָט געשניטן סנדרס לײַב און זימל האָט געפּרוווט נאָכמאַכן זיין אימפּעט. דער דיין ר' נחמן האָט געציילט: „פערצן... פופצן... זעכצן... זיבעצן". סנדר האָט געריטשעט: „מאַמע, ראַטעווע מיך! מ־אַ־אַ־מע! מ־אַ־אַ־אַ־מע!" און זיין גאַנצער גוף האָט געצאַפּלט און געפלאַטערט. אַרומיקע לייט האָבן אים צוגעהאַלטן ביים קאָפּ און ביי די פיס, אָבער דער טרייסל פון צווייטיקטן לײַב איז געווען שטאַרקער.

„צוואַנציק! — האָט אויסגערופן ר' נחמן — תּם ונשלם!"

זימל און יואלטשע האָבן מיט די אַרבל געווישט דעם שוויס פון זייערע שטערנס און שווער געדעכעט. סנדרס גוף האָט געכליפּעט מיט שטילן געיאָמער. די צעבייטשטע צייכנס, ווי בלוטיקע שניטן אין לעבעדיקן לײַב, האָבן געציטערט. יאָסל דער שמש איז צוגעגאַנגען און מיט שוואַכע ציטערנדיקע הענט געלאָזן פאַרדעקט מיט די פּלודערן דאָס צעשניטענע לײַב.

אין דער עזרת־נשים האָבן ווייבער געכליפּעט, ווי עס האָט געכליפּעט סנדרס לײַב.

נעכע ווערט געהאָלפֿן

אויף אָפּצוהיטן, סנדר יתום זאָל מקיים זיין אַלץ, וואָס דער רב האָט געפּסקנט ווי אַן עונש, איז ער געשלאָפֿן און געטאָגט אין דער אַלטער קלויז. באַגינען, ווען ס'איז זיך צוזאַמענגעקומען דער ערשטער מנין, איז שוין סנדר געזעסן ביים טיש און געזאָגט תּהילים — פֿון זיינע דריַי ימים תּהילים יעדן טאָג.

וואָכן האָט ער וואָס אַן אמת נישט געקענט זיצן פֿון וועגן די מלקות אין געזעס. איז ער געזעסן אויף די פּויסטן פֿון זיינע הענט, מיט וועלכע ער האָט אונטערגעשפּאַרט די אויבערשענקלען און זיך געשאָקלט און געזאָגט תּהילים מיט אַ וויינענדיקן ניגון, ווי ער וואָלט געזאָגט סליחות. אין זיינע תּעניתים־טעג, אין די מאָנטיקס און דאָנערשטיקס, האָט ער זיך געפּעדערט און ווען יאָסל דער שמש איז אַריינגעקומען אין קלויז זיך אָנוואַרעמען נאָכן וועקן צו עבודת הבורא, האָט ער שוין געטראָפֿן סנדרן אין די תּפֿילין. און געפּעדערט האָט ער זיך כּדי אָנצוהייבן טראָגן די צעבערס וואַסער אין שול און אין די קלויזן וואָס פֿריִער, ווען ס'האָבן אים נאָך געסטייעט די כּוחות. וואָרעם שפּעטער־צו, אין טאָג אַריין, האָט אים דער הונגער גענאָגט אונטערן האַרץ און די כּוחות האָבן אים פֿאַרלאָזט. ער האָט קוים געקענט טראָגן די צוויי ליידיקע צעבערס מיט די שווערע רייפֿן.

אויך אין די געוויינטלעכע טעג פֿון דער וואָך האָט סנדר געפֿאַסט האַלבע תּעניתים. אַ מאָל פֿלעגט נעכע אַריינשטעקן דעם קאָפּ אין דער אָפֿענער טיר פֿון דער קלויז און אַז ער איז געווען האָט זי אים אָפּגעשטעקט אַ קויבערל מיט עסן וואָס זי האָט פֿאַר אים אָנגעזאַמלט דורכן טאָג. זי האָט געוואָלט רעדן צו אים, נאָר פֿון וועגן דער הייליקייט פֿון דער קלויז האָט זי געמאַכט מיט די ליפּן און געפֿאָכעט מיט די הענט, ער זאָל אַרויסגיין צו איר אין דרויסן. ער, סנדר, האָט צוגענומען דאָס קויבערל און זי געלאָזט שטיין פֿון יענער זייט טיר. דער שטאַרקער פֿראָסט אין דרויסן און די תּעניתים האָבן פֿון אים אַוועקגענומען די כּוחות און ער האָט רק געוואָלט שוויגן. נעכע איז נישט געווען אין כּעס אויף אים, כאָטש אויפֿן האַרצן האָט זיך איר אָנגעקליבן אַ גאַנצער באַרג. זי האָט צו מאָל געהאַט אויף אים רחמנות. זאָל ער נאָר נישט קראַנק ווערן. זאָל זי נאָר אויסגעלייזט ווערן און ווען ער וועט זיין מיט איר, וועט זי זיך מיט אים אָפּרעכענען פֿאַר אַלע צייטן.

אין איינעם פֿון די וואָכן פֿון סנדר יתומס תּשובה טאָן האָט נעכע אויפֿגעהערט קומען צו אים. די האַלבע תּעניתים אין די געוויינטלעכע טעג פֿון דער וואָך זענען געוואָרן גאַנצע תּעניתים. סנדר האָט געהונגערט. האָט ער אָנגעהויבן טראָגן וואַסער צו לייטן און געוואַרט מען זאָל אים מכבד זיין מיט אַ טעלער גריץ, צי מיט אַ

שטיקל ברויט. אין איינעם אַזאַ טאָג, ס'איז געווען אַן אַדליגע און די זון האָט גע־שמעקט מיט דעם ריח פון ערב פסח, האָט יאָסל שמש אָפּגעשטעלט סנדרן אין גאַס און אים געזאָגט אַזוי:

„איך בין נאָר וואָס געווען ביים רב און אויסגעפּועלט, אַז מאָרגן, דאָנערשטיק איבער דער וועלט, זאָלסטו נישט פאַסטן. מזל־טוב דיר, ס'איז דער ברית פון דיין זון".

סנדר האָט זיך איינגעבויגן, אָפּגעטשעפּעט די שווערע צעבערס פון די האָקנס און האַלטנדיק די ליידיקע קרעמישלעס געוואַרט אויף עפּעס און געקוקט אויפן שמש. יאָסל דער שמש האָט אויך געוואַרט אויף עפּעס און אַז ער האָט זיך נישט דערוואַרט, האָט ער צום סוף געזאָגט:

„וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? אַז איך זאָג דיר מזל־טוב, פאַרשטייסטו נישט וואָס איך רעד צו דיר? מאָרגן, אין קלויז, וועט זיין דער ברית".

„מיין נעכע איז געלעגן געוואָרן?" — האָט סנדר געפרעגט און ס'איז אים קלאָר געוואָרן פאַר וואָס זי האָט זיך די גאַנצע וואָך נישט געוויזן מיט איר קויבערל.

„אוי־ווי אין וואָס פאַר אַ צייטן מיר לעבן נעבעך! — האָט יאָסל שמש אויס־געקרעכצט אויף אַ קול — דעם טאַטן דאַרף מען מבשׂר זיין פון וועגן דעם ברית פון אַ זון".

סנדר האָט זיך איינגעבויגן, אַרויפגענומען די עמערס אויף די האָקנס פון די קרעמישלעס און מיט שוואַכע כּוחות זיך אַוועקגעשלעפּט צום ברונעם.

ווי ר' נחמן הכּהן, דער דיין, האָט זיך געקוואַפּעט אויף דער מצווה זיך מתעסק צו זיין ביים געבן מלקות סנדרן, אַזוי האָט ער זיך אויך געקוואַפּעט אויף דער מצווה צו זיין ביים ברית פון דעם זון פון דעם בעל־תּשובה. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ זוניקער. האָט ר' נחמן הכּהן אָפּגעוואַרט פאַרן קלויז מען זאָל ברענ־גען דעם בעל־תּשובהס זכר פונעם הויז פון אליעזר דעם דאָקטער. געדאַרפט האָט עס ברענגען יאָסל דער שמש. נאָר מיטן שליטן אויף אַן אַדליגע־שניי איז געקומען אליעזר דער דאָקטער אַליין און יאָסל דער שמש איז געזעסן הינטן און געקרעכצט. דאָס קליינס איז געווען איינגעבערדעוועט צווישן קישנס אַרומגעוויקלטע מיט וויקלשנורן, ווי אַ פּאַק בעטגעוואַנט וואָס מען ראַטעוועט אַרויס פון אַ הויז אין דער צייט פון אַ שׂריפה. דער בעל־עגלה האָט גענומען דעם פּאַק קישנס און אים אַריינגעטראָגן אין קלויז. ר' נחמן, וואָס זיין רויטע באָרד איז אין דער שיַין פון דער יונגער זון געווען נאָך רויטער ווי אַלע מאָל, האָט ביים דערזען דעם דאָקטער זיך אָנגעצונדן. זיין פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער איז אַריין אין קלויז, כּדי נישט צו דאַרפן זאָגן דעם דאָקטער גאָט־העלף, אָדער ענטפערן אויף אַ גאָט־העלף.

די מעשה מיט סנדר יתום האָט ביי קהל איבערגעלאָזט חשדים, וואָס זענען צוליב עפּעס געפאַלן סיי אויפן דאָקטער און סיי אויף וועלוול בעלזער. וואָרום אַ שמועה איז אַרומגעגאַנגען, אַז איידער די גאַנצע זאַך איז אָנגעקומען צו קהל,

האָבן די צוויי אירע זיך פאַרנומען מיט חוקר־ודורש זיין דעם בעל־דבר און דערמיט האָבן זיי משיג גבול געווען. אַזוינע מיני זאַכן געהערן צו קהל, און נאָר קהל איז זיך מתעסק מיט ענינים פון כּפירה און מינות.

ווערליק קהל איז די גאַנצע זאַך גאָרנישט קלאָר און אויך נישט כּדרך הטבע. אײדער װעלװל בעלזער האָט אָפּגעגט זיין װייב, איז דער דאָקטער געװען אַן איינגייער אין זיין הויז. דערנאָך איז דאָס װייב, זעלדע, געװאָרן אַ גרושה און װעלװל איז אַװעק אין דער װעלט אַריין, װאָס פון דעם אַליין איז נאָך נישט קלאָר װוּ ער איז געװען. דערװייל האָט דער דאָקטער חתונה געהאַט מיט דער גרושה, און אַז װעלװל בעלזער האָט צוריקגעקערט אַהיים איז ער אַ גאָר גוטער פריינד מיטן דאָקטער, און גאָר אָפּט איז ער צו גאַסט ביי אים אין הויז הינטער דער שטאָט. אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געהערט געװאָרן, סיידן, װי מען דערציילט, ביי דער כּת פון יעקב פראַנק, װוּ, נישט געדאַכט זאָל עס װערן, עס טוען זיך אָפּ סדום־מעשׂים צווישן נשים און מאַנצבילן רחמנא־ליצלן. ער, דער דיין, ר׳ נחמן הכּהן, האָט דערוועגן לאַנג געשמועסט מיטן רב און ר׳ יונתן איז געווען אין דער זעלבער דעה, אַז דער חשד אויף די צוויי לייט, װעלװל בעלזער און דעם דאָקטער אליעזר, איז טאַקע אַ האַרבער חשד, נאָר איילן זיך טאָר מען נישט. מען דאַרף גוט נאָכקוקן די טריט און שריט פון די צוויי און זען זייער התנהגות. אין איילּיקייט קען מען אָפּטאָן זאַכן, װאָס קענען זיך שפּעטער נישט לאָזן פאַרריכטן. װאָרום דער דאָקטער איז אָנגעזען ביים גראַף פּאָטאָצקי. ער האַלט אים אונטער זיין שוץ, און װעלװל איז נאָך אַלץ אַ גביר און אַן אָנגעזעענער אין שטאָט. טאָר מען די געמיינע לייט נישט געבן קיין פּתחון־פּה.

פאַר ר׳ נחמן הכּהן איז אַלץ געװען קלאָר, און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט: די צוויי לייט זענען חשודים און אַזוי לאַנג װי זיי זענען חשודים זאָגט ער זיי נישט, נישט קיין „גאָט־העלף" און נישט קיין „אָװנט־טוב".

אין דער קלויז האָט גרשון מוהל לאַנג געװאָרעמט די הענט ביים ליימענעם אויװן און זיי געריבן איינע אָן דער אַנדערער. ער האָט פון נעבן אויװן גערופן, נישט װיסנדיק צו װעמען, מען זאָל דעם זכר אַרויסנעמען פון די קישנס. יאָסל דער שמש האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מוהל מיינט אים און ער האָט זיך מיט זיינע שלאַבעריקע הענט געפּאָרעט אין די קישנס און געזוכט, װי דער זכר װאָלט געװען אַ ברעקעלע, װאָס האָט זיך ערגעץ פאַרװאַלגערט און ער קען עס נישט געפינען. „קיין עין־הרע, באַהאַלטן װי אַן אבן־טוב" — האָט ער געבורטשעט אונטער דער נאָז און צום סוף דעם זכר אָפּגעפונען.

„כ׳האָב אים, ער איז דאָ!" — האָט ער מיט פרייד אויסגערופן.

נישט אויפהערנדיק זיך רייבן די הענט איז גרשון מוהל צוגעגאַנגען צום טיש, װוּ ס׳איז געװען אָנגעשטעלט אָרעמער כּיבוד, און אויפן ראַנד איז געלעגן דאָס שיידל מיט דעם מוהל־מעסער. איצט האָט ער זיך שטאַרק געאיילט, געװאָלט װיסן װער ס׳איז סנדק און אײדער ער האָט געהערט דעם נאָמען האָט שוין דאָס עופעלע געקייכט און גרשון האָט געשלונגען די ברכה איבערן װיין.

„השם בישׂראל?! השם בישׂראל?!" — האָט ער געפרעגט און געזוכט דעם פּאַטער פון דעם זכר.

סנדר איז דאָ געשטאַנען הינטער דעם מנין, ווי אַ פרעמדער, מיט די אויגן אַראָפּגעלאָזט צום דיל. די פּעלענע קוטשמע איז אים געווען אויסגעדרייט אויף אַ זייט פון קאָפּ, ווי עמעצער וואָלט זי געוואָרפן צו אים פון דער ווייטנס און נישט אין גאַנצן אַרויפגעטראָפן אויפן קאָפּ. אַ נאָענטער צו אים האָט אים אַ שטורכע געטאָן:

„סנדר, וואָס פאַר אַ נאָמען ווילסטו אַ נאָמען געבן דיין זון?"

סנדר האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן. ער האָט אַריבערגעקוקט איבער די קעפּ פון די וועלכע האָבן אים פאַרשטעלט און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער איז אין אַן אַנדער וועלט.

„ווי האָט געהייסן דיין טאַטע?!" — האָט געפרעגט ר' נחמן הכהן.

אַז פון סנדרן איז נישט געקומען קיין ענטפער, האָט יאָסל שמש אַ פּאָנפע געטאָן אונטער דער נאָז:

„שׂמחה האָט ער געהייסן. שׂמחה! געווינט אינעם יאַטקע־געסל".

גרשון מוהל האָט אויסגערופן דעם נאָמען „שׂמחה בישׂראל" און אַוועק צום טיש צום אָרעמען כיבוד נעמען אַ ליאַמפּקע י"ש צו דערוואַרעמען די ביינער. דאָקטער אליעזר און יאָסל שמש זענען געבליבן, צוריק איינצוויקלען דאָס עופעלע אין דעם פּאַק בעטגעוואַנד און אים אַרומגעוויקלט מיט די וויקלשנורן. סנדר האָט זיך אונטערגערוקט צום טיש טועם צו זיין פון דעם אָרעמען כיבוד, אויף צו שטילן דעם הונגער. דער שמש האָט נישט געקענט געפינען דעם בעל־עגלה, וואָס אליעזר האָט אים געדאַרפט האָבן, ער זאָל אים אַהיימפירן מיט דעם עופעלע, און ער האָט אים לסוף געפונען ווי ער האַלט צווייַ ליאַמפּקעס אָקעוויט, וואָס איינע טרינקט ער און די צווייטע האַלט ער גרייט צו טרינקען.

„ני, ני! — האָט יאָסל געאײַלט — דער זכר איז בילכער".

„איך בין אויך אַ זכר!" — האָט פריילעך געזאָגט דער בעל־עגלה אויס־טרינקענדיק אויך די צווייטע ליאַמפּקע אָקעוויט.

צוריק איז מיט דעם עופעלע אין דעם פּאַק בעטגעוואַנד געפאָרן בלויז אליעזר. דער בעל־עגלה האָט פריילעך געקנאַקט מיט דער בייטש, כאָטש דאָס פערד האָט געטראָגן דעם שליטן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געוויגן. די זון האָט געוואַרעמט, איר ליכטיקייט האָט אַרייַנגעגעבן כוחות. אַ לייכטער, דערוויַיטערטער ריח פון פרילינג האָט אַרויסגעשמעקט פון צווישן דעם זונליכט.

„דאָקטער־לעבן, עס גייט צו פּסח!" — האָט דער בעל־עגלה אויסגערופן פריילעך.

„אַוודאי גייט צו פּסח — האָט אַרטאַפּאַנוס צוגעגעבן — נאָך חנוכה קומט פּורים און נאָך פּורים קומט פּסח".

„איר ווייסט, דאָקטער־לעבן, פּסח איז ביי מיר דער בעסטער יום־טוב. פּסח בין איך אויך אַ מלך!"

„פאַר וואָס נישט? — האָט אליעזר מסכּים געווען — אַז אין פּוילן קען זיין אַ שוועדישער מלך, אַ ליטווישער מלך, צי אַ פּרייסישער מלך, פאַר וואָס זאָל נישט קענען זיין אַ בראָדער מלך?!"

„אָ, אַ דאָקטער איז אַ גוטע זאַך. אַלצדינג ווייסט ער!" — האָט התפּעלותדיק אויסגערופן דער בעל־עגלה און אַ פייַף געטאָן מיט דער בייטש.

דער שליטן איז פאַרפאָרן פאַרן הויז פון אליעזרן. מיט טומל און געפּילדער האָט דער בעל־עגלה אַריינגעטראָגן דעם פּאַק בעטגעוואַנד מיטן עופּעלע גלייך צו נעכען אין דער קאַמער אַריין און אַרויפלייגנדיק דעם פּאַק אויף איר בעט האָט ער געזאָגט:

„באַדיר דייַן יונג, גרשון מוהל האָט אים געשניטן ווי קרויט!"

„זאָל דיר דאָס מויל אויסגעקרומט ווערן!" — האָט נעכע זיך אויפגעזעצט אויף איר געלעגער מיט אָפּשטייענדיקע בריסטן.

זעלדע האָט אַרויסגעבעטן דעם בעל־עגלה און זי האָט אַרויסגענומען דאָס קינד פון צווישן די קישנס. ווי אַ קליין חיהלע איז עס צוגעפאַלן צו נעכעס קוואַליקער אָון הייסער ברוסט און געצויגן מיט אימפּעט און וואָרקענדיק.

אין בעט האָט נעכע, פון אומבאַהאָלפנקייט, גערעדט צו זיך אַליין און גע־שאָלטן. זי האָט געשאָלטן די שטאָט, איר סנדרן, אַלע שונאים און אויך זיך אַליין, אַז איר מאַמע אויף יענער־וועלט זאָל זיך דערבאַרעמען און זי צונעמען צו זיך און אַן עק זאָל נעמען צו אירע צרות. זי האָט געשאָלטן די שטאָט פאַר וואָס פריִער האָט זי צעשיידן די הויט פון איר מאַן און דערנאָך לאָזט זי אים אויסגיין פון הונגער. סנדרן האָט זי געשאָלטן פון רחמנות, הלמאי ער שלעפּט בחינם צעבערס וואַסער און פאַר וואָס ער צינדט נישט אונטער די גאַנצע שטאָט זי זאָל אַוועק מיטן רויך, אַז אויך די שיינע לייט זאָלן וויסן וואָס איז אַ לעבן. זיך האָט זי געשאָלטן פאַר וואָס זי איז געבוירן געוואָרן צו שלעפּן אויף זיך די גאַנצע וועלט.

די האָרינטע וועט זיין גערעכט אויב זי וועט זי אַרויסוואַרפן אין דרויסן. דאָס הויז דאַרף האָבן אַ מענטש און דאָ ליגט זי אין בעט און די האָרינטע קען זיך קיין עצה נישט געבן. זי איז אַ גאָלדן מענטש, די האָרינטע, זי דערלאַנגט איר צום בעט, ווי זי, נעכע, וואָלט געווען אַ יאַשניאַ פּאַני און נישט די מויד אין שטוב. יצחקל און באַשעלע רייסן זיך צו איר אין דער קאַמער, זיי ווילן זען איר עופּעלע, און זעלדע לאָזט זיי נישט. זי זאָגט, אַז פון דעם וואָס זי, נעכע, שעלט און קלאָגט, ווערט איר די מילך אין די בריסטן קאַליע און שמחהלע באַקומט שילשול דערפון. דאַרף דאָס עופּעלע אַ סך שלאָפן און די קינדער טאָרן נישט אַריינקומען אין דער קאַמער, זיי זאָלן דאָס קליינס נישט אויפוועקן. זאָל זי נאָר אויפשטיין פון בעט וועט זי דער האָרינטע פאַר אַלץ אָפּצאָלן צום גוטן. נאָר פאַר וואָס קומט נישט איר סנדר זען דאָס קינד? צו שלעפּן די צעבערס וואַסער האָט ער צייט, נאָר צו זען זיין אייגן קינד האָט ער נישט קיין צייט?

פון די תּעניתים און פון שלעפּן די שווערע צעבערס וואַסער איז סנדרס פּנים געוואָרן בלייך און אויסגעדאַרט. די בלאָנדע באָרד, ווי פייכטער פלאַקס, איז אים

אַראָפּגעהאָנגען פון דער גאָמבע, ווי צוגעקלעפּט אויף פּורים. זיינע אויגן זענען געוואָרן אויסטערליש גרויס און פאַרנעפּלט, און אַזוי אויך האָט ער אָנגעהויבן רעדן אויסטערלישע רייד. בטבע איז ער געווען אַ שתקן, נאָר צווישן דעם לאַנגן שווייגן האָט ער פּלוצים אַרויסגעפּראַלט, אַז עס האַלט פאַר עק וועלט און אַז גאָט גייט שטראָפן די מענטשן מיט אַ שטראָף, וואָס ער האָט זי קיין מאָל נישט אויסגע־פּרוּווט, אַפילו נישט מיטן מבול. פון אָנהייב האָט קיינער זיינע רייד נישט געוואָלט הערן און אַפילו געמאַכט הלצות, אַז אַנשטאָט אין הינטן, האָט אים קהל געשמיסן אין קאָפּ און ער איז אַראָפּ פון זינען. נאָר אַז ער האָט עפּטער אָנגעהויבן איבער־חזרן זיינע אויסטערלישע ווערטער, האָבן אים גוטע מענטשן געעצהט אַז ליבערשט זאָל ער שווייגן, סיידן די מלקות האָבן אים פאַלוביעט און ער וויל קריגן נאָך. צו סנדרן זענען די עצות נישט דערגאַנגען. ער האָט אַפילו נישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים. בלויז אין מיטן פון לאַנגן שווייגן האָט ער אַרויסגעוואָרפן וואָס עס איז אים אָנגעקומען צו זאָגן, און ער האָט ווייטער געשוויגן.

אין איינעם אַ טאָג פון זיין תענית, ס׳איז געווען אַ מאָנטיק, צי אַ דאָנערשטיק, האָט זיך סנדר געפּעדערט מיט זיינע צווי שווערע צעבערס אויף די קרעמישלעס און ווי ער האָט דאָס וואַסער אריינגעגאָסן אין אַ פאַס אַזוי האָט ער אָנגעזאָגט מען זאָל דאָס וואַסער נוצן טראַפּנווייז, וואָרום דאָס איז ס׳לעצטע וואַסער. באַלד וועט ווערן תוהו־ובוהו, ווי איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און קיין לעק וואַסער וועט נישט זיין. ס׳קומט אָן אַ טרוקענער מבול, דען גאָט האָט געשווירן, אַז קיין נאַסן מבול וועט ער מער קיין מאָל נישט מאַכן. אַזוי האָט ער דאָס זעלבע און אין דעם זעלבן טאָג מבשׂר געווען ווען נאָר ער האָט באַגעגנט און לייט האָבן אויסגעשפּיגן, די ווערטער זאָלן נישט האָבן אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַ בייזער שעה. איין מאָל האָט ער די צעבערס וואַסער אויסגעגאָסן אויפן דיל פון דער שול אָנשטאָט אין דער האַנטפאַס. אַז די מעשׂה נורא האָט זיך איבערגעחזרט האָט קהל געהייסן דעם עזות־פּנים איינשליסן אין דער קונע פאַר דערווידערן די תּשובה וואָס עס האָט אויף אים גוזר געווען דער מרא דאתרא.

ס׳איז שוין געווען ערב פּסח, ווען סנדר איז געווען איינגעשלאָסן אין דער קונע.

די זון איז דעמאָלט געווען אַ ליכטיקע, אַ וואַרעמע און פון דער ערד האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון לעבן. די יינגלעך, פריי פון די חדרים, האָבן ווי שוואַלבן זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער שטאָט און אויסער דער שטאָט. זענען זיי אויך געקומען צו דער קונע, צו שפּייען אויף דעם בעל־עבירהניק, וואָס האָט מורד געווען אין פּסק־דין פונעם בראָדער רב. סנדר איז געשטאַנען אַ גרויער און שווייגנדיקער. זיין פּנים איז געווען ווי פון אַש און אויך די בלאָנדקייט פון זיין באָרד איז געוואָרן אַשיק־גראָ. אַזוי אויך זיינע גרויסע שטאַרע אויגן. עס האָט אים נישט געקימערט וואָס די יינגלעך שפּייען אויף אים. באַלד האָבן זיי זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און צוגעטראַכט גראַמען און זיי אַריינגעזונגען אים אין פּנים אַריין:

סנדר שעבס, סנדר מין,
בילסט ווי אַ הונט און בײַסט ווי אַ בין.
סנדר יתום, סנדר פראַנק
ווו דו שטייסט איז אַ געשטאַנק.

צו פאַרנאַכט איז צו דער קונע געקומען צו לויפן נעכע. זי איז אַנגעלאָפן ווי אַ שטורעם און מיט די הוילע הענט אַנגעהויבן רייסן די קייט פון דער קונע. סנדר האָט געקוקט אויף איר מיט זיינע שטאַרע אויגן און עס האָט אויסגעזעען, אַז ער דערקענט זי נישט. אַז נעכע האָט געזען זי וועט די קייט פון דער קונע נישט אָפּרייסן, האָט זי זיך געוואַנדן צו די ייִדן, וואָס זענען געקומען דאַווענען מנחה:

„טייערע מענטשן, זעט מיין בראָך. זעט וואָס זיי האָבן געמאַכט פון מיין מאַן! העלפט מיר אים באַפרייען!"

די פאַרבייגייענדיקע האָבן נישט געענטפערט. דאָס וואָס זי איז געשטאַנען נעבן סנדרן האָט פאַרמיטן פון אַנדערע זיי זאָלן שפּייען אויף דעם איינגעשלאָסענעם. העלפן איר האָט קיינער פון דעם געמיינעם עולם נישט געקענט. איז זי געשטאַנען מיט אויסגעשפּרייטע הענט און געבעטן מיט געשרייען און מיט שטילע ווערטער און באַלד דערנאָך איז זי אַרויס מיט קללות. ס'איז אָנגעקומען יאָסל דער שמש. אַפילו זיינע טויבע אויערן האָבן געהערט פון דער ווייטנס די געשרייען פון דעם ווייב און ער האָט זיך דערנענטערט צו דער קונע, פאַרשטעלנדיק זיך די אויערן מיט די הענט:

„וואָס איז דאָס געשריי? אַז קהל הייסט איינשליסן אין דער קונע, שרייט מען נישט".

„ר' יאָסל, איר זאָלט אַזוי זאָגן?! — האָט זי אויסגעשטרעקט די הענט צום שמש — העלפט מיר, ר' יאָסל, זיי ווילן אים חלילה אומברענגען".

„ווער חלילה גייט אים אומברענגען? קהל דינגט אים אויס די פּאַכט?" — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויףביידע זייטן.

„זעט נאָר ווי ער זעט אויס! — האָט נעכע נישט געוואָלט הערן דעם שמש — זיי האָבן דאָך בלויז דעם שאָטן פון מיין סנדרן איבערגעלאָזט".

סנדר האָט פאַרריסן דעם קאָפּ הויך, הויך, און מיט ציטערנדיקע נאָזלעכער געזוכט לופט, ווי אַ בלינדער, און געזאָגט שטיל, צו קיינעם נישט:

„אַ טראָפּן וואַסער, אַ טראָפּן וואַסער".

„וואָס זאָגסטו, סנדרל? האָסט עפּעס געזאָגט?" — האָט נעכע געהערט זיין פליסטער.

„אַ טראָפּן וואַסער" — האָט ער איבערגעחזרט.

„אוי, אַ בראָך איז צו מיינע יאָר! — האָט נעכע אויסגעשריגן — ער גייט אויס נאָך אַ לעק וואַסער!"

יאָסל שמש האָט אַ קוק געטאָן אין דער הייך, צום הימל, און אַ פּאַנפּע געטאָן אונטער דער נאָז:

„ער טאָר נאָך נישט טרינקען. היינט איז זיין תּענית. נאָך מעריב, אַלץ נאָך מעריב״.

ס׳האָט נעכען גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט געמוזט איבערלאָזן איר סנדרן אַן אויסגעפּייניקטן פון דאָרשט און לויפן אַהיים. זי איז אַוועק אין שטאָט אַריין נאָר אויף אַ ווייל און זי זוימט זיך שוין אַן אייביקייט. אַלץ וואָס די האַרינטע ווענט זאָגן וועט זי זיין געדעכט. שמחהלע מוז זיך שוין דאָרט פאַרקייכן פון הונגער, בעת זי דאָ ווערט צעשפּאַרט פון דער מילך, אַז די בריסטן־וואָרצלען שטעכן איר.

נאָך מעריב האָט יאָסל שמש געהאָלפן אויפשליסן סנדרן פון דער קונע און געבראַכט פאַר אים פון ערגעץ אַ טעפּל הייסן לאַקריץ. סנדר האָט זיך געטרייסלט פון קעלט און די האָר אויפן קאָפּ האָבן אים ווי געטאָן. גוטע מענטשן האָבן אים אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק נעבן דעם ליימענעם אויוון און אים באַאָכצט און באַזיפצט, אַז אַן אָרעמאַן דאַרף אויסרינען פון דער מאַמעס בויך איידער ער ווערט געבוירן.

לאַ־די וואָס ער איז אַ געוועזענער מין, איז ער נאָך אויך אַן עזות־פּנים!״

— האָט עמעצער געזאָגט און יאָסל שמש האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

„אַ בעל־תּשובה טאָר מען נישט דערמאָנען זיינע חטאים. ס׳אַן עבירה!״

אַזוי האָט געזאָגט דער אַלטער שמש און אַוועקגעשלעפּט זיך אויף זיינע שוואַכע פיס צוזאַמענצונעמען עפּעס עסן פאַר סנדר יתום, וואָס האָט אָפּגעפּאַסט נאָך אַ תּענית־טאָג.

די אותיות פון דער תורה

זעלדעס אַמאָל־אַמאָליקע תּפילה, איר הויז זאָל זיין פול מיט קינדערשער פרייד איז מקוים געוואָרן, כאָטש אין סך־הכּל איז זי געווען זיכער, אַז זי איז אַן עקרה: דער הימל האָט איר געגעבן נישט מער ווי דריי קינדער. נאָר צו דער קינדערשער פרייד אין איר הויז איז צוגעקומען אויך נעכעס יונג, שמחה. און דאָס הויז איז געווען פול.

דער צווילינג, יצחק און באַשע, האָבן זיך געריסן צום וווקס, ווי די מויד וואָלט געוואָלט איבערוואַקסן דעם ברודער און ער לאָזט זיך נישט, און ער שטייגט אין דער הייך. אַז יצחק איז אַלט געוואָרן דריי יאָר און דער פאָטער אליעזר האָט אים געבראַכט אַן איינגעוויקלטן אין טלית צו מנחם־לאָזערן דעם מלמד אין חדר אַריין, האָט דער מלמד געפרעגט:

„דאָקטער־לעבן, ביי אונדז אין בראָד הייבט מען אָן יידן צו לערנען תּורה, ווען זיי ווערן אַלט דריי יאָר. צי איז יצחקל, חלילה, קראַנק געווען, וואָס ער הייבט אָן לערנען תּורה אַן אַלטער בחור?"

אליעזר האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער נעמט די שאלה זייער ערנסט און ער האָט געענטפערט:

„ר׳ מנחם־לאָזער, איר זענט גערעכט. איך האָב מיין תּכשיט געוואָלט ברענגען צו אייך אויף צו מאָרגנס ווי ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, נאָר אַז איך האָב אים געוואָלט נעמען און איינוויקלען אין טלית און אים ברענגען צו אייך, איז ער אַנטלאָפן. האָב איך אים געיאָגט אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך און אָט האָב איך אים געבענדיקט און געבראַכט אין חדר אַריין".

מנחם־לאָזער, אַ ביסל אַן אָנגעשוואָלענער, זומער און ווינטער אָנגעטאָן אין אַ רוסליק, מיט בינטלעך יאָזשיקע האָר, וואָס זענען אים אַרויסגעוואַקסן פון די אויערן, פון די נאָזלעכער און פון איבער די אויגן, אויפן אָרט פון די ברעמען, האָט מיט אַלע בינטלעך האָר אָנגעקוקט דעם פאָטער, געצוקט מיט אַ פּעטן אַקסל און געזאָגט מיט באַוווּנדערונג:

„איז ער דאָך צו דעם אַלעם אויך אַ קונדס! נישקשה, איכ׳ל מירטשעם מאַכן פון אים אַ לייט און ער וועט די תּורה דעריאָגן ווי אַ וואַסער". דערנאָך האָט ער אים אַוועקגעשטעלט אויף דעם זעסל, אויף וועלכן ער אַליין איז געווען געוווינט צו זיצן, און פאַר אים אַוועקגעלייגט אַ געפּתּיבהטן אלף־בית, וואָס ער, מנחם־לאָזער, האָט באַפּוצט מיט מלאכימלעך און זומער־פייגעלעך און ציגעלעך, וואָס זענען געווען קלענער פון די זומער־פייגעלעך, און געפרעגט:

„וואָס איז דאָס, יצחקל?" — האָט ער אים געוויזן מיטן טייטל פון אַ געגנדזענער פּענע אַ גרויסן שוואַרצן אלף, וואָס איבער אים האָט געפלאַטערט אַ פּיצעלע רויט זומער־פייגעלע.

יצחקל האָט אויפגעהויבן זיינע אייגעלעך צום פאָטער און אליעזר האָט אים געזאָגט:

„שעם זיך נישט, ביסט נישט קיין שעמעוודיקער. דו ווייסט וואָס דאָס איז און דערצייל עס דעם רבין".

„ס'אַן אַלף" — האָט דאָס קינד געזאָגט.

„אָט־אָ דאָס איז עס, יצחקל. ס'אַן אַלף! — האָט מיט פרייד אויסגערופן מנחם־לאָזער — אַז דו וועסט מירטשעם ווערן אַ בר־מצווה־בחור וועסטו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ גרויסע חכמה דו האָסט געזאָגט: אַן אַלף! דו זעסט די צוויי פיסעלעך פון דעם אַלף? געזונטע פיסעלעך, און מיט זיי לויפט אַרום דער אַלף די גאַנצע וועלט און אומעטום לויבט ער דעם אייבערשטן פאַר דעם וואָס ער האָט אים, דעם אַלף, אַוועקגעשטעלט פון סאַמע אָנהייב פון זיין וואָיסק, וואָס מיט אים שלאָגן יידן זייערע שונאים".

דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר יענקל בעלפער האָט אַהיימגעבראַכט אויף די פּלייצעס יצחקלען, און אים אַראָפּגעלאָזט אויף די טרעפּלעך צום הויז, האָט דאָס קינד אין איין אָטעם געוואָלט דערציילן אַלץ, וואָס עס איז געשען מיט אים. נאָר פון שנעלקייט אין רעדן האָט זיך איין וואָרט אין זיין מיילעכל געשטופּט אויפן צווייטן, פאַרהאַלטן עס און אַליין אַרויסגעשפּרונגען. האָט דאָס קינד ווידער אָנגעהויבן פון ס'ניי און ווידער שטופּן זיך די ווערטער איינס אויפן צווייטן. די איינציקע וואָס האָט אַלץ פאַרשטאַנען איז געווען באַשע. זי האָט געקוקט דעם ברודער אין מויל אַריין, געזען ווי פון דאָרט שפּרינגען אַרויס ציגעלעך, זומער־פייגעלעך, מלאכלעך; דער אַלף האָט איבערגעיאָגט דעם בית און דעם גימל, און באַשעלע האָט זיך פון דעם אַלעם צעוויינט: אויך זי וויל אין חדר אַריין צו גלייך מיט יצחקלען.

ביינאַכט האָט באַשעלע געפיבערט. זעלדע האָט מיט די ליפּן באַרירט איר שטערן און זי וואָלט געשווירן, אַז דאָס קינד איז נישט געזונט. נאָר באַגינען, ווען יצחקל האָט זיך געגרייט אין חדר אַריין און געוואַרט דער בעלפער זאָל קומען אים נעמען, האָט באַשעלע מיט די הענטלעך אַרומגעכאַפּט דעם ברודער, אַז זי וועט אים נישט אָפּלאָזן, אויך זי מוז גיין אין חדר. זי האָט זיך נישט געלאָזט צעשיידן פון יצחקלען, און אליעזר האָט מיט זיין טאָכטער געטאָן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט מיט אַ טאָג פריִער געטאָן מיט זיין זון: ער האָט די טאָכטער איינגעוויקלט אין זיין טלית און זי אַוועקגעטראָגן אין חדר אַריין. זענען ביידע געגאַנגען דעם גלייכן וועג, אליעזר און דער בעלפער, ער האָט געטראָגן באַשעלען און ער האָט געטראָגן יצחקלען. מנחם־לאָזער האָט מיט באַשעלען געטאָן דאָס זעלבע וואָס ער האָט מיט אַ טאָג פריִער געטאָן מיט איר ברודער, נאָר ווען ער האָט זי אויפגעהויבן אַוועקצושטעלן אויף זיין זעסל און מיטן פינגער אָנגעוויזן אויפן אַלף, איז איידער ער האָט געפרעגט וואָס איז דאָס, האָט באַשעלע אָנגעוויזן מיט איר פינגערל אויף די צוויי בינטלעך יאָזשיקע האָר, וואָס זענען דעם מלמד אַרויסגע־וואַקסן פון די נאָזלעכער, און געפרעגט: „וואָס איז דאָס?"

„איי־איי! עס וואַקסט אַ ברוריה!" — האָט מנחם־לאָזער אויסגערופן און ער האָט איבערגעלאָזט באַשעלען, אויך זי זאָל ביי אים לערנען תּורה.

מנחם־לאָזער האָט געהאַט זיין חדר אין אַ הויז אין עק שטאָט, מיט די פענצטער געוואַנדן צו די פעלדער און צום טראַקט, וואָס האָט געפירט צו דעם דאָקטער אליעזרס הויז. כאָטש דער שטרוי־באַדעקטער דאַך איז געווען אַ שאַרף־משופּעדיקער און ער איז אַראָפּגעפאַלן איבער די פענצטער, האָט זיך די זון דאָ אויף אַן אויסטערלישן דרך אַריינבאַקומען אינעווייניק און באַלויכטן דעם חדר, ווי ער וואָלט געווען אין דרויסן. מנחם־לאָזער האָט אין דער איינציקער קאַמער פון חדר געלערנט אַלף־בית־יִנגלעך און חומש־יִנגלעך אין דער זעלבער צייט. נאָר ביי „ותרא רחל כי ילדה ליעקב ותקנא רחל באחותה" פון די חומש־יִנגלעך, האָבן זיך די אַלף־בית־תּלמידים געיאָגט נאָך די לייגהינער, וואָס ציפּורה, מנחם־לאָזערס ווייב, האָט געהאַלטן אין דער קיטשע אין דער קאַמער, זיי זאָלן די אייער נישט לייגן ערגעץ אין פעלד.

אויסער וואָס מנחם־לאָזער האָט געלערנט מיט קינדער, האָט ער ביים לערנען אויך געשניצט אין האָלץ כּל־מיני גן־עדן־פייגל, שמייכלענדיקע אָרון־קודש־לייבן און וויזלטירס, צי אַנדערע זאַכן, אָדער ער האָט געכּתיבהט אותיות און זיי באַ־צירט מיט כּל־מיני באַצירונגען, וואָס זענען אים געקומען אויפן רעיון. נישט ווייניקער ווי שניצן און מאַכן באַצירונגען, האָט מנחם־לאָזער ליב געהאַט צו דערציילן מעשׂיות די קינדער. צו יעדער אות אין אַלף־בית האָט ער געהאַט אַ שיינע מעשׂה צו דערציילן. נאָר פאַרן דערציילן אַ מעשׂה האָט ער געפרעגט די קינדער, וועלכע מעשׂה זיי ווילן הערן און זיי האָבן אים אונטערגעזאָגט וואָס זיי ווילן הערן.

צום ליבסטן האָט מנחם־לאָזער האָלט געהאַט צו דערציילן די מעשׂה ווי אַזוי עס זענען באַשאַפן געוואָרן די אותיות. און די מעשׂה איז געגאַנגען אַזוי:

אַז גאָט האָט אָנגעהויבן באַשאַפן די וועלט פון דעם תּוהו־ובוהו, איז ער דאָך געווען שטאַרק פאַרהאַרעוועט, האָט ער געזאָגט צו די מלאכים: דאָס וואָס איך טו, קענט איר נישט טאָן, וואָרום פון גאָרנישט צו מאַכן הימל און ערד איז שווער ווי קריעת ים־סוף. טאָ נעמט איר פון דעם ליים פון דער ערד, וואָס איך האָב שוין באַשאַפן, און קנעט אויס אותיות. אַז עס וועט קומען די צייט פון געבן די תּורה זאָל איך האָבן מיט וואָס צו פאַרשרייבן די תּורה. וואָרום די תּורה וואָס איר לערנט, קינדערלעך, איז צונויפגעשטעלט פון ווערטער, און ווערטער זענען אויסגעשטעלט פון אותיות. וועט איר, מיינע מלאכים, מאַכן די אותיות. האָט זיך אויפגעשטעלט איין מלאך און געפרעגט: צי דאַרף מען די אותיות נאָר אויסקנעטן פון ליים, אָדער מען קען זיי אויך אויסשניצן פון האָלץ? האָט גאָט געזאָגט: נאַרעלע, וואָס איז די נפקא־מינא? ס׳קען זיין אויך געשניצטע אותיות. נאָר צו דעם דאַרפט איר צוואַרטן נאָך אַ טאָג, איך זאָל מאַכן עס זאָלן וואַקסן ביימער, וועט איר האָבן פון וואָס צו שניצן אותיות. האָבן זיך די מלאכים זייער געפרייט און נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. זיי האָבן געוואָלט זען ווי אַזוי גאָט באַשאַפט

ביימער און ער פלאַנצט זיי איַין אין דער ערד, וואָס ער האָט באַשאַפֿן. האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צווייטער מלאך און געפרעגט: ליבער האַר, צי דאַרף מען די אותיות נאָר אויסקנעטן פון ליים, אָדער אויסשניצן פון האָלץ, אָדער מען קען אותיות אויך אויסוועבן פון חלומות? האָט ער געזאָגט: פאַר וואָס נישט? ריינע חלומות זענען ריינער פון גאָלד און אַז מען קען אויסגיסן אותיות פון גאָלד, פאַר וואָס זאָל מען נישט קענען אויסוועבן אותיות פון ריינע חלומות?

האָבן די מלאכים שטאַרק זיך דערפרייט און זיך גענומען צו דער אַרבעט פון קנעטן, שניצן, גיסן און וועבן די הייליקע אותיות. און אַז אַ מלאך האָט פאַרטיק געמאַכט אַן אות האָט ער אים געוויזן צו גאָט, צי ער איז גוט. לושמיך, אַז גאָט אַליין האָט נאָך יעדן טאָג פון באַשאַפֿן די וועלט באַקוקט וואָס ער האָט געשאַפֿן און זיך אַליין געפרעגט, צי ס׳איז גוט; אַזוי האָט ער זיך איינגעקוקט אין דעם וואַסער און אין דער ערד, וואָס ער האָט זיי פונאַנדערגעטיילט און געזאָגט: כּי טוב — ס׳איז גוט, און אַזוי האָט ער זיך איינגעקוקט אין דעם גרינעם גראָז, אין די ביימער מיט עפּל און באַרן און ווינשל און קאַרשן און פלוימען און שיפּטאָלן און געזאָגט: כּי טוב — ס׳איז גוט. האָבן אויך די מלאכים — יעדער איינער נאָך דעם אַנדערן — געוויזן צו גאָט די אותיות, וואָס זיי האָבן געמאַכט, וואָס מיט זיי וועלן קינדער דאַרפן לערנען תּורה. און אַז גאָט האָט געזאָגט: כּי טוב — ס׳איז גוט, האָט דער גוטער מלאך צעעפנט צוויי פון זיינע זעקס פליגל און מיט אַנדערע צוויי נעמט ער דעם אות ביים קעפּל און פליט מיט אים אַראָפּ אויף דער ערד און שטעלט אים אַוועק צוקאָפּנס פון אַ שלאָפנדיק קינד, אַז ווען עס וועט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף זאָל עס גיין לערנען תּורה. דעריבער, קינדער־לעך, האָט יעדער אות אַ קעפּל און וואָס שווערער ס׳איז אַן אות, אַלץ מער קעפּלעך האָט ער. דאָס זענען, קינדערלעך, די אותיות, וואָס מיט זיי האָט גאָט געשריבן די תּורה און זי געגעבן צו זיין פאָלק פון הר סיני.

מנחם־לאָזער האָט געהאַט נאָך מעשׂיות פון זיינע מעשׂיות וועגן פייגעלעך אין די נעסטן, וואָס הערן נישט זייערע טאַטע־מאַמעס און פליִען אַרויס צו פרי פון די נעסטן, פאַרלירן דעם וועג צוריק און בלאָנדזשען אַרום אין די וועלדער, און טשוויטשערן צו טאַטע־מאַמע, און טאַטע־מאַמע הערן נישט פון וועגן דער וויטקייט צום וואַלד. מאַכט זיך אַ מאָל, אליהו הנביא גייט פון וויטן העלפן אַ קראַנקן ער זאָל געזונט ווערן, צי העלפן אַן אָרעמאַן ער זאָל ווערן אַן עושר. גייט ער פאַרביי דעם וואַלד און זעט אַ פייגעלע האָט פאַרבלאָנדזשעט, געפינט נישט דעם וועג אַהיים, נעמט ער דאָס פייגעלע אין זיינע וואַרעמע הענט, קאָרמעט עס מיט דעם שפּייַעכץ פון זיין מויל און טראָגט עס אַוועק אין שטאָט אַריין און זוכט די נעסטן אונטער די דעכער. לאָזט ער פריי דאָס פייגעלע און עס פליט אַוועק צו טאַטע־מאַמע.

מאַכט זיך אַז ביי איינע פון די מעשׂיות שטעלן זיך טרערן אין די אויגן פון אַ קינד, נעמט מנחם־לאָזער אַרויס פון דער קיטשע אַ וואַרעם איי, וואָס אַ הון האָט נאָר וואָס געלייגט, און ווישט אויס מיט דעם וואַרעמען איי די פאַטרערטע

אייגעלעך. טרערן מאַכן קאַליע אייגעלעך — זאָגט מנחם־לאָזער — דעריבער דאַרף מען נישט וויינען, סיידן אויפן בית־המקדש וואָס איז חרוב געוואָרן אין ירושלים.

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך דאָס חדר פון מנחם־לאָזערן אויסגעליידיקט. ס׳הייסט מיט אַ שטיקל צייט פריִער האָט זיך עס אָנגעהויבן אויסליידיקן ביז אין איינעם אַ טאָג האָט יעקל בעלפער געהאַט צו ברענגען און אַהיימפירן בלויז די קינדער פון דעם דאָקטער.

צו קהל האָט זיך דערטראָגן, אַז דער מלמד מנחם־לאָזער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער תּורה פון דעם מעזעריטשער מגידס כּת און ער פירט נעבעך אַראָפּ ייִדישע קינדער פונעם גלייכן וועג. אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט, וואָס לייבעלע, נתן דעם גלעזערס, אַ חומש־ייִנגל, איז אַהיימגעקומען פון חדר און זיך רק געוואָלט שטעלן אויפן קעפּל און זיך קאַטשען קאָזשלקעס. האָט נתן דער גלעזער אָנגעהויבן חוקר ודורש זיין, וואָרום די וועלט האָט שוין געוווּסט, אַז די אויסטער־לישע חפצות זענען פון דער כּת, און לייבעלע האָט דערציילט, אַז דער רבי מנחם־לאָזער קאַטשעט זיך קאָזשעלקעס, שטעלט זיך אויפן קאָפּ און לערנט די חדר־ייִנגלעך צו טאָן דאָס זעלבע. איז נתן אַוועק צו מנחם־לאָזער און אים געפרעגט, וואָס איז דער מער מיט אים, די חפצות פון שטעלן זיך אויפן קאָפּ זענען גויִישע חפצות, אָדער רחמנא־ליצלן פון די מינים. האָט אים מנחם־לאָזער אָנגעקוקט מיט זיינע יאָזשיקע בינטלעך האָר און זיך געוווּנדערט:

„וואָס איז דער טייטש גויִישע חפצות? אַז גויִים שלאָפן אין אַן אַלקער און עך שלאָף אין אַן אַלקער איז עס גויִישע חפצות?״

„איז אפשר וועט איר מיר אויך זאָגן, אַז איר דאַווגט וועדליק דעם סידור פון דעם אר״י?״ — האָט נתן דער גלעזער געפרעגט.

„הלוואַי, ר׳ נתן, זאָל מיר בייִשטיין דער זכות פון דעם אר״י הקדוש און איך בין באַוואָרנט מיט מיין חלק עולם־הבא״ — האָט מנחם־לאָזער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן פון פרומקייט. פון אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט דער טיר האָט דער מלמד אַ ציטער געטאָן און געעפנט די אויגן. נתן איז אַוועק און מיט זיך מיטגענומען זיין לייבעלען.

אַזוי ווי עס צעגייט דער שניי און מען זעט נישט ווי ער טייעט, אַזוי איז צעגאַנגען דאָס חדר פון מנחם־לאָזער. אין דער פרי איז דער בעלפער געגאַנגען ברענגען די קינדער און ער איז געקומען מיט ליידיקע הענט.

„ליפּע אַלעאַרניק האָט מיך געוואָלט דורסן — האָט געזאָגט יעקל — ער גיט נישט זיין קדיש אין אַ תּיפלה, האָט ער מיר נאָכגעשריגן״.

„אַזוי, מיין חדר איז ביי אים אַ תּיפלה. אַז דו וועסט אים זען, טאָ זאָלסט אים זאָגן, עס וואָלט נישט אויסגעמאַכט ער אַליין זאָל גיין צו מיר אין חדר זיך אויס־צולערנען אַ זשמעניע עיברה, דער עם־הארץ״ — האָט מנחם־לאָזער געזאָגט ווי כּלאחר־יד.

איז יעקל אַוועק אין אַן אַנדער גאַס ברענגען קינדער און פון דריַי איז ער געקומען בלויז מיט אַן אַלף־בית־ייִנגל.

„אין שטאָט ברענט אַ פֿיַיער" — האָט דער בעלפער זיך פאַרענטפערט ווי ער וואָלט שולדיק געווען אין דעם אַלעם.

צפורה די מלמדטשיכע איז אַרויס מיט אַ יללה און אָנגעהויבן ברעכן אירע פינגער פון ייאוש:

„מנחם־לאָזער, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס?! ס'איז דאָך נישט געהערט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט! ס'שטיקל ברויט פון מויל נעמען זיי מיר אַוועק".

„צפורה, זע נאָר ווי די קינדערלעך זענען נעבעך צעשראָקן פון דיינע געשרייען — האָט ער אָנגעוויזן צום טיש ווו די אויגעלעך פון די געבליבענע קינדער זענען געוואָרן גרויס און חשדימדיק — וואָס מיינסטו, ס'איז עק וועלט? מנחם־לאָזער איז געקומען אויף דער וועלט אין זיין אייגענעם זכות און אין אונדזער אייגענעם זכות וועט דער אין הימל אונדז נישט פאַרלאָזן!"

„מנחם־לאָזער!" — האָט דאָס וויַיב אויסגעשריגן און מיט אַן עק פאַרטעך זיך פאַרשטעלט די אויגן.

מנחם־לאָזער האָט זיך געלאָזן אַוועקגעזעצט אויף זיין זעסל נעבן טיש, גענומען דעם טייטל אין דער רעכטער האַנט און געזאָגט:

„ני, דזשעקטשערעס, מיר וועלן איבערחזרן די זעלבע פרשה וואָס נעכטן. אָט דאָ, שימעלע, האַלטן מיר. מיש אויף, הערשעלע, ווועסטו אַרויספאַלן אויף ,כּי תשא'. יאָ, הערשעלע, ביסט אַ גוט ייִנגעלע. וואָס טראַכסטו, חיימל? אַ ייִנגעלע טראַכט נישט, אַ ייִנגעלע לערנט" — האָט מנחם־לאָזער אויסגעשטרעקט דעם אָרעם מיט דעם טייטל וויַיט איבער דעם טיש און זיך צעשאָקלט: „איז לערנט, דזשעקטשערעס. וידבר — האָט גערעדט, אדוני — אדוני, אֶל משה, לאמור — אַזוי צו זאָגן..."

די קינדער האָבן אונטערגעזונגען ווי יעדן טאָג פאַר די טעג, נאָר אין זייער געזאַנג איז געווען אַן אומעטיקייט פון ווייניקער ווערן, און אין באַגלייט פון דעם שטילן געוויין פון ציפורהן האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָס חדר זאָגט תהילים פאַר אַ שלאָפן, ער זאָל גענעזן ווערן.

נאָך אַ צוויי וואָכן זענען אין מנחם־לאָזערס חדר געבליבן נישט מער ווי דער צווילינג — יצחק און באַשע. האָט דער מלמד געזען אַז ס'איז נישט קיין תכלית צו האַלטן אַ בעלפער און לערנען בלויז מיט צוויי קינדערלעך, האָט ער געזאָגט צו זיין וויַיב:

„ציפורה, אַלץ וואָס עס געשעט צום בן־אָדם איז עס פון דער האַנט פון הימל. איז עס אויך לטובה. אויב ישראל בעל־שם־טוב האָט געקענט זיך אויסשלאָגן אויף שבת פון פירן ליים אין שטאָט אַריין, פאַר וואָס זאָל איך, מנחם־לאָזער, נישט קענען דאָס זעלבע? איי, וועסט זאָגן, איך האָב נישט קיין פערד־און־וואָגן, וועל איך איבעררעדן מיט דעם דאָקטער אליעזר. דאָס וואָס ער נעמט נישט צו פון

מיר זיין צווילינג איז אַ גוטער סימן. דער איבערשטער פּרוווט דעם מענטש, נאָר פאַרלאָזן, חלילה, וועט ער אים נישט".

און אַזוי האָט אין איינעם אַ טאָג מנחם־לאָזער געגומען דעם צווילינג פון דעם דאָקטער, און נישט ווי יעדן טאָג דער בעלפער, האָט ער אַליין די קינדער אַהיימגעפירט. זעלדע האָט זיך דערפרייט מיט איר צווילינג און אַ חלק פון איר פרייד אויך איבערגעטראָגן אויפן מלמד.

„מיט וואָס זאָל איך אייך מכבד זיין?" — האָט זי געפרעגט.

„ס'עט זיין פאַר מיר אַ גאָר גרויסער כּיבוד איך זאָל קענען רעדן אַ קאַפּל ווערטער מיט דעם דאָקטער שיחיה" — האָט מנחם־לאָזער געזאָגט.

„און אַ טעפּל לאַקרעץ גייט צו פוס?" — האָט זעלדע געוואָלט וויסן.

„כ'האָב עס נישט געזאָגט, ווייב פון דעם דאָקטער ר' אליעזר".

אליעזר האָט דעם מלמד פאַרבעטן צום טיש און געזאָגט אַזוי:

„איך ווייס דעם מיין פון אײַער קומען. איר צעלאָזט דאָס חדר".

מנחם־לאָזער האָט געזאָגט פאַרשעמט:

„אויסער מיט אײַער צווילינג, דאָקטער־לעבן, בין איך געבליבן אָן קינדער. קהל רודפט מיך באשר איך דאַוון פון אר"י הקודשס סידור".

„כ'ווייס — האָט אליעזר אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פענצטער, כּדי זיך נישט צוזאַמענטרעפן מיט דעם מלמדס אויגן — זיי באַשטימען די טאַקסע אויף ליכט, אויף פלייש, אויף זאַלץ, ווילן זיי אויך באַשטימען פון וואָס פאַר אַ סידור אַ ייִד זאָלן דאַוונען און ווי אַזוי ער זאָל דאַוונען. מאָרגן וועלן זיי קומען און זאָגן, אַז אָן זייער רשות טאָר גאָר אַ ייִד נישט דאַוונען".

„האָבן זיי מיר אויסגעליידיקט ס'חדר און איך קען נישט מער האַלטן דעם בעלפער — האָט מנחם־לאָזער געצויגן אין איין טאָן — זע איך נישט פון וואָס איך וועל זיך קענען אויסשלאָגן מיין פּרנסה, דאָקטער־לעבן. איר וועט אײַערע קינדערלעך אַריינגעבן צו אַן אַנדער מלמד און איך וועל זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש. איך וועל פירן ליים און האָלץ אויפן מאַרק. נישקשה, פון דעם וועל איך האָבן אויף שבת... נאָר די זאַך איז אַזוי... אַ פערד־און־וואָגן קאָסטן..."

אליעזר האָט מיט אַ שנעלער האַנט־באַוועגונג, ווי אַ באַוועגונג מיט אַ שווערד, איבערגעשניטן מנחם־לאָזערס ווערטער און געזאָגט:

„צו וואָס מאַריך זיין, מנחם־לאָזער. אַ פערד מיט אַ וואָגן זענען נישט פאַר אייך. איצט דאַרפט איר שפּייז פאַר צוויי מיילער און מיט אַ פערד וועט איר דאַרפן שפּייזן דרײַ מיילער. וועט איר ליבערשט טאָן אַזוי: איר וועט אַהיימשיקן דעם בעלפער און איר וועט יעדן טאָג קומען צו מיר אַהיים לערנען מיינע קינדער תּורה. דערווייל וועט איר האָבן צוויי תּלמידים, און אַז מיין אַלעקסאַנדער וועט הערן ווי דער עלטערער ברודער און די שוועסטער לערנען תּורה, וועט ער זיך שנעלער אַרויסרייסן פון הענגקוישל און איר וועט האָבן אַ דריטן תּלמיד. אויך די מויד

האָט אַ זון מיט כּוחות פון אַ גוי. אויב מען וועט אים נישט צוימען מיט תּורה וועט ער מיר דאָ צעלייגן די ווענט. וועט איר האָבן דערווייל פּיר תּלמידים. און איך האָף צו גאָט, אַז ביי דעם וועט עס נישט בלייבן".

„איר זענט אַ גוטער מענטש, דאָקטער־לעבן" — האָט מנחם־לאָזער געווישט דעם שטערן פון דעם פּלוצימען שווייס, וואָס האָט אים אַרויסגעזעצט.

גאָט פון אברהם

מיט דעם וואָס דער דאָקטער האָט אַריינגענומען צו זיך אין דער היים דעם מלמד, וואָס צוליב זיין מינות האָבן אים טאַטעס אויסגעליידיקט דאָס חדר, איז ביי בראָדער קהל נאָך שטאַרקער געוואָרן דער חשד, אַז אליעזר איז אַ באַהאַלטענער שעבס. די חשדים פון אַלע יאָרן און די מעשׂה מיט סנדר יתום דעם בעל־תּשובה און צום סוף די מעשׂה מיט מנחם־לאָזער דעם מלמד, האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער בראָדער רב ר׳ יונתן זאָל רופן צו זיך דעם דיין ר׳ נחמן הכּהן און אויף אים אַרויפלייגן, קהלס לייט זאָלן נאָכגיין און נאָכשמעקן די שריט און טריט פון דעם דאָקטער און זען וואָס איז דער מער מיט אים; צי פּאַרט ער טאַקע אַזוי אָפּט אין גראַפּס הויף אַריין אויף צו דאָקטערוועך דאָרט, אָדער די אָדער אַנדערע כּת האָט זיך איינקאָרנייעט אין הויף, ווי זי האָט זיך איינקאָרנייעט אין אַנדערע פּריצישע הייף און טוט דאָרט אָפּ מעשׂים תּעתּועים. און ווי קהלס לייט וועלן בודק זיין די שריט און טריט פון דעם דאָקטער, דאַרף אויך קהל חוקר ודורש זיין פון וואַנען דער דאָקטער איז מיט יאָרן צוריק געקומען קיין בראָד, פאַר וואָס איז ער אַוועק פון דעם אָרט, ווו ער האָט פריִער געלעבט און על־כּולם פאַר וואָס האָט זיך דער דאָקטער געחברט מיט וועלוול בעלזער, וואָס אויך זיין התנהגות איז אין די לעצטע יאָרן געוואָרן פול מיט חשדים און שאלות, אויף וועלכע קהל געפינט נישט קיין ענטפער.

דאָקטער אליעזר, וואָס האָט בדרך כּלל זיין צייט צעטיילט צווישן דעם גראַף פּאָטאָצקיס הויף און זיין אייגן הויז, האָט נישט געטראַכט דערוועגן, אַז קהל קוקט אויף זיין הויז ווייט הינטער דער שטאָט ווי אויף אַ הויז, ווו עס האָט זיך איינגענעסטעט די כּת און די שליטה איבער דעם הויז האָט איבערגענומען די סטרא־אחרא: באַלד ווי עס הייבט אָן טאָגן גייט אַהין סנדר בעל־תּשובה מיט צוויי שווערע ליידיקע עמערס אויף זיינע קרעמישלעס. דער יונג, וואָס נישט געדאַכט זאָל עס ווערן, איז באַזעסן פון שדים צי דיבוקים, טראָגט אָן אין דאָקטערס הויז אַזוי פיל פאַר וואַסער, ווי דאָרט אינעם הויז וואָלט געווען עפּעס אַ ליידיקער ברונעם, וואָס סנדר וויל אים אָנפילן. די צאָל נפשות אין דאָקטערס הויז קענען גאָרנישט אויסנוצן אַזוי פיל וואַסער, און דערגיין וואָס עס געשעט מיטן וואַסער קען מען נישט. ס׳איז אַן אויסטערליש הויז. דערנאָך, שפּעטער אין פרימאָרגן, קומט אַהין מנחם־לאָזער, דער מין, לערנען מיט דעם דאָקטערס קינדער. ער איז דאָרט אָפּ ביז נאָך מנחה און דערנאָך גייט ער אַהיים אָן אויפגעלייגטער און ער ברומט נאָך אונטער ניגונים, ווי ער וואָלט דאָרט, אין דאָקטערס הויז, געפּראַוועט נאָר תּענוגים. אַ צוויי מאָל

אין דער וואָך קומט צום דאָקטער װעלװל בעלזער. טאָמער וואָלט ער, דער דאָקטער, געווען אַ סוחר און אַריינגעטאָן אין די זעלבע מסחרים וואָס וועלוול בעלזער, וואָלט זיין אָפּט קומען אין דעם הויז זיך געלייגט אויפן שׂכל. נאָר אַז דער דאָקטער איז זיך מתעסק אין דאָקטאָריע און וועלוול בעלזער איז אַריינגעטאָן אין מסחר — וואָס זשע טוט ער דאָרט אין הויז פון זיין גרושה?

אין איינעם אַ טאָג האָט אין דער טיר פון ר׳ אליעזרן אָנגעקלאַפּט אַן אביון און געבעטן אַ נדבה. אַז מנחם־לאָזער האָט זיך שפּעטער געקליבן אַהיימצוגיין און ער האָט געוואָלט אַ קוש טאָן די מזוזה — איז די מזוזה נישט געווען. מנחם־לאָזער האָט זיך דערשראָקן און צוריק אַריין אין הויז:

„דאָקטערס ווייב — האָט ער פאַרפלאָכטן איין האַנט אין דער צווייטער — די מזוזה פון ביישטידל איז פאַרשוווּנדן״.

זעלדע איז אַרויס צום אויסגאַנג און אַ קוק געטאָן אויפן העלן ליידיקן פלעק, ווו עס איז פריִער געווען צוגעשלאָגן די מזוזה. זי האָט זיך דערשראָקן פאַרן שלעכטן סימן און לויפנדיק אָנטאָן אַ פאַרטעך, האָט זי גערופן צו מנחם־לאָזערן:

„גייט נישט אַוועק ביז מיין מאַן וועט קומען. איך האָב מורא פאַר אַן אומגליק״.

נעכע די מויד האָט זיך דערמאָנט, אַז בייטאָג איז ביי דער טיר געווען אַ מדינה־גייער באַהאָנגען מיט טאָרבעס און זי האָט אים געגעבן אַ נדבה אַ שטיקל ברויט. און אַז זי האָט זיך דאָס דערמאָנט, האָט זי זיך אויך דערמאָנט, אַז דער מדינה־גייער האָט איר אויסגעזען אויסטערליש. ער איז אין גאַנצן געווען גראָ־פאַרשטויבט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַ לאַנגן וועג און איז געווען באַהאָנגען מיט פולע טאָרבעס. קען גאָר זיין, אַז ס׳איז נישט געווען קיין מדינה־גייער, נאָר אַ ווילקאָלאַק, צי גאָר אַ קאָשעץ האָט זיך פאַרוואָרפן אין אַן אָביון און דאָס האָט ער אַראָפּגעגנבעט די מזוזה, כּדי נאָך האַלבער נאַכט אָפּצוטאָן אין דעם הויז די שמד־שטיק פון אַלע שדים.

„טפו! שפּיַי אויס! — האָט זעלדע שטאַרקער צוגעפעסטיקט איר פאַרטעך צו די לענדן — וואָס אַלץ דיין מויל צערעדט״.

„דאָקטער אליעזרס הויז איז אַ כּשר הויז — האָט מנחם־לאָזער געזאָגט באַרויִקנדיק — אין אַזאַ הויז קומען נישט קיין שדים״.

די צוויי ווייבער האָבן געקוקט אויף מנחם־לאָזערן, ווי ער וואָלט געווען זייער רעטונג, און ער איז געבליבן מיט זיי ביז דער דאָקטער איז נאָך מעריב צוריק־געקומען אַהיים.

ווי עס געשעט נישט זעלטן, אַ מענטש דערפילט פון דער וויטנס אַ געשעע־ניש ביי זיינעם אַ נאָענטן, ווי אַ חיה אין פעלד דערפילט אַן אָנקומענדיק געוויטער, אַזוי האָט אליעזר פון דער וויטנס דערפילט, אַז עפּעס נישט געווינטלעכס איז געשען ביי אים אין הויז. ער האָט עס דערפילט נאָך בייטאָג ווען ער איז געזעסן ביים בעט פון דעם פאַרוווּנדעטן עקאָנאָם פונעם גראַפס הויף. זביגניעוו פּיערלאָ, דער עקאָנאָם, האָט דעם דאָקטער דערציילט ווי אַזוי ער איז נאָך מיטאָג מיט אַ

טאָג פֿריִער אַרויסגעריטן אין פֿעלד צו זען דעם היי־שניט. אַזאַ איז זיין טבע פֿון אַלע יאָרן אין הויף: ווען מען שניידט די תּבֿואה, צי דעם היי, אָדער דעם פֿלאַקס, רייט ער אַרויס אין פֿעלד איידער די כּמעט פֿאַרענדיקן זייער אַרבעט דעם טאָג, צו זען צי זיי לאָזן נישט אויף הפֿקר גאָטס גאָב. איז ער ווי אַלע מאָל געריטן איבער די געשניטענע לאַנען. פּלוצים, נעבן אַ סטויג היי, וואָס מען האָט אָנגעהויפּט מיט אַ וואָך צוריק, איז ער דערציטערט געוואָרן פֿון גאָרנישט. עס האָט אים אַרומגענומען אַ פּחד פֿאַרן טויט. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די שפּאָרן אין פֿערדס בויך, אַוועקצואַיילן צוריק אַהיים, טאָמער גייט געשען מיט אים וואָס ער טראַכט עס גייט געשען. נאָר דאָס פֿערד האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. דאָס פֿעלד איז געווען טרוקן, אָבער דעם פֿערדס פֿיס האָבן זיך נישט גערירט, ווי זיי וואָלטן געזונקען טיף אין אַ זומפּ. האָט ער ווידער און ווידער געקלאַפּט דעם פֿערד מיט די שפּאָרן ביז פֿון גרויס ווייטיק האָט זיך עס געשטעלט דיבאָם, אויף די הינטערשטע פֿיס, אויסגעשטרעקט די אויערן אויף פֿאָרויס און זיך צעהירזשעט מיט אַ ווילדערניש וואָס ער האָט קיין מאָל ביי דעם פֿערד נישט געהערט. און ווי דאָס פֿערד האָט געהירזשעט אַזוי איז געקומען אַ לאַכנדיק ווידערקול, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווי אין אַ וואַלד — או־אַ, או־או־אַ, או־אַאַאַ, או־אַאַאַאַאַ. דאָס פֿערד האָט זיך פּלוצים איינגעבראָכן, געפֿאַלן און צוגעדריקט דעם לינקן פֿוס פֿונעם עקאָנאָם. זביגניעוו פּיערלאָ געדענקט, אַז ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ קללה פֿון מויל און דאָס ליכט פֿון טאָג האָט זיך פֿאַרלאָשן, ווי עס וואָלט קיין מאָל קיין ליכט אויף דער וועלט נישט געווען. דערנאָך האָט ער אויפֿגעהערט זיין. דערנאָך האָט ער געעפֿנט די אויגן און געזען אַ נאַכטיקן הימל אויסגעשטערנט מיט מילי־מיליאָסן שטערנס, נאָר קעלטערע און גרינערע ווי שטערנס זענען געווייטלעך. פֿון אָנהייב האָט ער נישט געוווּסט וואָס עס איז געשען מיט אים און ווו ער געפֿינט זיך. אַלץ איז געווען אויסגעמעקט פֿון זיין זכּרון, ווי עס ווערט אויסגעמעקט אַ חשבון פֿון אַ קריידל אויפֿן טיש. ביסלעכווייז האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מיט אים איז געווען זיין פֿערד, נאָר דאָס פֿערד איז נישטאָ. האָט ער גערופֿן דאָס פֿערד: אַהי, אַהי־י־י־י־י־י! אַהי, אַהי, אַהי־י־י־ייי! אַהייי! און אויף זיין רופֿן האָבן זיך אָנגערופֿן מענטשלעכע געשרייען. די געשרייען זענען געקומען פֿון די הויפֿלייט, וואָס האָבן אים געזוכט אין די פֿעלדער. וואָרום דאָס פֿערד איז פֿאַרנאַכט אַליין געקומען צוריק צו לויפֿן אין שטאַל אַריין. די פֿעל פֿונעם פֿערד איז געווען באַדעקט מיט אַ שוים און דאָס באַשעפֿעניש האָט געציטערט, ווי עס וואָלט באַקומען קדחת. זענען די לייט אַרויס זוכן דעם עקאָנאָם און ערשט פֿון זיין רופֿן דאָס פֿערד האָבן זיי אים געפֿונען נעבן סטויג היי, מיט אַ קאַליקן פֿוס, וואָס ער האָט אים מיט דעם כּוח פֿון זיין גוף נישט געקענט אויפֿהייבן. די לייט האָבן אים גענומען אויף די אַקסלען און אים געבראַכט אַהיים.

ווען זביגניעוו פּיערלאָ האָט דערציילט וואָס עס האָט זיך מיט אים פֿאַרלאָפֿן, און ס'איז געווען בייטאָג, אין דער צייט ווען אַ מדינה־גייער איז געקומען צום הויז פֿון אליעזרן בעטן אַ נדבֿה און נעכע האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט

— האָט אליעזר אַ ציטער געטאָן מיט פּלוצימע אַנגסטן, אַזש די האָר האָבן אים געשטאָכן, און ער האָט געזאָגט צום עקאָנאָם:

„ווען איר דערציילט מיר וואָס איר דערציילט מיר, וועל איך אויך האָבן עפּעס צו דערציילן וואָס עס געשעט איצט ביי מיר אין הויז, אין בראָד".

„וואָס אַזעלכס געשעט?" — האָט זביגניעוו פּיערלאַ געפרעגט.

„דאָס ווייס איך נישט" — האָט אליעזר זיך אויפגעשטעלט מיט אומגעדולד.

„פון וואַנען זשע ווייסט איר, אַז עפּעס געשעט?" — האָט דער עקאָנאָם גע־וואָלט וויסן.

„ווי איר האָט געזען און געהערט מיט אייַערע אויגן און אויערן, וואָס איז געשען נעכטן מיט אייך, אַזוי זענען פאַראַן נשמה־אויגן און נשמה־אויערן, וואָס זעען און הערן פון דער וויטנס, נאָר נישט תמיד באַגרייפט מען פון דער וויטנס וואָס עס איז געשען" — האָט אליעזר געזאָגט מיט זיכערקייט און דער עקאָנאָם האָט פון אים דעם בליק נישט אַראָפּגעלאָזט.

אליעזר האָט געאייַלט אַהיים. ער האָט באַפוילן דעם שמייסער ער זאָל נישט קאַרגן די פערד אַ בייטש, זיי זאָלן דאָס מאָל זיך צואייַלן מער ווי אַלע מאָל. פון דעם וואָס ער האָט אונטערגעאייַלט דעם שמייסער און יעדעס מאָל האָט די בייטש געפּייפט און מיט אַ קנאַק זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די זאַדעס פון די פערד, איז אליעזרן הייס געוואָרן. אין דער מחשבה האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, אַז ער דאַרף נישט איבערטרייבן. דאָס וואָס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, אַז עפּעס איז געשען, קען אויך זיין נישט וויכטיקס, נאָר זעלדע, ווי אַ ווייב, האָט זיך עס גענומען שטאַרק צום האַרצן און געבעטן אויף זיין הילף. דערמיט האָט ער געוואָלט זיך אַליין באַרויִקן און זיך נישט באַרויִקט.

„וויפל מאָל דאַרף איך דיר זאָגן, אַז די בייטש איז געמאַכט געוואָרן צו שמייסן מיט איר?!" — האָט ער אונטערגעאייַלט.

„די פערד זענען שוין נאָס פון שוויס, האַר" — האָט דער שמייסער זיך פאַר־ענטפערט.

אַלע מאָל, ווען דער געשפּאַן קומט אַרויף אויפן וועג דורכן וואַלד, צוימען די פערד זייער געלאַף. דער וואַלדוועג איז צעאַדערט מיט דיקע וואָרצלען פון דיביימער אויף די זייטן און ווען דער וואָגן איז אין געלאַף הייבט ער זיך אויף און פאַלט צוריק אַראָפּ, אַז די געדערעם דרייען זיך איבער אין בויך. ווייסן די פערד, אַז אויף דעם צעאַדערטן וועג דאַרפן זיי ציִען דעם געשפּאַן פאַמעלעכער ווען די וואָרצלען זענען הויכע. דאָס מאָל האָט אליעזר געאייַלט. ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט זיין אין דער היים. „טרייב, טרייב!" — האָט ער אונטערגעאייַלט און דער וואָגן איז געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ. און אַזוי ביז דער געהער פונעם שמייסער האָט פאַרנומען, אַז אַן אַקס האָט זיך אויסגעקרומט און אַ ראָד לייגט זיך אויף אַ זייט. ער האָט פאַרהאַלטן דעם געשפּאַן, אַרונטערגעקראָכן אונטערן וואָגן און פון דאָרט אַרויסגעקרעכצט, אַז אויב מען וועט ביז האַלבע נאַכט דער־פאָרן קיין בראָד וועט עס זיין אַ ריין פאַרדינסט.

„אפשר טוישן די רעדער?״ — האָט אליעזר געעצהט.

„מיינט איר, האַר, אַז אויב איך וועל דעם רעכטן ראָד געבן אויף דער לינקער בוקסע וועט זיך פאָרן שנעלער?״ — האָט דער שמייסער געפרעגט פון אונטערן וואָגן.

„פון מיינעטוועגן קענסטו אַלע פיר רעדער אַוועקוואַרפן, אַבי איך זאָל וואָס שנעלער זיין אין דער היים״.

דער שמייסער האָט געטוישט דעם ראָד און דעם ווייטערדיקן וועג אין שטאָט אַריין דורכגעמאַכט אין אַ לייכט געלאָף. אליעזר איז אַהיימגעקומען נאָך מעריב. ער איז אַריינגעפאַלן אין הויז מיט אַ פרעגנדיק פּנים און דערזעענדיק מנחם־לאָזערן מיט צוויי פינגער צונויפגעדריקט ווי צו אַ שמעק טאַביק, האָט ער גאָרנישט געפרעגט. זעלדע האָט געזאָגט אַ רויִקע:

„איצט קענט איר גיין אַהיים, מלמד. אייַער ווייַב וועט זיכער איבערקלערן וואָס איר האָט זיך היינט פאַרזוימט״.

„אויב איר ווילט, ר׳ אליעזרס ווייב, וועל איך מאָרגן מערטשעם מיטברענגען אַ מזוזה״ — האָט מנחם־לאָזער אויפגעהויבן דאָס פּנים צו אליעזרן און ער האָט געפרעגט:

„עפּעס איז געשען אין הויז, אָדער איך בין זיך טועה?״

„אַ שלעפער האָט אַראָפּגעגנבעט די מזוזה פון ביישטידל״ — האָט זעלדע פאַרבראָכן די פינגער פון ביידע הענט.

„דאָס אַלץ?״ — האָט אליעזר געוואָלט וויסן.

„ס׳איז גענוג אַ גאַנצן טאָג אַרומצוגיין אין פּחד״ — האָט זעלדע געזאָגט.

„יענע לייט וועלן ערשט רעכט קומען נאָך האַלבער נאַכט״ — האָט זיך אָפּגערופן נעכע, ווישנדיק די הענט אין איר פאַרטעך.

„וועסט אַוועקשטעלן דיין מאַן, ער זאָל וואַכן אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ שטעקן צו פאַרטרייבן די שדים״ — האָט אליעזר געקוקט אויף דעם מלמד, וואָס האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן מלמדס אַקסל: „איך פאַרשטיי אַז צוליב דעם האָט איר פאַרשפּעטיקט צו דאַווע־נען מעריב מיט אַ מנין״.

„ביי אים אין הימל איז אָנגעלייגט יעדע תּפילה בכּוונה אין וועלכן אָרט מען זאָל נישט מתפּלל זיין״ — האָט מנחם־לאָזער זיך פאַרנויגט.

ער איז אַוועק. אליעזר האָט נישט דערציילט פאַר זעלדען וואָס ער האָט איבערגעלעבט זייט נאָך האַלבן טאָג. ער האָט געוווּסט, אַז אַלץ וואָס ער וועט איר דערציילן, וועט דינען ווי ליים פאַר איר מחשבה אויפצובויען פּחדים און פאַרויסזאָגענישן. נאָר ער האָט אויך געפילט, אַז דאָס אַראָפּגנבענען די מזוזה איז אַ תּחבולה צי אַ שטראָף, צי גאָר אַ וואָרעניש פון קהלס לייט. אויב דאָס איז אַזוי ווי ער פילט — וועט זיך עס מיט אַראָפּגנבענען די מזוזה נישט ענדיקן.

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָט מנחם־לאָזער דער מלמד געבראַכט אַ נייע מזוזה און אַן אונטערגעהאַקט אויג.

„אוי, אַ בראָך צו מיינע שונאים! — האָט נעכע אויסגעשריגן, שטאָט צו ענטפערן אים אויפן ‚גוט־מאָרגן׳ ווען זי האָט געעפנט פאַר אים די טיר — איר זעט דאָך אויס ווי מען וואָלט אייך פון קבר אויסגעגראָבן“.

אויף נעכעס געשריי איז אַנגעלאָפן זעלדע און דערזעענדיק דעם אויסזען פונעם מלמד איז זי געבליבן שטיין פון דער ווייטנס:

„איר זענט, חלילה, געפאַלן אין דער פינצטערניש נעכטן?“ — האָט זי געפרעגט מיט קרענקעניש אין קול. „אליעזר, זע נאָר ווי ר׳ מנחם־לאָזער זעט אויס!“

„ערגערט זיך נישט, ר׳ אליעזרס ווייב, אַז מען קומט אָפּ אויף דער וועלט, קומט מען ווייניקער אָפּ אויף יענער וועלט“ — האָט מנחם־לאָזער אַ ביסל אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ.

אליעזר איז אַריין און כאַטש אויך ער האָט זיך דערשראָקן, האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל און געפרעגט:

„אויף וועמען זענט איר נעכטן אַרויפגעפאַלן, אויף שיכּורים, אָדער אויף איינעם פון יענע לייט, צי לייטיכעס?! היינטיקע יונגעלייט!“

מנחם־לאָזער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם הלצהדיקן אָנשטעל פונעם דאָקטער און געענטפערט:

„אַז איך זע שיכּורים גייען, טרעט איך זיי אָפּ דעם וועג, און וואָס שייך יענע לייט, האָבן זיי נישט אויף מיר קיין שליטה. איך האָב נישט קיין פסולע ציצית. נאָר איך האָב געוואָלט באַגינען דאַווענען מיט אַ מנין, בין איך געגאַנגען אין קלויז. איז זימל פּרנס אַרויס אויף מיר, אַז איך בין אַ שעבס, צי אַ מין, חלילה, און נאָך אַזעלכע זאַכן. אַז איך האָב אים נישט געענטפערט, האָט ער אָנגערייצט אויף מיר די מתפּללים און זיי האָבן מיך צעשלאָגן“.

אליעזר איז פּלוצים געוואָרן פאַרוואָלקנט. די ברעמען האָבן זיך אים אַראָפּ־געלאָזט איבער די אויגן.

„ס׳ווערט ענג, ס׳ווערט ענג“ — האָט ער געשעפּטשעט און זיך אויסגעדרייט, נישט צו דאַרפן קוקן אין פּנים פון דעם מלמד.

דערנאָך, ווען אליעזר האָט צוגעגרייט די קינדער, זיי דערציילט, אַז דער רבי האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין אַן אויג און דעריבער וועט ער דעם טאָג נישט לערנען מיט זיי ווי יעדן טאָג און ער וועט אַהיימגיין פריִער — כּדי די קינדער זאָלן נישט פרעגן קיין שאלות, האָט ער ביים מלמד גענומען די מזוזה און געגאַנ־גען זי אָנקלאַפּן אויפן ביישטידל. ער האָט די מזוזה אָנגעקלאַפּט אַ ביסל העכער, עס זאָל זיך אַרויסזען דער העלער פלעק פון דעם פּלאַץ אויף וועלכן עס איז געווען די פריִערדיקע מזוזה, און געטראַכט האָט ער וועגן דעם זכר פון חורבן בית־המקדש, וואָס יעדער ייִד לאָזט איבער אין זיין הויז. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם וואָס ער האָט געפילט מיט אַ טאָג פריִער ביים בעט פון דעם פאַרווונדעטן זביגניעוו פּיערלאַ, און ביים פאַרענדיקן אָנקלאַפּן די מזוזה איז ער געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט: „ס׳קען נישט זיין אַזאַ שטאַרק פאַרגעפּיל צוליב

גאָרנישט — האָט ער געטראַכט — זאָל גאָט היטן מיין הויז און מיין הויזגעזינד".

דער שבתדיקער טאָג, כאָטש ער האָט זיך נישט אונטערשיידט פון אַלע שבתים אין דעם יאָר, איז פאַר זעלדען געווען אַ באַזונדער העלער שבת. די קינדער האָבן אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אין סאָד, און די עלטערע, יצחק און באַשע, האָבן צוגעטראָגט פאַר זייער ברודער אלכסנדר און פאַר נעכעס זון, שׂמחה, שפּילערייען. אלכסנדר האָט זיך געקענט שטעלן אויפן קאָפּ און זיך איבערקאַטשען קאָזשעלקעס. יצחק האָט אים געוואָלט נאָכמאַכן און נישט געקענט. ער איז יעדעס מאָל גע־פאַלן אויף אַ זייט, ווי ער וואָלט געווען פון בליַי. דאָס זעלבע איז געשען מיט שׂמחהן. יעדעס מאָל ווען די קינדער זענען שווער געפאַלן אויף אַ זייט, האָט עס ביי זעלדען אַרויסגערופן פריילעכקייט, עפּעס אַ געפיל, אַז דאָס איז דער שענסטער טאָג פון אַ סך טעג. שפּעטער, ווען זי איז זאַט געוואָרן מיט דער פרייד פון די קינדער און אליעזר האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם נאָכמיטאָג־שלאָף, איז זי אַריין אין הויז און האָט דריַי מאָל אויסגעשפּיגן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר איר אייגן געפיל פון גליק, זי זאָל זיך אַליין נישט געבן אַן עין־הרע.

דורך די אָפענע פענצטער צום סאָד האָט אַריינגעהילכט די קינדערשע פרייד, ווי דאָס פריילעכע טשוויטשערן פון שוואַלבן איידער זיי פליִען אַוועק אויף איבער־נאַכט אין זייערע נעסטן. אליעזר איז אַרויס צו די קינדער און איינס נאָכן אַנדערן גענומען אויף די אַקסלען. די קינדער זענען זיך פאַרגאַנגען פון פרייד צוליבן פּלוצימען זיין הויך, העכער ווי דער פאָטער.

„מי אויך, מי אויך!" — האָט זיך דער קליינער שׂמחה געריסן, אליעזר זאָל אויך אים נעמען אויף זיינע אַקסלען, און אליעזר האָט געשריגן הויך, הויך און פריידיק:

„אַוודאי נעם איך דיך! אויך דו דאַרפסט אויסוואַקסן אַ גרויסער יונג!"

אין זעלדעס אויערן האָט אליעזרס געשריי אָפּגעהילכט ווי דאָס געשריי פון אַ ייִנגל, און עס איז איר פון דעם געשריי וואַרעם געוואָרן אונטערן האַרץ. דאָרט שפּילט זיך איר גאַנץ פאַרמעג.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקל פון דער סאָפע מיטן פּנים צום פענצטער. כּדי אין הויז זאָל נישט זיין קיין צוגווינט, האָט זי די פראָנט־פענצטער קיין מאָל נישט געלאָזט עפענען, ווען עס זענען געווען אָפן די פענצטער צו דער זייט פון סאָד. זי האָט ליב געהאַט די פאַרמאַכטע פענצטער צו דער פראָנטזיַיט. זיי גיבן איר דאָס געפיל פון זיכערקייט, און דורך זיי, קוקנדיק פון דער סאָפע, זעט זי בלויז דעם הימל. דער שבתדיקער הימל איז אַזאַ בענקשאַפטלעך זיסער, אַזאַ אַנדערער, ווי עס איז דער הימל ערב שבת. דער שבתדיקער הימל באַצירט זיך מיט גאָלד ווען די זון הייבט אָן זיך זעצן, און די ציכטיקע בלויקייט צעשווימט ביסלעכווייז אין גראָ און דאָס גראָע באַזוימט זיך מיט ראָזיקייט, און צווישן די קאָלירן שווימט אַוועק דער הייליקער שבת. דער הימל איז אַ שטילער, מען קען זיך איינהערן אין זיין שטילקייט און דעמאָלט ווערט מען אויך הערן די ווייכע טריט, מיט וועלכע דער הייליקער שבת גייט אַוועק באַגלייט פון אליהו הנביא.

זעלדע האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פענצטער און מיט די פינגער אַ וויש געטאָן די פייכטקייט פון די שייבלעך, כאָטש קיין פייכטקייט איז אויף זיי נישט געווען, און גייענדיק צוריק האָט זי מיט דעם זעלבן ניגון, וואָס זי האָט געהערט נאָך פון איר באָבען — און אויך איר מאַמע זאָגט מיט דעם זעלבן ניגון „גאָט פון אברהם" — האָט זי געזאָגט איר תפילה:

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
באַהיט דיַין הייליק פאָלק ישׂראל
און באַשיץ עס אין דיַין ליבן לויץ.
ווי דער שבת־קודש גייט אַוועק
זאָל די וואָך מיט לויטערע טעג צו אונדז קומען —
צו געזונט, צו עושר, צו כּבוד און צו מזל און צו ברכה.
אליהו הנביא, אליהו הגלעדי, אליהו התשבי,
ווי דו גייסט אַרום איבערן גאַנצן לאַנד,
זוי נעם אונדז מיט ליבשאַפט ביַי דער רעכטער האַנט
און פיר אונדז צו מעשׂים טובים, צום שבח פון זיַין געבאָט.
דאָס בייזס זאָל אַרויס און דאָס גוטע זאָל אַריַין,
אליהו הנביא זאָל תּמיד און אייביק זיַין,
אליהו הנביא זאָל אונדז גוטע בשׂורות, ישועות ונחמות
אויף דער פולער וואָך מבשׂר זיַין...

אַ קלאַפּ אין פענצטער, ווי מיט די האַרטע פליגל פון אַ פלעדערמויז, האָט איבערגעשראָקן זעלדען און זי האָט איבערגעריסן איר תפילה. מיט פאַרפלאָכטענע הענט האָט זי זיך אָנגעכאַפּט ביי דער ברוסט. זי פאַרטראַגט נישט דאָס אַרומ־בלאָנקען פון פלעדערמייז און זייער קלאַפּן מיט די פליגל. האָט זי איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך איינגעהערט און מיט אומרו ווייטער געצויגן איר תפילה זיך שאָקלענדיק:

אַלע זיבן הימלען שטייען אָפן
און איך טו, האַר, צו קיינעם נישט האָפן,
נאָר צו דיר אַליין.
גאָט ברוך־הוא, טו אונדז בענטשן,
מיר זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו קיין מענטשן,
מיט דיַין רעכטער האַנט זאָלסטו אונדז שפּיַיזן
און דעם וועג פון מצוות אונדז וויַיזן —
פאַר מיר, פאַר מיַין מאַן, פאַר מיַינע קינדער,
בעט איך אליהו הנביא אַצינדער
אַז ווי דער שבת־קודש גייט אַוועק
זאָל צו די צרות פון דיַין פאָלק נעמען אַן עק.

זעלדע האָט אַריינגענומען דאָס פּנים אין אירע האַנטפלאַכן און מיט צערו־דערטער שטילקייט איינגעטעמט איר אייגענע וואַרעמקייט, ווי פּלוצים האָט אַ בראַזג געטאָן דער קלאַנג פון אַן אויסגעשלאָגענער שויב און אויפן דיל איז מיט אַ טעמפּן קלאַפּ אַראָפּגעפאַלן אַ שווערע זאַך. מיטן געבראַזג איז זעלדע אויפגע־שפּרונגען און אויסגעשריגן: „אליעזר!״

אין איר תּפילה האָט זי נישט געהערט די דויערנדיקע צעשפּילטקייט פון אירע קינדער און פון איר מאַן אינעם סאַד, נאָר איצט, נאָכן געבראַזג פון גלאָז, האָבן איר די פריילעכע געשרייען אויסגעזען אומהיימלעך און זי האָט זיך צעשריגן: „אליעזר! אליעזר!״ און זי איז געלאָפן צום אָפענעם פענצטער פון דער זייט פון סאַד. אליעזר איז אַנגעלאָפן.

„אַ פלעדערמויז האָט אויסגעשלאָגן אַ שויב!״ — איז זעלדע אַ צעשראָקענע אַרויפגעפאַלן אויף דער ברוסט פון איר מאַן.

„אַ פלעדערמויז?״ — האָט ער זיך געוווּנדערט.

נישט אָפּלאָזנדיק זעלדען האָט ער זיך מיט איר צוזאַמען דערנענטערט צום פענצטער. זיין פוס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ האַרטער זאַך. ער האָט זיך אַראָפּ־געבויגן און אויפגעהויבן אַ שטיין. מיט דעם שטיין אין איין האַנט און מיט דעם צווייטן אָרעם פירנדיק זעלדען, איז ער צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו דער אויסגע־שלאָגענער שויב.

„נישט קיין פלעדערמויז, זעלדע, האָט אויסגעשלאָגן אונדזער שויב. דאָס ווילן ,צדיקים׳, ענלעכע צו די וועלכע האָבן גורם געווען דעם חורבן פון סדום, חרוב מאַכן אונדזער הויז... זעסט, נאָך קיין דריי שטערנס נישטאָ אויפן הימל און נישט געקענט זיך איינהאַלטן פון מחלל שבת צו זיין...״

ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער צעבראָכענער שויב און דורך דעם לאָך אַרויסגעלאָזט דעם שטיין פון זיין האַנט אויף יענער זייט פענצטער.

„ס׳איז דיר קאַלט, זעלדע, וואָס דו ציטערסט? — האָט ער זעלדען געדריקט צו זיך — באַרויִק זיך, זיי וועלן דאָס הויז פון אליעזרן נישט חרוב מאַכן!... גיי נעם אַריין די קינדער אין הויז און איך וועל אָנצינדן אַ ליכט אויף אַ פולע גוטע וואָך״...

דער משולח פון ווילנע

נישט ווי אַלע מאָל — מיט אַ ‚גאָט־העלף׳, צי מיט אַן ‚אָונט־טוב׳ — נאָר מיט אַ ‚ברוך שפטרנו׳ האָבן זיך ייִדן באַגעגנט אין גאַס, צי אין קלויז, אין יענע טעג. דער שווערער שטיין פון האַרץ איז זיי אַראָפּגעפאַלן, נישט ווייל אַזוינע לייט פון די לייט ווי מנחם־לאַזער דער מלמד, צי זיינס גלייכן, זענען נעלם געוואָרן פון דער שטאָט, ווי די ערד וואָלט זיי איינגעשלונגען, נאָר מיט דעם ‚ברוך שפטרנו׳ האָבן זיי געמיינט דעם דאָקטער אליעזר אַרטאַפּאַנוס. אַפילו די בראָדער באַלע־גאָלעס, וואָס אַן זיי רירט זיך נישט אַרויס אַ ייִד פון שטאָט, זענען געווען צע־טומלט פון וועגן נישט וויסן ווען דער דאָקטער האָט אָנגעלאָדן וועגענער מיט זיין האָב, פאַרנומען זיין הויזגעזינד און אַנטרונען. אַ שמועה איז אַרומגעגאַנגען, אַז ווי די פּריצים האַלטן אין זייערע הייף די מינים פון יעקב פראַנק און קעכלען זיי מיט אַלעם גוטן, אַזוי האָט אויך דער גראַף פּאָטאָצקי גענומען אונטער זיין שוץ דעם מעזעריטשער מין, דעם דאָקטער, און אויף זיינע וועגענער איז ער מיט ווייב און קינדער נעלם געוואָרן פון דער שטאָט.

כאָטש די געמיינע לייט אין שטאָט האָבן אַלע מאָל דערמאָנט דעם דאָקטערס נאָמען מיט יראת־הכבוד און מיט גדלות, אַז זיי קערן זיך אָן מיט אַ ייִדישן שׂררה, האָבן זיי זיך איצט געפילט ווי זיי וואָלטן באַפרייט געוואָרן פון אַ גזירה פון הימל. דער הימל האָט אַראָפּגענומען פון זייערע אויגן ס׳פאַרבלענדניש. עלטערע ייִדן האָבן זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך איז אויך דאָס אָנקומען פון דעם דאָקטער קיין בראָד נישט געווען בדרך הטבע. קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען אין שטאָט אַריין און פאַר וואָס איז ער נישט פאַרפאָרן קיין האָצע־פּלאָץ נאָר גראָד קיין בראָד? ביי קהל איז ער מכמה וכמה יאָרן אַ חשוד, און איצט זעט די וועלט, אַז קהל איז געווען גערעכט. דאָס קריגעלע טראָגט זיך אַזוי לאַנג ביז דאָס אויערל ברעכט זיך אָפּ.

אסרו חג שבועות איז קיין בראָד אָנגעקומען אַ משולח פון דעם ווילנער גאון ר׳ אליהו. געהייסן האָט ער אלחנן און ער איז געווען הויך און דאַר ווי אַ בערעזע־בוים, מיט אַ ציטערנדיקע באָרד פון אַ באָק און מיט גרויסע בליציקע אויגן. דער אויבערשטער טייל גוף זיינער איז געלאָפן פאַר די פיס און דערום איז ער געווען געבוירן אויף פאָרויס, ווי ביים שאָקלען אַ לולב. ביים גיין האָט ער געדודערט מיט די אַקסלען. ער איז אָנגעקומען קיין בראָד אימפּעטיק און מיט דעם שטויב פון וועג איז ער אַריין צו קהל. ער האָט פון זיין זאַק אַרויסגענומען דעם חרם־כּרוז פון דעם ווילנער בית־דין און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש. איז ווי קהל האָט

איבערגעלייענט דעם כּרוז, אַזוי איז די זון פּלוצים פֿאַרגאַנגען און דער בלאָער זומערדיקער הימל האָט זיך באַדעקט מיט שטורעם־וואָלקנס, ווי אין די ימים־נוראים.

דעם אָוונט פֿון דעם זעלבן טאָג איז דער משולח געשטאַנען אויפֿן בעלעמער פֿון דער שול ווי אַ בוים וואָס האָט פֿאַרלוירן די צווייגן, און מיט אַ וויינענדיק קול דערציילט וואָס פֿאַר אַ שרעקעוודיקייטן עס זענען רחמנא־ליצלן געשען אין דער הייליקער קהילה ווילנע. אום דאָס זעלבע זאָל זיך, חלילה, נישט איבערחזרן אין דער הייליקער קהילה בראָד, האָט דער חסיד ר׳ אליהו הגאון אים באַפֿוילן, ער זאָל נעמען דעם חרם־כּרוז און מיט אים אַוועקאײַלן אויף דרום צו דער חשובער קהילה בראָד.

אין איינעם אַ טאָג פֿון אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר איז — נישט געדאַכט אויף קיין שום ייִדישן מקום — אין ווילנע אויסגעבראָכן אַ מגיפֿה, וואָס האָט זיך כּהרף־עין איבערגעטראָגן פֿון הויז צו הויז, ווי עס טראָגן זיך איבער די פֿלאַמען פֿון אַ שׂריפֿה. אין די קלויזן האָבן זיך ייִדן געזעצט זאָגן תּהילים; אַלטע ווייבער צדקניות זענען אַרויס אויפֿן בית־החיים צו מעסטן קברים; אין די בתּי־מדרשים האָבן פֿרומע לייט איינגעריסן ביי די אָרון־קודשס; סופֿרים האָבן איבערגעקוקט די מזוזות אויף די ביישטידלעך און ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. די קברנים זענען פֿון וועגן דער מגיפֿה געוועזן כּפֿל־כּפֿלים פֿאַרנומען מער ווי די הייבאַמס. האָט דער ווילנער רב ר׳ שמואל באַפֿוילן, אַז מען דאַרף פּרוּוון דאָס לעצטע: מזווג זיין אַ זיווג פֿון צוויי קאַליקעס און שטעלן די חופּה אויפֿן בית־החיים. אַז קהל האָט אַזוי געטאָן ווי דער רב ר׳ שמואל האָט באַפֿוילן און צו דער מגיפֿה האָט קיין סוף נישט געווען, אַזוי האָט דער גאון ר׳ אליהו גערופֿן צו זיך דעם רב און די דיינים און געטאָן זאָגן צו זיי אַזוי צו זאָגן:

„די מגיפֿה אין אונדזער הייליקער קהילה איז מחמת די חטאים פֿון די סטיגאַטערס און מסיתים, די קאַרלינער מינים, וואָס האָבן זיך מתיחד געוועזן מיט דער סטרא־אחרא, דעם מעזעריטשער מגיד. נאָר אַזוי ווי אונדזער האַנט איז נעגעטער צו דערגרייכן די לייט פֿון אהרן קאַרלינער ווי די לייט פֿון דב בער פֿון מעזעריטש, אַזוי דאַרף מען אויסברענען דאָס אומקרויט וואָס איז נעגעטער, און די קאַרלינער מחרים זיין בכל חומרת החרם. האָט קהל געפֿאַנגען צוויי לייט פֿון דעם קאַרלינער מנין, גוזר געוועזן אויף זיי מלקות, דערנאָך זיי איינגעשלאָסן אין דער קונע און נעבן דער קונע פֿאַרברענט די טריף־פּסולס פֿון די קאַרלינער און מחרים געוועזן די גאַנצע חברותא. איז ווי דער חרם איז אויסגערופֿן געוואָרן אַזוי איז די מגיפֿה אַרויס פֿון דער שטאָט, נעלם געוואָרן, ווי זי וואָלט קיין מאָל נישט געוועזן״.

ייִדן אין דער שול האָבן געוויינט אויף דעם וואָס זייערע אויערן האָבן געהערט פֿון אלחנן, דעם ווילנער משולח. בראָדער קהל האָט זיך די מעשׂה־נורא שטאַרק גענומען צום האַרצן, עס זאָל זיך, חלילה, אין שטאָט נישט איבערחזרן די מעשׂה ווילנע. האָט זיך קהל געפֿעדערט אינעם טאָג פֿונעם גרויסן יאַריד, צוואַנציק טעג אין חודש סיון, און אַרויסגעלאָזט אַ חרם־כּרוז צו פֿאַרלעשן דאָס

פּרעמדע פייער, וואָס האָט זיך בעוונותינו הרבים אַריינגעכאַפּט אין דער הייליקער עדה. און ווי דער כּרוז איז באַקאַנט געוואָרן, אַזוי האָבן זיך די פּרנסים און אַלע פרומע לייט גענומען מבער צו זיין דאָס בייזס פון דער שטאָט: אין דעם פאַרנאַכט פון יענעם טאָג האָבן לייט מיט שטיינער אויסגעשלאָגן די שויבן אויפן גאָרן פון וועלוול בעלזער, וואָס קהל האָט שוין לאַנג געהאַט אויף אים אַן אויג, אַז אין זיין הויז קומט זיך אין די שבתים צונויף אַ מנין, וואָס דאַוונט פון דעם אר״י הקודשס סידור און טוט אָפּ די אַלע מיאוסע מעשים, וואָס עס טוען אָפּ די מעזעריטשער מינים.

אויף צו מאָרגנס האָט קהל געשיקט זיינע לייט צו וועלוול בעלזער צו לאָזן אים וויסן ער זאָל זיך שטעלן פאַר די פּרנסים און אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון זיין כּפירה. האָבן די לייט געקלאַפּט אין דער טיר איין מאָל און צען מאָל, און אַז זיי האָבן געזען ער רופט זיך נישט אָפּ, אַזוי האָבן זיי אויפגעבראָכן די טיר און געפונען דעם בעל־דבר אַ טויטן אין דער סאַליע, ווו מיט אַן אָוונט פריִער זענען דאָרט אויסגעשלאָגן געוואָרן די שויבן. האָט קהל געזען אין דעם אַ סימן, אַז וועלוול בעלזער האָט מיט זיין טויט זיך אויסגעקויפט פון זיינע חטאים און האָט זיין גוף מקבר געווען ווי דעם גוף פון אַ בעל־תשובה.

די בהלה וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך דער אויסגעמאָגערטער ווילנער משולח, איז באַפאַלן אליעזרן ווי אַ חיה־רעה. בעת דער לוויה פון וועלוול בעלזער האָט ער געפילט אויף זיך די שאַרפהדיקע אויגן פון זימל פּרנס, ווי די אויגן פון אַ וואָלף, וואָס גרייט זיך צו צערייסן זיין קרבן. אויך דער רויטער נחמן הכהן איז אים אַריין אין וועג און מיט אַן עלנבויגן אים צוריקגעשטופּט, ווי אַן איבעריקן אויף דער לוויה. אליעזר האָט זיך געשטאַרקט און בייגעווען ביז צום סוף פון דער קבורה, נאָר אַנגסטן זענען אים אַרויסגעטראָטן אויפן לייַב פון דער היציקייט, וואָס עס האָט זיך געטראָגן צו אים פון די פיל אויגן. מיט יעדן האַסטיקן שופל ערד אויפן קבר פון זיין פריינד האָט אליעזר געפילט, אַז עס ווערן פאַרשיט זיינע טעג אין בראָד.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט אליעזר געאייַלט צום הויף. זעלדע האָט געפורכט פון זיין איַילעניש. ווי אַ וויב וואָס דערשמעקט סכּנה נאָך מער פון אַ מאַן, האָט זי געבראָכן די פינגער און געפרעגט: ‚האָבן זיי אים געטויט?׳ און ער האָט גע־ענטפערט: ‚יידן זענען נישט קיין רוצחים אין וואַלד׳.

ווי שווער עס איז אים געווען אויפן האַרצן פון דעם אַלעם וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך דער משולח פון ווילנע, איז אים נאָך שווערער געוואָרן פון וועגן דער מחשבה, אַז ער איַילט אין הויף פון דעם גראַף אַזוי ווי עס איַילן צו די פריצישע הייף די לייט פון יעקב פראַנק צו זוכן אַנטרינונג. די בראָדער קהל־לייט טרייבן אים חלילה אין דער מחנה פון די מלשינים. אליעזר האָט אַלע מאָל געטריבן קאַטאָוועס פון זעלדעס פּחדים פאַר שדים, ווילקאָלאַקס און קאָשעצן, וואָס זי גלויבט, אַז זיי טוען אָפּ אַלע מיני אויסטערלישע זאַכן. איצט, אויפן וועג צום הויף, איז אים באַפאַלן אַן אומזיכערקייט. קען זיין, אַז דער ווילנער משולח

איז נישט מער ווי אַ פֿאַרוואָרפֿענער קאָשעץ, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין בראָד צו מאַכן אַ בהלה צווישן ייִדן אום דעם און יענעם ברענגען צו ספקות. צי ווערט ער, אליעזר אַרטאַפֿאַנוס, געטריבן צום הויף, ווי עס זענען געטריבן געוואָרן פֿראַנקס לייט? וואָס איז דער כּוח פֿון דעם משולח, וואָס ער האָט גורם געווען דעם טויט פֿון וועלוול בעלזער און איצט טראָגט זיך ער אַליין, אליעזר, צום גראַפֿס הויף? ער האָט זיך אויפֿן געזעס פֿונעם געשפּאַן אויסגעדרייט צום וועג אויף צוריק, ווי ער וואָלט געהערט דאָס לויפֿן און סאָפּען פֿון דעם אויסגעמאָגערטן פֿאַרשויִן פֿון ווילנע.

ער איז געווען אַליין. אַרום האָט געבלומט דער פֿולער זומער. די פֿעלדער זענען געשטאַנען אין גרינס און פֿונעם גרינעם האָט אַרויסגעשפּראָצט צעהעלטער רויט, ווי שטיקלעך פֿייער; זאַפֿטיקער בלאָ, ווי שפּריצן פֿון אַ יונגן באַגינען, און שטיקלעך געלאָשענער גאָלד — אַ ריזיקער אויפֿגעגאַנגענער בלומען־פֿליין, און איבער דער פֿאַרביקייט פֿלאַטערן און ציטערן לעבעדיקע שניי־שפּליטערלעך, שמעטערלינגען, וואָס זענען ווינטער פֿאַרכּישופֿט געוואָרן צו לעבן אין זומער.

ערשט ביים דערנענטערן זיך צום הויף האָט אליעזר זיך דערמאָנט, אַז אין דער צייט פֿונעם יאָר איז דער גראַף דאָ נישטאָ. אויך דאָס האָט ער אָנגענומען ווי אַ סימן, אַז דער כּוח פֿונעם משולח איז אַ נישט־ערדישער און ער האָט נישט געקענט ביישטיין זיין בהלהדיקייט. ער איז פֿאַרפֿאָרן צום הויז פֿונעם עקאָנאָם זביגניעוו פּיערלאָ.

זביגניעוו פּיערלאָ איז געווען דעם גראַפֿס עקאָנאָם, אָבער זיין שטייגער איז געווען ווי פֿון אַ פּוילישן שלאַכטשיץ. זיין עלטער־זיידע, קסאַווערי פּיערלאָ, פֿון דער אַלטער שלאַכטע, האָט ביים טייך סאַן, נישט ווייט פֿון יעראָסלאַוו, געהאַט זיינע מאַיאָנטקעס און אַ הויף, וואָס זיין שם האָט דערגרייכט ביז ליטע. אַהער פֿלעגן קומען די יונגע טשאַרטאָריסקיס, זאַמאָיִסקיס און פּאָטאָצקיס אויף ווינטער־געיעג און הולאַנקעס. אין דער מלחמה מיט די קאָזאַקן האָט דער העטמאַן באָכדאַן כמיעלניצקי באַפֿוילן אויפֿהענגען דעם געפֿאַנגענעם קסאַווערי פּיערלאָ און פֿאַר־ברענען זיין הויף. די כאַמעס זענען זיך צעלאָפֿן פֿון די מאַיאָנטקעס און די פֿעלדער זענען פֿאַרוויסט געוואָרן. דער שלאַכטישער שטאַנד איז די קינדער פֿון קסאַווערי פּיערלאָ נישט בייגעשטאַנען. זיי זענען געבליבן יורדים אויף אַלע מאָל. כאָטש די נאָכקומיקע פֿון דעם אויפֿגעהאָנגענעם שלאַכטשיץ האָבן געגעסן דאָס ברויט פֿון פֿרעמדע טישן, דאָך האָבן זיי זייער שטאַנד־גדלות נישט פֿאַרלוירן. יעדער פֿון זיי האָט געדענקט די פּרטים פֿון זייער אַמאָליקן הערב בעסער ווי ער האָט געדענקט דעם קאַטעכיזם. זביגניעוו פּיערלאָ, דער עקאָנאָם פֿון דעם גראַף פּאָטאָצקי, האָט זיך געקליידט ווי אַ שלאַכטשיץ, געטרונקען און געגעסן ווי אַ שלאַכטשיץ און געווען ברייטהאַרציק ווי זיין עלטער־זיידע. דעם דאָקטער אליעזר האָט ער גערופֿן ‚אומגלויביקער׳, ווי יעדן ייִד, אָבער ער האָט אים מער פֿאַרערט און געווען צו אים מער צוגעלאָזן ווי צום הויף־קאַנאָניק, פֿאַר וועלכן ער פֿלעגט זיך מתוודה זיין פֿון זיינע חטאים.

„עפּעס גאָר וויכטיקס ברענגט היינט דעם דאָקטער אין הויף" — האָט דער עקאָנאָם געפּרוּווט טרעפן און כּדי נישט צו פילן זיך נידעריקער אין געוויקס פונעם דאָקטער האָט ער מיט די שפּיץ פינגער פון דער רעכטער האַנט אויפגעהויבן אַ וואָנסע, זי שאַרף פאַרדרייט אין אַ שפּיץ אַרויפצו.

„ריכטיק, פּאַניע שלאַכטשיצו — האָט אליעזר אים געחנפעט מיט דעם טיטל — זייער וויכטיקס ברענגט מיך אַהער. עס איז געשען, אַז איך מוז אַוועק פון בראָד".

„אָפּגעברענט?" — האָט פּיערלאָ געפרעגט אין קאַטאַוועס.

„מען דאַרף זיך באַוועגן — האָט אליעזר געזאָגט אויסמיידנדיק — פון צו פיל זיצן אויף איין פּלאַץ ווערן די גלידער פאַרשלאָפן. בראָד איז מיר צוגעגעסן געוואָרן".

„איר זיצט דאָרט צווישן אײַערע אומגלייביקע, איז וואָס איז אייך נימאס געוואָרן? דער קאָהאַל איז אייך נימאס געוואָרן, אָדער אײַער פּאָספּולסטוואָ?" — האָט פּיערלאָ געלאַכט פון זיינע אייגענע שאלות.

„דאָס זיצן אויף איין פּלאַץ" — האָט אליעזר געענטפערט.

„ווי די ציגיינער" — האָט זיך ביים עקאָנאָם אַרויסגעריסן.

אליעזרן האָבן אַ ברי געטאָן די האָר־וואָרצלען אויפן קאָפּ:

„נישט ווי ציגיינער, פּאַניע שלאַכטשיצו, ווי ייִדן, וואָס גאָט האָט זיי אַנגע־טרויט זיין הייליקע שריפט, זיי זאָלן זי טראָגן אומעטום און פאַרשפּרייטן גאָטס ליכט. זייער אומרו איז גאָטס אומרו".

„אָ, איר, דאָקטער, האָט אַלע מאָל און אויף אַלץ אַן ענטפער, נאָר דעם ריכטיקן ענטפער האָט איר מיר נישט געגעבן".

„ווי זאָל איך אייך געבן דעם ריכטיקן ענטפער ער זאָל גוט פאַרשטאַנען ווערן?" — האָט אליעזר געפרעגט און געפאָרשט פּיערלאָס פּעט פּנים. ער האָט געזאָגט האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאָס: „ביי אונדז ייִדן קומט איצט פאָר אַן אינסורעקציע. די מרידה איז געקומען פון מעזשיבאָזש".

זביגניעוו פּיערלאָ האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. האָט ער געפרעגט מיט ספיקות:

„ייִדישע קאָזאַקן אין בראָד?"

אליעזר האָט זיך דערשראָקן פאַר דער מחשבה, אַז פון דעם וואָרט ,אינסורעק־ציע' און ,מרידה' פון ייִדן זאָל דעם עקאָנאָם נישט קומען אויפן געדאַנק דער אַמאָליקער אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן, וואָס האָט פאַרשניטן זיין אַדעליקן שטאַנד. ער האָט אַ פאָכע געטאָן מיט דער האַנט ווי ער וואָלט געוואַנגען אויסבעסערן אַ טעות און געזאָגט:

„איר ווייסט, פּאַניע שלאַכטשיצו, אַז ייִדן און קאָזאַקן זענען ווי שדים און ווייַרעך. אונדזערע ווי אײַערע וווּנדן פון יענער צייט בלוטיקן נאָך, און ווען איר דערמאָנט קאָזאַקן דערפיל איך אין מיינע נאָזלעכער דעם רויך פון שׂריפות און ברענענדיקע מענטשלעכע לײַבער".

„איר האָט געזאָגט, אַז קאָהאַל מאַכט איצט אַן אינסורעקציע. פאַרגעסט איר,

אַז בראַד איז די שטאָט פון דעם גראַף?" — האָט פּיערלאַ געפרעגט מיט אומרו.

„ניין, פּאַניע שלאַכטשיצו, איך האָב נישט געזאָגט, אַז קאַהאַל מאַכט אַן אינסורעקציע. קאַהאַל האָט נישט קיין סיבה פאַר מרידה, ווי די שלאַכטע האָט נישט איצט קיין סיבה פאַר אינסורעקציע. נאָר דאָס געמיינע פאָלק ביי אונדז פאַרטראָגט נישט מער דעם יאָך..."

„צעקאַטעווען די פּאָספּולסטוואָ!" — האָט פּיערלאַ איבערגעריסן זיינע ווערטער מיט אַן אויסגעשריי פון אומגעדולד.

אליעזר איז געוואָרן רויק און זיין געמיט, וואָס איז ביז איצט געווען צעטרייסלט, איז געוואָרן שטיל, ווי ער וואָלט געווען נאָך אַ לאַנגן אָפּרו און נישט נאָך אַ נסיעה. פון דער געמיט־רויִקייט האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

„מיר, ליאַכן און יידן, וווינען אַזוי לאַנג צוזאַמען און איר קענט אונדז אַזוי ווייניק, ווי מיר וואָלטן זיך פרעמדע געטראָפן אין אַ וואַלד. מעגלעך, פּאַניע שלאַכטשיצו, אַז ווען מיר באַנוצן די זעלבע ווערטער, מיינט איר עפּעס אַנדערש און איך מיין עפּעס אַנדערש. איך האָב נישט קיין אַנדער וואָרט פאַר דעם וואָס איך וויל אייך זאָגן, האָב איך באַנוצט דאָס וואָרט ‚אינסורעקציע' און ‚מרידה'. אָבער דאָס איז נישט די אינסורעקציע, אין וועלכער די כאַמעס צינדן אונטער די מאַיאָנטקעס און גייען אַרויס מיט קאָסעס און סערפּן צו שניידן קעפּ. ביי אונדז קומט פאַר אַן ‚אינסורעקציע' מיט ליבשאַפט צו גאָט. גאָט אין הימל האָט מער נישט געקענט צוזען ווי זיין אָרעם פאָלק ווערט געקלעמט פון קאַהאַל, וואָס האָט אויך אים אַליין גענומען אין אַרענדע. נישט שטראָפן זאָל מיך גאָט פאַר די רייד. קאַהאַל האַנדלט מיט גאָט, מיט ליכט, מיט פלייש און מיט זאַלץ און דער געמיינער מאַן קען נישט צוקומען נישט צו דעם און נישט צו דעם און נישט צו דעם. האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אין אָקופּ, נעבן קאָמעניעץ, אַ מאַן וואָס גערופן האָט מען אים רבי ישׂראל בעל־שם־טוב. און דער אַראָפּגעשיקטער פון גאָט איז געווע אַזוי אָרעם ווי די, פאַר וועלכע ער איז געשיקט געוואָרן. און דער מאַן האָט געלערנט אין נאָמען פון גאָט, אַז דער באַשעפער פון דער וועלט איז אַ באַרעמהאַרציקער פאָטער פאַר יעדן איינציקן מענטש. און דער באַרעמהאַרציקער פאָטער איז נישט אין אַרענדע פון קאַהאַל. קאַהאַל האָט נישט קיין רשות אויף אים. נאָר ער איז אומעטום, אויפן מאַרק און אין פעלד, אין יעדן אָרעם הויז און אומעטום ווו דער מענטש קערט זיך און ווענדט זיך; ער איז מיט דעם מענטש אַפילו ווען ער זינדיקט. רבי ישׂראל בעל־שם־טוב האָט גערעדט מיט גאָט ווען ער איז געגאַנגען אין פעלד צווישן די תבואות, אָדער ווען ער האָט געגראָבן ליים אויף צו דערהאַלטן זיין ל(?)יב ביים לעבן, און געבעטן פאַר דעם ווייל און לוין פון די, פאַר וועלכע גאָט האָט אים אַראָפּגעשיקט. האָט דאָס פאָלק געזען, אַז רבי ישׂראל בעל־שם־טוב פועלט אויס ביים באַשעפער פון דער וועלט הילף פאַר די געמיינע לייט, אַזוי האָבן די געמיינע לייט זיך אָפּגעקערט און אָפּגעווענדט פון זיינע באַדריקער און זיך איבערגעגעבן דער אמונה פון דעם בעל־שם־טוב. ווי פריִער האָבן זיך די לייט פון קאַהאַל אָפּגעווענדט פון דעם פּראָסטן פאָלק, אַזוי האָט זיך דאָס פּראָסטע

פּאָלק איצט אָנגעהויבן אָפּווענדן פון די אַרענדאַרן פון גאָט, פלייש, ליכט און זאַלץ אין קאָהאָל. דאָס איז נישט צום האַרצן פון די לייט, וואָרום זיי האָבן מורא, אַז אויב די געמיינע לייט גייען אַוועק באַזונדער און בעטן צו גאָט באַזונדער, וועלן זיי, פון קאָהאָל, מער נישט האָבן קיין מאַכט. לייגט קאָהאָל אַריין אין חרם די אַלע וואָס ווידערשפּעניקן און ווילן דינען גאָט דורך שׂמחה, התלהבות און אמונה. חרם איז ערגער ווי דער טויט, פּאַניע שלאַכטשיצו. די ווידערשפּעניקע קעגן קאָהאָל ענטפערן נישט חלילה מיט בלוט־פאַרגיסונג, צי מיט רויב, זיי ענטפערן מיט אָפּזונדערן זיך, מיט פאַרגעבן זייערע רודפער, מיט הייסע תּפילות און מיט געזאַנג. דאָס איז זייער אינסורעקציע! האָט איר שוין געזען, פּאַניע שלאַכטשיצו, אַן אינסורעקציע מיט ליבשאַפט?"

זביגניעוו פּיערלאָ איז געווען צעטומלט פון דעם וואָס זיינע אויערן האָבן פאַרנומען. ביים אויסהערן די ווערטער פון דעם דאָקטער האָט ער נישט אויפ־געהערט טרייסלען מיט אַ קני און דרייען די שפּיצן וואָנסן אַזוי שטאַרק, אַז צום סוף זענען זיי געבליבן שטיין שטייף ווי צוויי הערנדלעך. אַפילו ווען דער דאָקטער האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט זיינע ווערטער, האָט פּיערלאָ נאָך אַלץ געטרייסלט מיט אַ קני און זיך איינגעהערט. צום סוף האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער דאָקטער שווייגט און ער האָט געזאָגט:

„דאָס אַלץ קומט פאַר אין בראָד און דער גראַף ווייסט גאָרנישט דערפון?"

„ניין, פּאַניע שלאַכטשיצו, צום ווייניקסטן אין בראָד. די אינסורעקציע איז אין גאַנץ פּוילן און אין ליטע, נאָר דער חרם פון קאָהאָל האָט איצט דערגרייכט בראָד" — האָט אים אליעזר באַרויִקט.

„איז וואָס האָט עס צו טאָן מיט אייך, דאָקטער? געהערט איר צו דער פּאָספּולסטוואָ פון די מורדים? איר זענט אַ רייכער מאַן און איר געהערט צו קאָהאָל!" — האָט זיך דער עקאָנאָם אומגעריכט צעלאַכט מיט אַ טרוקן געלעכטער.

„ריכטיק, איך געהער נישט צו די מורדים, אָבער מיטן האַרץ בין איך מיט זיי. זיי קענען נישט מער פאַרטראָגן די לאַסט, פּאַניע שלאַכטשיצו, און איך מוז זיי העלפן אַזוי ווי איך מוז העלפן יעדן קראַנקן, אויב גאָט האָט מיך באַשטימט צו זיין אַ רופא".

„העלפן אירידענטן?" — האָט פּיערלאָ אָנגעשטעלט זיינע גלאַנציקע אויגן אויף דעם דאָקטער — „כ'פאַרשטיי נישט".

„העלפן מענטשן, וואָס האָבן ליב גאָט און האָסן דאָס בייזע — האָט אליעזר געדריקט אויף אים — אייגנטלעך ווייס איך אַפילו נישט צי איך האָב די לייט געהאָלפן, נאָר קאָהאָל פילט, אַז מיין האַרץ איז מיט זיי און דעריבער מוז איך אַוועק, איידער קאָהאָל לייגט מיך אַריין אין חרם".

„זענט איר נישט נאָענט צו די דיסידענטן פון יעקב פראַנק?" — האָט פּיערלאָ פּלוצים געפרעגט און באַוויזן, אַז ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דעם דאָקטערס רייד.

אליעזר האָט עפּעס אַראָפּגעשלונגען און געזאָגט מיט געמאַכטער אָנגע־כמורעטקייט:

„איך האָב נאָך אויף אַזוי פיל אָרנטלעכקייט אין זיך צו פילן אַן עקל צו מענטשן, וואָס מאַכן פון אויסגעלאַסנקייט אַן אמונה, ווייל די אמונה אין גאָט איז אַוועק פון זיי. פון אונדז האָבן זיי אָפּגעדאַרט און זיי רעדן אייך איין, אַז זיי פלאַנצן זיך איין אין קריסטלעכקייט. אָבער אַן אָפּגעדאַרטע צווייג וועט אַפילו אַ נס נישט אָנפילן מיט זאַפטן".

„איר זענט אַן אומגלויביקער" — האָט אים פּיערלאָ געזאָגט דאָס וואָס ער דערמאָנט אים ביי יעדער געלעגנהייט.

„איר ווייסט, פּאַניע שלאַכטשיצו, מיין מחשבה נישט פון היינט, אַז אַפילו אַ געצנדינער איז אַ גלויביקער, אַנישט וואָלט ער נישט געגלויבט אין זיינע געצן, וואָס ער גיט אין זיי אַריין דעם כּוח, וואָס ער וויל זיי זאָלן האָבן. און איך געהער צו אַ שטאַם, וואָס האָט מיט טויזנטער יאָרן צוריק געלערנט נישט צו גלויבן אין זאַכן וואָס גאָט האָט באַשאַפן, נאָר צו גלויבן אין דעם באַשאַפער גופא. דאָס היט מיך אָפּ פון אַ סך אומזיניקייטן. און ווייל איך ווייס, אַז די אירידענטן פון רבי ישׂראל בעל־שם־טוב זענען גערעכט, קען איך דאָס נישט אויסבאַהאַלטן און איך מוז אַוועק פון בראָד, איידער קאַהאַל לייגט מיך אַריין אין חרם".

זביגניעוו פּיערלאָ האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געקייט זיין אייגענע צונג. ער האָט געטראַכט. און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„אויב דער גראַף וועט באַווילקן, שטייט אַ ליידיק הויז אין זיין מאַיאָנטעק אין רודניצע, אַ טאָג פאָרן פון קאַמעניעץ".

„איך ווייס נישט צי איך דאַרף זיין אַ לאַסט פאַרן גראַף. געקומען בין איך איר זאָלט מיר געבן צוויי וועגן און מענטשן — האָט אליעזר נישט אָפּגעוואָרפן פּיערלאָס רייד — וואָס פריִער איך וועל אַוועק פון בראָד אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר מיר. נאָר זאָגן זאָג איך אייך, אַז ווו איך זאָל נישט לעבן, וועל איך זיין נאָענט צום גראַף ווען נאָר ער וועט מיך דאַרפן".

אויף צו מאָרגנס אין האַלבן טאָג איז אליעזר צוריקגעקומען אַהיים מיט צוויי הייפישע וועגענער און מיט מענטשן צו פאַרנעמען זיין הויזגעזינד און פאַרמעג. ער האָט זיך געגרייט מאַכן דעם אָנשטעל פון אויפגעלייגטקייט ביים צעברעכן דאָס איינגעזעסענע הויז, כּדי צו פאַרמיידן פון זעלדען טרערן. אָבער דאָס וואָס ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט אויפן וועג, האָט ער אַפילו נישט באַוויזן צו ברענגען צו דער שוועל פון זיין הויז. זעלדע איז אַנטקעגנגעלאָפן די וועגענער און זיך צעוויינט שוין אויף דעם אַליין וואָס זי האָט דערזען איר מאַן אַ לעבעדיקן. די נאַכט וואָס אליעזר האָט געזוימט אין הויף, כאָטש זעלדע האָט געוווּסט נאָך וואָס ער איז אַהין געפאָרן, האָט איר אויסגעזען ווי זי וואָלט אויף אייביק פאַרשלונגען אליעזרן, ווי די ערד האָט דאָ אַנומלט פאַרשלונגען וועלוול בעלזער. אַז די וועלט גייט אונטער, גייט זי אונטער ווי אַ שיף — מיט אַלץ און מיט אַלעמען. בראָד, איר

היים, האָט איר אין די טעג ווען דאָרט איז געזעסן דער משולח פון ווילנע, אויס־געזען ווי די וועלט וואָלט געווען פאַר אַ מבול.

„איז אַ וווּנדער וואָס אויף דער וועלט זענען פאַראַן אַזוי פיל ימים, אויב די ווייבער פאַרגיסן ברונעמס טרערן?״ — איז אליעזר אַראָפּ פון דעם ערשטן וואָגן און אַרומגענומען זעלדען.

זעלדע האָט זיך געטוליעט צו אים און געמורמלט:

„געלויבט צום הימל וואָס איך זע דיך אַ לעבעדיקן. איך האָב נאָך קיין מאָל זיך נישט געפילט אַזוי אַליין ווי דאָס מאָל״.

די קינדער זענען אַראָפּ פון די טרעפּלעך מיט אַ פריילעכן טומל און דער־זעענדיק דער מוטערס טרערן האָט זייער פריילעכקייט געפּלאַצט; באַשע האָט אַרומגענומען די מוטער און אויף איר רוקן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין פּלוצימען צער, און יצחק האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט קיין מאָל נישט געקענט זען די מוטער אַ וויינענדיקע.

„נו, קינדער, מיר האָבן צוויי געשפּאַנען מיט פיר כאָמעס און איר וועט צוהעלפן פאַרנעמען די זאַכן אַז גאָרנישט זאָל פאַרלוירנגיין״ — האָט אליעזר געפּרוּווט צוריקגעבן די קינדער זייער גוט געמיט. אויך ד׳ מי איז געווען אומזיסט, וואָרום ווי נאָר ער איז אַרויף אויף די שטיגלעך, איז אָנגעלאָפן נעכע מיט אַ ברעג פון איר פאַרטעך אין דער האַנט און מיט אַן אָפן מויל.

„דו, חזר מיר נישט איבער וואָס איך ווייס שוין״ — האָט אליעזר אויסגעע־שטרעקט צו איר דעם אָרעם, ווי אָפּצושטופּן זי פון זיך — „ליבערשט נעם צונויף דאָס ביסל מוח אויף צו הערן וואָס איך זאָג. אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָרן מיר אַוועק. דו וועסט בלייבן אין הויז אויף צו היטן עס, עס זאָל נישט צעשטערט ווערן אָדער פאַרברענט ווערן. דיין מאַן בלייבט אין בראָד און אַ ווייב בלייבט דאָרט ווו עס איז דער מאַן״.

„האַר־לעבן!״ — האָט נעכע אויסגעשריגן און זיך צעקלאָגט.

„באַקלאָג מיך נישט״ — האָט ער זי אָפּגעשטופּט און אַריין אין הויז.

גאָט־העלף דיר, היים

נאָך דריַי טעג איז אָנגעקומען צום הויז פון דאָקטער אַ רייטער מיט אַ בריוו פון זביגניעוו פּיערלאָ. מיט שיינע קאַליגראַפירטע און געציקלטע אותיות און דורכגעוואָרפן מיט לאַטיינישע ווערטער האָט דער עקאָנאָם צו וויסן געטאָן, אַז דער גראַף לעשעק פּאָטאָצקי האָט באַוויליקט אָפּצוגעבן אַ הויז אין הויף רודניצע פאַר דעם דאָקטאָר מעדיקוס אליעזר אַרטאַפּאַנוס דערמיט, אַז ער וועט אויף להבא זיין אויך דער דאָקטער פון דעם גראַף אויף צו היטן זיין געזונט און דאָס געזונט פון זיין משפּחה.

אליעזר האָט פון אויפגעלייגטקייט אַריינגעשטופּט אין האַנט פון דעם רייטער אַ קופּערנעם גראָשן און געזאָגט צו אים:

„אַז דו וועסט צוריקקומען אין הויף אַזוי זאָלסטו זיך פאַרנייגן פאַר דיין האַר דעם יאַשני פּאַן זביגניעוו פּיערלאָ אַזוי טיף ווי דו קענסט איינבייגן דיין רוקן. אַ מאַן מיט אַ גוט און ברייט האַרץ איז ער!"

דער גוטער בריוו האָט אין אליעזרן איבערגעבראַכן דעם האַרצווייטיק פון פאַרלאָזן די איינגעזעסענע היים, נאַר זעלדע איז געווען דערשלאָגן ווי פריִער. אירע הענט האָבן זיך נישט געקענט צורירן צו די זאַכן, וואָס האָבן געדאַרפט אָנגעלאָדן ווערן אויף די וועגן. ס'האָט זיך איר רק געגלוסט וויינען, כאָטש דאָס האַרץ האָט איר געשמאַרצט פון צו פיל פאַרגיסן טרערן. אום צו פאַרשטעלן אירע אויגן פון די קינדער האָט זי זיך אַלע מאָל אַוועקגעשטעלטביים פענצטער וואָס אין סאַד אַריין, ווו די געדיכטע ביימער זענען שוין געווען באַדעקט מיט אַ שפע פון פרוכטן. די קאַרשן האָבן געגליט ווי שטיקלעך פייער; אויף די עפּלביימער האָבן די זומער־עפּל זיך געגילדעט מיט אַ ראָזלעכן אָפּשיין, וואָס האָט אַרויסגעגעבן איידעלע זומער־בענקשאַפטלעכע ריחות. די ווינטער־עפּל זענען געווען אַריינגע־טאָן אין גרינער איינגעשלעפערטקייט, וואָס האָט דערמאָנט אין ימים נוראים ווען זיי, די עפּל, כאַפּן זיך אויף מיט רייפקייט און רופן מיט צעשמעקטקייט מען זאָל זיי אַראָפּנעמען פון די ביימער. די בינטלעך רויטע און גאָלדיקע ווייַנפּערלעך אויף די קוסטן ביי דער זייט האָבן געצויגן צו זיך די בינען. זעלדע האָט ביז איצט נישט געוווּסט ווי שטאַרק זי איז צוגעבונדן צו דעם הויז און צו יעדן בוים ביי דעם הויז, ווו זי האָט אויפגעבראַכט אירע קינדער, כאָטש פול איז זי אין דעם הויז קיין מאָל נישט געוועזן...

שנעל איז דאָס הויז געוואָרן ליידיק. אליעזר האָט זיך געוווּנדערט וואָס ביז איצט האָט ער נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ שלל מיט זאַכן ער האָט אין זיין

הויז. ווען האָט ער דאָס אַלץ איינגעהאַנדלט? פאַר וואָס דאַרף אַ מענטש אַזוי פיל זאַכן? זיי האָבן אים אויסגעזען איבעריק, ווי אַ לאַסט. ער האָט געזאָגט צו זעלדען פלאחר־יד:

„פאַר דער מויד וועסטו איבערלאָזן וואָס זי וועט ניצלעך האָבן. זי ווערט איצט אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך אַליין".

„אויף מיין חורבן!" — האָט זעלדע ווייבעריש באַמערקט.

„זינדיק נישט, זעלדע — האָט ער געזאָגט מיט תרעומות — איך האָב צו בראָד גאָרנישט דערלייגט און אויך דו נישט. ס'איז געווען איין מבול און איין חורבן און מער וועט נישט זיין".

„הלוואי, עלי" — האָט זי געמורמלט.

אליעזר האָט איר אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט מיט שטילער באַוווּנדערונג:

„דו פאַרשטייסט אַזוי פיל, זעלדע!..."

נעכע די מויד האָט דאָ אָנגעהויבן און דאָ אויפגעהערט וויינען; זי האָט געוואָלט העלפן אַרויסטראָגן די זאַכן צו די וועגענער און באַלד זיך אָפּגעהאַלטן דערפון. זי איז געווען אין גאַנצן צעטומלט, און זי האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס אירע הענט טוען. דאָ האָט זי געפּליסטערט: ‚ס'איז אָך און ווי צו מיר' און באַלד האָט זיך איר אויסגעלייטערט אויפן געמיט און זי האָט אָפּגעשטופּט איר שמחהן פון די וועגענער, ווי זי וואָלט געוואָלט אין גאַנצן פאַרזיכערן, אַז אים וועט מען פון איר נישט צונעמען.

אין איין רגע איז זי אַריין צוריק אין הויז און פון אונטער דער קאָפּע אַפּער־גענומען אַ רונדן און נידעריקן טאָפּ און אים אַוועקגעטראָגן אין איר אַלקער אונטערן בעט. אויך די וואַסערשעפּ נעבן דעם וואַסערפעסל האָט זי פאַרשטעקט, מען זאָל זי נישט לייכט זען. אַ פּלוצימע זעלבסטזיכערקייט האָט זי אָנגעפילט און זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, צי עמעצער קוקט איצט אויף איר.

אין איין רגע האָט איר זעלדע אויסגעזען זייער ווייט און פרעמד, אָבער ווי נאָר זעלדע האָט זיך אויסגעדרייט און זי האָט געזען איר פּנים, האָט איר ווידער פאַרקלעמט דאָס האַרץ און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. נאָר זי האָט געוואָלט אַז צו דעם אַלץ וואָס עס געשעט זאָל נעמען אַ סוף.

די כאַמעס טראָגן אַרויס די פּעק בעטגעוואַנד און לאָדן זיי אָן אויף ביידע וועגענער, מען זאָל צווישן זיי קענען זיצן און אַפילו שלאָפן. די קאַמערן זענען גע־וואָרן לער און עלנט. פון די ווענט האָט געיאָגט אַן אומעט. די ייִנגלעך זענען מער נישט אַריין אין הויז, נאָר באַשען איז געווען באַנק צו פאַרלאָזן די שטוב און זי איבערלאָזן אַליין. אין דער לערער שלאָפקאַמער האָט זי מיט גרויסע ליכטיקע אויגן געקוקט אויף דעם האָקן אין באַלקן, אויף וועלכן עס איז געהאָנגען דאָס וויגקוישל, און איר קינדעריש האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן. דער האָקן בלייבט אַליין אין באַלקן...

אליעזר האָט מיט אויסגעלייטערטקייט געטריבן די קינדער זיי זאָלן זיך אַרויפ־זעצן אויפן ערשטן וואָגן:

„נו, דזשעקטשערס! דאָרט וועט זיין אײַער מלוכה און איך מיט דער מאַמען וועלן נאָכפאָרן אויפן צווייטן וואָגן".

ס'האָט די ייִנגלעך געשמייכלט. זיי זענען שוין דערוואַקסענע. זיי וועלן היטן די פעק אויף זייער וואָגן. באַשע האָט זיך געטוליעט צו דער מוטער:

„זאָג דעם טאַטן, אַז איך וויל פאָרן מיט אייך, אויף דעם זעלבן וואָגן".

„ביסט אַ דערוואַקסן מיידל און דו קענסט עס אַליין זאָגן דעם טאַטן" — האָט זעלדע געזאָגט.

באַשע האָט געקוקט אויפן פאָטער אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, און ער האָט געזאָגט ווי עס וואָלט אים געווען אַלץ איינס:

„וואָס איז דאָ פאַראַן צו פרעגן? ביידע וועגענער זענען אונדזערע און מיר קענען זיך זיצן ווו מיר ווילן. ווו דו ווילסט דאָ זעץ דיך".

באַשע האָט אַרומגעכאַפּט דעם פאָטער, איינגענורעט איר קאָפּ אין זיינע הענט און זיך איינגעהאַלטן פון וויינען.

נאָר אַז די וועגענער האָבן געריררט, האָבן אַלע דרײַ פרויען, זעלדע און באַשע אויפן וואָגן און נעכע ביי די טרעפּלעך פון הויז, שטיל געוויינט און די טרערן פון זייערע אויגן האָבן זיך געגאָסן דאָס מאָל מער ווי אין אַנדערע פאַלן פון וויינען. דער דרויסן האָט געשמעקט מיט קאַרטאָפל־בליִעכץ און מיט קלעטער־בלימעלעך וואָס קוקן אַרויס פון צווישן די ווילדגראָזן מיט העל־וויאָלעטע סאַמע־טענע אויגעלעך... דער ריח פון די קלעטער־בלימעלעך האָט די בענקשאַפט פון דערווייטערן זיך פון דער היים געמאַכט נאָך טיפער ווי זי איז געווען — אַ תהום פון בענקשאַפט.

באַשע האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ אויף צוריק און קוקנדיק אויף נעכען ביים הויז, געזאָגט מיט אַ פאַכענדיקער האַנט:

„גאָט־העלף דיר, היים!"

דאָס הויז ביים לינדבוים

שווער איז פאַר זעלדען געווען זיך איינצולעבן אין איר נייער היים אין רודניצע.

דאָס הויז איז געשטאַנען נאָענט צום טראַקט און ווי מיט דער האַנט צו דער־גרייכן פאַר יעדן פאַרבייגייענדיקן צי פאַרבייפאָרנדיקן. כאָטש דאָס הויז איז געווען אָן אַלטס, איז עס געווען פון שיינעם געבוי, מיט אַ גרויסן געשניצטן גאַניק און אָפּדאַך געווענדט צום טראַקט, און דערנעבן האָט אַן אַלטער לינדבוים באַשיצט דאָס הויז מיט אַ צעוואַקסענער גרינער פּלאַנטערקרוין. פאַרבייפאָרערס האָבן דעם פּלאַץ נישט אָנגערופן מיט דעם נאָמען פון דעם הויף, נאָר מיט דעם לינדבוים ביים הויז.

זעלדע האָט אין רודניצע לאַנג נישט געפילט קיין היים. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז לעבעדיק אָפּגעשניטן געוואָרן ווי אַן אֵבר פון אַ גרויסן גוף — פון אירע עלטערן און פון אירע שוועסטערס, פון דער שטאָט, אין וועלכער זי איז געבוירן געוואָרן און געלעבט אַ לעבן לאַנג. זי איז פאַרטריבן געוואָרן אין אַ וויסטן גלות, וווּ די נעכט רוישן מיט שרעק און אומהיימלעכקייט. דורך די פענצטער צום טראַקט האָט זי אין די טעג אויסגעקוקט וועגענער און פאַרבייגייערס; זיך געטרייסט מיט זייער באַוועגן זיך, מיט די הויכע רייד פון די פאַרבייפאָרערס און מיט דעם געקלאַפּ פון רעדער. אָבער נאָכן פּלוצימען געפילדער און טומל איז ווידער געוואָרן שטיל, שטיל אויף די גרינע פעלדער און שטיל אין דעם אַלטן וואַלד, וואָס ליגט דערוויטערט הינטער די פעלדער. פאַר וועלכע זינד איז זי פאַרטריבן געוואָרן אַהער? זי האָט אַרויסגעקוקט אויפן טראַקט און געזען די גאַסן פון בראָד.

דער הויף רודניצע איז זיך דורך לאַנגע יאָרן צעוואַקסן טיפער, אַוועק פונעם טראַקט. פאַר די הויפּלייט זענען די הייזער געבויט געוואָרן נענטער צום פּאַלאַץ. די שייערן, קי־שטאַלן און פערד־שטאַלן זענען געווען פון דער צווייטער זייט, און דאָרט איז געווען דאָס לעבן. דאָס הויז ביים טראַקט איז געווען ווי אויסגעזונדערט, אַ שטיפקינד פון הויף. אויך די צוויי דינסטמיידן געשיקטע פונעם הויף זענען זעלדען געווען פרעמד און דערווידער מיט זייער ווילדער, קנעכטישער שעמעוו־דיקייט און הכנעה. אַלץ איז דאָ געווען אַנדערש, פרעמד. און צו דער פרעמדקייט — די פּלעדערמייז. אין ערגעץ האָט זעלדע נישט געזען אַזוי פיל פּלעדערמייז ווי די, וועלכע האָבן זיך אין די נעפּלדיקע פאַרנאַכטן אַריינגעפּלאָנטערט אין דעם גרויסן לינדבוים, מיט אַ שפּיצפּלי זיך אָנגעקלאַפּט אין דער וואַנט פון הויז,

אַדורכגעפלויגן דעם אָפּדאַך פונעם גאַניק און אַוועק, איבערלאָזנדיק אַן אומרו אין די גלידער.

ווי זעלדע האָט זיך דאָ געפילט אַ פאַרטריבענע, אין גלות, אַזוי האָבן די קינדער דאָ אויפגעלעבט. דער הויף און אַלץ וואָס אין דעם הויף האָט זיי איינגעכּישופט און פאַרשלונגען, ווי זיי וואָלטן געבוירן געוואָרן ביי די פערדשטעלער און ווי זיי וואָלטן קיין אַנדער היים ווי די פון די הויפּלייט נישט געקענט. יצחק און באַשע, ביידע בלאָנדע מיט לאַנגע ענדגלידער און בלאָע אויגן, האָבן מיט זייער איינגעבוירענעם האַלטן זיך פריי און היימיש פאַרבליפט די הויפּלייט ווי זייער יינגערער ברודער, אַלעקסאַנדער, האָט די לייט צעטומלט מיט זיין שנעלן כּפלען צאָלן אויפן זכרון, ווי ער וואָלט פאַר זיי געווען אַ קליינער מכשף.

זעלדען איז דער נייער שטייגער פון די קינדער נישט געווען צום האַרצן. דער צווילינג איז שוין דערוואַקסן און דער ייִנגערער, אַלעקסאַנדער, איז אין זיין געמיט עלטער פונעם צווילינג. זייט זיי זענען אַוועק פון בראָד האָבן די ייִנגלעך קיין מלמד נישט געהאַט, און אין הויף, ביי די פערדשטעלער, און אַפילו ביי די הויפּלייט אין די היימען, וועלן זיי פאַרגרעבט ווערן.

אליעזר האָט זעלדעס אומרו געשטילט. אַפילו אין אַ נייעם בגד, האָט ער געזאָגט, פילט זיך אַ מענטש פרעמדלעך, ביז דער בגד פּאַסט זיך צו צום גוף פונעם מענטש און האַלט־מיט מיט זיינע באַוועגונגען. ערשט ווי פרעמדלעך פילט זיך אַ מענטש אין אַ נייער וועלט, בעת די וועלט איז דערצו אַזאַ שטילע ווי אין רודניצע?! ער האָט זעלדען צוגעזאָגט, אַז אָט וועט ער פון קאָמעניעץ, אָדער פון דעם דערנעבנדיקן ישוב ברענגען אַ מלמד פאַר די קינדער; אין דעם גרויסן הויז וועט ער איין קאַמער אָפּגעבן פאַר אַ מנין. די ייִדן פון דעם ישוב וועלן ביי אים שבת דאַווענען און האָבן אַ קידוש. גאָט וועט זיך אַריינקלייבן אין רודניצע, וועט די פרעמדע וועלט ווערן אַ ייִדישע וועלט. דאָס הויז נאָענט צום טראַקט און אָפּגעזונדערט פונעם הויף וועט זיין היימלעכער, ווי עס איז געווען דאָס הויז אין בראָד. איז נישט זייער הויז אין בראָד געווען העט ווייט פון דער שטאָט?

זעלדע האָט געהערט די ווערטער פון איר מאַן ווי אַ מעשׂהלע און זי האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים מיט אירע ליכטיקע אויגן, וואָס ווען זיי האָבן געקוקט אויף אים זענען זיי געווען פולע מיט פרייד און באַוווּנדערונג. און זי האָט געגאַרט דאָס מעשׂהלע וואָס ער דערציילט איר זאָל ווערן ווירקלעכקייט. דערצו וועט זי אים העלפן. אָבער ווי קען זי אים העלפן? אַנטקעגן זיין כּוח און אַלץ וואָס ער נעמט אַרום, איז זי אומבאַהאָלפן. ווען ער איז דערביי קען זי אַפילו די קינדער נישט זאָגן אַ הויך וואָרט. און נישט אַלץ וואָס עס איז געשען און געשעט ווייטער איז איר אַזוי קלאָר ווי אים. זי האָט געפּרוווט אים העלפן.

פרייטיק נאָך האַלבן טאָג האָט זי די קינדער נישט געלאָזט גיין אין הויף. זי האָט אַוועקגעשיקט די צוויי צעכיכקעטע שעמעוודיקע און הכנעהדיקע דינסט־מיידן, און מיט די קינדער האָט זי אַריינגעבראַכט דעם שבת אין הויז: מיט זייער בייִהילף, שטאָט די כאַמישע מיידן, האָט זי געדעקט דעם טיש מיט די פריש־

אויסגעבאַקענע חלות, וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט דעם וואַרעמען אויוון און געשמירטן ווייסל. אַנטקעגן די חלות האָט זי אַוועקגעשטעלט די בייכיקע רויט־לעכע ליים־פלאַש מיט קידוש־ווײַן און דעם אַלטן קידוש־בעכער, וואָס דער פאָטער דערציילט די קינדער אַלע מאָל וואָס פאַר אַ גלגולים דער בעכער האָט דורכגע־מאַכט פון אַלטע, אַלטע צייטן, כדי צו בלייבן אַ קידוש־בעכער; אין דער מיט פון דעם טיש — צוויי גרויסע און שווערע צינערנע לייכטערס פאַר די שבת־ליכט און נעבן די לייכטערס — אַ סידור מיט גרויסע אותיות, וואָס שמעקן מיט זיסלע־כער יידישער פרומקייט.

אין דער היים, אין בראַד, האָט זעלדע קיין מאָל נישט אָנגעטאָן איר צירונג לכּבוד שבת. זי האָט בלויז אָנגעטאָן די שבת־קליידער און דעם שבת־היטל פון שוואַרצע שפּיצן מיט אַ באַרדאָ סאַמעט־באַנד, וואָס אונטער אים זענען אירע אויגן געווען ווי לעבעדיקער שמוק. נאָר דאָ, אין רודניצע, האָט זי לכּבוד שבת אָנגעטאָן איר צירונג. איבערן שטערן אויפן סאַמעט־באַנד האָט זי אַרויפגעזעצט אַ ברוסט־פּאַרמיקע סאַפּירן־ראָזעטע מיט אַ רובין־וואַרצל אין דער הייך, אויפן האַלדז — אַ פּיר־רייַיקע גאָלדענע קייט, וואָס האָט זיך אויף דער ברוסט פאַרענדיקט מיט אַ רונדן שילד און אין צענטער דרײַ רובין־וואַרצלען ענלעכע צום רובין אין דער ראָזעטע. און אַז אויך די קינדער האָבן אָנגעטאָן די שבת־קליידער, האָט זיי אליעזר אַוועקגעזעצט פאַר זיך און זיי דערציילט ווי אַזוי דער שבת איז געקומען אויף דער וועלט און וואָס פאַר אַ זעלטענע מתנות ער האָט געבראַכט מיט זיך.

„ווער קען מיר זאָגן, ווען האָט גאָט באַשאַפן דעם לעצטן ווען ער האָט באַשאַפן די וועלט?" — האָט דער פאָטער געפרעגט ווי אַ רעטעניש.

„דעם מענטש!" — האָבן אַלע דרײַ קינדער אויסגערופן צוזאַמען — „אָדם און חוהן!"

אליעזר האָט געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין און אַ שלווהדיקער חידוש האָט געשוועבט אַרום זיינע נאָזלעכער.

„איך ווייס! דאָס ווייב" — האָט געזאָגט אַלעקסאַנדער.

אליעזר האָט ווייטער באַוויגן מיטן קאָפּ אויף ניין און זיין שמייכל האָט גע־רייצט דעם קינדערשן נייגיר. פון זיין פּנים האָבן די קינדער געוואָלט אַרויס־לייענען זיין ענטפער, און ער האָט געזאָגט:

„אין באַשאַפן די וועלט איז גאָט געגאַנגען פון דעם הערבן צו דעם איידלסטן — פון דעם תוהו־ובוהו האָט ער אַרויסבאַשאַפן ליכט און הימל און ערד, און אויף דער ערד די כּל־מיני געוויקסן. דערנאָך האָט ער באַשאַפן די זון, וואָס איז לעבן, און די לבנה, וואָס דערלאָזט קיין מאָל נישט אויף דער ערד זאָל ווערן אין גאַנצן פינצטער. דערנאָך האָט ער באַשאַפן דאָס איידעלע פון זיין באַשאַף — אַלע לעבע־דיקע באַשעפענישן. נאָר זיי אַלע זענען שטומע צינגער. האָט גאָט באַשאַפן דאָס איידלסטע און דאָס פיינסטע — דעם מענטש, ער זאָל געוועלטיקן איבער אַלץ..."

„דערנאָך האָט ער באַשאַפן דאָס ווייב!" — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט אײַליק.

„זי זאָל געוועלטיקן איבער אַלץ?" — האָט יצחק געפרעגט.

אליעזר האָט געמאַכט אַ באַוועגונג פון ביטול און זיך אויסגעגלייכט:

„אַז איר רייסט איבער מיינע ווערטער און איר ווייסט בעסער! — האָט ער געזאָגט און דערמיט איינגעשטילט די קינדער — דאָס ווייב האָט גאָט באַשאַפן ווי אַ טייל פון דעם מאַן אַז ביידע זאָלן געוועלטיקן איבער דעם אַלעם וואָס גאָט האָט באַשאַפן פאַר זיי. און צום סוף און איבער זיי האָט גאָט באַשאַפן דעם שבת. פון אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם שבת נאָר פאַר זיך אַליין, צו רוען נאָכן באַשאַף פון אַזאַ גרויסער און ליכטיקער וועלט. ווען ער איז געווען פאַרהאַוועט און פאַר־האַרעוועט האָט ער אַליין נישט געזען וואָס פאַר אַ שיינקייטן עס קומען אויף פון זיין יעדן באַריר. נאָר ערשט פון דער רו פון דעם שבת אַרויס איז ער נשתּומם געוואָרן פון דער פּראַכט פון די אַלע פאַרבן און געשטאַלטן און קלאַנגען פון זיין וועלט. און אַז ער האָט געזען ווי גוט ס׳איז דער שבת. האָט ער אים איבערגעגעבן צו זיין אויסגעוויילטן פון אַלע באַשעפענישן — צום מענטש, אַז אויך ער זאָל רוען דעם זיבעטן טאָג פון דער וואָך און זיך קוויקן מיט די שיינקייטן וואָס גאָט האָט באַשאַפן און וואָס אויך ער אַליין, דער מענטש, גיט צו צו דער וועלט. דערום איז דאָס לעצטע און דאָס איידלסטע וואָס גאָט האָט באַשאַפן אין די זיבן טעג — דער שבת״.

זעלדע איז אַ העל־ציכטיקע און פייערלעכע געשטאַנען הינטער די קינדער און איבער זייערע קעפּ אַריבערגעשטראַלט צו איר מאַן, וואָס ווען ער האָט דערציילט, איז ער גופא ענלעך געווען צו אַ קינד, וואָס אין רעדן אונטערשיידט עס נישט מעשה־האַפטיקייט פון ווירקלעכקייט, און ווירקלעכקייט פון מעשה־האַפטיקייט. דערנאָך האָט זעלדע געבענטשט די שבת־ליכט. זי האָט אַלע מאָל ליב געהאַט אָט די פייערלעכע רגע פאַר אַ תּפילה פון האַרצן אַרויס. ביי די שבת־ליכט, מיט די הענט אויף די אויגן, ווערט ליכטיק אין איר נשמה און זי געפינט די אַלע ווערטער, וואָס זי דאַרף האָבן צו בעטן ביי אים־אין־הימל. אין רודניצע האָבן זיך איר אין די טעג פון דער וואָך אָנגעקליבן אַזוי פיל בענקענישן און דריקענישן אויפן האַרץ, אַז נאָר ביי די שבת־ליכט קען זי זיך פון זיי באַפרייען און אויפ־נעמען דעם שבת, אַז איר מאַן און אירע קינדער זאָלן פילן די פרייד פון דעם טאָג.

דאָס וואָס איר מאַן „האָט איר צוגעזאָגט האָט זיך פאַרזוימט. אין געלאַף איז אין דער געגנט אַזש ביז קאַמעניעץ פונאַנדערגעגאַנגען די שמועה, אַז אין רודניצע האָט זיך באַזעצט אַ דאָקטער. און ווי ס׳איז אַלע מאָל מיט אַ שמועה, איז דער־ציילט געוואָרן, אַז דער גראַף פּאָטאָצקי האָט פון ערגעץ ווו אַראָפּגעבראַכט אין זיין הויף אין רודניצע אַ דאָקטער, וואָס זיינע הענט גופא זענען אַ רפואה. ער דאַרף נאָר באַרירן דעם גוף פונעם קראַנקן מיט זיינע פינגער און אַ געזונדיקער כּוח פליסט פון זיי אַרויס און די שלאַפקייט גייט אַוועק. איז איין מאָל געשען, אַז אין דערנעבנדיקן ישוב איז אַ געווינערין געגאַנגען שווער צו קינד און זי איז אָפּגעגאַנגען אין שווייסן אַז כּמעט גאָרנישט איז פון איר געבליבן. איז אַ מאַן

געקומען קיין רודניצע צום הויז ביים לינדבוים, וועדליק דער שמועה, און זיך דערפרעגט צום דאָקטער. אַז ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דעם הויז און דערזען אויף דעם ביישטידל אַ מזוזה, האָט ער זיך אַליין באַטאַפּט, צי דאָס איז נישט קיין חלום. און אַז ער האָט געפילט אַז דאָס איז נישט קיין חלום, איז ער געווען זיכער, אַז אין דעם הויז הויזט אליהו הנביא. האָט ער אָנגעקלאַפּט, געעפנט די טיר און אַ קוש געטאָן די מזוזה. אַז ער האָט דערזען דאָס איידעלע פנים פון זעלדען, האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט:

„איז אליהו הנביא אין דער היים?"

זעלדע האָט אין שרעק אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף דער ברוסט, זיך צוריקגעצויגן הינטערווילעכץ און געררופן:

„אליעזר! אליעזר! נעם נישט פּאַראיבל!"

מיט די פּלייצעס איז זי אַרויפגעפאַלן אויף אליעזרן, וואָס איז אַנטקעגנגעגאַנגען צו דער טיר און זי האָט ווידער אויפגעציטערט אַ דערשראָקענע פון אַרויפפאַלן אויף אים.

„צו מיר?" — האָט אליעזר געפרעגט דעם ייִד וואָס האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרנויגט נידעריק צום פּאָל.

„רופא־לעבן, מיין ווייב איז פאַרביי! — האָט דער ייִד געזאָגט — ראַטעוועט זי. איך האָב געהערט, אַז איר זענט אַ דאָקטער. אַ ייִדישער דאָקטער! און זי איז אַ מאַמע פון פינף קינדער".

„איז וואָס איז די בהלה, אַז זי איז אַ מאַמע פון פינף קינדער? ווייַט פון דאַנען?" — האָט אליעזר געוואָלט וויסן.

„אין ישוב, דאָ נישט ווייט".

„איר זענט מיט אַ פערד־און־וואָגן?"

„מיט אַ פערד־און־וואָגן, דאָקטער־לעבן" — האָט דער ייִד געציטערט.

אליעזר האָט געכאַפּט דעם אויבער־בגד, אַ גלעט געטאָן זעלדען מיט זיינע וואַרעמע בליקן און ער איז אַוועק מיטן ייִד. אויפן וועג האָט דער ייִד איבערגע־חזרט: „אַ נס, אַ נס, אַ ייִדישער דאָקטער! גאָט אַליין האָט אייך אַראָפּגעשיקט אין די קאַנטן. אין ישוב ווייסט מען גאָרנישט אַז איר זענט אַ ייִד, דאָקטער־לעבן".

„לייט האָבן אַוודאי געמיינט איך בין אַ טאַטער — האָט אליעזר געזאָגט היימיש — די טאַטערן האָט מען שוין לאַנג פאַרטריבן".

„ניין, חלילה, קיינער האָט אַזוי נישט געטראַכט. נאָר קיינער האָט נישט געוווסט, אַז איר זענט אַ ייִד. אַז די ייִדן וועלן זיך דערוויסן אַז דער דאָקטער איז אַ ייִד!..." — האָט דער ייִד אויסגערופן און נישט געוווסט צו זאָגן וואָס עס וועט געשען.

„וועלן זיי אַרויסשטעלן די אויוונס אין גאַס און באַקן רעטשענע באַבעלעך" — האָט אליעזר פאַרענדיקט.

און געשען איז אַזוי: ווען דער דאָקטער איז געזעסן ביים געלעגער פון דער געווינערין און מיט די שפּיצן פון זיינע פינגער אָנגעדריקט אויף די מוסקלען

פון איר בויך און דיך — איז זיך דער ישוב צוזאַמענגעלאָפן און אַריינגעקוקט אין די טונקעלע שייבלעך פון דעם הויז, כּדי צו זען דעם נס: אַ ייִדישער דאָקטער ראַטעוועט די געווינערין! אַראָפּגעשיקט פון הימל! פון אויסן אויף אינעווייניק האָבן די ווייבער און מיידלעך גאָרנישט געזען וואָס עס טוט זיך אין דער טונקעלער קאַמער פון דער געווינערין, נאָר יעדע איינע איז אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער מיט אַ האַנטדעכל ביים שטערן און מיט אַ בשורה־געשריי וואָס זי האָט געזען: „ער איז אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרייז־גרויער באָרד" — האָט איינע געזאָגט; „ער איז אַ יונגער מיט אַן אָפּגעגאָלטער באָרד, ווי אַ גלח" — האָט אַ צווייטע געזאָגט; „ער איז אַ הויכער און אַ שטאַלטנער מיט אַ שוואַרצער באָרד" — האָט אַ דריטע געזאָגט.

אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין נישט כּדרך הטבע: זייט דער ישוב איז אַ ישוב און ייִדן וווינען דאָ איז נאָך אין דער געגנט קיין דאָקטער נישט געווען. טאָמער איז אַ ייִד חלילה איינגעפאַלן, האָט מען איינגעריסן קברים, אָפּגעשריגן ביים אָפּענעם אָרון־קודש, אָדער אַ מנין ייִדן האָט זיך געזעצט זאָגן תּהילים. אַמאָל, ווען אין די קאַנטן האָבן געלעבט טאָטערן, פלעגט מען רופן דעם טאָטער מיט זיינע שמירעכצער און אויסבריִעענישן, אָדער, ווער עס האָט נישט מורא געהאַט, איז געגאַנגען צו די ציגיינער, וואָס לאַגערן אין וואַלד, אַנטקעגן דעם הויף, זיי זאָלן מיט כּישוף אָפּשרייען אַ חולאת. בעת די געווינערין איז געווען אין די הויכע חדשים, האָט זיך פון ערגעץ־ווו פאַרשפּרייט די שמועה, אַז אין הויף אין רודניצע האָט דער גראַף באַזעצט אַ דאָקטער פאַר זיך און זיין הויזגעזינד. איצט זעט מען באַשיימפּערלעך און מיט אַלע סימנים, אַז דאָס איז געווען אַ מעשה מן השמים, די געווינערין זאָל נישט אַוועק פון דער וועלט. איז אפשר טאַקע דער דאָקטער גאָרנישט קיין דאָקטער, נאָר ער איז אליהו הנביא? מסתּמא האָט ער געוווסט, אַז אַ ייִדיש ווייב קלייבט זיך צו האָבן אַ שווער האָבן און ער האָט זיך געפּעדערט און ער איז באַצייטנס געקומען אין דער געגנט, קיין רודניצע, צו זיין גרייט צו ראַטעווען דאָס ווייב.

אין הויז פון דער געווינערין האָט אליעזר פאַרטריבן דעם מאַן מיט די קינדער און די אַלע וואָס זענען געשטאַנען אַרום איר בעט און געוויינט און גע־בראָכן מיט די פינגער. נאָר צוויי ווייבער, מיט אונטערגעבונדענע טיכער אונטער די אָרעמס, האָט ער איבערגעלאָזט, זיי זאָלן אים העלפן אויפקאָכן פלאַקסזוימען פאַר קאָמפּרעסן און אים דערלאַנגען וואַרעם וואַסער ווען ער וועט דאַרפן. אליעזר, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל און פאַרטאָן מיט זיינע פינגער, איז שוין נישט ווייניקער אָפּגעגאַנגען אין שוויס ווי די געווינערין. ער האָט אין אַ טעפּל באַבריט און געמישט געמאָלענע קרייטעכצער פון עטלעכע זעקעלעך און עס געגעבן צו טרינקען דער געווינערין, וואָס האָט נישט געוואָלט עפענען דאָס מויל. די צוויי ווייבער, ווי צעשראָקענע הינער, האָבן געקוקט אויף אים ווי ער וואָלט געווען אַ מכשף, ווען ער האָט מיט צוויי פינגער אַ דריק געטאָן ביים קין פון דער אומגליקלעכער און זי האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל און געטרונקען וויפל ער האָט געהייסן. באַלד

האָט די געווינערין אָנגעהויבן נאָך מער צו שוויצן, נאָר איר גוף האָט זיך ווייניקער געמאָטערט און ווי ער וואָלט אָנגעהויבן איינדרימלען. ער האָט ווייטער מיט זיינע פינגער געריבט די בויך־ און דיך־מוסקלען און באַלד דערנאָך געלייגט אַ קאָמ־פּרעס פון אויסגעקאָכטע פלאַקסזוימען. און אַזוי, נאָך אַ שעה־צוויי, אַזוי לאַנג ווי דער יידישער גלות, האָט זיך געדאַכט, אַז די געווינערין איז איינגעשלאָפן מיט דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אָן אַ זייט, ווי פלוצים האָט זי אָנגעכאַפּט דעם אָרעם פונעם דאָקטער און אויסגעשריגן מיט אַן אומהיימלעכן קריי. אליעזר האָט זיך באַפרייט פון אירע איינגעקרעמפּטע פינגער און אָנגעשטעלט זיינע הענט צו העלפן דעם וולד קומען אויף דער וועלט. אויסטערליש לאַנג און דין זענען געוואָרן זיינע פינגער, מיט וועלכע ער האָט ווייך אַרומגעפלאַכטן אַרום דעם שוואַרצן קעפּל פונעם וולד און אים געוויזן אַ גלייכן דרך צום לעבן...

„איצט שריי ווי דיינע כּוחות קלעקן דיר" — האָט ער געמורמלט און די צוויי ווייבער האָבן נישט געוווּסט, צי זאָגט ער זיינע ווערטער צו דער געווינערין, אָדער צום וולד. ער האָט אָפּגענומען אַ מויד און אויסגערופן צו די ווייבער: „די מולטערס!"

אויף יענער זייט פענצטער האָט עמעצער האָט אויסגעשריגן: „געלויבט השם־יתברך! זי איז געלעגן געוואָרן!" נאָר אַז איינע פון די צוויי ווייבער האָט דורך אַ שייבל געגעבן אַ צייכן, אַז אַ מויד איז געבוירן געוואָרן, האָבן די ווייבער אויף יענער זייט פאַרקרימט די פּנימער, ווי זיי וואָלטן געקייט זויערע אַגרעסן, און איינע האָט זיך צעשאָקלט מיט אַ ניגון:

„חתונה צו האָבן וועט זי, נישקשה, נישט זיין אַזאַן עקשנטע, ווי זי האָט זיך געעקשנט צו קומען אויף דער וועלט".

אַז אליעזר האָט אַוועקגעלייגט דאָס איינגעוויקלטע עופעלע ביי דער זייט פון דער קימפּעטאָרין, האָט ער די צוויי ווייבער געהייסן אָנגיסן אַ דייזשע וואַרעם וואַסער אָפּצוואַשן די הענט, און אַרומקוקנדיק זיך אין דער קאָמער האָט ער געזאָגט באַפעלעריש:

„צי קרובות, אָדער שכנטעס זענט איר דאָ, באַפעל איך אייַך דריַי זאַכן: ערשטנס זאָלט איר דער געווינערין געבן צו טרינקען מילך מיט לאַקרעץ. זי האָט אויסגעשוויצט אירע כּוחות אַז זי קען קיין טיפּן אָטעם נישט כאַפּן. צווייטנס זאָלט איר עפענען דאָס פענצטער, עס זאָל דאָ אַריין אַ ביסל פרישער אוויר, ווייל איך אַליין האָב שוין אויך נישט קיין טיפּן אָטעם. דריטנס זאָלט איר די קאָמער ריין מאַכן פון דער ברודיקייט, אַז אַ האַנט זאָל זיך נישט צוקלעפּן צום טיש און דער תּחת זאָל זיך נישט צוקלעפּן צו דער באַנק".

די צוויי ווייבער האָבןביידע מיט דער זעלבער באַוועגונג צורעכטגעמאַכט די אונטערגעבונדענע טיכער, זיך אָנגעקוקט און זייערע צעשראָקענע בליקן האָבן געזוכט אַן ענטפער ביי איינאַנדערע אויף דעם וואָס זייערע אויערן האָבן געהערט. ביידע האָבן געטראַכט דאָס זעלבע: אַזאַ מאַן, אַ דאָקטער, זאָל זאָגן אַזאַ אויסגע־לאַסן וואָרט אַזש די אויערן זענען רויט געוואָרן פון הערן! איינע פון די צוויי,

אַ נידעריקע און ברייט־פּלאַטשיקע, מיט באַהאַרטע ווערצעלעך אויף דער גאָמבע און מיט מאַנצבילישע אַקסלען, האָט פון ערגערניש וועגן דעם מיאוסן וואָרט אָנגעבלאָזן די באַקן און געזאָגט ווי צו עמעצן וואָס איז נישט אין דער קאַמער:

„עפענען די פענצטער אין שטוב פון אַ קימפּעטאָרין? לא עלינו. ס'איז דאָך סכנת נפשות!"

„דאָ שטינקט סכנת נפשות! — האָט אליעזר אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום ווייב — ווילט איר די געווינערין צוזאַמען מיט דער מויד זאָלן דאָ דערשטיקט ווערן?"

די ווייבער האָבן זיך איינגעשרומפּן ווי שרויטעלעך און זיך צוגעשאַרט זייטיק איינע צו דער אַנדערער, ווי זיי וואָלטן אַזוי אַרום געוואָלט זיך שיצן קעגן דעם דאָקטער. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם אויבער־בגד און איינגאַרטלענדיק זיך האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

„איך וועל מאָרגן דאָ זײַן צו זען וואָס זי מאַכט. אויב איך וועל טרעפן דאָס פענצטער פאַרמאַכט, וועל איך אויסשלאָגן די שויבן!"

די ווייבער האָבן זיך נאָך מער איינגעשרומפּן. ס'האָט זיך געדאַכט: זיי ווערן נאָך קלענער ווי זיי זענען, ביז ער האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

זיין באַווייזן זיך האָט שטיל געמאַכט דעם געפילדער אין דרויסן. דורך דער וואָרע פון ווייבער און מיידן צום הויז, איז אַן איינגעבויגענער אַנגעלאָפן אַנטקעגן דעם דאָקטער דער מאַן פון דער געווינערין און ער האָט געכאַפּט דעם דאָקטערס האַנט צו קושן.

„אַ שיינע מויד האָט דיינע געבוירן — האָט דער דאָקטער ווי מבשׂר געווען דעם מאַן און אויך דעם גאַנצן פריש־לופטיקן דרויסן — איצט דאַרף איך, אַ געשפּאַן זאָל מיך צוריקפירן פון וואַנען דו האָסט מיך גענומען".

„דער שמייסער וואָרט אין פאָדווער — האָט דער מאַן געזאָגט און די אַרומיקע קינדער זענען זיך צעלאָפן פון דער וואָרע שרייענדיק: „יעקעלע, יעקעלע!"

דער מאַן פון דער געווינערין האָט אליעזרן באַגלייט צו יעקעלעס וואָגן אין הויף, הינטערן הויז, און גייענדיק האָט ער אויפגעקנופּט אַ קניפּל מיט קופּערנע גראָשנס. ער האָט געוואַרט ביז דער דאָקטער איז אַרויף אויפן וואָגן און אָנגע־מענדיק זיך מיט כוח האָט ער עס אים דערלאַנגט:

„דאָקטער־לעבן, דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג. ווען איך זאָל האָבן אַ האַלבע וועלט, וואָלט איך אייך זי געגעבן פאַר ראַטעווען מיין ווייב".

אליעזר האָט געקוקט אויף די קופּערנע גראָשנס אין דעם אויפגעבונדענעם קניפּל און זיך איינגעזעצט אין געזעס פונעם וואָגן:

„ווי הייסטו?" — האָט ער געפרעגט.

„זרח הייס איך".

„זרח — האָט אליעזר איבערגעחזרט — זייער אַ שיינער נאָמען. וואָס מיינסטו, זרח, איך זע דאָס ערשטע מאָל קופּערנע גראָשנס, וואָס דו ווייזט זיי מיר? דיין ווייב האָט דיר געבוירן אַ טאָכטער און פון היינט אָן דאַרפסטו קלייבן פאַר איר

נדן. פאַר!״ — האָט ער אָנגערירט מיט די שפּיץ פינגער די פּלייצע פונעם שמייסער.

דער וואָגן האָט גערירט פון אָרט. זרח איז געבליבן שטיין מיט דעם אויפ־געבונדענעם קניפּל קופּערנע גראָשנס אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט. און אַז דער וואָגן איז אַוועק און ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכער, וואָלט זיך געקענט דאַכטן, אַז ער שטרעקט אויס די האַנט צום הימל און ער וויל דער הימל זאָל ביי אים צונעמען די פּאָר קופּערנע גראָשנס צדקה פאַר דעם נס וואָס דער דאָקטער האָט באַוויזן.

אין דעם געשעענעם האָט דער ישוב געזען אַ נס. אליהו הנביא האָט זיך באַזעצט אין רודניצע ביים גרויסן לינדבוים.

ר׳ שמעלקע דער מרא דאתרא

ר׳ שמעלקע איז געזעסן איבער אַ ספר און מיטן גאַנצן פּנים געגעסן אַן עפּל, איבער וועלכן ער האָט נאָר וואָס געהאַט געמאַכט אַ „שהחיינו״. כאָטש זויערלעך איז געווען דער עפּל, ווי עס איז דער שטייגער מיט די ערשטע עפּל, וואָס מען נעמט אַראָפּ פֿון בוים זומערצייט, איז ער אים צעגאַנגען אין אַלע גלידער. פֿאַרן איינבייסן זיך אינעם עפּל האָט ער אים באַקוקט, באַשמעקט און זיך אַריינגעפּילט אין זיינע ריחות, וואָס באַגלייטן דעם הויפּט־ריח, און דערנאָך געקייט דאָס פֿלייש פֿון עפּל און עס אויסגעטאַפּט מיט דער צונג צו דערפֿילן אַלע טעמען פֿון דעם עפּלפֿלייש.

ר׳ שמעלקעס פּנים איז געווען בלויז האָר, אַ קאָלטון האָר, פֿון צווישן וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי פֿאַרליקוי־חמהטע אויגן און צוויי רויטע שפּיצן באַקן, ווי די שפּיצן באַקן וואָלטן געווען צוויי פֿאַרבלאַמטע רויטע וווּנדן. טאָמער איז ער געווען אויפֿגעזאָטן צי פֿון צאָרן צי פֿון תּענוג, האָבן זיינע פֿאַרליקוי־חמהטע אויגן באַקומען לעבעדיקן גלאַנץ און די שפּיצן באַקן האָבן געגליט נאָך רויטער ווי אַלע מאָל. אַזוי איז געווען ווען ער האָט געגעסן דעם עפּל מיטן גאַנצן פֿאַר־האָריקטן פּנים. ער האָט געהאַט מפּסיק געווען אין מעיין זיין אינעם ספֿר, אין וועלכן ער האָט געזוכט אַן אחיזה פֿאַר דער דרשה, וואָס ער דאַרף האַלטן דאָנער־שטיק אין בית־מדרש.

ר׳ שמעלקע איז אין שטעטל אי רבֿ, אי שוחט און ער האָט זיך געמאַכט אַ חזקה יעדן דאָנערשטיק צו האַלטן אַ דרשה פֿאַר די ייִדן און זיי שטראָפֿן פֿאַר די חטאָים, וואָס טוען זיך מערן, ווי עס וואָלט גיִיהאַלטן ביים קץ־הימים. און אַלץ פֿון וועגן די שעבסן ימח שמם. בעוונותינו הרבים האָט ער, ר׳ שמעלקע, נישט קיין כּוח צו שלעפּן דעם גאַנצן עול. אַז עס שטייט געשריבן ,כּל ישׂראל ערבֿין זה לזה׳, איין ייִד איז ערובֿ פֿאַרן צווייטן, האָט זיך דער גאַנצער עול פֿונעם שטעטלס חטאָים געלייגט אויף זיינע אַקסלען און ער הערט נישט אויף צו קרעכצן. ס׳איז אַ משׂא כּבֿדה. דערום שטראָפֿט ער דאָס שטעטל אין זיינע דרשות, עס זאָל זיך מרחם זיין און זיך אויסהיטן פֿון זינד, וואָרום ווי דער בורא דעלמא איז אַ רחום וחנון אַזוי איז ער אויך אַ נוקם־ונוטר.

אין דער לעצטער צייט פֿילט ער די עינויים פֿונעם גיהנום און ער איז פֿול מיט חשדים, ווי אַ מילגרוים איז פֿול מיט קערנער. עס איז צו אים דערגאַנגען דער חרם־כּרוז פֿון דעם בראָדער קהל קעגן דער כּת פֿונעם מעזעריטשער און אויך אַ שמועה האָט אים דערגרייכט, אַז אַן ענלעכן כּרוז האָט מכריז געווען דער

ווילנער גאון. די מעזעריטשער און די קאַרלינער מינים מערן זיך, ווי דער שימל אין טונקעלע און פייכטע ווינקלען, ווי זיי וואָלטן געווען חלילה אַ שטראָף פון אים אין הימל. זיי וואַקסן אַרויס אומגעריכט און קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי ס׳אָנשי־קעניש איז געקומען צו זיי.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען ער איז געווען מורה הוראה איז זאַמאָשטש, האָבן אים לייטן דערציילט וואָס אַלץ עס טוט זיך אָפּ אין זאַמאָסקיס הויף מיט די לייט פון יעקב פראַנק ימח שמם: דער פּריץ האָט אין זיין הויף אַריינגעבראַכט אַ כּנופיא פון די ליצים־לייט, פאַר יעדן איינעם געזאָרגט וועגן אַ טויף־פּאָטער, די ליצים־לייט אָפּגעשמדט און זיי חתונה געמאַכט מיט זייערע טעכטערולס. דערנאָך האָבן די פּריצים אויף זייער שטייגער געמאַכט פריילעכע סעודות און זיי האָבן נאָכגעמאַכט ס׳גיהנום. די ליצים־לייט מיט די פּריצים זענען געוואָרן איין כּנופיא, זיי האָבן זיך געטוישט מיט די נשים אויף צו באַשלאָפן זיי און אַלץ האָבן זיי אָפּגעטאָן בפרהסיא, איינער פאַרן אַנדערנס אויגן און ווען דאָס אַלץ איז געשען האָבן זיי זיך געמאָליעט רחמנא־ליצלן, באַשלאָפן די פּרעמדע נשים און זיך געמאָליעט, און ווידער באַשלאָפן אַנדערע נשים און זיך אָבער געמאָליעט.

זייט יאָרן האָבן די רבנים אַן אויג אויף די פּריצישע הייפן, צי די סטרא־אחרא שלעפּט נישט אַריין דאָרט כּשרע ייִדן און מאַכט פון זיי מינים. וואָרום דער שעבס, יעקב ימח שמו, האָט אין גאַנצן אַראָפּגעוואָרפן דאָס שעם־מיצל און ער פאַרפירט ייִדן צום שמד דורך ניאוף. אַז ר׳ שמעלקע איז אָנגעקומען אויף כּיסא־רבנות אינעם ישוב און ער האָט געהערט, אַז דערווייטערט אַ תחום שבת געפינט זיך אַ פּריצישער הויף, האָט ער זיין רבנות אינעם ישוב אָנגעהויבן מיט חוקר ודורש זיין, וואָס עס טוט זיך אין הויף אין רודניצע, צי האָבן זיך דאָרט נישט איינקאָרנייעט די שעבסן. אין זיין חקירה האָט ער מדקדק געווען, ווי אַ פרומער ייִד איז מדקדק ערב פסח ביים מבער זיין דעם חמץ, אָדער ביים איבערקלייבן אַרבעס פון וועגן ווערעמדיקייט. ער האָט זיך נישט באַגענוגנט מיטן אויספרעגן יוקל וויניצער, וואָס האַלט די ברויערײַ אין רודניצע, וועלכע לייט פון צווישן ייִדן ס׳האָבן אַ דריסת־הרגל אין הויף, נאָר אַליין איז ער געגאַנגען אַהין, אַריין דאָ אין דעם הויז און דאָ אין יענעם הויז, כּלומרשט אויף צו פרעגן אויף אַ נאָענטן וועג קיין קאַמעניעץ, און ער האָט צוריקגעקערט מיט דער זיכערקייט, אַז די געגנט איז ריין פון יעדן חשש פון וועגן די שעבסן. נאָר זייט עס איז דערגאַנגען צו אים דער כּרוז פון דעם בראָדער קהל און אויך דערוועגן דעם כּרוז פון דעם גאון פון ווילנע, איז ער געוואָרן בלויז נאָז. ער שמעקט דאָ און דאָרט, אַזוי בייטאָג ווי ביינאַכט, צי די סטרא־אחרא האָט זיך נישט פאַרקליבן אין זיין הייליקער קהילה. ער האָט אַריינגערופן גרונם דעם שמש, וואָס היט אויך די מיקווה און ער זיצט דאָרט מיט אַ לאַמטערן יעדן דאָנערשטיק אין אָוונט, און אים צוגעזאָגט כּפלים עולם־הבא, אויב ער וועט האָבן אַן אָפן אויער און אַן אָפן אויג אויף צו הערן און זען וואָס עס טוט זיך אין ישוב. אויב ער וועט זען, אַז עמעצער טרייסלט זיך ביים דאַווענען, אָדער ער דאַוונט פון אר״י הקודש סידור, צי עפּעס אַן אַנדער סימן פון די

סימנים, אַזוי זאָל ער אים מודיע זיין אין דער אותו רגע. „וואָרום אַ שׂריפה — האָט ער געזאָגט — דאַרף מען פאַרלעשן באַלד פון אָנהייב, און אויב נישט, קען זי חלילה חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט".

כּדי צו זיין זיכער, אַז זיין קהילה איז אין גאַנצן באַשירעמט פון דעם מינות, האָט דער רב זיך געמאַכט די חזקה יעדן דאָנערשטיק, באַלד נאָך תּפילת מעריב, צו האַלטן אַ דרשה און צו דערציילן וואָס אַלץ עס ווערט געטאָן צו רשעים אין גיהנום און ווי אַזוי דאָרט ווערן געשטראָפט די זינדיקע. ער איז געווען מרוצה פון זיך אַליין, אַז ער האָט זיין עדה אַרומגעמויערט מיט אַ גדר, אַז די סטרא־אחרא — די מעזעריטשער און די קאַרלינער — זאָלן נישט האָבן אַ דריסת הרגל.

נאָר ווי עס געשעט, דער שׂניי לייגט זיך אָן דורכן ווינטער אויף אַ משופּעדיקן דאַך, ער ווערט העכער און העכער, ווי אַ באַרג, און שפּעטער, ביי אָן אָדליגע, לאָזט ער זיך פּלוצים אַראָפּ מיט אַ געבראַזג, צי מיט אַ כליאָפּ, אַזוי איז פּלוצים צעטרייסלט געוואָרן ר' שמעלקעס רו אַז זיין עדה איז אַרומגעמויערט קעגן דער סטרא־אחרא. שוין דעמאָלט, ווען עס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען די שמועה, אַז אין הויף אין רודניצע האָט זיך באַזעצט אַ דאָקטער, איז אים די זאַך נישט געפעלן. וואָס עפּעס דאַרף דער הויף אַ דאָקטער? אפשר טאַקע קלייבט זיך דער גראַף אַריינצונעמען צו זיך אַ כאַפּטע שעבסן פון דעם ימח־שמוניק? נאָר אַז דער רב ר' שמעלקע האָט געהערט, אַז דער דאָקטער אין רודניצע איז אַ ייִד און אַז דאָס האָט ער אָפּגעראַטעוועט זרחס אישה, וואָס איז געגאַנגען שווער צו קינד — איז ער צערודערט געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז די שפּיצן באַקן האָבן זיך אים אָנגעגאָסן מיט בלוט און ער האָט אָנגעהויבן רייבן די גראָבע פינגער פון ביידע הענט אין די ווייַזפינגער, ווי ער וואָלט שנעל געציילט מטבעות. ער האָט גערופן צו זיך זרחן און אים חוקר געווען ווי אַזוי ער איז געקומען צום דאָקטער? וואָס פאַר אַ ס'גאָל ייִד איז ער? וואָס האָט ער געזען, ווען ער איז געווען ביי אים צו רופן אים צו דער געווינערין?

זרח, וואָס פון זיין אמנות איז ער אַ גלעזער, האָט דערציילט דעם גאַנצן אמת: אַרומגייענדיק מיט זיין קעסטל גלאָז אויף די פּלייצעס איבער די אַרומיקע דערפער, איז ער איין מאָל פאַרבייגעגאַנגען דעם הויף. האָט דער עקאָנאָם, וויעסלאַוו קישעל, אים געהייסן אויסגלעזן אַ פענצטער אינעם הויז וואָס ביים טראַקט. און געהערט האָט ער פון די הויפלייט, אַז אין דעם הויז וועט זיך אַריינקלייבן אַ דאָקטער. שפּעטער, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז, האָט ער געזען, אַז דאָרט וווינען שוין מענטשן. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער דאָקטער. און ווען זרחס ווייב איז געגאַנגען שווער צו קינד און איז געווען פאַרביי, האָט ער געאײַלט צום הויף און אויפן ביישטידל פון דער טיר געזען אַ מזוזה. איז ער געווען זיכער, אַז דאָ האָט זיך אַריינגעקליבן אליהו הנביא, וואָס האָט געוווּסט, אַז זיין ווייב טראָגט און זי וועט האָבן אַ שווערן האָבן און ער וועט זי אָפּראַטעווען. דאָס איז דער ייִדישער דאָקטער.

„ווי הייסט ער עס, דער דאָקטער?" — האָט ר' שמעלקע געוואָלט וויסן.

זרח האָט געהויבן מיט די אַקסלען אַז ער ווייסט נישט.

„פון וואַנען איז ער עס געקומען, דער דאָקטער?" — האָט ר' שמעלקע געוואָלט וויסן.

זרח האָט געהויבן מיט די אַקסלען אַז ער ווייסט נישט.

„איז ער אַ שומר מצוות, אָדער, חלילה, אַ קל, פון יענע לייט וואָס אַז ס'חילוניות גייט אַריין גייט ס'יאַהנדעס אַרויס?" — האָט ר' שמעלקע נאָך מער געוואָלט וויסן.

זרח האָט געהויבן מיט די אַקסלען אַז ער ווייסט נישט.

„אַז מען ווייסט נישט — טויג נישט!" — איז דער רב נישט געווען מרוצה און איז געוואָרן אומרויִק. דעמאָלט איז ער אַליין אַוועק צו יוקל וויניצער און אויף אים אַרויפגעלייגט די מצווה צו דערוויסן זיך ביי די הויפלייט ווי עס הייסט דער ייִדישער דאָקטער. איז יוקל אַוועק אין הויף און געפרעגט ביים עקאָנאָם און ביי אַנדערע לייט, וואָס קענען וויסן, און צוריקגעקומען צום רב און געזאָגט אַזוי:

„דער דאָקטער הייסט מיט אַ נאָמען וואָס איז שווער אים נאָכצוזאָגן. עפּעס אַזאַ נאָמען וואָס אָט איז ער פון די הייליקע ספרים און אָט איז ער נישט פון די הייליקע ספרים. דאַכט זיך, ער הייבט זיך אָן מיט אַן אַלף".

„ביסט דאָך נישט, יוקל־לעבן, קיין עם־הארץ דו זאָלסט אַזוי רעדן" — האָט דער רב אים געדרייצט.

„רב־לעבן, איך האָב געפרעגט און האָב פאַרגעסן דעם נאָמען — האָט זיך יוקל פאַרטיידיקט — איך ווייס נאָר: אַן אויסטערלישער נאָמען מיט אַן אַלף".

„איז אפשר הייסט ער אליתה, צי אלציפן, צי גאָר ארתּתחשסתּא" — האָט דער רב געפרווּווט מיט חוזק.

„עפּעס ענלעך צו ארתּתחשסתּא" — האָט יוקל געוואָלט זיך דערמאָנען.

„ארתּחשסתּא גאָר? ווי קומט דאָ דער מלך פון פּרס קיין רודניצע? זאָלסט מיר זאָגן אין רודניצע האָסטו געפונען ארידתא, צי המדתא * איז עס אַוודאי אמת, אָבער ארתּחשסתּא?" — האָט דער רב אים געצויגן.

„כ'וועל מערטשעם וויסן, רב־לעבן. דער דאָקטער אַנטלויפט נישט" — האָט יוקל געוואָלט אָפּהאַקן.

אַז נאָך אַ טאָג, צוויי טעג, האָט יוקל נישט געבראַכט דעם רב ווי עס הייסט דער ייִדישער דאָקטער אין הויף, האָט ער אַליין זיך געפעדערט, אַרומגעגאַרטלט זיך ווי צו אַ ווייטער נסיעה, גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט אַריין און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. די תּפילת־הדרך האָט ער אָפּגעזאָגט נאָך איידער ער איז אַרויס צום טראַקט, אָבער אַז ער איז אַרויסגעקומען אויפן ליידיקן שליאַך, צווישן די פעלדער, וואָס דאָס אויג קען נישט אַרומנעמען זייער פאַרנעם, האָט ער ווי פאַרגעסן, אַז ער האָט די תּפילה שוין געזאָגט און זי נאָך אַ מאָל איבער־

---

* המדתא, דער פאָטער פון המן; ארידתא, דער זעקסטער זון פון המן.

געחזרט, דאָס מאָל נאָך מיט מער דביקות, אַז דער הימל זאָל „נענען אונדזערע טריט צו שלום און זאָלסט אונדז פירן אַהין וווּ מיר דאַרפן צום לעבן און צו פרייד און צום שלום, און זאָלסט אונדז אָפּראַטעווען פון דער האַנט פון יעדן פיינט און אָפּטשאַטעווער און רויבער און ווילדע חיות אויפן וועג און גיב אונדז איבער צו חן און צו לייטזעליקייט און צו רחמים אין דיינע אויגן און אין די אויגן פון די אַלע, וואָס זעען אונדז און מאַך אונדז צוריקקערן אַהיים צו שלום״.

אָפּגעקרעכצט נאָך דער תּפילה האָט דער רב זיך געפילט זיכער אויפן ליידיקן טראַקט און צווישן די פעלדער, ווי ביי זיך אין דער היים.

פון דעם שיינעם דרויסן איז אים געוואָרן אויפגעלייגט אויפן געמיט און די פיס זענען אים געוואָרן לייכט. איי־איי, וואָס אַלץ דער בורא־עולם האָט עס באַשאַפן! אין די לאַנגע ווייץ און אין די גראָזן שורשקעט לעבן, ווי דאָס אַלץ וואָס זיינע אויגן זעען וואָלט גערעדט איין לשון און דער קאָרן שמועסט זיך איבער מיט דער גריקע, און דער פלאַקס האָט וואָס צו דערציילן דעם ווייץ, און דער היי מיט דער קאָניטשינע זענען זיך גאָר נאָענטע קרובים.

ר׳ שמעלקע וואָלט אַוועקגעגעבן אַ מאַיאָנטעק צו וויסן, צי דאָס אַלץ אַרום ווייסט ווער ער איז; אַז ער איז אי רב, אי שוחט און אי מוכיח און ער היט אָפּ זיין קהילה פון געשטרויכלט צו ווערן פון דעם מינדסטן. ווען שלמה המלך עליו השלום וואָלט דאָ געגאַנגען, וואָלט ער פאַרשטאַנען יעדן שאָרך און יעדן פּיפּס און ער וואָלט אַוודאי פאַרנומען די שבחים, וואָס די געוויקסן אויף די פעלדער זאָגן אים איצט נאָך. נאָר ער, ר׳ שמעלקע, כאָטש אַ יודע־ספר, קען נעבעך נישט דאָס לשון, נישט פון די פייגל און נישט פון דעם גראָזוואַרג, נאָר רחמנות וועקן זיי אין אים.

און ווי דער רב איז אין דער כּוונה פון דעם אַלץ וואָס זיינע אויגן זעען, איז פּלוצים ווי פון אונטער דער ערד אַרויס אַ האָז. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן רב און פייל אויסן בויגן אַריבער דעם טראַקט און פאַרשוווּנדן אין דעם קאַרטאָפל־גרינס. ער האָט פאַרלוירן דעם אָטעם, געבליבן שטיין נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט. ער האָט נישט געפילט דאָס האַרץ. אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דאָס ערשטע אַ קוק געטאָן אויפן שטעקן אין זיין האַנט. ער האָט געהאַט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז ער גייט מיט אַ שטעקן. ווען ער זאָל נישט האָבן פאַרגעסן וואָלט ער דער חיה מקיים פּסק געווען זי זאָל האָבן דרך־ארץ. וואָס הייסט, זי שרעקט איבער אַ מענטש אין מיטן וועג? נאָר ווידער דאָס זעלבע: אַ שטומע צונג, ווי עס שטייט געשריבן: חית הארץ, אַ ווילדס, נעבעך, ווייסט נישט פון קיין לייַב און קיין לעבן.

כאָטש נישט מער ווי אַרום אַ תּחום שבת פונעם שטעטל צום הויף, האָט זיך ר׳ שמעלקען אויסגעדאַכט, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אַ מרחק רב און ער איז אָנגעקומען אין הויז פונעם דאָקטער אַ מידער און דורשטיקער.

זעלדע האָט דעם פרעמדן אַריינגעבעטן אין איר הויז מיט אַ „גאָט־העלף, ליב אייַער גאַסט״. דער רב האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מזוזה אויפןביישטידל

און זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ־פינגער, ווי ער וואָלט מיט די ליפּן גע־מיינט צו דערגרייכן די שי״ן. ער האָט די שפּיץ פינגער פון דער רעכטער האַנט אַרויפגעלייגט אויף דער מזוזה און דערנאָך זיי אַ הויכן קוש געטאָן און אַריבער־געטראָטן די שוועל.

„איך בין דער רב״ — האָט ער געזאָגט אָן אָנצובלאָזן זיך, פון וועגן דער מידקייט.

„קומט אַריין, זעצט זיך, רב — האָט זעלדע אָנגעוויזן אויף דער באַנק נעבן טיש — מיט וואָס קען איך מכבד זיין אַזאַ ליבן גאַסט?״

„מיט אַ טרונק וואַסער — האָט ער געענטפערט זיך זעצנדיק פּאַרזיכטיק, פּרוּווּנדיק מיט דער האַנט דאָס געהילץ פון דער באַנק — אַזאַ ווייטער וועג צו אייך, אַ מהלך רב. איך האָב געמיינט צו טרעפן דעם חשוב דעם דאָקטער״.

„מיין מאַן איז אין הויף — האָט זעלדע געענטפערט פון דער ווייטנס — אין חגא מאַכן זיך אַ סך לייט קאַליע דעם מאָגן און ווערן קראַנק״.

„אַז מען עסט טריפות איז עס דאָס גרעסטע חולאת! נאָר גיי און זאָג עס די גויִים. אַז וואָס יִדן זאָגן אַזוי, זאָגן זיי קאַפּויער...״ — האָט ער פאַרענדיקט ניגונדיק.

ר׳ שמעלקע האָט געוואַרט ביז זעלדע האָט אַוועקגעשטעלט די שעפּ אויפן טיש, כדי זי נישט צו נעמען פון אַן אישהס האַנט. דערנאָך אַרויפגעגאָסן אַ פּאָר טראָפּנס אויף די שפּיץ פינגער, געמאַכט אַ הויכן און פרומען ‚שהכל׳ און גע־טרונקען דורשטיק, האַלטנדיק די שעפּ מיטביידע הענט.

„מים חיים. ס׳דערקוויקט דאָס האַרץ! — האָט ער אַוועקגעשטעלט די ליידיקע שעפּ אויפן טיש און מיט דער האַנטפלאַך זיך אָפּגעווישט די ליפּן, וואָס מען האָט זיי נישט אַרויסגעזען פון צווישן דער האָריקייט — ווי גיט זיך אַ יִדיש הויז אַן עצה מיט פליש אויף אַזאַ מהלך רב?״ — האָט ער געפרעגט דרך־אגבדיק.

„מען גיט זיך אַן עצה״ — האָט זעלדע געענטפערט.

„כ׳מיין מיט כשר פליש״ — האָט ר׳ שמעלקע געזאָגט קלאָרער.

„וואָס עפּעס פרעגט איר מיך, רב? צי בין איך נישט קיין יִדישע טאָכטער?״ — האָט זיך זעלדע פאַרשעמט.

מיט אימפּעט איז אין הויז אַריינגעלאָפן אַלעקסאַנדער. דאָס בילד פון דעם זיצנדיקן פרעמדן מאַן האָט געצוימט זיין אימפּעט און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער. זעלדע האָט באַמערקט:

„האָסט נישט געזאָגט ‚גאָט־העלף׳. זאָגט מען נישט ‚גאָט־העלף׳ צו אַ גאַסט?״

„גאָט־העלף״ — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט אין פאַרלעגנהייט, זיך פאַרנויגט און מיט אַ באַהאַלטענעם בליק געוואָלט אויסגעפינען וואָס עס טוט זיך אין הויז.

„גאָט־העלף, חתן־בחור — האָט ר׳ שמעלקע אים געענטפערט — זייער אַ פיינער חתן־בחור. ווי הייסטו, חתן־בחור?״

„אַלעקסאַנדער הייס איך״.

„און ווי הייסט דיין טאַטע דער יודע־ספר?" — האָט דער רב ווייטער געפאָרשט.

„ר' אליעזר הייסט מיין טאַטע. ר' אליעזר אַרטאַפּאַנוס דאָקטאָר מעדיקוס!" — האָט מיט גאווה געזאָגט אַלעקסאַנדער.

„ר' אליעזר? אליעזר אַרטאַפּאַנוס דאָקטער! איי־איי־איי, ס'איז דאָך עפּעס גאָר וואָזשנע — האָט דער רב זיך צעשאָקלט — דאָקטאָריע. אַ קלייניקייט! זאָל דיר דער מלאך רפאל ביישטיין".

אין דרויסן האָט זיך געהערט אַ גערעדעריי און אַ געפילדער. אַלעקסאַנדער איז צוריקגעקומען מיט דעם פאָטער און מיט זיין ברודער און שוועסטער. יצחק און באַשע האָבן געהאַלטן אין דערציילן עפּעס דעם פאָטער און ער האָט זיך באַמיט איינעם פון זיי איינשטילן, צו הערן וואָס דער צווייטער וויל דערציילן.

„מיר האָבן אַ גאַסט" — האָט זעלדע געזאָגט, כאָטש אליעזר און די קינדער האָבן שוין געהאַט באַמערקט דעם פרעמדן, און יצחק איז שטיל געבליבן.

„איך בין דער רב פון ישוב — האָט ר' שמעלקע געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַרויפּ־לייגנדיק ביידע הענט אויף זיין שטעקן — איך גיי פאַרביי, טראַכט איך: דאָ וווינט דאָך אַ יידישער דאָקטער, אַ רופא חולים, דאַרף מען אים געבן שלום־עליכם און אים ווינטשן ער זאָל מצליח זיין, ווי עס שטייט געשריבן ,משנה מקום משנה מזל' צום גוטן. אַז מיר האָבן שוין זוכה געווען צו האָבן אין שכנות אַ יידישן דאָקטער, איז גלייך ער זאָל אָנטאָן דער קהילה קדושה כבוד און קומען צו אונדז אין ישוב דאַוונען אין די שבתים. בלי נדר מפטיר ביי דער ערשטער עליה".

„אַ יישר־כוח אייך, רב. בלי נדר וועל איך קומען מיט מיינע זין. זיי דאַרפן לערנען תורה און דערוויל זענען זיי מבטל זמן". — האָט אליעזר געקוקט דאָ אויף יצחקן און דאָ אויף אַלעקסאַנדערן.

„וואָס האָט געלערנט דער בכור?" — האָט דער רב געפרעגט, אָנווייזנדיק מיטן שטעקן אויף אַלעקסאַנדערן.

אַלעקסאַנדער איז רויט געוואָרן און אליעזר האָט פאַרבעסערט:

„דער איז מיין בכור. יצחק. אַן אייניקל פון אַ בראָדער מיוחס" — האָט ער מיט אַ פינגער געוויזן אויף יצחקן.

„פון בראָד? אוי־וואַ, אַ חשובע קהילה! וועגן די בראָדער פרנסים איז דאָך געזאָגט געוואָרן דער פּסוק אין תהילים ,הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל'. אַ קלייניקייט עפּעס פון וואָס פאַר אַ שׂריפה בראָד האָט אָפּגעראַטעוועט די וועלט!" — האָט דער רב געשאָקלט מיטן קאָפּ פון התפעלות.

אליעזר האָט צוזאַמענגעפלאָכטן די פינגער פון איין האַנט אין דער צווייטער און געשוויגן. אויך די זין האָבן געשוויגן. זעלדע האָט געקוקט אויף איר מאַן און געוואַרט אויף עפּעס. דאָס עפּעס איז נישט געקומען. די שטילקייט אין הויז האָט גערוישט און אינעם גערויש פון דער שטילקייט האָט געזשומעט דער שווערער געפלי פון אַ מיסטפליג. פונעם טראַקט האָט זיך דערטראָגן אַ שיכור געזאַנג, וואָס אַט איז עס שטאַרקער געוואָרן און אַט שוואַכער און אַט איז עס ווידער

אויפגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעצויגן ווייט, ווייט. נאָך דעם איז די שטילקייט אין הויז געוואָרן נאָך געדיכטער. ר׳ שמעלקע האָט אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן שטעקן שווער זיך אויפגעשטעלט, אַרומגעקוקט זיך, צי ער פאַרגעסט נישט עפּעס, און געזאָגט:

„נו, דאָקטער־לעבן, איר זאָלט מצליח זיין מיט אײַער אישה און מיט אײַערע קינדער און ישועות ונחמות זאָלן קומען אויפן פאָלק ישׂראל״.

ער איז אַוועק מיט נישט קיין לייכט האַרץ. דער ‚בלי נדר׳, מיט וועלכן דער דאָקטער האָט צוגעזאָגט צו קומען אין שטאָט אַריין, מען זאָל אים מכבד זיין מיט מפטיר, איז אים נישט געפעלן. ער האָט אים נישט געענטפערט וואָס זיין בכור האָט געלערנט. הייסט עס, אַז דער דאָקטער איז אַ גאַנצער פּריץ ביי זיך און גיט נישט אָפּ כּבוד דעם מרא דאתרא. אויך די אישה זיינע האָט נישט גע־ענטפערט גלייך מכּוח דער שאלה, ווי זי גיט זיך אַן עצה מיט כּשר פליש. און נאָך אַ זאַך איז אים געווען נישט קלאָר: פאַר וואָס האָט יוקל וויניצער אויסגע־טראַכט אַ מעשׂה, אַז דער דאָקטער האָט אַ שווערן נאָמען וואָס מען קען אים נישט נאָכזאָגן. סך־הכּל הייסט ער אליעזר און עפּעס דאָרט אַרטאַפּאַנוס. איז וואָס איז דאָ שווער? סיידן דער יוקל האָט אים אָפּגענאַרט. ער איז נישט געווען אין הויף צו פרעגן ביי די דאָרטיקע לייט וועגן דעם דאָקטער. אַלץ נאַרט אָפּ היינטיקע צייטן! לייט האָבן מער נישט קיין דרך־ארץ פאַר אַ רב; די וועלט ווערט הפקר; די מינים פון מעזעריטש און די כּת פון יעקב פראַנק, ימח שמו, באַדעקן די וועלט מיט זינד רחמנא־ליצלן. איז וואָס איז דאָס וווּנדער וואָס געווינערינס גייען שווער צו קינד? ס׳איז נאָך אַזוי אויך אַ גרויסער זכות וואָס ער אין הימל שטראָפט נישט ווי ער האָט געשטראָפט דעם דור פון ערב דעם מבול.

ר׳ שמעלקע האָט זיך אָפּגעשטעלט צו כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט אויפגעהויבן דאָס האָריקע פּנים צום הימל און געקוקט אין דער בלויקייט סיי מיט זיינע ליקוי־חמהדיקע אויגן און סיי מיט די צווי רויטע בלוט־פאַרלאָפענע שפּיץ־באַקן און געמורמלט:

„ביסט אַ סבלן און אַ רחום וחנון, בורא דעלמא!״

דער הויף

ווי זיין געדעכעניש וואָלט געוואָלט לעבעדיק לײַב, האָט אליעזר זיך איינגע־קראַמפּט אין אים, כּדי צו דערגיין צום שורש פֿון דעם וואָס איז ווייטער געשען.

ער האָט געזוכט אַן אַנלען פֿאַר זיין חשד, אַז דאָס האָט ער גופא גורם געווען דאָס געשעענע. נאָר ווי אַן אויסגעטריקנטער טייך־געלעגער פֿאַרווישט דאָס לעבע־דיקע אָפּבילד פֿון אַ שטראָמיקן טייך, אַזוי האָט די צייט פֿאַרווישט דעם שייכות צווישן זיינע מחשבות און יענע מעשׂים, וועלכע האָבן צו דעם שפּעטערדיקן דערפֿירט. פֿון זיין נסיון האָט ער געוווּסט, אַז בלויז איבער זיינע מחשבות איז ער דער הערשער. ער קען זיי דערהייבן ביז איבערן זיבעטן הימל, אָדער אַראָפּנידערן זיי נידעריקער פֿון דער שאול תּחתּיה, נאָר ווען ער פֿאַרלײַבט זיינע מחשבות אין מעשׂים, באַקומען די מעשׂים אייגענעם אימפּעט און עס קומט אַרויס עפּעס אַנדערש פֿון דעם וואָס ער האָט געוואָלט עס זאָל אַרויסקומען.

איינס האָט ער געגעבן געדענקט — געגנוג כּדי אַרויפֿצולייגן אויף זיך אַליין די גאַנצע שולד — אַז חדשים לאַנג האָט געגומען ביז ער האָט זיך אויסגעקליבן קיין קאָמעניעצער צו געפֿינען אַ מלמד און אַ מחנך פֿאַר זיינע זין. ער האָט עס געטאָן אַ סך שפּעטער נאָך דעם ווי דער רב האָט אים געלאָזט וויסן, אַז אין שטעטל וועט ער קיין מלמד פֿאַר זיינע קינדער נישט געפֿינען. טאָמער וואָלט דער דאָקטער זיך איבערגעקליבן נאָענט צו אים, וואָלט ער אַליין געגומען אויף זיך די מצווה צו לערנען מיט זיינע זין תּורה. נאָר אַז ער האָט זיך פֿאַרקליבן אַ מהלך רב פֿונעם ישוב, וועט דאָס גיין יעדן טאָג קיין רודניצע אים גורם זיין ביטול זמן, וואָס דאָס איז אַן עבֿירה, און עס שטייט געשריבן, אַז לשם מצווה טאָר מען נישט באַגיין אַן עבֿירה.

דערווייל האָט דער הויף אַריינגעפּישופּט די קינדער מיט אַלע צויבערן פֿון אַ נייער אומגעאַנטער וועלט. די שאלה וואָס אליעזר האָט אַמאָל אין קאַטאָוועס געפֿרעגט זעלדען, פֿון וואַנען עס האָט זיך צו איר גענומען, אַז זי האָט אים געבוירן צוויי סלאָוון, געמיינט די בלאָנדע און בלוי־אויגיקע יצחק און בתיה, די זעלבע שאלה האָבן אויך געפֿרעגט די הויפֿלייט צווישן זיך. זיי האָבן ליב באַקומען די קינדער מיט באַוווּנדערונג. אַזוי אויך האָבן זיי באַוווּנדערט דעם ייִנגערן, אַלעקסאַנדער, וואָס האָט אויסנווייניק געפּפלט גרויסע צאָלן און נאָך יעדן ריכטיקן ענטפֿער איז ער רויט געוואָרן פֿון בושה.

עלזשביעטאַ, דאָס ווייב פונעם גראַף, האָט די קינדער דערנענטערט צו זיך און צו אירע אייגענע קינדער. כאָטש זי איז געווען נאָכן פינפטן געבורט און איר עלטסטער זון איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון יצחקן, איז זי געווען שלאַנק און בויגעוודיק ווי אַ יונג מיידל. אירע טיף גרינע אויגן, איינגערעמט אין לאַנגע טונקעלע אויף אויסן פאַרבויגענע וויִעס, האָבן אַרויסגעשטראַלט גוטסקייט און נאָכגיביקייט. אין דעם לאַנגן געפאַלבטן קלייד מיט אַ שלעפּ, אין דער זעלבער פאַרב וואָס אירע אויגן, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי גייט נישט, נאָר זי שוועבט נידעריק איבערן פּאָל. ווי עלזשביעטאַ האָט גערעדט שטיל און געקליבן אירע ווערטער, אַזוי האָט איר מאַן, לעשעק פּאָטאָצקי, גערעדט אויפן שטייגער פון דער פּוילישער שלאַכטע, הויך אויפן קול און מיט נבול־פּה. אַלע מאָל איז ער געווען אָנגעטאָן ווי אויף אַוועקצורייטן, מיט אַ בייטשל אין דער האַנט, און ביי יעדן אָפּשטעל אין רעדן אַ קלאַפּ געטאָן מיטן בייטשל אין דער שטיוול־כאָלעווע, באַגלייט מיט אַ ,פּשאַ קרעוו׳. זיין ליבשאַפט צו זיינע אייגענע קינדער און שפּעטער אויך צו אליעזרס קינדער האָט ער אויסגעדריקט דורך קנייפּן זיי מיט צוויי פון זיינע לאַנגע און ביינערדיקע פינגער אין די באַקן. ער האָט געקנייפּט ביז טרערן און דערנאָך מיט די זעלבע צוויי פינגער אָפּגעווישט די טרערן פון דעם קינדס פּנים.

אָפט פלעגט עלזשביעטאַ פאַרשווינדן, און גלייך האָבן זיך דורך ווייטע פאַר־מאַכטע טירן געהערט די זילבערנע און פלאַטערנדיקע טענער פון אַ קלאַוויר. נאָך דעם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ שטורעם הייבט זיך אויף און ער גייט אַראָפּרייסן דעכער און אויסרייסן ביימער און ער וועט אַוועקלייגן אויף די פעלדער די ברויטזאַנגען. נאָר אין מיטן פונעם שטורעם זענען די טענער פון דעם קלאַוויר געוואָרן מילד, אויסגעצויגן־בעטנדיק — זיי האָבן דערמאָנט אין אַ ווייסן לאַנגן וואָלקן, וואָס ציט זיך אַוועק ווייט, ווייט און פּאַמעלעך, ביז אין דער ווייטקייט ענדערט ער זיין ווייסקייט אין פאַרבן, אין בלאָ און אין ראָז, אַרומגערינגלט מיט קליינע וואָלקנדלעך ווי פון פּערלמוטער. דעמאָלט האָט מען זיך געפילט זיכער און עס האָט זיך געגלוסט אַוועקשווימען צוזאַמען מיט די וואָלקנדלעך און מיט־נעמען די קלאַנגען, וואָס ציטערן און ציטערן און מאַכן פלאַטערן דאָס האַרץ.

צום ערשטן מאָל האָט העלענאַ, די עלטסטע טאָכטער פון עלזשביעטאַן, אָנגענומען באַשען ביי דער האַנט און זי אַריינגעפירט אין דער קאַמער צו הערן די קלאַנגען פונעם קלאַוויר פון דער נאָענט. מיט זיי זענען מיטגעגאַנגען אַלעק־סאַנדער און יצחק. שטיל, פון אַ זייט, האָבן זיי זיך איינגעקוקט אין דעם רוקן פון דער שפּילנדיקער פרוי, וואָס האָט זיך אַזוי ווייך באַוועגט, אַז עס האָט זיך געדאַכט: איר גאַנצער גוף שפּילט און נישט דער קלאַוויר. באַשע האָט אַרויס־גענומען איר האַנט פון העלענאַס האַנט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן פּאָל, מיט דעם קאָפּ אויסגעצויגן פאָרויס און זי האָט מיט דעם קאָפּ באַוויגן ווי דער רוקן פון עלזשביעטאַן האָט זיך באַוויגן.

ס׳איז געשען איין מאָל: דער קלאַוויר האָט זיך צעשטורעמט און צעוויינט אין תפילות, מיט אַזאַ טרייסלעניש, אַז העלענאַ האָט אויסגעצויגן איר האַנט און זי

האָט געזוכט באַשעס האַנט, כּדי זיך צו שטאַרקן מיטביידנס כּוח. האָט יצחק איר דערלאַנגט די האַנט, וואָס זי האָט נישט געזען, און זי האָט זיין האַנט געדריקט און ער האָט איר געענטפערט, ווי פּלוצים האָבן זיך זייערע אויגן צוזאַמענגע־טראָפן און ביידע זענען צעפּלאָנטערט און צעפּלאַמט געוואָרן; זייערע הענט האָבן זיך בריִענדיק צעשיידט, ווי פון פייער אַרויס.

אַזוי האָט די קינדער געצויגן צום הויף; יצחק האָט געזוכט דאָס זיסע פּלאָ־טערניש נעבן העלענאַ, און באַשע האָט געזוכט די קלאַנגען פונעם קלאַוויר, און אַלעקסאַנדער האָט געזוכט דאָס באַוואונדערן אים מיט זיין כּפלען גרויסע ציפערן אויסנווייניק.

יעדע וואָך אין דער זעלבער צייט פלעגט קומען אין הויף אַריין דאָס ברידערל מאַרצעלי, אַ נזיר פון דעם פראַנציסקאַנער קלויסטער אין קאַמעניעץ. דאָס ברידערל מאַרצעלי איז געווען אַן אַלבינאָם, מיט וואַסערדיק־בלאָע אויגן און לאַנגע ווייסע וויִעס, ווייס ווי די ווייסע האָר, וואָס האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער זיין נזיר־קאַפּל. ער האָט געהאַט אַ העל־ראָז פּעט פּנים, ענלעך צו דער הויט פון אַ ציכטיק יונג חזירל און אַ טיפּע סאַמעטענע באַס־שטים, וואָס האָט נישט געפּאַסט, נישט צו זיין אַלבינאָם־פּנים און נישט צו זיין נזירישקייט. ער פלעגט קומען אין הויף אַריין צו לערנען מיט די פּריצישע קינדער לאַטיין און חשבון. פון אָנהייב האָט ער מיט זיין נזירישן הילוך, מיט דער העל־ברוינער וואָלענער סוטאַנע, מיט דעם ווייסן גאַרטל און מיט די פינגער־פּאַרפּלאָכטענע הענט אויף דער ברוסט, געצוווּנגען די קינדער פון אַליעזרן צו האַלטן זיך פון דער ווייטנס. זיי האָבן נישט געקענט זאָגן פּאַר וואָס, נאָר זיין קומען אין הויף אַריין און זיין שנעלער גאַנג מיט דריבנע טריטלעך, מיט דעם קאָפּ אויסגעבויגן אַ ביסל אויף אַ זייט, האָט אָנגעטריבן אויף זיי בהלה. נאָר ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו אים און אָנגעהויבן אַריינקומען אין דער קאַמער, וווּ ער האָט געלערנט מיט זיינע ביַין תּלמידים. צי ער האָט געלערנט חשבון, אָדער לאַטיין, האָט ער נישט אויפגעהערט רעדן און כּסדר איבערחזרן דאָס גערעדטע. פּלוצים פלעגט ער איבעררייסן און אָנווייזן מיט אַ פינגער פון זיין בלאַלעך־ווייסער האַנט צו איינעם פון די תּלמידים: „ווי זאָגט מען אויף לאַטיין בעטן צו גאָט?" אָדער — „וויפל קאָסטן פינף מיט צוויי דריטל איילן דרילעך, ווען יעדער אייל קאָסט צוויי און אַ האַלבן גילדן?"

ביי איינער אַזאַ שאלה: „וויפל האָט געדאַרפט דער שלאַכטשיץ באַצאָלן פאַר ביַין פערד, ווען יעדעס פערד קאָסט זעכצן מיט אַ האַלבן גילדן, האָט אַלעקסאַנדער זיך נישט געקענט איינהאַלטן ביז עמעצער וועט מאַכן דעם חשבון מיטן קריידל אויפן טעוועלע, נאָר ער האָט גלייך אויסגערופן: הונדערט אַכט און פערציק מיט אַ האַלבן גילדן!

דער נזיר האָט אויסגעדרייט זיין אַלבינאָסיש פּנים, מיט פאַרזשמורעטע אויגן זיך איינגעקוקט אין אַלעקסאַנדערס פּנים און געפרעגט:

„לערנסטו ביי מיר?“

אַלעקסאַנדער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

„ווו לערנסטו?“

„איך לערן נישט“ — האָט ער געענטפערט.

„ווי אַזוי קען מען, ווען מען לערנט נישט?“ — האָט דער נזיר געוואָלט וויסן.

„פון קאָפּ“ — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט.

דער עלטסטער זון פונעם גראַף, בראַניסלאַוו, האָט זיך אויפגעשטעלט און דערציילט דעם נזיר, אַז אַלעקסאַנדער איז דער זון פון דעם ייִדישן מעדיקוס, וואָס וווינט ביים הויף.

„און אויך איר זענט די קינדער פון דעם ייִדישן מעדיקוס?“ — האָט דער נזיר געפרעגט באַשען און יצחקן, וואָס זענען געזעסן אין אַ ווינקל נעבן אַלעקסאַנדערן.

ביידע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און דער נזיר האָט זיי אָנגעקוקט מיט זיינע וואָסערדיק־בלאָע אויגן און נישט געווען זיכער, צי זיי זענען עס טאַקע.

פון דעמאָלט אָן האָבן די קינדער נישט פאַרמיטן די לעקציעס פון דעם ברידערל מאַרצעלי. זיין סאַמעטיקע באַס־שטים איז זיי געוואָרן היימיש־נאָענט. זיי האָבן זיך מער נישט געפילט פאַרלוירן.

ביים לערנען ציילן אויף לאַטיין, האָבן דעם נזירס ‚טרעס‘, ‚טריאָ‘, ‚טרעצע־דים‘, ‚טריגינטאַ‘, ‚טרעצענטי‘ געקלונגען ווי ער וואָלט געזונגען אַ ליד. די קינדער האָבן שפּעטער אין דער היים איינגעחזרט דאָס געהערטע מיט דעם זעלבן זינגענדיקן טאָן, וואָס דער נזיר, און זיך איבערי‌אָגט אין קענען און געדענקען.

איין מאָל איז דערגאַנגען צו די אויערן פון אליעזרן ווי אַלעקסאַנדער פאַר־הערט זיין עלטערן ברודער, צי ער קען אָנרופן זאַכן מיט לאַטיינישע נעמען. ביים אָנבייסן האָט אליעזר געפונען אַ געלעגנהייט צו לאָזן וויסן זיינע קינדער, אַז לאַטיין איז אים נישט פרעמד.

„מען דאַרף אונוס מאָל וואַשן די הענט און דואָ מאָל בענטשן, פּרימום פאַר גאָט און סעקונדוס פאַר דער מאַטער פאַר איר קאָקווערע, גוט קאָכן“ — האָט ער געזאָגט אויפן מאַקאַראָנישן שטייגער, ווי אַדעליקע פּאָליאַקן מישן זייער לשון מיט לאַטיין.

אַלעקסאַנדער האָט אַ קוק געטאָן דאָ אויף באַשען און דאָ אויף זיין עלטערן ברודער און ער האָט אויפגעלויכטן אָנטדעקעריש:

„פּאַטער קען לאַטינוס!“

זעלדע האָט געזאָגט שאַרף און אַ קוק געטאָן צו די קינדער מיט אַ בליק, ווי זי וואָלט געווען באַליידיקט:

„געדענקט איר נישט, קינדער, אַז אײַער פּאַטער איז דאָקטאָר מעדיקוס?“

„ווי אַזוי קענען זיי עס פאַרגעסן? — האָט אליעזר זיי פאַרענטפערט — זיי וויסן בלויז נישט, אַז אַ דאָקטער מוז קענען לאַטינוס“.

איצט זענען די קינדער געוואָרן צעשפּילט און לוסטיק. אויב דער פּאָטער קען לאַטינוס, האָט יצחק געוואָלט אים ווייזן ווי אַזוי דאָס ברידערל מאַרצעלי זינגט די צאָלן קווינקווע, קווינדעצים, קווינקוואַגינטאַ. באַשע האָט אים צוגע־האָלפן, פּרווונדיק נאָכמאַכן זיין באָס־שטים.

די קינדערס צעשטיפטקייט ביים טיש, פון דעם וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזאַפּט אין הויף, האָט אליעזרן געמאַכט אומרויִק. דער אומרו האָט אים אונטערגעזאָגט ער זאָל וואָס שנעלער זיך אויסקלייבן קיין קאַמעניעץ וועגן אַ מלמד פאַר די קינדער.

שדכנים און תורה

זיין אָנקום קיין קאַמעניעץ איז אויסגעפאַלן אין דער מיט פונעם זמן און אין אַ טאָג פון אַ מיטן־זומערדיקער חמימה. כאָטש צוויי געזונטע הויפישע פערד זענען געווען געשפאַנט אינעם לייכטן וואָגן און קיין איין מאָל האָט ער די בייטש נישט אויפגעהויבן אויף זיי, זענען זיי אָנגעקומען אין שטאָט אַריין פאַרשוויצטע, מיט אַ ווייסע שוים אויף די זאַדעס. איז אליעזר פאַרפאַרן אין האַרבעריק, צו לאָזן די פערד אָפּדעכצן און אויך אַליין האָט ער אַראָפּגעצויגן דעם דרילכענעם רייזע־כאַלאַט, אַראָפּגעוואַשן פון זיך דעם וועגשטויב און דעם שוויס.

פון די מלבושים פון דעם גאַסט און פון די צוויי אויסגעפּאַשעטע פערד האָט זוסיע דער בעל־אכסניה דערשמעקט, אַז אַ ייִדישער שׂררה איז צו אים פאַרפאַרן און ער האָט באַפוילן זיין ווייב שיינע־דאָבע, זי זאָל אויפבלאָזן ס׳פייער אונטער דער אויוון־קאַפּע און זיין גרייט צו קאָכן, וואָס ער ווייסט נאָך נישט וואָס. שׂררהס, סיי גויִישע און סיי ייִדישע, זענען זולל־וסובאס און האָבן ליב דעם פרעס. נאָר מתוך דרך־ארץ האָט זוסיע אָנגעהויבן פון די פערד. ער האָט אַריינגעשטופּט די האַנט אין די טאָרבעס און אַרויסגעצויגן זשמעניעס ריינעם האָבער. צי זאָל ער זיי טאַקע נאָכגעבן די שמד און זיי געבן דעם ריינעם האָבער, אָדער ער זאָל זיי פּאַר דעם געבן אַ פּאָר וועכטשעס שטרוי. דער גאַסט האָט באַפוילן נישט אָפּנאַרן זיינע פערד. שלעפּן אַ בריקע אין אַ חמימהדיקן טאָג אַזאַ מהלך רב איז אַ שווערע עבודה אַפילו פאַר פערד. קומט זיי אַ ריינער ביסן.

„און פאַר אייך, פריץ־לעבן?“ — האָט זיך זוסיע איינגעבויגן הכנעהדיק.

„איך וועל אַוודאי נישט עסן קיין וועכטעטש שטרוי“ — האָט אליעזר געזאָגט מיט געמאַכטן ערנסט.

דער הכנעהדיקער און ווייכער בעל־אכסניה האָט זיך פאַרלוירן, און פון צע־טומלונג האָט ער אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן.

„אויך נישט קיין זשמעניע האָבער! — האָט דער גאַסט צוגעגעבן — אין אַ חמימה דאַרף מען זיך נישט צוכאַפּן צו דער שיסל. שפּעטער“.

„ווויל, ווויל, אײַער ווילן, פריץ־לעבן — האָט זוסיע געשאָקלט מיטן קאָפּ — זאָל איך לויפן עמעצן רופן? אַ מסחר? אַן עסק?“

„נישט דאָס און נישט דאָס. קיינעם דאַרפט איר נישט לויפן רופן. נאָר זאָגט מיר ווי עס הייסט דער ראש־ישיבה. אַז איר וועט מיר צו דעם צוגעבן אַ שעפּ פריש וואַסער פון ברונעם, וועט איר האָבן איינגעהאַנדלט אַ שטיק עולם־הבא“.

נאָך איידער אליעזר האָט פאַרענדיקט זיינע ווערטער האָט דער בעל־אכסניה שוין געהאַט פאַרשווונדן צו ברענגען אַ שנפּס וואָסער פונעם ברונעם, און ער האָט די שנפּס אַנטקעגנגעטראָגן צוזאַמען מיט דעם נאָמען פון דעם ראש־ישיבה.

„אַ געזונטן ,שהכל' שׂרפה־לעבן... ער הייסט רב ברוך־לייב" — האָט דער בעל־אכסניה געזאָגט אין איין אָטעם און געניוכעט אויפן פּנים פונעם גאַסט, צי ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות, וואָס לויפנדיק ברענגען וואַסער האָט ער דערוויילט אויפן וועג אַ פּרעפּל געטאָן צו זיין ווייב: „שיינע־דאָבע, שלאָף נישט. סע שמעקט מיט אַ שידוך".

אליעזר האָט דעם ,שהכל' אַריינגעטרונקען צוזאַמען מיט דעם קאַלטן וואַסער, וואָס פון זיין טעם האָט זיך געפילט די פרישקייט פון זומער־באַרן. איבער דעם ראַנד פון דער שנפּס האָט ער געזען די ניוכעדיקע אויגן פונעם בעל־אכסניה און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט שוין די אויגן און דאָס פּנים ערגעץ־ווו אַ מאָל געזען.

„איז ווי הייסט דער ראש־ישיבה האָט איר געזאָגט, רב...?" — האָט ער איבערגעפרעגט.

„רב ברוך לייב הייסט ער, פריץ־לעבן — האָט זוסיע איבערגעחזרט — זאָל אייך זיין מיט מזל".

„אַ יישר־כּוח" — האָט דער גאַסט אים געדאַנקט און נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער ווינטשט אים מיט מזל.

אין דער ישיבה, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דעם האַרבעריק, אין אַ זייטיק געסל צווישן אַנגעוואָרפענע הייזער און שטעלכלעך, האָבן צוויי מנינים יונגעלייט געלערנט איבערניגונדיק איינער דעם צווייטן מיט אַזעלכע קולות, ווי אין דער ישיבה־קאַמער וואָלטן געווען אַ פינף־זעקס מנינים לערנערס. רב ברוך לייב, מיט אַ באָרד וואָס איין זייט אירע איז געווען קורץ און שוואַרץ און די צווייטע זייט אַ צוויי מאָל לענגער און גרוי, מיט אַ שאַרפן געלן שפּיץ, האָט דעם אַריינקומענדיקן פרעמדן מאַן באַגעגנט מיט אַ פּאָר צעפּיבערטע אויגן פון אונטער געדיכטע שוואַרצע דעכלברעמען. מיט אַן אָפענער האַנט האָט ער אָנגע־וויזן אויף אַ ליידיקע באַנק הינטער זיך און ער האָט דעם פרעמדן באַלד ווי פאַרגעסן. אליעזר האָט זיך צוגעזעצט. די קולות פונעם לערנען האָבן זיך דאָ געהויבן און דאָ געלאָשן. רב ברוך לייב האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען און מיט זיינע באַוועגונגען זענען די קולות ווידער געוואָרן העכער, אָבער באַלד אַראָפּ־געפאַלן. דער ראש־ישיבה האָט זיי נישט געקענט ראַטעווען. אויך די ישיבה־בחורים האָבן זיך געשאָקלט און פון די ניגונדיקע קולות איז געוואָרן אַ מורמלע־ניש. דער פרעמדער האָט אויסגעזען ווי אַ ייִדישער שׂרפה פון ווייטע לענדער. זיין האַלטן זיך גלייך, אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אין דער קני, האָט צעפּלאָמט דעם דמיון סיי פון די בחורים און סיי פון דעם ראש־ישיבה. האָט זיך רב ברוך לייב אויסגעדרייט מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט אויף אַ שלום־עליכם און גע־פרעגט דעם גאַסט:

„פון ווייטע מקומות ?"

„מיין נאָמען איז אליעזר, דאָקטאָר מעדיקוס. און קומען קום איך פון מקומות וואָס זענען אי נאָענטע אי ווייטע; ווענדט זיך פון וואַנען מען מעסט די ווייט־קייט" — האָט ער פאַרהאַלטן אין זיין האַנט די האַנט פון דעם ראש־ישיבה.

רב ברוך לייב האָט אַרויסגענומען זיין האַנט פון דער האַנט פון דעם גאַסט און מיט דער זעלבער האַנט אָנגעוויזן אויף אַ טיר אַנטקעגן־איבער און זיך געלאָזט גיין אַהין. דער גאַסט איז אים נאָכגעגאַנגען. באַלד האָבן זיך ביידע גע־פונען אין אַ האַלב טונקעלער קאַמער, ווו אויף אַ לאַנגן נישט־געהובלטן טיש זענען געלעגן אַ פּאָר ספרים און ביי דער זייט איז געשטאַנען אַ הויכע שלאַנקע פלאַש פון רויטלעכער פאַרב. אויך די זעסלען זענען דאָ געווען פּשוטע, נישט געהובלטע.

„מיט וואָס האָב איך עס זוכה געווען אַ ייִד זאָל זיך פעדערן צו מיר פון ווייטע מקומות ?" — האָט דער ראש־ישיבה געפרעגט נאָך איידער ער האָט דעם גאַסט אָנגעוויזן ווו זיך צו זעצן.

אליעזר האָט לויזער געמאַכט זיינע בגדים, זיך אַוועקגעזעצט אויפן ערשטן זעסל נעבן טיש, אַרויסגעלייגט וועגן וואָס ער איז געקומען און אַז ער מיינט טאַקע גלייך פון דאַנען, פון דער ישיבה פון רב ברוך לייב, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, מיטנעמען אַהיים אַ ווויללערנער פאַר זיינע קינדער.

ר' ברוך לייב, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט פון דער צווייטער זייט טיש, צו האָבן דאָס פענצטער הינטער זיין רוקן, ער זאָל קענען זען דאָס פּרצוף־פּנים פונעם גאַסט, האָט זיך פונאַנדערגעשאָקלט, ווי פריִער אין דער ישיבה צו ראַטעווען דאָס התמדישע לערנען פון די תּלמידים:

„פאַרשטיין דאַרף איך פאַרשטיין, אַז איר זענט געקומען צו מיר איך זאָל אייך אויסנלאָזן דעם שאַרפסטן בחור פון מיין ישיבה, באשר איר דאַרפט האָבן אַ גוטן מלמד פאַר אייַערע קינדער" — האָט ר' ברוך לייב געזאָגט שטיל מיט אַ ניגון און ווייטער געצויגן נאָך שטילער: „און אַז כ'האָב פאַרשטאַנען דאָס ערשטע האָב איך אויך גוט געהערט, אַז איר ווינט אין גראַף פּאָטאָצקיס הויף, צווישן גויִים, און אַהין זאָל איך אייך אַרויסגעבן דאָס בעסטע פון מיין פאַרמעג ?"

„איך פאַרזיכער אייך, רבי, אַז ער וועט זיין ביי מיר אויף אַלעם גרייטן און דערצו מיט אַ גוטן שׂכר־ביטול־זמן" — האָט אליעזר נישט געלאָזט אים וואַרטן.

דער ראש־ישיבה האָט צוגעדעקט זיין שטערן מיט דער האַנטפלאַך און צו־לענענדיק די אויגן געטראַכט אויפן קול:

„ס'איז אָנצונעמען אַז דער מרחק פון דאַנען צו אייך איז אויף קיין פּסיעה נישט קלענער ווי פון אייך אַהער. הלמאַי־זשע זאָלן אייַערע קינדער נישט קומען צו מיר לערנען תּורה ?"

„זיי זענען ווייניק ביי מיר. סך־הכּל צוויי זין. דערצו אויסגעוויינטע ביי דער מוטער זענען זיי. ביי מיר וועט דעם מלמד גוט זיין ווי אין אַן אייגענער היים" —

האָט אליעזר אויך גערעדט שטיל, אָבער יעדעס וואָרט אַרויסגערעדט, ווי ער וואָלט עס אָנגעצויגן אויף אַ פאָדים.

דער ראש־ישיבה האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ זעסל, זיך אָנגעבויגן צום גאַסט און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט זיין פיבערדיקן בליק.

„איר הערט, ר׳ אליעזר?... זאָג איך ריכטיק אייַער נאָמען? יאָ... ר׳ אליעזר. אברהם אָבינו עליו השלום האָט געהאַט נישט מער ווי דעם בן־יחיד יצחק וואָס די מאַמע שׂרה עליה השלום האָט זיך פאַר אים אויסגעוויינט די אויגן. דאָך איז אברהם אָבינו עליו השלום גרייט געווען פאַר יאַהנדעס־וועגן צו ברענגען דעם בן־יחיד אויף דער עקדה! איר הערט, דאָקטער? פאַר יאַהנדעס־וועגן צו דער עקדה! מיין ישיבה איז, חלילה, נישט קיין עקדה נייערט אַן עקד אויף צו מגדל זיין אַ דור תּלמידי חכמים איז זי. איז וואָס פאַר אַ קרבן וועט איר דאָ ברענגען, אויב אייַערע זין וועלן קומען צו מיר לערנען תּורה?"

אליעזרן איז פּלוצים געוואָרן גאָר גוט אויפן האַרצן און מתּוך בדיחות האָט ער אַריינגעשמייכלט דעם ראש־ישיבה אין די אויגן:

„אויב איר ווילט מיך אויספּרוּוון, ווי דער רבונו־של־עולם האָט אויסגעפּרוּווט אונדזער פאָטער אברהם, וועל איך מיינע צוויי בנים ברענגען צו אייך אין וואָגן ווי צוויי קעלבלעך, נאָר לערנען תּורה וויל איך זיי זאָלן לערנען אין דער היים. אויך יצחק אָבינו האָט געלערנט תּורה אין דער היים, צווישן פעלדער און וועלדער און טשערעדעס שעפּסן, ווי ער־״אין־הימל האָט זיי באַשאַפן, די מאַמע שׂרה זאָל זיך פרייען מיט אים".

„תּורה צווישן פעלדער און וועלדער?! — האָט זיך דער ראש־ישיבה פּלוצים אויפגעכאַפּט און געבלאָנדזשעט מיט זיינע בליקן אַרום זיך — עפּעס דערמאָנט עס מיר די אייטלקייטן פון די ריקים פון דעם מעזשיבאָזשער עם־הארץ. זיי זענען גרייט די תּורה צו פאַרשלעפּן נישט נאָר צווישן ווילדע פעלדער און וועלדער, נאָר אַפילו זי אַריינלייגן אין בלאָטע".

נישט ווילנדיק איז אליעזר אַרויף אויף אַ גליטשיקן וועג:

„פעלדער און וועלדער, ר׳ ברוך לייב, גיבן דעם מענטשן חיות. דערפאַר האָט גאָט ברוך־הוא באַשאַפן דעם מענטש און אים אַריינגעפירט אין גן־עדן צווישן שמעקעדיקע גרעזער און וועלדער. בלויז פון וועגן די זינד פון אָדמען האָט ער אים פאַרטריבן פון דאָרט. איז אייַער סברה, אַז לערנען תּורה צווישן פעלדער און וועלדער און אַפילו אין אַ סטויג היי איז חלול התּורה?!"

„חלול התּורה!" — האָט ברוך לייב האַרב געפּסקנט.

„צי דען קען לערנען תּורה זיין חלול התּורה? — האָט אליעזר זיך אַ טרייסל געטאָן און באַלד ווידערשפּעניקט: ניין! כּבוד התּורה איז אומעטום וווּ מען לערנט תּורה!"

דער ראש־ישיבה האָט מיט חשד אַריינגעקוקט דעם גאַסט גלייך אין די אויגן:

„איר דרייט זיך, ר׳ אליעזר, אין דעם זעלבן ראָד וואָס די מעזשריטשער

בענדיקן איצט בעוונותינו הרבים די חלושים און ריקים; ס'איז מיר גאָר חשוד אײַער קומען צו מיר... אין אַזאַ צייט..."

אינעם פּנים פון דעם ראש־ישיבה האָט אליעזר פּלוצים דערזען די ענלעכקייט צו ר' יונתן, דעם בראָדער רב, און ער האָט צוריקגעקערט צו דעם וואָס ער האָט געזאָגט אין אָנהייב:

„איך דאַרף האָבן אַ מלמד פאַר מיינע זין. בין איך געקומען צו אייך איר זאָלט מיר העלפן, ראש־ישיבה!"

„אַפילו איך זאָל האָבן אַזעלכן אין מיין ישיבה, וועל איך אים נישט אַוועקלאָזן אין דער מיט פונעם זמן — האָט ברוך לייב געברומט הארט — אפשר ערב סוכות, אָדער בלי נדר נאָך סוכות. דעמאָלט קומען זיך צוזאַמען יונגעלייט מכּל ארבע פּינות הארץ. פון מיין ישיבה — נישט!"

„פון אײַערע ווערטער איז געדרונגען, אַז ביז דעמאָלט זאָלן מיינע קינדער נאָכיאָגן דעם ווינט אין פעלד?" — האָט אליעזר געפרעגט נישט אַזוי דעם ראש־ישיבה ווי זיך אַליין.

„דער בורא דעלמא פאַרלאָזט נישט דעם וואָס וויל לערנען זיין תורה" — האָט ברוך לייב זיך אויפגעשטעלט און אויסגעצויגן די שפּיץ פינגער פון זיין רעכטער האַנט צום גאַסט אויף צו געבן אים אַפשייד.

אין דער צייט ווי ער, אליעזר, האָט פאַרבראַכט מיט דעם ראש־ישיבה, האָט שיינע־דאָבע, דעם בעל־אכסניהס ווייב, פאַרטרויט פאַר דעם בלינדן יוסף דעם שדכן, אַז אַ ייִדישער שׂררה איז געקומען אין שטאָט אַריין זוכן אַ שידוך פאַר אַ טאָכטער, וואָרעם ער האָט זיך רק נאָכגעפרעגט אויף דער ישיבה און געאײַלט אַהין נאָך איידער ער האָט גענומען אַ כּזית ברויט אין מויל אַריין נאָך אַ לאַנגן וועג. כּדי דער בלינדער יוסף זאָל וויסן וואָס און ווען, האָט שיינע־דאָבע אים אַריינגעפירט אין דער שטאַל, ער זאָל זען די פּריצישע פערד און ער זאָל וויסן, אַז פונעם שידוך דאַרף אויך עפּעס אַראָפּרינען פאַר אירעטוועגן. דער בלינדער יוסף האָט מיט זיין איינציקן אויג באַטראַכט די פערד, געקראַצט זיך אין שריינט פון דער באָרד, און אונטערזינגענדיק אויסגעסברהט, אַז אויב דער פרעמדער איז גלייך פון וואָגן אַוועק צום ראש־ישיבה, איז עס אַ סימן, אַז ער זוכט פאַר זיין כּלה־מויד אַ גוטע כּלי פון צווישן ר' ברוך לייבס בחורים. און ער, יוסף, האָט פון אַלעם גוטן — ער האָט פון קאַמעניעץ גופא, פון דובנע און אַפילו פון זאַמאָשטש. דער פון קאַמעניעץ איז אַ שטיקל בן־תורה און פון גרויס יחוס; דער פון דובנע איז צו גאָט און צו לייט, כאָטש פון קינדווייז אָן האָט ער אַ געליימטע האַנט פון עפּעס אַזאַ מין חולאת...

„יוסף, איך האָב אייך דעם ערשטן אויסגעזאָגט דעם סוד. איר זאָלט מיר חלילה נישט אָנזעצן" — האָט זיך שיינע־דאָבע פאַרזיכערט.

„ווען איך וואָלט געוועז אַן אָנזעצער וואָלט איך דאָך פאַרשפּאָרט צו זיין

אַ שדכן״ — איז יוסף געווען אויפגעלייגט וואָס אַפילו אין אַזאַ חמימה פאַרלאָזט נישט דער הימל זיין פאָלק און שיקט צו יעדן זיין פרנסה.

נאָכגייענדיק שיינע־דאָבען, האָט ער פעסטער איינגעצויגן זיין גאַרטל און געקלאַפּט מיטן דיקן שטעקן אין דער האַרטער ערד. „גאָט פאַרלאָזט נישט, גאָט פאַרלאָזט נישט״ האָט ער געמורמלט און אויפגעהויבן אַ האַנט צו געפינען אַ ביסל פייכטקייט פאַר די פינגערביים דערמאָנען גאָטס נאָמען. ער האָט אויפ־געהערט מורמלען ערשט דעמאָלט ווען ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם האַרבעריק און דערזען ביים טיש זיצנדיק בייניש לאַדזינער.

אויך בייניש לאַדזינער איז געווען אַ שדכן. ער האָט געהאַט אַ רויט פּנים, אַ רויטע באָרד און רויטע אויגן. די רויטקייט פון פּנים איז געווען ווי פון בלוט און די רויטקייט פון דער באָרד ווי די רויטקייט פון מייערן און די רויטקייט פון די אויגן איז געווען ווי די רויטקייט פון פיש־אויגן. אַז עמעצער אין שטאָט האָט געטראַכט וועגן אַ שידוך, וועגן אויסגעבן אַ טאָכטער, צי אַ זון — האָט עס בייניש לאַדזינער דערפילט פון דער ווייטנס, ווי אַ הונט דערפילט פון דער ווייטנס אַ צויג אויף דער צייט. פון דעם וואָס ער האָט געזען אַ פרעמדן אורח אַריינגיין אין דער ישיבה און שפּעטער האָט שיינע־דאָבע געשלעפּט ביים אַרבל דעם בלינדן יוסף, האָט ער פאַרשטאַנען וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. האָט ער געאײַלט אין האַרבעריק צו זוסיען. אַז ער האָט דערזען דעם בלינדן יוספן אַריינקומען, האָט ער נקמהדיק זיך געגרייצט מיט אים:

„מכּל שכּן אַ הינקעדיקער לויפט גיך און אַ שלעפּאַק זעט אַ זשאַרנע גאָלד אין דער פינצטער, ערשט וואָס ווערסטו זאָגן וועגן בייניש לאַדזינער וואָס אַז אַ פליג פליט אַריין קיין קאָמעניעץ צו טאָן אַ שידוך זעט ער זי דער ערשטער?״

„פאַרמאַך די יאַפּע! — האָט דער בלינדער יוסף זיך געכּעסט — אַנישט וועט דאָ דער שלעפּאַק באַלד אויסזינגען ווי אַזוי בייניש טריפּניאַק האָט צונויפגע־פירט אַ שידוך פון צוויי סלוצקער מיידן און ער האָט שיר נישט חתונה געמאַכט דעם פּאַפּס טאָכטער מיט מאַשע דער אלמנהס בן־יחיד״.

„דיין טאַטע האָט דיך געמאַכט מיט ליגונים און דו ביסט געבוירן געוואָרן אַ שקרניק!״ — האָט בייניש נישט פאַרשוויגן און דאָס האָט צוגעגעבן קוראַזש דעם בלינדן יוסף:

„דיינע צוויי סלוצקער צנאָטעס זענען מיין שקר צי דיין פראַמאַך?״

בייניש האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אויסגעשנייצט די רויטע נאָז מיט אַ טרומייטער און אײַליק פאַרלאָזט דעם האַרבעריק. דער בלינדער יוסף איז געוואָרן אומרויִק. פון בוזעם האָט ער אַרויסגענומען אַ האָרן־שקעטעלע און מיט רוגזה אָנגעפּאַקטביידע נאָזלעכער מיט שמעק־טאַביק. ער האָט קיין נאָס נישט געטאָן.

בייניש האָט אָפּגעוואַרט דעם פרעמדן אינעם געסל וואָס צווישן דער ישיבה און דעם האַרבעריק. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צום הייסן הימל, וואָס האָט אַראָפּגעפּרייכט די חמימה צו דער ערד, און מיט דער נאָז אויסגעשמעקט אַ ריח

וואָס נאָר ער ווייס זיין מיין. פונעם אויסשמעקן אין דער דומפּיקער לופט איז אים דאָס פּנים נאָך רויטער געוואָרן. ער האָט געוווּסט וואָס ער זוכט. אליעזר איז אַרויס פון ר׳ ברוך לייבס שטוב און געבליבן שטיין ביי דער שוועל.

די פּלוצימע ליכטיקייט אין דרויסן אַנטקעגן דער טונקלניש ביים ראש־ישיבה אין דער קאַמער האָט אים פאַרבלענדט. ביניש האָט אַנטקעגנגעאײַלט אַן איינ־געבויגענער פון הכנעה:

„גאָט־העלף, ר׳ גביר! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ געזענגל — געהערט די שמועה נאָך וואָס איר זענט געקומען קיין קרעמעניעץ. איז לאָזט מיר אייך אָפּגעבן שלום־עליכם און זאָגן, אַז ביניש לאַדזינער ווייסט פון אַלעמען און דער־אין־הימל, קיין עין־הרע, שיקט אים צו אַלץ וואָס עמעצער דאַרף. ביניש לאַדזינער דאָס בין איך, ווי איר קוקט מיך אָן, ר׳ גביר. איך האָב פון אַלעם גוטן, געלויבט דעם אייבערשטן״.

„איז קאַמעניעץ אַ פלאַפּלערקע, אָדער אַ טרעפּערקע?״ — איז אליעזרן פּלוצים געוואָרן לייכט אויפן האַרץ פון דעם רויטן פאַרשוין וואָס צוליב עפּעס האָט ער אים דערמאָנט אין אַ בושל.

„קאַמעניעץ, ר׳ גביר, איז וואָס איר ווילט, אי אַ קבצן מיט זיבן טאָרבעס און אי אַן עושר מיט טונדלעך גאָלד און אי אַ שטאָט פון תורה און פון סחורה און פאַר ביניש לאַדזינער איז נישטאָ קיין סוד און קיין דבר הסמוי מן העין. איך האָב פאַר אייך, ר׳ גביר, וואָס איר זוכט און איר מעגט, ר׳ גביר, מאַכן די ברכה הטוב והמיטיב״.

„ער איז גרייט אין דער מיט פונעם זמן?״ — איז אליעזר געוואָרן נאָך מער אויפגעלייגט הערנדיק, אַז דער אויסטערליש רויטער ייִד האָט פאַר אים וואָס ער דאַרף.

„וואָס הייסט אין מיטן זמן? דער מיטן זמן ליגט דען עפּעס אין קימפּעט?״ — האָט זיך ביניש אַ האָסטיקן בייג געטאָן.

„קען מען אים אויך זען און פאַרהערן?״ — האָט אליעזר געוואָלט וויסן.

„זאָגט אײַער וואָרט, ר׳ גביר, און צו מנחה בלי נדר האָט איר אים אין האַרבעריק״ — האָט ביניש געריבן די הענט.

„ברענגט אים אין האַרבעריק און לאָמיר זען וואָס איר פאַרמאָגט״ — איז אליעזר מסכים געווען און געגאַנגען פאַרויס.

ביניש לאַדזינער איז אים נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, פאַרזיכערט דעם פרעמדן, אַז אויב דער וואָס ער וועט אים ברענגען מנחה־צייט וועט אים נישט געפעלן, האָט ער נאָך און נאָך, וואָס וועלן אים אַוודאי יאָ געפעלן. ער האָט זיך פּלוצים אויסגעדרייט און אַוועק אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

איצט, אַז ס׳איז אים געוואָרן לייכטער אויפן האַרץ, ער איז נישט געקומען אומ־זיסט קיין קאַמעניעץ, האָט אליעזר דערפילט הונגער און ער האָט פאַרשנעלערט די טריט צום האַרבעריק. דאָך איז ער פריִער אָפּגעטראָטן אין דער פערדשטאַל, געפּרוווט מיט דער האַנט אין די טאָרבעס ווי עס האַלט מיט דעם האָבער, אַ

פעטשל געטאָן דאָ דעם פערד, און דאָ דעם פערד, און אויסדרייענדיק זיך מיטן פּנים צום אַרויסגאַנג איז ער געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט פאַרגעסן וואָס ער האָט געהאַט בדעה ווייטער צו טאָן. דורכן הויף איז פאַרבייגעגאַנגען זוסיע דער בעל־אכסניה, מיט צוויי גרויסע הילצערנע עמערס וואַסער אויף קרעמעשלעס. כליאַפּעס וואַסער האָבן אַרויסגעפּליוכעט פון די פולע עמערס און דערשראָקענע הינער האָבן מיט אָפענע פליגל אַוועקגעפּאַטשט אויף ביידע זייטן, ווי פון די וואַסער־כליאַפּעס וואָלטן אין דער אותו רגע קאַפּויער געקומען לעבעדיקע עופות. אליעזר איז אים געלאָפן נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר טריט פון הינטן, ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקט פאַרן בעל־אכסניה. ביים אַריינגאַנג האָט זוסיע אַראָפּגעשטעלט די עמערס וואַסער און נאָך איידער ער האָט אַראָפּגענומען די קרעמעשלעס פון די אַקסלען, האָט ער אַ רוף געטאָן אין שטוב אַריין:

„שיינע־דאָבע, האָסט אַריינגעלייגט אין אייער־טעפּל ציבל־שאָלעכץ? די שׂרהס האָבן ליב געפאַרבטע אייער".

„אַ סך שׂרהס האָט איר דאָ?" — האָט זיך אָפּגערופן הינטער אים אליעזר.

„אוי, הלוואַי וואָלט איך דערמאָנט משיחן" — האָט אין פאַרלעגנהייט געזאָגט דער בעל־אכסניה. ער האָט זיך דרך־ארצדיק אָפּגערוקט אַן אַ זייט, פריי צו מאַכן דעם וועג פאַר אליעזרן.

„אויך משיח האָט ליב אייער געקאָכטע אויף ברוין?" — האָט ער געפרעגט שטיל, כּדי נישט נאָך מער צו צעטומלען זוסיען.

דער בעל־אכסניה, כאָטש ער האָט פריי געמאַכט דעם וועג פאַרן גאַסט, האָט אײַליק אַראָפּגעשטעלט די קרעמעשלעס ביי דער וואַנט פון דער שטוב און אַריין דער ערשטער. ער האָט מורא געהאַט צו זאָגן הויך וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, נעמלעך, אַז דער ייִדישער שׂרה גייט. כּדי דער גאַסט זאָל נישט הערן אַז ער רעדט זיך צונויף מיט עמעצן, האָט זוסיע געפּאַנפּעט אונטער דער נאָז רמזים און געפּינטלט מיט די אויגן. נישט שיינע־דאָבע האָט פאַרשטאַנען די רמזים און נישט דער בלינדער יוסף, וואָס איז געזעסן ביים טיש אַ צעכראַסטעטער. אויפן טיש איז געלעגן יוספס גראָבער שטעקן און זיין גאַרטל. ערשט אַז ער האָט דערזען מיטן איינציקן אויג הינטער זוסיען דעם פרעמדן, איז ער אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק, ווי אַ ווייב וואָס אַ מאַנצביל האָט זי פּלוצים דערזען מיט אַ פאַר־קאַטשעט קלייד. ער האָט זיך אײַליק איינגעוויקלט אין מלבוש און געכאַפּט פון טיש דעם גאַרטל זיך אַרומצוגאַרטלען. אַלץ וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט צו זאָגן דעם פרעמדן גאַסט און אַפילו ווי אַזוי זיך צו פאַרנייגן פאַרן פרעמדן, ווי פאַר אַ פּריץ, איז אים אין דער מינוט אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. ער האָט צו מאָל פאַרגעסן דעם „גאָט־העלף" און ס׳האָט זיך אים אַרויסגעכאַפּט „גוט־מועד".

שיינע־דאָבע, וואָס האָט געבלאָזן דאָס פייער אונטער דער קאַפּע, ווו אויף אַ דרייפוס האָט געזידט אַ גרויסער טאָפּ, האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דער בלינדער יוסף האָט איינגענומען אויף שטומעניש, בעת פריִער האָט ער געבליאַטש־קעט אָן אַ סוף. ער האָט אַפילו אין אירע אויגן חוזק געמאַכט פון דעם פרעמדן,

אַז אַלע יוונים האָבן איין פּנים, נאָר אַזוי ווי וועגן אַ ייִדישן פּריץ קען מען נישט זאָגן „דבר־אַחר״, ווי אויף אַ גויִישן פּריץ, זאָגט מען אויף אים „בהמה גסה״. איצט שווייגט ער, דער שלעפּאַק, ווי ער וואָלט פאַרגעסן ס׳לשון.

פון גרויס גרימעניש וואָס ער רעדט גאָרנישט צום פרעמדן וועגן דעם וואָס ער האָט געדאַרפט רעדן, האָט שיינע־דאָבע זיך אויסגעדרייט מיט אַ וויג אין די באַקעס און געזאָגט מיט געקעכלטער איידלקייט:

„ר׳ יוסף, אויך ביי אייך אין שטוב לייגט איר אַוועק דעם שטעקן אויפן טיש, אָדער איר האַלט אים אין די פּסחדיקע כּלים?״

„מיין שטעקן איז אַ חמצדיקער״ — האָט ער געענטפערט. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער האָט צוריקבאַקומען דאָס לשון. פון דעסטוועגן האָט נאָך גענומען אַ שטיקל צייט ביז ער האָט צונויפגענומען אַ בינטל ווערטער צו זאָגן דעם גאַסט וואָס ער האָט געהאַט אים צו זאָגן. ער האָט אַ צי געטאָן אַרויף די קורצע פּלודערן, וואָס האָבן זיך אים געהאַט אַראָפּגעלאָזט, שטייפער געמאַכט דעם גאַרטל טיף ביים דיך, אָנגעשטאָפּט ביידע נאָזלעכער מיט טאַביק און אַ צמאַטשקע געטאָן מיט די ליפּן:

„כ׳האָב געהערט אַ סלוך, ר׳ גביר, אַז איר זוכט אַ תּכשיט מיט שפּיץ יחוס. אויב יאָ, האָב איך אַזעלכן!״

ווי אליעזר וואָלט אים ערשט איצט דערזען, האָט ער אים אַריינגעקוקט אין דעם איינציקן אויג און געזאָגט חצי אין ספק, צי ער איז דער ריכטיקער מאַן וואָס ער דאַרף אים זאָגן צוליב וואָס ער איז געקומען קיין קאַמעניעץ.

„כ׳זוך... יאָ... איך זוך אַ תּכשיט... ער מוז נישט זיין גראָד מיט שפּיץ יחוס״.

„האָב איך פאַר אייך, ר׳ גביר, אַ קאָרפּירער אתרוג וואָס אַזאַ ס׳גאָל האָט נאָך די וועלט נישט געזען״ — האָט יוסף זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן מיט ביידע הענט און אויפגעהויבן איין אַקסל ווי אַ סימן, אַז ער האָט אַ חריף אַרטיקל צו פאַרקויפן.

„איז וואָס זשע האַלט איר אים אין די פאַקעלעס? — האָט אליעזר געפרעגט און זיך אויסגעדרייט צו שיינע־דאָבען: צי קען מען איצט עפּעס טועם זיין פון איי־ערע מעדני־מלך צו שטילן דעם הונגער, אָדער איך וועל דאַרפן פאַסטן ביז נאָך מעריב?״

„חלילה, מיינע שׂונאים, ווער פאַסט עס היינט? — האָט זיך דאָס ווייב אָפּגע־טרייסלט — ווינציק תּעניתים האָבן מיר אין דער צייט? וואָס ווילט איר עסן, פריץ־לעבן? אַ דריי־פיר אייער, אַ טעפּל פאַטסמעטאַנע פון קעלער, אויב איר זענט נישט פליישיק, אַ האַרט שטיקל קעז וואָס צעגייט אין מויל ווי פּוטער, און אפשר זאָל איך אייך גאָר געבן אַ געשטאָפּטע העלדזל וואָס איך האַלט עס נאָך פון שבת?״

„דאָס געשטאָפּטע העלדזל קענט איר האַלטן אויף נאָך אַ שבת פאַר אַ מער חשובן גאַסט פון מיר. פאַר מיר איז גענוג אַ פענעץ ראַזעווע ברויט מיט פּוטער און אַ דריי־פיר אייער, מיט אַ טעפּל פאַטסמעטאַנע טאַקע פון קעלער, אַז איך זאָל זי קענען שניידן מיט אַ מעסער...״ — האָט זיך אליעזר אויסגעביטן.

„און וואָס איז מיטן תּכשיט?" — האָט דער בלינדער יוסף דערמאָנט נישט דרייסט און געטופּעט מיטן שטעקן, דער פרעמדער זאָל אים הערן.

„דעם קאָרפּירער אתרוג מיינט איר? — האָט אליעזר אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ צייכן אָפּצושיידן דאָס געזאָגטע צו יוספן פון דעם וואָס ער האָט פריִער געזאָגט צום ווייב — אויב איר קענט אים ברענגען צו מיר היינט — ברענגט אים. איך בין נישט געקומען קיין קאָמעניעץ צו באַזעצן זיך".

„איז וואָס שטייט איר און אויף וואָס וואַרט איר?" — האָט שיינע־דאָבע אויפגעהויבן צום בלינדן יוסף איר פויגל־פּנים, מיט אַ נאָז ווי אַ פּאָפּוגיי־שנאָבל און מיט סאָווע־אויגן.

דער בלינדער יוסף האָט אַ פּאָנפּע געטאָן, ווידער אָנגעשטאָפּט ביידע נאָז־לעכער מיט טאַביק אָן צו טאָן אַ נאָס און ער איז אַוועק מיט אַ „גוטן תּמיד, ר׳ גביר המפורסם!"

אליעזר האָט נישט באַוויזן אָפּצועסן דעם אָנבייסן ווי עס האָט זיך אַריינ־געשטעלט בייניש לאַדזינער, אַ צעיאַכמעטער, אַ פאַרשוויצטער און ס׳האָט זיך געטראָגן פון אים אַ סוואָנד פון שווייס, ווי עס געשעט מיט פערד, וואָס שוויצן אין לאַנגן געלאַף. נאָך אים איז מיטגעגאַנגען אַ נידעריק און ברייט יִידל, אַ קוצעפּינדריק, וואָס האָט אין דער ברייט אויסגעזען ווי ער וואָלט געווען איינ־געלייגט אין צווייען; מען דאַרף אים נאָר עפּענען און אים אויסגלייכן אין דער הויך און ער וועט זיין אַזוי לאַנג ווי בייניש לאַדזינער. נאָר ווי בייניש איז געווען צונטער רויט, אַזוי איז דאָס נידעריקע יִידל געווען פּעך־שוואַרץ: אַ שוואַרצע גערדיכטע גלאַנציקע באָרד, אונטערן שטערן אַ געדיכטער שוואַרצער פּאַס האָר — איין ברעם פון שלייף צו שלייף — און אונטער דעם פּאַס האָר צוויי גרויסע שוואַרצע פּייכט־גלאַנציקע אויגן. זיינע אויגן האָבן אַ רגע נישט גערוט, געלאָפן דאָ אַהער און דאָ אַהין און באַלד האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט און דער־לאַנגט אליעזרן אַ שלום־עליכם מיט פינף פינגער ווייכע ווי די ציצקעס פון אַ ציג.

„איך בין דער בעל־תּפילה און בעל־קריאה אין דער נייער שול. כ׳הייס הערש־מענדל. בעת דעם איבערגאַנג, נישט היינט געדאַכט, האָט מען מיר צוגעגעבן דעם נאָמען נתן חיים" — האָט דאָס יִידל געזאָגט מיט אַ קלוג שמייכעלע, פון וועלכן אליעזר האָט געדאַרפט פאַרשטיין וואָס ער מיינט דערמיט, כאָטש ער אַליין האָט נישט געגעני געוווּסט וואָס ער וויל דער פרעמדער זאָל פאַרשטיין.

אָפּשאַרנדיק מיט דער האַנט די קרישקעלעך ברויט אויפן טיש, האָט אליעזר געפרעגט:

„זענט איר אַמאָל געווען אַ מלמד פון חדר־יִינגלעך? אין אַ תּלמוד־תּורה?"

„אַנטקעגן וואָס פרעגט איר עס, ר׳...?" — האָט הערש־מענדל נישט געוווּסט ווי צו ענדיקן.

„איך הייס דאָקטער מעדיקוס אליעזר" — האָט ער געזאָגט, און אין דער אויגנבליקלעכער שטילקייט האָט שיינע־דאָבע אַ קריי געטאָן, ווי עס געשעט ביי

אַ הון, ווען עס גיט איר אַ ווייטיקלעכער שניט אין הינטערחלק ביים לייגן אַן איי:
„ווינד איז מיר!"
ביינישׂ לאַדזינער האָט פאַרלוירן דעם כּוח אין די פיס און ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן עק פון דער לאַנגער באַנק פאַזע דעם טיש.
„ר׳ דאָקטער — האָט זיך הערש־מענדל קוים אָפּגעפונען — צו וואָס דאַרפט איר וויסן, צי איך בין געווען אַ מלמד? אַ בעל־תּפילה און אַ בעל־קריאה איז ביי אייך אַ קלענערער יחוס ווי אַ מלמד?"
„איך רעד נישט וועגן יחוס — האָט אליעזר זיך געפילט אומבאַקוועם — וואָס איך דאַרף איז אַ מלמד".
„צו וואָס דאַרף אַ ייִדישער דאָקטער אַן איידעם אַ מלמד? — האָבן די פייכט־גלאַנציקע אייגעלעך אינעם שוואַרצן פּנים פון הערש־מענדלען אָנגעהויבן לויפן נאָך שנעלער — מיין חתן־בחור האָט אַ געלענק צו מיסחר; ער האָט געלערנט גמרא מיט תּוספות און איז קיין עין־הרע געראָטן צו אַלץ".
אליעזר האָט געזאָגט געלאַסן:
„אויף דער גאַס איז טאַקע אַ חמימה און עס האַלט אָוודאי פאַר אַ רעגן, אָבער צו וואָס איר מישט דאָ אויס מלמדות מיט אַן איידעם און אייך, דעם בעל־תּפילה, מיט אײַער זון, וואָס האָט אַ געלענק צו מיסחר, קען איך נישט משׂיג זיין".
הערש־מענדל האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער, געפּרוווט אַריבער־קוקן איבער אליעזרס קאָפּ צו דעם רויטן ביינישן, ער זאָל אים העלפן. ביינישׂ האָט זיך געמאַכט קראַצן אין דער באָרד און שיינע־דאָבע מיטן פויגל־פּנים האָט צוגעפּעסטיקט דאָס הויבטיכל אויפן קאָפּ און אירע סאָווע־אויגן האָבן נקמהדיק געשמייכלט. זי האָט געפילט, אַז פון דעם שידוך וואָס ביינישׂ האָט געבראַכט וועט זיך אויסלאָזן אַ פאַסנער פּורים.
„זוסיע — האָט זי געזאָגט צו איר מאַן מיט אַ פּלוצים פאַרשטאָפּט געוואָרענע נאָז — שטעל אַריף אויפן דרייפוס דעם טאָפּ מיט וואַקס און גרייט צו דעם בעזעם".
דאָס איז געווען אַ חוזקדיק אָנצוהערעניש, אַז אין דער מעשׂה מיט דער שדכנות פון ביינישן האָט עמעצער געגעבן אַן עין־הרע. ביינישעס פּנים האָט זיך אָנגעדראָלן, געוואָרן צוויק־רויט פון גרימעניש וואָס דאָס ווייב בלעקט אים דאָ אַרויס אַ צונג און ער איז אַ געפּענטעטער. ווען נישט דער פרעמדער וואָלט ער זי דאָ גלייך צעשטעלט אין אַלע ווינקעלעך און ער וואָלט איר געזאָגט, אַז זי איז אַ שלאָנדער, אַ שמאָדער, אַ קאַלדוניע, אַ מכשפה. ער וואָלט איר דערמאָנט, אין די אויגן פון איר מאַן, ווי אַזוי געשדכנט האָט מען אים איר שוועסטער, בלימע, אַ שיינע מויד ווי גאָלד, נאָר אונטער דער חופּה האָט מען אים אַרונטער־געדוקט די עגלה רופה מיט די סאָווע־אויגן און זי האָט אים אַריינגעכאַפּט מיט זיין „הרי את". איצט, אַז דער ייִדישער שׂרה זיצט דערביי, קען ער איר דאָס אַלץ נישט וואַרפן אין פּנים אַריין און ער שטיקט זיך דערמיט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אויסגעצויגן, שיר נישט דערגרייכט מיטן קאָפּ צום באַלקן.

„אַלץ טאַקע צוליב דער חמימה אין דרויסן, ר׳ גביר — האָט ער געזאָגט — מסתּמא האָלט עס פאַר אַ רעגן און דער קאָפּ איז ווי ער וואָלט געווען אויסגע־שטאָפּט מיט פּאַקעלעס. איך האָב געאײַלט צו ר׳ הערש־מענדל, וואָרום כ׳האָב געוווסט וואָס איר דאַרפט, גביר־לעבן. איך האָב אים אויפגעוועקט פון שלומער. אין אַזאַ צײַט טשוכעט מען זיך נישט אויס אַזוי גיך. איז די מעשׂה ווי אויסטרינקען אַ שעפּ וואַסער: איר זענט געקומען זען אַ חתן פאַר אײַער טאָכטער, גביר־לעבן? ר׳ הערש־מענדל האָט אַ חתן־בחור, אַן אָרנטלעך קינד? שפּיץ יחוס איז דאָ פון בײדע זײַטן? איז וואָס זשע איז דאָ לאַנג צו ברײען? מען זעצט אַרײַן דעם חתן אין וואָגן ער זאָל פאָרן זען די כּלה און מען איז מקבל קנין אין אַ מזלדיקער שעה״.

אליעזר האָט מיט בײדע הענט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים, מיט די שפּיץ־פינגער געריבן דעם שטערן — ס׳איז אים געוואָרן אומהיימלעך הלמאי ער ברעכט נישט אויס אין אַ געלעכטער. ער האָט אָפּגעדעקט אַ כמורנע־ערנסט פּנים און קוקנדיק דאָ אויף דעם און דאָ אויף יענעם, געפרעגט:

„ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז איך זוך אַ שידוך פאַר אַ טאָכטער? איז עמעצער דאָ אַראָפּ פון זינען?״

הערש־מענדל האָט בײַז געגלאָצט צו בײניש לאַדזינער, בײניש האָט געגרימט אויף שײנע־דאָבען, ווי זי וואָלט דאָ געווען די שולדיקע, און שײנע־דאָבע האָט פאַרזשמורעט די אויגן צו איר מאַן, וואָס איז אין דער רגע געוואָרן נידעריקער מיט אַ קאָפּ ווי ער איז געווען.

„נו?... — האָט זי אַ וואָרטשע געטאָן ווי אַ קראָ. באַלד האָט זי אויסגעדרײט איר פויגל־פּנים צו בײנישן און צײלנדיק די ווערטער, אַלע זאָלן געבוי הערן, האָט זי געזאָגט: „אַז מען האָט נישט קײן שדכניש מזל פאַרקנסט מען דעם פּאָפּס טאָכטער צו מאַשע דער אלמנהס בן־יחיד״.

„איר האָט נישט קײן טאָכטער אויסצוגעבן?״ — האָט בײניש זיך אײַנגעבויגן צו אליעזרן.

אליעזר האָט מיט אַ פוס אָפּגערוקט דאָס זעסל אָן אַ זײַט און געזאָגט אומ־געדולדיק:

„אַ מלמד זוך איך אין קאַמעניעץ! אַ מלמד פאַר מײַנע זין. איר הערט??!״

„מיך קלײדט איר אָן אינעם חוזק־מיצל??!״ — האָט זיך דער קוצעפינדריקער הערש־מענדל געקאָכט, אונטערגעשפּרונגען דעם לאַנגן בײנישן אין פּנים אַרײַן און די שוואַרצע לאַנגע ברעם אונטערן שטערן איז אים פאַרגליווערט געוואָרן פון נישט תּופס זײַן וואָס דאָ איז געשען.

בײניש לאַדזינער האָט פּלוצים באַקומען אַ שיטערע נאָז און זי אָנגעהויבן ווישן מיטן שפּיץ פון אַ פּאָלע. שײנע־דאָבע האָט ווי אַ ראַץ אין פּלוצימער סכּנה

זיך אַרויסגעמאַכט און נעלם געוואָרן. זי האָט איבערגעלאָזט די מאַנצבילן זיי זאָלן זיך שלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט און געלאָפן זוכן דעם בלינדן יוסף.

אויף וויפל זי וואָלט אַוועקגעגעבן אַ שטיק עולם־הבא פאַר דעם פּראַמאַך פון בייניש לאַדזינער, אַזוי האָט זי מורא געהאַט סכּנת נפשות פאַר דער רוגזה פון דעם בלינדן יוסף. ער איז אַ בעל־מום אַ כּעסן און דערצו נאָך אַ כּהן, וואָס אַז דאָס בלוט צינדט זיך אים אָן, פּאַכעט ער מיטן סענקאַטן שטעקן ווי אַ רוצח אין וואַלד. דאָס האָט זי אים איינגערוימט דעם סוד, אַז דער פרעמדער איז געקומען אין שטאָט אַריין דערוועגן אַ שידוך. אין דער חמימה איז ער ערגעץ־ווו אַוועק צו זיינע חתן־בחורים און מחותּנים און דאָ האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט פון אַלעם אַ בוידעם. טאָמער קומט ער מיט אַ חתן, אָדער מיט אַ מחותּן און שלאָגט זיך צונויף מיט הערש־מענדלען, וועט חלילה זיין אַ מעכיע, אַז די גאַנצע שטאָט וועט זיך צונויפלויפן. זי, שיינע־דאָבע, וועט עס זיין די כּפּרה־הון. סיי ווי זאָגט איר גן־עדן־פירער, דער מאַן אירער, אַז אַלע צרות ברענגט זי אים אין שטוב אַריין. דאָס מאָל וועט ער אַוודאי זיין גערעכט.

איז שיינע־דאָבע אויסגעוועגן די גאַנצע שטאָט, ווו נאָר עס איז איר איינגע־פאַלן, אַז דער בלינדער יוסף קען זיך פאַרהאַלטן. אַפילו אין הקדש איז זי געווען — פאַר וואָס, ווייסט זי נישט. אפשר כּדי די צייט זאָל אַריבער, אַז דאָרט, ביי איר אין שטוב, זאָל זיך איינשטילן ס׳גיהנום מיט דעם רויטן בייניש און דעם יידישן שׂררה.

זי האָט דעם בלינדן יוספן אין ערגעץ נישט געפונען, ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען.

מיט אַ שווער האַרץ איז זי צוריקגעגאַנגען אַהיים און נישט אויפגעהערט אָפּשפייען. אפשר האָט זי זיך אויסגעמיטן מיט אים און ער איז שוין געקומען אין האַרבעריק מיט אַ חתן? זי איז אַריין אין איר הויף פון דער צווייטער זייט און מיט דער פויגלנאָז געשמעקט וואָס עס טוט זיך דאָרט ביי איר. ביי דער אָפענער טיר, אויף דער שוועל, האָט זיך די קאַץ געוואַשן מיט אַ לאַפּקע און די הינער האָבן מיט די נעגל געשאַרט אין מיסט צו געפינען אַ זשאַרנע. זי האָט אין דעם געזען אַ גוטן סימן, אַז אין איר הויז איז שטיל. כּדי צו שטאַרקן זיך האָט זי פעסטער אונטערגעבונדן די עקן פון איר הויבטיכל אונטער דער גאָמבע און אַריין אין הויז מיט האַרצקלאַפּעניש.

ווען עמעצער וואָלט איר פריִער געזאָגט, וואָלט זי נישט געגלייבט וואָס אירע אויגן האָבן געזען: ביים טיש האָט דער ייִדישער שׂררה געשפּילט שאַך מיט הערש־מענדלען. זי האָט אַפילו נישט באַמערקט זיי זאָלן שפּילן.ביידע האָבן זיי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ איבער דער שאַכברעט און געשוויגן. פון איר אייגענעם מאַן און פון ביינישן איז קיין סימן נישט געווען. זי האָט פרום פאַר־שנירלט דאָס מויל און אָן ווערטער אַריינגעטּחינהט אין זיך, אַז וויפל דער מענטש זאָל נישט באַוואונדערן ווי גאָט פירט די וועלט, איז נאָך אַלץ ווייניק.

פלוצים האָט זי געהערט ווי הערש־מענדל זאָגט:

„מיין אײדעם איז, געלױבט השם־יתברך, אױך אַ מזג־טוב, נאָר ער האָט זײַן אײגענעם דרך, װי דער שטײגער מיט יונגעלײט הײנטיקע צײַטן. ער האָלט נישט פון דעם רבס לומדות און פון קהלס כּשרות. זיצט ער בײַם טאַטן אין דאָרף און לערנט תּורה. װאָלט איך געװען אַ גביר, קױף איך אים ערגעץ כּיסא־רבנות און זאָל ער זיך פירן װי ער װיל...‟

„היט דעם טורעם... — האָט אליעזר שטיל געזאָגט אָנװײַזנדיק מיט אַ פינגער — כּיסא־רבנות דאַרפן קױפן אַזױנע װאָס קענען נישט לערנען, נאָר אַז איר זאָגט, אײַער אײדעם איז אַן עוקר הרים אין לערנען...‟

הערש־מענדל האָט מיט זײַנע ציצקע־פינגער געבאָמבלט צװישן די פיגורן צו ראַטעװען זײַן טורעם און אַ פּאַכע געטאָן מיט די פינגער פון דער צװײטער האַנט:

„הײנטיקע צײַטן אַז מען פרעגט אימיצן װאָס װילסטו, געלט אָדער תּורה, װיל ער ליבערשט געלט‟.

„אַזױ איז אױך געװען בײַ הר־סיני. ייִדן האָבן נישט געװאָלט די תּורה, נאָר דעם עגל־הזהב האָבן זײ געװאָלט — האָט אליעזר מיט אַ פינגער געטײַטלט אױפן טורעם, װאָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין סכּנה — אױב אײַער אײדעם װאָלט געװען װיליק צו לערנען מײַנע זין תּורה... דאָ, שטעלט אַװעק אײַער לױפער צו שיצן דעם טורעם... װאָלט עס געװען אַ גלײַכע זאַך אױך פאַר אים‟.

„איר מײנט ס׳איז אַמאָל? אַ שװער האָט געזאָגט אַזױ, איז עס געװען אַזױ? אַז ער האָט זײַן אײגענעם דרך, װעל איך אַראָפּפאָרן אים פרעגן‟.

פון הױף האָט זיך דערטראָגן אַ טומל װי עמעצער װאָלט זיך געקריגט מיט עמעצן. שײנע־דאָבע האָט מער דערפילט װי דערהערט דאָס קול פון דעם בלינדן יוסף און װי אַ צעפּלאָשעטע הון איז זי אַרױס אין דרױסן, איבערקערנדיק אױפן װעג אַ זעסל. יוסף איז אַ צעהיצטער אַראָפּ פון אַ בריקע און געשלעפּט נאָך זיך אַ פאַרשטױבטן יונגנמאַן, װאָס האָט זיך נישט געקענט אַרױסבאַקומען פון דעם הױכן שטרױגעזעס. שײנע־דאָבע איז צוגעפאַלן צום בלינדן יוסף מיט אַ צישע:

„ששש, שרײַט נישט! האָט רחמנות!... ער דאַרף נישט קײן חתן‟.

יוסף האָט דאָס װײַב אָפּגעשטופּט מיט אַן עלנבױגן און געשלעפּט דעם יונגנמאַן.

„װי גאָט דער באַרמהאַרציקער איז אײך ליב, ער דאַרף נישט קײן חתן!‟ — איז דאָס װײַב צוגעשטאַנען און געטרײסלט זײַן אָרעם.

יוסף האָט עפּעס דערהערט און איבערגעפרעגט:

„װאָס דאַרף ער נישט?‟

„דער שׂררה דאַרף נישט קײן חתן! די מעכיע איז גרױס‟ — האָט זי מיט די סאָװע־אױגן אָנגעװיזן אױפן הױז.

„דער לאַדזינער ממזר האָט מיר שױן אױסגעכאַפּט?‟ — האָט יוסף אױפגע־הױבן דעם שטעקן.

„אַז אױסגעכאַפּט זאָלן װערן מײַנע שׂונאים‟ — האָט שײנע־דאָבע מיט אַ האַנט זיך פאַרשטעלט דאָס מױל.

מלא כל הארץ כבודו

אַלע מאַנצבילן פון ביי דעם גרויסן לינדבוים זענען דעם שבת־פּרימאָרגן געגאַנגען דאַווענען אין דער שול פונעם שכנותדיקן שטעטל: אליעזר און זיינע צוויי זין, יצחק און אַלעקסאַנדער, און נאָך איינער: יוחנן, וואָס איז געקומען אין אליעזרס הויז צו לערנען מיט זיינע קינדער תּורה.

אליעזר האָט זיך געגעבן אַ נדר, אַז דער שבת פון דער וואָך, ווען יוחנן איז אָנגעקומען אין זיין הויז, וועט זיין אם־ירצה־השם אַ שבת־שׂמחה מיטן אַן עליה לתּורה. זענען פרייטיק פאַר האַלבן טאָג אַוועק יוחנן מיט זיינע צוויי תּלמידים אויסצומעסטן מיט זייערע טריט צוויי טויזנט איילן אוןביים סוף אַוועקלייגן אַ לעבל ברויט, אום אויף צו מאָרגנס, מיט זייער גאַנג צום שטעטל אין שול אַריין, זאָלן זיי נישט עובר זיין אויף דער מצווה פון שבת־מנוחה. וואָרום אין דער תּורה שטייט געשריבן, אַז אין דעם זעקסטן טאָג פון דער וואָך גיט אייך גאָט ברויט אויף צוויי טעג אום איר זאָלט אין זיבעטן טאָג, שבת, נישט אַרויסגיין פון אייער ווינאָרט. האָבן די חכמים זיך געמאַכטיקט, אַז אינעם אָרום פון צוויי טויזנט איילן זאָל זיין דער תּחום שבת און באָם אויפן לעצטן אייל פון די צוויי טויזנט איילן איר וועט אַוועקלייגן אַ לעבל ברויט, וואָס וועט סטייען אויף צוויי מאָלצייטן, אַזוי גייט איר ווייטער פון דעם אָרט און איר זענט נישט עובר אויף דעם תּחום.

זענען געגאַנגען יוחנן און זיינע צוויי תּלמידים. דער בכור, יצחק, האָט גע־טראָגן דאָס לעבל ראַזעווע ברויט אונטערגעבאַקן מיט כריינבלעטער און אַלעק־סאַנדער האָט געטראָגן אַ הייפּטל קרויט, און יוחנן איז געגאַנגען און געציילט זיינע טריט. ביים צוויי טויזנטסטן טריט איז יוחנן צוריקגעגאַנגען דריי טריט פאַר ספק וועגן און געפּסקנט: דאָ איז דער תּחום שבת. האָבן אַלע דריי צוזאַמענ־געקליבן שטיינער פון די פעלדער און געמאַכט פון זיי אַ בערגל. דערנאָך האָבן זיי צענומען דאָס הייפּטל קרויט אויף זיינע קאָפּל־בלעטער, מיט זיי אַרומגעלייגט דאָס ברויט און עס באַהאַלטן צווישן די שטיינער. דערנאָך האָט יוחנן געזונגען שירה — ד׳ צבאות מלא כל הארץ כבודו. ער האָט געקלאַפּט מיט די הענט, פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל און פון זיין האַלדז האָט זיך געטראָגן אַ זיס און ווילד געזאַנג — ד׳ צבאות מלא כל הארץ כבודו! אין דער מיט פון זיין געזאַנג האָט ער זיך געשטעלט אויף די הענט און זיך איבערגעקערט קאַזשלקעס, איין מאָל און אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל, און ער האָט נישט אויפגעהערט זינגען שירה. יצחקן און אַלעקסאַנדערן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט באַלד וועט יוחנן אויפ־

שוועבן אין דער לופטן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט. צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן האָבן זיי געזען אַ מענטש וואָס האָט נישט געטרונקען און ער איז שיכּור. ער האַלט זיך קוים מיט די פיס אויף דער ערד. האָבן זיי געפּרוווט נאָכטאָן דאָס זעלבע, זיך שטעלן אויף די הענט און זיך איבערקייקלען קאָזשלקעס. איז עס יצחקן געגאַנגען, כאָטש נישט צו שטעלן זיך אויף די הענט, נאָר אויפן קאָפּ און זיך איבערקאָטשען קאָזשלקעס; אַלעקסאַנדער האָט דאָס בשום־אופן נישט געקענט באַוויזן. ער האָט, אָנשפּאַרנדיק מיטן קאָפּ אָן דער ערד, זיך איבערקאָטשעט אויף אַ זייט און דער האַלדז האָט אים ווי געטאָן פון אַ פּלוצימדיקן דריי מיטן קאָפּ.

„אַלץ דאַרף מען טאָן מיט ברען, מיט היץ! — האָט יוחנן געזאָגט — אַזוי די תּפילות, אַזוי די תּחנונים, אַלץ, אַלץ!"

די תּלמידים האָבן נישט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער, נאָר די לופטיקע היץ, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אים ביים זאָגן וואָס ער האָט געזאָגט, האָט אַריינגע־שלאָגן אין זיי.

אויף צו מאָרגנס, אין דעם שבתדיקן באַגינען זענען געגאַנגען אַלע פיר מאַנצבילן פון דעם הויז ביים גרויסן לינדבוים צום שכנותדיקן ישוב. דער דרויסן איז געווען אַ פריי־האַרבסטיקער, פון דעם פּוילישן האַרבסט, וואָס פּילט אָן די הערצער פון מענטשן מיט אַלע פאַרבאַרגענע בענקשאַפטן און מיט אַנונגען, וואָס קיינער ווייסט נישט זייער באַשייד. דער מילדער בלאָ פונעם הימל האָט זיך איבערגעשפּילט מיט דעם גלאָשענעם גאָלד אויף די ביימער, אַזוי אַז כאָטש די זון האָט געשיינט בלאַכסוניק קלאָר, איז דער גאַנצער דרויסן געווען ווי אין האַלב־שאָטן. מיט אַ טאָג פריִער, אויף דעם זעלבן וועג, זענען יוחנן, יצחק און אַלעקסאַנדער געווען פאַרנומען יעדער מיט זיין טוונג, ווער מיט טראָגן עפּעס און ווער מיט ציילן די טריט פאַר דעם תּחום שבת, און זיי האָבן נישט געזען וואָס זיי האָבן געזען אין דעם שטילן שבתדיקן פרימאָרגן: די פאַראיינצלטע סטויגעס היי אויף די ווייט־נאַקעטע פעלדער האָבן זיך אַרומגעהילט מיט סוד און שטיל־קייט, ווי פאַרלאָזטע פון מענטש פּאַלאַצן. אין דער צייט פונעם יאָר באַהאַלט זיך אויס דאָס געציפער טיפער אין דער ערד און גרייט זיך צום ווינטער וואָס דאַרף אָנקומען. דער הימל איז ציכטיק, אויסגעקערט פון יעדן וואָלקנדל, און די בערע־זעס, מיט זייערע הויכע ווייסע העלדזער, ציִען זיך אַרויף, ווי אָנגעקנוילטע זיילן פון ווייסן רויך וואָלטן איינגעשלאָפן אין דער מיט פון אויפהייבן זיך פון דער ערד און זענען געבליבן אין געשלאָף.

בלויז די טריט פון די פיר מאַנצבילן האָבן ווייך אָפּגעקלאַפּט אין דעם זאַמד־איינגעשלאָגענעם טראַקט.

„ס׳איז אַזוי שטיל, שטיל" — האָט באַמערקט אַלעקסאַנדער און פון אַ זייט אַרויפגעקוקט צום פאָטער.

„דאָס איז די שטילקייט פון שבת — האָט דער פאָטער געזאָגט כמעט פליסטערנדיק — אַזוי שטיל איז געווען אויף דער גאַנצער וועלט אין דעם זיבעטן טאָג ווי דער באַשעפער האָט געהאַט פאַרענדיקט שאַפן די וועלט".

יעדער האָט זיך געטראַכט זיינע שטילע טראַכטענישן ווי נאָך דעם האָט זיך אָפּגערופן יוחנן:

„אין יענעם טאָג האָט די וועלט געזונגען שירה צו איר באַשעפער: ברוך אל עליון אשר נתן מנוחה — געלויבט איז דער אייבערשטער וואָס האָט מנוחה געגעבן, דער טאָג איז דער געאַכפּערטער פון אַלע טעג, כּי מלא כּל הארץ כּבודו, כּי מלא כּל הארץ כּבודו...״ — און ווי נעכטן ביים בערגל שטיינער, ווו זיי האָבן געמאַכט דעם תּחום, האָט יוחנן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די הענט, ווי ער וואָלט געוועון מיט עפּעס איבערפולט און ער מוז עס אַרויסזינגען.

אליעזר האָט מיט דער האַנטפלאַך זיך אַ וויש געטאָן איבערן שטערן. ס'איז אים אויפגעקומען אין דער מחשבה וואָס הערש־מענדל האָט אין דעם האַרבעריק אין קאָמעניעץ געהאַט אים דערציילט וועגן זיין איידעם: ער האָט אַן אייגענעם דרך, האַלט נישט פונעם רבס לומדות, און דעריבער זיצט ער ביי זיין פאָטער אין דאָרף און לערנט תּורה. באַלד דעמאָלט האָט דאָס דערציילטע געררייצט זיין דמיון און אפשר האָט דווקא דאָס גורם געוועזן, ער זאָל מסכּים זיין, יוחנן זאָל קומען צו אים אין רודניצע אויף זיינע הוצאות און ער וועט זען, צי ער קען זיין דער מחנך און מלמד פון זיינע זין. איצט איז אים פון דער אויפגעקומענער דער־מאָנונג געוואָרן הייס. איז ער, דער יונגערמאַן, פון יענע לייט? האָט ער, אליעזר, אין זיין הויז איינעם פון די באַנומענע פון מעזעריטש? ער האָט צעעפנט דעם בגד אָפּצוקילן זיין פלוצים צעהיצטע ברוסט.

אונטערן ריטעם פון יוחננס קלאַפּן מיט די הענט האָט אַלעקסאַנדער אַ שפּרונג געטאָן פונעם טראַקט אויפן פעלד און זיך אַ וואָרף געטאָן צו קאַזשלקעס:

„פאָטער!״ — האָט ער אויסגעשריגן און זיך איבערגעקאָטשעט איין מאָל און אַ צווייט מאָל.

„אין הויף אין רודניצע האָסטו עס געלערנט?״ — האָט זיך דער פאָטער געחידושט.

יצחק האָט אַן אויסצורעדן אַ וואָרט אָנגעווונקען אויף יוחנן. דער פאָטער האָט נישט פאַרשטאַנען און געמאַכט דעם אויספיר פון זיין אייגענער שאלה:

„שיינע מידות וועט איר מיר דאָ אָפּלערנען אין רודניצע. אַלעקסאַנדער! ווילסטו קומען אין קלויז אַריין אַ קויטיקער?״

אַלעקסאַנדער האָט געהערט דעם פאָטער. ער האָט אָפּגעשטויבט זיינע בגדים און צוריק אַרויס צום טראַקט. יוחנן האָט געאײַלט צו אים, אָפּצופּילען אים דעם שטויב פון דער פּלייצע, און געזאָגט שטיל, בלויז ער אַליין זאָל הערן:

„אַ מענטש באַגערט צו פליִען, נאָר מען שטערט אים אין דער כּוונה; נישקשה, אומעטום איז מען נאָענט צום בורא־עולם״.

אַלעקסאַנדער האָט די ווערטער נישט פאַרשטאַנען, נאָר פון דער שטילקייט, מיט וועלכער יוחנן האָט זיי אויסגעשעפּטשעט האָט געשטראָמט צו אים אַ זעלטענע תּענוג־וואַרעמקייט. זיינע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די אויגן פון יוחנן, און אַלעקסאַנדער איז דערטרונקען געוואָרן אין דער וואַרעמקייט פון זיינע

בליקן. יוחנן האָט אים דערלאַנגט די האַנט און ער האָט די האַנט אָנגענומען מיט גאווה. און אַזוי, האַנט אין האַנט, זענען זיי געגאַנגען דעם וועג.

אליעזר האָט געטראַכט, אַז ער האָט געטראָפן מיטן מחנך. אין די פּאָר טעג, ווי ער איז אין זיין הויז, האָט ער געוווּנען די הערצער פון זיינע תּלמידים, ווי ער וואָלט געווען זייער ברודער, עלטער מיט אַ קאָפּל יאָרן. נאָר ווי וועט זיין מיט זיין מעזעריטשער באַנומענקייט?

ער, אליעזר, איז אַוועק פון בראָד ווייל קהל האָט אים חושד געווען, אַז ער געהערט צו דער מעזעריטשער כּת און ער האָט מורא געהאַט פאַרן חרם. איצט, אַז דער רבֿ ר׳ שמעלקע וועט זיך דערוויסן, אַז ער האָט אַריינגענומען אין זיין הויז אַ מלמד פון די לייט פון מעזעריטש, וואָס פאַר אַ פאַרענטפערונג וועט ער האָבן? ס׳איז אים ווידער געוואָרן הייס פון דער מחשבה און פאַרגעסנדיק, אַז ער האָט שוין פריִער געהאַט צעעפנט די בגדים אָפּצוקילן די ברוסט, האָט ער געפּרוּווט נאָך אַ מאָל צעכראַסטען די בגדים. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הייך, ווי צו כאַפּן מער לופט און ער האָט דערזען די אומבאַפלעקטע בלויקייט פון הימל. בלוי איז געווען דער גאַנצער חלל ביז אַראָפּ צום האָריזאָנט, די בלויקייט האָט אים דערמאָנט אָן עפּעס, וואָס ער האָט געזען לאַנג צוריק און האָט זיך איינגעפרעגט אין זיין געדעכעניש, נאָר ער געדענקט נישט וואָס. צוליב דעם עפּעס, וואָס ער האָט נישט געוווּסט זיין באַשייד, האָט ער זיך אויסגעגלייכט אין רוקן, געוואָרן העכער, ווי ער איז געווען, און די זיכערקייט אין זיך, וואָס קומט נאָך מינוטן פון שוואַכקייט, האָט אים צעשפּאַרט. ער האָט אַרויפגעקוקט אין דער הייך און געזאָגט אין דער מחשבה: „נאָר פאַר דיר, פאַר דיר אין הימל האָב איך מורא!"

לכּבֿוד דעם יִידישן דאָקטער האָט דער רבֿ ר׳ שמעלקע געדאַוונט ביים עמוד און אויך געווען דער בעל־קריאה. קינד־און־קייט זענען געקומען אין שול אַריין זען דעם יִידישן שׂררה. די ווייבערשול איז געווען רוישיק, ווי פון יענער זייט וואָלט געווען אַ בינשטאָק און נישט קיין עזרת־נשים. די שטעטלשע ווייבער האָבן גוט געדענקט ווי דער דאָקטער האָט אָפּגעראַטעוועט זרחס אישה, ווען זי איז — נישט פאַר קיין שום אישה געדאַכט — שיר נישט אַוועקגעקומען אין קימפּעט. איצט איז ער געקומען אין קלויז אַריין מיט צוויי זין. דאָס האָבן אַלע געזען. נאָר ווער איז עס דער יונגערמאַן מיט דעם פלאַקסענעם בערדל, אויך אַ זון? אָדער אפשר אַ קרובֿ פונעם דאָקטער, און אפשר גאָר אַן עלטערער זון פון אַן ערשט ווייב? באַשירעמט זאָל מען ווערן פאַר דעם וואָס עס קען זיך אַלץ פאַר־לויפן אויף גאָטס וועלט. וועגן די און אַנדערע זאַכן האָבן די ווייבער געזשומעט, ווי די בינען, און ר׳ שמעלקע האָט מיט אַ ווייכער, פליישיקער האַנט געפּאַטשט אין עמוד און זיך געערגערט: „נו! מע! נשים!"

צו די נשים איז ר׳ שמעלקעס קלאַפּן אין עמוד אפילו נישט דערגאַנגען. ערשט ביי קריאת־הספר, ווען ער האָט געהאַמערט אויפן טיש מיט אַ צופלייץ פון אימפּעט, אַז עפּעס גאָר וויכטיקס גייט געשען, האָט זיך דאָס זשומעניש אין

דער עזרת־נשים אָפּגעהאַקט. ר׳ שמעלקע האָט אויפגערופן אליעזרן צום ספר. דער ייִדישער שׂרהה, מיטן טלית איבערן קאָפּ און באַגלייט פון זיינע צוויי זין, האָט זיך דערנענטערט צום שולחן און אויף זיין וועג האָבן די ייִדן באַרירט מיט זייערע אָרעמס דעם דאָקטערס טלית, זיין וויכטיקייט זאָל אַ ביסל אָפּשלאָגן אויך אויף זיי.

דאָס וואָס די מאַנצבילן האָבן באַלד פון אָנהייב געזען, אַז די צוויי זין פון דעם דאָקטער זענען פּריצישע קינדער, און דער עלטערער פון זיי, לא עלינו, זעט גאָר אויס אין גאַנצן נישט ווי אַ ייִד, האָבן די נשים דערזען ערשט ווען די צוויי זענען געשטאַנען נעבן זייער פאָטער ביי דער הייליקייט. דער עלטערער, דער מיט די פלאַקסענע האָר, און אויך דער קלענערער, מיט די לויפנדיקע אייגע־לעך, באַווייזן, אַז דער ייִדישער דאָקטער קומט מסתּמא פון אַנדערע לענדער, ווו עס לעבן אַנדערע ייִדן. אפשר גאָר פון דעם הייליקן לאַנד, און אפשר גאָר ווער ווייסט פון וואַנען? אַז דער־אין־הימל האָט אויסגעשפּרייט דעם ייִדישן גלות איבער זיין גאַנצער וועלט, ווער קען וויסן פון וואַנען עס איז דער און יענער ייִד?

נאָר ווי די ווייבער אין דער עזרת־נשים זענען געווען פאַרנומען מיט טראַכ־טענישן אויפן קול, אַזוי איז צווישן די מאַנצבילן אַדורך אַ פליסטער פון צע־טומלעניש. עס איז געשען כּהרף־עין. דער ייִדישער שׂרהה האָט געזאָגט עפּעס, פון וועגן וואָס ר׳ שמעלקע האָט געגעבן אַ האַסטיקן, איבערנעמערישן פלעם אין שולחן. כאָטש עס איז געווען שטיל האָט קיינער נישט געוווּסט פאַר וואָס דער פלעם אין טיש איז געקומען. ערשט פון דעם באַנייטן זשומעניש צווישן די ווייבער, איז פון זיך אַליין געוואָרן קלאָר וואָס די מאַנצבילן האָבן נישט דערהערט: דער דאָקטער האָט מנדב געווען צוויי גאָלדענע רענדלעך אַנטקעגן זיינע צוויי זין. צוויי גאָלדענע רענדלעך! דער רב האָט מיט אַן עק פון טלית אָנגערירט דעם אָנהייב פון דער סדרה אינעם ספר, אַ קוש געטאָן דעם עק טלית, און אָנגעהויבן לייענען. אָבער דאָס קול האָט ער נישט געקענט אַרויסבאַקומען. די וואָס האָבן געזען ווי זיינע ליפּן באַוועגן זיך, נאָר קיין צייכן פון קול קומט נישט אַרויס פון זיין גרגרת, האָבן געמיינט, אַז ס׳איז זיי פלוצים באַפאַלן אַ טויבקייט. די בּוריקלעך־רויטע באַקן פון דעם רב זענען געוואָרן פלאַמיק. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַהין און צוריק, ווי ער וואָלט געוואָלט אויפשאָקלען זיין קול, און ס׳איז טאַקע פלוצים צוריק אויפגעקומען. און ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עס וועט ווידער נעלם ווערן, האָט ער געאײַלט און אין אײַלעניש איבערגעהיפּערט ווערטער. עמעצער האָט אים אונטערגעזאָגט, פאַרריכט, און שימעלע דער שינדלמאַכער האָט נקמהדיק געפרעגט, אַלע זאָלן הערן: „נו, מאַ, וואָס טוט זיך דאָ?״ עמעצער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אויסגעשריגן: „דרך־ארץ פאַר אונדזער רב!״

פון דעם וואָס עס איז געשען האָט יוחנן געפילט, אַז אין דער קלויז זענען פאַראַן לייט פון בעל־שם־טובס דרך. דאָך האָט ער זיך איינגעהאַלטן נישט צו טרייסלען זיך ביים דאַווענען. פון מאָל צו מאָל האָט ער אַריבערגעוואָרפן דעם

טלית טיף איבערן פנים און מתפלל געווען פאַר זיך, מיט פאַרמאַכטע אויגן און אויף די שפּיץ פינגער.

אין קאַמעניעץ, אויף קעסט ביי זיין שווער, האָט יוחנן דערשמעקט, אַז דאָס מקום איז פול מיט מלשינים, וואָס זוכן און רודפן די לייט, וואָס גייען אין די דרכים פון בעל־שם־טוב. ווי נאָר עס איז געקומען דערצו, דער קאַמעניעצער רב זאָל אים אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש פאַר טרייסלען זיך ביים דאַווענען און אים אָנגערופן דב־בעריש לץ, האָט ער, יוחנן, פאַרנומען דאָס יונגע ווייַב און אַוועק צו זיין פאָטער אין דאָרף אַריין. איין מאָל איז ער געפאָרן צום מגיד אין מעזעריטש צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם צדיק און אַריינגעמען אין זיך זיין התנהגות. ער איז צוריקגעקומען אַן אָנגעגליטער. ער האָט דעם טאַטנס הויז אין דאָרף דערזען גאָר אַנדערש ווי אַלע מאָל, ווי ער וואָלט ביז דעמאָלט געהאַט די אויגן נישט אין גאַנצן אָפן און ערשט אין מעזעריטש האָט ער אָנגעהויבן זען, אַז דער באַשאַפער פון דער וועלט איז דאָ אומעטום און די שכינה רוט אין יעדן גרעזל אויפן פעלד און אין יעדן בלעטל פון אַ בוים, און ער, יוחנן, קען מתפלל זיין מיט השתפּחות הנפש — איז דעם טאַטנס הויז צו גלייך ווי עס וואָלט געשטאַנען נעבן בית־המקדש און נישט צווישן עכו״ם. דאָ קען ער אויך עוסק זיין אין קבלה און האַלטן אויפן טיש דעם הייליקן זהר, מעיין צו זיין אין אים ווען דאָס האַרץ לעכצט צו די הויכקייטן, ווו דער בן־אָדם שוועבט אויף פליגל צו די שׂרפים און מלאכים.

איצט, אין דער קלויז מיט אליעזרן און זיינע זין, האָט יוחנן געקוקט אויף די זייטן, דאָ אויף דעם און דאָ אויף יענעם, געזוכט אין די פּנימער און אין דער התנהגות — געזוכט היימישע לייט. נאָר אַז היימישע לייט זענען פאַראַן האָט ער פאַרשטאַנען פון דעם רבס שטייגער קלאַפּן אין עמוד און אין שולחן, וואָס האָט אים דערמאָנט אין דעם קלאַפּ אין דער באַק, וואָס ער אַליין האָט געהאַט באַקומען פון דעם קאַמעניעצער רב.

ווי יוחנן האָט פון אונטערן טלית נישט דערשנאַפּט די מעזעריטשער לייט, אַזוי האָט נחמן דער גאַרבער יאָ דערפילט, אַז דער יונגערמאַן, וואָס איז מיטגע־קומען מיט דעם דאָקטער איז אַן אייגענער. ער האָט עס דערפילט מער מיט זיין חוש ווי פון זיין שטייגער, אַז בעת תפילות בלחש האָט דער פרעמדער ווי אונטער־געשפּרונגען. אויך ער אַליין, נחמן, צוימט זיך ביים אונטערשפּרינגען אום נישט אַרויסצורופן קיין חשדים ביי די רודפער. נאָר אַ סימן האָט ער געהאַט: פון מאָל צו מאָל האָט דער פרעמדער יונגערמאַן אַראָפּגערוקט זיין טלית טיף איבערן פנים, כּדי צו זיין ביחידות, כאָטש ער איז מיט קהל. זיין חוש האָט אים דערפרייט, אַז די קליינע מחנה אין שטעטל איז נאָר וואָס גרעסער געוואָרן. האָט נחמן מער קיין אויג פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט און באַלד האָט ער דערוועגן געלאָזט וויסן זיין חבר שימעלען דעם שינדלמאַכער, וואָס דאָ נישט לאַנג צוריק האָט ער זיך אַרויסגעמאַכט פון שטעטל, זיך אַוועקגעלאָזט קיין מעזעריטש און צוריקגעקומען מיט בשורות טובות. בחדר־חדרים האָט שימעלע פאַרטרויט זיין חבר, אַז אין

מעזעריטש גייט אַרום אַ שמועה, אַז דער קאַרלינער צדיק איז מכשיר זיינע חסידים זיך צו לאָזן אינעם הייליקן לאַנד אַנטקעגנצוגיין משיחן; אַז די צרות וואָס די געמיינע לייט שטייען אויס פון די פאַרדאַרבענע רבנים און פון קהלס תּקיפים זענען דוחק דעם קץ און ווער עס האָט גאָט אין האַרצן דאַרף צוהעלפן שטאַרקן די מחנה. נחמן איז נישט נתפּעל געוואָרן פון די בשׂורות. פון דעם ווי דער רב ר׳ שמעלקע האָט געמאַכט יד־אחת מיט די פּני און זיי האַנדלען אויס פּרנסות פון ייִדן, פילט ער שוין לאַנג, אַז דאָס זענען פונקען פון דער גאולה. דאַרף מען מערן די מחנה פון דעם הייליקן צדיק רבי ישׂראל, אַז די גאולה זאָל קומען וואָס שנעלער.

ווי ווייל ער האָט זיך אויסגעהיטן פון דעם רבס מלשינים, האָט נחמן דער גאַרבער זיך צוגעשאַרט נעענטער צום פרעמדן, געוואָרפן דאָ אַ בליק און דאָרט אַ בליק און געפרעגט מעשׂה אורח:

„לכּבוד וואָס איז עס דער דאָקטער דעם שבת געקומען אין שול אַריין, אויב ס׳איז נישט קיין סוד? און אַז ס׳איז נישט קיין סוד, צי וועט מען היינט מאַכן אַ ,לחיים׳?"

יוחנן האָט אַראָפּגעלייגט דעם טלית אויף די אַקסלען און אַ קוק געטאָן אין דער זייט פון דעם פרעגער:

„ס׳איז ביים דאָקטער אַ שבת־שׂמחה. איך בין געוואָרן מלמד פון זיינע זין. נאָר וואָס שייך אַ ,לחיים׳ ווייס איך נישט. איך בין אַ פרעמדער".

„אַ ייִד צווישן ייִדן דאַרף נישט זאָגן ער איז אַ פרעמדער. אָדער דו ביסט אַן אָנגעלייגטער אורח ביי מיר, אָדער איך בין אַן אָנגעלייגטער אורח ביי דיר" — האָט נחמן געלייגט דעם טראָפּ אויף ,דו׳ און ,דיר׳, כּדי צו זען ווי ער האַלט אין דער וועלט. ער האָט זיך אויסגעדרייט, כּלומרשט כּדי צו זען ווי עס האַלט מיטן לייענען און דערווייל דערווישט, אַז קיינער הערט נישט אונטער. האָט ער אַ פרעג געטאָן: „מאַנשי שלומנו?"

יוחנן האָט פאַרריכט דעם טלית אויפן אַקסל און כּדי צו זיין אָפּגעהיט, האָט ער געענטפערט מיט אַ פּסוק פון דעם נביא ירמיה:

„אַוודאי, ,הסיתוך ויכלו לך אנשי שלומך׳ ווי עס שטייט געשריבן: דיינע גוטע פריינד האָבן דיך גענאַדזשעט און בייגעקומען".

כאַטש יוחנן האָט דעם פּסוק אויסגעטייטשט האָט נחמן פאַרשטאַנען דעם פּירוש המלות נאָר פון „אנשי שלומך" און זיין האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט שׂמחה, ווי ער וואָלט אומגעריכט אָפּגעפונען אַ נאָענטן קרוב. ער האָט זיך אַדורכ־געמאַכט צו זיין חבר און אונטערגעהיסטלט פון וויכטיקייט:

„כ׳האָב דיר געזאָגט? הלוואי וואָלט איך דערקענט משיחן".

„וואָס זשע וועט זיין מיט אַ ,לחיים׳?" — האָט שימעלע געוואָלט וויסן.

„מיינע ווערטער, נאָר גיי פרעג אַז דער רב האָט אים אַריינגענומען אין זיינע ידיים!"

באַלד נאָכן דאַווענען האָט זיך נחמן דורכגעשטופּט צום ייִדישן שׂרה,

כלומרשט אויף צו געבן אים שלום־עליכם, און ווי ער וואָלט געווען פון זיינס גלייכן האָט ער אים געפרעגט מאָנענדיק:

„אַ יישר־כּוח. צוויי רענדלעך פאַר דער קלויז איז אַן אוצר מיט געלט; וואָס זשע וועט זיין מיט אַ ,לחיים׳? פון זדרוי־וואַסער וועט אַ ייִד שעפּן ס׳חיות?״

אליעזרן איז שטאַרק געפּעלן געוואָרן ווי דער פרעמדער האָט גערעדט צו אים.

„די שאלה איז אַ ריכטיקע און איך האָב פריִער געטראַכט דערוועגן — האָט אליעזר געענטפערט — נאָר ווי טראָגט מען עס אָקעוויט אָן אַ עירוב?״

„אָקעוויט מעג מען!״ — האָט עמעצער געפּסקנט הויך.

„גוי גמור!״ — האָט אויסגעשריגן ר׳ שמעלקע.

די נאָז האָט אים געשוויצט פון דעם אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט דעם שבת אין דער פרי.

„אָקעוויט מאַכט דעם מענטש פאַר אַן אַנדערן; גייט איינער איין תּחום שבת און דער אַנדערער גייט אַ צווייטן תּחום שבת״ — האָט נחמן אַן אויפגעלייגטער געפּסקנט.

„און וואָס איז מיטן עירוב?״ — האָט אליעזר זיך געשפּילט מיטן שטעטלשן ייִד.

„מיטן עירוב איז אַזוי — האָט נחמן אונטערגעזונגען — אַז מען טרינקט אָקעוויט ווערט מען שיכּור און אַז אַ שיכּורער איז חוטא איז ער אַ חוטא בשוגג און ער איז פּטור״.

„און דו ביסט אַ חוטא במזיד! עם־הארץ!״ — האָט דער רב געפלאַמט פון כּעס.

„רב, איך זע, אַז דער ייִד איז נישט קיין עם־הארץ — האָט אליעזר געוואָלט אויפהאַלטן דאָס גוטע געמיט פון דעם עולם אַרום אים — נאָר ער איז מפרש פּסוקים, ווי ער וואָלט געווען נאָך אָקעוויט אויפן ניכטערן האַרץ״.

„איר זעט, רב, ווי אַ גוטער ייִד איז מלמד זכות אויף אַ צווייטן ייִד?!! — האָט נחמן זיך געריצט מיטן רב און אים אַ שטעכעליר געטאָן: געלויבט השם־יתברך וואָס האָט אונדז צוגעשיקט אַ סניגור אויף ייִדן אין שטאָט אַריין; קטגורים האָבן מיר איבערן קאָפּ״.

דער רב האָט אַ גלאָץ געטאָן מיט שפּיזלדיקע בליקן אויף נחמנען, ווי ער וואָלט אים מיט די אויגן דורס געווען און ער איז אַוועק מיטן טלית אויף די אַקסלען.

ס׳האָט זיך אונטערגערוקט אייזיקל דער קצב, ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, מען זאָל אים מער אָנזען, און ער האָט אויסגערופן מיט רוגזה:

„מ׳איז מבייש דעם מרא דאתרא אין די אויגן פון אַן אורח?!״

„חלילה, חלילה! — האָט אליעזר געזאָגט און אַרויס פונעם רעדל ייִדן — קיינער האָט דאָ נישט מבייש געווען דעם רב. אַ שטשיפּעטע בדיחת הדעת איז זייער געזונט״.

דער עולם האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט די בליקן, געווען צופרידן פון דעם געהערטן, און אַפילו די, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען, זענען געווען זיכער, אַז ר׳ שמעלקע האָט באַקומען אַ פּסק פון דעם ייִדישן שׂררה.

די לייט האָבן אַרויסבאַגלייט דעם דאָקטער. יצחק און אַלעקסאַנדער זענען געווען פול מיט גאווה פון זייער פאָטער. אַלע מאָל האָבן זיי אַרויפגעקוקט צו אים ווי צו דעם העכסטן מענטש אין דער וועלט. קיין העכערן האָבן זיי נישט געזען. איצט איז ער געוואָרן נאָך העכער. דער רב ר׳ שמעלקע, כאָטש זיי האָבן געזען אַז ער איז צווישן די יידן דער וויכטיקסטער, האָט זיי דערמאָנט אין אַ שרעטעלע, וואָס די מוטער האָט זיי אָפט דערציילט, אַז עס געפינט זיך אין וואַלד. נאָר דאָס שרעטעלע אין וואַלד, ווי די מוטער האָט דערציילט, איז נאַקעט און האָט נישט קיין באָרד. יצחק און אַלעקסאַנדער האָבן פוןביידע זייטן זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם פאָטערס הענט און געפילט זייער אייגענע וויכטיקייט. עס איז זיי געווען גוט וואָס נאָך זיי גייט נאָך אַן עדה יידן.

יוחנן האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, ווי אַלץ וואָס עס געשעט וואָלט געווען ווייט פון אים. פון צייט צו צייט האָט ער אין גאַנג פאַרריכט דעם טלית אויף די אַקסלען, בעת ביי אַלע אַנדערע זענען די טליתים אַראָפּגעפאַלן אויף די אָרעמס און ביי אייניקע האָבן זיך די טליתים נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד.

פּלוצים האָט נחמן אַריבערגעלייגט דעם אָרעם איבער שימעלע דעם שינדל־מאַכערס אַקסל און אָנגעהויבן זינגען מיט די ווערטער פון תּקוני שבת ,אתקינו סעודתא דמהימנותא׳ און די, וועלכע האָבן געקענט די ווערטער, האָבן אים אונטערגעהאַלטן נאָך העכער ווי עס איז געווען זיין הייזעריקע שטים, און די וועלכע האָבן די ווערטער נישט געקענט האָבן געפּרוווט אונטערכאַפּן דעם ניגון און געפּאַטשט מיט די הענט. אַלעקסאַנדער האָט אַרויסגענומען זיין האַנט פון דעם פאָטערס האַנט און אָנגעהויבן פּאַטשן אין די הענט צום טאַקט פון דעם געזאַנג. באַלד האָט יוחנן, וואָס האָט זיך ביז איצט געהאַלטן אָן אַ זייט, זיך אויסגעדרייט צום עולם און אָנגעהויבן זינגען העכער פון אַלע — דא היא סעודתא דעתיקא קדישא וחקל תּפּוּפין קדישין, קדישין, קדישין, קדישין!

איינצלנע זייערע האָבן אין דער מיט פון דעם געזאַנג זיך אָפּגעשטעלט און נאָכגעקוקט דאָס געזעמל, וואָס איז ווייטער אַוועק אין געזאַנג. די אָפּגעשטאַנענע, ווי דאָס געזאַנג האָט זיך פון זיי דערווייטערט, אַזוי זענען זיי אַוועק צוריק צום שטעטל יעדער באַזונדער. די אין געזאַנג, ווי אין שיכּרות, האָבן די אָפּגעשטאַ־נענע נישט געזען, נאָר געגאַנגען ווייטער, מיטן טראַקט, מיט די קעפּ פאַרוואָר־פענע אין דער הייך, צום קלאָרן הימל און צום ווינט, וואָס האָט געשמעקט מיט שפּעטזומערדיקע עפּל. אליעזר, האַלטנדיק די האַנט פון יצחקן האָט פאַרמאַכט די אויגן און געגאַנגען ווי אַ בלינדער. ס׳איז אים גוט געווען דאָס פרייע געזאַנג פון די געמיינע לייט, וואָס האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זענען אַוועק ווייט פון שטעטל, צום טראַקט, צו די פעלדער. נחמן דער גאַרבער האָט גוט געקענט די ווערטער און ער האָט זיי אויסגעזונגען אין קלאָרקייט אַלע זאָלן אים קענען מיטהאַלטן — קדם רבון עלמין, במלין דסתימין, תּגלון פּתגמין ותימרון חדושא, חדושא, חדושא!

שטיל, שטיל אין זיך האָט אליעזר מיטגעהאַלטן מיטן געזאַנג, און נאָכגע־

זאָגט די ווערטער מיט אַזאַ פרייד, ווי זיי וואָלטן אויפגעדעקט פאַר אים סודות, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געוווּסט דערוועגן זיי.

פלוצים האָט יצחקס האַנט אַ ציטער געטאָן. אליעזר האָט געעפנט די אויגן. דאָס געזעמל איז געבליבן שטיין פאַר דער קופּע שטיינער, ווו עס איז פון נעכטן געווען באַהאַלטן דאָס ברויט פאַר דעם תּחוּם שבת. דאָס געזאַנג האָט זיך איבער־געריסן. די ייִדן אינעם געזעמל, ווי זיי וואָלטן אויפגעקומען פון שיכּרות, צי פון שלאָף, האָבן זיך דערזען אין פעלד, אויפן טראַקט. יוחנן פאַרוואָרפט דעם טלית אויפן אַקסל, נעמט אַראָפּ דעם אויבערשטן שטיין פון דער קופּע, אַלעקסאַנדער העלפט אים און נעמט אַראָפּ נאָך אַ שטיין און נאָך אַ שטיין, און ער, יוחנן, נעמט אַרויס דאָס לעבל ברויט איינגעוויקלט אין קרויט־בלעטער און שעלט אָפּ דאָס ברויט פון די בלעטער און רופט אויס:

„רבותי, ס׳איז שבת־קודש איבער דער גאַנצער וועלט, מלא הארץ כּבודו ורוחו, לאָמיר מאַכן אַ המוציא און נהנה זיין פון זיין גוב".

דאָס געזעמל האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ ביסל אויפגעהויבענע הענט, ווי די פליגל פון אַ טשאַטע היגער, וואָס ווילן פליִען און קענען נישט. די הענט האָבן געזוכט וואַסער צו נטילת־ידים. האָבן זיך אַלע אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, געריבן מיט די שפּיצן פינגער אינעם שטויב און די הענט אויסגעשטרעקט צו יוחנן. יוחנן האָט אָפּגעבראָכן אַ כּזית און נאָך אַ כּזית און דערלאַנגט דאָ דעם און דאָ יענעם. אויך אליעזר האָט געבעטן אַ כּזית, נישט אויסצוטיילן זיך פון די געמיינע לייט. און אַזוי האָבן געטאָן זיינע זין, וואָס אין דער אותו רגע האָבן זיי זיך דערפילט דערוואַקסענע מאַנצבילן, וואָס געהערן צו קהל און טוען וואָס קהל טוט. יוחנן האָט הויך אויפן קול געמאַכט די ברכה: ‚געלויבט ביסטו, קיניג פון דער וועלט, וואָס ציט אַרויס ברויט פון דער ערד׳. אַלע האָבן איבערגעחזרט די ברכה אויפן קול, מיט די אויגן פאַרקוקט צום הימל, דער איבער די הימלען זאָל דערהערן זייער לויב און דאַנק פאַר דעם כּזית ברויט אין דער מיט פון זיין שבתדיקער וועלט.

נחמן דער גאַרבער האָט נאָך דער ברכה טועם געווען פון דעם ברויט און דערנאָך לצניש געזוכט מיט דער האַנט איינצוטונקען אין זאַלץ דאָס שטיקל ברויט און געזאָגט:

„איצט, אַז ער־אין־הימל האָט געוווּסט, אַז הונגעריקע ייִדן דאַרפן ברויט, לאָמיר געבן אַ זוך צווישן די שטיינער, אפשר שטייט דאָרט אויך אַ פלאַש אַקעוויט?"

ער האָט זיך איינגעבויגן, אַריינגעשטופּט די האַנט צווישן די שטיינער, אויס־געדרייט דעם קאָפּ אָן אַ זייט און אָנטרעפנדיק זיך מיט יצחקס בליק, האָט ער אַ ווונק געטאָן און אויסגערופן:

„רבותי, ס׳איז פאַראַן אַקעוויט!"

אַ פריילעכער געמורמל פון קייענדיקע מיילער איז אַדורך. עמעצער האָט געפרעגט מיט התפעלות:

„טאַקע דאָ אָקעוויט ? !"

„נחמן וועט זאָגן ייִדן שקר ? אַוודאי איז דאָ אָקעוויט... ביים דאָקטער אין אַלמער !" — האָט דער גאַרבער זיך אויסגעגלייכט און געפּאַכעט מיט דער ליידי־קער האַנט.

אַלעקסאַנדער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קלינגענדיק ייִנגלעריש געלעכטער און נאָך אים האָט זיך צעלאַכט דער עלטערער, יצחק, און אויך זיין געלעכטער איז געווען יונג־קלינגענדיק. דאָס האַרץ פון אליעזרן איז פול געוואָרן מיט פרייד. דאָס געלעכטער פון זיינע זין האָט אין אים אויפגעבראַכט די דערמאָנונג פון דעם געלעכטער פון זעלדען, ווי ער האָט עס צום ערשטן מאָל געהערט, ווי דאָס קלינגען פון שליטן־גלעקעלעך — דעמאָלט, דעמאָלט, אין בראָד. זיינע אויגן האָבן זיך צעלויכטן און ער האָט געזאָגט מיט נישט באַהערשטער פרייד :

„רבותי, איך בין אַן עדות, אַז דאָס געזאָגטע איז נישט קיין שקר ! אין מיין אַלמער איז פאַראַן אָקעוויט און מיר וועלן היינט טרינקען לחיים. מיינע זין וועלן לערנען תורה !" — האָט ער מיט אַ פולער האַנט אָנגעוויזן אויף יוחנן.

זעלדע האָט פון די טרעפּלעך פונעם גאַניק פון איר הויז אויסגעקוקט די איריקע און פון דער וויטנס געזען אַ געזעמל. האָט זי מיט איר שמאָלער האַנט פאַרדעכלט דעם שטערן און מיט צוגעזשמורעטע אויגן געזוכט אין דער וויטקייט. אינעם געזעמל האָט זי דערזען דאָס געשטאַלט פון איר מאַן און שפּעטער אירע קינדער. נאָר ווער זענען די אַלע ? אַוועק זענען פיר און איצט קומט אַ געזעמל פון אַ מנין און אפשר מער. זי האָט פאַרקוועטשט די ליפּן, כדי נישט צו ציילן ייִדן, און געזוכט מיט די אויגן. זי האָט אויסגעטיילט איר מאַן, אירע קינדער, צום סוף אויך זייער רבי, יוחנן. ווער זענען די אַנדערע ?

די זין, ווי זיי האָבן דערזען זייער מוטער, זענען געלאָפן פאָרויס, אַריינגעפאַלן אין אירע אָרעמס :

„מאַמע, פריילעכע לייט קומען !"

„זאָל פרייד און שמחות קומען אין אונדזער הויז" — האָט זעלדע געענטפערט און צוגעדריקט צו זיך אירע זין, ווי זי וואָלט זיי גאָר לאַנג נישט געזען. זי האָט אויסגעקוקט אויף די אָנקומענדיקע.

אליעזר האָט זיך אָפּגעריסן פונעם געזעמל און צוגעאײַלט זיינע טריט. זעלדע האָט אים אַנטקעגנגעשטראַלט. ער האָט געהאַט אַ בענקשאַפטלעכן באַגער צו הערן איר קול, און ער האָט געזאָגט :

„גוט שבת דיר, מיין ווייב".

„גוט שבת דיר, מיין מאַן" — האָט זעלדע געזאָגט און איר קול האָט אַ ציטער געטאָן און אינעם ציטער האָט ער דערהערט אַ דין־דין־דינעם קלאַנג פון אַ קליין־קליינטשיק שליטן־גלעקעלע.

„איך ברענג דיר אורחים אויף אַ שבתדיקער סעודה, מיין ווייב" — האָט ער געשטראַלט צו איר.

„איך וועל לויבן דעם באַשעפער פון דער וועלט דערפאַר, וואָס ער מאַכט פול מיין הויז, און דו, מיין מאַן, האָסט געפילט מיין באַגער".

„מיר וועלן זיך טיילן דערמיט וואָס דו האָסט צוגעגרייט" — האָט ער געזאָגט שטילער, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר דעם פּלוצימען אַנגעלויף.

„מיט וואָס די שטוב איז רייך דערמיט איז זי צופרידן" — האָט זעלדע נאָכגעמאַכט ווי עס זאָגן די פּוילישע לייט.

דאָס געזעמל שטעטלשע יִדן האָט, דערזעענדיק אַ ווייב אויף די שטיגלעך, זיך פאַרהאַלטן פון דער ווייטנס, ווי זיי וואָלטן פּלוצים דערבליקט אַ גרויסן מיכשול, וואָס עס פאַלט נישט אײַן ווי אַזוי אים בייצוקומען. נחמן דער גאַרבער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, וואָרום דער בלויער בליק פון דער אישה איז אים אַרייגעפאַלן אין אויג ווי אַ שטראַל פון דער זון, וואָס פאַרבלענדט. ווי עס איז דער שטייגער טיף זיך צו פאַרנייגן פאַר פּריצים און זייערע ווייבער, האָט זיך נחמן מיטן טלית אויף די אַקסלען געטאָן אַ טיפן בייג אַראָפּ. באַלד איז אים באַפאַלן אַ צעטומלעניש און נאָך איידער ער האָט באַוויזן זיך אויסצוגלייכן האָט ער אויסגערופן מיט גוזמהדיקער התלהבות:

„גוט־שבת, דאָקטערס אישה! איבער דער וועלט גייט אַרום אַ שמועה, אַז אין אײַער אַלמער איז זויער געוואָרן יי"ש. זענען מיר געקומען אויסטרינקען דאָס זויערע אום צו מאַכן אַן אָרט פאַר אַ גוט ביסעלע אָקעוויט".

אַראָפּנידערנדיק פון דעם לעצטן שטיגל אום צו מאַכן אַ פרייען וועג פאַר די מאַנצבילן, האָט זעלדע געזאָגט:

„גוט־שבת איך, מיינע אורחים. אין מיין הויז איז נישטאָ קיין זויער־געוואָרענער יי"ש, נאָר ריינער אָקעוויט איז פאַראַן פאַר די וואָס ברענגען פרייד אין מיין הויז".

פון אירע ווערטער זענען די געקומענע געוואָרן היימישער. זיי האָבן אַראָפּגענומען די טליתים פון די אַקסלען און זיי אַרומגעוויקלט אַרום די אָרעמס. אַזוי זענען זיי אַרויף די שטיגלעך פונעם גאַניק אָפּקלאַפּנדיק די שטיבעלעטן, ווי עס וואָלט געווען ווינטער אין אַ שניי און נישט אַ טרוקענער האַרבסטיקער טאָג.

פון אָנהייב זענען די שטעטלשע יִדן געבליבן צוריקגעהאַלטן. זיי האָבן זיך נישט פאַרגונען צו טרעטן אויף דעם בלאַנקענדיקן הילצערנעם דיל, וואָס האָט געשמעקט מיט לעבעדיק האָלץ, ווי עס וואָלט נאָר וואָס געבראַכט געוואָרן פונעם וואַלד. דער לאַנגער דעמבענער טיש אָנגעלענט אויף דיקע געשניצטע פיס, ווי אויף פיס פון רויב־חיות, איז געווען באַשטעלט מיט שבת־לייכטערס און צופוסנס די לייכטערס האָבן זיך אָנגעלענט איינער אויפן אַנדערן צוויי לאַנגע שבת־דיקע קויליטשן, טונקעלע ווי דער דאָמב פונעם טיש, מיט ברוינלעכע פריש־גלאַנציקע פלעכטן. דאָס זוניקע ליכט פונעם פענצטער איז אַריבערגעפאַלן איבערן טיש און פאַלנדיק ווייטער אויפן דיל, האָט עס נאָך ציכטיקער געמאַכט דעם דיל.

אליעזר, וואָס האָט גוט געוווּסט פאַר וואָס זיינע אורחים זענען צוריקגעהאַלטן און זיך ווי צונויפגעדרענגט ביי דער וואַנט, האָט מיט די פּיס אַ שאַרווע געטאָן איבערן דיל און געזאָגט:

„אַז עמעצן וועט זיך פאַרגלוסטן טאַנצן, הייבן זיך דאָ די פּיס אַליין" — האָט ער אַ טענצל געטאָן.

זיינע ווערטער האָבן אַרויסגעפירט די געקומענע פון פאַרלעגנהייט. אליעזר האָט באַפוילן זיינע זין זיי זאָלן אַרויפברענגען פון קעלער דעם ערדענעם גאַנשער אָקעוויט. און דער פלוצים שעמעוודיק געוואָרענער באַשען האָט ער באַפוילן, זי זאָל העלפן דער מוטער צוגרייטן דעם כּיבוד. באַלד האָבן זיך איבער דער שטוב אויסגעשפּרייט די זיַיערלעך־זיסע ריחות פון געקעלטערטע מאכלים. זעלדע איז געשטאַנען איבער דעם אָפענעם קעלער אין דער צווייטער קאַמער און געדרעדט צו אירע זין אונטן אַראָפּ, וואָס פאַר אַ טעפּ און דייזשעס זיי זאָלן אַרויפדערלאַנגען. יצחקס און אַלעקסאַנדערס שטימען זענען פונעם קעלער אַרויסדערגאַנגען פאַר־דעמפטע און ווייטע, ווי זיי וואָלטן זיך מיט דער מוטער איבערגערופן פון ווייטע מרחקים. דער דיל האָט זיך אָנגעשטעלט מיט גרויסע און קליינע טעפּ, בייכיקע דייזשעס, ערדענע גאַנשערס מיט ברייטע העלדזער. פון דעם ווי די דייזשעס און טעפּ זענען אַוועק אויפן דעמבענעם טיש, האָבן זיך ביי די געקומענע צעוואָרעמט די געמיטער. די זיַיערלעך־זיסע ריחות האָבן געוועקט דעם הונגער צו אַן אומ־געריכטער סעודה, מער ווי דער אָקעוויט, וואָס אליעזר האָט געגאָסן פון אַ גרויסן רויטלעך־ערדענעם גאַנשער מיט אַ לאַנגן דינעם האַלדז אין ערדענע ליאַמפּקעס פונעם זעלבן קאָליר.

נישט־געוווינטע צו טרינקען און אויסגעהונגערטע זענען די געקומענע געוואָרן שיכּורלעך באַלד ווי זיי האָבן אויסגעטרונקען די ערשטע ליאַמפּקעס אָקעוויט. זייערע פּנימער האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט רויטקייט און געוואָרן שווייסיק. אַזעלכע מאכלים ווי די וואָס זענען אַרויסגעלייגט געוואָרן אויף פּולמיסקעס פון די טעפּ און דייזשעס, האָבן זיי נאָך ביז איצט נישט געזען. געגלייזטע בוראַקעס אויף זיס, וואָס ווי נאָר מען נעמט אַ פּענעצל אין מויל אַריין צעגייט עס ווי שניי; מאַרינירטער פאַסטערנאַק, וואָס ווען נישט זיין ריח וואָלט מען געוועזן זיכער, אַז דאָס איז אַ מאכל פון לויתן; טייגלעך געפּילטע מיט עפּעס אַ פּילעכץ וואָס יעדער פּילט אין דעם דעם טעם וואָס ער וויל, אַזוי ווי עס איז געווען מיט דעם מן אין דער מידבר. און די מאכלים רייצן צו נעמען נאָך אַ ליאַמפּקע, כאָטש די זון וואָס שיַינט אַריין אין פענצטער ווערט נעפּלדיק ווי די זון אין אַ באַגינען, און די מחשבות, אַפילו מען טראַכט זיי נישט, ווערן זיי וואַרעם.

יוחנן האָט נישט געטרונקען. פון אָנהייב האָט ער געהאָלפן אליעזרן ביַים טיש אַרויסלייגן פון די טעפּ די מאכלים. ווי אַלע האָבן געגעסן און אונטער־געקרעכצט, צי אונטערגעהוסטלט פון וועגן הנאה, האָט ער בלויז טועם געווען, ווי אויף יוצא צו זיין, און געקוקט אויף די צעהיצטע לייט פון שטעטל עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט נישט געווען זיכער, אַז זיי זענען דאָס וואָס ער האָט געמיינט

אַז זיי זענען... פּלוצים האָט איינער, וואָס פריִער האָט מען אים קוים אָנגעזען, אויסגערופן:

„ייִדן, ס׳איז אַ מחיה צו לעבן! ייִדן, לאָמיר לויבן דעם באַשעפער פון דער וועלט כי מלא כל הארץ כבודו! ייִדן, וואָס שטייט איר?!" ער האָט אויפגעהויבן די הענט אין דער הייך און אָנגעהויבן טופּען מיט די פיס, צום ערשט מיט דראָבנע טריטלעך, ווי עס וואָלט זיך געשיט אַרבעס, דערנאָך מיט האָפּסלדיקע שפּאַנען און ער איז אַוועק אין אַ טאַנץ, וואָס מען האָט קוים געהערט ווי זיינע פיס באַרירן דעם דיל. דער עולם האָט זיך פונאַנדערגערוקט, געלאָזט דעם טאַנצנדיקן פונאַנדערוויגן זיך, און דערנאָך איז אַריין אין טאַנץ יוחנן. פון אָנהייב האָט ער זיך געדרייט אַרום אַ נישט געזעענע אַקס, אינעם שווינדל־דריי האָט ער זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, מיט דעם קאָפּ פאַרריסן אין דער הייך, מיט געשלאָסענע אויגן און מיט אַ פאַרחלשט פּנים. און באַלד איז אויך ער, ווי דער פריִערדיקער, אַריין אין אַ טאַנץ וואָס מען האָט קוים געהערט ווי זיינע פיס באַרירן דעם דיל. נחמן, ווי ער וואָלט ביז איצט געווען פאַרנומען מיט עפּעס וויכטיקס און נישט געזען וואָס עס געשעט, האָט פּלוצים אויסגעשריגן זיך קלאַפּנדיק אין דער ברוסט: „ייִדן, לעשט די שׂריפה!" און אויך ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין טאַנץ. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער, ווי אַ שטיר אין אָנגריף, אַ שפּרונג געטאָן פאָרויס און אויפגעטויכט מיט דעם פּנים פאַרריסן צום באַלקן. באַלד איז ער אַריין אין טאַקט פון די טאַנצנדיקע, מיט די אויסגעשטרעקטע אָרעמס געזוכט אַקסלען. די אַקסלען זענען אים אונטערגעקומען. שימעלע דער שינדלמאַכער איז געוואָרן מיט צוויי קעפּ העכער. די פיס האָבן זיך געהויבן, די מיילער האָבן זיך צעעפנט און פון זיי האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ העליש געזאַנג: „טי באָזשע גדול!" „טי בורא וויעלקי!" נחמן האָט געדרייט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער און געצויגן נאָך זיך די טאַנצנדיקע אַרום דעם טיש. די פּנימער זענען פאַרריסן צו דער סטעליע, ווי דאָס געהילץ אויף די דיקע נישט געטעסטע בעלקעס וואָלט געווען דורכזיכטיק און זיי זעען וואָס עס טוט זיך אין די הימלען — „טי באָזשע גדול! טי בורא וויעלקי!"

אליעזר האָט געקוקט דאָ אויף די קינדער און דאָ אויף זעלדען, וואָס פון פאַרבליפונג, פון זען צום ערשטן מאָל אַזאַ טאַנץ, זענען זיי געווען צעפּלאָמט. אין זעלדעס אויגן האָבן פּאַמעלעך זיך צוזאַמענגעקליבן טרערן. די טרערן האָבן זיך פאַרהאַלטן אין די ווינקעלעך און פּלוצים ווי זיי וואָלטן צייטיק געוואָרן זענען זיי אַראָפּגערונען אויף די נאָזוועטלעך. זי האָט אויפגעכאַפּט אליעזרס בליק און זיך פאַרשעמט פון וועגן אירע טרערן.

פּלוצים האָט דער טאַנץ געפּלאַצט. יוחנן האָט זיך אָפּגעריסן פון צוויי אַקסלען און געבליבן ליגן אויפן פּאָל. אליעזר האָט זיך דורכגעשפּאַרט צו אים. יוחננס פּנים איז געווען פאַרמעטן־בלייך און די נאָז — איינגעפאַלן, ווי ביי אַ טויטן.

„העלפט מיר אים אַרויסטראָגן אין דרויסן" — האָט אליעזר געזאָגט און געפּרוווט פון איין זייט אים אויפהייבן. די אַרומיקע האָבן אָפּגעשטופּט דעם

דאָקטער, אויפגעהויבן דעם פאַרחלשטן ווי ער וואָלט גאָרנישט געוויגן, און אים אַרויסגעטראָגן אויפן גאַניק. אליעזר איז נאָכגעקומען מיט אַ שעפ וואַסער, ער האָט לויז געמאַכט די בגדים פון יוחננס גוף און אַ כליאַפּ געטאָן אויף אים דאָס וואַסער.

„ס'איז פון שׂמחה — האָט אליעזר געזאָגט ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט — באַלד וועט ער זיך צוריקשטעלן אויף די פיס און ווידער טאַנצן".

יוחנן האָט געעפנט די אויגן און געקוקט ווי ער וואָלט זיך נישט פונאַנדער־געקליבן ווו ער געפינט זיך און וואָס עס געשעט אַרום אים.

ערשטע ליבשאַפט

ווי פון אָנהייב זענען יצחק און אַלעקסאַנדער צוגעפאַלן צו יוחננס לערנען, צו די אויסטערלישע מעשׂיות וואָס ער דערציילט, אַזוי האָט יצחק שפּעטער פאַר־לוירן דעם נייגער. יוחנן האָט ביים לערנען געפּלאָמט. זיינע ווערטער זענען אים אַרויס פון מויל ווי אָנגעגליטע אויף צו שמידן פון זיי נישט געזעענע זאַכן. ער האָט צעפּראַלט דעם דמיון פון זיינע תּלמידים. אַפילו באַשע, וואָס האָט נישט געדאַרפט לערנען נאָר אויס נייגער זיך צוגעהערט צו יוחננס צעפּלאָמטע ווערטער, האָט, ווי אירע ברידער, געשטעלט קשיות, קוקנדיק אויף יוחננס מויל ווי דאָרט וואָלטן געווען פאַרבאָרגן אויסטערלישע, אומבאַקאַנטע וועלטן. באַשע איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו אירע ברידער, זי האָט געזוכט זייערס אַ גוט וואָרט פאַר איר. בעיקר האָט זי אַרויפגעקוקט צו יצחקן, ווי ער וואָלט געווען עלטער פון איר מיט אַ סך יאָרן. אַז יצחק איז געזעסן ביים לערנען אַ דערוווייטערטער, האָט זי דערפון געליטן. ס'איז איר איינגעפאַלן אַז דער ברודער איז קראַנק און זי האָט די מחשבה באַהאַלטן פאַר זיך. אַז מען טראַכט וועגן עפּעס, קען עס געשען. זי וויל נישט יצחק זאָל זיין קראַנק. ס'איז איר סוד. אַפילו מיט דער מוטער האָט זי זיך נישט געטיילט, ווי זי דערציילט איר יאָ וועגן אַלץ וואָס זי טראַכט. אפשר איז יצחק באַשטראָפט געוואָרן פאַר אַ זינד?

מיט אַ צייַט צוריק האָט זי באַמערקט ווי אַלעקסאַנדער און יצחק האָבן זיך געסודעט וועגן אַ ספר. דאָס איז געווען דאָס ספר וואָס יוחנן נעמט מיט מיט זיך ווען ער גייט אַוועק שפּאַצירן אין דעם אַנטקעגן־איבערדיקן וואַלד. יוחנן האָט דערציילט זיינע תּלמידים, אַז אין דעם ספר זענען פאַרבאָרגן אַלע סודות וואָס דער באַשעפער פון דער וועלט באַהאַלט זיי אויס פאַר יחידי־סגולה. און כאָטש דאָס ספר איז הייליק, האָבן רבנים געאָסורט צו לערנען עס, סיידן אַ מאַן ווערט שטאַרקער פון אייזן און די פאַרבאָרגענע סודות פון דער וועלט צעשטערן אים נישט. אַלעקסאַנדער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, פון צווישן יוחננס ספרים אַרויסגעצויגן דעם „זהר" און אים געוויזן זיין עלטערן ברודער. יצחק איז צו דעם ספר צוגעפאַלן, נאָר עס איז געווען פאַרשלאָסן פאַר אים. ער האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס לשון פון דעם ספר, אָבער פון די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער האָט ער אַרויסגעפילט, אַז זיי זענען פול מיט זיסן סוד. אויך זיין סוד.

איין מאָל, ביים לערנען, האָט אַלעקסאַנדער, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן זכרון, געפרעגט דעם רבי יוחנן וואָס איז דער טייטש פון די ווערטער ,ותיאובתא דדכורא לגבי נוקבא עביד נפש'. און באַלד האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער

האָט די ווערטער געזען אין דעם ספר „זהר", וואָס איז פון זיינע, יוחננס, ספרים. האָט דער רבי פון אַ זייט אַ קוק געטאָן אויף באַשען, וואָס איז קיין מאָל נישט אָפּגעטראָטן פון צוהערן זיך צום לערנען פון אירע ברידער. „דכר איז אַ זכר און נוקבא איז אַ ווייב" — האָט יוחנן זיך געשאָקלט און געמיינט, אַז ער האָט דערמיט פאַרענטפערט אַלעקסאַנדערס שאלה. „איך האָב עס אַזוי פאַרשטאַנען, האָט זיך אַריינגעמישט יצחק, אָבער וואָס איז דער טייטש פון אַלע ווערטער?" „מיר וועלן צו דעם דערגיין", האָט יוחנן אָפּגעהאַקט.

זייט אַ צייט האָט העלענאַ זיך איינקאָרנייעט אין יצחקן. זי האָט אים באַזעסן. זי איז געווען מיט אים ביים לערנען, ביים עסן און אין זיינע חלומות. פון אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז אַלע ווייסן דערוועגן. האָט ער אויסגעמיטן צו גיין אין הויף אַריין, כּדי אַלע וואָס ווייסן דערוועגן זאָלן נישט זיין זיכער, אַז זיי ווייסן דעם אמת. שפּעטער, אַז די בענקשאַפט האָט אים צענומען, האָט ער צוגערעדט זיין שוועסטער זי זאָל גיין אין הויף אַריין געוויר ווערן ווען די גרעפין קלייבט זיך שפּילן אויפן קלאַוויר. ס'איז געווען אַ פּוילער תּירוץ כּדי צו קענען זען העלענאַן.

ס'איז געווען גראָד אין דער צייט פון היי־שניט. העלענאַ האָט ליב געהאַט די טעג ווען מען פירט אַראָפּ דעם טרוקענעם היי אין די שייערן. זי פאָרט דעמאָלט מיט מיט די ליידיקע וועגענער צו די פעלדער און צוריקוועגס ליגט זי אויף דער הויכער היי־סטערטע, לאָזט זיך איינוויגן פון די ריחות פון יעדן גרעזל און קרייטעכץ צווישן דעם היי. דער הימל שוועבט אויף צוריק און איר דאַכט זיך, אַז זי ליגט אויף אַ וואָלקן און שווימט אַוועק מיטן הימל. ביי די שייערן ווערט דער זיסער תּענוג איבערגעריסן און ווידער פאָרט זי אין דעם ליידיקן וואָגן צו די פעלדער, זיך אויף ס'ניי אָנצופילן מיט חלום.

אין אַזאַ צייט איז יצחק מיטגעגאַנגען מיט זיין שוועסטער כּדי זיך צו דער־ווייסן ביי העלענאַ ווען איר מוטער וועט שפּילן אויפן קלאַוויר. זיי האָבן געפונען העלענאַן אָנגעטאָן אין אַ לאַנג גרוי קלייד מיט ווייסע שפּיצלעך ביי די עקן פון די מאַנקעטן פון די לאַנגע אַרבל און אַרום האַלדז. דאָס קלייד איז איר געווען געפּאַסט צום גוף. יצחק האָט דערזען אין איר אַ יונגע שלאַנקע בערעזע, וואָס דער ריח וואָס דערגייט פון איר צו אים איז דער ריח פון אַ בענקשאַפט נאָך עפּעס, וואָס מאַכט אים ציטערן. זיי זענען געבליבן שטיין אַנטקעגן זיך שווייגנדיקע. באַשען האָט עפּעס וואָס געשטערט צו פרעגן, וואָס זי האָט געהאַט צו פרעגן. אויך יצחקן איז ווי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. פון צעטראָגנקייט האָט ער אַפילו קיין גוט־מאָרגן נישט געזאָגט. די ערשטע וואָס האָט איבערגעריסן דאָס שווייגעניש איז געווען העלענאַ. אַ פאַררויטלטע פון דער צעטומלונג, וואָס זי האָט געפילט אין דער שווייגעניש, האָט זי געזאָגט:

„ווילט איר מיטפאָרן צום היי־איינשייערן? אויפן וואָגן־סטויג שוועבט מען ווי אויף אַ וואָלקן".

„איך וויל!" — האָט יצחק אויסגערופן מיט יינגלערישער התלהבות.

באַשע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר קליידל.

„איך קען נישט — האָט זי געזאָגט ווי אַ שולדיקע — איך וועל צעקנייטשן מיין קליידל".

יצחק האָט זיך באַגאַסן מיט היץ. ער האָט באַגערט, אַז באַשע זאָל אים זאָגן, ער זאָל אַליין פאָרן מיט העלענאַן און ער האָט מורא געהאַט זי זאָל דאָס זאָגן.

„מיר וועלן פאָרן אַן אַנדערש מאָל" — האָט באַשע געזאָגט.

„פירט מען דען יעדן טאָג היי אין די שייערן ?" — האָט יצחק געפרעגט.

„מסתמא וועט מען היינט פאַרענדיקן" — האָט העלענאַ אָנגעוויזן אויף צוויי ליידיקע גרויסע לייטער־וועגענער, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן וועג מיט געשפּאַנטע אומגעדולדיקע פערד.

העלענאַ האָט זיך אויסגעדרייט אין דער ריכטונג ווי עס האָט געוויזן איר אויסגעשטרעקטער אָרעם, און אָן צו באַרירן יצחקן אים אַ צי געטאָן נאָך זיך. עס האָט אים פאַרפעלט כּוח זיך קעגנצושטעלן. ער האָט געאײַלט נאָך איר.

„זאָג דער מאַמען, אַז איך וועל זיך נישט פאַרזוימען !" — האָט ער געפאָכעט מיט דער האַנט צו באַשען.

דער לייטער־וואָגן, געשפּאַנט מיט צוויי פערד, האָט זיך געוואָרפן און גע־טרייסלט אויף דעם פעלדיקן וועג. העלענאַ און יצחק זענען געזעסן אויף די ברעטער פונעם וואָגן מיט די פיס אַרויסגעהאָנגען פון צווישן די לייטער־שטאַפּלען. יעדער טרייסל האָט זיי אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט מיט ווייטיק, אָבער די צוויי יונגע מענטשן האָבן שטיפעריש געלאַכט. יצחקס בלאָנדע גזשיווע האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט איבערן שטערן און אים פאַרשטעלט די אויגן. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אָפּצוטרייסלען די האָר פון פאַר די אויגן, נאָר דער קומענדיקער טרייסל פון דעם וואָגן האָט ווידער אַראָפּגעשאָקלט די האָר איבער די אויגן. העלענאַ האָט אים געפרוווט העלפן. זי האָט מיט איין פרייע האַנט אויפגעהויבן זיין גזשיווע אַרויף איבערן שטערן און פון איר באַריר האָט אים אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט, ווי אַ שאַרפער, הייסער שטראָם וואָלט דורך אים דורכגעלאָפן.

„פון וואַנען האָסטו אַזעלכע זיידענע האָר ?" — האָט זי געפרעגט מיט אַן אָפן מויל.

יצחק איז געווען צעטומלט. דער ריח פון בענקשאַפט נאָך עפּעס, וואָס האָט זיך געטראָגן פון העלענאַן צו אים בעת זיי האָבן זיך באַגעגנט אין הויף, איז איצט געוואָרן שטאַרקער ; ער איז געווען געמישט מיט דעם ריח פון דעם טרוקענעם היי, וואָס האָט דערגרייכט צום וואָגן פון די פעלדער. ער איז געוואָרן ערנסט־אָנגעכמורעט און געדאַכט האָט זיך אים אַז ער פאַרלירט דעם אָטעם.

דער וואָגן האָט זיך פאַרהאַלטן צווישן סטויגלעך היי און פאַראָבקעס. כאַמעס און ווייבער האָבן מיט הילצערנע היי־גאָפּלען געוואָרפן די סטויגלעך אין וואָגן אַריין, ווי דאָס היי וואָלט גאָרנישט געוויגן. יצחק האָט געהאַט אַ באַדערפעניש עפּעס צו טאָן כּדי פאַר העלענאַן צו באַהאַלטן זיין פאַרקלעמטקייט. האָט ער פון די הענט פון אַ פאַראָבעק אַרויסגענומען אַ היי־גאָפּל און געכאַפּט אַ סטויגל אויף

די צווייַ שפּיצן, ווי אויף אַ פּאָר הערנער, און דאָס סטויגל פלינק אַרויפגעוואָרפן אויפן וואָגן. באַלד האָט ער געכאַפּט נאָך איינס און די פּאַראָבקעס האָבן באַוווּנדערט:

„דעם דאָקטערס פּאַניטש האָט פלינקע אָרעמס!"

כאָטש יונג און אָן נסיון אין איר ווייבלעכקייט האָט העלענאַ געפילט וואָס עס געשעט מיט יצחקן און אַז אויך דאָס וואַרפן די סטויגלעך היי אַרויף אויפן וואָגן איז פאַר איר. זיין שעמעוודיקייט אויפן וואָגן און זיין פּלוצימע אָנגעכמורעטקייט האָט זי אָנגעפילט מיט גלוסטיקייט צו רייצן אים. ווען נישט די פּאַראָבקעס אַרום וואָלט זי אים איצט געזאָגט ער זאָל זי אויפהייבן מיט זיינע געזונטע אָרעמס און זי אַרויפטראָגן אויף דעם סטויג היי, וואָס איז געוואָרן אָנגעהויפט אויפן וואָגן. דאָך אַז דער וואָגן איז געווען אָנגעלאָדן און איבערגעוואָרפן מיט אַ הילצערנעם שטאַנג, דער היי זאָל זיך נישט אַראָפּשיטן אויפן וועג, און דאָס אַרויפקלעטערן אויבן איז געווען שווער, האָט יצחק אַרויפגעקלעטערט אויבן, זיך אָוועקגעלייגט, מיט די אָרעמס אַראָפּגעלאָזט, און געזאָגט צו העלענאַן:

„קום, איך וועל דיר העלפן!"

די פּאַראָבקעס האָבן העלענאַן אויפגעהויבן ווי בעת זיי העלפן איר אַרויפשטייגן אויפן זאָטל פון אַ פערד. יצחק האָט אָנגעכאַפּט אירע הענט און זי אַרויפגעצויגן מיט אַזאַ לייכטקייט, ווי ער האָט פריִער אַרויפגעוואָרפן היי־סטויגלעך. נאָר איצט, אין דער הייך, איז זי אַרויפגעפאַלן אויף אים מיט אַ הילכיק מיידלש געלעכטער, און ביידע, ווי איין גוף, האָבן זיי זיך צוגעקאָלערט צו דער מיט, צום הילצערנעם שטאַנג וואָס האָט איינגעדריקט דעם היי.

דער וואָגן האָט גערירט. זיי זענען געווען אַליין צווישן דעם שמעקעדיקן היי און דעם הימל. דער פּאַראָבעק איז געגאַנגען ביי דער זייט פונעם וואָגן און אונטערגעזונגען צו די פערד, געהיטן דער אָנגעסטויגטער וואָגן זאָל זיך נישט איבערדרייען.

„זעסט דעם וואָלקן? — האָט העלענאַ געפרעגט אויפהייבנדיק איר שמאָלן אָרעם אין דער הייך — מיר שוועבן אויף דעם וואָלקן צום הימל. נישט אַזוי?"

יצחק האָט נישט געוווּסט אין דער רגע וואָס צו ענטפערן. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין כּוח צו ענטפערן. ער האָט געוואָלט שווייגן, שווייגן און אַז דאָס פאָרן זאָל זיך קיין מאָל נישט ענדיקן. זאָל זיך דער הויף דערווייטערן וואָס אַ מאָל ווייטער און ווייטער.

פון אונטן האָט זיך דערהערט דעם פּאַראָבעקס אַ סכּנהדיקער „טפּררר!" און דער וואָגן האָט זיך אַ בייג געטאָן אויף אַ זייט. פונעם אויסבייג איז העלענאַ צוגעפאַלן צו יצחקן. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט, ווי עס וואָלט איר געדראָעט אַ סכּנה אַראָפּצופאַלן פונעם וואָגן. האָט ער דערפילט איר פּנים אויף זיין פּנים און דעם באַריר פון איר בוזעם. ער האָט אַפילו נישט געפילט ווען דער וואָגן האָט זיך אויסגעגלייכט. זי האָט זיך באַפרייט פון זיין אַרומנעם, אָבער געבליבן נאָענט צו אים און אים אַריינגעפרעגט אין אויער אַזוי נאָענט, אַז ער האָט געפילט איר אָטעם:

„פון וואַנען האָסטו אַזעלכע זײַדענע האָר און אַזעלכע בלויע אויגן?"

„האָסט מיך פריִער געפרעגט דאָס זעלבע" — האָט ער געענטפערט.

„איך האָב געפרעגט און דו האָסט מיר נישט געענטפערט. ייִדן האָבן נישט קיין בלאָנדע האָר און בלויע אויגן" — האָט זי אַרײַנגערעדט אין זײַן אויער.

„זעסט אַז ייִדן האָבן יאָ בלאָנדע האָר און בלויע אויגן. אויך מײַן שוועסטער האָט אַזעלכע אויגן ווי איך און אויך אַזעלכע האָר. און אויך אײַער גאָט וואָס איז געווען אַ ייִד האָט אַזעלכע האָר און נאָך בלויערע אויגן".

„אָ, יאָ, ביסט גערעכט, יעזו האָט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן".

נאָך אַ רגע האָט זי געזאָגט:

„אַ שאָד וואָס דו ביסט נישט קיין קריסט".

„איך בין אַ ייִד, ווי קען איך זײַן אַ קריסט?" — האָט ער געפרעגט מער זיך אַליין ווי צו ענטפערן העלענאַן.

ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אַ טשאַטע שוואַלבן האָבן דורכגעשוועבט אַזוי נידעריק צום אַנגעסטויגטן וואָגן אַז העלענאַ האָט אײַנגעגראָבן איר קאָפּ אין יצחקס בוזעם און אויפהייבנדיק דעם קאָפּ צוריק האָבן זיך די ליפּן פון ביידע יונגע מענטשן צוזאַמענגעטראָפן. יצחק האָט מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט איר קאָפּ, זי זאָל אירע ליפּן נישט אָפּווענדן פון אים, אָבער זי האָט זיך אָפּגעריסן פון אים ווי פון אַ ברי. זיי האָבן מער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט ביז זיי זענען אָנגעקומען צו די שייערן.

דער ערשטער האָט זיך פון דעם וואָגן אַראָפּגעגליטשט יצחק. מיט אויפגעהויבענע אָרעמס האָט ער געהיט, אַז העלענאַ זאָל נישט צו האַסטיק אַראָפּגליטשן זיך, ווי זי וואָלט געווען צעברעכלעך. אַראָפּגעשטויבט פון זיך דעם היי, זענען ביידע געבליבן שטיין און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן. ווי פאַרשעמטע זענען ביידע געשטאַנען, יעדער פאַרקוקט אין אַן אַנדער זײַט. פון דער צווייטער זײַט וואָגן האָט דער פּאַראָבעק אַ געשריי געטאָן: „וויאָ!" דער וואָגן איז אַוועק צו די טויערן פון דעם שייער. יצחק מיט העלענאַן זענען געבליבן שטיין אויף דעם ליידיקן פּלאַץ ווי זיי וואָלטן געווען די אײנציקע צוויי אויף דער וועלט.

יוחנן האָט ביים לערנען דערציילט מעשׂיות און וועגן נסים, וואָס געשעען אויף דער וועלט יעדע שעה און יעדע מינוט, מיט דעם וואָס די ערד און דער הימל גלוסטן צו זיך מיט אַ גרויסע בענקשאַפט. כּביכול וויל נישט די בענקשאַפט זאָל אַוועק פון דער וועלט. דערלאָזט ער נישט אַז דער הימל זאָל זיך באַהעפטן מיט דער ערד, וואָרום דעמאָלט וואָלט געווען אויס: קיינער בענקט נישט, קיינער גלוסט נישט. איז וואָס פאַר אַ באַדײַט האָט די וועלט אָן דער לעכצנדיקער משיכה? גאָרנישט. עס וואָלט געווען נאָך ערגער ווי אין דער צײַט פונעם מבול. אין דער צײַט פונעם מבול, ווען די ערד איז געווען פאַרפלייצט און צוגעדעקט מיט וואַסער אַז קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז נישט ניצול געוואָרן פון דער פאַרשווענקונג,

איז געבליבן אײן אינדזעלע, די תּיבֿה, װוּ נח האָט אײנגעזאַמלט פּאָרן פֿון אַלע באַשעפֿענישן. אַ צדיק איז געװען נח און אַ מאַן פֿון גרױסער אמונה. האָט ער געװוּסט, אַז טאָמער גײט אַװעק די תּשוקה פֿון דער װעלט, אַז טאָמער װעט מער קײן בענקשאַפֿט און קײן גלוסט נישט זײַן, װעט די װעלט אונטערגײן. װאָרום די תּשוקה איז פֿון גאָט אַלײן, די תּשוקה איז חיות, זי איז אמונה. האָט ער אײנגע־זאַמלט גלײַכע פּאָרן פֿון אַלע באַשעפֿענישן, װאָס גאָט האָט באַשאַפֿן מיט זײער גלוסט, און אַזױ אַרום האָט ער אָפּגעראַטעװעט די גאַנצע װעלט. איז אַ גרױסער נס װאָס גאָט האָט געמאַכט, אַז דער מרחק פֿון דעם הימל צו דער ערד זאָל זײַן װײַט, נישט צו באַנעמען מיט דער מענטשלעכער מחשבה. און ער האָט דעם חלל צװישן דעם הימל און דער ערד אָנגעפֿילט מיט תּשוקה און גלוסט — מיט אמונה, װאָס רײַסט דעם מענטש צו גאָט. און אַזױ געשעט דער נס יעדן טאָג, יעדע שעה און יעדע מינוט.

יוחנן האָט אײן זײַנע תּלמידים אױפֿגעװעקט בענקשאַפֿטן און נײַגער, אַז װען זײ זענען געזעסן בײַם טיש מיט אים, האָבן זײ געװאָלט ער זאָל נישט אױפֿהערן דערצײלן. די אַלע תּשוקות װאָס װעגן זײ האָט יוחנן געלערנט, האָט יצחק געפֿילט אין זיך צו העלענאַן. זײַנע מחשבות זענען געװען אַרום איר: װאָס טוט זי איצט? מיט װעמען רעדט זי איצט? צי װען ער װאָלט איצט געקומען אין הױף, װאָלט ער זי געזען אין דרױסן? ער האָט געזוכט דעם ריח װאָס טראָגט זיך פֿון איר צו אים; ער האָט דעם ריח געזוכט אַפֿילו אינעם ברױט װאָס ער האָט געגעסן און אין דעם קישן, אױף װעלכן ער איז געשלאָפֿן.

זעלדעס אױג האָט באַמערקט, אַז אַן אױסטערלישער שינוי איז פֿאָרגעקומען אין איר בכור. צוזאַמען מיט די בלאַנדע הערעלעך, װאָס האָבן אַרױסגעשפּראָצט אױף זײַנע באַקן און אונטער דער נאָז, איז יצחק געװאָרן מאָגערלעך, אױסגעצױגן און בלײַך. די יוגנטלעכע פֿרײד איז פֿון אים אַװעק און װי ער װאָלט אױף זיך גענומען דעם עול פֿון דער גאַנצער װעלט. מיט זײַן שװײַגן איז ער געװאָרן כּולו סוד. זעלדע האָט געפֿרעגט אירע קינדער װאָס זי האָט געהאַט צו פֿרעגן, מער מיט אירע אױגן װי מיט װערטער. אַז זי גיט אַ בלאַכסוניקן בליק און שטעלט אַן איר געהער, װערן די קינדער באַרעדעװדיק, געװעגן דעם װאָס זי האָט געװאָלט װיסן. אַזױ האָט זי דערצױגן די קינדער פֿון זײער קינדהײט אָן — װי געװיקסן װאָס אונטער דער װאַרעמקײט פֿון דער זון צעעפֿענען זײ זיך און אין טונקלקײט פֿאַרשליסן זײ זיך. אױב יצחק, דער פֿריִערדיקער שטיפֿער, איז געװאָרן אָנגעכמור־רעט און שװײַגנדיק, איז ער מסתּמא נישט געזונט. עפּעס טאָטשעט אים. זי האָט זיך געפּרוּװט דערמאָנען, צי איר בכור איז דורכגעגאַנגען אַלע קינדער־קראַנקײטן.

אױ, װאָס פֿאַר אַ נאַרישקײט! זי דאַרף זיך דערמאָנען? יעדע קראַנקײט פֿון יעדן קינד געדענקט זי װי עס װאָלט געװען הײַנט. זי פֿילט נאָך הײַנט דעם װײטיק אין די פּלײצעס פֿון זיצן אין די נעכט בײַ דעם, אָדער בײַ יענעם פֿיבערדיקן קינד. אַז באַשע איז קראַנק געװאָרן אױף שאַרלעך, האָט זי באַלד צו איר צוגעלײגט יצחקן, בײדע קינדער זאָלן אױספּיבערן די שאַרלעך אין אײן צײַט. מיט די מאָזלען איז

געוועזן פאַרקערט. יצחק האָט אָנגעהויבן מאָזלען דער ערשטער, האָט זי אים און באַשען אַריינגעלייגט אין איין קוישל און זיי האָבן געמאָזלט צוזאַמען. נאָר געפּאַקט האָבן נישט אירע קינדער — נישט יצחק, נישט באַשע און נישט דער ייִנגערער, אַלעקסאַנדער. דאָס פילט זי אָן מיט אומרו. מער פעלט איר נישט נאָר איינס פון אירע קינדער זאָל איצט קראַנק ווערן אויף פּאָקן. חלילה! ווי באַשע האָט נישט דערציילט איר מוטער וועגן דער ענדערונג פון איר ברודער, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז מיטן רעדן קען די קראַנקייט אַרויסשפּרינגען, אַזוי האָט אויך זעלדע נישט געוואָלט ברענגען פאַר אירע ליפּן, אַז איר בכור מאַנקאַליעט אויס אַ מחלה. צום סוף האָט זעלדע נישט אויסגעהאַלטן און געזאָגט צו אליעזרן מיט אַ קנייטש פון טענה, אַז אַ פאָטער זעט גאָרנישט וואָס עס קומט פאַר מיט זיין קינד. ווען ער וואָלט געזען ווי יצחק גייט אײַן פון טאָג צו טאָג, וואָלט ער נישט געשוויגן. נאָר אַז דער רופא היילט די גאַנצע וועלט, ווי קען ער היילן זיין אייגן קינד אויב ער זעט נישט אַפילו ווי דאָס קינד מאַנקאַליעט אויס אַ מחלה!

אליעזר האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון טיפער באַזאָרגטקייט און געזאָגט צו איר אַזוי:

„פאַר וואָס זאָלסטו וועלן איבערמאַכן די וועלט אַנדערש ווי גאָט האָט זי באַשאַפן? גאָט האָט באַשאַפן אָדמען און פון אָדמען איז אַרויסגעקומען חוה. האָט אָדם געזאָרגט פאַר חוהן. איז פון חוהן אַרויסגעקומען קין, האָט זי געדאַרפט זאָרגן פאַר קינען ווי אָדם האָט געזאָרגט פאַר איר. האָט זי נישט געזאָרגט. זי איז נישט געגאַנגען אין שטעטל אַריין מען זאָל אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע קין בן חוה. איז אַרויסגעקומען נישט גוט. זייער נישט גוט. וואָס זשע וואָלסטו געוואָלט, איך זאָל גיין אין שטעטל אַריין צום רב ר׳ שמעלקע, ער זאָל אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע אונדזער בכור, אין דער צייט ווען דו האָסט געדאַרפט אײַלן צום רב?"

אָפּט, אַפילו אין ערנסטע פאַלן, האָט זעלדע נישט געוווּסט באַלד פון אָנהייב צי דאָס וואָס איר מאַן זאָגט, זאָגט ער מתּוך צערטלעכקייט, אָדער מתּוך חוזק. זי האָט געדאַרפט קענען אויסהאַלטן זיין בליק און ביסלעכווייז איז זיין בליק געוואָרן ווייכער, צעטייעט, און דעמאָלט ערשט האָט זי פאַרשטאַנען זיין מיין. אויך דאָס מאָל האָט אליעזר ערנסט אַריינגעקוקט איר אין פּנים און געוואַרט אויף איר ענטפער.

„אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג ביים רב אין שטעטל?" — האָט ער איבערגעחזרט.

די קאַלטקייט פון זיין בליק האָט זיך נישט געענדערט.

„זאָג מיר, עלי".

זיין בליק איז געוואָרן מילדער, מיט דעם ווײַזפינגער פון דער לינקער האַנט האָט ער אויפגעהויבן איר גאָמבע, כּדי צו דערנענטערן איר פּנים צו זיינס, און געזאָגט מיט אַ זינגענדיקן טאָן:

„ווי קען איך פאַרלאַנגען פון דיר דו זאָלסט זיין ברוריה ווען איך בין נישט רבי עקיבא? אייטלקייטן. וואָס שײַך דײַן בכור זענען אַנדערע אין זיין עלטער שוין טאַטעס פון אַ צוויי־דרײַ קינדער ווען עס גייט גוט. אַז דו האָסט אַ טאָכטער אַן

אַלטע מויד און אַ זון אַ פֿאַרזעסענעם, ווילסטו ער זאָל זיך דראַפּען אויף די ביימער ווי אַ יונג קעצל? אין זיין עלטער, אויב מען טראָגט נישט אויף די פּלייצעס דעם עול פון אַ ווייב מיט קינדער, טראָגט מען דעם עול פון דער גאַנצער וועלט. אין קאָפּ שטופּן זיך מחשבות אין אַזאַ מענגע, אַז זיי קענען דאָרט קיין פּלאַץ נישט געפינען. די יונגע כוחות צעשפּאַרן דעם גוף. ווי קינדער האָבן לײַב־חולאתן וואָס זיי מוזן אַדורכגיין כדי צו קרעפטיקן דעם גוף, אַזוי מוזן יוגנטלעכע אַדורכגיין אומפאַרמיידלעכע נשמה־חולאתן, כדי צו שטאַרקן זייער נפש. דערפֿאַר איז אונדזער זון בלייך און אויסגעדאַרט און ער גייט אַרום מאַרקאָטנע, ווי אַ הינטל וואָס האָט באַקומען קלעפּ. דער זון פון אליעזרן וועט אַרויס אַ געזונטער, אַז ביימער אין וואַלד וועט ער אָנכאַפּן ביי די גריוועס און זיי איינבייגן ווי ריטלעך!"

כאָטש יצחקס מחשבות זענען געווען אָנגעשפּיצט צום הויף, צו העלענאַן, און עס האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז גאַרנישט אַרום גייט אים אָן, האָט ער דאָך באַמערקט, אַז אין דעם קול פון דער מוטער, ווען זי רעדט צו אים, איז פאַראַן די ווייכקייט מיט וועלכער עס רעדט אַ מוטער צו אַ קינד וואָס ליידט. און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיין מוטער לייענט זיינע מחשבות. זי ווייסט אַלץ און זאָגט אים גאַרנישט. און אויך יוחנן ווייסט און אַלע אין שטוב ווייסן. דערפֿאַר קוקט אים נאָך באַשע. ער האָט זיך דערום געפילט געפּענטעט. ער וועט זיך נישט מודה זיין אין דעם וואָס זיין מוטער לייענט אין זיינע מחשבות. ער וועט נישט גיין אַליין אין הויף אַריין. ער וועט גיין אַהין צוזאַמען מיט באַשען און אַלעקסאַנדערן אין די טעג ווען אין הויף אַריין קומט דאָס קלויסטער־ברידערל מאַרצעלי מיט די וואַסערדיק־בלויע קיסאָקע אויגן און ווייסע וויִעס. ער חלומט וועגן די טעג. ער קען דעמאָלט זיצן אין איין קאַמער מיט העלענאַן ווי לאַנג ער וויל, ווי לאַנג דאָס ברודערל מאַרצעלי זאָגט „פיניס!", לייגט אַוועק דעם קאָפּ אויף זיין אייגענעם אַקסל און צלמט איבער די לופט... אויך דעמאָלט בלייבן די תּלמידים אין דער זעלבער קאַמער. עלזשביעטאַ פאַרבייגט זיך מיט איר מיידלשער שלאַנקייט פאַר דעם נזיר און פאַרבעט אים אין סאַלאָן אויף ליפּע־טיי מיט ווערמוט.

אין אַזאַ רגע ווען די תּלמידים זענען באַפרייט פון דער געהאָרכזאַמקייט וואָס דאָס ברודערל מאַרצעלי וואַרפט אָן מיט זיין אָנקום, און אין דער קאַמער ווערט אַ געפּילדער, קען יצחק פרײַ צוגיין צו העלענאַן און אַריינעטעמען אין זיך דעם ריח וואָס זי שיקט צו אים און מאַכט אים שיכור. אַזוי האָט ער איין מאָל אומגעריכט געזאָגט:

„שוין לאַנג ווי מיר זענען צוזאַמען געפאָרן אויפן היי־וואָגן און דו ביסט מיר כּסדר אין חלום".

„אויך דו — מיר. פאַר וואָס וואַרטסטו אַ גאַנצע וואָך צו קומען אַהער?"

העלענאַ האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

„העלענאַ" — האָט ער געטראַכט.

זי האָט געהערט און געעפנט די אויגן.

„היינט ביינאַכט מיט דעם קריי פון די הענער, ביים היי־שייער".

זי האָט עס געזאָגט אַזוי שטיל, אַז זי האָט אַפּילו מיט אירע ליפּן נישט באַוועגט, נאָר ער האָט די ווערטער געהערט ווי אַ שאָל פון אַ האָרן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי עמעצער האָט געהערט וואָס ער האָט געהערט. מסתּמא זענען אירע ווערטער פאַרטויבט געוואָרן פון די האַסטיקע און פּלאָטערנדיקע קלעפּ פון זיין האַרץ און קיינער אויסער אים האָט זיי נישט געהערט. ער האָט באַוווּנדערט די וואַרעמע פאַררויטלטקייט אויף העלענאַס פּנים בעת אים איז קאַלט און אַלץ אין אים ציטערט, ציטערט.

ווי דער שטייגער אין רודניצע, איז מען געגאַנגען שלאָפן קורץ נאָכן צופאַלן פון דער נאַכט. די נאָענטקייט צום וואַלד און די רוישנדיקע שטילקייט פון די פעלדער האָט געמאַכט שפּעט די נאַכט־טונקלקייט. יצחק האָט געהאַט גענוג צייט צוצוגרייטן זיך ער זאָל זיך אַרויסבאַקומען פון הויז ווען אַלע וועלן שלאָפן. ער האָט אָפּגעקייטלט דאָס פענצטער און די לאָדנס און זיינע קליידער אַוועקגעלייגט אונטערן קישן ער זאָל זיי נישט דאַרפן זוכן אין דער פינצטער. ער האָט מורא געהאַט אַז ער וועט פאַרשלאָפן. טאָמער מאַכט ער צו די אויגן וועט ער זיכער פאַרשלאָפן! נאָר צומאַכן די אויגן האָט ער נישט געקענט. און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט וואָס אַ מאָל שטאַרקער. די נאַכט האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. מיט אָפענע אויגן האָט ער זיך צוגעהערט צו יעדן מינדסטן גערויש אין דרויסן. נאָר דער אומרו האָט זיך גערייצט מיט אים, אַז ער האָט איינגעדרימלט און נישט געהערט דאָס קרייען פון די הענער.

ס׳געשעט אַ מאָל, מען וויל איינדרימלען בלויז אויף איין איינציקער רגע און אַז מען פאַלט אַריין אין שלאָף, פאַרשלאָפט מען אַ וועלט. און דאַכטן דאַכט זיך, אַז ערשט מיט אַ רגע צוריק איז מען איינגעשלאָפן. איז עס געשען מיט אים? ער וועט זיך אָנטאָן און לויפן צו דעם היי־שייער זען, צי זי וואַרט אויף אים. וועט זי וואַרטן אויף אים אַזוי לאַנג אין דער נאַכטיקער קילקייט? ווי לאַנג איז שוין ווי די הענער האָבן געקרייט? ניין, זי וועט זיכער נישט וואַרטן אויף אים. ווי וועט ער זיך פאַרענטפערן פאַר איר? צי וועט זי וועלן רעדן מיט אים?

ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און שטיל, אָן דעם מינדסטן שאָרך, זיך אַראָפּגעלאָזט דורכן פענצטער. אַ נעפּל האָט נאָך פינצטערער געמאַכט דעם דרויסן. אַ רגע האָט ער געזוכט די ריכטונג און מיט ווייכע טריט אַוועק צו דעם היי־שייער. וואָס ווייטער פונעם הויז אַלץ שנעלער זענען געוואָרן זיינע שפּרייזן און מיטן גיין האָט זיך די פינצטערניש אָפּגעדעקט. ער האָט שוין געזען די קאָנטורן פון די ביימער. פון דער ווייטנס האָט דאָס וווינהויז פון די פּאַטאָצקיס מיט אַ ווינקל פון אַ דרייַעק זיך אָפּגעטיילט פון הימל. דאָרט, ביים הויז, האָבן זיך צוויי הינט צעבילט, איינער האָט איבערגעבילט דעם צווייטן און באַלד שטיל געוואָרן. ער איז אַוועק אין דער ריכטונג צו די שטעלער. פון ערגעץ אַ שטאָל האָט אַרויסגעקרעכצט אַ חזיר מיט אַ קרעכץ פון אַ קראַנקן. דער ריח פון וואַרעמען מיסט איז אים אַנטקעגנגעקומען. דער היי־שייַער איז אים פאַר אויסגעוואַקסן פלוצים. די טויערן פון היי־שייַער זענען געווען אויפגעפּראַלט. העלענאַ איז דאָ געווען! —

האָט אים דאָס האַרץ אַ פּעלג געטאָן און ס׳איז אים הייס געוואָרן. ער איז אַריין אינעם שייער ווי ער וואָלט אין דער פינצטערניש געוואָלט געפינען אַ צייכן אַז זי איז דאָ געווען. דער ריח פון טרוקענעם היי האָט אים אַרומגענומען מיט אַ גלעטנדיקער זאַפטיקייט. העלענאַ איז דאָ געווען! ער האָט פאַרהערט דאָס קרייען פון די הענער. ווען האָט עס געקענט זיין? אין דער פינצטער האָט ער מיט הענט אויסגעטאַפּט דעם היי־אָנשיט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דעם ווייכן היי מיט ייאוש און דאָס האַרץ האָט געוויינט אין אים. ווי האָט ער געקענט פאַרשלאָפן!

פּלוצים האָט עפּעס וואָס אָפּגעקלאַפּט אין דער ערד פון דער זייט פון די אָפענע טויערן. ווי אַן איבערגעשראָקענער האָז איז יצחק אויפגעשפּרונגען, אַ ביסל אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און זיך איינגעהערט. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז ער הערט טריט. האָט ער מיט שטילע טריט זיך דערנענטערט צו דער עפענונג און דורכגעשפּיזט די נאַכט־טונקלקייט. אָפּגעוואַרט אַ רגע און ער האָט דערזען דעם סילועט פון העלענאַן.

„העלענאַ?!" — האָט ער אויסגעשעפּטשעט.

דער סילועט האָט זיך אויף אַ רגע פאַרהאַלטן.

„העלענאַ?!" — האָט ער איבערגעחזרט נאָך שטילער אָבער הייסער.

זי האָט אָנגעהויבן לויפן און שטיין געבליבן אין דער עפענונג פונעם שייער.

„העלענאַ" — האָט ער ווידער געזאָגט און זיך דערנענטערט צו איר. זי האָט אים אָנגעכאַפּטביים אַקסל און זיך געקלאַמערט אין אים.

„יעזו, ווי איך האָב זיך דערשראָקן!"

יצחק האָט געהערט די קלעפּ פון איר האַרץ און דאָס לשון איז אים אָפּגעע־נומען געוואָרן. דורך איר אָרעם אויף זיין אַקסל האָבן זיך די קלעפּ פון איר האַרץ איבערגעטראָגן אין זיין האַרץ און זיין האַרץ העמערט מיט דעם זעלבן טאַקט. עס טרייסלט אים. ער בייגט אַריין די אונטערשטע ליפּ צווישן די ציין, זי זאָל נישט הערן ווי עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן פון דעם שוידער וואָס טרייסלט אים.

„דו ציטערסט אין גאַנצן" — האָט העלענאַ געזאָגט און איבערגעפירט איר האַנט פון זיין אַקסל צו זיין אָרעם.

„ס׳איז קאַלט — האָט ער אויסגעשטאַמלט — ווען האָבן געקרייט די הענער? שוין לאַנג ווי זיי האָבן געקרייט?"

„זיי האָבן נאָך נישט געקרייט. איך בין נישט געשלאָפן".

„אויך איך נישט".

„אָ יעזו, ווי דו טרייסלט זיך!" — האָט זי אים אָנגענומען מיט דער צווייטער האַנט און זיי זענען אַריין טיפער אין שייער.

יצחק האָט זיך אָן עפּעס אָנגעשלאָגן מיט אַ פוס, זיך געשטרויכלט, און זי האָט אים אַרומגעכאַפּט ער זאָל נישט פאַלן. זיי זענעןביידע געפאַלן און ליגנדיק האָבן זיי זיך געטוליעט צו זיך, זיך אַריינגעקנעטן איינס אין אַנדער און העלענאַ האָט מיט איר פּנים אָפּגעזוכט זיין פּנים און זיך איינגעביסן אין זיינע ליפּן.

„וואָס ציטערסטו אַזוי?" — האָט זי געמורמלט קרעכצנדיק ביים אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

„איך ווייס נישט" — האָט ער געענטפערט און הילפלאָז זיך אונטערגעגעבן העלענאַס צערטלעכקייטן. זי האָט אים געקושט און געצערטלט ווי אַ דערפאַרענע פרוי, געריסן פון אים די קליידער מיט אומגעדולד.

„האָב נישט מורא, צערטל מיך, צערטל מיך" — האָט זי דערנענטערט איר אָפּגעדעקטן בוזעם צו זיין פּנים. ער האָט איינגענורעט זיין פּנים צווישן אירע בריסטן און זי האָט אים גערייצט מיט די בריסטן איבער די ליפּן, איבער דער נאָז, איבערן שטערן — „צערטל מיך, צערטל מיך!" — האָט זי נישט אויפגעהערט בעטן. ביידע האָבן דערפילט זייער נאַקעטע נאָענטקייט מיט אַ ספּאַזם פון פּלוצימ־דיקייט און העלענאַ האָט אַן אומגעצוימטן שלוכץ געטאָן. איבער יצחקס גוף האָבן זיך צעגאָסן הייסע כּוחות. ער האָט זי מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס באַצוווּנגען ווי איבערצוברעכן, ווי זי וואָלט זיך אים קעגנגעשטעלט. און אויך זי האָט אים באַ־צוווּנגען, ווי זיין נאָענטקייט צו איר וואָלט געקענט זיין נאָך נענטער, נאָך נענטער.

אַ שאַרפער דינער קריי פון אַ יונגן האָן האָט איינגעשניטן די דרויסנדיקע שטילקייט. באַלד נאָך אים האָבן זיך צעקרייט אַנדערע הענער, אויף אויסטערלישע טענער, ווי אַ כאָר וואָס אַרבעט זיך אײַן אין געפינען דעם ריכטיקן טאָן. דער היי אין וועלכן ביידע זענען געווען איינגעטוליעט און איינגענורעט איז הייס געוואָרן, זייערע יונגע לײַבער האָבן נישט אויפגעהערט ברענען ביז ער איז געבליבן ליגן אַ שיכּורער, אַ פאַרטשאַדעטער, מיט אַ ריזלען פון זיין בלוט וואָס ער פילט זיין שטראָם. העלענאַ האָט אים ווייטער באַדעקט מיט צערטלעכקייט. זי איז געווען צעבענקט און דורשטיק נאָך זיין באַריר. זי האָט אַראָפּגעקושט דעם שווייס פון זיין שטערן, זיך איינגעשמעקט אין זיין לײַב און געבעטן: „צערטל מיך, צערטל מיך". אין שיכּרות האָט ער זי געקושט און פון רגע צו רגע אויפגעציטערט פון בענקשאַפט צו איר. דאָס קרייען פון די הענער האָט זיך געלאָשן. דער נאַכטיקער דרויסן האָט זיך צוריק פאַרמאַכט אין שטילקייט. אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז צעגאָסן אַ זאַטע שטילקייט אין די לײַבער פון יצחק און העלענאַ.

די תשוקה פון יוחנן

דער האַרבסט איז געווען אַ זומערדיקער און טרוקענער. אַז אליעזר האָט אָנגעהויבן בויען די סוכּה פאַר זיין הויז, האָט ער שטיפעריש געפרעגט זיינע קינדער:

אַנו, ווער קען מיר זאָגן, צי האָבן מיר נישט געמאַכט קיין טעות? איצט איז ערב פּורים, אָדער עס איז טאַקע ערב סוכּות?"

צוגעווינט צום פּאָטערס שטיפערייען האָט אַלעקסאַנדער אויסגערופן:

„פּאָטער האָט טאַקע געמאַכט אַ טעות. מען דאַרף אַרויסנעמען פון אַלמער די מגילה צו לייענען און נישט בויען אַ סוכּה".

„איצט זע איך אויף אַן אמת, אַז דו קענסט גוט חשבון. וויפל טעג אין חודש אדר איז היינט?" — האָט אליעזר איבערגעריסן די אַרבעט און געבליבן מיט דעם טאָפּער אין דער האַנט.

באַשע האָט עפּעס וואָס אָנגעהויבן רעכענען אויף די פינגער און פאַרלוירן דאָס געדולד בעת אַלעקסאַנדער האָט אַן צו פאַרטראַכטן זיך אויסגערופן:

„היינט איז צוועלף טעג אין חודש אדר, מאָרגן איז אסתּר תּענית; אין דרייסיק טעג אַרום וועט זיין פּסח".

„דאָס וועט מען דאַרפן אויסרעכענען" — האָט זיך אָפּגערופן יצחק וואָס איז געשטאַנען פון דער צווייטער זייט סוכּה אויף אַ לייטער.

אליעזר האָט גוט באַהאַלטן זיין באַוווּנדערונג פאַר אַלעקסאַנדערן און זיך ווייטער אַריינגעלאָזט אין בויען די סוכּה. עס איז געווען פיל מער ווי אַ געוויינט־לעכע סוכּה. זייט דעמאָלט ווי ער האָט געמאַכט אַ קידוש פאַר די שטעטלדיקע ייִדן, האָט ער איינגעפּירט, אַז ער וועט אין די שבתים און יום־טובים האָבן אַ מנין אין זיין היים. ווער עס וועט קומען שבת צום מנין, וועט בלייבן ביי אים ביז נאָך דער שבת־סעודה. כּדי זיינע זאָלן נישט צו פיל פאַרגרעבט ווערן ביים הויף, האָט ער אַפילו צו וויסן געגעבן דעם רב ר' שמעלקע, אַז ער וויל שרייבן אַ ספר און ער, דער רב, זאָל אויסקלייבן דעם פּאַרמעט אויף יריעות. אַ מנין מיט אַ ספר־תּורה אין די שבתים און יוחנן דעם וויל־לערנער נעבן די קינדער אַ גאַנצע וואָך — וועלן זיינע קינדער אויסוואַקסן צו תּורה ומעשׂים טובים.

אין די ערשטע צוויי טעג סוכּות האָט אליעזר געהאַט צו גאַסט ביי זיך אַ פּופצן אירע, וואָס האָבן שיער נישט צעטראָגן די סוכּה מיט זייערע טענץ. זיי זענען שוין געווען זיכער, אַז סיי דער דאָקטער און סיי דער רבי פון זיינע זין זענען פון דעם

בעל־שם־טובס חסידים. האָבן זיי זיך פריי געמאַכט די התנהגות פון מעזעריטש: געטרייסלט זיך ביים דאַווענען, מתוך כּוונה זיך געשטעלט אויפן קאָפּ בעת די תּפילות, אָדער זיך איבערגעקאָטשעט קאָזשלקעס.

דעם צווייטן טאָג סוכּות איז צו דער סעודה אין דער סוכּה געקומען דער גראַף. אליעזר האָט אים פאַרבעטן, כּדי ער זאָל זען ווי שטאַרק עס איז דער זכּרון פון יידן, אַז דריַי טויזנט יאָר נאָך דעם ווי זיי האָבן געוואַנדערט אין דער מידבר האָבן זיי נישט פאַרגעסן זייערע געצעלטן. פון אָנהייב איז דער גראַף געווען מער להוט צו פאַרזוכן פון די סוכּותדיקע יידישע מאכלים ווי צו באַוווּנדערן דעם זכּרון פון יידן. אויפן אַלטן שלאַכטשישן שטייגער האָט ער געגעסן געניסנדיק און אַ סך. אַלץ האָט פאַר אים געהאַט אַ גן־עדן־טעם. ער האָט געגעסן מיט די הענט און מיט די אויגן און מיט דעם אַרבל געווישט דעם שוויס פונעם שטערן, וואָרום וואַרעם איז געווען אין דער סוכּה, ווי עס וואָלט געווען תּמוז און נישט אַ שטיק אין חודש תּשרי.

„איר מוזט מיר זאָגן, דאָקטער, די געהיימע געווירצן וואָס יידישע ווייבער לייגן אַריין אין זייערע מאכלים זיי זאָלן האָבן דעם טעם גן־עדן" — האָט פּאָטאָצקי געזאָגט צו אליעזרן אויסשטעלנדיק פאַר אים אַ רויט פאַרשוויצט פּנים פון תּענוג.

שפּאַסנדיק האָט אליעזר אים געענטפערט:

„ווען יידן האָבן זיך באַפרייט פון מצרים און אין דעם מידבר האָט זיי אויסגעפעלט שפּייז, האָט גאָט אַראָפּגעשיקט פון הימל מן, וואָס האָט געהאַט אַלע טעמען. אַז עמעצער האָט געוואָלט געפילטע פיש האָט ער געפילט אין דעם מן געפילטע פיש; אַז עמעצער האָט געהאַט חשק אויף געבאַקן פלייש מיט קאַרטאָפל־רייבעכץ, האָט ער עס געפילט אין דעם מן. טאָמער האָט זיך עמעצן פאַרגלוסט אַן עפּלפלאָדן האָט ער געדאַרפט בלויז נעמען אַ ביסל מן אין מויל אַריין און ער האָט געהאַט עפּלפלאָדן. אָט פון דעם מן האָבן יידישע ווייבער מיטגענומען פון דעם מידבר אויף אַלע זייערע וועגן, ביז זיי זענען געקומען קיין פּוילן. נאָר אַז עס פעלט זיי אויס מן גיבן זיי אַריין אין די מאכלים אַ ביסעלע שׂכל".

דער גראַף האָט פאַרהילכט די סוכּה מיט זיין פריציש געלעכטער, ווי ער וואָלט געהערט אַ רויען, זאַפטיקן וויץ וועגן ווייבער.

„אַלעזש דאָקטאָר טאָ דאָקטאָר!" — האָט ער באַוווּנדערט דעם גאַסטגעבער.

ווי אליעזר איז געווען פאַרנומען מיט זיין גאַסט, זענען די אורחים פון שטעטל אַרויס פון דער סוכּה צום פּלאַץ פאַר די שטיגלעך און זיך אוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ. איינער נאָכן אַנדערן האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אויבער־בגד, געבליבן בלויז אין לײַבצודעק, פאַרלייגט די הענט איינער אויפן צווייטנס אַקסלען און ——— „טי באָזשע גדול! טי בורא וויעלקי!" פון אָנהייב מיט געלאַסענע טריט, איבערגעשטעלט איין פוס איבערן צווייטן, געפּלאָכטן אַ טריט איבער אַ טריט, און ביסלעכוויז זענען די טריט געוואָרן קלענערע און געשווינדערע, ביז דער טאַנץ האָט זיך צעוויגט און די ערד האָט אָנגעהויבן מיטטאַנצן. די צעפּלאַמטע

פּנימער פֿאַרריסן צום הימל און די קעפּ וואַרפֿן זיך אויף די זייטן: „טי באַזשע גדול! טי בורא וויעלקי!" „דו ביסט איינער און מער נישט קיינער בורא וויעלקי!"

אין מיטן טאַנץ האָט זיך יוחנן אָפּגעריסן, ווי אַ שטיק פֿייער אַריין אין דער מיט פֿון דעם ראָד, זיך אַראָפּגעזעצט און אָנגעהויבן טאַנצן טשיפּטשעם, מיט די קני נאָענט צו דער ערד. פֿלוצים שפּרינגט ער אויף, טויכט אַראָפּ מיטן קאָפּ און דרייט זיך איבער קאָזשלקעס, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. און ווידער איז ער נאָענט מיט די קני צו דער ערד און דרייט זיך אויף איין פֿוס אַרום זיין אייגענעם קרייז. דער גראַף ווישט מיט די הענט דאָס פּנים און איז צעשטראַלט. צום ערשטן מאָל זעט ער אַזאַ ייִדישן טאַנץ און צום ערשטן מאָל אַזאַ לעבעדיק געזאַנג.

„זיי באַהאַלטן דאָס אויס פֿון אונדז!" — האָט ער געזאָגט אליעזרן.

„איר וועט קוים גליבן, גראַף, אַז אָט די פֿריילעכקייט און זייערע טענץ באַהאַלטן זיי נישט פֿון קריסטן, נאָר גראָד פֿון רבנים. נאָר דאָ ביי מיר מעכטיקן זיי זיך צו זיין אַזוי פֿריי".

„פֿאַרבאָטן די רבנים צו טאַנצן?" — האָט פּאָטאָצקי נישט פֿאַרשטאַנען.

„אַזעלכע טענץ זענען פֿאַרבונדן מיט נאָך עפּעס, גראַף. זיי ווילן דורך די טענץ זיך דערנענטערן צו גאָט אין הימל, צו גאָט!"

פּאָטאָצקי האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען פֿון דעם דאָקטערס ווערטער. עס איז אים אויך נישט געווען געלעגן צו פֿאַרשטיין. מיט לײַב און לעבן איז ער געווען צווישן די טאַנצנדיקע. ווען די לייט וואָלטן נישט געווען ייִדן פֿון זיין אייגנטום־שטעטל, וואָלט ער אַליין אַריין אין קראַנץ און מיטגעטאַנצט, פּשיאַ קרעוו! נאָר אַזעלכע טשיפּטשעם־טענץ, ווי עס טאַנצט דער יונגערמאַן אינעם קרייז, און אַזוי זיך איבערקאַטשען קאָזשלקעס וואָלט ער נישט געקענט. אַזוי איז אַלע מאָל מיט ייִדן. ווען דו קוקסט זיי אָן זעען זיי דיר אויס נעבעכלעך, שלאַמאַזאַרעס, נאָר אַז נויטיק — גיבן זיי זיך אָן עצה ווי די שדים. אַז דו פֿרעגסט עפּעס אַ פֿאַרוויקלטע זאַך, איז יעדער איינער אַ קרול סאַלאָמאָן.

דער גראַף איז אַוועק פֿון די טאַנצנדיקע אַ צעזונגענער און מיט צעשפּאַרנדיקע כּוחות, וואָס טאָמער טרעפֿט ער אָן אויפֿן וועג אַ מויד וועט ער זי אויסקנייפּן און זי אַוועקשיקן מיט אַ היימישן קלאַפּ אין הינטן.

גלייך נאָך סוכּות האָט זיך דער ווינטער אַראָפּגעלאָזט מיט איין מאָל. דער הימל האָט זיך אָנגעגורטן מיט צינערנע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך איינגעקנאָטן איינער אין דעם אַנדערן און זיך אויסגעלאָדן אין שנייאיקע זאַווערוגעס. נעכטן זענען די פֿעלדער געווען דאָ צעאַקערט, דאָ מיט בערגלעך פֿון די איינגעדעקטע קאַרטאָפֿל אויפֿן ווינטער, און שוין זענען די פֿעלדער באַדעקט מיט אַ שנייאיקן ים וואָס האָט נישט קיין סוף.

שאַרפֿע פֿרעסט האָבן אָנגעריסן. אין הויף איז דאָס לעבן געוואָרן ווינטערדיק. אין די כאַמישע הייזער זענען פֿון די בוידעמס אַראָפּגענומען געוואָרן די שפּינדלען

צו שפּינען פלאַקספּעדעם — אַן אַרבעט פאַר די ווייבער, און די קינדער און זקנים האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף די אויוונס.

אינעם הויז פון די פּאָטאָצקיס האָט מען זיך באַצייַטנס געגרייט צום ווינטעריאָגד אין די אַרומיקע וועלדער; ווּעמען פון זייערס גלייכן זאָל מען דאָס יאָר פאַרבעטן און וואָס פאַר אַ מאכלים זאָלן צוגעגרייט ווערן — אַנדערע ווי מיט אַ יאָר צוריק, די פאַרבעטענע זאָלן נישט באַרעדן. אָפּט זענען פאַרפאָרן שליטנס אויף לאַנגע פּלאַזעס, פולע מיט קוישן און זעק — צושטעלונגען פון קאָמעניעץ צו די סעודות אין דער יאָגדצייַט.

אויך אין הויז פון אליעזרן איז דאָס לעבן געוואָרן ווינטערדיק. די פענצטער־ראַמען זענען אַרומגעקלעפּט געוואָרן מיט ליים, די אָפּענע ווענט פון דעם הויז איינגעטוליעט ביז צו די פענצטער מיט שטרוי און די קאָמערן אויסגעהייצטע — איז דאָס הויז געוואָרן אַ וואַרעמע נעסט, פון וועלכער עס האָט זיך נישט געגלוסט אַרויסצושטעלן אַ פוס אין דרויסן. אין דער צייט האָט אליעזר פאַרבראַכט די אָוונטן ביים שאַכטישל מיט יוחנן, אָדער מיט אַלעקסאַנדערן. זייט אַ יאָר און אליעזר קען מער נישט געווינען קיין פּאַרטיע ביי זיין יינגסטן זון. ער האָט זיך אייגנטלעך ביי זיין זון געלערנט ווי אַזוי מיט עטלעכע צוגן צו צווינגען דעם קעגנער אויפצוגעבן די פּאַרטיע, אָבער ער האָט זיך עס מער נישט אויסגעלערנט. דער זון האָט אים באַזיגט. מיט יוחנן האָט זיך געשפּילט אַנדערש; ער האָט נישט געהאַט די תשוקה צו מנצח זיין כאָטש ער איז געווען אַ גוטער שפּילער. ביי שאַך האָט ביי אים מער געשפּילט די מחשבה וועגן קבלה ווי די מחשבה פון נצחון. ער האָט דערקענט אליעזרן און נישט געפּורכט צו רעדן פאַר אים אָפן פון וועגן זיין אמונה און זיינע ספקות. אַ מאָל הייבט ער אָן צו רעדן אַזוי ווי ער וואָלט געלעבט אין אַנדער וועלט. ער לעבט אין צפת. דאָרט אין ארץ־ישׂראל, אויף דער הויכקייט, וואָס איז צום נאָענטסטן צום הימל, איז די תשוקה פונעם הימל צו דער ערד אַזוי גרויס, אַז ווען עס פאַלט צו דער שבת קען מען הערן דאָס געזאַנג — דעם שיר המעלות לדוד, דאָס געזאַנג וואָס די אייבערשטע מלאכים זינגען און דער אָדון עולם נידערט דעמאָלט אַראָפּ צו דער כלה שבת, כדי ווי דער זכר איז מקיים די מצווה מיט דער זי, זאָל די אצילות זיך מזדווג זיין מיט דער בריה. דער אר״י הקודש און רבי שלמה אלקביץ זענען זוכה צו הערן דעם געזאַנג יעדן ערב שבת. און די מאַכטיקייט פון דעם געזאַנג איז אַזוי שטאַרק, אַז זיין בת־קול הערט מען אויך אין די טעג פון דער וואָך. אַ ניצוץ פון דעם געזאַנג האָט דער בעל־שם־טוב געבראַכט אין גלות אַריין, כדי יידן זאָלן זוכה זיין צו פילן די תשוקה צו אצילות — ווערט זי פון די תקיפים פאַרטריבן מיט חרמות און קללות, אַז אַ ייִד אין גלות זאָל זיך פאַרפייניקן אין אבלות וואָס איז אָסור, אָסור. נישט אַנדערש נאָר כדי זוכה זיין צו דער תשוקה עליונה וועט מען זיך דאַרפן אויפהייבן און אַוועקגיין קיין ארץ־ישׂראל.

„אַנטלויפן פון די תקיפים...״ — האָט אליעזר ווי ממשיך געווען די ווערטער פון יוחנן.

„נישט אַזוי אַנטלויפֿן פֿון די תּקיפֿים ווי זיך משחרר זיין פֿון עבֿדות — האָט יוחנן געזאָגט און זיין בלייכע האַנט מיט די לאַנגע שמאָלע פֿינגער האָבן געציטערט איבער אַ שאַכפֿיגור — צווישן דעם ייִדישן נפֿש און גאָט איז הימל האָבן די לייט אָנגעבאַרגט אַזוי פֿיל חומרות, אַז דער מרחק איז געוואָרן ווי אַ טרוקענער מידבר. ס׳חיות גייט אויס אויפֿן וועג, קיין לעק וואַסער צו לעשן דעם דורשט און דער בן־אָדם גייט אויס אידער ער דערגייט אַפֿילו צו דער ערשטער מדרגה״.

אליעזר האָט געקוקט אויף דעם יונגנמאַן, וואָס די אָפּשטייענדיקע בלאָע אָדערן אויף זיינע שלייפֿן האָבן דערציילט וועגן דעם שווערן עול, וואָס ער טראָגט אויף זיך. ער איז יונג און אַזוי אַלט. ער איז פֿריי און ער איז ביי דער פֿריי אַ שבֿוי. אייגנטלעך איז ער פֿון די וואָס לויפֿן פֿאַרויס און רייסן זיך אָפּ פֿון ערבֿ־רבֿ. ער האַלט זיך אין איין באַפֿרייען און ער האָט דאָס געפֿיל, אַז ער איז כּסדר אַ געבונדענער. אפֿשר דערפֿאַר האָט ער די העכסטע פֿרייד דעמאָלט ווען ער טאַנצט, זינגט, קאַטשעט זיך קאַזשלקעס — ער איז נישט מער קיין געפּענטעטער מיט די שטריק פֿון עבֿדות. איז עס גוט וואָס אַזאַ איינער איז דער רבי און מחנך פֿון זיינע זין?

פֿאַר דער צייט ווי יוחנן איז ביי אליעזרן אין שטוב האָבן די זין אַ סך געלערנט. ער פֿאַרבינדט תּורה מיט מדרש און גמרא מיט ריינער מחשבֿה. ווען יוחנן פֿילט, אַז יצחק, צי אַלעקסאַנדער ווייזן נישט אַרויס געניגנוג התמדה ביי אַ בלאַט גמרא, הייסט ער זיי פֿאַרמאַכן דעם ספֿר און לערנט מיט זיי מדרש. דער שטיין אין פֿעלד איז נישט ווייניקער מיט סודות, ווי עס איז דער לעבעדיקער נפֿש, האָט ער געלערנט, וואָרום אין ביידע איז פֿאַרבאָרגן דער סוד פֿון גאָט און זיין יצירה. סיי דער און סיי דער איז נישט מער ווי דער קלענסטער צימצום פֿון דעם נאָך גרעסערן סוד וואָס אין אין־סוף. ס׳איז ווי אַ לייטער, וואָס מיט יעדן שטאַפּל העכער, אַלץ אַ ברייטערן שטח זעט מען, דערפֿאַר אָבער אַלץ ווייניקער פּרטים זעט מען. דערפֿאַר אַז מען קומט אַרויף אויפֿן העכסטן שטאַפּל ווייסט מען ווידער גאָרנישט און עס באַגערט זיך צו שטייגן נאָך העכער און העכער, אָבער דו האָסט נישט די כּלים, עס פֿעלן נאָך שטאַפּלען, עס פֿעלט נאָך אָטעם. דער סוד בלייבט ווייטער סוד, נאָר דער דורשט צו די העכערע ספֿירות ווערט שטאַרקער און שטאַרקער. צו די העכערע מדרגות קען מען אַרויפֿשטייגן נאָר דעמאָלט ווען דער אָנשטרענג איז גרעסער ווי ביי קריעת ים־סוף. וואָרום דאָס זענען מדרגות וואָס אַז דו באַטרעטסט זיי מיט די פֿיס פֿאַלסטו אַראָפּ און ווערסט געניזוקט. און אַז מען קלעטערט צו זיי מיט דער מחשבֿה ביז צו די העכערע ספֿירות, איז די תּשוקה צען מאָל גרעסער ווי עס איז די תּשוקה פֿון אַ מאַן צו אַ ווייב. און דער תּענוג איז נאָך גרעסער.

נישט אַלע מאָל פֿאַרענדיקט אליעזר זיין שאַכפּאַרטיע מיט יוחנן. אָפֿט ווערט ער אָנגעצונדן פֿון זיינע אייגענע ווערטער. די בלאָע אָדערן אויף די שלייפֿן ווערן נאָך מער בולט, פֿונעם פּנים אַנטלויפֿט אים דאָס בלוט און זיינע אויגן ווערן ווי די אויגן פֿון אַ שיכּורן. דעמאָלט בעט ער איבער אליעזרן, לאָזט איבער דאָס

שלאָכטפעלד אויפן שאָכברעט און פאַרמאַכט זיך אין זיין קאַמער. שפּעטער הערט זיך פון דער קאַמער אַ געזאַנג, וואָס איז חצי דאָס געזאַנג פון לערנען און חצי דאָס געזאַנג פון טאַנץ. עס טרעפט: ער גייט אַוועק אין אַוונט אין די פאַרשנייטע ווייטקייטן און נאָך אַ שעה צי עפּעס מער קומט ער צוריק אַ פאַרשוויצטער, ווי ער וואָלט זיך מיט עמעצן געראַנגלט. וואָס טוט יוחנן אין אַזעלכע אָוונטן? פון אליעזורס הויז איז נישטאָ ווו צו גיין. בלויז ווייס פעלד און ווייסער וואַלד אַנטקעגן. דער פּריצישער הויף איז נישטאָ פאַר אים. זייט ער געפינט זיך אין הויז פון אליעזרן האָט ער נאָך קיין טריט אין הויף נישט אַריינגעשטעלט. געזאָגט האָט ער, אַז ער גייט נישט אַהין ווו עס זענען פאַראַן הייזער וואָס אויף זייערע טירן זענען קיין מזוזות נישטאָ, סיידן לשם פּיקוח נפש אָדער לשם מצווה. וואָס ער האָט נישט געזאָגט איז דאָס וואָס אין אַזעלכע הייזער און אַרום זיי לויערן שדים, קליפּות, קאָשעצן, ווילקאָלאַקס און נאָך די אַלע וואָס קענען זיך מדבק זיין צו מענטשן. זיי לויערן אַזוי בייטאָג ווי ביינאַכט. דאָס וואָס מען זעט זיי נישט בייטאָג איז עס נישט קיין ראיה. עלעהיי עס זענען פאַראַן יצורים אַזעלכע וואָס מען קען זיי נישט זען מיט אַ מענטשלעך אויג? צי וועט מען דערום זאָגן, אַז זיי זענען נישטאָ? אַזוי זעט מען נישט בייטאָג די כּל מיני משחיתים, אַפילו ביינאַכט זעט מען זיי נישט אַלע. נאָענט צו ר׳ אליעזורס הויז איז נישטאָ קיין מיקווה. וואָלט געווען אַ מיקווה, איז גענוג זיך אָפּצוטובלען אין אַ קאַלטער מיקווה און מען ווערט באַפרייט פון יעדער קליפּה. די איינציקע מיקווה אין דער גאַנצער געגנט איז אין שכנישן שטעטל, וואָס גיין אַהין אין דער פינצטער איז אַ מהלך רב און אַז ער גייט און קומט פון דאָרט בייטאָג, וויל ער זיך נישט מסכּן זיין פון וועגן דעם פּריצישן הויף. איז דער הויף נישטאָ פאַר אים.

ווען ער ווערט נעלם פון שטוב אין אָוונט — און דאָס געשעט נאָר מזמן לזמן — ווען עס איז אים שווער צו זיין מיט זיך און ער קען נישט אַנטלויפן פון זיך, דעמאָלט גייט ער אַריבער דעם וועג אין דער ריכטונג פון וואַלד, טוט זיך אויס נאַקעט און רייבט זיין לײַב מיט שניי. פון אָנהייב ברִיט אים דער שניי, שניידט זיין לײַב. ער איז גובר דעם ווייטיק און באַלד פילט ער ווי ער וואָלט זיין גוף געשמירט מיט אַ געוועזנדיקן זאַלב. דערנאָך, אַז ער טוט זיך צוריק אָן, ווערט אים הייס און זיין גוף איז לייכט. ווען נעבן אים וואָלט געשטאַנען אַ לייטער מיט די פיס אויף דער ערד און מיטן קאָפּ אין הימל, וואָלט ער אין דער אותו רגע געווען דאָרט...

זעלדען האָט אַזאַ נעלם ווערן פון יוחנן אין אַן אָוונט געגעבן צו טראַכטן. וואָס יאָגט אים און וווהין יאָגט אים? די ברויערײַ, די פאַכט, צי אַנדערע געשעפטן אויף צו באַזאָרגן ווייב און קינדער מיט פּרנסה? דאָ איז נישט בראָד. דאָרט קען אַ ייִד ווינטערצייט אַריינגיין צו אַ שכן, לערנען צוזאַמען אַ שיעור, שפּילן אַ שאָך, אָדער פאַרבטלען די צייט. אויסער דעם הויף און דעם ווינט און וויוגע, איז ווינטערצייט דאָ גאָרנישטאָ. זענען זעלדען געקומען אויפן רעיון ווייבערשע מחשבות, אַז יוחנן ווערט נעלם ערגעץ־ווו אין הויף; ער איז אַ יונגער מאַן און אַן

אייביקייט איז ער שוין אָן אַ ווייב. קען גאָר זיין אַז מיט זיין גאַנצער פרומקייט האָט ער זיך זניוכעט מיט אַ מויד פון אַ כאַם און דאָס לויפט ער צו איר ערגעץ־ווו צווישן די שטעלער אין הויף. אָדער גאָר אַ ציגיינערישע מויד איז דערין. די ציגיינער לאַגערן טאַקע ווייט פון דאַנען, העט אין וואַלד, אָבער צי ווייסט דען דער כּוח פון יצר־הרע וואָס איז ווייט און וואָס איז נאָענט? אַפילו אָן דעם יצר־הרע זעט מען דאָך ציגיינערישע ווייבער און מיידן כּמעט יעדן טאָג. זיי אײַלן אין הויף אַריין אויף אַ שליטן צו קויפן אַ ביסל היי, צי שטרוי פאַר די פערד, אָדער ברוקעוו צי קאַרטאָפל פאַר די מענטשן, און דער עקאָנאָם פון הויף טרייבט זיי ווי זיי וואָלטן געווען שדים. מאַכן זיי צו אים חנדעלעך, רייצן אים ווי די ווייכע קעץ און צום סוף ווערט ער צוגעלאָזן, פאַרקויפט זיי אַ מאָל דאָס און אַ מאָל דאָס און שפּעטער קלאָגט ער זיך, אַז זיי האָבן מער געגנבעט ווי געקויפט. זעלדע וואָלט געגעבן ווייס איך וואָס כּדי צו וויסן וואָס עס געשעט מיט דעם יוחנן ווען ער גייט אַוועק און זוימט שעהען אין אַזאַ אָוונט. דער ווייבלעכער נייגער האָט איר קיין מנוחה נישט געגעבן ביז זי האָט נישט אויסגעהאַלטן און געפרעגט אליעזרן וואָס ער טראַכט דערוועגן. אליעזר האָט געענטפערט:

„וואָס איך טראַכט? וועל איך דיר זאָגן: וועגן זאַכן וואָס קימערן מיר נישט טראַכט איך נישט. נאָר אַז דער ווייבערישער נייגער לאָזט דיר נישט שלאָפן בײַנאַכט און נישט רוען בײַטאָג, וועל איך מסכּים זיין מיט דיר אַז עס קען זיין ער האָט אין הויף געפונען אַ מויד, וואָס ווערט אויסגעריסן נאָך אַ מאַנצביל און ער איז אַ מאַנצביל אָן אַ ווייב. ווערדליק דעם ווי ער טאַנצט, קאַטשעט זיך קאָזשל־קעס און זינגט, קומט אים אַ ווייב און ער האָט זי אפשר דאָ געפונען. נאָר הייס מיר נישט שווערן אויף דעם וואָס איך האָב דיר דאָ געזאָגט און חזר עס נישט איבער פאַר קיינעם. ס'איז טאַקע ווינטער, נאָר שׂריפות ברעכן אויס אויך ווינטער־צייט".

אליעזרס ענטפער האָט נאָך מער אויפגעשאָקלט זעלדעס ווייבערישן נייגער איידער איינגעשטילט. אויב ער האָט געטראַכט דאָס זעלבע וואָס זי האָט געטראַכט, איז אַ סימן אַז זי איז נישט ווייט פון אמת. נאָר וויסן מוז זי דאָס! פאַר וואָס זאָל זי נישט וויסן ווו עס ווערט נעלם אַ מענטש וואָס לעבט אין איר הויז? פאַר זיך האָט זי געהאַט גענוג פאַרענטפערנישן, פאַר וואָס זי מוז דערוועגן וויסן דעם גאַנצן אמת. זי האָט אויף דעם אויסגעקליבן יצחקן. ער איז שוין אַ מאַנצביל און זי קען צו אים רעדן ער זאָל פאַרשטיין. לויט די סימנים וואָס זי זעט אָפּט, וואָלט מען פאַר דעם צווילינג געדאַרפט געפינען שידוכים. טאַקע צום ערשט פאַר באַשען, כאָטש זי ווייסט נישט ווי זי וועט עס איבערהאַלטן אויב באַשע וועט חתונה האָבן און זי וועט בלייבן אָן דער טאָכטער אין שטוב. יאָ, זי וועט אַלץ וויסן דורך יצחקן. האָט זי געזאָגט צו אים אַזוי:

„ביי אונדז אין בראָד פלעגן תּלמידים באַגלייטן זייער רבין. אויך יוחנן איז פאַר אייך אַ רבי. פירסטו זיך אויף אָן דרך־ארץ צו אים. אַט ווען ער גייט אַוועק

פון הויז אין אָוונט, גייט ער אַלע מאָל אַליין, ווי ער וואָלט געווען אַ שטיין אין פעלד. טאָמער וואָלסטו אים אַ מאָל באַגלייט?"

„יוחנן איז אַ חבר צו אונדז און נישט קיין רבי. פאַר וואָס זשע זאָל איך טאָן וואָס ער וויל נישט איך זאָל טאָן?" — האָט יצחק געפרעגט.

„דו ווייסט, מיין זון, אַז ווינטערצייט אין די נעכט קומען אַרויס וועלף פון וואַלד. ס'איז סכּנותדיק צו גיין אַליין אין אַזאַ צייט. פאַר דרך־ארץ־וועגן קענסטו אים פרעגן צי ער וויל דו זאָלסט אים באַגלייטן. ער איז אַן איידעלער מענטש. אַליין וועט ער נישט זאָגן אַזאַ זאַך".

יצחק האָט איבערגעטראַכט דערוועגן. מסתמא איז די מוטער גערעכט. אויך ער אַליין, יצחק, איז שעמעוודיק צו פאַרלאַנגען פון עמעצן, נאָר ער וואַרט יענער זאָל זיך אָנשטויסן וואָס ער האָט אין זינען. עס האָבן זיך געשטעלט העלע נעכט. ס'איז אַראָפּגעפאַלן אַ מילדער טרוקענער שניי. דער הימל איז געבליבן פאַר־וואָלקנט מיט אַ דינעם שנייוואָלקן, דורך וועלכן די לבנה האָט דורכגעשלאָגן בלאַ־ליכטיקייט אויף דעם ים פון שניי. אין איינע פון די נעכט האָט יוחנן זיך געקליבן אויף אַ שפּאַציר. אַז ער האָט שוין געהאַלטן ביים גיין האָט יצחק אים געפרעגט, צי ער זאָל אים באַגלייטן. אויך אים גלוסט זיך גיין איבערן שניי. אַ ווײַלע האָט יוחנן געשוויגן. ער האָט געקוקט דאָ אויף יצחקן און דאָ אויף זעלדען, וואָס איז געווען דערביי. איידער ער האָט געגעבן דעם ענטפער האָט אויך אַלעקסאַנדער זיך פאַרגעשלאָגן צו באַגלייטן אים און ער האָט געזאָגט אַזוי ווי אַלעקסאַנדערס ווערטער וואָלטן אים דערמוטיקט.

„לאָמיר גיין אַלע!"

זענען געגאַנגען אַלע דרײַ, יוחנן און זיינע צוויי תּלמידים. יצחק און אַלעק־סאַנדער האָבן זיך אָנגעפּעלצט אין לאַנגע שאָפענע פעלצן און אַרומגעבונדן מיט גאַרטלען; יוחנן — אין זיין געוויינטלעכן אויבער־בגד, וואָס ער האָט אויך גע־טראָגן זומערצייט אין קילע טעג. ווי נאָר זיי זענען אַרויס פון הויז אין דער בלאַ־ליכטיקער נאַכט אַריין, האָט יוחנן אָנגעהויבן לויפן. ער איז אַריבערגעלאָפן דעם וועג אין דער ריכטונג צום וואַלד. ער איז געלאָפן מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, ווי ער וואָלט זיך געריכט עמעצער זאָל אים אין די אָרעמס אַריינפאַלן. יצחק און אַלעקסאַנדער, אָנגעבערדעוועט אין די לאַנגע פעלצן, האָבן אים נישט געקענט נאָכהאַלטן. די פיס האָבן זיי געזונקען אין דעם ווייכן שניי. ווען עמעצער וואָלט זיך צוגעקוקט ווי די דרײַ לויפן איבער דעם ווײַסן ים, וואָלט ער זיכער געמיינט, אַז דאָס זענען דרײַ אויסגעהונגערטע פוקסן וואָס לויפן ביינאַכט צו אַ ישוב צו פאַרצוקן אַ לעבעדיקס און שטילן דעם הונגער. פּלוצים האָט זיך יוחנן פאַרהאַלטן און נאָך איידער זיינע צוויי תּלמידים האָבן זיך דערנענטערט צו אים האָט ער שוין געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אויבער־בגד:

„איר ווילט וויסן פון אַ תּענוג? טוט זיך אויס נאַקעט און רייבט דעם גוף מיט שניי. אַלע תּשוקות ווערן אָנגעזעטיקט דורך דעם תּענוג! דער שניי פאַרן

גוף איז ווי עס איז געווען דער מן אין דעם מידבר פאַר דעם הונגער, צו זעטיקן דעם הונגער און אויך צו פילן אַלע טעמים!"

ער האָט נישט געוואָרט זיי זאָלן אים נאָכטאָן. נישט קימערנדיק זיך, נאָר ווי ער וואָלט געווען אַליין, האָט ער גענומען הויפנס שניי און מיט זיי איינגעריבן דעם גוף ביז אין די הענט איז אים גאָרנישט געבליבן. באַלד האָט ער ווידער גענומען אַ הויפן שניי און מיט אים געשייערט זיין לײַב. זיינע תּלמידים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פילן דעם ריח פון זיין נאַסער הויט און אַז ער ציטערט פון קעלט. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט נישט זעענדיק איינאַנדערנס בליקן און געשטווינט, ווי דעמאָלט אויפן וועג אין שטעטל אַריין, ווען יוחנן האָט צום ערשטן מאָל זיך געקאָ־טשעט קאָזשלקעס.

„דער בורא אין הימל האָט באַשאַפן די תּענוגים פאַרן מענטש, ער זאָל פון זיי נהנה זיין און נישט זיי צו פאַרשמאָכטן — האָט יוחנן אויסגערופן און געקרעכצט ווי פון תּענוג — דער רבי ישׂראל האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף דינען דעם רבונו־של־עולם מיט פרייד און מען טאָר נישט קווילן דעם גוף מיט סיגופים. וואָרום ער האָט באַשאַפן די וועלט מתּוך שׂמחה. ער האָט אין דעם בן־אָדם אַריינגעהויכט תּשוקות צו תּענוגי הגוף, כּדי ער זאָל די וועלט כּסדר מתקן זיין מתּוך שׂמחה".

„איך וועל אויך אַזוי טאָן!" — האָט אויסגערופן אַלעקסאַנדער און ער האָט אָנגעהויבן אָפּבינדן דעם גאַרטל פון דעם פעלץ.

„ניטע, ניטע! איצט איז צו שפּעט" — האָט יוחנן געזאָגט און זיך אָנגעהויבן אָנטאָן אויפן נאַסן לײַב.

„פאַר וואָס, רבי, איז צו שפּעט? עס נעמט נישט לאַנג" — איז אַלעקסאַנדער געבליבן מיטן גאַרטל אין דער האַנט און דעם פעלץ צעקנעפּלט.

„פאַר וואָס? — האָט יוחנן איבערגעפרעגט סאָפּענדיק פון אײַליקן אָנטאָן זיך — ווייל דער ישוב־הדעת צו מעשׂים דאַרף קומען קודם המעשׂה און די פּעולה דאַרף מען טאָן ווי פון זיך אַליין! צו וואָס איז עס געגליכן? ס'איז געגליכן צו אַ שווימער, וואָס ווען ער שפּרינגט אַריין אין וואַסער מיט איין מאָל, דערפילט ער דעם תּענוג ווען ער הייבט אַרויס דעם קאָפּ פון וואַסער. נאָר טאָמער בלייבט ער שטיין ביים ברעג און פרעגט זיך: ,צי זאָל איך אַריינשפּרינגען? צי וועט מיר נישט זיין צו קאַלט?' דעמאָלט אַנטלויפט די תּשוקה און מיט איר דער תּענוג. וואָרום דער תּענוג מעסט זיך מיט דער מאָס פון דער תּשוקה".

„צי קען מען פאַרבייטן די תּשוקה מיט צאָלן?" האָט פּלוצים געפרעגט אַלעקסאַנדער. יוחנן האָט זיך ווילד און הילכיק צעלאַכט אין דעם פּוסטן בלאַ־ליכטיקן פעלד. זיין געלעכטער האָט אויפגעוועקט דעם געהער פון יצחקן. ער האָט נישט געהערט די שאלה פון זיין ברודער, און דערום האָט ער נישט געוווּסט, אַז דאָס געלעכטער איז אַן ענטפער אויף אַ שאלה. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע באָטראַכטעניש. דעם רבינס ווערטער האָבן אַריינגעקלונגען אין אים, ווי ער וואָלט אַלץ געוווּסט וואָס עס קומט פאַר מיט זיין תּלמיד. צי וויל ער אים אַזוי אַרום זאָגן, אַז זיינע מעשׂים זענען נישט קיין זינדיקע? צי וויל ער אים

זאָגן מיט רמזים ער זאָל זיך נישט פייניקן, נישט מיט זיינע בענקשאַפטן און נישט מיט דעם אומרו וואָס קומט נאָך דעם ווען ער צעשיידט זיך פון העלענאַן? פון יוחננס געלעכטער איז יצחקן געוואָרן הייס. ער האָט געלאַכט ווייל ער ווייסט אַלץ. דערפאַר האָט ער גערעדט וועגן געגנוג טאָן די תשוקות. פון וואַנען ווייסט ער? זיין פוס איז נאָך אין הויף נישט אַריינגעטראָטן און ער האָט נישט קיין שום מגע־ומשא מיט וועמען עס איז פונעם הויף. מסתמא איז זיכער וואָס די מוטער זאָגט, אַז גוטע און שלעכטע גייסטער באַגלייטן דעם מענטש אומעטום, ווו ער שטייט און גייט, אויף דער וואָך און אין שלאָף און דערום איז אויף דער וועלט נישטאָ קיין סוד. די גוטע גייסטער שיצן דעם מענטש און די שלעכטע גייסטער זוכן דער מענטש זאָל געשטרויכלט ווערן. די היץ פון זיין לײַב האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט. איז ער קיין מאָל נישט אַליין מיט העלענאַן?

ביים צוריקקומען אַהיים זענען בלויז יוחנן און אַלעקסאַנדער געווען אויפגע־לייגט ווי נאָך אַ פריילעכן שליטוועג. יצחק איז געווען צעטראָגן. ער האָט אויס־געזען צו זיין פאַרמאַטערט. זעלדע האָט חושד געווען, אַז דער רבי מיט זיינע תּלמידים האָבן זיך פאַרמאַסטן אין לויפן אין שניי. דער מיזיניק, אַלעקסאַנדער, האָט ליב אַזעלכע זאַכן, אָבער איר בכור איז נישט צו דערקענען. „זאָל זיין וואָס עס איז, אָבי נישט אויסטערלישס" — האָט זי זיך געטרייסט.

נישט יצחק נאָר אַלעקסאַנדער האָט דער מוטער דערציילט ווי אַזוי יוחנן האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט און געריבן זיין לײַב מיט הויפנס שניי. ער פילט נישט די קעלט, ער שטייט אין פרייען פאַרשנייטן פעלד ווי אין אַ וואַרעמער קאַמער און ער זאָגט, אַז פון דעם שניי אויפן לײַב האָט ער אַ הנאה.

„דאָס מאָל האָב איך מורא געהאַט זיך אויסצוטאָן — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט — און אַז איך בין בייגעקומען די מורא האָט דער רבי נישט געלאָזט מיר זיך אויסטאָן. ער האָט מורא געהאַט".

„זאָלסט נישט טאָן אַזאַ זאַך! — האָט זעלדע אים געוואָרנט — נאַקעט אויפן שניי און רייבן דאָס לײַב מיט שניי?! חלילה, אַזעלכע זאַכן טוט מען נאָר מיט מענטשן וואָס מען געפינט זיי פאַרפרוירענע אויף די וועגן ווען עס שטעלן זיך די גרויסע פרעסט. וואָס פאַר אַן איינפאַל!"

„דער רבי זאָגט, אַז רייבן דעם גוף מיט שניי איז אַ גרויסער תּענוג" — האָט אַלעקסאַנדער באַמערקט און געטראַכט, אַז פון דעסטוועגן וועט ער אַ מאָל דאַרפן אויספּרוּוון דעם תּענוג.

„אַז מען האָט נישט קיין פּוטערקוכן, איז אַ דאַרער כּזית ברויט אויך אַ פּוטערקוכן" — האָט זעלדע אָפּגעפּטרט איר זון און געמיינט, אַז מיט דעם האָט זיך זיין נייגער געשטילט.

ווי דער שטייגער האָט זעלדע באַלד דעם זעלבן אָוונט דערציילט דערוועגן אַליעזרן און ער, אויף זיין שטייגער, האָט באַלד געזאָגט, אַז יוחנן איז גערעכט. ער האָט געטראָפן מיט דעם רבין פאַר זיינע זין. אָט דער קאָמעניעצער איידעם ווייסט אַלע סודות. ווי אויף צו רייצן זיך מיט זעלדען האָט ער געזאָגט, אַז נאָך

בעסער ווי אויסטאָן זיך נאַקעט און רייבן דעם גוף מיט שניי, איז אויפהאַקן דעם אײַז אויפן טייך און זיך באָדן אין דער אײַז־עפענונג. ווער עס באָדט זיך אין אַזאַ טייך ווערט נישט קראַנק, נישט ווינטער און נישט זומער. דער טייך אין פראָסט איז געשמאַקער ווי אין זומער.

זעלדע האָט אויפגעגעבן. אליעזר איז אַ רופא און ער האָט דאָס אַלץ געלערנט. פון דעסטוועגן האָט זי אים באַשווירן, ער זאָל דאָס נישט זאָגן פאַר די יונגען און נישט פאַר יוחנן. זיי קענען עס באַלד נאָכטאָן און חלילה קראַנק ווערן. מער פעלט איר נישט נאָר די זין זאָלן קראַנק ווערן.

„מיין ווייב, ווען דו גייסט אַנטקעגן אַ הונט און דו האָסט נישט פאַר אים מורא, וועט ער דיך נישט בייסן, נאָר אַז דו וועסט אַנטלויפן פון אים וועט ביי אים אין פיסק בלייבן אַ שטיק פון דיין קלייד, אָדער אַ שטיק פון דיין פוס — האָט אליעזר איר געגעבן צו פאַרשטיין — מענטשן האָבן היינט פאַרגעסן, אַז אין די גאָר אַלטע צייטן זענען זיי אַרומגעגאַנגען נאַקעט, ווי די חיות זענען זיי געווען אויסגעשטעלט צו היצן זומערצייט און צו פרעסט ווינטערצייט און זיי זענען נישט אומגעקומען. וואָס מער מענטשן צערטלען זיך אַלץ שוואַכער ווערן זיי״.

פאַר זעלדען איז צוגעקומען אַ נייע זאָרג. טאָמער וועלן די זין וועלן נאָכטאָן זייער רבין און „אַרומלויפן נאַקעט אין שניי״. ווילדע זאַכן טראַכטן צו די מענטשן היינטיקע צייטן. אין איר היים, אין בראָד, האָט זי קיין מאָל נישט געהערט דערוועגן אַזעלכע זאַכן. דאָס איז מסתמא אַן איינפאַל פון די חסידים פון בעל־שם־טוב: טאַנצן, שפּרינגען, קאָטשען זיך קאָזשלקעס און רייבן דאָס לײַב מיט שניי ווינטער־צייט. אפשר רודפט מען זיי פאַר אַזעלכע ווילדקייטן? אין גאַנצן אומשולדיק האָט אויך זי געליטן דערפון. זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן אין דעם העק.

די קאַלטע מיקווה

פון ערגעץ־ווו, פון מלשינים, אָדער דורך אַן אומפּאָרזיכטיק וואָרט פון עמעצן אינעם שטעטל, איז דערגאַנגען צום רב, אַז עפּעס איז נישט כּדרך־הטבע ביי דעם דאָקטער דאָרט נעבן הויף. באַלד פון אָנהייב ווי דער דאָקטער מיט זיין הויזגעזינד האָט זיך דאָרט אַריינגעקליבן, האָט אים די מעשׂה נישט געשמעקט. אַז אַ ייִד פאַר־נעמט זיך מיט דאָקטאָריע און איז מעורב בין הגויִם איז די מעשׂה נישט גלאַטיק. בפרט אין די צייטן ווען די כּופרים פון דב בעריש פון מעזעריטש טוען אָפּ זאַכן וואָס זענען ס׳גלייכע ווי עבודה זרה און די לייט פון יעקב פראַנק ימח־שמם גייען אומברענגען די וועלט. פון וועגן די כּופרים פון דב בעריש, די וואָס קריגן ס׳פּאַלי־קע ביים דאַווענען, שפּרינגען, טאַנצן און קאַטשען זיך קאָזשלקעס ביי „קריאת שמע” ווי די סטרא־אחרא וואָלט זיך אָנגעקלעפּט אָן זיי, ווייסט ער שוין אַלץ פון דעם כּרוז וואָס דער שליח פון דעם ווילנער גאון האָט פונאַנדערגעטראָגן איבער די הייליקע קהילות פון פּוילן. נאָר וואָס שייך די ימח־שמוניקעס פון יעקב פראַנק, גייען אַרום סלוכן, אַז די אויערן טוען וויי פון הערן. מעשׂי־סדום, זאָגן לייט, איז ביי זיי פון די מינערע חטאים, וואָרום דאָס וואָס זיי טוען אָפּ מיט נשים בפרהסיא איז דער־אין־הימל פול מיט סבלנות, אויב ער מאַכט נישט בלינד די וואָס זעען דאָס צו. אויב קעגן דב ברישס כּופרים העלפט אַ מאָל ס׳גויִישע מלכות, וואָרום אויך ס׳גויִישע מלכות האָט נישט ליב מרידה, איז פיל ערגער מיט די ימח־שמוניקעס פון יעקב פראַנק. זיי ווערן געשיצט פון די פּריצים. צום ערשטן בויען זיי אייגענע קלויזן אין וועלכע זיי מאָליען זיך צוזאַמען מיט די נשים, דערנאָך שמדן זיי זיך אויס, רחמנא־ליצלן, און טוישן זיך מיט די נשים. נאָר אַזוי שנעל ווי זיי גייען אַוועק קען מען זאָגן „ברוך שפּטרנו”. ס׳אומגליק איז טאַקע גרויס, דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון עצבות, אָבער די גאַנצע וועלט זעט אַז דאָס איז אַן עונש פון הימל פאַר די פיל זינד וואָס עס טוט זינדיקן זיין פאָלק. איז אַז מען קען נישט אָפּשרייען די גזירה פון הימל, דאַרף מען תשובה טאָן און אָננעמען דעם מישפּט פון הימל באהבה.

כאָטש אין שטעטל האָט ער נישט געזען נישט די און נישט יענע, האָט דער רב ר׳ שמעלקע פון דעסטוועגן מתפּלל געווען און געדרשנט זיינע דרשות, די הייליקע עדה זאָל זיין אויסגעהיט און נישט אַראָפּגיין פון דעם דרך־הישר, נישט אַ טריט אויף לינקס און נישט אַ טריט אויף רעכטס. באַם עמעצער וועט זען אין שול, אַז אַ מתפּלל טרייסלט זיך ביים דאַווענען, אַזוי זאָל ער אים גלייך לאָזן וויסן

און די סטרא־אחרא וועט מערטשעם פֿאַרטריבן ווערן פֿון דער קהילה־קדושה, ווי די שדים ווערן פֿאַרטריבן מיט אַ „קריאת שמע".

אַז ס'איז דערגאַנגען צום רבֿ, אַז ביי דעם דאָקטער אין הויז, נעבן הויף, טוען זיך אָפּ מעשׂים נישט כּדרך־הטבֿע, איז ווי עס וואָלט אים אָנגעזאָגט געוואָרן אַ ביטערע בשׂורה, אַז אין שטעטל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ בייזער דורכגאַנג. די אויגן האָבן זיך אים נאָך מער צעגלאַנצט און די רויטע באַקן זענען געוואָרן נאָך רויטער, אַזוי ווי צוויק, און ער האָט אָנגעהויבן קוקן אָן אַ זייט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די שטאָט זאָל נישט איינפֿאַלן אויף אים און אים צודעקן. און דערגאַנגען איז דערגאַנגען צו אים, אַז ביים דאָקטער האָדוועט זיך איינער פֿון דבֿ בערישס כּת, און ער האָט זיך צונויפֿגעניוכעט מיט לייט אין שטעטל, וואָס ער איז געווען זיכער אַז אַזוינע זענען גאָרנישט בנימצא ביי אים, און זיי פּראַווען זייערע מעשׂים־תּעתּועים: טאַנצן, שפּרינגען, מאַכן קידושים מיט אָקעוויט אין די שבֿתּים און זיי זענען זיך מתּיר עובֿר צו זיין אויף תּחום שבת. און דער סלוך זאָגט, אַז דעם דאָקטערס ווייב, נישט געשטראָפֿט זאָל מען ווערן פֿאַר די רייד, לאָקט די לייט מיט איר שיין פּנים און מיט די מאכלים וואָס אַזעלכע זענען גאָר אַ זעלטנקייט, ווי מן פֿון הימל.

אַז דער רבֿ האָט אָנגעהויבן חוקר־ודורש צו זיין ווער און וואָס, און בעת זיינע דרשות האָט ער מיט די פֿויסטן געקלאַפּט אין שולחן, ווי עס וואָלט געהאַלטן פֿאַר וועלט־אונטערגאַנג, האָבן ייִדן דערפֿילט, אַז זיי מוזן דעם רבֿ העלפֿן. וואָרום ר' שמעלקע זאָגט דאָך, אַז עס שטייט געשריבן „כּל ישׂראל ערבֿין זה בזה". דאַרף אַ ייִד העלפֿן פֿאַרמינערן די זינד צווישן ייִדן. אַזוי האָט איינאַנדער אָנגעהויבן נאָכקוקן פֿון וואָס פֿאַר אַ סידור זייערע דאַווענען און צי זיי מאַכן נישט קיין העוויות.

צוויי זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן דערשנאַפּט, אַז די סטרא־אחרא האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שטעטל און דערוועגן געלאָזט וויסן דעם רבֿ, ווי ער האָט גוזר געווען. זיינוול דער וואַסער־טרעגער, אַן אַלמן, וואָס דאָס ווייב און קינדער זענען אים דערוועגעשטשע געשטאָרבן פֿון דער מגיפֿה, ער האָט דערזען דער ערשטער. שלאָפֿן שלאָפֿט ער אין בית־מדרש. ער קען יעדן איינציקן. מיט פֿאַר־מאַכטע אויגן קען ער אַפֿילו זאָגן וואָס פֿאַר אַ תּפֿילין יעדער איינציקער לייגט און פֿון וואָס פֿאַר אַ סידור ער דאַוונט. האָט ער מיט די אייגענע אויגן געזען ווי אַזוי נחמן דער גאַרבער, וואָס דאַוונט אַלע מאָל מיט דעם ערשטן מנין, טאַנצט אונטער און צו מאָל טוט ער אַ קלאַפּ מיט די פֿויסטן אין דער וואַנט. און אַזוי האָט יונה דער שמש געזען און מיט די אייגענע אויערן געהערט ווי שימעלע דער שינדלמאַכער האָט זיך ביים דאַווענען געשאָקלט, ווי אַ לולבֿ ביים בענטשן אתרוג און די „שמונה עשׂרה" האָט ער געמישט מיט עבֿרי־טייטש.

האָט דער רבֿ געלאָזט רופֿן צום ערשטן דעם ערשטן און דערנאָך דעם צווייטן און איינגעטענהט מיט זיי ווי עס גייען די געשעפֿטן. דעם — ווי האַלט עס מיט פֿעלן; זאָגן זאָגט מען, אַז מלכות האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז ייִדישע

גאַרבערס זאָלן נישט טאָרן אויפקויפן די פעלן ביי פּריצים. די ערלים, ווידער, וואָס קויפן אויף די פעלן, שינדן די הויט פון יידישע גאַרבערס און לאָזן נישט איבער קיין כּזית ברויט פאַרן מונד. איז אויב המים באו עד נפש, דאַרף אַ ייד טאָן תּשובה און זיך אויסהיטן פון געשטרויכלט צו ווערן כּהאי הוא. זאָגט מען אָבער אויף דיר, אַז ביים דאַווענען טאַנצסטו אונטער און דו קלאַפּסט מיט די פויסטן. דאַרף אַן אָפּגעהיטענער ייד וויסן, אַז דאָס זענען די העוויות פון דער מעזעריטשער כּת, וואָס דער כּרוז פון בראָד און פון ווילנע האָבן זיי אַריינגעלייגט אין חרם. דערום וויל איך וויסן ווי איך האַלט מיט דיר. האָט נחמן דער גאַרבער געזאָגט, אַז נאָר אַ בלינדער מלשין האָט געקענט דאָס אַלץ אויסטראַכטן, וואָרום אַ זעעוודיקער מלשין ווייסט, אַז דאָס איז שקר וכזב. ענלעך האָט דער רב גע־טענהט צו שימעלען, אַז ווי ער האָט געהערט ווילן נישט די פּריצים קויפן שינדלען ביי יידן. ס׳הייסט ווילן ווילן זיי יאָ, נאָר זיי ווילן אויסצאַפּן דאָס בלוט פון יידן. איז די גזירה נישט אַזוי פון מלכות און נישט אַזוי פון די פּריצים. אָלא וואָס? ס׳גויישע מלכות ווו די פּריצים זענען די מלאכי חבלה, וואָס דער־אין־הימל שיקט צו פון וועגן די גרויסע חטאים פון זיין פאָלק. אַ סלוך גייט אַרום, אַז די כּת פון מעזעריטש האָט אַריינגעשטעלט אַ פּוס אין דער הייליקער קהילה און אַז דו, שימעלע, זאָלסט ביים דאַווענען שחרית האָבן זיך געשאָקלט ווי אַ לולב ביים בענטשן אתרוג און אין „שמונה עשׂרה" מישטסטו אַריין עברי־טייטש. כּדי אָפּצוהיטן די קהילה פון יעדן מיכשול דאַרפסטו נישט, שימעלע, מפסיק זיין „שמונה עשׂרה" מיט עברי־טייטש־ווערטער און דאָס שאָקלען זיך איז סתם אַ שטות.

„זעט דאָך די גאַנצע שטאָט, אַז מער ווי אַ מנין אירע גייט דאָרט אַוועק צום יידישן פּריץ, דעם דאָקטער, שבת נאָכן דאַווענען און דו, שימעלע, ביסט צווישן די לייט. איז וואָס זשע טוט איר דאָרט? איר דאַוונט דאָרט מוסף?"

דער רב האָט אָנגעשטעלט זיינע פאַרליקווי־חמהטע אויגן אויפן שינדלמאַכער און אויך די רויטע שפּיצן פון די באַקן האָבן געגלאָצט און געוואַרט אויף אַ תּשובה. האָט שימעלע געזאָגט אַזוי:

„אַ יידישער שׂרה און דערצו אַ דאָקטער ביים גראַף קען אויספועלן ישועות טובות פאַר יידן. און דערצו איז דער דאָקטער אַ ייד וואָס אַזאַ צווייטן דאַרף מען זוכן אויף דער גאַנצער וועלט. אָקעוויט גיסט זיך ביי אים ווי וואַסער און זיין אישה דערלאַנגט מאכלים, וואָס אַז מען עסט זיי שבת האָט מען פון זיי כּוח אַ גאַנצע וואָך. גייט מען אויף קידוש צום דאָקטער".

„הייסט עס סתם אַזוי שׂמחת־תּורה יעדן שבת?" — האָט דער רב געוואָלט וויסן.

„איך דאַרף דאָך אייך נישט זאָגן, רב, אַז דער דאָקטער שרייבט אַ ספר־תּורה און בלי נדר וועט ער אויך בויען אַ קלויז ביי זיין הויז. וועט דעמאָלט זיין שׂמחת־תּורה ביז פּורים!" — איז שימעלע געוועזן זיכער, אַז ער איז פּטור געוואָרן פון דעם רבס חשדים. נאָר דער רב, אויב די חשדים האָבן זיך שוין פאַרגנבעט אין זיין האַרץ, האָט מער נישט אָפּגעלאָזט. האָט ער גערופן צו זיך יוקל וויניצער, וואָס

האַלט די ברויערײ אין רודניצע, געהייסן אים אַרויפֿלייגן אַ האַנט אויף אַן אָפֿן ספֿר און געזאָגט צו אים אַזוי:

„איך בין גוזר אויף דיר דו זאָלסט האַלטן אַ סוד. די קהילה גייט חלילה אונטער. גרויסע סכּנות שוועבן און פֿלאַטערן איבער דער קהילה און מען דאַרף זיי אָפּשרייען. הערסט, יוקל? מען דאַרף זיי אָפּשרייען! ביים דאָקטער דאָרט אין רודניצע טוען זיך אָפּ זאַכן... ס'הייסט אַזאַ איז דער סלוך... ביסט דאָך אָפֿט אין הויף, אין דער ברויערײ, זעסטו נישט דאָס התנהגות פֿון דעם דאָקטער? מען זאָגט, אַז דער מלמד פֿון זיינע זין איז אַ משונהדיק נפֿש. כ'האָב מורא אַ שעבס, צי סתּם פֿון דער מעזעריטשער כּת. און זי, דעם דאָקטערס אישה, זאָגט מען, זי איז אַ יפֿת־תּואר, אַ לילית רחמנא־ליצלן. זעסטו דאָך שוין, אַז די זאַך איז נישט גלאַט און מען דאַרף האָבן רחמים".

„אויב אַזוי דאַרף מען טאַקע רחמים" — האָט יוקל מסכּים געווען.

גראַד יוקלס הסכּמה האָט דעם רבֿ אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים און זיינע רויטע שפּיץ־בעקעלעך האָבן זיך צעגליט ווי צוויי שטיינדעלעך אויף צו כּשרן כּלים ערבֿ פּסח.

„יוקל, נישט דיין הסכּמה דאַרף איך. דו זאָלסט מיר האָבן אַן אויג אויף דעם דאָקטערס הויז און זען וואָס דאָרט פּאַרלויפֿט. אַלץ דאַרף איך וויסן. דו הערסט? אַלץ!"

„רבֿ־לעבן, אַז איך קום נישט אַריין אין הויז פֿון דעם דאָקטער, ווי קען איך זען וואָס דאָרט געשעט?" — האָט זיך יוקל פֿאַרענטפֿערט. און געטראַכט האָט ער, אַז פּאַר זיינע געשעפֿטן מיטן גראַף איז ליבערשט נישט אַריינשטופּן די פֿינגער אין קיין שום טיר פֿון אַ הויפֿיש הויז.

„יוקל, לשם מצווה בין איך גוזר אויף דיר דו זאָלסט האָבן אָפֿענע אויגן אַרום דעם דאָקטערס הויז און באַם דאָרט וועט געמאַכט ווערן אַ קידוש אין וועלכן עס איז שבת, אַזוי זאָלסטו דאָרט זיין און מיר דערציילן פּאַדראָבנע אַלץ וואָס דאָרט פּאַרלויפֿט זיך. הערסט, יוקל? איך בין אויף דיר גוזר!"

אין יענע טעג ווען ר' שמעלקע איז מיט זיין גאַנץ לייַב און לעבן געווען אַריינגעטאָן אין נאָכטראַכטן און נאָכשמעקן דאָ וועגן די לייט פֿון דער מעזעריטשער כּת און דאָ וועגן דער כּת פֿון יעקבֿ פֿראַנק, האָט דער רבֿ געשיקט זיין וויב אויפֿוועקן דעם שמש ער זאָל די אותו־רגע קומען צו לויפֿן. יונה דער שמש האָט אַפֿילו נישט פֿאַרשטאַנען די ווערטער וואָס די רביצין האָט איבערגעחזרט בשמו דעם רבֿ. וואָס הייסט ‚ער זאָל קומען צו לויפֿן?' דער רבֿ ווייסט דאָך, אַז יונה דער שמש, לאַ־די וואָס ער איז אַ געבריכטער נעבעך, איז אים אויף דער עלטער קאַליע געוואָרן די ראיה און קוים וואָס ער טרעפֿט ביינאַכט צו זיך אין בעט אַריין. איז ווי קען ער עס לויפֿן ווען אין דרויסן איז שטאָק פֿינצטער און דער שניי דעקט צו קאַלוזשעס וואַסער, וואָס אַז מען זינקט אין זיי איין מיט איין פֿוס קען מען חלילה געניזוקט ווערן אויף ביידע פֿיס. פֿון דעסטוועגן האָט יונה זיך דערשלעפּט צום רבֿס הויז מיט אַן אָנגעצונדענעם לאַמטערן. ער איז געווען כּמעט זיכער, אַז

דער רב האָט געהערט ווי שדים רופן אים אויף צום ספר און איצט דאַרף ער, יונה, אים באַגלייטן צו דער שול, ער זאָל מאַכן אַ ברכה איבערן ספר און הייסן די שדים גיין אין זייער רו אַריין. ווי דען אַנדערש? אין אַזאַ נאַכט, ווען אין דרויסן איז אַן אַדליגע, אונטערן שניי פּליוכען קאַלוזשעס אַז מען קען ברעכן ס׳געניק, איז די ריכטיקע צייט פאַר די מעשׂים־תּעתּועים פון יענע לייט.

יונה דער שמש האָט געטראָפן דעם רב אַ צעטרייסלטן, ווי ער וואָלט געווען נאָך אַ שווערער דין־תּורה און אפשר נאָך מער. ער איז אַרומגעלאָפן אין דער גרויסער קאַמער און אַרויסגעלאָזט נישט פאַרשטענדלעכע קולות, שטיקלעך און פּיצלעך פון ווערטער, גאַרנישט אין שטייגער פונעם רב. דערזען דעם שמש האָט ר׳ שמעלקע אויסגערופן אַ צעטומלטער און אויפגערעגטער:

„קום!" — און ער איז געלאָפן צו דער טיר.

„און דעם שטעקן, רב — האָט יונה נישט פאַרגעסן — יענע לייט..."

„מ׳דאַרף נישט דעם שטעקן!" — האָט מיט אומגעדולד אויסגערופן דער רב.

„רב־לעבן, דער שטייגער מיט יענע לייט... אַרויפגיין אויפן באַלעמער אין אַזאַ צייט..."

ר׳ שמעלקע האָט זיך קוים איינגעהאַלטן.

„וואָס ס׳האָט זיך מיר געחלומט..."

ער האָט נישט פאַרענדיקט. דער „געחלומט" האָט אים ווײ געטאָן ווי ער וואָלט געעפנט אַ פרישע וווּנד, וואָס האָט זיך נאָך אַפילו נישט פאַרמאַכט, נאָר בלוטיקט און בלוטיקט. דער רב איז געלאָפן מיט די געסלעך און פאַרבייגעלאָפן די שול. פון דעם האָט יונה דער שמש פאַרשטאַנען אַז ס׳איז נישט „דאָס" וואָס ער איז געווען זיכער, אַז עס איז. ר׳ שמעלקע איז געלאָפן מיט אַזאַ אימפּעט אַז יונה האָט אים נישט געקענט נאָכהאַלטן. ער האָט געקרעכצט. דער דיך האָט אים ווײ געטאָן, די פיס האָבן זיך געבויגן אונטער אים און ער האָט אַפילו נישט געזען, צי ער שטעלט די פיס ריכטיק אויף דער ערד, אָדער איבער אַ תּהום, וואָס אָט־אָט וועט ער אין אים אַריינפאַלן. דער רב וועט אַפילו נישט וויסן ווו ער, דער שמש, איז חס וחלילה אַהינגעקומען. ווי טויבלעך דער שמש איז געווען, האָט ער פון דעסטוועגן געהערט ווי דעם רבס פּאַלעס פּאַטשן אין זיינע פיס מיט אַן אומהיימלעך פּאַטשעניש און פלאַטערניש.

„רב־לעבן, לויפט נישט אַזוי — האָט יונה געקרעכצט — אַז איר לויפט באַלייכט נישט די לאַמטערן, נישט אייערע טריט און נישט מיינע טריט, ס׳אַ ברכה לבטלה, רב־לעבן".

ר׳ שמעלקע האָט אים נישט געהערט. ער איז געלאָפן. ער איז געלאָפן אַראָפּצו, אין דער ריכטונג פונעם טייך. איז ווו זשע לויפט ער? — איז שוין דער שמש געווען אין גאַנצן צעטומלט. אַז די שול — נישט, און דאָס בריקל פון איבערן טייך איז ער אויך נישט אַריבער — איז דאָך עק וועלט. לויפט ער מסתּמא צום בית־עלמין אין אַזאַ נאַכט! איצט פאַרשטייט שוין דער שמש גאַרנישט, גאַרנישט. וואָס עפּעס בייַנאַכט אויפן גוטן אָרט, אויב קיין מת איז נישט געווען? סיידן ער גייט

מעסטן קבֿרים. ווער זשע איז איינגעפֿאַלן? ווען עמעצער וואָלט געהאַט איינגעפֿאַלן וואָלט ער, יונה דער שמש, געוווּסט דער ערשטער. וואָרום צו אים קומט מען אָפּשפּרעכן אַ גוט אויג, בעטן אַראָפּנעמען אַ הושענה פון איבערן אָרון־קודש אויף צו פּסלען אַ ציצקע פון אַן אישה, זאָגן תּהילים, ווי דער שטייגער איז אין אַ ייִדישער שטאָט.

פּלוצים האָט דער רבֿ זיך אָפּגעשטעלט און אויסגערופן:

„יונה, ווו זענען מיר?!"

„מיר זענען שוין באַלד אויפן בית־עלמין, רבֿ. צי מיין געבריך וועט אויס־האַלטן ביזן בית־עלמין בין איך מסופּק, רבֿ".

„געבריך־שמיך, וואָס עפּעס בית־עלמין? ווער דאַרף דעם בית־עלמין ווער? — האָט דער רבֿ געפרעגט אין צעטומלעניש — ווו איז די מיקווה?"

„די מיקווה? — האָט דער שמש אויפגעהויבן דעם לאַמטערן ווי ער וואָלט געגאַנגען פרעגן ביים פּלעמל ווו עס געפינט זיך די מיקווה — מיר זענען שוין לאַנג פאַרביי די מיקווה... איר זעט, רבֿ, יענע לייט. ביינאַכט פאַרשטעלן זיי אַלע וועגן... איך האָב געבעטן דעם שטעקן... אין אַזאַ צייט דאַרף מען זיך נישט רירן אַן דעם שטעקן פון דעם מרא דאַתרא. אַזוי איז אַלע מאָל געווען, רבֿ. איז דאַרפט איר די מיקווה?"

נישט צו וואַרטן אויף אַן ענטפער האָט יונה זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן שטעלן זיינע שווערע טריט אין דער ריכטונג פון דער מיקווה. דער רבֿ האָט אים איבערגעאײַלט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט אים מיט עפּעס צעטומלען און ווידער וועט ער פאַרלירן דעם וועג. ער איז צוגעפאַלן צו דער מיקווה, אויפ־געפּראַלט די טירן און אַריין אין אַ זאַק־פינצטערניש. נאָך איידער ער האָט גע־ווּסט ווו זיך אָפּצושטעלן האָט ער אָנגעהויבן אויפּבינדן זיינע קליידער. דער שמש האָט געציטערט פון שרעק.

זייט ר׳ שמעלקע איז רבֿ אין שטעטל, איז עס דאָס ערשטע מאָל ווי ער אײַלט אין מיטן דער נאַכט צו דער קאַלטער מיקווה. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם לאַמ־טערן אויפן דיל און אַן איינגעהויקערטער אַריינגעשטופּט די הענט אין די אַרבל. דאָס אָרעמע פלעמל פון דעם לאַמטערן האָט אויפגעריסן די זאַק־פינצטערניש. ר׳ שמעלקע האָט אַראָפּגעוואָרפן די בגדים אויפן פּאָל. אין דער גרוילעכער פינצ־טערניש האָט זיין לייב אויסגעזען ווי דאָס לייב פון אַ מת. יונה דער שמש האָט נאָך טיפער אַריינגערוקט זיינע הענט אין די אַרבל. דאָס וואַסער אין דער מיקווה האָט אַן אומהיימלעכן פליוך געטאָן, נישט ווי דאָרט וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ לעבעדיקער מענטש, נאָר ווי מען וואָלט אַריינגעוואָרפן אַ שטשאַפּע האָלץ.

„שמע ישׂראל!" — האָט דער שמש אויסגערופן און געקוקט צו דעם פינצטערן אויג פון דעם וואַסער אין דער מיקווה. אַ האַלב בלינדער האָט יונה אין דער פינצטערניש נישט געזען קיין סימן פון דעם רבֿ אין וואַסער. אַראָפּגעפאַלן און נישטאָ! נאָר צו זיין טויבלעכקייט איז דערגאַנגען עפּעס פון אַ שוואַכן וואַסער־רויש, איין מאָל און נאָך אַ מאָל. פּלוצים האָט פון וואַסער אַרויסגעטייעט אַ העלער

פיען, ווי אַן אָפּגעהאַקטער האַלבער קלאָץ. „פּרר, פּרר — האָט דער רב געבלאָזן פון זיך — ווו האָסטו אַהינגעטאָן מיינע מלבושים? איך האָב שוין נישט די מלבושים אויך?"

„אַהינגעטאָן? מיינע שונאים. אָט דאָ, רב־לעבן, ליגן זיי ווי איר האָט זיי אַוועקגעלייגט".

נאָך אַ רגע האָט זיך אָנגעצונדן דעם שמשס נייגער און העלפנדיק דעם רב אַרויפציִען די מלבושים האָט ער געפרעגט:

„אַן עת צרה, חלילה וחס?... אַ גזירה רחמנא־ליצלן?..."

ר' שמעלקע האָט געשוויגן.

אין די הענט פֿון דער סטרא־אחרא

אין יענער נאַכט, באַלד ווי ער האָט פֿאַרענדיקט זאָגן „קריאת שמע" און נאָך איידער ער האָט אויספּייעט צוצולענען די אויגנלעדלעך, איז ר׳ שמעלקע אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער קלויז, וואָס דער דאָקטער האָט אויפֿגעבויט נעבן זיין הויז אין רודניצע. נישט קיין קלויז איז עס געווען נאָר אַ שול, גרעסער ווי די שול אין קאַמעניעץ און גרעסער ווי די שול אין זאַמאָשטש. אין מיטן דער שול — אַ בעלעמער מיט מירמלנע זיילן אויף גילדענע גרונטפֿעסטן. אויף די גרונטפֿעסטן אַרום די זיילן האָבן זיך געדראַפּעט אַרויפֿצו גילדענע לייבן, הירשן און וויזלטירס. אונטער דער געוועלבטער סטעליע זענען געהאָנגען גינגאָלדענע קאַנדעלאַבערס, וואָס האָבן אַראָפּגעשטראַלט מיט אַזאַ ליכט, אַז מען האָט נישט געקענט עפֿענען די אויגן, איידער מען האָט זיך צו דעם ליכט צוגעוווינט. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די לייבן, די הירשן און די וויזלטירס רייסן זיך און דראַפּען זיך אויף די זיילן, כּדי זיך אַרויפֿצובאַקומען צו די קאַנדעלאַבערס. איידער ר׳ שמעלקע האָט זיך אָפּגעוווּנדערט פֿון דעם גרויסן וווּנדער, האָט ער דערזען ווי אַנטקעגן אים גייען צוויי לייט, איינגעהילט אין טליתים מיט גרויסע זילבערנע עטרות. זיי זענען געגאַנגען מיט געלאַסענע, גבֿירישע טריט. מסתּמא גבאים. אַז די צוויי זענען צוגעקומען נענטער, האָט ער דערזען, אַז די צוויי לייט זענען נחמן דער גאַרבער און שימעלע דער שינדלמאַכער. ס׳קען נישט זיין! אַנגעטאָן זענען זיי — נישט געדאַכט זאָל עס ווערן — ווי דער בישאָף אין אַ גרינעם דאָנערשטיק אין קאַמעניעץ. נאָר מיט וואָס זיי האָבן צוגעדעקט די קעפּ זעט ער נישט; זיי האָבן די טליתים אויף די קעפּ און די עטרות פֿאַלן אַראָפּ אויף זייערע אַקסלען.

„ברוך־הבא, רבי!" — זאָגן ביידע מיט איין קול. זיינע אויגן זעען, אַז ווען זיי דערנענטערן זיך צו אים מיט קליינע גבֿירישע טריטלעך, באַרירן זיי נישט דעם פּאָל. דער פּאָל גליטשט זיך אונטער זייערע טריטלעך.

„ברוך־הבא, רבי!" — חזרן ביידע איבער מיט דעם זעלבן מאָטן קול פֿון איין מויל, כאָטש צוויי מיילער זאָגן עס.

ר׳ שמעלקע האָט געוואָלט עפּעס ענטפֿערן, פֿרעגן, אָנרופֿן זיי ביי די נעמען. אָט דער איז דאָך נחמן און דער איז שימעלע, כאָטש זיי זעען אויס ווי פֿאַרשטעלטע אין בגדי מלכות. ווען נישט זייערע בערד וואָלט ער זיי נישט דערקענט. ער קען נישט — נישט ענטפֿערן, נישט פֿרעגן און נישט אָנרופֿן זיי ביי די נעמען. וויל ער שרייען — קען ער אויך נישט. ער האַלט אָפֿן דאָס מויל, באַוועגט מיטן קין אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ פֿיש וואָס אַז מען נעמט אים אַרויס פֿון וואַסער איז ער אויס מענטש

און קען דעם אָטעם נישט כאַפּן. ער וואָלט אַפּילו געלאָפן צוריק, נאָר ער קען די פיס נישט רירן, נישט אַהער און נישט אַהין. ווי ער האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן די ערשטע מירמלנע זיילן פון בעלעמער אַזוי שטייט ער, ווי ער אַליין וואָלט געוואָרן אַ זייל, נישט צו רירן פון אָרט. און אָט דערנענטערן זיך די צוויי גבאים און ביידע נעמען אים אונטער די אָרעמס, ווי מען נעמט אַ חתן, און מיט די פרייע הענט ווייזן זיי אים דעם וועג צום עמוד. דער עמוד, אַנטקעגן־אַרויפצו, מיט אַ גרויסן „שויתי", שטייט אין גאַנצן אין רויט ליכט, ווי דאָס רויטע, גלאַנציקע ליכט פון פריִער שקיעה. עס ציט אים צום עמוד אַזוי שטאַרק, אַז די פיס הייבן זיך אָן ווידער צו באַוועגן, נאָר עפּעס שרעקט דאָס רויטע גלאַנציקע שקיעה־ליכט פונעם עמוד. גייט ער געלאָסן, סיי מיט פּחד און סיי מיט גלוסט. די אונטערפירערס באַרירן איצט קוים זיינע אָרעמס. ער גייט פאַרביי דעם בעלעמער און ווען ער דערנענטערט זיך צום עמוד, דערזעט ער פון ביידע זייטן צוויי נשים, וואָס דאָס געשטאַלט פון איינער איז גלוסטיקער פון דעם געשטאַלט פון דער צווייטער. כאָטש די גבאים באַרירן קוים זיינע אָרעמס און די פיס דינען אים, אַנטלויפט ער נישט. די צוויי נשים כּישופן אים. זיי האָבן אָפּגעדעקט זייערע בריסטן, מיט שטייפע וואָרצלען ווי פּיטמס פון הדרתדיקע אתרוגים, און אַרום די וואָרצלען ברוינלעכע לבנהלעך.

„אוי, וויי!" האָט ער אויסגעשריגן און געוואָלט פאַרמאַכן די אויגן, נאָר די אויגן קענען זיך נישט פאַרמאַכן און דעם קאָפּ קען ער נישט אָוועקדרייען. די נשים קוקן צו אים מיט גלוסט־פאַרחלשטע אויגן. די בריסטן זייערע שטראַלן צו אים מיט תּאווה, עס דערגייט צו אים זייער ריח, אַ ריח פון רייפע באַרנעס געמישט מיט דעם ריח פון זשיווויצע, און אַ גלוסטעניש צעגייט אים איבער אַלע גלידער.

„נחמן! שימעלע!" — וויל ער אויסשרייען צו די צוויי גבאים, וואָס איצט ווייסט ער שוין נישט, צי זיי זענען נעבן אים, אָדער זיי האָבן אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין און נעלם געוואָרן. ער וויל אויסשרייען און דאָס קול קומט נישט אַרויס. אַנשטאָט דעם קול קומט אַרויס אַ סאַפּעניש, אַ קרעכצעניש, וואָס איז אין גאַנצן גלוסטיקייט. „שימעלע! נחמן!" פּרוּווט ער ווידער, נאָר אַנשטאָט עמעצער פון זיי זאָל זיך אָפּרופן, דערנענטערט זיך צו אים איינע פון די נשים, די פון דער לינקער זייט, און פאַרשטעלט אים אין גאַנצן מיט איר בלענדיק ווייסן לייַב. זי לייגט אַרויף אירע נאַקעטע אָרעמס אויף זיינע אַקסלען און אירע בריסטן הויכן אים אַריין אין פּנים דעם ריח פון רייפע באַרנעס מיט זשיווויצע. און כאָטש ער גייט אָנגעטאָן אין אַ דיקן וואָלענעם טיזליק, ציטערט ער אויף פון דעם באַריר פון די ווייבערשע אָרעמס, ווי ער אַליין וואָלט געווען מוטער נאַקעט. ער הייבט אויף די הענט זי אָפּצושטופּן פון זיך, אַנטלויפן, זענען גאָר די הענט אויף אירע בריסטן און מיטן קאָפּ קנעפּט ער זיך אַריין אין איר בוזעם. „ניטע, שמעלקע, ביסט אַ מרא דאתרא!" הערט ער אַ בת־קול און זיין גוף הייבט אָן ציטערן. דעקט אָפּ די אישה זיין פּנים מיט איין אָרעם און ווייזט אויף דער מיזרח־זייט פונעם בעלעמער. פון דעם וואָס זיינע אויגן זעען וויל ער די אויגן פאַרמאַכן, און פון דעם וואָס עס דערגייט צו זיינע אויערן וויל ער זיינע אויערן זאָלן ווערן טויב, נאָר אַלץ וואָס ער טראַכט

געשעט פאַרקערט. זיינע אויגן זעען ווי אויפן פאָל, אויף שאָפענע פעלצן ליגן מאַנצבילן מיט נאַקעטע נשים, און זיי קנוילן זיך און קנעטן זיך, און די קרעכצע־נישן פון תשוקה מאַכן אויפציטערן זיין רוקן. צווישן די אויפן פאָל דערזעט ער פלוצים נחמנען, דעם גאַרבער. כאָטש נחמן איז אויסגעטאָן מוטער נאַקעט, דער־קענט ער אים וועדליק דער באָרד, וואָס איין שפּיץ אירער איז לאַנג ווי דער יידישער גלות און דער צווייטער קורץ ווי דער קורצער פריייטיק. ער ליגט מיט דער צווייטער אישה, וואָס איז געשטאַנען נעבן עמוד. ער וויל זי מזנה זיין און זי שפילט זיך מיט אים ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז און נחמן קרעכצט פון צערייצעניש. און ווי מיט אים אַזוי איז מיט אַלע מאַנצבילן און מיט אַלע נשים, זיי קנוילן זיך און קנעטן זיך און דאָס קרעכצעניש פון תשוקה פאַרגיסט אים אַז ער האָט מער נישט קיין כּוח צו שטיין אויף די פיס. האָט אים דאָס ווייב באַוועלטיקט און ביידע זענען זיי געפאַלן צום פאָל ביים עמוד. ר׳ שמעלקע האָט באַקומען אַ קלאַפּ אין קאָפּ פון דער אונטערשטער לייסט פון דעם עמוד, אָבער ער האָט דעם קלאַפּ אַפילו נישט געפילט און אַפילו נישט געהערט. דאָס ווייב האָט צעריסן אויף אים דעם טיזליק, אַליין האָט ער זיך פאַרפלאָנטערט אין זיינע אייגענע פלודערן און אַ גיהנומדיקע היץ איז אים באַפאַלן, כאָטש זיין לייַב האָט געציטערט, ווי מען וואָלט אים אַ נאַקעטן אַרויסגעשטעלט אויפן פראָסט. איצט האָט ער גאָרנישט געדענקט און גאָרנישט געטראַכט און קיין סימן פון קולות נישט געהערט, נאָר ער האָט זיך געקלאַמערט צו דער אישה זי צו באַוועלטיקן מיט זיין גאַנצן גוף. איר גוף איז געווען בלויז גלוסטעניש, בלויז גלוסטעניש, נאָר וואָס מער ער האָט זי געוואָלט באַוועלטיקן אַלץ מער האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זי איז ווייטער פון אים. און ער האָט די תשוקה געפילט ווי אַ וווייטיק וואָס ער וועט קיין מאָל אים נישט בייקומען, קיין מאָל. ביז ער איז דאָס ווייב בייגעקומען. זי איז געווען צעגליט ווי דאָס פייער פון גיהנום, אירע בריסטן האָבן גערופן צו אים „לייז אונדז אויס פונעם גלוסט!” און ער האָט זי פירגעהאַט ווי ער וואָלט זיך און דאָס ווייב געוואָלט פאַר־ברענען. און ווי ער האָט זי פירגעהאַט אַזוי איז אים באַפאַלן ניכטערקייט און מיט דער ניכטערקייט — אַ שרעק, וואָס האָט די היץ פון זיין לייַב משנה געווען אין טראָפּנס שווייס. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געוואָלט לויפן. נאָר לויפן האָט ער נישט געקענט. אויפן וועג זענען געלעגן נשים און מאַנצבילן צונויפגעקנוילט אין תשוקה. ער האָט די נאַקעטע צעהיצטע גופים אַריבערגעטראָטן. אַ ווייב האָט אים אָנגעכאַפּט ביי אַ פוס און גערופן צו אים ער זאָל זי באַשלאָפן. ער האָט דעם פוס אַרויסגעריסן און ווייטער אַריבערגעשפּרייזט איבער גופים. האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג אַ קניִענדיק ווייב, אויפגעהויבן צו אים די אָרעמס און געקרעכצט:

„ר׳ שמעלקע, האָט מיך פיר, איך זאָל געבוירן אַ צדיק. ר׳ שמעלקע, באַשלאָפט מיך איך זאָל מיט אַ צדיק אויסקויפן מיין נשמה”.

דאָס ווייב האָט אַרומגעכאַפּט זיינע קני און אים געפּענטעט מיט אירע אָנגע־קוואָלענע בריסטן, וואָס זייערע וואָרצלען האָבן אים געבריט ווי שטיקלעך גליִענדיק קויל. דאָס ווייב האָט אים מיט כּוח איינגעבראָכן די קני:

„איצט וועסטו מיר געבן אַ צדיק און אויסלייזן מיין נשמה!" זי האָט אים באַצווונגען מיט אַ פאַרשייט קרעכצעניש און ער האָט זי פירגעהאַט. באַלד האָט ר׳ שמעלקע זיך אויפגעריסן אויף די פיס און אַנגעהויבן לויפן. די קלויז האָט זיך אויסגעצויגן לאַנג ווי דער יִדישער גלות — אַזאַ לאַנגע קלויז, ווי אַלע קלויזן פון דער גאַנצער וועלט וואָלטן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה און ער לויפט, לויפט. די נאַקעטע גופים פון נשים ווערן וואָס אַ מאָל זעלטענער און זעלטענער און ער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווען עס האָט זיך געענדיקט די קלויז און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַלד. ערשט ווען ער האָט זיך געשטרויכלט איבער אַ בוימוואָרצל, געפאַלן און זיך צעקלאַפּט די קני, האָט ער דערזען, אַז ער געפינט זיך אין אַ וואַלד און פון גרויס ווייטיק פון דער צעקלאַפּטער קני האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי. ער איז געווען אין גאַנצן אויסגעווייקט אין שווייס.

דערוועגן דעם אַלץ האָט ר׳ שמעלקע נישט געקענט דערציילן צו יונה דעם שמש. דעריבער האָט ער אים ניט געענטפערט אויף זיין שאלה, צי ס׳איז אַן עת צרה, חס וחלילה, אָדער אַ גזירה, רחמנא־ליצלן. אַפילו ווען דאָס אײַז־קאַלטע וואַסער פון דער מיקווה האָט אַראָפּגעשווענקט פון אים די בהלה און דעם פחד פאַרן גיהנום, איז ער געווען צעבראָכן, ווי אַ כלי וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן פלאַץ אויף אַ האַרטן שטיין. ר׳ שמעלקע האָט נישט געהאַט מער קיין ספק, אַז אין זיין קהילה האָט זיך אַריינגעכאַפּט אשמדאי ימח־שמו־וזכרו.

„מ׳עט דאַרפן גוזר תענית זיין" — האָט דער רב געקרעכצט.

יונה שמש האָט אויפגעהויבן דעם לאַמטערן. דאָס פנים פונעם רב וואָס איז תמיד געווען אויסגעשטאַפּט מיט די רויטע אַרויסשטייענדיקע באַקן ווי בוריקלעך, איז געווען געל און אויסגעווייקט ווי דאָס פנים פון אַ בר־מינן נאָך דער טהרה.

די הענער האָבן אויסגעקרייט אויף אַן אָדליגע פון אַ ווינטערדיקן טאָג.

דער נסיון

מיט דער ניטלנאַכט און ניי־יאָר האָט זיך אין הויף רודניצע געשטעלט די צייט פון יאַגד און סעודות. אויף לאַנגע שליטנס אויסגעבעטע מיט שטרוי און מיט שאָפֿענע פּעלצן איז צו ניי־יאָר זיך צוזאַמענגעפֿאָרן דער שלאַכטישער אַדל ווייט, ווייט פון דער אַרומיקער געגנט. ווי דער אַלטער גראַף פּאָטאָצקי האָט אויך זיין זון, לעשעק, נישט געהאַלטן פון דער פּאַרריסנקייט פון יענער פּוילישער שלאַכטע וואָס האָט אָוועקגעבלאָזן פון זיך געמיינערע אין יחוס און ווייניקער רייכע אין פאַרמעגן. לעשעק פּאָטאָצקי האָט געהאַלטן פון די וואָס קענען האָדעווען לייטישע פערד און האָבן גלוסטיקע ווייבער. ער איז געררייצט געוואָרן פון דער שיינקייט פון די ווייבער און סיי פון דער ראַסיקייט פון די פערד און ווייניקער האָבן אים געקימערט די באַלעבאַטים פוןביידע.

מיט יעדן שליטן איז אָנגעקומען נאָך אַ שטיק רייץ. די טשאַטעס יאַגדהינט, וואָס האָבן באַגלייט די שליטנס מיט אַ האַווקעריי אין דער פּראַסטיקער וועלט אַריין, האָבן אָנקומענדיק אין הויף אַריינגעבילט די בשׂורה פון ווייבערישער שיינקייט, געוויקלט אין טכוירענע פּעלצן, און אָנגעבערדעוועטע מענער מיט פּוטערנע הויבן אויף די קעפּ און פולע מיילער מיט ניבול־פּה. אויף דער האַווקעריי פון די הינט, ווי אַ צייכן, אַז עס פאַרט אָן אַ שליטן מיט געסט, זענען פּאַר דער טיר אַרויס דער גראַף און עלזשביעטאַ. דער גראַף מיט זיין באַגלייטוואָרט „פּשאַ קרעוו" האָט אויפן בליק אָפּגעשאַצט, צי דאָס ווייב אין דעם טכוירענעם פּעלץ איז נאָך ווערט זיינע חסדים, אָדער זי איז דורך דער צייט געוואָרן אַ „וויעדזשמע". ווערליק דער אָפּשאַצונג איז געווען זיין באַגריסונג.

די געקומענע האָבן געררעדט הויך. די מענער האָבן זייער רעדן באַגלייט מיט הילכיקע געלעכטערס וואָס ווי שנעל זיי האָבן אויפגעדונערט אַזוי שנעל האָבן זיי זיך אָפּגעהאַקט. ווי די מענער זענען געווען טומלדיקע, אומגעצוימטע אין זייער גראָב לשון, וואָס האָט זיך ווייניק אונטערשיידט פון דעם לשון פון די כאַמעס, אַזוי זענען זייערע ווייבער געווען שטילע ווי די הינער. זיי האָבן געררעדט אויסגעצויגן, אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם יחוס פון דעם צו וועמען זייערע ווערטער זענען געווענדט און זיי מישן אַריין אין זייער לשון „נאָבעלע" ווערטער פון לאַטיין — סירוס, פּאַבולאָזוס, מאַגניפיקוס, פּעליקס און אַנדערע, איינגעחזרט פון דורות *.

---

* סירוס — וווּנדערבאַר; פּאַבולאָזוס — פּאַבלהאַפט; מאַגניפיקוס — פּרעכטיק; פּעליקס — גליקלעך.

צו עלזשביעטאַן זענען די געקומענע שלאַכטישע ווייבער געוווען הכנעהדיק־נאַבל. זי שטאַמט פון דער אַלטער פירשטלעכער משפחה טשאַרטאָריסקי און זי שפּילט פּיאַנאָ. עמעצער האָט דערציילט, אַז ווען אין דרויסן ווערט אַ שטורעם, זעצט זיך עלזשביעטאַ אַוועק צו דער פּיאַנאָ און מיט איר שפּילן שטילט זי אײַין דעם שטורעם און וויגט אײַין דעם דרויסן...

ווי דער הויף איז אײַינגעשלאָפן מיט דעם ערשטן שנייפאַל און די פּאַראָבקעס מיט זייערע הויזגעזינדן האָבן זיך פּאַרקליבן אויף די גאַלעגדערס איבער די אויוונס, אַזוי האָט ער צוריק אויפגעלעבט מיטן אָנקומען פון די אַדעליקע געסט. די הויפישע און פרעמדע כאַמעס, וואָס האָבן געבראַכט צו פירן די יאַגדפערד, זענען נישט אַרויס פון די שטעלער. זיי האָבן די פערד געשייערט מיט שטרוי־וועכטשעס, זייערע פעלן זאָלן גלאַנצן ווי זיי וואָלטן געוווען געשמירט מיט טראָן, געלאָפן מיט זיי איבער דעם פּליין פון הויף זיי זאָלן נישט פאַרגעסן צוליב וואָס זיי זענען געבראַכט געוואָרן פון מרחקים. אַנדערע האָבן געקוילעט חזירים און קעלבער, געשונדן די חיות און זיי צעפּערטלט, עס זאָל זײַן גענוג פאַר די געסט, „די בייכער זאָלן פון עסן ווערן אַזוי האַרט ווי האַרט עס זענען די שטערנס", און עס זאָל זײַן גענוג אויך פאַר די הינט, זיי זאָלן זיך אָננעמען מיט פעטס כּדי צו האָבן כּוח צו לויפן בעתן יאַגד.

פון די כאַמישע כאַטעס, אײַינגעטוליעט מיט שניי און שטרוי, זענען צו די שטעלער געקומען צו לויפן האַלב־נאַקעטע, באָרוועסע קינדער, מיט אויסגעבלייכטע פּנימלעך. ווי אויסגעהונגערטע חיהלעך, וואָס דערפילן פון דער ווייטנס שפּייז, זענען די קינדער געקומען אין די שטעלער צעפּלאָשעטע און גיריקע. די פולע קאַריטעס געגרשטן פאַר די פערד, די צעהאַנגענע זייטן פלייש פון קעלבער און חזירים, די אַראָפּהענגענדיקע דרילכענע שקאַרמיצן מיט אָפּגערונענעם קעז האָבן צעגליט זייערע אייגעלעך און זיי האָבן געוואַרט ביז זיי האָבן זיך דערוואַרט דער און יענער יאַשני פּאַן זאָל זיך שפּילן מיט זיי: ער וואַרפט אין דער הייך אַ שטיק פלייש, דער פלייסיקסטער צווישן די קינדער זאָל עס כאַפּן ווי אַ לוין פאַר זײַן פלייסיקייט. שטייען די קינדערלעך צערייצטע, ווי די הינטלעך, און וואַרטן אויף נאָך אַ געוואָרפן שטיקל פלייש און אויף נאָך אַ שטיק לעבער. צום סוף איז דער אָדער יענער יאַשני פּאַן גוט און ער פילט אָן די פּאָלעס, צי די היטלען פון די נישט־פלייסיקע קינדער מיט געגרשטן אַרויסגענומען פון די קאַריטעס פאַר די פערד, און קינדער בייגן זיך אַראָפּ און קושן מיט דאַנקבאַרקייט די כאַלעוועס פון די שטיוול פון די גוטע האַרן.

די צוגרייטונגען צום יאַגד און סעודות האָבן אויפגעוועקט דעם נייגער אויך אין הויז פון אליעזרן. דער חנוכּה־יום־טוב, וואָס איז אויסגעפאַלן אַנומלט, איז געוווען אַ פריילעכער. יוחנן האָט ביי די יונגע אין דעם הויז אויפגעוועקט אַ לוסט צו אַ גרויסער שמחה. כאָטש אליעזר האָט געהאַט אַ צינערנעם חנוכּה־לאָמפּ, האָט יוחנן זיך פאַרנומען אויסצושניצן אַ חנוכּה־לאָמפּ פון האָלץ. יצחק און אַלעקסאַנדער האָבן פון ליים אויסגעקלעפּט אייל־קריגעלעך און באַשע האָט צוליב עפּעס אויס־

געקנעטן פון ליים אַ טויב, וואָס זאָל דערמאָנען די טויב, וואָס נח האָט אַרויס־געלאָזט פון דער תּיבה נאָכן מבול. די טויב האָט געדאַרפט זיין איבער דעם חנוכּה־לאָמפּ. כאָטש יוחנן האָט צעפּלאָמט איר דמיון מיט דעם נס פון חנוכּה, איז זי געווען זיכער, אַז אָן דער טויב וואָלט דער נס נישט געשען. און יוחנן האָט גע־זאָגט: יאָ, אויף דעם חנוכּה־לאָמפּ איז פאַראַן אָן אָרט פאַר דער טויב, זי זאָל פון די אייל־פלעמלעך זיך וואַרעמען אין אַזאַ קאַלטן ווינטער.

אַכט מאָל האָבן די צוויי חנוכּה־לאָמפּן, איינער פון אליעזרן און דער צווייטער פון יוחנן, געברענט אין די פענצטער פון דעם הויז. יוחנן האָט מיטגענומען די יונגע פון דעם הויז, זיך צו דערווייטערן אויף אַזאַ מרחק ביז דאָס ליכט פון די חנוכּה־לאָמפּן וועט מער נישט געזען ווערן. דערנאָך איז מען געגאַנגען צוריק, אַנטקעגן דעם ליכט פון דעם נס און יוחנן האָט געפּאַטשט מיט די הענט פון שׂמחה און געזונגען און געמונטערט די יונגע: „זינגט, זינגט! דער נס באַלייכט די גאַנצע וועלט! איר זעט, קינדער. די גאַנצע וועלט איז חושך־מצרים, נאָר די ייִדישע ליכטלעך לאָזן נישט אויף דער וועלט זאָל ווערן אין גאַנצן פינצטער".

די ווערטער פון יוחנן זענען געווען אי שׂמחהדיקע און אי טרויעריקע. יצחק האָט געוואָלט געפינען אַ טרייסט אין דער שׂמחה פון חנוכּה און ער האָט זי נישט געפונען. די בענקשאַפט צו העלענאַן, וואָס דער ווינטער האָט זי דערווייטערט פון אים ווי אויף מרחקים, האָט אים געפּייניקט ווי אַ מחלה. נישט דאָס לערנען, נישט די אויסטערלישע מעשׂיות פון יוחנן און נישט די שׂמחה פון חנוכּה האָבן די בענקשאַפט פאַרטומלט. זי איז צוריקגעקומען מיט נאָך אַ גרעסערן כּוח. מיט נאָך אַ גרעסערן ווייטיק. ער איז געווען קראַנק. אַלעקסאַנדער, ווידער, האָט אָנגעהויבן נאָכקוקן יוחננען ווהין זיין לערנען פּירט. פון אָנהייב איז ער אים נאָכגעגאַנגען אין זיין סודותדיקער וועלט. די מדרשים, די מעשׂיות וועגן דעם הייליקן בעל־שם־טוב און די רמזים פון „זהר", וואָס ער האָט מער געפילט זייער פאַרבאָרגנקייט ווי פאַר־שטאַנען, האָט אים אַריינגעפירט אין ווייטקייטן, וואָס ער האָט אין זיי קיין וועג און קיין סוף נישט געזען. וואָס אַ מאָל מער האָט ער אין זיין דמיון אָוועקגעשטעלט יוחנן אַנטקעגן דעם קלויסטער־ברודערל מאַרצעלי מיט די ווייסע אַלבינאָס־ברעמען. דער בזיר האָט געקענט אַסטראָנאָמיע און גערעדט וועגן די שטערן אין הימל און זיי אָנגערופן ביי די נעמען, ווי ער וואָלט זיי אַלע געהאַט ערגעץ־ווו אין אַ קלויסטער־קאַמער. ער האָט געריי̆צט אַלעקסאַנדערן מיט רעכענען אין פילצאָליקע ציפערן און מיט אַ קריידל נאָכגעפרווט, צי דער יונגער ייִד מאַכט ריכטיקע אויספירן. ער האָט אים קיין מאָל נישט געזאָגט יאָ אָדער נישט, אָבער אויף זיין העל־ראָזן פּנים האָט ער אַלע מאָל דערקענט, אַז מאַרצעלי באַוווּנדערט אים. בראָניסלאַוו, דער עלטסטער זון פון די גראַפן, האָט באַוווּנדערט אַלעקסאַנדערן. ער איז געווען זיכער, אַז דעם דאָקטערס ייִנגסטער זון האָט פון זיין פאָטער דעם מעדיקוס באַקומען אַ געהיים פאָרטל, ווי אַזוי צו מאַכן שווערע חשבונות אַפילו אָן צו נעמען אַ קריידל אין די הענט אַריין. האָט ער דאָך געהערט, אַז די ייִדן האָבן געהיימע לערעס, וואָס זיי אַנטפּלעקן קיין מאָל נישט פאַר קריסטן, און דערום

זענען זיי קלוג. אויך דער פּאַטער, ווען ער דאַרף אַן עצה, פרעגט ער קיין מאָל נישט ביים עקאָנאָם קישעל, נאָר אַלע מאָל ביי אַ ייִד. איצט זיצט דער קלוגסטער ייִד, דער דאָקטאָר מעדיקוס אַרטאַפּאַנוס, אין רודניצע און דער פּאַטער שפּאַצירט מיט אים אָפּט איבערן הויף און הערט זיך צו צו די ווערטער פון דעם קלוגן מאַן. אַלעקסאַנדער אַרטאַפּאַנוס האָט שוין איבערגענומען די געהיימע לערעס און ער איבערשטייגט אין חשבון דעם פראַנציסקאַנער נזיר מאַרצעלי.

מיט נייגער צו וויסן די געהיימע ייִדישע לערעס איז בראַניסלאַוו צוגעשטאַנען גראַד צו יצחקן, ער זאָל אים דערציילן וואָס אַלץ די ייִדן וויסן, וואָס זיי ווילן נישט אויסזאָגן די קריסטן. יצחק האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס בראַניסלאַוו וויל פון אים און געענטפערט:

„זעסט אַז מיר קומען הערן וואָס עס לערנט דער נזיר מאַרצעלי און דו קומסט קיין מאָל נישט צו אונדז צו הערן דעם מאַגיסטער יוחנן. מיין ברודער אַלעקסאַנדער קען שוין אַלע שטערנס אין הימל לויט זייערע נעמען, ווי עס קען זיי מאַרצעלי, און ער לערנט אויך די חכמה פון תּלמוד".

„דער תּלמוד איז די געהיימע לערע. איך האָב געהערט!" — האָט בראַניסלאַוו געזאָגט אַנטדעקעריש.

„יעדער ווער עס וויל קען לערנען דעם תּלמוד. אין אים איז פאַרשריבן די חכמה פון ייִדן זייט טויזנטער יאָרן. אויף יעדער פראַגע, וואָס אַ מענטש קען נאָר פרעגן זענען אין תּלמוד פאַראַן פיל ענטפערס. יעדער קען זיך אויסקלייבן דעם ענטפער וואָס איז פאַר אים ריכטיק" — האָט יצחק אים דערקלערט מיט ענלעכע באַוועגונגען צו די וואָס עס מאַכט יוחנן ביים לערנען.

בראַניסלאַוו איז געווען זיכער, אַז יצחק האָט אים נישט דערציילט אַלץ. ער ווייסט, אַז ס'איז דאָ אַ געהיימע ייִדישע לערע. דער נזיר מאַרצעלי האָט אַ מאָל גערעדט מיטן פּאַטער וועגן דער געהיימער לערע און אַז דעם תּלמוד, וואָס מען קען נישט אין אים אַריינדרינגען דאַרף מען פאַרברענען. בראַניסלאַוו האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס מען דאַרף דעם תּלמוד פאַרברענען. ער איז צום סוף מסכּים געווען צו קומען אין הויז פון דעם דאָקטאָר מעדיקוס צו הערן לערנען תּלמוד.

דערווייל איז דער פּאַטער זיינער, דער גראַף, געקומען צו אליעזרן מיט אַ בקשה ער זאָל אים זאָגן ווער עס זענען געווען די וועלכע האָבן געטאַנצט ביי אים אין דער סוכּה. ער קען דעם טאַנץ נישט פאַרגעסן. ער וואָלט נאָך, פּשאַ קרעוו, היינט געקענט נאָכזינגען זייער ניגון. וויל ער די ייִדן זאָלן קומען צו אים אין הויף, זיי זאָלן טאַנצן נאָך דער סעודה. זאָל די פּוילישע שלאַכטע, פּשאַ קרעוו, זען מיט וואָס פאַר אַ פייער ייִדן קענען טאַנצן. אַ קאַפּעליע פון ייִדישע קלעזמאָרים פון קאַמעניעץ האָט ער באַשטעלט, נאָר ער מוז האָבן די טענצערס.

„גראַף, ווען איך וואָלט געטאַנצט, וואָלט איך שוין מסכּים געווען — האָט אליעזר געזאָגט לצנותדיק — אָבער איך אַליין טאַנץ נישט און די ייִדן זענען פון דיין שטעטל".

„וועל איך שיקן צום ראַבי ער זאָל באַפעלן די ייִדן זיי זאָלן קומען צו מיר!"
— האָט פּאָטאָצקי אַ קלאַפּ געטאָן מיטן בייטשל אין אַ כאַלעווע.

„איצט, גראַף, האָב איך צו דיר אַ בקשה!" — האָט אליעזר אויסגערופן.

„אַ האַלבער הויף פון רודניצע צו דיינע פיס, מעדיקוס!" — האָט זיך אויך פּאָטאָצקי געוויצלט.

„אַ, פירשט, נישט איך און נישט מיינע אָבות זענען געווען וווכערניקעס. אַ געגנגנדיקע באַלוינונג איז פאַר מיר וואָס איך וווין אין דיין הויף. נאָר ווענד זיך נישט צום ראַבי".

„ער איז דער מייסטער פון די ייִדן אין מיין שטעטל, פּשאַ קרעוו!"

אליעזר האָט געזאָגט געלאַסן:

„די ייִדן וואָס האָבן געטאַנצט ביי מיר אין דער סוכּה זענען אַנדערע ייִדן פון די וואָס דער רב מיינט, אַז זיי זענען. אַז דער רב וועט הערן די ייִדן האָבן געטאַנצט ביי מיר, וועט ער מאַכן אַז זיי זאָלן ,טאַנצן' אַזוי, אַז עס וועט זיי פאַרגיין דער אַפּעטיט צו טאַנצן".

„אַ בונט קעגן ראַבי?!" — האָט נישט אָן חוזק געפרעגט דער גראַף.

אליעזר האָט אים געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער:

„דער ראַבי איז נישט קיין מלך און די ייִדן זענען נישט קיין כאַמעס, זיי זאָלן זיך בונטעווען. זייט דער בית־המיקדש אין ירושלים איז חרוב געוואָרן ליגט אויף די ייִדן אַ טרויער, און די ייִדן וואָס טאַנצן און זינגען ווילן, אַז ביי דער זייט פון דעם טרויער זאָלן אויך ייִדן זיין פריילעך".

„אייך, ייִדן, איז אַלע מאָל שווער צו פאַרשטיין". ער האָט געוואָלט צוגעבן אַ „פּשאַ קרעוו", נאָר דער דרך־ארץ פאַר דעם דאָקטאָר מעדיקוס האָט אים אָפּגע־האַלטן פון זיין שטייגער.

„גאָרנישט שווער, גנעדיקער גראַף, נאָר פאַר מיין טובה וועגן איז בעסער איך זאָל רעדן מיט די ייִדן. איך וועל עס טאָן אַזוי שנעל ווי עס איז נויטיק" — האָט אליעזר פאַרענדיקט מיט אַן ערנסטן טאָן, וואָס האָט אַלע מאָל, אין זיינע באַציִונגען מיט די לייט פון דער שלאַכטע, אָנגעצייכנט אַ גרענעץ.

אליעזר האָט לאַנג נאָכגעטראַכט, צי ער זאָל נאָכקומען דעם ווילן פון דעם גראַף און רעדן מיט די ייִדן זיי זאָלן טאַנצן אין הויף, אַזוי ווי זיי האָבן געטאַנצט אין דער סוכּהביים הויף. ער האָט גוט געקענט דעם לייכטזין און די ווילדע צעפּיעש־טשעטקייט פון די שליאַכטשיצעס. זיי זענען פאַרענדערלעך ווי דאָס וועטער אין פּוילן. זייער סלאַווישע ריטערלעכקייט איז געמישט מיט ווייבלעכער נישט־פאַר־גינערישקייט און זיי זענען פול מיט חשד. אין דער זעלבער צייט קענען זיי זיין סיי ברייטהאַרציק און סיי אכזריותדיק. גראַף לעשעק פּאָטאָצקי, וואָס האָט געירשנט די גרויסמוטיקייט פון זיין זיידן, האַלט אָן דעם שטייגער פון מענטשלעכער באַ־ציִונג צו ייִדן און אָפּט אַפילו מיט גוזמא. אָבער אויך ער האָט אין זיך סלאַוויש בלוט, און ווי ער פלאַקערט אויף מיט גוטסקייט, אַזוי קען ער ווערן קאַפּריז און אכזריותדיק ווי אַ צעצערטלט קינד. אָפט, ווען אליעזר רעדט מיט אים און פּרוּווט

זיך באַנוצן מיט אַ שפּילעוודיק לשון, באַמערקט ער, אַז מיט דער רגע ווי דער גראַף קען אים מער נישט נאָכהאַלטן אין ווערטער־גימנאַסטיק, זידט אין אים אויף דאָס בלוט, אַרום זיין מויל איז ווי עס וואָלט זיך געוואָלקנט אַ ניבול־פּה־פּליוך. הייבט אָן אַרויפדרייען די שפּיצן וואָנסן. נאָר ער באַהערשט זיך. אליעזר איז טאַקע אַ ייִד, אָבער אַ דאָקטאָר מעדיקוס!

נאָך מער האָט אליעזר געטראַכט וועגן די געקומענע שליאַכטשיצעס. זעלטן ווער פון זיי קען מער ווי אונטערשרייבן זיך. זיי זענען צעבאַלעוועט און הפקרדיק. פאַר ווייבער, פערד און פרעס וואָלטן זיי געלאָזט פּוילן זאָל צעריסן ווערן אויף שטיקער. זיי האָבן פיינט דעם מלך און האָבן אויך נישט קיין צו גרויסן דרך־ארץ פאַר גאָט. אין דער קירכע גייען זיי אַריין באַגלייט פון הינט, נאָר ביים קאָנפעסיאָנאַל, זיך מתוודה צו זיין פון זייערע זינד, ליגן זיי פאַר דעם גלח ווי די קנעכט. אין גיהנום אונטערשיידט מען נישט צווישן דעם כאָם און דעם שלאַכטשיץ, דאַרף מען זיך היטן פאַרן גיהנום. די כאַמעס שטינקען דאָרט אָן — איז ווי פּאַסט עס פאַר אַ שלאַכטשיץ אַריינצוקומען אין דער שטינקעריי? צו ייִדן זענען זיי פול מיט ביטול, אָבער זיי באַוווּנדערן די עקשנות פון ייִדן; זיי בייגן זיך, אָבער ברעכן זיך נישט, און אויף אַלץ האָבן זיי אַן ענטפער. פּשאַ קרעוו! זיי זענען געשטראָפטע פון גאָט און וויפל דו זאָלסט זיי נישט שלאָגן און דערנידעריקן זינגען זיי, אַז זיי זענען די אויסדערוויילטע פון גאָט. פּשאַ קרעוו!

בעת סעודות ווערן אָפט די לייט ווילד. די מוחות ווערן זיי פאַרטשאַדעט פון איבערעסן זיך און פון אָקעוויט. זאָל ער אין אַזאַ פאַל צורעדן די ייִדן זיי זאָלן טאַנצן אין הויף? דער גראַף ברענגט דאָך אויך ייִדישע קלעזמער פון ערגעץ־ווו... פאַר פּאָטאָצקין האָבן די לייט דרך־ארץ מער ווי פאַרן מלך...

אליעזר האָט געשיקט אין שטעטל אַריין אַ פּאַראָבעק ער זאָל אָנזאָגן נחמן דעם גאַרבער, אַז דער דאָקטאָר מעדיקוס פון הויז ביי דעם גרויסן לינדבוים פאַרבעט אים צו זיך; אַזוי שנעל ווי ער וועט קענען זאָל ער קומען צו אים. ער איז געקומען שנעלער ווי ער האָט געמיינט אַז ער וועט קומען. ער האָט זיך אָפּגעזונדערט אין אַ קאַמער מיט דעם געקומענעם און פאַר אים אַרויסגעלייגט מיט וואָס דער גראַף האָט זיך צו אים געוואָנדן. ער האָט געזאָגט אַזוי:

„דער פירשט וויל פאַרווילן זיינע געסט. ער ברענגט אַראָפּ קלעזמאָרים. די טענץ, וואָס איר האָט געטאַנצט אין מיין סוכה געדענקט דער גראַף אַזוי, אַז ער קען נאָכזינגען דעם ניגון, וואָס איר האָט געזונגען. וויל ער איר זאָלט טאַנצן פאַר די געסט דעם זעלבן טאַנץ מיט דעם זעלבן ניגון. איך בין אין דער דעה, אַז איר דאַרפט עס טאָן. די גויים זעען אונדז אַלע מאָל ווי פאַראומערטע, פאַראָביונטע. זיי וויסן גאָרנישט וועגן אונדז אַז מיר קענען זיך פרייען אַנדערש פון זיי, פאַר דעם לויב פון דעם־אין־הימל, פאַר אונדזער דביקות צום באַשעפער פון דער וועלט".

„סתם אַזוי, דאָקטער־לעבן, טאַנצן? פאַר פריצים? אָן אַ מעמד פון יום־טוב, צי שבת אָדער לשם מצווה?" — האָט נחמן זיך באַקווענקלט.

„ר' נחמן — האָט אליעזר זיך אָנגענומען מיט פריילעכקייט — דער בעל־שם־

טוב האָט געלערנט, אַז ייִדן דאַרפֿן זיך משׂמח זיין אַ גאַנץ יאָר. וואָרום דער בורא־עולם, וואָס איז אומעטום און זיין שכינה רוט אין יעדן פּלאַץ ווו עס ווערן געטאָן מצוות, ער וויל, אַז ייִדן זאָלן אים לויבן מיט פריילעכקייט און נישט מיט עצבות. און כּדי דער מעמד זאָל זיין לשם מצווה וועט מען ביי מיר אין הויז דאַווענען מעריב און נאָכן טאַנץ וועט זיין אַ סעודה מיט אָקעוויט".

נחמן האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. אליעזר האָט עס נישט באַמערקט, זיך אויפגעשטעלט און אַריינגערופֿן יוחננען. ער האָט אים אַלץ דערציילט און כּדי יוחנן זאָל נישט האָבן קיין צייט פאַר אַ וויכּוח, האָט ער געפּסקנט:

„דער רבי פון מיינע קינדער, וואָס איז מיט אייך, וועט מיט אייך צוזאַמען טאַנצן, טאַקע אַזוי ווי אין סוכּות".

יוחנן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל געפרעגט:

„איז עס אַ גזירה פון דעם גראַף, אָדער אונדזער הכנעה?"

„נישט דאָס און נישט דאָס!" — האָט אליעזר אויסגערופן מיט אַ געשטייגערט קול — איך האָב געענוג השפּעה ביים גראַף ער זאָל נישט אַרויסגעבן קיין גזירות נישט אויף דער קהילה און נישט אויף דיר, יוחנן. ער איז דער מאַכטיקער און ווי מיר האָבן בקשות צו מאַכטיקע מעגן אַוודאי מאַכטיקע האָבן בקשות צו אונדז. אין אַ צייט ווען איך וועל דאַרפן רעדן מיטן גראַף וועגן קהל, וויל איך פון פריִער האָבן אין מיין טייסטער אַ וועקסל..."

נחמן דער גאַרבער האָט געזוכט די אויגן פון יוחנן. ער האָט זיי נישט געפונען. ביידע זענען געווען פאַרטראַכט. פּלוצים רופט זיך אָפּ יוחנן:

„ר' אליעזר, איך בין אַ גאַסט אין אייַער הויז. ווי הכנסת־אורחים איז אַ גרויסע מצווה איז אויך אַ גרויסע מצווה אָפּצוגעבן כּבוד דעם מכניס־אורח. וועל איך אַוודאי טאָן ווי עס איז אייַער רצון. אָבער אַ בקשה האָב איך צו אייך, ווי צו מיין אייגענעם פאָטער: איר זאָלט זיין דערביי ווי מיר וועלן טאַנצן. און מיר וועלן טאַנצן פאַר אייך! איר זענט געשיקט פון הימל צו העלפן אונדז אין אונדזער דרך און פאַר דער מצווה וועלן מיר אייך דינען מיט ריקוד".

דער טאַנץ אין אַ נעפּל

די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן נאָך איידער עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אין דרויסן איז געפאַלן אַ מילדער, ווייכער שניי. די פליטערלעך האָבן זיך אַראָפּ־געשיט אין געדיכטע מאַסן, נישט צו זען עמעצן אויף אַ צוויי טריט אַפילו, אָבער יעדעס פליטערל באַזונדער האָט מען געקענט זען, ווי עס אויפכאַפּן אויף דער האַנטפלאַך. פון דעם גראַפּס הויז האָבן זיך געטראָגן די טענער פון יידישע חתונה־ניגונים. ווען די געסט זענען געווען אַריינגעטאָן אין עסן פון גרויסע זילבערנע פּולמיסקעס, האָבן די קלעזמאָרים פון דער קאַמעניעצער קאַפּעליע געשפּילט אַ באַדעקנס מיט אַ זיסן, האַרציקן ניגון. אין דער וואַרעמער לופט פון דעם גרויסן זאַל האָבן זיך אויסגעמישט די ריחות פון געקאָכט פלייש, ברענענדיקע וואַקסענע ליכט און געבראָטן פעטס. צווישן דעם לאַנגן דעמבענעם טיש, אָנגעהויפּט מיט מאכלים, און דער געוועלבונג איז געהאָנגען אַ דינער געלבלעכער נעפּל. פון צווישן נעפּל האָבן אַרויסגעשיינט פאַרשוויצטע פּנימער מיט פעטע הענט. דער ניגון פון באַדעקנס, אין וועלכן עס האָבן צוזאַמען געוויינט און געטרייסט די פידל און דער באַס, האָט זיך געטראָפן מיט אַ שטיל־שטיל מרוקען און זיפצן פון תאוותדיקן עסן און געניסן ביי די טישן. די מענער זענען מיט די הענט און מיילער געלעגן אין די פּולמיסקעס און געריסן שטיקער און די שטיקער אַריינגעשטופּט אין די מיילער. טייל האָבן די מיילער געעפנט אַ סך מער ווי זיי האָבן געדאַרפט, כדי אַריינצושטופּן די שטיקער פלייש, און פאַרהאַקט מיט די ציין, ווי די שטיקער פלייש וואָלטן זיך צוריקגעריסן צו די פּולמיסקעס. אַנדערע האָבן די שטיקער פלייש נישט אַוועק־געלאָזט פון די ליפּן, נאָר זיך געגראָבן אין זיי מיט די ציין ביז זיי זענען ביסלעכ־ווייז פאַרשוווּנדן. באַלד האָבן די פעטע הענט ווידער געכאַפּט אַ שטיק פלייש און עס צוגעטראָגן צום מויל.

ווי להוט און גיריק עס האָבן געגעסן די מענער, אַזוי האָבן די ווייבער געפראַ־ווועט סאַלאָן ביים עסן. אויבנאויף, נעבן לעשעק פּאָטאָצקי, איז געזעסן עלזשביעטאַ פון די פירשטלעכע טשאַרטאָריסקיס. זי איז געזעסן ווי אַ קעניגין, אין אַ געפּאַסט פּורפּורקלייד מיט ווייסע אַרויסלאָזן און אויף איר קאָפּ — אַ דינעם גאָלדענעם דיאַדעם. כאָטש זי האָט זיך געהאַלטן פריי האָט פון איר געשלאָגן מיט קעניגלעכ־קייט. די ווייבער האָבן געקוקט אויף איר און געגעסן אַזוי ווי זי האָט געגעסן — נישט פעט צו מאַכן אַלע פינגער און נישט פעט צו מאַכן די ליפּן. איינע האָט אומבאַמערקט נאָכגעקוקט ווי די צווייטע עסט און זיך באַמיט צו נעמען פון די פּולמיסקעס מיט מער געלאַסענע באַוועגונגען. אויפן שטייגער פון דער פּוילישער

שלאַכטע, צו עסן אַ סך ביז דער בויך ווערט האַרט ווי דער שטערן, האָבן די געסט ביים טיש אַריינגעגעסן ביז שפּעט אין אָוונט. די הויף־מיידן זענען געווען מיד פון דערלאַנגען די פליישן, נאָר די געסט זענען נישט מיד געוואָרן פון עסן. די קלעזמערס האָבן שוין געהאַט צוויי מאָל אויסגעשפּילט אַלע זייערע חתונה־ניגונים, דריי מאָל געשפּילט באַדעקנס. אויך זיי זענען מיד געוואָרן. די ריחות פון די פליישן, כאָטש טרייפע זענען געווען די פליישן, האָבן געקיצלט דעם לוסט צו עסן. און עסן ווען זיי נישט, די קאַמעניעצער קלעזמאָרים. זענען זיי מיד. האָבן זיי איבערגעריסן דאָס שפּילן.

כּדי נישט איבערצורייסן די באַגלייט־מוזיק ביים עסן, האָט איינער מיט אַן אַרבל אָפּגעווישט דעם שטערן, צוגעקלעמט זיין פידעלע מיט דער גאָמבע און אַ שאַרפן צי געטאָן אויף דער באַס־סטרונע. באַלד האָט אַ ציטער געטאָן דער כאָר פון אַלע סטרונעס צוזאַמען. עס איז געבוירן געוואָרן אַ גרויסע טענה. די טענה איז געוואָרן העכער און דרייסטער און דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט צו אַ שטיל געבעט, צו אַ קרעכץ פון אַ תּפילה. און צום סוף — אַ געוויין. דאָס געוויין איז פאַרשטיקט געוואָרן און ווידער האָט זיך אויפגעריסן די טענה. עלזשביעטאַ האָט מיטן אָרעם אָנגעדייט איר מאַן ער זאָל זיך איינהערן אין דעם פידל־געבעט. ער האָט שוין פון פריִער אויפגעהערט עסן, נאָר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איבער דעם פּולמיסעק האָט זיין האַרץ מיטגעציטערט מיט דער פידל. עלזשביעטאַ, וואָס האָט געהאַט אירע אויגן אָנגעהאָנגען אויף דעם קלעזמער, האָט עס נישט באַמערקט. מיט די פעטע הענט איבער די פּולמיסקעס און שיסלען האָבן זיי זיך איינגעהערט שטיל, נישט צו פאַרלירן דעם מינדסטן טאָן פון דער פידל, וואָס האָט איצט אַרויסגעאָטעמט פון זיך אַ שטורעם פון בענקשאַפט. די פידל האָט געקרעכצט, געוויטיקט און זיך געהאַלטן אויף דער גרענעץ נישט אויסצוברעכן אין אַ געוויין. אָבער פון די אויגן פון דעם און יענעם און דער און יענער ביים טיש האָבן די טרערן גערונען איבער די באַקן און די ליפּן האָבן זיך פאַרקוועטשט. די פידל האָט זיך געבויגן אין קראַמפּן צו האַלטן זיך אויף דער גרענעץ פון צעכליפּען זיך, אָבער די ביים טיש האָבן דעם כּוח נישט געהאַט. זיי האָבן געכליפּעט אין זיך אַריין. פּלוצים האָט דער קלעזמער זיך צעוויגט אויף זיינע צוויי פיס, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעשמידט צום דיל, דער בויגן האָט זיך צעטאַנצט איבער די סטרונעס אין אַ פריילעכער בשׂורה און די פידל האָט אַרויסגעשיט פון זיך זשמעניעס לוסטיקייט, באַגלייט מיט קינדעריש געלעכטער, ווי קליינע גלעקעלעך וואָלטן זיך צעקלונגען אין שפּילעוודיקייט דין־דאַן־דין, דין־דאַן־דין, און דאָס געלעכטער איז געוואָרן שטילער, זיך דערווייטערט, דערווייטערט אין אַזאַ מילדקייט, וואָס האָט געקלעמט ביים האַרצן פּונקט ווי עס קלעמט ביים האַרצן ווען מען וויגט איין אַ קינד מיט אַ זיסן חלום־ניגון און דאָס קינד ווערט אַנטשלאָפן מיטן חלום־ניגון. „פּשאַ קרעוו!“ האָט איינער ביים טיש נישט געקענט זיך איינהאַלטן פון צעקלעמטקייט, און דער קלעזמער איז נאָך אַ לאַנגע ווײַלע געבליבן שטיין מיטן בויגן אויפן פידל. ער האָט נאָך געהערט ווייט־ווייטע טענער וואָס זענען נאָך נישט געווען פאַרלאָשן.

עלזשביעטאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון איר שטול און געגאַנגען לענגאויס דעם טיש. זי איז פאַרבייגעגאַנגען די קלעזמער־קאַפּעליע און כלומרשט בלויז פאַרבייגייענדיק אַ גלעט געטאָן דעם אָרעם פון דעם פידלער און געגאַנגען ווייטער. דער קלעזמער האָט זיך טיף פאַרנויגט. זיין פּנים איז געוועז מיד, ווי ער וואָלט געקומען פון אַ ווייטער, אויסמאַטערנדיקער נסיעה. מיט דער פּאָלע פון זיין בגד האָט ער אָפּגעווישט דעם שטערן און די פידל אַריינגעשטופּט אין בוזעם איבערן פּאַס...

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין זיין פּריצישער צעטראָגנקייט האָט דער גראַף פאַרגעסן אָן דעם וואָס ער האָט אָפּגעמאַכט מיט דעם דאָקטאָר מעדיקוס. ער האָט זאָט געמאַכט זיינע געסט אי מיט פלייש און אָקעוויט און אי מיט דעם פידלערס שפּילן אויף וואָס ער האָט זיך נישט געריכט. האָט ער מסתמא פאַרגעסן, אָדער ער איז מוותר אויף די טענץ פון די שטעטלשע ייִדן. ער האָט נישט פאַרגעסן. ער האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט, די מיידן און דינערס זאָלן אַרויסרוימען דעם טיש און אַוועקגעשיקט רופן די ייִדן.

אין אליעזרס הויז איז שוין לאַנג געווען נאָך מעריב. כּדי די ייִדן זאָלן האָבן כּוח און לוסט צו טאַנצן האָט זעלדע דערלאַנגט צום טיש מעדני מאכלים: מעל־טייגלעך געקאַכט אין האָניק, גראַשיצע אין זויערן, בראַטיויך מיט צעלקעס, גריוון־זראַזעס, האָניקפלייש, פּאַסטערנאַק־צימעס מיט ראָזשינקעס און צימרינג. אויף נאָס צו מאַכן דעם האַלדז, די מעדני מאכלים זאָלן זיך לאָזן לייכט אַראָפּ־שלינגען, האָט אליעזר דערלאַנגט צום טיש שטאַרקן פּיאַלון־וויין, ענעס־בראָנפן, שליוואָוויץ און האָסטיקן אָקעוויט, וואָס איין גלעזל מאַכט וואַרעם אין די ביינער אויף צוויי ווינטערס.

„ס'איז דאָך אַ גבירישע חתונה!״ — האָבן ייִדן באַוואונדערט די מאכלים און געוווּנטשן מערטשעם אויף דער חתונה פון דעם דאָקטערס טאָכטער און דער־נאָך ביי די זין. זאָל נאָר דער הימל געבן לעבן און געזונט. ביים טיש האָט יוחנן געזאָגט תּורה, דערציילט ווי אַזוי רבי ר' ישׂראל דער בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן און וואָס פאַר אַ פרייד עס איז געווען אין הימל ווען די מלאכים האָבן זיך דערציילט, אַז ייִדן וועלן מער נישט טאָן קיין טרוקענע מצוות, נאָר מיט דביקות און שׂמחה וועלן זיי מקיים זיין די תּורה אַזוי ווי משה רבינו זכרונו לברכה האָט מיט דביקות און שׂמחה אָנגענומען די תּורה. וואָרום דער רבון־עולם האָט באַשאַפן די וועלט בשׂמחה ובאהבה און אַלץ וואָס אַ ייִד טוט דאַרף ער טאָן בשׂמחה ובאהבה. אַפילו פון זיינע חיהשע תּאוות דאַרף אַ ייִד אַרויסציִען די ניצוצות־קדושים און אַזוי אַרום מטהר זיין די טומאת התּאווה. דער רבי ר' דב בער פון מעזעריטש זאָגט, אַז אַ ייִד דאַרף ליב האָבן זיין ווייב ווי ער האָט ליב די תּפילין. אֶלא וואָס דען? אַ ייִד דאַרף נישט נאָכטראַכטן דערוועגן זיין תּאווה צום ווייב, נאָר ער דאַרף נאָכטראַכטן דערוועגן דער מצווה צו געבוירן בנים, וואָס זאָלן מקיים זיין די תּורה. צו וואָס איז עס געגליכן? עס איז געגליכן צו איינעם וואָס דאַרף פאָרן צום יאַריד פאַרקויפן און האַנדלען לשם פּרנסה פאַר ווייב און קינדער און אַהיימקומען אויף

שבת. איז ווי אַזוי קומט מען צום יאַריד, אויב דער וועג איז ווייט און די משׂא איז שווער ווי דער ייִדישער גלות? מוז מען פֿאָרן צום יאַריד מיט אַ פֿערד. צי וועט מען דעריבער ליב האָבן דאָס פֿערד? אַ מאַן דאַרף האָבן אַן אישה פֿאַר עבֿודת הבורא און כּדי ער זאָל זוכה זײַן צו עולם־הבא.

יצחק און אַלעקסאַנדער, וואָס זענען געזעסן צווישן די מאַנצבילן און זיך צוגעהערט צו דער תּורה פֿון זייער רבין, האָבן געפּלאָמט. נאָך מער ווי אַלע מאָל האָט ער אַנגעצונדן זייער דימיון. צו די ייִדן פֿון שטעטל האָט ער גערעדט אָן רמזים. די צוויי ברידער האָבן אומבאַמערקט זיך דורכגעוואָרפֿן מיט זייערע בליקן און ביידע האָבן אויסגעמיטן צו טרעפֿן זיך מיט די אויגן פֿון זייער פֿאָטער. פּלוצים האָט אליעזר געזאָגט באַקוקנדיק די נעגל פֿון זײַנע פֿינגער ווי בעת הבֿדלה מאַכן:

„פֿאַר וואָס עפּעס פֿאַרגלײַכן אַ ווײַב צו אַ פֿערד, אויב אַ מאַנצביל דאַרף ליב האָבן זײַן ווײַב ווי ער האָט ליב די תּפֿילין? אין דעם „שמע" אין די תּפֿילין שטייט געשריבן ,זאָלסט אים ליב האָבן מיט דײַן גאַנצן האַרצן און נשמה און מיט אַלע דײַנע כּוחות', איז ווו איז דאָ פֿאַראַן דאָס פֿערד און ווו די שטאַל?"

די לײַט ביים טיש, וואָס דער אָקעוויט און דער שליוואָוויץ האָבן נאָך גע־האַלטן אונטערגעוואַרעמט זייערע געמיטער, האָבן פֿריי געלאַכט, געלאַכט און אָנגעשטעלט די אויגן אויף יוחנן צו זען ווי ער זעט אויס. יוחנן האָט זיך נישט פֿאַרלוירן. ער איז געווען צווישן זײַנע לײַט און אויך ער איז געווען אונטערגע־היצט פֿון אָקעוויט. האָט ער מיט אַ פֿריילעך פּנים געענטפֿערט דעם דאָקטער:

„רבי אליעזר, אין אַן אַנדער פּסוק אין די תּפֿילין שטייט געשריבן פֿון פּרשת עקב ,ונתתּי עשׂב בשׂדך לבהמתּך ואכלת ושׂבעת' און איך האָב געגעבן גראָז אויף דײַן פֿעלד צו דײַן בהמה און דו עסט און ביסט זאַט, איז ווער עסט עס דאָס גראָז?"

אליעזר האָט מיט דער האַנט געפֿאָכעט אין דער לופֿט אויף מבֿטל צו מאַכן יוחננס ווערטער:

„דעם ,ונתתּי עשׂב' דאַרף מען נישט אָפּרייסן פֿון דעם פֿריִערדיקן ,ונתתּי מטר ארצכם בעתּו' און איך האָב אַראָפּגעלאָזט אַ שפּע־רעגן אויף דער צײַט. דאָס זענען די חסדים פֿון גאָט פֿאַר דער ליבשאַפֿט פֿונעם מענטש. דאָס פֿערד און די בהמה זענען דאָ אַ גײַסטיקע זאַך, בעת דאָס ווײַב איז דער קנין פֿון נצח פֿאַר דעם מאַן". ער האָט באַהאַלטן געוואָרפֿן אַ בליק אויף זײַנע צוויי זין, וואָס זייערע אויגן זענען געווען פֿאַרהאָנגען אויף יוחננס פּנים, אָבער פֿאַרגאַפֿטע זיך צוגעהערט צו די ווערטער פֿון זייער פֿאָטער. און געזאָגט האָט ער מער פֿאַר זיי ווי פֿאַר דער עדה ייִדן ביים טיש: „בעת דער כּבֿיכול האָט באַשאַפֿן דעם מאַן האָט ער פֿון זײַן לײַב אויך געמאַכט דאָס ווײַב און זי געבראַכט צו אים. און ער האָט געזאָגט: ,זי איז דער געביין פֿון מײַן געביין און דאָס לײַב פֿון מײַן לײַב' און כאָטש זיי זענען געווען די ערשטע מאַן־און־ווײַב און נאָך נישט געקענט דעם כּוח פֿון זייער פֿאַר־באַנדשאַפֿט, מאַכט די תּורה דעם אויספֿיר: ,דער מאַן וועט פֿאַרלאָזן זײַן פֿאָטער און זײַן מוטער און ער וועט זיך צובינדן צו זײַן ווײַב אַזוי, אַז זיי וועלן זײַן צו איין לײַב!"

„דאַרף ער דען נאָכטראַכטן דערוועגן זיין תאווה צו דער אישה?" — האָט עמעצער געפרעגט און אליעזר האָט נישט באַמערקט ווער עס האָט די שאלה געפרעגט.

אליעזר האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש אָנשפּאַרנדיק זיך מיט ביידע הענט:

„נאָכטראַכטן? ווער טראַכט עס נאָך? וועגן נאָכטראַכטן שטייט בלויז ,לא תחמוד׳ זאָלסט נישט גלוסטן צו דעם וואָס איז פרעמד. אָבער דער בורא־עולם האָט אין דעם מענטש אַריינגעהויכט אַזוי פיל ליבשאַפט, עס זאָל אים סטייען אויף ליב האָבן דעם באַשעפער אין הימל, זיין ווייב, זיינע קינדער, זיינע פריינד און די גאַנצע וועלט! און אַז מען האָט גאָר שטאַרק ליב איז אַפילו עס איז פאַראַן אַ ניצוץ פון זינדיקייט, ווערט דער ניצוץ אויסגעברענט אין דער היץ פון אהבה".

באַשע האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער קאַמער און אויסגערופן:

„פּאָטער, אַ שליח פון הויף איז געקומען!"

„דאָס מיינט מען אונדז אַלעמען" — האָט אליעזר זיך אויפגעשטעלט און צוזאַמען מיט אים האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן פון די ערטער.

מיט די געקומענע פון שטעטל זענען מיטגעגאַנגען אַלע — אליעזר, זעלדע, די קינדער און יוחנן. ווי אליעזר האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיין מיט די טאַנצנ־דיקע, אַזוי האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אויך ער וועט זיין צווישן די טאַנצנדיקע. ער האָט זיך געפילט פאַרבונדן מיט דער עדה און ער וועט נישט שטיין פון דער ווייטנס.

די געקומענע זענען געווען אָנגעטאָן אין זייערע יום־טוב־בגדים. פון אליעזרס הויז האָבן זיי מיטגענומען זייער גוט געמיט און פריילעכקייט. אויף דעם וועג פון דעם הויז ביים לינדבוים ביז צום הויז פון די פּאָטאָצקיס, האָט זיך דאָס גוטע געמיט געלאָשן און די הערצער האָבן אָנגעהויבן העפּטיקער צו קלאַפּן פון דעם וואָס זיי דערוואַרט. קיינער פון די שטעטלשע איז קיין מאָל נישט געווען אין הויז פון דעם גראַף און ס׳האָט זיי געשראָקן דאָס צוזאַמענטרעפן זיך מיט אַ גרויס געזעמל אַדעליקע. ווען די שלאַכטע מאַכט זיך פריילעך איז קיין מאָל נישט פריילעך ביי ייִדן. איז איידער די ייִדן זענען דערגאַנגען צו דער שוועל פונעם גראַפישן הויז, האָט זיך אויסגעוועפּט דער אָקעוויט און דער שליוואָוויץ און אין די מיילער איז קיין סימן נישט געבליבן פון דעם גוטן טעם פונעם פּיאָלון־וויין און ענעס־וויין.

אין דעם גרויסן זאַל איז שוין קיין צייכן נישט געווען פון קיין טיש און פון עסן. דער געלבלעכער נעפּל איז נאָך אַלץ געהאָנגען צווישן דיל און באַלקן. אויף די נישט־געזעענע געוועבן פון דעם געלבלעכן נעפּל האָבן זיך געהאַלטן די ריחות פון געקאָכט פלייש, פון ברענענדיקע וואַקסענע ליכט און געבראָטן פעטס. אַז די ייִדן זענען אַריינגעקומען, האָבן די געסט זיך צוגערוקט צו די ווענט און געמאַכט פריי דעם דיל. די קאַפּעליע האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל. די קלעזמאָרים זענען געווען מיד פון דעם לאַנגן וועג אין דער ווינטערדיקער קעלט, פון שפּילן און פון הונגער. דער גראַף האָט זיי באַפוילן צו בלייבן, כדי זיי זאָלן מיטהאַלטן

מיט די טענצערס. יוחנן, וואָס האָט גענומען אויף זיך אָנצופירן מיט דעם ריקוד, האָט געזאָגט, אַז די קאַמעניעצער קלעזמאָרים האָבן נישט דעם ניגון פון דעם ריקוד, וואָס זיי וועלן טאַנצן. אין דער צייט ווי יוחנן איז געווען פאַרנומען מיט רעדן מיט דער עדה און מיט די קלעזמאָרים, האָט עלזשביעטאַ פאַרבעטן זעלדען און אירע קינדער זיי זאָלן פאַרנעמען אַ פּלאַץ נעבן אירע קינדער.

אויך יצחק איז מיט האַרץ־קלאַפּעניש מיטגעגאַנגען מיט דער עדה. כאָטש ער האָט מיטגעטראָגן מיט זיך די וואַרעמקייט פון דער היים, האָט ער באַלד ביי די ערשטע טריט דערפילט אַ ציטערניש אין רוקן. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דעם דינעם נעפּל אין זאַל זעט בלויז ער. ס'איז אַזאַ נעפּל נישטאָ, נאָר אים שווינדלט אַ ביסל פאַר די אויגן. דאָרט ווו עלזשביעטאַ האָט אָנגעוויזן דער מוטער זיך צו זעצן זעט ער נישט העלענאַן. בלייבט ער אַ ווײַלע שטיין און זעט נישט, אַז די מוטער מיט באַשען און אַלעקסאַנדערן האָבן אים איבערגעלאָזט. ער זוכט העלענאַן. ער זוכט זי צווישן די מענער און ווייבער אין זייערע פאַרביקע מלבושים. גייט ער אַוועק אָן אַ זייט, ער שטערט עמעצן און רוקט זיך ווייטער, כּדי צו געפינען אַ פּלאַץ. פּלוצים דערבליקט ער זי, ווי אַ שטיק ליכט. זי איז געשטאַנען נעבן אַ גרויסער שטול, אויף וועלכער עס איז געזעסן אַ פרוי מיט אַן אָנגעהויפט מלבוש, ווי זי אַליין וואָלט געווען בלויז מלבוש, נאָר לעבעדיק און מענטשלעך איז איר קאָפּ מיט אַ הויכן בלאָנדן הויב. ער האָט אויפגעכאַפּט העלענאַס בליק און ער האָט זיך באַגאָסן מיט היץ. ער האָט העלענאַן געזען ווי אַ שטיק ליכט. איצט ווייסט ער, אַז דער געלבלעכער נעפּל צווישן דיל און באַלקן איז בלויז פאַר אים, די אויגן נעפּלען זיך אים. אַלץ וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין זאַל איז פאַר־ווישט געוואָרן, ווי דער נעפּל וואָלט געוואָרן געדיכט. די פאַרבן פון די קליידער, די פּנימער פון די מענער און ווייבער, די קאַנדעלאַבערס מיט די רויטלעכע וואַקס־פלעמלעך — אַלץ אַלץ מישט זיך אויס און ווערט נישט פאַרמישט. אויך די באַוועגונג פון מענטשן און דער שאָרך פון זייערע טריט זענען אַריינגעמישט אין דעם נעפּל און ער זעט בלויז דעם צעליכטיקטן פּלעק נעבן דעם פאַרווישטן ווייב אויף דער גרויסער שטול. דער ליכטיקער פּלעק באַוועגט זיך האַרט נעבן דער וואַנט, דערנענטערט זיך צו דער טיר פון די אינעווייניקסטע קאַמערן. אויך די הויכע טיר איז פאַרווישט מיט אַ טונקעלן פּלעק, אין וועלכן עס פאַרשווינדט דאָס ליכט. עס קלעמט אים ביים האַרץ, איבערן רוקן ריזלט אַ ציטערניש און עס ציט אים אַהין, ווו די ליכטיקייט איז פאַרשוווּנדן, נאָר זיינע פיס זענען ווי פון בלײַ, ווי פון בלײַ. קוים ווי ער רייסט אָפּ איין פוס פונעם דיל און נאָך שווערער איז אים אָפּצורייסן דעם צווייטן פוס. ער שטרענגט זיך אָן, די היץ פון זיין לײַב ווערט נאָך שווערער און דאָס ציטערניש שטאַרקער. אָט איז ער אין דער פינצטער. אַ פינצטערער חלל. ער זעט גאָרנישט. ער האָט אויפגעציטערט. העלענאַ האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיט דער צווייטער האַנט אים פאַרשטעלט דאָס מויל. ער האָט געקראַמפּט איר האַנט און זי געדריקט אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק. זי האָט אים געפירט דורך אַ פינצטערניש, פון איין קאַמער אין אַ צווייטער קאַמער.

ער האָט נישט געפילט קיין ריכטונג, נאָר ער האָט געפילט ווי ער וואָלט פון עפּעס געטראָגן געוואָרן אין דער לופטן. ער האָט מער קיין כּוח נישט געהאַט, זיך פאַרהאַלטן און זי אַרומגעכאַפּט מיט זיינע אָרעמס מיט אַזאַ אומגעצוימטן כּוח, אַז זי האָט אַ קרעכץ געטאָן:

„איצי, וועסט מיך צעברעכן. נישט דאָ. מיר וועלן זיין אַליין".

ער האָט אירע שטילע ווערטער נישט געהערט. ער האָט זיך אַריינגעקנאָטן אין איר גוף. ס'האָט אים געקלינגלט אין אויער אַן אָפּהילך פון ערגעץ: ‚זיי וועלן זיין צו איין לײַב'.

„נישט דאָ, נישט דאָ" — האָט העלענאַ איינגערוימט אים אין אויער און זיך באַפרייט פון זיין באַרייפונג.

ערגעץ ווו האָט זי זיך פאַרהאַלטן. העלענאַ האָט הינטער זיך פאַרמאַכט אַ טיר. די פינצטערניש איז געוואָרן העלער. ער האָט געזען העלענאַן מיט זיין גאַנצן גוף. זי איז געווען העל און זי האָט געשמעקט מיט יונגע באַרן־קיניוווקעס. איר לײַב איז געווען נאָך הייסער פון זיין לײַב. און ווי נאָענט ער איז געווען צו איר, האָט ער זי גערופן ווי זי וואָלט געווען ווייט פון אים און זי וויל ער זאָל זי דערגרייכן און כאַפּן. ער ציטערט פון בענקעניש נאָך איר.

„העלענאַ, העלענאַ! דער ווינטער דויערט אַן אייביקייט... איך וועל שטאַרבן דעם ווינטער..."

„איצי, מיר איז ערגער פון דיר — פליסטערט זי אַריין אין זיין אויער מיט זיסקייט — די וועלט עקט זיך מיר".

ער האָט זי שטאַרקער אַרומגערייפט מיט זיינע אָרעמס — ‚מיר זענען איין לײַב, איין לײַב און אַזוי וועלן מיר בלייבן. לען זיך נישט אָפּ פון מיר, העלענאַ, אַנטלויף נישט פון מיר. ווו ביסטו? איך האָב דיך געפונען! איך האָב דיך געפונען! מיר זענען איין לײַב און אַזוי וועלן מיר בלייבן'. ‚איצי, דו וועסט מיך אומברענגען. ברענג מיך אום. איך וויל דו זאָלסט מיך אומברענגען. סיי ווי עקט זיך די וועלט'. ‚איך וועל נישט לאָזן, העלענאַ, מיר וועלן בלייבן אַליין, נאָר מיר אַליין, אַזוי ווי איצט. זאָג, העלענאַ, יאָ! זאָג — יאָ'.

יצחק האָט געפלאָטערט און געציטערט איבער איר. זי איז געווען אין זיינע אָרעמס און מורא געהאַט אַז אָט ווערט זי נעלם. זי פאַרזיכערט אים, אַז זיי וועלן זיך מער נישט צעשיידן און אירע ווערטער — ווי זיי וואָלטן פאַרבייגעלאָפן זיין געהער. ער באַגרייפט זיי נישט. ער הערט קוים זיינע אייגענע ווערטער. די פינצטערניש אין דער קאָמער איז פול מיט רויטלעכע ליכטפונקען. זיי קרייזן אַרום איר און אים אין רופן: ‚העלענאַ, דער ווינטער איז אַזוי לאַנג. ביסט אַזוי ווייט פון מיר, אַזוי ווייט. איך וועל שטאַרבן פון בענקשאַפט'. מיט ביידע הענט האָט זי אַרומגענומען זיין קאָפּ, געפונען, אַז די האָר פאַרשטעלן אים דעם שטערן, האָט זי מיט די פינגער זיינע האָר פאַרקעמט און אים איינגעשטילט. זי האָט געזאָגט עפּעס און ער האָט נישט באַגריפן:

„איצי, איך וויל נישט מיר זאָלן זיך צעשיידן... מיינע עלטערן ווילן מיך אויסגעבן".

„וואָס וואָלט געשען מיט מיר אָן דיר? איך וואָלט געשטאָרבן יונג. איך וואָלט דעם ווינטער נישט איבערגעהאַלטן" — האָט ער געפּליסטערט און גענורעט מיט זיין קאָפּ אין איר לײַב.

„מיינע עלטערן ווילן מיך אויסגעבן פאַר אַ זון פון די לודמירער מאַגנאַטן... ער איז אַ העטמאַן... זיינע עלטערן זענען דאָ ביי אונדז..." האָט זי געטוליעט איר פּנים צו זיינעם ער זאָל הערן אירע ווערטער.

אַ רגע איז געוואָרן שטיל און הייס אין דער קאַמער. עפּעס פון אירע ווערטער איז דערגאַנגען צו אים און ווען ער האָט באַגריפן וואָס ער האָט נישט דערהערט, האָט ער זי מיט כּוח אַ ריס געטאָן צו זיך און זי האָט פון איבעררעשונג מיט די הענט זיך אָנגעכאַפּט אָן אים:

„העלענאַ, וואָס פאַלט דיר איין!" — האָט ער זי נישט אַרויסגעלאָזט פון די אָרעמס.

„איך וויל זיין נאָר מיט דיר... אייביק, איצי... נאָר מיינע עלטערן... מיין פאָטער... זיינע עלטערן זענען געקומען מיך זען... איך וויל נישט, איך וויל נישט! הערסט, איצי? איך וויל נישט".

„מיר וועלן אַנטלויפן!" — האָט ער אויסגערופן.

„נאַריש ייִנגל, ווו וועלן מיר לויפן? ס'איז ווינטער... דו ביסט אַ ייִד — האָט זי אים אַרומגעהאַלדזט — איך האָב דיך ליב ווי די גאַנצע וועלט, נאָר מיינע עלטערן..."

יצחק איז שוין געווען אין גאַנצן אויסגעניכטערט און ער האָט אָנגעהויבן פילן ווי די פינצטערניש אין דער קאַמער וואָלט געווען אַ שווערער וואָלקן, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף אים ביסלעכווייז, און זיין האַרץ הייבט אָן קלאַפּן, דאָס מאָל פון ענגשאַפט. ער האָט געהאַלטן אירע הענט:

„העלאַ, מיך אַרט נישט, נישט וואָס איך בין אַ ייִד און דו אַ קאַטאָליקן... איך וועל אַנטלויפן מיט דיר אין עק וועלט! היינט ביינאַכט. שוין איצט!"

זי האָט אַרויסגענומען אירע הענט פון זיינע און ווי אַ דערוואַקסענע פרוי האָט זי געגלעט זיין פּנים, ווי ער וואָלט געווען אַ קינד:

„אָ, איצי, ס'איז אַזוי גוט צו הערן וואָס דו זאָגסט... נאָר לויפן? אַנטלויפן?.. אָ, יעזוס מאַריאַ! מיין פאָטער וואָלט מיך דערהרגעט צוזאַמען מיט דיך".

ביידע האָט זיך אין דער זעלבער צייט אויסגעדאַכט, אַז זיי הערן אַ גערויש אין אַ שכנותדיקער קאַמער. זיי זענען געבליבן זיצן פאַרקראַמפּטע אין הענט און זיך איינגעהערט.

„איצט מוזן מיר זיך צעשיידן — האָט זי געזאָגט — דו וועסט אַרויס דורכן פענצטער און צוריקקומען אין זאַל. איך וועל גיין אַהין דורך די קאַמערן".

אינעם גרויסן זאַל זענען די פּלעמלעך און די קאַנדעלאַבערס געוואָרן רויטלעכער פֿון דער היץ און דעם געלבלעכן נעפּל. אין דער מיט פֿון זאַל האָט געבושעוועט אַ פֿריילעכער שטורעם, געדרייט זיך אין אַ קרייז, אויף אַ טריט זיך אויסגעברייטערט און באַלד צוריק האָט דער ראָד פֿון שטורעם זיך געשלאָסן ענגער. די שטעטלשע ייִדן, מיט אליעזרן דעם דאָקטער און דעם רבי יוחנן, דעם רבי פֿון זיינע זין, האָבן זיך צוזאַמענגעפּלאָכטן מיט די אָרעמס אויף די אַקסלען, די קעפּ פֿאַרריסן אין דער הייך און אַ ביסל אויף דער זייט. די פּיס האָבן זיך אַליין געהויבן. דער אומגעזעענער בשותּפֿותדיקער כּוח האָט געצויגן נאָך זיך דעם טאַנצווירבל. נחמן האָט מיט זיינע פֿעסטע אָרעמס געהאַלטן פֿון איין זייט דעם אַקסל פֿון יוחנן און פֿון דער צווייטער זייט דעם אַקסל פֿון שימעלע דעם שינדלמאַכער און אַלע זיינע כּוחות זענען אַריין אין זיי. זיי האָבן נישט געפּילט ווי זיי טאַנצן, ווי די פּיס הייבן זיך אַליין און אַלע דריי ציִען דעם טאַנץ־געווירבל. אַנטקעגן איז דער ראָד געשלאָסן מיט אליעזר דעם מעדיקוס. נחמן זינגט מיט זיין ברוסטיק קול: ,טי באָזשע גדול! טי בורא וויעלקי!' און יוחנן ענטפֿערט אים: ,הללו את ד' כּל גוים!' רופֿט אויס נחמן: ,באָזשע ישׂראל!' און יוחנן ענטפֿערט: ,שבחוהו כּל האומים!' שימעלע שינדלמאַכער פֿאַררייסט דעם קאָפּ נאָך העכער און זינגט אַרויף צום באַלקן: ,כּי גבר עלינו חסדו!' און דער טאַנץ־געווירבל צעציט זיך, די אָרעמס הייבן זיך אויף אין דער הייך: ,ואמת ד' לעולם הללויה!' און די הענט געפֿינען אָפּ די אַקסלען. נאָר איצט איז יוחנן אַריינגעשפּרונגען אין דער מיט פֿון דעם קראַנץ און אויף איין פֿוס דרייט ער זיך אַזוי ווי אַ חנוכּה־דריידל, אַ מאָל אויף רעכטס און אַ מאָל אויף לינקס. אָט לאָזט ער זיך אַראָפּ מיט די אָרעמס צעשפּרייט און ווערט ווי אַ ראָד, און אָט הייבט ער זיך אויף, ווערט הויך און ציט זיך אַרויף ווי אַ זייל. דער טאַנצקראַנץ ענדערט זיין ריכטונג, די פּיס וואַרפֿן זיך פֿאָרויס און אויף הינטן — אַלץ טאַנצט, אַלץ טאַנצט: די ווענט, די מאַגנאַטן אין די פֿאַרביקע קליידער, זייערע ווייבער, נאָר זיי זענען ווי פֿאַרביקע פֿלעקן, וואָס די טאַנצנדיקע ייִדן זעען זיי ווי זיי וואָלטן פֿאַרבייגעשוועבט פֿאַר זייערע אויגן. איצט איז דער געלבלעכער וואָלקן דורכגענומען מיט שווייס. די היץ איז געדיכט, נישט צו כאַפּן דעם אָטעם. עס הערט זיך אַ האַסטיק פּאַטשן מיט די הענט, ווי עס וואָלט געקלאַפּט האַלץ אין האָלץ און דער טאַנץ פּלאַצט מיט יוחננס אויסגעשריי: ,רבונו־עולם, אַלץ פֿאַר דיר!'

אויסטערלישע פּאַרלויפעניש

אַז דער טאַנץ פון די שטעטלשע ייִדן האָט אויסגענומען ביים גראַף, האָט אליעזר אָפן געמאַכט ביי זיך אַ מנין פאַר דער כּת חסידים. ער האָט עס געטאָן אויך פאַר יוחנן, כּדי אים צוצובינדן צום הויז. ער זאָל אויסער רבי פאַר זיינע זין אויך זיין דער מנהיג פון די מעזעריטשער לייט אין שטעטל. די חסידים האָבן דעריין געזען אַ הילף פון הימל פאַר זייערטוועגן. זיי וועלן מער נישט דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן מיט זייער שטייגער פון דאַווענען און התנהגות. דער דאָקטער איז אַן אַראָפּגעשיקטער פון הימל, אַ מכניס־אורח, וואָס קיין צווייטן אַזעלכן זעט מען נישט אין דער גאַנצער וועלט. נאָך יעדן דאַווענען אין די שבתים מאַכט ער אַ קידוש, פון וועלכן מען איז זאַט ביז דעם צווייטן שבת. און זיין אישה, זעלדע, איז גאָר אַ סוד אויסצוזאָגן. אַ צוויטע ברוריה. שבתדיקע מאכלים גרייט זי צו — פּלאַי־פּלאים. אַז מען דאַרף גאָר נישט קיין ציין צו עסן די פליישן און די געבעקסן. זיי צעגייען אין מויל ווי מן פון הימל.

דערוויל האָט זעלדע געקויפט דאָס פלייש פאַר איר קיך ביי אייזיקל דעם קצב און פון ר׳ שמעלקעס שחיטה. נאָר יוחנן האָט געזאָגט, אַז ווען די עדה וועט מערטשעם ווערן גרעסער, וועט פלייש קומען פון אַ קהילה ווו די שחיטה איז מיט אַ געשליפענעם חלף, ווי דער מעזעריטשער רבי איז זיך נוהג. דאָ, אין רודניצע, דאַרף מען זיך מער נישט אויסבאַהאַלטן פון די מלשינים, נישט פון ווילנע און נישט פון בראָד. פריִער דער בורא־עולם און דערנאָך דער דאָקטער אליעזר מיט דעם גראַף פּאָטאָצקי וועלן פון איצט אָן זיי שיצן פון אַלע נגישות.

אַז די חסידים, די וואָס האָבן זיך ביז איצט אויסבאַהאַלטן מיט זייערע חפצות, האָבן שבת נאָך שבת אָנגעהויבן פאַרשווינדן פון שטעטל און אַפילו צו אַ שפּעטן מנין אין קלויז די נאָז נישט אַריינגעשטעקט, איז דער רב ר׳ שמעלקע געוואָרן מלא חימה. ער האָט נאָך פון פריִער געוווסט, אַז אין זיין קהילה האָט אויסגע־בראָכן די שׂרפה. ער האָט די שׂרפה געפילט מיט אַלע זיינע רמ״ח אֵברים. האָט ער דאָך אין קלויז בעת זיינע דרשות געקלאַפּט אין שולחן מיטביידע פויסטן און גערופן זיין הייליקע עדה זי זאָל נישט אַראָפּגיין פונעם דרך־הישר, נישט אַ טריט אויף לינקס און נישט אַ טריט אויף רעכטס, און אַז טאָמער עמעצער וועט עפּעס וואָס זען פון די סימנים פון די מעזעריטשער לייט, זאָל מען אים דערוועגן אַפילו אויפוועקן אין דער מיט נאַכט. נאָר די צוויי לייט, נחמן גאַרבער און שימעלע שינדלמאַכער, וואָס יונה דער שמש און זיינוול דער וואַסער־טרעגער האָבן זיי געזען אין די מיאוסקייטן פון דער כּת, האָבן פאַר אים געלייקנט שטיין און ביין.

איצט האָט זיך די שׂרפה אויסגעשפּרייט אַז ער ווייסט שוין נישט ווער עס ברענט און ווער ס׳איז אַ כּשרער ייִד אין זיין עדה. די לייט וועלן חלילה ברענגען אויף דער קהילה אַן אומגליק. אַז וועדליק דער חרם פון ווילנער טאָר מען נישט קומען אין די ד׳ אמות פון די לייט און מען טאָר זיך מיט זיי נישט מתחתן זיין — ווי זשע וועט ער איצט וויסן צו אונטערשיידן צווישן די פרומע לייט און די שמדניקעס?

אין זיינע פאַרכטלעכע חשדים האָט ר׳ שמעלקע אַפילו צוגעלאָזט דעם רעיון, אַז די לייט זענען אַוועק נאָך ווייטער. דאָס וואָס איז דערגאַנגען צו אים, אַז די לייט האָבן געטאַנצט בעת דער סעודה ביים גראַף אין הויף, האָט געקענט זיין אַ סימן, אַז נישט קיין מעזעריטש צו דעם מגיד דב בעריש ציִען זיי, נאָר קיין טשענסטאָכאָוו צו יעקב פראַנק ציִען זיי. אָלא וואָס? די קלעזמאָרים פון קאָמעניעץ, אַז זיי זענען דורכגעגאַנגען דאָס שטעטל נאָך דער סעודה, האָבן דערציילט, אַז דער גראַף אַליין האָט זיי געוואָלט מכבד זיין מיט מאכלים און מיט משקה, געבעטן זיך ביי זיי, ווי מען בעט ביי גזלנים, זיי זאָלן עסן, און זיי האָבן געזאָגט: „יאַשניע גראַף, אַז מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון קאָמעניעץ האָבן מיר זיך אָנגעגעסן אַז עס וואָלט געווען גענוג אויף צוויי וואָכן, איז גיי און גיס אַריין אין איין פּעסל וואָס עס קען נישט אַריין אין צוויי פּעסלעך״. אַזוי אויך האָבן די קלעזמאָרים דערציילט, אַז נאָך מער ווי צו זיי איז דער גראַף צוגעשטאַנען צו די טענצערס זיי זאָלן עסן און טרינקען פון דעם בעסטן און שענסטן. האָט דער ייִדישער דאָקטער — איי, איי, מיט וואָס פאַר אַ התלהבות ער האָט עס געטאַנצט! — געזאָגט צום גראַף: „ערשטנס האָבן זיך די לייט אָנגעגעסן ביי מיר איידער זיי זענען געקומען טאַנצן, והשנית טאָרן זיי נישט טועם זיין פון עסן נאָך אַזאַ טאַנצן, סיידן נאָך דעם ווי זיי וועלן זיך אויסשלאָפן״. פון אַזאַ דערציילן האָט ר׳ שמעלקע אַרויסגעדרונגען, אַז אַזוי ווייט ווי קיין טשענסטאָכאָוו איז נאָך די כּת אין שטעטל נישט אַוועק, נאָר די שׂרפה ברענט סכּנת־נפשות, און וואָס פריִער ער וועט זי פאַרלעשן אַלץ שנעלער וועט ער אָפּראַטעווען זיין עדה פון אַ גרויסער צרה.

האָט ר׳ שמעלקע פאַררופן צו זיך אייזיקל דעם קצב, די צוויי באַלעגאָלעס, שיִע מעכלס און דעם לאָמען הענעך, און פאַר זיי אַוועקגעשטעלט אָקעוויט. אייזיקל דער קצב איז געווען אַ רויטער ייִד. ער האָט געהאַט רויטע האָר, אַ רויט פּנים, רויט־פאַרלאָפענע אויגן און אויך זיינע הענט, ווי צוויי שופלעס, זענען געווען רויטע. אַ געשאָכטענע קו שלעפּט ער מיט אַזאַ לייכטקייט ווי זי וואָלט סך־הכּל געווען נישט מער ווי אַ בעמבעקי, וואָס ביי אים וועגט זי גאָרנישט. טאָמער קומט אים אויס איבערצוהאַקן אַ ביין פון אַ צעפערטלט שטיקל און דער טאָפּער קומט אים נישט אונטער דער האַנט, טוט ער אַ פּלעם מיט דער דיקער זייט פון זיין שופלע־האַנט און דער ביין איז איבערגעבראָכן. נאָר פאַר ר׳ שמעלקען ציטערט ער אימת־מוות. אַז דער רב זאָגט אים „מע דיך אויף יענער וועלט קאַטעווען מיט אייזערנע ריטער״ ווערן זיינע אַקסלען שמעלער און ער באַהאַלט זיינע הענט אויף הינטן. ער קוקט דעמאָלט דעם רב אין די אויגן אַריין ווי אַ פאַרשולדיקט הינטל אין די אויגן פון זיין באַלעבאָס. ווידער שיִע מעכלס דער באַלעגאָלע און דער

לאָמער הענעך דער באַלעגאָלע זענען לייט פון אַ גאַנץ יאָר. נאָר הענעך איז אַ בעל־מום — ער האָט אַ מאָל אָפּגעפרוירן אַ פוס אויף אַ פראָסט. האָט מען אים דעם פוס אָפּגעשניטן ביז דער קני און פון דעמאָלט אָן גייט ער אויף אַ האָלץ־סטעמפקע — אַן אויסגעהוילטער שטיק האָלץ אויף אָנצוטאָן אויף דער צעדריוול־טער קני און פון אונטן פאַרשניצט אויף אַ פלאַקן. נאָר זיינע כּוחות האָט ער נישט פאַרלוירן. ער גייט אַ ביסל איינגעבויגן, וויגט זיך אויף דער האָלץ־סטעמפקע ווי אַ סטראָשידלע אויפן פעלד. עס דאַכט זיך, אַז אָט, אָט און ער וועט פאַלן טאָמער וועט מען אים אָנרירן. אָבער דאָס איז בלויז למראית־עין. הענעך פאַר־מאָגט צוויי אָרעמס ווי צוויי אייזערנע שטאַבעס. אַז ער כאַפּט אַריין עמעצנס קאָפּ צווישן אַן אָרעם, אָדער ווען ער קלעמט עמעצן אַרום, מוז ער דעם עמעצן שפּעטער אָפּמינטערן פון חלשות. טאָמער טוט ער אַזאַ זאַך צו אַ גוי, מונטערט ער אים אָפּ און ווישט אָפּ די הענט אין זיין טלית־קטן. אויך שׂיִע מעכלס זעט אויס ווי אַ נעבעכל. פון זיין קאָלטענעוואַטער באָרד, ווי זי וואָלט געוועז פון פּאַקעלעס, קוקט אַרויס אַ קינדיש פּנים מיט גראָע אויגן. עס דאַכט זיך אַז די אויגן וווּנדערן זיך פון דעם וואָס זיי זעען אַזאַ שטאַרקע וועלט איבער די כּוחות. ווי קען זיך אַ מענטש אַן עצה געבן אין אַזאַ שטאַרקער וועלט? האָט אָבער שׂיִע מעכלס אַ שפּיציקן עלנבויגן, ווי אַ פּיקע, און אַ פוס, ווי דער פוס פון אַן אָגער. צי עמעצער קומט אונטער זיין עלנבויגן, אָדער זיין פוס, איז אַלץ איינס. מער ווי אַן „אוי״ קען דער קרבן נישט אַרויסלאָזן.

בעיקר פאָרן זיי ביידע, שׂיִע מעכלס און הענעך, מיט סוחרים אויף יאַרידים. אַלע מאָל צוזאַמען. ווארום די צייטן זענען ביטערע און די וועגן זענען פול מיט רויבערס, גזלנים און צו זיי אויך שדים. אַז זיי זענען ביידע צוזאַמען האָבן זיי נישט מורא, נישט פאַר רויבערס און נישט פאַר גזלנים. ס׳האָט שוין געטראָפן: ס׳זענען זיי אַנטקעגנגעקומען צוויי כאַמעס מיט קאָסעס, געזאָגט דעם פּסוק „גיב גאָט גליק״ און דערנאָך האָבן זיי געזאָגט: „די זשידעס אויף די צוויי וועגענער דאַרפן געבן זייער געלט. ס׳איז נישט זייער געלט״. האָט דער לאָמער הענעך זיך אַ שאָקל געטאָן אויף זיין האָלץ־סטעמפקע און אויסגערופן צו די זיצנדיקע אויף די וועגענער: „ייִדן, גיט דאָס געלט צו די פּאַנעס. ס׳איז נישט איַיער געלט!״ האָבן די ייִדן פאַרשטאַנען, אַז הענעך איז נישט אַראָפּ פון זינען און זיי האָבן זיך גענומען צו די טייסטערס. די גזלנים זענען געוואָרן ווייך ווי שניי אין אַן אָדליגע און דער האָט זיך דערנענטערט צו איין וואָגן און דער צווייטער צום צווייטן וואָגן. נאָר ווי זיי זענען געשטאַנען מיט די פּנימער צו די וועגענער, האָט הענעך איינעם אַרומגעכאַפּט מיט זיינע אייזערנע אָרעמס, אַז דער גזלן האָט אַפילו נישט באַוויזן אַרויסצולאָזן אַן „אוי״ און איידער ער האָט אים אָפּגעלאָזט אויף דער ערד, איז דער צווייטער אַרויפגעפאַלן אויפן וואָגן, ווי עמעצער וואָלט אים אַרויפגע־וואָרפן. דאָס האָט שׂיִע מעכלס אים איבערגעהאַקט דעם רוקן מיט זיין שאַרפן עלנבויגן. דערנאָך האָט ער פאַרנומען ביידע קאָסעס, אַראָפּגעוואָרפן דעם קרבן

פון זיין וואָגן און אויסגערופן: „די קאָסעס עמיר פאַרקויפן אויפן יאַריד און דאָס געלט וועט גיין אויף אָקעוויט".

אָט די דריַי לייט האָט דער רב ר' שמעלקע גערופן צו זיך אויף צו לעשן די שׂרפה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין זיין הייליקער עדה. ער האָט פאַר זיי אויסגעמאָלן די שרעקן פונעם גיהנום, וואָס עס דערוואַרט דער גאַנצער עדה יידן פון וועגן די זינד פון דער כּת. אַז איין ייִד טוט אַן עבירה, זינדיקט קעגן דער תּורה, פאַלט די זינד אויף אַלע יידן; וואָרום אונטער דעם באַרג סיני, ווען דער־אין־הימל האָט געגעבן די תּורה, האָבן אַלע יידן זי אָנגענומען, און דערום ווען איינער איז נישט מקיים די תּורה איז ווי אַלע וואָלטן זי נישט מקיים געווען. איז געקומען די כּת און זי איז מורד אין דער הייליקער תּורה, די לייט דינען דער עבודה זרה, שפּרינגען ביי די תּפילות, קאַטשען זיך קאָזשלקעס רחמנא־ליצלן. די כּת איז מטמא יידן. אויף איר איז חל דער חרם פון דער הייליקער קהילה ווילנע און דער חרם פון דער הייליקער קהילה בראָד און מען דאַרף זי עוקר מן השורש זיין, זי אויסברענען און אויסקאָרנייען, אַז קיין שׂריד ופליט זאָל פון איר נישט בלייבן לעולם ועד. ווער עס וועט מקיים זיין אָט די מצווה צו באַשטראָפן די פּושעים און אָפּצושרעקן די תּמימים, וועט זוכה זיין צו עולם־הבא. אין גן־עדן וועט ער זיצן נעבן די הייליקע אָבות, ער וועט הערן דאָס געזאַנג פון די לויים און הערן די תּורה פון משה רבינו זכרונו לברכה און פילן אויף זיך די שכינה.

„איז וואָס זשע דאַרף מען טאָן, הייליקער רב?" — האָט געפרעגט אייזיקל און די אַנדערע צוויי האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, אַז אויך זיי פרעגן די זעלבע שאלה.

האָט ר' שמעלקע געענטפערט אַזוי צו זאָגן:

„קודם־המעשׂה דאַרף מען די פּושעים באַכשפירן און זען ווער פון זיי פּעדערט זיך אין די שבתים צו דעם אשמדאי הנקרא דאָקטער אַרטאַפּאַנוס, אַן אויסטער־לישער נאָמען וואָס איז מיר לכתחילה נישט געפעלן געוואָרן. דערנאָך וועל איך זיי מזהיר זיין, כאַטשקל צו שטיין אין די ד' אמות פון יעדן פון זיי איז מוקצה. און באָם זיי וועלן נישט אַרויף אויפן דרך־הישר, וועט מען זיי איבערגעבן אין די הענט פון דער ממשלה, אַז זיי זענען מורדי־מלכות".

„ברעכן די ביינער!" — האָט הענעך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האָלץ־סטעמפּקע אין דיל.

„דאָס וואָס איך זאָג, הייליקער רב" — האָט אויסגעשטרעקט זיינעביידע הענט אייזיקל.

„מע דאַרף איבערקויפן די ממשלה זי זאָל די לייט שיקן אין דער קאָמעניעצער תּפיסה" — האָט געעצהט שיִע מעכלס.

„מיט גאַוורילען וועט מען שמועסן. ס'אי דאָ ווער עס זאָל מיט אים שמועסן" — האָט ר' שמעלקע מיט זעלבסטזיכערקייט אַריינגעשטעקט די הענט אין גאַרטל.

די ווערטער, אַז ס'איז דאָ ווער עס זאָל שמועסן מיט גאַוורילען, איז נישט געפעלן אַלע דריַי לייט. ווערליק ווי דער רב האָט זיי צוגעזאָגט עולם־הבא און

צו זיצן אין גן־עדן נעבן די הייליקע אָבות, זענען זיי גרייט אַלץ צו נעמען אויף זיך. ער, אייזיקל, האָט גאַווירילען אין קעשענע פּאָר אַ שטיק לונג־און־לעבער. און זיי, שיִע מעכלס און הענעך מיט דער האַלץ־סטעמפּקע, קענען די לייט אַוועק־פירן אַפילו אויפן גוטן אָרט. אַז די פערד קענען שלעפּן לעבעדיקע יִידן אויף יאַרידים אַזש ביז זשולקעוו צי יעראָסלאַוו, וועלן זיי, נישקשה, די טויטע שמדניקעס קענען שלעפּן צום בית־הקברות. דער רב ר׳ שמעלקע דאַרף נאָר זאָגן איין וואָרט.

דערווייל זענען אין שטעטל זיך פאַרלאָפן אויסטערלישע פאַרלויפעניש: יוקל וויניצער, דער וואָס האָלט די ברויערײ אין רודניצער הויף, איז איין מאָל נאָך האַלבער נאַכט פאַרבייגעפאָרן די שול און ער האָט געהערט אויסרופן זיין נאָמען מיט אַ ניגון פון אויפרופן צו דער תורה. איז ער נישט פאַרפאָרן אַהיים, נאָר גלייך אַוועק צום רב, אים אויפגעוועקט און אים דערציילט די מעשׂה. האָט ר׳ שמעלקע זיך געקראַצט אין דער באָרד און געזאָגט, אַז דאָס איז פון וועגן די פּושעים, די כּת, וואָס מחמת אירע זינד איז צווישן די שדים געוואָרן אַ צעיאַכמעניש. רופן זיי אים איצט אויף צום ספר. ער וואָלט אַליין גענומען דעם שטעקן און געגאַנגען מיט אים, מיט יוקלען, אין דער שול, נאָר די פיס ברעכן אים סכנות־נפשות. ער האָט דעם טאָג צוויי מאָל דורכגעמאַכט דעם וועג צו דעם הויז פון דעם דאָקטער אין רודניצע. דערום דאַרף יוקל גיין אויפוועקן דעם שמש און ער, ר׳ שמעלקע, וועט אים געבן דעם שטעקן. איז יוקל געלאָפן און אויפגעוועקט יונה שמש און דער שמש האָט גענומען דעם שטעקן און ביידע, יוקל און יונה, זענען געגאַנגען אויפ־וועקן זיינוול דעם וואַסער־טרעגער, וואָס פּופט אין בית־מדרש. וואָרום צום מינערסטן דאַרפן אַרויף אויפן בעלעמער אין אַזאַ מעמד דרײַ אירע.

גראָד נעבן דעם בית־מדרש האָט זיך פאַרלאָשן דאָס פלעמל פון יונהס לאָמ־טערן און דער שמש האָט אַ קרעכץ געטאָן ווי אַ גרויס אומגליק וואָלט געשען. געוווּסט האָט ער געוווּסט, יונה דער שמש, נאָך פון די אַלטע צייטן, אַז טאָמער רופן אויף די שדים עמעצן נאָך חצות, וואַרטן זיי נישט אויפן בעלעמער, נאָר זיי שמאָרען אַרום ווו נאָר אַ קנייטש און זיי באַגלייטן דעם אויפגערופענעם אויף טריט און שריט. איצט האָט ער נישט קיין קינדל אויף ס׳ביי אָנצוצינדן דעם לאָמטערן. גייט ער אַריין ווי אַ בלינדער אין בית־מדרש און שרייט אַריין אין דער פינצ־טערניש:

„זיינוול, זיינוול! ווו ביסטו, צו אַלדי גוטע יאָר?!"

„אַ פּאָר וואַסער?!" — איז צוריקגעקומען אַ קול פון דער פינצטערניש.

„וואַסער־שמאַסער, סיידן צו נטילת־ידים. פּוף נישט. שטיי אויף!"

יוקל איז שוין געווען דערגזנט און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

„ווו איז ער דאָרט? איך וועל אים אַרויסשלעפּן ביים גאַרטל!"

פון דער פינצטערניש האָט זיך אַרויסגעשאַרט זיינוול און מיטגעבראַכט מיט זיך דעם וואַרעמען עיפּוש פון שלאָפן אין די בגדים.

נישט זיינוול האָט געפרעגט און נישט יונה שמש האָט אים דערציילט וואָס און ווען, נאָר אַלע דריי לייט זענען אַוועק אין שול אַריין. כאָטש אין דרויסן איז

געוועז פראַסטיק האָט יוקלען געפעלגעט דאָס פּנים פון היץ און ס׳האַרץ האָט זיך אים געטרייסלט פון פחד. דער ערשטער איז געגאַנגען יונה שמש. ער האָט אויפגעהויבן די לאַמטערן צו באַלייכטן די שול כאַטש די לאַמטערן האָט נישט געברענט. נאָך אים איז געגאַנגען יוקל און דער לעצטער איז געגאַנגען זיינוול.

„ס׳הייליקייט דאַרף אַ פּאָר וואַסער" — האָט ער זיך גראָד איצט דערמאָנט און יונה האָט אים איבערגעריסן מיט אַ „ש־ש־ש, ניטע!" און געזאָגט האָט ער מיט אַ געזעגנגל:

„רבותי, נישט אַרומקוקן זיך, נישט רעכטס, נישט לינקס און חלילה זיך נישט שטרויכלען".

זענען אַלע דריי אַרויף אויפן בעלעמער פון דער פינצטערער שול און יונה שמש האָט אַריינגעצויגן יוקלען צווישן אים און זיינוולען און געזאָגט מיט דעם זעלבן געזענגל:

„נו, מאַך די ברכה!"

האָט יוקל געפלאָמט און געפלאַמט און קיין וואָרט פון מונד נישט געקענט אַרויסברענגען.

„איז וואָס ס׳וואָרטעניש? — פרעגט דער שמש מיט אַ ציטערניש אין קול — אויף משיח וואַרטסטו?!"

מיט שרעק האָט יוקל געענטפערט:

„כ׳האָב פאַרגעסן די ברכה".

„ווי און ווינד — האָט יונה אַרויסגעפּליסטערט און געטאַפּט מיט די הענט דעם שולחן, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפינען צי דער ספר ליגט אָן אָפענער — זאָג מיר נאָך — ,ברוך אתה... נו, ברוך אתה..."

יוקל האָט נאָכגעזאָגט די ערשטע ווערטער ווי עס איז אים פּלוצים ליכטיק געוואָרן אין מוח. ער האָט צוריקגעפונען די ברכה און זי געזאָגט מיט אַזאַ פלאַם, אַז דער ,נותן התורה׳ האָט אָפּגעקלונגען אין דער שול מיט אַ ווידערקול. איצט האָט דער שמש אַרונטערגענומען דעם רבס שטעקן הינטער דעם אָרעם פון דער האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם אויסגעלאָשענעם לאַמטערן, און מיט דער צווייטער האַנט אַ פּלעם געטאָן אין שולחן:

„שדים, איך בין גוזר אויף אייך בשם המרא דאתרא ר׳ שמעלקע איר זאָלט גיין אין אייַער רו אַריין!" — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ געביטן קול און מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אַפּערגענומען דעם שטעקן פון אונטערן אָרעם.

אַז יוקל וויניצער איז געקומען אַהיים אַ צעשראָקענער און צעטומלטער, האָט ער זיין אייגענע היים נישט דערקענט. ביים געלעגער פון זיין ווייבס בעט האָבן זיך געפּאַרעט טעלעכע נשים מיט אַזעלכע קולות ווי דאָס בעט וואָלט געוועז אַרומגענומען מיט פלאַמען. דאָס האָט זיין ווייב געמפּלט אין זיבעטן חודש און די ווייבער האָבן אָפּגענומען אַ טויטן זכר.

מיט אַ טאָג שפּעטער נאָך דעם פאַרלויפעניש האָט איינער פון די חברה־קדישא־לייט געפונען אויפן בית־עלמין דעם שטאָטישן באָק אַ געשאָכטענעם און מיט אַ

צוגעבונדן פיסל צו אַ מצבה. כאָטש דער באָק האָט געהאַט אַן איבערגעשניטענעם גאָרגל, איז אויפֿן ווייסן שניי נעבן דער מצבה נישט געווען צו זען קיין סימן פֿון בלוט. איז דער חברה־קדישא־מאַן געלאָפֿן צום רב פֿרעגן אַ שאלה. האָט ר׳ שמעלקע פֿאַרבראָכן די פֿינגער און געזאָגט אונטער דער נאָז:

„ס׳איז אַלץ דערוועגן די פּושעים. זיי וועלן חלילה אומברענגען די קהילה״, נאָר קיין תשובה אויף דער שאלה האָט ער נישט געגעבן.

האָט דער חברה־קדישא־מאַן ווידער געפֿרעגט:

„זאָל מען אים טאָן זיין רעכט?!״

האָט דער רב געענטפֿערט:

„ווייסט נישט ווי מען איז זיך נוהג מיט אַ באָק אַ בכור?״

האָט דער חברה־קדישא־מאַן פֿאַרשטאַנען, גערופֿן נאָך צוויי אירע מיט לאָפּאַ־טעס און אַוועק באַערדיקן דעם באָק. פֿון דער ווייטנס האָבן זיי געהערט דאָס מעקען פֿון דעם באָק מיט אַ מעקעניש ווי ער וואָלט געשריגן געוואַלד מען זאָל אים ראַטעווען. אַלע דריי אירע האָבן געהערט אַז דאָס מעקעט דער שטאָטבאָק. האָבן זיי געאײַלט מיט פֿלעמענדיקע הערצער און אַז זיי זענען צוגעקומען צום אָרט ווו דער חברה־קדישא־מאַן האָט געפֿונען דעם געשאָכטענעם באָק, איז דער באָק נישט געווען און נישט דער שטריק, מיט וועלכן ער איז געווען צוגעבונדן צו דער מצבה. אויפֿן ווייסן שניי איז אַפֿילו קיין סימן נישט געווען, אַז אויף אים איז געלעגן דער באָק. האָבן די לייט אויסגעזוכט צווישן אַלע פֿאַרשנייטע קברים, געזוכט ווו נאָר אַ שנייאיקער פֿאָלד נעבן אַ קבר, געזוכט פֿון דער און פֿון יענער זייט פּלויט און קיין זכר פֿונעם באָק איז נישט געווען.

האָבן ייִדן אין שטעטל געזאָגט:

„זאָל עס זיין פֿאַר אַן אַפּיקומעניש״.

נאָר נישט אַזוי האָט געזאָגט דער רב ר׳ שמעלקע. ער האָט אין דעם אָוונט פֿון דעם טאָג ווען ס׳איז געשען די מעשה מיטן שטאָטישן באָק, געהאַלטן אַ מוסר־דרשה אין בית־מדרש. מיט אַ וויינענדיק קול האָט ער גערופֿן די עדה זי זאָל זיך אָנגורטן פֿון קליין ביז גרויס צו לעשן די שׂרפֿה. יעדער וואָס ווייסט עפּעס וועגן די לייט פֿון דער כת, וואָס גייט נאָך נאָך דעם רב דב בעריש פֿון מעזעריטש, זאָל ער אויסגעבן און דעם וועט מען פֿאַרטרייבן פֿון דער שטאָט, אַז די שדים און נישט־גוטע זאָלן מער קיין שליטה נישט האָבן. אויסער דעם דאַרף מען אין יעדן הויז און אויף יעדן ביישטידל פֿון אַ טיר איבערקוקן די מזוזות. נאָך דער דרשה האָט ר׳ שמעלקע פֿאַררופֿן צו זיך גאַוורילען, וואָס איז געווען דער היטער פֿון דעם שטעטל.

ווען גאַוורילע וואָלט נישט געטראָגן די בגדי־שליטה מיט דער שאַשקע ביי דער זייט, וואָלט מען אים אָנגענומען פֿאַר אַ ייִד. ער האָט געהאַט אַ ברייטע און גראָבע שוואַרצע באָרד מיט דיקע ברעמען, וואָס האָבן אים כמעט פֿאַרשטעלט די אויגן. ער האָט גערעדט ס׳ייִדישע לשון ווי אַלע ייִדן אין שטעטל און אין זיין ייִדישן לשון אַריינגעמישט פּסוקים. נאָר קיין מאָל האָט גאַוורילע נישט גע־

וווּסט ווי מען שטעלט אַוועק וועלכן פּסוק. די פּסוקים זענען פון אים אַרויסגעקומען צעפּאַלפּערטע און צעלאָמיעטע ווי ביי אַן עם־הארץ. טאָמער האָט מען גאַוורילען געגעבן אויסצוטרינקען אַ מייסטל אָקעוויט, פלעגט ער זיך כאַפּן מאַכן אַ ,שהכל׳, נאָר אַז מען האָט אים עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז ער איז פּטור פון צו מאַכן אַ ברכה, האָט ער דאָס מייסטל אַריינגעגאָסן אין האַלדז אַריין ווי אין אַ קוימען.

ווי אַלע ייִדן האָט אויך גאַוורילע נישט מחלל שבת געווען. שבת אין דער פרי פלעגט ער גיין צו דעם און צו יענעם, דאָרט נעמען אַ ליאַמפּקע שליוואָוויץ, דאָ נעמען אַ ליאַמפּקע פּיאָלון, צי גאָר אָקעוויט און באַלד ווערן שיכּור. איז ער מיט אַ ניגון געגאַנגען אַהיים און איבערגעשלאָפן דעם שבת. נאָר ווען אין גאַוורילען פלעגט זיך צעקאָכן די יוכע פאַר דעם מלך און זיין געזעץ, איז ער געוואָרן אַ גוי ווי אַלע גויים. ער פלעגט דעמאָלט אַרויסכאַפּן די שאַשקע, פאָכען מיט איר אין דער לופט, ווי ער וואָלט חלילה געגאַנגען שעכטן, דערנאָך די שאַשקע צוריק באַהאַלטן, אַריינשטעקן צוויי פינגער צווישן די ליפּן און אָנהויבן פייפן מיט אַזאַ שאַרפקייט ווי עס וואָלט אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. נאָר ווי גאַוורילע האָט זיך צעפּעלגעט מיט רציחה, אַזוי האָט ער זיך איינגעלאָשן ווי נאָר מען האָט אים עפּעס אַריינגעלייגט אין דער האַנט אַריין.

האָט דער רב ר׳ שמעלקע פאַררופן צו זיך גאַוורילען און אים דערציילט וועגן די זוועות פון דער כּת, וואָס פריִער דער עם־הארץ פון מעזשיבאָזש און דערנאָך דער מגיד פון מעזעריטש האָט זי אויפגעשטעלט און זי, די כּת, שטייט אָן אויף דער וועלט. ביז איצט זענען זיי טאַקע מורד בלויז אין דער תּורה און אין די פרומע לייט, זיי דאַווענען פון אר״י הקודשס סידור, קאַטשען זיך קאָזשלקעס און שפּרינגען און טאַנצן ביי די תּפילות, ווי זיי וואָלטן באַקומען ס׳פּאַליקע. נאָר טאָמער וועט מען זיי לאָזן, וועלן די לייט אויך מורד זיין אין מלך און אין דער גאַנצער ממשלה מיט אירע חוקים. וואָרום די לייט זענען הפקר־מענטשן. האָבן נישט קיין דרך־ארץ אַפילו פאַרן ווילנער גאון. און ליגן ליגן זיי שוין אין חרם ווי שמדניקעס.

„גאַוורילע־סערצע, איידער די לייט זענען מורד במלכות דאַרפסטו זיי אַוועקפירן קיין קאַמעניעץ און זיי אַריינוואַרפן אין דער תּפיסה, אַז זיי זאָלן מער די ליכטיקע שיַין נישט אָנזען״.

גאַוורילע האָט צעטראָגן געפינטלט מיט די אויגן. פון דעם וואָס דער רב האָט אים געזאָגט האָט ער ווייניק וואָס פאַרשטאַנען, אָבער שוין דאָס אַליין וואָס עמעצער איז דאָ מורד במלכות און גייט דאָ ברעכן די חוקים, דאָס האָט אים געמאַכט שוויצן די נאָז. זאָל אים דער רב שוין זאָגן ווער און וואָס און ער וועט אים שליסן אין קייטן.

„גאַוורילע־סערצע, זיי וועלן דיר אַליין אַריינפאַלן אין די הענט״ — האָט ר׳ שמעלקע אים צוגעזאָגט.

נאָך דער מעשׂה מיטן אויפרופן אים צו דער תּורה נאָך חצות אין דער שול,

און דערצו נאָך וואָס זיין ווייב האָט געמפּלט אין זיבעטן חודש אין דער זעלבער נאַכט, האָט יוקל וויניצער געקלעפּט צום רב. אויב דער רב זאָגט, אַז אין אַלץ זענען שולדיק די לייט, וואָס זאַמלען זיך ביי דעם דאָקטער אין הויז, דאַרף ער העלפן זיי אויסקאָרבייען. די זאַך איז אים גאָר נוגע. סך־הכּל איז זיין אָפּמאַך מיט דעם גראַף וועגן פּאַכטן די ברויעריי אין רודניצע אויף נאָך צוויי יאָר. צוויי יאָר לויפן אַריבער ווי אַ שאָטן, קען דאָך זיין, אַז פון וועגן דעם דאָקטער זאָל עמעצער פון די לייט אים אויסדינגען די ברויעריי. דערום דאַרף מען דעם רב העלפן צעטרייבן די חברותא. מכּל־שכּן, אַז דאָס וואָס עס טוט זיך אָפּ מיט די נישט־גוטע איז נאָך נישט געהערט געוואָרן. האָט יוקל אָנגעהויבן נאַכקוקן, שמעקן, הערן וואָס אַלץ מען רעדט אין הויף און צוטראָגן דעם רב. כּלומרשט פאַר דעם כּבוד פון דעם דאָקטער אליעזר האָט יוקל געבראַכט צום דאָקטער אין הויז אַן אַנטאַלעק ביר פון דער ברויעריי. ער האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט דער אישה. ער האָט געוואָלט פון איר אַרויסבאַקומען וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אָפּ ביי איר שטוב אין די שבתים.

זעלדע איז געווען באַרעדעוודיק און געדאַנקט גאָט פאַר דעם וואָס ער האָט אין איר הויז צוגעשיקט ייִדן. וואָרום ווען זי האָט זיך אַהערגעקליבן פון דעם כּרך בראָד, איז זי געווען זייער באַטריבט. זי איז געווען פאַרוואָרפן אין אַ עק. אויסער די פאַרבייגייענדיקע פון הויף, צי די ציגיינער, וואָס פלאָנטערן זיך אַרום אין דער געגנט, האָט זי קיין מענטש פאַר די אויגן נישט געזען. איצט ווייסט זי צו וואָס זיך צו גרייטן אַ גאַנצע וואָך — צום שבת, צו דער סעודה, צו דער פריילעכקייט, וואָס זי האָט גאָרנישט געוווסט, אַז אַזאַ איז מעגלעך ביי ייִדן. מיט די טענץ צעזעצן די לייט דאָס הויז. זאָלן זיי! זי איז געווען זיכער אַז נאָר די ייִדן פונעם שטעטל זענען אַזעלכע פריילעכע און קענען אַזוי שיין טאַנצן. אָבער יוחנן, דער רבי פון אירע זין זאָגט, אַז אַלע חסידים, ווו נאָר זיי זענען פאַראַן, צי אין פוילן, צי אין פאָדאָליע צי אין ליטע, פירן זיך מיט דעם זעלבן שטייגער. ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב האָט געזאָגט — דערציילט יוחנן — אַז ווען ייִדן פרייען זיך איז אויך גאָט זיך משׂמח. דער־אין־הימל האָט נישט ליב קיין עצבֿות. און נאָך האָט געזאָגט זעלדע, אַז איר מאַן האָט שוין אין הויף באַשטעלט דאָס געהילץ אויף צו בויען אַ קלויז נעבן זייער שטוב.

דאָס אַלץ און נאָך האָט ר׳ שמעלקע איינגעזאַפּט אין זיך און ער האָט געזידט פון רוגזה. די כּת וועט דאָ פאַרכאַפּן זיין קהילה און ער וועט זיך נישט קענען באַווייזן פאַר די אויגן פון לייטישע ייִדן. וועלכע קהילה וועט וועלן אויפנעמען אַ רב, וואָס די כּת האָט הינטער זיינע פּלייצעס אים אַרויסגעשטעלט אַ גרויסע פייג און אים פאַרטריבן פון זיין מעמד? זייט ער האָט איבערגענומען ס׳רבנות און אויך געוואָרן חזן־שוחט איז ר׳ שמעלקע זעלטן אַרויסגעפאָרן פון שטעטל. ווי קען ער איבערלאָזן אַ קהילה אַליין? ס׳איז ווי איינער וואָלט איבערגעלאָזט די טשערעדע אין פעלד אויף הפקר. דאָ דאַרף מען ענטפערן אויף אַ שאלה דער־וועגן כּשרות, דאָרט דאַרף מען אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, דאָ האָט דער בעקער

פאַרגעסן צו נעמען חלה פונעם טייג און זיך דערמאָנט ווען ס׳געבעקס איז שוין געווען אין אויוון און נאָך אַזעלכע זאַכן. איצט אָבער, אַז ס׳איז דערגאַנגען צו ספּנת־נפשות, מוז ער פאַרן קיין קאַמעניעץ צו די קהילה־לייט זיי זאָלן אים מיט מלכות העלפן אויסקאַרנייען די כּת פון זיין קהילה.

האָט ער גערופן צו זיך דעם לאַמען הענעך און אים געהייסן איינשפּאַנען דעם וואָגן. כּדי דער לאַמער אויף דער האַלץ־סטעמפּקע זאָל אים נישט באַרייסן, האָט ער אים איינגערוימט, אַז די נסיעה איז אַ נסיעת־מצווה און ער וועט פאַרדינען אַ ברעמיע עולם־הזה, וואָס אַן אַנדער סגאַל דאַרף אויף איר האָרעווען אַ גאַנץ לעבן.

דאָס פאָרן קיין קאַמעניעץ איז געווען נישט ווי אַ נסיעת־מצווה, נאָר ווי אַלע שדים, קאַשעצן, ווילקאָלאַקס און אַנדערע אַנשיקעניש וואָלטן זיך אָפּגעשמועסט צו בענדיקן ר׳ שמעלקען אויפן וועג און פון אים מאַכן אַש און פאָרעך. די צייט איז געווען צווישן פּורים און פּסח. דער דרויסן איז געווען אַ לינדער. נאָר אַז דאָס געשניי פונעם גאַנצן ווינטער איז אַריין אין אַן אָדליגע, איז דער טראַקט קיין קאַמעניעץ געווען ווי אַ טראַקט אויף צו מאַרגנס נאָכן מבול. דאָס פערד איז ביז איבער די קני געזונקען אין אַ געטייגעכץ פון גריפּלעך, אַ פוס אַריין — אַ פוס אַרויס. די רעדער זענען אין דעם געטייגעכץ געווען ביז צו די אַקסן. דער לאַמער הענעך, וואָס דאָס פערד איז געווען זיין גאַנצע פּרנסה, האָט געקאָכט פון רציחה און ער האָט די חיה געשאָלטן מיט ברכות: „אַז אַ כּוח זאָל דיר אַריין אין דעך אַז דו זאָלסט נישט וויסן פון וואַנען ער איז דיר געקומען״; „זאָל דיר אַ פּאַטשעכע אַריין דורך די נאָזלעכער און אַרויס דורכן הינטן״. געשלאָגן דאָס פערד האָט ער נישט, כאָטש די בייטש האָט אים געקיצלט אין די הענט. געוווּסט האָט ער, הענעך, אַז טאָמער וועט ער אין אַזאַ צרה אַרויפלייגן די בייטש אויפן פערד, וועט זיך עס פאַרעקשענען און מער קיין פוס פונעם געטייגעכץ נישט אַרויסשלעפּן. ער וועט דאָ מיט דעם רב בלייבן ביז חול־המועד פּסח. הענעך האָט געהאַט געדולד. אַ פערד זוכט אַן אויסוועג ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון דער בלאָטע נישט ווייניקער ווי דער באַלעגאָלע. דאַרף מען עס לאָזן. טוט עס אַ צי און נאָך אַ צי און יאַקאַש רירט זיך עס. נאָר ר׳ שמעלקע, וואָס קען זיך נישט אויס אויפן שטייגער פון פערד, זיצט אויפן שטרויגעזעס ווי אויף הייסע קוילן:

„נו, הענעך, וואָס עט זיין דער סוף? זעסט דאָך אַז אָן דער בייטש וועט עס נישט גיין״.

„רב־לעבן, איר זעט נישט ווי די שקאַפּע דעכעט אַרויס די כּוחות?״

„וואָס קומט אַרויס פון דעם אַז איך זע, אויב מע רירט זיך נישט פון אָרט״.

„מען רירט זיך, רב־לעבן, הלוואי זאָלן מיר זיך אַזוי דערנענטערן צו משיחן ווי מיר דערנענטערן זיך צו קאַמעניעץ. איר קענט נישט מיין שקאַפּע. ווי נאָר זי וועט דערפילן אונטער די פיס אַ זשאַרקע אָנהאַלט וועט זי צעטראָגן דעם וואָגן״.

די גזלניש קאַלטע ווערטער פון הענעכן האָבן דעם רב אויפגערעגט נישט

וויניקער ווי דאָס וויסטע שלעפּן זיך אין דעם מאָזשע־געטייגעכץ. וואָלט ער אַרויסגענומען פון דעם באַלעגאָלעס הענט די בייטש און ער וואָלט געשינדן דאָס פערד למען־ידע. נאָר ער טאָר זיך נישט אויסגלייכן מיט הענעכן דעם פערד־יונג. ער איז רב־חזן־שוחט, און דאָ גיי נעם אַ בייטש אין דער האַנט אַריין און ווער אַ שמייסער. האָט ר׳ שמעלקע אַנגעריבן די שפּיץ פינגער אין שטרוי און האָט צום צווייטן מאָל אָנגעהויבן זאָגן תּפילת־הדרך, ער־אין־הימל זאָל אונדז פירן צו שלום און ער זאָל מאַכן מיר זאָלן אָנקומען דאָרט ווו מיר מאַכטיקן, צו לעבן, צו שׂמחה און צו שלום. ער זאָל אונדז ראַטעווען פון דער האַנט פון יעדן פיינט און טשאַטעווער און גזלנים און חיות־רעות וואָס אויפן וועג. און ער זאָל אונדז צוריקפירן אַהיים בשלום. ר׳ שמעלקע האָט געקוקט צום הימל, ווי ער וואָלט געוואָלט זען ווי אַזוי זיין תּפילה דערגרייכט אַהין, נאָר דער הימל איז געווען אַ צינערנער, אַ פאַרשלאָסענער.

„נו, הענעך, האָסט מיר דאָ גוט פּאַסטרויעט!"

דעם רבס ווערטער האָבן הענעכן אַ ברי געטאָן:

„רב־לעבן, ווען גאָט וואָלט מיך געפרעגט אַן עצה, וואָלט דאָס גאַנצע געשפּאַן אַנדערש געפּאַסט. נאָר אַז ער וויל אַזוי — איז ווער בין איך, איך זאָל דאָ מאַכן אַ טרוקענעם טראַקט?"

פאַר חצות איז דער וואָגן אָנגעקומען קיין קאַמעניעץ און הענעך האָט דעם געשפּאַן פאַרקערעוועט צו זוסיען אין האַרבעריק. די שטאָט איז שוין לאַנג געווען פאַרזונקען אין שלאָף. הענעך האָט מיט דער האַרטער זייט פון דער בייטש אָנגע־קלאַפּט אין לאָדן. אַ פאַרפּאַפּט און פאַרפעדערט קול פון אַ ווייב האָט געפרעגט ווער עס קלאַפּט.

„עפנט, שיינע־דאָבע, דאָס בין איך. כ׳בין געקומען מיטן רב" — האָט הענעך אַריינגערעדט אין פאַרמאַכטן לאָדן אַריין. אין די לאָדן־שפּאַרעס האָבן זיך באַוויזן געלבלעכע פּאַסן ליכט און אַ טיר האָט פאַרפּאַפּט אַ סקריפּע געטאָן. שיינע־דאָבע האָט אַרויסגעשטעקט אַן אָנגעבערדעוועטן קאָפּ און נאָך אַ מאָל געפרעגט:

„ווער איז עס אין אַזאַ שפּעטער שעה? חלילה עפּעס אַ צרה?"

„אויף מיינע שׂונאים" — האָט געענטפערט ר׳ שמעלקע און זיך אַריינגע־שפּאַרט אין דער שטוב.

אינעם האַרבעריק איז געווען שטינקענדיק־וואַרעם מיטן ריח פון מייז. איצט האָט הענעך געזאָגט מיט אַן אויפגעמונטערט קול:

„מאַכט עפּעס וואַרעמס פאַרן רב".

דאָס מאָל איז עס דערגאַנגען צו די אויערן פון שיינע־דאָבען, אַז זי האָט אַ גאַסט אַ רב. זי האָט מיט אירע סאָווע־אויגן אַ קוק געטאָן אויף ר׳ שמעלקען און ווי זי וואָלט פּלוצים אויסגעפונען, אַז דאָס וואָס זי האָט געהערט איז אמת, האָט זי אַ קוויטשל געטאָן:

„זוסיע, פאַר וואָס רירסטו זיך נישט?"

זוסיע איז שוין סיי־ווי געשטאַנען אונטערן פּיעקאָליק און אויפגעבלאָזן די

איינגעדעקטע קוילן אַרום דרייפוס. ר׳ שמעלקע האָט זיך פאַררוקט אין אַ פינצטערן ווינקל און געדאַוונט מעריב. הענעך האָט צוריק אַרויסגעלאָמט צום וואָגן אויס־צושפּאַנען דאָס פערד און אַריינפירן עס אין שטאַל אַריין, עס זאָל צוריקבאַקומען די כּוחות. שיינע־דאָבע האָט אַ צעטומלטע דאָ צוגעבונדן איר פאַרטעך און דאָ אים צוריק אָפּגעבונדן. איידער וואָס ווען האָט זי געוואָלט וויסן פון וואַנען עס איז דער רב און וואָס דאַרף ער דאָ אין קאַמעניעץ. דעם באַלעגאָלע אויף דער האָלץ־סטעמפּקע האָט זי געקענט, נאָר זי האָט נישט געוווסט פון וואַנען ער איז. דאַרף זי געניטיק וויסן צו וועמען עס דאַרף דער רב. אויף איר זוסיע קען זי זיך נישט פאַרלאָזן.

„הייליקער רב, וואָס וועט איר עסן?״ — האָט שיינע־דאָבע געפרעגט ווען ר׳ שמעלקע איז אַרויסגעקומען פונעם שאָטן מיט די הענט אין דער לופטן ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו וואַשן די הענט צום עסן.

„עפּעס וואַרעמס — האָט ער געזאָגט נישט קוקנדיק אויף דער אישה — דורכגעפרוירן ביז די ביינער״.

„אוי איז מיר און ווינד איז מיר. אַזאַ זאַך? — האָט זיך שיינע־דאָבע גע־וווּנדערט — וועט איר אפשר עסן אַ שטיקל געפילטן מילץ?״

„כ׳עס נישט פון פרעמדער שחיטה!״ — האָט ר׳ שמעלקע געזאָגט ווי עמעצער וואָלט אים געצווונגען צו אַזאַ זאַך.

„פון וואַנען וועל איך נעמען פון אייַער שחיטה, הייליקער רב?״ — האָט שיינע־דאָבע געוואָלט וויסן.

„כ׳וואָלט געגעסן זאַטשערקעס מיט מילך אויב איר האָט, אָדער קאָרענע פערפל מיט מילך, אָדער עפּעס אַזעלכס״ — האָט זיך ר׳ שמעלקע אויסגעביטן און גע־ריבן די הענט צו פאַרטרייבן די קעלט וואָס ער האָט נאָך געפילט אין די ביינער.

זוסיע האָט שוין געהאַט גרייט דאָס פייער אונטערן פּיעקאָליק. פונעם בלאָזן און פון די פלאַמען פון דעם צוגעלייגטן האָלץ איז אים דאָס פּנים געווען רויט־אויפגעלאָפן און פאַרשוויצט. פון צווישן די פלאַמען האָט געקנאַקט פון דער פאַר־טריקנטער זשיוויצע און נעבן דער קיך האָט געשמעקט מיט קין.

באַגינען איז ר׳ שמעלקע אַראָפּ פון געלעגער, אָפּגעגאָסן די נעגל און געדאַוונט מיט אַזאַ געשריי ווי ער וואָלט געמיינט, אַז קאַמעניעצער קהל וועט דערהערן זיינע תּפילות און קומען צו אים אין האַרבעריק. ער איז ביים דאַווענען געווען צערודערט אַזש שיינע־דאָבע און זוסיע זענען צוגעשטאַנען צו דעם לאָמען הענעך, ער זאָל זיי מגלה זיין ווער אין דעם רבס משפּחה עס איז נעבעך איינגעפאַלן און ער דאַרף אַ רפואה שלימה. אַזיסטן פאַר וואָס וויינט ער אַזוי, דער רב? אַז דער לאָמער הענעך האָט געזאָגט, אַז קיינער אין דעם רבס משפּחה איז נישט קראַנק, האָבן ביידע געזען אין דעם ענטפער אַ סימן, אַז דער מיט דער האָלץ־סטעמפּקע באַהאַלט פון זיי אויס אַ סוד, וואָס זיי דאַרפן וויסן.

אויסער וואָס דער רבֿ האָט אים געזאָגט, אַז די נסיעה איז אַ נסיעת־מצווה און ער וועט דערפֿאַר זיך איינהאַנדלען אַ ברעמיע עולם־הבא, האָט דער לאָמער הענעך נישט געוווּסט פֿון וועגן וואָס דער רבֿ איַילט קיין קאַמעניעץ. הענעכן אַז מען זאָגט אים נישט, פֿרעגט ער נישט. ער דאַרף נישט פֿרעגן. פֿון דעם וואָס די ייִדן אויפֿן וואָגן רעדן צווישן זיך אויף די לאַנגע נסיעות ווייסט ער וועגן אַלץ וואָס עס געשעט ביי וועמען אָן צו פֿרעגן. נאָר דאָ האָט ער געפֿירט בלויז דעם רבֿ און אַחוץ די טענות הלמאי הענעך האָט אים נישט צוגעגרייט קיין טרוקענעם טראַקט, האָט ער פֿון ר׳ שמעלקען גאָרנישט געהערט. ווייסט ער נישט. נאָר אַז שיינע־דאָבע מיטן פֿויגל־פּנים פֿון איין זייט און זוסיע פֿון דער צווייטער זייט זענען צוגעשטאַנען צו אים ווי צוויי קליפּות, האָט ער געזאָגט:

„דער רבֿ איז געקומען אויסדינגען אַ וואַלד״.

ביידע האָבן געמאַכט העוויות ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעשלונגען עפּעס וואָס איז צו גרויס עס זאָל לייכט דורך דורכן שלונג.

„איז וואָס שטייסטו?״ — האָט שיינע־דאָבע געפֿרעגט איר מאַן, כאָטש די שאלה האָט זי געשטעלט צו זיך אַליין. זי האָט נאָר געטראַכט: צו וועמען לויפֿט מען?

איידער עמעצער האָט זיך אומגעקוקט איז ר׳ שמעלקע נעלם געוואָרן, פּונקט ווי שיינע־דאָבע האָט זיך אַרויסגעמאַכט פֿון דער שטוב קיינער זאָל נישט זען. ער איז אַוועק צום קאַמעניעצער רבֿ אָפּגעבן אים שלום־עליכם און אים דערציילן וואָס פֿאַר אַ מגיפֿה ס׳האָט אויסגעבראָכן אין זיין עדה. דער רבֿ ר׳ עזריאל, אַן אויפֿגערוימטער ייִד מיט אַ ברייט־צעפֿערכערטער לאַנגער באָרד מיט קאַרע דורכ־דרינגלעכע אויגן, האָט אַלץ אויסגעהערט, נאָכגעטראַכט און געזאָגט בנעימותדיק, אַז ווען עס ברעכט אויס אַ מגיפֿה, איז די ערשטע זאַך: נישט אַריינפֿאַלן אין בהלה. אַ ייִד דאַרף נעמען אויף זיך דעם גאַנצן עול פֿון דער תּורה, נאָר אין ענינים שלא כּדרך־הטבע דאַרף ער משתּף זיין דעם בורא־עולם, אויך ער זאָל נעמען אויף זיך דעם עול. נישקשה, בעזרת־השם זענען ייִדן בייגעשטאַנען אַזוינע מיני זאַכן, און בעזרת־השם וועט מען אויך בייקומען די מרידה פֿון מעזשיבאָזש. אויף דעם העל־שייַנענדיקן פּנים פֿון דעם רבֿ ר׳ עזריאל איז געווען אויסגעגאָסן אַ שלימות־דיקע רויִקייט וואָס האָט אויפֿגעקאָכט דאָס בלוט פֿון ר׳ שמעלקען. די שפּיץ־באַקן זענען אים געוואָרן אָנגעגליט און די אויגן צעגלאַנצט. ער איז געווען זיכער, אַז ווי נאָר ער וועט מבֿשׂר זיין אַזאַ שלעכטע בשׂורה פֿאַר ייִדן, וועט ר׳ עזריאל איינרייסן וועלטן.

אויף אַ רגע איז ר׳ עזריאל נעלם געוואָרן און צוריקגעקומען מיט אַ שאלה צו ר׳ שמעלקע, צי ער וויל מיט אים לערנען אַ שיעור. וואָרום ער האָט אַוועק־געשיקט דעם שמש ער זאָל רופֿן דעם ראש־הקהל מנחם־מענדל און דעם מנהל פֿון דער ישיבֿה ר׳ ברוך לייב. דער ראש־הקהל איז אויסגעקאָכט מיט די פּריצים, מיט דער ממשלה און דער מנהל פֿון דער ישיבֿה קען די זאַך מיטן כּרוז פֿון ווילנע און פֿון בראָד און מען וועט זען וואָס מען קען מאַכן אָפּצושטעלן די מגיפֿה. דער־

ווייל דאַרפֿן נישט ייִדן זיצן מיט פּאַרלייגטע הענט, נאָר טאַקע לערנען אַ שיעור. דער שמש איז צוריקגעקומען דערמיט, אַז דער ראש־הקהל איז נישט אין דער היים, ער וועט מערטשעם זיין מינחה־צייט און דער ראש־ישיבה פּעדערט זיך און ער וועט מערטשעם קומען.

ער איז געקומען ערשט פֿאַר האַלבן טאָג, ווען ר׳ שמעלקע איז שוין געווען צעקלעמט און פֿון אויסבאַהאַלטן דאָס קלעמעניש האָבן אים ווייִ געטאָן די געדע־רעם. און ווידער אַ מאָל האָט ער דערציילט אַלץ ווי אַזוי עס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן, ווי אַזוי אָט דער דאָקטער מיט דעם אויסטערלישן נאָמען האָט זיך צעזגיוכעט מיט איינעם אַ יוחנן, וואָס זאָגן זאָגט מען, אַז ער איז גאָר אַ קאַמעניעצער אײדעם. אָבער אויך דאָס מאָל האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע: דער ראש־ישיבה האָט די מעשה נישט גענומען אַזוי בהלהדיק ווי ר׳ שמעלקע האָט געוואָלט. יאָ, דער ראש־ישיבה קען דעם תּכשיט יוחנן. דאָס איז דאָך הערש מענדלס אײדעם, וואָס איז פֿון דער ישיבה אַנטלאָפֿן מיט זיין ווייב צום טאַטן אין דאָרף אַריין. באשר די מעזעריטשער קליפּה האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט. הייסט עס, אַז ער האָט זיך אונטערגעטונקען אין קאַמעניעץ און אַרויסגעקומען אין רודניצע ביי דעם ייִדישן דאָקטער. געדענקט ער דאָך דעם ייִדישן דאָקטער, וואָס איז געקומען אים בעטן ער זאָל אים געבן אַ גוטן קאָפּ צו לערנען מיט זיינע זין. ער האָט דווקא אויסגעזען צו זיין אַ פיינער ייִד. אַ דאָקטאָר מעדיקוס און ער וויל זיינע זין זאָלן לערנען תּורה! לערנט ער גאָר זיינע זין די תּורה פֿון דעם מעזעריטשער מגיד?

„מען דאַרף די פּושעים שליסן אין קייטן!״ — האָט ר׳ שמעלקע פֿאַרלוירן ס׳סבלנות.

„איידער מען גייט שליסן אין קייטן דאַרף מען גיין מיט גוטן — האָט געלאַסן געזאָגט דער רב ר׳ עזריאל — מזהיר זיין די לייט, אַז אויף זיי איז חל דער חרם און באַם...״

„קאַמעניעצער רב, איך האָב זיי מזהיר געווען. זיי זענען פּושעים במזיד!״ — האָט ר׳ שמעלקע געדונערט.

„לושמיך, אַז זיי זענען עס — האָט מיט אַ ניגונדל אָנגעהויבן דער ראש־ישיבה — און זיי זענען תּושבים אין אייער קהילה־קדושה, וואָס זשע קענען מיר טאָן דאָ אין קאַמעניעץ?״

„די ממשלה זאָל זיי אַריינוואַרפֿן אין תּפֿיסה, אַז זיי זאָלן די ליכטיקע שיין נישט אָנזען מער!״ — האָט ר׳ שמעלקע געענטפֿערט.

דער ראש־ישיבה האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין בוזעם, דאָרט עפּעס געזוכט און וויציק געזאָגט:

„ניין, איך האָב זי נישט אין קעשענע״.

דער קאַמעניעצער רב האָט געלאַכט אין זיך אַריין. דערנאָך האָט ער געזאָגט ערנסט, אַז אין די ענינים מיט דער ממשלה דאַרף מען צוואַרטן ביז דער ראש־הקהל מנחם־מענדל וועט מערטשעם קומען.

גאַוורילע און נחמן דער גאַרבער

ס'איז געווען אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג פון מיטן־זומער. די שטעטלשע ייִדן, פאַרשנאָרכקעט אין אַ שווערן שלאָף נאָך די שבת־מאכלים, זענען אויפגעוועקט געוואָרן פון סכּנה־געשרייען און אַ הילכיק פּייפעריי. פון די אויפגעפּראַלטע טירן זענען פאַרשלאָפענע ייִדן מיט פאַרפעדערטע יאַרמלקעס אַרויס אויף דער גאַס אין די תּחתּונים. טייל האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך פּערענעס און קישנס, וואָרום ווערדליק די געשרייען און דעם הילכיקן פייפן זענען ייִדן געווען זיכער, אַז אין שטעטל האָט אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. דורך די צעעפנטע פענצטערלעך האָבן צע־שראָקענע ווייבער אין שלאָפקופּקעס געקוקט צום הימל און אויסגעשמעקט דעם דרויסן, טאָמער וועלן זיי דערפילן דעם ריח פון בראַנד. יונגע מאַמעס מיט עופּעלעך אויף די הענט זענען אַרויס אויף דער גאַס און אויסגעקוקט אַ ריכטונג פאַר אַנטרינונג.

„ייִדן, ווו ברענט ?! — האָבן געשריגן די ווייבער פון די פענצטער — לויפט נישט, ענטפערט!"

פאַרביילויפנדיקע ייִדן, באַוואָפנטע מיט הילצערנע דרענגער, גאַרטלען און לעדערנע רימענס, האָבן נישט געענטפערט אויף די רופן. זיי האָבן זיך געטראָגן צעיאַכמערטע, בהלהדיקע, מיט פונאַנדערגעעפנטע טיזליקעס, און אַליין געשריגן אין דער וועלט אַריין:

„אויסקאָרנייען די שׂרפה! אויסדישען יעדן פונק פונעם פייער!"

דער הימל איז געווען בלאָ און ווי אויסגעוואַשן. די געשייערטע מיטן־זומער־דיקע זון האָט ליבלעך געוואַרעמט די שטרויענע דעכער. איבער די קרוין־נעסטן אויף די דעכער האָבן בושלעס זיך געלויזט און באַוואַכט זייערע קליינע. די לופט האָט געשמעקט מיט רייפנדיקע עפּל און קאַרטאָפל־בליִעכץ. קיין רויך פון אַ שׂרפה האָט מען נישט געפילט. נאָר אין דער מיט פונעם שטעטלשן מאַרק, אין דער מיט פון אַן אָנגעלויף, האָט געפלאַקערט אַ שׂרפה.

אַ צעבלוטיקטער און מיט אויסגענאָרעטע שבת־מלבושים איז אויף דער ערד געלעגן נחמן דער גאַרבער, מיט די הענט איבערן קאָפּ האָט ער זיך געשיצט פון די קלעפּ און געשריגן פון ווייטיק און שרעק. איבער אים זענען געשטאַנען ציעאַכ־מערטע און פאַרשוויצטע קהל־לייט און אים פאַרשמיסן מיט גאַרטלען און רימענס. אויך זיי זענען שוין געווען מיד פון לויפן און פון שמייסן און ביים אַראָפּלאָזן די קלעפּ האָבן זיי געקרעכצט, ווי ביים אַראָפּלאָזן העק איבער האָלץ־שטשאַפּעס.

פון אַ זייטיק געסל איז אָנגעלאָפן גאַווורילע, דער איינציקער מאַכטהאָבער

אין שטעטל, און מיט צוויי פינגער אין מויל, ווי אויף צו טרייבן טויבן, נישט אויפגעהערט פייפן. אַ סאָפּענדיקער איז ער צוגעפאַלן צום געזעמל און פאַררוקט די קוטשמע אויף הינטן.

„וואָס איז געשען?!" — האָט ער געפרעגט מיט אַ ווינקל פון מויל. קיינער האָט אים נישט געענטפערט און ער האָט נאָך אַ מאָל אַ הילכיקן פייף געטאָן, צו דערמאָנען ווער ער איז. די יידן זענען געווען פאַרנומען מיט שמייסן.

מיט זיין צעוואַקסענער באָרד און אַראָפּהענגענדיקע ברעמען האָט גאַווורילע גופא אויסגעזען ווי אַ שטעטלשער ייִד, נאָר זיין מונדיר מיט דער שאַשקע ביי דער זייט האָבן אים אויסגעטיילט, אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער, אַ מחלל־שבתניק. כאָטש גאַווורילע האָט גערעדט ייִדיש ווי אַלע ייִדן אין שטעטל, איז ער געווען פאַרלוירן און צעטומלט. פון די געשרייען און פון דעם געלויפעניש האָט אויך ער געמיינט, אַז ס'האָט אויסגעבראָכן אַ שׂרפה, נאָר אַז קיין רויך האָט ער נישט געזען און ייִדן זענען געלאָפן, איז ער מיטגעלאָפן און געפייפט, נישט געוווסט ווער עס זענען די גערודפטע און ווער די רודפים. ביז ער איז געבליבן אַליין. אַלע זענען נעלם געוואָרן. עמעצער האָט געשריגן:

„נחמנען האָט מען געשלעפּט צום מאַרק!"

איז גאַווורילע געלאָפן צום מאַרק און דאָ האָט אים קיינער נישט געענטפערט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס אַזעלכס האָט נחמן געטאָן צו זיינע ייִדן אום שבת. פאַר וואָס קאָטעווען זיי אים? צו זיינע פאַרוואַקסענע אויערן זענען דערגאַנגען געשרייען: „מינים", „די כּת", „יענע לייט" און פון די געשרייען גאָרנישט פאַרשטאַנען. ביז די קהל־לייט זענען מיד געוואָרן און אָנדערע האָבן אָנגעהויבן שלעפּן נחמנען צו דער שול. איז אויך גאַווורילע נאָכגעגאַנגען צוזאַמען מיט דעם אָנגעלויף. פּלוצים, ווי אין אים וואָלט זיך איבערגעוועקט זיין אייגענע וויכטיקייט, האָט ער מיט צוויי פינגער אַ פייף געטאָן און אָפּגעשטעלט דאָס געזעמל:

„פאַר וואָס האָט איר אים צעבויקערט?! ער איז אַ טאַטע פון קינדער! צי האָט ער געגנבעט, געגזלט?!"

„נאָך ערגער! — האָט געשריגן אייזיקל דער קצב — ער איז פּושע עוכר בישׂראל. אַ מין. פון דער כּת. מיר ווען אים עוקר מן השורש זיין!"

„ער איז אַ מורד במלכות!" — האָט עמעצער אַריינגעשריגן אין גאַווורילעס אויער.

דאָס האָט גאַווורילע פאַרשטאַנען. ער האָט אַרויסגעצויגן די שאַשקע און, אויסגעמישט צווישן ייִדן, האָט אויך ער באַגלייט נחמנען צו דער שול. דאָ האָבן די קהל־לייט צוגעשלעפּט דעם גערודפטן צו דער קונע און אים איינגעשלאָסן. ערשט איצט איז גאַווורילע צוגעגאַנגען צו אים און אים אַריינגעשריגן אין צעבלוטיקטן פּנים אַריין:

„הער דו, נחמן, פאַר מורד זיין במלכות וועסטו מיר נאָך הבדלה אָפּגעבן חשבון!"

נחמן האָט מיט אויפגעלאָפענע אויגן געקוקט אויף גאַווורילען. ער האָט מורא

געהאַט צו עפּענען דאָס מויל. ער האָט מורא געהאַט נישט פאַרן גוי נאָר פאַר דעם צעיאָכמערטן געזעמל ייִדן. אַפילו שוין איינגעשלאָסן אין דער קונע, זענען די ייִדן געשטאַנען אַרום אים אַנגעכמורעטע, צעסאָפּעטע און דראָענדיקע, מיט גאָרט־לען און רימענס גרייט אין די הענט, אַז טאָמער וועט דער עוכר בישׂראל אַנטקעגנ־רעדן איין איינציק וואָרט, וועלן זיי אים פאַרשמייסן צום טויט. וואָרום אין דעם איינציקן געפאַנגענעם פון דער כּת האָבן זיי געזען אַ לעבעדיקע די סטרא־אחרא, ווי זי איז געמאָלט געוואָרן אין דער דרשה פון דעם רב ר׳ שמעלקע.

אין דער פרי, אין שול, פאַר קריאת־התורה, האָט דער רב געהאַלטן אַ דרשה און גערופן מחרים צו זיין די לייט פון דער כּת און זיי עוקר מן השורש זיין. אין דער מיט פון דער דרשה האָט דער רב זיך צעוויינט און וויינענדיק האָט ער געזאָגט, אַז ביז ישׂראל דעם בעל־שם־טוב פון מעזשיבאָזש און דב־בער דעם מעזעריטשער מגיד פלעגט זיך די סטרא־אחרא פאַרוואַרפן אין כּל־מיני אויסטער־לישע געשטאַלטן: אין שדים און נישט־גוטע, אין ווילקאָלאַקס און צו מאָל אויך אין לוסטיקע נשים פּרוצות, וואָס האָבן צוגעטראַכט פאַרטלען און תּחבולות צו באַקומען די שליטה איבער ייִדן רחמנא־ליצלן. פלעגט זיך די סטרא־אחרא שטאַרק מאַטערן ביזקל זי האָט געבענדיקט אַ ייִד אין איר נעץ. פלעגט זיך די סטרא־אחרא נוהג זיין צו קומען צום אשמדאי און אים אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וויפל ייִדן זי האָט מכשיל געווען. און אַז דער אשמדאי ימח־שמו האָט געהערט, אַז ייִדן האָבן זיך דערקענט אויף דעם כּוח פון דער טומאה און לאָזן זיך פון אים נישט פאַנגען, האָט ער זיין צאָרן אויסגעלאָזט צו דער סטרא־אחרא און איר געטאָן באַפוילן, זי זאָל זיך פאַרוואַרפן אינעם געשטאַלט פון שומרי־מצוות. אַזוי האָט זיך די סטרא־אחרא מדבק געווען מיט דעם ישׂראל בעל־שם־טוב, מיט דעם מגיד פון מעזעריטש, און אַנדערע לייט, וואָס זענען חוטאים און מחטיאים און זיי טוען בייסן ווי די גיפטיקע שלאַנגען און עקדישן. דורך אָט די לייט האָט די סטרא־אחרא אויך מדבק געווען ייִדן פונעם שטעטל, וואָס זענען צוגעטראָטן צו דער כּת און זיי ברענגען אויף דער קהילה־קדושה צרות און גזירות, ישמרנו ד׳. נשים שטאַרבן אין דער קימפּעט; דאַנערשטיק האָט מען צוויי מאָל אונטערגעהייצט די מיקווה פאַר די נשים און ביידע מאָל איז דאָס פייער פאַרלאָשן געוואָרן, וואָס אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געשען; אין איין וואָך האָט דער שוחט געפונען צוויי פּגמים אויפן חלף אָן דעם חלף פריִער צו באַנוצן; ייִדן זענען מורד אין קהל און ווילן נישט הערן וואָס פרומע און גוטע לייט הייסן זיי טאָן.

איינגעוויקלט אין טלית, מיט די הענט אין פויסטן אויפגעהויבן צום הימל, האָט דער רב געמאָלן ס׳פינצטערע גיהנום, ווו עס שטייען אָנגעגרייט מיליי־מיליאָסן פעסער מיט צעשׂרפעטן פעך, די חוטאים און די מחטיאים, ווי די רשעים, טוט מען אַרויסציִען פון איין פאַס און אַריינלייגן אין אַ צווייטער פאַס און זייערע געשרייען הערט מען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן עק וועלט. דעריבער דאַרף יעדער שומר־מצוות און אָרנטלעכער ייִד אויסגעפינען די לייט פון דער כּת, וואָס אין שטעטל, און זיי רודפן עד־חורמה, זיי איבערברעכן ס׳געניק, ווי אין פּסוק

שטייט, ואבדתם את שמם, זייער נאָמען זאָלט איר פאַרלענדן און פאַרטיליקן עד כל הדורות.

ר׳ שמעלקע האָט אויף די מתפללים אָנגעוואָרפן אַן אימה. אַלע האָבן געוווּסט, וואָס עס איז געשען דעם לעצטן דאָנערשטיק אין אָוונט מיט דער מיקווה, נאָר געמיינט האָבן זיי, אַז דאָס איז געשען צוליבן נאָסן האָלץ, אָדער צוליב דעם וואָס פיניע דער בעדער איז געווען שיכור ווי לוט. נאָר איצט, אַז זיי האָבן דערהערט: די סטרא־אחרא איז געווען דערביי און די שולד איז אין די לייט פון דער כת, האָבן זיי בײַ זיך אָפּגעמאַכט, בלי נדר, גלייך נאָכן שבת־עסן אויסצוגעפינען די לייט און זיי עוקר מן השורש זיין.

שוין לאַנג האָט דער מרא דאתרא געוואָרנט, אַז הינטער די פּלייצעס פון קהל ווערן באַהאַלטענערהייט אָפּגעטאָן אויסטערלישע זאַכן. ייִדן האָבן גאָר מורא געהאַט צו רעדן דערוועגן, וואָרום עס קען גאָר זיין, אַז דער שׂטן מקטרג האָט זיך פאַר־פלאָנטערט אין זיינע וועגן מכשיל צו זיין ייִדן און דורך דעם וואָס ייִדן ברענגען פאַרן מויל די זאַכן, ווייזט מען דעם שׂטן דעם ריכטיקן וועג. אַזוי האָט מען אין שטעטל זיך אויסגעהיט צו רעדן וועגן דער כת פון יעקב פראַנק ימח־שמו, וואָס האָט אַלע זיינע לייט אָוועקגעפירט צו יויזלען, און צו זיינע חסידים אַרויסגעגעבן אַ צוו, זיי זאָלן זיך טוישן מיט די ווייבער און זיי פּראַווען זנות בפרהסיא בעת זייערע טריף־פּסולע תּפילות.

אָט דאָ ערב שבועות איז געקומען אין שטעטל אַריין אַ סוחר פון בראָד, וואָס נאָך מעריב, ווען ייִדן בלייבן אין בית־מדרש מעיין צו זיין אין אַ ספר, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן די התנהגות פון פראַנקס לייט. אַזוי האָט ער דערציילט, אַז הינטער דער שטאָט בראָד האָבן די מינים אָפּגעדונגען ביים כראַביע אַ גרויס הויז און עס געמאַכט כביכול פאַר אַ בית־כּנסת, מיט אַן אָרון־קודש און מיט אַ בעלע־מער, ווי עס איז דער שטייגער. נאָר קיין עזרת־נשים האָט מען דאָרט נישט געמאַכט. אַז ייִדן האָבן אָנגעהויבן חוקר־ודורש צו זיין וואָס עס שטעקט אין דער זאַך, זענען זיי דערגאַנגען, אַז אין דעם דאָזיקן מקום קומען די מאַנצבילן צוזאַמען מיט די נשים און די ליי־בער פון די חצופות זענען אויסגעשמירט מיט אַזעלכע בשׂמים משונים פון טערקיי. זייערע פּסולע תּפילות — און אַ שמועה גייט אַרום, אַז זייערע תּפילות האָבן זיי אַרויסגענומען פון דעם אר״י הקודשס סידור און זיי פאַרדרייט — זינגען זיי צוזאַמען מיט די נשים. זיי זינגען און טאַנצן ביז חצות, ווען זיי ווערן שיכּור פונעם געזאַנג און פון די ריקודים. און אַז זיי זענען שוין גאָר שיכּור, הייבט זיך אָן ס׳אומגליק: מאַנצבילן נעמען פרעמדע נשים רחמנא־ליצלן, טוען זיי אויס בעירום־כּל און זענען זיי מזנה אין די אויגן פון זייערע מענער, וואָס טוען דאָס זעלבע מיט אַנדערע פּרוצות. קיינער ווייסט נישט ווער די לייט זענען און ווער עס זענען זייערע נשים, וואָרום מחוץ פון זייערע מעשׂים רעים זענען זיי מעורב בין היהודים, ווי קיין מאָל גאָרנישט. האָבן ייִדן אָנגעהויבן מחשיד זיין דעם און יענעם. שומרי־מצוות האָבן אָנגעהויבן נאָכפרעגן זייערע נשים, צי די און די היט אָפּ די טהרת המשפחה, מען האָט גערופן די טוקערן צום רב און זי חוקר־ודורש געווען,

זי זאָל זאָגן וואָס זי ווייסט. האָט די טוקערן געעפנט דאָס מויל און אָנגעהויבן רעדן, אַז די אויערן האָבן ווי געטאָן פון הערן. האָט קהל אָנגעהויבן נאָכשפּירן די חשודות, זיי און זייערע מאַנצבילן, און אין שטאָט איז געוואָרן תּישעה־באָב. נאָך איידער קהל האָט גערופן די לייט צו בית־דין, האָבן זיי עוקר געווען צום כּראַביע אין הויף און זיך אָפּגעשיידט פון דער עדה...

בעת דער בראָדער סוחר האָט וועגן דעם אַלעם דערציילט, זענען די ייִדן אין בית־מדרש געווען אַזוי צעטומלט, אַז זיי איז גאָרנישט געקומען אויפן רעיון צו פרעגן דעם בעל־דבר ווער ער איז און וואָס פאַר אַ מסחרים ער האָט דאָ אין שטעטל און מיט וועמען. איז ער אַזוי אָפּגעזעסן עטלעכע טעג, צווישן יעדן מינחה און מעריב נישט אויפגעהערט דערציילן וועגן די אויסגעלאַסנקייטן און פאַר־שייטקייטן פון פראַנקס לייט, ביז אין איינעם אַ העלן טאָג איז דער בראָדער סוחר פאַרשוווּנדן און צוזאַמען מיט אים זענען נעלם געוואָרן פון שטעטל דריַי באַלע־באַטישע יונגעלייט. די יונגעלייט זענען פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין און איבערגעלאָזט ווײַסטע עגונות מיט פּיצלעך קינדער. האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט יעקב פראַנק ימח־שמו מיט זיין כּישוף אַריינגעשיקט אין שטעטל די סטרא־אחרא צו פאַרפירן ייִדן און ס׳האָט אים אָפּגעגאַלטן.

זייט די מעשׂה נורא איז געשען האָבן ייִדן מורא געהאַט צו ברענגען פאַרן מויל אַ וואָרט פון וועגן די מינים. אַזוי אויך ווען ר׳ שמעלקע האָט מרעיש עולם געווען, אַז די קליפּה רחמנא־ליצלן האָט זיך מדבק געווען צו די ייִדן אין שטעטל און זיי זענען געבענדיקט געוואָרן דורך דער כּת פון דב־בער, האָבן לייט זיך אָפּגעהיט צו ברענגען די זאַך פאַר די ליפּן. אפשר וועט אַזוי אַרום דער־אין־הימל זיך מרחם זיין און דאָס פייער וועט פון זיך אַליין פאַרלאָשן ווערן.

שטעטלשע ייִדן האָבן שוין געוווּסט, אַז די מעשׂה קומט פון דעם דאָקטערס שטוב אין רודניצע. אַלץ ווייסט מען, נאָר מען רעדט נישט. די בעסטע לייט אין שטעטל פאַרשווינדן שבת אין דער פרי און שמיַיען אַוועק מיט די טליתים צום דאָקטער אין הויז. די וועלכע זענען פאַרבייגעפאָרן דאָס מקום זאָגן אַפילו, אַז דער דאָקטער האָט אויפגעשטעלט אַ קלויז נעבן זיין שטוב און דאָרט טוט זיך חושך:ביים דאַווענען קאַטשעט מען זיך און מען טאַנצט און מען שרייט מיט באַנומענע קולות. מ׳האָט אַפילו געוווּסט, אַז שימעלע דער שינדלמאַכער האָט געדעקט דעם דאַך פונעם קלויז און אינעם דאַך איבערגעלאָזט אַ פענצטער צום הימל, די וועלט זאָל הערן די קולות פון די לייט. אַלץ ווייסט מען נאָר מען רעדט נישט. האָט דער רב ר׳ שמעלקע זיך געפעדערט און געוואָרנט די לייט, אַז די מעשׂה וועט זיי נישט אָפּגיין גלאַטיק. באָם זיי וועלן נישט אַרויפגיין אויפן דרך־הישר, וועלן פון קאַמע־ניעץ אַראָפּקומען רבנים און אַנדערע פרומע לייט און זיי וועלן די פּושעים אַריינ־לייגן אין חרם, ווי מען האָט זיי אַריינגעלייגט אין חרם אומעטום וווּ עס איז דאָ אַ ייִדישע קהילה.

לפני האָבן זיי צוגעזאָגט צו זיין פרומע לייט, געציטערט פאַר זייערע פּרנסות און געשטאַמלט, אַז זיי ווייסן פון גאָרנישט. כּדי אויסצובאַהאַלטן זיך פון זייערע

מיאוסע מעשׂים, האָבן זיי אָנגעהויבן אויפשטיין קאַיאָר און זיך אַרויסמאַכן פון שטעטל, אַוועק צום דאָקטער. האָט דער דאָקטער זיי געגעבן וואַסערלעך פון כּישוף און זיי אַלעמען פאַרכּישופט ביז זיי האָבן פאַרלוירן דאָס שעם־מיצל.

איפּטע־שבת, נאָך מלווה־מלכּה, האָבן זיך אין בית־מדרש אַריינגעלאָזט אַ געזעמל בגילופינדיקע ייִדן. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעפּלאָכטן מיט די הענט אַרום די אַקסלען פון איינאַנדער און זיך צעטאַנצט מיט אַזאַ התלהבות און אימפּעט, אַז ס'האָט זיך געטרייסלט די סטעליע און ס'האָט געציטערט דער אָרון־קודש און די טישן האָבן מיטגעטאַנצט. און געזונגען האָבן זיי פון אָנהייב מיט מתיקות, אַז די ניגונים זענען זיך צעגאַנגען איבערן האַרץ, און איבערגעחזרט האָבן זיי דעם הייליקן פּסוק „מלא כּל הארץ כּבודו". און וואָס מער זיי האָבן דעם פּסוק איבערגעחזרט, אַלץ מער זענען זיי אַריין אין התלהבות, פאַרשיכּורט געוואָרן פון זייערע אייגענע קולות, זייערע פיס האָבן שוין מער נישט געפילט די ערד, זיי האָבן געשוועבט מיט די קעפּ צו דער סטעליע, די אויגן פאַרמאַכט און די פּנימער בלייך, און זינט דאָס שטעטל איז שטעטל האָבן נאָך לייט אַזעלכעס נישט געהערט און נישט געזען.

האָט זיך פּלוצים אַריינגעלאָזט דער רב ר' שמעלקע און אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן, אַז שטיל זאָל זיין, דאָס בית־מדרש איז נישט קיין קרעטשמע און ייִדן זענען נישט קיין גויִים און אַז טאַנצן און זינגען איז ביטול־תּורה. האָט זיך פון קרענצל טאַנצנדיקע אַרויסגעריסן עפּעס איינער אַ פרעמדער, אַ קאָמעניעצער איידעם, זאָגט מען, און אויסגערופן צום גבאי, אַז ריקודים און נגינה בכּוונה איז מער אָנגעלייגט ביים השם־יתברך ווי תּפילות אָן כּוונה און ווי לערנען תּורה אָן כּוונה. און אַז ער האָט די ווערטער געזאָגט, האָט ער דעם רב אַרויסגעבלעקעט אַ לאַנגע צונג און אויסגעקרייט ווי אַ האָן טוט קרייען אין חצות. האָט זיך דער רב נאָך מער דערשראָקן, וואָרום ער האָט שוין תּופס געווען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט די לייט, וואָס איז בעסער נישט צו דערמאָנען זייער נאָמען.

האָט דער רב זיך גענומען די זאַך שטאַרק צום האַרצן און מיט אַ שבת שפּעטער, פאַר קריאת־התּורה, געהאַלטן די דרשה און זיך שטאַרק צעוויינט אַז גוטע און פרומע לייט זאָלן אָנגורטן די לענדן און גיין עוקר מן השורש זיין די כּת, וואָס די סטרא־אחרא האָט זיך מיט זיי מדבק געווען.

אין איינעם אַ שבת איז די זאַך געשען. אייזיקל דער קצב האָט גענומען אַ צוויי מנינים פון זיינס גלייכן און צוזאַמען מיט די באַלעגאַלעס שיִע מעכּלס און דעם לאָמען הענעך, האָבן זיי זיך אָנגעגורט ווי גבורים מיט הילצערנע פלעקענער, גאַרטלען און נאַסע רימענס, און כאָטש אויסער דער שטאָט איז קיין ערב נישט געווען, האָבן זיי זיך לשם מצווה מתּיר געמאַכט ס'טראָגן חפצים.

צוויי טראַקטן האָבן געפירט צום שטעטל און אַ פעלדוועג צום וואַלד. האָבן זיך די גוטע און פרומע לייט צעטיילט אין דריי חלקים, יעדער חלק ערגעץ אַנדערש, און זיך אויסבאַהאַלטן, ווער צווישן קאָרן און ווער צווישן די קאַרטאָפל־פעלדער. וואָרום נישט געוווּסט האָט מען פון וועלכער זייט די פּושעים וועלן אָנקומען. און ווי איין חלק פון דער מחנה איז אַזוי געלעגן באַהאַלטן צווישן קאָרן,

ביים ראַנד פון טראַקט צום הויף, האָט זיך פון דער ווייטנס דערהערט אַ פריילעך געזאַנג. מיטן געזאַנג איז אָנגעקומען אַ געזעמל ייִדן, וואָס איינגעהילט אין טליתים זענען זיי נישט געגאַנגען נאָר געטאַנצט זייער וועג, געפּאַטשט מיט די הענט, זיך געדרייט, אַראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן זיך, ווי זיי וואָלטן אַלע געווען שיכּורע קינדער און נישט — דערוואַקסענע לייט. און ווייל די אָנקומענדיקע זענען אין צאָל געווען מער ווי די, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין קאָרן, האָבן זיך די לעצטע דורכגעשושקעט, מען זאָל די לייט אַדורכלאָזן און מיטן כּלי־זין אָנפאַלן אויף זיי פון הינטן.

און אַזוי איז געשען.

די לייט זענען אָנגעקומען צעפלאַמטע און שיכּורע פון די ניגונים און ריקודים. זיי זענען געווען אַזוי פאַרטאָן אין התלהבות, אַז זיי האָבן נישט געזען און נישט געהערט די לויערנדיקע אין קאָרן. ערשט ווען זיי האָבן געהאַט זיך דערווייטערט אויף אַ צוואַנציק טריט, האָט שימעלע שינדלמאַכער, ביים אויסדרייען זיך אין טאַנצן דערזען ווי פון צווישן קאָרן שאַרן זיך אַרויס אַ מנין אירע באַוואָפנטע מיט פלעקענער. האָט ער אויסגעשריגן בקולי־קולות:

„ייִדן, ראַטעוועט זיך, גזלנים!"

און ווי ער האָט אויסגעשריגן, אַזוי האָבן די חסידים אָנגעהויבן לויפן ווי פײַלן אויסן בויגן, זיך געטראָגן צום שטעטל, די טליתים אויף די אַקסלען האָבן זיך אָנגעבלאָזן, ווי ביי די לייט וואָלטן פליגל אָנגעוואַקסן. די רודפים, דערווייטערט אויף אַ מרחק, האָבן געפּאַכעט מיט די פלעקענער, געהויבן אין דער הייך די גאַרטלען און געשריגן: „פּושעים, מיר׳לן אייך ברעכן ס׳געניק!" „מינים, שטייט!" און נאָך אַזעלכע אויסגעשרייען. ערשט נאָענט צום שטעטל האָבן אַנדערע דערהערט די געשרייען און זיך געלאָזט אַנטקעגן, בעת די חסידים זענען דערווייל אַריין אין די הינטערגעסלעך און זיך צעלאָפן אויף זיבן ווינטן. נאָר נחמנען דעם גאַרבער איז ביים לויפן אַראָפּגעפאַלן דער טלית פון די אַקסלען, ער האָט זיך אין אים פאַרפּלאָנטערט מיט די פיס, און די רודפים האָבן אים געפאַנגען ווי מען פאַנגט אַ געווילדס. אַזוי האָט מען אים מיט געשרייען און אונטער קלעפּ געשלעפּט צום מאַרק און אייזיקל דער קצב האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן מיט דעם ניגון פון מגילת אסתר: „ככה יעשׂה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו!.."

דאָס וואָס עמעצער פון דעם געזעמל האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז נחמן איז אַ מורד במלכות האָט גאַווריליען נישט צו רו געלאָזט. ס׳האָט אים געקוועלט מער ווי אין שטעטל וואָלט אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. וועדליק דעם געזעץ האָט ער אים באַלד געדאַרפט אַרויסנעמען פון קהלס הענט, שליסן אים אין קייטן און אים טרייבן צו דער ממשלה אין קאַמעניעץ. נאָר גאַווריליע, וואָס האָט געקענט ייִדן און געוווּסט, אַז דער שבת איז ביי זיי הייליק און פאַרכטיק, און ער האָט נחמנען געקענט ווי אַ ייִד וואָס טוט קיינעם קיין בייז נישט, האָט זיין מאַכטיקייט אָפּגעלייגט ביז נאָך הבדלה. בפרט, אַז ער איז איינגעשלאָסן אין דער קונע און ער וועט נישט אַנטרינען, ער וועט זיך פון זיינע הענט נישט אַרויסמאַכן.

פון דעסטוועגן איז גאַווורילע עטלעכע מאָל געגאַנגען זען, צי דער נחמן איז טאַקע איינגעשלאָסן. ער איז געווען איינגעשלאָסן, און אַ רחמנות האָט אים אַרומ־גענומען צו דעם ייִד אין דער קונע. יונגוואַרג איז געשטאַנען אַרום און געחוזקט, געשאָטן אויף אים זאַמד און אין כאָר געגרופן: „מין, מין, דו ביסט אַ שפּין און ווי אַ שפּין טוט בייסן, אַזוי וועט מען דיך אויף יענער וועלט אויף זשאַרנעלעך צערייסן!" גאַווורילע האָט דאָס יונגוואַרג צעטריבן, ווי מען צעטרייבט הינער, און אַז ער איז געבליבן אַליין, האָט ער געזאָגט צו נחמנען:

„הער, דו, נחמן־סערצע, צו וואָס דאַרפסטו די אַלע מיאוסע זאַכן? האָסט פּרנסה? — האָסט; אַ גוטן טרונק בראָנפן האָסטו? — האָסט: דאָס געזעץ דאַרף מען היטן? — מע דאַרף. איז וואָס זשע קריכסטו אין אַ פרעמדן גאָרטן? פאַר וואָס ביסטו געוואָרן אַ בונטאָווטשיק? דער האָבער שטעכט דיך? דאַרפסט איך זאָל דיך טרייבן קיין קאַמעניעץ?"

„שקר, גאַווורילע! די לייט האָבן אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף מיר. זיי זענען מוסרים, גאַווורילע" — האָט נחמן געזאָגט מיט אַ הייזעריק קול.

„מוסרים — מוסרים. איינס צום אַנדערן האָט נישט. נאָר קיין מיאוסע זאַכן קעגן דעם קיסר דאַרפסטו נישט טאָן. האָסט אַ ווייב מיט קינדער און איך האָב דיך גערן, נחמן. ווי גאָט איז מיר ליב, ווי איך האָב דיך גערן".

„פּאַד חרם, גאַווורילע. איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן — האָט נחמן אויס־געשטרעקט דעם קאָפּ מיט די פאַרלאָפענע אויגן — כ'ווייס פון גאָרנישט".

„דאָס וועט מען זען נאָך הבדלה. איך וועל קומען דיך נעמען אויסצופרעגן, עס זאָל גאָרנישט בלייבן צווישן אונדז".

גאַווורילע האָט אָפּגעווישט די וואָנסעס ווי נאָכן עסן. ער איז אַוועק און צוריק־געקומען נאָך הבדלה. די קונע איז געווען ליידיק. נחמן איז נישט געווען.

„אַ מאָשעניק! — האָט ער אויסגעשפּיגן — אַ ייִד טאָר מען נישט גלייבן, ווי דעם היצעל". ער איז געלאָפן אים זוכן.

אין יענער שעה איז נחמן געבראַכט געוואָרן אויף אַ פאַרהער צום רב. אַרום טיש, אויף וועלכן ס'האָט נאָך געברענט דאָס הבדלה־ליכט, זענען געזעסן די עדות. אַנטקעגן ביי דער וואַנט, אַנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין די בעלקעס, איז געשטאַנען נחמן. אינעם פרייען שטח צווישן אים און דעם טיש האָט מיט קליינע האַסטיקע טריט שפּאַצירט אַהין און צוריק דער רב. פון דעם אימפּעט, מיט וועלכן ער האָט שפּאַצירט, האָט דאָס פלעמל פון דעם הבדלה־ליכט זיך געוואָרפן אַהין און אַהער און פון מאָל צו מאָל האָט דאָס ברענענדיקע קנויטל אונטערגע־קנאַקט. דער רב האָט זיך פלוצים פאַרהאַלטן, זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, כדי צו דערגרייכן דאָס פּנים פון נחמנען און האַסטיק געזאָגט:

„פּושע עוכר בישׂראל! כּופר בעיקר! ממזר בן הנידה! כ'וועל דיך ברענען און בראָטן, אַז דו זאָלסט צו קבר ישׂראל נישט קומען!" — און ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּאַצירן אַהין און אַהער מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן.

נאָך עטלעכע מאָל זיך אָפּשטעלן און מבזה זיין אים האָט זיך ר' שמעלקע

פֿאַרהאַלטן הינטער די עדות און אַריבערגעפּרעגט איבער זייערע קעפּ און איבערן טיש:

„ווו קלייבט זיך ס׳ווידמונג פֿון שרצים און צו וואָס פֿאַר אַן עבודה זרה טוט איר דאָרט דינען, עה? זאָלסט מיר שוין זאָגן!"

„כ׳האָב שוין געזאָגט דעם רב, מיר זענען חסידים פֿון הייליקן צדיק ישׂראל בעל־שם־טוב זכרונו לברכה און מיר דינען צו הקדוש־ברוך־הוא!" — האָט נחמן געזאָגט מיט אַ געבראָכן קול.

„חצוף! זאָלסט מיר דאָ נישט אַנטקעגנרעדן! — איז ר׳ שמעלקע אונטערגע־שפּרונגען — איך זאָג אַ ווידמונג פֿון שרצים איז אויפֿגעשטאַנען און צו דער עבודה זרה טוט איר דינען! ווו קלייבט זיך ס׳ווידמונג? פֿרעג איך! האָסט געהערט וואָס איך פֿרעג?!"

„אין רודניצע האָט ר׳ אליעזר דער דאָקטער אַרטאַפּאַנוס אויפֿגעבויט אַ מקום קדוש און דאָרט דאַווענען מיר אין די שבתים" — האָט נחמן געזאָגט אין יִיאוש.

כאָטש דער רב האָט געהאַט אונטערגעלענט אַן אויער, האָט ער עפּעס פֿאַר־הערט:

„וואָס אַזוינס זאָגסטו? פֿון אַרטאַוואָס קומט דיין ר׳ אליעזר? — האָט ער איבערגעפּרעגט מיט חוזק — ווו ליגט עס אַזאַ שטאָט? אין טערקיי? ביי די טאָטערן? איר הערט, ייִדן, פֿון וואַנען ס׳אומגליק קומט?"

„אַרטאַפּאַנוס איז נישט קיין שטאָט — האָט נחמן מער נישט געהאַט קיין כּוח — ס׳איז אַ צונאָמען".

„הערט, ייִדן, ס׳איז אַ צונאָמען, זאָגט ער! — איז ר׳ שמעלקע צוגעלאָפֿן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געאײַלט דורס זיין דעם געמישפּטן — שבתי צבי, יעקב פֿראַנק און איצט אַ נייער דאָפּל־שם, ווי די סטרא־אחרא ימח־שמו? ווער איז ער עס דיין צדיק אין פּעלץ? דער־אָ, ווי הייסט ער דאָרט? האָט זיך דער אשמדאי אַליין פֿאַרוואָרפֿן אין אים, אָדער ער איז סתּם אַ ממזר פֿון לילית?"

„ער איז אַן אוהב־ישׂראל!" — האָט נחמן אויסגערופֿן מיט די לעצטע כּוחות.

מיט חוזקדיקער לוסטיקייט איז ר׳ שמעלקע אונטערגעשפּרונגען, האַלטנדיק ביידע הענט אין גאַרטל.

„סוף־כּל־סוף הערן מיר אַ דבר אמת: ער איז אַ נואף בישׂראל!"

נחמן האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע פֿאַרשוואָלענע אויגן. ער האָט נישט געקענט מער זען די נקמה־פּנימער פֿון די עדות און די חוזקדיקע לוסטיקייט פֿון ר׳ שמעל־קען. ער איז געווען אין זייערע הענט. קהל האָט דעם כּוח נישט דערלאָזן אים צו אַ פּרנסה. און ער איז אַ פֿאָטער פֿון אונטערגעוואַקסענע טעכטער.

ווי די לייט ביים טיש וואָלטן געלייענט זיינע מחשבות, האָט זיך אָפּגערופֿן יונה שמש:

„ווערדליק איך פֿאַרשטיי, איז דער דאָ, דער אליעזר אָדער ווי ער הייסט דאָרט דער שמדניק, דער גאַנצער הערשט פֿון דער כּת. אַז ער האָט זיך באַזעצט אינעם פּריצס הויף, איז דערפֿון געדרונגען, אַז ווי יעקב פֿראַנק מיט זיינע לייט האָבן זיך

געשמדט, אַזוי וועט אויך דער אליעזר דערפירן ייִדן צו שמד. דאַרף נחמן דער־ציילן וועגן אים אַלץ וואָס ער ווייסט, מיר זאָלן דעם ימח־שמוניק איבערגעבן אין די הענט פון דער ממשלה ווי אַ בוגד בתּכלית הבגידה״.

„נאָך ערגער!״ — האָט ר׳ שמעלקע אַ טופּע געטאָן מיט אַ פוס אין דיל.

נחמן גאַרבער איז געווען אַ פּשוטער, אָפּגעהיטענער ייִד. ער האָט קוים גע־קענט לערנען אַ בלאַט גמרא. ווי נאָר ער האָט זיך געקענט אָפּרייסן פון זיינע פעלן פלעגט ער קומען אין בית־מדרש, אַריינקוקן אין אַ ספר און זיך אויסזיפצן. אין זיינע הייסע תּפילות האָט ער געזוכט אַ דערנענטערונג צו גאָט, און די זכיה צו אַזאַ דערנענטערונג האָט ער נישט געהאַט. ערשט ווען ער האָט זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק מתקרב געווען צו מעזריטשער חסידות, אַראָפּגעפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן צום צדיק דב־בער און אויסגעהערט זיינע מעשׂי נפלאות, האָט ער דער־פילט די נאָענטקייט פון גאָט אַרום אים, אין אים, ווו נאָר ער קערט זיך און ווענדט זיך. אַפילו ווען ער שאָבט די פעלן און וואַלקעוועט די יוכטן רייסן זיך זיינע אויגן צום הימל און ער פילט בחוש זיין נאָענטקייט. ער איז דעמאָלט פול מיט בטחון.

ער האָט געזאָגט מיט די לעצטע כּוחות:

„נישט איך קען ר׳ אליעזרן ווער ער איז און וואָס ער איז, און נישט ער ווייסט ווער איך בין און וואָס איך בין. נאָר ער און איך און אַלע אונדזערע לייט ווייסן, אַז מלא כל הארץ כבודו והשגחתו און גאָרנישט קען מיר געשען אָן דעם רצון פון הקדוש־ברוך־הוא״.

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דעם רבס הויז און אָנגעזאָגט אויף אַ פולער וואָך, אַז גאַוורילע איז מלא רציחה הלמאי קהל האָט באַפרייט פון דער קונע דעם מורד במלכות נחמן דעם גאַרבער. און געהערט האָט ער זאָגן, אַז ער באַהאַלט זיך אויס ביים רב. ר׳ שמעלקע האָט זיך דערשראָקן. אַ בילבול אויס־געטראַכט אויף אים?! איז ער אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און אַריינגעבעטן גאַוורי־לען, ער אַליין זאָל זען, אַז ער באַהאַלט נישט אויס דעם מורד במלכות. נאָר פאַר־קערט, ער שטייט דאָ פאַר אַ חקירה־ודרישה. איז גאַוורילען אָפּגעטראָטן דאָס בייזע בלוט און ער איז אַריין אין דער קאַמער. ער האָט געווישט די וואָנסעס מיט צוויי פינגער אַהער און אַהין. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן, צי דער נחמן האָט זיך אַליין אָפּגעריסן פון דער קונע און נעלם געוואָרן. אויב נאָר ער געפינט זיך ביים רב, און ער פרעגט אים אויס פון וועגן זיינע מיאוסע מעשׂים, איז ער, גאַוורילע, שוין אין גאַנצן רויִק.

„נו, צרוֹת טוסטו אָן דעם רב און דו מיינסט, אַז דאָס וועט דיר אַריבערגיין גלאַטיק!״ — האָט גאַוורילע אַרויפגעקוקט צום גאַרבער און מיט דער האַנט זיך אָפּגעווישט דעם שוויס פון שטערן.

„מען דאַרף אים שליסן אין קייטן! — האָט זיך דער רויטער אייזיקל אויפ־געשטעלט און צוגעגאַנגען צו גאַוורילען — ער איז ווערט מען זאָל אים אָנלערנען. ער זאָל געדענקען, אַז די וועלט איז נישט הפקר״.

„ריכטיק, די וועלט איז נישט הפקר! — איז גאַוורילע מסכים געווען — איך וועל אים שליסן אין קייטן".

„און אַ ספּראַווקע דאַרף מען אים מאַכן אַז אויך אַנדערע זאָלן געדענקען, אַז די וועלט איז נישט הפקר" — האָט אים אייזיקל אונטערגעהיצט.

„ריכטיק! — האָט גאַוורילע צוגעשטימט — ער וועט ביי מיר גיין אין קייטן אַזוי שנעל ווי דער פּאַן רב וועט אים באַפרייען".

„ביי מיר איז ער פריי צו יעדער שטראָף!" — האָט דער רב צעפירט די הענט צו ווייזן, אַז ער האַלט אים נישט צו.

דאָס איז געווען אַ צייכן פאַר גאַוורילען, אַז פון איצט אָן איז דער מורד במלכות אין די הענט פון דער ממשלה. האָט גאַוורילע אָנגעוויזן מיט אַ פינגער ווי אַזוי נחמן זאָל גיין פאַר אים. ר' שמעלקע האָט זיי בײדן באַגלייט ביז צו דער טיר און גאַוורילען אַריינגעשטעקט אַ מטבע אין דער האַנט אַריין.

באַגינען, נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט גאַוורילע אַרויסגעפירט נחמנען אַ געשלאָסענעם אין קייטן. פון די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען מיט אַ טאָג פריִער, און פון דער שלעכט־געשלאָפענער נאַכט ביי גאַוורילען אויפן דיל איז אים דאָס פּנים געווען אויפגעלאָפן. קוים־קוים האָבן זיך פון צווישן געשווילעכץ אַרויסגעזען זיינע אויגן. פון אָנהויב איז אים געווען שווער צו שלעפן די פיסקייטן, וואָס זענען אין דער מיט געווען צוגעפעסטיקט צום גאַרטל. איז ער געגאַנגען מיט שווערע בערישע טריט און געבעטן:

„גאַוורילע־סערצע, צו וואָס דאַרפסטו די נאַרישקייטן? איך וועל דיר אַנט־לויפן? צי בין איך דען אַ הפקר־מענטש? שליס אויף די קייטן און איך וועל זיי טראָגן אויפן אַקסל. אַז מיר וועלן מערטשעם צוקומען הינטער קאַמעניעץ וועסטו מיך איינשליסן".

מיט אַן ענלעכן טאָן פון בעטעניש האָט גאַוורילע אים געענטפערט:

„איך קען נישט, נחמן, געזעץ איז געזעץ און קיין עצה דערצו האָסטו נישט. טאָמער זאָל מען מיך באַגעגענען אויפן וועג, אַז איך פיר אַן אַרעסטאַנט אָן קייטן, פאַרליר איך די פּרנסה און באַקום שמיץ. האָב איך דיר שלעכטס געטאָן דו זאָלסט מיר וועלן אומגליקלעך מאַכן?"

נחמן האָט פאַרשטאַנען גאַוורילעס טענות און רחמנות געהאַט אויף אים נישט ווייניקער, ווי ער האָט רחמנות געהאַט אויף זיך אַליין. ער האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער, וואָס מען האָט דערציילט וועגן איינעם פון דעם מגיד דב־בערס לייט. און געזאָגט האָט ער, אַז ער איז מקרב נישט־ייִדן צו גליך מיט ייִדן און די מידה האָט ער געלערנט פון גאָט ברוך־הוא, וואָס וועגן אים שטייט דאָך געשריבן אתּה שומע תּפילת כּל פּה — דו הערסט די תּפילות פון יעדנס מויל, פון ייִדן ווי פון נישט־ייִדן און אַלע תּפילות זענען ביי דיר אָנגעלייגט. האָט נחמן אָנגענומען די קייטן באהבה און זיך ביסלעכווייז צו זיי צוגעוווינט, זענען זיי נישט געווען מער אַזוי שווער.

אַזוי זענען ביידע, נחמן און גאַוורילע, געגאַנגען מיט דעם טראַקט קיין קאַמע־

ניעץ, צווישן תבואה־פעלדער, וואָס אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון זענען זיי געווען ווי באַשאָטן מיט שטויב פון געלאָשן גאָלד; צווישן גריקע־פעלדער, וואָס זענען געווען ווי באַשאָטן מיט שניי און צווישן קאַרטאָפל־פעלדער, וואָס זייער בלי̈עכץ האָט אויסגעזען ווי שלאָפנדיקע שמעטערלינגען. מיט די אויפגעלאָפענע אויגן האָט נחמן געקוקט אויף דער באַגינענדיקער וועלט און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט דאָס געזאַנג פון יעדן זאַנג און פון יעדן גרעזל; אַלץ לעבט, אַלץ איז אין דער בחינה פון הייליקע נשמות, וואָס האָבן באַקומען אַ תּיקון. „מלא כל הארץ כבודו, מלא כל הארץ כבודו" — האָט ער איבערגעחזרט פאַר זיך אַליין.

„האָסטו עפּעס געזאָגט צו מיר?" — האָט גאַווורילע געפרעגט.

„אַ שיינע וועלט, גאָטס וועלט, גאַווורילע!" — האָט נחמן געזאָגט.

„אַ שיינע וועלט און מיר בורטשען די געדערעם אין בויך פון הונגער. קום, זעץ זיך אַוועק און מיר וועלן עפּעס עסן" — האָט גאַווורילע געעצהט און ביידע זענען אַראָפּ אויפן ראַנד פון טראַקט.

גאַווורילע האָט אויסגעטאָן די שאַשקע, אַראָפּגענומען די טאָרבע, זיך פונאַנ־דערגעקנעפּלט און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. ער האָט פון דער טאָרבע אַרויסגענומען אַ לעבל ברויט, זיך איבערגעצלמט און זיך גענומען צום עסן.

„זעץ זיך דאָ, נעבן מיר" — האָט גאַווורילע געזאָגט מיט אַ פול מויל.

נחמן האָט אים נישט געהערט. ער האָט אויפגעהויבן דאָס געשוואָלענע פּנים צו דער אויפגייענדיקער זון, אויסגעפונען די מזרח־זייט, אַראָפּגעבויגן זיך, כּדי איינצונעצן די הענט אין דער פייכטקייט פון גראָז און צעשאָקלענדיק זיך אויפן שטייגער פון חסידים, האָט ער אויסגערופן מיט ברענענדיקער התלהבות: „מה טובו אוהליך יעקב משכּנותיך ישׂראל". גאַווורילע האָט צו אים אַרויפגעקוקט און אויסגעשטרעקט צו אים אַ האַנט מיט אַ שטיק ברויט:

„נאַ, עס. דאַרפסט האָבן כּוח צו גיין!"

מיט ביידע געשלאָסענע הענט האָט נחמן אַ מאַך געטאָן צו גאַווורילען, ער זאָל אים נישט אַרויסשלאָגן פון דער כּוונה און ער האָט זיך צעשריגן נאָך העכער: „ד׳ אהבתי מעון ביתך ומקום משכּן כּבודך!" און שוין איז ער מער נישט געווען אויף דער ערד, ער איז שוין מער נישט געווען געשמידט אין קייטן. ער האָט זיך מיטן פרייען גוף געוואָרפן אויף די זייטן און פאָרויס, ווי אַ ריזיקער פויגל, וואָס אים איז שווער אין פלי, אָבער אַז ער הייבט זיך אויף מיט אַלע אֵברים אין דער לופטן, קומט ער ביי די שוועריקייטן און טראָגט זיך אַוועק וואָס אַ מאָל העכער און העכער — „ואני תפילתי לך ד׳ עת רצון אלוהים ברב חסדך עננו באמת ישעך!"...

אַז ער האָט פאַרענדיקט די תּפילה און צוריק אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווו ער געפינט זיך. גאַווורילע, וואָס האָט פון אַן ערדן פלעשל געגאָסן אין גאָרגל אַריין וואַסער מיט אַ הילכיקן בול־בול־בול, האָט אים דערמאָנט ווו ער געפינט זיך. און ווידער האָט אים גאַווורילע דערלאַנגט אַ שטיקל

ברויט. האָט זיך נחמן אַוועקגעזעצט נעבן אים, גענומען דאָס ברויט און פֿאַרמאַכט די אויגן און אויף אַ קול געמאַכט אַ „המוציא":

„נו, מלח ?!" — האָט דער גאַרבער נישט געוואָלט מפסיק זיין נאָך דער ברכה.

„כ'האָב נישט קיין זאַלץ — האָט גאַוורילע געענטפערט — איצט זע איך פֿאַר וואָס ייִדן זענען אַזוי שוואַך. אויף אַ שטיקל ברויט זאָגן זיי אַ סך תּפֿילות; מער תּפֿילות ווי ברויט".

נחמן האָט גענומען אַ כּזית ברויט אין מויל אַריין און זיך געאײַלט צו ענטפֿערן:

„נישט אַזוי שוואַך גאַוורילע־סערצע. די תּפֿילות גיבן אונדז כּוח. מיר זענען געגליכן צו אַ ריז, וואָס זיין האַנט קען דערשלאָגן, נאָר ווען דער ריז האָט צו טאָן מיט אַן אומוויסנדיק קינד, גלעט ער עס מיט דער זעלבער האַנט און לאָזט זיך אַפֿילו פֿון דעם קינד שלאָגן. האָסט פֿאַרשטאַנען ?"

גאַוורילע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען.

האָט נחמן אים געגעבן צו פֿאַרשטיין:

„אונדזער הייליקער צדיק, רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, ווערט דערציילט, האָט מיט אַ שפּרונג געקענט משנה זיין דעם גאַנג פֿון אַ טייך. און אַז מען האָט געבראַכט פֿאַר אים אַ קראַנקן, וואָס טאָקטערן האָבן אים נישט געקענט אויסהיילן, האָט ער מיט איין וויש מיט דער האַנט פֿאַרטריבן ס'חולאת. עס ווערט דערציילט, אַז איין מאָל איז זייער שטאַרק קראַנק געוואָרן די טערקישע בת־מלכּה. האָט דער מלך געטאָן רופֿן צו זיך אַלע רופֿאים פֿון זיין מדינה און זיי געזאָגט, אַז ער וועט זיי שענקען אַלע זיינע אוצרות, אַבי זיי זאָלן געפֿינען אַ רפֿואה פֿאַר דער בת־מלכּה. האָבן די רופֿאים געפּרוּווט מיט אַלע רפֿואות און זאַלבן און עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. האָט דער מלך באַפֿוילן מען זאָל ברענגען פֿאַר אים דעם שטערנזעער און ער האָט געזאָגט צו אים, ער זאָל אַרויסלייענען פֿון די שטערן אין וועלכער מדינה עס איז פֿאַראַן אַ גענעזונג פֿאַר דער בת־מלכּה. איז דער שטערנזעער אַרויף אויפֿן דאַך פֿונעם מלכס פּאַלאַץ, זיך איינגעקוקט אין די מילי־מיליאָסן שטערן און פֿון זיי אַרויסגעלייענט, אַז אין דער מדינה פּאָדאָליע איז די גענעזונג. נאָר אַזוי ווי צווישן טערקיי און רוסלאַנד איז אַ מלחמה און אויב די בת־מלכּה וועט אַהין פֿאָרן אין קאַראָצן וועט זי אַריינפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, זאָל זי זיך דערום איבערטאָן אין די קליידער פֿון אַ בעטלערין און זאָל זי גיין צו פֿוס. און אַז זי וועט אָנקומען אין מדינת פּאָדאָליע, זאָל זי נאָכפֿרעגן אויף דעם צדיק רבי ישׂראל בעל־שם־טוב. האָט דער מלך געפֿרעגט: לושמיר, אַז זי וועט אַזוי טאָן, פֿון וואַנען וועט זי נעמען כּוחות צו גיין אַזאַ מהלך־רב ? האָבן די שטערנזעערס געזאָגט: אין זיין זכות וועט זי האָבן כּוח צו גיין. האָט זי אַזוי געטאָן און געגאַנגען. איז די בת־מלכּה אָנגעקומען קיין אָקופּ און געפֿרעגט ביי אַן אָנגעטראָפֿן קינד: ווו וווינט דאָ דער בעל־שם־טוב ? האָט דאָס קינד געענטפֿערט: דאָ איז דער בעל־שם־טוב געבוירן געוואָרן, נאָר איצט איז ער אין די בערג. ער איז זיך דאָרט מפֿרנס פֿון גראָבן ליים. איז די בת־מלכּה געגאַנגען אין די בערג און געטראָפֿן אַ הוצול,

האָט זי אים געפרעגט: זאָג מיר, גוטער מענטש, ווו זענען די ליים־גראָבנס, וואָס פון זיי שעפּט חיונה דער בעל־שם־טוב? האָט דער הוצול געזאָגט: ער האָט דאָ געלעבט, נאָר איצט איז ער מלמד אין דער שטאָט טלוסט. ער לערנט דאָרט יידישע קינדער תורה. איז די בת־מלכּה ווייטער געגאַנגען און אין טלוסט באַגעגנט אַ זקן און זי האָט געפרעגט מכּוח דעם בעל־שם־טוב. האָט דער זקן אָנגענומען די האַנט פון דער בת־מלכּה און געזאָגט: דו ביסט, טאָכטערשי, אויף אַ גוטן דרך. גיי מיט דעם גלייכן וועג קיין מעזשיבאָזש. ווען דו וועסט אָנקומען אַהין, זאָלסטו ביי קיינעם נישט פרעגן, נאָר זוכן אַ מאַן, וואָס גייט אָנגעטאָן אין אַ טיזליק פון קומאַי, די פיס־פינגער שטעקן אים אַרויס פון די צעריסענע שיך און ער איז אַ גרויסער עני. איז ווי די בת־מלכּה איז אַזוי געגאַנגען מיטן גלייכן וועג, איז זי צוגעקומען צו אַ טייך, וואָס קיין בריק איז איבער אים נישט געלעגן. אַזוי זענען פונעם טייך אָפּגעפלאָסן די וואַסערן און די בת־מלכּה איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט און זי איז ווייטער געגאַנגען. און ווי זי איז אָנגעקומען קיין מעזשיבאָזש, האָט זי באַלד געטראָפן דעם בעל־שם־טוב אָן צו פרעגן. האָט דער צדיק געפרעגט: טאָכטערשי, וואָס איז דיין באַגער וואָס אויף דיר ליגט דער שטויב פון אַזאַ לאַנגן וועג? האָט זי אים געזאָגט, אַז זי בעט אַ רפואה צו איר חולאת. האָט דער בעל־שם־טוב געענטפערט: אַז דו האָסט זיך איבערמעכטיקט און דורכגעוואַנדערט אַלע מקומות ווו איך בין געווען נע־ונד און דערגאַנגען אַזש ביז מעזשיבאָזש, האָסטו אַ גרויסן זכות אין הימל און דו ביסט געזונט. און אַזוי איז געווען".

גאַווורילע איז געווען זייער שטאַרק צעטומלט פון דעם געהערטן. איצט האָט ער איינגעזען, אַז די יידן האָבן אַ גרויסן כּוח. אומעטום זענען זיי אין דער פרעמד און זיי האַלטן אויס. דער פלאַץ, ווו זיי זענען געזעסן, נעבן דעם רוישנדיקן קאַרן, האָט זיך אים אויסגעוויזן אומהיימלעך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט צום גאַרבער:

„מיר דאַרפן גיין. דער וועג קיין קאַמעניעץ איז אַ לאַנגער".

האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן און געגאַנגען. און ווי נחמן איז געגאַנגען אַ געשטאַרקטער, אַזוי האָט גאַווורילע געפילט, אַז די פיס ווערן אים שוואַך.

די מיטן־זומערדיקע זון האָט זיך אויפגעהויבן העכער און געגליט. אינעם שווערן שינעל איז גאַווורילען געוואָרן שטאַרק הייס. דער שוויס האָט אים געביסן — דאָ אויף דער פּליצע, דאָ אונטערן היטל און דאָ אונטערן דיך. ער האָט נישט געקענט זיך אָן עצה געבן מיטן קראַצן זיך. דער וועג קיין קאַמעניעץ האָט זיך אויסגעצויגן אומענדלעך לאַנג. פאַר וואָס האָט אים נחמן דערציילט וועגן דער טערקישער בת־מלכּה? צי וועט דער וועג קיין קאַמעניעץ זיין אַזוי ווייט ווי פון טערקיי ביז מעזשיבאָזש? ער האָט נישט גערדאַרפט נעמען דעם שוחד ביים רב. דער מאַשעניק האָט אים פאַרפירט. דער וועג איז אַ לאַנגער און שווערער, ווי דער יידישער גלות. אונטערן שינעל איז אים געוואָרן נאָך הייסער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט צום גאַרבער:

„נחמן ליבער, איך גיי אויס פון היץ. גיב מיר אַ קראַץ אין פּלייצע".

ער האָט זיך אויסגעדרייט און מיט ביידע איינגעריפּטע הענט געזוכט גאַווריִ־לעס פּלייצע ווו אַ קראַץ צו טאָן.

„העכער אַ ביסל, העכער — האָט גאַווריִלע געבעטן — איצט אַ ביסעלע פֿון דער רעכטער זייט. אָט אַזוי. שטאַרקער, שטאַרקער!"

גאַווריִלען איז געווען גוט. ער האָט פֿון תּענוג פֿאַרמאַכט די אויגן און אָפּגע־פּילט דאָס קראַצן ווי אַ געגעזונג. עס איז אים געוואָרן ווייך אונטערן לעפֿעלע און ער האָט געפֿרעגט:

„פֿאַר וואָס, נחמן, האָסטו מיר אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך? וואָס פֿאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר געטאָן? אי דו ביסט אַוועק פֿון דיין ווייב און קינדער און אי איך האָב איבערגעלאָזט מיין ווייב מיט די קינדער. און היינט איז זונטיק איבער דער וועלט".

„איך האָב צו דיר גאָרנישט אָפּגעטאָן, גאַווריִלע. דו ביסט אַ גוטער מענטש — האָט נחמן איינגעטענהט באַהאַרצט — האָסט ביי מיר אויסגעטרונקען מער בראָנפֿן ווי איך האָב אויסגעגאָסן נעגלוואַסער. נאָר קהל איז אין אַלץ שולדיק. דו האָסט זיי געגלויבט. אַ בלבול האָבן זיי אויסגעטראַכט אויף מיר. מיר האָבן זיי פֿאַר־שטערט מיין שבת און דיר — דיין זונטיק. איצט שלעפּסטו מיך קיין קאַמעניעץ ווי איך וואָלט חלילה געהרגעט אַ מענטש".

„נחמן, מיט דיינע אייגענע אויערן האָסטו געהערט ווי די לייט האָבן געזאָגט, אַז דו ביסט אַ מורד במלכות. וואָלט איך דיך נישט געשמידט אין קייטן, אַזוי וואָלטן זיי געשריבן קיין קאַמעניעץ, אַז איך האָב אַלץ געהערט און דיך געלאָזט פֿריי. וואָלט מען מיך געשמיסן און דאָס שטיקל ברויט פֿון מויל צוגענומען".

„לושמיך, אַז זיי האָבן געזאָגט, אַז איך בין אַ מורד במלכות. האָסטו עס געמוזט אָננעמען ווי דער רב האָט געזאָגט: ער איז אַ ליגנער. עלעהיי דיינע לייט טראַכטן אויס בלבולים אויף ייִדן, איז עס נישט שקר־וכזב?"

„נחמן, טו מיר נישט אָן קיין צער — האָט גאַווריִלע געבעטן — גיב מיר נאָך אַ קראַץ. העכער, נאָך העכער. אָט דאָ, גוט".

נחמן האָט אים געקראַצט און אַריינגערעדט אין אויער:

„ווי קומט קדיש צו שמע־קולינו? די ממשלה אין קאַמעניעץ האָט מיר אויס־געדונגען די פּאַכט, איך זאָל האָבן מיט איר אַ סיכסוך? אַ שקר־בלבול, גאַווריִלע!"

גאַווריִלע האָט געבורטשעט אונטער די וואָנצעס:

„אין אַלץ איז שולדיק דער רויטער אייזיקל. זאָל ער פֿון גיהנום נישט אַרויס!"

דער וועג קיין קאַמעניעץ האָט זיך אויסגעצויגן לאַנג ווי דער ייִדישער גלות.

יצחק ווערט נעלם פון רודניצע

ווי עס געשעט, אַז אין אַ שטורעם רייסט זיך אָפּ אַ פעלדז פון אַ באַרג און אַראָפּקאָלערנדיק זיך איבער די שיפּועים רייסט ער מיט אַנדערע פעלדזן און זיי, ווידער, פאַרשיטן און צעשטערן וואָס מענטשלעכע פּראַצע האָט געבויט פון דור דורות, אַזוי איז אין יענע זומערטעג געשען אין הויז פון אליעזר. געלע, דאָס ווייב פון נחמן גאַרבער, איז געקומען צום דאָקטער און פאַר אים אויסגעגאָסן אירע טרערן. זי האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און דאָס קול נישט אַרויסגעלאָזט, נאָר טייכן טרערן האָבן געפלאָסן פון אירע אויגן און פאַרפלייצט איר פּנים, איר האַלדז און אירע הענט. זי איז אין גאַנצן געוואָרן אַ קוואַל פון טרערן. פאַר אליעזרן האָט זי נישט געדאַרפט אויסגיסן איר ווײ אין ווערטער. ער האָט געוווסט: שוין צוויי וואָכן ווי גאַווריל איז צוריקגעקומען פון קאַמעניעץ און דערציילט, אַז ווי אַ מורד במלכות איז נחמן דער גאַרבער איינגעזעצט געוואָרן אין די קעלערן פון דעם קאַמעניעצער שטאָטראַט און ער וועט מערטשעם אָפּגעבן אַ דין פאַר זיינע מעשׂים. אַז די צייט פון מישפּט וועט קומען וועט דאָס געריכט אין קאַמעניעץ רופן דעם רב און דעם רויטן אייזיקל דעם קצב, זיי זאָלן דערציילן ווי אַזוי אַט דער נחמן האָט מורד במלכות געווען.

געלע איז געבליבן מיט זיבן קינדער אין שטוב. דער עלטסטער זון איז אַ יאָר נאָך בר־מיצווה און ער קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט די פעסער אייב־געווייקטע פעלן. די אַלע וואָס פלעגן קומען צוזאַמען מיט נחמנען אין די שבתים צו דעם דאָקטער אין קלויז דאַווענען און אויף קידוש, זענען געוואָרנט געוואָרן פון דעם מרא דאתרא ר׳ שמעלקע, אַז באָם זיי וועלן אַריבערטרעטן די שוועל פון דעם דאָקטערס קלויז צי שטוב אַזוי וועלן זיי אַריינגעלייגט ווערן אין חרם, זיי וועלן איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון מלכות ווי מורדים קעגן דער ממשלה אַזוי ווי עס איז געשען מיט נחמנען.

אַ קול קורא מיט גרויסע אותיות האָט ר׳ שמעלקע געגעבן דעם שמש, ער זאָל די זאַך אויפהענגען נעבן דער קונע. און געזאָגט האָט ער אין דעם קול קורא, אַז יעדער איינער וואָס גייט אין די דרכים פון דעם מעזעריטשער מגיד, דעם מנהיג פון דער מורדישער כּת חסידים, איז בבחינת אַ מוחרם, ער טאָר נישט קומען אין קהל, מען טאָר זיך מיט אים נישט מתחתן זיין, נישט פירן מיט אים מסחרים און קיין משׂא־ומתּן און מען דאַרף זיך פון אַזעלכן דערווייטערן.

די שטוב און די קלויז פון דעם דאָקטער אליעזר זענען פּלוצים ליידיק גע־בליבן אין די שבתים. זעלדע, וואָס ביז איצט איז זי אַ גאַנצע וואָך געווען פאַר־

נומען מיט צוגרייטן דאָס הויז אויף שבת, איז געבליבן מיט ליידיקע הענט. אירע הענט זענען אומעטיק געוואָרן און זי האָט געקוקט אויף זיי מיט רחמנות. אין שטעטל האָבן די מלשינים פון ר׳ שמעלקע געקוקט מיט חשד אויף די מתפללים אין מנינים און אין דער שול און געזוכט לייט, וואָס טאַנצן אונטערביים דאַווענען, אָדער שאָקלען זיך. גאַוורילע איז עפּעטער איצט געקומען צו יידן און זיך נאָכגעפרעגט אויף מורדי־מלכות.

פון אָנהייב איז געלע געקומען צום רב און אים געפאַלן צו די פיס מיט תחנונים, ער זאָל זי אָפּראַטעווען. זי איז געבליבן אַליין מיט די קינדער, לעבעדיקע יתומים, און אין שטוב וועט נישט זיין קיין ברעקל ברויט פאַר זיי. וואָרום די צוויי געזעלן וואָס האָבן געאַרבעט ביים גאַרבן די פעלן, ווילן איצט מער נישט אַריבערטרעטן איר שוועל, אַזוי האָט מתרה געווען דער רב. האָט ר׳ שמעלקע געענטפערט דער אישה, אַז פאַר דער כפירה צו האָבן צו טאָן מיט די מינים, מיט דער כת חסידים און מיט דעם דאָקטער, קומט איר נחמנען ס׳גיהנום און מען זאָל שינדן פון זיין לייב לעבעדיקע שטיקער. וועט ער איצט ס׳גיהנום אָפּקומען סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענער וועלט. אויב זי, געלע, איז געשטראָפט געוואָרן פאַר די זינד פון איר מאַן, זאָל זי מיט דער טענה גיין צו דעם מין, דעם דאָקטער אין רודניצע, און איר שווער האָרץ אויסבייטלען צו זיין קאָפּ און צו זיין לייב און לעבן, אַז דאָס לעבן זאָל אים נימאס ווערן און ער זאָל אַנטלויפן פון וואַנען ער איז געקומען. מסתמא איז ער דעם אשמדאיס שוועסטערקינד — האָט ר׳ שמעלקע געריבן די הענט און די שאַרפע באַקנשפּיצן האָבן אים געגליט.

זעלדע האָט זיך צוגעזעצט נעבן דעם צעוויינטן ווייב, גענומען איר האַנט אין אירע און זי טרייסטלעך געגלעט:

„אייער מאַן איז קיין זינד נישט באַגאַנגען, חלילה. נאָר שלעכטע מענטשן פאַרגינען נישט ווען אַנדערע פרייען זיך. אוי, ווי איך בין דערמיט געפּרוווט געוואָרן. דער דאָקטער וועט אַלץ טאָן אייער מאַן זאָל באַפרייט ווערן פון דער קלעם און ער זאָל צוריקקערן צו אייך און אייערע קינדער. שטעלט אָפּ אייערע טרערן, אָרעמע, מיט טרערן דערפרייט מען די שונאים און די מלאכי־חבלה, נישט געפּרוווט זאָל מען ווערן" — האָט זעלדע דריי מאָל אָפּגעשפּיגן.

דעמאָלט ווען זעלדע האָט געזאָגט די ווערטער איז אליעזר געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער און געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן. ווי לאַנג איז עס ווען זעלדע האָט אויס יאוש פאַרגאָסן טרערן דאָרט, אין בראָד, ווי איצט דאָס ווייב פון דעם גאַרבער? מער פון וועגן אירע טרערן ווי פון פּחד פאַר סכּנה און רדיפות האָט ער דאָך דעמאָלט געזוכט אַן אַנטרינונג. איז איצט זיין זעלדע געהאַרטעוועט פון יענע נסיונות. ווי שיין זי רעדט צו דעם גאַרבערס ווייב! איר זיס קלינגענדיק קול איז אין דער רגע דערגאַנגען צו אים שאַרפער ווי אין די טעג ביז איצט. איז ער דאָך געוווינט צו הערן איר קול אַזוי ווי ער הערט זיין קול. ער לעבט מיט איר שוין אַזוי פיל יאָרן און דער ניגון פון איר קול איז אים געוואָרן נאָענט ווי זיין אייגן קול. נאָר איצט, ווען זי רעדט צו דעם ווייב טויכט

אויף איר קול מיט דער פרישקייט און קלינגעוודיקייט ווי ער האָט עס געהערט צום ערשטן מאָל — שליטן־גלעקעלעך קלינגען צווישן די ווערטער פון איר מויל.

פאַרנאַכט־צו האָט דער דאָקטער אַהיימגעשיקט נחמנס ווייב מיט אַ הויפּישן וואָגן. אַליין איז ער אַוועק אין הויף. עס איז געווען די צייט ווען דאָס פּי קערט צוריק פון פעלד, די שוואַלבן וואָיווען אַרום אין דער לופט, ווי עס וואָיווען אַרום צעשטיפטע קינדער אין זומער־דרויסן, איידער עס קומט די צייט פון שלאָפן. די זון האָט זיך אויף מערב־זייט צעגאָסן אין גאָלד און אין בלוי, יונגע זשרעבעקלעך זענען דאָ אַרויסגעלאָפן פון די שטעלער און דאָ צוריקגעלאָפן, געשפּילט זיך מיט איינאַנדער, אין אַ רגע שטיין געבליבן פאַרקוקטע צום הימל און באַלד, צעשראָקענע פון גאָרנישט, האַסטיק זיך צעבריקעוועט. אליעזר האָט געפילט אַ דריקעניש אונטערן האַרץ, וואָס קומט פון אַ שלעכטער בשורה, צי פון אַן אבידה. ער איז געגאַנגען זיך טרעפן מיט דעם גראַף, אָבער מער ווי צו דער טרעפונג האָט ער געוואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין; נישט זיין אין דער היים וואָס איז פּלוצים דערשלאָגן געוואָרן.

אויפן גאַניק פון דעם רחבותדיקן הויף זענען געזעסן דער גראַף און זיין עקאָנאָם וויעסלאַוו קישעל. אליעזר האָט זיי געזען זיצן אַנטקעגן איינאַנדער אַרי־בערגעבויגן איבער אַ טיש און ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געזעסן אומבאַוועגלעך. אויף דעם דאָקטערס ברייטער באַגריסונג אויפן פוילישן שטייגער האָבן זיך דיביידע לייט ווי אָפּגעריסן פונעם טיש. ער האָט איבערגעחזרט די באַגריסונג דער־נענטערנדיק זיך צום גאַניק און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אין דער רגע נישט קיין געוווּנטשענער דאָ. קישעל האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך פאַר־בויגן מיט אַ האַנט־רעווערענס און דרך־ארצדיק אויסגערופן:

„זיי באַגריסט פון גאָט, דאָקטאָר מעדיקוס!"

נישט אויפהייבנדיק זיך פון פּלאַץ האָט פּאָטאָצקי געענטפערט שטיל אויף דעם דאָקטערס באַגריסונג און אים אָנגעוויזן דעם פּלאַץ אויף וועלכן עס איז פריִער געזעסן דער עקאָנאָם.

„אַ דאַנק אייך, גראַף, איך וועל ליבערשט שטיין איידער פאַרנעמען עמעצנס אָרט" — האָט ער געזאָגט און געזוכט דעם גראַפס אויגן, כדי אויסצוגעפינען זיין שטימונג.

„זעצט אייך דאָקטער — האָט דער עקאָנאָם מיט ביידע הענט אָנגענומען זיינע דיקע וואָנצעס ווי צוויי הערנער — ווי איך קען נישט היילן קראַנקע אַזוי גלייב איך נישט איר זאָלט זיך אויסקענען אין פעלדער און פערד". ער האָט געלאַכט מיט אַ הויך ליידיק געלעכטער און אָנגעוויזן אויף זיין שטול.

„קלוגע רייד, ליכטיקער עקאָנאָם! — האָט אליעזר אים געגעבן אַ שבח און זיך אַוועקגעזעצט — פון דעסטוועגן איז מיר אומאָנגענעם איר זאָלט שטיין".

„זעסלען פעלן נישט אין רודניצע און איך האָב ליב, אַז אויך די פיס זאָלן מיך פילן און מיך דינען" — האָט ער זיך ווידער צעלאַכט מיט דעם זעלבן ליידיקן געלעכטער.

דער גראַף איז ווי נישט געווען דערביי. מיט דער האַנט האָט ער געשאַרט אויף דער פלאַך פונעם טיש און געוואַרט.

„האָב איך אייך נישט געשטערט, גראַף, אין דער צייט?" האָט אליעזר געהאַט אַ באַדערפעניש צו פרעגן זעענדיק, אַז דער גראַף איז פאַרטראַגן אין עפּעס אַנדערש.

„ניין, ניין, דאָקטער, וואָס פאַלט אייך איין? איר זענט ביי מיר נישט וויניקער אַנגעזען ווען איר קומט צו גאַסט ווי אַ שכן, ווי ווען איך דאַרף אייך ווי אַ דאָקטאָר מעדיקוס".

„אַ דאַנק אייך, גראַף, אויב איך שטער אייך נישט, קום איך צו אייך נאָך הילף — האָט ער פאַרפלאָכטן די פינגער פון האַנט אין האַנט — און איר, פּאַניע קישעל, וועט מיר טאָן אַ טובה מיט הערן מיינע ווערטער. איך קום צו אייך וועגן אַ שטעטלשן ייִד, וואָס איז אַ געשמידטער אין קייטן געפירט געוואָרן קיין קאָמעניעץ און דאָרט אַריינגעוואָרפן אין די קעלערן פון שטאָטראַט. דער ייִד איז דער שטעטל-שער גאַרבער..."

„אַט דער נחמן וואָס קויפט ביי אונדז די פעלן?" — האָט קישעל געפרעגט.

„ריכטיק, פּאַניע קישעל. דאָס איז דער" — האָט אליעזר צוגעשטימט.

„פאַר אַ גניבה, אָדער ער האָט נישט געצאָלט די חובות?" — האָט דער עקאָנאָם געפרעגט.

„נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע — האָט אליעזר געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין — דאָס האָט דער רב פון שטעטל צוגעטראָגן דער מאַכט, אַז נחמן איז אַ בונטאָווטשיק קעגן מלכות".

„אַ ייִד אַ בונטאָווטשיק?" — האָט קישעל ווידער אַרויפגעדרייט די שפּיצן וואָנצעס.

„אַ מורד יאָ, אָבער נישט קעגן מלכות, נישט קעגן גראַף, נישט קעגן מיר און נישט קעגן אייך, פּאַניע קישעל, נאָר פאַר גאָט. אין אַן אַנדער צייט וועל איך אייך דערציילן, אַז ווי איינער נעמט אין אַרענדע די ביר-ברויעריי און אַ צווייטער נעמט אין פּאַכט די סעדער, די תּבואות, אַזוי זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס נעמען אין פּאַכט דעם באַשעפער פון דער וועלט. נאָר דער אונטערשייד איז, וואָס כּדי צו נעמען אין אַרענדע די ברויעריי און די פּאַכט פון די סעדער דאַרף מען אָנקומען צום גראַף, וואָס צו זיין ליכטיקייט געהערט דאָס אַלץ. אָבער דער באַ-שעפער פון דער וועלט איז נישט קיין אייגנטום און ער געהערט צו אַלע וואָס גלייבן אין אים. זענען אָבער פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן דעם באַשעפער פון דער וועלט גענומען אין אַרענדע. זיי נוצן אים אויס ווי ער וואָלט געווען זייער אייגנטום און דעם געמיינעם מענטש באַדריקן זיי, ער זאָל נישט צו פיל אויפהייבן דעם קאָפּ. אַט אַזאַ געמיינער מענטש, וואָס וויל זיין אַ גלייכער שותּף צו דער פרייד פון גאָט, איז דער נחמן. איבעריקנס, איז ער געווען פון די גוטע טענצער דעמאָלט אויף דער סעודה, ליכטיקער גראַף. און די אַלע וואָס האָבן געטאַנצט זענען געווען דורכ-גענומען מיט דער פרייד פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט!"

אויף אַן אויגנבליק האָט דער גראַף אויפגעהויבן די אויגן צו אליעזרן, אָבער ווי נאָר זייערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, האָט פּאָטאָצקי דעם בליק צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן טיש.

„פאַר טאַנצן האָט מען דעם אַלטגלויביקן געשלאָסן אין קייטן?" — האָט דער גראַף געפרעגט.

„אייגנטלעך פאַר טאַנצן, פאַר זיין פריילעך, פאַר דעם וואָס יעדן שבת קומען אַזעלכע פריילעכע לייט צו מיר אַהיים אום צו טאַנצן און זינגען און לויבן דעם באַשעפער פון דער וועלט".

„פּשיאַ קרעוו, דאָס איז נישט געהערט געוואָרן... שמיץ, שמיץ דאַרפן באַקומען די שולדיקע אין דער זאַך" — האָט דער גראַף אויף אַ רגע זיך אַנגעצונדן און באַלד זיך פאַרלאָשן.

„איך בין נישט געקומען, ליכטיקער גראַף, בעטן שמייסן די שולדיקע אין אויסטראַכטן אַ בלבול אויף דעם גאַרבער. פאַר זייער חטא זאָל זיי גאָט שטראָפן. געקומען בין איך, איר, ליכטיקער גראַף, זאָלט מיט אייַער מאַכטיקייט באַווירקן ווען מען דאַרף אין קאַמעניעץ, אַז דער אָרעמער ייִד זאָל באַפרייט ווערן. פּאַד חרם, איך, דאָקטאָר מעדיקוס אליעזר אַרטאַפּאַנוס גיב מיין קאָפּ דערפאַר, אַז אָט דער מאַן איז נישט קיין מורד במלכות!" — האָט אליעזר געזאָגט פייערלעך.

דער גראַף האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם עקאָנאָם און געזאָגט:

„די מיעשטשאַנסקע פּאַנעס אין קאַמעניעץ" — ווער קען זיי איינבייסן?"

„זיי האָבן ליב פאַרפּום פאַר זייערע פאַרשטונקענע מיאוסע ווייבער" — האָט זיך צעלאַכט דער עקאָנאָם.

„מען דאַרף טראַכטן וועגן דעם קאַמעניעצער בישאָף, פּשיאַ קרעוו — האָט פּאָטאָצקי אַ בליץ געטאָן — ער האָט פיינט רבנים ווי דער טייוול האָט פיינט ווייַרויך".

„אָ, אָ, אָ, ער האָט אַלע פיינט, אויסער זיך אַליין!" — האָט קישעל צוגעגעבן מיט אַ געלעכטער פון צופרידנקייט.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן הינטערן וואַלד. פון דער ווייטנס האָט דער וואַלד אויסגעזען ווי אַ טונקל־גרינע מאַסיווע געשטשערבעטע מויער. איבער דעם וואַלד האָבן זיך די וואָלקנס פון רויט און גאָלד צעגאָסן, זיך דורכגעפלאָכטן, און אַ זוניקער בויגן האָט זיך איבער זיי אַריבערגעלייגט און זיי געבונדן. אומעטיק־פאַרנאַכטלעך איז געוואָרן. אויפן גאַניק האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרויע דעמערונג, ווי פאַרן גאַניק און פאַר די מענטשן וואָס זיצן אויף אים וואָלט דער בין־השמשות געווען אַן אַנדערער ווי ער איז דאָרט, איבערן וואַלד. די שטימונג האָט געצוימט דאָס רעדן. אליעזרן איז איינגעפאַלן, אַז דער גראַף איז קראַנק און דעריבער איז ער נישט אַזאַ אויפגעלייגטער און צעעפנטער ווי עס איז אין זיין שטייגער. ער האָט אַפילו אַ סך ווייניקער איבערגעחזרט זיין „פּשיאַ קרעוו" און אין די פאַלן ווען ער האָט געזאָגט דאָס זידלוואָרט, איז עס נישט געווען אַזוי ווי פּאָטאָצקי איז געוווינט עס צו נוצן. אליעזר האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון צו פרעגן אים ווי ער

פילט זיך. פּאָטאָצקי האָט נישט ליב ווען מען זעט אים אַ קראַנקן. ער מיינט, אַז דאָס איז נישט מענעריש. אַ מאַן דאַרף אַלע מאָל זיין געזונט און נישט ווי אַ באַבע, וואָס קלאָגט זיך אויף שוואַכקייט און ווייטיקן. אַפילו ווען אַ מחלה לייגט אים אַוועק — און דעמאָלט האָט ער זיך פיינט — מוז אים עלזשביעטאַ איינרעדן ער זאָל דערלויבן רופן דעם מעדיקוס. און דעמאָלט איז דער מעדיקוס פאַר אים אַ גלייכער און נישט אַ קראַנקער מיט אַ דאָקטער.

צום סוף, נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן, האָט אליעזר געזאָגט:

„ליכטיקער גראַף, אויב עס איז מעגלעך וויל איך אייך בעטן אַ בריוו צום בישאָף אין קאַמעניעץ, ער זאָל זיך משתדל זיין צו באַפרייען דעם אָרעמען גאַרבער. ער האָט אין שטוב איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט זיבן קינדער".

„די אָרעמעלייט זענען אַלע מאָל רייך אין קינדער" — האָט זיך צעלאַכט דער עקאָנאָם.

„אַ בריוו צום בישאָף? — האָט פּאָטאָצקי איבערגעפרעגט — איך שרייב נישט קיין בריוו. באַלד וואָלט ער דעם בריוו צעטראָגן איבער אַלע פאַראַפיעס, אַז די משפחה פּאָטאָצקי מוז אָנקומען צו זיין פּיאָלעטישן קאַפּל, פשיאַ קרעוו. אויב זיך משתדל זיין ביי אים, וועל איך עס טאָן ביי אַ געלעגנהייט ווען איך וועל זיין אין קאַמעניעץ, אָדער קישעל וועט פאָרן צו אים מיט אַ צוויי אַנטאַלקעס ביר".

„אַ בוקסע האָט ליב אַ פעטע פאַרציע דזשעגעכץ ווען דער ראָד דרייט זיך אַרום איר" — האָט דער עקאָנאָם אַריינגעלאַכט אין דער טונקלקייט פון דרויסן.

דער גראַף האָט זיך אויפגעשטעלט, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און אַריין אין דער טונקלקייט פון דער אָפענער טיר. אויפן גאַניק זענען געבליבן אליעזר און דער עקאָנאָם. אליעזר האָט געוואָלט וויסן דעם סוף:

„מיינט איר, אַז דער גראַף וועט די טעג זיין אין קאַמעניעץ?"

„דאָס ווייס איך נישט" — האָט קישעל געענטפערט.

„עס זעט מיר אויס ווי ער איז נישט מיט אַלעמען. צי האָט ער זיך איבער־געגעסן מיט פעט פלייש?" — האָט דער דאָקטער געוואָלט טרעפן.

„דאָס ווייס איך נישט, דאָקטער, נאָר שוין עטלעכע טעג ווי ער איז נישט דער זעלבער מענטש און אויך די עלזשביעטאַ גייט אַרום ווי אַ קראַנקע" — האָט קישעל געזאָגט שטיל און אין דער פינצטער געדרייט זיינע דיקע וואָנצעס.

דער דאָקטער האָט געפרעגט נאָך שטילער ווי עס זענען געווען קישעלס ווערטער:

„אויב דער גראַף וואָלט אייך געבעטן פאָרן צום בישאָף, צי מיינט איר נישט אַז עס וואָלט געווען גלייך איך זאָל אייך באַגלייטן, פּאַניע קישעל?"

„מיט כבוד, מעדיקוס. אין איינעם פון די טעג אין דער וואָך".

און אין איינעם פון די טעג אין דער וואָך איז עס געשען:

באַגינען, ווען יוחנן איז אַריין אין דער קאַמער וווּ עס זענען געשלאָפן זיינע

צווײ תּלמידים, אױפֿצוּװעקן זײ צו גײן זאַלבעדריט צום טײַך זיך אָפּטובלען אין די קילע פֿרימאָרגנדיקע װאַסערן — איז דאָס געלעגער פֿון יצחקן געװען לײדיק.

יצחק איז געװען אַ שפּעט־שלעפֿער און אַלע מאָל האָט מען אים געדאַרפֿט װעקן, אַפּערציִען דאָס קישן פֿון אונטערן קאָפּ, ער זאָל אַראָפּ פֿון געלעגער. צי איז ער דאָס מאָל אױפֿגעשטאַנען פֿריִער פֿון אים, יוחנן, װאָס װאַכט אױף מיט דעם מאָרגן־געקרײ פֿון די הענער? ער האָט אױפֿגעװעקט אַלעקסאַנדערן:

„פּעפּער, די זון איז שױן הױך אין הימל און אַפֿילו דײַן ברודער איז שױן לאַנג נישט אין בעט. שטײ אױף, אַלעקסאַנדער, כּל־זמן דאָס װאַסער אין טײַך איז קאַלט".

אַלעקסאַנדער איז װאַך געװאָרן און אַראָפּגעשפּרונגען פֿון געלעגער. ער איז געגאַנגען אָפּגיסן די נעגל און גרײטן זיך גײן צום טײַך. יוחנן איז אַװעק. ער האָט ליב געהאַט דעם יונגן דרױסן. ער האָט געהאַט אַ תּענוג װי ער װאָלט געזען װעלט־באַשאַף. אַלץ איז אין װערן: דאָס טאָגליכט, די פֿרײלעכקײט פֿון די פֿײגל, אױף דעם געבלעטער צװישן גראָז זעצן זיך אָפּ װאַסער־קײַקעלעך פֿון דעם טױ און די קײַקעלעך שימערירן מיט דעם ליכט פֿון דער זון. דער געציפּער אין גראָז אײַלט זיך געשװינד צו עפּעס װאָס קײנער קען נישט באַגרײַפֿן. יוחנן בײגט זיך אַראָפּ און באַקוקט די כּל־מיני בלעטעלעך אין די גראָזן, װי שײן זײ זענען געװעבט און יעדעס אין אַן אַנדער געשטאַלט, אַזױ װי מענטשן — אַלע די זעלבע און דאָך יעדער אַנדערש, אַנדערש מיט זײַן גורל, מיט זײַן מראה, אַנדערש זײַן מזג. הארץ מלא כּבודו.

אַלעקסאַנדער איז אַרױסגעקומען פֿון הױז:

„װוּ איז יצחק?"

„אפשר איז ער אַלײן אַװעק צום טײַך?" — האָט יוחנן אַרױסגעזאָגט אַ סבֿרה, װאָס באַלד האָט ער געװוּסט, אַז זי לײגט זיך נישט אױפֿן שׂכל. דער פּעפּער װעט נישט אױפֿשטײן קײן רגע פֿריִער כּדי אַלײן צו לױפֿן צום טײַך.

יצחק איז נישט געװען. דעם באַגינען איז מען צום טײַך נישט געגאַנגען. יצחק איז נעלם געװאָרן. װען זעלדע איז אַרױס פֿון איר שלאָפֿקאַמער און אַלעקסאַנדער האָט איר געזאָגט, אַז יצחק איז ערגעץ אַװעק פֿרי, האָט זי אין דער ערשטער רגע נישט פֿאַרשטאַנען װעגן װאָס ער רעדט. באַלד דערנאָך געפֿרעגט: „װאָס איז געשען מיט יצחקן?" נישט יוחנן און נישט אַלעקסאַנדער האָבן געקענט ענטפֿערן. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז עפּעס איז געשען מיט יצחקן. האָט זי מורא געהאַט צוריק אַרײַנגײן אין דער שלאָפֿקאַמער און אױפֿװעקן אליעזרן. ער װעט זיך דערשרעקן. יצחק איז נישטאָ.

װי דאָס גאַנצע הױז װאָלט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, איז די לופֿט געװאָרן אַ געפּרעסטע. זעלדע האָט מיט בײדע פֿױסטן געדריקט איר האַרץ אײַנצושטילן דעם פּלוצימען װײטיק. זי האָט מורא געהאַט אַ װאָרט אױסצורעדן, צו שרײַען, צו רופֿן. אַלץ װאָס זי װעט איצט טאָן װעט זײַן צום בײזן. זי טאָר נישט אַרױס־רופֿן קײן שום שלעכטס.

„מאַמע, ווו זאָל איך אים זוכן?“ — האָט אַלעקסאַנדער געפֿרעגט אַ צעשראָ־קענער פּונעם אויסזען פֿון זיין מוטער מער ווי פֿון דעם וואָס איז געשען.

זעלדע האָט נישט געענטפֿערט. אויסער ווייטיק אין האַרץ האָט זי גאָרנישט געפֿילט. איר דמיון איז אויסגעלאָשן געוואָרן. יוחנן האָט אַ צי געטאָן אַלעקסאַנדערן ביים אָרעם. זיי זענען אַרויס אין דרויסן. ביידע זענען אַוועק אין הויף, געקוקט צו די שטעלער, צו די שייערן, אַריבער צו די פֿעלדער און באַלד צוריקגעגאַנגען צום גרויסן לינדבוים און געזוכט אין דער סביבה. ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין הויז, זענען שוין אליעזר און באַשע געשטאַנען נעבן זעלדען. דאָס מיידל האָט געהאַלטן אַרומגענומען די מוטער און ער, אליעזר, האָט געקוקט אויף זעלדען, וואָס אויף איר פּנים האָבן זיך געביטן די פֿאַרבן, ווי עס וואָלט דאָ פֿאַרטונקלט און דאָ באַלויכטן געוואָרן. דאָ האָט זיך דאָס פּנים אירס אָנגעפֿילט מיט רויטקייט און באַלד איז עס געוואָרן וואַקסיק און אויסגעצויגן.

„ווו האָט איר אים געזוכט?“ — האָט טרוקן געפֿרעגט אליעזר.

„אומעטום“ — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט און יוחנן האָט צוגעגעבן:

„אין הויף, נעבן די שייערן, נעבן די שטעלער“.

„איז ער אַ מאָל נישט אַוועק אין שטעטל?“ — האָט אליעזר געפֿרעגט מער זיך אַליין ווי די אַרומיקע און באַלד אַליין געענטפֿערט: „ניין, וואָס האָט ער צו טאָן אין שטעטל. ער וואָלט געזאָגט“.

„עלי — האָט זעלדע פּלוצים זיך אָפּגערופֿן — מיט מיר וועט גאָרנישט געשען. מען מוז געפֿינען דאָס קינד! שטיי נישט, עלי“.

„זיי רויק, נאָר נישט פֿאַרלירן די רויקייט. דעמאָלט וועט זיין לייכטער צוזאַמענצונעמען די געדאַנקען. מעגלעך ער איז אַוועק מיט די כאַמעס צום היי־שניידן. גיי אין הויף, אַלעקסאַנדער, און ווער געוווּיר, פֿרעג נאָך ביי די כאַמעס, פֿרעג ווּעמען דו וועסט באַגעגענען“.

שפּעטער איז ער אַליין, אליעזר, אַוועק צום עקאָנאָם, ער זאָל אים געבן אַ וואָגן מיט אַ פֿערד צו פֿאָרן אין שטעטל. ער האָט קישעלן דערציילט, אַז זיין בכור איז נעלם געוואָרן פֿון געלעגער. קישעל האָט געטאָפּט זיינע דיקע וואָנצעס, אַרויפֿ־געדרייט זייערע שפּיצן אין דער הויך ווי צווי הערנער און געדרייט מיטן קאָפּ נישט אַרויסזאָגנדיק אַ וואָרט. ער האָט געהייסן שפּאַנען אַ וואָגן מיט צווי פֿערד און געזאָגט צום דאָקטער:

„זאָל דיר גאָט באַגליקן!“

שוין זיצנדיק אויפֿן וואָגן, מיט די לייצעס אין די הענט, האָט זיך אליעזר באַזינען, אַז ער האָט נישט צו וואָס צו פֿאָרן אין שטעטל. נאָך דעם אַלץ וואָס עס איז געשען וואָלט יצחק נישט אַוועק אַהין ווו עס ברענט מיט שׂינאה צום דאָקטער, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט די לייט פֿון דער כּת. האָט ער פֿאַרקערעוועט דעם וואָגן צום וואַלד. און באַלד טראַכט ער: ‚וואָס גיי איך זוכן אין וואַלד?‘ ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם ציגיינער־לאַגער. ‚נאַרישקייטן, יצחק וואָלט ביינאַכט נישט אַנטלאָפֿן אין אַ ציגיינער־לאַגער‘. און באַלד טראַכט ער: ‚אפֿשר האָט אים

אַ ציגײַנער־מויד אַװעקגעלאָקט פון הויז?׳ אין דער לעצטער צייט זעט מען עפטער ציגײַנער. פאַרן שניט פון די תּבֿואות און פאַרן צייטיקן פון די בולװעס הונגערן זיי. קומען זיי בעטן שטיקלעך האַרט ברויט, אַ ביסל בעבלעך און אַרבעס, אָדער אַ ביסל מעל. אַלע מאָל, װען זיי קערן צוריק אין זייער לאַגער, אַפילו מען זאָל זיי קוקן אויף די הענט און נאָכקוקן זייערע טריט, פעלט אַ גאַנדז, אָדער אַ הון. יצחק איז יונג, האָט הייס בלוט. אייגנטלעך, װען נישט דער פאַרװאָרפענער עק װאָלט ער שוין געװען אַ מאַן פאַר זיך, מיט אַ פרוי און אפשר אַפילו מיט אַ קינד. ער האָט געדאַרפט הערן דעם ראש־ישיבֿה אין קאַמעניעץ דעמאָלט, ער זאָל שיקן זיינע זין אין דער ישיבֿה. אין שטאָט װאָלט ער געפונען פאַר די זין שידוכים. אייגנטלעך װאָלט אויך אַלעקסאַנדער און אַװדאַי באַשע געדאַרפט חתונה האָבן. ס׳איז צייט. יונג בלוט דאַרף מען נישט לאָזן צו לאַנג זידן.

די פערד האָבן אַליין געצויגן צום װאַלד און אליעזר האָט נישט געהאַט קיין כּוח זיי אָפצוװענדן פונעם װעג. װוּהין דען? אויב נישט אין שטעטל און אויב נישט אין װאַלד — איז װאָס געשען מיט יצחקן? אליעזר האָט זיך באַלד געכאַפט, אַז אייגנטלעך האָט ער געצילט פאָרן צום ציגײַנער־לאַגער, נאָר ער װיל זיך נישט מודה זיין. אַלע מאָל איז אַזוי מיט מענטשן, װען זיי װערן אַליין געשטעלט פאַרן נסיון. ער שפּאָט פון ציגײַנערשן טרעפן, פון נאַרישע איינגלויבענישן און איצט, איצט אײַלט ער צו די ציגײַנער. ער האָט זיך אַליין געװאָרנט בײַצושטיין די איצטיקע שװאַכקייט. ער מוז נאָר זען, צי האָט יוגנטלעכער נייגער נישט פאַרשלעפּט אַהין יצחקן. טאָמער געפינט ער זיך דאָרט װעט ער צו אים נישט האָבן קיין תּרעומות, אויסער די, פאַר װאָס ער האָט נישט פאָרויסגעזאָגט, אַז ס׳לאָקט אים דער נייגער און אַז ער קלײַבט זיך אַהין.

די פערד האָבן דערפילט אַ מענטשלעכן ישובֿ און אָנגעהויבן גאַלאָפּירן. אליעזר האָט זיי געצוימט און די פערד האָבן געריסן פאָרויס. דער לאַגער איז אויסגעװאַקסן פלוצים — אויף אַ פליכיקן פלאַץ אין דער מיט װאַלד. פון די צװייגן־ביידלעך זענען אַרויס כּמעט נאַקעטע קינדער, װייבער מיט צעקאָלטנטע האָר און יונגע מיידן, אָפגעריסענע און אָפגעשליסענע, נאָר אַלע, אַלע מיט זילבער־רינגען אין די אויערן. אַן אַלטער מאַן איז אַרויס פון אַ צװייגן־געצעלט און געבליבן שטיין ביי דער עפענונג. ער האָט געקוקט פון דער װייטנס אויף דעם אָנגעקומענעם אין אַ געשפּאַן מיט די צװיי פערד. לאַנג געקראַצט זיך אין דער באָרד און מיט אַ הייזעריק קול געפרעגט:

„װאָס װיל דאָ דער פּאַן?”

די מיידן האָבן זיך געלאָזט צו אליעזרן און מיט צעצערטלטע שטימעלעך פאָרגעלייגט אים פאָרויסצוזאָגן װאָס פאַר אַ גורל עס דערװאַרט אים און װאָס ער האָט צו טאָן אין זיין נויט. נויט? דאָס איז דער ציגײַנערישער פּזמון. אַ מענטש איז אַלע מאָל אין נויט.

„צי האָט איר נישט באַמערקט אַ יונגמאַן מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן?”

„פון דער האַנט װעל איך דעם פּאַן אַלץ זאָגן װעגן אַ יונגן פּאַן מיט בלאָנדע

האָר און בלויע אויגן" — האָט זיך אונטערגערוקט אַ מויד מיט גרויסע גרינע אויגן און אַריינגעחנדלט אליעזרן אין פּנים.

„נישט וועגן מיר האַנדלט זיך עס — האָט ער געזאָגט — איך פרעג וועגן אַ יונגנמאַן פון העכערן ווּקס".

„מיט בלויע אויגן, אַ בלאָנדער" — האָט אַ צווייטע מויד געזאָגט און אויס־געשטרעקט די האַנט צו אליעזרן.

„יאָ!" — האָט אין ערשטן אויגנבליק אויסגערופן אליעזר ווי די מויד וואָלט אים אַנטדעקט אַ סוד און באַלד האָט ער מיט אַ האַנט־באַוועגונג אָפּגעטריבן אַ מחשבה. ער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס. דער געשפּאַן האָט גערירט פון פּלאַץ. די קינדער און מיידן האָבן דעם וואָגן באַגלייט ביז צום וועג אין דער ריכטונג צו רודניצע. אַ קלעמעניש האָט אליעזרן געווייטיקט אַרום האַרץ. איצט איז דער ווייטיק געוואָרן נאָך שטאַרקער. מיט וואָס קערט ער צוריק אַהיים? די רעדער האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין די אַרויסשטאַרצנדיקע ביימער־וואָרצלען און יעדער קלאַפּ האָט אים פאַרשאַפט ווייטיק אין קאָפּ. ער פאָרט אַהיים אַ ליידיקער. פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט זעלדען אַ פאַרייאושטע. ער האָט אָנגעהויבן טרייבן די פערד אין בהלה. ווי די פערד וואָלטן דערויף געוואַרט, האָבן זיי זיך צעגאַלאָפּירט, געריסן דעם לייכטן געשפּאַן ווי אַ שפּילכל, דער וואָגן האָט זיך געהויבן אין דער לופטן ביי יעדן וואָרצל־שטער. אליעזר האָט די לייצעס אַרומגעוויקלט אַרום די הענט און געפּרוווט צוימען די צעווילדעטע פערד. ערשט וואַלד־אַרויס האָבן די פערד זיך באַרויקט, זיי האָבן דערפילט די נאָענטקייט פון זייער שטאַל און באַוויגן מיט די אויערן.

אַריבער דעם תּבואה־פעלד האָט ער באַמערקט צוויי טונקעלע פּונקטן. אַ ביסל נענטער האָט ער אין זיי דערקענט זיין אַלעקסאַנדערן און יוחנן. ער האָט געפּאַכעט צו זיי מיט אַ האַנט און גערופן. אויך זיי האָבן אויפגעהויבן די הענט. אַלעקסאַנדער איז געלאָפן אַנטקעגן דעם געשפּאַן:

„מיר האָבן געזוכט ביים טייך" — האָט ער געזאָגט.

„קומט אַרויף אויפן וואָגן. ס'האָט נישט קיין זין צו זוכן דעם ווינט אין וואַלד" — האָט ער געזאָגט. ער האָט פאַרהאַלטן די פערד. יוחנן און אַלעקסאַנדער האָבן זיך אַרויפגעזעצט שווייגנדיקע, ווי זיי וואָלטן געווען דאָ די שולדיקע.

„די צרה איז וואָס איך ווייס נישט ווּ מען הייבט אים אָן צו זוכן — האָט אליעזר גערעדט שטיל — וואָלט איך געוווּסט די סיבה פאַר וואָס ער איז אַוועק, וואָלט לייכטער געווען אָנצוהייבן אים זוכן".

„ר' אליעזר... ר' אליעזר — האָט יוחנן פאַרזיכטיק אָנגעהויבן — די וועלכע האָבן געמסרט די אנשי שלומינו און געמאַכט, אַז נחמן זאָל אַ געשלאָסענער אין קייטן אַוועקגעפירט ווערן קיין קאַמעניעץ, זיי דאַרפן אויך וויסן וואָס עס איז געשען מיט יצחקן. אַז זיי קענען אין אייך נישט נעמען נקמה, ווי אין נחמנען, האָבן זיי געכאַפּט יצחקן".

אליעזר האָט איבערגעריסן זיינע ווערטער:

„ס׳לייגט זיך נישט אויפן שׂכל. פון בעט האָבן זיי אים נישט אַרויסגעכאַפּט. יצחק וואָלט זיך געוועדט, ער וואָלט גערופן נאָך הילף... ניין, ניין, ער איז אַוועק פון אייגענעם ווילן״.

„ער איז נעכטן געווען צעטומלט״ — האָט זיך אַלעקסאַנדער דערמאָנט.

„שוין פון לאַנג איז ער געווען צעטומלט. נעכטן איז ער נישט געווען אַנדערש ווי אייערנעכטן״ — האָט יוחנן באַמערקט.

די צוריקגעקומענע האָבן געטראָפן זעלדען אַ זיצנדיקע אויפן גאַניק פון איר הויז. זי איז געווען איינגעטוליעט אין אַ טוך און איר פּנים איז געווען בלייך, ווי זי וואָלט לאַנגע נעכט נישט געשלאָפן. געזען די דריי אָנקומענדיקע מענער האָט זי זיך אַפילו נישט אויפגעשטעלט. קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. באַשע איז אַנטקעגנגעלאָפן דעם פאָטער און ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך.

„נאָר נישט פאַרלירן די רויִקייט! קיין שום גוטס וועט נישט אַרויס פון בהלה און יִאוש״ — האָט ער געזאָגט צו אַלע און צו קיינעם נישט און ער איז אַרויף אויפן גאַניק צו זעלדען.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז אליעזר אַוועק צו גאַווורילען אין שטעטל. גאַווורילע איז דער מאַכטהאָבער און ער דאַרף העלפן זוכן דעם פאַרפאַלן געוואָרענעם. גאַווורילע איז געשלאָפן דעם שלאָף פון אַ שיכּורן און פון שלאָף אַרויס געוואָלט אָפּפּטרן אליעזרן דערמיט, אַז עס ברענט נישט אין ערגעץ און זאָל ער קומען מאָרגן, איבערמאָרגן. נאָר אַז אליעזר האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם גראַף פּאָטאָצקי, איז דער שיכּור אַראָפּ פון געלעגער, צורעכטגעמאַכט זיינע בגדים און פאַרצויגן דעם רימען פון זיינע הויזן.

„איך וויל איר זאָלט שרייבן אַ ראַפּאָרט צו דער מאַכט אין קאַמעניעץ, אַז מיין זון יצחק בן אליעזר איז פאַרשוווּנדן בייננאַכט פון מיין הויז אין רודניצע״ — האָט ער געזאָגט.

גאַווורילע האָט ערשט איצט אַרויפגעקוקט צו אליעזרן, פאַרזשמורעט די פאַר־שלאָפענע אויגן און געמורמלט:

„דאַכט אַז דאָס זענט איר דער דאָקטער פון דעם גראַף״.

„איר מאַכט נישט קיין טעות. מיין זון איז היינטיקע נאַכט נעלם געוואָרן פון זיין געלעגער און איך ווייס נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען״.

„וואָס פאַר אַ צייטן עס האָבן זיך געשטעלט! — האָט גאַווורילע מיט די פינגער געקעמט די האָר פון זיין קאָפּ — נישט געדאַכט זאָל עס ווערן. שדים און רוחות האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין מענטשישע הערצער״.

„וויל איך איר זאָלט שרייבן אַ ראַפּאָרט...״

„שרייבן אַ ראַפּאָרט? — האָט גאַווורילע איבערגעריסן די רייד פון דעם דאָקטער — איך האָב נאָך אין מיין לעבן קיין ראַפּאָרט נישט געשריבן. ווער שרייבט ראַפּאָרטן? — האָט ער אויפגעהויבן זיינע הענט צו די אויגן און זיי באַקוקט — אַליין קען איך נישט שרייבן און ווער עס זאָל פאַר מיר שרייבן האָב איך נישט. אָט. איז ווי קען איך שרייבן?״

„איך וועל אָנשרייבן און איר וועט אַוועקשיקן" — האָט אליעזר געזאָגט.

אַ רגע האָט גאַוורילע נאָכגעטראַכט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

„צו וואָס? אַז איר וועט שרייבן קענט איר אַליין אַוועקשיקן".

„איר זענט די מאַכט דאָ און איר דאַרפט עס טאָן" — האָט אליעזר געטענהט.

ווידער האָט גאַוורילע אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

„איך דאַרף גאָרנישט. נאָר בלויז היטן קיינער זאָל אין שטאָט נישט אָפּטאָן חזירייען".

פאַר וואָס זשע האָט איר אַוועקגעפירט נחמן דעם גאַרבער קיין קאַמעניעץ און אים דאָרט אַריינגעזעצט אין תפיסה?"

„דאָס איז עפּעס אַנדערש. דער ראַבי און דער רויטער אייזיקל, זאָל ער פון גיהנום נישט אַרויס, האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ מורד במלכות. דאַרף מען אַזעלכן שמידן אין קייטן און אים איבערגעבן צום תלין. אַזעלכע לייט דאַרף מען נישט האָבן אין דער שטאָט".

„פון דעסטוועגן וועט איר אַ ראַפּאָרט וועגן מיין פאַרפאַלן געוואָרענעם זון אַוועקשיקן קיין קאַמעניעץ" — איז אליעזר באַשטאַנען אויף זיינס.

„נו, מען וועט זען וואָס מען קען טאָן" — האָט גאַוורילע געפּסקנט.

פדיון שבויים

לאַנגע וואָכן איז די שטוב פון דעם דאָקטער אליעזר געווען אין אבילות. אייגנטלעך האָט זיך די אבילות קיין מאָל נישט געענדיקט, נאָר דער קוואַל פון זעלדעס טרערן איז אויסגעטריקנט געוואָרן. זי האָט מער נישט געוויינט, נישט אין די נעכט און נישט אין די טעג, אויך דערפאַר ווייל זי האָט אָנגעהויבן זיך פילן שולדיק אַנטקעגן איר מאַן, אַז זי פאַראומערט אים דאָס לעבן. יצחקס נעלם ווערן האָט די שטוב איינגעבראָכן, צי דאַרף זי די שטוב אין גאַנצן צעבערעכן מיט אירע טרערן און זיפצן?

אליעזר האָט אַלץ געטאָן וואָס אַ פאָטער קען טאָן אויף צו זוכן זיין נעלם געוואָרענעם זון: ביז ראַדאָמישל אויף מזרח, בריסק דליטע אויף צפון, זאַמאָשטש אויף מערב און סאַטאַנאָוו אויף דרום האָט ער צו די קהילות און ישיבות פונאַנדער־געשיקט כּרוזן, אַז זיין זון, יצחק ברב אליעזר אַרטאַפּאַנוס, איז נעלם געוואָרן און ווער עס קען אָנווייזן ווו דער נעלם געוואָרענער געפינט זיך אַ לעבעדיקער, צי חס־וחלילה אַ טויטער, וועט באַקומען אַ שׂכר פון הונדערט דוקאַטן אין ריינעם גאָלד.

ווען אליעזר איז צוזאַמען מיט דעם עקאָנאָם וויעסלאַוו קישעל געפאָרן זיך משתדל זיין אין נאָמען פון דעם גראַף פּאָטאָצקי ביים קאַמעניִעצער בישאָף צו באַפרייען נחמן דעם גאַרבער, האָט ער, אליעזר, אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן זיין פאַרפאַלן געוואָרענעם זון. ער האָט מנדב געווען פאַר דער ישיבה אין קאַמע־ניעץ כּדי דריי שבתים נאָך אַנאַנד זאָל דער גבאי פון דער שול פאַרן לייענען דעם ספר אויסרופן בפני כּל עם ועדה, אַז דער בכור פון אַ יידישן דאָקטער ביים הויף פון די פּאָטאָצקיס אין רודניצע איז נעלם געוואָרן און אַז הונדערט דוקאַטן אין ריינעם גאָלד וועט באַקומען דער, וואָס וועט אָנווייזן דאָס געביין פון דעם נעלם געוואָרענעם. אַזוי איז אליעזר אויך אָפּגעטראָטן ביים ראש־ישיבה ר׳ ברוך לייב, כּדי אים צו זאָגן, אַז ער באַדויערט הלמאַי ער האָט דעמאָלט נישט געהערט זיינע ווערטער, צו שיקן זיינע זין צו לערנען תּורה אין דער ישיבה, ווי עס איז דער שטייגער ביי יידן. נאָר עלטערן זענען אייטל לגבי זייערע קינדער און זיי וואָלטן וועלן אי די קינדער זאָלן אַרויס אין דער וועלט צו מעשׂים־טובים און צו שידוכים און אי זיי זאָלן בלייבן אין הויז, נישט צו פאַרלירן דעם אוצר פון פאַר די אויגן. און דאָ האָט דער ראש־ישיבה אַרויסגעוויזן בקיאות פון וועגן דעם מעמד אינעם הויז וואָס ביים הויף אין רודניצע. ס׳איז נישט כּשורה, האָט ברוך לייב געזאָגט, דער שטייגער ביי יידן אין דער איצטיקער שווערער צייט. דער

קאַמעניעצער איידעם, דער יוחנן, איז טאַקע אַ פּייערדיקער קאָפּ, קען לערנען, נאָר ער איז נעבעך פאַרפירט. אַט דער פאַרפירטער איז עס געוואָרן דער רבי פון ייִדישע קינדער אין אַ עק ערגעץ אין פּאַטאַצקיס אַ הויף? אליעזר האָט גע־לויבט יוחננס לערנען. אויף דער צייט ווי ער איז ביי אים אין הויז האָט ער זיינע זין אַריינגעפירט אין דעם ים פון תורה. נאָר דאָס אומגליק האָט דאָס הויז צעבראָכן און אַלע פילן זיך שולדיק אין דעם אומגליק.

ר׳ ברוך לייב האָט געגלעט זיין נישט גלייכע באָרד און פון דער לענגערער העלפט, די מיט אַ שאַרפן געלן שפּיץ, האָט ער אַרויסגעצויגן אַ האָר, דעם האָר באַקוקט און אים אַריינגעלייגט צווישן די דפים פון אַ ספר. נאָך אַ ישוב־הדעת האָט ער געזאָגט צו אליעזרן:

„איר האָט מיר נישט געפּלאַגט דעמאָלט, ווען איר מיר אפשר פאָלגן היינט? שיקט אייַער ייִנגערן זון צו מיר, אָדער אין אַן אַנדער ישיבה, נאָר אין אַ ישוב, ווו עס זענען פאַראַן ייִדן און ווו אַ זון פון אַ סגאַל ייִד ווי איר זאָל קענען טאָן אַ גוטן שידוך. אין זינען זאָלט איר האָבן, ר׳ אליעזר, אַז צירונג האָלט מען נישט אָפן און הפקר, נאָר צירונג באַהאַלט מען קיינער זאָל צו דעם נישט גלוסטן און צורויבן".

„ראש־ישיבה ר׳ ברוך לייב, די קינדער זענען ביי מיין ווייב אויסגעוויינטע, זי האָט יאָרן געוואַרט אויף זיי און דער־אין־הימל האָט איר געשאָנקען נישט מער ווי דריי, צוויי זין און אַ טאָכטער. האָב איך געקענט די זין צונעמען פון איר?" — האָט אליעזר אַנגעשטעלט זיינע אויגן אויפן פּנים פון דעם ראש־ישיבה.

„דאָס וואָס איך האָב נאָר וואָס געזאָגט: ‚צירונג האָלט מען נישט אָפן און הפקר' און איר האָט אייַער צירונג נישט געגוג באַהאַלטן — האָט ר׳ ברוך לייב אויפגעכאַפּט זיין בליק און אים נישט אָפּגעלאָזט — ישמרנו השמים! עס קומט מיר אויפן רעיון, אַז ווי טייל פאַרבלאָנדזשעטע יונגעלייט זענען אַוועק צו יעקב פראַנק ימח־שמו, אַזוי איז אויך אייַער זון אַוועק צו די מינים!"

„חלילה, חלילה! — האָט אליעזר איבערגעחזרט — מיין זון איז נישט אַוועק צו די מינים! כ׳וואָלט קאַווירט מיטן לעבן, אַז מיין קינד איז אַזאַ בגידה נישט באַגאַנגען. עפּעס איז געשען מיט אים וואָס איך קען נישט דערקלערן".

„רופא, איך האָב בלויז געזאָגט, אַז עס קומט מיר אויפן רעיון. טאָמער וואָלט אייַער זון געוועזן אונטערוועגנס און דאָס אומגליק וואָלט געשען, וואָלט איך גע־זאָגט: גזלנים, רוצחים. נאָר אַז ער איז נעלם געוואָרן פון געלעגער־אַראָפּ, האָט ער עס געטאָן פון אייגענעם רצון. דערום לאָזט נישט איבער אייַער לעצט צירונג אויף הפקר! און וואָס שייך אייַער טאָכטער, מאַכט זי חתונה. איך האָב טייערע בחורים אין מיין ישיבה".

די ווערטער פון דעם ראש־ישיבה האָבן אים צעטרייסלט. דער רב האָט גע־רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי ער וואָלט די סכּנות געזען פאַר זיינע אויגן. אליעזר איז שוין מער נישט געווען אַזוי זיכער ווי ער האָט געזאָגט, אַז יצחק איז נישט אַוועק צו די מינים פון יעקב פראַנק. אין דער סביבה פון רודניצע איז נישטאָ

קיין סימן פון די מינים. אין זייערע שמועסן איז דער גראַף קיין מאָל נישט אַרויפֿ־געקומען צו רעדן וועגן יעקב פראַנק. מעגלעך, אַז יצחק האָט עפּעס געהערט דערוועגן, אָבער קיין מאָל נישט אַזוי פיל, עס זאָל אים לאָקן צו דער אַפּטריניקייט. אפשר דאָך? קומען דאָך אויך מגיפות דורך דער לופט, זיי שפּרייזן אַריבער מרחקים און דערגרייכן ווייטע שטעט און דערפער. ווער קען דערגרונטעווען גאָטס דרכים און זיינע גזירות? דער ראש־ישיבה האָט אים אָנגעפילט מיט ספקות און ער איז געוואָרן אומרויִק, ער וואָלט שוין געוואָלט זיין צוריק אין דער היים און דערציילן זעלדען וועגן אַלץ, וואָס דער ראש־ישיבה האָט אים געזאָגט.

מיט דער אומרויִקייט איז ער צוריקגעקומען צום הויז פונעם בישאָף, וואָס נעבן דעם קלויסטער. וויעסלאַוו קישעל האָט שוין געהאַט באַוויזן מתוודה צו זיין זיך און דעם ברודערל מאַרצעלי איבערגעבן וואָס עלזשביעטאַ פּאָטאָצקאַ האָט באַפוילן אים איבערצוגעבן. ער האָט ביידע באַגעגנט ביים טויער פון קלויסטער. קישעל האָט געזאָגט צום ברידערל מאַרצעלי:

„דער מאַן איז דאָקטאָר מעדיקוס אַרטאַפּאַנוס ביים הויף אין רודניצע".

אליעזר האָט זיך פאַרנייגט. דאָס ברידערל האָט מיט פאַרלייגטע הענט, ווי צו אַ תּפילה, און מיט אַ ביסל אַן אויסגעבויגענעם קאָפּ און מיט נאָך מער פאַר־קוועטשטע אויגן ווי אַלע מאָל געזאָגט:

„איך דאָקטאָר, איז מיר קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו זען, נאָר איַיערע קינדער — איר דאַרפט זיין שטאָלץ מיט זיי".

„איך בין עס, גנעדיקער ברודער" — האָט אליעזר געזאָגט עניוותדיק.

„איינער פון איַיערע זין, היט אים ער זאָל נישט ווערן קיין אַפּיקורס ווי קאָפּערניקוס, צי קאַרטעזיוס. איבעריקנס איז ער איַיער זון... אַ ייִד".

„ריכטיק, גנעדיקער ברודער, מיין זון איז אַ ייִד. וויסן איז נישט אַפּי־קורסות. איך האָף ער וועט ווערן אַ גרויסער געלערנטער".

„איך בין אין דעם זיכער" — האָט מאַרצעלי אַראָפּגעלאָזט די אַלבינאָס־ברעמען איבער זיינע אויגן, אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ און איז פאַרשוווּנדן אין אַריינגאַנג צום קלויסטער.

ווי נאָר מאַרצעלי איז פאַרשוווּנדן האָט קישעל זיך הויך צעלאַכט פון דעם וואָס ער גייט זאָגן און געזאָגט:

„איר ווייסט, דאָקטאָר, פאַר וואָס אָט דער איז אַ קלויסטער־ברודער? איר וועט נישט טרעפן. ער קען נישט באַשלאָפן ווייבער. באַהאַלט ער אויס דעם סוד אין קלויסטער".

„ווי איך האָב געהערט איז ער געלערנט אין לאַטינוס" — האָט אליעזר געזאָגט.

„אַ ווייב באַגענוגנט זיך נישט מיט לאַטינוס" — האָט קישעל געלאַכט און פון באַוווּנדערונג פאַר זיך אַליין האָט ער אַרויפגעדרייט צו ערשט איין וואָנצע און דערנאָך די צווייטע.

אין זיין הויז־קליידונג איז דער קאַמעניעצער בישאָף געווען מער ענלעך צו אַ רייכן שלאַכטשיץ איידער צו אַ גייסטלעכן. ער האָט געטראָגן פאַר זיך אַן אויס־געפּאַשעטן פּאַנץ פון אַזאַ וואָג, אַז כּדי צו האַלטן זיך גלייך ביים גיין האָט ער זיך געהאַלטן אויסגעבויגן אויף הינטערווייִלעכץ. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט וועט ער דעם פּאַנץ אָפּלאָדן, זיך באַפרייען פון דער משׂא און ער וועט זיך באַגעגענען מיט די צוויי פעט־אָנגעדראָלענע אָרעמס, ווי צוויי חזירישע שינקעס. זיין פּנים איז געווען ווי פון אַן אַנדער מאַן: לענגלעך און אײדל־מענעריש, מיט גראָע, זייער קלוגע אויגן און דיקע, גלוסטיקע ליפּן. ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דעם דאָקטער און דעם עקאָנאָם פון רודניצע, ווען אליעזר האָט אים דערציילט וועגן דער אומשולדיקייט פון נחמן דעם גאַרבער, האָט ער אויף אַלץ געזאָגט: „איך ווייס נישט, מען דאַרף זען". איצט, ביים צווייטן מאָל, האָט ער דעם „איך ווייס נישט, מען דאַרף זען" מער נישט גענוצט. ער האָט שוין געוווּסט אַלץ, נעמלעך, אַז אויסער וואָס דער געפאַנגענער איז אַ מורד במלכות, וואָס אויף דעם האָט געזאָגט עדות דער קהל אַליין און דער רבֿ, איז ער אויך אַ גנבֿ און אַפּנאַרער. פאַר זיין גאַרבעריי האָט ער די גרעסטע צאָל פעלן געגנבֿעט און די וועלכע ער האָט געקויפט האָט ער די פאַרקויפער אָפּגענאַרט מיט ייִדישע שפּיצלעך. טאָמער וואָלטן די געקומענע נישט גערעדט אין נאָמען פון דעם גראַף פּאָטאָצקי, וואָלט אים דער ייִד נישט געקימערט, און זאָל ער אָפּקומען פאַר די זינד וואָס די ייִדן זענען באַגאַנגען קעגן גאָטס זון. אָבער גראַף לעשעק פּאָטאָצקי האָט זיך גוט פאַר־דינט ביי דער קאַטוילישער קירך, זי זאָל אים נישט אָפּזאָגן אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ ייִד אַ מורד במלכות און אַזאַ וואָס נאַרט אָפּ קריסטן.

אליעזר איז געזעסן פאַרקוקט אין זיינע אייגענע קני, כּדי נישט צו דאַרפן אָנטרעפן זיך מיט דעם בישאָפס אויגן. ער האָט געוואַרט דער גייסטלעכער זאָל ענדיקן זיינע רייד און אפשר וועט אים קישעל ענטפערן דער ערשטער. נאָר דער בישאָף האָט בלויז געענדערט דעם אופן ווי ער האָט מיט זיינע פעטע הענט אָרומ־גענומען דעם פּאַנץ און געבאָמבלט אויף אים מיט די פינגער ווי אויף אַ פּויק, וואָס גיט נישט אַרויס קיין אָפּהילך. ער האָט אויסגערעכנט וואָס אַלץ דער ייִד האָט אָפּגעקאָסט דעם מאַגיסטראַט זייט ער איז געבראַכט געוואָרן אין די קעלערן פונעם שטאָטראַט: פאַר עסן, פאַר דערלאַנגען אים וואַסער און פאַר היטן אים.

אליעזר האָט זיך איינגעהאַלטן נישט צו פרעגן: „וויפל דאַרף איך באַצאָלן?" ער האָט געפילט, אַז דאָס מענה־לשון איז בלויז אויף צו באַקומען אַ הויכן פּרייז פאַרן ייִד. האָט ער נישט געוואָלט מיט אַ פריצייטיקער שאלה קאַליע מאַכן, אָדער הייבן דעם פּרייז נאָך העכער. אַז דער בישאָף האָט ענדלעך געענדיקט רעדן, האָט וויעסלאַוו קישעל, ווי אַן עקאָנאָם, געזאָגט אַזוי:

„וועדליק דעם ווי זיין הייליקייט דער בישאָף האָט דאָ קלאָר געמאַכט האָט דער ייִד נחמן גאָר פיין אָפּגעפרעסן די ביינער פון די מעשטשאַנעס פון קאַמע־ניעץ און פון דער וואָיעוואָדעשאַפט. וועל איך מאַכן אַ חשבון ווי לאַנג דער ייִד

איז אויף די קעסט און צו דעם צוגעבן דעם לוין פאַר די היטער. פאַר דעם אַלץ וועט באַצאָלט ווערן מיט גערשטן און קאָרן".

דער בישאָף האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן:

„צו וואָס יִדישע חשבונות: אַזוי פיל און אַזוי פיל טעג געפּלעט אויף אַזוי פיל און אַזוי פיל פּאַרציעס ברויט?"

„זיין הייליקייט דער בישאָף איז גערעכט — האָט אליעזר אונטערגעכאַפּט דעם שמועס — ברויט, וואַסער, שמירה זענען געלט און געלט איז גאָלד. איז גלייכער צו רעדן וועגן דוקאַטן".

דער בישאָף האָט מיט זיינע קלוגע גרויע אויגן געגאָרעט אין דעם דאָקטערס פּנים צו זען אַ שאָטן פון חוזק. ער האָט עס נישט געזען. אויך זיינע האַסטיקע האַרצקלעפּ האָט דער בישאָף נישט געקענט הערן, צי זען.

„וויפל וועט עס אויסמאַכן?" — האָט קישעל געפרעגט.

„צוואַנציק אונגאַרישע דוקאַטן אין ריינעם גאָלד און הונדערט פּוילישע גילדן" — האָט דער בישאָף אַרויסגעשאָסן.

„צי זיצט דען דער גאַרבער שוין יאָרן?" — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביים דאָקטער און דער בישאָף האָט אָפּגעהאַקט:

„שיינט מיר, אַז איך האָב געזאָגט, אַז איך מאַך נישט קיין יִדישע חשבונות".

„זיין הייליקייט דער בישאָף איז גערעכט, ער האָט אַזוי געזאָגט".

כאָטש אַליין צעקלעמט, בעת די ווערטער פון דעם ראש־ישיבה ר׳ ברוך לייב האָבן געקלונגען אין אים און אויף אַ רגע נישט צו רו געלאָזט, איז אליעזר אין דער זעלבער וואָך געווען אַ צווייט מאָל אין קאַמעניעץ ביים בישאָף. דאָס מאָל איז ער געפאָרן אַליין און נאָר באַגלייט פון דריי כאַמעס אָפּצוהיטן אים פון באַרויבט צו ווערן פון וועג־גזלנים. כאָטש די גאָלדענע דוקאַטן זענען געווען זיין אייגנס, האָבן זיי איצט געהאַט כפל־כפליימדיקע חשיבות פון וועגן פדיון שבויים; ער פירט אויף זיין לייב פדיון שבויים, צו באַפרייען אַ יִדיש נפש פון קלעמעניש.

אָנגעקומען קיין קאַמעניעץ איז ער אין פריִען אָוונט. ער איז געווען מיד פון דעם לאַנגן וועג, דאָך האָט ער אין האַרבעריק בלויז אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם דרילכענעם וועג־כאַלאַט, אָפּגעפרישט דאָס פּנים מיט קאַלט זדראָי־וואַסער און אַוועק צום בישאָף.

ער האָט געפונען דעם גייסטלעכן אין אַ האַלב טונקעלער קאַמער. אַריינגעזעצט אין אַ ברייטער פאָטערשטול, האָט ער אין דער טונקלקייט אויסגעזען מער ווי אַ פּערענע, וואָס איז אַריינגעפרעסט צווישן די אָנלענען פון דער שטול, איידער אַ גוף פון אַ מענטש. אין דער טונקלקייט האָט ער פון דעם פליישבאַרג אַפילו זיין קאָפּ נישט אַרויסגעזען. די יונגע פרוי, וואָס האָט געעפנט די איינגאַנג־טיר איז געגאַנגען פאָרויס און געפירט נאָך זיך אליעזרן. זי האָט צו דעם באַרג אין דער טונקלקייט געזאָגט:

„דאָקטאָר מעדיקוס...‟ און ווייטער נישט געקענט נאָכזאָגן דעם נאָמען.

דער בישאָף האָט אַ סקריפּ געטאָן מיט אַ הייזעריקלעך קול:

„דאָקטאָר מעדיקוס אַרטאַפּאַנוס פון רודניצע?.. צינד אָן די קאַנדעלאַבערס‟.

„גוטנאָוונט אייך, אייַער גייסטיקע מאַכטיקייט ביסקופּ. שטער איך אייך נישט אין אַזאַ שפּעטער שעה?‟ — האָט אליעזר געפרעגט מיט אַ וויכער שטים.

דער בישאָף האָט אויסגעשטרעקט אַ דיקן אָרעם און אָנגעוויזן אויף אַ זעסל פון זיין לינקער זייט:

„איר שטערט מיך נישט. זעצט אייך אַנטקעגן מיר, דאָקטאָר... צינד אָן די קאַנדעלאַבערס!‟ — האָט ער איבערגעחזרט מיט זיין טרוקן קול צו דער יונגער פרוי, וואָס איז שוין סיי ווי געווען פאַרטאָן אין אָנצינדן די ליכט אין די לייכטערס.

אליעזר האָט צוגערוקט דעם זעסל אַנטקעגן דעם בישאָף און פרווונדיק זיך אַוועקזעצן האָט ער אויסגעפונען, אַז דער פּאַנץ פונעם בישאָף שטייט אַרויס אַזוי ווייט, אַז ער וועט אויסקומען צו נאָענט צום גייסטלעכן. האָט ער דעם זעסל אָפּגע־רוקט אויף אַ טריט הינטער זיך און אַוועקזעצנדיק זיך האָט ער ווייטער פאַר־ענטפערט זיין קומען אין אַזאַ שפּעטער שעה:

„צווי זאַכן האָבן מיך געטריבן אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך: ערשטנס, אַ לעבעדיקער מענטש פייניקט זיך אומזיסט אין די קעלערן פון שטאָטראָט. וואָס שנעלער ער וועט באַפרייט ווערן אַלץ מער וועט דאָס זיין אָנגעלייגט ביים באַשע־פער פון דער וועלט. צווייטנס, גייסטיקע מאַכטיקייט, ביסקופּ, ווייס איך ווי די לייט פון דעם שטאָטראָט זענען באַדערפטיקט אין געלט‟.

ווי ער וואָלט נישט געהערט וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט, האָט ער באַמערקט מיט זיין הייזעריקער שטים:

„די צרה איז וואָס יִדן עסן נישט ביי קריסטן און טרינקען נישט ביי זיי, דערום שטעלן זיי אויס די קריסטן צו אומגאַסטפריינדלעכקייט‟.

„חלילה, חלילה, גייסטיקע מאַכטיקייט. זאָל אונדז דער באַשעפער פון דער וועלט היטן פון צו טראַכטן אַזוי. די פּוילישע גאַסטפריינדלעכקייט איז אַזוי באַרימט אויף דער גאַנצער וועלט, אַז עס וואָלט געווען אַ לעסטערונג פאַר גאָט צו וועלן זי אויספּרווון מיט עסן אָדער טרינקען‟.

„נישט דערפאַר עסט איר נישט ביי קריסטן‟ — האָט אָנגעכמורעט געזאָגט דער בישאָף.

אליעזר איז אים אַריינגעפאַלן אין די רייד:

„נאַטירלעך, נישט בלויז דערפאַר. ווי אַ רופא וועט איר מיר דערלויבן, גייס־טיקע מאַכטיקייט, צו זאָגן, אַז עסן און טרינקען איז אַ געוווינהייט. אָט אַ שטייגער די כאַמעס: אַ גאַנץ יאָר עסן זיי פּאָסנע און זיי שטאַרבן נישט פון וויניק און מאָגער עסן, אָבער ווי נאָר עס קומען די ווייַנאַכטן און זיי עסן זיך אָן מיט חזיר־פעטס, צו וועלכן זיי זענען נישט געוווינט, באַקומען זיי קראַמפּן, פאַלן אַוועק און טייל פון זיי שטאַרבן. יִדן האָבן זייערע אייגענע שפּייזן, צו וועלכע זיי זענען צוגעוווינט. כדי נישט קראַנק צו ווערן פון עסן, ענדערן זיי נישט זייערע שפּייזן. דאָס איז

ווענן עסן. וואָס שייך טרינקען, טרינקען ייִדן ביי קריסטן אָקעוויט, שליוואָוויץ, מעד און פּיאָלון".

רעדנדיק האָט אליעזר אַרויסגעצויגן פון אונטערן אויבערבגד דעם געלט־גאַרטל. דער בישאָף האָט אַ סקריפּ געטאָן צו דער יונגער פרוי:

„לאָז אונדז אַליין".

מיט געלאַסענע און שטילע טריט איז זי אַרויס פון דער קאַמער, איבער־לאָזנדיק די צוויי מענער אין אַ געלבלעכער איינגעדעקטער העלקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די וואַקסענע ליכט אין די קאַנדעלאַבערס.

„איך האָף, אַז איר האָט געבראַכט ווי מיר האָבן אָפּגערעדט" — האָט דער בישאָף אַרויפגעלייגט זיינעביידע הענט אויפן אַרויסשטייענדיקן פּאַנץ, גרייט צו נעמען דאָס געלט און ציילן עס.

„קיין גולדן נישט וויניקער — האָט אליעזר באַשטעטיקט — צוואַנציק אונגאַ־רישע דוקאַטן און הונדערט פּוילישע גילדן".

„איר האָט אַ גוטן זכרון, מעדיקוס" — האָט דער בישאָף באַוויגן מיט די איינגעפלאָכטענע פינגער פון ביידע הענט.

אליעזר האָט אויסגעציילט צום ערשט די גאָלדענע דוקאַטן און אין צוויי טיטלען אַוועקגעשטעלט די מטבעות אויף דעם דיל נעבן דעם בישאָף. נאָך דעם האָט ער אויסגעציילט די פּוילישע גילדן און אויך זיי איינגעטיילט אין טיטלען. מיט שווערקייטן האָט דער בישאָף זיך אַרויסגעהויבן פון דער פּאָטערשטול, פון אַ וואַנטאַלמער האָט ער אַרויסגענומען צוויי לעדערנע זעקעלעך און זיי דערלאַנגט דעם דאָקטער:

„ציילט מיר אַריין די דוקאַטן באַזונדער און די גילדן באַזונדער".

אליעזר האָט אויפגעהויבן די דוקאַטן און זיי אַריינגעציילט אין אַ זעקעלע, בעת דעם בישאָפס פינגער האָבן זיך באַוויגן ווי אויך זיי וואָלטן אָנגעטאַפּט יעדע מטבע. אַז ער האָט איבערגענומען דאָס זעקעלע מיט דוקאַטן, האָט אליעזר אַריינגעציילט אינעם צווייטן די גילדן. אליעזר האָט באַמערקט, אַז ווען דער בישאָף קוקט ווי ער וואַרפט אַריין די מטבעות אין דעם זעקעלע רינען אים איבער די באַקן טראָפּעלעך שוויס, וואָס אין דעם געלבלעכן ליכט אין דער קאַמער זענען זיי אויס ווי טראָפּנס צעשמאָלצענער וואַקס. דעם בישאָפס פינגער זענען געוואָרן אומגעדולדיק, בעת אין דער זעלבער צייט האָבן זיך זיינע ליפּן באַוויגן געלאַסן, זיי האָבן שטיל און מיט כוונה מיטגעציילט נאָך אליעזרס ציילן אויף אַ קול.

דער בישאָף האָט שנעל באַהאַלטן די צוויי זעקעלעך מיט די מטבעות אין דעם וואַנטאַלמער און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ הויכע שלאַנקע פלאַש מיט אַ קליין אויערל און צוויי ערדענע ליאַמפּקעס. דאָס איז געשען אַזוי ווי ער וואָלט פאַר דער אַרויסגענומענער פלאַש פריִער געדאַרפט באַצאָלן מיט די צוויי זעקלעך מטבעות און אָן זיי וואָלט ער די פלאַש נישט אַרויסבאַקומען. ער האָט איין ליאַמפּקע דערלאַנגט אליעזרן און געזאָגט:

„איך בין אייך איצט מכבד מיט אמתן ייִדישן מעד. דעם מעד שטעלט צו נאָר

פאַר מיר בערקאַ פון הוסיאַטין. קענט איר דעם בערקאַ? אַ ייִד און דאָך אַן אָרנטלעכער מאַן".

אליעזר האָט גענומען די ליאַמפּקע אין דער האַנט און בעת דער בישאָף האָט אין איר אַריינגעגאָסן מעד, האָט ער געזאָגט ווי ער וואָלט ממשיך געווען דעם בישאָפס רייד:

„דער בערקאַ פון הוסיאַטין איז נישט דער איינציקער אָרנטלעכער ייִד. איך קען מער אָרנטלעכע ייִדן ווי נישט אָרנטלעכע ייִדן. זיכער גערעדנקט איַיער גייסטיקע מאַכטיקייט, אַז אין אונדזער טעסטאַמענט ווערט געוואָרנט קעגן אומ־אָרנטלעכקייט".

„דאָס איז ווייל גאָט האָט אייך גוט געקענט. האָט ער אייך געוואָרנט צו היטן זיך פון דער ייִדישער טבע. זאָגט נישט איַיער תּלמוד, אַז די מערהייט ייִדן זענען גנבים?"

אליעזר האָט אויפגעהויבן די ליאַמפּקע מיט מעד און געזאָגט מיט אַ טאָן פון בדיחות־הדעת:

„איַיער גייסטיקע הויכקייט ביסקופּ, דער תּלמוד זאָגט אַזוי. אָבער אַרויס־פאַנגען פון דעם ים אַ שפּראַטפּישל און זאָגן: ,אָט דאָס איז דער גאַנצער תּוכן פונעם ים און דאָס איז זיין גאַנץ פאַרמעג' הייסט לייקענען אין דער גרויסקייט און רייכקייט פון דעם ים. אַ פאָלק דאַרף זיין זייער אָרנטלעך און אָפּגעהיטן אין דער מאָראַל אום צו זאָגן אויף זיך אַליין, אַז די מערהייט ייִדן זענען גנבים. און געזאָגט איז עס אין דער שפּראַך פון גוזמא, אַז ווען איינער זעט ווי אַ צווייטער טוט אַן עבירה שרייט ער אויס, אַז די גאַנצע וועלט זעט עס. זעט עס די גאַנצע וועלט?"

„נו, איז דער מעד נישט געשמאַק?" — האָט דער בישאָף געפרעגט, ווי ער וואָלט נישט געהערט וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט.

אליעזר האָט פאַרזוכט דעם מעד, אויף דער צונג אַרויסגעצויגן פון אים דעם טעם, און געזאָגט מעשׂה מבין:

„דאַכט זיך מיר, אַז דער בערקאַ פון הוסיאַטין האָט צובאַקומען אַ נייעם קונה".

„פאַרגעסט נישט צו זאָגן אים, ער זאָל אייך געבן דעם זעלבן מעד וואָס ער שטעלט צו פאַר מיר".

אליעזר האָט גענומען נאָך אַ שלוק:

„עס וועט זיין פאַר מיר אַ כּבוד צו טרינקען דעם זעלבן מעד, וואָס עס טרינקט זיין הייליקייט דער קאַמעניעצער ביסקופּ. ווי מיינט איַיער הייליקייט, צי וועט דער אָרעמער גאַרבער באַפרייט ווערן מאָרגן באַגינען? איך וואָלט אייך זייער דאַנקבאַר געווען איך זאָל אים קענען מיטנעמען מיט זיך צו זיין ווייב און קינדער".

„איך וועל זיך באַמיִען די היצלעס זאָלן אים באַפרייען וואָס פריִער".

דער מעד האָט געהויבן די שטימונג ביים בישאָף. ער האָט נאָך אַ מאָל אָנגעפילט די ליאַמפּקע פון אליעזרן און אויך זיין אייגענע ליאַמפּקע און אָנגע־

נומען אַ פול מויל מיט משקה. אליעזר האָט איצט געטרונקען טראָפּנווייז. די מידקייט פונעם לאַנגן וועג האָט זיך אָפּגערופן, ער האָט געפילט אַז זיין מוח ווערט פאַרוואָלקנט און דער קאָפּ שווער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פלוצים און געזאָגט:

„די שעה ווערט אַ שפּעטע. באַגינען וועל איך זיין ביים מאַגיסטראַט, אָפּצוּוואַרטן דעם אָרעמען גאַרבער".

„נאָר נישט צו פרי — האָט דער בישאָף זיך באַוואָרנט — מעד האָט ליב מען זאָל אים אויסשלאָפן".

„דערפאַר טאַקע וועל איך שוין איצט גיין אים אויסשלאָפן" — האָט אליעזר געזאָגט.

דער בישאָף האָט אים דערלאַנגט אַ פּעטע, הייסע האַנט.

די נאַכט איז געווען אַ מילדע. דער דרויסן האָט געשמעקט מיט אַקאַציע און עפּל. דער טונקעלער הויכער הימל איז געווען באַשאָטן מיט ליכטיקן שטערן־מאָן און יעדער פונק אין הימל האָט געגליט מיט אַן אַנדער פאַרב, און אין אַן אַנדער אויגנבליק — אַ הימל, וואָס ווימלט מיט לעבן, וואָס נאָר דאָס אויג זעט בעת דאָס אויער פאַרנעמט דעם זשומענדיקן ניגון פון נאַכטיקן שלאָף אויף דער ערד.

אליעזר האָט נישט געקענט צוריקגיין צום האַרבעריק. דער ריח פון אַקאַציע און עפּל האָט אים אויפגעוועקט פון דער מידקייט, כאָטש די פאַרנעפּלטקייט אין מוח איז געבליבן ווי פון לייכטער שיכּרות. האָט ער דעם האַרבעריק אויסגעמיטן. אַנטקעגן אים איז געקומען אַ וויטלעכער זיסער ניגון. אין דער ישיבה פון ר' ברוך לייבן האָבן בחורים געלערנט. די פענצטער זענען געווען קוים־קוים באַלויכטן. אליעזרן האָט זיך געדאַכט, אַז די בחורים לערנען אויסנווייניק אין דער פינצטער. איז ער מתוך נייגער אַריין אין דער ישיבה. אַ שטאַרקע טוכלע היץ האָט אים אַרומגענומען. ביי אַ לאַנגן טיש זענען פון ביידע זייטן געזעסן יונגעלייט און געלערנט ביי וואַקסענע ליכטלעך. די ליכטלעך האָבן געברענט מיט בלייכע טשעכאָטקע־פלעמלעך, וואָס אָט־אָט און זיי וועלן דערשטיקט ווערן. די לערנער האָבן נישט געזען ווי אליעזר איז אַריינגעקומען און עס האָט זיי נישט געקימערט, צי עמעצער איז בכלל אַריינגעקומען. זייערע נאַכטיק־בלייכע פּנימער זענען געווען אַריינגעטאָן אין די ספרים און זיי האָבן זיך אַריינגעהערט אין דעם געזאַנג פון איינאַנדער. אליעזר איז לאַנג געשטאַנען אין שאָטן־נעפּל און זיך איינגעהערט אין דעם ניגון פון לערנען, וואָס אָט האָט ער זיך צעקלונגען, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַדורכעקבערן די סטעליע און אָט האָט ער געצאַנקט ווי ער וואָלט געגאַנגען זיך אויסלעשן.

ווי ער האָט געקוקט אויף די בחורים האָט ער צווישן זיי אויך געזען זיין אייגענעם זון, אַלעקסאַנדערן. ר' ברוך לייב האָט דאָך געזאָגט, אַז אויב ער האָט אים נישט געפּאָלגט דעמאָלט צו שיקן זיינע זין צו לערנען תורה אין דער ישיבה, וועט ער איצט, ווען דאָס אומגליק מיט יצחקן איז געשען, שיקן דעם פאַרבליבענעם זון אין דער ישיבה. 'צירונג האָלט מען נישט אָפן און הפקר'. ר' ברוך לייב פאַרברענגט זיינע טעג צווישן די ווענט פון דער ישיבה און ער

איז אַ בעל־נסיון, ווי אַלדאָס אין לעבן וואָלט ער אַליין דורכגעלעבט. ער איז דער בעל־נסיון פון די בעלי־נסיונות, וואָס אין די דפים פון די הייליקע ספרים. אַלעק־סאַנדער טאָר נישט בלייבן אין רודניצע. — דער הויף, דער נזיר מאַרצעלי, וואָס כּישופט די קינדער מיט זיין קענען לאַטיינוס, און די שבחים פון דעם אַלבינאָס פאַר אַלעקסאַנדערן פאַר זיין קענען כּפלען צאָלן — ,דאָס צירונג איז הפקר׳. ווען דאָ, ביים טיש, ביי אַ וואַקסן ליכטל וואָלט געזעסן יצחק... וואָס איז געשען מיט אים? צי איז ער, חלילה, אַוועק צו די לייט פון יעקב פראַנק?

אליעזר האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון דער ישיבה און אָנגעהויבן איילן, אַליין נישט ווינסנדיק וווהין. ער האָט זיך פּלוצים געפונען אויסער דער שטאָט, ווו זיינע פיס האָבן געטראָטן אויף ווייכער ערד און עס האָט געשמעקט מיט פייכטן פעלד־געוויקס. ער האָט אָנגעהויבן גיין צוריק, איצט מיט געלאַסענערע טריט. דער שטערן־מאָן אויפן הויכן טונקעלן הימל האָט נאָך אַלץ געווימלט מיט ליכטיקע ווינק־פונקן. עס איז געוואָרן קיל. די הענער האָבן זיך איבערגעוועקט און זיך צעקרייט, איבערגערופן זיך פון איין עק שטאָט צו דער צווייטער, צוויי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין זייער געקריי און איינער פון זיי איז פּלוצים פאַרשוויגן געוואָרן.

אליעזר איז אַוועק אין האַרבעריק. ווי ער איז אַריבער די שוועל, האָט ער געוווּסט פאַר וואָס ער האָט דעם האַרבעריק פריִער אויסגעמיטן. די דומפּיקע, הייסע לופט האָט געשטונקען מיט מייזן־מיסט. בייטאָג, ווען די טיר איז אָפן און מענטשן גייען אַריין און אַרויס, פילט מען נישט דעם געשטאַנק. פון דער דומפּיקייט האָט אליעזר אַ נאָס געטאָן און אַ פאַרפּעדערט שלאָפיק קול פון אַ מאַן צי פון אַ ווייב, אָדער אפשר גאָר אַ סקריפּ פון אַ לאָדן האָט געפרעגט: ,ווער איז דאָ?׳ אליעזר האָט געענטפערט: ,איך זוך מיין געלעגער׳. ער האָט אין דער פינצטער אָפּגעפונען דאָס געלעגער און ער איז אַוועקגעפאַלן אויפן שטרויזאַק. ער וואָלט קאָווירט, אַז כאָטש די גלידער זענען אים געווען שווער ווי ציין, איז ער נישט איינגעשלאָפן. ער האָט געעפנט די אויגן און דורך די לאָדנשפּאַרעס האָבן זיך אַריינגעריסן שאַרפע זונפאַסן. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז די שעה איז שוין אַ שפּעטע און ער האָט געאַיילט צום מאַגיסטראַט.

„אויפן ניכטערן האַרץ?״ — האָט נאָכגעשריגן שיינע־דאָבע און נאָכגעקוקט מיט די סאָווע־אויגן וווהין ער איילט אין אַזאַ פריִער שעה. אָט דער דאָקטער, וואָס איז שוין ביי איר אין האַרבעריק נישט דאָס ערשטע מאָל, איז אַן אויסטערלישער מענטש. קיין מאָל ווייסט מען נישט צוליב וואָס ער קומט קיין קאַמעניעץ און יעדעס מאָל ווען מען וויל טרעפן, נאַרט מען זיך אַליין אָפּ. אָט דאַכט זיך, אַז מען גייט נעבן אים פאַרדינען אַ גילדן און איידער מען קוקט זיך אום איז ער נישט מער קיין היגער. דאָ איז ער געקומען מיט פיר כאַמעס וואָס האָבן, באַהיט זאָל מען ווערן, געטראָגן מיט זיך קאַסעס. ווען זיי זאָלן נישט האָבן געקומען מיט דעם דאָקטער וואָלט מען געקענט זיין זיכער, אַז זיי זענען געקומען צורויבן דאָס ביסל יִידיש פאַרמעג. איצט שלאָפן נאָך די כאַמעס אין דער פערדשטאַל און ער, דער

יידישער דאָקטער, אײַלט, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט פאַרשפּעטיקן משיחן.

אליעזר האָט געזוימט ביים מאַגיסטראַט ביז האַלבן טאָג. אין דער וואָרט־קאַמער פונעם תּפיסה־קעלער האָבן די וועכטער אַפילו נישט געוווסט, אַז דער ייִד נחמן דאַרף באַפרייט ווערן. זיי וועלן נישט קאַווירן צי ער לעבט נאָך. וואָרום זייט מען האָט אים געבראַכט אַהער לעבט ער אויף ברויט מיט וואַסער. טאָמער גיט מען אים אַן אַנדער שפּייז נעמט ער עס נישט אין מויל אַריין. דער ייִדישער גאָט, זאָגט ער, האָט באַפוילן נישט עסן שפּייז, וואָס גויִים קאָכן. עסט ער דאָס ברויט ליגנדיק אויף דער ערד. די כּוחות פאַרלאָזן אים. ,זענט איר געקומען אָוועק־נעמען דעם מאַן אויף צו באַגראָבן אים אַ טויטן?' — האָבן די וועכטער געחוזקט.

אליעזר האָט זיי נישט געענטפערט. ער איז געווען אומרויִק. די פּיס האָבן אים געצויגן צו גיין צום בישאָף, אָבער דער שטאָלץ האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט באַצאָלט דעם גייסטלעכן וויפל ער האָט געוואָלט און איצט וויל ער זען, צי דער בישאָף איז אַן אָרנטלעכער סוחר, אָדער ער נעמט צו דעם פּדיון און פאַרהאַלט אויך די סחורה. צום האַלבן טאָג זענען צוויי מענער אַראָפּ פון די טרעפּ פונעם מאַגיסטראַט, זיי האָבן פייערלעך מאַרשירט צו דער וואָרטקאַמער פונעם תּפיסה־קעלער און דאָרט פאַרשוווּנדן. מיט אַ צען מינוט שפּעטער האָבן צוויי וועכטער אַרויסגעשלעפּט פון דער וואָרטקאַמער אַ מאַן אין צעשונדענע בגדים, אַ באָרוועסן און מיט אַן אָנגעשוואָלן פּנים. אליעזר איז נישט געווען זיכער צי דאָס איז נחמן דער גאַרבער. נאָר מסתּמא איז ער נחמן, וואָרום פאַר אים האָט ער באַצאָלט און אויף אים וואָרט ער. די צוויי מענער פונעם מאַגיסטראַט האָבן זיך געשטעלט פאַר דעם האַלב ליגנדיקן און האַלב זיצנדיקן נחמן און אין נאָמען פון דעם וואָיעוואָדע און דעם בירגערמייסטער דערקלערט, אַז ער איז פריי און ער קען גיין אין וועלכער ריכטונג ער וויל, נאָר נישט בלייבן אין דער ביסקופּישער שטאָט קאָמעניעץ לענגער פון איין מעת־לעת. זיי האָבן אים איבערגעלאָזט און אַוועק. דעמאָלט האָט אליעזר זיך אַראָפּגעבויגן צו אים און געזאָגט:

„דערקענט איר מיך, נחמן? איך בין אליעזר דער דאָקטער פון רודניצע".

נחמן האָט מיט שווּעריקייט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעקוקט דעם דאָקטער מיט דעם גאַנצן געשוואָלענעם פּנים און דעם קאָפּ צוריק אַראָפּגעלאָזט נישט אויס־רעדנדיק אַ וואָרט.

„איך האָב אייך אויסגעלייזט און געקומען אייך אָוועקפירן אַהיים צו אײַער ווייב און קינדער — האָט אליעזר ווידער געזאָגט — קענט איר זיך אויפשטעלן מיט מיין הילף, אָדער זאָל איך ברענגען מענטשן מען זאָל אייך אָוועקפירן אין האַרבעריק".

דערווייל האָבן זיך אַרומגעשטעלט פאַרבייגייענדיקע נייגעריקע ייִדן און נישט־ייִדן און געפרעגט איינער ביים צווייטן וויפל שמיץ האָט עס דער אָרעמער באַקומען וואָס ער קען מער אויף די פּיס נישט שטיין? אליעזר האָט געפּרוווט העלפן נחמנען זיך אויפשטעלן. העכער פון די קנעכל פון נחמנס באָרוועסע פּיס זענען צוויי

רויטלעך־ברוינע מאַנקעטן פון קייטן געווען פאַר אליעזרן אַ סימן, אַז מיט אייגענע כּוחות וועט דער גאַרבער נישט קענען זיך באַוועגן.

„קען מיר ווער העלפן אַוועקפירן דעם אָרעמען אין זוסיעס אכסניה?״ — האָט אליעזר זיך אַרומגעקוקט.

„יידן, נעמט אים! — האָט איינער אויסגערופן און געאײַלט דער ערשטער — איר'ט זיך קויפן עולם־הבא״.

עטלעכע אירע זענען צוגעלאָפן און אליעזר האָט אָפּגעקילט זייער התלהבות:

„נאָר נישט מיט כּוח. געלאַסן, געלאַסן״ — ער האָט געוויזן די לייט ווי אַזוי זיי דאַרפן אים נעמען אונטער די אָרעמס, זיינע אָרעמס אַרויפלייגן אויף זייערע אַקסלען און גיין טריט נאָך טריט. „אָט אַזוי... נאָך אַ טריט... ר׳ נחמן, שטעלט אַליין אַ טריט!.. הייבט אויף העכער דעם קאָפּ... גוט, נאָך אַ טריט... פּאַמעלעך... וויל...״

ווי די לייט וואָלט געטראָגן אַ געפּלאַצטע כּלי, האָט אליעזר געהיטן סיי די וואָס האָבן געפירט דעם גאַרבער און סיי נחמנען אַליין.

„וואָס איז געשען מיט דעם ייד?... אַ בלבול?... פון וואַנען איז ער?...״ — האָבן לייט געוואָלט וויסן און אַריינגעקוקט נחמנען אינעם געשוואָלענעם פּנים. אויך אליעזר אַליין איז פאַר די נייגעריקע געווען אַ ניי פּנים.

שיינע־דאָבע מיטן פויגל־פּנים איז אַנטקעגנגעגאַנגען דאָס געזעמל מיט אַ קוויטשיקן „אוי ווי איז מיר!״ און דערזעענדיק אליעזרן האָט זי אָפּגעפונען דעם סוד צוליב וואָס דער יידישער דאָקטער איז געקומען קיין קאַמעניעץ.

„חלילה אַ קראַנקער?״ — האָט זי אויפגעהאַנגען אירע סאָווע־אויגן אויפן דאָקטער.

„נישט קיין קראַנקער. אַן אומגליקלעכער — האָט אליעזר געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף איר — אײַלט און קאָכט אויף אַ טעפּל לאַקרעץ. איר וועט זיך קויפן אַ מצווה״.

זי איז אַריין אין שטוב מיט אַן „אוי ווינד איז מיר״ און שוין האָט זי גע־שטעקט מיטן קאָפּ אונטער דער אויוון־קאָפּע און אויפגעבלאָזן די קוילן אונטער אַ דרייפוס. אליעזר האָט נחמנען אַוועקגעלייגט אויף זיין געלעגער. ער איז גע־שטאַנען איבער אים אַן אומבאַהאָלפענער. אָפּט פירט ער מיט זיך זיין בייטל מיט זאַלבן און וואָסערלעך, נאָר גראָד דאָס מאָל איז ער אַרויס פון זיין שטוב ווי פון אַ שׂריפה, מיט ליידיקע הענט. און פון נחמנען טראָגט זיך אַ געשטאַנק, ווי פון דעם מיסט פון אַ חזיר־שטאַל.

„הייס וואַסער!״ — האָט אליעזר באַפעלעריש אויסגערופן און אויף זוסיען אַנגעיאָגט אַ בהלה. האָט זוסיע נאָכגעשריגן צום ווייב:

„שיינע־דאָבע, דער שׂרה בעט הייס וואַסער! הערסט וואָס דער שׂרה וויל?!״

„איך הער, איך הער!״ — האָט דאָס ווייב געענטפערט פון אונטער דער אויוון־קאָפּע.

דערנאָך האָט אליעזר פאַרטריבן אַלע פון דער קאַמער און באַפוילן זוסיע זאָל

אים באַדינען, צוהעלפֿן אַרומוואַשן דעם פֿאַרפֿייניקטן מאַן. ער האָט אים געקאָרמעט מיט לאַקרעץ־וואַסער און מיט האָניק, זיין גוף געזייפֿט מיט אויפֿגעקלאַפּטע אייער און אַראָפּגעוואַשן פֿון אים דעם געשטאַנק מיט הייס וואַסער, די צעשונדענע, פֿאַר־לייזיקטע בגדים האָט ער אַרויסגעטראָגן אויפֿן הויף און באַפֿוילן די כּאַמעס זיי זאָלן אויסקאָפּען אַ גרוב און די בגדים באַגראָבן. ער אַליין איז שוין געווען ביי די לעצטע כּוחות, נאָר דער אימפּעט האָט אים געהאַלטן. ערשט שיינע־דאָבע האָט אים דערמאָנט, אַז באַגינען איז ער אָוועק אָן צו נעמען אין מויל אַ כּזית ברויט.

„נישקשה, שׂרה־לעבן, איר אַליין מעגט זיך אויך פֿאַרגינען אויסצוטרינקען אַ טעפּל לאַקרעץ — האָט זיך שיינע־דאָבע געפּריינדלט — וואָס זאָל איך אייך צו־גרייטן צום עסן? אפֿשר רעטעך אויף פּלוסטערן? אפֿשר אַ פּליישיקע מעל־פֿאַרקאָכעטס? ביט זיך אויס, שׂרה־לעבן".

אין שטאָט האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ מעכיע. קיינער פֿון קהל האָט ביז איצט נישט געוווּסט, אַז אין די קעלערן פֿונעם מאַגיסטראַט מאַטערט זיך אַ ייִדישער תּפֿוס. זייט דעם אומגליק פֿון דער מסירה פֿון די שמדניקעס, יעקב פֿראַנקס לייט, איז קיין ייִד אין קאַמעניעץ נישט געזעסן אין די קעלערן. פֿאַר וואָס זשע האָט מען טאַקע געבראַכט אַט דעם ייִד אַ געשמידטן אין קייטן — האָבן די לייט פֿון קהל געוואָלט וויסן — צי האָט ער חלילה געהרגעט אַ מענטש? עס זאָגט זיך אַזוי. וועלכער ייִד וועט עס הרגענען אַ מענטש? אַ ייִד וועט גיין זיין אַ רוצח? איז אפֿשר אַ בלוט־בלבול חלילה? ווען יאָ, וואָלט מען געהערט. עס וואָלט נישט אָפּגע־גאַנגען גלאַטיק. אליעזר האָט פֿאַרשוויגן דעם אמת. ער האָט נאָר מרמז געווען, אַז די זאַך פֿון נישט באַצאָלן חובות איז דערביי.

אָונטצו איז נחמנס בליק דורך די אויפֿגעלאָפֿענע אויגן־שפּעלטלעך געוואָרן לעבעדיקער. דאָס געשווילעכץ פֿון פּנים איז אַ ביסל אָפּגעפֿאַלן. אליעזר האָט אים געגעבן זיין דרילכענעם נסיעה־כאַלאַט ביז ער וועט פֿאַר אים איינהאַנדלען אַ בגד אויף אַהיימצופֿאָרן. ערשט ווען ער האָט געזען ווי נחמן איז אין געציילטע שעהען געקומען צו זיך, איז זיין פֿריערדיקע פֿרייד דערשלאָגן געוואָרן פֿון עצבֿות. דעם גאַרבער האָט ער אָפּגעפֿונען און אים אויסגעלייזט; זיין יצחק האָט ער נישט געפֿונען. אים קען ער נישט אויסלייזן. ער וועט צוריקקערן אַהיים מיט דעם גאַרבער, נאָר זיין זון צו דער מוטער וועט ער נישט צוריקקערן. די מחשבה, אַז ער האָט איבערגעלאָזט זעלדען אַליין מיט איר אבֿילות האָט אים איצט צעקלעמט און ער האָט געפֿילט אַ ווייטיק אין די גלידער. „איך בין זייער מיד" — האָט ער געטראַכט און דערמיט געוואָלט פֿאַרענטפֿערן זיין פּלוצימע עצבֿות. אַ בהלהדיק געפֿיל, אַז ער מוז וואָס שנעלער זיין נעבן זעלדען האָט אים געאײַלט. אליעזר איז אויך די נאַכט נישט געשלאָפֿן, נאָר ער האָט קיין כּוח נישט געהאַט אויפֿצו־שטיין פֿון געלעגער און אַרויס צום נאַכטיקן לופֿטיקן דרויסן...

דורך האַרבסטיקע פעלדער

מיטן נעלם ווערן פון יצחק האָט זיך אין האַרץ פון זעלדען איינגעקאָרנייעט די מחשבה, אַז די שטאָטישע לייט, וואָס זענען געקומען צו איר אין די שבתים, האָבן איר געגעבן אַן עין־הרע. ערשט איצט, ווען זי האָט געזוכט אַן אחיזה צו דערגיין וואָס און ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשען, האָט זי זיך דערמאָנט זאַכן, אויף וועלכע זי האָט פריִער נישט געלייגט קיין וואָג. דער און יענער פון די לייט, ווען זיי האָבן גענומען אַ גלעזל אָקעוויט און זיך צעוואַרעמט, האָבן נישט אויפגעהערט באַוואונדערן אירע קינדער. זי האָט קיין איין מאָל נישט געזען, אַז ווען עמעצער זאָל זאָגן אַ שבח אויף יצחקן צי אויף אַלעקסאַנדערן זאָל ער אים האָבן אָפּגעבלאָזן קעגן אַ גוט־אויג. ווי אַזוי האָט זי געקענט פאַרגעסן, וואָס קינד־און־קייט ווייסן דערוועגן, אַז ווען אַ פרעמדער גלאָצט אויף אַ קינד און באַלייגט עס מיט שבחים, דאַרף מען אונטערן פאַרטעך אַרויסשטעלן דעם פאַרשוין פייגן און טראַכטן דעם שפּרוך: „פעפער אין דער נאָז, זאַלץ אין די אויגן און אַ נאָדל אין האַרץ". זי האָט עס פאַרגעסן. אַלץ ווייל זי איז אַוועק פון דער היים, ווייט פון איר מוטער און פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ גלות. אָט די לייט, וואָס גלייבן אין בעל־שם־טוב, זענען נישט געווען מזלדיק פאַר איר. ווי זיי האָבן אַראָפּגעבראַנגט אַן אומגליק אויף איר הויז דאָרט, אין איר היימשטאָט בראָד, אַזוי האָבן זיי געבראַכט אויף איר הויז אַן אומגליק אויך דאָ, אין רודניצע. און ער, איר אליעזר, האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון זיי. דערצו נאָך האָט אליעזר געבראַכט צו זיך אַהיים דעם קראַנקן נחמנען, אויסגעבעט אים אַ געלעגער אין קלויז, געשמירט אים מיט זאַלבן, געגעבן אים אויסבריִעכצער און געקאָרמעט ווי מען קאָרמעט אַ ברודער. וועגן זיין קינד, יצחקן, טראַכט ער גאָרנישט?

זעלדע האָט געוויינט פון פאַרביטערונג. זי האָט פאַר אליעזרן באַהאַלטן אירע טרערן; די רויטקייט אין די אויגן פון וויינען האָט זי נישט געקענט באַהאַלטן.

„טו עפּעס עלי, איך וועל זיך אָנטאָן אַ מעשה!" — האָט זי געקרעכצט.

„ווען איך זאָל וויסן וואָס צו טאָן..." — האָט ער געשטאַמלט.

„דו ווייסט וואָס צו טאָן פאַר פרעמדע!" — האָט זי זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן.

„ביסט נישט גערעכט, זעלדע, אוי, ווי נישט גערעכט — האָט ער גענומען איר פּנים אין זיינע הענט ווי מען נעמט אַ צעעפנטע בלום — איך האָב מכריז געווען איבער דער גאַנצער וועלט, אַז איך גיב הונדערט דוקאַטן אין ריינעם גאָלד פאַר געבן מיר כאָטש אַ סימן וועגן יצחקן. איך וועל מכריז זיין צו געבן מיין גאַנץ פאַרמעגן. וואָס נאָך קען איך טאָן, זעלדע קרוין?!"

„איך וועל פֿאָרן קיין בראָד צו מײַנע עלטערן. אפֿשר איז ער אַוועק צו זיי?"

— איז איר אײַנגעפֿאַלן.

„ער וואָלט מיט עפּעס דערמאָנט, ווען ער זאָל זיך קלייבן אַזוי צו טאָן. אַז דו באַשטייסט — פֿאָר". און באַלד נאָך אַ רגע האָט ער צוגעגעבן: „איך וויל אַלעקסאַנדערן שיקן אין דער ישיבה אין קאַמעניעץ. איך האָב געשמועסט מיט דעם דאָרטיקן ראש־ישיבה. הלוואַי וואָלט איך אים געהערט דעמאָלט, ווען איך בין געפֿאָרן צו אים זוכן אַ מלמד פֿאַר די קינדער".

„וואָס נאָך וועט דיר אײַנפֿאַלן? — האָט זי אָנגעשטעלט אירע צעשראָקענע אויגן אויף אליעזרן — אַליין וועלן מיר דאָ בלײַבן?"

„זעלדע־קרוין, קינדער בלײַבן נישט ביי עלטערן. אויך דו אַליין ביסט נישט געבליבן. אַזוי צי אַזוי גייען קינדער אַוועק. זאָל זשע אַלעקסאַנדער אַוועקגיין פֿון אונדז דורך דער תּורה, וועט ער נישט אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון אונדז". אליעזר האָט געוואָרט אויף זעלדעס באַנייטן געוויין. נאָר זי האָט נישט געוויינט. זי האָט געוואַנדערט מיט אירע צעשראָקענע אויגן איבער איר מאַנס פּנים און געפֿרעגט, ווי זי וואָלט נישט דערוואַרט קיין ענטפֿער:

„ווילסטו זאָגן, אַז יצחק איז נעלם געוואָרן צוליב אָפּגעפֿרעמדקייט? פֿרעמדע זענען מיר געווען צו אים?"

„פֿאַרשטיי אַזוי ווי איך רעד צו דיר, זעלדעשי, אַלעקסאַנדער דאַרף האָבן אַ ייִדישע סבֿיבֿה — האָט אליעזר געזאָגט ווי ער וואָלט די ווערטער געציילט — די שבֿחים פֿון דעם קאַמעניעצער קלויסטער־ברודער, דאָס באַוווּנדערן אים פֿון דער גרעפֿין און די גאַנצע הויף־סבֿיבֿה איז עלול אים צו דערווײַטערן פֿון אונדז, מער ווי עס וועט אים דערווײַטערן די ישיבה".

„אָבער עלי! — האָט זעלדע פּלוצים אויסגערופֿן — די ישיבה פֿאַר אַלעק־סאַנדערן וועט אונדז נישט צוריקגעבן אונדזער פֿאַרלוירן געוואָרן קינד!"

„כ'האָב עס נישט געזאָגט. נאָר דער שׂכל איז מחייבֿ, אַז ווען דו האָסט צוליב אַ לאָך אין געלטגאַרטל פֿאַרלוירן איין דוקאַט, באַוואָרן דו זאָלסט דורך דעם זעלבן לאָך נישט פֿאַרלירן נאָך צוויי דוקאַטן. רעדט עס צו דיר?"

„אויף אַלץ האָסטו אַ תּירוץ" — האָט זי זיך אָפּגעקערט מיט ביטערניש.

איצט האָט זעלדען געווייטיקט דאָס האַרץ מיט באַנייטער פֿרישקייט. זי גייט פֿאַרלירן אויך אַלעקסאַנדערן. עפּעס מוז זי אַליין טאָן, כאָטש אַ ווײַבספֿאַרשוין איז צוגעבונדן צו דער אייגענער שוועל. איין מאָל אין אַ נאָכמיטאָג־שעה, ווען אליעזר איז נישט געווען אין דער היים און די קינדער זענען אַוועק צום הויף, האָט זעלדע שטאַרקער אונטערגעבונדן דעם פֿאַרטעך ווי אַ סגולה קעגן שדים און אַרויס צום טראַקט, כאָטש זי איז געווען זיכער, אַז די שדים בראָיען נישט אַרום אין טאָגיקן ליכט. נאָר אויך פֿאַר די ציגײַנער אין דער סבֿיבֿה האָט זי געפֿורכט ווי פֿאַר שדים. די ציגײַנער טראָגן מיט זיך כּישוף און זייער מאַכטיקייט איבער מענטשן צויבערט אַרויס פֿון זייערע צעגליטע אויגן. איז סכּנותדיק צו שטיין נאָענט צו זיי. זיי קענען אומגליקלעך מאַכן אַ מענטש: מיט אַ האָר פֿון קאָם, מיט

אַ ברעקל פֿון אַ קלייד קענען זיי באַוועלטיקן עמעצנס נשמה. נאָר זי קען זיך נישט קיין עצה געבן. זי מוז אָנקומען צו זיי. נוצט דאָך אויך אליעזר גיפּטיקע שוועמלעך און פֿאַרגיפֿטנדיקע קרייטעכצער אויף צו היילן מענטשן. ווייל זי הערן וואָס די ציגיינער האָבן צו זאָגן וועגן איר אומגליק. גיין דאָרט אַהין, הינטערן וואַלד, ווו זיי לאַגערן, וועט זי נישט. אָבער זי וועט זיך לאָזן צולאָקן פֿון אַ ציגיי־נערין אויפֿן טראַקט.

עס איז געווען נישט שווער. נאָך מיטאָג גייען אַהיים צוריק די ציגיינער וואָס שמייען אַרום אין דער סביבה, מער אויף צו כאַפּן עפּעס, גנבענען, ווי פֿאַרדינען ערלעך אויף אַ ביסן ברויט. האָט זי אין דער פֿאַרטעך־קעשענע געהאַט אַריינ־געלייגט אַ פּאָר שטשיפּטעס זאַלץ, וואָס איז פֿאַר די ציגיינער ליבערשט פֿון גאָלד, און געגאַנגען איבערן טראַקט. גייט פֿאַרביי אַן עלטערע ציגיינערין, ווי זי וואָלט אויסגעוואַקסן פֿון אונטער דער ערד:

„קעניגין טייערע, דיין צאַרט הענטעלע" — האָט די ציגיינערין געזאָגט בעטנדיק און לאַשטשענדיק, נאָר זעלדע איז געוואָרן איבערגעשראָקן. דאָס פּנים פֿון דער ציגיינערין איז געווען ברוין, ווי עס איז ברוין פֿעטע ערד, און פֿון אירע אויגן האָט אַרויסגעפֿעלגעט אַ פֿייער, פֿאַרברענט צו ווערן אין דעם. זעלדע וואָלט אַנטלאָפֿן, נאָר זי האָט מורא געהאַט פֿון וועגן דעם כּישוף פֿון דער ווייטנס. האָט זי הכנעהדיק געזאָגט:

„מאָרגן אין דער צייט" — און זיך אָפּגעקערט רויִק, נאָר אין שרעק.

שפּעטער אַ ביסל איז פֿאַרבייגעגאַנגען אַ ציגיינערישע מויד. אירע העל־גרינע אויגן און ווייסע ציין האָבן פֿון דער ווייטנס געפֿינקלט. איר פּנים איז געווען ווי פֿון אַ יונגער הירשין, מאָגער און קרעפּטיק, נאָר איר שמייכל איז געווען ווי אַ זיסע ליכטיקייט. אויך פֿאַר איר האָט זיך זעלדע געשראָקן כאָטש זי האָט געזען איר אָנקומען פֿון דער ווייטנס. ס'איז געווען פֿלאָראַ מאַריאַ.

„ליכטיקע האַרין, וויז מיר דיין האַנט, וואָס מאַכט גליקלעך מאַנצבילן און אונטערטעניקט מאַכטיקע — האָט די מויד געזאָגט מיט אַ ביסל אַ נידעריק קול און איר כּישוף איז געוואָרן נאָך שטאַרקער — איך וועל דיר זאָגן..."

„נישט דאָ!" — האָט זעלדע איבערגעשלאָגן אירע ווערטער און אַראָפּ פֿון טראַקט צום תּבֿואה־פֿעלד. די מויד איז איר נאָכגעגאַנגען.

פֿאַרשטעלט פֿון דער רייפֿער תּבֿואה האָבן זיךביידע פֿרויען אָוועקגעזעצט אויף אַ מעזשע און זעלדע האָט אויסגעשטרעקט איר רעכטע האַנט מיט האַרץ־קלאַפּעניש. די מויד האָט גענומען איר האַנט, מיט צוויי פֿינגער געגלעט איר אויבערפֿלאַך מיט גלוסטיקייט און אַ ווילע זיך איינגעקוקט אין די וועגן און אומוועגן פֿון דער הויט:

„קוק נישט דערויף וואָס ס'געשעט צווישן אייך — האָט די מויד אַרויסגע־לייענט בלחש — ער האָט דיך ליב, אָט דאָ זע איך, דאָ אויף דעם פֿלאַץ, אַז די פֿרוי וואָס האָט זיך אַריינגעשטעלט..."

„וואָס פֿלאַפּלסטו, נאַרישע גאַנדז — האָט זעלדע אַרויסגעצויגן איר האַנט

פון דער האַנט פון דער ציגײַנערין — וואָס איז מיט מײַן זון! וויל איך וויסן! קענסט עס מיר זאָגן?"

פלאָראַ מאַריאַ האָט זיך נישט פאַרלוירן. אויף איר מאָגער און קרעפּטיק פּנים האָט זיך צעליכטיקט אַ שטיק זון:

„דאָס וואָס איך האָב געזאָגט איז געזאָגט דערוועגן דײַן זון, פּרינצעסין גאָלדענע, נאָר גיב מיר דײַן טײַערע האַנט צו זען וואָס עס געשעט ווײַטער". אירע הייסע קאַרע אויגן זענען געוועזן פול מיט רײַץ און זיי האָבן אַרײַנגעפּישופט אין זעלדעס האַנט: „זיי האָבן זיך ביידע זייער שטאַרק ליב, דערום פּילסטו נישט מער זײַן ליבע. אָבער ער האָט דיך ליב. שטאַרק ליב".

„ווו איז ער מײַן זון?!" — האָט זעלדע געפרעגט אומגעדולדיק.

די מויד האָט מיט דעם נאָגל פון דעם ווײַזפינגער געזוכט אויף זעלדעס האַנט־פלאַך און אַרויסגעלייענט:

„אָט דאָ זע איך אַ שיפל אויפן גרויסן טײַך. עס שווימט קעגן שטראָם אַרויף. דאָס שיפל טראָגט זיי ביידן..."

„אויפן דניעסטער?" — האָט זעלדעס האַנט אַ ציטער געטאָן.

די ציגײַנערין האָט געהויבן די אַקסלען:

„אויפן גרויסן טײַך. זיי האָבן זיך זייער ליב און זיי ווייסן נישט ווו זיי וועלן לאַנדן".

„דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. ווער איז די זי? ווער איז זי?" — האָט זעלדעס האַנט געציטערט אין דער ציגײַנערינס האַנט.

„זי איז בלאָנד און יונג און זי האָט דײַן זון גענומען מיט דעם כּישוף פון ליבשאַפט. ער וועט לאָזן ווײַסן... אָט דאָ זע איך ווי זיי שטייען פאַר סכּנות, דאָס שיפל זאָל זיך איבערדרייען... די ליבשאַפט וועט עס אויסגלײַכן ווי נאָר די ראַנדן וועלן אָנרירן דאָס וואַסער פון דעם גרויסן טײַך". די מויד האָט געהאַלטן פעסט זעלדעס האַנט זי זאָל זיך נישט אַרויסרײַסן פון ציטערניש און אין איר אַרײַנגערעדט ווײַטער: „דו דאַרפסט זיי נישט שטערן... די ליבשאַפט זייערע איז שטאַרקער פונעם טויט..."

„ווער איז זי?!" — האָט זעלדע געפרעגט מיט אומגעדולד.

„דאָס איז אַ סוד — האָט די מויד געזאָגט שטיל און רויִק — זי וועט זיך באַקענען צו דיר ווען דאָס פײַער פון ליבשאַפט וועט זיך אײַנשטילן".

זעלדע האָט זיך פּלוצים אויפגעשטעלט, אַרויסגעריסן איר האַנט פון דער ציגײַנערינס קלעם, אַרײַנגעשטופּט איר אין בוזעם דאָס זעקעלע מיט די פּאָר שטשיפּטעס זאַלץ און איז אַוועק אַהיים.

די ציגײַנער־מויד האָט געעפנט דאָס זעקעלע, אויף אַ פינגער גענומען אַ לעק זאַלץ און מיט בליקן פון צאָרן נאָכגעקוקט די טריט פון דער אַנטרונענער.

אין דער צײַט ווען זעלדע איז געזעסן מיט דער ציגײַנער־מויד אויף דער מעזשע זענען באַשע און אַלעקסאַנדער אַוועק אין הויף, צו די פּאָטאָצקיס. דורכן פענצטער האָבן זיי געזען אָנקומען דעם געשפּאַן מיט דעם קלויסטער־ברודער מאַרצעלי און

ס׳האָט זיי אַ ציי געטאָן צו זיינע לעקציעס. אַ לענגערע צייט איז מאַרצעלי נישט געקומען אין הויף און אויך זיין נישט־קומען אין הויף האָט נאָך שווערער געמאַכט דעם אומעט וואָס עס האָט געהערשט אין באַשען און אין אַלעקסאַנדערן נאָכן נעלם ווערן פון זייער ברודער. האָט דאָס ווידערבאַוויזן זיך פון דעם נזיר זיי דערפרייט און זיי זענען געלאָפן צום הויף. נאָר זייער פרייד איז פאַרלאָשן געוואָרן ווען זיי זענען אַריבער די שוועל פון דער קאַמער ווו דער נזיר האָט געלערנט מיט די קינדער פונעם גראַף. די קאַמער האָט זיי דערמאָנט יצחקן. ער פלעגט אַלע מאָל זיצן אויף דעם זעלבן פּלאַץ, אונטער דעם פּאָרטרעט פון דעם אורפּאָטער פון דעם גראַף פּאָטאָצקי, וואָס די משפּחה האָט זיך געגרויסט, אַז ער איז אויסגעקריצט דורך הערשקאָ לייבאָוויטש וואָס אין ניעסוויעזש אין די גיטער פון פּירשט מיכאל ראַדזשיוויל. איצט איז דער פּלאַץ ליידיק. אויך העלענאַ איז נישטאָ. איר ברודער בראָניסלאַוו האָט געהאַט געזאָגט, אַז העלענאַ איז געפאָרן צו גאַסט צו דער משפּחה אין קראַסנאָסטאַוו. איז זי נאָך נישט צוריקגעקומען. און דער עלטסטער ברודער, וואַצלאַוו, איז געווען קאַלט צו באַשען און צו יצחקן. אַ מאָל איז ער מקנא געווען אַלעקסאַנדערן וואָס ער איז פלינק אין כּפלען צאָלן, דאָך איז זיין קינאה געווען אַ גוטמוטיקע. דאָס מאָל, ווען אַלעקסאַנדער כּפלט צאָלן פון פופציק ביז אַכציק אויף פופציק ביז אַכציק קוקט ער נישט אין זיין זייט אַריין. באַשע, וואָס איז פילבאַר ווי איר מוטער און זי ווייסט וואָס עמעצער טראַכט, זוכט די אויגן פון וואַצלאַוון, מפייס צו זיין אים, אָבער ער מיידט אויס איר בליק. ער האָט אָנגע־האַנגען זיינע אויגן אויף דעם ראָזן פּנים פונעם נזיר. זיינע פינגער אַרבעטן פלינק מיט אַ קריידל צו קאָנטראָלירן אַלעקסאַנדערס ענטפערס און ער פּאַנפּעט אונטער דער נאָז: „בענע, בענע״.

ביים סוף האָט דער נזיר פאַרלייגט איין האַנט אין דער צווייטער און מיטן קאָפּ אַ ביסל אויף אַ זייט געזאָגט צו די קינדער:

„מיר וועלן האָבן מיט פּאַטער און מאַטער די אָוונט־תּפילה״. דאָס איז געווען געזאָגט צו די קינדער, אַז זיי דאַרפן פאַרבלייבן און צו באַשען און אַלעקסאַנדערן — אַז זיי קענען פאַרבלייבן. נאָר אַלע מאָל ביז איצט האָבן זיי פאַרלאָזט די קאַמער ערב דער תּפילה און נאָך מער האָבן זיי דאָס מאָל געפילט, אַז זייער פּלאַץ איז נישט דאָ. זיי זענען אַהיימגעגאַנגען אומצופרידענע און מיט פאַרדרוס אויף זיך אַליין.

„מע דאַרף נישט זאָגן אין דער היים, אַז העלענאַ איז נאָך נישט צוריקגע־קומען״ — האָט באַשע געעצהט באַלד ווי זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז פונעם גראַף.

„האָסט מיר אַרויסגענומען די ווערטער פון מיין מויל״ — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט.

„וואַצלאַוו האָט שיער נישט געפּלאַצט פון קינאה אויף דיינע ריכטיקע ענט־פערס״ — האָט זי גלייך געוואָלט רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. אַלעקסאַנדער האָט צוגעגעבן:

„אויך דער פראַנציסקאַנער מאַרצעלי ברענט פון קינאה. זיין ,בענע בענע׳

הער איך ווי ער וואָלט געבילט אויף מיר. היינט האָבן זיינע אויגן גאָר קיין פאַרב נישט געהאַט. וואַסער. האָסט געזען?"

„אין דער היים רעד נישט דערוועגן" — האָט באַשע ווידער געעצהט.

ער האָט געשוויגן. אין אַלע די יאָרן, זייט די קינדער זענען צו זייער שׂכל געקומען, האָבן זיי געפילט וואָס דער צווייטער גייט זאָגן און דאָס רעדן צווישן זיך איז געווען אויף צו איבערצייגן זיך, צי ס'איז ריכטיק וואָס יעדער האָט געטראַכט. זענען זיי אַלע מאָל געווען זיכער, אַז אַפילו מיט סתּמיקע ווערטער זאָגט מען אויס סודות, וואָס דאַרפן בלייבן אויסבאַהאַלטן. ווי עס איז געווען זייער מזג ווען זיי זענען אַרויס פון דעם גראַפס הויז, אַזאַ בין־השמשותדיקייט האָבן זיי געטראָפן אין דער היים. די מוטער איז געזעסן אויפן גאַניק דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט און אַ פּאַרקוקטע צום אַנטקעגן־איבערדיקן וואַלד. זי האָט געהערט דאָס אָנקומען פון אירע קינדער. כּדי זיי זאָלן נישט זען אירע אויסגעוויינטע אויגן, אויף נישט מצער צו זיין זיי, האָט זי געזאָגט קוקנדיק ווייטער צום וואַלד.

„אַלעקסאַנדער, פון דער צווייטער זייט האָב איך אונטער דער סטזשעכע געזען אַ נעסט פון פלעדערמייז".

„ס'איז מזלדיק — האָט באַשע זיך אָנגערופן — אויף דער ליפּע אַ נעסט פון באַציאַנעס, דאָ אונטערן גאַניק אַ נעסט פון שוואַלבן און איצט אַ נעסט פון פלעדערמייז".

„וועסט נעמען אַ לייטער — האָט זעלדע ווייטער געזאָגט, ווי זי וואָלט נישט געהערט די ווערטער פון איר טאָכטער — און אַראָפּוואַרפן די נעסט פון די פלעדערמייז".

„מאַמע, פאַר וואָס? — איז באַשע מיט מיידלשער אימפּעטקייט צוגעפאַלן צו איר מוטער און זי אַרומגענומען — נעסטן זענען מזלדיק!"

„איך וויל נישט זען די פלעדערמייז! — האָט זעלדע געזאָגט מיט אַ פייכטער שטים — זיי ברענגען אומגליק. הלוואי וואָלט איך פריִער געזען די נעסט, וואָלט אפשר צום גאַנצן אומגליק נישט געקומען".

„לעבעדיקע באַשעפענישן זענען נישט קיין שדים" — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט מיט דעם געזענגל וואָס אין די ווערטער פון זיין פאָטער אין ענלעכע פאַלן.

זעלדע האָט דאָס געהערט און געזאָגט:

„אין גאַנצן ווי דער פאָטער; אַז די וועלט זאָגט נאַכט, זאָגט ער טאָג".

„אַז מענטשן זאָגן אויף טאָג נאַכט און דער פאָטער זאָגט אַז דאָס איז טאָג, איז דער פאָטער גערעכט!" — האָט אַלעקסאַנדער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל פונעם גאַניק — מיט לעבעדיקע באַשעפענישן איז היימלעכער".

„שדים און נישט־גוטע באַזעצן זיך ווו נאָר זיי קענען — האָט זעלדע געזאָגט אַ גערייצטע — וועסט נעמען אַ לייטער און צעשטערן די נעסט".

„יאָ, מוטער — האָט אַלעקסאַנדער צוגעשטימט מיט רחמנות. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַוועק הינטערן הויז זען די נעסט פון פלעדערמייז. הינטער

דעם הויז איז דערגאַנגען צו אים דאָס געזאַנג פון יוחננס לערנען. ער האָט גע־לערנט אין קלויז, וואָס האָט נאָך דער מהומה מיט די לייט פון שטעטל געפּוסטע־וועט.

זייט יצחק איז נעלם געוואָרן האָט אין יוחננען געעקבערט אַ געפיל פון ספקות. אַלץ האָט אים אויסגעזען אויסטערליש אייטל. איז זיין געזאַנג ביים לערנען גע־וואָרן ווי עס איז געווען זיין געמיט — פאַרבענקט און נאַכטראַכטעריש. ווי אויך די טענער וואָלטן געווען מחשבות, וואָס מען דאַרף אין זיי אַריינדרינגען, כדי זיך צו דערגרונטעווען צו זייער אמת. וואָס מיינט עס פאַרטרייבן פון זיך די עצבות און אַרויפנעמען אויף זיך שׂמחה, ווי עס האָט געלערנט דער רבי רב ישׂראל, אויב די עצבות וואַרפט זיך אַרויף אויף דיר דורך מעשׂים? צי איז עס נישט אַז ווען דער באַשעפער פון דער וועלט וואָלט געדאַרפט אונדזער שׂמחה, וואָלט ער אויף אונדז נישט אַנגעשיקט די פּלאָגן, נישט אויסגעפּרוווט אונדז מיט מעשׂים פון צער און ווייטיק? פאַר וואָס דאַרף ער גראָד אויספּרווון צדיקים תּמימים? דער אויסגעצויגענער ניגון פון קלויז איז געווען אויך צום געמיט פון אַלעקסאַנדערן און שטאָט צו גיין זען די נעסט פון פלעדערמייז, איז ער אַריין אין דער קלויז. ער האָט זיך צוגעשאַרט צום טיש מיט שטילע טריט, כדי נישט צו שטערן דאָס געזאַנג פון זיין רבין.

„דיין פאָטער איז נאָך נישט צוריקגעקומען? — האָט יוחנן אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם ספר וואָס פאַר אים און אין דער שאלה איז נאָך געווען אַ קלאַנג פון דעם איבערגעריסענעם ניגון.

„איך בין נישט געווען אין שטוב. עס זעט מיר אויס אַז נאָך נישט” — האָט אַלעקסאַנדער געענטפערט און געוואָרט יוחנן זאָל אים הייסן זיך זעצן.

„איך האָב געוואָלט מיט דיין פאָטער רעדן וועגן דיר, אַלעקסאַנדער”.

אַלעקסאַנדער האָט זיך אַ טראָפּן פאַרלוירן, דאָס פּנים איז אים פּלוצים גע־וואָרן רויט.

„וועגן מיר?” — האָט ער שטאַמלענדיק געפרעגט.

„וועגן דיר. פאַר וואָס שטייסטו? זעץ זיך... איך בין ביי דער דעה, אַז דיין פאָטער איז גערעכט. דו דאַרפסט פאָרן קיין קאַמעניעץ לערנען אין דער ישיבה. איך האָב געטראַכט דערוועגן. ביסט שוין געניג דערוואַקסן אום איך זאָל קענען רעדן צו דיר פריי. שטיי נישט. זעץ זיך דאָ, אַנטקעגן מיר... דער פאָטער אין הימל האָט געמאַכט, אַז די כּוחות פון לעבן זאָלן זיך אויפהאַלטן אַ העלפט אין דער נקבה און אַ העלפט אין דעם זכר. איין העלפט איז נישט בכּוח יצירה. דו ביסט אַ גראָטענער, אין טייל זאַכן ביסטו מיר איבערגעשטיגן און איך קען זיין דיין תּלמיד. נאָר דו ביסט איינער אַליין בבחינת דוכרא. דאָס וואָס דו לערנסט דאָרט אין הויף, ביים גראָף אין הויז, זענען די סכּנות גרעסער ווי דער געווינס. כדי דיין גראָטנקייט זאָל זיין מתּוך יצירה דאַרפסטו האָבן די צווייטע העלפט, די נוקבא. דאָס איז די ישיבה, אין קאַמעניעץ אָדער ערגעץ אַנדערש. דעמאָלט וועסטו זיין גאַנץ און דו וועסט זיין געשיצט פון די איצטיקע סכּנות. ס׳האַרץ זאָגט מיר,

אַז דאָס האָט די השפּעה פונעם גראַפס הויז גורם געווען וואָס עס איז געשען מיט יצחקן. ווי אַזוי? איך ווייס נישט. ס׳האַרץ רעדט נישט; ס׳קלעמט, ס׳טוט וויי, נאָר רעדן רעדט עס נישט״.

יוחנן האָט אָפּגעהאַקט, זיך געשאָקלט ווי ער וואָלט געווען נאָך אַ שווערער סוגיא און געזאָגט מער צו זיך ווי צו אַלעקסאַנדערן:

אַפילו אין די לימודים קדושים איז פאַראַן סכּנה פאַר די נישט געשיצטע. ווען פליט אַרויס אַ פייגעלע פון דער נעסט, כּדי אַליין צו כאַפּן זשאַרנעס? עס פליט אַרויס ווען עס האָט שוין פעדערלעך אויף די פליגעלעך. דעמאָלט פליט עס אַרויס. טאָמער וואָלט עס אַרויסגעפלויגן פריִער, וואָלט עס נישט געפלויגן, נאָר עס וואָלט געניזוקט געוואָרן. וואָס שנעלער דו וועסט זיין אין אַ ישיבה אַלץ בעסער״.

„איר ווילט אונדז פאַרלאָזן, רבי?״ — האָט אַלעקסאַנדער געפרעגט ווי ער וואָלט אין דער מינוט צוריק געוואָרן אַ ייִנגל.

„פאַרלאָזן? — האָט יוחנן געענטפערט מיט אַ שאלה — ס׳איז נישט שייך. פון דאַנען וועל איך נישט פאָרן צו זיך אין דאָרף אַריין, נאָר אם־ירצה־השם וועל איך פאָרן צום רבי דב־בער אין מעזעריטש. אָן דעם פייער פון חסידים איז מיר קאַלט אַז איך ווער געפרוירן. דאָ איז געוואָרן קאַלט, אַ פראָסט. פילסט עס נישט, אַלעקסאַנדער? דער רב וועט אָפּקומען פאַר זיינע זינד אויף יענער וועלט. דערווייל האָט ער פאַרטריבן די שכינה פון די קאַנטן און די עצבות מאַכט גליווערן דעם מאַרך אין די ביינער. ווי קען מען לעבן אָן שמחה?״

„טאָמער פאָרט איר אַוועק, רבי, וועט דאָ ווערן...״ — האָט אַלעקסאַנדער נישט געענדיקט.

„דערפאַר זאָג איך, אַז דו דאַרפסט פאָרן אין דער ישיבה און וואָס געשווינדער, כּדי איך זאָל באַפרייט ווערן״.

יוחננס פּנים, וואָס בלויז ביים טאַנצן און בעת שמחה האָט עס אָנגענומען די מראה פון בלוט און לייַב, איז אַלע מאָל געווען בלייך און דורכזיכטיק. איצט, אַנטקעגן אַלעקסאַנדערן, איז עס געווען פאַרמעטיק־געלבלעך, אַזוי ווי אַ מאַסקע. און פון דעם טרוקענעם פּנים קוקן אַרויס צוויי צעפּיבערטע אויגן, ווי הינטער זיי וואָלט געברענט אַ העליש פייער.

יוחנן איז אָנגעקומען אין הויז פון אליעזרן ווי אַ פאַרזיגלטער סוד און אַזאַ איז ער געבליבן. זעלדע האָט נאָכגעקוקט זיין שטייגער, זי וואָלט אַוועקגעגעבן אַ שטיק פון דער וועלט צו וויסן פאַר וואָס ער איז ווייט פון זיין ווייב. ווען ער לעבט דאָ, לעבט זי ביי זיין פאָטער אין דאָרף. זייט ער איז אָנגעקומען אין דעם הויז איז ער צו זיך אַהיים נישט געפאָרן, נישט אויף אַ שבת און נישט אויף אַ יום־טוב. בעת די שטעטלשע ייִדן פלעגן קומען אין הויז ביים לינדבוים פלעגט ער זיך אויסברענען אין טאַנצן און אין שמחה. ער פלעגט פון טאַנצן שיכּור ווערן ווי לוט. פּונקט ווי דעמאָלט, נאָכן טאַנץ אין הויז פון דעם גראַף, איז ער געשלאָפן אַ גאַנצן מעת־לעת. זייט דער מסירה פון דעם רב ר׳ שמעלקע, איז ער פאַרלאָשן געוואָרן, בלויז זיינע אויגן גליִען ווי צינדקינדלעך. און ווי אַ שאָטן גייט ער

אַרום זייט יצחק איז נעלם געוואָרן. גלייך ווי ער וואָלט געווען דער שולדיקער אין דעם אומגליק. אויך איצט דערמאָנט ער נישט אַפילו, אַז ער דאַרף פאָרן אויף אַ שבת צו זיין ווייב. עס ציט אים בלויז קיין מעזעריטש.

ביז צוועלף יאָר איז יוחנן געווען אַ ווילדער יונג פון אַ ישובניק. דער פאָטער, ליפּא, האָט געריסן פון אים שטיקער ער זאָל זיך נישט פאַרגעבן מיט די שקצים אין דאָרף. נאָר ווי מען קען נישט פאַרהאַלטן דעם לויף פון אַ טייך, אַזוי האָט דער פאָטער זיינער נישט געקענט אים פאַרהאַלטן אין זיין ווילדקייט. קיין בוים איז נישט געווען צו הויך, ער זאָל אויף אים נישט אַרויפקלעטערן, און קיינער פון די שקצים האָט אים נישט אויסגעזען צו שטאַרק ער זאָל זיך נישט וואַרפן אויף אים. די איינציקע וואָס האָט אים געקענט צוימען אויף אַ רגע איז געווען זיין מוטער, אַ קליין דאָרפיש ווייבעלע, אָן אויסגעמאָגערטע, מיט צווויי כּישופדיקע אויגן, וואָס וואָלטן גוט געמאַכט אַפילו אַ גזלן אין וואַלד. נאָר אַז דער ישובניק האָט געכאַפּט זיין צוועלף־יאָריקן זון אין דער שטאַל מיט דעם גוייִשן שכנס טאָכטער, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב: „אָדער דער ממזר וועט גיין לערנען אין אַ ישיבה, אָדער איך וועל גיין אין דר׳ערד אַריין״.

ליפּא דער ישובניק האָט געחלומט וועגן אַ זכות אין הימל, אַז זיין זון זאָל זיין אַ וויל־לערנער, אפשר אַפילו אַ רב, אַז ווען איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר ער וועט קומען אויף יענער וועלט און מען וועט אים פרעגן, וואָס ברענגסטו מיט מיט זיך, זאָל ער נישט מוזן זאָגן: אַ קערצל קאַרטאָפל, נאָר ער זאָל קענען זאָגן: איך האָב דאָרט, אונטן, איבערגעלאָזט אַ זון אַ בן־תּורה, אַ רב, וואָס גאַנץ פּוילן קאָכט מיט אים. נאָר אַז דער ישובניק האָט געזען וואָס עס איז געוואָרן פון זיין חלום, אַז דער יונג איז אַ ווילדער ווינט און זיין שקצישקייט איבערשטייגט די שקצים אין דאָרף, איז אים דאָס לעבן נישט באַקומען. ער האָט אַפילו מורא געהאַט צו שטאַרבן, טאָמער וועט ער אויף יענער וועלט נישט געפינען קיין פאַר־ענטפערונג. און אויך דאָס לעבן איז שווער, וואָרום דאָ קען ער נישט געפינען קיין פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין. נאָר אַז ער האָט דערווישט דעם זון אין דער שטאַל מיט דעם שכנס טאָכטער פאַרנורעט אין אַ סטויג שטרוי, איז דאָס מעסטל מיט אַ מאָל געוואָרן איבערפולט. ער האָט יוחננען אַריינגעזעצט אין זיין געשפּאַן, אים אַוועקגעפירט קיין קאָמעניעץ גלייך אין דער ישיבה און געזאָגט צום מנהל:

„רבי, ער איז מיין גאַנץ פאַרמעג און אויך מיין עולם־הבא. טאָמער בלייבט ער לענגער אין דאָרף פאַרליר איך ביידע. איך בין אומגליקלעך, רבי. ראַטעוועט מיך״.

האָט דער מנהל געזאָגט, אַז בעצם איז ער נישט קיין סוחר פון עולם־הבא, נאָר טאָמער האָט דער יוחנן אַ גוטן קאָפּ, וועט אים די ישיבה נישט צוריקשיקן צו די ווינטן אין דאָרף. נאָך אַ יאָר אין דער ישיבה האָט דער ישובניק נישט דערקענט זיין זון. ס׳איז געווען אַן אַנדער יוחנן. און אַז ער האָט געפרעגט דעם ראש־ישיבה ווי עס האַלט מיט זיין תּכשיט, האָט ער אים געענטפערט:

„יוחנן האָט געקענט לערנען נאָך איידער ער איז געקומען אויף דער וועלט".

נאָר דעמאָלט האָבן אים עלטערע ישיבה־בחורים אַריינגעפירט אין ספר „זהר" און אַ העליש פייער האָט זיך אין אים אָנגעצונדן פון דער הייליקער תּאווה וואָס אין דעם ספר. און ׳רבי שמעון האָט געזאָגט... דאָרט איז דאָס געזאַנג פון דער־הייבונג אין דער בחינה פון אַ נקבה און דאָ איז דאָס אויפגייענדיקע ליד צו דער וועלט אין דער בחינה פון אַ זכר. און דאָס איז דער סוד וואָס דער גוף און דער גייסט זענען זיך מתחבר צוזאַמען, דער גוף מיט דעם גוף און דער גייסט מיט דעם גייסט... איז דער שיר־השירים די התחברות פון דעם גוף אין דעם גוף...׳ האָט דער הייליקער „זהר" פאַר אים אויפגעדעקט ווי שפּל און נידעריק צו דער ערד ער איז געווען דעמאָלט אויף דעם סטויג שטרוי אין דער שטאַל מיט דער טאַכטער פון דעם דאָרפישן שכן. עס איז ווי די פלאַכקייט פונעם טייכל אין דאָרף אַנטקעגן דעם ים פון דער תּורה. און אַז יוחנן האָט אויסגעפונען אַז פאַרן לערנען דעם „זהר" דאַרף מען זאָגן די תּפילה פון רמ"ק, ווי מען וואָלט אָנגעהויבן אַריינ־גיין אין אַ סודותדיקן פּרדס פול מיט זיסע און סכּנותדיקע תּאוות, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן מיט דעם ספר, נישט בלויז דערפאַר וואָס מען האָט אים נישט געטאָרט לערנען, נאָר ווייל ער איז געוואָרן זיין אייגענער סוד.

יוחנן האָט אין די נעכט געגליט פון די חלומות און מער ווי צו אַ נקבה האָט ער געגלוסט צו דער דערהייבונג וואָס איז בבחינה אַ נקבה. און ווי ער האָט געגליט אין די נעכט, אַזוי האָט ער אויסגעזען אַ פאַרלאָשענער אין די טעג. אויסגעזען אַזוי, ווייל בייטאָג איז ער געווען ווי אַ ים־שוואָם. שטיל האָט ער אַריינגעזאַפּט אין זיך דאָס וווּנדער וואָס זיינע אויגן האָבן געזען און רק געוואָלט דערגרייכן צו דעם וואָס איז פון דער צווייטער, נישט געזעענער זייט. פון דאָרט קומען אַלע תּשוקות. אויך דאָס לערנען תּורה האָט אַ צווייטע, נישט געזעענע זייט, וואָס באַ־האַלט אין זיך תּשוקות. און דאָ און דאָרט מוז מען דערגרייכן דעם מעמד אַליין אַרויסצושטראַלן תּשוקות. דעמאָלט ווערן די תּאוות, וואָס וועגן זיי לערנט דער „זהר", די גרויסע תּאווה אַריינצודרינגען אין דער התחברות פון גוף אין גוף און רוח אין רוח.

צו יענער צייט האָט דער בעל־קריאה אין קאַמעניעץ, הערש מענדל, געזוכט אַ שידוך פאַר זיין מויד. יוכבד די מויד איז געווען אין איין עלטער ווי יוחנן, נאָר באַלײַבט און טייגיק, ווי זי וואָלט שוין געווען נאָך עטלעכע קימפּעטס. און ווי טייגיק זי איז געווען אַזוי שטיל און געהאָרכזאַם איז זי געווען. דער ראש־ישיבה „האָט געזאָגט צו יוחנן, אַז ווּעדליק ער זעט דאַרף ער, יוחנן, חתונה האָבן. דעמאָלט וועט ער נישט אָוועקשוועבן פונעם לערנען ווען ער זיצט איבער אַ גמרא, נאָר ער וועט זיין אין דער גמרא. האָט יוחנן געזען די כּלה און דערוועגן געלאָזט וויסן דעם פאָטער זיינעם דעם ישובניק. איז ליפּא געקומען אין שטאָט אַריין און געזאָגט צום ראש־ישיבה, אַז ער איז מסכּים, וואָרום ער זעט, אַז אַלץ וואָס עס איז געשען — געשעט פון הימל און אומגעריכט. און יוחנן האָט גענומען פאַר אַ ווייב די שטילע הכנעהדיקע יוכבד. זי האָט אים איבערגעגעבן איר לייב און געווען צו

אים ווי ער האָט געגאַרט, און ער האָט געגאַרט, אַז דורך זיין ווייב זאָל פּאַר אים מקוים ווערן דער פּסוק ,וכד אחברו דא עם דא׳ — אַז ס׳האָבן זיך צוזאַמענגעפּאָרט ער מיט איר, זענען פון דאָרט אויסקאָרנייעט געוואָרן אַלע אַנדערע רוחות און כּל־מיני שלעכטיקייטן. און זיי האָבן זיך מער נישט דערנענטערט צום מיקדש. דאָס געזאַנג פון בחינת נקבה דאָרט און דאָס געזאַנג בחינת זכר דאָ זענען נישט אויפ־געגאַנגען צו דער וועלט און דער סוד פון התחברות פון גוף אין גוף און רוח אין רוח איז געבליבן אַ סוד כּמוס.

בעת ער איז געזעסן מיט אַלעקסאַנדערן אין קלויז און גערעדט וועגן דעם, אַז ער קלייבט זיך קיין מעזעריטש צום רבין ר׳ דב־בער, האָט ער געמיינט, אַז פון די פלאַמען פון חסידות וואָס זענען דאָרט אויפגעגאַנגען וועט ער הערן די תּושבחתא דסליק לעלמא.

„רבי, ווען איר פאָרט קיין מעזעריטש וויל איך מיט אייך מיטפאָרן אַהין" — האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אַלעקסאַנדערן.

יוחנן האָט אויפגעהויבן זיינע צעגליטע אויגן, אָנגעקוקט זיין תּלמיד און געזאָגט:

„דער רצון דיינער גופא געפעלט מיר. נישט מער, האָסט געהערט מיין שאלה? ׳ווען פליט אַרויס אַ שוועלבעלע פון דער נעסט, כּדי אַליין צו כאַפּן זשאַרנעס? עס פליט אַרויס ווען עס האָט שוין פעדערלעך אויף די פליגעלעך. דעמאָלט פליט עס אַרויס׳. די תּורה וואָס דו האָסט געלערנט ביי מיר איז וויניק כּדי צו פאַרשטיין די חסידות פון די אנשי רבי ר׳ ישׂראל. פון דער תּורה און פון דער התנהגות פון די גערעכטע האָסטו פאַרזוכט אַ כּזית. וועל איך רעדן מיט דיין פאָטער ער זאָל דיך אָוועקפירן אין דער ישיבה. אויך אין קאַמעניעץ וועט דערגרייכן די בשׂורה און אַלע וועלן זי פאַרשטיין".

נאָך אין דער זעלבער וואָך איז דאָס הויז פון אליעזר אַרטאַפּאַנוס אויסגע־ליידיקט געוואָרן. אליעזר האָט פאַרנומען זיין זון אַלעקסאַנדער און יוחנן און גע־פאָרן מיט זיי קיין קאַמעניעץ. דאָ האָט ער אַלעקסאַנדערן אַריינגעגעבן אין דער ישיבה און יוחנן איז אַוועק אויף צפון, כּדי דורך מעזשיבאָזש צו דערגרייכן מעזעריטש.

מיט אַ שווער האַרץ האָט אליעזר צוריקגעקערט אַהיים מיט דעם ליידיקן געשפּאַן. אין דרויסן האָט זיך געפילט דער פייכטלעכער ריח פון דעם אָנקומענ־דיקן האַרבסט. פון די סטויגן היי האָט זיך געטראָגן דער אומעט פון פאַרענדיקונג. די בושלען אויף די פעלדער האָבן געמאָסטן זייערע טריט, ווי זיי וואָלטן באַצייטנס געטראָטן אויף פרעמדער ערד נאָך איידער זיי האָבן די אייגענע ערד פאַרלאָזט. אליעזר האָט געטראַכט וועגן עקידת־יצחק. קיין מאָל האָט ער נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דער באַשעפער אין הימל האָט געדאַרפט אויספּרוּוון אַזאַ גלויביקן מאַן ווי אברהם. ער איז דאָך אומעטום, דער באַשעפער פון דער וועלט, ער איז אויפן הימל און אויף דער ערד, ער איז צווישן מענטשן ווי צווישן אַלע זיינע יצורים אין דער וועלט, ער איז אין יעדן גרעזל און אין יעדן טראָפּן טוי, ער איז אין די

מחשבות פון די מענטשן און אין זייערע הערצער. ווייסט ער דאָך ווער עס איז פול מיט אמונה און ווער עס איז פול מיט ספקות. פאַר וואָס זשע האָט ער אויסגע־פּרוּווט דעם אַלטן פאָטער אברהם מיט אַזאַ צער ווי עקידת־יצחק? פאַר וואָס?! אליעזר האָט געקוקט אויפן ערב־האַרבסטיקן הימל ווי ער וואָלט פון דאָרט געזוכט אַן ענטפער. ער האָט דעם ענטפער נישט דערוואָרט, זיינע נסיונות זענען אַלע מאָל געבליבן אָן אַן ענטפער, אַ העל וואָלקנדל האָט אויף אַ רגע פאַרשטעלט די זון. באַלד איז דאָס וואָלקנדל, ווי אַ שיפל מיט אַ ווייסן זעגל, אַוועק אין דעם בלויען ים פון הימל. די זון האָט ווידער געליכטיקט אויף די אומעטיקע אָפּגעקאָסעטע פעלדער, אַריינגעליכטיקט אינעם פנים פון אליעזרן. אויף אַ רגע האָט ער פאַר־מאַכט די אויגן און אויסגעשטעלט דאָס פנים צו דער זון. ער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס און אויסגערופן:

„נו, פערדעלעך, מען דאַרף פאָרן ווייטער. וויאָ!"

די קרובהשאַפט

„עלי, מען דאַרף צענעמען די קלויז״ — האָט זעלדע געזאָגט אַרויסקוקנדיק דורך דעם פענצטער פון איר הויז.

„אַ קלויז צעשטערט מען נישט. אַ ייִדישע טאָכטער דאַרף דאָס וויסן״ — האָט אליעזר געמורמלט, כּדי נישט צו שטאַרקן די ביטערקייט אין זעלדען.

„די קלויז פוסטעוועט און שדים האָבן זיך אין איר אַריינגעקליבן. איך הער זיי ביינאַכט״ — האָט זי געטענהט.

„דערווייל פוסטעוועט די קלויז, נאָר אַז מיר וועלן אם־ירצה־השם אַריינבאַקומען די ספר־תּורה, וועט די קלויז ווידער זיין וואָס זי איז געווען״ — האָט ער געזאָגט העכער און מיט אמונה.

„איך וויל נישט האָבן קיין שדים נעבן מיין הויז!״ — איז זעלדע געוואָרן געערגערט.

אליעזר איז צוגעגאַנגען צו איר, זיך אַראָפּגעזעצט צו אירע קני און מיט ביידע הענט אָנגענומען אירע אָרעמס:

„איך וועל הייסן אָנשלאָגן דיקערע לײַסטן ביי דער טיר און ביי די פענצטער פון דער קלויז, דער ווינט זאָל דאָרט נישט וואָיוען אין די נעכט, וועט זיין אויס שדים. זעלדע, זעלדע־לעבן, מיר איז נישט בעסער פון דיר, נאָר נישט מיר פירן די וועלט און נישט מיר קענען זאָגן דעות אים, דאָרט — האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום באַלקן — ס'איז נישט אין ייִדישן שטייגער צו פאַרפּייניקן זיך!״

„איך וויל נישט האָבן די קלויז. אַלע אומגליקן האָט זי אונדז געבראַכט!״ — איז איר קול געוואָרן שטורעמדיק.

„די קלויז, די ברעטער און באַלקנס, נישט זיי זענען שולדיק — האָט ער זי געפּרוווט צוימען אין דעם אויפגייענדיקן שטורעם — מענטשן זענען שולדיק אין אומגליקן און דאָס וואָס איז באַשערט פון הימל. אין אונדזער קלויז וועלן נאָך ייִדן טאַנצן פריילעכע טענץ! זעלדע, די וועלט גייט נישט אונטער!״

„פאַר מיר איז זי אונטערגעגאַנגען״ — האָט זי אַראָפּגעלאָזט אירע הענט און אירע אַקסלען זענען שמעלער געוואָרן. אַרויפקוקנדיק צו איר האָט אליעזר באַמערקט אויף אירע שלייפן זילבערנע פעדעם. זי איז פלוצים גראָ געוואָרן. האָט ער מיט ביידע הענט פאַרשטעלט אירע שלייפן און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן.

„עס וואָלט געווען נישט שלעכט דו זאָלסט אויף אַ פּאָר וואָכן פאָרן צו דייניקע אין בראָד. אויף פאַר באַשען וואָלט עס גוט געווען, זי זאָל נישט אָפּגעפרעמדט ווערן פון דער משפּחה״ — האָט ער געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט.

„און דו וועסט בלייבן אַליין?‟ — האָט זי אַרויפגעקוקט צו אים.

„איך ווער זיך נישט אַליין צוגעגעסן‟ — האָט ער אָפּגעהאַקט.

זעלדע איז קיין בראָד נישט געפאָרן. דער ווינטער איז אָנגעקומען שנעל און האָט פאַרקאָוועט די וועלט אין אייז און אין שנייבערג. דאָס הויז פון אליעזרן האָט זיך איינגעשרומפּן אין וואַרעמקייט. די מאַמע און די טאָכטער האָבן אין דעם ווינטער געשטריקט שפּענצערס און דערעס פון דיקע שעפּסענע וואָלפּעדעם, ווי דער ווינטער וואָלט זיך געקליבן צו דויערן אַן אייביקייט. דאָס יאָר איז צוליב עפּעס פאַרמיטן געוואָרן די יאַגדצייט אין הויף. דער גראַף איז אַ צייט לאַנג געווען אויסער רודניצע, און עלזשביעטאַ זיין ווייב איז דעם ווינטער צוויי מאָל געפאַלן צו בעט.

די אָפּטע וויזיטן ביי דער קראַנקער האָט אליעזרן היימישער געמאַכט אין הויז פונעם גראַף. ער האָט פאַר די קינדער דערציילט מעשיות וועגן ווייטע נסיעות אין ווילדע לענדער, און אַפילו די דערוואַקסענע, וואַצלאַוו און בראָניסלאַוו, האָבן אים דערזען ווי ער וואָלט געווען אַ מענטש פון אַ ווייט־ווייט, אומבאַקאַנט לאַנד, וואָס צופעליק קען ער דאָס פּוילישע לשון... ביז עלזשביעטאַ האָט געבעטן דעם דאָקטער, אַז ווען ער קומט זאָל ער קומען מיט זיין ווייב. שכנים זענען זיי און זיי קענען זיך נישט. אייגנטלעך, האָט עלזשביעטאַ זיך מודה געווען, האָט זי נאָך דעם דאָקטערס ווייב נישט געזען פון דער נאָענט אויסער פאַראַיאָרן בעת דער יאַגד־סעודה, און זיי האָבן קיין צען ווערטער צווישן זיך נישט אויסגערעדט.

און אַזוי האָט אויך זעלדע אָנגעהויבן אַריינקומען אין הויז פון די פּאָטאָצקיס. אין איינעם אַ טאָג, ווען עלזשביעטאַ האָט זיך געפילט בעסער, האָט זי אירע געסט פאַרבעטן אין סאַלאָן. זי האָט געריבן איין האַנט אין דער צווייטער און זיך פאַרענטפערט פאַר אירע געסט דערפאַר וואָס אירע פינגער זענען פאַרשטייפט געוואָרן דורך דער צייט. זי האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געשפּילט אויף איר קלאַוויר, וואָס אויך ער איז אומעטיק פון נישט הערן מוזיק. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט צום קלאַוויר און אָנגעהויבן לאַנגזאַם פירן אירע פינגער איבער דער קלאַוויאַטור און מיט אַ ביסל אַן עקזאַלטירטער שטים האָט זי ווי דעקלאַמירט צום טאַקט פון די טענער: „ס'איז דאָ איין גרויסער מייסטער אויף דער וועלט און זיין נאָמען איז יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך. ער האָט אויסגעפונען די מוזיק וואָס מלאכים האָבן גע־שפּילט ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און ער האָט זי געגעבן צו די מענטשן, זיי זאָלן פילן וואָס די מלאכים האָבן געפילט ווען זיי האָבן געזען ווי גאָט באַשאַפט די וועלט‟. פון אירע ווערטער האָבן זיך די פינגער צעשפּילט איבער די קלאַווישן, פרייד געפלאָכטן מיט צער האָבן אַרויסגעשאַלט פונעם קלאַוויר, די טענער האָבן געמאַכט ציטערן די הערצער. עלזשביעטאַ האָט זיך צעוויגט, פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך, מיט פאַרמאַכטע אויגן, צום באַלקן. איר רוקן האָט זיך אויסגע־גלייכט מיט אַן איידעלער גבורה און זי האָט אַריינגעבראַכט אונטער דעם באַלקן איבערן קלאַוויר דאָ שווערע דראָענדיקע וואָלקנס, דאָ פרילינגדיקע ווינטלעך, וואָס ברענגען ריחות פון ווייטע צעבליטע סעדער, דאָ צאָרן און דאָ טאַנץ. זעלדע איז

געזעסן מיט פאַרפלאַכטענע הענט אין איר שויס און צוויי ריטשקעלעך טרערן זענען איר געפלאָסן איבערן פּנים. די אויבערשטע ליפּ האָט זי געהאַלטן צווישן די ציין כּדי זיך צו באַהערשן, אָבער די טרערן זענען געפלאָסן פון זיך אַליין. אליעזר האָט אָוועקגעקוקט, ער האָט נישט געוואָלט איר שטערן פון צו שלינגען די טרערן וואָס רינען אַראָפּ איבער אירע באַקן צו די מוילווינקלען. נאָר ווען עלזשביעטאַ האָט מיט אַ זילבערנעם ציטערנדיקן טאָן פאַרלאָשן די מוזיק, האָט זעלדע מיט אַ רגע שפּעטער זיך אויפגעכאַפּט און אין פאַרלעגנהייט שנעל אָפּגעווישט די פייכטקייט פון אירע באַקן. זי האָט אויפגעכאַפּט דעם בליק פון אליעזרן און זיך פאַרשעמט פון זיין זוניקן שמייכל, ווי ער וואָלט זי געכאַפּט ביי אַן עבירה.

„אַ דאַנק אייך, גנעדיקע גראַפין — האָט זעלדע געזאָגט מיט דאַנקבאַרקייט — איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט איבערגעלעבט אַזעלכס".

„דאָס דאַרפט איר דאַנקען נישט מיר, נאָר דעם הער באַך" — האָט עלזשביעטאַ געענטפערט מיט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ.

אַ דינערין האָט אַריינגעבראַכט אַ וואַזע מיט הייסן פּאַנטש. די יונגע זענען לעבעדיק געוואָרן. דער עלטסטער, וואַצלאַוו, האָט אויסגערופן:

„פאַר דעם קליינוואַרג פּאַנטש, פאַר מיינעטוועגן אַקעוויט!"

די מוטער האָט אים געשענקט אַ שטרענגן בליק און ער איז שטיל געבליבן. צונויפפלייגנדיק די הענט האָט זי געזאָגט:

„און איצט וועלן מיר אַלע צוזאַמען, ווי איין משפּחה, טרינקען דעם אַלטן גוטן פּוילישן פּאַנטש".

„גנעדיקע גראַפין, איך מיין, אַז מיר האָבן עפּעס משפּחהדיקס — האָט אליעזר געזאָגט לוסטיק און געוואָלט אַז די קינדער זאָלן הערן — אויסער וואָס פּאַנטש איז אויך אַ יידישע משקה".

עלזשביעטאַן איז אַנטלאָפן דאָס בלוט פון פּנים. אויף אַ רגע איז זי געבליבן אַ פאַרלוירענע און צעטומלטע, נאָר אַז אין אויער האָט איר נאָך געקלונגען דער לוסטיקער טאָן פון דעם דאָקטער, האָט זי געזאָגט נאָך אַלץ אין צעטומלונג:

„נאַטירלעך זענען אַלע מענטשן באַשאַפן פון איין גאָט און אין זיין געשטאַלט!"

„אויסער דעם, גנעדיקע גראַפין, אין דער משפּחה פון דער פּאָטאָצקי־שלאַכטע איז געווען אַ ייד, גראַף וואַלענטי פּאָטאָצקי. די יידן האָבן אים גערופן גר צדק, פּראָזעליט" — האָט אליעזר געזאָגט און געוואַרט אַ ווײַלע.

„גנעדיקער דאָקטאָר, דאָס איז נישט מעגלעך" — האָט זיך אָפּגערופן די שלאַכטישע פאַרריסנקייט אין וואַצלאַוון.

אליעזר האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו דער נאָז און געזאָגט ווי אַ לערער:

„אַז דער יונגער גראַף וועט עלטער ווערן מיט נסיון, וועט ער וויסן, אַז אויף דער וועלט דאַרף מען נישט ריזיקירן און באַשטימען, אַז עפּעס איז נישט מעגלעך. אַלץ וואָס איז מעגלעך אין דער מענטשלעכער מחשבה איז מעגלעך אין דער ווירקלעכקייט, אַנישט וואָלט עס נישט מעגלעך געווען אויך אין דער מחשבה".

דער ייִנגערער זון, בראַניסלאַוו, איז געוואָרן רויט פון שעמעוודיקייט און שטאַמלענדיק געפרעגט:

„אַז דער מענטש טראַכט, אַז ער וואָלט געוואָלט פליִען, איז דאָס מעגלעך אין דער ווירקלעכקייט?"

„איך בין זיכער, אַז עס וועט אַ מאָל קומען אַ צייט, און דער מענטש וועט קענען פליִען — האָט אליעזר געזאָגט מיט דער האַנט אויפן האַרצן — און וואָס שייך דעם גראַף וואַלענטי פּאָטאָצקי, וואָס איז געוואָרן אַ ייִד, איז עס אַן אמת".

„לעבט ער?" — האָט וואַצלאַוו געוואָלט וויסן.

אליעזר האָט געוועגדט זיין קאָפּ אויף ניין:

„ער לעבט שוין נישט מער ווי אַ דריי צענדליק יאָר. ער איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן אין ווילנע דערפאַר וואָס ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון זיין אָנגענומענעם ייִדישן גלויבן. גראַף וואַלענטי פּאָטאָצקי האָט געלערנט אין פּאַריז. דאָ האָט ער דערקענט דעם ייִדישן גלויבן דורך הייליקע ספרים. איז ער אַוועק אין דער שטאָט אַמסטערדאַם און זיך באַקערט צום ייִדנטום. ער איז צוריקגעקומען קיין פּוילן און זיך אָנגערופן גר צדק. האָט דער גר צדק געוואָנדערט פון איין שטאָט אין דער צווייטער, אומעטום איבערגענעכטיקט אַ נאַכט אין אַ שול, צי אין אַ קלויז און געוואַנדערט ווייטער. איבער די מדינות פּוילן און ליטע איז פאַרויסגעגאַנגען די שמועה, אַז דער גר צדק באַווייזט זיך ערגעץ און פאַרשווינדט באַלד, איידער מען דערקענט אים. וואָרום צו זיין עניוות איז נישט געווען קיין גרענעץ. אַזוי איז ער געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט ביז ער איז אָנגעקומען אין איליע, וואָס נעבן דער שטאָט ווילנע אין ליטע. אַהין האָט שוין פריִער געהאַט דערגרייכט די שמועה, אַז דער גר צדק איז ערגעץ־ווו אין דער נאָענט און אַז יעדער אורח וואָס קומט אַריין אינעם שטעטל קען זיין דער פאַר־באָרגענער גר צדק. און אַזוי איז איין מאָל געקומען אַן אורח קיין איליע. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פונעם שמש וואָס ביי דער שול, ער זאָל עפענען די שול, וואָרום ער פעדערט זיך צו דער מאָרגן־תּפילה און די שול איז פאַרשלאָסן. האָט דער שמש אויפגעשלאָסן די טיר פון דער שול, וואָרום געוווּסט האָט ער, אַז דער גר צדק האָט אָנגעצויגן אין שטאָט אַריין און ער איז געלאָפן אָנזאָגן די בשורה צו קהל. האָט עס דערוווּסט די ממשלה אין שטעטל און האָט דעם גר צדק געשלאָסן אין קייטן און אים אַוועקגעפירט קיין ווילנע. האָט דער טריבונאַל אין ווילנע געפייניקט דעם גר צדק און ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז עס גראַף וואַלענטי פּאָטאָצקי, וואָס האָט אין דער שטאָט אַמסטערדאַם אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן. דער טריבונאַל האָט אים ווייטער געפייניקט און געפרעגט, צי ער איז מודה, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעך און אַז ער וויל צוריק ווערן אַ קריסט. האָט דער גראַף געזאָגט, אַז ער האָט נישט חרטה אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן און אַפילו מען זאָל אים ברענען און בראָטן אויף אַ שייטערהויפן, וועט ער נישט פאַרלייקענען זיין גלויבן אין גאָט. האָט דער טריבונאַל געפּסקנט אַז דער גר צדק זאָל אומקומען אויף אַ שייטערהויפן. האָט דער ווילנער תּלין פאַרלייגט אַ שייטער־

הויפן און דער גר צדק האָט געברענט אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און אַז עס איז אויפ־געגאַנגען דער מאָרגנשטערן איז מער ווי אַ ביסל אַש נישט געבליבן פון אים. האָט אַ ייִד ביי דעם ליכט פון דעם מאָרגנשטערן צוזאַמענגענומען דעם הייליקן אַש פון דעם גר צדק און אים מקבר געווען אויפן ווילנער בית־עולם. נאָך עטלעכע יאָר איז פון דעם קבר אַרויסגעוואַקסן אַ בוים וואָס איז געווען העכער און דיקער פון אַלעביימער אין ווילנע".

„ווי דער אַלטער לינדבוים!" — האָט זיך אָפּגערופן באַשע.

אליעזר האָט אויף איר אַ קוק געטאָן:

„ווי דער אַלטער לינדבוים".

נאָך די לעצטע ווערטער פון דעם דאָקטער איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן געטראַכט וועגן דעם אַלטן לינדבויםביים הויז פון אליעזרן, דעם ייִדישן דאָקטער אין רודניצע...

„איז די געשיכטע ריכטיק ווי איר האָט זי דערציילט, דאָקטער?" — האָט עלזשביעטאַ געפרעגט.

„ריכטיק, גנעדיקע גראַפין. דאָס איז די געשיכטע מיט וואַלענטי גראַף פּאָטאָצקי דעם גר צדק".

„אַך, יעזו כריסטע! — האָט עלזשביעטאַ פּלוצים אויסגערופן ווי עס וואָלט געשען אַן אומגליק — דער פּאַנטש איז קאַלט געוואָרן!"

דערמיט האָט עלזשביעטאַ פאַרמיטן אירע עלטערע זין זאָלן דעם דאָקטער פרעגן שאלות וועגן ייִדן און קריסטן.

עלזשביעטאַ האָט אַלע מאָל זייער גערן געהאַט דעם ייִדישן דאָקטער. אויפן שטייגער פון יעדן פּאַליאַק, וואָס זאָגט וועגן זיין ייִדישן פריינד, אַז ער איז אַן אַנדער ייִד און נישט ענלעך צו דעם כלל ייִדן, איז אויך עלזשביעטאַ געווען זיכער, אַז די איבערגעגעבנקייט און פריינדשאַפט פון דעם דאָקטער אַרטאַפּאַנוס איז אַן אויסנאַם. דאָך איז זי געווען צוריקגעהאַלטן. אַפילו ווען די פּאָטאָצקיס זענען אַלע מאָל געווען פריינדלעך צו ייִדן און געווען פריי פון דער אַנגעבלאָזענער וואַרכאַלסטווע פון דער פּוילישער שלאַכטע, געהער דאָך אויך דער דאָקטער צו דעם געשטראָפטן פאָלק. אָבער זייט זי איז דאָס ערשטע מאָל געפאַלן צו בעט מיט שווערע ווייטיקן אין די געלענקען און אַרטאַפּאַנוס איז לאַנגע שעהען געזעסן ביי איר בעט און מיט הייסע הירזש־מיט־זאַלץ־קאָמפּרעסן געשטילט אירע ווייטיקן, זענען פאַרשוווּנדן אַלע ספקות אירע און זי האָט געפילט, אַז ער איז איר נאָענט. דורך דעם דאָקטער איז איר אויך זעלדע נאָענט געוואָרן. און זי האָט געטראַכט: „ווי גוט וואָלט עס געווען פאַר איר ווען דער דאָקטער וואָלט געווען אַזאַ ווי ער איז און דערצו אויך אַ קריסט?..."

די דערנענטערונג צו עלזשביעטאַן האָט אויף אַ רגע רייכער געמאַכט דאָס לעבן פון זעלדען. כמעט יעדעס מאָל ווי אליעזר איז געגאַנגען מיט זיינע דאָקטאָרישע טאָרבעלעך אין הויף אַריין, איז זעלדע מיטגעגאַנגען. און ווען ער איז געווען אַריינגעטאָן מיט צוגרייטן זיינע קאָמפּרעסן און אויסבריִעכצער, האָט זעלדע אים

פּאָרטראַטן ביי דעם בעט פון עלזשביעטאַן.ביידע פרויען האָבן געהאַט וואָס זיך צו דערציילן. אין איר שוואַכקייט האָט עלזשביעטאַ צעעפנט די פאַרבאָרגענישן פון איר האַרץ און זעלדען אויסדערציילט אינטימקייטן, וואָס נאָר פרויען נאָענטע צו זיך קענען פאַרטרויען צו איינאַנדער. אָבער זעלדע, וואָס האָט געפילט די געדאַנקען פון אַנדערע אויף אַ מרחק און דורך פלוצימע האַרצקלעפּ פאָרגעפילט געוויטער, האָט מיט דער נאָז דערפילט, אַז די גרעפין באַהאַלט עפּעס אויס פון איר און זי איז אומרויִק פונעם אויסבאַהאַלט. דעמאָלט האָט זיך זעלדע דערשראָקן: באַשע! דאָס מיידל איז צו משפּחהדיק מיט די זין פון די פּאָטאָצקיס. בראָניסלאַוו, דער יינגערער זון לערנט באַשען שפּילן קלאַוויר. זעלדע האָט איין מאָל און אַ צווייט מאָל געזען ווי ביידע זיצן פאַר דעם קלאַוויר, בראָניסלאַוו האַלט באַשעס האַנט און פירט איר האַנט איבער דער קלאַוויאַטור. די צוויי יונגע זענען פאַרטאָן אין אַ זאַרגלאָז געלעכטער, וואָס איז די פרייד פון זיין צוזאַמען. עטלעכע מאָל איז געשען, אַז אין דער מיט פון שטריקן די שפּענצערס און דערעס, האָט באַשע אומגעדולדיק אַוועקגעוואָרפן דאָס געשטריקעכץ און איז פאַרשוווּנדן:

„מאַמע, איך באַלד בין איך דאָ צוריק!״ זי האָט לאַנג געזוימט און אַלע מאָל צוריקגעקומען אַ צעוואָרעמטע.

„פאַר וואָס ביסטו אַזוי געלאָפן, האָט דיך עמעץ געיאָגט?״

„איך בין נישט געלאָפן. איך בין געווען ביים עקאָנאָם. זיין ווייב האָט אַ פּאַטשיילע, וואָס איך וואָלט געוואָלט אַזאַ אויסשטריקן״.

„אָ, יאָ, איך קען די פּאַטשיילע — האָט זעלדע געוואָלט לייכטער מאַכן באַשעס תּירוץ — זייער אַ שיינע״.

צום סוף האָט זעלדע געזאָגט צו איר מאַן:

„עלי, ס׳איז געקומען די צייט צו רעדן באַשען אַ שידוך״.

„האָסט דערזען ערגעץ פון דער נאָענט אַ וויכטיקן חתן פאַר איר?״ — האָט ער געפרעגט שפּאַסיק.

„תּמיד ווען איך מיין עפּעס פון האַרצן חוזקסטו פון מיר״ — האָט זי געזאָגט מיט תּרעומות.

ער האָט זיך דערנענטערט צו איר און זי אָנגענומען מיט ביידע הענט:

„זעלדע, זעלדע, איך האָב נאָר געוואָלט וויסן צי דו האָסט דאָ אין דער נאָענט אויף די פאַרשנייטע שליטוועגן געזען עפּעס אַ לייטישן חתן, אָדער דו בענקסט צו ווערן אַ באָבע״.

„ווען דו וואָלסט געהאַט אויגן ווי איך און געזען וואָס איך זע, וואָלסטו גע־ ווּוּסט, אַז באַשע איז צו פיל אויפגעטראָגן מיט דעם גראַפס יינגערן זון״ — האָט זעלדע געזאָגט באַהערשט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל.

„איז עס נישט אַ מאָל קיין ווייבערישע גוזמא?״ — האָט אליעזר געפרעגט.

עלי, וואָס אַ מאַמעס האַרץ פילט ווייסטו, אַ פאָטער, אַפילו מיט ווערטער נישט געבן צו פאַרשטיין — האָט זי אָנגעבויגן איר קאָפּ צו זיין ברוסט און נאָך שטילער צוגעגעבן: „מיט אַ מיידלש האַרץ שפּילט מען זיך נישט״.

„מסתּמא ביסטו גערעכט" — האָט אליעזר מסכּים געווען.

פאַר פּורים איז אליעזר געפאָרן קיין קאַמעניעץ צו זען אַלעקסאַנדערן און צוגרייטן אים צו קומען אַהיים אויף פּסח. דאָס מאָל האָט ר׳ ברוך לייב דער ראש־ישיבה אים מקבל־פּנים געווען ווי אַ נאָענטן גוטן קרוב. ער האָט לאַנג געהאַלטן דעם דאָקטערס האַנט אין זיינע און איבערגעחזרט איין מאָל און נאָך אַ מאָל:

„אַ יישר־כּוח, אַ יישר־כּוח!"

אליעזר איז געווען גליקלעך צו הערן די ווערטער, כאָטש ער האָט געקענט זיין זון און געוווּסט, אַז ער האָט אַן אָפענעם קאָפּ. דאָך האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס עס קומט אים דער יישר־כּוח און ער האָט געזאָגט צום ראש־ישיבה:

„איך וואָלט אייך געזאָגט אַ יישר־כּוח ווען איר וואָלט געהאַט אין אייַער ישיבה אויסגעכאָוועט אַ תּכשיט פאַר מיין טאָכטער. אויף איר שטייגער איז זי אַ פּערל פון אַ כּלה־מויד, געפאַלן נאָך נענטער צום בוים ווי מיין אַלעקסאַנדער".

„ווי דער שטייגער מיט טעכטער" — האָט ר׳ ברוך לייב פאַרשטאַנען דעם מיין.

„זי איז ווערט אַ מאַן פון גרויסן יחוס און אַוודאי אַ בן־תּורה" — האָט אליעזר געזאָגט שטיל, קוים צו הערן.

„על רגל אחת?" — האָט דער ראש־ישיבה געפרעגט.

„ניין, נישט על רגל אחת, נאָר מיט כּוונה" — האָט אליעזר געזאָגט און ר׳ ברוך לייב האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַז ער פאַרשטייט.

אין איינעם אַ צעליכטיקטן טאָג פון חול המועד פּסח איז צום הויז ביי דעם גרויסן לינדבוים אין רודניצע פאַרפאָרן אַ רחבותדיקער פריצישער געשפּאַן. דער ערשטער וואָס איז אַראָפּ איז געווען דער שדכן, דער בלינדער יוסף. איידער ער איז אַראָפּ פונעם געשפּאַן האָט ער אַראָפּגעוואָרפן זיין שטעקן און פאַרשטעקט די שפּיצן פאָלעס אינעם ברייטן דיקן גאַרטל. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן, כּדי מיט דעם איינציקן אויג באַלד צו זען וואָס דאָ טוט זיך און וווהין ער איז פאַרפאָרן.

„מחותּן־לעבן, מיר זענען אין אַ מזלדיקער שעה אָנגעקומען!" — האָט ער מבשׂר געווען אויסשטרעקנדיק די הענט צום געשפּאַן.

פונעם געשפּאַן איז אַראָפּ אַ הויכער שלאַנקער ייִד מיט אַ בלאָנדער באָרד ביז צום גאַרטל און איינגעדעקט אין אַ רייזע־קיטל פון דרילכענע לייוונט. פונעם טומל און גערודער וואָס עס האָט געמאַכט דער בלינדער יוסף, זענען פונעם גאַניק אַראָפּ אליעזר און זעלדע. זיי האָבן זיך געריכט אויף די געסט.

„דאָקטער־לעבן, שׂרה־לעבן, מיר זענען אין אַ מזלדיקער און געבענטשטער שעה אָנגעקומען!" — האָט דער שדכן ווידער מבשׂר געווען, און דערזעענדיק זעלדען, האָט ער זיך טיף איינגעבויגן עטלעכע מאָל און אויסגערופן: „איך האָב

איך געברענגט אַ חתן, וואָס מיט אים קלינגט גאַנץ פּוילן און גאַנץ ליטע!"

„אין מזל און אין ברכה זאָלן מיר לעבן" — האָט זעלדע געענטפערט אַ ביסל אַ צעטומלטע.

דער הויכער ייִד האָט געוואָרט ביז פונעם געשפּאַן איז אַראָפּ אַ הויכער יונגערמאַן, עטוואָס נידעריקער פון דעם הויכן ייִד, און אויך אַזוי שלאַנק, נאָר עטוואָס שלאַנקער ווי דער שלאַנקער ייִד, און מיט אַ שיטער בלאָנד בערדל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרמעסטן מיט דער לאַנגער באָרד פון הויכן ייִד. דאָס זענען געווען דער מחותּן מיט זיין זון דעם חתן־בחור, וואָס זענען געקומען זען די כּלה־מויד באַשע.

ר' שמשון דובנער האָט אויסגעשטרעקט צו אליעזרן אַ לאַנגע מאָגערע האַנט מיט שטאַרק ביינערנע פינגער, דערנאָך די האַנט פאַרלייגט מיט אַ פאָלע פון זיין אונטערשטן בגד און די פאַרפאָלעטע האַנט דערלאַנגט זעלדען. אַזוי אויך האָט געטאָן דער חתן־בחור שלמהלע.

„דער מחותּן איז אוודאי מיד פון וועג" — האָט דער בלינדער יוסף געקוקט מיט דעם איינציקן אויג אויף זעלדען און געקלאַפּט מיטן שטעקן אָן דער ערד, מען זאָל אים הערן.

„שדכן, דער מחותּן וועט זיך אם־ירצה־השם אויסרוען" — האָט אליעזר אים אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט און מיט אַ האַנט געוויזן די געסט דעם וועג צום גאַניק.

אין הויז האָט זיך געשטעלט אַ שטילע יום־טובדיקייט. די געסט האָבן גערוט. גערעדט האָט מען שטיל. כּדי נישט צו שטערן די געסט האָט אליעזר באַשטאַט דעם בלינדן יוסף אינעם קלויז און אים דערלאַנגט אַ ספר. האָט יוסף זיך אויס־געצויגן אויפן טיש און כּהרף־עין איינגעשלאָפן מיטן שטעקן ביי דער זייט. אין הויז האָט געשמעקט מיט אַ סך געשמאַקע געקעכטסן און געבעקסן, וואָס זעלדע האָט צוגעגרייט צו דער זעונג. באַשע די כּלה־מויד איז געווען יום־טובדיק אָנגעטאָן אין אַ לאַנג בלאָ קלייד ביז צו די קנעכל, אונטערגעבונדן מיט אַ ראָזן גאַרטל, און אויך אירע לאַנגע האָר האָט זי געהאַט אונטערגעבונדן מיט אַ דיקן בלויען באַנד פאַרבונדן פון פאָרנט ווי אַ טיאַרע. זעלדע האָט באַשען געעצהט גיין שפּאַצירן אין דרויסן זי זאָל אַ ביסל אָפּקילן די רויטקייט פון אירע צעפלאַמטע באַקן. אַלעקסאַנדער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין קאַמער און מעיין געווען אין אַ ספר.

די געסט זענען אַריינגעשלאָפן ביז אין דער שפּעטער שעה נאָך מיטאָג. זיי זענען פון זייער קאַמער אַרויסגעקומען ציכטיקע און יום־טובדיקע. האָט זיי אליעזר פאַרבעטן אין דער קלויז, ער האָט גערופן אַלעקסאַנדערן און זיי האָבן אין דער קלויז געדאַוונט מנחה. דעמאָלט האָט זעלדע פאַרטריבן פון איר הויז די כאַמישע מיידן און זי מיט באַשען האָבן אַליין געגרייט צום טיש פון דעם אַלעם וואָס זי האָט צוויי טעג נאָכאַנאַנד געקאָכט און געבאַקן. נאָך ביים טאָגליכט האָט זי אָנגעצונדן די ליכט אין אַלע הענגלייכטערס אום צוצוגעבן דעם הויז נאָך מער יום־טובדיקייט.

די מאַנצבילן זענען צוריקגעקומען פון דער קלויז נישט ווי עס וואָלט געווען

אַ חול־המועדיקער טאָג, נאָר ווי עס וואָלט געווען ערב שבת. זיי זענען געווען אויפגעטראָגן. דער חתן־בחור האָט זיך שוין געהאַט פונאַנדערגערעדט מיט אַלעקסאַנדערן נישט ווי ער וואָלט געקומען זען אַ כלה, נאָר ווי ער וואָלט געווען אַן אורח ביי זיינעם אַ חבר און דער חבר איז אַלעקסאַנדער. און אַז די מחותּנים האָבן זיך פונאַנדערגערעדט און עס איז געקומען צו רייד וועגן בראָד און יאַראָסלאַוו און וועגן דער גאַנצער וועלט, האָט ר׳ שמשון דובנער זיך דערדערט דערצו, אַז ער האָט גוט געקענט וועלוול בעלזער זכרונו לברכה, וואָס, ווי ער האָט עדות געזאָגט, זענען אַזעלכע ייִדן היינטיקע צייטן שוין אַ יקר־המציאות. נישטאָ מער. אייגנטלעך, האָט ר׳ שמשון געזאָגט, ווען מען גיט אַ גוטן קראַץ, איז וועלוול בעלזער זכרונו לברכה געווען זיין קרוב: די מוטער פון זיין צווייט ווייב איז געווען זיין, ר׳ שמשונס אַ מומע. אלא וואָס דען? דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן ווייל אויפן טיש האָבן זיך באַוויזן פאַרעדיקע מאכלים, וואָס האָבן געררייצט דעם הונגער און פאַרהאַקט דעם אָטעם. אַז זעלדע און באַשע האָבן פאַרענדיקט דער־לאַנגען צום טיש, האָבן זיך טאָכטער און מוטער אַוועקגעזעצט ביים צווייטן עק טיש, צו זיין וואָס ווייטער אָפּגעשיידט פון די מאַנצבילן. דער עק טיש איז געווען אַ טראָפּן פאַרשאָטנט. הינטער די פּלייצעס פון די פרויען האָבן פון אַ קליינעם וואַנט־קאַנדעלאַבער אַרויסגעדעמערט צוויי וואַקסענע ליכטלעך. פון זיין אויבנאָן־פּלאַץ האָט אליעזר אַריבערגעקוקט צו זעלדען און זיין גאַנץ לעבן מיט איר איז ווי צוריקגעקומען אין איין רגע. ער האָט זי געזען אַנגעטאָן אין אַ העל־גרין זיידן קלייד און מיט אַ ווייסן קרוין־הויב אויפן קאָפּ. אָן אַ ברעקל צירונג, האָט זי גע־שטראַלט ווי זי וואָלט אין גאַנצן געווען געשלייערט אין איידלשטיינער. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט צי ער זעט ריכטיק, אָדער אפשר איז עס אַ זעונג פון אַמאָל, אַמאָל, ווען ער האָט זי געזען אין דער סוכּה ווי דאָס ווייב פון וועלוול בעלזער? ער האָט מיט דער האַנט אַ וויש געטאָן איבערן שטערן, אויף אַן אויגנבליק גע־שלאָסן די אויגן און נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויף זעלדען. זי איז די זעלבע, מיט דער זעלבער ליכטיקייט פון איר בליק ווי אַמאָל.

דער בלינדער יוסף האָט דאָ אויפגעלעבט. מיט איין אויג, האָט ער מיט אַ זייטיקן בליק, ווי אַ האָן, געקוקט דאָ אויף דעם פולמעס און דאָ אויף אַ צווייטן פולמעס און בעטלענדיק געזאָגט צו זעלדען:

„גבירטע־לעבן, וואָס איז דאָס? עס זעט מיר אויס ווי אַ גן־עדן־מאכל. מעג איך עס פאַרזוכן, גבירטע־לעבן?״

אַז זעלדע האָט אים דערלאַנגט אַ ביסל צו פאַרזוכן, האָט ער עס צוריקגע־שטעלט און געמאַנט:

„וואָס קאַרגט איר נאָך אַ ביסל, גבירטע־לעבן? כ׳האָב טאַקע נאָר איין אויג, נעבעך, אָבער דער מאָגן מיינער, נישט צו פאַרזינדיקן״. און באַלד טוט ער אַ ריר אַלעקסאַנדערס אָרעם: „כּלהס ברודער, דאַכט, אַז אין דעם פלעשל דאָרט איז מעד. וואָלט איך זיין אַ בעלן טועם צו זיין פון אים״.

דער הויכער און מאָגערער ייִד איז געווען אַריינגעטאָן אין אַ שמועס מיט

אליעזרן, און זיין היכער מאָגערער זון האָט זיך פאַרמאָסטן מיט אַלעקסאַנדערן אין גמרות.

ביידע, ר׳ שמשון דובנער און זיין זון דער חתן־בחור, האָבן וואָס בעסער געוואָלט זען באַשען, די כלה־מויד. אין איר מיידלשער פילעוודיקייט האָט זי גע־פילט זייערע בליקן ווי אַ מענטש פילט די לייכטע שטעכעלעך פון אַ נאָדל. פון אונטער דעם מיץ איז שלמהלען אַפערגעפאַלן אַ גאָלד־בלאָנדע פיאה, וואָס אין איר גלאַנציקייט האָבן זיך אָפּגעשלאָגן ליכטער פון די הענגנלייכטערס. באַשע האָט נישט געהאַט קיין כּוח אויפצוהייבן אירע אויגן און אַ קוק טאָן אין דער זייט פונעם חתן־בחור. איר פּנים האָט געפלאַמט און זעלדע האָט געהאַט עגמת־נפש. זאָלן נאָר די געסט נישט טראַכטן, אַז איר טאָכטער איז אַ דאָרפישע מויד. נאָך גוט וואָס זי זיצט מיט דעם רוקן צו די ליכט און איר פּנים איז אַ טראָפּן פאַר־שאָטנט. בלויז איין מאָל האָבן זיך אָנגעטראָפן די בליקן פון שלמהלען מיט באַשען און עס איז געווען ווי צוויי מענטשן טרעפן זיך אַ מאָל צונויף, איינער וויל אויס־מיידן, דער דעם אויף רעכטס און דער דעם אויף לינקס, און זיי פאַרפּלאָנטערן זיך. באַשעס שאַרף־בלאָע אויגן מיט דעם גלאַנץ פון יוגנטלעכקייט האָבן זיך פאַרטשע־פּעט אין זיין מאַט־בלאָלעכן בליק. שלמהלע איז רויט געוואָרן און אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. די איינציק אַראָפּגעפאַלענע פיאה האָט זיך אויך אַ טרייסל געטאָן און מיט דעם שפּיץ זיך אָנגעטראָפן אין זיין נאָז. מסתּמא האָט אים די פיאה אַ קיצל געטאָן, וואָרום ער האָט זי פאַרטריבן אויף איר אָרט מיט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט אָפּגעטריבן אַ פליג. אַן אַנדערש מאָל וואָלט באַשע זיך צעלאַכט פון דעם אַלעמען וואָס זי האָט געזען אין דעם אויגנבליק, אָבער אין דעם פאַל איז זי נאָך רויטער געוואָרן.

נאָך מעריב זענען אַלעקסאַנדער און שלמהלע אַוועק אין קלויז לערנען אַ שיעור. אַזוי האָט אליעזר אָפּגערעדט מיט זיין זון, כּדי ער אַליין זאָל אים נישט דאַרפן אויספּרווון אין לערנען. אליעזר און דער מחותּן האָבן וועגן תּכלית גערעדט ביי אַ פּאַרטיע שאַך, וואָס בעת־מעשׂה, אַז איינער פון די שפּילער איילט זיך נישט מיט אַ צוג, קען עס מיינען, אַז ער טראַכט דערוועגן דער סוגיא און עס קען גאָר זיין, אַז ער טראַכט וועגן תּכלית. נאָר דער אַנטקעגן־איבערדיקער ווייסט נישט דערפון. ר׳ שמשון דובנער האָט געפונען געלעגנהייטן אויסצורעכענען זיין יחוס־שטאַנד. רבנים און פּרנסים סיי פון דעם פאָטערס צד און סיי פון דער מוטערס צד. פון איין זייט גייט דער יחוס פון בריסק דליטא און פון דער צווייטער זייט פון לובלין. ער אַליין, ר׳ שמשון, האַלט די פאַכט פון דריי גיטער פון די זאַמאָיס־קיס און ער איז פּרנס אין דובנע. דעם זון, שלמהלע, האָט ער בדעה צו פאַרהאַלטן אין זיינע געשעפטן, וואָרום ער האָט ברוך־השם אַ פייערדיקן קאָפּ. אַ שווערע סוגיא אין אַ גמרא בייגט ער ווי אַ שמיד בייגט אַן אָנגעגליטן אייזן און מאַכט פון אים וואָס ער וויל.

זעלדע מיט באַשען האָבן זיך אָפּגעטיילט באַזונדער און זיך נישט געוויזן פאַר די מאַנסלייט דעם גאַנצן אָוונט. זעלדע האָט געוואָלט אַרויסבאַקומען פון דער

טאָכטער, צי דער חתן געפעלט איר. באַשע האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער געפעלט איר. פון אירע אויגן האָט זי אַלץ אַרויסגעלייענט, אָבער זי האָט געוואָלט די טאָכטער זאָל עס איר זאָגן מיט ווערטער. צום סוף איז באַשע אַרויפגעפאַלן אויף דער מוטערס אַקסל און זי געקושט און געהאַלדזט, און זעלדע האָט זי געדריקט צו זיך:

„איך האָב געזען, אַז ער געפעלט דיר" — האָט זי איר געענטפערט אויף די קושן.

„ער איז אַזאַ אַנדערער" — האָט באַשע צום סוף געזאָגט.

זעלדע האָט געגומען דער טאָכטערס קאָפּ אין אירע הענט, ווי דאָס טוט אָפט אליעזר מיט איר גופא, איר אַריינגעקוקט אין די אויגן און געזאָגט:

„ער דאַרף זיין אַן אַנדערער. אין אַנדערשקייט איז דער חן".

דער בלינדער יוסף האָט נישט גערוט. כאָטש פּאָר אים מיט דעם שמייסער זענען אין אַ ווינקל אין דער קלויז געווען צוגעגרייט שטרויזעק אויף נאַכט־געלעגער, איז דער בלינדער יוסף נישט געגאַנגען שלאָפן. ער האָט אַרומגעשמייעט אין דעם טונקעלן דרויסן אַרום הויז, דאָ געשטעלט זיך אונטער דעם פענצטער און אַנגעשטעלט אַן אויער און דערנאָך שטיל זיך פאַרטשאַטעט אונטער אַ צווייט פענצטער צו הערן וואָס די לייט רעדן. נאָר דער צוואָקסענער לינדבוים האָט אויף זיין שטייגער געראַשט מיט די מילי־מיליאָסן בלעטער און בלעטלעך און צום פאַרהאַרטן אויער פון דעם בלינדן יוסף זענען דערגאַנגען בלויז איינצלנע ווערטער, דאָ פון ר' שמשונען און דאָ פון דעם ייִדישן שׂרהה, אָדער פון זיין ווייב. ער וואָלט דאָ דעם לינדבוים דערלאַנגט מיט זיין שטעקן למען ידע, נאָר גיי שלאָג זיך מיט אַ בוים, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזאַ נישט געזען.

מיט אַן אָוונט שפּעטער האָבן די מחותנים געשריבן תּנאים און פון פרייד און צער איז זעלדע געפאַלן אין חלשות. פון דעם צווילינג מיט יצחקן איז באַשע געוואָרן אַ כּלה און אים, איר יצחקן, האָט די ערד איינגעשלונגען. אליעזר האָט זי אָפּגעמונטערט און זי האָט זיך צעוויינט מיט אַ ים טרערן. האָט ר' שמשון געזאָגט:

„מחותּנתטע, אײַער טאָכטער איז בעזרת־השם אַריינגעפאַלן אין אַ משפּחה, אַז פאַר יעדער טרער איצט וועט איר האָבן פרייד לאַנגע, לאַנגע יאָרן".

„אַ קלייניקייט עפּעס, הרוזן הגביר הפּרנס ר' שמשון דובנער! — האָט אויסגערופן דער בלינדער יוסף און אויפגעהויבן זיין שטעקן אין דער הייך — ס'איז שפּיץ יחוס זייט שלמה המלך".

ר' שמשון האָט זיך אָנגעבלאָזן, דאָס פּנים האָט זיך אים אָנגעפילט מיט בלוט און זיינע העל־וואַסערדיקע אויגן זענען געוואָרן טונקל־פאַרכמורעט. דאָס אַלץ האָט ער געוועגדט צו דעם בלינדן יוסף און אַרויסגעזידט צווישן די ציין:

„אַן עם־הארץ רעדט ווען מען פרעגט אים".

דער שדכן איז געוואָרן מיט אַ קאָפּ נידעריקער און ער האָט זיך איינגעבויגן ווי ער וואָלט געדאַרפט אויפנעמען מלקות. כאָטש דאָס בלוט־פאַרלאָפענע פּנים

האָט ר׳ שמשון געווענדט צו דעם שדכן, האָט זיך זעלדע פאַר דעם פּנים דערשראָקן. זי איז נאָך געווען צעטראָגן פונעם פאַלן אין חלשות און פון דעם ים טרערן וואָס האָט איר אַרויסגעפּלייצט פון די אויגן, האָט זיך דאָס שלעכטע פּנים פון דעם מחותּן צונויפגעפלאָכטן אין איר שלעכט געפיל. ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אַזאַ פּנים האָט זי נאָך נישט געזען, און ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע אויסטערלישע פאַלן האָט איר דאָס האַרץ געהאַמערט ווי ערב סכּנה.

פון דער שעה ווען דער מחותּן מיט דעם חתן זענען אַוועקגעפאָרן, איז זעלדע אַרומגעגאַנגען ווי אַן אָפּענע ווונד. אין אַלץ וואָס האָט זיך געטאָן האָט זי געזען סימנים פון אויסטערלישקייט. זי האָט באַשען אָנגעטאָן אַ פאַרטעך אויף צו שיצן זי קעגן שדים און נישט־גוטע. זי האָט פון דער האַרקאַם אַראָפּגענומען דעם מינדסטן האָר, וואָס איז געבליבן פון באַשעס קעמען זיך און דעם האָר אַריינגע־וואָרפן אין פייער. זי האָט אויסגעזוכט די אַמאָליקע קינדערשע קמעות, די לעדערנע בייטעלעך אָנגעפילט מיט פעפער און זאַלץ און דערצו אַ נאָדל, איינע אונטער־געלייגט אונטער באַשעס קישן און די צווייטע אָנגעהאָנגען אויף באַשעס האַלדז. זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן דאָס מיט בלוט־אָנגעפילטע פּנים און די טונקל־פאַרכמורעטע אויגן פון דעם מחותּן, ווען ער איז געוואָרן אין כּעס אויף דעם שדכן. ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אַזאַ איידעלער מענטש, ווי ר׳ שמשון, וואָלט נישט געקענט אין מצב פון כּעס אַזוי זיך פאַרענדערן ווי ער האָט זיך דעמאָלט פאַרענדערט, ווען נישט די מעשׂים פון ווילקאָלאַקס, אָדער אפשר טאַקע נישט־גוטע. ווי אַזוי קען ווערן אַנדערש די קאָליר פון אויגן, אויב נישט יענע לייט?

באַלד פון סאַמע אָנהייב זענען די סימנים געווען נישט גוטע. די נייטאָרינס געבראַכטע פונעם שטעטל, וואָס האָבן זיך גענומען נייען דעם אויסשטייער פאַר באַשען, האָבן איר אויסגעזען חשדימדיק. איינע האָט געהאַט אַ קרענקלעכן שלו־קערץ, וואָס איז געווען מער אַ קורצער קריי פון אַ האָן איידער אַ שלוקערץ פון אַ מענטש. די צווייטע האָט געזופּט מיט דער נאָז ווי זי וואָלט כּסדר געכליפּעט. זעלדע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און דערוועגן דערציילט אליעזרן, אַז ווען זי זאָל קענען געפינען אַנדערע נייטאָרינס, וואָלט זי די פאַרטריבן פון הויז. דורך די צוויי נייטאָרינס חוזק קאָשעצן — דאָס איז זי זיכער. זיי אַליין ווייסן נישט דערפון, אָבער אַזוי טוען אָפּ קאָשעצן. זיי כאַפּן זיך אַריין אין אַ מענטש און פירן מיט אים, ווי מיט דעם מחותּן ר׳ שמשון אין יענעם אָוונט.

אליעזר האָט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין זעלדען. זי פאַרגעסט נישט אויף אַ רגע יצחקן, כאָטש זי דערמאָנט נישט זיין נאָמען. באַשירעמט זי מיט שרעקן באַשען די כּלה. האָט ער מער נישט דערווידערט פון וועגן די שדים און נישט־גוטע, נאָר געזאָגט האָט ער, אַז דער מחותּן איז אַ כּהן און אַז כּהנים רעגן זיך אויף ווערן זיי רויט ווי צווינטער און זייערע אויגן פאַרדרייען זיך ווי ביים דוכענען. דער שדכן, ווידער, איז אַ ווילדע בריאה. דער שטעקן וואָס ער שלעפּט מיט זיך

איז אויף צו געבן אים אַליין מלקות, נאָר קיינער וויל נישט האָבן צו טאָן מיט אים. דער נייטאָרין וואָס האָט געזופּט מיט דער נאָז האָט ער געזאָגט, אַז איר פאַרטעך איז נישט בלויז צו שיצן זיך קעגן שדים נאָר אויך אויף אויסצושנייצן די נאָז און זאָל זי אויפהערן זופּן. דער צווייטער, מיט דעם קריי, האָט ער מכבד געווען מיט אַ שטאַרקן אויסברי פון האָפּן געמישט מיט האָניק. ס׳האָט איר זייער אָנגעשמעקט, נאָר דעם שלוקערץ־קריי האָט זי נישט געקענט פאַרהאַלטן. ביז זעלדע האָט זיך צוגעוווינט און נישט געטראַכט פון די זאַכן, סיידן ס׳איז עפּעס אַראָפּ־געפאַלן און צעבראָכן געוואָרן, אָדער אַ נייטאָרין האָט זיך פאַרשטאָכן אַ פינגער און זיך צעשריגן ווי מען וואָלט זי געקוילעט.

מיט ווערן אַ כלה האָט זיך באַשע צעבליט אַזוי ווי עס צעעפנט זיך אַ בלום ביי אַ שטאַרקער זון. זי האָט מיט איין מאָל פאַרלוירן איר יונג־מיידלשע באַלייבט־קייט און געוואָרן שלאַנק ווי אַ יונגע בערעזע. אויך איר גאַנג האָט זיך געביטן און אירע טריט זענען געוואָרן אַזעלכע, וואָס מען מוז זיי אָפּטרעטן דעם וועג. באַהיט און באַשירעמט פון זעלדעס אָפּבלאָזן און אָפּשפּייען, איז באַשע מער אין הויז פון די פּאַטאָצקיס נישט געקומען. שלמהלע מיט דער אַפּערגעפאַלענער גאָל־דענער פּיאה, וואָס האָט אין זיך אָפּגעשפּיגלט ליכט פון די הענגלייכטער, איז ווי געבליבן נעבן איר. זי טראַכט וועגן אים. ער טיילט איצט אָפּ פון איר דעם הויף. אַלץ וואָס האָט זי פריִער אַהין געצויגן איז פאַרבלאַסט געוואָרן. דאָך, אַז אליעזר האָט געזאָגט דער גרעפין, אַז זיין באַשע איז אַ כלה געוואָרן און באַלד בקרוב וועט זי חתונה האָבן, האָט זי אַריינגעשיקט פיר און פערציק איילן לייוונט פון דינע דרילכענע פּעדעם צום אויסשטייער. אין דעם קויש מיטן לייוונט האָט עלזשביעטאַ געהייסן אַריינשיטן אַ טאָפּ אַרבעס ווי אַ סגולה פאַר קינדלען. און ווידער האָט זעלדע געהאַט אַ געלעגנהייט אָפּצובלאָזן און אָפּצושפּייען. פיר און פערציק איילן לייוונט וועלן סטייען אויף העמדער און איינשיטן און אויף ,נאָך׳ וואָס זי האָט נישט געוואָלט אָנרופן ביים נאָמען. וואָרום, אַז מען דערמאָנט קינדער פאַר דער חתונה איז עס פאַר די נישט־גוטע ווי אויסגעזאָגט אַ משפּחה־סוד פאַר שׂונאים מיט שלעכטע אויגן, טפו, טפו, טפו!

זעלדע האָט נישט פאַרגעסן איר גיהנום ווען זי איז יאָרן לאַנג נאָך דער חתונה מיט וועלוול בעלזער אַרומגעגאַנגען אַ ליידיקע און ערשט אליעזר האָט זי אויסגעלייזט פון עקרהשאַפט. מוז זי אַלץ טאָן, אַז דער־אין־הימל זאָל שיצן איר קינד פון יעדן בייז. און זעלדע האָט אַלץ געטאָן. אַלץ.

זעלדעס טרערן

שטילערהייט איז דאָס שטעטל געווען מלא כּעס אויף דעם רב ר׳ שמעלקע. זייט ער האָט באַפוילן גאַווריילען צו שליסן אין קייטן דעם גאַרבער, און ווען נישט דער ייִדישער שׂררה ביים הויף אין רודניצע וואָלט ער נעבעך אומגעקומען אין פֿײַן־קעלער, זענען זיך ייִדן געוואָרן שׂונאים. מנינים האָבן זיך צעטיילט. ביים פאַרקויפן עליות שבת אין שול איז איינער קעגן צווייטן געווען אויף מעסערשטעך. אייזיקל דער קצב האָט געשאָלטעוועט און געזאָגט ווענען יאָ און ווענען נישט. ער אַליין, ר׳ שמעלקע, האָט בעת זיינע דרשות און פאַרן לייענען אין דער הייליקייט מער טרעמאָטשעט מיט דער פויסט אין טיש ווי ער האָט געדרשנט. האָט זיך אין שטעטל פאַרשפּרייט אַ שמועה, אַז דער ייִדישער שׂררה, דער דאָקטער ר׳ אליעזר, וואָס גיט אויס זיין איינציקע טאָכטער, האָט זיך געגעבן אַ נדר נישט צו מאַכן די חתונה ביי זיך אין רודניצע, כּדי ר׳ שמעלקע זאָל נישט זיין דער מסדר־קידושין. ער וויל נישט קענען — נישט דעם רב דעם מלשין און נישט דאָס שטעטל. מ׳זאָגט, אַז ביים דאָקטער אין קעלער שטייען טונדלעך מיט גאָלדענע דוקאַטן און דעם גראַפס שומרים היטן דעם ייִדס פאַרמעג. ווען נישט דער רב וואָלט דער דאָקטער געמאַכט, אַז דאָס שטעטל זאָל גיין אין גאָלד. וואָרום ביז היינט האָט מען זיך נאָכדערציילט וואָס אַלץ די אשה פון דעם דאָקטער האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש צו קידוש ווען שטעטלשע האָבן אין רודניצע געדאַוונט אין די שבתים. פליישן — ווי ביי שלמה המלך אין פּאַלאַץ איידער ס׳הייליקייט איז חרוב געוואָרן; קאַרפּן־פיש — שטיקער לויתן; אונגער־ווײַן און אָקעוויט האָבן זיך געגאָסן ווי זדראָי־וואַסער. ר׳ שמעלקע האָט אָפּגעשאָכטן דאָס שטעטל אָן אַ מעסער. דערפאַר האָט דאָס שטעטל שטילערהייט געברענט פון כּעס אויף דעם רב.

און שטאַרקער זענען געוואָרן די שמועות, אַז דער ייִדישער שׂררה וועט פון שטעטל, ווען ער אַליין איז אַראָפּגעקומען אויף אַ פּריציש רייטוועגעלע מיט אַ קאַרע הויפיש פערד, נאָכגעפרעגט דאָ אויף דעם און דאָ אויף יענעם און זיי פאַרבעטן אויף דער חתונה פון זיין בת־יחידה. די פאַרבעטענע נעמט מיט דער דאָקטער אויף זיין אייגענעם חשבון און אויף אַלעם גרייטן. שיע מעכלען און דעם לאָמען הענעך, די שמייסערס, האָט ער געלאָזט וויסן זיי זאָלן צוגרייטן דריי גרויסע בוידן, יעדע איינע געשפּאַנט מיט צוויי פערד. נאָר ווו די חתונה וועט זיין, האָט דער דאָקטער קיינעם נישט אויסגעזאָגט.

ר׳ שמעלקע האָט געגרימט פון צאָרן: דער גוי־גמור, דער אפּיקורס בפרהסיא, וועט מסתמא מאַכן ס׳כאַשלערל פון זיין בת־יחידה ביי די ציגיינער אין די רודני־

צער וועלדער. אײזיקל דער קצב האָט געברענט. זײַנע רויטע האָר, זײַן רויט פּנים און זײַנע רויט־פּאַרלאָפֿענע אויגן האָבן זיך נאָך מער אָנגעפֿילט מיט בלוט און ער האָט געזידט אויפֿן רב מער פֿון אַלע. דאָס האָט ר׳ שמעלקע אים אונטערגעפֿירט. צו דער חתונה פֿון דאָקטערס בת־יחידה וואָלט ער דאָ געקענט שעכטן אַ צען שטיקלעך און לײזן מיט אײן מאָל מער ווי ער לײזט בײַם גאַנצן שטעטל אַ פּעליק יאָר. איז דעם רב אָנגעקומען ס׳בלוט אין קאָפּ אַרײַן און ער האָט אים, אײזיקלען, אויסגעבערענגט אַ פֿאַרמעגן. און ווי אײזיקל האָט געברענט אַזוי האָט ער גע־שוויגן. ער איז אײנעם רבס הענט. אויב ער האָט נחמנען דעם גאַרבער פֿאַרטריבן אין דעם פֿײַן־קעלער אין קאַמעניעץ קען ער אים דאָ טריף מאַכן אַ פּאָר שטיקלעך במשך פֿונעם יאָר און ער וועט חלילה בדיל־הדל ווערן.

פֿון די אַלע שמועות האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אין אײנעם אַ באַגינען האָבן שיע מעכל און דער לאָמער העגעך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דער שול דרײַ בוידן, יעדע געשפּאַנט מיט צוויי אויסגערוטע פֿערד און אויפֿגענומען די חתונה־געסט, וואָס דער ייִדישער שׂרה האָט פֿאַרבעטן. דער ערשטער האָט זיך געפֿעדערט שימעלע דער שינדלמאַכער, אָנגעטאָן אין זײַנע שבתדיקע בגדים און ווי ער וואָלט וועלן ווײַזן, אַז ער האָט פֿאַר קײנעם נישט מורא אויסער פֿאַר אים־אין־הימל. באַלד נאָך אים איז נאָכגעקומען נחמן דער גאַרבער. אַזוי זענען באַלד אַלע דרײַ בוידן פֿול געוואָרן מיט די אַלע, וואָס אַנומלט זענען זײ געקומען צום מנין אין די שבתים בײַם דאָקטער אין רודניצע. די ווײַבער האָבן באַגלײט די מאַנצבילן מיט ווינטשעניש ווי זײ וואָלטן געפֿאָרן צו דער חתונה פֿון זײערע אײגענע קינדער. נאָר די צוויי שמײַסערס, דער לאָמער העגעך און שיע מעכל, זענען דאָ געווען ווי פֿרעמדע און אײַנגעבעטענע, זײ האָבן נישט אויפֿגעהויבן די אויגן.

די דרײַ בוידן זענען פֿאַרפֿאָרן צום הויז וואָס נעבן דעם גרויסן לינדבוים. דאָרט האָט שוין געוואַרט אַ פּריצישע קאַטש געשפּאַנט מיט צוויי פֿערד און פֿון הינטן אַ געלוזעוועט דריט פֿערד, ווי דער שטײגער בײַ פּריצים, וואָס קלײַבן זיך אויף ווײַטע נסיעות. צוויי הויפֿישע מײדן האָבן אַרויסגעבראַכט טאַצן מיט שטרודל און אַ דריטע האָט געטראָגן אַ טאַץ מיט ליאַמפּקעס פֿאַר דעם גאַנשער אָקעוויט, וואָס אַלעקסאַנדער האָט געטראָגן פֿאַר זיך ווי אַ פֿעסל. זעלדע האָט געטײלט דעם כּיבוד. אין יעדער בויד האָט זי אַרײַנגעטײלט פּאַרציעס שטרודל און צוגעוווּנטשן „מערטשעם בײַ אײַך. איר זאָלט האָבן נאָר נחת פֿון אײַערע קינדער״ און אַלעק־סאַנדער האָט אַרײַנגעטײלט פֿולע ליאַמפּקעס מיט אָקעוויט — „לחיים, ייִדן!״ און אין די בוידן איז געוואָרן אַ שׂמחה. אַז משיח פֿאַרזוימט זיך, האָט דער־אין־הימל צוגעשיקט אַ טרײסט, דעם ייִדישן שׂרה, דעם דאָקטער אין רודניצע. איר וועט זען, ייִדן, אַז נאָך אַלע מעשׂיות וועט זיך גאָר אַרויסשטעלן, אַז אָט דער דאָקטער אין הויף פֿון דעם גראַף פּאָטאָצקי איז נישט קײן אַנדערער ווי אליהו הנביא.

באַלד איז אַרויסגעקומען דאָקטער אליעזר אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן ווײַסן דריל־כענעם שטויבכאַלאַט וואָס צוזאַמען מיט זײַן שטאַלטנעם אויסזען און אויסגעקעמ־

טער באָרד האָט ער געטראָגן מיט זיך עפּעס מלכותדיקס. ער האָט אויפגעלייגט אַריינגעגוטמאָרגנט אין די בוידן און געזאָגט אויף אַ קול:

„רבותי, מיר פאָרן צו דער חתונה פון מיין בת־יחידה באַשע, זאָל געזונט זיין. די חתונה וועט מערטשעם זיין אין דובנע. דער וועג איז אַ לאַנגער. נאָר כּדי מיר זאָלן בעזרת־השם אָנקומען צו דער חתונה אויסגערוטע, וועלן מיר אויפן וועג זיך אָפּשטעלן אין קרעטשמעס און איר זענט ביי מיר, רבותי, אויף אַלעם גרייטן!"

דערנאָך האָט זעלדע אַרויסגעפירט באַשען צו דער קאַטש, און אין איר האָבן זיך אַריינגעזעצט זעלדע, אליעזר, באַשע און אַלעקסאַנדער. אליעזר האָט געגעבן אַ צייכן צו די צוויי הויפישע שמייסערס אויף די קאָזלעס און די געשפּאַנען האָבן גערירט. פון די בוידן האָט זיך געטראָגן די תּפילת־הדרך, וואָס האָט זיך אַריינגעוואָלקנט אין די טומאַנען אויפגעהויבענעם שטויב פון אונטער די פערדישע פּאַדקאָוועס. די זון האָט דורכגעשטאָכן די טומאַנען שטויב און די תּפילה האָט זיך אויפגעהויבן, אַזש די גוייִשע שמייסערס אויף די קאָזלעס פאָרויס האָבן זיך אומגעקוקט צי עמעצער רופט נישט נאָך זיי: זאָלסט אונדז פירן צו שלום, פאָטער פון אונדזערע אָבות, און מאַך מיר זאָלן אָנקומען ווו מיר פעדערן זיך אָנצוקומען צום לעבן און צו שׂמחה און צו שלום!

אַז די וועגענער זענען דעם זעלבן טאָג אָנגעקומען אין סאַטאַנאָוו, איז איידער מען איז אַריין אין האַרבעריק, האָבן די לייט פון די בוידן אַרומגערינגלט אליעזרן מיט זיין ווייב און קינדער, פאַרלייגט די הענט אויף די אַקסלען ווי אַ קראַנץ און געטאַנצט אַ פריילעך־טאַנץ. אַז יִדן האָבן געפרעגט וואָס איז די שׂמחה? — האָבן די לייט געענטפערט, אַז דאָס איז אַ גרויסער סוד וואָס אַן אַן עקסטרע ליאַמפּקע אַקעוויט זאָגט מען אים נישט אויס.

לאַנגע יאָרן פאַר דעם און לאַנגע יאָרן נאָך דעם האָט די קרעטשמע אין סאַטאַנאָוו נישט געקאָכט מיט איין מאָל אַזוי פיל גריץ און נישט געשאָכטן אין אַ וואָכעדיקן טאָג אַזוי פיל הינער, און נישט געקאָכט אַזעלכע טעפּ מיט האַרטע אייער ווי דאָס מאָל, ווען אליעזר האָט זיך מיט זיינע וועגענער אָפּגעשטעלט. אַז די וועגענער האָבן גערירט אויף דער נאַכט־נסיעה זענען די לייט געווען אַזוי אָנגעגעסן אַז זיי זענען איינגעשלאָפן ווי נאָך אַ גרויס שיכּרות. די שמייסערס, שיִע מעכל און דער לאָמער הענעך, האָבן זיך אין דער נאַכט איבערגערופן ווי דער שטייגער „האָפּ, האָפּ, שלאָפסט? האָפּ, האָפּ, שלאָפסט?" וואָס איז געווען אַ סגולה קעגן וואַלדרויבערס. די לייט אין די בוידן האָבן קיין איין מאָל נישט געהערט די געשרייען — אַזוי זענען זיי געווען אַריינגעטאָן אין פּאָפּן.

דריי פּולע מעת־לעתן מיט איבעררייסן אין קרעטשמעס און האַרבעריקס האָט געדויערט די נסיעה און ווי דער דאָקטער האָט צוגעזאָגט אַזוי איז מקוים געוואָרן: די לייט זענען אָנגעקומען צו דער חתונה פריילעכע און ניכטערע, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַרויס פון די בעטן און אָפּגעגאָסן די נעגל.

דובנע איז שוין געווען ערב דער חתונה. ביים אַריינפאָר פון דעם ראַכמאַ־נאָווער טראַקט האָט אָפּגעוואַרט אַ קאַפּעליע. אַז דער שליח האָט אויף אַ גאַלאָפּנעם פערד אָנגעזאָגט די בשורה, אַז די כלה מיט די מחותּנים פאָרן, האָט זיך די קאַפּעליע געכאַפּט צו די כּלים, ווי זיי, די קלעזמאָרים, וואָלטן געווען שׂריפה־לעשערס, וואָס מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז עס ברענט און זיי כאַפּן זיך צו די עמערס. זיי האָבן אויפגעשפּילט אַ טראַסקעדיק פריילעכס איין מאָל און דאָס זעלבע נאָך און נאָך אַ מאָל, ביז די בוידן זענען אָנגעקומען. אַנטקעגנגעגאַנגען זענען די דובנער מחותּנים ר׳ שמשון מיט דעם חתן שלמהלע און די מחותּנתטע שפּרה־לאה, וואָס ווען נישט איר קלאָר־ווייס פּנים, קיילעכדיק ווי אַ פולע לבנה, וואָלט מען געמיינט, אַז עס רוקט זיך פאָרויס אַ לעבעדיקער באַרג פון סאַמעט, אין דער הייך מיט אַ גרויסן טשיפּיק, מיט אַ ציטער־פעדער. זי האָט גערעדט הויך און מיט אַ מענעריש קול. איר קול האָט אַזוי פאַרטומלט אַז זעלדע האָט נישט געהערט דאָס רופן פון איר מוטער, וואָס איז מיט אירע שוועסטער און זייערע קינדער אָנגעקומען פון בראָד צו דער חתונה. די קאַפּעליע האָט אַרומגעשטעלט די מחותּנים, זיי איינגעשלאָסן אין אַן ענגן ראָד און געריסן די כּלים, געקלאַפּט אין די פּויקן און געטראָמייטערט אַז אַפילו די עצבותדיקע ניגונים האָבן געשאַלט פון שׂמחה.

דובנע האָט געשמעקט מיט פריש־געקאָכטע פיש און פריש־געבאַקענע ווייסל־געשמירטע קוילישן. כאָטש ס׳איז געווען אַ פּראָסטער דינסטיקדיקער טאָג, האָט די שטאָט אויסגעזען ווי עס וואָלט געווען שבועות איבער דער וועלט. ווו דער בליק איז געפאַלן איז ער געפאַלן אויף שבתדיקע בגדים, און אַז דער בליק האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון די שבתדיקע בגדים איז ער אַרויפגעפאַלן אויף די וועג־פאַרשטויבטע בגדים פון מדינה־גייערס, באַהאָנגענע מיט זייערע טאָרבעס, און קאַליקעס. וואָרום וואָכן פריִער האָט זיך פון אָסטראָג אויף מזרח ביז זאַמאָשטש אויף מערב, פון בראָד אויף דרום ביז לודמיר אין צפון פונאַנדערגעטראָגן די שמועה, אַז אין דובנע גרייט זיך אַ גבירישע חתונה, וואָס זייט ששת ימי בראשית איז נאָך אַזאַ חתונה ביי ייִדישע גבירים נישט געווען. האָבן מדינה־גייערס מכּל ארבע פּינות העולם זיך אויפגעהויבן פון די הקדשים מיט קינדער, טאָרבעס און קאַליקעס און געאײַלט קיין דובנע. אַ נס וואָס אין דרויסן איז געווען וואַרעם און די ווינטן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אין די טעג אַפילו נישט אַריינצושמעקן אין שטאָט אַריין. איז ווו אַ שטעלכל, ווו אַ שטשאָנקע, אַ קלויז און אַפילו אין פאָליש פון דער שול האָבן די מדינה־גייערס זיך אויסגעלאָגערט אַז ס׳איז מער נישט געווען ווו מיט אַ פוס אַריינצוטרעטן.

באַצייטנס זענען פאַר דעם הויז פון ר׳ שמשון אויפגעשטעלט געוואָרן טישן פאַר די אביונים. ביי דער טיר פון דעם הויז האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צוויי שמשים אָפּצוהיטן, אַז אַ מדינה־גייער זאָל די שוועל נישט אַריבערטרעטן, וואָרום פון וועגן די חשובע געסט און מחותּנים איז ר׳ שמשון געווען שטאַרק מסופק, צי פאַר אַלע וועט זיין אַן אָרט וועדליק זיין כּבוד און צי ער וועט זיך דערוועגן נישט איינקויפן קיין שׂונאים.

אויף צו מאָרגנס, אין דעם פאַרנאַכט פאַר דער חופה איז דער הימל געווען איבערגעדעקט מיט גאָלד און פורפור, וואָס צווישן זיי האָבן דורכגעשטראַלט פּאַסמעס זון. דובנע האָט נישט געדענקט אַ הימל מיט אַזעלכע וואָלקנס פון גאָלד און פון פורפור, נאָר מסתמא האָבן זיך די אָבות פון די מחותּנים גבירים אויף יענער וועלט געמיט פאַר דעם, אַז די חופה פון באַשע בת זעלדע און שלמהלע בן שפרה־לאה זאָל געשטעלט ווערן אונטער דער גאָלדענער און פורפורנער חופה פון הימל. באַשע איז באַזעצט געוואָרן אין דער גרויסער סאַליע פון ר׳ שמשון. אויף איר ווייס־זיידן קלייד האָט די מחותּנתטע שפרה־לאה אַנגעוואָרפן ווייס־מאַטע ווענעדיקער שפּיצן, וואָס אַז מיט די שפּיצן איז פאַרדעקט געוואָרן איר פּנים איז עס געווען ווי אַ באַרג שניי, אַזוי ווי די מחותּנתטע שפרה־לאה וואָלט זיין אַ לעבעדיקער באַרג פון סאַמעט. זעלדע איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר טאָכטער און רק געווישט איר דעם שווייס פון פּנים. ווארום אַז אין דרויסן איז געווען וואַרעם און אַ ברעקל ווינט האָט אין שטאָט נישט אַריינגעשמעקט, איז אין דער סאַליע געוואָרן הייס ווי אַ מיטטאָגיקע חמימה. מיט וואָס צו טעמען איז נישט געווען. פון אונטער דער סטעליע האָבן די וואַקסענע ליכט אַראָפּגעהיצט מיט אַ חלשות־טעם. זעלדע האָט שטיל געמונטערט באַשען: „שטאַרק זיך, מיין קינד".

ווי ביז דעם אָוונט האָט די קאַפּעליע געשפּילט ניגונים וואָס אַפילו ווען עצבות־דיקע זענען זיי געוואָרן פריילעכע, אַזוי זענען די ניגונים געוואָרן וויינענדיקע און רחמים־בעטנדיקע פאַר דער חופה. דער באַס און די טרומייטן האָבן געדור־נערט און איינגעריסן די הימלען. אַ בדחן אין אַ לאַנגן טונקל־גרינעם בגד מיט אַ קיילעכדיק מיצל פאַררוקט אַהינטער אויפן קאָפּ האָט געזונגען אַ כּלה־באַדעקנס אין גראַמען, וואָס אָנגעהויבן האָט ער פריילעך און וואָס וויטער אַלץ וויינענדיקער איז געוואָרן זיין קול. ביז די ווייבער האָבן זיך צעכליפּעט מיט אַ גרויס געוויין און מער פון אַלע האָט געוויינט זעלדע. איר פּנים האָט אין גאַנצן געגלאַנצט מיט דער נאַסקייט פון טרערן. אַזוי ביז די פּויק האָט אַ דונער געטאָן און איבערגעהאַקט דעם בדחנס גראַמען. עמעצער האָט אויסגערופן:

„אַ וואַרע, אַ וואַרע, מען פירט דעם חתן!"

ר׳ שמשון און ר׳ אליעזר, אָנגעטאָן אין גלאַנציקע בגדים מיט ווייסע זאָקן, האָבן געפירט דעם חתן. אין זיין ראָזלעכן סורדוט באַלייגט מיט אַ טכויער־קאָלנער און מיט אַ הויכן טכוירענעם שטריימל איז שלמהלע געווען נאָך שלאַנקער ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. זיין פּנים איז געווען ראָזלעך־בלייך ווי דער בגד און ער איז געגאַנגען מיט קליינע טריט און מיט אַ בליק וואָס קוקט נישט אין ערגעץ. נעבן דער כּלה האָבן די מחותּנים אים פריגעלאָזט. שלמהלע האָט זיך דערנענטערט צו באַשען, אַ קורצע רגע איז ער געשטאַנען אַנטקעגן איר אומבאַ־וועגלעך, דערנאָך מיט אַ פאַרזיכטיקער באַוועגונג אַראָפּגעצויגן דאָס שפּיצן־געוועב פון איר הויב איבער איר פּנים.

ווי אַ באַטויבטן האָבן אים די מחותּנים געפירט אונטער די אָרעמס צו דער חופה. די מחותּנתטעס, זעלדע און שפרה־לאה, האָבן אויפגעהויבן פון איר זייך

באַשען. זי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זי איז געווען געליימט פון דער היץ און פון תענית. זי האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אַזאַ געפיל אַז זי וועט נישט דערגיין אויף דעם וועג אויף וועלכן זי שטעלט די פיס. זי באַוועגט מיט די פיס נאָר עס דאַכט זיך איר, אַז זי שטייט אויף אַן אָרט. פאַר וואָס זענען די שטיינדלעך אַזוי האַרט אונטער די פיס? איצט האָט די קאַפּעליע געשפּילט ערגעץ דערווייטערט, ווי זי וואָלט געווען אַ בת־קול פון אַ קאַפּעליע.

די חופּה איז געשטעלט געוואָרן ביי דער שול. אויף הויכע דרענגער זענען געווען פאַרהאָנגען לאַמטערנס מיט רויטלעכע און בלאָע שייבלעך, וואָס פון דער ווייטנס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס זענען שטערנס אַראָפּגעצויגן נידעריק פון הימל. וואַקסענע ליכטלעך מיט רויטלעכע פלעמלעך האָבן אַרויסגעליכטיקט פון ווייבערשע און קינדערשע הענט. דאָס קול פונעם דובנער רב, וואָס איז געווען דער מסדר־קידושין, איז געקומען ווי פון הינטער אַ טויבער וואַנט, נאָר די גאַנצע שטאָט אַרום דער חופּה האָט דאָס קול געהערט און געווען עדות, אַז שלמה בן שפרה־לאה און בתיה בת זעלדע זענען געוואָרן אַ באַשערטער זיווג פון הימל און זיי זאָלן לעבן און זיך מערן ווי די שטערן אין הימל אויף אייביק און אין אַלע צייטן.

בעת מ׳האָט צוריקגעפירט דאָס פּאָרפאָלק פון דער חופּה צו זייער חדר מיוחד, האָט מיט אַ גרויס קלאַפּעריי אָנגעיאָגט אַ וואָגן מיט דעם ראָוונער טראַקט. און כאָטש אויסער דעם געקלאַפּ פון די פערדישע פּאָדקאָוועס האָט מען גאָרנישט געהערט, האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער שרייט ווי פון סכּנה אַרויס. די פערד האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַרן הויז פון ר׳ שמשון אין דער רגע ווען עס האָבן זיך דערנענטערט חתן־כּלה פון זייער חופּה. צווישן די מחותּנים איז געוואָרן אַ געּ־רודער. אַ שטאָפּעט, צי חלילה אַ גזירה? אין אַזאַ שפּעטער שעה און אין אַזאַ צייט? ס׳איז געווען יוחנן. ער האָט געאײַלט פון מעזעריטש צו דער חתונה און פאַרשפּעטיקט די חופּה. ער איז אין גאַנצן געווען גראָ פון שטויב: גראָ זיין פּנים, גראָ זיין בגד און גראָ זיינע שטיוועלעטן. אַלעקסאַנדער האָט אים דערקענט און אויסגערופן מיט שׂמחה:

„פאָטער, דער רבי יוחנן איז געקומען!"

האָט אליעזר צעעפנט זיינע אָרעמס און נישט טראַכטנדיק פון וועגן דעם שטויב אויף די בגדים פון דעם פאַרשפּעטיקטן חתונה־גאַסט, האָט ער אים אַרומ־גענומען און געדריקט צו זיך ווי ער וואָלט געווען זיין זון, וואָס ער האָט זיך נישט געריכט מער אים צו זען.

אַלעקסאַנדער האָט געאײַלט מיט זיין רבין רבי יוחנן אין דער מיקווה מיט אַ פּעקל בגדים און ווען ביידע זענען צוריקגעקומען האָבן זיי פון דער ווייטנס געפילט די ריחות פון מאכלים. ביי די טישן פון די מדינה־גייערס איז געווען אַ טומל, אַ קריגעריי. נאָך איידער די סאַרווערס האָבן דערטראָגן די פאַנען צו די טישן זענען די מאכלים מיט די הענט צעכאַפּט געוואָרן. די וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו כאַפּן, האָבן געשריגן אַז זיי וועלן אויסגיין פון הונגער און זיי האָבן

געשאָלטן אויך מיט אוקראַיִנישע קללות. די וואַקסענע ליכטלעך אויף די לאַנגע טישן זענען פאַרלאָשן געוואָרן פון דעם כאַפּן און קלאַפּן. בלינדע הענט האָבן אויף די פינצטערע טישן געזוכט די פאַרלאָשענע ליכטלעך און זיי געוואָרפן אין די טאָרבעס, אַזוי ביז די סאַרווערס האָבן אַרויסגעבראַכט פרישע פולע פאַנען און פולמעסעס.

אין הויז, בעת דער סעודה פון די מחותּנים, איז געווען הייס, זייער הייס. די ערשטע פולע קאַנען מיט אָקעוויט און שליוואָוויץ זענען אויסגעליידיקט געוואָרן נאָך איידער עס זענען דערלאַנגט געוואָרן מאכלים צום טיש. די לייבער זענען צעהיצט געוואָרן. האָבן די דערלאַנגטע וואַרעמע מאכלים געבריט און געשטאַרקט די היץ. עס האָבן זיך אין דער היץ אויסגעמישט די ריחות פון די געטראַנקען און פון די מאכלים און אַ נעפּל האָט באַדעקט די גומענס. שוואַכע קעפּ זענען שיכּור געוואָרן נאָך איידער זיי האָבן געגומען אַ ביס אין מויל אַריין, און זיי האָבן וועגן די פיש גערעדט ווי זיי וואָלטן געגעסן גריישל און וועגן גריישל גערעדט ווי עס וואָלט געווען פלייש אין מאַרינאַטן.

די היץ ביי דער ווייבער־סעודה איז געווען נאָך גרעסער. די סטעליע איז ווי זי וואָלט אַראָפּגענידערט איבער די הויבן און זי פּאַכעט אַראָפּ אַ חמימה. אַזוי ווי אין אַ שמידעריי דער בלאָז־זאַק, אַזוי האָט די סטעליע געפּאַכעט היץ. שפרה־לאהן איז נישט גוט געוואָרן. דער בדחן האָט געמוזט איבעררייסן זיינע גראַמען און געהאָלפן אַרויספירן די מחותּנתטע אויף דער פרישער לופט. איז דער גערודער געוואָרן גרויס. די מדינה־גייערס האָבן געהערט די מעכיע און זיי האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז די מחותּנתטע איז אַרויסגעפירט געוואָרן צו צעטיילן צדקה צווישן די מדינה־גייערס און עס איז געוואָרן צווישן זיי אַ נאָך גרעסערע מעכיע. זיי האָבן זיך אַלע געלאָזט צו דער טיר. אַז זעלדע איז נאָכגעקומען און געבליבן שטיין אין דער טיר־ראָם, איז געוואָרן אַ געשריי:

„מחותּנתטע, גבירטע־לעבן, צדקה טיילט מען נישט ביי אייך?!"

„ווו איז די צדקה?!"

„גבירים קומען אָפּ מיט צוגיסן אַ ביסל געקעכטס!"

„מאַכן אַ חתונה און הונגערן אויס לייט!"

זעלדע האָט פאַרשטעלט די אויערן. זי האָט עפּעס ענלעכס אַ מאָל געזען אין בראָד און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז אין דער רגע איז זי צוריק אין איר היימשטאָט. ס'האָט זיך איר אַ מיש געטאָן אין קאָפּ און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן ביישטידל. זי איז געקומען צו זיך מיטן אויפשפּיל פון דער קאַפּעליע און זי איז צוריק אַריין אין הויז. עמעצער האָט זי געזוכט. מען האָט זי געזוכט צו אַ מצווה־טענצל.

ביי די מאַנצבילן האָט אליעזר מכבד געווען דעם רבי פון זיינע קינדער, ער זאָל זאָגן תּורה. האָט יוחנן געבעטן רשות ביים דובנער רב און געזאָגט, אַז איצט דאַרף זאָגן תּורה דער חתן און דער ברודער פון דער כּלה, זיין תּלמיד, אַלעקסאַנ־דער, וואָס קען בעסער לערנען פון אים. נאָר וואָס ער וויל מוסיף זיין איז דאָס,

אַז אין דער רגע איז אין הימל אַ גרויסע שׂמחה. אין די צייטן איז אהבת־ישׂראל פֿאַרמישט געוואָרן מיט שׂינאת־ישׂראל פֿון אייגענע, ווי אין די צייטן פֿון דעם דור־הפּלגה. האָט ער געפֿונען נחמה אינעם הויז פֿון ר׳ אליעזר. ווי דאָס הויז פֿון דעם רבי ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב איז געווען פֿאַרבאָרגן אין מעזשיבאָזש און פֿון דאָרט האָט אַרויסגעזונגען די שכינה כּי מלא הארץ כּבודו, אַזוי איז דאָס הויז פֿון ר׳ אליעזר דעם רופֿא־חולים פֿאַרוואָרפֿן און פֿאַרבאָרגן נעבן אַ פּריצישן הויף, און דאָרט האָט ער דערפֿילט די שכינה. אונטער דעם זיו פֿון דער שכינה איז דערצויגן געוואָרן די כּלה, וואָס האָט בשתיקה נעבן אירע ברידער געלערנט תּורה. און אויב איר ברודער פֿון דעם צווילינג מיט איר, איז נעלם געוואָרן און קיין ילוד־אישה ווייסט נישט ווו און ווי אַזוי, איז ער, יוחנן, זיכער, אַז יצחק בן זעלדע וועט נתגלה ווערן במהרה ובימינו ווי אַ צדיק גדול, אַ סניגור פֿאַר עם־ישׂראל.

„לאָמיר טאַנצן און זיך משׂמח זיין כּדי מתּוך שׂמחה און מתּוך אהבה צו דערגרייכן די גאולה!״ — האָט יוחנן אויסגערופֿן און אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טיש. שימעלע דער שינדלמאַכער איז אים נאָכגעשפּרונגען אויפֿן טיש אַרויף, האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און מיט די ערשטע טופּעס פֿון זייערע צעטאַנצטע פֿיס האָבן די פּולמיסקעס, די טעלערס און די קריגן זיך צעטאַנצט צוזאַמען מיט זיי. פֿון הינטער די בענק זענען אַרויס די מיטגעבראַכטע שטעטלשע יידן, און כאָטש ענג איז געווען און כאָטש הייס איז געווען האָבן זיי זיך אַרומגענומען, פֿאַרפּלאָכטן מיט די אָרעמס איבער די אַקסלען און זייערע פֿיס האָבן זיך צעצאַפּלט און צע־ציטערט, ווי די ערד אונטער זיי וואָלט לעבעדיק געוואָרן און זי טראָגט זיי און הייבט זיי אין דער הייך. טישן האָבן זיך אַוועקגערוקט פֿון נישט געזעענע הענט, יידן זענען אויפֿגעשפּרונגען אויסער זייער ווילן. גרוים איז געוואָרן אין דער סאַליע, ברייט איז געוואָרן דער צעטאַנצטער ראָד.

„ר׳ אליעזר, טאַנצט מיט אונדז!״ — האָט אויסגעשריגן מיט אַ ניגון נחמן דער גאַרבער און מיט אַן אויפֿגעהויבענער האַנט געזוכט אליעזרס אַקסל זאָל זיך אים אונטערדרוקן. אליעזר איז אַריין אין טאַנץ, ער האָט נישט געפֿילט מער קיין מידקייט, קיין זאַטקייט, נאָר לייכט איז ער געוואָרן ווי ער וואָלט געטראָגן געוואָרן פֿון די, וואָס ער קראַנצט זיך איין מיט זיי. ביי דער אָפֿענער טיר איז געשטאַנען זעלדע און געוויינט, געוויינט. רבונו־של־עולם, פֿון וואַנען נעמען זיך אַזוי פֿיל טרערן צו אַזאַ קליינעם צאַרטן גוף? ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז איר מאַן, דער דאָקטער, איז אַ יינגל, איר זון, וואָס האָט זיך פֿאַרגעסן אין אַ קינדערשן טאַנץ. און אַז ער האָט פֿאַרבייגעטאַנצט ווו זי איז געשטאַנען, האָט ער צו איר אויסגערופֿן מיט פֿרייד:

„וויין פֿון שׂמחה, זעלדעשי, מיר טאַנצן ווידער און ווייטער!״